15
48-91
Cambrian·Parsons
UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY
DUE
CALL NUMBER
HX 915
K9219
1916
AUTHOR Kropotkin, Petr. A.
TITLE Memoirs of a revolutionary. Yiddish
VOLUME
HX
915
K9219
1916
c.1
ROBA

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
Ontario Council of University Libraries

http://www.archive.org/details/memuarenfunreol00krop

Memvaren

מעמואַרען

פון א רעוואלוציאנער

פון

פעטער קראָפּאָטקין

איבערזעצט פון ג. ד י י ו ו י ד
(אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. י. א. מעריסאָן)

דריטע אויפלאַגע
(זעקסטער טויזענד)

אַרויסגעגעבן פון דער
„קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט“
ניו יאָרק, 1916

מעמוּאַרען פֿון א רעוואָלוציאָנער

פון די אַרויסגעבער

מיט דער ערשיינונג פון גענ. פּ. קראָפּאָטקין'ס בוך, „די מעמוארען פון אַ רעוואָלוציאָנער", וואָס ליעגט דאָ פאַר'ן לעזער, איז ערפילט געוואָרען דער אָנהויב פון אַ צווייענדיגער אויפגאַבע. אַ דאַנק דער איניציאַטיווע פון די היגע פעדערירטע אַנארכיסטישע גרופּען האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט ארויסצוגעבען אַלע ווערק פון פעטער קראָפּאָטקין אין אידיש: ערשטענס, אַלס אויסדרוק פון ליעבע און אַכטונג צום פּערפאסער, ביי דער געלעגענהייט פון זיין זיעבעציג יעהריגען יובילעאום; און צווייטענס, כדי אריינצובריינגען זיינע ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור און דערמיט העלפען פערשפּרייטען זיינע געדאַנקען צווישען די אידישע לעזער.

די „מעמוארען" זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דאָס ערשטע בוך, ווייל עס גיט דעם בעסטען בעגריף פון קראָפּאָטקין דעם מענשען און דענקער, און קען דיענען אַלס די פּאַסענדסטע איינלייטונג צו זיינע ווייטערדיגע ווערק אויף די פערשיידענע געביטען פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. און אָבוואויל דאָס בוך איז אַ געוויסע צייט פריהער שוין ארויסגעגעבען געוואָרען אונטער דעם נאָמען „קראָפּאָטקין'ס לעבענסבעשרייבונג", האָבען מיר דאָך געפונען פאַר נויטיג אָנצוהויבען מיט איהם אונזער ארבייט, ערשטענס, ווייל יענע אויסגאַבע איז שוין לאַנג ארויס פון צירקולאַציאָן, און צווייטענס, ווייל זי איז געווען טיילווייז פערקירצט און פעהלערהאַפטיג אין מעהרערע הינזיכטען.

די איצטיגע אויסגאַבע איז אַזוי געטריי צום ענגלישען טעקסט ווי נור מעגליך, און די גרעסטע מיה איז אָנגעווענדעט געוואָרען, אַז די איבערזעצונג זאָל זיין ווערטה דעם בוך. די ארבייט איז געטהאָן געוואָרען אינגאַנצען אונענטגעלטליך, און דער קאָמיטעט דריקט היערמיט אויס זיין פערפליכטונג צום איבערזעצער און זיינע העלפער פאַר זייערע געטרייע ארבייט.

די מיטלען ארויסצוגעבען דעם בוך זיינען געזאַמעלט געוואָרען פון פרייוויליגע בייטרעגע און אונטערנעהמונגען, מיט דער הילף פון די ניו יאָרקער גרופּען „אַנארכיע", „ארבייטער פריינד", „ברויט און פרייהייט"; די „ראַדיקאַל לייברערי" פון פילאַדעלפיא, „זעלבסטבילדונגס פעראיין",

באָסטאָן, גרופּע „פּראָגרעס“, נוארק, גרופּע „פרייהייט“ פון מאָנטרעאָל, „קראָפּאָטקין יובילעאום קאָמיטעט“, וויניפּעג. דער קאָמיטעט דריקט אויך אויס זיין דאנקבארקייט דעם „ארבייטער רינג“ פאר זיין מאָראלע און פינאנציעלע שטיצע, און דערהויפּט זיינע צאָהלרייכע ברענטשעס, וועלכע האָבען זיך אזוי פריינדליך אָבגערופען אויף אונזער אויפרוף און זיך אבאָנירט אויפ'ן בוך אין זייערע מאסען.

די איינגאהמע פון דעם פערקויף פון די „מעמוארען“ און פון אנדערע מעגליכע קוועלען וועט צוזאמענגעשטעלט א פאָנד פאר די וויימערדיגע אויסגאבען. מיר האָפען צו קענען ארויסגעבען אין גיכען דאָס נעקסטע בוך, „די געגענזייטיגע הילף אלס א פאקטאָר פון עוואָלוציאָן“, נאָך וועלכען עס זאָלען קומען „פעלדער, פאבריקען און ווערקהייזער“, „די רוסישע ליטעראטור“, „רוסישע און פראנצויזישע טורמעס“ און אנדערע פון קראָפּאָטקין'ס גרעסערע ווערק איבער סאָציאָלע פראגען.

פאר דעם געזונדען וואוקס פון דער ראדיקאלער פרייהייטס-בעוועגונג איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט צוצוגעבען צו איהר יוגענדליכער שפּייז פון אגיטאציאָנס- און בראָשורען-ליטעראטור וואָס מעהר סאָלידע נאהרונג אין דער פאָרם פון ערנסטע, אויפקלערונגס ווערק און וויסענשאפטליכע אָבהאנדלונגען איבער אלערליי געזעלשאפטליכע פראגען. אונזער בעוועגונג ליידט פון דעם מאנגעל אין א וויסענשאפטליכער ליטעראטור: לאָמיר, אלזאָ, האָפען אז די אונטערנעהמונג צו שאפען אזא ליטעראטור וועט ארויסרופען די סימפּאטיע און מיטווירקונג פון די גענאָסען און פריינד.

דער פּעטער קראָפּאָטקין

יובילעאום קאָמיטעט.

ניו יאָרק, דעצעמבער, 1912.

פאָרוואָרט

די אויטאָביאָגראַפיעס, וועלכע מיר האָבען צו פערדאַנקען די גרויסע גייסטער, זיינען אין כלל געגומען געוועזען געשריבען אין איינער פון די דריי פאָלגענדע פאָרמען: „ביז דאַן האָב איך געבלאָנדזשעט, — אויף דעם אופן האָב איך געפונען דעם דרך הישר“ (סט. אויגוסטין); אָדער, „אַזוי שלעכט בין איך געוועזען, — ווער קען אָבער האָבען די העזה צו בעטראַכטען זיך פאַר בעסער?“ (רוססאָ); אָדער, „דאָס איז דער וועג ווי אַזוי אַ זשעניע האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט פון זיך און דורך גינסטיגע אומשטענדען“ (געטהע). אין אָט די אַלע פאָרמען פון זעלבסט־פאָרשטעלען־זיך איז דער פערפאַסער הויפּטזעכליך פערנומען מיט זיך אַליין.

אין דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען די ביאָגראַפיעס פון מערקווירדיגע מענשען גאַנץ אָפט געשריבען געוואָרען אין די פאָלגענדע שטריכען: „אַזוי טאַלאַנטפול און אָנציהענד בין איך געוועזען, אַזאַ אַנערקענונג און בעוואונדערונג האָב איך מיך ערוואָרבען!“ (יאָהאַננע לואיזע העיבערג, „אַ לעבען נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אין ערא‌ינרונגען“); אָדער, „איך בין געוועזען אַזוי טאַלאַנטפול און ווערטה צו זיין בעליעבט, און דאָך בין איך ניט אַנערקענט געוואָרען; איך האָב געמוזט דורכמאַכען אָט די שווערע קעמפּפע, איידער איך האָב ערוואָרבען די קרוין פון בעריהמטקייט“ (האַנס כריסטיאַן אַנדערסען, „די געשיכטע פון מיין לעבען“). אין אָט די צוויי קלאַסען פון לעבענס־בעשרייבונגען איז דער פערפאַסער פערנומען נור מיט דאָס, וואָס זיינע מיטמענשען האָבען געדענקט און גערעדט וועגען איהם.

דער פערפאַסער פון דער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס מיר האָבען דאָ פאַר זיך, איז ניט אויסען צו דערצעהלען זיינע אייגענע פעהיגקייטען, און פאָלג־ליך בעשרייבט ער ניט קיין קאַמפּף וואָס ער האָט אָנגעפיהרט כדי צו געווינען אַנערקענונג. נאָך וועניגער קימערט ער זיך אום די מיינונגען וועגען איהם אַליין; דאָס וואָס אַנדערע האָבען געדענקט פון איהם, דער־מאָנט ער נור איין מאָל מיט איין איינציגען וואָרט.

אין אָט דעם ווערק איז ניטאָ קיין פערקוקען זיך אויף דער אייגענער געשטאַלט. דער פערפאַסער איז ניט איינער פון יענע וואָס רעדען גערען פון זיך אַליין; ווען ער רעדט וועגען זיך, איז עס ניט־ווילענדיג און מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטענקייט. דאָ איז ניטאָ קיין ודוי וואָס דעקט אויף

דעם אינערליכען איך, קיין סענטימענטאַליטעט און קיין ציניזם. דער פערפאַסער רעדט ניט פון זיינע עבירות און ניט פון זיינע גוטע מדות; ער לאָזט זיך ניט אריין מיט'ן לעזער אין קיין וואולגארער פערטרויליכקייט. ער זאָגט ניט ווען ער האָט זיך פערליעבט, און ער בעריהרט אזוי ווייניג וועגען זיין פערהעלטענים צום צווייטען געשלעכט, אז ער פערפעהלט אפילו צו דערמאָנען זיין הייראטה. נור צופעליג דערוויסען מיר זיך גאָר אין גאנצען אז ער איז פערהייראטה. אז ער איז א פאָטער, און א זעהר ליעבענדער, געפינט ער קוים צייט איין מאָל צו דערמאָנען אין זיין געשווינדען איבערבליק פון די לעצטע זעכצעהן יאָהר פון זיין לעבען.

ער זאָרגט זיך מעהר איבערצוגעבען די פסיכאָלאָגיע פון זיינע צייט־גענאָסען, איידער פון זיך אליין. מען קען אין זיין בוך געפינען די פסיכאָלאָגיע פון דער אָפיציעלער רוסלאַנד און די מאסען פון אונטען; פון דער פאָרווערטס קעמפפענדער רוסלאַנד און פון רוסלאַנד וואָס שטעהט אויף איין אָרט. און ער גיט זיך די מיה בעסער צו דערצעהלען די געשיכטע פון זיינע צייט־גענאָסען, איידער זיין אייגענע געשיכטע. פאָלגליך, ענטהאַלט די בעשרייבונג פון זיין לעבען די געשיכטע פון רוסלאַנד פאַר זיין לעבענס־צייט, אזוי גוט ווי פון דער ארבייטער־בעוועגונג פאַר דעם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט. ווען ער פערטויכט זיך אין זיין אייגענער אינערער וועלט, זעהען מיר די אויסערע וועלט זיך אָבשפּיעגלען אין איהר.

דעננאָך איז אין אָט דעם בוך פאַראַן, עהנליך צו דעם, וואָס געטהע האָט בעצוועקט אין „דיכטונג און וואהרהייט“, די פאָרשטעלונג ווי אזוי א מערקווירדיגער גייסט האָט זיך געשטאַלטעט; און עהנליך צו די „קאָנפעסיאָנען“ פון סט. אויגוסטין, האָבען מיר דאָ די געשיכטע פון אן אינערליכען קריזיס, וועלכער שטימט מיט דעם וואָס מען האָט אין די אלטע צייטען גערופען „בעקעהרונג“ („קאָנווערסיאָן“). דער דאָזיגער אינערליכער קריזיס איז, טהאַטזעכליך, דער ווענד־פונקט און דער תמצית פונ'ם בוך.

אין דעם איצטיגען מאָמענט*) זיינען דאָ נור צוויי רוסען, וועלכע דענקען פאַר'ן רוסישען פאָלק, און וועמעס געדאַנקען עס געהערען צו דער מענשהייט — לעאָ טאָלסטאָי און פעטער קראָפּאָטקין. טאָלסטאָי האָט אונז אָפט דערצעהלט, אין א פּאָעטישער פאָרם, שטיקלעך פון זיין לעבען. קראָפּאָטקין גיט אונז דאָ, צום ערשטען מאָל, אָהן וועלכער עס איז פּאָעטי־שער איבערשמעלצונג, א געשווינדען איבערבליק פון זיין גאַנצער קאַריערע.

*) דיעזער פאָרוואָרט איז געשריבען געוואָרען אין 1899, ווען טאָלסטאָי האָט נאָך געלעבט. — איב.

ווי גרונד־פערשיידען די צוויי מענער זאָלען ניט זיין, קען מען דאָך געפינען איין פונקט, אין וועלכען זייער לעבען און זייערע אנזיכטען אויפ'ן לעבען זיינען עהנליך איינע צו די אַנדערע. טאָלסטאָי איז אַ קינסטלער, קראָפּאָטקין איז אַ וויסענשאַפטס־מאַן; קיינער אָבער פון זיי האָט, אין אַ געוויסען פעריאָד פון זיין לעבען, ניט געקענט געפינען קיין רוה אין דער ווייטערער פאָרטזעצונג פון זיין ארבייט, פאַר וועלכער ער האָט געהאַט גרויסע איינגעבאָרענע פעהיגקייטען. רעליגיעזע איבערלעגונגען האָבען נעפיהרט טאָלסטאָי'ען, געזעלשאַפטליכע אויסרעכענונגען האָבען געפיהרט קראָפּאָטקין'ען, צו פערלאָזען די וועגען, וועלכע זיי האָבען פריהער גענומען.

ביידע זיינען פול מיט ליעבע פאַר דער מענשהייט; און זיי שטימען ביידע איין אין דער שטרענגקייט מיט וועלכער זיי פערדאַמען די גלייכ־גילטינקייט, ניט־נאַכדענקליכקייט, רויהקייט און טהיערישקייט פון די העכערע קלאַסען, ווי אויך אין דער צונייגונג וואָס זיי ביידע פיהלען צו דעם לעבען פון דעם ניעדערגעטרעטענעם און מיסברויכטען פאָלקס־מענש. ביידע זעהען אין דער וועלט מעהר פייגהייט ווי דומהייט. ביידע זיינען אידעאַליסטען און ביידע האָבען דעם רעפאָרמאַטאָרישען טעמפּעראַמענט. ביידע זיינען פריעדענסליעבענדע נאַטורען, און קראָפּאָטקין איז דער פריעדליכסטער פון ביידען — כאָטש טאָלסטאָי האָט שטענדיג געפּרעדיגט פריעדען און פערדאַמט די וואָס נעהמען דאָס רעכט אין זייערע אייגענע הענד און וועגדען זיך צו געוואַלד, בעת קראָפּאָטקין בערעכטיגט אַזעלכע האַנדלונגען, און איז געוועזען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די טעראָ־ריסטען. דער פונקט אין וועלכען זיי אונטערשיידען זיך אַם מייסטען, איז אין זייער שטעלונג צו דעם אינטעליגענטען געבילדעטען מענשען און צו דער וויסענשאַפט אין אַלגעמיינעם. טאָלסטאָי, אין זיין רעליגיעזער לייד־ענ־שאַפט, פעראַכטעט און פערשפּאָטעט דעם מענשען צוגלייך מיט דער זאַך, וועהרענד קראָפּאָטקין האַלט ביידען הויך געאַכטעט, אָבוואויל ער פער־דאַמט די וויסענשאַפטס־מענער פאַר וואָס זיי פערגעסען דאָס פאָלק און דעם עלענד פון די מאַסען.

פיעל מענער און פיעל פרויען האָבען אויסגעפיהרט אַ גרויס לעבענס־ווערק ניט האָבענדיג געלעבט קיין גרויס לעבען. פיעלע מענשען זיינען אינ־טערעסאַנט, כאָטש זייערע לעבענס האָבען געמעגט זיין גאַנץ אונבעדייטענד און אַלטעגליך. קראָפּאָטקין'ס לעבען איז גראָד אי גרויס, אי אינטערעסאַנט.

אין דיעזען בוך וועט דער לעזער לעזען געפינען אַ פעראייניגונג פון אַלע עלעמענטען, פון וועלכע אַ שטאַרקער, פאַסירונגס־רייכער לעבען איז צוזאַמענגעשטעלט — אידיליע און טראַגעדיע, דראַמאַ און ראָמאַן. די

קינדהייט אין מאָסקווע און אויפ׳ן לאַנד, די בילדער פון זיין מוטער, שוועסטער און לעהרער, אָדער פון די אַלטע און געטרייע דיענער, צוזאַמען מיט די פיעלע בילדער פון פאַטריארכאַלען לעבען, זיינען געשאַפען אַזוי מייסטערהאַפט, אַז יעדעס האַרץ מוז ווערען געריהרט פון זיי. די לאַנד־שאַפטען, די געשיכטע פון דער אויסעראָרדענטליך שטאַרקער ליעבע צווישען די צוויי ברידער — דאָס אַלעס איז ריינע אידיליע. זייט ביי זייט דערמיט איז דאָ ליידער פאַראַן גענוג טרויער און ליידען: די גראָבקייט אין דעם פאַמיליען־לעבען, די גרויזאַמע בעהאַנדלונג פון די לייבאייגענע, און די שמאָל־גייסטיגקייט, וועלכע זיינען די הערשענדע שטערען פון די מענשליכע שיקזאַלען.

עס זיינען דאָ פאַראַן וואַריאַטעט און דראַמאַטישע קאַטאַסטראָפען: דאָס לעבען אין הויף און דאָס לעבען אין געפענגניס; דאָס לעבען אין דער העכסטער רוסישער געזעלשאַפט, ביי דער זייט פון קעניגע און גרויס־פירסטען, און דאָס לעבען אין אָרעמקייט, מיט דעם ארבייטענדען פראָלע־טאַריאַט, אין לאָנדאָן און אין דער שווייץ. איהר האָט דאָ אַ קאָסטיומען איבערבייט פונקט ווי אין אַ דראַמאַ; דער הויפּט־אַקטיאָר דאַרף ערשיי־נען בייטאָג אין אַ פיינעם אָנצוג אין ווינטער־פּאַלאַץ, און אין אבענד אין פויערען־קליידער אין די פאָרשטעדט, אַלס אַ פּרעדיגער פון רעוואָלוציאָן. און דאָ איז אויך פאַראַן אַ סענזאַציאָנעלער עלעמענט, וואָס געהערט צו דער נאָוועלע. אָבוואויל קיינער קען ניט זיין איינפאַכער אין טאָן און אין סטיל ווי קראָפּאָטקין, דאָך זיינען טיילען פון זיין ערצעהלונג, צוליעב דעם סאַמע כאַראַקטער פון די פּאַסירונגען וואָס ער האָט אונז איבערצוגעבען, מעהר שפּאַנענד איידער וועלכער עס איז טייל פון די נאָוועלען, וואָס זוכען נור צו זיין סענזאַציאָנעל. עס פערכאַפּט איינפאַך דער אָטהעם ווען מען לעזט וועגען די פּאָרבערייטונגען אויף צו ענטלויפען פון שפּיטאָל פון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, און די געוואַגטע דורכפיהרונג פון דעם פּלאַן.

ניט פיעל מענשען האָבען אַזוי פיעל פערקעהרט אין אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט ווי קראָפּאָטקין; ווייניגע קענען אָט די אַלע קלאַסען אַזוי ווי ער. שטעלט זיך פאָר אַ בילד! קראָפּאָטקין אַלס אַ קליינער איינגעל מיט געקרויזטע האָר, אין אַ פאַנטאַסטיעען קאָסטיום, שטעהענדיג נעבען דעם קייזער ניקאָליי, אָדער נאָכלויפענדיג אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אַלס זיין פּאַזש, מיט דעם געדאַנק איהם צו בעשיצען. און דאַן דאָס אַנדער בילד — קראָפּאָטקין אין דער שרעקליכער טורמע, שיקט אַוועק פון זיך דעם גרויס־פירסט ניקאָליי, אָדער דאָס בילד ווי ער הערט זיך צו צו דער שטיינענדער

משוגעת פון א פויער, וואָס איז פערשפּאַרט אין א צעלע האַרט אונטער זיינע פיס.

ער האָט געפיהרט א לעבען פון אן אריסטאָקראַט און פון אן ארבייטער; ער איז געווען דעם קייזער'ס א פּאַזש און א פּעראָרעמטער שרייבער. ער האָט געלעבט דאָס לעבען פון א סטודענט, פון אן אָפיציר, פון א וויסענשאַפטס־מאַן, פון אן אויספּאָרשער פון אונבעקאַנטע לענדער. פון אן אויפזעהער און פון א געיאָגטען רעוואָלוציאָנער. אין דער פרעמד איז איהם צייטענווייז אויסגעקומען צו לעבען אויף ברויט מיט טהעע ווי א רוסישער פויער; און מען האָט איהם נאָכגעשפּיאָנירט און געמאַכט פערשווערונגען אויף זיין לעבען, ווי ער וואָלט געווען א רוסישער קייזער.

ניט פיעל מענשען האָבען געהאַט אזא ברייטען פעלד פון ערפאַהרונגען ווי קראָפּאָטקין. פּונקט ווי אַלס געאָלאָג נעהמט ער ארום מיט זיין בליק די פאָרגעשיכטליכע ענטוויקלונג פאַר הונדערטע טויזענדער פערגאַנגענע יאָהרען, אזוי האָט ער אויך אומגעפאַסט די גאַנצע געשיכטליכע ענטוויקלונג פון זיין אייגענער צייט. צו דער ליטעראַרישער און וויסענשאַפטליכער בילדונג, וועלכע מען ערווערבט זיך אין דער סטודיאָ און אין אוניווערזיטעט (ווי די קענשאַפט פון שפּראַכען, בעלעטריסטיק, פילאָזאָפיע און העכערע מאַטעמאַטיק), האָט ער צוגעלעגט, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, די בילדונג וועלכע מען ערווערבט אין ווערקשטאַט, אין דער לאַבאָראַטאָריע און אין פרייען פעלד — נאַטורוויסענשאַפט, מיליטערישע־ און בעפעסטיגונגס־וויסענשאַפטען, די קענטניס פון מעכאַנישע און אינדוסטריעלע פּראָצעסען. זיין גייסטיגע אויסשטאַטונג איז אן אוניווערזאַלע.

וויפיעל האָט דיעזער אַקטיווער גייסט געמוזט ליידען, ווען ער איז פעראורטיילט געוואָרען צו דער אונטהעטיגקייט פון געפענגניס־לעבען! וואָס פאַר א פּראָבע פון אויסדויער און וואָס פאַר אן איבונג אין סטאָאיציזם! קראָפּאָטקין זאָגט ערגעץ־וואו, אז א מאָראַליש ענטוויקעלטע פערזענליכקייט מוז זיין דער יסוד פון יעדער אָרגאַניזאַציע. דאָס פּאַסט זיך צו איהם. דאָס לעבען האָט פון איהם געמאַכט איינעם פון די ווינקעלשטיינער פאַר דעם בנין פון דער צוקונפט.

דער קריזיס אין קראָפּאָטקין'ס לעבען האָט צוויי ווענד־פּונקטען, וועלכע מוזען דערמאָנט ווערען.

ער דערגרייכט דעם דרייסיגסטען יאָהר פון זיין עלטער — דער ענטשיידענדער יאָהר אין א מענשען'ס לעבען. ער איז מיט לייב און לעבען א מאַן פון וויסענשאַפט; ער האָט געמאַכט א וויכטיגע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג. ער האָט אויסגעפונען אז די לאַנדקאַרטען פון צפון־אזיע זיינען ניט ריכטיג; אז ניט נאָר די אַלטע אויפפאַסונגען פון דער געאָגראַפיע פון

אזיע זיינען פאַלש, נאָר אויך אַז די טהעאָריעס פון הומבאָלדט זיינען אין ווידערשפּרוך מיט די פאַקטען. מעהר ווי צוויי יאָהר אַז ער האָט זיך אריינ־געוואָרפען אין אַ מיהזאַמער פאָרשונג. דאַן פלוצלינג, אין אַ געוויסען טאָג, ווערט פאַר איהם קלאָר די ווירקליכע שייכות פון די פאַקטען; ער פער־שטעהט אַז די הויפּט סטרוקטור־ליניען אין אזיע זיינען ניט פון צפון צו דרום אָדער פון מערב צו מזרח, נור פון דרום־מערב צו צפון־מזרח. ער אונטערוואַרפט זיין ענטדעקונג אונטער אַ פּראָבע, ער ווענדעט איהר אָן אויף מעהרערע אָבגעזונדערטע פאַקטען, און—זי האַלט אויס. ער דערפיהלט די פרייד פון וויסענשאַפטליכער אָפּענבאַרונג אין איהר העכסטער און ריינסטער פאָרם, ער פיהלט ווי ערהויבענד איהר ווירקונג איז אויפ'ן גייסט.

דאַן קומט דער קריזיס. דער געדאַנק אַז דער גורל פון די דאָזיגע פריידען איז בלויז פאַר יחידי סגולה, ערפילט איהם מיט ערגערנים. ער פרעגט זיך צי ער האָט דאָס רעכט צו געניסען דיעזע ערקענטניס אַליין — פאַר זיך. ער פיהלט אַז עס איז דאָ אַ העכערע פליכט פאַר איהם — ביי־צוטראָגען זיין חלק כדי בעקאַנט צו מאַכען די מאַסען פון פאָלק מיט די ידיעות וואָס זיינען שוין עראָבערט געוואָרען, איידער צו ארבייטען אויף נייע ערפינדונגען.

איך פערזענליך דענק ניט אַז ער איז געווען גערעכט. מיט אזעלכע אנזיכטען וואָלט פאַסטעור*) ניט געקענט ווערען דער וואוילטהעטער פון דער מענשהייט וואָס ער איז געווען. נאָך אַלעמען, איז אַלעס, מיט דער צייט, פאַר דעם וואויל פון די פאָלקס־מאַסען. איך דענק אַז אַ מענש טהוט דאָס גרעסטע פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען, ווען ער גיט דער וועלט די העכסטע שאַפונג אויף וועלכער ער איז פעהיג. אָבער אָט דער פונדאַמענ־טאַלער בעגריף איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קראָפּאָטקין'ען; ער ענטהאַלט זיין סאַמע וועזען.

און אָט דער געדאַנקענגאַנג טראָגט איהם אַוועק ווייטער. אין פינלאַנד, וואו ער געהט מאַכען אַ נייע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג, ווען ער קומט צו דער אידעע — וועלכע איז געווען אַ שטיק אפּיקורסות צו יענער צייט — אַז אין פאָרגעשיכטליכע צייטען איז גאַנץ צפון־אייראָפּאַ געווען בעגראָבען אונטער אייז, איז ער אַזוי דורכגענומען מיט מיטלייד פאַר די אָרעמע, די ליידענדע, וועלכע הונגערען אָפט אין זייער קאַמפּף פאַר ברויט, אַז ער בעטראַכט עס פאַר זיין העכסטע, אבסאָלוטע פליכט צו ווערען אַ לעהרער און אַ העלפער פון די גרויסע ארבייטענדע און הילפלאָזע מאַסען. באַלד נאָכדעם עפענט זיך פאַר איהם אַ נייע וועלט — דאָס לעבען

---

*) אַ בעריהמטער פראַנצויזישער כעמיקער־ביאָלאָג, געבאָרען אין 1822.

פון די ארבייטענדע קלאסען — און ער לערענט פון די, וועמען ער האָט בדעה צו לערנען.

פינף אָדער זעקס יאָהר שפּעטער ער׳זיינט דער דאָזיגער קריזיס אין זיין צווייטער פאַזע. דאָס פּאסירט אין דער שווייץ. נאָך דעמאָלט ווען ער איז דאָרט געווען דאָס ערשטע מאָל האָט ער שוין פערלאָזען די גרופּע פון שטאַאט־סאָציאַליסטען, אויס מורא פאר אן עקאָנאָמישען דעספּאָטיזם, אויס שנאה צום צענטראַליזם, אויס ליעבע צו דער פרייהייט פון דעם יחיד און דער קאָמונע. איצט אָבער, נאָך זיין לאַנגער געפאַנגענשאַפט אין רוסלאַנד, פערברענגענדיג צום צווייטען מאָל צווישען די אינטעליגענטע ארבייטער פון מערב־שווייץ, האָט דער בעגריף פון א נייעם געבוי פון דער געזעלשאַפט, וועלכער האָט פריהער געשוועבט פאר זיינע אויגען, איצט זיך דייטליכער אויפגעטויכט פאר איהם אין דער געשטאַלט פון פעדערירטע אַסאָציאַציאָנען, צוזאַמענ־ווירקענדיג אויף דעם זעלבען אופן ווי די באַהן־געזעלשאַפטען, אָדער ווי די פּאָסט־דעפּאַרטמענטען פון בעזונדערע לענדער. ער ווייס אַז ער קען ניט דיקטירען דער צוקונפט דעם מאַרשרוט וועלכען זי וועט מוזען נאָכפאָלגען; ער איז איבערצייגט אַז אַלעס וועט מוזען ארויס־וואַקסען פון דער קאָנסטרוקטיווער טהעטיגקייט פון די מאַסען, נאָר כדי עס צו בעווייזען, פערגלייכט ער דעם קומענדיגען בנין מיט די גילדען און די געגענזייטיגע בעציהונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין מיטעלאַלטער, און זיינען ארויסגעוואַקסען פון אונטען. ער גלויבט ניט אין דעם אונטער־שייד צווישען פיהרער און געפיהרטע; איך מוז אָבער מודה זיין אַז איך בין אַלטמאָדיש גענוג זיך צו פיהלען צופריעדען ווען קראָפּאָטקין, דורך א קליינער ניט־אויסגעהאַלטענקייט, זאָגט אמאָל אין די שבחים פון א פריינד, אז ער איז געווען „א געבאָרענער פיהרער“.

דער פּערפאָסער בעשרייבט זיך אַלס א רעוואָלוציאָנער, און ער איז זיכער גערעכט ווען ער טהוט עס. אָבער זעלטען האָט עס געגעבען אַזא הומאַנער און מילדער רעוואָלוציאָנער. מען פיהלט ערשטוינט לעזענדיג אין א געוויסען זאַץ, — ווענען דער מעגליכקייט פון א בעוואָפענטען צוזאַמענ־שטויס מיט דער שווייצארישער פּאָליציי, — וואו עס בעווייזט זיך אין זיין כאַראַקטער דער קעמפּפענדער אינסטינקט, וועלכער געפינט זיך ביי אונז אַלעמען. ער קען ניט זאָגען גענוי, צי ער און זיינע פריינד האָבען זיך געפיהלט דערלייכטערט ווען זיי זיינען אויסגעקומען אָהן דעם קאַמפּף, צי עס האָט זיי פערדראָסען וואָס דער צוזאַמענשטויס איז ניט פּאָרגעקו־מען. דער דאָזיגער אויסדרוק פון געפיהלען איז אַן איין־אייגציגער. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין בעל־נוקם, ער איז אָבער שטענדיג געווען א מאַרטירער.

ער וואַרפט ניט אַרויף אויף אַנדערע דעם חוב צו ברענגען קרבנות; ער ברענגט זיי אַליין. זיין גאַנצען לעבען האָט ער זיך מקריב געווען, אָבער עפּעס קומט עס אויס אַזוי, ווי ער וואָלט גאָר ניט געליטען דערביי, אַזאַ קליינעם וועזען מאַכט ער פון דעם. און מיט זיין גאַנצער ענערגיע איז ער דאָך אַזוי ווייט ניט קיין נוקם ונוטר, אַז אַלץ וואָס ער בעמערקט וועגען אַן עקעלהאַפטען געפענגנים־דאָקטאָר איז בלויז: „וואָס ווייניגער געזאָגט וועגען איהם, אַלץ בעסער".

ער איז אַ רעוואָלוציאָנער אָהן שטאַרקע ווערטער און אָהן עמבלעמען. ער לאַכט פון די שבועות און צערעמאָניעס מיט וועלכע קאָנספּיראַטאָרס שווערען טרייהייט אין דראַמאַס און אָפּעראַס. דיעזער מאַן איז די פּער־קערפּערטע איינפאַכקייט. אין כאַראַקטער וועט ער זיך קענען פערגלייכען מיט וועלכען עס איז פון די קעמפּפער פאַר פרייהייט אין אַלע לענדער. קיינער איז ניט געווען מעהר אונאייגענוצינג ווי ער, קיינער האָט ניט געליעבט די מענשהייט מעהר ווי ער.

אָבער ער וואָלט מיר ניט ערלויבט צו זאָגען אין דעם פאָרוואָרט צו זיין בוך די אַלע גוטע זאַכען וואָס איך דענק פון איהם, און ווען איך זאָל עס זאָגען, וואָלטען מיינע ווערטער אַריבערלויפען די גרענעצען פון אַ געוועהנליכען פאָרוואָרט.

נ ע אָ ר נ ב ר אַ נ ד ע ס.

ערשטער טייל

קינדהייט

I

מאָסקווע איז אַן אַלטע שטאָדט וואָס איז אויפגעוואַקסען לאַנגזאַם, און איהרע פערשיידענע טיילען האָבען ביז אויף היינטיגען טאָג וואונדערבאַר גוט אויפגעהאַלטען די כאַראַקטער־צייכענס וואָס זיינען אויף זיי אָבגעשטעמפּעלט געוואָרען אין דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון דער געשיכטע. דער טראַנס־מאָסקווער טייך־געגענד, מיט זיינע ברייטע, שלעפעריגע גאַסען און מיט זיינע מאָנאָטאָנע גרוי־געפאַרבטע, ניעדעריג־דאַכיגע הייזער, אין וועלכע די אַריינגאַנגס־טויערען בלייבען פעסט פערריגעלט ביי טאָג און ביינאַכט, איז שטענדיג געווען דער אָבגעשלאָסענער וואוין־אָרט פון דעם סוחרים־קלאַס, און די פעסטונג פון די אויסערליך שטרענגע, פאָרמאַליסטישע און דעספּאָטישע נאָנקאָמפּאָרמיסטען פון „אַלטען גלויבען“ (סטאַראַיאַ וויערא). דער ציטאַדעל, אָדער קרעמל איז נאָך אַלץ די פעסטונג פון קירכע און שטאַאט; און דער אונגעהייערער פּלאַץ פון פּאָרענט, בעדעקט מיט טויזענדער קראָמען און סקלאַדען, איז פאַר הונדערטער יאָהרען געווען אַ געדיכטער ביהנשטאָק פון האַנדעל און איז נאָך אַלץ געבליבען דאָס האַרץ פון אַ גרויסען אינלאַנדישען מסחר, וועלכער פערשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער אויבערפלעכע פון דער אונגעהייערער אימפּעריע. די טווערסקאַיאַ און דער שמיעדען־בריק זיינען פאַר הונדערטער יאָהרען געווען די הויפּט־צענטערס פאַר די מאָדישע קראָמען; בעת די אַרבייטער קוואַרטאַלען, די פּלושיכאַ און די דאָראָגאָמילאָווקאַ, האָבען אויפגעהאַלטען פּונקט דיזעלבע צייכענס, וועלכע האָבען כאַראַקטעריזירט זייערע רודערדיגע בעפעלקערונגען אין די צייטען פון די מאָסקווער צאַרען. יעדער קוואַרטאַל איז אַ קליינע וועלט פאַר זיך; יעדער האָט זיך זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע, און לעבט זיך זיין אייגען לעבען. אפילו די אייזענבאַהנען, ווען זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין דער אַלטער הויפּטשטאָדט, האָבען גרופּירט זייערע מאַגאַזינען און מאַשין־פאַבריקען מיט זייערע שווער אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס און לאָקאָמאָטיווען אין בעזונדערע און ספּעציעלע צענטערס אויף די ברעגעס פון דער אַלטער שטאָדט.

אבער פון אלע טיילען פון מאסקווע איז פילייכט קיינער ניט אזוי טיפיש ווי דער דאזיגער לאבירינט פון ריינע, שטילע, געדרעהטע גאסען און געסלעך, וועלכע ליעגען הינטערן קרעמל, צווישען צוויי גרויסע הויפט־גאסען, די ארבאט און די פרעטשיסטענקא, און ווערט נאך עד היום גערופען דער שטאלמייסטער׳ס־קווארטאל — די סטאראיא קאניושענאיא.

אן ערך פופציג יאהר צוריק האט געלעבט אין אט דעם קווארטאל, און איז לאנגזאם אויסגעשטארבען, דער אלטער מאסקווער אדעל, וועמעס נעמען עס זיינען אזוי אפט דערמאנט געווארען אין די בלעטער פון דער רוסישער געשיכטע פאר דער צייט פון פיאטר דעם 1טען. אט דער אדעל איז דערנאך פערשוואונדען כדי צו מאכען פלאץ פאר די ניי־נעקומענע, — „די מענשען פון אלע שטאנדען“ — ארויסגערופען אין דיענסט פון דעם גרינדער פון דעם רוסישען שטאאט. פיהלענדיג זיך פערשטויסען פון דעם פעטערבורגער הויף, האבען זיך די דאזיגע אדעל־לייט פון אלטען־לאגער צוריקגעצויגען אדער אין דער אלטער קאניושעננאיא אין מאסקווע, אדער אויף זייערע ראמאנטישע גיטער אויפ׳ן לאנד ארום דער הויפטשטאדט. זיי האבען געקוקט מיט א מין פעראכטונג און געהיימער אייפערזיכטיגקייט אויף דעם פערשיידענארטיגען געזעמעל פון פאמיליען, וועלכע זיינען געקומען „פון קיינער וויים ניט פון וואנען“ צו פערנעהמען די העכסטע רעגירונגס־שטעלען אין דער נייער הויפטשטאדט אויף די ברעגעס פון דער נעווא.

אין זייערע אינגערע יאהרען האבען די מייסטע פון זיי פרובירט זייער מזל אין דיענסט פונ׳ם שטאאט, הויפטזעכליך אין דער ארמעע; אבער צוליעב א וועלכער־עס־איז אורזאך האבען זיי עס גיך אויפגעגעבען, ניט האבענדיג דערגרייכט צו קיין הויכען ראנג. די מעהר ערפאלגרייכע האבען געקראגען רוהיגע, כמעט עהרענהאפטע שטעלען אין זייער מוטער־שטאדט — מיין פאטער איז געווען איינער פון זיי — בעת דאס רוב פון די אנדערע האבען זיך איינפאך צוריקגעצויגען פון אקטיווען דיענסט. אבער וואוהין איבער דער ברייטער אויבערפלעך פון רוסלאנד מען זאל זיי ניט האבען פונאנדערגעשיקט, אין דער צייט פון זייער דיענסט, האבען זיי שטענדיג אויסגעפיהרט צו פערברענגען זייער עלטער אין זייערע אייגענע הייזער אין דעם אלטען שטאלמייסטער׳ס־קווארטאל, אונטער דעם שאטען פון דער קירכע וואו מען האט זיי גע׳טובל׳ט, און וואו מען האט געזאגט די לעצטע תפלות צו די קבורות פון זייערע עלטערען.

נייע צווייגען האבען ארויסגעשפראצט פון די אלטע שטאמען. מאנכע פון זיי האבען זיך מעהר אדער ווייניגער אויסגעצייכענט אין פערשיידענע טיילען פון רוסלאנד; מאנכע האבען אנגעהאלטען רייכע הייזער אויף דעם

נייעם שטיינער אין מאָסקווע אָדער פּעטערבורג; דער צווייג אָבער וואָס איז געבליבן וואוינען אין דעם אַלטען שטאָלמייסטער׳ס קוואַרטאַל, וואו עס איז נאָהענט צו דער גרינער, געלער, ראָזער, אָדער ברוינער קירכע וועלכע איז שטאַרק בעליעבט געוואָרען דורך פאַמיליען־פערבינדונגען, איז בעטראַכט געוואָרען אַלס דער אמת׳ער פערטרעטער פון דער פאַמיליע, ניט אַכטענדיג אויף דער פּאָזיציע וואָס ער האָט פערנומען אין דעם אַלטען פאַמיליען־שטאַם. דער אַלט־מאָדישער פאָרשטעהער (פון דער פאַמיליע) איז בעהאַנדעלט געוואָרען, איך מוז צוגעבען, ניט אין גאַנצען פריי פון אַ געוויסער איראָניע, מיט גרויס כבוד, אפילו פון יענע אינגערע פערטרעטער פון׳ם אַלטען שטאַם, וואָס האָבען פערלאָזען זייער מוטער־שטאָדט צוליעב אַ ברילִיאַנטענער קאַריערע אין די פּעטערבורגער גוואַרדיעס אָדער אין די הויף־קרייזען. ער האָט פּערזאָניפיצירט, פאַר זיי, די אַלטקייט פון דער פאַמיליע און איהרע טראַדיציעס.

אין דיעזע שטילע גאַסען, ווייט אַוועק פון דעם ליאַרם און געררויש פון דער קאָמערציעלער מאָסקווע, האָבען אַלע הייזער געהאַט דעם זעלבען אויסזעהן. מייסטענטיילס זיינען זיי געווען געבויט פון האָלץ, מיט העל־גרינע בלעכענע דעכער, פון דרויסען בעגיפּסט און בעפּוצט מיט זיילען און גאַלערייען; אַלע זיינען געווען געפאַרבט מיט שרייענדיגע קאָלירען. כמעט אַלע הייזער האָבען געהאַט ניט מעהר ווי איין עטאַזש, מיט זיעבען אָדער נייען גרויסע, מונטערע פענסטער אַרויסקוקענדיג אין גאַס. אַ צווייטען עטאַזש האָט מען זיך ערלויבט נאָר אין הינטערסטען טייל פון הויז, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ גערוימיגען הויף, אַרומגערינגעלט מיט אַ סך קליינע געביידעס, וועלכע האָבען געדיענט פאַר קיכען, שטאַלען, קעלערען, וועגען־שטאַלען, און פאַר דירות פאַר די לאָקייען און משרתים. אַ ברייטער טויער האָט געפיהרט צו דעם הויף, און אַ מעשענע פּלאַטע אויף איהם האָט געטראָגען דעם אויפשריפט, „דאָס הויז פון דעם־און־דעם, לייטנאַנט אָדער פּאָלקאָווניק און קאָמאַנדיר" — זעהר זעלטען „גענעראַל־מאַיאָר" אָדער אַן אַנדערער עהנליכער ציוויל־ראַנג. ווען אין איינער פון די דאָזיגע גאַסען האָט זיך דורכגעוואָרפען אַ רייכערעס הויז, בעפּוצט מיט בעגילדטע אייזערנע גראַטעס און אַן אייזערנעם טויער, האָט מען געקענט זיין זיכער אַז די מעשענע פּלאַטע וועט טראָגען דעם נאָמען דער־און־דער „קאָמערץ־קאָנסול" אָדער אַזאַ־און־אַזאַ „געאַכטעטער בירגער". דאָס זיינען געווען די „פּרעמדע", וואָס זיינען געקומען ווי אונגעבעטענע געסט זיך צו בעזעצען אין דעם דאָזיגען קוואַרטאַל, און דערפאַר זיינען זיי איגנאָרירט געוואָרען פון זייערע שכנים.

קיין קראָמען זיינען אין די דאָזיגע אויסגעוועהלטע גאַסען ניט געווען

ערלויבט, אחוץ אַ קליין שפּייז־ אָדער גרינצייג־קרעמעל, וואָס מען האָט געקענט אַנטרעפען אין אַ וועלכען עס איז קליין, הילצערען הייזעל, וואָס האָט געהערט צו דער בעצירק־קירך. דערפאַר איז אויפ'ן אַנטקעגענדיגען ווינקעל געשטאַנען דעם פּאָליציסט'ס בודקע, פון וועלכער דער פּאָליציסט, בעוואַפענט מיט אַ האַלעבארדע, פלעגט דורכ'ן טאָג זיך בעווייזען פאַר דער טהיר צו סאַלוטירען מיט זיין אונשעדליכען כלי־זין די פערבייגעהענדע אָפיצירען, און ווי עס איז געוואָרען טונקעל פלעגט ער זיך צוריקציהען אינוועניג, זיך צו פערנעהמען מיט זיין מלאכה פון פערלאַטען אַלטע שיך, אָדער ער פלעגט פאַבריצירען אַ ספּעציעלען סאָרט שמעק־טאַבאַק, אויף וועלכען עס זיינען געווען בעלנים די עלטערע משרתים פון דער נאַכבאַרשאַפט.

דאָס לעבען איז זיך געפלאָסען שטיל און רוהיג — אַלענפאַלס האָט עס אַזוי אויסגעזעהן פאַר דער דרויסען־וועלט — אין דעם דאָזיגען מאָסקווער „פאָבורג סענט־זשערמען“. אין דער פריה האָט זיך קיינער ניט געזעהן אין די גאַסען. אַרום מיטאָגצייט האָבען זיך בעוויזען די קינדער אונטער דער אויפזיכט פון פראַנצויזישע גאָווערנאַרען און דייטשע ניאַנקעס, וועלכע האָבען זיי אַרויסגענומען פאַר אַ שפּאַציר אויף די שנעע־בעדעקטע בולוואַרען. שפּעטער אַביסעל האָט מען געקענט זעהן די דאַמען אין זייערע צוויי־פערדיגע שליטענס, מיט אַ קאַמער־דיענער שטעהענדיג פון הינטען אויף אַ קליין ברעטעל צוגעפעסטיגט צו די גליטשערס; אָדער איינגעזעצט אין אַן אַלט־מאָדישער קאַרעטע, גרויס און הויך, געבויט אויף גרויסע געבויגענע ספּרוזשינעס און געשלעפּט פון פיער פערד, מיט אַ פּאָסטיליאָן פון פאָרענט און צוויי קאַמער־דיענער שטעהענדיג פון הינטען. אין אָבענד זיינען די מייסטע הייזער געווען העל בעלויכטען און אַזוי ווי די פאָרהאַנגען זיינען ניט געווען אַרונטערגעצויגען, האָבען די פערביי־געהער געקענט בעוואונדערען די קאָרטען־שפּיעלער אָדער וואַלץ־טענצער אין די זאַלען. „אידעען“ זיינען דאַן ניט געווען אין דער מאָדע, און מיר זיינען נאָך געווען ווייט פון די יאָהרען, ווען אין יעדער פון די דאָזיגע הייזער האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמפּף צווישען די „פאָטערס און זיהן“ — אַ קאַמפּף וועלכער האָט זיך געוועהנליך געענדיגט מיט אַ פאַמיליען־טראַגעדיע אָדער מיט אַ ביינאַכטיגען בעזוך פון דער שטאַאַט־פּאָליציי. פופציג יאָהר צוריק האָט מען פון אַזעלכע זאַכען גאָר ניט געדענקט; אַלעס איז געווען רוהיג און גלאַט — וועניגסטענס אויף דער אויבערפלעכע.

אין דעם דאָזיגען אַלטען שטאַלמייסטער'ס־קוואַרטאַל בין איך געבאָ־רען געוואָרען אין 1842, און דאָ האָב איך פערבראַכט די ערשטע פופצעהן יאָהר פון מיין לעבען. אפילו דערנאָך, ווען אונזער פאָטער האָט פערקויפט

דאָס הויז אין וועלכען אונזער מוטער איז געשטאָרבען, און האָט געקויפט אַן אַנדערס, און ווען ער האָט דאָס הויז ווידער פערקויפט, און מיר האָבען פערבראַכט איינינע ווינטערס אין גערונגענע הייזער, ביז וואַנען ער האָט געפונען אַ דריטעס נאָך זיין גוסט, ניט ווייט פון דער קירכע וואו ער איז געטויפט געוואָרען, זיינען מיר אַלץ פערבליבען אין דעם אַלטען שטאָל־מייסטער׳ס־קוואַרטאַל, פערלאָזענדיג איהם בלויז דורך די זומער־מאָנאַטען, אריבערצופאָהרען אויף אונזער לאַנד־גוט.

II

אַ הויכער, גערוימיגער שלאָפצימער, דער ווינקעל־צימער פון אונזער הויז, מיט אַ ברייטער בעט אויף וועלכער עס ליגט אונזער מוטער, אונזערע קינדער־שטוהלען און טישען שטעהען האַרט נעבען איהר, די נעט־סערווירטע טישען, אַנגעשטעלט מיט צוקערקעס און איינגעמאַכצען אין שעהנע גלעזערנע כלים — אַ צימער אין וועלכען מיר קינדער ווערען אריינגעבראַכט אין אַ זאָנדערבארער שטונדע — דאָס איז די ערשטע האַלב־קלאָרע עראינערונג פון מיין לעבען.

אונזער מוטער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען פון שווינדזוכט; זי איז אַלט געווען ניט מעהר ווי פינף־און־דרייסיג יאָהר. איידער זי האָט זיך געשיידט מיט אונז אויף אייביג, האָט זי געוואונשען אונז צו האָבען נעבען זיך, אונז צו לאַשטשען, זיך צו פיהלען גליקליך פאַר אַ ווײַלע אין אונזערע פריידען, און זי האָט געלאָזט צוגרייטען די דאָזיגע קליינע סעודה נעבען איהר בעט, וועלכע זי האָט מעהר ניט געקענט פערלאָזען. איך געדענק איהר בלייך מאָגערען פנים, איהרע גרויסע טונקעל־ברוינע אויגען. זי האָט געקוקט אויף אונז מיט ליעבע, און האָט אונז איינגעלאַדען צו עסען, צו קריכען אויף איהר בעט; דאַן האָט זי פּלוצלינג אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און אָנגעהויבען צו הוסטען, און אונז האָט מען געהייסען געהן.

אַ שטיקעל צייט שפּעטער, האָט מען אונז קינדער — דאָס הייסט, מיין ברודער אַלעקסאַנדער און מיך — אריבערגעפיהרט פון דעם גרויסען הויז אין אַ קליין זייטען־שטיבעל אויפ׳ן הויף. די אַפּריל־זון האָט אָנגעפילט די קליינע צימערלעך מיט איהרע שטראַהלען, אָבער אונזער דייטשע גאָווערנאַנטין, מאַדאַם בורמאַן און אונזער רוסישע ניאַניאַ, יוליאַנאַ, האָבען אונז געהייסען געהן צו בעט. מיט פנים׳ער נאַס פון טרערען, האָבען זיי פאַר אונז גענעהט שוואַרצע העמדלעך בעזוימט מיט ברייטע ווייסע פּוטאַסען. מיר האָבען ניט געקענט שלאָפען; דאָס אונבעקאַנטע האָט אונז

געשראָקען, און מיר האָבען זיך צוגעהערט צו זייער איינגעהאַלטענעם געשפּרעך. זיי האָבען עפּעס גערעדט וועגען אונזער מוטער וואָס מיר האָבען ניט געקענט פערשטעהן. מיר זיינען ארויסגעשפּרונגען פון אונזערע בעטען, פרעגענדיג, „וואו איז מאַמאַ? וואו איז מאַמאַ?“

ביידע האָבען ארויסגעפּלאַצט אין א געוויין, און האָבען אָנגעהויבען גלעטען אונזערע געקרויזטע קעפּלעך, רופענדיג אונז, „אָרעמע יתומים׳לעך“, ביז יוליאַנא האָט לענגער ניט געקענט אויסהאַלטען, און האָט געזאָגט, „אייער מאַמאַ איז אוועק דאָרט — צום הימעל, צו די מלאכים“.

„ווי אזוי צום הימעל? ווארום?“ האָט אונזער קינדערשע פאַר־שטעלונג אומזיסט געפרעגט.

דאָס איז געווען אין אַפּריל 1846. איך בין אַלט געווען בלויז דריי און א האַלב יאָהר, און מיין ברודער סאַשא נאָך ניט קיין פינף. וואו אונזער עלטערער ברודער, ניקאָליי, און אונזער שוועסטער, העלענאַ, זיינען געווען אוועק, ווייס איך ניט: פיליכט זיינען זיי שוין געווען אין דער שולע. ניקאָליי איז אַלט געווען צוועלף יאָהר, העלענאַ איז געווען עלף; זיי האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען, און מיר האָבען זיי גאַנץ ווייניג געקענט. אזוי זיינען מיר געבליבען, אַלעקסאַנדער און איך, אין דאָס דאָזיגע קליין שטיבעל, אונטער דער אויפזיכט פון מאַדאַם בורמאַן און יוליאַנא. די גוטע אַלטע דייטשע פרוי, היימלאָז און גאַנץ אַליין אין דער ברייטער וועלט, האָט פאַר אונז פערנומען די שטעלע פון אונזער מוטער. זי האָט אונז ערצויגען אזוי גוט ווי זי האָט געקענט, קויפענדיג אונז פון צייט צו צייט מאַנכע איינפאַכע שפּיעלצייג, און איבערקאָרמענענדיג אונז מיט אינגבער־קיכלעך יעדעס מאָל ווען א געוויסער אַלטער דייטש, וועלכער פלעגט פער־קויפען די דאָזיגע קיכלעך — וואהרשיינליך אויך אזא איינזאַמער און היימלאָזער ווי זי — האָט אָבגעשטאָט א וויזיט אין אונזער הויז. אונזער פאָטער האָבען מיר געזעהן זעלטען, און די נעקסטע צוויי יאָהר זיינען אריבער, ניט איבערלאָזענדיג קיין איינדרוק אויף מיין זכרון.

III

אונזער פאָטער האָט זעהר שטאָלצירט מיט דעם יחוס פון זיין משפּחה, און פלעגט פייערליך אָנווייזען אויף א שטיק פּאַרמענט, וואָס איז געהאַנגען אויפ׳ן וואַנד פון זיין שטודיר־צימער. דאָס פּאַרמענט איז געווען בעפּוצט מיט אונזער הערב — די קריעגס־וואַפען פון דעם פירסטענטום פון סמאָלענסק, בעדעקט מיט דעם הערמעלין־מאַנטעל און דער קרוין פון די

מאַנאַמאַכען — און עס איז דאָרט געווען אָנגעשריבען, און בעשטעטיגט פון׳ם הערב־דעפּאַרטאַמענט, אַז אונזער פאַמיליע פאַנגט זיך אָן מיט אַן אייניקעל פון ראָסטיסלאַוו מסטיסלאָוויטש דעם דרייסטען (אַ נאָמען וואָס איז בעקאַנט אין דער רוסישער געשיכטע פון אַ גרויספּירסט פון קיעוו), און אַז אונזערע אור־עלטערען זיינען געווען גרויספּירסטען פון סמאָלענסק.

„עס קאָסט מיר דריי הונדערט רובעל צו קריגען דאָס דאָזיגע פּאַרמענט", פלעגט אונזער פאָטער זאָגען. אַזוי ווי דאָס רוב מענשען פון זיין דור, איז ער ניט געווען שטאַרק בעהאַוונט אין רוסישער געשיכטע, און ער האָט געשעצט דאָס פּאַרמענט מעהר צוליעב דעם וואָס עס האָט געקאָסט, איידער צוליעב זיינע היסטאָרישע זכרונות.

עס איז אַ פאַקט, אַז אונזער פאַמיליע האָט ווירקליך אַ גאַנץ אַלטע אָבשטאַמונג; אָבער, אַזוי ווי די מייסטע פאַמיליען וואָס האָבען אָבגע־שטאַמט פון רוריק, און קענען בעטראַכט ווערען אַלס די פאָרשטעהער פון דער פעאָדאַלער פּעריאָדע פון דער רוסישער געשיכטע, אַזוי איז זי אויך פערדרענגט געוואָרען אין הינטערגרונד, ווען די דאָזיגע פּעריאָדע האָט זיך געענדיגט, און די ראָמאַנאָווס, געקרוינט אין מאָסקווע, האָבען אָנגעהויבען די אַרבייט פון קאָנסאָלידירען די רוסישע מלוכה. קיינער פון די קראָפּאָטקינס האָט אין די נייערע צייטען ניט געהאַט, ווי עס ווייזט אויס, קיין בעזונדערע נייגונג צו פערנעהמען שטאַאט־עמטער. אונזער עלטער־זיידע און אונזער זיידע האָבען זיך צוריקגעצויגען פון מיליטער־דיענסט ווען זיי זיינען געווען נאָך גאָר יונגע לייט, און האָבען זיך שנעל צוריק־געקעהרט צו זייערע פאַמיליען־גיטער. מען מעג זאָגען אַז די הויפּט־גוט פון דיעזע גיטער, אורוסאָווא, וועלכע ליגט אין ריאַזאַנער גובערניע, אויף אַ הויכען באַרג ביים ראַנד פון פרוכטבאַרע פעלדער, האָט טאַקע געקענט צוציהען יעדען איינעם מיט דער שעהנקייט פון איהרע שאָטענדיגע וועלדער, איהרע שלענגעלדיגע טייכען, און איהרע אונענדליכע לאָנקעס. אונזער זיידע איז געווען נישט מעהר ווי אַ לייטנאַנט, ווען ער איז אַרויס פון דיענסט און האָט זיך צוריקגעצויגען אין אורוסאָווא, אין גאַנצען זיך אָבגעבענדיג מיט זיין אימעניע, און אויפקויפענדיג אַנדערע גיטער אין די בענאַכבאַרטע פּראָווינצען.

אונזער דור וואָלט וואהרשיינליך געטהאָן דאָס זעלבע; אָבער אונזער זיידע האָט געהייראַט אַ פּרינצעסין גאַגאַרין, וועלכע האָט געהערט צו אַ גאַנץ אַנדער משפּחה. איהר ברודער איז געווען בעקאַנט אַלס אַ ליידענ־שאַפטליכער ליעבהאָבער פון דער ביהנע. ער האָט געהאַלטען אַן אייגענעם פּריוואַט טהעאַטער, און איז אַזוי ווייט אַוועק אין זיין ליידענשאַפט אַז ער האָט חתונה געהאַט, צו דער שאַנדע פון אַלע זיינע קרובים, מיט אַ לייב־

אייגענע — די געניאַלע אַקטריסע סעמיאָנאָווא, וועלכע איז געווען איינע פון די בעשאַפער פון דער דראַמאַטישער קונסט אין רוסלאַנד, און אָהן צווייפעל איינע פון איהרע סימפּאַטישסטע פיגורען. צו דעם שוידער פון „גאַנץ מאָסקווע“, האָט זי פאַרטגעזעצט צו ערשיינען אויף דער ביהנע.

איך ווייס ניט צי אונזער באָבע האָט געהאַט דיזעלבע אַרטיסטישע און ליטעראַרישע נייגונגען ווי איהר ברודער — איך געדענק איהר ווען זי איז שוין געווען פּאַראַליזירט און האָט בלויז געקענט רעדען גאַנץ שטיל; עס איז אָבער זיכער, אַז אין דעם נעקסטען דור איז אַ נייגונג צו ליטעראַטור געוואָרען אַ כאַראַקטעריסטישער צייכען פון אונזער פאַמיליע. איינער פון די פּרינצעסין גאַגאַרין׳ס זיהן איז געווען אַ רוסישער פּאָעט, און האָט אַרויסגעגעבען אַ בוך פון פּאָעמען — אַ פאַקט מיט וועלכען מיין פאָטער האָט זיך געשעהמט און האָט שטענדיג אויסגעמיידט צו דערמאָנען. אין אונזער אייגענעם דור האָבען מעהרערע פון אונזערע שוועסטערקינדער, אַזוי גוט ווי איך מיט מיין ברודער, בייגעטראָגען מעהר אָדער ווייניגער צו דער ליטעראַטור פון אונזער צייט.

אונזער פאָטער איז געווען אַ טיפּישער אָפיציר פון ניקאָליי דעם ערשטענ׳ס צייטען. מען קען ניט זאָגען אַז ער איז געווען דורכגעדרונגען פון אַ קריעגערישען גייסט אָדער שטאַרק פערליעבט אין דעם סאָלדאַטסקען לעבען; איך צווייפעל צי ער האָט פערבראַכט איין איינציגע נאַכט פון זיין לעבען ביי אַ וואַך־נאַכט־פייער, אָדער האָט אַנטייל גענומען אין איין שלאַכט. אָבער אונטער ניקאָליי דעם 1טען איז דאָס דוקא גאָר ניט געווען אַזוי וויכטיג. דער ריכטיגער מיליטער־מאַן פון יענע צייטען איז געווען דער אָפיציר, וואָס איז געווען איינגעליעבט אין דעם מיליטערישען מונדיר און האָט אין גאַנצען מּמאָס געווען אַלע אַנדערע סאָרטען קליידונג; וועמעס סאָלדאַטען זיינען געווען געלערענט צו בעווייזען כמעט איבערמענשליכע קונצען מיט זייערע פיס און ביקסען (צו צוברעכען די האַלז פון ביקס אין שטיקלעך „אָבגעבענדיג טשעסט“ איז געווען איינער פון יענע בעריהמטע קונצען); און ווער עס האָט געקענט צייגען אויף אַ פּאַראַד אַ רייהע סאָלדאַטען וואָס זאָלען זיין אַזוי פּאָלקאָם גלייך אויסגעשטעלט און אונ־בעוועגליך, פּונקט ווי אַ שורה שפּיעל־סאָלדאַטלעך. „זעהר גוט“, האָט אַמאָל דער גרויספירסט מיכאיל געזאָגט וועגען אַ רעגימענט, נאָכדעם ווי ער האָט איהם אָבגעהאַלטען פאַר אַ שעה אונטער׳ן ביקס — „נאָר ז י י אָ ט ה ע מ ע ן“. אונזער פאָטער׳ס אידעאַל איז פּאָזיטיוו געווען — צו ערפילען אָט דעם אָנגענומענעם בעגריף וועגען אַ מיליטער־מאַן.

אמת, ער האָט אַנטייל גענומען אין דער טערקישער מלחמה פון 1828; ער האָט אָבער אויסגעמאַרקירט צו בלייבען די גאַנצע צייט אין

שטאב פון הויפּט־קאָמאַנדיר; און ווען מיר קינדער, בענוצענדיג זיך מיט אַ מאָמענט ווען ער איז געווען בעזאָנדערס גוט אויפגעלעגט, האָבען איהם געבעטען ער זאָל אונז דערצעהלען עפּעס פון דער מלחמה, האָט ער קיין אנדער זאַך ניט געהאַט אונז צו דערצעהלען ווי נאָר פון אַ שרעקליכען אַנגריף פון הונדערטער טערקישע הינד, וועלכע זיינען איין נאַכט בעפאַלען איהם און זיין טרייען דיענער, פראָל, רייטענדיג מיט דעפּעשען דורך אַ פערוויסטעטען טערקישען דאָרף. זיי האָבען געמוזט געברויכען די שווערדען זיך צו בעפרייען פון די הונגעריגע בעסטיעס. באַנדעס טערקען וואָלטען אודאי בעססער צופריעדענגעשטעלט אונזער פאָרשטעלונג, מיר האָבען אָבער זיך בענוגענט מיט די הינד. נור, ווען דער פאָטער, געצוואונגען דורך אונזערע פראַגען, האָט אונז דערצעהלט ווי אַזוי ער האָט געוואונען דעם קרייץ פון דער הייליגער אננא „פאַר העלדישקייט“, און דעם גאָלדענעם שווערד, וואָס ער האָט געטראָגען, מוז איך מודה זיין אַז מיר האָבען זיך ווירקליך געפיהלט ענטוישט. די מעשה איז פּאָזיטיוו געווען צו־וואָכעדיג. אין דעם טערקישען דאָרף וואו די אָפיצירען פון גענעראַל שטאַב האָבען געהאַלטען קוואַרטיר, האָט אויסגעבראָכען אַ פייער. די הייזער זיינען אין איין מינוט איינגעוויקעלט געוואָרען אין פלאַמען, און אין איין הויז איז איבערגעבליבען אַ קינד. די מוטער פון קינד האָט געשריען מיט פערצווייפעלטע קולות. פראָל, וועלכער האָט שטענדיג בעגלייט זיין בעל־הבית, האָט זיך אריינגעוואָרפען אין די פלאַמען און ארויסגעראַטעוועט דאָס קינד. דער הויפּט־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט דאָס צוגעזעהן, האָט גלייך דערויף געגעבען דעם פאָטער דעם קרייץ פאַר העלדישקייט.

„אָבער, פאָטער“, האָבען מיר אויסגעשריען, „דאָס האָט דאָך פראָל נאָר געראַטעוועט דאָס קינד!“

„איז וואָס?“ האָט ער געענטפערט אויף'ן נאַיוּוסטען אופן. „איז ער דען ניט געווען מיין מענש? ס'איז אַלץ איינס.“

ער האָט אויך טיילגענומען אין דער שלאַכט פון 1831, אין דער צייט פון פוילישען אויפשטאַנד, און אין ווארשאַ האָט ער זיך בעקענט מיט דער אינגסטער טאָכטער פון אַ קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, גענעראַל סולימאַ, און האָט זיך אין איהר פערליעבט. די חתונה איז געפייערט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד אין לאַזיענקי פּאַלאַץ; דער וויצע־גובערנאַטאָר, גראַף פּאַס־קיעוויטש, איז געווען אונטערפיהרער פון חתן'ס צד. „אָבער אייער מוטער“, פלעגט אונזער פאָטער צולעגען, „האָט מיר קיין שום עשירות ניט געבראַכט“.

דאָס איז געווען אמת. איהר פאָטער, ניקאָליי סעמיאָנאָוויטש סולימאַ, איז ניט געווען בעהאַוועגט אין דער קונסט פון מאַכען אַ קאַריערע אָדער אָנקלייבען אַ פערמעגען. ער האָט געמוזט האָבען אין זיך צופיעל בלוט פון

יענע קאָזאַקען אַרום דניעפּער, וועלכע האָבען געוואוסט ווי צו שלאָגען די גוט־בעוואפּענטע, קריגערישע פּאָליאַקען אָדער אַרמעען פון טערקען, דריי מאָל אַזוי פיעל ווי זיי, אָבער האָבען ווענינ פערשטאַנען ווי אויסצומיידען די נעצען פון דער מאָסקווער דיפּלאָמאַטיע, און, נאָכדעם ווי זיי האָבען געקעמפּפט געגען די פּאָלאַקען אין דעם שרעקליכען אויפשטאַנד פון 1648, וועלכער איז געווען דער אָנהויב פון סוף פון דער פּוילישער רעפּובליק, האָבען זיי פערלאָרען אַלע זייערע פּריוויליגיען, אַרונטערפאַלענדיג אונטער דער הערשאַפט פון די רוסישע צאַרען. איין סולימאַ איז געפאַנגען געוואָרען פון די פּאָלאַקען און געפּייניגט געוואָרען צו טויט אין וואַרשאָ, אָבער די אַנדערע „פּאָלקאָווניקעס“ פון דעם זעלבען שטאַם האָבען דערפאַר נאָך ביטערער געקעמפּפט, און פּוילען האָט פערלאָרען קליין־רוסלאַנד. וואָס איז שייך אונזער זיידען, האָט ער מיט זיין רעגימענט קוראַסירען, אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טענ'ס בעלאַגערונג, זיך אַריינגעריסען אין אַ פראַנצויזישען אינפאַנטעריע־סקאַדראָן, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעט מיט באַיאָנעטען, און נאָכדעם ווי מען האָט איהם איבערגעלאָזט אויפ'ן שלאַכט־פעלד, ווי אַ טויטען, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ טיעפען שניט אין קאָפּ. ער האָט אָבער ניט געקענט ווערען קיין קאַמער־דיענער ביי אַלעק־סאַנדער דעם 1טענ'ס ליעבלינג, ביי דעם אַלמעכטיגען אַראַקטשעעף, און מען האָט איהם פּאָלגליך אַוועקגעשיקט אין אַ מין עהרענהאַפטען גלות, צוערשט אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מערב־סיביר, און שפּעטער פון מזרח־סיביר. אין יענע צייטען איז אַזאַ שטעלע בעטראַכט געוואָרען איינ־טרעגליכער ווי אַ גאָלד־מינע, אָבער אונזער זיידע האָט זיך אומגעקעהרט פון סיביר אַזוי אָרעם ווי ער איז אַוועק, און האָט איבערגעלאָזט אַ גאַנץ קליינעם פערמעגען פאַר זיינע דריי זיהן און דריי טעכטער. ווען איך בין געווען אין סיביר, אין 1862, האָב איך אָפט געהערט דערמאָנען זיין נאָמען מיט אַכטונג. ער איז געווען אויסער זיך פון די גרויסע גנבות וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין יענע פּראָווינצען, ער איז אָבער ניט געווען ביכולת זיי צו אונטערדריקען.

אונזער מוטער איז בלי ספק געווען אַ מערקווירדיגע פרוי פאַר די צייטען אין וועלכע זי האָט געלעבט. פיעלע יאָהרען נאָך איהר טויט האָב איך אויסגעפונען, אין אַ ווינקעל פון אַ פּראָוויאַנט־צימער פון אונזער לאַנד־הויז, אַ גאַנצען פּאַק פּאַפּירען בעשריבען מיט איהר פעסטער אָבער שעהנער האַנדשריפט: טאַגעביכער אין וועלכע זי האָט מיט ענטציקונג געשריבען פון דער לאַנדשאַפט אין דייטשלאַנד, און האָט גערעדט פון איהרע ליידען און איהר דורשט נאָך גליק; ביכער וועלכע זי האָט אָנגעפילט מיט רוסישע פערזען פערבאָטען פון דער צענזור — צווישען זיי די שעהנע

היסטאָרישע באַלאַדען פון רילעעף, דעם פּאָעט, וועמען ניקאָליי דער 1טער האָט אויפגעהאַנגען אין 1826 ; אַנדערע ביכער האָבען ענטהאַלטען מוזיק, פראַנצויזישע דראַמען, פּערזען פון לאַמאַרטין, און בייראָן׳ס פּאָעמען וואָס זי האָט קאָפּירט ; און אַ גרויסע צאָהל וואַסער־קאָליר בילדער.

הויך, שלאַנק, בעציערט מיט אַ מאַסע טונקעלע קאַשטאַנען־האָר, מיט טונקעל־ברוינע אויגען און אַ קליינעם מויל, זעהט זי אויס אַזוי ווי לעבעדיג אויף אַן אויל־פּאָרטרעט וואָס איז געמאָלט געוואָרען „מיט ליעבע“ פון אַ גוטען אַרטיסט. שטענדיג מונטער און אָפט זאָרגלאָז, האָט זי ליעב געהאַט צו טאַנצען, און די פּויערטעס אין אונזער דאָרף פלעגען אונז דערצעהלען ווי זי פלעגט פון אַ באַלקאָן בעוואונדערען זייערע רינג־טענץ — צוריק־געהאַלטען און פול מיט גראַציע — און ווי לסוף פלעגט זי אַליין אויך זיך אָנשליסען אין זיי. זי האָט געהאַט די נאַטור פון אַ קינסטלער. איינמאָל אויף אַ באַל האָט זי זיך פערקיהלט און געקראָגען די לונגען־קראַנקהייט, וואָס האָט איהר געטריבען אין קבר.

אַלע וואָס האָבען זי געקענט האָבען איהר געליעבט. די דיענערשאַפט האָט פערגעטערט איהר געדעכטניס. אין איהר נאָמען האָט מאַדאַם בורמאַ אויף אונז אויפגעפּאַסט, און אין איהר נאָמען האָט די רוסישע ניאַניאַ אונז געשאָנקען איהר ליעבע. קעמענדיג אונז די האָר, אָדער איבער׳צלם׳־ענדיג אונז אין אונזערע בעטלעך, פלעגט יוליאַנאַ אָפט זאָגען, „און אייער מאַמאַ מוז איצט אַראָבקוקען אויף אייך פון די הימלען, און פערגיסען טרערען זעהענדיג אייך, אָרעמע יתומים“. אונזער גאַנצע קינדהייט איז בעשטראַהלט פון איהר ערינערונג. ווי אָפט, ווען קיינער האָט ניט בעמערקט, פלעגט די האַנד פון אַ דיענער אַלעקסאַנדער׳ן אָדער מיך לאַסצענדיג אַ גלעט טהאָן ; אָדער אַ פּויערטע, בעגעגענענדיג אונז אין פעלד, פלעגט אַ פרעג טהאָן, „וועט איהר אויך זיין אַזוי גוט ווי אייער מאַמע איז געווען ? זי האָט אויף אונז רחמנות געהאַט. אודאי וועט איהר אויך רחמנות האָבען“. דער „אונז“ האָט געהייסען, פערשטעהט זיך, די לייבאייגענע. איך ווייס ניט וואָס פון אונז וואָלט געוואָרען ווען מיר וואָלטען אין אונזער הויז ניט געפונען, צווישען די לייבאייגענע דיענער, די אַטמאָספערע פון ליעבע וועלכע קינדער מוזען אַרום זיך האָבען. מיר זיינען געווען איהרע קינדער, מיר האָבען געהאַט איהר אָנבליק, און זיי האָבען פערשווענדעט זייער גאַנצע זאָרג אויף אונז, אָפטמאָל אויף אַ גאַנץ געפיהלפולען אופן, ווי מיר וועלען זעהן שפּעטער.

מענשען זוכען ליידענשאַפטליך צו לעבען נאָכ׳ן טויט, זיי שטאַרבען אָבער גאַנץ אָפט אוועק ניט בעמערקענדיג דעם פאַקט, אַז דער אָנדענקען פון אַ ווירקליך גוטער פּערזאָן לעבט שטענדיג. עס לאָזט אַן איינדרוק

אויפ'ן נעקסטען דור, און עס ווערט איבערגעגעבען בירושה צו די קינדער. איז דאָס ניט אַן אונשטערבליכקייט, וואָס איז ווערטה צו שטרעבען דערצו?

IV

צוויי יאָהר נאָך דעם טויט פון אונזער מוטער האָט אונזער פאָטער ווידער חתונה געהאט. ער האָט שוין געהאט געוואָרפען אַן אויג אויף א שעהנער יונגער פּערזאָן, וואָס האָט געהערט צו א רייכער משפחה, נאָר דער מזל האָט אַנדערס ענטשידען. איין פריהמאָרגען, ווען ער איז נאָך געווען אין שלאָפ־ראָק, האָבען די דיענער זיך ווילד אריינגעריסען אין זיין צימער, אָנזאָגענדיג דאָס אָנקומען פון גענעראל טימאָפעעף, דעם קאָמאַנדיר פון זעקסטען קאָרפּוס, צו וועלכען אונזער פאָטער האָט בעלאַנגט. דער דאָזיגער ליעבלינג פון ניקאָליי דעם 1טען איז געווען א שרעקליכער מענש. ער האָט געקענט הייסען שמייסען א סאָלדאט כמעט ביז צו טויט פאר א קליינעם טעות וואָס דער סאָלדאט האָט געמאַכט אויף א פּאראד, אָדער ער האָט געקענט אַרונטערזעצען אַן אָפיציר און איהם אוועקשיקען אלס איינפאַכען סאָלדאט אין סיביר, דערפאר וואָס ער האָט איהם בעגעגענט אין גאַס מיט די העקלעך פון זיין הויכען, שטייפען קאָלנער פונאַנדערגעשפּילעט. גענעראל טימאָפּעעף'ס וואָרט איז ביי ניקאָלייען געווען אַלמעכטיג.

דער גענעראל, וועלכער איז קיינמאל פריהער ניט געווען אין אונזער הויז, איז געקומען פאָרשלאָגען אונזער פאָטער חתונה צו האָבען מיט זיין ווייב'ס א פּלעמעניצע, מאדמאָאזעל עליזאבעט קאראנדינא, איינע פון די פיעלע טעכטער פון אַן אדמיראל פון דער שווארצער־ים־פלאָטע — א יונגע דאַמע מיט א קלאסיש גריכישען פּראָפיל, אויף וועלכער מען האָט נעזאָגט אז זי איז געווען זעהר א שעהנע. דער פאָטער האָט צוגעשטימט, און זיין צווייטע חתונה, אזוי ווי די ערשטע, איז געפייערט געוואָרען מיט גרויס פּאראד.

„איהר יונגע לייט פערשטעהט גאָר ניט אזא מין זאַך", פלעגט ער ענדיגען נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע מעהר ווי איין מאָל, מיט א זעהר פיינעם הומאָר וועלכען איך וועל ניט פּראָבירען איבערגעבען. „ווייסטו אָבער וואָס עס האָט געמיינט אין יענער צייט, אז א קאָרפּוסנער קאָמאַנדיר — איבערהויפּט נאָך, דער איין־אויגיגער טייוועל, ווי מיר פלעגען איהם רופען — קומט אַליין ריידען א שידוך? פערשטעהט זיך, קיין נדן האָט זי ניט געהאט; אחוץ א גרויסען קופערט מיט ווייבערשע

פוץ־זאַכען, און מאַרטהאַ, איהר איינציגע שקלאַפין, שוואַרץ ווי אַ ציגיינערקע, זיצענדיג אויף איהם".

איך געדענק לחלוטין גאָר ניט פון יענער פּאַסירונג. איך דערמאָן מיך בלויז אַ גרויסען גאַסט־צימער אין אַ רייך־מעבלירטען הויז, און אין דעם דאָזיגען צימער אַ יונגע דאַמע, אָנציהענד אָבער מיט אַביסעל אַ צו־שאַרפען זידליכען בליק, שפּאַסענדיג מיט אונז, און זאָגענדיג, „איהר זעהט וואָס פאַר אַ לוסטיגע מאַמאַ איהר וועט האָבען"; אויף וואָס סאַשאַ און איך, קוקענדיג ברוגז אויף איהר, האָבען געענטפערט, „אונזער מאַמאַ איז אוועקגעפלויגען אין הימעל". אַזוי פיעל לוסטיגקייט האָבען מיר בעטראַכט מיט חשד.

עס איז געקומען ווינטער, און אַ ניי לעבען האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר אונז. אונזער הויז האָט מען פערקויפט; מיר האָבען געקויפט אַן אַנדערעס און עס אויסמעבלירט אין גאַנצען פון דאָס ניי. אַלץ וואָס עס האָט געקענט טראָגען אַ זכר פון אונזער מוטער איז פערשוואונדען — איהרע פּאָר־טרעטען, איהרע מאַלערייען, איהרע שטיקערייען. אומזיסט האָט זיך מאַדאַם בורמאַ געבעטען מען זאָל איהר לאָזען בלייבען אין אונזער הויז, און האָט צוגעזאָגט זיך אָבצוגעבען צום קינד, וואָס אונזער שטיפמוטער האָט ערוואַרטעט, ווי צו אַן איינגענעם: מען האָט זי אוועקגעשיקט. „קיין זאַך ניט מעהר פון די סולימאַס אין מיין הויז", האָט מען איהר געזאָגט. אַלע פערבינדונגען מיט אונזערע פעטערס און מוהמעס און אונזער באָבען זיינען אָבגעשניטען געוואָרען. יוליאַנאַ'ן האָט מען חתונה געמאַכט מיט פראַל'ן, וועלכער איז געוואָרען „הויז־מאַיאָר", און איהר האָט מען געמאַכט פאַר הויזהאַלטערקע. פאַר אונזער ערציהונג האָט מען אַנגאַזשירט אַ רייך־בעצאָהלטען פראַנצויזישען לעהרער, מ. פּאָוליין, און אַ שלעכט־בעצאָהלטען רוסישען סטודענט, נ. פּ. סמירנאָוו.

פיעלע זיהן פון די מאָסקווער אדעל־לייט זיינען צו יענער צייט ערצויגען געוואָרען פון פראַנצויזען, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אָבפאַל פון נאַפּאָלעאָנ'ס „גראַנד־אַרמעע". מ. פּאָוליין איז געוועזען איינער פון זיי. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט געענדיגט די ערציהונג פון דעם נאָוועליסט זאַגאָסקין'ס איינגסטען זוהן; און זיין תלמיד, סערגעי, האָט אין דעם אַלטען שטאַלמייסטער'ס־קוואַרטאַל געהאַט אַ שם פאַר אַזאַ גוט־ערצויגענעם בחור, אַז אונזער פאָטער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט צו אַנגאַזשירען מ. פּאָוליין פאַר דער בעדייטענדער סומע פון זעקס הונדערט רובעל אַ יאָהר.

מ. פּאָוליין האָט מיטגעבראַכט מיט זיך זיין פויגעל־יעגער, טרעזאָר, זיין קאַפּע־קאַן נאַפּאָלעאָן, און זיינע פראַנצויזישע טעקסט־ביכער, און ער

האָט אָנגעהויבען צו הערשען איבער אונז און דעם קנעכט מאַטוועי, וועל־כער איז אָנגעשטעלט געוואָרען אין אונזער דיענסט.

זיין פּלאַן פון ערציהונג איז געווען זעהר איינפאַך. נאָכדעם ווי ער האָט אונז אויפגעוועקט האָט ער בעזאָרגט זיין קאַפע, וועלכען ער פּלעגט טרינקען אין צימער. אין דער צייט וואָס מיר האָבען זיך צוגעגרייט צו אונזער מאָרגען־לעקציאָן האָט ער געמאַכט זיין טואַלעט מיט זאָרגפעל־טיגער פּינקטליכקייט: ער האָט געריבען און געוואַשען זיינע גרויע האָר כדי צו פערדעקען זיין וואַקסענדען פּליך, האָט אָנגעטהאָן זיין פראַק, זיך בעשפּריצט און איינגעוואַשען מיט אָ־דע־קאָלאָן, און דאַן האָט ער אונז ארונטערבעגלייט צו זאָגען גוט־מאָרגען אונזערע עלטערן. מיר פּלעגען געפינען אונזער פאָטער און שטיפמוטער ביין פריהשטיק, און צוקומענדיג צו זיי האָבען מיר רעציטירט אויף אַ העכסט צערעמאָניעלען אופן: „גוט־מאָרגען, מיין טהייערער פאָטער“, און „גוט־מאָרגען, מיין טהייערע מוטער“, און געקושט זייערע הענד. מ. פּאָליין האָט געמאַכט אַ זעהר קאָמפּליצירטען און עלעגאַנטען קניקס, ארויסרעדענדיג די ווערטער, „גוט־מאָרגען, הערר פּרינץ“, און „גוט־מאָרגען, מאַדאַם פּרינצעסין“, און דער־נאָך האָט די פּראָצעסיע זיך באַלד צוריקגעצויגען און זיך אומגעקעהרט צוריק אויפ'ן אויבערשטען עטאַזש. די דאָזיגע צערעמאָניע פּלעגט זיך ווידערהאָלען יעדען פריהמאָרגען.

דאַן פּלעגט זיך אָנפאַנגען אונזער אַרבייט. מ. פּאָליין האָט אומגע־ביטען זיין פראַק אויף אַ ראָק, האָט צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ לעדערנער היטעל, און זיך אריינגוואַרפענדיג אין פאָטעל אַ זאָג געטהאָן: „רעציטירט אייער לעקציאָן“.

מיר האָבען רעציטירט אויף „אויסוועניג“ פון איין צייכען, וואָס איז געמאַכט געוואָרען מיט'ן נאָגעל אין בוך, ביז'ן צווייטען צייכען. מ. פּאָליין האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די גראַמאַטיק פון נאָעל און שאַפּסאַל, וועלכע איז געבליבען אין זכרון מעהר ווי ביי איין דור רוסישע אינגלעך און מיידלעך; אַ בוך פון פראַנצויזישע דיאַלאָגען (צוויי־געשפּרעכען); אַ וועלט־געשיכטע, אין איין באַנד; און אַן אַלגעמיינע געאָגראַפיע, אויך אין איין באַנד. מיר האָבען געדאַרפט אויסלערנען אויף אויסוועניג די גראַמאַטיק, די דיאַלאָגען, די געשיכטע, און די געאָגראַפיע.

די גראַמאַטיק, מיט איהרע גוט־בעקאַנטע זעצע, „וואָס איז אַ גראַ־מאַטיק?“ „די קונסט פון ריידען און שרייבען ריכטיג“, איז געגאַנגען גוט. אָבער דאָס געשיכטע־בוך, האָט צום אונגליק געהאַט אַ הקדמה, וועלכע האָט ענטהאַלטען אַן אויסרעכענונג פון אַלע נוצען וואָס מען קען האָבען פון וויסען היסטאָריע. מיט'ן ערשטען זאַץ איז נאָך די זאַך געגאַנגען

גלאַטיג. מיר האָבען רעציטירט: „דער פּרינץ געפינט אין איהר גרויס־מוטהיגע ביישפּיעלע ווי צו רעגיערען זיינע אונטערטאַנען; דער מיליטער־רישער קאָמאַנדיר לערענט פון איהר די נאָבעלע קונסט פון קריעגס־פיהרונג". אין דער מינוט אָבער וואָס מיר זיינען געקומען צו געזעץ, איז אלץ געגאַנגען קאַפּויר. „דער יוריסקאָנסולט (געזעץ־קענער) בעגעגענט אין איהר" — אָבער וואָס דער געלערענטער אדוואָקאַט בעגעגענט אין דער געשיכטע, האָבען מיר זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט. אָט דער שוידער־האַפטער וואָרט „יוריסקאָנסולט" האָט איבערגעפיהרט די גאַנצע שפּיעל. אזוי גיך ווי מיר זיינען צוגעקומען צו איהם זיינען מיר געבליבען שטעהן.

„אויף די קניע, גראָבער פּוץ!" האָט אויסגעשריען פּאָליין. (דאָס איז געוועזען געמיינט פאר מיר.) „אויף די קניע, גרויסער בייבאַק!" (דאָס איז געוועזען פאר מיין ברודער.) און מיר האָבען געקניעט, גיסענדיג מיט טרערען און מאַטערענדיג זיך אומזיסט אויסצולערנען אלץ וועגען דעם יוריסקאָנסולט.

געגנוג יסורים האָט זי אונז געקאָסט די ־אָזיגע הקדמה! מיר האָבען שוין געלערענט וועגען די רוימער, און מיר פלעגען ארויפלעגען אונזערע שטעקענס אויף יוליאַנא'ס וואַגשאַלען, בעת זי האָט געוואויגען רייז, „פּונקט ווי ברעניוס"; מיר האָבען געשפּרונגען פון אונזער טיש און אנדערע אָבגרונדען, כדי צו ראַטעווען אונזער לאַנד, נאָכמאַכענדיג קורטיוס'ען; אָבער מ. פּאָליין פלעגט נאָך אלץ פון צייט צו צייט זיך אומקעהרען צו דער הקדמה, און ווידער אונז שטעלען אויף די קניע צוליעב דעמזעלבען יוריסקאָנסולט. איז עס א וואונדער וואָס שפּעטער איז ביי אונז ביידען, ביי מיר און מיין ברודער, געבליבען אן אָפּענע פעראַכ־טונג צו יוריספּרודענץ?

איך וויים ניט וואָס עס וואָלט פּאַסירט מיט דער געאָגראַפיע ווען פּאָליין'ס בוך וואָלט געהאַט א הקדמה. אָבער גליקליכער ווייזע זיינען די ערשטע צוואַנציג זייטען פון בוך געוועזען אויסגעריסען (סערגעי זאַגאַסקין, רעכען איך, האָט אונז די דאָזיגע גרויסע פערדיענסט געליי־סטעט), און אזוי האָט זיך אונזער לעקציע אָנגעפאַנגען מיט דער איין־און־צוואַנציגסטער זייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען, „פון די טייכען וועלכע בעוואַסערען פראַנקרייך".

מען מוז מודה זיין אז ניט אלע מאָל האָט מען יוצא געוועזען מיט שטעהן אויף די קניע. אין קלאַס־צימער זיינען געוועזען בעריאָזענע ריטער, און מ. פּאָליין פלעגט זיך בענוצען מיט זיי ווען עס האָט ניט אויסגעזעהן אז מיר מאַכען פאָרטשריט מיט דער הקדמה אָדער מיט עפּעס א דיאַלאָג איבער טוגענד און אנשטענדיגקייט. אָבער איין טאָג איז אונזער שוועס־

טער העלענא, וועלכע האָט ביי דער צייט פערלאָזען דעם „קאטהערינא אינסטיטוט פאר פריילינס", און האָט פערנומען א צימער אונטער אונזערען, דערהערענדיג אונזערע געשרייען, אריינגעלאָפען א וויינענדיגע אין אונזער פאָטער'ס שטודיר־צימער, און האָט איהם מיט ביטערקייט פאָרגעוואָרפען אז ער האָט אונז איבערגעגעבען צו אונזער שטיפמוטער, וועלכע האָט אונז איבערגעלאָזט צו „אן אויסגעדיענטען פראנצויזישען פייקלער". „פערשטעהט זיך", האָט זי געוויינט, „עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאר זיי, אָבער איך קען ניט צוזעהן ווי מיינע ברידער ווערען אויף אזא אופן בעהאנדעלט פון א פייקלער!"

הערענדיג אזא אונגעריכטע טענה, האָט אונזער פאָטער ניט געהאט אָן וואָס זיך אָנצוכאפּען. ער האָט אָנגעהויבען זידלען העלענע'ן, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך דערמיט וואָס איהם איז נעפּעלען געווען איהר איבערגעבענקייט צו איהרע ברידער. פון דעמאָלט אָן האָט מען געהאַלטען די בעריאָזענע ריטער אויף צו לערנען די דינים פון אנשטענדינקייט מיט'ן יאכט־הונד, טרעזאָר.

קוים האָט מ. פּאָליין זיך בעפרייט פון זיינע שווערע ערציהונגס־פפליכטען, איז ער גלייך געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש — פון א גרוי־זאמען לעהרער איז ער געוואָרען א פרעהליכער חבר. נאָכ'ן צובייסען האָט ער אונז ארויסגענומען אויף א שפּאציר, און זיינע מעשה'לעך האָבען זיך גאָר ניט אויסגעשעפּט: מיר האָבען געפלאַפּעלט ווי פויגלען. און כאָטש מיר זיינען קיינמאָל מיט איהם ניט אוועק ווייטער ווי די ערשטע בלעטער פון סינטאַקס, האָבען מיר זיך, פון דעסטוועגען, גיך אויסגעלערענט „רעדען קאָרעקט"; מיר פלעגען ד ע נ ק ע ן אין פראנצויזיש; און ווען ער האָט מיט אונז דורכדיקטירט די העלפט פון א מיטהאָלאָגישען בוך, פערריכטענדיג אונזערע גרייזען נאָכ'ן בוך נאָך, קיינמאָל גאָר ניט פרובירענדיג אונז ערקלערען פאר וואָס א וואָרט מוז געשריבען ווערען אין א געוויסען אופן, האָבען מיר זיך שוין אויסגעלערענט „שרייבען קאָרעקט".

נאָכמיטאָג האָבען מיר געהאט אונזער לעקציע מיט'ן רוסישען לעהרער, א סטודענט פון יוריספּרודענץ אין דער מאָסקווער אוניווערזיטעט. ער האָט אונז געלערענט אלע „רוסישע" גענענשטאנדען — גראַמאַטיק, אריפמעטיק, היסטאָריע א. ז. וו.. אָבער אין יענע יאָהרען האָט זיך נאָך קיין ערנסטער אונטעררריכט ניט געהאט אָנגעפאנגען. אין דערזעלבער צייט האָט ער אונז דיקטירט יעדען טאָג א זייטעל היסטאָריע און אויף דעם דאָזיגען אופן האָבען מיר זיך גיך אויסגעלערענט צו שרייבען רוסיש גאנץ קאָרעקט.

אונזער בעסטע צייט איז נעווען די זונטאָגס, ווען די גאנצע פאמיליע,

אויסער אונז קינדער, איז אוועק אויף א מיטאָג צו דער מאדאם גענעראלשע טימאָפעעף. אמאָל פלעגט אויך טרעפען אז אי מ. פאָוליין, אי נ. פ. סמירנאָף, האָבען געקראָגען די ערלויבניס אוועקצוגעהן פון הויז, און דאן זיינען מיר געבליבען אונטער דער אויפזיכט פון יוליאנא. אויף שנעל אָבעסענדיג דעם מיטאָג פלעגען מיר אוועקלויפען אין גרויסען זאל, וואוהין די אינגערע הויז־מיידלעך זיינען באלד אָנגעקומען. עס האָט זיך אָנגע־הויבען א גאנג פון אלערליי שפּיעלען — אין בלענדענים, קאַרשון און הינדעלעך א. ז. וו.; דאן, פּלוצלינג, פלעגט טיכאָן, דער הויז־מענש, זיך בעוויייזען מיט א פידעל. עס פלעגען אוועקגעהן טענץ; ניט יענע אָבגע־מאָסטענע, לאנגווייליגע טענץ, אונטער דער אויפזיכט פון א פראנצויזי־שען טאַנץ־מייסטער „אויף גומענע פיס", וואָס איז געוועזען א טייל פון אונזער ערציהונג, נאָר פרייע טענץ, וואָס זיינען ניט געוועזען קיין לעקציע, נאָר א פּאָר צעהנדליג פּאָרלעך האָבען זיך ארומגעדרעהט ווי זייער הארץ האָט געגלוסט; און דאָס איז אויך נור געוועזען ניט מעהר ווי א פאָרבעריי־טונג צו דעם פיעל לעבעדיגערען און פיעל מעהר ווילדען קאָזאקען־טאנץ. טיכאָן פלעגט דאן זיין פידעל איבערגעבען צו איינעם פון די עלטערע און פלעגט אָנהויבען בעווייזען מיט זיינע פיס אזעלכע קונצען, אז די טהירען וואָס האָבען געפיהרט אין זאל פלעגען באלד פול ווערען מיט די קוכערס און אפילו די קוטשערס, וועלכע זיינען געקומען זעהן דעם טאנץ וואָס איז אזוי ליעב דער רוסישער הארץ.

ארום ניין א זייגער פלעגט מען שיקען די גרויסע קארעטע אָבצור־ברענגען די פאמיליע אהיים. טיכאָן, מיט דער בארשט אין האנד, פלעגט ארומקריכען איבער די דיעלען, און זיי מאכען גלאנצען מיט דעם פריהער־דיגען גלאנץ, און אין הויז האָט וויעדער געהערשט פאָלשטענדיגע אָרדנונג. אויף מאָרגען, אויב מען האָט אונז ביידען געשטעלט אונטער דעם שטרענג־סטען קרייץ־פערהער, האָבען מיר קיין איין וואָרט ניט ארויסגעלאָזט וועגען דער נעכטיגער אונטערהאלטונג. מיר וואָלטען קיינמאָל ניט פערראטהען וועמען־עס־איז פון אונזערע דיענער, און זיי וואָלטען אונז קיינמאָל ניט פערראטהען. איין זונטאָג, זיך שפּיעלענדיג אין ברייטען קאָרידאָר, האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אָן א געשטעל אויף וועלכען עס האָט זיך געהאלטען א טהייערער לאָמפּ. דער לאָמפּ איז צובראָכען געוואָרען אויף פּיצלעך. גלייך זיינען אלע דיענער זיך צונויפגעקומען אָבצוהאלטען א בעראטהונג. קיינער האָט אונז ניט געמאכט קיין פאָרווירפע; עס איז אָבער בעשלאָסען געוואָרען, אז מאָרגען גאנץ פריה זאָל זיך טיכאָן אויף זיין אייגענער ריזיקע און געפאהר ארויס׳גנב׳ענען פון הויז און זיך אריבערכאפּען צום שמיעדען־בריק, אָבצוקויפען אן אנדער לאָמפּ פון דעם אייגענעם פאסאָן.

דאָס האָט געקאָסט פופצעהן רובעל — אַן אונגעהייערע סומע פאַר די דיענער; זיי האָבען עס דאָך געקויפט, און קיינער האָט אונז קיינמאָל ניט אויסגערעדט דערפאַר.

ווען איך דענק וועגען דעם איצטער, און די אַלע סצענעס לעבען ווידער אָב אין מיין זכרון, דערמאָן איך זיך אַז מיר האָבען קיינמאָל ניט געהערט קיין גראָבע רייד, בעת יענע שפּיעלערייען, און האָבען אין די מענץ קיינמאָל ניט געזעהן עפּעס עהנליכעס צו יענעם מין טאַנצען, וואָס מען פיהרט היינטיגע צייטען קינדער אין טהעאַטער צו בעוואונדערען. אין הויז פון די דיענערס, צווישען זיך, האָבען זיי זיכער געברויכט גראָבע אויסדריקע; אָבער מיר זיינען געווען קינדער — א י ה ר ע קינדער — און דאָס האָט אונז נעשיצט פון דעם דאָזיגען סאָרט זאַכען.

אין יענע צייטען האָט מען קינדער ניט צובאַלעוועט מיט אַ סך שפּיעלצייג, ווי מען טהוט עס היינט. מיר האָבען כמעט קיינע שפּיעלצייג געהאַט, און מיר זיינען דעריבער געווען געצוואונגען אַליין עפּעס צו ערפינדען. אויסער דעם האָבען מיר ביידע פריה ערוואָרבען אַ געשמאַק פאַר טהעאַטער. די ניעדעריגע קאַרגיוואַל־טהעאַטערען, מיט די פאַרשטעהלונגען פון גנבות און געפעכטען, האָבען ניט געמאַכט אויף אונז קיין דויערהאַפטען איינדרוק: מיר אַליין האָבען זיך געגוג אָנגעשפּיעלט אין רויבער און סאַלדאַטען. אָבער דער גרויסער שטערען פון באַלעט, פאַני עלסלער, איז געקומען אין מאָסקווע, און מיר האָבען זי געזעהן. ווען דער פאָטער האָט גענומען אַ לאָזשע אין טהעאַטער, האָט ער זיך שטענדיג בעזאָרגט מיט איינע פון די בעסטע, און גוט בעצאָהלט פאַר דעם; דערפאַר אָבער האָט ער געוואָלט ניט אַנדערש אַז אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע זאָלען פון דעם געניסען וויפיעל עס איז ווערטה געווען. ווי קליין איך בין דעמאָלט געווען, האָט פאַני עלסלער אויף מיר איבערגעלאָזט דעם איינדרוק פון אַ וועזען וואָס איז אַזוי פול פון גראַציע, אַזוי גרינג, און אַזוי אַרטיסטיש אין אַלע איהרע בעוועגונגען, אַז זייט דעמאָלט האָב איך מעהר ניט געקענט פיהלען די קלענסטע אינטערעסע אין אַ טאַנץ וואָס האָט מעהר געהערט צו דעם געביעט פון גימנאַסטיק, איידער צו דעם געביעט פון קונסט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם באַלעט וואָס מיר האָבען געזעהן — גיטאַנאַ, די שפּאַנישע ציגיינערין — האָבען מיר געמוזט ווידערהאָלען אין דערהיים; ניט דאָס טאַנצען, נאָר דעם אינהאַלט. אַזוי ווי דער דורכגאַנג פון אונזער שלאָפצימער אין קלאַס־צימער האָט געהאַט אַ פאָרהאַנג אָנשטאָט אַ טהיר, האָבען מיר געהאַט אַ פאַרטיגע ביהנע. איינינע שטוהלען אויסגעשטעלט אין אַ האַלבען קרייז פון פאָרענט פון פאָרהאַנג, כ״ט

א פּאַטעל פּאַר מ. פּאָליין, איז געוואָרען דער זאַל און די קעניגליכע לאַזשע, און א פּובליקום האָט מען גאַנץ גרינג געקענט צונויפשטעלען פון דעם רוסישען לעהרער, יוליאַנאַ און א פּאָר מיידלעך פון די דיענער׳ס צימערען.

צוויי סצענען פונ׳ם באַלעט האָבען געדאַרפט פאָרגעשטעלט ווערען אויף וועלכען עס איז אופן: איינע וואו די ציגיינער ברענגען די קליינע גיטאַנאַ צו זיך אין לאַגער אויף א שטופּ־וועגעל, און די אַנדערע אין וועלכער ניטאַנאַ מאַכט איהר ערשטען אויפטריט אויף דער ביהנע, אַרונטערקומענדיג פון א באַרג און אַריבערגעהענדיג א בריק איבער א טייכעל אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב איהר געשטאַלט. ביי דיעזען פּונקט האָט דאָס פּובליקום אויסגעבראָכען אין שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען, און די בעגריסונגען זיינען בעשיינפּערליך אַרויסגערופען געוואָרען — אַזוי, וועניגסטענס, האָבען מיר געדענקט — פון דער אָבשפּיגלונג אין טייכעל.

אונזער גיטאַנאַ האָבען מיר געפונען אין איינע פון די אינגסטע מיידלעך אין דעם צימער פון די דיענסטען. איהר שטאַרק אָבגעטראָגען בלויע קאַרטונען קליידעל האָט ניט געשטערט איהר פּערזאָניפיצירונג פון פּאַני עלסלער. אַן איבערגעקעהרטער שטוהל, האָט גאַנץ גוט געדיענט פאַר א שטופּ־וועגעל. אָבער דער טייכעל! צוויי בענקלעך און אַנדרעי דעם שניידער׳ס לאַנגע פּרעס־ברעט האָבען געמאַכט דעם בריק, און א שטיק בלויע קאַרטון האָט געמאַכט דעם טייכעל. אָבער דאָס געשטאַלט אין טייכעל איז ניט ערשינען אין פולער גרויס, וויפיעל מען האָט זיך ניט געמאַטערט מיט פּאָליין׳ס קליינעם ראַזיר־שפּיגעל. נאָך עטליכע ניט־ערפאָלגרייכע אָנשטרענגונגען האָבען מיר עס געמוזט אויפגעבען, אָבער מיר האָבען אונטערגעקויפט יוליאַנאַ׳ן, זי זאָל זיך פערהאַלטען אַזוי ווי זי וואָלט געזעהן דאָס געשטאַלט, און ביי דיעזער סצענע זאָל זי הויך אַפּלאָדירען, ביז לסוף האָבען מיר אָנגעהויבען גלויבען אז אפשר קען זיך טאַקע עפּעס זעהן.

ראַסעין׳ס „פהעדרע“, אָדער וועניגסטענס דער לעצטער אקט פון דעם, איז אויך אָבגעגאַנגען גאַנץ נישקשהדיג; דאָס הייסט, סאַשאַ האָט שעהן דעקלאַמירט די מעלאָדישע פערזען און איך בין געזעסען פאַלשטענ־דיג אונבעוועגליך און גלייכגילטיג דורך דער גאַנצער צייט פון דעם טראַגישען מאָנאָלאָג, וועלכער האָט מיר געזאָלט אָנזאָגען דעם טויט פון מיין זוהן, ביז צו דער שטעלע וואו, לויט נאָכ׳ן בוך, האָב איך געדאַרפט אויסרופען, „אָ, דיעו!“ (אָ, גאָט!)

אָבער וואָס מיר זאָלען ניט האָבען פאָרגעשטעלט, אַלע אונזערע פאָר־שטעלונגען האָבען זיך תמיד געענדיגט מיט׳ן גיהנום. אַלע ליכט אויסער

איינע זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען, און די דאָזיגע איינציגע האָט מען אוועקגעשטעלט הינטער אַ דורכזיכטיגען פּאַפּיר נאָכצומאַכען פלאַמען, בעת איך מיט מיין ברודער, פערשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקעל, האָבען געוואויעט אויף דעם מורא'דיגסטען אופן ווי די געפייניגטע. יוליאַנא, וועלכע האָט ניט ליעב געהאַט קיין אָנדייטונג וועגען דעם „ניט־גוטען" פאַר'ן שלאָף, האָט אויסגעזעהן אַ דערשראָקענע. איך פרעג איצט זיך אליין, צי די דאָזיגע העכסט מגושם'דיגע פאָרשטעלונג פון גיהנום, מיט אַ ליכט און בויגען פּאַפּיר, האָט ניט בייגעטראָגען צו בעפרייען אונז ביידען יונגערהייט פון דער מורא פאַר די אייביגע פלאַמען. אונזער בעגריף וועגען דעם איז געווען צו רעאַליסטיש ניט צו צווייפלען דעריין.

איך האָב נאָך געמוזט זיין גאָר אין גאַנצען אַ קינד ווען איך האָב געזעהן די גרויסע מאָסקווער אַקטיאָרען: שעפּקין, סאַדאָווסקי, און שומסקי, אין גאָגאָל'ס „רעוויזאָר" און נאָך אַ קאָמעדיע; דאָך, געדענק איך ניט נאָר די הויפּט־סצענעס פון די צוויי טהעאַטער־שטיקער, נאָר אפילו די פּאָזעס און אויסדריקע פון די דאָזיגע גרויסע אַקטיאָרען פון דער רעאַליסטישער שולע, וועלכע איז איצט אַזוי וואונדערבאַר פערטראָטען פון דוזע. איך האָב זיי אַזוי גוט געדענקט, אַז ווען איך האָב דיזעלבע שטיקער געזעהן אויפגעפיהרט אין פּעטערבורג פון דער פראַנצויזישער דעקלאַמאַטאָרישער שולע, האָב איך קיין פערגעניגען ניט געפונען אין זייער שפּיעלען, פערגלייכענדיג זיי שטענדיג מיט שעפּקין און סאַדאָווסקי, וועלכע האָבען אויף אימער בעאיינפלוסט מיין געשמאַק אין דער דראַמאַ־טישער קונסט.

דאָס מאַכט מיך דענקען, אַז עלטערען, וועלכע ווילען ענטוויקלען אין זייערע קינדער אַן עסטעטישען געשמאַק, דאַרפען זיי אָפּטמאָל נעהמען צו ווירקליך גוט־געשפּיעלטע גוטע שטיקער, אָנשטאָט זיי צו שפּייזען מיט אַ סך אַזוי גערופענע „קינדערשע פאַנטאָמינעס".

V.

ווען מיר איז געגאַנגען דער אַכטער יאָהר, האָט דער נעקסטער שריט אין מיין קאַריערע אָנגענומען אַן אונערוואַרטעטע ווענדונג. איך ווייס ניט גענוי ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט דאָס האָט פּאַסירט, נאָר עס איז וואַהרשיינליך געווען צו דעם פינף־און־צוואַנציגסטען יאָהרעס־פעסט פון ניקאָליי דעם 1טען'ס הערשאַפט, ווען עס זיינען פאָרבערייט געוואָרען גרויסע פייערליכקייטען אין מאָסקווע. די קייזערליכע פאַמיליע האָט געזאָלט קומען אין דער אַלטער הויפּטשטאָדט, און דער מאָסקווער אַדעל האָט זיך געקליבען צו פייערען די דאָזיגע עראייגניס מיט אַ קאָסטיום־באַל אין וועלכען קינדער האָבען געזאָלט נעהמען אַ וויכטיגען אַנטייל. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַז דער גאַנצער פערשיידענאַרטיגער געזעמעל פון נאַציאָנאַליטעטען, פון וועלכע די בעפעלקערונג פון דער רוסישער אימ־פּעריע איז צוזאַמענגעשטעלט, זאָל זיין פערטראָטען אויף דעם דאָזיגען באַל צו בעגריסען דעם מאָנאַרך. גרויסע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען אין אונזער הויז, אַזוי גוט ווי אין די אַלע אַנדערע הייזער פון אונזער נאַכבאַרשאַפט. אונזער שטיפמוטער האָט זיך געלאָזט מאַכען אַ מערק־ווירדיגען קאָסטיום. אונזער פאָטער, אַלס מיליטער־מענש, האָט געדאַרפט ערשיינען, פערשטעהט זיך, אין זיין מונדיר; אָבער יענע קרובים אונזערע, וועלכע זיינען ניט געווען אין מיליטער־דיענסט, זיינען געווען פערנומען מיט זייערע רוסישע, גריכישע, קאַווקאַזישע און מאָנגאָלישע קאָסטיומען, פּונקט אַזוי ווי די פרויען. ווען די מאָסקווער אַדעללייט גיבען אַ באַל פאַר דער קייזערליכער פאַמיליע, מוז עס זיין עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. מיין ברודער אַלעקסאַנדער און מיך האָט מען בעטראַכט פאַר צו־יונג אַנטייל צו נעהמען אין אַזאַ וויכטיגער צערעמאָניע.

און דאָך, נאָך אַלעמען, האָב איך יאָ גענומען אַן אַנטייל אין דעם. אונזער מוטער איז געווען אַן אינטימע פריינדין פון מאַדאַם נאַזימאָף, די פרוי פון דעם גענעראַל, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר אין ווילנאַ, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דער בעפרייאונג פון די לייב־אייגנע. מאַדאַם נאַזימאָף, וועלכע איז געווען אַ זעלטען־שעהנע פרוי, האָט געדאַרפט ערשיינען אויפ'ן באַל מיט איהר קינד, וואָס איז געווען אַרום צעהן יאָהר אַלט, אָנגעטהאָן אין עפּעס אַ וואונדערליכען קאָסטיום פון אַ פּערזישער פּרינצעסין, און דער זוהן אין אַן עהנליכען קאָסטיום פון אַ פּערזישען פּרינץ, אויסנעהמליך רייך, מיט אַ גאַרטעל בעדעקט מיט

דימענטען. גראַד דעמאָלט אָבער איז דער אינגעל קראַנק געוואָרען, און מאַדאַם נאַזימאָף האָט געדענקט אַז איינער פון איהר בעסטער פריינדינ'ס קינדער וואָלט געווען אַ גוטער שטעל־פערטרעטער פאַר איהר אייגען קינד. מען האָט מיך און אַלעקסאַנדער'ן געבראַכט צו איהר אין הויז אָנצופּאַסען דעם קאָסטיום. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער קאָסטיום איז געווען צו קורץ פאַר אַלעקסאַנדער'ן, וועלכער איז געווען אַ סך העכער פאַר מיר, אָבער מיר האָט ער געפּאַסט אַקוראַט, און עס איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען אַז איך זאָל פאָרשטעלען דעם פּערזישען פּרינץ.

דער אונגעהייער גרויסער זאָל אין דעם הויז פון דעם מאָסקווער אדעל איז געווען געפּאַקט מיט געסט. יעדער פון די קינדער האָט געקראָגען אַ פאָהן וועלכע האָט געטראָגען אויפ'ן שפּיץ דעם וואָפּען־הערב פון איינער פון די זעכציג פּראָווינצען פון דער רוסישער אימפּעריע. איך האָב געהאַט אַן אָדלער וואָס האָט געשוועבט איבער אַ בלויען ים, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט, ווי איך האָב שפּעטער ערפאַהרען, דעם וואָפּען־הערב פון דער אַסטראַכאַנער גובערניע, ביים קאַספּישען מעער. מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין דער הינטער־זייט פון גרויסען זאַל, און מיר האָבען לאַנגזאַם מאַרשירט אין אַ דאָפּעלטער רייהע צו דער אויפגעהויבענער פּלאַטפּאָרמע, אויף וועלכער דער קייזער און זיין פאַמיליע זיינען געשטאַנען. צוקומענדיג צו דער פּלאַטפּאָרמע זיינען מיר זיך פונאַנדער אויף רעכטס און אויף לינקס, און אַזוי זיינען מיר געשטאַנען אויסגעשטעלט אין איין רייהע פאַר דער פּלאַטפּאָרמע. לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל האָבען זיך אַלע פאָהנען אַרונטערגעלאָזט פאַר'ן קייזער. די פערגעטערונג פון דער אויטאָקראַטיע איז געמאַכט געוואָרען העכסט איינדרוקספול: ניקאָליי איז געווען ענט־ציקט. אַלע גובערניעס פון דער אימפּעריע האָבען אָבגעגעבען כבוד דעם אַלערהעכסטען הערשער. דאַן האָבען מיר קינדער זיך צוריקגעצויגען אין הינטערסטען טייל פון זאַל.

אָבער דאָ איז פּאָרגעקומען אַ קליינער טומעל. קאַמערהעררען אין זייערע גאָלד־געשטיקטע מונדירען האָבען גענומען אַרומלויפען, און מען האָט מיך אַרויסגענומען פון די רייהען; מיין פעטער, פּרינץ גאַגאַרין, פערקליידט אַלס אַ טונגוז (איך בין געווען איבערראַשט מיט בעוואונדע־רונג פון זיין שעהנעם לעדערנעם מאַנטעל, זיין בויגען, און זיין קיווער פול מיט פיילען), האָט מיך אויפגעהויבען אין זיינע אָרעמס, און האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער קייזערליכער פּלאַטפּאָרמע.

צי דערפאַר ווייל איך בין געווען דער קלענסטער אין דער גאַנצער רייהע אינגלעך, אָדער ווייל מיין רונד פּנים'ל, איינגעראַמט אין קרייזלעך, האָט אויסגעזעהן מאָדנע קאָמיש אונטער דער הויכער אַסטראַכאַן־

פוטערנע היטעל וואָס איך האָב געטראָגען, ווייס איך ניט. אָבער ניקאָליי האָט מיך געוואָלט האָבען אויף דער פּלאַטפאָרמע; און איך בין דאָרט געשטאַנען צווישען גענעראַלען און דאַמען, וועלכע האָבען אויף מיר אַראָבּ־געקוקט מיט נייגיריגקייט. שפּעטער האָט מען מיך דערצעהלט, אַז ניקאָליי דער 1טער, וועלכער האָט שטענדיג ליעב געהאַט קאַזאַרמען־וויצען, האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן אָרעם און, צופיהרענדיג צו מאַריאַ אַלעקסאַנד־ראָוונאַ (די פרוי פון דעם קרוין־פּרינץ), וועלכע האָט זיך געריכט אויף איהר דריטעס קינד, האָט ער געזאָגט אויף זיין מיליטערישען שטייגער, „אָט אַזאַ איננגעל מוזטו מיר האָבען" — אַ וויץ פון וועלכען זי איז שטאַרק רויט געוואָרען. יעדענפאַלס געדענק איך גוט, ווי ניקאָליי האָט מיך געפרעגט צי איך וויל צוקערקעס; איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך וואָלט געוואָלט האָבען די קליינינקע קיכעלעך וועלכע מען האָט סערווירט מיט טהעע (אין דערהיים האָט מען אונז קיינמאָל ניט איבערגעקאָרמעט), און ער האָט צוגערופען אַ קעלנער און האָט אויסגעליידיגט אַ פולען טאַץ אין מיין היטעל הויבען אַריין. „איך וועל זיי אוועקטראָגען פאַר סאַשאַ'ן", האָב איך צו איהם געזאָגט.

ניקאָליי'ס סאָלדאַטשקער ברודער, מיכאיל, וועלכער האָט גע'שם'ט פאַר אַ וויצלינג, האָט דאָך בעוויזען מיך צו מאַכען וויינען. „ביזטו אַ גוטער איננגעל", האָט ער געזאָגט, „בענעהט מען זיך מיט דיר אַזוי", און ער האָט אַ פאָהר געטהאָן מיט זיין גרויסער האַנד איבער מיין פּנים אַרונטער; „ביזטו אָבער אַ שלעכטער, טהוט מען אָט אַזוי", און ער האָט אַ פאָהר געטהאָן מיט דער האַנד אַרויף, פעררייסענדיג מיין נעזעל, וועלכער האָט שוין אַזוי אויך געהאַט די טבע צו וואַקסען אין דער דאָזיגער ריכטונג. טרערען, וועלכע איך האָב זיך אומזיסט פּרובירט איינצוהאַלטען, האָבען זיך בעוויזען אין מיינע אויגען. די דאַמען האָבען זיך אויפ'ן שטעל פאַר מיר אָנגענומען, און די גוטהערציגע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיך גענומען אונטער איהר שוץ. זי האָט מיך אוועקגעזעצט נעבען זיך, אין אַ הויכען סאַמעטענעם שטוהל בענולט פון הינטען, און ווי אונזערע האָבען מיר דערנאָך דערצעהלט, האָב איך אין אַ ווײַלע אַרום אוועקגעלעגט מיין קאָפּ ביי איהר אויפ'ן שויס און בין איינגעשלאָפען. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דער באַל האָט אָנגעהאַלטען, האָט זי זיך ניט אויפגעהויבען פון שטוהל.

איך געדענק אויך, אַז בעת מיר האָבען געוואַרט אויף אונזער קאַרעטע, האָבען מיך אונזערע קרובים געגלעט און געקושט, זאָגענדיג „פּעטיאַ, מען האָט דיך געמאַכט פאַר אַ פּאַזש"; איך האָב אָבער געענטפערט, „איך בין ניט קיין פּאַזש; איך וויל געהן אַהיים", און איך בין געוועזן שטאַרק

בעזאָרגט וועגען מיין הוט וואו עס זיינען געוועזן די שעהנינקע קליינינקע קיכעלעך, וועלכע איך האָב געטראָגען פאַר סאַשאַ'ן.

איך ווייס ניט צי סאַשאַ'ן איז אָנגעקומען א סך פון די דאָזיגע קיכעלעך, איך עראינער מיך אָבער ווי שטאַרק ער האָט מיך ארומגענומען ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווי בעזאָרגט איך בין געוועזן וועגען דעם הוט.

זיין פערשריבען אַלס אַ קאַנדידאַט פאַר'ן פּאַזשען-קאָרפּוס איז דעמאָלט געוועזן אַ גרויסע עהרע, וועלכע ניקאָליי האָט זעלטען צוגעטיילט דעם מאָסקווער אדעל. מיין פאָטער איז געוועזן מלא שמחה, און האָט שוין געטרוימט וועגען אַ בריליאַנטענער הויף-קאַריערע פאַר זיין זוהן. אונזער שטיפמוטער, יעדעס מאָל ווען זי האָט דערצעהלט די געשיכטע, האָט זי קיינמאָל ניט פערגעסען צוצולעגען, „דאָס איז אַלץ דערפאַר וואָס איך האָב איהם געגעבען מיין ברכה איידער ער איז געגאַנגען צום באַל“.

אויך מאַדאַם נאַזימאָף איז געוועזן פול פרייד, און האָט ניט אַנדערש געוואָלט אַז אויף איהר פאָרטרעט אין דעם קאָסטיום אין וועלכען זי האָט אַזוי שעהן אויסגעזעהן, זאָל איך שטעהן ביי איהר זייט.

מיין ברודער אַלעקסאַנדער'ס שיקזאַל איז אויך בעשטימט געוואָרען דעם נעקסטען יאָהר. דער יובילעאום פון דעם איזמאַילאָווסקי'ן פּאָלק, צו וועלכען מיין פאָטער האָט געהערט אין זיין יוגענד, איז געפייערט געוואָרען ארום דערזעלבער צייט אין פּעטערבורג. איין נאַכט, ווען דאָס גאַנצע הויז איז געוועזן פערזונקען אין טיעפען שלאָף, האָט זיך אָבגעשטעלט אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט דריי פערד, און קלינגענדיג מיט גלעקלעך, נעבען אונזער טויער. אַ מאַן איז פון איהר אַרויסגעשפּרונגען, הויך אויסשרייענדיג, „עפּענט, אַ בעפעהל פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער!“

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען דעם שרעק וואָס דער דאָזיגער ביי-נאַכטיגער בעזוך האָט פערשפּרייט איבער'ן הויז. מיין פאָטער, ציטערענדיג ווי אַ בלאַט, איז ארונטער אין זיין קאַבינעט. „קריעגס-געריכט און דעגראַ-דירונג“, זיינען געוועזן ווערטער וועלכע האָבען דעמאָלט געקלונגען אין די אויערן פון יעדען מיליטער-מענש. ס'איז געוועזן אַ שרעקליכע עפּאָכע. אָבער דאָס מאָל האָט ניקאָליי פּשוט געוואָלט האָבען די נעמען פון די זיהן פון אַלע אָפיצירען וואָס האָבען געהערט צום רעגימענט, כדי צו שיקען אין מיליטער-שולען די וואָס זיינען נאָך דאָרטען ניט געוועזן פערשריבען. אַ ספּעציעלער שליח איז צוליעב דעם דאָזיגען צוועק אַרויסגעשיקט געוואָרען פון פּעטערבורג אין מאָסקווע, און ער האָט עס בעזוכט בייטאָג און ביינאַכט די הייזער פון די געוועזענע איזמאַילאָווסקע אָפיצירען.

מיט אַ ציטערדיגער האַנד האָט מיין פאָטער אָנגעשריבען אַז זיין

עלטסטער זוהן, ניקאָליי, איז שוין אין דעם ערשטען קאדעטען קאָרפּוס אין מאָסקווע; אז זיין אינגסטער זוהן, פּעטער, איז א קאנדידאט פאר׳ן פּאזשען קאָרפּוס; און אז געבליבען איז בלויז זיין צווייטער זוהן, אַלעקסאנדער, וועלכער איז נאָך ניט אריינגעטרעטען אין דער מיליטערי־שער שולע. אין עטליכע וואָכען ארום איז אָנגעקומען א פּאפּיר וואָס האָט בעקאַנט געמאכט דעם פאָטער דעם „מאָנארך׳ס גנאדע“. אַלעקסאנדער האָט געקראָגען דעם בעפעהל אריינצוטרעטען אין א קאדעטען קאָרפּוס אין אָריאָל, א קליינע פּראָווינץ שטאָדט. עס האָט געקאָסט דעם פאָטער א רעכט ביסעל מיה און געלד צו פּועל׳ן אז אַלעקסאנדער זאָל דיענען אין א קאדעטען קאָרפּוס אין מאָסקווע. מען האָט גע׳פּועל׳ט די דאָזיגע נייע „גנאדע“ נור צוליעב דעם פאקט וואָס דער עלטערער ברודער איז געווען אין יענעם קאָרפּוס.

און אָט אזוי, צו פערדאנקען דעם ווילען פון ניקאָליי דעם 1טען, האָבען מיר ביידע געמוזט קריגען א מיליטערישע ערציהונג, כאָטש איידער מיר זיינען מיט עטליכע יאָהר עלטער געוואָרען, האָבען מיר איינפאך געהאסט די מיליטערישע קאריערע פאר איהר אונזיניגקייט. אָבער ניקאָליי דער 1טער האָט שטארק אויפגעפּאסט אז קיינער פון די זיהן פון דעם אדעל זאָלען זיך ניט אָבגעבען מיט קיין אנדער פּראָפעסיאָן אויסער דער מילי־טערישער, סיידען זיי זיינען געווען שוואך אין געזונד; און אזוי האָבען מיר אַלע דריי געמוזט זיין אָפיצירען, צו דער גרויסער צופריעדענהייט פון מיין פאָטער.

VI.

אין יענער צייט פלעגט מען מעסטען רייכקייט לויט דער צאָהל „זעעלען“ וואָס א לאנד־אייגענטימער האָט פערמאָגט. אזוי פיעל „זעעלען“ האָט געהייסען אזוי פיעל מענליכע לייבאייגענע: פרויען זיינען ניט אריין אין חשבון. מיין פאָטער, וועלכער האָט פערמאָגט גענויע צוועלף הונדערט זעעלען, אין דריי פערשיידענע פּראָווינצען, און אחוץ דאָס לאנד וואָס די פּויערים האָבען געהאַלטען, האָט ער נאָך געהאט גרויסע שטרעקען לאנד וואָס די דאָזיגע פּויערים האָבען פאר איהם בעארבייט, איז פערעכענט געוואָרען פאר א רייכען מאַן. ער האָט געלעבט ברייטליך ווי זיין רעפּו־טאַציע האָט געפאָדערט, דאָס האָט געמיינט אָן אָפען הויז פאר וויפיעל געסט עס זאָלען ניט קומען און א זעהר גרויסע ווירטשאפט.

מיר זיינען געווען א פאמיליע פון אכט, אמאָל פון צעהן אָדער צוועלף; אָבער מען האָט ניט געדענקט אז פופציג דיענער אין מאָסקווע, און נאָך א

העלפט אַזוי פיעל אויפ'ן לאַנד, איז געווען צו־פיעל. פיער קוטשערס אויפ־צופּאַסען אויף אַ טוץ פערד, דריי קוכערס פאַר די בעלי־בתים און נאָך צוויי פאַר די דיענער, אַ טוץ מענשען אונז צו בעדיענען ביים מיטאָג (אַ מאַן, מיט אַ טעלער אין האַנד, שטעהענדיג הינטער יעדער פערזאָן וואָס איז געזעסען ביים טיש) און מיידלעך אָהן אַ צאָהל אין צימער פון די דיענסטמיידלעך — ווי אַזוי האָט מען געקענט אויסקומען מיט ווענינגער?

אחוץ דעם, האָט יעדער לאַנד־אייגענטימער געהאַט די אמביציע, אַז אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר זיין ווירטשאַפט זאָל געמאַכט ווערען אין דער־היים פון זיינע אייגענע מענשען.

„ווי שעהן אייער קלאַוויר איז שטענדיג געטאָנט! איז הערר שימעל אייער קלאַוויר־שטימער?" — האָט אַ גאַסט אַמאָל געקענט מאַכען אַ בעמערקונג.

צו זיין אימשטאַנד צו ענטפערען, „איך האָב מיין אייגענעם קלאַוויר־שטימער", איז דעמאָלט געווען די ריכטיגע זאַך.

„וואָס פאַר פּראַכטפאָלע פּאַשטעטען!" פלעגען די געסט אויסשרייען, ווען אַ קונציג שטיקעל ארבייט, צוזאַמענגעשטעלט פון געפּראָרען שמאַנט און צוקער־געבעק, האָט זיך בעוויזען צום סוף פון מאָלצייט. „זייט זיך מודה, פּרינץ, אַז דאָס קומט פון טרעמלע" (דער מאָדישער פּאַשטעטען־בעקער).

„דאָס האָט געמאַכט מיין אייגענער צוקערניק, אַ תלמיד פון טרעמלע, וועמען איך האָב ערלויבט צו ווייזען וואָס ער קען", איז געווען אַן ענטפער וואָס האָט ארויסגערופען אַלגעמיינע בעוואונדערונג.

צו האָבען שטיקערייען, געשפּאַנען, מעבעל — טהאַטזעכליך, אַלצדינג — געמאַכט פון אייגענע מענשען, איז געווען דער אידעאַל פון דעם רייכען און נעאַכטעטען לאַנד־אייגענטימער. אַזוי גיך ווי קינדער פון די דיענער האָבען דערגרייכט דעם עלטער פון צעהן יאָהר, האָט מען זיי אָוועקגעשיקט אַלס לעהרלינגס אין די מאָדישע ווערקשטאַטען, וואו זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פערברענגען פינף אָדער זיעבען יאָהר הויפּטזעכליך אין טהאָן די הויז־ארבייט, קריגען געשלאָגען אָהן אַ שיעור, און ארומלויפען איבער'ן שטאָדט פאַר אַלערליי שליחות'ן. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז ווענינגע פון זיי זיינען געוואָרען מייסטערס פון זייער פאַך. די שניידער און שוסטער האָבען זיך נור אויסגעלערענט צו נעהען קליידער אָדער שיך פאַר די דיענער, און ווען מען האָט געדאַרפט אַ ריכטיג גוטען פּאַ'שטעט צו אַ מיטאָג, האָט מען עס טאַקע בעשטעלט ביי טרעמלע, וועהרענד אונזער אייגענער צוקערניק האָט געפּייקעלט אין דער מוזיק־קאַפּעליע.

די דאָזיגע קאַפּעליע איז געווען נאָך איינע פון מיין פאָטער'ס

אמביציעס, און כמעט יעדער איינער פון זיינע דיענער, אלס צוגאָב צו די אַנדערע אומנות׳ן, איז געווען אַ באַס־פּיאָל אָדער אַ טרומייטער אין דער קאַפּעליע. מאַקאַר, דער קלאַוויר־שטימער, זאָנסט אונטער־קעלנער, איז אויך געווען אַ פּליטיסט; אַנדרעי, דער שניידער, האָט געשפּיעלט דעם פראַנצויזישען האָרן; דער צוקערניק איז תחילת אָנגעשטעלט געוואָרען אלס פייקלער, ער האָט אָבער אַזוי מיסברויכט דעם אינסטרומענט און אלעמען טויב געמאַכט מיט זיינע קלעפּ אויפ׳ן פּויק, אַז מען האָט געקויפט פאַר איהם אַ גרויסען טראָמייט, מיט דער האָפענונג אַז זיינע לונגען וועלען ניט זיין אַזוי שטאַרק צו מאַכען אַזאַ טומעל ווי זיינע הענד; אָבער ווען מען האָט די דאָזיגע האָפענונג אויך געמוזט אויפגעבען, האָט מען איהם גאָר אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. דער „געשטופּעלטער טיכאָן“, האָט צו זיינע פיעלע עובדות אין דער ווירטשאַפט אלס לאָמפען־פּוצער, דיעלען־פּאָלירער און לאָקיי, זיך אויך ניצליך געמאַכט אין דער קאַפּעליע — היינט אלס אַ טרובאַטש, מאָרגען אלס אַ באַסאָן, און ביי געלעגענהייט אלס צווייטע פידעל.

די צוויי ערשטע פידלער זיינען געווען די איינציגע אויסנאַהמע פון דער רעגעל: זיי זיינען געווען „פידלער“ און ווייטער גאָרנישט. מיין פאָטער האָט זיי געקויפט, מיט זייערע גרויסע פאַמיליעס, פאַר אַ היבשע סומע געלד, פון זיין שוועסטער (ער האָט קיינמאָל ניט געקויפט קיין שקלאַפען פון פרעמדע און האָט זיי אויך קיינמאָל ניט פערקויפט צו פרעמדע). אין די אָבענדען ווען ער איז ניט געגאַנגען אין קלוב, אָדער ווען עס איז געווען אַ מיטאָג־ אָדער אָבענד־געזעלשאַפט אין אונזער הויז, האָט ער צוזאַמענגע־רופען די קאַפּעליע פון צוועלף ביז פופצעהן מאַן. זיי האָבען זעהר שעהן געשפּיעלט, און עס איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף זיי פאַר די טאַנץ־אונטערהאַלטונגען אין דער נאָכבאַרשאַפט; דערהויפּט ווען מיר זיינען געווען אויפ׳ן לאַנד. פאַר מיין פאָטער איז, פערשטעהט זיך, דאָס געווען אַ שטענדיגער קוואַל פון פערגעניגען, דען מען האָט ביי איהם געמוזט בעטען ערלויבנים צו קריגען די הילף פון זיין קאַפּעליע.

ווירקליך, קיין זאַך האָט איהם ניט פערשאַפט אַזוי פיעל פערגעניגען ווי דאָס בעטען ביי איהם הילף פאַר אַזוינע זאַכען אָדער פאַר אַנדערע, ווי צום ביישפּיעל, צו קריגען פרייע בילדונג פאַר אַ אינגעל, אָדער ארויסצו־ראַטעווען אימיצען פון אַ שטראָף, צו וועלכער דאָס געריכט האָט איהם פער׳משפּט. אָבוואָהל ער פלעגט אָפט אַריינפאַלען אין אַ שטאַרקען אויס־ברוך פון צאָרן, האָט ער דאָך אָהן צווייפעל געהאַט אַ נאַטירליכען אינס־טינקט פאַר מילדקייט, און ווען מען האָט זיך צו איהם געווענדעט נאָך שוץ, פלעגט ער שרייבען צעהנדליגע בריף אין אַלע מעגליכע ריכטונגען, צו

אלערליי הויף־געשטעלטע פּערזאָנען, כדי א טובה צו טהאָן דעם וואָס ער האָט מקרב געווען. אין אזעלכע צייטען, פלעגט זיין קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז שטענדיג געווען א שווערע, נאָך שווערער ווערען מיט א האלבען טוץ ספּעציעלע בריעף, געשריבען אין א העכסט אָריגינעלען, האלב־אָפיציעלען און האלב־הומאָריסטישען סטיל; יעדער פון זיי פערזיעגעלט, פערשטעהט זיך, מיט זיין וואפּען־הערב, אין א גרויסען פּיערקאַנטיגען קאָנווערט, וועלכער האָט געקלאַפּערט ווי א קינדער־קלאַפּער צוליעב דער היבש ביסעל זאמד וואָס האָט זיך אין איהם געפונען — פון קיין קלעק־פּאַפּיר האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט. וואָס שווערער עס איז געווען דער פאַל, אלץ מעהר ענערגיע האָט ער ארויסגעוויזען, ביז ער איז געווען זיכער מיט דער טובה וואָס ער האָט פערלאַנגט פאַר זיין בעשיצטען, וועמען ער האָט אין מעהרערע פעלע גאָר אין די אויגען ניט געזעהן.

מיין פאָטער האָט ליעב געה־אַט צו האָבען א סך געסט אין זיין הויז. אונזער מיטאָג־שטונדע איז געווען פיער א זייגער, און אום זיעבען האָט זיך די פאַמיליע פערזאַמעלט ארום דעם סאַמאָוואַר צו טרינקען טהעע. יעדערער וואָס האָט געהערט צו אונזער קרייז האָט געקענט אריינקומען צו דיעזער שטונדע, און זינט מיין שוועסטער העלענע האָט וויעדער געוואוינט מיט אונז, איז ניט געווען קיין מאַנגעל אין געסט, יונגע און אלטע, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט דער פּריווילעגיע. ווען די פענסטער צום גאַס האָבען געוויזען א העלע ליכטיגקייט אינוועניג, האָבען אלע מענשען געוואוסט אז די פאַמיליע איז אין דערהיים, און אז פריינד וועלען זיין ווילקאָמען.

כמעט יעדע נאַכט האָבען מיר געהאַט געסט. די גרינע טישען אין זאַל האָט מען געעפענט פאַר די קאָרטען־שפּיעלער, ווערענד די דאַמען און דאָס יונגוואַרג זיינען פערבליבען אין גאַסט־צימער אָדער ארום העלענא׳ס פּיאַנאָ. ווען די דאַמען זיינען שוין געווען אוועק, איז דער קאָרטען־שפּיעל נאָך אָנגעגאַנגען אָפטמאָל ביז שפּעט פאַרטאָג, און גאַנץ היבשע סומען געלד האָבען געביטען הענד אונטער דער צייט. דער פאָטער האָט שטענדיג פערלאָרען. אָבער אין דערהיים איז דאָס נאָך קיין סכנה ניט געווען, די הויפּט־געפאַהר איז געווען אין ענגלישען קלוב, וואו די איינ־שטעלען זיינען געווען א סך העכער ווי אין א פּריוואַט־הויז, און איבער־הויפּט ווען עס איז איהם אויסגעקומען זיך אָנצושליסען א געזעלשאַפט פון „זעהר בכבוד׳ע“ אדעללייט, אין איינע פון די אריסטאָקראַטישע הייזער פון דעם אלטען שטאַלמייסטער׳ס־קווארטאל, וואו דער קאָרטען־שפּיעל האָט אָנגעהאלטען די גאַנצע נאַכט. ביי אזא געלעגענהייט איז שוין געווען זיכער אז ער וועט פערלירען שווער.

טאַנץ־פּאַרטיעס זיינען ניט געווען קיין זעלטענהייט, שוין ניט צו רעדען פון אַ פּאָר בעלער יעדען ווינטער וועלכע מען האָט געמוזט געבען. דעם פאָטער'ס שטייגער אין אַזעלכע פעלע איז געווען איינצואָרדנען אַליז אויפ'ן גרויסען אופן, וויפיעל עס זאָל ניט קאָסטען. אין דערזעלבער צייט אָבער איז אין אונזער הויז אין טעגליכען לעבען אָנגעגאַנגען אַזאַ מין קאַרגשאַפּט, אַז ווען איך זאָל עס דערצעהלען, וואָלט מען מיך זיכער בעשולדיגט אין איבערטרייבען. מען דערצעהלט וועגען אַ פאַמיליע וואָס האָט געהאַט פּרעטענזיעס אויפ'ן פראַנצויזישען טראָהן, און איז געווען בעריהמט פאַר איהרע אמת־קעניגליכע יאַגד־פּאַרטיעס, אַז אין זייער הויז־לעבען האָבען זיי געפיהרט אַ גענויעם חשבון אפילו פון די חלב'נע ליכט. דערזעלבער מין גייציגע עקאָנאָמיע אין אַלץ האָט געהערשט אין אונזער הויז, און אויף אונז קינדער האָט עס געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז ווען מיר זיינען אויפגעוואַקסען האָבען מיר אמת געהאַסט יעדען שפּאָרען און חשבונ'ען. אין דעם אַלטען שטאַלמייסטערס'־קוואַרטאַל אָבער האָט אַזאַ פאָרמע פון לעבען גראָד דערהויבען מיין פאָטער אין אַלעמענס אויגען. „דער אַלטער פּרינץ" פלעגט מען זאָגען, „איז הפנים שטייף אויפ'ן גראָשען אין דערהיים; אָבער ער וויים ווי אַן אדעלמאַן בעדאַרף צו לעבען".

אין אונזערע שטילע און ריינע געסלעך האָט מען פּונקט אַזאַ אַרט לעבען אַם מייסטען רעספּעקטירט. איינער פון אונזערע שכנים, גענעראַל ד—, האָט געפיהרט זיין הויז גאָר אויף אַ גרויסאַרטיגען שטייגער; און דאָך זיינען יעדען פריהמאָרגען פאָרגעקומען די קאָמישסטע סצענעס צווישען איהם און זיין קוכער. נאָכ'ן פריהשטיק פלעגט דער אַלטער גענע־ראַל, רויכערענדיג זיין פּיפּקע, אַליין בעשטעלען דעם מיטאָג.

„נו, מיין יונג", פלעגט ער זאָגען צום קוכער, וועלכער פלעגט אריינ־קומען אין אַ שנעע־ווייסען אָנצוג, „היינט וועלען מיר ניט האָבען פיעל פרעמדע מענשען: נאָר אַ פּאָר געסט. דו וועסט אונז מאַכען אַ זופּ, דו ווייסט דאָך, מיט אַביסעל פריהלינג־גאַשערייען — גרינע אַרבעס, פראַנ־צויזישע בעבלעך, און אַזוי ווייטער. דו האָסט דאָס אונז נאָך ניט געגעבען, און די מאַדאַם, דו ווייסט דאָך, האָט ליעב אַ גוטען פראַנצויזישען פריהלינג־זופּ".

„יאַ, מיין הער."

„דאַן, קענסטו מאַכען וואָס דיר געפעלט פאַר אַ פאָרשפּייז."

„יאַ, מיין הערר."

„פערשטעהט זיך, שפּאַרגעל איז נאָך ניט אין סעזאָן, אָבער איך האָב געכטען געזעהן אַזעלכע שעהנע בינטלעך אין די קראָמען."

„יאַ, מיין הערר; פּיער רובעל אַ בינטעל."

„גאַנץ ריכטיג! אָבער, דיינע געבראָטענע היהנער און אינדיקעס האָבען זיך אונז שוין צוגעגעסען; דו האָסט געדאַרפט קריגען עפּעס פאַר אַן איבערבייט.“

„פילייכט יאגד־פלייש, מיין הערר?“

„יאַ, יאַ, עפּעס וואָס פאַר אַן איבערבייט.“

און ווען זיי האָבען שוין איינגעשטימט אויף די זעקס געריכטען פון מיטאָג, פלעגט דער אַלטער גענעראַל פרעגען, „נו, איז וויפיעל זאָל איך דיר געבען פאַר'ן טאָג הוצאות? דריי רובעל וועט זיין גענוג, וואָס?“

„צעהן רובעל, מיין הערר.“

„עט, נארישקייט, מיין יונג! דאָ האָסטו דריי רובעל; איך פערזיכער דיר אַז עס איז גאַנץ גענוג.“

„פיער רובעל פאַר שפּאַרגעל, צוויי און אַ פערטעל פאַר גרינצייג.“

„אָבער, מיין ליעבער יונג, הער נאָר אויס, זיי דאָך פערנינפטיג. איך וועל געהן אַזוי הויך ווי דריי פינף־און־זיעבעציג, און דו מוזט זייז עקאָנאָמיש.“

און דאָס דינגען זיך פלעגט אָנהאַלטען פאַר אַ האַלבע שעה, ביז ביידע פלעגען זיך אויסגלייכען אויף זיעבען רובעל מיט אַ פערטעל, מיט דעם בעדינגג אַז דער מאָרגענדיגער מיטאָג וועט ניט קאָסטען מעהר ווי אָנדערט־האַלב רובעל. גלייך דערויף, צופריעדען וואָס ער האָט געכאַפּט אַזאַ מציאה, פלעגט דער גענעראַל זיך אריינזעצען אין זיין שליטען, ארומפאָהרען די מאָדע־קראָמען, און זיך אומקעהרען מלא שמחה, ברענגענדיג פאַר זיין פרוי אַ פלעשעל אויסגעצייכענטען פּערפיום, פאַר וועלכען ער האָט בעצאָהלט אַ קנאַקעדיגען פּרייז, און אָנזאָגען זיין בת־יחידה, אַז נאָכמיטאָג וועט מען איהר ברענגען אָנצופּאַסען אַ נייעם סאַמעטענעם מאַנטעל — „עטוואָס גאַנץ איינפאַכעס“, און זעהר אַ טהייערען.

אַלע אונזערע קרובים, וועלכע מיר האָבען געהאַט אַ סך פון פאָטער'ס צד, האָבען געלעבט פּונקט אויף דעם זעלבען אופן. אויב עס האָט זיך ווען־עס־איז בעוויזען צווישען זיי אַ נייער גייסט, האָט ער געוועהנליך אָנגע־נומען די פאָרמע פון עפּעס אַ רעליגיעזער ליידענשאַפט. אַזוי האָט זיך אַ פּרינץ גאַגאַרין אָנגעשלאָסען דעם יעזואיטען אָרדען, ווידער צו דער שאַנדע פון „גאַנץ מאָסקווע“; אַן אַנדער יונגער פּרינץ איז אַריין אין אַ מאָנאַסטיר, וועהרענד עטליכע דאַמען זיינען געוואָרען שטאַרקע רעליגיעזע פאַנאַטיקער.

עס איז געווען איין איינציגע אויסנאַהמע. איינער פון אונזערע נעהנטסטע קרובים, פּרינץ — לאָמיך איהם רופען מירסקי — האָט פער־

בראַכט זיין יוגענד אין פּעטערבורג אַלס אַן אָפיציר פון דער גוואַרדיע. ער האָט ניט געהאַט קיין אינטערעסע צו האַלטען זיינע אייגענע שניידערס און סטאָליערס, ווייל זיין הויז איז געווען אויסמעבלירט אויף אַ גרויסאַרטיגען מאָדערנעם אופן, און די קליידער וואָס ער האָט געטראָגען זיינען אַלע געמאַכט געוואָרען אין די בעסטע פּעטערבורגער קראָמען. צו קאָרטען־שפּיעל האָט ער קיין נייגונג ניט געהאַט — ער האָט נאָר געשפּיעלט ווען ער איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון דאַמען; אָבער זיין שוואַכער פּונקט איז געווען זיין מיטאָג־טיש, אויף וועלכען ער האָט אויסגעבראַכט אונגלויבליכע סומען געלד.

„פאַסט־צייט“ און פּסח זיינען געווען די הויפּט־צייטען פון פערשוועג־דעריי. ווען עס איז געקומען די פאַסט־צייט, ווען עס וואָלט ניט געווען שעהן צו עסען פלייש, סמעטענע, אָדער פּוטער, האָט ער אריינגעכאַפּט די געלעגענהייט אויסצוקלערען אַלערליי מינים לעקער־ביסען געמאַכט פון פיש. ער האָט צו דעם צוועק דורכגענישטערט די בעסטע קראָמען פון די ביידע הויפּטשטעדט; ספּעציעלע אַגענטען פלעגען ארויסגעשיקט ווערען פון זיין הויף צו דער וואָלגאַ־געגענד, כדי צו ברענגען פון דאָרט אויף פּאָטשטאָווע פערד (קיין באַהנען זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען) אַ גרויסען שטער־פיש אָדער וועלכע עס איז אויסערגעוועהנליכע געטריקענטע פיש. און ווען פּסח איז געקומען, האָבען זיינע ערפינדונגען נאָר קיין ברעג ניט געהאַט.

פּסח, אין רוסלאַנד, איז דער הייליגסטער און אויך דער לוסטיגסטער פון די יעהרליכע ימים־טובים. עס איז דער יום־טוב פון פריהלינג. די אונגעהייערע בערג שנעע, וועלכע זיינען דעם גאַנצען ווינטער געלעגען אין די גאַסען, הויבען געשווינד אָן צו שמעלצען און רוישענדע שטראָמען לויפען ארונטער די גאַסען; ניט ווי אַ גנב וואָס שלייכט זיך אריין ביסלעכ־ווייז אונבעמערקטערהייט, נאָר פראַנק און פריי קומט דער פריהלינג — מיטברענגענדיג מיט זיך יעדען טאָג אַן אומענדערונג אין דעם צושטאַנד פון דעם שנעע און אין דעם פאָרטשריט פון די קנאָספּען אויף די בוימער; די ביינאַכטיגע פרעסטלעך האַלטען נור אָב דאָס שמעלצען פון דעם שנעע. די לעצטע וואָך פון דער גרויסער פאַסט־צייט, די ליידען־וואָך, פלעגט מען אין מיין קינדהייטס־צייט האַלטען אין מאָסקווע זעהר פייערליך; עס איז געווען אַ צייט פון אַלגעמיינעם טרויער, און מאַסען מענשען זיינען געגאַנגען אין די קירכען זיך צוהערען צו דעם איינדרוקספולען פאָרלעזען פון יענע פּסוקים פון די עוואַנגעליען, וועלכע דערצעהלען די ליידען פון קריסטוס. ניט נאָר האָט מען ניט געגעסען קיין פלייש, אייער אָדער פּוטער, נאָר אפילו פון פיש האָט מען זיך אָבגעזאָגט; אנדערע פון די נאָר פרומע

האָבען אין גאַנצען ניט געגעסען אום גוט־פרייטאָג. דערפאַר איז געווען שטאַרקער דער קאָנטראַסט ווען פסח איז געקומען.

שבת איז יעדערער געגאַנגען אין דער קירכע צום נאַכט־געבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אויף א טרויעריגען שטייגער. פּלוצלינג אָבער, פּונקט צו האַלבע נאַכט, פלעגט פערקינדיגט ווערען די נייעס פון אויפערשטעהונג. אַלע קירכען פלעגען מיט אַמאָל אילומינירט ווערען, און לוסטיגע גלאָקען־קלאַנגען האָבען אָבגעקלונגען פון הונדערטער גלאָקען־טהורעמס. אַ אַלגע־מיינע שמחה האָט זיך אָנגעפאַנגען. אַלע האָבען גענומען קושען איינער דעם אַנדערען אויף די באַקען, צו דריי מאָל, איבערזאָגענדיג די ווערטער „קריסטוס איז אויפגעשטאַנען“, און די קירכען, וואָס זיינען פערפלייצט געוואָרען מיט ליכט, האָבען געשיינט מיט די פּרעכטיגע טואַלעטען פון די דאַמען. די אָרעמסטע פרוי האָט געטראָגען א נייע קלייד; אויב זי האָט געהאַט נור איין קלייד א יאָהר, פלעגט זי זיך דאָס מאַכען פאַר דער דאָזיגער נאַכט.

אזוי אויך איז פּסח אַלע מאָל געווען, און איז נאָך איצט אויך, די צייט פאַר אריינטהאָן זיך אין דער אכילה. ספּעציעלע פּסח׳דיגע שמאַנט־קעז (פּאַסכא) און פּסח־ברויט (קולימש) ווערט צוגעגרייט; און יעדערער, ווי אָרעם ער אָדער זי זאָלען ניט זיין, מוז האָבען א קליינעם פּאַסכא אָדער קוליטש, מיט וועניגסטענס איין רויט־געפאַרבטע איי, וואָס ווערט געהייליגט דורך דער קירכע, און וואָס ווערט געברויכט אויף אָבצופאַסטען. ביי די מייסטע אַלטע רוסען, פלעגט דאָס עסען זיך אָנפאַנגען ביינאַכט, נאָך א קורצע פּסח־מעסע, באַלד ווי מען פלעגט ברענגען די געהייליגטע שפּייז פון דער קירכע. אין די הייזער פון דעם אדעל פלעגט די צערעמאָניע זיך אָנפאַנגען זונטאָג אין דער פריה, ווען מען האָט געגרייט א טיש מיט אַלערליי זאָרטען פלייש, קעז, און געבעקס, און אַלע דינער זיינען געקומען זיך צוקושען מיט זייערע בעלי־בתים דריי מאָל און בייטען זיך מיט א רויט־געפאַרבטער איי. דורך דער גאַנצער פּסח־וואָך איז אין גרויסען זאַל געשטאַנען א טיש געדעקט מיט פּסח־שפּייז, און יעדער גאַסט איז געווען איינגעלאַדען עפּעס צו פערזוכען.

ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט פּרינץ מירסקי זיך אליין איבער־געטראָפען. צי ער איז געווען אין פּעטערבורג אָדער אין מאָסקווע, פלעגען שלוחים ברענגען פון זיין גוט צו איהם אין הויז, א ספּעציעל צוגעפּערטיג־טען שמאַנט־קעז פאַר דער פּאַסכא, און זיין קוכער האָט שוין דערפון אויסגעמאַכט א שטיק קינצליכע צוקער־געבעקס. אַנדערע שלוחים זיינען אָוועקגעשיקט געוואָרען אין נאָוואָגאָראָדער גובערניע צו קריגען א פאַלקע פון א בער, וועלכע איז צוגעריכט געוואָרען פאַר דעם פּרינץ׳ס פּסח־טיש.

און בשעת די פרינצעסין, מיט איהרע צוויי טעכטער, האט בעזוכט די שטרענגסטע מאנאסטירען, אין וועלכע דער נאכט־דיענסט פלעגט אנהאל־טען דריי אדער פיער שעה כסדר, און פערבראכט די גאנצע ליידען־וואך אין א העכסט טרויעריגען גייסטעס־צושטאנד, עסענדיג בלויז א שטיקעל טרוקען ברויט צווישען די בעזוכען וואס זי האט אבגעשטאט צו די רוסישע, קאטוילישע און פראטעסטאנטישע פרעדיגער, האט איהר מאן יעדען מארגען געמאכט וויזיטען אין די וואויל־בעקאנטע מיליוטין־קראמען אין פעטערבורג, וואוהין אלע מעגליכע דעליקאטעסענס ווערען געבראכט פון אלע עקען וועלט. דארטען פלעגט ער אויסקלייבען די טהייערסטע נאשע־רייען פאר זיין פסח־טיש. הונדערטער געסט פלעגען קומען צו איהם אין הויז, און יעדער איינער האט „געמוזט פערזוכען" איין זעלטענעם מאכל נאך דעם אנדערען.

דער סוף פון דעם איז געווען, אז דער פרינץ האט בוכשטעבליך בעוויזען אויפצועסען א גאנץ היבשען פערמעגען. זיין רייך־מעבלירטעם הויז און שעהנער גוט זיינען אויספערקויפט געווארען, און אויף דער עלטער איז פאר איהם קיין זאך ניט געבליבען, אפילו ניט קיין אייגענע היים, און ער און זיין פרוי זיינען געווען געצוואונגען צו וואוינען ביי די קינדער.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס בעת עס איז געקומען די בעפרייאונג פון די לייבאייגענע, זיינען אט די אלע פאמיליען פון דעם אלטען שטאלמייסטער'ס־קווארטאל כמעט רואינירט געווארען. לאמיך אבער ניט פערכאפען פאראויס.

VII

אויסצוהאלטען אזא גרויסע צאהל בעדיענער, ווי מיר האבען געהאט אין אונזער הויז, וואלט געווען רואינירענד ווען מיר וואלטען פראוויאנטען געדארפט קויפען אין מאסקווע; אין יענע צייטען אבער פון לייבאייגענטום האט מען אזוינע זאכען איינגעארדענט זעהר איינפאך. באלד ווי דער ווינטער איז אנגעקומען, פלעגט דער פאטער זיך אוועקזעצען ביין טיש און אנשרייבען ווי פאלגט:

„צו דעם פערוואלטער פון מיין גוט, ניקאלסקאע, וואס געפינט זיך אין דער קאלוגער גובערניע, מעשאווסקער אויעזד, ביי דעם טייך סירענא, פון דעם פרינץ אלעקסעי פעטראוויטש קראפאטקין, פאלקאווניק און קאמאנדיר פון פערשיידענע ארדענס.

„ווען דו וועסט ערהאלטען דעם בריף, און אזוי גיך ווי דער װעג וועט

זיך שטעלען, ביזטו בעפוילען צו שיקען צו מיין הויז, וואָס געפינט זיך אין דער שטאָדט מאָסקווע, פינף־און־צוואַנציג פויערשע שליטענס, צו צוויי פערד איינגעשפּאַנט אין יעדען שליטען — איין פערד פון יעדען הויז, און איין שליטען און איין מאַן פון יעדען צווייטען הויז — און זיי אָנלאָדען מיט (אַזוי פיעל) פערטעל האָבער, (אַזוי פיעל) ווייץ, און (אַזוי פיעל) קאָרן, ווי אויך מיט גאָר די היהנער, גענז און ענטלעך, גוט געפּראָרען, וועלכע דאַרפען געשאָכטען ווערען פאַר'ן ווינטער, גוט געפּאַקט און בעגלייט מיט אַן אויספיהרליכער רשימה, אונטער דער השגחה פון א ריכטיגען מענשען."

און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער אויף א פּאָר זייטען, ביז עס איז געקומען צום נעקסטען אָבשטעל. דערנאָך איז געקומען א צעטעל פון בעשטראָפונגען וואָס וועלען ארויפגעלעגט ווערען אין פאַל די פּראָוויאַנט וועט ניט אָנקומען צו דעם הויז וואָס געפינט זיך אין דער־און־דער גאַס, דעם־און־דעם נומער, צו דער בעשטימטער צייט און אין גוטען צושטאַנד.

א געוויסע צייט פאַר קריסטמעס (ראָזשדעסטוואָ) זיינען טאַקע פינף־און־צוואַנציג פויערשע שליטענס אריינגעפאָהרען אין אונזערע טויערען, און האָבען פערשטעלט דעם גאַנצען ברייטען הויף.

„פראָל!" האָט אויסגעשריען מיין פאָטער, אַזוי גיך ווי דער בעריכט פון דער דאָזיגער גרויסער פּאַסירונג איז אָנגעקומען צו איהם. „קירושקא! יעגאָרקא! וואו זיינען זיי? מען וועט אַלצדינג צו'גנב'ענען! פראָל, געה און נעהם־אָב דעם האָבער! יוליאַנאַ, געה און נעהם־אָב די עופות! קירושקאַ, רוף די פּרינצעסין!"

דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז געווען אין אַן אויפריהר, די דיענער זיינען ווילד געלאָפען אין אַלע ריכטונגען, פון פאָרהויז אויפ'ן הויף, און פון הויף אין פאָרהויז, אָבער איבערהויפּט אין צימער פון די דיענסט־מיידלעך, איבערצוגעבען די נייעס פון ניקאָלסקאָע: פּאַשאַ געהט חתונה האָבען נאָך קריסטמעס. מוהמע אַננאַ האָט איבערגעגעבען איהר נשמה צו גאָט" און אַזוי ווייטער. בריף זיינען אויך אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ, און אין א ווײַלע ארום פלעגט זיך איינע פון די מיידלעך ארויפ'גנב'ענען אויבען צו מיר אין צימער.

„ביזט אַליין? דער לעהרער איז ניטאָ?"

„ניין, ער איז אין דער אוניווערזיטעט."

„אויב אַזוי, זיי אַזוי גוט און לייען מיר דעם בריף פון דער מאַמען."

און איך פלעג איהר לייענען דעם נאַאיוועז בריף, וועלכער האָט זיך תמיד אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „טאַטע און מאַמע שיקען דיר זייער ברכה אויף דורי־דורות, עד לאין סוף". נאָכדעם איז געקומען די נייעס: „די מוהמע אופּראַשקאַ ליגט קראַנק, אַלע איהרע ביינער טהוען איהר וועה;

און דיין שוועסטערקינד איז נאָך ניט פערהייראטה, אָבער ער האָפט חתונה צו האָבען נאָך פסח; און דער מוהמע סטעפּאַנידא'ס קוה איז געפאַלען אין דעם טאָג פון „אַלע הייליגע“.‟ נאָך די נייעס זיינען געקומען די גרוסען, אויף גאַנצע צוויי זייטלעך: „ברודער פּאַוועל שיקט דיר זיינע גרוסען, און די שוועסטערס מאַריא און דאַריא לאָזען דיר גריסען, און דער פעטער דמיטרי שיקט דיר אַ סך גרוסען“, און אַזוי ווייטער. יעדענפאַלס, ניט אַכטענדיג אויף דער איינטאָניגקייט פון אויסרעכענען די אַלע גרוסען, האָט יעדער נאָמען ארויסגערופען עפּעס אַ בעמערקונג: „אויב אַזוי, לעבט זי נאָך, די אָרעמע נשמה, אַז זי לאָזט גריסען; שוין ניין יאָהר ווי זי ליגט ניט־ריהרענדיג־זיך“, אָדער, „אָה, ער האָט מיך ניט פערגעסען; הייסט עס, ער האָט געמוזט צוריקקומען אויף קריסטמעס; אַזאַ שעהנער בחור. דו וועסט שרייבען פאַר מיר אַ בריף, וועסטו ניט? און איך טאָר איהם טאַקע ניט פערגעסען.“ פערשטעהט זיך, איך האָב צוגעזאָגט, און ווען די צייט איז געקומען, האָב איך געשריבען פונקט אין דעם זעלבען נוסח.

ווען די שליטענס זיינען געוועזען אויסגעלאָדען, איז דער פאָרהויז אָנגעפילט געוואָרען מיט פּויערים. איבער זייערע שעפּסען־פּעלצען האָבען זיי געטראָגען זייערע בעסטע בגדים און האָבען געוואַרט ביז דער פאָטער וועט זיי אריינרופען אין זיין צימער זיך דורכריידען וועגען דעם שנעע און די אויסזיכטען אויף די קומענדע גערעטענים. זיי האָבען קוים געוואַגט צו געהן מיט זייערע שווערע שטיוועל איבער די פּאָלירטע דיעלען. איינינגע האָבען זיך אָנגענומען מוטה צוצוזעצען זיך אויף'ן ברעג פון אַ דעמבאָוועץ באַנק; זיי האָבען זיך אויסדריקליך ענטזאַגט זיך צו זעצען אויף שטוהלען. און אַזוי האָבען זיי אָבגעוואַרט שעה'ען־לאַנג, קוקענדיג מיט אונרוה אויף יעדען איינציגען וואָס איז אריין אין פאָטער'ס צימער אָדער וואָס איז ארויס פון דאָרטען.

אַ שטיקעל צייט שפּעטער, געוועהנליך דעם נעקסטען מאָרגען, פלעגט איינער פון די דיענער בגנבה זיך ארויפכאַפּען אין קלאַס־צימער.

„ביזטו אַליין?‟

„יאָ.‟

„טאָ געה געשווינד אין פאָרהויז. די פּויערים ווילען דיך זעהן; זיי האבען עפּעס פון דיין ניאַניא.‟

ווען איך בין ארונטער אין פאָרהויז, האָט איינער פון די פּויערים מיר איבערגעגעבען אַ קליין פּעקעל אין וועלכען עס האָט זיך געקענט געפינען עטליכע קאָרן־לעקעכלעך, אַ האַלב טוץ הארט־געקאָכטע אייער, און עטליכע עפּעל, פערבונדען אין אַ קאָלירטע קארטונענע פאַטשיילקע. „נעהם דאָס:

דאָס איז פון דיין ניאַניאַ, וואַסיליסאַ, וואָס שיקט עס דיר. זעה צו די עפּעל זיינען ניט פערפראָרען. איך האָף אַז ניט: דעם גאַנצען וועג האָב איך זיי געהאַלטען אויפ׳ן הארצען. אַזאַ מורא׳דיגען פראָסט האָבען מיר געהאַט.״ און דער ברייטער, בעבאָרדיגטער פּנים, צוביסען פון קעלט, האָט ליכטיג געשמייכעלט, ארויסווייזענדיג צוויי שורות פּראַכטפאָל ווייסע צייהן פון אונטער אַ גאַנצען וואַלד האָר.

„און דאָס איז פאַר דיין ברודער, פון זיין ניאַניאַ אננאַ“, פלעגט אַן אַנדער פויער אַ זאָג טהאָן. „אָרעם קינד“, זאָגט זי, „ער קען קיינמאָל ניט האָבען געגוג אין דער שולע“.״

פערשעהמט און ניט וויסענדיג וואָס צו זאָגען, פלעג איך ענדליך ארויסמורמלען, „זאָג וואַסיליסאַ׳ן אַז איך קוש איהר, און אננאַ׳ן אויך, פאַר מיין ברודער.״ פון וואָס אַלע פּנים׳ער פלעגען ווערען נאָך ליכטיגער.

„יאַ, געוויס, איך וועל עס.״

דאַן פלעגט קירילאַ, וועלכער האָט געוואַכט ביים פּאָטער׳ס טהיר, פּלוצלינג אַ שעפּטשע טהאָן, „לויף געשווינד ארויף; דיין טאַטע קען יעדע מינוט אַרויסקומען. פערגעס ניט די פּאַטשיילקע, זיי ווילען עס קריגען צוריק.״

צוגויפלעגענדיג פאָרזיכטיג די אָבגעניצטע פּאַטשיילקע, האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט עפּעס שיקען וואַסיליסאַ׳ן, אָבער איך האָב גאַרנישט געהאַט צו שיקען, אפילו ניט קיין צאַצקע, און קיין טאַשען־געלד האָבען מיר קיינמאָל ניט געהאַט.

די בעסטע צייט איז פאַר אונז געוועזען די צייט, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אויפ׳ן לאַנד. ווי נור פּסח און די שבועות־וואָך זיינען פאַריבער, זיינען אַלע אונזערע געדאַנקען געווען געריכטעט אויף ניקאָלסקאָע. אָבער, די צייט איז זיך געלאָפען — די סירען האָט שוין געמוזט אָבבליהען אין ניקאָלסקאָע — און דער פּאָטער האָט נאָך אַלץ געהאַט טויזענדער עסקים וואָס האָבען איהם געהאַלטען אין שטאָדט. ענדליך זיינען אריינגעפאָהרען פינף אָדער זעקס פויערשע וועגען אין אונזער הויף: זיי זיינען געקומען נעהמען אַלערליי זאַכען וואָס האָבען געדאַרפט אָבגעפיהרט ווערען צו אונזער לאַנד־הויז. מען האָט ארויסגעפיהרט די גרויסע אַלטע קאַרעטע און די אַנדערע קאַרעטען, אין וועלכע מיר האָבען געדאַרפט מאַכען אונזער נסיעה, און זיי נאָך אַמאָל בעקוקט. מען האָט אָנגעהויבען פּאַקען די קאַסטענס. אונזערע לעקציעס האָבען זיך געשלעפּט לאַנגווייליג; אַלע ווייל פלעגען מיר פרעגען אונזערע לעהרער, צי מיר זאָלען מיטנעהמען דעם אָדער יענעם בוך, און פריהער ווי אַלע אַנדערע האָבען מיר אָנגעהויבען

פּאַקען אונזערע ביכער, אונזערע טאָוולען, און אונזערע שפּיעלצייג, וועלכע מיר האָבען אליין געמאַכט.

אלצדינג איז געווען גרייט: די פויערשע וועגען זיינען געשטאַנען שווער אָנגעלאָדען מיט מעבעל פאַר'ן לאַנד־הויז, מיט קאַסטענס אָנגעפּילט מיט קיך־געשיר, און כמעט ניט צום איבערצעהלען לעדיגע גלעזערנע סלאָיעס, וועלכע האָבען געזאָלט צוריקגעבראַכט ווערען אין הערבסט אָנגעפּילט מיט אלערליי קאָנסערווען. די פויערים האָבען יעדען מאָרגען געוואַרט שעה'ן לאַנג אין פאָרהויז; אָבער דער בעפעהל אָבצופאָהרען איז ניט געקומען. דער פאָטער האָט דעם גאַנצען פריהמאָרגען געהאַלטען אין איין שרייבען, און ביינאַכט איז ער פערשוואונדען. ענדליך האָט זיך די שטיפמוטער אריינגעמישט, דען איהר דיענסט האָט זיך גענומען דעם מוטה איהר צו דערצעהלען, אז די פויערים זיינען זעהר אונגעדולדיג צו פאָהרען צוריק, אזוי ווי די צייט פון היי־שניט קומט באַלד אָן.

דעם נעקסטען נאָכמיטאָג האָט מען אריינגערופען צום פאָטער אין קאַבינעט פראָל, דעם הויז־מאַיאָר, און מיכאיל אלעעף, דעם ערשטען פידעל. א זעקעל מיט „שפּייז־געלד" — דאָס הייסט עטליכע קאָפּיקעס א טאָג — פאַר יעדען פון די פערציג אָדער פופציג נפשות וואָס האָבען געזאָלט בעגלייטען דאָס באַלעבאַטישקייט נאָך ניקאָלסקאָע, איז איבערגעגעבען געוואָרען פראָל'ן, מיט א צעטעל. אין דעם דאָזיגען צעטעל זיינען אלע געווען אויסגערעכענט: די גאַנצע קאַפּעליע; דערנאָך די קוכערס און די אונטער־קוכערס; די וועשערקעס, די אונטער־וועשערקע, וועלכע איז געווען געבענשט מיט א פאַמיליע פון זעקס פּיצלעך, „פּאָלקאַ קאָסאָקע", „דאַמנאַ די גרויסע", „דאַמנאַ די קליינע" און אלע איבעריגע זייערע.

דער ערשטער פידעל האָט געקראָגען א „בעפעהל צו מאַרשירען". איך האָב עס גוט געוואוסט, וואָרים דער פאָטער, זעהענדיג אז ער וועט קיינמאָל ניט ווערען פאַרטיג, האָט מיך גערופען איך זאָל קאָפּירען דעם בעפעהל אין א בוך, אין וועלכען ער פלעגט קאָפּירען אלע „ארויסגעהענדיגע פּאַפּירען":

„צו מיין הויז־דיענער, מיכאיל אלעעף, פון פּרינץ אלעקסעי פּעטראָוויטש קראָפּאָטקין, פּאָלקאָווניק און קאָמאַנדיר.

„דו ביזט בעפוילען, דעם 29סטען מאַי, אום 6 אין דער פריה, ארויס־צומאַרשירען מיט מיינע לאָדונגען, פון דער שטאָדט מאָסקווע, נאָך מיין גוט, וואָס געפינט זיך אין דער קאַלוגער גובערניע, מעשטשאָווסקער אויעזד, ביי דעם טייך סירענאַ, וואָס שטעלט פאָר א שטרעקע פון איין הונדערט און זעכציג מייל פון דעם דאָזיגען הויז; אויפצופּאַסען אויף דער גוטער אויפפיהרונג פון די מענשען וואָס זיינען דיר אָנגעטרויט, און אויב איינער

פון זיי ציינגט זיך ארוים צו זיין שולדיג אין א שלעכטער אויפפיהרונג, אָדער אין שברות, אָדער ניט־געהאָרכזאמקייט, צו ברענגען דעם דאָזיגען מענשען פאר דעם קאָמאנדיר פון דער גארריזאָן־אָבטיילונג פון די בעזונ־דערע קאָרפּוסען פון די אינערליכע פעסטונגען, מיט דעם איינגעשלאָסענעם צירקולאר־בריף, און פערלאנגען מען זאָל איהם בעשטראָפען מיט שמיץ (דער ערשטער פידעל האָט געוואוסט וועמען מען מיינט), פאר א ביישפּיעל פאר די אנדערע.

„דו ביזט אויך בעפוילען, אכטונג צו געבען ספּעציעל אויף די גאנצ־קייט פון די זאכען וואָס זיינען אָנגעטרויט צו דיין השגחה, און צו מאר־שירען נאָך דעם פאָלגענדען סדר: דעם ערשטען טאָג, שטעל זיך אָב אין דעם־און־דעם דאָרף, צו פיטערען די פערד; דעם צווייטען טאָג, שטעל זיך אָב איבער־נאכט אין דער שטאָדט פאָדאָלסק;“ און אזוי ווייטער פאר די אלע זיעבען טעג וואָס די נסיעה האָט געזאָלט געדויערען.

דעם נעקסטען טאָג, אום צעהן א זייגער אָנשטאָט זעקס — פּינקט־ליכקייט איז ניט קיין רוסישע טוגענד („געלויבט דער אויבערשטער, מיר זיינען ניט קיין דייטשען“, פלעגען די ריכטיגע רוסען זאָגען), האָבען די וועגען פערלאָזען דאָס הויז. די דיענער האָבען געדארפט מאכען די רייזע צופוס, בלויז די קינדער האָט מען בעזאָרגט מיט א פּלאַץ צו זיצען אין א פעסעל אָדער א קאָרב, אין דער־הויך אויף אָן אָנגעלאָדענעם וואָגען, און איניגע פרויען האָבען זיך געמעגט פון צייט־צו־צייט אָבזוכען אָן אָרט אויף א ברעג פון א וואָגען. די איבעריגע האָבען אלע געמוזט געהן די גאנצע הונדערט און זעכציג מייל. אזוי לאנג ווי זיי האָבען מארשירט דורך מאָסקווע, איז די דיסציפּלין אָבגעהיט געוואָרען: עס איז געווען שטרענג פערבאָטען צו טראָגען הויכע שטיוועל אָדער זיך אָנצוטהאָן א גארטעל אויף דעם מאנטעל. ווען זיי זיינען אָבער געווען אין וועג, און מיר האָבען זיי א פּאָר טעג שפּעטער אריבערגעיאָגט, און בעזאָנדערס ווען מען האָט געוואוסט אז דער פאָטער וועט בלייבען א פּאָר טעג שפּעטער אין מאָסקווע, האָבען די מענער און די פרויען — אָנגעטהאָן אין אלערליי זאָרטען אונ־מעגליכע בגדים, פערגארטעלט מיט קארטונענע פאטשיילקעס, פערברענט פון זון אָדער ווייקענדיג זיך אין רעגען, זיך אונטערהעלפענדיג מיט שטעקענס, אויסגעשניטען אין די וועלדער — זיכער אויסגעזעהן מעהר ווי א וואנדערענדע באנדע ציגיינער, איידער דאָס הויזגעזינד פון א רייכען לאנד־איינגענטימער. עהנליכע וואנדערונגען האָבען געמאכט אלע הויזגע־זינדען אין יענע צייטען, און ווען מיר האָבען געזעהן א רייהע דיענער מארשירענדיג איבער איינע פון אונזערע גאסען, האָבען מיר גלייך געוואוסט אז דאָס וואנדערען די אָפּוכטינס אָדער די פּריאָנישניקאָפס.

די וועגען זיינען שוין געווען אוועק, דאָך די פאַמיליע האָט זיך נאָך ניט געריהרט. עס איז שוין אַלעמען מיאוס געוואָרען וואַרטענדיג; אָבער דער פאָטער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין שרייבען זיינע אונענדליכע בעפעהלען צו די פערוואַלטער פון זיינע גיטער, און איך האָב זיי פלייסיג קאָפּירט אין דעם גרויסען „אַרויסגאַנג־בוך". ענדליך איז געגעבען געוואָרען דער בעפעהל זיך צו ריהרען. מען האָט אונז אַרונטערגערופען אונטען. מיין פאָטער האָט געלייענט אויפ'ן קול דעם סדר פון מאַרשרוט, געווענדט צו דער „פּרינצעסין קראַפּאָטקין, די פרוי פון פּרינץ אַלעקסעי פּעטראָוויטש קראַפּאָטקין, פּאַלקאָווניק און קאָמאַנדיר", אין וועלכען די אָבשטעל־פּלעצער דורך דער פינף־טעגיגער רייזע זיינען געווען גענוי אויסגערעכענט. אמת, דער בעפעהל איז געווען געשריבען פאַר מאַי דעם 30סטען, און דער אָבפאָהר איז געווען בעשטימט פאַר ניין אין דער פריה, דאָך איז שוין מאַי געווען אַריבער און דאָס אָבפאָהרען איז אַרויסגעקומען נאָכמיטאָג: דאָס האָט צומישט אַלע חשבונות. אָבער, אַזוי ווי געוועהנליך אין מיליטער־רישע מאַרשרוט־בעפעהלען, איז דיעזער אומשטאַנד פאָראויסגעזעהן און בעוואָרענט געוואָרען אין דעם פאָלגענדען פּאַראַגראַף:

„אויב, אָבער, געגען די ערוואַרטונגען, וועט דאָס אָבפאָהרען פון אייער דורכלויכט ניט צושטאַנד קומען אין דעם דערמאָנטען טאָג און שעה, זייט איהר געבעטען צו האַנדלען אַמבעסטען ווי איהר פערשטעהט, כדי דורכצופיהרען די רייזע צו איהר בעסטען אויסגאַנג."

דאַן האָבען זיך אַלע אַנגעזעגנט, די פאַמיליע און דיענער, אַנידער־געזעצט פאַר אַ רגע, זיך איבערגע'צלם'ט, און זיך געזעגענט מיט'ן פאָטער. „איך בעט דיך, אַלעקסעי, געה ניט אין קלוב", האָט אונזער שטיפמוטער צו איהם געשעפטשעט. די גרויסע קאַרעטע, איינגעשפּאַנט מיט פיער פערד, מיט אַ פאָסטיליאָן, מיט אַ צונויפגעלעגטען לייטער אויף אַריינצוקריכען אין דער קאַרעטע, איז געשטאַנען פאַר'ן טהיר; די איבעריגע קאַרעטעס זיינען דאָרט אויך געווען. אונזערע ערטער צו זיצען זיינען געווען אויסגע־רעכענט אין דעם מאַרש־בעפעהל, אָבער אונזער שטיפמוטער האָט געדאַרפט אויסאיבען „איהר בעסטע פערשטענדניס" שוין גלייך אין אָנהויב פון דער רייזע, און מיר האָבען זיך געריהרט אין וועג צו דער גרויסער צופריעדענהייט פון אונז אַלעמען.

די רייזע איז פאַר אונז קינדער געווען אַן אונערשעפּליכער קוואַל פון פערגעניגען. די סטאַנציעס זיינען געווען קורצע, און צוויי מאָל אַ טאָג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט פיטערען די פערד. אַזוי ווי די דאַמען פלעגען זיך צושרייען יעדעס מאָל וואו דער וועג איז געווען ניט־גלאַטיג, פלעגען זיי בעסער אַרויסקריכען ביי יעדען באַרג־אַרויף אָדער באַרג־אַראָב, וואָס

עס פלעגט פאָרקומען נאָכאנאנד, און מיר פלעגען זיך בענוצען דערמיט צו כאפען א קוק אין די וועלדער וואָס האָבען זיך געצויגען ביין וועג, אָדער זיך דורכלויפען פערביי עפּעס א קריסטאָלענעם טייכעל. דער פראכטפאָלער שאָסעע פון מאָסקווע נאָך ווארשאָ, אויף וועלכען מיר זיינען געפאָהרען א געוויסע שטרעקע, איז, אויסער דעם, געווען בעדעקט מיט פערשיידענע אינטערעסאנטע זאכען: מיט רייהען געלאָדענע וועגען, גרופּעס וואנדערער, און אלערליי זאָרטען מענשען. צוויי מאָל א טאָג האָבען מיר זיך אָבגע־שטעלט אין גרויסע, רוישיגע דערפער, און נאָך א היבש ביסעל דינגען זיך וועגען די פּרייזען וואָס מען האָט גערעכענט פאר היי און האָבער און פאר די סאמאָווארען, זיינען מיר ארונטערגעשטיגען ביי די טויערען פון אן אכסניה. דער קוכער אנדרעי האָט געקויפט א הוהן און געקאָכט א זופּ, בעת מיר זיינען אונטער דער צייט אוועקגעלאָפען אין א דערבייאיגען וואלד, אָדער ארומגעקוקט דעם הויף פון דער גרויסער אכסניה.

אין מאלאָיאראָסלאוועץ, וואו א שלאכט איז געפאָכטען געוואָרען אין 1812, בעת די רוסישע ארמעע האָט אומזיסט געפּרובירט אָבהאלטען נאפּאָלעאָנ׳ען אין זיין צוריקציהען זיך פון מאָסקווע, פלעגען מיר געוועהנליך איבערנעכטיגען. מ. פּאָולין, וועלכער איז פערוואונדעט געוואָ־רען אין דעם שפּאנישען קריעג, האָט געוואוסט, אָדער האָט בעהויפּטעט אז ער וויים, אלעס וועגען דער שלאכט ביי מאלאָיאראָסלאוועץ. ער האָט אונז גענומען צום שלאכטפעלד, און ערקלערט ווי אזוי די רוסען האָבען פּרובירט אָבשטעלען נאפּאָלעאָנ׳ס פּאָרווערטס־גאנג, און ווי אזוי די „גראנד ארמעע" האָט זיי צושלאָגען און זיך געמאכט א וועג דורך די רוסישע רייהען. ער האָט עס אזוי גוט געשילדערט פּונקט ווי ער אליין וואָלט זיך בעטייליגט אין דער מלחמה. דאָ האָבען די קאָזאקען פּרובירט א געוויסען גאנג, אָבער דאוואו, אָדער אן אנדער מארשאל, האָט זיי צוקלאפּט און זיי נאָכגעיאָגט ביז הינטער אָט די בערג רעכטס. דאָרטען האָט נאפּאָ־לעאָנ׳ס לינקער פליגעל צוקלאפּט די רוסישע אינפאנטעריע, און דאָ האָט נאפּאָלעאָן אליין, אָן דער שפּיץ פון דער אלטער גווארדיע, אָנגעגריפען קוטוזאָף׳ס מיטעלפּונקט, און געוואונען פאר זיך און פאר זיין גווארדיע אונשטערבליכע בעריהמטקייט.

איין מאָל זיינען מיר געפאָהרען מיט׳ן אלטען קאלוגער וועג, און זיך אָבגעשטעלט אין טארוטינאָ; אָבער דאָ איז מ. פּאָולין שוין געווען א סך ווייניגער שעהן־רעדעווידיג. וואָרים דאָס איז געווען דער אָרט, וואו נאפּאָלעאָן, וועלכער האָט גערעכענט זיך צוריקציהען אויף א דרום־וועג, איז געווען געצוואונגען, נאָך א בלוטיגער שלאכט, אויפצוגעבען זיין פּלאן, און האָט געמוזט נעהמען דעם סמאָלענסק׳ער וועג, וועלכען זיין ארמעע

האָט פערוויסט מאַרשירענדיג אויף מאָסקווע. יעדענפאַלס, נאָך מ. באָוליין׳ס ספּור המעשה, האָט נאַפּאָלעאָן די שלאַכט ניט פערלאָרען: נישט מעהר וואָס זיינע מאַרשאַלען האָבען איהם פערראַטהען; אַז ניט וואָלט ער מאַרשירט גלייך אויף קיעף און אָדעס, און זיינע אָדלערס וואָלטען געפלאַטערט איבער׳ן שוואַרצען ים.

הינטער קאַלוגאַ האָבען מיר געהאַט דורכצופאָהרען, אויף אַ שטרעקע פון פינף מייל, אַ פּראַכטפאָלען סאָסנע־וואַלד, וועלכער בלייבט פערבונדען אין מיין זכרון מיט איינע פון די גליקליכסטע עראינערונגען פון מיין קינדהייט. דער זאַמד אין ־עם דאָזיגען וואַלד איז געווען אַזוי טיעף ווי אין אַן אַפריקאַנער מדבר, און מיר זיינען דעם גאַנצען וועג געגאַנגען צופוס, בעת די פערד האָבען, אָבשטעלענדיג זיך אַלע ווײַלע, לאַנגזאַם געשלעפּט די קאַרעטען דורכ׳ן זאַמד. ווען איך בין אַלט געווען אַריבער צעהן יאָהר פלעג איך האָבען אַ פערגעניגען איבערצולאָזען די פאַמיליע פון הינטען, און אַוועקשפּאַצירען, די גאַנצע שטרעקע איינער אַליין. אונגעהייערע רויטע סאָסנעס, הונדערטער יאָהרען אַלט, האָבען זיך אויפגעהויבען אויף אַלע זייטען, און קיין קלאַנג האָט ניט געגרייכט דעם אויער אַחוץ דער קלאַנג פון די הויכע, שטאָלצע בוימער. אין אַ קליינעם ראָוי האָט געמורמעלט אַ פרישער קריסטאָלענער קוואַל, און אַ פערבייגעהער האָט אמאָל דאָרט איבערגעלאָזט, פאַר די וואָס וועלען קומען נאָך איהם, אַ קליינעם שעפּ־לעפעל געמאַכט פון בעריאָזענע קאָרע וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ לייקע, מיט אַן איינגעשפּאָלטענעם שטעקעל פאַר אַ הענטעל. אַ וועווערקע איז שטיל אַרויפגעלאָפען אויף אַ בוים, און די קוסטעס זיינען געווען אַזוי פול מיט סודות ווי די בוימער. אין דעם דאָזיגען וואַלד איז געבאָרען געוואָרען מיין ערשטע ליעבע צו דער נאַטור און מיין ערשטער ניט־קלאָרער בעגריף פון איהר אונאויפהערליכען לעבען.

הינטער דעם וואַלד, און הינטער דעם פּאַראָם וואָס האָט אונז אַריבערגעפיהרט די אורגאַ, האָבען מיר פערלאָזען דעם ברייטען וועג און זיך פערנומען אויף די שמאָלע דאָרף־וועגלעך, וואו די גרינע קאָרן־זאַנגען האָבען זיך געבויגען צו אונזערע קאַרעטען, און די פערד, לויפענדיג שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערען אויף דעם שמאָלען וועג, האָבען בעוויזען צו כאַפּען פולע מיילער גראָז פוןביידע זייטען. ענדליך האָבען מיר דערזעהן די ווערבעס, וועלכע האָבען אונז אָנגעוויזען אַז מיר זיינען שוין ניט ווייט פון אונזער דאָרף, און פּלוצלינג האָט זיך בעוויזען דער ציערליכער גלאָקען־טהורעם פון דער ניקאָלסקאָער קירכע.

ניקאָלסקאָע איז געווען אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט פאַר דעם שטילען

לעבען פון די לאנד־אייגענטימער פון יענע צייטען. עס איז דאָרטען גאָר־נישט ניט געוועזען פון דעם לוקסוס וואָס געפינט זיך אין די רייכע מאיאָנטקעס; עס האָט זיך אָנגעזעהן א קינסטלערישע האנד אין דעם פּלאָן פון די בנינים און גערטנער, און אין דער איינאָרדנונג פון די זאכען בכלל. אחוץ דאָס הויפּט־הויז, וואָס דער פאָטער האָט ניט לאנג געהאט אויס־געבויט, האָבען זיך דאָרט געפונען, ארום א געראַומיגען און גוטאויפגע־פּאסטען הויף, עטליכע קלענערע הייזלעך, וועלכע האָבען געגעבען זייערע איינוואוינער מעהר זעלבסטשטענדיגקייט, ניט שטערענדיג דעם נאָהענטען פערקעהר פון פאמיליען־לעבען. א זעהר גרויסער „אויבער־גאָרטען" איז געווען אָבגעגעבען פאר פרוכט־בוימער, און דורך איהם האָט מען געקענט צוקומען צו דער קירכע. דער דרום'דיגער שטיק לאנד וואָס האָט זיך געצויגען בארג־ארונטער און געפיהרט צום טייך, איז אין גאנצען אוועקגעגעבען געוואָרען פאר א לוסט־גאָרטען, וואו בלומען־בייטען זיינען געווען דורגעמישט מיט אלעען פון לינדען־בוימער, סירענען און אקאציען. פון דעם באלקאָן פון דעם הויפּט־הויז האָט מען פאר זיך געהאט א פּראכט־פאָלען אנזיכט פון דעם טייך סירענא, מיט די רואינען פון אן אלטער ערדענער פעסטונג, וואו די רוסען האָבען ארויסגעוויזען א הארטנעקיגען ווידערשטאנד אין דער צייט פון דעם איינדרינגען פון די מאָנגאָלען; און אביסעל ווייטער — א גרויסע שטרעקע פון געלע תבואה־פעלדער, בעגרע־נעצט רונד ארום פון וועלדער.

אין די פריהערע יאָהרען פון מיין קינדהייט האָבען מיר מיט פּאָוליין'ען פערנומען איינע פון די הייזלעך אין גאנצען פאר זיך; און נאָכדעם ווי זיין ערציהונגס־מעטאָדע איז געוואָרען אביסעל ווייכער דורך דעם אריינמישען זיך פון אונזער שוועסטער העלענא, זיינען מיר מיט איהם אויסגעקומען אויפ'ן בעסטען אופן. דער פאָטער איז שטענדיג געווען אוועק פון דערהיים פאר'ן זומער, וועלכען ער האָט פערבראכט אין מיליטע־רישע אינספּעקציעס, און אונזער שטיפמוטער האָט זיך וועגען אונז ניט פיעל געקימערט, איבערהויפּט נאָכדעם ווי איהר אייגען קינד, פּאולינא, איז געבאָרען געוואָרען. מיר זיינען אויף אזא אופן שטענדיג געווען מיט מ. פּאָוליין, וועלכער האָט אליין הנאה געהאט פון לעבען אויפ'ן דאָרף און האָט אונז געלאָזט הנאה האָבען. די וועלדער, די שפּאציר־גענג ביים טייך, דאָס קלעטערען איבער די בערג צו דער אלטער פעסטונג, וועלכע מ. פּאָוליין האָט לעבעדיג געמאכט פאר אונז, דערצעהלענדיג ווי די רוסען האָבען זי פערטיידיגט, און ווי אזוי זי איז איינגענומען געוואָרען פון די טאַרטארען; די קליינע ריזיקאליע'ע אונטערנעהמונגען, ווען ער איז איינ־מאָל געוואָרען אונזער העלד, ראטעווענדיג אלעקסאנדער'ען פון דער־

טרונקען ווערן; א צופעליגע בעגעגעניש מיט וועלף — מיט איין ווארט, עס האט אונז קיינמאל ניט געפעהלט קיין נייע און אנגענעהמע איינדריקע.

מיר פלעגען אויך צונויפקומען אין גרויסע קאמפאניעס, אין וועלכע די גאנצע פאמיליע האט זיך בעטייליגט, אפט צו קלייבען שוועמלעך אין וואלד און טרינקען טהעע אין מיטען וואלד, וואו א הונדערט־יעהריגער אלטעטשקער האט געוואוינט איינער אליין מיט זיין קליינעם אייניקעל, אכטונג־געבענדיג אויף די ביהנען. אן אנדערש מאל זיינען מיר געגאנגען אין איינעם פון דעם פאטער'ס דערפער, וואו עס איז געווען אן אויסגע־גראבענער טייך, אין וועלכען מען פלעגט כאפען גאלד־קארפען אין די טויזענדער — א טייל דערפון פלעגט געהן פאר'ן פריץ און די איבעריגע פלעגט מען צוטיילען צווישען די פויערים. מיין געוועזענע ניאניא, וואסי־ליסא, האט געוואוינט אין דעם דאזיגען דארף. איהר פאמיליע איז געווען איינע פון די ארעמסטע. אחוץ איהר מאן, האט זי נאר געהאט א קליין איניגעל אויף צו העלפען איהר, און א מיידעל, מיין מילך־שוועסטער, וועלכע איז שפעטער געווארען א פרעדיגערין און א „יונגפרוי" אין דער נאנקאנ־פארמיסטען־סעקטע צו וועלכער זיי האבען געהערט. ס'איז גאר קיין גרענעץ ניט געווען צו איהר שמחה ווען איך בין געקומען זי זעהן. שמאנט, אייער, עפעל און האניג איז געווען אלץ מיט וואס זי האט מיר געקענט אויפנעה־מען; אבער דער אופן ווי אזוי זי האט מיר מיט דעם מכבד געווען, אין זויבערע האלצערנע טעלער, אויף א טיש בעדעקט מיט א פיינעם אליין־געמאטען שנעע־ווייסען טישטוך (ביי די נאנקאמפארמיסטען איז אבסא־לוטע ריינליכקייט א רעליגיאנס־זאך), און די ליעבע ווערטער וואס זי האט גערעדט צו מיר, בעהאנדלענדיג מיך ווי אן אייגען קינד, האט איבערגע־לאזט די ווארעמסטע געפיהלען אין מיין הארצען. דאס זעלבע מוז איך זאגען וועגען די ניאניאס פון מיינע עלטערע ברידער, ניקאליי און אלעק־סאנדער, וועלכע האבען געהערט צו פראמינענטע פאמיליעס פון צוויי אנדערע נאנקאנפארמיסטען־סעקטעס אין ניקאלסקאע. ניט פיעל פון אונז ווייסען וואס פאר אוצרות פון גוטסקייט עס געפינען זיך אין די הערצער פון רוסישע פויערים, אפילו נאך יאהרהונדערטע פון דער גרויזאמסטער אונטערדריקונג, וואס האט געקענט זיי גענוג פערביטערען.

אין רעגענדיגע טעג האט מ. פאולין געהאט אונז צו דערצעהלען גאנצע פעק מעשה'לעך, איבערהויפט וועגען דעם שפאנישען קריעג. אבער און ווידער פלעגען מיר איהם איינבעטען אונז צו דערצעהלען ווי אזוי ער איז פערוואונדעט געווארען אין א שלאכט, און יעדעם מאל וואס ער איז געקומען צו דעם פונקט ווען ער האט דערפיהלט ווארעם בלוט שטראמענדיג

אין זיין שטיוועל, זיינען מיר אויפגעשפּרונגען איהם קושען און האָבען איהם געגעבען אלערליי ליעבלינגס־נעמען.

עס האָט אויסגעזעהן ווי יעדע זאך וואָלט געדיענט אונז צוצוגרייטען צו דער מיליטערישער קאריערע: די פאָרליעבע פון אונזער פאָטער (די איינציגע שפּיעלצייג וואָס איך געדענק ער האָט געקויפט פאר אונז איז געווען א ביקס און אן אמת'ע וואך־שטיבעל); די מלחמה־מעשה'לעך פון מ. פּאָוליין, און אפילו די ביבליאָטעק צו וועלכער מיר האָבען געהאט א צוטריט. די דאָזיגע ביבליאָטעק, וועלכע האָט אמאָל געהערט צו גענעראַל ראפּינסקי, אונזער מוטער'ס זיידע, א געלעהרענטער מיליטער־מאן פון אכטצעהנטען יאָהרהונדערט, איז בעשטאנען אויסשליסליך פון ביכער וועגען מיליטערישער קריעגס־פיהרונג, בעציערט מיט רייכע בילדער און פּראכטפאָל געבונדען אין לעדער. אונזער בעסטער פערגעניגען, אין רעגענ־דיגע טעג, איז געווען דורכצוקוקען די בילדער פון די דאָזיגע ביכער, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט די כלי־זין זינט די צייטען פון די העברעער, און האָבען בעשריבען די פלענער פון אלע שלאכטען וואָס זיינען געפאָכטען געוואָרען זינט אלקסנדר מוקדון. די שווערע ביכער האָבען אויך געדיענט אויסגעצייכענט אויף צו בויען פון זיי שטארקע פעסטונגען וועלכע וואָלטען געקענט פאר א היבשע צייט אויסהאלטען די קלעפּ פון א שטורם־באָק און די שטיינער פון אן ארכימעדישען שטיין־שליידערער. (די שטיינער האָבען אָבער געהאלטען אין איין פאלען אין די פענסטער און די שפּיעל איז דעריבער באלד פערבאָטען געוואָרען.) דאָך אָבער זיינען ניט אלעקסאנדער און ניט איך געוואָרען קיין מיליטער־לייט. די ליטעראטור פון די זעכציגער יאָהרען האָט אויסגעמעקט די לעהרען פון אונזער קינדהייט.

מ. פּאָוליין'ס מיינונגען וועגען רעוואָלוציאָנען האָט ער געשעפּט פון דער אָרלעאניסטישער צייטשריפט „אילוסטראסיאָן פראנסעז", פון וועל־כער ער פלעגט קריגען אלטע נומערען, און מיר האָבען געוואוסט יעדען בילדעל אין זיי. פאר א לאנגער צייט האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטע־לען א רעוואָלוציע אנדערס ווי אין דער געשטאלט פון דעם טויט רייטענדיג אויף א פערד, די רויטע פאָהן אין איין האנד און א קאָסע אין דער אנדערער, מיט וועלכער ער האָט געשניטען רעכטס און לינקס. אזוי איז עס געווען געמאָלט אין דער „אילוסטראסיאָן". איצטער דוכט מיר אָבער, אז מ. פּאָוליין האָט נור געהאסט דעם אויפשטאנד פון 1848, וואָרים איינע פון זיינע מעשה'לעך וועגען דער רעוואָלוציאָן פון 1879 האָט גראָד געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף מיין געדאנק.

דעם טיטעל פּרינץ האָט מען געברויכט אין אונזער הויז ווען מען האָט געדארפט און ווען מען האָט ניט נעדארפט. מ. פּאָוליין'ען האָט עס

געמוזט ערגערען, ווארים איינמאל האט ער אונז אנגעהויבען דערצעהלען וואס ער האט געוואוסט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. איך קען מיר איצט ניט דערמאנען וואס ער האט געזאגט, אבער איין זאך געדענק איך, און דאס איז, אז „גראף מיראבא“ און אנדערע אדעלליט האבען זיך איין טאג ענטזאגט פון זייערע טיטלען, און כדי צו צייגען זיין פעראכטונג צו אריסטאקראטישע פרעטענזיעס, האט גראף מיראבא געעפענט א קראם בעפוצט מיט א שילד וועלכער האט געטראגען דעם אויפשריפט „מיראבא, שניידער“. (איך דערצעהל די געשיכטע ווי איך האב עס געהערט פון מ. פאולין.) א לאנגע צייט דערנאך האב איך זיך געמאטערט קלערענדיג וואס פאר א מלאכה איך זאל אויפנעהמען, כדי צו קענען אויפשרייבען „קראפאטקין, אזא־און־אזא בעל־מלאכה“. שפעטער, האט מיין רוסישער לעהרער, ניקאליי פאוולאוויטש סמירנאוו, און דער אלגעמיינער רעפובליקאנישער טאן פון דער רוסישער ליטעראטור מיך בעאיינפלוסט אויף דעם זעלבען אופן; און ווען איך האב אנגעהויבען צו שרייבען נאוועלען — דאס הייסט אין מיין צוועלפטען יאהר — האב איך אנגענומען דעם אונטערשריפט פ. קראפאטקין, וועלכען איך האב זייט דאן קיינמאל ניט געביטען, ניט קוקענדיג אויף די פארווירפע פון מיינע עלטסטע, ווען איך בין געווען אין מיליטער־דיענסט.

VIII

אין הערבסט פון 1852 האט מען מיין ברודער אלעקסאנדער אוועקגעשיקט אין קאדעטען־קארפוס, און דאן פלעגען מיר זיך זעהן נור אין די פייערטעג און אמאל אויך זונטאג. דער קאדעטען קארפוס איז געווען א מייל זעקס פון אונזער הויז, און כאטש מיר האבען געהאט א טוץ פערד, האט עס שטענדיג פאסירט אז ווען עס איז געקומען די צייט צו שיקען א שליטען צום קארפוס איז קיין איין פערד ניט געווען פריי. מיין עלטערער ברודער, ניקאליי, איז געקומען אהיים זעהר זעלטען. די פערהעלטניסמעסיגע פרייהייט וואס אלעקסאנדער האט געפונען אין דער שולע, און איבערהויפט דער איינפלוס פון צוויי פון זיינע לעהרער אין ליטעראטור, האבען ענטוויקעלט זיין פערשטאנד זעהר גיך, און איך וועל שפעטער האבען גענוג געלעגענהייט צו רעדען וועגען דעם גינסטיגען איינפלוס, וואס ער האט אויסגעאיבט אויף מיין אייגענער ענטוויקלונג. עס איז א גרויסע פריווילעגיע צו האבען געהאט א ליעבענדען, אינטעליגענטען עלטערען ברודער.

דערווײַלע בין איך געבליבען דערהײם. איך האָב געדאַרפט וואַרטען ביז מײן רײהע אַרײנצוטרעטען אין פּאַזשען קאָרפּוס וועט אָנקומען, און דאָס האָט ניט פּאַסירט ביז וואַנען איך בין שוין באַלד אַלט געוועזען פופצעהן יאָהר. מ. פּאָוליין האָט מען אַוועקגעשיקט, און אָנשטאָט איהם האָט מען אָנגעשטעלט אַ דײטשען לעהרער. ער איז געוועזען א־ינער פון יענע אידעאַ־ליסטישע מענשען וואָס זײנען ניט קײן זעלטענהײט בײ די דײטשען, אָבער איבערהויפּט געדענק איך איהם פאַר דעם ענטהוזיאַזם מיט וועלכען ער פלעגט דעקלאַמירען שיללער׳ס פּאָעזיע, בעגלײטענדיג עס מיט אַ זעהר נאַיווער מימיק, פון וועלכער איך בין געוועזען ענטציקט. ער איז פערבליבען בײ אונז ניט מעהר ווי אײן ווינטער.

דעם נעקסטען ווינטער האָט מען מיך געשיקט אין אַ מאָסקווער גימנאַזיום; און ענדליך בין איך פערבליבען מיט אונזער רוסישען לעהרער, סמירנאָף. מיר זײנען גיך געוואָרען פרײנד, איבערהויפּט נאָכדעם ווי מײן פאָטער האָט אונז בײדען גענומען אויף אַ רײזע נאָך זײן ריאַזאַנער אימעניע. אין דער צײט פון דער דאָזיגער רײזע האָבען מיר זיך אָבגעגעבען מיט אַלערלײ צײטפערטרײבונגען, און מיר פלעגען אויסטראַכטען הומאָ־ריסטישע מעשה׳לעך אין פערבינדונג מיט די מענשען און זאַכען וואָס מיר האָבען געזעהן; בעת דער אײנדרוק וואָס דאָס פאָהרען איבער די בערגיגע טראַקטען האָט אויף מיר געמאַכט האָט צוגעגעבען אײניגע נײע און עדעלע שטריכען צו מײן וואַקסענדער ליעבע פאַר דער נאַטור. אונטער דער אָנרעגונג וואָס איך האָב געקראָגען פון סמירנאָף׳ן, האָבען אויך מײנע ליטעראַרישע נײגונגען אָנגעהויבען צו וואַקסען, און פאַר די יאָהרען פון 1854 ביז 1857 האָב איך געהאַט די פולע געלעגענהײט זײ צו ענטוויקלען. מײן לעהרער, וועלכער האָט צו דער צײט געהאַט געענדיגט זײנע סטודיען אין דער אוניווערזיטעט, האָט געקראָגען אַ קלײנע שרײבער־שטעלע אין אַ געריכט און האָט דאָרט פערבראַכט זײנע פריהמאָרגענס. איך בין אויף דעם אופן געבליבען אונטער מײן אײגענער השגחה ביז מיטאָג־צײט, און נאָכדעם ווי איך האָב פאַרטיג געמאַכט מײנע לעקציעס און גענומען אַ שפּאַציר, האָב איך געהאַט גענוג פרײע צײט פאַר לעזען און שרײבען. אין הערבסט, ווען מײן לעהרער האָט זיך אומגעקעהרט צו זײן אַמט אין מאָסקווע, בעת מיר זײנען פערבליבען אויפ׳ן לאַנד, בין איך ווידער געבליבען אַלײן פאַר זיך, און כאָטש איך בין כסדר געוועזען צוזאַמען מיט דער פאַמיליע, און האָב פערבראַכט אַ טײל פון טאָג אין שפּיעלען זיך מיט מײן שוועסטער׳ל פּאָולינאַ, האָב איך פונדעסטוועגען געקענט פערווענדען מײן צײט ווי איך האָב געוואָלט.

די לייבאייגענשאפט האט דאן דערשלעפט די לעצטע יאהרען פון איהר עקזיסטענץ. די געשיכטע איז נאך פריש — דוכט זיך ווי דאס וואלט געווען ערשט נעכטען; און דאך, אפילו אין רוסלאנד, בעגרייפען זעהר ווייניגע וואס לייבאייגענשאפט איז געווען אין דער ווירקליכקייט. מיר שטעלען זיך פאר ווי ניט איז אז די אומשטענדען וואס די לייב־אייגענשאפט האט געשאפען זיינען געווען זעהר שלעכטע; אבער ווי אזוי די דאזיגע אומשטענדען האבען געווירקט אויף מענשליכע וועזענס קערפערליך און גייסטיג ווערט קוים פערשטאנען. עס איז ווירקליך צום ערשטוינען, ווען מען זעהט ווי גיך אן אינסטיטוציע און איהרע סאציאלע פאלגען ווערען פערגעסען ווען די אינסטיטוציע האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען, און מיט וואס פאר א געשווינדקייט מענשען און זאכען ענדערען זיך דערנאך. איך וועל פרובירען צוריקרופען די צושטענדען פון לייבאייגענשאפט, דערצעהלענדיג ניט דאס וואס איך האב געהערט, נאר וואס איך האב געזעהן.

יוליאנא, די הויז־האלטערקע, שטעהט אין קארידאר וואס פיהרט צום פאטער'ס צימער און צלם'ט זיך; זי וואגט ניט געהן ווייטער, ניט געהן צוריק. ענדליך, נאכדעם ווי זי האט אבגעזאגט א תפלה, געהט זי אריין אין צימער און מעלדעט, מיט א שטימע וואס מען הערט קוים, אז דער טהעע־זאפאס האלט ביים אויסגעהן, אז עס איז מעהר ניט געבליבען ווי צוואנציג פונט צוקער, און אז די אנדערע פראוויאנטען וועלען באלד אויסגעהן.

„גנבים, רויבערם!" שרייט מיין פאטער, „און דו, דו ביזט אויך מיט זיי אין חברותא!" זיין קול דונערט איבער'ן גאנצען הויז. די שטיפמוטער לאזט יוליאנא'ן בעגעגענען דעם שטורעם. אבער דער פאטער שרייט, „פראל, רוף די פרינצעסין! וואו איז זי?" און ווען זי קומט אריין, קריגט זי דעם זעלבען קבלת פנים.

„דו ביזט אויך אין חברותא מיט די דאזיגע בני חם; דו שטעלסט זיך איין פאר זיי"; און אזוי ווייטער, פאר א האלבער שעה אדער מעהר.

דאן הויבט ער אן נאכצוזעהן די חשבונות. פאר איין גאנג טראכט ער שוין וועגען די היי. ער שיקט פראל'ן איבערוועגען וואס עס איז געבליבען, און הייסט די שטיפמוטער זי זאל שטעהן דערביי ווי ער וועגט, בעת ער חשבונ'ט וויפיעל עס דארף נאך זיין אין שייער. עס שטעלט זיך ארויס אז א היבש ביסעל היי פעהלט, און יוליאנא קען ניט אנווייזען וואו עס איז אהינגעקומען עטליכע פונט פון א געוויסען ארטיקעל. דעם פאטער'ס קול ווערט אלץ מעהר און מעהר דראהענד; יוליאנא ציטערט; דאן קומט אריין דער קוטשער און דער בעל־הבית הויבט אן שטורעמען

אויף איהם. דער פּאָטער פּאַלט אויף איהם אָן, שלאָגט איהם, אָבער ער האַלט אין איין ווידערהוילען; „אייער הויכקייט האָט געמוזט האָבען א טעות".

דער פּאָטער רעכענט נאָך אמאָל איבער די חשבונות, און דאָס מאָל שטעלט זיך ארויס אז אין שייער איז דאָ מעהר היי וויפיעל עס האָט געדאַרפט זיין. ער שרייט ווייטער; איצט זידעלט ער דעם קוטשער פאַר ניט געבען די פערד יעדען טאָג זייערע פולע פּאָרציעס; אָבער דער קוטשער רופט אַלע הייליגע זיי זאָלען זיין עדות אז ער האָט געגעבען די פערד וויפיעל עס קומט זיי, און פראָל רופט די „הייליגע יונגפרוי" זי זאָל בעשטעטיגען דעם קוטשער'ס בקשה.

אָבער דער פּאָטער וויל זיך ניט בערוהיגען. ער רופט אריין מאקאר'ן, דעם פּיאַנאָ־שטימער און אונטער־קעלנער, און רעכענט איהם אויס אַלע זיינע לעצטע חטאים. לעצטע וואָך איז ער געווען שכור, און נעכטען האָט ער אויך געמוזט זיין בעטרונקען, וואָרים ער האָט צובראָכען א האַלבען טוץ טעלער. די טהאַטזאַך איז, אז די צובראָכענע טעלער איז געווען די אמת'ע אורזאַך פון דעם גאַנצען אויפרוהר: די שטיפמוטער האָט דער־צעהלט די געשיכטע דעם פּאָטער אין דער פריה, און דעריבער האָט עס יוליאַנאַ געקראָגען אזא חלק, דעריבעו' האָט מען זיך גענומען איבערוועגען די היי, און דערפאַר האָט עס דער פּאָטער איצט געהאַלטען אין איין ליאַרעמען אז „די דאָזיגע בני חם" פערדיענען אַלע שטראָפען אויף דער וועלט.

פּלוצלינג ווערט דער שטורעם איינגעשטילט. מיין פּאָטער זעצט זיך אויף זיין פּלאַץ ביים טיש און שרייבט א צעטעל. „נעהמט מאקאר'ן מיט דעם דאָזיגען צעטעל אין דער פּאָליציי, און זאָל מען איהם דאָרט געבען הונדערט שמיץ מיט בעריאָזענע ריטער".

אין הויז הערשט אַן אימה און אַן אבסאָלוטע שטילקייט.

דער זייגער האָט געשלאָגען פיער, און מיר אַלע געהען ארונטער צו מיטאָג; אָבער קיינער האָט ניט קיין אפּעטיט, און די זופּ בלייבט אין די טעלער ניט־גענריהרט. מיר זיינען צעהן ביים טיש, און הינטער יעדען איינעם פון אונז שטעהט א פידלער אָדער א טרומפּייט־שפּיעלער, מיט א ריינעם טעלער אין דער לינקער האַנד, אָבער מאקאר איז ניטאָ צווישען זיי.

„וואו איז מאקאר?" פרעגט די שטיפמוטער. „רופט איהם אריין."

מאקאר בעוויזט זיך ניט, און דער בעפעהל ווערט ווידערהוילט. ענדליך קומט ער אריין, בלייך, מיט א צוקרימטען פּנים, פערשעהמט, זיינע אויגען ארונטערגעלאָזט. דער פּאָטער קוקט פערטיעפט אין זיין

טעלער, און די שטיפמוטער, זעהענדיג אז קיינער האָט זיך ניט צוגעריהרט צו דער זופּ, פּרובירט אונז צו־געבען מוטה.

„וואָס זאָגט איהר, קינדער“, רופט זי זיך אָן, „איז ניט די זופּ זעהר געשמאַק?“

טרעהרען שטיקען מיך, און גלייך ווי דער מיטאָג האָט־זיך געענדיגט לויף איך ארויס, כאַפּ מאַקאַר'ן אין אַ טונקעלען קאָרידאָר און פּרוביר איהם קושען די האַנד; אָבער ער רייסט זי ארויס, און זאָגט, צי אַלס פּאַ־וואורף אָדער אַלס פראַגע, „לאָז מיך געמאַך; דו אויך, ווען דו וועסט אויפוואַקסען, וועסטו ניט זיין פּונקט אזוי?“

„ניין, ניין, קיינמאָל ניט!“

און דאָך איז דער פאָטער ניט געווען פון די ערגסטע פּריצים. פער־קעהרט, די דיענער און די פּויערים האָבען איהם גערעכענט פאר איינעם פון די בעסטע. דאָס וואָס מיר האָבען צוגעזעהן אין אונזער הויז איז פאַר־געקומען אומעטום, אָפטמאָל נאָך אויף אַ סך גרוויזאַמערע אופנים. שמייסען די לייבאייגענע איז געווען אַ רעגעלמעסיגער טייל פון די פפליכטען פון דער פּאָליציי און פון דער פּייער־בריגאַדע.

א לאַנדאייגענטימער האָט אַמאָל בעמערקט צו אַ צווייטען, „ווי קומט דאָס, גענעראַל, וואָס די צאָהל נפשות אויף אייער אימעניע פערמעהרט זיך אזוי לאַנגזאַם? מסתמא גיט איהר ניט אַכטונג אויף זייערע חתונות.“

אין עטליכע טעג ארום האָט דער גענעראַל בעפוילען אז מען זאָל איהם ברענגען אַ צעטעל פון אַלע איינוואוינער אין זיין דאָרף. ער האָט פון דאָרטען ארויסגעקליבען די נעמען פון די בחורים וואָס זיינען שוין געוואָרען אכטצעהן יאָהר, און פון די מיידלעך וואָס זיינען נאָר־וואָס געוואָרען זעכצעהן — דאָס איז אין רוסלאַנד דער געזעצליכער עלטער ווען מען מעג חתונה האָבען. דאַן האָט ער אָנגעשריבען: „איוואַן זאָל חתונה האָבען מיט אננא'ן, פּאַוועל — מיט פּאַראַשקא'ן“, און אזוי ווייטער, ביז פינף פּאָרלעך. די פינף חתונות, האָט ער צוגעשריבען, מוזען פאָרקומען אין צייט פון צעהן טעג, פון נעקסטען זונטאָג אָן.

אַן אַלגעמיינער פערצווייפלונגס־געשריי האָט זיך אויפגעהויבען אין דאָרף. פרויען, יונג און אַלט, האָבען געוויינט אין יעדען הויז. אננא האָט געהאָפט חתונה צו האָבען פאר גרישא'ן; פּאַוועל'ס עלטערען האָבען שוין געהאַט גערעדט מיט די פעדאָטאָפס וועגען זייער מיידעל, וועלכע האָט באַלד געדאַרפט ווערען פול־יעהריג. נאָך מעהר, עס איז גאָר געווען דער סעזאָן פאר אַקערען, ניט פאר חתונות; און וואָס פאר אַ חתונה קען מען צוגרייטען אין צעהן טעג? טוצענדער פּויערים זיינען געקומען זעהן דעם

פריץ; פויערטעס זיינען געשטאַנען גרופּעס־ווייז ביי דעם הינטערסטען אריינגאַנג פון הויף, מיט שטיקלעך געבליצטע לייוועגט פאַר דער פּריצ׳טע, אויסצואווירקען אַז זי זאָל זיך אריינמישען. עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. דער פּריץ האָט געזאָגט אַז די חתונות זאָלען זיין אין דעם טאָג, און אַזוי מוז עס זיין.

אין דעם בעשטימטען טאָג, זיינען די חופּה־פּראָצעסיעס, דאָס מאָל מעהר ענליך צו לויה־פּראָצעסיעס, געגאַנגען אין דער קירכע. די פרויען האָבען געוויינט אויפ׳ן קול, ווי זיי זיינען געוועהנט צו קלאָגען ביי לויות. א קאָמערדיענער האָט מען געשיקט אין דער קירכע, צו מעלדען דעם פּריץ אַזוי גיך ווי די חתונה־צערעמאָניעס וועלען זיין פאַראיבער; ער איז אָבער באַלד געקומען צו לויפען צוריק, מיט׳ן היטעל אין האַנד, א בלאַסער און פערצאָגטער.

„פּאַראַשקאַ", האָט ער געזאָגט, „האָט זיך איינגעשפּאַרט; זי ענט־זאַגט זיך חתונה צו האָבען מיט פּאַוועל׳ן. דער פּאָטער (דאָס הייסט, דער גלח) האָט איהר געפרעגט: „שטימסטו איין?" אָבער זי האָט געענטפערט אויפ׳ן קול: „ניין, איך שטים ניט איין"."

דער פּריץ איז געוואָרען מלא חמה. „געה און זאָג דעם קודלעוואַטען שכור" (דאָס האָט ער געמיינט דעם גלח; די רוסישע גלחים טראָגען לאַנגע האָר) „אַז אויב פּאַראַשקאַ וועט ניט האָבען חתונה די מינוט, וועל איך שרייבען דעם ארכבריי א רעפּאָרט אַז ער איז א שכור. ווי אונטערשטעהט ער, דער גלח׳שער שמוץ, מיר ניט צו פאָלגען? זאָג איהם אַז ער וועט ביי מיר פוילען אין א מאָנאַסטיר, און פּאַראַשקאַ׳ס גאַנצע משפּחה וועל איך פערשיקען אין די סטעפּעס."

דער קאַמערדיענער האָט איבערגעגעבען די שליחות. פּאַראַשקאַ׳ס קרובים און דער גלח האָבען ארומגערינגעלט דאָס מיידעל; איהר מוטער, וויינענדיג, איז געפאַלען פאַר איהר אויף די קניע, בעטענדיג זי זאָל ניט אונגליקליך מאַכען די גאַנצע פאַמיליע. דאָס מיידעל האָט געהאַלטען אין איין זאָגען „כ׳וועל ניט", אָבער אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז וואַנען זי איז געבליבען שטעהן שטיל. מען האָט איהר אָנגעטהאָן די חופּה־קרוין אויפ׳ן קאָפּ; זי האָט זיך ניט געשטעלט אַנטקעגען, און דער קאַמערדיענער איז געפלויגען אין פולען גאַלאָפּ אָנצוזאָגען אין הויף, אַז „מען האָט זיי חתונה געמאַכט".

א האַלבע שעה שפּעטער, האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלעך פון דער חתונה־פּראָצעסיע פאַר׳ן טויער פון הויף. די פינף פּאָרלעך זיינען ארויסגעשטיגען פון די וועגען, אריבערגעגאַנגען דעם געהעפט און זיינען אריין אין זאַל. דער פּריץ האָט זיי אויפגענומען,

האָט זיי מכבד געווען מיט גלעזלעך ווײַן, בעת די עלטערן, שטעהענדיג הינטער די ווײַנענדיגע טעכטער, האָבען זיי געהייסען זיך בוקען ביז צו דער ערד פאַר זייער האַרר.

חתונות אויף בעפעהל זיינען געווען אַזאַ געוועהנליכע זאַך, אַז יעדעס מאָל ווען אַ יונג פּאָרעל פון אונזערע דיענער האָט פּאַראויסגעזעהן אַז מען וועט זיי הייסען חתונה האָבען, כאָטש זיי האָבען גאָר קיין נייגונג ניט איינע צו די אַנדערע, פלעגען זיי זיך בעוואָרענען אַנטקעגען דעם זוכענדיג צו זיין צוזאַמען טויף־פּאָטער און טויף־מוטער פון אַ קינד אין איינער פון די פּויערים־פּאַמיליעס. לויט די דינים פון דער רוסישער קירכע האָבען זיי דאַן ניט געטאָרט חתונה האָבען איינע מיט די אַנדערע. געוועהנליך פלעגט דער דאָזיגער קונץ אָבגילטען, איין מאָל אָבער האָט זיך עס געענדיגט מיט אַ טראַגעדיע. אַנדרעי, דער שניידער, האָט זיך פערליעבט אין אַ מיידעל וואָס האָט געהערט צו איינעם פון אונזערע שכנים. ער האָט געהאָפט אַז מיין פּאָטער וועט איהם ערלויבען צו ווערען פריי, אַלס אַ שניידער, זיך אויסקויפענדיג פאַר אַ געוויסע יעהרליכע אָבצאָהלונג, און אַז אַרבייטענדיג שווער ביי זיין מלאכה וועט ער אימשטאַנד זיין אוועקצולעגען אביסעל געלד אָן אַ זייט און קויפען די פרייהייט אויך פון דער מיידעל. אין דעם אַנדערען פאַל וואָלט זי, חתונה האָבענדיג מיט איינעם פון מיין פּאָטער׳ס לייבאייגענע, געוואָרען די שקלאַפין פון איהר מאַן׳ס האַרר. יעדענפאַלס, אַזוי ווי אַנדרעי און איינע פון די מיידלעך פון אונזער הויזגעזינד האָבען פּאַראויסגעזעהן אַז עס קען זיין אַז מען וועט זיי הייסען חתונה האָבען, האָבען זיי אָבגעמאַכט אָנצונעהמען צוזאַמען קוואַטערשאַפט ביי דעם טויפען פון אַ קינד. און אָט דאָס פאַר וואָס זיי האָבען זיך געשראָקען האָט טאַקע פּאַסירט: איין טאָג האָט מען זיי גערופען צום בעל־הבית, און דער בעפעהל פאַר ווענכען זיי האָבען מורא געהאַט איז געגעבען געוואָרען.

„מיר זיינען שטענדיג געהאָרכזאַם אייער ווילען“, האָבען זיי געענטפערט, „אָבער מיט עטליכע וואָכען צוריק זיינען מיר געווען צוזאַמען קוואַטערים ביי אַ טויפונג.“ אַנדרעי האָט אויך ערקלערט זיינע פערלאַנגען און אַבזיכטען. דער רעזולטאַט איז געווען אַז מען האָט איהם געשיקט צום רעקרוטען־בעאַמטען, און איהם אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט.

פאַר ניקאָליי דעם 1טען איז די מיליטער־דיענסט ניט געווען קיין חוב פאַר אַלעמען גלייך, ווי עס איז איצט. דער אַדעל און דער סוחרים־קלאַס זיינען געווען בעפרייט פון דעם חוב, און ווען עס פלעגט אַרויס אַן אוקאַז אָבצוגעבען נייע רעקרוטען, האָבען די פּריצים גענאַרפּט צושטעלען אַ געוויסע צאָהל מענשען פון זייערע לייבאייגענע. די פּויערים, אין זייערע דאָרף־קאָמונען, פלעגען געוועהנליך בעשטימען צווישען זיך, ווער פון זיי

זאָל אָבגעגעבען ווערען, אָבער די הויז־דיענער זיינען אין גאַנצען אָבגע־האַנגען פון דעם גוטען ווילען פון זייער האַרר, און מיט וועמען ער איז געווען אונצופריעדען, דעם פלעגט ער אַוועקשיקען אין די רעקרוטען־קאַנצעלאַריע און אַרויסנעהמען פאַר איהם אַ קוויטאַנציע, וועלכע האָט געהאַט אַ בעדייטענדע געלד־ווערדע, וואָרים אַזאַ קוויטאַנציע איז געווען עובר לסוחר פאַר יעדען וואָס האָט זיך געוואָלט אויסקויפען פון צו געהן אין סאָלדאַטען.

דער מיליטער־דיענסט אין יענע צייטען איז געווען שרעקליך. מען האָט געפאָדערט פון אַ מענשען אָבצודיענען פינף־און־צוואַנציג יאָהר אונטער דער פאָהן, און דאָס לעבען פון אַ סאָלדאַט איז געווען שווער אויפ'ן העכסטען גראַד. ווערען אַ סאָלדאַט האָט געהייסען, אַוועקגעריסען ווערען אויף אייביג פון דעם דאָרף און דער סביבה וואו מען איז געבאָרען געוואָרען, און צו זיין אָבהענגיג פון דעם ווילען פון אַזוינע אָפיצירען ווי טימאָפעעף, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט. קריגען קלעפ פון די עלטסטע, שמיץ מיט בעריאָזענע ריטער און שטעקענס פאַר דעם קלענסטען פער־זעהן, זיינען געווען גאַנץ געוועהנליכע זאַכען. די גרויזאַמקייט וואָס זיי זיינען בעגאַנגען האָט איבערגעשטייגט אַלע פאָרשטעלונגען. אפילו אין די קאַדעטען קאָרפוסען, וואו בלויז די קינדער פון די אַדעללייט זיינען ערצוי־גען געוואָרען, פלעגט מען אָפטמאָל איינטיילען אַ טויזענד שמיץ מיט בעריאָזענע ריטער, אין דער אַנוועזענהייט פון גאַנצען קאָרפוס, צוליעב אַ פּאַפּיראָסעל — דער דאָקטאָר פלעגט שטעהן נעבען דעם געפייניגטען אינגעל, און הייסען אויפהערען די שטראָף נור דאַן ווען ער האָט אויסגע־פונען אַז דער פּולס האַלט ביין אויפהערען צו שלאָגען. דעם בלוטענדיגען קרבן האָט מען אַוועקגעטראָגען אַ בעוואוסטלאָזען אין שפּיטאָל. דער גרויספירסט מיכאיל, דער קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע שולען, וואָלט גלייך אָבגעזאָגט דעם דירעקטאָר פון אַ קאָרפּוס אין וועלכען עס וואָלט ניט געהאַט פּאַסירט אַ פּאָר אַזוינע בעשטראָפונגען יעדען יאָהר. „עס איז קיין דיסציפּלין ניטאָ“, וואָלט ער געזאָגט.

מיט פּראָסטע סאָלדאַטען איז געווען נאָך אַ סך ערגער. ווען איינער פון זיי איז ערשיענען פאַר אַ קריעגס־געריכט, איז דער אורטייל געווען, אויסצושטעלען טויזענד סאָלדאַטען אין צוויי שורות איינער אַנקעגען דעם אַנדערען, יעדער בעוואָפענט מיט אַ שטעקען אַזוי דיק ווי דער קליינער פינגער (די דאָזיגע שטעקענס זיינען געווען בעקאַנט אונטער זייער דייטשען נאָמען „שפּיטצרוטהען“), און דער פעראורטיילטער זאָל דורכ־געפיהרט ווערען דריי, פיער, פינף און זיעבען מאָל צווישען די צוויי שורות, און יעדער סאָלדאַט זאָל איהם געבען אַ שמיץ מיט'ן רוט. וואַכ־

מייסטערס זיינען נאָכגעגאַנגען אויפצופּאַסען, אַז די קלעפּ זאָלען געגעבען ווערען מיט'ן גאַנצען כח. נאָכדעם ווי מען האָט איהם געגעבען אַ טויזענד אָדער צוויי טויזענד קלעפּ איז דער קרבן, שפּייענדיג מיט בלוט, אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל, איהם אַביסעל צוצוזעהן, כדי די פולע שטראָף זאָל קענען געענדיגט ווערען אַזוי גיך ווי ער האָט זיך מעהר אָדער ווענינגער ערהאָלט פון דער ווירקונג פון דעם ערשטען טייל פון דער שטראָף. אויב ער איז געשטאָרבען פון די יסורים, פלעגט די אויספיהרונג פון דעם אורטייל דורכגעפיהרט ווערען אויף'ן טויטען קערפּער. ניקאָליי דער 1טער און זיין ברודער מיכאַיל זיינען געווען אונדערבאַרעמליך; קיין פערגרינגערונג פון דער שטראָף איז ניט געווען מעגליך. „איך וועל דיך שיקען דורכ'ן „סטראָי"; דו וועסט אָבגעשונדען ווערען אונטער די שטעקענס", זיינען געווען סטראַשונקעס וואָס מען פלעגט אָפט געברויכען אין דער טעגליכער שפּראַך.

אַ פינסטערער פחד פלעגט זיך פערשפּרייטען איבער אונזער הויז, ווען עס איז געוואָרען בעוואוסט אַז איינער פון די דיענער וועט אַוועקגעשיקט ווערען אין רעקרוטען־אַמט. מען פלעגט דעם מענשען אָנטהאָן קייטען און שטעלען אונטער אַ וואַך אין קאָנטאָר צו פערהיטען ער זאָל ניט בעגעהן זעלבסטמאָרד. אַ פויערשער וואָגען פלעגט צוגעפיהרט ווערען פאַר דער טהיר פון קאָנטאָר, און דער פער'משפּט'ער איז ארויסגעפיהרט געוואָרען צווישען צוויי שומרים. אַלע דיענער האָבען איהם ארומגערינגעלט. ער האָט זיך טיעף פערבויגען, בעטענדיג יעדען איינציגען איהם צו פערגעבען זיינע זינד וואָס ער האָט געטהאָן בשוגג אָדער במזיד. אויב זיין פאָטער אָדער מוטער האָבען געוואוינט אין אונזער דאָרף, זיינען זיי איהם געקומען בעגלייטען. ער האָט זיך געבוקט פאַר זיי ביז צו דער ערד, און זיין מוטער און די איבעריגע קרוב'טעס האָבען אָנגעהויבען ארויסצוזינגען אויף'ן קול זייערע קלאָג־ליעדער — אַ מין האַלב־געזאַנג און האַלב־דעקלאַמאַציע: „אויף ווועמען לאָזטו אונז איבער? ווער וועט אויף דיר אויפּפּאַסען אין די פרעמדע מדינות? ווער וועט מיר בעשיצען פון די גרויזאַמע מענשען?" — פונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי זיי האָבען געזונגען זייערע קלאָג־ליעדער אויף אַ לויה, און מיט דיזעלבע ווערטער.

אָט אַזוי האָט איצט אַנדרעי געדאַרפט בעגעגענען פאַר פינף־און־צוואַנציג יאָהר דעם שרעקליכען גורל פון אַ סאָלדאַט: אַלע זיינע פּלענער פון גליק האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט אַ שרעקליכען סוף.

דער שיקזאָל פון איינער פון די מיידלעך, פּאַולינאַ, אָדער פּאָליאַ, ווי מען פלעגט איהר רופען, איז געווען זאָגאַר נאָך טראַגישער. מען האָט

איהר געהאט אוועקגעגעבען אויף דער לעהרע ביי שטיקעריי, און זי איז געוועז א קינסטלערין ביי דער ארבייט. אין ניקאָלסקאָע איז איהר שטיקעריי־ראהם געשטאַנען אין שוועסטער העלענאַ׳ס צימער, און זי האָט אָפט זיך בעטייליגט אין די געשפּרעכען וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען אונזער שוועסטער און אונזער שטיפמוטער׳ס א שוועסטער, וועלכע איז איינגעשטאַנען מיט העלענאַ׳ן. אין אַלגעמיין געגומען, מיט איהר בענעהמען און רייד האָט פּאָליא גיכער געפּאַסט צו זיין א געבילדעטע יונגע פּערזאָן, איידער א הויזמיידעל.

האָט איהר פּאַסירט אַן אונגליק: זי האָט דערשפּירט אַז זי וועט אין גיכען ווערען א מוטער. זי האָט אַלצדינג דערצעהלט אונזער שטיפמוטער, וועלכע האָט ארויסגעפּלאַצט מיט זלזולים: „איך וויל מעהר די דאָזיגע בעשעפּעניס ניט האָבען אין מיין הויז! איך וועל אַזאַ שאַנדע אין מיין הויז ניט ערלויבען! אָה, דו אונפערשעהמטע בריאה!“ און אַזוי ווייטער. העלענאַ׳ס טרערען האָבען גאָרנישט געקענט ענדערען. פּאָליא׳ן האָט מען אָבגעשאָרען די האָר, און פערשיקט ארבייטען אויפ׳ן פּאַכט. אָבער אַזוי ווי זי האָט גראָד געהאַלטען אין בעפּוצען א טהייער קלייד, האָט זי עס געדאַרפט ענדיגען אויפ׳ן פּאַכט, אין א שמוציגער הייזעל, ביי א פּיצינקען פענסטערעל. זי האָט די קלייד געענדיגט, און האָט געמאַכט מעהרערע שעהנע שטיקערייען, אַלץ מיט דער האָפנונג צו קרינען איהר בעגנאַדיגונג. אָבער קיין בעגנאַדיגונג איז ניט געקומען.

דער פאָטער פון איהר קינד, א דיענער פון איינעם פון אונזערע שכנים, האָט געבעטען ערלויבניס חתונה צו האָבען מיט איהר; אָבער אַזוי ווי ער האָט קיין געלד ניט געהאַט זי אויסצוקויפען, האָט מען איהם אָבגע־זאָגט אין זיין בקשה. פּאָליא׳ס "צו־קאָמערפרויליכע מאַנערען" זיינען בעטראַכט געוואָרען פאַר א פערברעכען, און א העכסט ביטערער שיקזאַל איז געוועז אָנגעגרייט פאַר איהר. אין אונזער באַלעבאַטישקייט איז געוועז א מאַן וועלכער איז געוועז בעשעפטיגט אַלס פּאָסטיליאָן, צוליעב זיין קליינעם וואוקס; ער איז געגאַנגען אונטער׳ן נאָמען „קרום־פּיסיגער פּילקאַ“. ווען ער איז געוועז א אינגעל האָט איהם א פערד שוידערליך צובריקט, און ער איז מעהר ניט געוואַקסען. זיינע פיס זיינען געוועזען אויס־געקרימט, און די פוס־טריט זיינען געוועזען פערדרעהט אויף אינוועניג; זיין נאָז איז געוועזען צובראָכען און פערדרעהט אויף א זייט, זיין קינבאַק איז געוועזען ענטפאָרמט. צו דעם דאָזיגען פערזעהעניס האָט מען דאָס בעשלאָ־סען חתונה צו מאַכען פּאָליא׳ן — און איבער־געוואַלט האָט מען זי חתונה געמאַכט. דאָס פּאָרעל האָט מען אַוועקגעשיקט אַלס ערד־פּויערים אויף מיין פאָטער׳ס גוט אין ריאַזאַן.

אז לייבאייגענע קענען האָבען מענשליכע געפיהלען האָט מען דאָן ניט אנערקענט, און ניט פערדעכטיגט אפילו. ווען טורגעניעף האָט פערעפענט־ליכט זיין קליינע ערצעהלונג „מומו", און גריגאָראָוויטש האָט אנגעהויבען ארויסגעבען זיינע אויפשווידערענדע נאָוועלען, אין וועלכע ער האָט געמאכט זיינע לעזער וויינען איבער דעם אונגליקליכען לעבען פון די לייבאייגענע, איז דאָס פאר א גרויסער צאָהל מענשען געווען אן ערשטוי־נענדע ענטפּלעקונג. „זיי ליעבען גאָר ווי מיר — איז דאָס מעגליך?" האָבען אויסגערופען די סענטימענטאלע דאמען וועלכע האָבען ניט געקענט לייענען א פראַנצויזישען ראָמאן ניט פערגיסענדיג טרעהרען אויף די צרות פון די נאָבעלע העלדען אָדער העלדינען.

די בילדונג וואָס די אייגענטימער האָבען געגעבען זייערע לייב־אייגענע, איז נאָר געווען נאָך א קוואַל פון אונגליקען פאר די לעצטע. מיין פאָטער האָט אמאָל אויסגעקליבען אין א פויערען הויז א קלוגען איינגעל, און נאָך עטליכע יאָהר לערנען האָט ער געמאכט א שטארקען ערפאָלג. ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים, האָט מיין פאָטער געקויפט אלעס וואָס עס איז געווען נויטיג פאר א גוט אויסגעשטאטעטער פרייער אפטייק, וועלכע איז זעהר שעהן איינגעאָרדענט געוואָרען אין איינע פון די זייטען־שטיבלעך אין ניקאָלסקאָע. זומער־צייט איז „סאשא דער דאָקטאָר" — אזוי האָט מען איהם פאמיליאר גערופען אין הויז — געווען פערטהאָן אין צונויפקלייבען און פערפערטיגען אלערליי מינים מעדיצינישע קרייטעכער, און אין א קורצער צייט איז ער געוואָרען שטארק בעליעבט אין דעם געגענד ארום ניקאָלסקאָע. די קראנקע צווישען די פויערים פון די ארומיגע דערפער פלעגען קומען צו איהם, און מיין פאָטער איז געווען שטאָלץ מיט דעם ערפאָלג פון זיין פרייער אפטייק. אָבער לאנג האָט דער דאָזיגער צו־שטאנד ניט אָנגעהאלטען. איין ווינטער איז מיין פאָטער געקומען אין ניקאָלסקאָע, האָט דאָרט פערוויילט עטליכע טעג, און איז אוועקגעפאָהרען. אין דערזעלבער נאכט האָט „סאשא דער דאָקטאָר' זיך דערשאָסען — דורך א סבה, האָט מען געזאָגט; הינטער דעם איז אָבער געווען א ליעבעס־געשיכטע. ער איז געווען פערליעבט אין א מיידעל מיט וועלכער ער האָט ניט געקענט הייראטהען, ווייל זי האָט געהערט צו אן אנדער פריץ.

דער פאל פון אן אנדער יונגען מאן, געראסים קרוגלאָף, וועמען מיין פאָטער האָט געלאָזט לערנען אין דעם מאָסקוואער לאנדווירטשאפט אינס־טיטוט, איז געווען כמעט פונקט אזוי טרויעריג. ער איז דורכגעגאנגען זיינע עקזאמענס העכסט גלענצענד, קריגענדיג א גאָלדענעם מעראל, און דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט האָט געמאכט אלע מעגליכע אָנשטרענ־גונגען צו פועל'ן ביי מיין פאָטער ער זאָל איהם בעפרייען און לאָזען געהן

אין דער אוניווערזיטעט — לייבאייגענע איז ניט ערלויבט געווען דאָרט אריינצוקומען. „ער וועט זיכער ווערען א מערקווירדיגער מענש", האָט דער דירעקטאָר געזאָגט, „פיליכט איינער פון רוסלאַנד'ס בעריהמטהייטען, און עס וועט זיין אַן עהרע פאַר אייך צו האָבען אנערקענט זיינע פעהיגקייטען און צו האָבען געגעבען אזא מאַן פאַר דער רוסישער וויסענשאַפט."

„איך דאַרף איהם פאַר מיינע אייגענע הויפען", האָט מיין פאָטער געענטפערט אויף די פיעלע בקשות וואָס זיינען געמאכט געוואָרען צו גונסטען פון דעם יונגען מאַן. אין דער ווירקליכקייט אָבער, איז מיט די פרימיטיווע מעטאָדען פון אַגריקולטור, וועלכע זיינען דאַן בענוצט געוואָרען, און פון וועלכע מיין פאָטער וואָלט זיך קיינמאָל ניט געשיידט, געראַסים קרוגלאָף געווען אין גאַנצען נוצלאָז. ער האָט אויסגעמאָסטען און אראָבגענומען א פלאַן פון דער אימעניע, ווען ער איז אָבער געווען פארטיג דערמיט האָט מען איהם בעפוילען צו זיצען אין צימער פון דער דיענערשאַפט און צו שטעהן מיט א טעלער ביין טיש אין דער צייט פון מיטאָג. פערשטעהט זיך, געראַסים'ען האָט דאָס זעהר שטארק פערדראָסען; זיינע טרוימען האָבען איהם געטראָגען אין דער אוניווערזיטעט, צו דער וויסענשאַפטליכער ארבייט. זיינע בליקען האָבען פערראַטהען זיין אונצופריעדענהייט, און די שטיפמוטער האָט ווי עס שיינט געהאַט א בעזונדערען פערגעניגען איהם צו בעליידיגען ביי יעדער געלעגענהייט. איין טאָג אין הערבסט, האָט א שטויס פון ווינד געעפענט דעם אריינגאַנגס־טויער, האָט זי אויסגעשריען צו איהם, „געראַשקאַ, געה און פערמאַך דעם טויער."

דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ. ער האָט געענטפערט, „דערצו האָט איהר א שווייצער", און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

מיין שטיפמוטער איז אריינגעלאָפען אין פאָטער'ס צימער, וויינענדיג, „דיינע דיענער בעליידיגען מיך אין דיין הויז!"

געראַסים איז גלייך געשטעלט געוואָרען אונטער ארעסט, און מען האָט איהם אָנגעטהאָן קייטען, אוועקצושיקען איהם פאַר א סאָלדאַט. דער שיידען זיך פון זיין פאָטער און מוטער מיט איהם איז געווען איינע פון די הערצרייסענדסטע סצענעס וואָס איך האָב ווען געזעהן.

דאָס מאָל, אָבער, האָט דער שיקזאַל געגומען זיין נקמה. ניקאָליי דער 1טער איז געשטאָרבען, און דער מיליטער־דיענסט איז געוואָרען ערטרעגליכער. געראַסים'ס גרויסע פעהיגקייטען זיינען באַלד בעמערקט געוואָרען, און אין עטליכע יאָהר ארום איז ער געווען איינער פון די הויפּט געהילפען, און די ווירקליכע ארבייטענדע קראַפט אין איינעם פון די דעפּאַרטמענטען פון קריעגס־מיניסטעריום. מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אבסאָלוט עהרליך, און אין א צייט וואָס כמעט יעדער איינער האָט גענומען שוחד און

נעמאכט נאַלד, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געלאָזט אונטערקויפען, האָט אונטער דער צייט איינמאָל אָבגעטרעטען פון די שטרענגע רעגעלען פון דיענסט כדי א טובה צוטהאָן דעם קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס צו וועלכען ער האָט געהערט, און האָט איינגעשטימט צו לאָזען דורכגעהן עפּעס א געוויסע אונרעגעלמעסיגקייט. דאָס האָט איהם שיער ניט געקאָסט זיין ערהויבונג צו דעם ראַנג פון א גענעראַל; דער איינציגער ציעל פון זיין פינף־און־דרייסיג יאָהריגען דיענסט אין דער אַרמעע האָט געהאַלטען ביין פער־שווינדען. מיין שטיפמוטער איז געפאָהרען אין פּעטערבורג צו בעזייטיגען די שוועריגקייט, און מען האָט איהר געזאָגט אַז דער איינציגער וועג ווי אַזוי צו דערגרייכען וואָס זי וויל, איז צו ווענדען זיך צו א געוויסען געהילף אין א געוויסען דעפּאַרטמענט פון מיניסטעריום. כאָטש ער איז נישט מעהר געווען ווי א געהילף, איז ער אָבער געווען דער קאָפּ פון זיינע עלטסטע, און האָט געקענט טהאָן אַלעס. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען מענש איז געווען גערחַסים איוואַנאָוויטש קרוגלאָף.

„שטעל זיך פאָר, אונזער געראַשקאַ!“ האָט זי צו מיר דערנאָך געזאָגט. „איך האָב אַלע מאָל געוואוסט אַז ער האָט גרויסע פעהיגקייטען. איך בין געגאַנגען צו איהם, און האָב גערעדט צו איהם וועגען דער אַנגע־לעגענהייט, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב גאָרנישט געגען דעם אַלטען פּרינץ, און איך וועל טהאָן אַלץ וואָס איך קען פאַר איהם“.

גערחַסים האָט געהאַלטען זיין וואָרט: ער האָט געמאַכט א גינסטיגען רעפּאָרט, און מיין פאָטער האָט געקראָגען זיין ערהעבונג. ענדליך האָט ער געקענט אָנטהאָן די לאַנג־געגלוסטע רויטע הויזען און דעם רויט־אונטער־געשלאָגענעם מאַנטעל, און האָט געקענט טראָגען די פעדערען אויף זיין העלמעט.

דאָס זיינען זאַכען וועלכע איך האָב אַליין צוגעזעהן אין מיין קינד־הייט. ווען איך זאָל אָבער דערצעהלען וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין יענע יאָהרען, וואָלט עס געווען א סך א גרויזאַמערע ערצעהלונג: געשיכ־טעס פון מענער און פרויען אוועקגעריסען פון זייערע פאַמיליעס און זייערע דערפער און פערקויפט אָדער פערלאָרען אין שפּיעל, אָדער אויס־געביטען אויף א פּאָר יאַגד־הינט און דאַן טראַנספּאָרטירט אין עפּעס א פערוואָרפענעם ווינקעל פון רוסלאַנד, כדי צו שאַפען א נייע אימעניע; פון קינדער אוועקגענומען פון זייערע עלטערען און פערקויפט צו גרויזאַמע אָדער שאַרלאַטאַנישע בעלי־בתים; פון דעם שמייסען „אין די שטאַלען“, וואָס איז פאָרגעקומען יעדען טאָג מיט אַן אונערהערטער גרויזאַמקייט; פון א מיידעל וועלכע האָט געפונען איהר איינציגען גליק אין דערטרינקען זיך; פון אַן אַלטען מאַן וואָס איז גרוי געוואָרען דיענענדיג זיין האַר, און

צום סוף האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אונטער זיין בעל־הבית׳ס פענסטער; און פון אויפשטענדע פון לייבאייגענע, וועלכע זיינען אונטערדריקט געוואָרען פון ניקאָליי דעם 1טען׳ס גענעראַלען, פערשמייסענדיג צום טויט יעדען צעהנטען אָדער פופצעהנטען ארויסגענומען פון דער רייהע, און פערוויסטענדיג דעם דאָרף, וועמעס איינוואוינער, נאָך דער מיליטערישער עקזעקוציע, זיינען ארומגעגאַנגען בעטלענדיג ברויט אין די ארומיגע גובערניעס, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען די קרבנות פון אַ שריפה. וואָס איז שייך דער אָרעמקייט וואָס איך האָב צוגעזעהן אין דער צייט פון אונזערע רייזעס אין געוויסע דערפער, איבערהויפּט אין יענע וואָס האָבען געהערט צו דער קייזערליכער פאַמיליע, וואָלט מען ניט געקענט געפינען קיין ריכטיגע ווערטער צו בעשרייבען דעם עלענד פאַר מענשען וואָס האָבען עס ניט געזעהן.

צו ווערען פריי איז געווען דער שטענדיגער טרוים פון די לייבאייגענע — אַ חלום וואָס האָט זיך ניט לייכט פערווירקליכט, וואָרים עס האָט זיך געפאָדערט אַ שווערע סומע געלד צו בעוועגען אַ פּריץ ער זאָל זיך שיידען מיט אַ לייבאייגענעם. „ווייסטו", האָט מיין פאָטער צו מיר אַמאָל געזאָגט, „אַז דיין מוטער האָט זיך צו מיר בעוויזען נאָך איהר טויט? איהר יונגע לייט גלויבט ניט אין אַזעלכע זאַכען, אָבער אזוי איז עס געווען. איין נאַכט בין איך געזעסען גאַנץ שפּעט אין אָט דעם שטוהל, לעבען מיין שרייבטיש, און האָב געדרעמעלט, ווען איך האָב איהר געזעהן אריינקומען פון הינטען, אין גאַנצען אין ווייסען, זעהר בלייך, און מיט גליהענדע אויגען. ווען זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען האָט זי מיר געבעטען איך זאָל איהר צוזאָגען אַז איך וועל געבען פרייהייט איהר דיענסט, מאשא, און איך האָב איהר צוגעזאָגט; אָבער זייענדיג פערנומען מיט דאָס און יענס, איז דער־ווייל אריבער כמעט אַ גאַנץ יאָהר און איך האָב ניט מקיים געווען מיין צוזאָג. דאַן האָט זי זיך בעוויזען, און האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ ניעדע־ריגען קול, „אַלעקסיי, דו האָסט מיר צוגעזאָגט צו געבען מאשא׳ן פרייהייט: האָסטו עס פערגעסען?" איך בין געווען גאַנץ פערציטערט: איך בין אויפ־געשפּרונגען פון מיין שטוהל, אָבער זי איז שוין פערשוואונדען. איך האָב גערופען די דיענער, אָבער קיינער האָט גאָרנישט ניט געזעהן. דעם נעקסטען פריהמאָרגען בין איך געגאַנגען אויף איהר קבר, האָב געלאָזט זינגען אַ תפלה, און גלייך בעפרייט מאשא׳ן."

ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען, איז מאשא געקומען צו זיין בעערדיגונג, און איך האָב גערעדט מיט איהר. זי איז געווען פערהייראַטה, און גאַנץ גליקליך אין איהר פאַמיליען־לעבען. מיין ברודער אַלעקסאַנדער

האָט איהר דערצעהלט, אויף זיין שפּאַסיגען שטייגער, וואָס מיין פאָטער האָט געזאָגט, און מיר האָבען איהר געפרעגט וואָס זי ווייס וועגען דעם.

„די דאָזיגע זאַכען", האָט זי געענטפערט, „האָבען פּאַסירט אַ לאַנגע צייט צוריק, מעג איך אייך שוין דערצעהלען דעם אמת. איך האָב געזעהן אַז אייער פאָטער האָט גאַנץ פערגעסען זיין צוזאָג, האָב איך מיך אָנגעטהאָן אין ווייסען און האָב גערעדט צו איהם אַזוי ווי אייער מוטער. איך האָב איהם דערמאָנט אָן זיין פערשפּרעכען וואָס ער האָט איהר געגעבען — איהר וועט דאָך ניט זיין ברוגז אויף מיר דערפאַר, וועט איהר?"

„אודאי ניט!"

צעהן אָדער צוועלף יאָהר נאָך די סצענעס וואָס זיינען בעשריבען אין אָנהויב פון דעם קאַפּיטעל, בין איך איין נאַכט געזעסען אין מיין פאָטער'ס צימער, און מיר האָבען גערעדט פון אַמאָליגע זאַכען. לייבאייגענטום איז שוין געוועזען אָבגעשאַפט, און מיין פאָטער האָט זיך לייכט בעקלאָגט אויף די נייע אומשטענדען; ער האָט זיי אָנגענומען ניט פיעל ערגערענדיג זיך.

„דו מוזט דאָך צוגעבען, פאָטער, האָב איך געזאָגט, „אַז דו האָסט אָפט בעשטראָפט דיינע דיענער גרויזאַם, און אָהן וועלכען גרונד".

„עס איז אונמעגליך געווען מיט די מענשען זיך אַנדערש צו בעגעהן", האָט ער געענטפערט; און זיך אָנלעהנענדיג אַהינטער אין זיין פאָטעל, האָט ער זיך פערטיעפט אין געדאַנקען. „אָבער דאָס וואָס איך האָב געטהאָן איז גאָר ניט ווערטה צו רעדען דערפון", האָט ער געזאָגט נאָך אַ לאַנגער פּויזע. „נעהם אָט דעם אייגענעם סאַבלעף: ער קוקט אויס אַזוי מילד, און רעדט מיט אַזאַ ווייכען קול; אָבער ער איז זיך ווירקליך שוידערליך בעגאַנגען מיט זיינע לייבאייגענע. וויפיעל מאָל האָבען זיי געפּלאַנעוועט איהם צו טויטען! איך האָב, לכל הפּחות, ניט מיסברויכט מיינע דיענסט־מיידלעך, וועהרענד דער אַלטער טייפעל טיכאָנאָף איז זיך מיט זיי בעגאַנגען אויף אַזאַ אופן, אַז די פּויערטעס האָבען זיך געקליבען אָבצורע־כענען מיט איהם אויף אַ שוידערליכען שטייגער... זיי מיר געזונד; אַ גוטע נאַכט!"

IX

איך געדענק גוט די קרימער מלחמה. אין מאָסקווע האָט זי אפילו וועניג מענשען אָנגעריהרט, דאָך האָט מען אין יעדען הויז ביי אבענד־פּאַרטיעס געזעסען און געמאַכט קאָרפּע און באַנדאַזשען פאַר די פער־

וואונדערטע: ניט פיעל אָבער איז אָנגעקומען צו די רוסישע אַרמעען, אונגעהייערע מאַסען האָט מען גע׳גנב׳עט און פערקויפט צו די אַרמעען פון דעם שונא. מיין שוועסטער העלענאַ און אַנדערע יונגע דאַמען האָבען געזונגען פּאַטריאָטישע ליעדער, אָבער דער אַלגעמיינער טאָן פון לעבען אין דער געזעלשאַפט איז קוים בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם גרויסען קאַמפּף וואָס איז פאָרגעקומען. דערפאַר אָבער, אין דער פּראָווינץ, האָט די מלחמה פעראורזאַכט אַ סך טרויער. די פאָדערונגען נאָך רעקרוטען זיינען געקומען גיך איינער נאָכ׳ן אַנדערען, און כסדר האָבען מיר געהערט די פויערטעס זינגענדיג זייערע לויה־נגונים. דאָס רוסישע פאָלק קוקט אויף מלחמה ווי אויף אַן אונגליק וואָס איז אויף זיי געשיקט געוואָרען פון דער השגחה עליונה, און זיי האָבען די מלחמה מקבל געווען מיט אַן עהרפאָרכ־טיגקייט וואָס איז געווען אין אַ זאָנדערבאַרען ווידערשפּרוך מיט דער לייכטזיניגקייט וואָס איך האָב געזעהן אַנדערסוואו אונטער עהנליכע אומ־שטענדען. ווי יונג איך בין געווען, האָב איך בעגריפען דעם דאָזיגען געפיהל פון רוהיגען אונטערוואַרפען זיך צום שיקזאַל, וועלכער האָט דורכגענומען אונזערע דערפער.

מיין ברודער ניקאָליי איז געווען פערכאַפּט ווי פיעלע אַנדערע פון דעם מלחמה פיבער, און איידער ער האָט געהאַט געענדיגט זיין קורס אין קאָרפּוס האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאַווקאַזער אַרמעע. מעהר האָב איך איהם שוין קיינמאָל ניט געזעהן.

אין הערבסט פון 1854 איז אונזער פאַמיליע פערגרעסערט געוואָרען דורך דעם אָנקומען פון אונזער שטיפמוטער׳ס צוויי שוועסטער. זיי האָבען געהאַט זייער אייגען הויז און אייגענע וויינגערטנער אין סעוואַסטאָפּאָל, אָבער איצט זיינען זיי געווען היימלאָז, און זיינען געקומען וואוינען מיט אונז. ווען די פעראייניגטע מחנות זיינען אָנגעקומען אין דער קרים, האָט מען די איינוואוינער פון סעוואַסטאָפּאָל געזאָגט, אַז זיי דאַרפען זיך ניט שרעקען, און מעגען גאַנץ רוהיג בלייבען וואו זיי זיינען; אָבער נאָך דער ניעדערלאַגע ביי אַלמאַ, האָט מען זיי בעפוילען אָבצופאָהרען וואָס אַמגיכסטען, וואָרים די שטאָדט וועט ארומגערינגעלט ווערען אין צייט פון עטליכע טעג. עס זיינען געווען זעהר ווענינ טראַנספּאָרט־מיטלען, און עס איז געווען אונמעגליך צו פאָהרען אויף די וועגען אַנטקעגען דעם חיל וואָס האָט מאַרשירט דרום־צו. דינגען אַ וואָגען איז געווען כמעט אונמעגליך, און די דאַמען, איבערלאָזענדיג אַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט, אויפ׳ן וועג, האָבען דורכגעמאַכט אַ שווער שטיקעל צייט איידער זיי האָבען דערגרייכט מאָסקווע.

איך בין גיך בעפריינדעט געוואָרען מיט דער אינגערער פון די צוויי

שוועסטער, א דאמע אן ערך א יאָהר דרייסיג, וועלכע פלעגט רויכערען איין פּאַפּיראָס נאָך דעם אנדערען, און מיר דערצעהלען די אלע שרעקען פון זייער רייזע. זי האָט גערעדט מיט טרעהרען אין די אויגען וועגען די פּראַכטפאָלע קריעג־שיפען וועלכע האָבען געמוזט פערזונקען ווערען אין דעם אריינגאנג פון האפען פון סעוואסטאָפּאָל, און זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אזוי די רוסען וועלען זיין בכח צו פערטיידיגען סעוואסטאָפּאָל פון דער יבשה זייט; עס איז אפילו ניט געווען קיין שוץ־וואנד וואָס זאָל האָבען א ווערטה.

מיר איז נעגאנגען דער דרייצעהנטער יאָהר ווען ניקאָליי דער 1טער איז געשטאָרבען, עס איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג דעם 18טען פעברואר (2טען מערץ), ווען א פּאָליציסט האָט פונאנדערגעטיילט אין אלע הייזער פון מאָסקווע א בולעטין וועגען דער קראנקהייט פונ'ם צאר, און האָט איינ־געלאדען די בירגער צו בעטען אין די קירכען פאר זיין געזונדהייט. אין אמת'ן איז ער דעמאָלט שוין געווען טויט, און די בעאמטע האָבען עס געוואוסט, אזוי ווי עס איז שוין דאן געווען טעלעגראַפישע פערבינדונגען צווישען מאָסקווע און פּעטערבורג; אָבער אזוי ווי מען האָט פריהער ניט דערצעהלט א וואָרט וועגען זיין קראנקהייט, האָבען זיי געדענקט אז דאָס פאָלק מוז שטופּענווייז צוגעגרייט ווערען פאר דער בעקאנטמאכונג פון זיין טויט. מיר זיינען אלע געגאנגען אין דער קירכע און האָבען פייערליך מתפלל געווען.

דעם נעקסטען טאָג, שבת, האָט מען געטהאָן דאָס אייגענע, און אפילו זונטאָג אין דער פריה זיינען נאָך פערטיילט געוואָרען בולעטינען וועגען דעם צאר'ס געזונדהייט. די נייעס פון ניקאָליי'ס טויט האָט אונז דער־גרייכט ערשט ארום מיטען טאָג, דורך איניגע דיענער וואָס זיינען געווען אויפ'ן מארק. אן אמת'ער פּחד האָט געהערשט אין אונזער הויז און אין די הייזער פון אונזערע קרובים, ווען די נאָכריכט האָט זיך פערשפּרייט. מען האָט גערעדט אז די מענשען אויפ'ן מארק האָבען זיך אויפגעפיהרט אויף א זאָנדערבאָרען אופן, ניט ארויסווייזענדיג קיין בעדויערען, זיך אָבגעבענדיג מיט געפעהרליכע רייד. דערוואקסענע מענשען האָבען גערעדט שטילערהייט, און אונזער שטיפמוטער האָט געהאלטען אין איין ווידער־הוילען, „רעדט ניט אז די מענער זאָלען הערען"; די דיענער האָבען געמורמעלט צווישען זיך, וואהרשיינליך וועגען דער קומענדער „פרייהייט". דער אדעל האָט יעדע מינוט ערוואַרטעט אן אויפשטאנד פון די לייב־אייגענע — א נייעם פוגאטשאָווסקען אויפשטאנד.

אין פּעטערבורג האָבען מענער פון די געבילדעטע קלאסען, איבער־געבענדיג די נייעס איינער דעם אנדערען, זיך אומגעאָרעמט אין די גאסען.

יעדער איינער האָט געפיהלט אַז דער סוף פון דער מלחמה און דער סוף צו די שוידערליכע צושטענדען וואָס האָבען געהערשט אונטער דעם „אייזערנעם דעספּאָט“ איז געווען גאָר נאָהענט. מען האָט גערעדט וועגען אַ פערגיפטונג, דערהויפּט ווייל דעם צאַר׳ס קערפּער האָט ענעל אָנגעפאנגען צו פוילען; אָבער די אמת׳ע אורזאַכע איז אַרויסגעקומען אַ צייט שפּעטער: עס איז געווען אַ צו־שטאַרקע דאָזע פון אַ מעדיצין צום קרעפטיגען, וואָס ניקאָליי האָט איינגענומען.

אויפ׳ן לאַנד, אין דעם זומער פון 1855, האָט מען נאָכגעפאָלגט דעם העלדישען קאַמפּף, וואָס איז פאָרגעקומען אין סעוואַסטאָפּאָל פאַר יעדען אייל ערד און פאַר יעדער ברעקעל אַרונטערגעריסענע פעסטונג, מיט אַן ערנסטער אינטערעסע. רעגעלמעסיג צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט מען שיקען אַ שליח אין דער אויעזד־שטאָדט צו קריגען די צייטונגען; און ווען ער איז צוריקגעקומען, נאָך איידער ער איז אַרונטער פון פערד, האָט מען די צייטונגען אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענד און פונאַנדערגעעפענט. העלענאַ אָדער איך האָבען זיי געלעזען אין דער הויף פאַר דער פאַמיליע, און די נייעס איז באַלד איבערגעגעבען געוואָרען אין צימער פון די דיענסטען, דערנאָך אין קיך, אין קאַנטאָר, אין גלח׳ס הויז, און אין די שטיבלעך פון די פויערים. די בעריכטען וועלכע זיינען געקומען פון די לעצטע טעג אין סעוואַסטאָפּאָל, פון דער שרעקליכער באָמבאַרדירונג, און ענדליך די נייעס אַז אונזער אַרמעע האָט פערלאָזען די שטאָדט, זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט טרערען. אין יעדען הויז אויפ׳ן לאַנד אַרום און אַרום, האָט מען געטרויערט איבער דעם פערלוסט פון סעוואַסטאָפּאָל מיט אַזוי פיעל וועהטאָג, אַזוי ווי מען וואָלט פערלאָרען אַ נאָהענטען קרוב, כאָטש יעדער איינער האָט פערשטאַנען אַז די שרעקליכע מלחמה מוז איצט קומען צו אַ סוף.

X

עס איז געווען אין אויגוסט 1857, בעת איך בין באַלד געוואָרען פופצעהן יאָהר, ווען עס איז אָנגעקומען מיין רייהע אַריינצוטרעטען אין פּאַזשען־קאָרפּוס, און מען האָט מיך געגומען אין פּעטערבורג. ווען איך האָב פערלאָזען די היים בין איך נאָך געווען אַ קינד; אָבער דער מענשליכער כאַראַקטער איינגענטליך בילדעט זיך אויס אין זיין בעשטימטע פאָרם פיעל פריהער ווי עס ווערט געוועהנליך אָנגענומען, און עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז אונטער מיין קינדערשען אויסזעהן איז שוין געווען פערבאָרגען

זעהר פיעל פון דעם וואָס איך האָב געזאָלט ווערען שפּעטער. מיינע געשמאַקען, מיינע נייגונגען, זיינען שוין געווען בעשטימט.

דעם ערשטען אָנשטויס צו מיין אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג האָט מיר געגעבען, ווי איך האָב געזאָגט, מיין רוסישער לעהרער. עס איז אַן אויסגעצייכענטער מנהג אין רוסישע פאַמיליעס — אַ מנהג וואָס, אונגליקליכער וועיזע, האָלט איצט ביים פערשווינדען — צו האָבען אין הויז אַ סטודענט וואָס העלפט די אינגלעך און מיידלעך מיט זייערע לעקציעס, אפילו ווען זיי זיינען אין גימנאַזיע. כדי זיי זאָלען בעסער פערנעהמען דאָס וואָס זיי לערנען אין דער שולע, און פאַר דער אויסברייטונג פון זייערע בעגריפע וועגען דעם וואָס זיי לערנען, איז זיין הילף ניט אָבצושאַצען. נאָכמעהר, ער ברענגט אריין אַן אינטעלעקטועלען עלעמענט אין דער פאַמיליע און ווערט אַן עלטערער ברודער פאַר דער יונגוואַרג — אָפטמאָל נאָך עטוואָס בעסער ווי אַן עלטערער ברודער, וואָרים דער סטודענט האָט אַ געוויסע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם פאָרטשריט פון זיינע שילער; און אַזוי ווי די מעטאָדען פון לערנען ענדערען זיך געשווינד, פון איין דור צו דעם אַנדערען, קען ער העלפען זיינע שילער אַ סך בעסער ווי די בעסטע געבילדעטע עלטערען.

ניקאָליי פּאַוולאָוויטש סמירנאָוו האָט געהאַט אַ ליטעראַרישען געשמאַק. צו יענער צייט, אונטער דער ווילדער צענזור פון ניקאָליי דעם 1טען, האָבען פיעלע גאַנץ אונשעדליכע ווערק פון אונזערע בעסטע שרייבער ניט געקענט פּובליצירט ווערען; אַנדערע זיינען אַזוי צוקאַליעטשעט געוואָרען, אַז פיעלע שטעלען זיינען געבליבען אונפערשטענדליך. אין דער געניאַלער קאָמעדיע פון גריבאָיעדאָוו, „גאָרע אָט אומאַ“, וועלכע פערגלייכט זיך מיט די בעסטע קאָמעדיעס פון מאָליער, האָט מען געמוזט פערבייטען דעם נאָמען „פּאָלקאָווניק סקאַלאָזוב“ אויף „הערר סקאַלאָזוב“, וואָס האָט געשאַדט דעם זין און אפילו די פערזען, ווייל פאָרשטעלען אַ פּאָלקאָווניק אין אַ קאָמישען ליכט וואָלט געקענט בעטראַכט ווערען פאַר אַ בעליידיגונג געגען דער אַרמעע. פון אַזאַ אונשעדליכען בוך ווי גאָגאָל'ס „טויטע נשמות“ איז דער צווייטער טייל אין גאַנצען פערבאָטען געוואָרען, און אפילו דעם ערשטען טייל האָט מען ניט ערלויבט איבערצודרוקען, כאָטש ער איז שוין געווען לאַנג אַרויס פון דרוק. צאָהלרייכע פערזען פון פּושקין, לערמאָנטאָף, א. ק. טאָלסטאָי, רילעעף און אַנדערע פּאָעטען זיינען ניט ערלויבט געוואָרען צו זעהן די ליכט; גאָר ניט רעדענדיג פון אַזעלכע פערזען וואָס האָבען אַ וועלכע עס איז פּאָליטישע מיינונג אָדער האָבען ענטהאַלטען אַ קריטיק אויף די הערשענדע צושטענדען. די אַלע ווערק האָבען צירקולירט אין מאַנוסקריפּט, און מיין לעהרער פלעגט קאָפּירען

גאַנצע ביכער פון גאָגאָל און פּושקין פאַר זיך און פאַר זיינע פריינד, — און ארבייט אין וועלכער איך האָב איהם צופעליג מיטגעהאָלפען. אלס אן אמת'ער קינד פון מאָסקווע איז ער אויך געווען דורכגעדרונגען מיט דער טיעפסטער פערעהרונג פאַר יענע פון אונזערע שרייבער וועלכע האָבען געלעבט אין מאָסקווע — איינינע פון זיי אין דעם אַלטען שטאַלמייסטערס' קווארטאַל. מיט אכטונג האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דאָס הויז פון דער גרעפין סאַליאַס (יעווגעניע טאָור), וועלכע איז געווען אונזער נאָהענטע שכנ'טע, בעת דאָס הויז פון דעם בעוואוסטען פערשיכטען אַלעקסאַנדער הערצען איז שטענדיג געווען פערבונדען מיט אַ געוויסען מיסטיריעזען געפיהל פון רעספּעקט און עהרפורכט. דאָס הויז וואו גאָגאָל האָט געוואוינט איז פאַר אונז געווען אַ געגענשטאַנד פון טיעפען רעספּעקט, און כאָטש איך בין אַלט געווען ניט מעהר ווי ניין יאָהר ווען ער איז געשטאָרבען (אין 1851), און האָב ניט געהאט געלעזען קיין איינעם פון זיינע ווערק, געדענק איך גאַנץ גוט דעם טרויער וואָס זיין טויט האָט ארויסגערופען אין מאָסקווע. טורגעניעוו האָט זעהר גוט אויסגעדריקט דעם דאָזיגען געפיהל אין אַ בעמערקונג, פאַר וועלכע ניקאָליי דער 1טער האָט בעפוילען איהם צו ארעסטירען און פערשיקען אויף זיין אימעניע.

פּושקין'ס גרויסע פּאָעמע „יעווגעני אָניעגין" האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוואַכען איינדרוק, און אפילו איצט בעוואונדער איך מעהר די זעלטענע איינפאַכקייט פון זיין סטיל אין דער פּאָעמע, ווי איהר אינהאַלט. אָבער גאָגאָל'ס ווערק, וועלכע איך האָב געלייענט ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר עלף אָדער צוועלף, האָבען געהאט אַ מעכטיגע ווירקונג אויף מיין געדאַנק, און מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבע־אָבהאַנדלונגען זיינען געווען אַ נאָכאהמונג פון זיין הומאָריסטישען סטיל. אַ היסטאָרישע נאָוועלע פון זאַגאָסקין, „יוראי מילאָסלאַווסקי", וועגען די צייטען פון דעם גרויסען אויפשטאַנד אין 1612; פּושקין'ס „דעם קאַפּיטאַן'ס טאָכטער", וואָס בעשרייבט דעם פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד; און דומאַ'ס „קעניגין מארגאַריט" האָבען דערוועקט אין מיר אַ דויערהאַפטע אינטערעסע פאַר געשיכטע. די אַנדערע פראַנצויזישע נאָוועלען האָב איך ערשט אָנגעהויבען לעזען זינט דאָרט און זאָלאַ האָבען אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ ראָלע. נעקראַסאָף'ס פּאָעזיע איז געווען מיין ליעבלינג פון מיינע פריהעסטע יאָהרען: פיעלע פון זיינע פערזען האָב איך געוואוסט אויסוועניג.

ניקאָליי פּאַוולאָוויטש סמירנאָף האָט מיך בעוואויגען אָנצוהויבען צו שרייבען גאַנץ פריה, און מיט זיין הילף האָב איך געשריבען אַ לאַנגע „געשיכטע פון אַ 25־קאָפּיקענעם", פאַר וועלכער מיר האָבען ערפונדען

אַלערליי סאָרטען כאַראַקטערען, אין וועמעס בעזיץ די מטבע איז אַריינ־געפאַלען.

מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט צו דער צייט געהאַט אַ פיעל פּאָעטי־שערע וועגדונג פון געדאַנק. ער האָט געשריעבען העכסט ראָמאַנטישע ערצעהלונגען, און האָט פריה אָנגעהויבען מאַכען פערזען, וועלכע ער האָט פערפאַסט מיט אַ וואונדערבאַרער לייכטקייט און אין אַ העכסט מוזיקאַלי־שען און גרינגען סטיל. ווען זיין געדאַנק וואָלט דערנאָך ניט פערנומען געוואָרען מיט נאַטור־געשיכטע און פילאָזאָפישע סטודיען וואָלט ער בלי ספק געוואָרען אַן אויסגעצייכענטער פּאָעט. אין יענע יאָהרען איז זיין ליעבלינגם פּלאַ וואו צו קריגען פּאָעטישע בעגייסטערונג געווען דער ניט שטאַרק משופּע'דיגער דאַך אונטער אונזער פענסטער. דאָס האָט אַרויסגע־רופען אין מיר אַ שטענדיגען חשק זיך צו רייצען מיט איהם. „דאָרטען זיצט דער פּאָעט אונטער'ן קוימען, פּרובירענדיג שרייבען זיינע פערזען", פלעג איך זאָגען; און דער רייצען זיך האָט זיך געענדיגט מיט אַ ווילדער רייסעריי, וואָס פלעגט אַריינברענגען אונזער שוועסטער העלענאַ אין אַ צושטאַנד פון פערצווייפלונג. אָבער אַלעקסאַנדער איז געווען אַזוי פרעמד פון געפיהל פון נקמה, אַז מיר פלעגען באַלד ווידער שליסען שלום, און מיר האָבען איינער דעם אַנדערען זעהר שטאַרק ליעב געהאַט. עס זעהט אויס, אַז צווישען אינגלעך, געהען קריגעריי און ליעבע האַנד אין האַנד.

שוין דאַן האָב איך זיך גענומען פאַר זשורנאַליזם. אויפ'ן צוועלפטען יאָהר האָב איך אָנגעפאַנגען רעדאַקטירען אַ טעגליכע צייטונג. פּאַפּיר האָט מען אין אונזער הויז ניט געקענט קריגען וויפיעל מען האָט געוואָלט, און דער פאָרמאַט פון מיין צייטונג איז געווען קליין. אַזוי ווי די קרימער קריעג האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעבראָכען, און די איינציגע צייטונג וואָס מיין פאָטער פלעגט קריגען איז געווען די "מאָסקווער פּאָליציי גאַזעטע", האָב איך ניט געהאַט קיין גרויסען אויסוואהל פון מאָדעלען. דער רעזולטאַט איז געווען אַז מיין אייגענע גאַזעטע איז אין גאַנצען בעשטאַנען פון קורצע פּאַראַגראַפען בעקאַנט מאַכענדיג די נייעס פון טאָג: ווי „אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד. נ. פּ. סמירנאָף האָט געשאָסען צוויי דראָסלען", און ד. גל.

זעהר גיך האָט דאָס אויפגעהערט מיך צופריעדענצושטעלען, און אין 1855 האָב איך זיך גענומען פאַר אַ מאָנאַטליכער צייטשריפט, וועלכע האָט ענטהאַלטען אַלעקסאַנדער'ס פּאָעזיען, מיינע נאָוועלען, און עפּעס אַ מין „פערשיידענעס". די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דער דאָזיגער צייט־שריפט איז געווען פאָלשטענדיג געזיכערט, וואָרים זי האָט געהאַט אַבאָ־נענטען; דאָס הייסט, דער רעדאַקטאָר אַליין און סמירנאָף, וועלכער האָט

רעגעלמעסיג געצאָהלט זיין אַבאָנאַמענט, מיט אַ געוויסער צאָהל בוינען פּאַפּיר, אפילו נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָזען אונזער הויז. דערפאַר האָב איך פּינקטליך איבערגעשריבען אַ צווייטע קאָפּיע פאַר מיין געטרייען אַבאָנענט.

ווען סמירנאָף האָט אונז פערלאָזען און אַ מעדיצינישער סטודענט, מ. נ. פּאַוולאָף, האָט פערנומען זיין פּלאַץ, האָט דער לעצטער מיר געהאָל־פען אין מיינע רעדאַקציאָנעלע פּפליכטען. ער האָט געקראָגען פאַר דעם זשורנאַל אַ פּאָעמאַ ביי איינעם פון זיינע פריינד, און — וואָס נאָך מעהר וויכטיג — די איינלייטונגס לעקציע איבער פּיזישער געאָגראַפיע פון איינעם פון די מאָסקווער פּראָפעסאָרען. עס פערשטעהט זיך אַז די דאָזיגע לעקציע איז פריהער אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט: אָן איבערגעדרוקטע זאַך וואָלט קיינמאָל ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ אין אַזאַ ערנסטען זשורנאַל.

אַלעקסאַנדער, דאָס דאַרף איך ניט דערצעהלען, האָט גענומען אַ לעבעדיגען אינטערעס אין דער צייטשריפט, און זי האָט גיך געקראָגען אַ שם אין דעם קאַדעטען קאָרפּוס. איניגע יונגע שרייבער, וואָס זיינען שוין געווען אויפ׳ן וועג צו בעריהמטקייט, האָבען אונטער־נומען די ארויסגאַבע פון אַ קאָנקורענץ־שריפט. דער עסק איז געוואָרען ערנסט: מילא אין פּאָעמען און נאָוועלען האָבען מיר נאָך אונזער שטעדטעל געקענט בעשטעהן; זיי האָבען אָבער געהאַט אַ „קריטיקער“, און אַ „קריטיקער“ וואָס שרייבט, אין פערבינדונגען מיט די כאַראַקטערע פון עפּעס אַ נייער נאָוועלע, פערשיידענע בעטראַכטונגען וועגען די אומשטענדען פון לעבען, און ריהרט אָן טויזענדער פראַגען וועלכע קענען ניט בעריהרט ווערען ערגעץ אַנדערסוואו, שאַפט די נשמה פון אַ רוסישער צייטשריפט. זיי האָבען געהאַט אַ קריטיקער, און מיר ניט! גליקליכערווייזע איז דער אַרטיקעל וואָס איז אָנגעשריעבען געוואָרען פון דעם קריטיקער פאַר׳ן ערשטען נומער אָנגעקומען צו מיין ברודער. עס איז אפילו געווען אָנגעשריבען מיט פּרע־טענזיעס, עס איז אָבער געווען שוואַך, און אַלעקסאַנדער האָט גלייך אָנגע־שריבען אַ געגען־קריטיק, וואָס האָט געמאַכט חוזק און פערניכטעט דעם קריטיקער אויף אַ שרעקליכען אופן. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט אין געגנערישען לאַגער, אַז די געגען־קריטיק וועט ערשיינען אין אונזער נעקסטער אויסגאַבע, זיינען זיי געוואָרען פערציטערטע; זיי האָבען אויפ־געגעבען די ארויסגאַבע פון דעם זשורנאַל און זייערע בעסטע שרייבער זיינען אריין צו אונז אַלס מיטאַרבייטער. מיט טריאומף האָבען מיר בעקאַנט געמאַכט די צוקינפטיגע „אויסשליסליכע מיטאַרבייטערשאַפט“ פון אַזוי פיעל אויסגעצייכענטע שרייבער.

אין אויגוסט 1857 האָט די צייטשריפט, נאָך א כמעט צוויי־יאָהרינגער עקזיסטענץ, געמוזט אויפגעגעבען ווערען. א נייע סביבה און א גאנץ נייער לעבען איז געשטאנען פאר מיר. איך בין אוועק פון דער היים ניט ווילענדיג, און נאָך מעהר האָט מיר פערדראָסען וואָס די גאנצע שטרעקע פון מאָסקווע ביז פעטערבורג וועט זיין צווישען מיר און אלעקסאנדער, און איך האָב שוין דאן בעטראכט פאר אן אונגליק דאָס וואָס איך האָב געמוזט אריינ־טרעטען אין א מיליטערישער שולע.

צווייטער טייל.

דער פּאַזשען קאָרפּוס

I

עס איז אלזא פערווירקליכט געוואָרען מיין פאָטער'ס לאנג־געהאָפּטע אמביציע. עס איז געוועזן א וואקאנציע אין פּאזשען קאָרפּוס, וואָס איך האָב געקענט אויספילען. ווארטען לענגער האָב איך ניט געקענט, ווייל באלד וואָלט איך געוואָרען אריבער די יאָהרען, האָט מען מיך אוועקגעפיהרט אין פּעטערבורג און אריינגעגעבען אין דער שולע. ניט מעהר ווי הונדערט־און־פופציג איננגלעך — מייסטענס קינדער פון דעם אדעל וואָס האָט געהערט צום הויף — האָבען געקראָגען זייער בילדונג אין דעם דאָזיגען פּריווילעגירטען קאָרפּוס, וועלכער האָט געטראָגען דעם כאראקטער פון א מיליטערישער שולע מיט בעזונדערע רעכטען און פון א הויף־אינסטיטוציע וואָס איז געוועזן איבערגעגעבען דער קייזערליכער פאמיליע. אָבזייענדיג פיער אָדער פינף יאָהר אין דעם פּאזשען קאָרפּוס, זיינען די וואָס האָבען אויסגעהאלטען די לעצטע עקזאמענס אויפגענומען געוואָרען אלס אָפּיצירען אין אירגענד וועלכען רעגימענט פון דער גווארדיע אָדער פון דער ארמעע וואָס זיי האָבען זיך אויסגעקליבען, ניט קוקענדיג אויף דער צאָהל לעדיגע פּלעצער אין דעם רעגימענט; און יעדען יאָהר זיינען די ערשטע זעכצעהן שילער פון דעם העכסטען קלאַס ערנאנט געוואָרען אלס „פּאזש דע שאמבערס" (הויף־פּאזשען): דאָס הייסט, זיי זיינען פּערזענליך איבערגעגעבען געוואָרען צו פערשיידענע מיטגליעדער פון דער קייזערליכער פאמיליע — דעם קייזער, די קייזערין, די גרויספירסטען און גרויספירסטינס. פערשטעהט זיך, אז דאָס איז בעטראכט געוואָרען פאר א גרויסען כבוד; און, אחוץ דעם, די יונגע לייט וואָס זיינען בעשאָנקען געוואָרען מיט דער דאָזיגער עהרע זיינען בעקאנט געוואָרען אין הויף, און האָבען דערנאָך געהאט אלע געלעגענהייטען ערנאנט צו ווערען פאר אדיוטאנטען פון קייזער אָדער פון איינעם פון די גרויספירסטען, און דורכדעם — אויך אלע מעגליכקייטען צו מאכען בריליאנטענע קאריערעס אין דיענסט פון דעם שטאאט. פאָטערס און מוטערס האָבען דעריבער גוט אכטונג געגעבען אז זייערע זיהן זאָלען ניט פערפעהלען אריינצוטרעטען אין דעם פּאזשען קאָרפּוס, ווען אפילו דער אריינטריט האָט געדארפט ערוואָרבען ווערען אויף די קאָסטען פון אנדערע קאנדידאטען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געזעהן קיין לעדיגען פּלאץ וואָס זאָל זיין אָפען פאר זיי. איצט אז איך

בין שוין געווען אין דעם אויסערוועהלטען קאָרפּוס האָט מיין פאָטער גע־קענט לאָזען זיינע אַמביציעזע חלומות זיך פריי פונאַנדערשפּיעלען.

דער קאָרפּוס איז געווען איינגעטיילט אין פינף קלאַכען, פון וועלכע דער העכסטער איז געווען דער ערשטער, און דער ניעדעריגסטער דער פינפטער, און די אויסזיכט איז געווען אַז איך זאָל אריינקומען אין פיערטען קלאַס. אָבער, אַזוי ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען ביי די עקזאַ־מענס, אַז איך בין ניט געווען גענוג בעקאַנט מיט דעצימאַל דראָב, און אַזוי ווי אין פיערטען קלאַס זיינען שוין דעם יאָהר געווען איבער פערציג שילער, בעת אין דעם פינפטען איז ניט מעהר געווען ווי צוועלף, בין איך פערשריבען געוואָרען אין דעם לעצטען.

איך האָב זיך געפיהלט זעהר שטארק געערגערט פון דעם דאָזיגען בעשלוס. אריינגעטראָטען אין דער מיליטער־שולע בין איך געגען מיין ווילען, און איצט זאָל איך נאָך דאָרט דאַרפען בלייבען פינף אָנשטאָט פיער יאָהר. וואָס וועל איך דאָרט טהאָן אין דעם פינפטען קלאַס, ווען איך ווייס שוין אַלצדינג וואָס מען וועט דאָרט לערנען? מיט טרעהרען אין די אויגען האָב איך וועגען דעם גערעדט צום אינספּעקטאָר (דער פאָרשטעהער פון בילדונגס דעפּאַרטמענט), אָבער ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ שפּאַס. „דו ווייסט דאָך", מאַכט ער צו מיר, „וואָס צעזאַר האָט געזאָגט — עס איז בעסער צו זיין דער ערשטער אין אַ דאָרף איידער דער צווייטער אין רוים". אויף וואָס איך האָב איהם היציג געענטפערט, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין גאָר דער לעצטער אבי איך זאָל קענען פערלאָזען די מיליטער שולע אַזוי גיך ווי מעגליך. „אפשר, שפּעטער אַהין, וועט דיר די שולע געפעלען", האָט ער בעמערקט, און פון דעם טאָג אָן איז ער געוואָרען פריינדליך צו מיר.

דעם לעהרער פון אריפמעטיק, וועלכער האָט אויך געזוכט מיר צו טרייסטען, האָב איך געגעבען מיין עהרען־וואָרט אַז איך וועל קיינמאָל ניט אריינקוקען אין זיין טעקסט־בוך; „און פונדעסטוועגען", האָב איך איהם געזאָגט, „וועט איהר מיר מוזען געבען די העכסטע קען־צייכענס". איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען; אָבער דענקענדיג איצט פון דער סצענע, רעכען איך אַז דער שילער איז ניט געווען איבעריגס געהאָרכזאַם.

און דאָך, ווען איך בליק צוריק אויף דער ווייטער פערגאַנגענהייט, קען איך נאָר זיין דאַנקבאַר פאַר וואָס מען האָט מיר אריינגעזעצט אין דעם ניעדעריגסטען קלאַס. האָבענדיג פאַר דעם ערשטען יאָהר ניט מעהר ווי איבערצו'חזר'ן דאָס וואָס איך האָב שוין געוואוסט, האָב איך מיך צוגעוועהנט אויסצולערנען מיינע לעקציעס נאָר צוהערענדיג זיך צו וואָס דער לעהרער האָט געזאָגט אין קלאַס; און, אָבגע'פּטר'ט די לעקציעס,

האָב איך געהאַט געגוג צייט צו לייענען און צו שרייבען וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט. איך האָב זיך קיינמאָל ניט צוגעגרייט צו די עקזאַמענס, און פלעג פערברענגען די צייט, וואָס איז אויף דעם געגעבען געוואָרען, אין פּאָרלעזען פּאָר עטליכע פריינד די דראַמאַס פון שעקספּיער און אָסטראָווסקי. ווען איך בין אָנגעקומען אין די העכערע „ספּעציעלע" קלאַסען, בין איך אויך געווען בעסער צוגעגרייט צו בעהערשען די אַלערליי געגענשטענדען וואָס מיר האָבען געהאַט צו שטודירען. אויסערדעם, האָב איך מעהר ווי אַ העלפט פון דעם ערשטען ווינטער פערבראַכט אין שפּיטאָל. אַזוי ווי אַלע קינדער וואָס זיינען ניט געבאָרען אין פּעטערבורג, האָב איך געהאַט צו בעצאָהלען אַ שווערען צינז צו „דער הויפּטשטאָדט אויף די זומפּען פון פינלאַנד" אין דער פאָרם פון עטליכע אָנגריפען פון דער אָרטיגער כאָלערע, און צום סוף בין איך געלעגען אויף אַ טיפוס־פיבער.

בעת איך בין אָנגעקומען אין דעם פּאַזשען־קאָרפּוס, איז פאָרגעקומען אין זיין אינערליכען לעבען אַ גרינדליכע ענדערונג. גאַנץ רוסלאַנד האָט אין יענער צייט ערוואַכט פון דעם שווערען שלומער און דעם שרעקליכען קאָשמאַר פון ניקאָליי דעם 1טען'ס הערשאַפט. אונזער שולע האָט אויך געפיהלט די ווירקונג פון דער דאָזיגער ווידער־אויפלעבונג. איך ווייס ווירקליך ניט וואָס עס וואָלט פון מיר געוואָרען, ווען איך וואָלט אריינגעקומען אין פּאַזשען קאָרפּוס מיט אַ יאָהר אָדער צוויי פריהער. אָדער מיין ווילען וואָלט אין גאַנצען געבראָכען געוואָרען, אָדער מען וואָלט מיך ארויסגעטריבען פון דער שולע, ווער ווייס מיט וואָסערע פאָלגען. צום גליק איז די איבערגאַנגס־פעריאָדע אין יאָהר 1857 שוין געווען אין פולען גאַנג.

דער דירעקטאָר פון קאָרפּוס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער אַלטער מאַן, גענעראַל זשעלטוכין. ער איז אָבער געווען דירעקטאָר נאָר אין נאָמען. דער אמת'ער בעל־הבית אין דער שולע איז געווען „דער פּאָלקאָווניק" — זשיראַרדאָ, אַ פראַנצויז אין רוסישען דיענסט. מענשען האָבען געזאָגט אַז ער איז געווען אַ יעזואיט, און איך גלויב אַז ער איז דאָס טאַקע געווען. זיינע גענג, יעדענפאַלס, זיינען געווען דורך־און־דורך דורכגעזאַפּט מיט די לעהרען פון לאָיאָלאַ, און זיינע בילדונגס מעטאָדען זיינען געווען דיזעלבע ווי פון די פראַנצויזישע יעזואיטישע הויכשולען.

שטעלט זיך פאָר אַ ניעדריגען, גאַנץ מאָגערען מענשען, מיט טונקעלע, דורכשטעכענדיגע אויגען, מיט קורץ אונטערגעהאַקטע וואָנציעס, וואָס גיבען איהם דעם אויסזעהן פון אַ קאַץ; זעהר שטיל און שטרענג; ניט צופיעל אינטעליגענט, אָבער העכסט שלוי; אַ דעספּאָט פון טיעפען הארצען אויס, וועלכער איז געווען פעהיג צו האַסען — שטאַרק האַסען —

דעם אינגעל וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבען אונטער זיין איינפלוס, און וואָס האָט ארויסגעוויזען זיין האַס, ניט מיט קליינליכע פערפאָלגונגען, נאָר אונאויפהערליך מיט זיין גאַנצער בענעהמונג — אָפטמאָל מיט א שטאָכווערטעל, אָדער מיט א געוויסער מינע, מיט א שמייכעלע, אָדער מיט א בייסיגען אויסרוף. זיין גאַנג איז געווען אזוי ווי ער וואָלט זיך פערביינעגליטשט, און זיינע פאַרשענדע בליקען וואָס ער האָט געוואָרפען אויף אַלע זייטען ניט א דרעה געבענדיג דעם קאָפּ, האָט פערפאָלקאָמט די אילוזיע פון זיין עהנליכקייט צו א קאַץ. אַן אויסדרוק פון טרוקענער קאַלט־קייט איז געווען אָבגעשטעמפעלט אויף זיינע ליפּען, אפילו דעמאָלט ווען ער האָט פּרובירט אויסקוקען גוט אויפגעלעגט, און נאָך שטרענגער איז דער אויסדרוק געוואָרען ווען זיין מויל האָט זיך צוזאַמענגעצויגען אין א שמייכעל פון אונצופריעדענקייט אָדער פעראַכטונג. מיט דעם אַלעמען איז אויף איהם ניט געווען קענטיג דער קאָמאַנדיר; אויפ'ן ערשטען בליק וואָלט איהר איהם גיכער געקענט נעהמען פאַר א וואָוילטהעטיגען פאָטער, וועלכער רעדט צו זיינע קינדער אזוי ווי זיי וואָלטען געווען דערוואַקסענע מענשען. און דאָך, האָט איהר באַלד דערפיהלט אז יעדערער און אַלץ מוז זיך בויגען פאַר זיין ווילען. וועה צו דעם אינגעל, וועלכער וואָלט זיך ניט נעפיהלט גליקליך אָדער אונגליקליך לויט דעם גראַד פון גוטער לוינע, וואָס דער פּאָלקאָווניק האָט צו איהם ארויסגעוויזען.

די ווערטער „דער פּאָלקאָווניק“ זיינען כסדר געווען אויף אַלעמענס ליפּען. אַנדערע בעאַמטע האָבען געהאַט זייערע צונעמען, אָבער קיינער וואָלט ניט געוואַגט צו געבען א צונאָמען זשיראַרדאָ'ן. א מין מיסטעריע איז געהאַנגען איבער איהם, אזוי ווי ער וואָלט געווען אַלוויסענד און אַל־ווענזענד. ריכטיג, ער האָט פערבראַכט דעם גאַנצען טאָג און א טייל פון דער נאַכט אין דער שולע. אפילו ווען מיר זיינען געווען אין די קלאַסען איז ער ארומגעקראָכען, זוכענדיג אין אונזערע טיש־קעסטלעך, וועלכע ער פלעגט עפענען מיט זיינע אייגענע שליסלען. די נעכט האָט ער אָבגעגעבען צו דער ארבייט פון פערשרייבען אין קליינע ביכלעך — פון וועלכע ער האָט געהאַט א גאַנצע ביבליאָטעק — אין בעזונדערע שפּאַלטען, מיט בעזונדערע צייכענס און מיט פערשיידענע קאָלירען טינט, אַלע חסרונות און מעלות פון יעדען אינגעל.

שפּיעלען, געלעכטערס און געשפּרעכען האָבען אויפגעהערט, ווען מיר האָבען איהם דערזעהן לאַנגזאַם שלייכענדיג איבער אונזערע געראַומיגע צימערען, האַנד אין האַנד מיט איינעם פון זיינע ליעבלינגע, באַלאַנסי־רענדיג זיין קערפּער פאָרווערטס און ריקווערטס; שמייכלענדיג צו איין אינגעל, שאַרף אריינקוקענדיג אין די אויגען פון א צווייטען, וואַרפענדיג

אַ גלייכגילטיגען בליק אויף אַ דריטען, און געבענדיג אַ לייכטען קרים מיט די ליפּען גנהענדיג פּערביי אַ פיערטען: און פון די דאָזיגע בליקען האָט יעדערער געוואוסט, אַז דעם ערשטען איינגעל האָט ער ליעב, אַז צו דעם צווייטען איז ער גלייכגילטיג, אַז ער האָט אַבזיכטליך ניט בעמערקט דעם דריטען, און אַז ער איז ניט צופריעדען פון דעם פיערטען. די דאָזיגע אונ־צופריעדענהייט איז געווען גענוג צו מאַכען פּערציטערען די מייסטע פון זיינע קרבנות — איבערהויפּט דעמאָלט ווען מען האָט זיך ניט געקענט אָבגעבען קיין אורזאַך דערפאַר. עמפּפינדליכע קינדער זיינען געבראַכט געוואָרען צו פּערצווייפלונג דורך אָט דער שטומער, שטענדיגער ארויס־געוויזענער בייזקייט און דורך אָט די פערדעכטיגע בליקען; אויף אַנדערע האָט עס געווירקט אין גאַנצען צו פּערניכטען זייער ווילען, ווי איינער פון די טאָלסטאָים — טהעאָדאָר, אויך זשיראַרדאָ'ס אַ שילער — האָט עס בעוויזען אין זיין אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע, די„ קראַנקהייטען פון דעם ווילען".

דאָס אינערליכע לעבען פון דעם קאָרפּוס איז געווען אַ טרויעריגעס אונטער דער הערשאַפט פון אָט דעם פּאָלקאָווניק. אין אַלע קעסט־שולען זיינען די ניי־אָנגעקומענע קינדער אונטערוואָרפען אונטער קליינע פער־פאָלגונגען. די „גרינהאָרנס" ווערען אויף אַזאַ אופן געשטעלט צו פּראָבע. פון וואָס פאַר אַ טויג זיינען זיי געקנאָטען? צי וועלען זיי אָפּטמאָל ניט ווערען „אונטערלעקער"? און אויסער דעם האָבען די „אַלטע הענד" ליעב צו ווייזען די פרישע דעם פּאָרצוג פון איינגעפיהרטער ברידערליכקייט. אַזוי איז עס אין אַלע שולען און אויך אין געפענגניסען. אונטער זשיראַר־דאָ'ס הערשאַפט אָבער האָבען די דאָזיגע פערפאָלגונגען אָנגענומען אַ פיעל ערגערען אויסזעהן, און געקומען זיינען זיי ניט פון די חברים פון דעם זעלבען קלאַס, נאָר פון דעם ערשטען קלאַס — די פּאַזש דע שאַמבערס, וועלכע זיינען געווען אונטער־אָפיצירען, און וועלכע זשיראַרדאָ האָט אוועקגעשטעלט אין אַ גאַנץ אויסנעהמליכער, העכערער לאַגע. זיין סיסטעם איז געווען זיי צו געבען אונבעשרענקטע מאַכט, זיך מאַכענדיג ניט וויסענדיג אפילו פון די שוידערליכע מעשים וואָס זיי האָבען אָבגעטהאָן; און דורך זיי אויפהאַלטען אַ שטרענגע דיסציפּלינע. צו ענטפערען אויף אַ קלאַפּ וואָס מען האָט געקראָגען פון אַ פּאַזש דע שאַמבר וואָלט געמיינט, אין די צייטען פון ניקאָליי דעם 1טען, פערשיקט צו ווערען אין אַ באַטאַ־ליאָן פון סאָלדאַטסקע קינדער, ווען מען זאָל זיך דערפון דערוויסען; און צו רעוואָלטירען אויף וועלכען עס איז אופן געגען אַן איינפאַכען קאַפּריז פון אַ פּאַזש דע שאַמבער האָט געהייסען, אַז די צוואַנציג יונגען פון דעם ערשטען קלאַס, בעוואַפנט מיט זייערע שווערע דובאָווע ליניעס, וועלען

זיך צוזאַמענקלייבען אין אַ צימער, און, מיט זשיראַרדאָ'ס שטילער צושטי־מונג, וועלען זיי גוט דורכבּרעכען די ביינער דעם אינגעל וואָס האָט אַרויס־געוויזען אַזאַ גייסט פון ווידערשפּעניגקייט.

אויף דעם סמך האָבען די שילער פון ערשטען קלאַס געטהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט, און ניט לענגער צוריק ווי דעם פערגאַנגענעם ווינטער איז איינער פון זייערע בעסטע שפּיעלען געווען, צונויפצונעהמען די „גרינהאָרנס" ביינאַכט אין אַ צימער, אין זייערע נאַכט־העמדער, און זיי הייסען לויפען אין אַ רינג, אַזוי ווי פערד אין אַ צירק, בעת די פּאַזש דע שאַמבערס, בעוואַפנעט מיט גומעלאַסטיקענע בייטשען, אַנדערע שטעהענ־דיג אין מיטען און אַנדערע פון אויסענווייניג, האָבען אונ'ברחמנות'דיג די אינגלעך געשמיסען. געוועהנליך האָט זיך דער צירק געענדיגט אויף אַן אָריענטאַלישען שטייגער, אויף אַן אַבשייליכען אופן. די מאָראַל־בעגריפען וואָס האָבען געהערשט צו יענער צייט, און די מיאוס'ע רייד וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין דער שולע מכח דאָס וואָס עס פלעגט פּאָרקומען ביינאַכט נאָך דעם צירק, זיינען געווען אַזעלכע, אַז וואָס ווענינער גערעדט וועגען זיי, אַלץ בעסער.

דער פּאָלקאָווניק האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט געהאַט אַ פּאָלקאָמען אָרגאַניזירטע סיסטעמע פון שפּיאָנעריי, און קיין זאַך האָט פון איהם ניט געקענט בעהאַלטען ווערען. אָבער אַזוי לאַנג ווי מען האָט ניט געוואוסט אַז ער ווייס דערפון, האָט עס ניט אויסגעמאַכט. צו פערמאַכען די אויגען אויף דאָס וואָס דער ערשטער קלאַס פלעגט אָבטהאָן, איז געווען דער יסוד פון זיין סיסטעמע פון אויפהאַלטען דיסציפּלין.

אַ נייער גייסט האָט אָבער ערוואַכט אין דער שולע, און בלויז עטליכע מאָנאַט פריהער איידער איך בין דאָרט אַריינגעטראָטען איז פּאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. אין דעם יאָהר איז דער דריטער קלאַס געווען אַנדערש איידער ער איז געווען ביז אַהער. ער האָט אין זיך ענטהאַלטען אַ צאָהל יונגע לייט וואָס האָבעןווירקליך שטודירט, און אַ היבש ביסעל געלייענט; איינינע פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרען בעדייטענדע מענער. ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט וואָס איך האָב געמאַכט מיט איינעם פון זיי — לאָמיך איהם אָנרופען פאָן ע'אוף — האָב איך איהם געטראָפען לעזענדיג קאַנט'ס „קריטיק פון דער ריינער פערנונפט". אחוץ דעם, האָבען זיי צווישען זיך געהאַט עטליכע פון די שטאַרקסטע יונגע לייט פון דער שולע. דער העכסטער מיטגליעד פון קאָרפּוס איז געווען אין דעם קלאַס, ווי אויך אַ זעהר קרעפטיגער יונגער מאַן, קאָשטאָף, אַ שטאַרקער פריינד פון פאָן שאוף.

דער דאָזיגער דריטער קלאַס האָט שוין ניט געטראָגען דעם יאָך פון די פּאַזש דע שאַמבערס מיט דער זעלבער געהאָרכזאַמקייט ווי זיינע פאָרגעהער. עס האָט זיי געעקעלט פון דאָס וואָס פלעגט פּאָרקומען, און נאָך א. געוויסען פּאָרפאַל, וועלכען איך וויל בעסער ניט בעשרייבען, האָט שטאַטגעפונען א געשלעג צווישען דריטען און ערשטען קלאַס, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס די פּאַזש דע שאַמבערס האָבען געקראָגען גוט צובראָכען די זייטען פון זייערע אונטערגעאָרדענטע. זשיראַרדאָ האָט די געשיכטע פערשטיקט, אָבער די אויטאָריטעט פון דעם ערשטען קלאַס איז געוועזען געבראָכען. די גומעלאַסטיקענע בייטשען זיינען געבליבען, אָבער זיי זיינען שוין מעהר ניט געברויכט געוואָרען.

דאָס ביסעל האָט מען געוואונען; אָבער דער ניעדעריגסטער קלאַס, דער פינפטער, וואָס איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט כמעט דורכאויס פון גאַנץ יונגע אינגלעך, נאָר־וואָס אָנגעקומענע אין דער שולע, האָט נאָך אַלץ געמוזט אויסשטעהן די קליינליכע קאַפּריזען פון די פּאַזש דע שאַמבערס. מיר האָבען געהאַט א פּראַכטפאָלען גאָרטען, פול מיט אַלטע בוימער, אָבער די אינגלעך פון פינפטען קלאַס האָבען איהם וועניג געקענט געניסען; זיי זיינען געוועזען געצוואונגען ארומצולויפען אין א רינג, בעת די בחורים פון ערשטען קלאַס זיינען געזעסען אינעווייניג און געפּלוידערט, אָדער זיי האָבען געמוזט צוריקוואַרפען די באַלען, ווען די דאָזיגע אַדעלליַיט האָבען געשפּיעלט קעגעל. א פּאָר טעג נאָך מיין אָנקו־מען אין דער שולע, זעהענדיג וואָס עס קומט פאָר אין גאָרטען, בין איך דאָרט ניט געגאַנגען און בין געבליבען אויבען אין צימער. איך האָב געהאַלטען אין לעזען, ווען א פּאַזש דע שאַמבער, מיט רויטע האָר און א פּנים בעדעקט מיט שפּריינקלעך, איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך בעפוילען גלייך געהן אין גאָרטען און לויפען אין רינג.

„איך וועל ניט געהן; זעהסט דאָך אז איך לייען", איז געוועזען מיין ענטפער.

זיין פּנים, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזען קיין צו־ליעבליכער, איז פון כעס נאָך מעהר ענטשטעלט געוואָרען. ער איז געוועזען גרייט זיך ארויפצוואַרפען אויף מיר. איך האָב זיך ניט געלאָזען. ער האָט פּרובירט מיך שלאָגען איבער'ן געזיכט מיט זיין היטעל. איך האָב זיך בעשיצט אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט. ער האָט דאַן א וואָרף געטהאָן זיין היטעל אויף דער ערד.

„העב עס אויף!"

„העב עס אליין אויף."

אזא אקט פון ניט־געהאָרכזאַמקייט איז נאָך אין דער שולע ניט

נעהערט געוואָרען. פאַר וואָס ער האָט מיך ניט אָהן רחמנות דערשלאָגען אויפ׳ן אָרט, ווייס איך ניט. ער איז געווען אַ סך עלטער און שטאַרקער פון מיר.

אויף מאָרגען און די ווייטערדיגע טעג האָב איך ווידער געקראָגען אַזעלכע בעפעהלע, אָבער אויף להכעיס בין איך געבליבען אויבען. דאָן האָבען זיך אָנגעהויבען די פערביטערסטע קליינליכע פערפאָלגונגען אויף יעדען טריט, וואָס קענען ברענגען אַ קינד צו פערצווייפלונג. גליקליכער־ווייזע בין איך אַלע מאָל געווען אַ לוסטיגער, און איך פלעג זיי ענטפער־רען מיט אַ שפּאַס, אָדער גאָר אין גאַנצען זיך ווענינ אומגעקוקט אויף זיי.

אויסער דעם, איז אין גיכען צו דעם אַלעמען געקומען אַ סוף. דער ווינטער איז געוואָרען רעגענדיג, און מיר האָבען סיי־ווי־סיי די מייסטע צייט פערבראַכט אין הויז. אין גאָרטען פלעגט דער ערשטער קלאַס רויכערען גאַנץ פריי, זייענדיג אין הויז אָבער, איז דער רויכערען־קלוב געווען אין „טהורעם״. דאָס איז געווען אַ פּראַכטפאָל ריינער צימער, און דער אויוון האָט דאָרט שטענדיג געברענט. די פּאַזיש דע שאַמבערס פלעגען שטענדיג בעשטראָפען יעדען אינגעל וואָס זיי האָבען געפּאַקט רויכערענדיג, זיי אַליין אָבער זיינען כסדר געזעסען לעבען פייער פלוידע־רענדיג און רויכערענדיג פּאַפּיראָסען. זייער בעסטע רויכער־צייט איז געווען נאָך צעהן אַ זייגער ביינאַכט, ווען עס האָט געהייסען אַז אַלע זיינען שוין געגאַנגען שלאָפען; זיי פלעגען אָנהאַלטען דעם קלוב ביז האַלב נאָך עלף, און, כדי זיך צו בעוואָרענען פון אַ ניט־ערוואַרטעטער איבערראַשונג פון זשיראַרדאָ׳ן, האָבען זיי אונז בעפוילען צו האַלטען וואַך. זיי פלעגען אַרויסשלעפּען די קלענערע אינגלעך פון פינפטען קלאַס פון די בעטען נאָך דער רייהע, צו צוויי אויף אַמאָל, און זיי האָבען זיך געמוזט אַרומדרעהען אויף די שטיגען ביז האַלב־נאָך־עלף, צו לאָזען וויסען אויב דער פּאָל־קאָווניק געהט.

מיר האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו די דאָזיגע נאַכט־וואַכען. עס זיינען געווען לאַנגע דיסקוסיאָנען וועגען דעם, און מען האָט אָנגע־פרעגט די העכערע קלאַסען וואָס צו טהאָן. ענדליך איז דער בעשלוס געקומען: „ענטזאַגט זיך, אַלע, צו האַלטען וואַך; און ווען זיי וועלען אייך אָנהויבען צו שלאָגען, וואָס זיי וועלען זיכער טהאָן, געהט, אַזוי פיעל וויפיעל איהר קענט, אַלע צוזאַמען, און רופט אַריין זשיראַרדאָ׳ן. ער ווייס אפילו פון אַלץ, אָבער ער וועט דאַן זיין געצוואונגען דאָס אָבצו־שטעלען.״ די פראַגע צי דאָס וועט ניט הייסען קיין „מסירה״ איז פון עקספּערטען אין עהרע־אַנגעלעגנהייטען ענטשיעדען געוואָרען אויף ניט:

ווייל די פּאַזש דע שאַמבערס האָבען זיך ניט פערהאַלטען צו די איבעריגע ווי חברים.

די רייהע צו האַלטען וואך די נאַכט איז אויסגעפאַלען אויף פּרינץ שאַכאָווסקי׳ן, א געניטער יונג, און אויף סעלאַנאָף, א פרישער, א העכסט שרעקעדיגער אינגעל, וועלכער האָט אפילו גערעדט מיט א מיידעלשען קול. שאַכאָווסקי׳ן האָט מען גערופען צוערשט, ער האָט זיך אָבער ענטזאַגט צו געהן, און מען האָט איהם צורוה געלאָזט. דאָן זיינען צוויי פּאַזש דע שאַמבערס צוגעקומען צום פרישען, שרעקעדיגען, וועלכער איז שוין געלעגען אין בעט; און אזוי ווי ער האָט זיך אויך ענטזאַגט צו פאָלגען, האָבען זיי איהם אָנגעהויבען ברוטאַל צו שמייסען מיט שווערע לעדערנע שלייקעס. שאַכאָווסקי האָט אויפגעוועקט עטליכע חברים וואָס זיינען געלעגען דערביי, און זיי זיינען אַלע געלאָפען זוכען זשיראַרדאָ׳ן.

איך בין אויך שוין געווען געלעגען אין בעט ווען צוויי זייערע זיינען צוגעקומען צו מיר און האָבען מיך געהייסען געהן אויף דער וואך. איך האָב זיך ענטזאַגט. זיי האָבען גלייך געכאַפּט צוויי פּאָר שלייקעס — מיר פלעגען אַלע מאָל צונויפלעגען אונזערע זאַכען אין א פּאַלקאָמענער אָרדנונג אויף א בענקעל נעבען בעט, די שלייקעס פון אויבען, און דעם האַלזטוך איבער זיי — און אָנגעהויבען מיך צו שלאָגען. זיך אויפזועצענדיג אין בעט, האָב איך מיך פערשטעלט מיט די הענד, און איך האָב שוין געהאַט אריינגעכאַפּט עטליכע שווערע קלעפּ, ווען עס האָט זיך דערהערט א קאָמאַנדע, „דער ערשטער קלאַס צום פּאַלקאָווניק!" די ווילדע שלעגער זיינען מיט אמאָל געוואָרען מילד, און אויף גיך געבראַכט מיינע זאַכען אין אָרדנונג.

„זאָג גאָר נישט", האָבען זיי געשעפּטשעט.

„דעם האַלזטוך אריבער, אין גוטער אָרדנונג", האָב איך צו זיי געזאָגט, בעת מיינע פּלייצעס און די אָרעמס האָבען געברענט פון די קלעפּ.

וואָס זשיראַרדאָ האָט געזאָגט צו דעם ערשטען קלאַס, האָבען מיר ניט געוואוסט; אָבער אויף מאָרגען, אזוי ווי מיר זיינען געשטאַנען אין דער רייהע פאַר׳ן אַרונטערגעהן אונטען אין עס־צימער, האָט ער אונז אַדרעסירט אין א ניעדעריגען טאָן, זאָגענדיג ווי טרויעריג עס איז, אז פּאַזש דע שאַמבערס זאָלען בעפאַלען שלאָגען א אינגעל וועלכער איז געווען געדעכט אין זיין ענטזאַגען זיך. און וועמען? א פרישען און אזא שרעקעדיגען אינגעל ווי שעלאַנאָף איז. אַלעמען האָט געעקעלט פון דער דאָזיגער יעזואיטישער רעדע.

דאָס איז זיכער אויך געווען א קלאַפּ פאַר זשיראַרדאָ׳ס אויטאָריטעט,

און ער האָט דאָס אונז ניט געקענט מוחל זיין. ער האָט געקוקט אויף אונזער קלאַס, איבערהויפּט אויף מיר, מיט גרויס פיינדשאַפט (ער האָט געקראָגען צו וויסען די געשיכטע פון מיין אָבזאָגען זיך צו לויפען אין רינג), און ער האָט עס אַרויסגעוויזען ביי יעדער געלעגענהייט.

דעם ערשטען ווינטער בין איך געוועזן אַ אָפטער גאַסט אין שפּיטאָל. נאָכ'ן איבערקומען אַ טיפוס־פיבער, בעת וועלכער צייט דער דירעקטאָר און דער דאָקטאָר האָבען מיך בעהאַנדעלט מיט אמת פאָטערליכער זאָרג, האָב איך געליטען מיט זעהר העפטיגע און אָפטע מאָגען־שמערצען. זשיראַרדאָ, זעהענדיג מיך אַזוי אָפט אין שפּיטאָל, וואו ער פלעגט מאַכען זיינע טעגליכע רעוויזיעס, האָט אָנגעהויבען זאָגען צו מיר יעדען אין דער פריה, האַלב־שפּאַסיג, אין פראַנצויז, „אָט האָט איהר אַ יונגען מאַן וואָס איז אַזוי געזונד ווי דער נייער בריק, און וואַלגערט זיך אַרום אין שפּיטאָל“. איינמאָל אָדער צוויי מאָל האָב איך געענטפערט אויף שפּאַס, אָבער ענדליך, דערשפּירענדיג אַ רשעות אין די דאָזיגע שטענדיגע בעמער־קונגען, האָב איך פערלאָרען די גערולד און געוואָרען זעהר בייז.

„ווי ערלויבט איהר זיך דאָס צו זאָגען?“ האָב איך אויסגערופען. איך וועל בעטען דעם דאָקטאָר ער זאָל אייך פערבאָטען אַריינצוקומען אין דעם צימער“, און אַזוי ווייטער.

זשיראַרדאָ איז אָבגעשפּרונגען אַ פּאָר טריט; זיינע אויגען האָבען געפונקעלט, זיינע דינע ליפּען זיינען נאָך דינער געוואָרען. ענדליך האָט ער אַרויסגערעדט, „איך האָב אייך בעליידיגט, האַ? זעהר גוט, אין קאָרידאָר שטעהען צוויי אַרטילעריע ביקסען: זאָלען מיר נעהן אויף אַ דועל?“

„איך מאַך ניט קיין שפּאַסען, און איך זאָג אייך, אַז איך וועל מעהר ניט ליידען פון אייערע אינסינואַציעס“, האָב איך ווייטער גערעדט.

מעהר האָט ער דעם שפּאַס ניט איבערגע'חזר'ט, אָבער ער האָט אויף מיר געקוקט מיט נאָך מעהר פיינדשאַפט ווי פריהער.

גליקליכערווייזע זיינען געווען וועניג געלעגענהייטען מיך צו בעשטראָפען. איך האָב ניט געראויכערט; מיינע קליידער זיינען שטענדיג געווען פערהעקעלט און פערקנעפּעלט, און ריכטיג צונויפגעלעגט ביינאַכט. איך האָב האַלט געהאַט אַלע זאָרטען שפּיעלען, אָבער, אַזוי ווי איך בין געווען פערטהאָן אין לעזען און קאָרעספּאָנדירען מיט מיין ברודער, האָב איך קוים געקענט געפינען צייט צו שפּיעלען אַ „לאַפּטאַ“־פּאַרטיע (אַ מין באַלען שפּיעל) אין גאָרטען, און בין שטענדיג געלאָפען צוריק צו מיינע ביכער. אָבער ווען מען האָט מיך געכאַפּט ביי אַ פעהלער, האָט זשיראַרדאָ בעשטראָפט ניט מיך, נאָר דעם פּאַזש דע שאַמבער וואָס איז

געוועזן מיין עלטסטער. איינמאָל, צום ביישפּיעל, ביים מיטאָג, האָב איך געמאַכט א פיזיקאַלישע ענטדעקונג: איך האָב בעמערקט אַז דער קלאַנג, וואָס א גלעזערנע כלי גיט ארויס, הענגט אָב אָן דער מאָס וואסער וואָס געפינט זיך אין איהר, און באַלד האָב איך פּרובירט אַרויסברענגען אַן אַקאָרד מיט פיער גלעזער. הינטער מיר אָבער איז געשטאַנען זשיראַרדאָ, און ניט זאָגענדיג א וואָרט צו מיר, האָט ער גלייך געשטעלט מיין פּאַזשדע שאַמבער אונטער ארעסט. עס איז גראָד אויסגעקומען אַז דער יונגער מאַן איז געוועזן אַן אויסגעצייכענטע פּערזאָן, מיינער א גליידשוועסטער־קינד, וועלכער האָט אפילו ניט געוואָלט אויסהערען מיינע ענטשולדיגונגען, און האָט מיר געזאָגט: „נישקשה, איך וויים אַז ער האָט דיך פיינט“. זיינע חברים, פּונדעסטוועגען, האָבען מיך געוואָרענט. „פּאַס אויף דו, שלעכטער יונג; מיר וועלען זיך ניט לאָזען בעשטראָפען צוליעב דיר“, האָבען זיי געזאָגט; און ווען איך וואָלט ניט פערבראַכט שטענדיג מיין צייט אין לעזען, וואָלטען זיי מיך אודאי געלאָזט טהייער בעצאָהלען פאַר מיין פיזיקאַלישען עקספּערימענט.

יעדער איינער האָט גערעדט וועגען זשיראַרדאָ'ס פיינדשאַפט צו מיר, נאָר איך האָב ניט געצאָהלט קיין אויפמערקזאַמקייט דערצו, און האָב נאָך הפּנים די פיינדשאַפט פערשטאַרקט דורך מיין גלייכגילטיגקייט. גאַנצע אַכטצעהן מאָנאַטען האָט ער זיך ענטזאַגט מיר צו געבען די עפּאָלעטען, וועלכע די נייאָנגעקומענע אינגלעך פלעגען געוועהנליך בעקומען נאָך זייער אָבזיין א מאָנאַט אָדער צוויי אין דער שולע און האָבענדיג זיך אָביסעל אויסגעלערענט די ערשטע רעגעלען פון מיליטערישען מושטיר. איך האָב מיך אָבער געפיהלט גאַנץ צופריעדען אָהן דער דאָזיגער מיליטערישער דעקאָראַציע. ענדליך, האָט אַן אָפיציר — דער בעסטער מושטיר לעהרער אין דער שולע, א מענש וועלכער איז איינפאַך פערליעבט געוועזן אין מושטיר — זיך פרייוויליג אָנגענומען מיך צו לערנען; און ווען ער האָט מיך געזעהן מאַכענדיג אַלע קונצען צו זיין העכסטער צופריעדענהייט, האָט ער זיך אונטערנומען צו רעדען וועגען מיר מיט זשיראַרדאָ'ן. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך ווייעדער צוויי מאָל כסדר ענטזאַגט, אַזוי אַז דער אָפיציר האָט עס אָנגענומען פאַר א פּערזענליכע בעליידיגונג; און ווען דער דירעקטאָר פון קאָרפּוס האָט איהם איינמאָל געפרעגט פאַר וואָס איך האָב נאָך ניט קיין עפּאָלעטען, האָט ער פּלומפּ געענטפערט, „עס איז ניט דעם אינגעל'ס שולד; דער פּאָלקאָווניק וויל איהם ניט“. דערנאָך, וואהרשיינליך נאָך אַן אויסרייד פון דירעקטאָר, האָט זשיראַרדאָ אליין געבעטען מיך עקזאַמענירען, און מיר געגעבען די עפּאָלעטען גלייך דעם זעלבען טאָג.

אָבער דעם פּאַלקאָווניק'ס איינפלוס האָט אָנגעהויבען צו פערשווינ־דען. דער גאַנצער כאַראַקטער פון דער שולע האָט זיך געענדערט. פאַר צוואַנציג יאָהר האָט זשיראַרדאָ דורכגעפיהרט זיין אידעאַל, וועלכער איז געווען צו האַלטען די אינגלעך עהן געקעמט, געקרייזעלט די האָר, זיי זאָלען האָבען א מיידעלשען אויסזעהן, און שיקען אין הויף אזוינע פער־צערטעלטע פּאַזשען, ווי די הויפלייט פון לואיס דעם 14טען. צי זיי האָבען עפּעס געלערענט אָדער ניט, האָט איהם ווייניג געקימערט; זיינע ליעב־לינגען זיינען געווען די, וועמעס קליידער־קאַסטענס זיינען געווען גוט אָנגעפּילט מיט נעגעל־בערשטלעך און פּערפיום־פלעשלעך, וועמעס „פּריוואַט" מונדיר (וועלכען מען האָט געקענט אָנטהאָן געהענדיג אהיים אום זונטאָג) איז געווען פון בעסטען שניט, און ווער עס האָט געוואוסט ווי צו מאַכען דעם עלעגאַנטסטען קניקס. פריהערדיגע צייטען, ווען זשיראַרדאָ פלעגט אָבהאַלטען רעפּעטיציעס פון הויף־צערעמאָניעס, איינהילענדיג א פּאַזש אין א רויט־געשטריפּטע באַוועלנע דעקע, וואָס מען האָט אראָבגענומען פון איינער פון אונזערע בעטען, פאָרשטעלענדיג מיט זיך די קייזערין בעת מען „קושט איהר די האַנד", זיינען די אינגלעך צוגעטראָטען צו דער פאַרגעשטעלטער קייזערין מיט כמעט א רעליגיעזען געפיהל, האָבען ערנסט דורכגעפיהרט די צערעמאָניע פון קושען די האַנד, און זיך צוריקגעצויגען מיט א העכסט עלעגאַנטער זייטען־פערנייגונג. איצטיגע צייט, פלעגען זיי אין הויף טאַקע זיין זעהר עלעגאַנט, אָבער אויף די רעפּיטיציעס פלעגען זיי מאַכען אזעלכע בעריהמטע קניקסען. און אלע האָבען געקייכט פון געלעכטער און זשיראַרדאָ איז פּשוט געווען אן אויפ־געקאָכטער. אמאָליגע צייטען, אז די אינגערע אינגלעך זיינען געגאַנגען צו א הויף־אויפנאַהמע, און מען פלעגט זיי צוליעב דעם אָנקרייזלען די האָר, פלעגען זיי היטען זייערע לאָקען אזוי לאַנג ווי זיי האָבען זיך נאָר געקענט האַלטען; איצט, צוריקקומענדיג פון פּאַלאַץ, האָבען זיי זיך געאיילט אונטערצושטעלען זייערע קעפּ אונטער'ן קאַלטען וואַסער־קראַן, כדי גיכער פּטור צו ווערען פון די לאָקען. פון א מיידעלשען אויסזעהן האָט מען זיך אויסגעלאַכט. צו דארפען געהן צו א הויף־אויפנאַהמע און שטעהן דאָרטען אלס דעקאָראַציע, איז איצט גיכער בעטראַכט געוואָרען פאַר אן אָבקומעניש איידער א כבוד. און ווען די קליינע אינגלעך, וואָס פלעגען פון צייט צו צייט גענומען ווערען אין פּאַלאַץ צו שפּיעלען זיך מיט די קליינע פּרינצען האָבען בעמערקט אז איינער פון זיי פלעגט שפּיע־לענדיג א געוויסען שפּיעל צוזאַמענדרעהען זיין פּאַטשיילקע ווי א בייטש און שלאָגען דערמיט גאַנץ פריי, האָט איינער פון אונזערע אינגלעך דאָס זעלבע געטהאָן, און האָט דעם פּרינצעל אזוי אריינגעשמיסען אז ער האָט

זיך צואווינט. זשיראַרדאָ איז געווען אַ פּערציטערטער, אָבער דער אַלטער פעוואַסטאָפּאָלער אַדמיראַל, וואָס איז געווען דעם גרויספירסט׳ס לעהרער, האָט דוקא געלויבט אונזער אינגעל דערפאַר.

אַ נייער גייסט, אַ גייסט פון פליסיגקייט און ערנסטקייט האָט זיך ענטוויקעלט אין קאָרפּוס, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע שולען. אין די אַמאָליגע יאָהרען, ווייסענדיג זיכער אַז זיי וועלען סיי־ווי־סיי קריגען די נויטיגע צייכענס צו קענען ווערען אָפיצירען אין דער גוואַרדיע, האָבען די פּאַזשען פערבראַכט די ערשטע יאָהרען אין דער שולע כמעט גאָר ניט לערנענדיג, און האָבען אָנגעהויבען שטודירען וויפיעל ניט איז אין די לעצטע צוויי קלאַסען; איצט האָבען די ניעדעריגע קלאַסען זיך געלערענט זעהר גוט. דער מאָראַלישער טאָן איז אויך געוואָרען אַ גאַנץ אַנדערער איידער דער וואָס ער איז געווען מיט עטליכע יאָהר צוריק. אויף „אָריענטאַלישע אונטערהאַלטונגען" האָט מען געקוקט מיט פעראַכטונג, און אַ פּאָר פּערזוכען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען צו ברענגען צוריק די אַלטע מנהגים האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט סקאַנדאַלען, וועלכע האָבען דערגרייכט די פּעטערבורגער סאַלאָנען. זשיראַרדאָ׳ן האָט מען אָבגעזאָגט פון זיין שטעל. מען האָט איהם נאָר ערלויבט צו בלייבען וואוינען אין זיין צימער אין דער קאָרפּוס געביידע, און מיר האָבען איהם דערנאָך אָפט געזעהן, איינגעהילעט אין זיין לאַנגען מיליטערישען מאַנטעל, ארומגעהענדיג, פּערטיעפט אין געדאַנקען — טרויעריגע געדאַנקען, ווי איך שטעל מיר פאָר, דען ער האָט אַנדערס ניט געקענט ווי נור פערדאַמען דעם נייעם גייסט, וואָס האָט זיך שנעל ענטוויקעלט אין דעם פּאַזשען־קאָרפּוס.

II

איבער גאַנץ רוסלאַנד האָבען מענשען גערעדט פון בילדונג. אַזוי גיך ווי פּריעדען איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאַריז און די שטרענגקייט פון דער צענזור האָט אַ האָרעלע נאָכגעלאָזט, האָט מען אָנגעהויבען לעבעדיג צו דיסקוטירען וועגען בילדונגס־אַנגעלעגענהייטען. די אונוויסענהייט פון די פּאָלקס־מאַסען, די שטערונגען וואָס זיינען ביז אהער געלעגט געוואָרען אויפ׳ן וועג פון די וואָס האָבען געוואָלט לערנען, די אַבוועזענהייט פון שולען אויף דער פּראָווינץ, די פערעלטערטע מעטאָדען פון לערנען, און די מיטלען ווי צו העלפען די דאָזיגע איבלען זיינען געוואָרען די בעליעבטסטע ענינים פאַר דיסקוסיאָנען אין די געבילדעטע קרייזען, אין דער פּרעסע, און אפילו אין די סאַלאָנען פון דער אַריסטאָקראַטיע. די ערשטע

גימנאזיעס פאר מיידלעך זיינען געעפענט געווארען אין יאהר 1857, מיט אן אויסגעצייכענטען פלאן און מיט א גרויסארטיגען שטאב פון לעהרער. אזוי ווי דורך א כשוף זיינען ארויסגעטראטען פאראויס א מאסע מענער און פרויען, וועלכע האבען ניט נאר געווידמעט זייער לעבען צו בילדונג, נאר זיי האבען זיך אויך ארויסגעציינט אלס אויסגעצייכענטע פראקטישע פעדאגאגען: זייערע שריפטען וואלטען פערנומען א בכבוד'ען פלאץ אין יעדער ציוויליזירטער ליטעראטור, ווען זיי וואלטען בעקאנט געווארען אין אויסלאנד.

דער פאזשען־קארפוס האט אויך געפיהלט די ווירקונג פון אט דעם אויפלעבען. מיט זעהר ווייניג אויסנאהמען, איז די אלגעמיינע טענדענץ פון די דריי אינגערע קלאסען געוועזען צו נעהמען זיך פאר לערנען. דער קאפ פון דעם בילדונגס־דעפארטמענט, דער אינספעקטאר ווינקלער, וועלכער איז געוועזען א וואויל־געבילדעטער ארטילעריע־פאלקאווניק, א גוטער מאטעמאטיקער און א מענש מיט פראגרעסיווע אידעען, איז געפאלען אויף אן אויסגעצייכענטען פלאן ווי אזוי אנצורעגען דעם נייעם גייסט. אנשטאט די מיטעלמעסיגע לעהרער וואס פלעגען פריהער אונטער־ריכטען די ניעדעריגע קלאסען, האט ער זיך געגעבען די מיה צו קריגען די בעסטע. לויט זיין מיינונג איז קיין פראפעסאר ניט צו־גוט געוועזען צו לערנען מיט די אינגערע קינדער די גאנץ ערשטע למודים פון א געגענ־שטאנד. דערפאר האט ער איינגעלאדען אן ערשטען קלאס מאטעמאטיקער און א געבארענעם לעהרער, קאפיטאן סוכאנין, צו אונטערריכטען דעם פיערטען קלאס אין די ערשטע כללים פון אלגעברא, און דער קלאס האט זיך גלייך גענומען צו מאטעמאטיק. אגב, האט גראד פאסירט, אז דער קאפיטאן איז אויך געוועזען א לעהרער פון דעם נאסליעדניק (ניקאליי אלעקסאנדראוויטש, וועלכער איז געשטארבען אין עלטער פון צוויי־און־צוואנציג יאהר), און דער יורש־עצר פלעגט קומען איין מאל א וואך אין פאזשען קארפוס בייצואוואוינען די אלגעברא לעקציעס פון קאפיטאן סוכאנין. די קייזערין מאריא אלעקסאנדראוונא, וועלכע איז געוועזען א געבילדעטע פרוי, האט גערעכענט אז דאס צוזאמענקומען זיך מיט די פלייסיגע קינדער פון קארפוס וועט אפשר צוגעבען איהר זוהן חשק צום לערנען. ער איז געזעסען צווישען אונז, און האט געמוזט ענטפערען אויף פראגען אזוי ווי אלע אנדערע. מעהרסטענטיילס אבער פלעגט ער, בעת דער לעהרער האט גערעדט, זיצען און מאלען בילדלעך, אדער ארייננשוש־קען אין אויער אלערליי קאמישע זאכען צו זיינע שכנים. ער איז געוועזען גוטהערציג און זעהר איידעל אין זיינע בענעהמונגען, אבער אויבער־פלעכליך אין לערנען, און נאך אויבערפלעכליכער אין זיינע געפיהלען.

פאַר דעם פינפטען קלאַס האָט דער אינספּעקטאָר געקראָגען צוויי אויסגעצייכענטע מענער. איין טאָג איז ער אריינגעקומען אין אונזער קלאַס שטראַהלענדיג פון צופריעדענהייט, און האָט אונז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר וועלען האָבען אַ זעלטענע געלעגענהייט. פּראָפעסאָר קלאַסאָווסקי, אַ גרויסער קלאַסישער געלעהרטער און אַן עקספּערט אין רוסישער ליטעראַטור, האָט איינגעוויליגט צו לערנען מיט אונז רוסישע גראַמאַטיק און וועט מיט אונז דורכגעהן אַלע פינף קלאַסען כסדר, אַרי־בערגעהענדיג מיט אונז יעדען יאָהר פון איין קלאַס אין דעם אַנדערען. אַ צווייטער אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר, הערר בעקער, דער ביבליאָטעקאַר פון דער קייזערליכער (נאַציאָנאַלער) ביבליאָטעק, וועט דאָס אייגענע מהאָן מיט דייטש. פּראָפעסאָר קלאַסאָווסקי, האָט ער צוגעגעבען, איז שוואַך אין געזונד דעם ווינטער, אָבער דער אינספּעקטאָר איז זיכער, אַז מיר וועלען זיך רוהיג אויפפיהרען אין זיין קלאַס. די געלעגענהייט צו האָבען אַזאַ לעהרער איז געווען צו־גוט מיר זאָלען עס פערביילאָזען.

זיין אויסרעכענונג האָט געשטימט. מיר זיינען געווען זעהר שטאָלץ וואָס מיר קריגען אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרען פאַר לעהרער, און כאָטש עס האָבען זיך געלאָזט הערען שטימען פון דער „קאַמטשאַטקאַ" (אין רוסלאַנד רופט מען די הינטערסטע ביינק פון יעדען קלאַס מיט דעם נאָמען פון אָט דער פערוואָרפענער און אונציוויליזירטער האַלב־אינזעל) אַז דער „וואורשטעל־מאַכער" — דאָס הייסט דער דייטש — מוז יעדענ־פאַלס געהאַלטען ווערען אין צוים, איז דאָך די עפענטליכע מיינונג אין אונזער קלאַס געווען צו גונסטען פון די פּראָפעסאָרען.

„דער וואורשטעל־מאַכער" האָט באַלד געוואונען אונזער רעספּעקט. אַ הויכער מאַן, מיט אַ גרויסען שטערען און זעהר גוטע, אינטעליגענטע אויגען, אַביסעל פערשטעלט פון זיינע ברילען, איז אריינגעקומען אין אונזער קלאַס, און האָט אונז געזאָגט אין אַ גאַנץ גוטען רוסיש, אַז ער האָט בדעה איינצוטיילען אונזער קלאַס אין דריי סעקציעס. די ערשטע סעקציע וועט בעשטעהן פון דייטשען, וואָס קענען שוין די שפּראַך, און פון וועמען ער וועט פאָדערען ערנסטערע ארבייט; מיט דער צווייטער סעקציע וועט ער לערנען גראַמאַטיק, און שפּעטער אויך דייטשע ליטעראַטור, אין איינ־קלאַנג מיט די אָנגענומענע פּראָגראַמען; און די דריטע סעקציע, האָט ער גענענדיגט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, וועט זיין די „קאַמטשאַטקאַ". „פון אייך", האָט ער געזאָגט, „וועל איך נאָר פערלאַנגען, אַז ביי יעדער לעקציע זאָלט איהר איבערשרייבען פיער שורות, וועלכע איך וועל פאַר אייך אויס־קלייבען פון אַ בוך. האָבענדיג איבערגעשריבען די פיער שורות, קענט איהר טהאָן וואָס איהר ווילט, נאָר ניט שטערען די איבעריגע. און איך

פערשפּרעך איך אַז אין פינף יאָהר צייט וועט איהר זיך אויסלערנען אַביסעל דייטש און דייטשע ליטעראַטור. איצט, ווער שטעהט צו צו די דייטשען? דו, שטאַכעלבערג? דו, לאַמסדאָרף? אפשר אימיצער פון די רוסען? און ווער שליסט זיך אָן אין דער „קאַמטשאַטקאַ“? פינף אָדער זעקס אינגלעך, וועלכע האָבען ניט געקענט ניט אַ וואָרט דייטש, האָבען זיך בעזעצט אין דער „האַלב־אינזעל“. זיי האָבען גאַנץ געוויסענהאַפט קאָפּירט די פיער שורות — אַ צוועלף אָדער צוואַנציג שורות אין די העכערע קלאַסען — און בעקער האָט די שורות אַזוי גוט אויסגעקליבען, און האָט די קינדער געשאָנקען אַזוי פיעל אויפמערקזאַמקייט, אַז צום סוף פון די פינף יאָהר האָבען זיי ווירקליך עטוואָס געוואוסט פון דער שפּראַך און איהר ליטעראַטור.

איך בין צוגעשטאַנען צו די דייטשען. מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט מיר אַזוי שטאַרק צוגערעדט אין זיינע בריעף זיך אויסצולערנען די דייטשע שפּראַך, וועלכע פערמאָגט אַזאַ רייכע ליטעראַטור און אין וועלכער יעדער ווערטהפולער בוך איז איבערזעצט, אַז איך האָב זיך גענומען פלייסיג זי צו דערלערנען. איך האָב איבערזעצט און העכסט גרינדליך דורכגעשטודירט אַ זייטעל פון אַ שווערליכער פּאָעטישער בעשרייבונג פון אַ שטורם־געוויטער; איך האָב זיך אויסגעלערענט אויף אויסווענדיג, ווי דער פּראָפעסאָר האָט מיר געראַטהען, די בינד־ווערטער, די בעשטימונגס־ווערטער, און די פאָר־ווערטער — און אָנגעהויבען לעזען. דאָס איז אַן אויסגעצייכענטע מעטאָדע ווי צו לערנען שפּראַכען. בעקער האָט מיך, אויסער דעם, געראַטהען זיך צו אַבאָנירען אויף אַן אילוסטרירטער וועכענטליכער צייטונג, און איהרע אילוסטראַציעס און קורצע ערצעה־לונגען האָבען מיר שטענדיג פעראינטערעסירט צו לייענען עטליכע שורות אָדער אַ קאָלומן. איך האָב גיך אויסגעלערענט די שפּראַך.

צום סוף ווינטער האָב איך געבעטען העררען בעקער מיר צו לייהען געטהע'ס „פאַוסט“; איך האָב עס געהאַט געלעזען אין אַ רוסישער איבער־זעצונג; איך האָב אויך געהאַט געלעזען טורגעניעף'ס פּראַכטפאָלע נאָוועלע „פאַוסט“; און איצט האָב איך געגאַרט צו לעזען דאָס גרויסע מייסטער־ווערק אין אָריגינאַל. „דו וועסט גאָרנישט ניט פערשטעהן; עס איז צו פילאָזאָפיש“, האָט בעקער געזאָגט מיט אַ זאַנפטען שמייכעל; נאָר פונ־דעסטוועגען האָט ער מיר געבראַכט אַ פיערקאַנטיג ביכעל, מיט אַלטע פערגעלטע בלעטער, וועלכע האָבען ענטהאַלטען די אונשטערבליכע דראַמאַ. ער האָט ווענינ געוואוסט וואָס פאַר אַ ניט־אויסשעפּליכען פערגעניגען דאָס קליין פיער־עקיג ביכעל האָט מיר פערשאַפט. איך האָב אריינגעטרונ־קען דעם זין און די מוזיק פון יעדער שורה, אָנהויבענדיג מיט די סאַמע

ערשטע פּערזען פון דער הערליך שעהנער ווידמונג, און אין גיכען האָב איך געוואוסט גאַנצע בלעטער אויף אויסווענינ. פּאוסט'ס מאָנאָלאָג אין וואַלד, און איבערהויפּט די שורות, אין וועלכע ער רעדט פון זיין פּערשטעהן די נאַטור, —

ניכט
קאַלט שטוינענדען בעזוך ערלויבסטו נור,
פערגינסטו מיר אין איהר טיעפע ברוסט
ווי אין דעם בוזעם איינעס פריינדס צו שויען.

האָט מיך איינפאַך געבראַכט אין עקסטאַז, און נאָך איצט האָט דער מאָנאָלאָג ניט פערלאָרען זיין קראַפט איבער מיר. יעדער פערז איז בים־לעכווייז געוואָרען א טהייערער פריינד. און צי גיט עס דען א העכערער עסטעטישער פערגעניגען ווי צו לעזען פּאָעזיע אין א שפּראַך וועלכע מען פערשטעהט נאָך ניט גאַנץ גרינדליך? דאָס גאַנצע איז איינגעהילט אין א מין לייכטען נעבעל, וועלכער פּאַסט אויסגעצייכענט פאַר פּאָעזיע. ווערטער האַלטען נור איין זייער איידעלען, ערהאַבענעם זין — פאַר דעם וואָס רעדט אויף דער שפּראַך, שטערט גאַר אָפּטמאָל דער באַנאַלער זין פון די ווערטער דאָס פּאָעטישע בילד, וואָס זיי דאַרפען איבערגעבען — בעת די מוזיק פון דער פּאָעזיע מאַכט אַלץ שטאַרקער דעם איינדרוק אויפ'ן אויער.

פּראָפעסאָר קלאָסאָווסקי'ס ערשטע לעקציע איז פאַר אונז געוועזען אַן ענטפּלעקונג. ער איז געוועזען א קליין־געוויקסיגער, אַן ערך פופציג יאָהר אַלט, זעהר געשווינד אין זיינע בעוועגונגען, מיט ליכטיגע, אינטעליגענטע אויגען, א לייכטען סאַרקאַסטישען אויסדרוק, און מיט א הויכען שטערען ווי פון א פּאָעט. ווען ער איז אַריינגעקומען אונז געבען די ערשטע לעקציע, האָט ער מיט א שוואַכער שטימע געזאָגט אַז, אַזוי ווי ער ליידט פון א פערלענגערטער קראַנקהייט, קען ער ניט רעדען גענוג הויך, און דעריבער בעט ער אונז זיך זעצען נעהנטער צו איהם. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטוהל נעבען דער ערשטער רייהע טישלעך, און מיר האָבען זיך אַרומגע־קליבען אַרום איהם ווי א מחנה ביהנען.

ער האָט מיט אונז געזאָלט לערנען רוסישע גראַמאַטיק; אָבער אַנשטאָט דער טרוקענער גראַמאַטיק־לעקציע, אויף וועלכע מיר האָבען זיך געריכט, האָבען מיר געהערט עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך. עס איז געווען גראַמאַטיק: אָבער אין דעם איז אַריינגעקומען א פערגלייך צווישען אַן אַלטען רוסישען פּאָלקלאָר־אויסדרוק מיט א שורה פון האָמער אָדער פון דעם סאַנסקריטישען מאַהאַב האַראַטאַ, די שעהנקייט פון וועלכע ער האָט

איבערגעגעבען אין רוסישע ווערטער; דאָ האָט ער אריינגעבראַכט שיללער׳ס אַ פערז, נאָך וועלכען עס האָט געפאָלגט אַ סאַרקאַסטישע בעמערקונג וועגען עפּעס אַ פּאָראַורטייל פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט; דאַן צוריק ערנסטע גראַמאַטיק, און דערנאָך ווידער אַ ברייטע פּאָעטישע אָדער פילאָזאָפישע גענעראַליזאַציע.

פערשטעהט זיך, אַז עס איז געווען אַ סך זאַכען אין דער לעקציע וואָס מיר האָבען ניט פערשטאַנען, אָדער וואָס מיר האָבען ניט געקענט כאַפּען זייער טיעפע בעדייטונג. אָבער ליעגט דען ניט די בעצויבערענדע קראַפט פון אַלע שטודיען אין דעם וואָס זיי עפענען פאַר אונז אויף כסדר נייע און ניט־ערוואַרטעטע האָריזאָנטען וועלכע מיר פערשטעהען נאָך ניט, וואָס רייצען אונז אַלין ווייטער און ווייטער דורכצודרינגען דאָס וואָס ערשיינט אויפ׳ן ערשטען בליק נאָר ווי אַן אונקלאָרע צייכנונג? אייניגע מיט די הענד אָנגעשפּאַרט אויף דעם אַנדערענ׳ס פּלייצעס, אַנדערע אַרי־בערבויגענדיג זיך איבער די טישלעך פון דער ערשטער רייהע, און אַנדערע שטעהענדיג הינטער קלאַסאָווסקי׳ן, האָבען מיר אַלע געשלונגען זיינע ווערטער. וואָס שוואַכער זיין קול איז געוואָרען צום סוף פון דער שטונדע, אַלין אָטהעמלאָזער האָבען מיר זיך איינגעהערט. דער אינספּעקטאָר האָט געעפענט די טהיר פון קלאַס־צימער, אַ קוק צו טהאָן ווי עס געהט צו ביי אונז מיט דעם נייעם לעהרער; דערזעהענדיג אָבער די אונבעוועגליכע מחנה, האָט ער זיך צוריקגעצויגען אויף די שפּיץ־פינגער. אפילו דער אונ־רוהיגער דאַוראָף, האָט געקוקט אויף קלאַסאָווסקי׳ן אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען, „אָט אַזאַ מין מענש ביזטו?“ אפילו פאָן קליינאָוו, אַ האָפענונגס־לאָזער ניט־איבערגעשפּיצטער טשערקעס מיט אַ דייטשען נאָמען, איז געזעסען אונבעוועגליך. אין די מייסטע איבעריגע האָט עטוואָס גוטעס און דערהויבענדעס געשימערט טיעף אין זייערע הערצער, אַזוי ווי אַ פאַנטאַזיע פון אַ ניט־פערדעכטיגטער וועלט וואָלט זיך אויפגעטהאָן פאַר זיי. אויף מיר האָט קלאַסאָווסקי געהאַט אַן אונגעהייערען איינפלוס, וועלכער איז נאָך גרעסער געוואַקסען אין די שפּעטיגערע יאָהרען. ווינקלער׳ס נביאות, אַז נאָך אַלעמען קען איך נאָך די שולע ליעב קריגען, איז מקוים געוואָרען.

אָט דער זאָרט לעהרער ווי עס ווייזט אויס איז אין מערב־אייראָפּאַ, און וואַהרשיינליך אין אַמעריקאַ, בכלל ניט בעקאַנט; אין רוסלאַנד אָבער איז ניטאָ אַ מאַן אָדער פרוי פון בעדייטונג אין דער ליטעראַטור אָדער אין פּאָליטישען לעבען, וועלכע זיינען ניט פערפפליכטעט פאַר דעם ערש־טען אָנשטויס צו אַ העכערער ענטוויקלונג צו זייער לעהרער פון ליטעראַ־טור. יעדע שולע אין דער וועלט האָט געדאַרפט האָבען אַזאַ לעהרער. יעדער לעהרער אין אַ שולע האָט זיין איינענעם געגענשטאַנד, און עס איז ,

ניטאָ קיין צוזאַמענהאַנג צווישען די פערשיידענע געגענשטענדען. נור דער ליטעראַטור־לעהרער, נאָכגעהענדיג די אַלגעמיינע אָנצייכנונגען פון דער פּראָגראַם, אָבער זייענדיג פריי צו בעהאַנדלען זי ווי איהם געפעלט, קען צוזאַמענבינדען די בעזונדערע היסטאָרישע און הומאַניטערע וויסענשאַפ־טען, פעראייניגען זיי דורך אַ ברייטען פילאָזאָפישען און הומאַנעם בעגריף, און אויפוועקען העכערע אידעען און אינספּיראַציעס אין די מוחות און הערצער פון די יונגע מענשען. אין רוסלאַנד פאַלט אָט די נויטיגע לאַסט גאַנץ נאַטירליך אויף דעם לעהרער פון רוסישער ליטעראַטור. ווען ער רעדט פון דער ענטוויקלונג פון דער שפּראַך, פון דעם אינהאַלט פון דער פריה־צייטיגער עפּישער פּאָעזיע, פון פאָלקסליעדער און מוזיק, און שפּעטער־צו, פון דער מאָדערנער דיכטונג, פון דער וויסענשאַפטליכער, פּאָליטישער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון זיין אייגען לאַנד, און די פערשיידענע עטישע און פילאָזאָפישע שטרעמונגען וואָס שפּיעגלען זיך אָב אין איהר, דאַן מוז ער אַריינברענגען דעם אַלגעמיינעם בעגריף פון דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען געדאַנק, וועלכער ליגט אויסער דעם קרייז פון די געגענשטאַנדען וואָס ווערען געלערענט בעזונדער.

דאָס אייגענע האָט אויך געדאַרפט געטהאָן ווערען פאַר דער וויסענ־שאַפט. עס איז ניט גענוג צו לערנען פיזיק און כעמיע, אסטראָנאָמיע און מעטעאָראָלאָגיע, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק. די פילאָזאָפיע פון די אַלע נאַטור־וויסענשאַפטען — אַן אַלגעמיינער בליק אויף דער נאַטור אַלס גאַנצעס, עטוואָס אויף דעם שטייגער פון דעם ערשטען באַנד פון הומבאָלדט'ס „קאָסמאָס“ — מוז איבערגעגעבען ווערען צו די שילער און סטודענטען, ווי פיעל אָדער ווייניג מען זאָל זיך ניט אָבגעבען מיט דעם שטודיום פון די נאַטור־וויסענשאַפטען און אין דער שולע. די פילאָזאָפיע און פּאָעזיע פון דער נאַטור, די מעטאָדען פון די אַלע פּינקטליכע וויסענ־שאַפטען, און אַ בעגייסטערטע אויפפאַסונג פון דעם לעבען פון דער נאַטור מוז ווערען אַ טייל פון דער בילדונג. דער לעהרער פון געאָגראַפיע וואָלט אפשר געקענט אויף אַ ווייַלע איבערנעהמען די דאָזיגע אויפגאַבע; אָבער דאַן וואָלטען מיר געדאַרפט האָבען אַ גאַנץ אַנדער רייהע לעהרער פאַר דעם געגענשטאַנד און אַ פערשיידענע רייהע פּראָפעסאָרען פון געאָגראַפיע וואָלט נויטיג געווען פאַר די אוניווערזיטעטען. דאָס וואָס מען לערענט איצט אונטער דעם נאָמען געאָגראַפיע, איז אַלעס וואָס איהר ווילט, אָבער ניט קיין געאָגראַפיע.

אַ צווייטער לעהרער האָט בעזיעגט אונזער היבש רודערדיגען קלאַס אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. דאָס איז געווען דער לעהרער פון שרייבען, דער

לעצטער פון דעם לעהרער־שטאַב. אויב די „געצענדינער" — דאָס הייסט די דייטש'ע און פראַנצויזישע לעהרער — האָבען פון אונז געגאַסען ווייניג כבוד, איז דער לעהרער פון שרייבען, עבערט, א דייטשער איד, געווען אַן אמת'ער מאַרטירער. צו זיין חוצפה'דיג צו איהם האָט זיך גערעכענט פאַר א מין געשייטקייט ביי די פאַזשען. די איינציגע אורזאַך וואָרום ער האָט אַנגעהאַלטען זיין לעקציע אין קאַרפּוס האָט געמוזט זיין די אָרעמקייט זיינע. די אַלטע הענד, וועלכע זיינען אַבגעווען צוויי אָדער דריי יאָהר אין פינפטען קלאַס ניט ריהרענדיג זיך העכער ארויף, האָבען איהם בעהאַנ־דעלט זעהר שלעכט; אָבער ער האָט ווי־עס־איז געמאַכט מיט זיי אַן אָבמאַך: „איין שפּיצעל ביי יעדער לעקציע, אָבער ניט מעהר" — אַן אָבמאַך וועלכער, איך האָב מורא, איז ניט שטרענג־אָרענטליך געהאַלטען געוואָרען פון אונזער צד.

איין טאָג האָט אַן איינוואוינער פון „פערוואָרפענעם האַלב־אינזעל" אַנגעזאַפּט די טאַוועל־שוואָם מיט טינט און קרייד און א וואָרף געטהאָן אויף דעם קאַליגראַפיע־מאַרטירער. „כאַפּט עס, עבערט!" האָט ער א געשריי געטהאָן מיט א נאַרישען שמייכעל. די שוואָם האָט געטראָפען עבערט'ן אין שולטער, די שוואַרצע טינט האָט איהם פערשפּריצט דעם פנים און זיך אַראָבגעגאָסען אויף דער ווייסער העמד.

מיר זיינען געווען זיכער אַז דעם מאָל וועט עבערט פערלאָזען דעם צימער און דערצעהלען די מעשה דעם אינספּעקטאָר. אָבער, ארויסנעה־מענדיג זיין קאַרטונענע פאַטשיילקע און זיך ווישענדיג דעם פנים, האָט ער נאָר אויסגערופען, „מיינע הערען, איין שפּיצעל — ניט מעהר היינט! דאָס העמד איז איבערגעפיהרט", האָט ער צוגעגעבען אין אַן אונטערדריק־טען קול, און האָט ווייטער פערריכט אימיצענס א בוך.

מיר זיינען געבליבען ערשטוינט און פערשעהמט. וואָס הייסט, אַנשטאָט צו דערצעהלען אויף אונז, האָט ער גלייך געדענקט וועגען דעם אָבמאַך! די געפיהלען פון דעם גאַנצען קלאַס האָבען זיך געענדערט צו זיין גונסטען. „דאָס וואָס דו האָסט געטהאָן איז נאַריש", האָבען מיר פאָרגע־וואָרפען אונזער חבר. „ער איז אַן אָרעמער מענש, און דו האָסט איבער־געפיהרט זיין העמד! א שאַנדע!" האָט אימיצער אויסגעשריען.

דער פערברעכער איז גלייך צוגעגאַנגען זיך ענטשולדיגען. „מען מוז לערנען, מיין הערר", איז געווען אַלץ וואָס עבערט האָט געזאָגט אַלס ענטפער, און אַן אומעט האָט זיך געהערט אין זיין קול.

אַלע זיינען נאָך דער מעשה געוואָרען שטיל, און צו דער נעקסטער לעקציע, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך פריהער צונויפגערעדט, האָבען די מייסטע פון אונז געשריבען מיט די בעסטע האַנדשריפטען און צוגעטראַ־

גען אונזערע ביכער צו עבערטען ער זאָל זיי פערריכטען. ער האָט געשיינט; ער האָט זיך געפיהלט גליקליך דעם טאָג.

דער דאָזיגער פאקט האָט אויף מיר געמאכט א טיעפען איינדרוק, און ער איז קיינמאָל ניט אָבגעווישט געוואָרען פון מיין זכרון. עד היום פיהל איך דאנקבארקייט צו דעם מערקווירדיגען מענשען פאר זיין לעקציע.

מיט אונזער לעהרער פון צייכנען, וועמען מען האָט גערופען גאנז, זיינען מיר קיינמאָל ניט דערגאנגען צו לעבען בשלום. ער האָט כסדר רעפּאָרטירט די וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אין זיין קלאַס. דאָס האָט ער, לויט אונזער מיינונג, ניט געהאט קיין רעכט צו טהאָן, ווייל ער איז געווען ניט מעהר ווי א לעהרער פון צייכנען, און דערהויפּט אָבער ווייל ער איז ניט געווען קיין עהרליכער מענש. אין קלאַס האָט ער זעהר ווייניג אויפמערקזאמקייט געצאָהלט צו די מייסטע פון אונז, און האָט פערבראכט זיין צייט אין אויסבעסערען די צייכנונגען פון די וואָס האָבען ביי איהם גענומען פּריוואט לעקציעס, אָדער האָבען איהם געצאָהלט פאר'ן ווייזען אויף די עקזאַמענס א גוטע צייכנונג און קריגען דערפאר א גוטען מערקצייכען. אויף די חברים וואָס האָבען דאָס געטהאָן האָט אונז ניט פערדראָסען. פערקעהרט, מיר האָבען עס געהאלטען פאר רעכט אז די וואָס האָבען ניט געהאט קיין פעהיגקייטען פאר מאטעמאטיק, אָדער קיין זכרון פאר געאָגראפיע, זאָלען זיך ארויסהעלפען און פערגרעסערען דעם סך־הכל פון זייערע מערק־צייכענס בעשטעלענדיג ביי א צייכנער א גוטע צייכנונג אָדער א טאָפּאָגראפישע קארטע, פאר וועלכע זיי וועלען קריגען „א גאנצען צוועלף". נאָר פאר די ערשטע צוויי שילער פון קלאַס וואָלט געווען ניט אנשטענדיג זיך צו בענוצען מיט אזעלכע מיטלען, וועהרענד די איבעריגע האָבען עס געמעגט טהאָן מיט א רוהיגען געוויסען. עס איז אָבער ניט געווען דעם לעהרער'ס עסק צו מאכען צייכנונגען אויף בעשטעלונג; און אויב ער האָט שוין יאָ געוואָלט אזוי האנדלען, האָט ער גערארפט פערטראָגען געלאסען דעם טומעל און שפּיצלעך פון זיינע שילער. אזוי איז געווען אונזער יושר. אָנשטאָט דעם, איז קיין לעקציע ניט אריבער וואָס ער זאָל ניט אָנגעבען קיין קלאגען, און וואָס וויטער איז ער אַלץ געוואָרען מעהר חוצפּה'דיג.

אזוי גיך ווי מיר זיינען אריבער אין פיערטען קלאַס און האָבען זיך געפיהלט פאר בעזעסענע בירגער פון קאָרפּוס, האָבען מיר בעשלאָסען איהם איינצוצאמען אביסעל שטארקער. „עס איז אייער אייגענע שולד", האָבען די עלטערע חברים אונז געזאָגט, „וואָס ער מאכט אזעלכע אָנשטעלען מיט אייך; מיר האָבען איהם געהאלטען אין צוויק". מיר האָבען בעשלאָסען איהם איינצוהאמעווען.

איין טאָג זיינען צוויי אויסגעצייכענטע חברים פון אונזער קלאַס צונעקומען צו גאַנז'ן מיט פּאַפּיראָסען אין די מיילער, און איהם געבעטען ער זאָל אזוי גוט זיין זיי געבען פייער. פערשטעהט זיך, דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אויף שפּאַס — עס איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען צו רויכערען אין קלאַס־צימער — און, לויט אונזערע געזעצען פון אָנשטענ־דיגקייט, האָט זיי גאַנז נאָר געדאַרפט הייסען אַוועקגעהן; ער האָט זיי אָבער פערשריבען אין טאָג־בוך, און זיי האָבען געקראָגען אַ שטרענגען פּסק. דאָס איז געווען דער לעצטער פונק. מיר האָבען בעשלאָסען איהם צו געבען אַ „בענעפיס־אבענד". דאָס האָט געהייסען, אַז איין טאָג זאָל דער גאַנצער קלאַס, בעזאָרגט מיט געבאָרגטע ווירעס פון די העכערע קלאַסען, אויפהויבען אַ געוואַלדיגען טומעל, קלאַפּענדיג מיט די ווירעס אויף די טישלעך, און אַרויסשיקען דעם לעהרער פון קלאַס. אָבער די פערשווערונג האָט זיך געהאַט צו רעכענען מיט אַ סך שוועריגקייטען. מיר האָבען געהאַט אין אונזער קלאַס אַ היבש ביסעל „גוטינקע" קינדערלעך, וועלכע וואָלטען צוגעזאָגט זיך אָנצושליסען אין דער דעמאָנסטראַציע, נאָר אין דער לעצ־טער מינוט וואָלטען זיי ווערען נערוועז און זיך צוריקציהען, און דאַן וואָלט דער לעהרער געקענט אָנגעבען די נעמען פון די איבעריגע. אין אַזאַ אונ־טערנעהמונג איז אחדות די ערשטע זאַך וואָס איז נויטיג, וואָרים די שטראָף, וואָס עס זאָל ניט זיין, איז שטענדיג לייכטער ווען זי פאַלט אויפ'ן גאַנצען קלאַס אָנשטאָט אויף עטליכע.

די שוועריגקייטען זיינען בייגעקומען געוואָרען מיט אַן אמת מאַקיא־וועלישער (שטאַאטס־מאַן'ס) געשיקטקייט. אויף אַ געגעבענעם סיגנאַל האָבען זיך אַלע געזאָלט אומקעהרען מיט די רוקענס צו גאַנז'ן, און דאַן, מיט די ווירעס וואָס זיינען געלעגען גרייט אויף די שרייבטישלעך פון דער נעקסטער רייהע, זאָלען זיי אָנמאַכען דעם געווינשטען טומעל. אויף דעם אויפן וועלען די „גוטינקע" קינדערלעך ניט צושראָקען ווערען ווען גאַנז וועט אויף זיי אויסשטעלען זיינע אויגען. אָבער דער סיגנאַל? פייפען, אַזוי ווי אין די רויבער־געשיכטען, שרייען, אָדער אפילו אַ ניס טהאָן וואָלט ניט געטויגט: גאַנז וואָלט געקענט אָנגעבען אימיצען אַלס דעם פייפער אָדער ניסער. דער סיגנאַל האָט געמוזט זיין אַ שטילער. איינער פון אונז וועלכער האָט שעהן געצייכענט, האָט געזאָלט צוטראָגען ווייזען זיין צייכנונג צו גאַנז'ן, און דער מאָמענט וואָס ער וועט צוריק קומען און פערנעהמען זיין פּלאַץ, האָט געזאָלט זיין די צייט אָנצופאַנגען.

אַלעס איז געגאַנגען אויסגעצייכענט. נעסאַדאָף האָט אוועקגעטראָגען זיין צייכנונג, און גאַנז האָט איהר אויסגעבעסערט אין איינינע מינוטען, וועלכע האָבען זיך אויסגעוויזען פאַר אונז אַן אייביגקייט. ענדליך איז ער

צוריקגעקומען צו זיין זיץ, איז געבליבען שטעהן פאַר אַ סעקונדע, אָנקוקענדיג אונז, ער האָט זיך אַניעדערגעזעצט.... דער גאַנצער קלאַס האָט זיך פּלוצלינג אומגעקעהרט אויף די ביינקלעך, און די ווירעס האָבען פרעהליך געקלאַפּערט אין די שרייבטישלעך, בעת עטליכע פון אונז האָבען אין מיטען דעם טומעל געשריען, „גאַנז אַרויס! ניעדער מיט איהם!" דער גערויש איז געווען אַ פערטויבענדער; אַלע קלאַסען האָבען געוואוסט אַז דאָס האָט גאַנז געקראָגען זיין „בענעפיס־אבענד". ער איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן, געשעפּטשעט עטוואָס, און ענדליך איז ער אַרויס. אַן אָפיציר איז אַריינגעלאָפען — דער טומעל האָט אָנגעהאַלטען; דאַן איז געקומען צו פליהען דער אונטער־אינספּעקטאָר, און נאָך איהם דער אינספּעקטאָר. דער טומעל האָט גלייך אויפגעהערט.

„דער עלטסטער גלייך אונטער אַרעסט!" האָט דער אינספּעקטאָר קאָמאַנדירט; און איך, וועלכער בין געווען דער ערשטער אין קלאַס, און דערפאַר אויך דער עלטסטער, האָב אַוועקגעמאַרשירט צו דער שוואַרצער צעלע. דאָס האָט מיר פערשפּאָרט צוצוזעהן וואָס עס האָט דערנאָך געפאָלגט. דער דירעקטאָר איז געקומען. מען האָט געפרעגט גאַנז'ן ווער עס זיינען געווען די אָנפיהרער, אָבער ער האָט קיין נעמען ניט געקענט געבען. „זיי האָבען זיך אַלע אויסגעדרעהט מיט די רוקענס צו מיר, און האָבען אָנגעהויבען דעם טומעל", איז געווען זיין ענטפער. גלייך דערויף האָט מען דעם גאַנצען קלאַס אַרונטערגעפיהרט, און כאָטש מען האָט שוין אין גאַנצען געהאַט אויפגעהערט צו שמייסען ביי אונז אין דער שולע, האָט מען דעם מאָל די צוויי, וואָס זיינען רעפּאָרטירט געוואָרען פאַר'ן פערלאַנגען פייער, געשמיסען מיט בעריאָזענע ריטער, אונטער דעם אויסרייד אַז דער „בענעפיס־אבענד" איז געווען אַן אָברעכענונג פאַר זייער שטראָף.

דערוואוסט האָב איך זיך דערפון מיט צעהן טעג שפּעטער, ווען מען האָט מיר ערלויבט זיך אומצוקעהרען אין קלאַס. מיין נאָמען, וועלכער איז געווען אויפגעשריבען אין קלאַס אויפ'ן רויטען טאָוועל, איז געווען אָבגעווישט. צו דעם בין איך געווען גלייכגילטיג; איך מוז אָבער מודה זיין אַז די צעהן טעג אין דער צעלע, אָהן ביכער, האָבען מיר געשיינט צו זיין אביסעל צו לאַנג, צוליעב וואָס איך האָב פערפאַסט (אין שווידערליכע פערזען) אַ פּאָעמאַ, אין וועלכער די טהאַטען פון דעם פיערטען קלאַס זיינען פערהערליכט געוואָרען ווי עס געהער צו זיין.

עס פערשטעהט זיך אַז די שילער פון אונזער קלאַס זיינען איצט געוואָרען די העלדען פון דער שולע. פאַר אַ חודש אָדער מעהר האָבען מיר געמוזט האַלטען אין איין דערצעהלען און איבערדערצעלען פאַר די איבעריגע קלאַסען די גאַנצע געשיכטע, און מען האָט אונז שטאַרק געלויבט פאַר דורכ־

פיהרען די אונטערנעהמונג מיט אזא אחדות, אז קיינער איז ניט געכאפּט גע־וואָרען בעזונדער. און דאַן זיינען געקומען די זונטאָגס—אלע זונטאָגס ביז צו פסח — וואָס דער קלאַס האָט געמוזט בלייבען אין דער שולע, ניט קרי־גענדיג קיין ערלויבנים צו געהן אהיים. פערהאלטענע אין דער שולע אלע צוזאמען, האָבען מיר די זונטאָגס פערבראכט גאנץ לעבעדיג. די „גוטינקע" קינדערלעך'ס מאַמעס האָבען זיי געבראכט גאנצע הויפענס צוקערקעס; די וואָס האָבען געהאט עטוואָס געלד האָבען דאָס אויסגעגעבען אויף איינצו־קויפען גאַנצע בערג צוקער־געבעקס — זעטיגענדע אויף פאָרמיטאָג, און זיסע אויף נאָכמיטאָג — בעת די פריינד פון די אַנדערע קלאַסען פלעגען אין אבענד אריינשמוגלען צו היבשע ביסלעך פּרוכט פאַר דעם בראווען פיערטען קלאַס.

גאַנז האָט מעהר קיינעם ניט פערשריבען; אָבער די לעקציע פון צייכנען איז געווען אין גאַנצען פערלאָרען פאַר אונז. קיינער האָט מעהר ניט געוואָלט זיך לערנען צייכנען פון דעם מענשען וואָס פערקויפט זיך פאַר געלד.

III

מיין ברודער אלעקסאנדער איז אין דער צייט געווען אין מאָסקווע, אין א קאַדעטען קאָרפּוס, און מיר האָבען אָנגעהאַלטען א לעבעדיגע קאָרעספּאָנדענץ. אזוי לאַנג ווי איך בין געווען דערהיים איז דאָס געווען אונמעגליך, ווארים אונזער פאָטער האָט גערעכענט פאַר זיין פּריווילעגיע צו לייענען אלע בריעף וואָס זיינען אָנגעקומען אין אונזער הויז, און ער וואָלט גיך א סוף געמאַכט צו א קאָרעספּאָנדענציע וואָס האָט צו טהאָן ניט מיט אלטעגליכע זאכען. איצטער זיינען מיר געווען פריי צו דיסקוטי־רען אין אונזערע בריעף וואָס נאָר מיר האָבען געוואָלט. די איינציגע שוועריגקייט איז געווען ווי צו קריגען געלד אויף מארקעס; אָבער מיר האָבען זיך גיך אויסגעלערענט שרייבען מיט אזעלכע קליינע אותיות אז מיר האָבען געקענט אָנשרייבען אין יעדען בריעף אזוי פיעל אז עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען. אלעקסאנדער, וועמעס האַנדשריפט עס איז געווען א וואונדער־שעהנע, פלעגט קענען אריינקריגען פיער געדרוקטע זייטען אויף איין בלעטעל שרייב־פּאַפּיר, און זיינע מיקראָסקאָפּישע שורות זיינען געווען אזוי לעזבאר, ווי די בעסטע קליינע דרוק־שריפט. עס איז א שאָד וואָס די דאָזיגע בריעף, וועלכע ער האָט געהאלטען ווי טהייערע אָנדענקונגען, זיינען גענאַנגען פערלאָרען. די זשאנדארמען, אין

איינעם פון זייערע איבערפאלען, האָבען ביי איהם אוועקגערויבט אפילו אָט דעם אונשולדיגען אוצר.

אונזערע ערשטע בריעף זיינען מייסטענס געווען וועגען די קליינע איינצעלהייטען פון מיין נייער סביבה, אָבער אונזער קאָרעספּאָנדענץ האָט נאָר גיך אָנגענומען א מעהר ערנסטען כאראקטער. מיין ברודער האָט ניט געקענט שרייבען וועגען קלייניגקייטען. אפילו אין געזעלשאפט פלעגט ער נאָר דאַן ווערען לעבעדיג, ווען מען איז געווען פערטהאָן אין עפּעס אַן ערנסטע דיסקוסיע, און פלעגט זיך בעקלאָגען אויף „א טעמפּען וועהטאָג אין די געהירען“ — א פיזישען וועהטאָג, ווי ער פלעגט זאָגען — ווען ער איז געווען מיט מענשען וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט נאָר מיט קלייניגקייטען. ער איז געווען א סך פאָרטגעשריטענער פאר מיר אין זיין אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג און האָט מיר געטריבען פאָרווערטס, אויפהויבענדיג נייע וויסענשאפטליכע און פילאָזאָפישע פראגען איינע נאָך די אנדערע, און ראטהענדיג מיר וואָס איך זאָל לעזען אָדער שטודירען. וואָס פאר א גליק דאָס איז געווען פאר מיר צו האָבען אזא ברודער! — א ברודער וועלכער, אחוץ אלעמען, האָט מיך ליידענשאפטליך ליעב געהאט. איהם האָב איך צו פערדאנקען דעם בעסטען טייל פון מיין ענטוויקלונג.

מאנכעסמאָל פלעגט ער מיר ראטהען צו לייענען פּאָעזיע, און ער פלעגט מיר שיקען אין זיינע בריעף מאסען פערזען און גאנצע פּאָעמען, וועלכע ער האָט געשריבען פון זכרון. „לייען פּאָעזיע“, האָט ער געשריבען: „פּאָעזיע מאכט דעם מענשען בעסער“. ווי אָפט האָב איך אין מיין שפּעטערען לעבען איינגעזעהן די וואהרהייט פון אָט דער בעמערקונג זיינער! לייען פּאָעזיע: זי מאכט דעם מענשען בעסער! ער אליין איז געווען א פּאָעט, און האָט געהאט א וואונדערבארע פעהיגקייט צו שרייבען העכסט מוזיקאלע פערזען; ווירקליך, איך האלט עס פאר א גרויסען שאָדען וואָס ער האָט די פּאָעזיע אויפגעגעבען. אָבער די רעאקציע געגען קונסט, וועלכע איז ענטשטאנען אין די ערשע זעכציגער יאָהרען אונטער דער רוסישער יוגענד, און וועלכע טורגעניעף האָט געשילדערט אין „באזאראָף“ („פאָטערס און זיהן“), האָט איהם געבראכט דערצו אז ער זאָל קוקען אויף זיינע פערזען מיט פעראכטונג, און זיך אריינוואַרפען מיט לייב און לעבען אין דער נאטור־וויסענשאפט. איך מוז אָבער זאָגען, אז מיין ליעבלינגס פּאָעט איז ניט געווען קיינער פון די וועמען זיין פּאָעטישע בעגאבטקייט, מוזיקאלישער אויער, און זיין פילאָזאָפישער געדאנקען־גאנג האָבען איהם געמאכט ליעב האָבען אמבעסטען. זיין בעליעבטסטער רוסישער פּאָעט איז געווען ווענעוויטינאָף, וועהרענד מיינער איז געווען נעקראסאָף, וועמעס פערזען זיינען אָפט ניט־מוזיקאליש, אָבער האָבען שטארק אפּעלירט צו

מיין הארצען מיט זייער סימפּאַטיע פאַר „די אונטערדריקטע און מיסהאַנדעלטע“.

„מען מוז האָבען אַ בעשטימטען צוועק אין לעבען“, האָט ער מיר איינמאָל געשריבען. „אָהן אַ ציעל, אָהן אַ צוועק, איז לעבען קיין לעבען ניט“. און ער האָט מיר געראַטהען זיך צו שאַפען אַ צוועק אין מיין לעבען, פאַר וועלכען עס זאָל ווערטה זיין צו לעבען. איך בין נאָך דעמאָלט געווען צו־יונג צו געפינען אזאַ צוועק; אָבער עטוואָס אונבעשטימטעס, אונקלאָרעס, אינגאַנצען „גוטעס“, איז שוין געוואַקסען אונטער אָט דעם אַפּיעל, ווען אפילו איך האָב נאָך ניט געקענט זאָגען וואָס דאָס דאָזיגע „גוטע“ וועט זיין.

אונזער פאָטער האָט אונז געגעבען זעהר ויעניג טאַשען־געלד, און איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט מיט וואָס אַ בוך צו קויפען. אָבער ווען אַלעקסאַנדער האָט געקראָגען עטליכע רובעל פון אַ וועלכער עס איז מוהמע, האָט ער קיינמאָל פון דעם אַ קאָפּיקע ניט אויסגעגעבען אויף פערגניגען, נור ער פלעגט קויפען אַ בוך און שיקען צו מיר. ער איז אפילו געווען אַ געגנער פון סתם לייענען. „מען מוז האָבען עפּעס אַ פראַגע צו שטעלען“, האָט ער מיר געשריבען, „דעם בוך וואָס מען נעהמט לייענען“. איך האָב אָבער דעמאָלט ניט געוואוסט ווי אָבצושאַצען די דאָזיגע בעמערקונג, און איך קען היינט ניט דענקען אָהן שטוינען וועגען דער צאָהל ביכער, אָפטמאָל פון אַ גאַנץ ספּעציעלען כאַראַקטער, וואָס איך האָב געלעזען, אין אַלע צווייגען פון דער ליטעראַטור, הויפּטזעכליך אָבער אויף דעם געביעט פון געשיכטע. אויף פראַנצויזישע ראָמאַנען האָב איך מיין צייט ניט פערבראַכט, זינט אַלעקסאַנדער, מיט יאָהרען פריהער, האָט זיי כאַראַקטעריזירט אין איין הארבען זאַץ: „זיי זיינען נאַריש און פול מיט נבול־פה“.

די גרויסע פראַגען וועגען דעם בעגריף וואָס מיר זאָלען זיך פאָרמירען פון דעם אוניווערזום — אונזער „וועלטאַנשויאונג“, ווי די דייטשען זאָגען — זיינען, פערשטעהט זיך, געווען די הויפּט ענינים אין אונזער קאָרעספּאָנדענץ. אין אונזער קינדהייט זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען רעליגיעז. מען האָט אונז געפיהרט אין קירכע; אָבער אין אַ רוסישער קירכע, אין אַ קליינער געמיינדע אָדער אַ דערפעל, איז דער ערנסטער פערהאַלטען זיך פון די מענשען אַ סך איינדרוקספולער ווי די מעסע גופא. פון אַלעס וואָס איך האָב ווען־עס־איז געהערט אין דער קירכע האָבען צוויי זאַכען נאָר געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק: די צוועלף פסוקים פון די עוואַנגעליען וועגען די ליידען פון כריסטוס, וועלכע ווערען אין רוסלאַנד געלעזען ביי דער נאַכט־געבעט ערב גוט־פרייטאָג, און די קורצע תפלה וואָס פערדאַמט דעם גייסט פון הערשאַפט, וועלכע ווערט פאָרגעטראָגען

אין דער צייט פון „גרויסען פאַסט“, און איז ווירקליך ערהאַבען צוליעב איהרע איינפאַכע, בעשיידענע ווערטער און געפיהלען. פּושקין האָט איהר איבערזעצט אין רוסישע פערזען.

שפּעטער־צו, אין פּעטערבורג, בין איך געגאַנגען מעהרערע מאָל אין א רוימיש קאַטוילישער קירכע, אָבער דער טהעאַטראַלער כאַראַקטער פון דעם גאָטעס־דיענסט און די אַבוועזענהייט דערביי פון אמת'ן געפיהל האָט מיך שאָקירט. און דערהויפּט ווען איך האָב געזעהן מיט וואָס פאַר אַן איינפאַכער אמונה אַן אויסגעדיענטער פּוילישער סאָלדאַט אָדער אַ פויערטע האָבען מתפלל געווען אין אַ פּערוואָרפענעם ווינקעל. איך בין אויך געגאַנגען אין אַ פּראָטעסטאַנטישער קירכע; אָבער אַרויסקומענדיג פון דאָרטען האָב איך מיך אַליין געפּאַקט שעפּטשענדיג געטהעס ווערטער:

אָבער קיינמאָל ועסטו הערצער צוזאַמענבינדען,
סיידען דער באַנד קומט אַרויס פון דיין אייגען האַרץ.

אונזער שוועסטער העלענא, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען פערהייראַט, האָט געוואוינט אין פּעטערבורג, און יעדען שבת־צו־נאַכט פלעג איך געהן צו איהר צו גאַסט. איהר מאַן האָט געהאַט אַ גוטע ביבליאָטעק, אין וועלכער די פראַנצויזישע פילאָזאָפען פון לעצטען יאָהרהונדערט און די מאָדערנע פראַנצויזישע היסטאָריקער זיינען געווען זעהר גוט פערטראָטען, און איך האָב זיך אריינגעטהאָן אין זיי מיט גרויס חשק. אַזעלכע ביכער זיינען געווען פערבאָטען אין רוסלאַנד, און עס פערשטעהט זיך אַז אין דער שולע האָט מען זיי ניט געקענט מיטנעהמען; איך האָב דעריבער דעם גרעסטען טייל פון דער נאַכט, יעדען שבת, פערבראַכט אין לייענען די ווערק פון די ענציקלאָפּעדיסטען, וואָלטער'ס „פילאָזאָפישען ווערטערבוך“, די שריפטען פון די סטאָיקער, איבערהויפּט מאַרקוס אורעליוס און אַזוי ווייטער. די אונענדליכע גרויסקייט פון דעם אוניווערזום, די גרויסקייט פון דער נאַטור, איהר פּאָעזיע, איהר אייביג שלאָגענדיג לעבען האָט אויף מיר געמאַכט אַלץ מעהר און מעהר איינדרוק. דאָס קיינמאָל ניט אויפהערענדיג לעבען האָט מיר געגעבען דעם עקסטאַז פון בעוואונדערונג, נאָך וועלכען די יונגע נשמה גאַרט, בעת מיינע ליעבלינגס פּאָעטען האָבען מיר בעזאָרגט מיט אַן אויסדרוק אין ווערטער פון יענער ערוואַכענדער ליעבע צו דער מענשהייט און גלויבען אין איהר פּראָגרעס, וועלכע שטעלען צוזאַמען דעם בעסטען טייל פון דער יוגענד און בעאיינפלוסען דעם מענשען פאַר זיין לעבען לאַנג.

אין דער צייט איז שוין אַלעקסאַנדער ביסלעכוויז געקומען צו אַ קאַנטישען אגנאָסטיציזם, און די אויסדריקען „רעלאַטיוויטעט פון

בעגריפע", „בעגריפע אין צייט און רוים, און צייט אליין", און אזוי ווייטער, האָבען פערנומען בויגענס און בויגענס פּאַפּיר אין אונזערע בריעף, פון וועלכע די שריפט איז געוואָרען אלץ קלענער און קלענער וואָס וויכ־טיגער עס זיינען געוואָרען די ענינים איבער וועלכע מיר האָבען דיסקו־טירט. אָבער ניט דאָן און ניט שפּעטער, ווען מיר פלעגען פערברענגען שטונדען און שטונדען דיסקוטירענדיג קאַנט'ס פילאָזאָפיע, האָט מיך מיין ברודער געקענט בעקעהרען צו ווערען א נאָכפאָלגער פון דעם קעניגס־בערגער פילאָזאָף.

נאַטור־וויסענשאַפטען — דאָס הייסט, מאַטעמאַטיק, פיזיק און אסטראָנאָמיע — זיינען געווען מיינע הויפּט־שטודיען. אין יאָהר 1858, איידער דארווין האָט ארויסגעבראַכט זיין אונשטערבליכעס ווערק, האָט א פּראָפעסאָר פון זאָאָלאָגיע אין דער מאָסקווער אוניווערזיטעט, רוליע, פּערעפענטליכט דריי לעקציעס איבער טראַנספאָרמיזם (אומגעשטאַלטונג, פערענדערונג), און מיין ברודער האָט באַלד אויפגענומען זיינע אידעען וועגען דער פערענדערליכקייט פון די מינים. ער איז אָבער ניט געווען צופריעדען מיט נאָר השערה־בעווייזען, און האָט אָנגעהויבען צו שטודירען א מאַסע ספּעציעלע ביכער וועגען פערערבונג און עהנליכע שטודיען, איבערגעבענדיג מיר אין זיינע בריעף די הויפּט־פאַקטען, ווי אויך זיינע אייגענע אידעען און צווייפלען. די ערשיינונג פון דארווינ'ס „דער אור־שפּרונג פון די מינים" האָט זיינע צווייפלען אין פערשיידענע געוויסע פּונקטען ניט בעזייטיגט, עס האָט נור אויפגעהויבען פּאַר איהם נייע פראַגען און איהם געגעבען אַן אָנשטויס צו ווייטערע שטודיען. מיר האָבען דערנאָך דיסקוטירט — און די דיסקוסיאָן האָט אָנגעהאַלטען פיעלע יאָהרען — פערשיידענע פראַגען אין שייכות צו דעם אורשפּרונג פון די פערענדערונגען, זייערע שאַנסען צו ווערען איבערגעגעבען און פער־שטאַרקט; אין קורצען, יענע פראַגען וואָס זיינען גאָר אין דער לעצטער צייט אויפגעהויבען געוואָרען אין דער וויסמאַן־ספּענסער דעבאַטע, אין גאַלטאָן'ס פאָרשונגען, און אין די ווערק פון די מאָדערנע נעאָ־לאַמאַרקיאַנער. א דאַנק זיין פילאָזאָפישען און קריטיקירענדען גייסט, האָט אלעקסאַנדער גלייך בעמערקט די פונדאַמענטאַלע וויכטיגקייט פון די דאָזיגע פראַגען פאַר דער טעאָריע פון דער פערענדערונג פון די מינים, אָבוואָהל זיי זיינען דאָן פערזעהן געוואָרען פון פיעלע נאַטורפאָרשער.

איך מוז אויך דערמאָנען אונזער פערנעהמען זיך א קליינע צייט אויף דעם פעלד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין די יאָהרען 1858 און 1859 האָט אין רוסלאַנד יעדער איינער גערעדט פון פּאָליטישער עקאָנאָ־מיע. פאָרטרעגע איבער פריי־האַנדעל און שוץ־צאָלל האָבען צוגעצויגען מאַסען מענשען, און מיין ברודער, וועלכער איז נאָך ניט געווען פערטיעפט

אין דער פראַגע פון דער פערענדערונג פון די מינים, האָט געגומען, אָב־וואויל נאָר פאר אַ קורצער צייט, אַ לעבהאַפטען אינטערעס אין עקאָנאָמישע אַנגעלעגענהייטען, צושיקענדיג מיר צו לייענען די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“ פון זשאַן סטואַרט מיל. איך האָב געלייענט ניט מעהר ווי עטליכע קאַפּיטלען: טאַריפען און באַנק־אָפּעראַציעס האָבען מיך ניט אָנגעהויבען צו קימערען; אַלעקסאַנדער אָבער האָט די דאָזיגע פראַגען אויפגענומען אַזוי ליידענשאַפטליך, אַז ער האָט אפילו געשריבען בריעף צו אונזער שטיפמוטער, זוכענדיג איהר צו פעראינטערעסירען אין די פּלאָנטערס פון די איינפוהר־אָבצאָהלונגען. שפּעטער־צו, אין סיביר, ווען מיר פלעגען איבערלייענען איינינגע בריעף פון יענער צייט, האָבען מיר געלאַכט ווי קינדער, ווען עס איז אונז אַריינגעפאַלען אין די הענד איינער פון זיינע בריעף, אין וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט אויף אונזער שטיפ־מוטער׳ס אונפעהיגקייט צו פעראינטערעסירען זיך אפילו אין אַזעלכע ברענענדיגע פראַגען, און האָט זיך געבייזערט אויף אַ גרינס־הענדלער, וועמען ער האָט געפאַקט אויף דער גאַס, וועלכער, „וואָלסטו דאָס גלויבען“, האָט ער געשריבען מיט אויסרופונגס־צייכענס, “דאַכט זיך אַ סוחר, און ווייזט אַרויס אַזאַ נאַרישעוואַטע גלייכגילטיגקייט צו טאַריף־פראַגען!“

יעדען זומער פלעגט מען אַרויסנעהמען אונגעפעהר אַ האַלבען קאַרפּוס אין אַ לאַגער אין פּעטערהאָף. די ניעדעריגע קלאַסען אָבער זיינען געווען פריי פון אָנשליסען זיך אין לאַגער, און איך האָב פערבראַכט די ערשטע צוויי זומערען אין ניקאָלסקאָע. פערלאָזען די שוהלע, נעהמען די באַהן נאָך מאָסקווע, און דאָרטען בעגעגענען אַלעקסאַנדער׳ן איז געווען אַזאַ גליקליכע אויסזיכט, אַז איך פלעג צעהלען די טעג וואָס דאַרפען פערבייגעהן ביז אָט דער הערליכער טאָג וועט אָנקומען. אָבער איינמאָל האָט מיר ערוואַרט אין מאָסקווע אַ גרויסע ענטוישונג. אַלעקסאַנדער האָט ניט אויסגעהאַלטען זיינע עקזאַמענס, און ער איז געבליבען פאר נאָך אַ יאָהר אין דעם זעלבינען קלאַס. ער איז אייגענטליך געווען צו־יונג אַריינ־צוטרעטען אין די ספּעציעלע קלאַסען, אָבער אונזער פאָטער איז, פונ־דעסטוועגען, געווען זעהר ברוגז אויף איהם, און האָט אונז ניט ערלויבט זיך צו זעהן. איך האָב זיך געפיהלט זעהר ניעדערשלאָגען. מיר זיינען שוין מעהר ניט געווען קיין קינדער, און מיר האָבען אַזוי פיעל געהאַט זיך צו זאָגען איינער דעם אַנדערען. איך האָב פּרובירט קריגען די ערלויבניס צו געהן צו אונזער מוהמע סולימאַ, וואו איך וואָלט זיך פיליייכט געקענט צוזאַמענטרעפען מיט אַלעקסאַנדער׳ן, אָבער דאָס האָט דער פאָטער מיר

אבסאָלוט ענטזאגט. זינט ער האָט ווידער געהייראט האָט מען אונז קיינמאָל ניט ערלויבט צו זעהן אונזער מוטער׳ס קרובים.

יענעם פריהלינג איז אונזער הויז אין מאָסקווע געווען פול מיט געסט. יעדע נאכט זיינען די אויפנאַהמס־צימערען געווען פערפלייצט מיט ליכט, די קאַפּעליע האָט געשפּיעלט, דער צוקערניק איז געווען פערנומען מיט מאכען אייז־קרעם און פּאַשטעטען, און אין גרויסען זאַל האָט מען געשפּיעלט אין קאָרטען ביז שפּעט אין דער נאכט. איך האָב זיך ארומגע־דרעהט איבער די העל־בעלויכטענע צימערען אָהן אַ ציעל, און זיך געפיהלט אונגליקליך.

איין נאכט, נאָך צעהן, האָט מיר אַ דיענער צוגעוואונקען, איך זאָל ארויסקומען אין קאָרידאָר. איך בין געגאַנגען. „קום אריבער ביי די קוטשערס אין הויז", האָט מיר דער אַלטער הויז־מאַיאָר פראָל איינגע־רוימט. „אַלעקסאַנדער אַלעקסעעוויטש איז דאָ".

איך האָב זיך אַ יאָג געטהאָן איבער׳ן הויף, ארויפגעפלויגען די טרע־פּען וואָס האָבען געפיהרט צום הויז פון די קוטשערס, און אריין אין אַ ברייטען, האַלב־פינסטערען צימער, וואו איך האָב, ביי דעם גרויסען עס־טיש פון דער דיענערשאַפט, דערזעהן אַלעקסאַנדער׳ן.

„סאַשאַ, טהייערער, ווי אַזוי ביזטו געקומען?" און אין אַ סעקונדע זיינען מיר אריינגעפאַלען איינער אין דעם אַנדערענ׳ס אָרעמס, זיך שטאַרק דריקענדיג איינער צום אַנדערען, און ניט קענענדיג ארויסרעדען אַ וואָרט פון צופיעל אויפרעגונג.

„שאַ, שאַ! זיי קענען אייך נאָך דערהערען", האָט אַ זאָג געטהאָן די קוכאַרקע פאַר די דיענסטען, פּראַסקאָוויאַ, אויסווישענדיג זיך די טרעהרען מיט׳ן פאַרטוך. „אָרעמע יתומים׳לעך! ווען אייער מאַמע וואָלט נאָר געלעבט —"

דער אַלטער פראָל איז געשטאַנען, דעם קאָפּ טיעף ארונטערגעבויגען, צוקענדיג מיט די אויגען.

„הער אויס, פּעטיאַ, ניט אַ וואָרט צו קיינעם; צו קיינעם ניט", האָט ער געזאָגט, בעת פּראַסקאָוויאַ האָט ארויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ ליימע־נעם טעפּעל מיט קאַשע פאַר אַלעקסאַנדער׳ן.

אַלעקסאַנדער, אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, אין זיין קאַדעטען־מונדיר, האָט שוין געהאַט אָנגעהויבען רעדען פון פערשיידענערליי זאַכען, בעת ער האָט אין דער גיך אויסגעלעדיגט דאָס קאַשע־טעפּעל. עס איז מיר אָנגעקומען שווער צו פועל׳ן ביי איהם ער זאָל מיר דערצעהלען ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען אַזוי שפּעט. מיר האָבען דאַן געוואוינט נעבען סמאָלענסקי בולוואַר, מיט אַ שטיין צו דערוואַרפען פון דער הויז

וואו אונזער מוטער איז געשטאָרבען, און דער קאַדעטען קאָרפּוס האָט זיך געפונען אויפ'ן צווייטען ברעג מאָסקווע, פולע פינף מייל אוועק.

ער האָט געמאַכט אַ פּופּע פון בעטגעוואַנד, אַריינגעלעגט עס אין בעט און אַריבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע; דאַן איז ער אַוועק צום טהורעם, זיך אַרונטערגעלאָזט דורך אַ פענסטער, אַרויסגעגאַנגען אונבעמערקט, און געגאַנגען צופוס דעם גאַנצען מהלך.

„האָסטו גאָר קיין מורא ניט געהאַט ביינאַכט אין די פּוסטע פעלדער אַרום דיין קאָרפּוס?" האָב איך געפרעגט.

„וואָס האָב איך געהאַט זיך צו שרעקען? נור אַ סך הינד זיינען אויף מיר אָנגעפאַלען; איך האָב זיי אַליין אָנגערייצט. מאָרגען וועל איך מיטנעהמען מיין שווערד מיט זיך."

די קוטשערס און אַנדערע דיענער זיינען אַריין און אַרויס; זיי האָבען געזיפצט קוקענדיג אויף אונז, און האָבען זיך אויסגעזעצט פון דער וויטענס, אַרום די ווענד, רעדענדיג צווישען זיך אין דער שטיל כדי אונז ניט צו שטערען; בעת מירביידע, איינער אין דעם אַנדערענס אָרעמס, זיינען דאָרט אַוועקגעזעסען ביז מיטען נאַכט, רעדענדיג וועגען די נעבעל־פּלעקען און לאַפּלאַס'עס היפּאָטעזע, וועגען דעם געבוי פון מאַטעריע, וועגען די קעמפּפע פון פּאַפּסטטהום אונטער באָניפאַץ דעם 8טען מיט דער קייזערליכער מאַכט, און אַזוי ווייטער.

פון צייט צו צייט פלעגט איינער פון די דיענער אַריינלויפען, זאָגענ־דיג, „פּעטינקאַ, געה ווייז זיך דאָרטען אין זאַל; זיי קענען זיך נאָך אַ פרעג טהאָן אויף דיר".

איך האָב זיך געבעטען ביי סאַשאַ'ן ער זאָל ניט קומען די מאָרגעדיגע נאַכט; ער איז אָבער פאָרט געקומען — און האָט זיך ניט אויסגעדרעהט אָהן אַ געשלעג מיט די הינד, געגען וועמען ער האָט געהאַט מיטגענומען זיין שווערד. מיט האַסט האָב איך זיך אָבגערופען, ווען מען האָט מיר גערופען נאָך אַמאָל, פריהער ווי די פאָריגע נאַכט, צו די קוטשערס אין הויז. אַלעקסאַנדער איז אַ טייל וועג געפאָהרען אין אַ דראָשקע. די פריהער־דיגע נאַכט האָט איינער פון די דיענער איהם געבראַכט דאָס וואָס ער האָט צונויפגעקראָגען פון די קאָרטען־שפּיעלער און איהם געבעטען ער זאָל דאָס נעהמען. ער האָט גענומען עטליכע קליינע מטבעות צו דינגען אַ דראָשקע, און דערפאַר איז ער געקומען פריהער ווי דעם ערשטען מאָל.

ער האָט גערעכענט צו קומען די נעקסטע נאַכט אויך, נאָר צוליעב אַ געוויסער אורזאַך וואָלט עס געווען געפעהרליך פאַר די דיענער, און מיר האָבען בעשלאָסען זיך צו שיידען ביז הערבסט. אַ קורצער „אָפיציעלער" צעטעלע האָט מיר געגעבען צו פערשטעהן דעם נעקסטען טאָג אַז זיינע

נאכטיגע פליטה׳ס זיינען אריבער ניט־בעמערקט. ווי שרעקליך וואָלט געווען די שטראָף ווען זיי וואָלטען ענטדעקט געוואָרען. עס איז שרעקליך צו דענקען וועגען דעם: שמייסען פאר די אויגען פון גאנצען קאָרפּוס ביז מען וואָלט איהם אוועקגעטראָגען אין א ליילעך, און דערנאָך דעגראדירט ווערען אין א באטאליאָן פון סאָלדאטסקע זיהן — אלץ איז מעגליך געווען אין יענע צייטען.

וואָס אונזערע דיענער וואָלטען געהאט צו ליידען פאר׳ן בעהאלטען אונז, ווען א מסירה וועגען דער אנגעלעגענהייט וואָלט דערגרייכט אונזער פאָטער׳ס אויערען, וואָלט געווען פּונקט אזוי שרעקליך; אָבער זיי האָבען געוואוסט ווי צו האלטען א סעקרעט און ניט פערראטהען איינער דעם אנדערען. זיי האָבען אלע געוואוסט פון אלעקסאנדער׳ס בעזוכען, אָבער קיינער האָט אפילו מיט א וואָרט זיך ניט ארויסגערעדט פאר אימיצען פון דער פאמיליע. זיי און איך זיינען געווען די איינציגע אין הויז וואָס האָבען דערפון געוואוסט.

IV

דעם זעלבען יאָהר האָב איך געמאכט מיין ערשטען ארויסטרעט אלס פאָרשער פון פאָלקס־לעבען. אָט די קליינע ארבייט האָט מיך געבראכט א טריט נעהנטער צו אונזערע פּויערים, און האָט מיך געהאָלפען זיי צו זעהן אין א נייעם ליכט; שפּעטער האָט דאָס מיך אויך זעהר פיעל געהאָלפען אין סיביר.

יעדען יאָהר, אין יולי, אין דעם טאָג פון „די הייליגע יונגפרוי פון קאזאן", וועלכער איז געווען דער פייערטאָג פון אונזער קירכע, איז אין ניקאָלסקאָע אָבגעהאלטען געוואָרען א נישקשה׳דיג גרויסער יאריד. סוחרים זיינען געקומען פון די דערבייאיגע שטעדט, און טויזענדער פּויערים זיינען זיך צונויפגעקומען פון דרייסיג מייל אָרום אין אונזער דאָרף, וועלכער האָט פאר א פּאָר טעג אויסגעקוקט זעהר שטארק בעלעבט. אַן אויסגעצייכענטע בעשרייבונג פון די דאָרף־יארידען אין דרום־רוסלאנד איז פּונקט יענעם יאָהר פערעפענטליכט געוואָרען פון דעם סלאַוואָפיל אקסאקאָוו, און מיין ברודער, וועלכער איז דאַן געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין פּאָליטיש־עקאָנאָמישען ענטהוזיאזם, האָט מיר געראטהען צו מאכען א סטאטיסטישע בעשרייבונג פון אונזער יאריד, און פעסטצושטעלען דעם אומזאץ פון סחורות וואָס זיינען אריינגעבראכט און פערקויפט געוואָרען. איך האָב געפאָלגט זיין עצה, און צו מיין גרעסטען ערשטוינען האָט זיך

עס מיר ווירקליך איינגעגעבען: מיין אָבשאַצען פון דעם אומזאַץ, אַזוי ווייט ווי איך קען איצט אורטיילען, איז געווען ניט ווענינער צופערלעסיג איידער אַ סך עהנליכע אָבשאַצונגען אין סטאַטיסטישע ביכער.

אונזער יאַריד האָט אָנגעהאַלטען עטוואָס מעהר ווי אַ מעת־לעת. ערב דעם יאַריד, איז דער גרויסער אָפענער פּלאַץ וואָס איז געווען אָבגעגעבען פאַר'ן מארק געווען פול מיט לעבען און בעוועגונג. לאַנגע שורות פון ביידלעך, וואו עס האָט געזאָלט פערקויפט ווערען קאַרטונען, שטענגעס, און אַלערליי פּוץ־זאַכען פאַר די פּויערטעס, זיינען אין איילענים אויפגע־שטעלט געוואָרען. דער רעסטאָראַן, אַ שטאַרקע שטיינערנע געביידע, איז געווען אָנגעשטעלט מיט טיש'ען, שטוהלען און ביינק, און די פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעשאָטען מיט ליכטיגען געלען זאמד. דריי שענקען זיינען אויפ־געשטעלט געוואָרען אין דריי פערשיידענע פּלעצער, און פריש אָנגעשני־טענע בעזימער, אַרויפגעשטעקט אויף הויכע שטאַנגען, האָבען זיך אויפ־געהויבען הויך אין דער לופט כדי צוצוציהען די פּויערים פון דער ווייטענס. שורות און שורות פון בויד־קראָמען אויף צו פערקויפען ליימענע כלים, שיך, עטיין־געשיר, האָניג־לעקעך און אַלערליי קליינינקייטען, זיינען געוואַקסען ווי מיט כשוף; בעת אין אַ בעזונדערען ווינקעל פון מארק האָט מען אויסגעגראָבען גריבער אין דר'ערד אויף אַריינצושטעלען אונגעהייער גרויסע קעסלען אין וועלכע מען האָט געקאָכט שעפּלען הירז און רעטשקע און גאַנצע שעפּסען, כדי צו בעזאָרגען די טויזענדער געסט מיט הייסען „סטשי“ (אַזאַ זופּ) און „קאשא“. נאָכמיטאָג זיינען די פיער וועגען וואָס האָבען געפיהרט צום מארק געווען פערשטעלט מיט הונדערטער פוהרען, מיט בהמות, תבואה, פעסלעך שמאַלע, און גאַנצע בערג ליימענע כלים זיינען געווען אויסגעשטעלט ביי די זייטען וועג.

דאָס ביינאַכטיגע גאָטעס־דיענסט ערב דעם פּייערטאָג איז אָבגעהאַל־טען געוואָרען אין אונזער קירכע מיט גרויס ערנסט. אַ האַלבער טוץ גלחים און דיאַקאָנס פון די דערבייאיגע דערפער האָבען זיך אין דעם בעטייליגט, און זייערע קירכען־זינגער, פערשטאַרקט מיט די יונגע סוחרים, האָבען געזונגען אין כאָר מיט אַזעלכע בעגלייטונגען וואָס מען האָט געקענט הערען נאָר ביי דעם ביש'אָף אין קאַלוגאַ. די קירכע איז געווען געפּאַקט; אַלע האָבען מתפּלל געווען פייערליך. די סוחרים האָבען איינער דעם אַנדע־רען איבערגעשטייגט מיט דער צאָהל און די גרויס פון די וואַקסענע ליכט וואָס זיי האָבען אָנגעצונדען פאַר די הייליגע בילדער (איקאָנעס), אַלס קרבנות פאַר די אָרטיגע הייליגע, כדי זיי, די סוחרים, זאָלען מצליח זיין אין זייערע געשעפטען; און דער עולם איז געווען אַזוי געדיכט, אַז די וואָס האָבען זיך פערשפּעטיגט האָבען ניט געקענט צוקומען צום אַלטאַר.

אַלערליי ליכט — דיקע און דינע, ווייסע און געלע, לויט דער פערמעג־ליכקייט פון דעם מנדב — זיינען איבערגעגעבען געוואָרען פון איינעם צום אנדערען דורכ'ן געדיכטען עולם מיט שעפּטשערייען: „צו דער היילי־גער יונגפרוי פון קאזאן, אונזער בעשיצערקע", „צו ניקאָליי דעם בעליעב־טען", „צו פראָל און לאור" (די פערד־היילינע — דאָס איז געקומען פון די וואָס האָבען געהאַט פערד צו פערקויפען), אָדער פשוט צו „די היילינע", ניט בעשטימענדיג פאר וועמען.

גלייך ווי די נאכט־תפלות זיינען געוועזען פאַראיבער, האָט זיך דער „פאָר־יאַריד" אָנגעהויבען, און ניט מאַכענדיג קיין שהיות האָב איך זיך געמוזט אריינוואַרפען אין מיין ארבייט, אויספרעגענדיג הונדערטער מענ־שען וואָס עס איז געוועזען דער ווערטה פון זייערע סחורות וואָס זיי האָבען אריינגעבראַכט. צו מיין גרויסען שטוינען איז מיין ארבייט געגאַנגען אויס־געצייכענט. פערשטעהט זיך, אז מיר האָט מען אויך געשטעלט פראַגעס: „צו וואָס טהוסטו דאָס?" „איז דאָס אקאָרשט ניט פאר'ן אַלטען פרינץ, וועלכער האָט בדעה צו פערגרעסערען די מארק־אָבצאָהלונגען?" אָבער די פערזיכערונג אז דער „אַלטער פרינץ" וויים ניט און וועט גאָר ניט וויסען דערפון (ער וואָלט דאָס געפונען פאר אַן ערניעדעריגענדע בעשעפטיגונג) האָט גלייך אָבגעהאַקט אַלע פראַגעס. איך האָב באַלד געכאַפּט דעם ריכ־טיגען שניט ווי די פראַגעס צו פרעגען, און נאָכדעם ווי איך האָב אויסגע־טרונקען אַ האַלב טוץ גלעזער טהעע מיט עטליכע סוחרים (ווי שרעקליך דאָס וואָלט געווען, ווען מיין פאָטער דערוויסט זיך דערפון!) איז אַלעס געגאַנגען כשורה. וואַסילי איוואַנאָף, דער עלטסטער (סטאַראָסטאַ) פון ניקאָלסקאָע, אַ שעהנער יונגער פּויער מיט אַן איידעלען אינטעליגענטען פּנים און אַ זיידענעם בלאָנדען באָרד, האָט גענומען אַן אינטערעסע אין מיין ארבייט. „גוט, אויב דו האָסט עס נויטיג פאר דיין לערנען, נעהם זיך דערצו; שפּעטער־צו וועסטו אונז דערצעהלען וואָס דו האָסט אויסגעפונען" — איז געוועזען זיין ענטשיידונג, און ער האָט געזאָגט פאר עטליכע מענשען, אז עס איז זיך ניטאָ פאר וואָס צו שרעקען. פאר מיילען און מיילען ארום האָבען איהם אַלע געקענט, און זיין וואָרט האָט זיך פונאנדער־געטראָגען איבער'ן יאַריד אז עס וועט קיינעם פון די פּויערים קיין בייז ניט געשעהן ווען זיי וועלען מיר געבען די אויסקינפטען.

אין קורצען, די „אריינגעבראַכטע" סחורות זיינען בעשטימט געוואָ־רען זעהר גוט. אָבער אויף מאָרגען, האָבען זיך ארויסגעצייגט שווערינקיי־טען מיט די „אָבגעזעצטע" וואַארען, איבערהויפּט מיט די גאַלאַנטערי־סוחרים, וועלכע האָבען נאָך אַליין ניט געוואוסט וויפיעל זיי האָבען געלייזט. אין דעם טאָג פון יאַריד האָבען די יונגע פּויערטעס איינפּאַך

צוטראָגען די קראָמען. יעדערע האָט געהאַט פּערקויפט אַביסעל איינגען־געוועבטע לייוועגט און איצט האָבען זיי זיך געלאָזט איינקויפען אַביסעל קאַרטון אויף אַ קלייד און אַ העלע קאָפּ־טיכעל פאַר זיך, אַ קאָלירטע נאָז־טיכעל פאַר'ן מאַן, אפשר אַביסעל שפּיצען פאַר'ן האַלז, אַ פּאָר שטעננעס, און עטליכע קליינע מתנות פאַר דער באָבען, פאַר'ן זיידען, און פאַר די קינדער וואָס זיינען געבליבען דערהיים. וואָס אָנבעלאַנגט די פּויערים וואָס האָבען פערקויפט לייטענע כלים, האָניג־לעקעך, בהמות און פלאַקס, האָבען זיי גלייך אָנגעגעבען זייער לייזונג, איבערהויפּט די עלטערע פרויען. „אַ גוטער יאַריד, באָבינקע?" פלעג איך אַ פרעג טהאָן. „ניטאָ זיך וואָס צו בעקלאָגען, מיין זוהן. וואָס זאָל איך זיך איינרייסען מיט גאָט? כמעט אַלץ פערקויפט." און פון זייערע קליינע סומעס זיינען אויסגעוואַקסען אין מיין נאָטיץ־ביכעל צעהנדליגע טויזענדער רובעלס. איין פונקט נאָר איז געבלי־בען ניט בעשטימט. אַ ברייטער פּלאַץ איז געוועזען אָבגעגעבען פאַר די הונ־דערטער און הונדערטער פּויערטעס וואָס זיינען געשטאַנען אין דער ברע־נענדיגער זון, יעדערע מיט איהר שטיק האַנד־געוועבטע לייוועגט, מאַנכעס־מאָל זעהר דינע, וואָס זי האָט געבראַכט צו פערקויפען. צעהנדליגע קונים, מיט ציגיינערשע פנים'ער און בייטעל־שניידערשע בליקען האָבען זיך אַרומגעדרעהט צווישען עולם און געקויפט. פערשטעהט זיך אַז פון די דאָזיגע מסחרים האָט מען קיין גענויע אָבשאַצונג ניט געקענט מאַכען.

איך האָב זיך דעמאָלט גאָר ניט אַריינגעטראַכט אין אָט דער נייער ערפאַהרונג מיינער; איך בין איינפאַך געוועזען אַ גליקליכער זעהענדיג אַז זי איז ניט קיין דורכפאַל. אָבער דער ערנסטער גוטער שכל און געזונדער אורטייל פון די רוסישע פּויערים וואָס איך האָב בעמערקט אין יענע פּאָר טעג, האָבען איבערגעלאָזט אויף מיר אַ דויערהאַפטען איינדרוק. שפּעטער, ווען מיר פלעגען מאַכען סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער די פּויערים איז מיר איינפאַך געוועזען אַ וואונדער וואָרום אייניגע פריינד מיינע, וועלכע האָבען לפנים געקראָגען אַ סך אַ דעמאָקראַטישערע בילדונג ווי איך, האָבען ניט געוואוסט ווי אַזוי צו רעדען צו די פּויערים אָדער פאַבריק־אַרבייטער פון דער פּראָווינץ. זיי האָבען פּרובירט נאָכמאַכען דעם „פּויער־שען לשון", אַריינגעהמענדיג אין איהם אַ סך אַזוי גערופענע „פּאָלקס־פראַזען" און האָבען איהם דערמיט געמאַכט נאָך אונפערשטענדליכער.

סיי אין רעדען צו די פּויערים און סיי אין שרייבען פאַר זיי, איז אַזאַ זאַך ניט נויטיג. דער גרויס־רוסלענדישער פּויער פערשטעהט פּאָל־שטענדיג גוט די רייד פון דעם געבילדעטען מענשען, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען ניט פול מיט ווערטער פון אויסלענדישע שפּראַכען. וואָס דער פּויער פערשטעהט ניט, איז אַבסטראַקטע בעגריפען ווען זיי ווערען ניט ערקלערט

מיט ממשות'דיגע ביישפּיעלען. אָבער ווען איהר רעדט צו דעם רוסישען פּויער איינפאך, און הויבט אָן פון ממשות'דיגע פאקטען — און דאָס אייגענע איז אויך דער פאַל מיט די דאָרפּס־לייט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען — איז מיין ערפאהרונג, אז עס גיט ניט קיין גענעראַליזאציע (אַלגעמיינער געדאנק) אין דער וועלט פון סאָציאַלע און נאטור־וויסענשאפטען, וואָס מען זאָל ניט קענען איבערגעבען צו דעם דורכשניטליך אינטעליגענטען מענשען, אויב איהר אליין פערשטעהט עס נאָר גרינדליך. דער הויפּט־אונטערשייד צווישען דעם געבילדעטען און ניט־געבילדעטען מענשען איז, אזוי וואָלט איך געזאָגט, אין דעם וואָס דער לעצטער איז ניט פעהיג נאָכצופאָלגען א רייהע פון שלוספאָלגערונגען. ער בעגרייפט די ערשטע, און אפשר אויך די צווייטע, אָבער ער ווערט מיעד ביי דער דריטער, אויב ער זעהט ניט וואָס איהר ווילט ארויסברענגען. ווי אָפט אָבער בעגעגענען מיר דיזעלבע שוועריגקייט אויך ביי געבילדעטע מענשען!

נאָך א בעגריף האָב איך ארויסגעטראָגען פון אָט דער ארבייט אין מיין יוגענד — א בעגריף וועלכען איך האָב ערשט פאָרמולירט שפּעטער־צו, און וועלכער וועט פילייכט ערשטוינען פיעלע לעזער. דאָס איז דער גייסט פון גלייכהייט וועלכער איז שטאַרק ענטוויקעלט ביי די רוסישע פּויערים און, טהאַטזעכליך, ביי דער דאָרפּס־בעפעלקערונג איבעראַל. דער רוסישער פּויער איז פעהיג צו זיין שטאַרק קנעכטיש געהאָרכזאם צום פּריץ אָדער פּאָליציי־בעאמטען; ער וועט זיך בויגען פאַר זייער ווילען אויף א שקלאַפּישען שטייגער; ער וועט זיי אָבער ניט בעטראַכטען פאַר העכערע מענשען, און ווען אין א ווייילע ארום זאָל דער זעלבער פּריץ אָדער בעאמטער רעדען צו דעם זעלביגען פּויער וועגען היי אָדער ענטלעך, וועט דער פּויער רעדען צו זיי ווי צו זיין גלייכען. איך האָב קיינמאָל ניט בעמערקט אין דעם רוסישען פּויער די קנעכטישקייט, וואָס איז געוואָרען א צווייטע נאַטור, מיט וועלכער עס רעדט א ניעדעריגער בעאמטער צו א העכערען פאַר איהם, אָדער א לאָקיי צו זיין בעל־הבית. דער פּויער וואַרפט זיך גאַנץ גרינג אונטער דער מאַכט, אָבער ער פערגעטערט זי ניט.

יענעם זומער בין איך צוריקגעפאָהרען פון ניקאָלסקאָע אין מאָסקווע אויף א נייעם אופן. אזוי ווי קיין באהן צווישען קאַלוגאַ און מאָסקווע איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, האָט א געוויסער מאַן, מיט'ן נאָמען בוק, אָנגעהאַלטען עפּעס א מין דעליזשאַנס, וואָס איז געלאָפען צווישען דיביידע שטעדט. אונזערע מענשען איז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו פאָהרען אויף אזא אופן; נאָר אזוי ווי מיין פאָטער, כדי איינצושפּאָרען די שטיפ־מוטער א דאָפּעלטע נסיעה, האָט מיר האַלב אויף שפּאַס פאָרגעלעגט צו

פּאָהרען מיט דעם דאָזיגען דעליזשאַנס, האָב איך זיין אנבאָט מיט פּערגע־ניגען אָנגענומען.

א סוחר׳ס א פרוי, אַן אַלטע און זעהר דיקע, און איך אויף דעם הינ־טערסטען זעסעל, און א הענדלער אָדער בעל־מלאכה אויפ׳ן פאָדערסטען זעסעל, זיינען געווען די איינציגע פּאַסאַזשירען אין דער קאַרעטע. מיר איז די רייזע זעהר געפעלען געוואָרען — פריהער ווי אַלץ ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב גערייזט אַליין (איך בין נאָך ניט אַלט געווען קיין זעכצעהן יאָהר), און צווייטענס ווייל די אַלטע דאַמע, וועלכע האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך פאַר דער דריי־טאָגעדיגער נסיעה א גרויסען קאָרב פול מיט פּראָוויאַנט, האָט מיר מכבד געווען מיט אַלערליי היימישע נאַשערייען. די גאַנצע אומגעבונג פאַר דער צייט פון דער רייזע איז געווען פּראַכטפאָל. איין אבענד איבערהויפט איז נאָך היינט לעבעדיג אין מיין זכרון. מיר זיינען אָנגעקומען ביינאַכט אין א גרויסען דאָרף און האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַן אכסניה. די אַלטע דאַמע האָט פאַר זיך בעשטעלט א סאַמאָוואַר, בעת איך בין ארוים אין גאַס, זיך אביסעל דורכ־שפּאַצירען. א קליינע „ווייסע קרעטשמע“ וואו מען קריגט נאָר צו עסען, אָבער ניט צו טרינקען, האָט צוגעצויגען מיין אויפמערזאַמקייט און איך בין דאָרט אַריין. מאַסען פּויערים זיינען געזעסען ארום די קליינע טישלעך, בעדעקט מיט ווייסע סערוועטקעס, און געטרונקען טהעע. איך האָב דאָס זעלבע געטהאָן.

אַלצדינג איז פאַר מיר געווען אַזוי ניי אין דער דאָזיגער אומגעבונג. דאָס איז געווען א דאָרף פון „קרוין־פּויערים“ — דאָס הייסט, פּויערים וואָס זיינען ניט געווען קיין לייבאייגענע און האָבען געלעבט פערהעלטנימ־מעסיג בהרחבה, וואָהרשיינליך דורך די לייווענט־וועבעריי וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט אַלס א הויז־אינדוסטריע. לאַנגזאַמע, ערנסטע געשפּרעכען, פון צייט צו צייט דורכגעוואָרפען מיט א געלעכטער, זיינען אָנגעגאַנגען ארום די טישלעך, און נאָך די געוועהנליכע פראַגען פון אַן ערשטער בעקאַנטשאַפט, האָבען א טוץ פּויערים פערבונדען מיט מיר א געשפּרעך וועגען דעם גערעטעניס אין אונזער נאַכבאַרשאַפט, און איך האָב זיי געענטפערט אויף אַלערליי פראַגעס. זיי האָבען געוואָלט אַלעס וויסען וועגען פּעטערבורג, און מעהר פאַר אַלץ וועגען די קלאַנגען מכח דער קומענדער אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט. א געפיהל פון איינפאַכקייט און פון נאַטירליכע גלייכהייטס בעציהונגען, ווי אויך א געפיהל פון האַר־ציגער צונייגונג, וואָס איך האָב תמיד געפיהלט שפּעטער זייענדיג צווישען פּויערים אָדער ביי זיי אין די הייזער, האָט מיך ארומגענומען אין דער דאָזיגער אכסניה. קיין אויסערגעוועהנליכעס האָט יענע נאַכט ניט פּאַסירט,

איך בין אפילו מספק צי איז גאָר אן גאנצען די דאָזיגע פאסירונג ווערטה צו דערמאָנען; און דאָך — יענע ווארעמע, טונקעלע נאכט אין דאָרף, יענע קליינע קרעטשמע, יענער געשפרעך מיט די פויערים און די שטארקע אינטערעסע, וואָס זיי האָבען גענומען אין הונדערטער זאכען, וועלכע זיינען געלעגען ווייט אוועק פון זייער געבירטיגער אומגעבונג, — דאָס אלעס האָט געמאכט אויף מיר אזא'ן איינדרוק, אז פון דאן אָן איז אן אָרעמע „ווייסע קרעטשמע“ פיעל מעהר צוציהענד פאר מיר, איידער דער בעסטער רעסטאָראן אין דער וועלט.

V.

שטורעמדיגע צייטען האָבען זיך אָנגעהויבען אין דעם לעבען פון אונזער קאָרפוס. ווען זשיראַרדאָ איז ענטלאסען געוואָרען, האָט זיין פּלאַץ פערנומען איינער פון אונזערע אָפיצירען, קאפּיטאן ב—. בטבע איז ער גיכער געווען א גוטער מענש, נאָר ער האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ, אז מיר בעהאנדלען איהם ניט מיט דעם נויטיגען רעספּעקט, וואָס פאסט זיך פאר דער הויכער שטעלע וועלכע ער פערנעהמט, און ער האָט געזוכט צו פערשטארקען אונזער אָבשיי און רעספּעקט פאר איהם. ער האָט אָנגע־הויבען זיך ארומקריעגען וועגען אלערליי קלייניגקייטען מיט דעם העכערען קלאָס, און — וואָס איז געווען נאָך ערגער — ער האָט פּרובירט אָבשאפען אונזערע „פּרייהייטען“, וועלכע האָבען אָבגעשטאמט פון „ששת ימי בראשית“ און, אָבוואויל זיי זיינען פאר־זיך געווען אונבעדייטענד, זיינען זיי אפשר טאקע צוליעב דעם גופא געווען פאר אונז נאָך טהייערער.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען אז די שולע איז ארויסגעטראָטען פאר עטליכע טעג אין אן אָפענעם אויפשטאנד, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אן אלגעמיינער בעשטראָפונג און צוויי פון אונזערע בעליעבטע פאזשען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון קאָרפּוס.

דאן האָט דער זעלבער קאפּיטאן אָנגעהויבען אריינצוקומען ניט־געבעטענערהייט אין אונזערע קלאס־צימערען, וואו מיר פלעגען פערברענגען א שטונדע יעדען פריהמאָרגען אין צוגרייטען אונזערע לעקציעס איידער די קלאסען האָבען זיך אָנגעפאנגען. עס האָט געהייסען אז אין קלאס־צימער זיינען מיר אונטער דער אויפזיכט פון אונזערע לעהרער, און מיר האָבען זיך געפיהלט גליקליך וואָס מיר האָבען דאָרט גאָרנשט צו טהאָן מיט אונזערע מיליטערישע עלטסטע. די דאָזיגע ניט־געבעטענע בעזוכען האָבען אונז זעהר שטארק פערדראָסען, און איין טאָג האָב איך אין דער

הויף אַויסגעדריקט אונזער אונצופריעדענהייט, זאָגענדיג צו דעם קאַפּיטאַן, אַז דאָ איז דער פּלאַץ פאַר דעם אינספּעקטאָר פון די קלאַסען, ניט פאַר איהם. וואָכען און וואָכען האָב איך פערבראַכט אונטער אַרעסט פאַר דער דאָזיגער אָפּענהערציגקייט, און איך וואָלט אפשר אויך אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער שולע, ווען ניט דער פאַקט וואָס דער אינספּעקטאָר פון די קלאַסען, זיין געהילף, און אפילו דער אַלטער דירעקטאָר, האָבען געאור־טיילט אַז נאָך אַלעמען האָב איך ניט מעהר ווי אַרויסגערעדט אין דער הויף דאָס וואָס זיי אַלע האָבען אַליין געטראַכט.

קוים זיינען מיר איבערגעקומען אָט די אַלע צרות, האָט זיך געמאַכט אַז די קייזערין־אַלמנה — ניקאָליי דעם 1טענ׳ס אַלמנה — איז אַוועק־געשטאָרבען, און דאָס האָט מיטגעבראַכט אַ נייע אונטערברעכונג אין אונזער אַרבייט.

די בעערדיגונג פון די געקרוינטע קעפּ ווערט אַלע מאָל אַזוי איינ־געאָרדענט אַז עס זאָל מאַכען אַ טיעפען רושם אויפ׳ן עולם; און מען מוז צוגעבען אַז דער צוועק ווערט עררייכט. דער קייזערינ׳ס קערפּער איז געבראַכט געוואָרען פון צאַרסקאָע סעלאָ וואו זי איז געשטאָרבען, קיין פּעטערבורג. נאָך דער לויה זיינען נאָכגעגאַנגען די קייזערליכע פאַמיליע, אַלע הויכווירדיגע פון שטאָדט, צעהנדליגע טויזענדער בעאַמטע און געזעלשאַפטען, און פאַראויס זיינען געגאַנגען הונדערטע גייסטליכע און כאָרען, און די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגען פון וואָקזאַל דורך די הויפּט־גאַסען צו דער פעסטונג, וואו דער ארון האָט געזאָלט בלייבען ליגען אין פּאַראַד פאַר עטליכע וואָכען. אַ הונדערט־טויזענד גוואַרדיע־לייט זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען איבער די גאַסען, און טויזענדער מענשען, אָנגעטהאָן אין די פּרעכטיגסטע מונדירען, האָבען בעגלייט דעם ארון. ביי יעדען ווינקעל וואו די גאַסען האָבען זיך דורכגעקרייצט האָט מען געזונגען תפלות, און די גלאָקען־קלאַנגען פון די קירכען־טהורעמס, די קולות פון אונגעהייערע כאָרען און די מוזיק פון די מיליטערישע קאַפּעליעס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אויף אַ העכסט איינדרוקספולען אופן — אַלץ כדי צו מאַכען דעם איינדרוק אַז די גרויסע מאַסען טרויערען ווירקליך אויף דעם פערלוסט פון דער קייזערינע.

די גאַנצע צייט וואָס דער קערפּער איז געלעגען אין קירכע פון פעסטונג, האָבען די פּאַזשען, צווישען אַנדערע, געמוזט האַלטען וואַך ביי־טאָג און ביינאַכט. דריי פּאַזשען און דריי עהרען־דאַמען זיינען שטענדיג געשטאַנען גאַנץ נאָהענט נעבען ארון, וועלכער איז געווען אַרויפגעשטעלט אויף אַ הויכען פּעדעסטאַל, און אַן ערך צוואַנציג פּאַזשען זיינען געווען פונאַנדערגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער מען האָט

געזונגען תפלות צוויי מאָל א טאָג, אין דער אַנוועזענהייט פון דעם קייזער און זיין פאמיליע. צוליעב דעם האָט מען יעדע וואָך אַוועקגענומען כמעט א העלפט פון קאָרפּוס נאָך דער רייהע נאָך אין פעסטונג, דאָרטען צו לאָזשירען. אלע צוויי שעה האָט מען אונז איבערגעביטען, און בייטאָג איז אונזער דיענסט געווען ניט שווער; אָבער ווען מיר האָבען געמוזט אויפ־שטעהן ביינאכט, זיך אָנטהאָן אין אונזערע הויף־מונדירען, און מארשירען דורך די פינסטערע און אומעטיגע אינוועניגסטע קאָרידאָרען פון פעסטונג צו דער קירכע, אונטער דעם טרויעריגען קלאנג פון די פעסטונגס־גלאָקען, האָט מיך א קאלטער שוידער ארומגעכאפּט ביי דעם געדאנק וועגען די געפאנגענע, וועלכע ליגען איינגעמויערט ערגעץ־וואו אין דער דאָזיגער רוסישער באסטיליע. „ווער ווייס“, האָב איך געטראכט, „צי עס וועט אויך מיין רייהע ניט קומען ווען עס איז צו זיין צוזאמען מיט זיי?“

ביי דער בעערדיגונג האָט פּאסירט א סבה וועלכע האָט געקענט האָבען ערנסטע פאָלגען. אַן אונגעהייער גרויסע חופּה איז אויפגעשטעלט געוואָרען אונטער דעם געוועלב פון דער קירכע איבער דעם ארון. א גרויסע בעגולטע קרוין האָט זיך ערהויבען איבער דער חופּה, און פון דער דאָזיגער קרוין איז אַרונטערגעהאנגען א גרויסער פּורפּורנער מאנטעל, אונטער־געשלאָגען מיט ערמעלין־פּוטער, איבער די פיער דיקע פיערקאנטיגע זיילען וואָס האָבען אונטערגעהאלטען דעם געוועלב פון דער קירכע. עס איז געווען איינדרוקספול, אָבער מיר חברה האָבען גיך אויסגעפונען אז די קרוין איז געווען געמאכט פון בעגולטען טאקטור און האָלץ, דער מאנטעל איז געווען פון סאמעט נור ביי די ברעגעס, און העכער ארויף איז געווען רויטער באוועל־צייג, און אז דער ערמעלין־אונטערשלאק איז געווען איינ־פאכער מולטען אָדער קאטון־פלאנעל מיט צוגענעהטע שווארצע עקלעך פון וועווערקעס. דער הערבען־שילד וועלכער האָט פאַרגעשטעלט די וואפען פון רוסלאנד, איינגעהילט מיט שווארצען קרעפּ, איז געווען פשוט'ער מאקטור. אָבער די מאסען וועלכע מען האָט ערלויבט אין געוויסע שטונדען ביינאכט פערבייצוגעהן דעם ארון, און אין איילענים א קוש טהאָן די גאָלדענע בראָקאט וואָס האָבען איהם צוגעדעקט, האָבען זיכער קיין צייט ניט געהאט געניי צו אונטערזוכען דעם פלאנעל־ערמעלין אָדער די טאק־טורענע הערבען־שילדען, און דער געווינשטער טהעאטראלער עפעקט איז אויסגעפיהרט געוואָרען אפילו מיט אזעלכע ביליגע מיטלען.

אין רוסלאנד בעת מען זינגט די תפלה פאר'ן טויטען, האלטען אלע אַנוועזענדע ברענענדיגע וועקסענע ליכט, וועלכע דארפען אויסגעלאָשען ווערען גלייך ווי מען ענדיגט א געוויסען געבעט. די קייזערליכע פאמיליע האָט אויך געהאלטען אזוינע ליכט, און איין מאָל האָט דער יונגער זוהן

פון דעם גרויספירסט קאָנסטאַנטין, זעהענדיג אַז אַלע אַנדערע לעשען אויס זייערע ליכט איבערדרעהענדיג זיי מיט׳ן פלאַם אַרונטער, האָט ער אויך אַזוי געטהאָן. דער שוואַרצער טול וואָס איז הינטער איהם אַרונטער־געהאַנגען פון אַ הערבען שילד האָט זיך אָנגעצונדען, און אין אַ סעקונדע איז דער הערבען־שילד און די באַוועל־צייג געווען אין פלאַמען. אַ גרויסע פייערדיגע צונג האָט זיך געריסען אַרויף דורך די שווערע פאַלבען פון דעם פאַלשען ערמעלין־מאַנטעל.

דאָס געבעט איז געווען געשטערט. אַלעמענס בליקען זיינען געווען געוועגדעט מיט שרעק צו דער פייער־צונג וועלכע איז געקראָכען העכער און העכער צו דער טאַקטורענער קרוין און די האָלץ־אַרבייט וואָס האָט אויפ־געהאַלטען די גאַנצע געביידע. שטיקלעך ברענענדיגע מאַטעריע האָבען אָנגעהויבען אַרונטערצופאַלען, וואָס האָט געקענט אָנצינדען די שוואַרצע טולענע וואוּאַלען פון די דאַמען וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך פערלאָרען, אָבער נאָר אויף אַ פּאָר סעקונדען. ער איז באַלד געקומען צו־זיך און מיט אַ רוהיגער שטימע האָט ער אַ זאָג געטהאָן: „דער אַרון מוז אַוועקגענומען ווערען!“ די פּאַזשען האָבען דעם אַרון גלייך איבערגעדעקט מיט דעם שווערען בראָקאַט, און מיר האָבען זיך אַלע אַ לאָז געטהאָן אויפהויבען דעם שווערען אַרון; אָבער צו דער זעלבער צייט האָט דער גרויסער פייער־צונג זיך פונ־אַנדערגעבראָכען אין עטליכע קלענערע, וועלכע האָבען לאַנגזאַם געסמאַ־ליעט די לייכטע באַוועל־צייג פון אויבען און, טרעפענדיג אַלץ מעהר שטויב און סאַזשע אין העכערען טייל פון דער געביידע, זיינען זיי ביס־לעכווייז פערשטיקט געוואָרען אין די פאַלבען.

איך קען ניט זאָגען אויף וואָס איך האָב מעהר געקוקט: צי אויף דעם קריכענדיגען פייער אָדער אויף די שטאַטנע שלאַנקע פיגורען פון די דריי דאַמען וואָס זיינען געשטאַנען נעבען אַרון, מיט די לאַנגע שלעפּעס פון זייערע שוואַרצע קליידער זיך פונאַנדערשפּרייטענדיג איבער די טרעפּ וואָס האָבען געפיהרט צו דער אויבערשטער פּלאַטפאָרמע, און מיט די שוואַרצע געשטיקטע וואוּאַלען אַרונטערהענגענדיג פון זייערע שולטערען. קיינע פון זיי האָט ניט געמאַכט די קלענסטע בעוועגונג: זיי זיינען געשטאַנען אַזוי ווי דריי שעהן־געשניצטע פיגורען. נאָר אין די טונקעלע אויגען פון איינע פון זיי, מאַדמואַזעל גאַמאַלעיאַ, האָבען געבליטשעט טרעהרען ווי פּערעל. זי איז געווען אַ טאָכטער פון דרום־רוסלאַנד, און זי איז געווען די איינ־ציגע ווירקליך שעהנע דאַמע צווישען די עהרענ־דאַמען פון הויף.

אין קאָרפּוס איז דערוויילע אַלעס געגאַנגען מיט קאָפּ אַראָב. די קלאַסען זיינען געווען אונטערבראָכען; דער טייל וואָס איז צוריקגעקומען

פון פעסטונג האָט געוואוינט אין דערוויי׳ליגע קווארטירען און, ניט האָבענ־דיג וואָס צו טהאָן, האָבען מיר פערבראכט גאנצע טעג אין אלערליי שטיפערייען. איין טאָג האָט זיך אונז איינגעגעבען אויפצועפענען א שאפע וואָס איז געשטאנען אין צימער, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַן אויסגעצייכענטע זאמלונג פון מאָדעלען פון אלערליי חיות אויף צו לערנען נאטור־געשיכטע. דאָס איז געווען דער אָפיציעלער צוועק; אָבער מען האָט די דאָזיגע מאָדעלען אונז קיינמאָל אפילו ניט געוויזען, און איצט אז מיר האָבען זיי געקראָגען אין די הענד אריין האָבען מיר פון זיי געמאכט געברויך אויף אונזער אייגענעם שטייגער. מיט דעם מענשליכען שארבען וועלכער איז געווען א טייל פון דער קאָלעקציע, האָבען מיר געמאכט א גייסט־פיגור, מיט וואָס צו שרעקען ביינאכט די איבעריגע חברים און די אָפיצירען. די חיות האָבען מיר אויסגעשטעלט אין די משונה׳דיגסטע פּאָזיציעס און גרופען: מאלפעס זיינען געריטען אויף לייבען, שעפסען האָבען זיך געשפּיעלט מיט לעמפּערטען, די זשיראַף האָט געטאנצט מיט אַן עלעפאנט א. אז. וו. דאָס ערגסטע איז געווען מיט עטליכע טעג שפּעטער, ווען איינער פון די פּרייסישע פרינצען וועלכער איז געקומען זיך בעטיילי׳גען אין דער בעערדיגונגס־צערעמאָניע (איך דענק אז דאָס איז געווען דער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען קייזער פריעדריך) האָט בעזוכט אונזער שולע, און מען האָט איהם געוויזען אלעס וואָס האָט געהאט א שייכות מיט אונזער בילדונג. אונזער דירעקטאָר האָט ניט פערפעהלט צו בעריהמען זיך מיט די אויסגעצייכענטע בילדונגס־מיטלען וואָס מיר האָבען געהאט אין אונזער שולע, און האָט איהם צוגעפיהרט צו דער דאָזיגער אונגליקליכער שאפע. ווען דער דייטשער פּרינץ האָט א בליק געטהאָן אויף אונזער זאָאָלאָגישער קלאסיפיקאציע, האָט ער געמאכט א זויערען פּנים און האָט זיך געשווינד אָבגעקעהרט. אונזער אלטער דירעק־טאָר האָט אויסגעזעהן שרעקליך; ער האָט פערלאָרען דעם כח־הדבור, און האָט נאָר געהאלטען אין איין ווייזען מיט דער האנד אויף עפּעס א שטערען־פיש, וואָס האָט זיך געפונען אין א גלעזערנע קעסטעל אויפ׳ן וואנד נעבען דער שאפע. דעם פּרינץ׳ס בעגלייטער האָבען פּרובירט מאכען אַן אָנשטעל אזוי ווי זיי וואָלטען גאָרנישט בעמערקט, און נאָר געוואָרפען פער׳גנב׳עטע בליקען אויף דאָס וואָס עס האָט פערשאפט אזוי פיעל אונאנגענעהמקייט, בעת מיר צולאָזענע חברה האָבען געמאכט אלערליי פּנים׳ער איינהאלטענדיג זיך ניט ארויסצופלאצען מיט א געלעכטער.

VI

די שול־יאָהרען פון א רוסישען יונגען־מאַן זיינען אויף אזוי פיעל אַנדערס פון דער אייגענער פּעריאָדע אין די וועסט־אייראָפּעאישע שולען, אַז איך מוז זיך אָביסעל לענגער אָבשטעלען אויף מיין שול־לעבען. רוסישע יונגע לייט נעהמען בדרך כלל אַן אינטערעס אין אַ ברייטען קרייז פון סאָציאַלע, פּאָליטישע און פילאָזאָפישע ענינים, ווען זיי געהען נאָך אין אַ ליצעאום אָדער אין אַ מיליטער־שולע. עס איז אמת אַז דער פּאָזשען קאָרפּוס איז פון אַלע שולען געווען אַם וועניגסטען מסוגל פאַר אַזאַ ענטוויקלונג; אָבער אין יענע יאָהרען פון אַלגעמיינעם אויפלעבען האָבען ברייטערע אידעען אַריינגעדרונגען אפילו דאָרטען און האָבען מיט־געריסען אייניגע פון אונז אין אַלגעמיינעם שטראָם, — ניט שטערענדיג אונז, פון דעסטוועגען, פון אַנטיילנעהמען אין „בענעפיס־אבענדען" און אַלערליי זאָרטען שטיפעריייען.

זייענדיג אין פיערטען קלאַס האָב איך גענומען אַן אינטערעס אין היסטאָריע, און שטיצענדיג זיך אויף די נאָטיצען וואָס איך האָב געמאַכט אין דער צייט פון די לעקציעס — איך האָב געוואוסט אַז אַזוי טהוען די סטודענטען פון די אוניווערזיטעטען — און זיך צוהעלפענדיג מיט'ן לעזען, האָב איך אָנגעשריבען אַ גאַנצען קורס פון אָנפאַנגס־געשיכטע פון מיטעל־אַלטער פאַר מיין אייגענעם געברויך. דעם נעקסטען יאָהר האָט דער קאַמפּף צוויי'ען פּאַפּסט באָניפאַץ דעם 8טען און דער קייזערליכער מאַכט צוגע־צויגען מיין בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט, און עס איז געוואָרען מיין אַמביציע צו קריגען אַ צוטריט צו דער קייזערליכער ביבליאָטעק אַלס אַ לעזער, כדי צו קענען גרינדליך שטודירען דעם דאָזיגען קאַמפּף. דאָס איז געווען געגען די רעגעלען פון דער ביבליאָטעק: שילער פון מיטעל־שולען זיינען דאָרט ניט צוגעלאָזען געוואָרען. אָבער דער גוטער הערר בעקער האָט שוין ווי עס איז פערגלעט דעם עסק, און איין שעהנעם טאָג האָב איך געקראָגען די ערלויבניס אַריינצוקומען אין היכל און פערנעהמען אַ פּלאַץ ביי איינעם פון די קליינע לעזער'ס־טישלעך, אויף איינער פון די רויט־סאַמעטענע זאָפקעס מיט וועלכע דער לעזע־צימער איז דעמאָלט געווען אויסגעמעבלירט.

פון פערשיידענע טעקסט־ביכער און אייניגע ביכער פון אונזער אייגע־נער ביבליאָטעק, האָב איך גיך זיך דערשלאָגען צו די קוועלען. ניט קענענ־דיג קיין לאַטיין, האָב איך פון דעסטוועגען ענדעקט אַ רייכען אוצר פון

אָריגינעלע קוועלען אין אַלט־טויטאָניש און אַלט־פראַנצויזיש, און האָב געפונען א גרויסען עסטעטישען גענוס אין דעם אייגענאַרטיגען געבוי און אין דער אויסדרוקספולקייט פון אַלט־פראַנצויזיש אין די כראָניקען. א גאַנץ נייער געזעלשאַפטס געבוי און א גאַנצע וועלט פון קאָמפּליצירטע פערהעלטניסען האָבען זיך אויפגעעפענט פאַר מיר; און פון דער צייט אָן האָב איך געלערענט צו שעצען פיעל מעהר די אָריגינעלע קוועלען פון געשיכטע איידער די ווערק פון די מאָדערנע גענעראַליזאַציעס, אין וועלכע די פּאָראורטיילע פון דער מאָדערנער פּאָליטיק, אָדער די פשוט׳ע אָנגנור־מענע פאָרמולעס ווערען אויעקגעשטעלט אָנשטאָט דעם ווירקליכען לעבען פון דער בעטרעפענדער פעריאָדע. קיין זאַך גיט ניט אזא אָנשטויס דעם מענשענס אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג ווי א וואָסערע עס איז זעלבסט־שטענדיגע פאָרשונג, און אָט די שטודיען מיינע האָבען מיר שפּעטער זעהר פיעל געהאָלפען.

צום אונגליק האָב איך זיי געמוזט אויפגעבען ווען מיר האָבען דער־גרייכט דעם צווייטען קלאַס (איינעם פאַר׳ן לעצטען). די פּאַזשען האָבען געמוזט דורכגעהן אין די לעצטע צוויי יאָהר כמעט אַלץ וואָס מען האָט געלערענט אין אַנדערע מיליטערישע שולען אין דריי „ספּעציעלע“ קלאַסען, און מיר האָבען דעריבער געהאַט פיעל ארבייט צו טהאָן. נאַטור־וויסענ־שאַפט, מאַטעמאַטיק און מיליטערישע וויסענשאַפטען האָבען נויטווענ־דיגער ווייזע אָבגעשטופּט היסטאָריע אין הינטערגרונד.

אין דעם צווייטען קלאַס האָבען מיר אָנגעהויבען ערנסט צו שטודירען פיזיק. מיר האָבען געהאַט אַן אויסגעצייכענטען לעהרער — א זעהר איני־טעליגענטען מענשען מיט א סאַרקאַסטישען געדאַנקען־גאַנג, וועלכער האָט געהאַסט די מעטאָדע פון איינ׳חזר׳ען די למודים, און אָנשטאָט אויסצו־לערנען אונז די טרוקענע פאַקטען, האָט זיך איהם איינגעגעבען צו מאַכען אונז ד ע נ ק ע ן. ער איז געווען א גוטער מאַטעמאַטיקער, און האָט מיט אונז געלערענט פיזיק אויף א מאַטעמאַטישען באַזיס, ערקלערענדיג אויסגעצייכענט אין דער זעלבער צייט אי די הויפּט־אידעען פון פיזישער פאָרשונג, אי די פיזישע אַפּאַראַטען. א טייל פון זיינע פראַגען זיינען געווען אַזוי אָריגינעל און זיינע ערקלערונגען זיינען געווען אַזוי גוט, אַז זיי האָבען זיך אויף אייביג איינגעקריצט אין מיין זכרון.

אונזער טעקסט־בוך פון פיזיק איז ניט געווען קיין שלעכטער (דאָס רוב טעקסט־ביכער פאַר די מיליטערישע שולען זיינען געווען געשריבען פון די בעסטע פאַך־מענשען פון יענער צייט); עס איז אָבער געווען אביסעל אַלטלעך, און אונזער לעהרער, וועלכער האָט זיך געהאַלטען ביי זיין אייגע־

נעם סיסטעם, האָט אָנגעהויבען צוגרייטען אַ קורצע רעזומע פון זיינע לעקציעס — אַ מין געהילף פאַר'ן זכרון — פאַר דעם געברויך פון אונזער קלאַס. אין עטליכע וואָכען ארום איז אַזוי אויסגעקומען אַז די אַרבייט פון אָנשרייבען די דאָזיגע רעזומע איז געפאַלען אויף מיר, און ווי אַן אמת'ער פּעדאַגאָג האָט אונזער לעהרער אין גאַנצען מיר אָנגעטרויט די אַרבייט און ער האָט נור געלעזען די קאָרעקטורען. ווען מיר זיינען געקומען צו די קאַפּיטלען וועגען היץ, עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם, איז אויסגעקומען זיי צו שרייבען אין גאַנצען פון דאָס ניי, וואָס איך האָב אויך געטהאָן, פּערפאַרטיגענדיג אויף אַזאַ אופן כמעט אַ פאָלשטענדיגען טעקסט־בוך איבער פיזיק, וועלכעס איז אָבגעדרוקט געוואָרען פאַר דעם געברויך פון דער שולע.

אין דעם צווייטען קלאַס האָבען מיר אויך אָנגעהויבען שטודירען כעמיע, און אויף דעם האָבען מיר אויך געהאַט אַן ערשטע־קלאַסע לעהרער — אַ ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער פון דעם גענענשטאַנד, וועלכער האָט אַליין געמאַכט ווערטהפאָלע אָריגינעלע פאָרשונגען. די יאָהרען 1859—61 זיינען געוועזען יאָהרען פון אַן אַלגעמיינער אויפלעבונג צו שטודירען די עקזאַקטע וויסענשאַפטען: גראָוו, קלאַוזיוס, זשאָול און סעגווין האָבען בעוויזען אַז היץ און אַלע פיזישע קרעפטען זיינען ניט מעהר ווי פערשיי־דענע פאָרמען פון בעוועגונג; העלמהאָלץ האָט ארום דער צייט אָנגעהוי־בען זיינע עפּאָכע־מאַכענדע פאָרשונגען וועגען קלאַנג; און טינדאַל האָט דורך זיינע פּאָפּולערע לעקציעס געמאַכט מעגליך פאַר'ן לעזער אָנצו־טאַפּען, אַזוי צו זאָגען, די סאַמע אַטאָמען און מאָלעקולען. גערהאַרדט און אַוואָגאַדראָ האָבען אַריינגעבראַכט די טהעאָריע פון סובסטיטוציאָן*), און מענדעלעעף, לאָטהאַר מייער און ניולאַנדס האָבען ענטדעקט דאָס פּעריאָדישע געזעץ פון עלעמענטען; דאַרווין, מיט זיין „אָבשטאַמונג פון די מינים“, האָט רעוואָלוציאָנירט אַלע ביאָלאָגישע וויסענשאַפטען; וועה־רענד קאַרל פאָגט און מאָלעשאָט, נאָכפאָלגענדיג קלאָוד בערנאַרד, האָבען אַוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט פון אַן אמת'ער פּסיכאָלאָגיע אין דער פיזיאָלאָגיע. עס איז געוועזען אַ צייט פון וויסענשאַפטליכען ערוואַכען, און דער שטראָם וואָס האָט געפיהרט די מענשליכע מוחות צו דער נאַטור־וויסענשאַפט איז געוועזען אונוויעדערשטעהליך. מאַסען אויסגעצייכענטע ביכער זיינען פּובליצירט געוואָרען צו יענער צייט אין רוסישע איבערזע־

*) אומזעצונג, דאָס איבערבייטען פון איין כעמישען עלעמענט אין אַ געוויסער צוזאַמענזעצונג אויף אַן אַנדערען, וואָס רופט אַרויס אַן אַנדער ערשיי־נונג. — איב.

צונגען, און איך האָב באַלד בעגריפען אז וואָס עס זאָל ניט זיין איינעמ'ס ווייטערדיגע שטודיען, מוז ער אָבער אַלס יסוד גרינדליך קענען די נאַטור־וויסענשאַפטען און זיין בעקאַנט מיט זייערע מעטאָדען.

פינף אָדער זעקס אונזערע האָבען זיך צוזאַמענגענומען זיך איינצור־שאַפען א שטיקעל לאַבאָראַטאָריע פאַר זיך. מיט די עלעמענטאַרע אַפּאַ־ראַטען וואָס ווערען רעקאָמענדירט פאַר אָנפאַנגער אין סטאָקהאַרדט'ס טעקסט־בוך האָבען מיר אָנגעפאַנגען אונזער לאַבאַראַטאָריע אין א קליינעם שלאָפצימער פון אונזערע צוויי חברים, די ברידער זאַסעטסקי. זייער פאָטער, אַן אַלטער צוריקגעצויגענער אַדמיראַל, איז געווען מלא שמחה צו זעהן זיינע קינדער זיך אָבגעבענדיג מיט אַזאַ ניצליכע בעשעפטיגונג, און ער האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען אונזער צוזאַמענקומען זיך זונטאָגס און אַנדערע פייערטעג אין יענעם קליינעם צימער, וואָס איז געווען נעבען זיין אייגענעם שלאָפצימער. מיט סטאָקהאַרדט'ס בוך אַלס וועגווייזער, האָבען מיר סיסטעמאַטיש געמאַכט אַלע עקספּערימענטען. איך מוז דאָ דערצעהלען, אַז איינמאָל האָבען מיר שיער ניט אונטערגעצונדען דאָס הויז, און מעהר ווי איינמאָל האָבען מיר פערגיפטעט אַלע צימערען מיט כלאָרין און עהנליכע שטאָפען. אָבער דער אַלטער אַדמיראַל, ווען מיר האָבען איהם ביים מיטאָג דערצעהלט אונזער ערפאַהרונג, האָט עס אויפ־גענומען גאַנץ גוטמוטהיג, און האָט אונז דערצעהלט ווי אַזוי ער און זיינע חברים האָבען אויך שיער ניט אונטערגעצונדען א הויז ביי דער א סך וועניגער ניצליכע ארבייט פון מאַכען פּונש; בעת די מוטער, אין מיטען פון איהרע הוסט־ספּאַזמען, פלעגט נאָר זאָגען: „פערשטעהט זיך, אויב עס איז נויטיג פאַר אייערע לימודים צו פערנעהמען זיך מיט אַזוינע עקעלהאַפטע ריכענדע שטאָפען, קען מען זיך גאָר ניט העלפען!“

נאָכ'ן מיטאָג פלעגט זי געוועהנליך זיך אַוועקזעצען ביי דער פּיאַנאָ, און ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגען מיר האַלטען אין איין זינגען דועטען, טערצעטען און כאָרען פון די אָפּעראַס. אָדער מיר פלעגען נעהמען א וועלכע עס איז גאַנצע איטאַליענישע אָדער רוסישע אָפּעראַ און איהר דורכגעהן פון אָנהויב ביז'ן סוף, מיט די דעקלאַמאַציעס מיט אַלעמען — די מוטער און טאָכטער נעהמענדיג די ראָלען פון דער „פּרימאַדאָנאַ“, בעת מיר האָבען מיט מעהר אָדער וועניגער ערפאָלג דורכגעפיהרט אַלע איבע־ריגע ראָלען. בעמיע און מוזיק זיינען אויף אַזאַ אופן געגאַנגען האַנד אין האַנד.

די העכערע מאַטעמאַטיק האָט אויך אַוועקגענומען זעהר פיעל פון מיין צייט. עטליכע אונזערע האָבען שוין געהאַט בעשלאָסען ניט אַריינ־

צוטרעטען אין דער גוואַרדיע, וואו אונזער גאַנצע צייט וואָלט געווען פערנומען מיט מיליטערישע מושטירען און פּאַראַדען, און מיר האָבען געהאַט בדעה, נאָך דעם ווי מיר וועלען דורכגעהן די עקזאַמענס, אריינצוטרעטען אין איינע פון די מיליטערישע אַקאַדעמיעס — אַרטילעריע אָדער אינזשעניר־אַרבייט. כדי דאָס צו קענען דורכפיהרען האָבען מיר זיך געמוזט פערפערטיגען אין העכערער געאָמעטריע, אין דיפערענציאַל־ און אָנפאַנג פון אינטעגראַל־אויסרעכנונגס מעטאָדען, און מיר האָבען גענומען פּריוואַטע לעקציעס פאַר דעם צוועק. אין דער זעלבער צייט, אזוי ווי מען האָט מיט אונז געלערענט עלעמענטאַרע אַסטראָנאָמיע אונטער דעם נאָמען פון מאַטעמאַטישע געאָגראַפיע, האָב איך מיך פערטיעפט אין אַסטראָנאָמישע ביכער, איבערהויפּט אין דעם לעצטען יאָהר וואָס איך בין געווען אין דער שולע. דאָס קיינמאָל־ניט־אויפהערענדיגע לעבען פון דעם אוניווערזום, וועלכעס איך האָב בעגריפען אַלס ל ע ב ע ן און עוואָלוציאָן, איז געוואָרען פאַר מיר אַן אונאויסשעפּליכער קוואַל פון העכערען פּאָעטישען געדאַנק. און שטופענוועיז איז דער זין פון דעם מענשענ׳ס איינהייט מיט דער נאַטור, דער בעלעבטער ווי דער ניט־בעלעבטער — די פּאָעזיע פון דער נאַטור — געוואָרען די פילאָזאָפיע פון מיין לעבען.

ווען דאָס לערנען אין אונזער שולע וואָלט געווען בעשרענקט נור אויף די געגענשטענדען וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט, וואָלט שוין אויך אונזער צייט געווען גאַנץ גענוג פערנומען. אָבער מיר האָבען אויך געמוזט שטודירען די הומאַניטערע וויסענשאַפטען: היסטאָריע, געזעצע (דאָס הייסט, די הויפּט־שטריכען פון רוסישען געזעץ) און די הויפּט־וויכטיגסטע פּרינציפּען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אריינגערעכענט א קורס פון פערגלייכענדער סטאַטיסטיק; און מיר האָבען געמוזט גוט אויסלערנען שרעקליך־גרויסע קורסען פון מיליטער־וויסענשאַפטען: טאַקטיק, מיליטערישע געשיכטע (די מלחמות פון 1812 און 1815 מיט אַלע זייערע איינצעלהייטען), אַרטילעריע און פעלד־בעפעסטיגונגען. צוריק־בליקענדיג איצט אויף דער דאָזיגער בילדונג דענק איך, אז אחוץ די ענינים וואָס האָבען א שייכות צו מיליטערישער קריעגס־פיהרונג, וועלכע וואָלטען מיט מעהר נוצען געקענט פערביטען ווערען אויף מעהר דעטאַלע שטודיען אין די עקזאַקטע וויסענשאַפטען, איז די גאַנצע מאַסע געגענשטאַנדען ניט געווען איבער די פעהיגקייטען פון דעם דורכשניטליכען יונגען־מאַן. א דאַנק דער נישקשה׳דיגער בעקאַנטשאַפט פון עלעמענטאַרער מאַטעמאַטיק און פיזיק, וואָס מיר האָבען זיך ערוואָרבען אין די ניעדעריגערע קלאַסען, זיינען מיר כמעט אַלע געווען ביכולת צו בעהערשען אָט די אַלע ענינים. די מייסטע פון אונז האָבען איניגע למודים פערנאַכלעסיגט, איבערהויפּט

נעזעץ און מאָדערנע געשיכטע, פאַר וועלכע מיר האָבען צום אונגליק געהאַט אַ אַלטען אויסגעדיענטען לעהרער, וועמען מען האָט געהאַלטען אויף דער שטעלע כדי צו ענדיגען זיין טערמין און בעקומען אַ פולע פענ־סיע אויף דער עלטער. אויסער דעם האָבען מיר געהאַט אַ געוויסע פרייהייט אויסצוקלייבען די געגענשטענדען וואָס זיינען אונז בעסער געפעלען, און, בעת מיר האָבען געהאַט דורכצומאַכען אַ שטאַרקען עקזאַמען אין די אויס־געקליבענע געגענשטענדען, האָט מען אונז בעהאַנדעלט מילד אין די איבעריגע. די הויפּט־אורזאַך אָבער פון דעם פערהעלטניסמעסיגען ערפאָלג וואָס מיר האָבען געמאַכט אין דער שולע איז געווען דאָס, וואָס די למודים זיינען געווען אַזוי קאָנקרעט ווי נאָר מעגליך. אַזוי שנעל ווי מיר האָבען אויסגעלערענט עלעמענטאַרע געאָמעטריע אויפ׳ן פּאַפּיר, האָבען מיר דאָס איבערגעלערענט אויפ׳ן פעלד מיט שטאַנגען און מיט דעם ערדמעסטער׳ס קייט, און דערנאָך מיט דעם אַסטראָלאַב, מיט׳ן קאָמפּאַס און דעם קאַמאַר־ניק־טיש. נאָך אַזאַ קאָנקרעטען אונטערריכט, איז עלעמענטאַרע אַסטראָ־נאָמיע ניט געפאַלען שווער, בעת די אויסמעסטונגען גופא זיינען פאַר אונז געווען אַן אונענדליכער קוואַל פון פערגעניגען.

דיזעלבע מעטאָדע פון קאָנקרעטען אונטערריכט איז אויך אָנגעווענ־דעט געוואָרען אין בעצוג צו פערפעסטיגונגען. אין ווינטער פלעגען מיר לעזען אַזעלכע פּראָבלעמען ווי, צום ביישפּיעל, די פאָלגענדע: „האָבענדיג פאַר זיך אַ טויזענד מענשען און צוויי וואָכען צייט, בויט אויס די שטאַרק־סטע פעסטונג וואָס איהר קענט אויסבויען צו בעשיצען דעם בריק פאַר דער צוריקציהענדער אַרמעע“; און מיר האָבען היים דיסקוטירט מיט די לעהרער אונזערע פּלענער, ווען זיי האָבען זיי קריטיקירט. זומער האָבען מיר אָנגע־ווענדעט די דאָזיגע קענטעניס אויפ׳ן פעלד. צו אָט די פּראַקטישע און קאָנקרעטע איבונגען שרייב איך אין גאַנצען צו די גרינגקייט מיט וועלכער די מייסטע פון אונז האָבען געקענט אויפנעהמען אַזוי פיעל פערשיידענע למודים אין דעם עלטער פון זיעבעצעהן אָדער אַכטצעהן יאָהר.

צו אַלעם דעם, האָבען מיר געהאַט גענוג צייט אויך פאַר אונטערהאַל־טונגען און אַלערליי שפּיעלערייען. אונזער בעסטע צייט איז געווען נאָך די עקזאַמענס, ווען מיר האָבען געהאַט דריי אָדער פיער וואָכען אינגאַנצען פרייע איידער מיר זיינען געגאַנגען אין לאַגער; אָדער ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון לאַגער, און האָבען ווידער געהאַט דריי פרייע וואָכען איידער די לעקציעס האָבען זיך אָנגעפאַנגען.

די עטליכע אונזערע וואָס זיינען אין דער צייט פון וואַקאַציע געבלי־בען אין דער שולע, האָבען געהאַט די ערלויבניס צו געהן וואוהין זיי האָבען געוואָלט, שטענדיג געפינענדיג וואו צו שלאָפען און וואָס צו עסען אין

דער שולע. איך האָב געאַרבייט אין דער ביבליאָטעק, אָדער האָב בעזוכט די בילדער־גאַלערעען פון ערמיטאַזש, שטודירענדיג איינציגווייז די בעסטע בילדער פון יעדער שולע בעזונדער; אָדער איך בין געגאַנגען אין די קרוין־פאַבריקען און ווערקשטאַטען וואו מען האָט אויסגעאַרבייט שפּיעל־קאַרטען, באַוועל־צייג, אייזען, פּאָרצעליי און גלאָז, וועלכע זיינען געווען אָפען פאַר'ן פּובליקום. אָפטמאָל פלעגען מיר אוועק זיך שיפען אויף דער נעווא, פערברענגענדיג די גאַנצע נאַכט אויפ'ן טייך, מאַנכעסמאָל אין פינלאַנדי־דישען אויסגוס מיט די פישער — אַ מעלאַנכאָלישע צפון־נאַכט, אין וועלכער די מאָרגען־דעמערונג בעגעגענט דעם נאָכגלאַנץ פון דער אונטער־געהענדיגער זון, און מען קען לייענען אַ בוך אין דער פרייער לופט אין מיטען דער נאַכט. מיר האָבען געפונען גענוג צייט פאַר אַט די אַלע זאַכען.

נאָך יענע בעזוכען אין די פאַבריקען האָב איך ליעב געקראָגען די שטאַרקע און פאָלקאָמענע מאַשינערייען. זעהענדיג ווי אַ גיגאַנטישע לאַפּע קומט אַרויס פון אַ ביידעל, גיט אַ פּאַק אַ שווימענדיגען קלאָץ אויף דער נעווא, שלעפּט איהם אַריין אינוועניג, און לעגט איהם אַרונטער אונטער די זעגען, וועלכע צושניידען איהם אין ברעטער; אָדער ווי אַן אונגע־הייערער רויט־הייסער אייזען ווערט פערוואַנדעלט אין אַ רעלסע, נאָכדעם ווי ער איז דורכגעגאַנגען צווישען צוויי צילינדערס — האָב איך פער־שטאַנען די פּאָעזיע פון מאַשינעריי. אין אונזערע היינטיגע פאַבריקען איז די מאַשין־אַרבייט אַ הריגה פאַר דעם אַרבייטער, ווייל ער ווערט אַ לעבענסלענגליכער שקלאַף צו אַ געוויסער מאַשין און מעהר גאָרנישט. אָבער אין דעם איז שולדיג די שלעכטע אָרגאַניזאַציע, און האָט גאָרנישט צו טהאָן מיט דער מאַשין גופא. צופיעל און מאָנאָטאָנע אַרבייט לעבענס־לענגליך זיינען פונקט אַזוי שלעכט, צי עס ווערט געטהאָן מיט די הענד, מיט איינפאַכע געצייג, אָדער מיט אַ מאַשין. אָבגעזעהן אָבער פון אַט די איבלען, בעגרייף איך גאַנץ גוט דעם פערגעניגען וואָס אַ מענש קען האָבען פון דעם בעוואוסטזיין פון דער מעכטיגקייט פון זיין מאַשין, דער שכל־דינקייט פון איהר אַרבייט, פון די ערליכקייט פון איהרע בעוועגונגען און דער פּינקטליכקייט פון דעם וואָס זי טהוט; און איך דענק, אַז וויליאַם מאָריס'עס פיינדשאַפט צו די מאַשינען בעווייזט נאָר, אַז דער בעגריף וועגען דער מעכטיגקייט און ערליכקייט פון דער מאַשין האָט געפעהלט אין זיין גרויסען פּאָעטישען זשעניע.

מוזיק האָט אויך געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע אין מיין ענט־וויקלונג. פון איהר האָב איך אַרויסגעקראָגען נאָך מעהר פרייד און ענטהו־זיאַזם ווי פון דער פּאָעזיע. די רוסישע אָפּערא האָט צו יענער צייט נאָך קוים עקזיסטירט; אָבער די איטאַליענישע אָפּערא, וועלכע האָט פערמאָגט

אַ היבשע צאָהל גרויסע קינסטלער, איז געווען די פּאָפּולערסטע אינסטי־טוציע אין פּעטערבורג. יוען די פּרימאַדאָנאַ באָסיאָ איז קראַנק געוואָרען, זיינען טויזענדער מענשען, איבערהויפּט פון דער יוגענד, געשטאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי דער טהיר פון איהר האָטעל, וואַרטענדיג אויף נייעס וועגען איהר. זי איז ניט געווען קיין שעהנהייט, אָבער ווען זי האָט געזונגען איז זי געווען אַזוי שעהן, אַז די יונגע לייט, וואָס זיינען געווען פערליעבט אין איהר ביז צו משוגעת, האָט מען געקענט צעהלען אין די הונדערטער. און ווען זי איז געשטאָרבען האָט זי געהאַט אַזאַ לויה, וואָס קיינער האָט נאָך אין פּעטערבורג ניט געהאַט. „גאַנץ פּעטערבורג“ איז דעמאָלט געווען צוטיילט אין צוויי לאַגערען: די פערעהרער פון דער איטאַליענישער אָפּערא און די פערעהרער פון דער פראַנצויזישער ביהנע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט ארויסגעוויזען די סמנים פון דעם פערדאָרבע־נעם אָפּענבאַכישען שטראָם, וואָס האָט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער אָנגע־שטעקט גאַנץ אייראָפּאַ. אונזער קלאַס איז אויך געווען צוטיילט, האַלב אויף האַלב צווישען די דאָזיגע צוויי שטראָמען, און איך האָב געהערט צו דעם ערשטען. צו געהן אין פּאַרטער אָדער אויף דער גאַליאָרקע איז אונז געווען פערבאָטען, וועהרענד די לאָזשעס אין דער איטאַליענישער אָפּערא זיינען אַלע שטענדיג געווען פערכאַפּט פון אַבאָנאַמענטען מיט מאָנאַטען פאָראויס, און אין איניגע פאַמיליעס זיינען זיי זאָגאַר איבערגעגאַנגען פון איינער צו דער אַנדערער ווי אַ ירושה־אייגענטום. אָבער אַ שבת־צו־נאַכט פלעגען מיר זיך ווי־עס־איז אריינכאַפּען אין די דורכגענג פון דער גאַליאָרקע און פלעגען דאָרט שטעהן אין אַן אַטמאָספערע פון אַ טערקישער באָד; און כדי צו פערדעקען אונזערע שרייענדיגע מונדירען, פלעגען מיר טראָגען אין דער דאָזיגער היטץ אונזערע שוואַרצע מאַנטלען, אונטערגע־שלאָגען מיט וואַטע און מיט פוטערנע קאָלנערס, פעסט פערקנעפּעלט. עס איז אַ וואונדער וואָס מיר האָבען קיינער ניט געקראָגען קיין לונגען־ענטצינדונגען אויף דעם אופן, איבערהויפּט ווען מיר פלעגען ארויסקומען צוהיצטע פון די אָוואַציעס וואָס מיר האָבען געמאַכט פאַר אונזערע בעליעבטע זינגער, און שטעהן דערנאָך ביי דער טהיר צו כאַפּען נאָך אַמאָל אַ בליק אויף אונזערע ליעבלינגס און זיי בעגריסען. די איטאַליענישע אָפּערא איז עפּעס אין יענע יאָהרען אויף אַ זאָנדערבאַרען אופן געווען אינטים פערבונדען מיט דער ראַדיקאַלער בעוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע רעציטאַטיווען אין „ווילהעלם טעלל“ און „די פּיוריטאַנער“ זיינען שטענדיג בעגעגענט געוואָרען מיט שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען, וועלכע האָבען געשטאָכען אַלעקסאַנדער דעם 2טען אין האַרצען; בעת אין די אויבערשטע גאַליאָרקעס, ווי אויך אין די רויכער־צימערען פון דער

אָפּערא און ביי דער ביהנע־טהיר איז דער בעסטער טייל פון דער פּעטער־בורגער יוגענד זיך צוזאַמענגעקומען אין אַן אידעעלער פערגעטערונג פון דער נאָבעלער קונסט. דאָס אַלץ מעג זיך אויסווייזען קינדעריש; אָבער פיעלע העכערע אידעאַלען און ריינע בעגייסטערונג זיינען אַנגעצונדען געוואָרען אין אונז דורך דער דאָזיגער פערגעטערונג פון אונזערע בעליבטע קינסטלער.

VII

יעדען זומער זיינען מיר ארוים לאַגערען אין פּעטערהאָף, מיט די אנדערע מיליטערישע שולען פון פּעטערבורגער בעצירק. אין אַלגעמיין איז אונזער לעבען דאָרט געווען גאַנץ אַנגענעהם, און אודאי גוט פאַר'ן געזונד: מיר פלעגען שלאָפען אין גערוימיגע פּאַלאַטקעס, מיר האָבען זיך געבאָדען אין ים, און האָבען פערבראַכט די גאַנצע זעקס וואָכען אין איבונגען אויף דער פרייער לופט.

דער הויפּט־צוועק פון לאַגער־לעבען אין מיליטערישע שולען איז, פערשטעהט זיך, געווען דער מיליטערישער מושטיר, וועלכען מיר האָבען אַלע שטאַרק פיינד געהאַט; נור אָפּטמאָל פלעגען מיר פערטרייבען די לאַנגוויילינקייט נעהמענדיג אַנטייל אין די מאַנעווורעס. איין נאַכט, ווען מיר האָבען שוין געהאַלטען ביין געהן שלאָפען, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער אויפגערודערט דעם לאַגער לאָזענדיג שלאָגען טרעוואָגע. אין אַ פּאָר מינוטען איז דער גאַנצער לאַגער געווען וואַך — עטליכע טויזענד אינגלעך האָבען זיך צונויפגעקליבען ארום זייערע פאָהנען, און די האַר־מאַטען פון דער אַרטילעריע־שולע האָבען געקראַכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. דאָס גאַנצע מיליטערישע פּעטערהאָף האָט גאַלאָפּירט צו אונזער לאַגער, אָבער צוליעב אַ געוויסע מיספערשטענדניס איז דער קייזער געבליבען צופוס. אונטעראָפיצירען זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אין אַלע ריכטונגען צו געפינען אַ פערד פאַר איהם, אָבער מען האָט ניט געקענט קריגען, און אַזוי ווי ער איז ניט געווען קיין גוטער רייטער, האָט ער ניט געוואָלט רייטען אויף קיין אנדער פערד סיידען נאָר אויף זיינעם אַן אייגענעם. אַלעקסאַנדער דער 2טער איז געווען זעהר בייז, און האָט זיין כעס ניט בעהאַלטען. „שוטה (דוראַק), האָב איך ניט מעהר ווי איין פערד?" האָב איך איהם געהערט שרייענדיג אויף אַן אונטעראָפיציר, וועלכער האָט איהם געלאָזט וויסען אז זיין פערד איז אין אַן אנדער לאַגער.

וואָס מעהר עס איז געוואַקסען די פינסטערנים, דאָס קראַכען פון די

הארמאַטען און דער געדרויש פון דער קאַוואַלעריע, אַלץ מעהר איז געוואַק־
סען די אויפרעגונג ביי אונז אינגאַנצען, און ווען אַלעקסאַנדער האָט געגעבען
דעם בעפעהל אָנצוגרייפען, האָט אונזער קאַלאָנע זיך אַ לאָז געטהאָן גלייך
אויף איהם. ענג צוזאַמענגעפּאַקט אין די רייהען, מיט אַרונטערגעלאָזטע
באַיאָנעטען, האָבען מיר געמוזט האָבען אַ דראָהענדען אויסזעהן, וואָרים
איך האָב געזעהן ווי אַלעקסאַנדער דער 2טער, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען
אָהן אַ פערד, האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר אונזער קאַלאָנע מיט דריי
מורא׳דיגע שפּרונגען. איך האָב דעמאָלט בעגריפען די בעדייטונג פון אַ
קאָלאָנע וואָס מאַרשירט אין געשלאָסענע רייהען אונטער דער אויפרעגונג
פון דער מוזיק און דעם מאַרש גופא. אָט איז דאָרט געשטאַנען פאַר אונז
דער קייזער — אונזער קאָמאַנדיר, ווען מיר האָבען אַלע שטאַרק פער־
געטערט; אָבער איך האָב געפיהלט אז פון דער גאַנצער בעוועגליכער מאַסע
וואָלט זיך ניט איין איינציגער פאַזש אָדער קאַדעט אָבגערוקט אויף
איין צאָל אָן־אַ־זייט, אָדער זיך אויף אַ סעקונדע אָבגעשטעלט, צו מאַכען
פּלאַץ פאַר איהם. מיר זיינען געווען די מאַרשירענדע קאָלאָנע — ער איז
געווען ניט מעהר ווי אַ שטערונג — און די קאָלאָנע וואָלט געמאַרשירט
איבער איהם. „וואָרום זאָל ער אונז שטעהן אין וועג?“ האָבען די פּאַזשען
געזאָגט דערנאָך. קינדער, מיט ביקסען אין די הענד, זיינען אין אַזעלכע
פעלען נאָך שרעקליכער איידער אַלטע סאָלדאַטען.

דעם נעקסטען יאָהר, ווען מיר האָבען גענומען אַנטייל אין אַ גרויסער
מאַנעוורע פון דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן, האָב איך געהאַט די געלעגענ־
הייט אַריינצובליקען אין די שאָטען־זייטען פון קריעג. צוויי טעג כסדר
האָבען מיר ניט געטהאָן קיין אַנדער זאַך ווי נאָר געמאַרשירט הין און
צוריק אויף אַ שטח פון וואָסערע צוואַנציג מייל, ניט האָבענדיג דעם
קלענסטען בעגריף וואָס עס טהוט זיך אַרום אונז, אָדער צו וואָס פאַר אַ
צוועק מיר מאַרשירען. הארמאַטען האָבען געקראַכט דאָ נעבען אונז און דאָ
ווייט אָוועק: אַ שטאַרקע שיסעריי פון מוסקעטען האָט זיך געהערט וואו־
עס־איז אין די בערג און די וועלדער; אונטעראָפיצירען האָבען געלאָפּירט
הין און צוריק ברענגענדיג בעפעהלען דאָ צו געהן פאָראויס און דאָ זיך
צוריקצוציהען — און מיר האָבען מאַרשירט און מאַרשירט, ניט זעהענדיג
קיין זין אין די אַלע בעוועגונגען און קאָנטער־בעוועגונגען. מאַסען קאַוואַ־
לעריע זיינען דורכגעגאַנגען איבער דעם אייגענעם וועג און האָבען געמאַכט
פון איהם אַ טיעפע בעט פון בעוועגליכען זאַמד. מיר האָבען געמוזט געהן
פאָראויס און צוריקציהען זיך עטליכע מאָל אויף דעם אייגענעם וועג, ביז
צום סוף האָט אונזער קאָלאָנע געבראָכען די גאַנצע דיסציפּלין און האָט
מיט זיך גיכער פאַרגעשטעלט אַ צואַוואָרפענע חברותא עולי־רגל איידער אַ
מיליטערישע איינהייט. נאָר די פאָהנענטרעגער זיינען געגאַנגען אויפ׳ן

וועג, די איבעריגע זיינען לאַנגזאַם געקראָכען ביי די זייטען וועג, אין די וועלדער. די בעפעהלען און די געבעט פון די אָפיצירען זיינען געווען אַרויס־געוואָרפען.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון הינטען: „דער קייזער קומט! דער קייזער!“ די אָפיצירען זיינען אַרומגעלאָפען און זיך געבעטען ביי אונז אַריינגעהן אין די רייהען: קיינער האָט זיי ניט געהערט.

דער קייזער איז געקומען און האָט געגעבען אַ בעפעהל זיך נאָכאַמאָל צו ציהען צוריק — „קעהרט זיך אום!“ האָבען אָבגעקלונגען די ווערטער פון בעפעהל. „דער קייזער איז הינטער אונז, זייט אַזוי גוט, קעהרט זיך אום“, האָבען די אָפיצירען געשעפטשעט; אָבער דער באַטאַליאָן האָט זיך אפילו ניט איינגעהערט צום בעפעהל, און האָט זיך גאַנץ ווייניג געקימערט וואָס דער קייזער איז דאָ. צום גליק איז אַלעקסאַנדער דער 2טער ניט געווען קיין פאַנאַטיקער פון מיליטאַריזם, און נאָכדעם ווי ער האָט אונז געזאָגט עטליכע ערמונטערענדיגע ווערטער מיט אַ צוזאָג אויף רוה, האָט ער אונז אַוועקגעגאַלאָפּירט.

איך האָב דעמאָלט פערשטאַנען וויפיעל עס הענגט־אָב אין אַ מלחמה אָן דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די סאָלדאַטען, און ווי ווייניג מען קען אויפטהאָן מיט דער דיסציפּלינע אליין, ווען עס פאָדערט זיך פון די סאָל־דאַטען מעהר ווי אַ געוועהנליכע אָנשטרענגונג. וואָס קען העלפען די דיס־ציפּלין ווען פערמאַטערטע חיל דאַרפען מאַכען די העכסטע אָנשטרענגונג צו דערגרייכען די שלאַכטפעלד צו אַ בעשטימטער שעה? זי איז אבסאָלוט אָהנמעכטיג. נאָר ענטהוזיאַזם און פערטרויען קענען אין אַזעלכע מאָמענטען בעוועגען די סאָלדאַטען צו טהאָן „דאָס אונמעגליכע“ — און עס איז שטענדיג דאָס אונמעגליכע וואָס מוז דורכגעפיהרט ווערען כדי צו זיין זיכער מיט ערפאָלג. ווי אָפט האָב איך שפּעטער, זייענדיג אין סיביר, צוריקגערופען אין מיין זכרון אָט דעם מוסר השכל, ווען אויך מיר האָבען געמוזט טהאָן דאָס אונמעגליכע אין דער צייט פון אונזערע וויסענשאַפט־ליכע עקספּעדיציעס!

דאָך איז פערהעלטניסמעסיג ווייניג צייט פערוועגדט געוואָרען אין לאַגער אויף מיליטערישען מושטיר און מאַנעווערעס. אַ סך צייט איז אָבגע־געגעבען געוואָרען פאַר פּראַקטישע איבונגען אין מעסטונגען און אין פעסטונג־בויעריי. נאָך עטליכע איינלייטונגס־איבונגען האָט מען אונז געגעבען אַ רעפלעקציאָנס־קאָמפּאַס און געזאָגט: „געהט מאַכט אַ פּלאַן פון אָט דער אָזערע, לאָמיר זאָגען, אָדער פון יענע וועגען, אָדער פון יענעם פּאַרק, אויסמעסטענדיג די ווינקלען מיט׳ן קאָמפּאַס און דעם שטח

מיט די פוס־טריט". גאַנץ פריה, אַריינכאַפּענדיג אויף־גיך דעם אָנבייסען, פלעגט דער אינגעל אָנשטאָפּען זיינע גרויסע מיליטערישע קעשענעס מיט שטיקער קאָרן־ברויט, און זיך אַרויסלאָזען אויף פיער אָדער פינף שעה יעדען טאָג אין די פּאַרקס, מיילען אַוועק, אויסצייכענענדיג מיט זיין קאָמפּאַס און טריט די פּראַכטפולע שאָטענדיגע וועגען, די טייכלעך און די אָזערעס. זיין אַרבייט איז דערנאָך פערגליכען געוואָרען מיט ריכטיגע לאַנד־קאַרטען, און מען פלעגט אויסטיילען בעלוינונגען פון אָפּטישע־ און צייכען־אינסטרומענטען, ווי וועך עס האָט זיך אויסגעקליבען. פאַר מיר זיינען די דאָזיגע אויסמעסטונגען געווען אַ טיעפער קוואַל פון פערגעניגען. דאָס אַרבייטען זעלבסטשטענדיג, דאָס זיין אַליין אונטער די אַלטע הונדערט־יעהריגע בוימער, דאָס וואַלד־לעבען וואָס איך האָב געקענט געניסען אונגעשטערט, האָבענדיג צו גלייכער צייט אַן אינטערעסע אין דער אַרבייט — דאָס אַלעס האָט איבערגעלאָזט טיעפע שפּורען אין מיין זכרון; און ווען איך בין שפּעטער געוואָרען אַ פאָרשער אין סיביר און אַ סך פון מיינע חברים זיינען געוואָרען פאָרשער אין צענטראַל־אַזיע, איז דער באָדען דערפאַר צוגעגרייט געוואָרען אין די דאָזיגע אויסמעסטונגען.

און צולעצט, אין דעם לעצטען קלאַס פלעגט מען יעדען צווייטען טאָג אַוועקנעהמען גרופּעס פון פיער אינגלעך אין פערשיידענע דערפער, אַ היבשע שטרעקע ווייט אַוועק פון לאַגער, און דאָרט האָבען זיי געדאַרפט מאַכען גענויע אויסמעסטונגען פון שעהנע עטליכע קוואַדראַט מיילען מיט דער הילף פונ'ם ערדמעסטער'ס טישעל און אַ טעלעסקאָפּישען לינירער. אָפיצירען פון גענעראַל־שטאַב זיינען פון צייט צו צייט אַרויסגעקומען נאָכצוזעהן זייער אַרבייט און זיי אַרויסהעלפען. אָט דאָס דאָזיגע לעבען צווישען די פּויערים אין די דערפער האָט געהאַט די בעסטע ווירקונג אויף דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער ענטוויקלונג פון די אינגלעך.

אין דער זעלבער צייט פלעגען מיר אויך האָבען איבונגען אין בויען צווערג־טיילען פון פעסטונגען אין דער נאַטירליכער גרויס. אַן אָפיציר פלעגט אונז אַרויספיהרען אויפ'ן פרייען פעלד, און דאָרט האָבען מיר געדאַרפט אויפבויען אַ זייט פון אַ פעסטונגס־וואַנד אָדער פון אַ קאָמפּ־ליצירטען בריק־קאָפּ, צוזאַמענשלאָגענדיג שטאַנגען און קוואַר־שטיקער, פּונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי די באַהן־אינזשענירען טהוען ווען זיי לעגען אויס אַן אייזענבאַהן. ווען עס איז געקומען צו די שיס־פענסטערלעך און די וואַלען, האָבען מיר געהאַט אַ סך צו חשבונ'ען כדי אַרויסצוקריגען די לויף־ליניען (ווי די קויל וועט לויפען) פון די פערשיידענע פלעכען. נאָך אַזעלכע איבונגען איז געאָמעטריע מעהר ניט געווען שווער צו פערשטעהן.

מיר האָבען געהאַט פערגעניגען פון אַזאַ אַרבייט, און איינמאָל, אין שטאָדט, געפינענדיג אין אונזער גאָרטען אַ בערגעל ליים און קליינע

שטיינדלעך, האָבען מיר גלייך אָנגעהויבען בויען אַן אמת'ע פעסטונג אויף א פּערקלענערטען מאַסשטאַב, מיט גוט אויסגערעכענטע גלייכע און שיעפּע שיס־פענסטערלעך און וואַלען. אַלעס איז געמאַכט געוואָרען זעהר נעט, און אונזער אַמביציע איז איצט געווען צו קריגען עטליכע ברעטער פון וואָס צו מאַכען פּלאַטפאָרמעס פאַר די האַרמאַטען, און אַרויפשטעלען אויף זיי די מאָדעל־האַרמאַטען וועלכע מיר האָבען געהאַט אין אונזער שולע. אָבער א צרה! אונזערע הויזען האָבען אויסגעזעהן שרעקליך. „וואָס טהוט איהר דאָרטען?" האָט אונזער קאַפּיטאַן אויסגעשריען. „גיט נור א קוק אויף זיך! איהר זעהט דאָך אויס ווי גרעבערס" (מיר האָבען גראָד דערמיט שטאַלצירט). „וואָס וועט זיין אַז דער גרויספירסט וועט אָנקומען און וועט אייך געפינען אין אַזאַ צושטאַנד!"

„מיר וועלען איהם ווייזען אונזער פעסטונג און בעטען ביי איהם געצייג און ברעטער פאַר די פּלאַטפאָרמעס."

אַלע אונזערע פּראָטעסטען זיינען געווען אומזיסט. א צעהנדליג ארבייטער זיינען אויפ'ן צווייטען טאָג אָנגעקומען אוועקצוראַמען אונזער פּראַכטפולע ארבייט, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַן איינפאַכער בערגעל מיסט!

איך דערמאָן עס, כדי צו ווייזען ווי קינדער און יונגע מענשען גאַרען אָנצואווענדען אין דער ווירקליכקייט דאָס וואָס זיי לערנען אין דער שולע אין דער טעאָריע, און ווי נאַריש עס זיינען די ערציהער וועלכע קענען ניט איינזעהן וואָס פאַר א מעכטיגע שטיצע זיי וואָלטען געקענט געפינען אין די קאָנקרעטע אָנווענדונגען צו העלפען זייערע שילער בעגרייפען דעם ווירקליכען זין פון די זאַכען וואָס זיי לערנען.

אַלעס אין אונזער שולע האָט געהאַט דעם צוועק צו ערציהען אונז אויף צו פיהרען מלחמות. מיר וואָלטען אָבער געאַרבייט מיט דעם זעלבען ענטהוזיאַזם ביי אויסלעגען אַן אייזענבאַהן, ביי בויען א הילצערנעס הויז, אָדער אין גאָרטען און פעלד. נאָר אָט דער גאַנצער גאַרען פון קינדער און יונגע לייט נאָך ווירקליכע ארבייט געהט אין ניוועץ פּשוט דער־פאַר, וואָס אונזער אידעע פון דער שולע איז נאָך אַלץ דער מיטעלאַלטער־ליכער סכאָלאַסטיציזם און דער מיטעלאַלטערליכער מאָנאַסטיר!

VIII

די יאָהרען 1857—61 זיינען געווען יאָהרען פון א רייכען וואַקסען פון די אינטעליגענטע קרעפטען אין רוסלאַנד. אַלץ וואָס איז גערעדט געוואָרען אין די לעצטע צעהן יאָהר אין דער שטיל, בעהאַלטענערהייד אויף פריינד־

ליכע פערזאמלונגען, פון דעם דור וואָס איז געווען פערטראָטען אין דער רוסישער ליטעראַטור דורך טורגעניעף, טאָלסטאָי, הערצען, באקונין, אָגאריאָף, קאַוועלין, דאָסטאָיעווסקי, גריגאָראָוויטש, אָסטראָווסקי און נעקראסאָף, האָט איצט אָנגעהויבען ארויסקומען אין דער פּרעסע. די צענזור איז נאָך אַלץ געווען זעהר שטרענג; אָבער דאָס וואָס עס האָט ניט געקענט געזאָגט ווערען אָפען אין פּאָליטישע ארטיקלען איז אריינגעשמו־געלט געוואָרען אונטער דער פאָרמע פון נאָוועלען, הומאָריסטישע סקיצען, אָדער פערשטעלטע קאָמענטארען אויף מערב־אייראָפּעאישע פּאסירונגען, און יעדער איינער האָט געלייענט צווישען די שורות און פערשטאַנען.

ניט האָבענדיג קיינע בעקאַנטשאַפטען אין פּעטערבורג אויסער אין דער שולע און אין אַן ענגען קרייז פון קרובים, בין איך געשטאַנען פון דרויסען פון דער ראדיקאַלער בעוועגונג פון יענע יאָהרען — טהאַטזעכליך, מיילען ווייט פון איהר. דאָך, די בעוועגונג האָט געהאט די קראַפט — און דאָס אפשר איז געווען איהר הויפּט כאראקטער־צוג — אריינצודרינגען אין אַזא בכבוד'ער שולע ווי אונזער קאָרפּוס איז געווען, און צו געפינען אַן אָבקלאַנג אין אַזא קרייז ווי ביי מיינע מאָסקווער קרובים.

צו יענער צייט פלעג איך פערברענגען מיינע זונטאָגס און ימים־טובים אין דעם הויז פון מיין מוהמע, וועלכע איך האָב דערמאָנט אין א פריהערדיגען קאַפּיטעל אונטער דעם נאָמען פּרינצעסין מירסקי. פּרינץ מירסקי האָט נאָר געדענקט וועגען אויסערגעוועהנליכע צובייסענס און מיטאָגס, בעת זיין ווייב און זייער יונגע טאָכטער האָבען געפיהרט א זעהר לוסטיגען לעבען. מיין שוועסטערקינד איז געווען א שעהנע נייינצעהן־יעהריגע מיידעל, און כמעט אַלע איהרע בהורים־שוועסטערקינדער זיינען געווען שטארק פערליעבט אין איהר. זי, פון איהר זייט, האָט זיך פער־ליעבט אין איינעם פון זיי, און האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט איהם. אָבער חתונה האָבען מיט א שוועסטערקינד ווערט בעטראַכט ביי דער רוסישער קירכע פאַר א גרויסע זינד, און די אַלע אָנשטרענגונגען פון דער אַלטער פּרינצעסין ארויסצוקריגען א ספּעציעלע ערלויבנים פון די העכערע קירכען־בעאַמטע זיינען געווען אומזיסט. זי האָט דאַן איהר טאָכטער געבראַכט אין פּעטערבורג, האָפענדיג אַז זי וועט זיך אפשר אויסקלויבען פון איהרע פיעלע פערעהרער א מעהר פּאסענדען מאַן איידער איהר אייגענער שוועסטערקינד. דאָס איז געווען ארויסגעוואָרפענע ארבייט, מוז איך צוגעבען; אָבער זייער עלעגאַנטע וואוינונג איז געווען פול מיט גלענצענדע יונגע לייט פון דער גוואַרדיע און פון דיפּלאָמאַטישען שטאַב.

ווער וואָלט קענען דענקען אַז אַזא הויז זאָל האָבען א שייכות מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען; און דאָך איז עס געווען אין דעם ראַזיגען

הויז וואו איך האָב געמאַכט מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דער רעוואָ־לוציאָנערער ליטעראַטור פון יענער צייט. דער „גרויסער ענטרונענער“, הערצען, האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבען ארויסגעבען אין לאָנדאָן זיין צייט־שריפט, „דער פּאָלאַר־שטערען“, וועלכער האָט געמאַכט אַן אויפרוהר אין רוסלאַנד, אפילו אין די פּאַלאַץ־קרייזען, און איז געווען אין געהיים ווייט פערשפּרייט אין פּעטערבורג. מיין קוזינע האָט געקראָגען ערגעץ־וואו די צייטשריפט, און מיר פלעגען זי צוזאַמען לייענען. איהר הארץ האָט רעבעלירט אַנטקעגען די שטערונגען וואָס זיינען געלעגט געוואָרען אויפ׳ן וועג צו איהר גליק, איז איהר גערדאַנק אויך פרייער געוואָרען צו פער־נעהמען די מעכטיגע קריטיק, וואָס דער גרויסער שרייבער האָט פער־עפּענטליכט געגען דער רוסישער אויטאָקראַטיע און געגען דעם גאַנצען פערפוילטען סיסטעם פון דער רעגיערונג. מיט אַ געפיהל כמעט פון פער־נעטערונג פלעג איך קוקען אויף דעם מעדאַליאָן, וואָס איז געווען געדרוקט אויפ׳ן פּאַפּיר־אומשלאַג פון „פּאָלאַר־שטערען“, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט די נאָבעלע קעפּ פון די פינף „דעקאַבריסטען“ וועמען ניקאָליי דער 1טער האָט אויפגעהאַנגען נאָך דעם אויפשטאַנד פון 14טען דעצעמבער, 1825 — בעסטוזשעף, קאַהאָווסקי, פּעסטעל, רילעעף און מוראַוויאָף־אַפּאָסטאָל.

די שעהנקייט פון הערצענ׳ס סטיל — וועגען וועמען טורגעניעף האָט מיט רעכט געזאָגט, אַז ער האָט געשריבען מיט טרעהרען און בלוט, און אַז קיין אַנדער רוסישער שרייבער האָט ווען עס איז אַזוי געשריבען — די ברייטקייט פון זיינע אידעען און זיין טיעפע ליעבע צו רוסלאַנד האָט מיך אין גאַנצען בעהערשט, און איך פלעג לייענען און איבערלייענען יענע זייטען, — הגם מיט מעהר הארץ איידער מיט קאָפּ.

אין 1859, אָדער אין אָנהויב פון 1860, האָב איך אָנגעהויבען רעדאַקטירען מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע צייטונג. אין יענעם עלטער האָב איך, פערשטעהט זיך, ניט געקענט זיין עפּעס אַנדערש אויסער אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט — און מיין צייטונג האָט פערטיידיגט די נויט־ווענדיגקייט פון אַ קאָנסטיטוציע פאַר רוסלאַנד. איך האָב געשריבען וועגען די נאַרישע אויסגאַבען פון הויף, וועגען די סומען געלד וואָס זיינען פערשווענדעט געוואָרען אין ניצע אויפצוהאַלטען אַ גאַנצען סקאַדראָן פון דער פלאָטע אין דיענסט פון דער קייזערין־אַלמנה, וואָס איז געשטאָרבען אין 1860; איך האָב דערמאָנט די מיסהאַנדלונגען פון די טשינאָווניקעס, וועגען וועלכע איך האָב כסדר געהערט רעדענדיג, און האָב בעטאָנט די נויטווענדיגקייט פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגיערונג. איך האָב אָנגעשרי־בען דריי עקזעמפּלאַרען פון מיין צייטונג, און האָב זיי אריינגעוואָרפען אין די שרייב־טישלעך פון די דריי חברים פון די העכערע קלאַסען, וואָס

איך האָב גערעכענט אַז זיי וועלען זיך אינטערעסירען מיט עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען. איך האָב געבעטען מיינע לעזער איבערצולאָזען זייערע בעמערקונגען הינטער דעם שאָטלענדישען וואַנד־זייגער אין אונזער ביבליאָטעק.

מיט אַ קלאַפּענדען הארצען בין איך אויפ׳ן צווייטען טאָג געגאַנגען זעהן אויב עס איז עפּעס פאַראַן פאַר מיר הינטער׳ן זייגער. צוויי צעטעלעך זיינען דאָרט ווירקליך געווען, צוויי חברים האָבען געשריבען, אַז זיי שטימען אין גאַנצען איין מיט מיין צייטונג, נאָר זיי ראַטהען מיר איך זאָל ניט צו־פיעל ריזיקירען. איך האָב אָנגעשריבען מיין צווייטען נומער, נאָך שטאַרקער בעשטעהענדיג אויף דער נויטווענדיגקייט צו פעראייניגען אַלע כחות אין דעם נאָמען פון פרייהייט. דאָס מאָל איז שוין אָבער קיין ענטפער הינטער׳ן זייגער ניט געווען. אָנשטאָט דעם זיינען די צוויי חברים אַליין געקומען צו מיר.

„מיר זיינען זיכער", האָבען זיי געזאָגט, "אַז דאָס ביזטו דער ארויס־געבער פון דער צייטונג, און מיר ווילען וועגען דעם רעדען. מיר זיינען גאַנץ איינשטימיג מיט דיר, און מיר זיינען דיר געקומען זאָגען, „לאָמיר זיין פריינד". דיין צייטונג האָט געטהאָן איהר ארבייט — זי האָט אונז צוזאַמענגעבראַכט; עס איז אָבער ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט איהר פאָרט־צוזעצען. אין דער גאַנצער שולע זיינען מעהר ניטאָ ווי נאָך צוויי וואָס וועלען נעהמען וועלכען עס איז אינטערעס אין אַזעלכע זאַכען, בעת אויב מען זאָל זיך דערוויסען אַז דאָ איז דאָ אַזאַ מין צייטונג, וועלען די פאָלגען זיין שרעקליך פאַר אונז אַלעמען. לאָמיר פאָרמירען אַ קרייזשאָק און רעדען וועגען אַלץ; אפשר וועלען מיר עפּעס אריינברענגען אין די קעפּ פון נאָך עטליכע".

דאָס איז געווען אַזוי פערנינפטיג, אַז איך האָב געמוזט איינשטימען, און מיר האָבען פערזיגעלט אונזער פעראייניגונג מיט אַ הערצליכען האַנד־דרוק. פון דער צייט אָן זיינען מיר דריי געוואָרען שטאַרקע פריינד, און פלעגען לייענען זעהר פיעל צוזאַמען און דיסקוטירען אַלערליי סאָרטען זאַכען.

די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט איז דעמאָלט געווען די פראַגע וואָס האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דענקענדע מענשען.

די רעוואָלוציע פון 1848 האָט פון ווייטען אָבגעקלונגען אין די הערצער פון די רוסישע פּויערים, און זייט דעם יאָהר 1850 האָבען די אויפשטענדען פון די רעבעלירענדע לייבאייגענע אָנגעהויבען אָנגעהמען

ערנסטע פּאַרמען. ווען די קרימער מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און מען האָט פערגרעסערט דעם „נאַבאַר“ פון סאָלדאַטען איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָבען זיך די דאָזיגע אויפשטאַנדען פערשפּרייט מיט אַן אונערהערטער געוואַלדיגקייט. איניגע פּריצים זיינען געטויטעט געוואָרען פון זייערע לייבאייגענע, און די פּויערים־אויפשטאַנדען זיינען געוואָרען אַזוי ערנסט, אַז גאַנצע רעגימענטען מיט אַרטילעריע זיינען געשיקט געוואָרען זיי צו אונטערדריקען, בעת אין די פריהערדיגע צייטען וואָלטען עטליכע ראָטעס סאָלדאַטען גענוג געווען איינצושרעקען די פּויערים זיי זאָלען זיך אונטערגעבען.

אָט די אויפשטאַנדען פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט די טיעפע פעראַכטונג צו לייבאייגענשאַפט, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין דעם דור וואָס איז אַרויסגעטראָטען פאַראויס מיט דעם אַרויפשטייגען פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען אויף'ן טראָהן, האָבען געמאַכט די בעפרייאונג פון די פּויערים אַלץ מעהר און מעהר פאַר אַ מוז. דער קייזער, אַליין אַ געגנער פון לייבאייגענשאַפט, און אונטערשטיצט, אָדער ריכטיגער בעאיינפלוסט, אין זיין פאַמיליע פון זיין פרוי, זיין ברודער קאָנסטאַנטין און די גרויספירסטין העלענאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט געמאַכט דעם ערשטען שריט אין דער ריכטונג. זיין אַבזיכט איז געווען אַז די איניציאַטיווע פאַר דער רעפאָרמע זאָל קומען פון דעם אַדעל, פון די לייבאייגענטימער גופא. אָבער אין קיין רוסישער גובערניע האָט זיך דער אַדעל ניט געלאָזט בעוועגען צו שיקען אַזאַ מין פּעטיציע צום צאַר. אין מערץ 1856 האָט דער קייזער אַליין אַדרעסירט דעם מאָסקווער אַדעל וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אַזאַ שריט; אָבער אַ האַרטנעקיגע שטילקייט איז געווען דער איינציגער ענטפער אויף זיין רעדע. אַלעקסאַנדער דער 2טער, ווערענדיג גאַנץ בייז, האָט געענדיגט זיין רעדע מיט יענע אונפערגעסליכע ווערטער פון אַלעקסאַנדער הערצען: „עס איז בעסער, מיינע העררען, אַז עס זאָל קומען פון אויבען איידער צו וואַרטען ביז עס קומט פון אונטען“. אפילו די דאָזיגע ווערטער האָבען קיין ווירקונג ניט געהאַט, און מען האָט זיך געמוזט ווענדען צו די גובערניעס פון אַלט־פּוילען — גראָדנאָ, ווילנאָ און קאָוונאָ — וואו נאַפּאָלעאָן דער 1טער האָט שוין געהאַט אָבגעשאַפט די לייבאייגענשאַפט (אויף'ן פּאַפּיר) אין 1812. דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון יענע גובערניעס, נאַזימאָף, האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצוקריגען די געווינשטע פּעטיציע פון דעם פּוילישען אַדעל. אין נאָוועמבער 1857 איז אַרויסגעשיקט געוואָרען דער בעריהמטער „רעסקריפּט“ צו דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון די ליטווישע גובערניעס, וועלכער האָט בעקאַנט געמאַכט די אַבזיכט פון דעם קייזער אָבצושאַפען לייבאייגענשאַפט, און מיט

טרעהרען אין די אויגען האָבען מיר געלייענט הערצען׳ס פראכטפאָלען אַרטיקעל, „דו האָסט געזיעגט, גאַלילעער“, אין וועלכען די פּליכטלינגע אין לאָנדאָן האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען מעהר ניט בעטראַכטען אַלעקסאַנדער דעם 2טען פאַר אַ שונא, נאָר זיי וועלען איהם אונטערשטיצען אין דער גרויסער ארבייט פון בעפרייאונג.

די שטעלונג פון די פּויערים איז געווען אַ גאַנץ מערקווירדיגע. אַזוי געשווינד ווי עס האָט זיך פערשפרייט די נייעס אַז די לאַנג אויסגעקוקטע בעפרייאונג קומט, האָבען די אויפשטאַנדען כמעט אויפגעהערט. די פּויערים האָבען איצט געוואַרט, און בעת דער רייזע וואָס אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט אין מיטעל־רוסלאַנד האָבען זיי זיך אַרומגעקליבען אַרום איהם, וואו ער איז נאָר דורכגעפאָהרען, בעטענדיג איהם זיי צו געבען פרייהייט — אַ ביטע וועלכע, יעדענפאַלס, אַלעקסאַנדער האָט אויפגענומען זעהר ניט־גערען. עס איז העכסט מערקווירדיג — אַזוי שטאַרק איז די קראַפט פון דער טראַדיציע — וואָס עס האָט זיך אַרומגעטראָגען אַ קלאַנג צווישען די פּויערים, אַז נאַפּאָליאָן דער 3טער האָט דאָס געפאָדערט פון צאַר, אין דעם פריעדענס־אָבמאַך, אַז די פּויערים זאָלען בעפרייט ווערען. איך האָב אָפט געהערט אַזוינע רייד ; און גאָר קורץ פאַר דער בעפרייאונג האָבען די פּויערים נאָך אַלץ געצווייפעלט צי די בעפרייאונג וועט קומען אָהן דעם דרוק פון אויסלאַנד. „עס וועט גאָרנישט ניט זיין, סיידען גאַריבאַלדי וועט קומען“, איז געווען דער ענטפער וואָס אַ פּויער אין פּעטערבורג האָט געגעבען מיינעם אַ חבר, וועלכער האָט צו איהם גערעדט מכח דער „קומענדער פרייהייט“.

אָבער נאָך די דאָזיגע מאָמענטען פון אַלגעמיינער שמחה זיינען געקומען יאָהרען פון ניט־זיכערקייט און אונרוהיגקייט. ספּעציעל־ערנאַנטע קאָמיטעטען אין די פּראָווינצען און אין פּעטערבורג האָבען דיסקוטירט די פאָרגעשלאָגענע בעפרייאונג פון די לייבאייגענע, אַלעקסאַנדער דער 2טער אָבער אליין, ווי עס שיינט, איז ניט געווען ענטשלאָסען. די פּרעסע האָט מען בסדר געהאַלטען אין צוים, כדי זי זאָל ניט קענען דיסקוטירען קיין איינצעלהייטען. אונגינסטיגע קלאַנגען האָבען זיך אַרומגעטראָגען אין פּעטערבורג און האָבען דערגרייכט אונזער קאָרפּוס.

קיין מאַנגעל אין יונגע מענשען אונטער דעם אדעל, וואָס האָבען ערנסט געאַרבייט פאַר אַ גרינדליכער אָבשאַפונג פון דער אַלטער לייבאייגענשאַפט איז ניט געווען ; אָבער די לייבאייגענטום־פּאַרטיי האָט זיך אַלץ ענגער און ענגער אַרומגעקליבען אַרום דעם קייזער און האָט געקראָגען די אויבערמאַכט אויף זיין ווילען. זיי האָבען איהם אין דער שטיל געסטראַשעט, אַז אין דעם טאָג וואָס די לייבאייגענשאַפט וועט זיין

אָבגעשאַפט וועלען די פּויערים אָנהויבען אַן אַלגעמיינע אויסשלאַכטונג פון אַלע פּריצים, און רוסלאַנד וועט דערלעבען אַ נייעם פּוגאַטשאָוו־אויפשטאַנד, פיעל שרעקליכער ווי דער אויפשטאַנד פון 1773. אַלעק־סאַנדער, וועלכער איז געווען אַ מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, האָט זיך געלאָזט לייכט איינשרעקען פון אַזעלכע פּאַראויסזאָגונגען. אָבער די גרויסע מאַשין, וואָס האָט געזאָלט אויסאַרבייטען די בעפרייאונגס־געזעצען, האָט זיך שוין געהאַט גענומען צו דער אַרבייט. די קאָמיטעטען האָבען אָבגעהאַלטען זייערע זיצונגען; צעהנדליגער בעפרייאונגס־פּלענער, וואָס זיינען אַדרעסירט געווען צום קייזער, האָבען צירקולירט אין מאַנו־סקריפּט אָדער זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען אין לאָנדאָן. הערצען, אונטערשטיצט פון טורגעניעף, וועלכער האָט איהם געהאַלטען גוט אינ־פאָרמירט וועגען אַלעס וואָס איז פאָרגעקומען אין די רעגיערונגס־קרייזען, האָט אין זיין „קאָלאָקאָל" („גלאָק") און אין זיין „פּאָלאַר־שטערען" דיסקו־טירט די איינצעלהייטען פון די פערשיידענע פּלענער, און טשערנישעווסקי האָט דאָס זעלבע געטהאָן אין „סאָוורעמעניק". די סלאַוואָפילען, בעזאָנ־דערס אַקסאַקאָף און בעליאַעף, האָבען אויסגענוצט דעם ערשטען מאָמענט פון דער פערהעלטניסמעסיגער פרייהייט וואָס איז ערלויבט געוואָרען דער פּרעסע „ארויסצוברענגען די אַנגעלעגענהייט פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט אין רוסלאַנד, און צו דיסקוטירען די פאָרמען פון דער בעפרייאונג מיט אַ גרינדליכער קענטעניס פון זייערע טעכנישע אויס־זיכטען. דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע פּעטערבורג איז געווען מיט הערצען, און בעזאָנדערס מיט טשערנישעווסקי'ן. און איך געדענק ווי די אָפיצירען פון דער רייט־גוואַרדיע, ווענען איך האָב געטראָפען זונטאָג נאָך דער קירכען־פּאַראַד אין דער היים פון מיין שוועסטערקינד (דמיטרי ניקאָלייעוויטש קראָפּאָטקין, וועלכער איז געווען אַן אַדיוטאַנט אין דעם רעגימענט און אַן אַדיוטאַנט פון קייזער), פלעגען האַלטען מיט טשערני־שעווסקי'ן, דעם פיהרער פון דער פאָרטגעשריטענער פּאַרטיי אין דעם בעפרייאונגס־קאַמפּף. די האַלטונג פון גאַנץ פּעטערבורג, אין די סאַלאָנען און אויף דער גאַס, איז געווען, אַז צוריקגעהן איז אונמעגליך. די בעפריי־אונג פון די לייבאייגענע האָט געמוזט דורכגעפיהרט ווערען; און נאָך אַ וויכטיגער פּונקט איז געוואונען געוואָרען — די בעפרייטע לייבאייגענע האָבען געזאָלט קריגען פאַר זיך, אחוץ זייערע היימען, אויך דאָס לאַנד וואָס זיי האָבען ביז אַהער בעאַרבייט.

אָבער — די פּאַרטיי פון דעם אַלטען אַדעל איז ניט געווען ענט־מוטהיגט. זיי האָבען קאָנצענטרירט אַלע זייערע כחות צו פּועל'ן מען זאָל אָבלעגען די רעפאָרם, פערקלענערען די חלקים צוגעטיילטע לאַנד,

און מען זאָל ארויפלעגגען אויף די בעפרייטע לייבאייגענע אזעלכע הויכע אויסקויף־צינזען פאר דאָס לאנד, אז די גאנצע עקאָנאָמישע בעפרייאונג וואָלט געוואָרען ניט מעהר ווי א חלום. און דאָס האָט זיך זיי פאָלשטענדיג איינגעגעבען. אלעקסאנדער דער 2טער האָט אָבגעזאָגט פון זיין אמט ניקאָליי מיליוטין (א ברודער פון דעם קריעגס־מיניסטער), וועלכער איז געווען די נשמה פון דער בעוועגונג, זאָגענדיג צו איהם, „מיר טהוט אזוי לייד זיך צו שיידען מיט אייך, אָבער איך מוז: דער אדעל בעצייכענט אייך אלס איינעם פון די רויטע". די ערשטע קאָמיטעטען, וועלכע האָבען געהאט אויסגעארבייט די פּלענער פון דער בעפרייאונג, זיינען אויף ענטלאסען געוואָרען, און נייע קאָמיטעטען האָבען די גאנצע ארבייט רעווידירט צו גונסטען פון די אינטערעסען פון די לייבאייגענטימער; די פּרעסע האָט מען ווידער אָנגעטהאָן א מויל־קאָרב.

דער עסק האָט אָנגענומען א זעהר טרויעריגען אויסזעהן. מען האָט זיך געשטעלט די פּראגע צי די בעפרייאונג וועט גאָר אין גאנצען צו־שטאנדקומען. פיבערהאפט האָב איך נאָכגעפאָלגט דעם קאמפּף, און יעדען זונטאָג, ווען מיינע חברים זיינען צוריקגעקומען פון דער היים, האָב איך זיי געפּרעגט וואָס זייערע עלטערען זאָגען. ביין סוף פון 1860 זיינען די ידיעות געוואָרען ערגער און ערגער: „די וואליועף פּארטיי האָט געקראָגען די אויבערהאנד", „די קרובים פון פּרינצעסין „עקס" (א פריינדין פון צאר) ארבייטען שוואר איבער איהם". „די בעפרייאונג וועט ווערען אָבגע־לעגט: זיי האָבען מורא פאר א רעוואָלוציע".

אין יאנואר 1861 האָבען זיך אָנגעהויבען ארומטראָגען בעסערע קלאנגען, און אלע האָבען געהאָפט, אז עפּעס וועגען די בעפרייאונג וועט זיך לאָזען הערען אין דעם טאָג פון דעם קייזער׳ס אויפשטייגען אויפ׳ן טראָהן, דעם 19טען פעברואר.

דער 19טער פעברואר איז געקומען, אָבער ער האָט גאָרנישט מיט־געבראכט מיט זיך. יענעם טאָג בין איך געווען אין פּאלאץ. קיין גרויסע „הויף־אויפנאהמען" זיינען ניט געווען, בלויז קליינע; און די פּאזשען פון צווייטען קלאס זיינען געשיקט געוואָרען צו אזעלכע „אויפנאהמען" כדי זיי זאָלען זיך צוגעוועהנען צו די מאנערען פון פּאלאץ. דעם טאָג איז געווען מיין רייהע. ארויסבעגלייטענדיג איינע פון די גרויספירסטינען, וועלכע איז געקומען אין פּאלאץ בייצואוואוינען די מעסע, האָבען מיר ניט דערוויסט איהר מאן און איך בין געגאנגען איהם ברענגען. מען האָט איהם ארויסגערופען פון צאר׳ס קאבינעט, און איך האָב איהם האלב־שפּאסיג דערצעהלט וועגען זיין פרוי׳ס פערלעגענהייט, ניט האָבענדיג דעם

קלענסטען פערדאַכט וועגען די וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען וואָס זיינען בעת מעשה בעשפּראָכען געוואָרען אין קאַבינעט. אחוץ עטליכע אָנפערטרויטע פּערזאָנען, האָט גאָר קיינער אין פּאַלאַץ ניט פערדעכטיגט, אַז דער מאַניפעסט אין אונטערגעשריבען געוואָרען דעם 19טען פעברואַר, און ער איז צוריקגעהאַלטען געוואָרען אויף צוויי וואָכען נאָר צוליעב דעם, ווייל דעם נעקסטען זונטאָג, דעם 26טען, האָט זיך אָנגעהויבען די קאַרנאַוואַל־וואָך, און מען האָט מורא געהאַט, אַז צוליעב די שכרות וואָס קומט פאָר אין די דערפער אין דער צייט פון קאַרנאַוואַל וועלען אפשר אויסברעכען פּויערים־אויפשטאַנדען. אפילו דער קאַרנאַוואַל־יאַריד, וועלכער פלעגט אָבגעהאַלטען ווערען אין פּעטערבורג אויפ'ן גרויסען פּלאַץ נעבען דעם ווינטער־פּאַלאַץ, איז דעם יאָהר אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף אַן אַנדער אָרט, אויס מורא פאַר אַ פּאָלקס־אויפשטאַנד אין דער הויפּטשטאָדט. העכסט בלוטיגע פעראָרדנונגען זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען צו דער אַרמעע ווי אַזוי צו אונטערדריקען פּויערשע אויפשטאַנדען.

צוויי וואָכען שפּעטער, דעם לעצטען זונטאָג פון קאַרנאַוואַל (דעם 5טען מערץ, אָדער ריכטיגער דעם 17טען מערץ, לויט דעם נייעם סטיל), בין איך געווען אין קאָרפּוס, ווייל איך האָב געדאַרפט אַנטייל נעהמען אין אַ מיליטעריש'ען פּאַראַד אין דער רייט־שולע. איך בין נאָך געווען אין בעט, ווען מיין דענשטשיק, איוואַנאָף, איז אַריינגעפאַלען מיט'ן טהעעטאַץ, אויסרופענדיג: „פּרינץ, פרייהייט! דער מאַניפעסט איז אויפגעקלעפּט אויפ'ן גאָסטינאַי דוואָר“.

„האָסטו עס אַליין געזעהן?“

„יאָ. מענשען שטעהען אַרום; איינער לייענט, די איבעריגע הערען. עס א י ז פרייהייט!“

אין אַ פּאָר מינוט בין איך שוין געווען אָן אָנגעטהאָנענער און אויפ'ן גאַס. אַ חבר איז אין דער מינוט אַריינגעקומען.

„קראָפּאָטקין, פרייהייט!“ האָט ער אַ געשריי געטהאָן. „אָט איז דער מאַניפעסט. מיין פעטער האָט זיך נעכטען ביינאַכט דערוואוסט אַז ער וועט פאָרגעלייענט ווערען ביי דער ערשטער מעסע אין דער איסאַקקאַטעדראַל; זיינען מיר דאָרטען אַוועק. קיין סך מענשען זיינען דאָרטען ניט געווען; ניט מעהר ווי פּויערים. דעם מאַניפעסט האָט מען געלייענט און פערטיילט נאָך דער מעסע. זיי האָבען גוט פערשטאַנען זיין בעדייטונג: ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער קירכע האָבען צוויי פּויערים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין טויער, אַ זאָג געטהאָן צו מיר אויף עפּעס אַזאַ מאָדנעם אופן, „נו, הערר? איצט — איז שוין אויס“?“ און ער האָט

נאָכגעמאַכט ווי זיי האָבען איהם געגעבען דעם וועג. יאָהרען פון ערוואַר־טונגען איז געלעגען אין דער דאָזיגער מינע פון אוועקשיקען זייער הערר.

איך האָב דעם מאַניפעסט געלייענט און ווידער־געלייענט. ער איז געווען געשריבען אין א דערהויבענעם סטיל, פון דעם אַלטען מאָסקווער מעטראָפּאָפּאָליט, פילארעט, אָבער מיט א נוצלאָזען געמיש פון רוסיש און אלט־סלאַוואָניש, וואָס האָט פערטונקעלט דעם זין. ס'איז געווען פריי־הייט; אָבער ס'איז נאָך ניט געווען קיין פרייהייט. די פויערים האָבען געמוזט בלייבען קנעכט פאַר נאָך צוויי יאָהר, ביז דעם 19טען פעברואַר 1863. ניט קוקענדיג אויף דאָס אַלעס, איז איין זאַך געווען קלאָר: לייב־אייגענשאַפט איז געווען אָבגעשאַפט, און די בעפרייטע קנעכט וועלען קריגען די לאַנד און זייערע היימען. זיי וועלען האָבען צו בעצאָהלען דערפאַר, אָבער דער אַלטער פלעק פון שקלאַפעריי איז געווען בעזייטיגט. זיי וועלען מעהר קיין שקלאַפען ניט זיין; די רעאַקציע האָט ניט גענומען די אויבערהאַנד.

מיר זיינען אוועק צום פאַראַד. ווען אַלע מיליטערישע צערעמאָניעס זיינען געווען אריבער, האָט אַלעקסאַנדער דער 2טער, רייטענדיג אויפ'ן פערד, הויך אויסגערופען, „די אָפיצירען צו מיר!“ זיי האָבען זיך ארומ־גענומען ארום איהם און מיט א הויכער שטימע האָט ער אָנגעהויבען א רעדע מכח דער גרויסער געשעהענים פון טאָג.

„די אָפיצירען... די פערטרעטער פון דעם אדעל אין דער ארמעע“ — די דאָזיגע שטיקלעך זאצען האָבען דערגרייכט צו אונזערע אויערען — „א סוף איז געמאַכט געוואָרען צו יאָהרהונדערטער פון אונגערעכטיג־קייט... איך ערוואַרט אָפּפער פון דעם אדעל... דער לאָיאַלער אדעל וועט זיך ארומקלייבען ארום טראָהן“.... און אזוי ווייטער. ענטהוזיאַסטישע הורא־געשרייען האָבען אָבגעקלונגען צווישען די אָפיצירען ווען ער האָט געענדיגט.

מיר זיינען גיכער געלאָפען איידער געמאַרשירט אויף אונזער וועג צוריק אין קאָרפּוס — איילענדיג זיך צו זיין אין צייט פאַר דער איטאַ־ליענישער אָפּערא, פון וועלכער די לעצטע פאָרשטעלונג פון סעזאָן איז געגעבען געוואָרען דעם נאָכמיטאָג. ס'איז געווען זיכער אז עס וועלען דאָרט פאָרקומען דעמאָנסטראַציעס. אין גרויס איילענים האָבען מיר ארונטער־געוואָרפען פון זיך די מיליטערישע מונדירען, און עטליכע אונזערע האָבען זיך פלינק א לאָז געטהאָן צו דער גאַליאָרקע אויפ'ן זעקסטען עטאַזש. דאָס הויז איז געווען געפּאַקט.

אין דער צייט פון ערשטען אַנטראַקט איז דער רויכער־צימער פון דער אָפּערא געווען פול מיט אויפגערעגטע יונגע לייט, וועלכע האָבען

גערעדט איינער צום אנדערען, סיי צו בעקאַנטע סיי צו ניט־בעקאַנטע. מיר האָבען באַלד געמאַכט אַ פּלאַן צוריקצוגעהן אין זאַל און זינגען מיט'ן גאַנצען עולם אין אַ מאַסען־כאָר, די הימנע „גאָט בעשיץ דעם צאַר".

אָבער — מיר האָבען דערהערט די קלאַנגען פון דער מוזיק, און מיר זיינען געשווינד אַריין אין זאַל. די קאַפּעליע פון דער אָפּערא האָט שוין געשפּיעלט די הימנע, וועלכע איז באַלד פערטרונקען געוואָרען אין די ענטהוזיאַסטישע הוראַ־געשרייען וואָס זיינען געקומען פון די גאַלערעען, פון די לאָזשעס, פון פּאַרטער. איך האָב געזעהן דעם קאַפּעל־מייסטער, באַוועגענדיג מאַכענדיג מיט'ן שטעקעל, אָבער קיין איינציגער קלאַנג פון דער שטאַרקער קאַפּעליע האָט זיך ניט געהערט. באַוועגט האָט זיך אָבגע־שטעלט, אָבער די הוראַ־געשרייען זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרען. איך האָב ווידער געזעהן דעם שטעקעל זיך בעוועגען אין דער לופט; איך האָב געזעהן די בויגענס פון די פידלען זיך בעוועגענדיג און די מוזיקער בלאָזענ־דיג אין די מעשענע אינסטרומענטען, אָבער דער קלאַנג פון די קולות האָט אריבערגעשטיגען די קאַפּעליע. באַוועגט האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבען צו לייטען די הימנע, און ערשט נאָך דער דריטער ווידערהוילונג האָבען זיך איינציגע קלאַנגען פון די מעשענע אינסטרומענטען דורכגעשניטען דורך דעם ליאַרם פון די מענשליכע קולות.

דער זעלבער ענטהוזיאַזם איז געווען אין די גאַסען. געזעמלען פון פּויערים און געבילדעטע מענשען זיינען געשטאַנען פאַר'ן פּאַלאַץ, שרייענ־דיג הוראַ, און ווען דער צאַר האָט זיך נור בעוויזען, איז ער נאָכגעפּאָלגט געוואָרען פון דעמאָנסטרירענדע מאַסען וואָס זיינען נאָכגעלאָפען זיין קאַרעטע. הערצען איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, בעת אַלעקסאַנדער האָט דערטרונקען דעם פּוילישען אויפ־שטאַנד אין בלוט, און „מוראַוויאָף דער תליון" האָט דעם אויפשטאַנד דערוואָרגען אויף דער תליה — „אַלעקסאַנדער ניקאָלייעוויטש, פאַר וואָס ביזטו ניט געשטאָרבען אין יענעם טאָג? דיין נאָמען וואָלט דאַן אריבער־געגאַנגען אין דער געשיכטע אַלס דער נאָמען פון אַ העלד".

וואו זיינען געווען די אויפשטאַנדען, וואָס די פערטיידיגער פון שקלאַפעריי האָבען פּאָראויסגעזאָגט? קיין אונבעשטימטערע בעדינגונ־גען ווי יענע וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פון דער „פּאָלאָזשעניע" (די בעפרייאונגס־געזעצען) האָט מען ניט געקענט אויסטראַכטען. אויב עפּעס וואָלט געקענט אַרויסרופען רעוואָלטען, איז דאָס געווען אַקוראַט אָט די פערפּלאָנטערטע אונקלאָרקייט פון די בעדינגונגען, וואָס זיינען געשאַ־פען געוואָרען דורך דאָס נייע געזעץ. און דאָך — אחוץ אין צוויי פּעלע

וואו עס זיינען געווען אויפשטאנדען, און זעהר ווייניג אנדערע ערטער וואו קליינע אונרוהען, וואָס זיינען אין גאנצען ארויסגערופען געוואָרען דורך מיספערשטענדניסען און זיינען באלד איינגעשטילט געוואָרען — איז רוסלאנד געבליבען רוהיג, נאָך רוהיגער ווי ווען עס איז. מיט זייער געוועהנליכען גוטען פערשטאנד האָבען די פויערים בעגריפען, אז לייב־אייגענטום איז אָבגעשאפט, אז „פרייהייט איז געקומען", און זיי האָבען אָנגענומען די בעדינגונגען וואָס זיינען אויף זיי ארויפגעצוואונגען געוואָרען, כאָטש די דאָזיגע בעדינגונגען זיינען געווען זעהר שווערע.

איך בין געווען אין ניקאָלסקאָע אין אויגוסט 1861, און א צווייטען מאָל אין זומער פון 1862, און איך בין ערשטוינט געווען פון דעם רוהיגען און אינטעליגענטען אופן אין וועלכען די פויערים האָבען אויפגענומען די נייע בעדינגונגען. זיי האָבען זעהר גוט געוואוסט ווי שווער עס וועט זיי אָנקומען צו צאָהלען די אויסקויף־צינזען פאר'ן לאנד, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען א שאדען־ערזאץ פאר דעם אדעל. אָבער די אָבשאפונג פון זייער פערזענליכער פערשקלאפונג איז געווען פאר זיי אזוי פיעל ווערטה, אז זיי האָבען אָנגענומען די רואינירענדע פרייזען — ניט מיט צופריעדענהייט, נאָר אלס א שווערע נויטווענדיגקייט — אין דעם מאָמענט וואָס זיי האָבען זייער פערזענליכער פרייהייט געקראָגען. פאר די ערשטע מאָנאטען האָבען זיי געהאלטען צוויי יום־טובים א וואָך, זאָגענדיג אז עס איז א זינד צו ארבייטען אם פרייטאג; ווען עס איז אָבער געקומען דער זומער האָבען זיי זיך צוריק־גענומען צו דער ארבייט נאָך מיט מעהר ענערגיע ווי פריהער.

ווען איך האָב געזעהן אונזערע ניקאָלסקאָער פויערים מיט 15 חדשים נאָך דער בעפרייאונג, האָב איך זיך גאָר ניט געקענט אָבוואונדערען. זייער איינגעבאָרענע גוטסקייט און מילדקייט איז ביי זיי פערבליבען, אָבער יעדער שפור פון קנעכטישקייט איז פערשוואונדען. זיי האָבען גערעדט צו זייערע בעלי־בתים אזוי ווי גלייכע מענשען רעדען צווישען זיך, אזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל ניט געשטאנען אין אנדערע בעציהונגען. אחוץ דעם האָבען זיך בעוויזען צווישען זיי אזעלכע מענשען, וואָס האָבען געקענט פערטיידיגען זייערע רעכטען. די „פּאָלאָזשעניע" איז געווען א גרויסער און האמעטנער בוך, וועלכער האָט ביי מיר אָוועקגענומען א היבש ביסעל צייט איהם צו פערשטעהן; אָבער ווען וואסילי איוואנאָף, דער עלטסטער (סטאראָסטא) פון ניקאָלסקאָע, איז איינמאָל צו מיר געקומען בעטען איך זאָל איהם ערקלערען עפּעס וואָס דאָרטען איז געווען קשה'דיג, האָב איך אויסגעפונען, אז כאָטש ער איז אפילו ניט געווען קיין פליסיגער לעזער, האָט ער פון דעמטוועגען אויסגעצייכענט גוט געפונען

א וועג צווישען די פּלאַנטערס פון די קאַפּיטלען און פּאַראַגראַפען פון דעם געזעץ.

ערגער פאר אַלעמען זיינען ארויסגעקומען די „הויז־דיענער". זיי האָבען קיין לאַנד ניט געקראָגען, און זיי וואָלטען גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט'ן לאַנד ווען זיי וואָלטען עס יאָ בעקומען. זיי האָבען געקראָגען פרייהייט, און מעהר גאָרנישט. אין אונזער נאכבארשאפט זיינען זיי כמעט אַלע אוועק פון זייערע בעלי־בתים; קיינער, למשל, איז ניט געבליבען אין מיין פאָטער'ס באַלעבאַטישקייט. זיי זיינען אוועק זוכען שטעלען ערגעץ אַנדערסוואו, און א סך פון זיי האָבען באַלד געפונען בעשעפטיגונג ביי דעם סוחרים־קלאַס, וועלכע זיינען שטאָלץ געווען צו האָבען דעם־און־דעם פּרינץ'ס א קוטשער, אָדער דעם־און־דעם גענעראַל'ס א קוכער. די וואָס האָבען געקענט א מלאכה האָבען געפונען ארבייט אין די שטעדט: צום ביישפּיעל, מיין פאָטער'ס קאַפּעליע איז געבליבען א קאַפּעליע, און האָט געמאַכט אַן אַנשטענדיגען לעבען אין קאַלוגאַ, און איז פערבליבען אין פריינדליכער בעציהונג מיט אונז. אָבער די וואָס האָבען קיין מלאכה ניט געקענט, האָבען געהאַט דורכצוקומען שווערע צייטען; און דאָך איז דאָס גרעסטע טייל פון זיי צופריעדען געווען צו לעבען אבי־ווי איידער צו פערבלייבען מיט זייערע אַלטע בעלי־בתים.

וואָס אָנבעלאַנגט די פּריצים, איז בעת די גרויסע האָבען געמאַכט אַלערליי אָנשטרענגונגען אין פּעטערבורג איינצופיהרען צוריק די אַלטע בעדינגונגען אונטער אַן אַנדער נאָמען (אויף א געוויסען גראַד איז עס זיי געלונגען אונטער אַלעקסאַנדער דעם 3טען), האָבען זיך די גרעסטע צאָהל אונטערוואָרפען דער אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט ווי אונטער א מין אונפערמיידליכען אונגליק. דער יונגער דור האָט רוסלאַנד געגעבען יענעם מערקווירדיגען שטאַב פון „פריעדענס־דענקער" און פריעדענס־ריכטער, וועלכע האָבען אַזוי פיעל בייגעטראָגען צו דעם פריעדליכען אויסגאַנג פון דער בעפרייאונג. וואָס אָנבעלאַנגט דעם אַלטען דור, האָבען די מייסטע פון זיי שוין דיסקאָנטירט די בעדייטענדע סומעס געלד וואָס זיי וועלען ארייַנקריגען פון די פּויערים פאַר דאָס לאַנד וואָס איז בעשטימט געוואָרען פאַר די בעפרייטע לייבאייגענע, וועלכע איז געשאַצט געוואָרען א סך מעהר ווי דער מאַרק־פּרייז; זיי האָבען געמאַכט פּלענער ווי אַזוי זיי וועלען די דאָזיגע געלדער פערשווענדען אין די רעסטאָראַנען פון דער הויפּטשטאָדט, אָדער ביי די גרינע טישלעך אין קאָרטען־שפּיעל. און פערשווענדעט האָבען זיי עס, כמעט אַלע, אַזוי געשווינד ווי זיי האָבען עס געקראָגען.

פאַר א סך פּריצים איז די בעפרייאונג פון די לייבאייגענע געווען

אַן אויסגעצייכענטער געלד־עסק. אזוי, צ. ב. ש., איז דאָס לאַנד, וואָס מיין פּאָטער, זיך ריכטענדיג אויף דער בעפרייאונג, האָט פערקויפט אין שטי־קער צו 11 רובעל אַן אָקער, איצטער די פּויערים גערעכענט געוואָרען 40 רובעל — דאָס הייסט, דריי און אַ האַלב מאָל איבער דעם מארק־פּרייז — און אזוי איז עס געווען ביי אלעמען אין אונזער נאַכבארשאַפט; בעת אויף מיין פּאָטער'ס טאַמבאָווער אימעניע, ביי די סטעפּעס, האָט דער „מיר" — דאָס הייסט, די דאָרף־קאָמונע — אָבגעדונגען זיין גאַנצע לאַנד אויף צוועלף יאָהר פאַר אַ פּרייז וואָס האָט בעטראָפען צוויי מאָל אזוי פיעל וויפיעל ער פלעגט ארויסקריגען פון דער ערד, בעארבייטענדיג איהר דורך קנעכט־ארבייט.

עלף יאָהר נאָך יענער ניט־פערגעסליכער צייט בין איך אריבערגע־פאָהרען אויף דער טאַמבאָווער אימעניע, וועלכע איך האָב גע'ירשה'ט פון מיין פּאָטער. איך בין דאָרטען פערבליבען אויף עטליכע וואָכען און דעם אָבענד פאר מיין אָבפאָהרען איז אונזער דאָרף־גלח — אַן אינטעליגענטער מענש מיט זעלבסשטענדיגע מיינונגען, ווי מען בעגעגענט אָפטמאָל אין אונזערע דרום־פּראָווינצען — ארויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר ארום דאָרף. דער זון־אונטערגאַנג איז געווען אַ הערליכער; אַ באַלזאַם־לופט האָט געוועהט פון די סטעפּעס. ער האָט געטראָפען אַ מיטעל־יאָהריגען פּויער — אַנטאָן סאַוועליעף — זיצענדיג אויף אַ קליינעם בערגעל אויסער'ן דאָרף און לייענענדיג פון אַ תהלים. דער פּויער האָט קוים געוואוסט ווי אויס־צולעגען אין אלט־סלאַוואָניש, און אָפטמאָל פלעגט ער לייענען אַ בוך פון לעצטען בלאַט, מישענדיג די בלעטער אויף צוריק; אַזאַ מין לייענען איז איהם בעסער געפעלען, און דאַן פלעגט ער זיך אָנשטויסען אויף אַ וואָרט און מיט גרויס הנאה איהם איבער'חזר'ן. איצטער האָט ער געלייענט אַ מזמור, פון וועלכען יעדער פערז האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם וואָרט „פרעהט־זיך".

„וואָס לייענסטו?" האָט דער גלח איהם געפרעגט.

„גוט, פּאָטער'ל, איך וועל דיר זאָגען", איז געווען זיין ענטפער. „מיט פערצעהן יאָהר צוריק איז דאָ געקומען דער אלטער פּרינץ. דאָס איז געווען אין ווינטער. איך בין נאָר־וואָס צוריקגעקומען אהיים, אין גאַנצען דורכגעפראָרען. עס האָט געבושעוועט אַ שנעע־שטורעם. איך האָב נאָך ניט אויספּייעט זיך אָנצוהויבען אויסטהאָן, ווען מיר האָבען דערהערט אַ קלאַפּ אין פענסטער: דאָס איז געווען דער סטאַראָסטאַ, וועלכער האָט אַ געשריי געטהאָן, „געה צום פּרינץ! ער דאַרף דיך!" מיר אלע — מיין ווייב און די קינדער — זיינען געווען ווי פון אַ דונער דערשלאָגען. „וואָס

קען ער פאַרט וועלען פון דיר?" האָט מיין ווייב געוויינט אַ דערשראָקענע. איך האָב מיך איבערגע׳צלם׳ט און בין געגאַנגען. דער שנעע־שטורם האָט מיך שיער ניט בלינד געמאַכט, אריבערגעהענדיג דעם בריק. נון, עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט חסד. דער אַלטער פּרינץ האָט זיך געהאַט צוגעלעגט פאַר זיין געוועהנליכען נאָכמיטאָג־שלאָף, און ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער מיך געפרעגט צי איך קען טינקעווען, און האָט מיר נאָר געזאָגט, „קום מאָרגען פעררריכטען דעם טינק פון אָט דעם צימער". איך בין געגאַנגען אַהיים העכסט גליקליך, און ווען איך בין צוגעקומען צום בריק האָב איך דאָרט געפונען מיין ווייב שטעהענדיג. די גאַנצע צייט איז זי דאָרט געשטאַנען אין שנעע־שטורעם, מיט דעם עופּה׳לע אין די אָרעמס, וואַרטענדיג אויף מיר. „וואָס האָט פּאַסירט, סאַוועליטש?" האָט זי געפרעגט אַ וויינענדיגע. „גאָרנישט, קיין בייז; ער האָט מיר נאָר געהייסען קומען עפּעס פעררריכטען". אָט אַזוי, פּאָטער׳ל, איז געוועזען אונטער דעם אַלטען פּרינץ. און איצטער, איז דאָ יענעם טאָג געקומען דער יונגער פּרינץ. איך בין אריבער איהם זעהן, און האָב איהם געטראָפען אין גאָרטען ביים טהעע־טיש, אין שאָטען פון הויז; דו, פּאָטער׳ל, ביזט געזעסען מיט איהם, און דער סטאַרשינאַ פון וואָלאָסט מיט דער בירגערמייסטערשער קייט אויף דער ברוסט. „וועסטו טרינקען טהעע, סאַוועליטש", פרעגט ער מיך. „נעהם אַ שטוהל. פּעטער גריגאָריעף — דאָס זאָגט ער צום אַלטען — גיב אונז נאָך אַ שטוהל". און פּעטער גריגאָריעף — דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ גזלן ער איז געוועזען אויף אונז ווען ער איז געוועזען דער אויפזעהער פאַר׳ן אַלטען פּרינץ — האָט געבראַכט דעם שטוהל, און מיר אַלע זיינען געזעסען ארום דעם טהעע־טיש, רעדענדיג, און ער אַליין האָט איינגעגאָסען טהעע פאַר אונז אַלעמען. און איצטער, פּאָטער׳ל, דער אָבענד איז אַזוי שעהן, דער באַלזאַם וועהט פון דער סטעפּע, און איך זיץ און לייען, „פרעהט־זיך! פרעהט־זיך!"

אָט דאָס איז וואָס די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט האָט געמיינט פאַר די פויערים.

IX

אין יוני 1861 בין איך ערנאַנט געוואָרען אַלס וואַך־מייסטער פון פּאַזשען־קאָרפּוס. אייניגע פון אונזערע אָפיצירען מוז איך זאָגען, זיינען גאָר ניט געוועזען צופריעדען דערמיט און האָבען געזאָגט אַז ווען איך וועל זיין וואַך־מייסטער וועט ניט זיין קיין דיסציפּלין; אָבער מען האָט גאָר־

נישט געקענט העלפען. עס איז געווען איינגעפיהרט אַז דער ערשטער שילער פון העכערען קלאַס זאָל ערנאַנט ווערען וואַך־מייסטער, און איך בין געווען דער ערשטער אין אונזער קלאַס עטליכע יאָהר כסדר. די דאָזיגע שטעלע האָט מען בעטראַכט פאַר אַ זעהר געהויבענע זאַך, ניט אַזוי צוליעב דעם וואָס דער וואַך־מייסטער האָט פערנומען אַ פּריווילע־גירטע שטעלע אין דער שולע און איז בעהאַנדעלט געוואָרען ווי אַן אָפיציר, נאָר איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער איז אויך פאַר דער צייט געווען דעם קייזער'ס הויף־פּאַזש; און צו זיין פּערזענליך בעקאַנט דעם קייזער איז, פערשטעהט זיך, בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ טרעפּ צו שטייגען העכער. פאַר מיר אָבער איז די הויפּט וויכטיגקייט בעשטאַנען אין דעם, וואָס איך בין דורכדעם בעפרייט געוואָרען פון די אַלטעגליכע ארבייט פון דער שולע, וועלכע איז געפאַלען אויף די פּאַזשען, און וואָס איך וועל האָבען אַ בעזונדער צימער פאַר מיינע שטודיען, וואו איך וועל קענען זיך אָב־זונדערען פון דעם טומעל פון דער שולע. אמת, דערמיט איז אויך געווען פערבונדען אַ וויכטיגע אונבעקוועמליכקייט: איך האָב שטענדיג געהאַל־טען פאַר אַן אָבקומעניש צו געהן טריט ביי טריט ארויף און אראָב, עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג, איבער דער גאַנצער לענג פון אונזערע צימערען, און איך פלעג דעריבער לויפען די שטרעקע פולען גאַלאָפּ, וואָס איז געווען שטרענג פערבאָטען; און איצטער וועל איך מוזען געהן מיט אַ זעהר ערנסטע מינע, מיט'ן דיענסט־בוך אונטער'ן אָרעם, אָנשטאָט צו לויפען! איך האָב זיך אפילו מיעב געווען מיט עטליכע פון מיינע פריינד מכח דער דאָזיגער וויכטיגער אנגעלעגענהייט, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פון צייט צו צייט וועל איך דאָך קענען געפינען געלעגענהייטען זיך דורכצולויפען. וואָס אָנבעלאַנגט מיינע בעציהונגען מיט די איבעריגע שילער, איז עס אין גאַנצען געווען געוועגדט אָן מיר צו שטעהן מיט זיי אין פריינדליכע בעציהונגען, און דאָס האָב איך געטהאָן.

די קאַמער־פּאַזשען האָבען אָפט געמוזט זיין אין פּאַלאַץ צו בעדיענען ביי די גרויסע און קליינע הויף־צערעמאָניעס, די בעלער, די געסט־אויפנעהמונגען, די גאַלאַ־מיטאָגען און אַזוי ווייטער. דורך די וואָכען פון וויהנאַכט, ניי־יאָהר און פּסח זיינען מיר גערופען געוואָרען אין פּאַלאַץ כמעט יעדען טאָג, און אָפטמאָל צוויי מאָל אַ טאָג. אחוץ דעם, האָב איך נאָך צוליעב מיין מיליטערישען אמט פון וואַך־מייסטער געמוזט יעדען זונטאָג רעפּאָרטירען צום קייזער, ביי דעם פּאַראַד אין דער רייט־שולע, אַז „אַלעס איז אין אָרדנונג אין פּאַזשען־קאָרפּוס", אפילו ווען אַ דריטעל פון דער שולע זאָל קראַנק זיין אויף עפּעס אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט. „זאָל איך היינט ניט רעפּאָרטירען אַז ניט אַלעס איז אין בעסטען אָרד־

נונג?" האָב איך געפרעגט דעם פּאָלקאָווניק ביי אַזאַ געלעגנהייט. „זאָל דיך גאָט אויסהיטען", איז געווען זיין ענטפער, „אַזוי וואָס דארפסטו זאָגען נאָר ווען דאָרטען זאָל זיין אַן אויפשטאַנד!"

דאָס הויף־לעבען האָט אָהן צווייפעל אַ סך רייצענדעס און שעהנעס אין זיך. די עלעגאַנט־ראַפינירטע מאַניערען, — ווי אויבערפלעכליך דאָס זאָל ניט זיין — די שטרענגע עטיקעט, און די בריליאַנטענע אומגעבונג, האָט זיכער דעם צוועק צו זיין איינדרוקספול. אַ גרויסע „הויף־אויפנאַהמע" איז אַ שעהנער פּאַראַד, און אפילו די איינפאַכע אויפנאַהמע פון עטליכע דאַמען ביי דער קייזערין איז אויך אַנדערס איידער אַ געוועהנליכער בעזוך, ווען דאָס קומט פאָר אין רייך־פערפוצטען עמפּפאַנגס־צימער אין פּאַלאַץ — די געסט ווערען אַריינגעפיהרט פון קאַמער־הערען אין גאָלד־געשטיקטע מונדירען, די גאַסט־ווירטין ווערט בעגלייט פון בריליאַנט־געקליידטע פּאַזשען און אַ סוויטע פון דאַמען, און אַלעס געהט־צו מיט אַ מערקווירדיגער ערנסטקייט. צו בעטייליגען זיך אין די הויף־צערעמאָניעס, צו בעדיענען די העכסטע פּערזענליכקייטען, האָט גהייסען עטוואָס מעהר ווי איינפאַכע נייגיריגקייטס־אינטערעסע פאַר אַ אינגעל אין מיינע יאָהרען. אויסער דעם האָב איך דעמאָלט געקוקט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טען ווי אויף אַ מין העלד; אַ מענש וועלכער האָט ניט געלעגט קיין וויכטיג־קייט אויף די הויף־צערעמאָניעס, וועלכער האָט אָבער, אין יענער צייט פון זיין רעגיערונג, אָנגעהויבען זיין ארבייטס־טאָג זעקס אַ זייגער אין דער פריה, און איז געווען פערנומען אין אַ קאַמפף מיט אַ מעכטיגער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי כדי דורכצופיהרען אַ רייהע פון רעפאָרמען, אין וועלכע די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט איז געווען ניט מעהר ווי דער ערשטער שריט.

אָבער ביסלעכווייז, צוזעהענדיג אַלץ מעהר די ספּעקטאַקעל־זייט פון הויף־לעבען, און כאַפּענדיג פון צייט צו צייט אַ בליק אויף דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען הינטער דער סצענע, האָב איך בעגריפען ניט נאָר די פּוסט־קייט פון די דאָזיגע פאָרשטעלונגען און פון די זאַכען וואָס זיי האָבען געזאָלט פערדעקען, זאָנדערן אויך אַז אָט די קלייניגקייטען האָבען אויף אַזוי פיעל פערשלונגען דעם הויף אַז ער האָט זיך מעהר ניט געקענט אָבגעבען מיט פיעל וויכטיגערע זאַכען. די ווירקליכקייטען האָבען זיך אָפט פערלאָרען אין די שוי־ע־פּיעלערייען. און דאָן איז די שטראַהלען־קרוין פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען אַליין, מיט וועלכער מיין פאָרשטעלונג האָט איהם איינגעהילט, ביסלעכווייז פערשוואונדען; אַזוי דאָס צום סוף פון יאָהר, אויב איך וואָלט זיך אפילו פון אָנהויב ארומגעטראָגען מיט וועלכע פּאַנ־

טאַזיעס מכח דער ניצליכער טהעטיגקייט אין די נאָהענטסטע הויף־קרייזען, וואָלטען זיי אויך ביי מיר ניט געבליבען.

אין יעדען וויכטיגען יום־טוב, ווי אויך אין די געבורטסטעג און „נאָמען־טעג" פון דעם קייזער און די קייזערין, אין די קרוינונגס־טעג און ביי אַנדערע עהנליכע געלעגענהייטען, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פּאַלאַץ אַ גרויסע „הויף־צערעמאָניע". טויזענדער גענעראַלען און אָפיצירען פון אַלע ראַנגען, ביז אַרונטער צו אַ קאַפּיטאַן, אַזוי גוט ווי די הויכע בעאַמטע פון ציוויל־דיענסט, זיינען געווען אויסגעשטעלט אין שורות אין די אונגעהייערע גרויסע זאַלען פון פּאַלאַץ, כדי זיך צו בוקען בעת עס וועלען פערבייגעהן דער קייזער און זיין פאַמיליע אין אַ פייערליכער פּראָצעסיע אין קירכע. אַלע מיטגליעדער פון דער קייזערליכער פאַמיליע זיינען אין אַזעלכע טעג געקומען אין פּאַלאַץ, זיך צונויפצוטרעפען אין אַן עמפּפאַנגס־צימער און פרעהליך פּלאַפּלען ביז עס וועט אָנקומען דער מאָמענט פון אָנטהאָן די מאַסקע פון ערנסטקייט. דאַן האָט זיך פאָרמירט די קאָלאָנע. דער קייזער, דערלאַנגענדיג זיין האַנד דער קייזערין, האָט געעפענט דעם מאַרש. ער איז געווען בעגלייט פון זיין קאַמער־פּאַזש, און נאָך דעם פּאַזש איז געקומען דער גענעראַל אַדיוטאַנט, דער אַדיוטאַנט וואָס איז דעם טאָג אין דיענסט, און דער מיניסטער פון קייזערליכען הויף; בעת די קייזערין, אָדער ריכטיגער די אונגעהייערע שלעפּע פון איהר קלייד, איז געווען בעגלייט פון איהרע צוויי קאַמער־פּאַזשען, וועלכע האָבען געדאַרפט אונטערהויבען די שלעפּע ביים פערקירעווען זיך און איהר דערנאָך צוריק פונאַנדערשפּרייטען אין איהר פולער פּראַכט. דער טראָהן־פאָלגער, וועלכער איז געווען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר אַכטצעהן, און אַלע אַנדערע גרויספירסטען און פירסטינס זיינען געקומען דערנאָך, לויט דעם סדר פון זייערע רעכטען אויפ'ן טראָהן — יעדער גרויספירסטין בעגלייט פון איהר קאַמער־פּאַזש; דאַן איז געקומען אַ לאַנגע פּראָצעסיע פון הויפדאַמען, אַלטע און יונגע, אַלע אָנגעטהאָן אין דעם אַזוי גערופענעם רוסישען קאָסטיום — דאָס הייסט, אַזאַ מין באַל־קלייד, וואָס האָט געזאָלט אויסזעהן עהנליך צו דעם קאָסטיום, וואָס די פרויען פון אַלט־רוסלאַנד האָבען געטראָגען.

ווען די פּראָצעסיע איז פערבייגעגאַנגען האָב איך געקענט זעהן ווי יעדערער פון די עלטסטע מיליטערישע און ציווילע בעאַמטע איידער ער האָט זיך פערבוקט, האָט זיך בעמיהט צו בעגעגענען דעם קייזער'ס בליק, און אויב דאָס האָט זיך איהם איינגעגעבען און דער צאַר האָט געענטפערט אויף זיין פערנייגונג מיט אַ שמייכעלדיגען בליק, מיט אַ קוים בעמערקבאַרען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, אָדער גאָר מיט אַ וואָרט, פלעגט ער זיך מיט

גרויס שטאָלץ ארומקוקען אויף זיינע ·שכנים, ערוואַרטענדיג זיי זאָלען איהם גראַטולירען.

פון דער קירכע האָט זיך די פּראָצעסיע אומגעקעהרט אויף דעם זעלבען שטייגער, און יעדער איז זיך געלאָפען צוריק צו זיינע אייגענע עסקים. אחוץ עטליכע פּאַנאַטיקער און אייניגע יונגע דאַמען, האָט ניט איינער פון צעהן, וואָס פלעגען בייוואוינען די דאָזיגע צערעמאָניעס, געקוקט אויף דעם אנדערס ווי אויף א לאַנגווייליגער פליכט.

צוויי מאָל אָדער דריי מאָל דורכ׳ן ווינטער זיינען אין פּאַלאַץ געגעבען געוואָרען גרויסע בעלער, און טויזענדער מענשען פלעגען איינגעלאַדען ווערען. נאָכדעם ווי דער קייזער האָט געעפענט די טענץ מיט א פּאָלאָנעזש, איז יעדער איינער געווען פריי צו פערברענגען די צייט ווי איהם געפעלט. ס׳איז געווען געגוג פּלאַץ אין די גרויסע העל־בעלויכטענע זאַלען, וואו יונגע מיידלעך האָבען זיך לייכט ארויסגעדרעהט פון די וואַכזאַמע אויגען פון זייערע עלטערען און מוהמעס, און פיעלע האָבען ווירקליך גוט פערבראַכט ביי די טענץ און דעם מאָלצייט, בעת די יונגוואַרג האָט אויסגעמאַרקירט צו בלייבען אליין.

מיינע פליכטען אויף די דאָזיגע בעלער זיינען געווען גאָר ניט קיין לייכטע. אלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ניט געטאַנצט, ער איז אויך ניט געזעסען אויף איין אָרט, ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אין איין ארומדרעהען זיך צווישען זיינע געסט. זיין קאַמער־פּאַזש האָט איהם געמוזט נאָכגעהן פון דער ווייטענס, אזוי אז ער זאָל ניט זיין צו־ווייט ווען דער קייזער וועט איהם דאַרפען, און דאָך זאָל ער ניט זיין צו־נאָהענט, אז ער זאָל איהם זיין איבעריג. אזא מין קאָמבינאַציע פון זיין דערביי און זיין אַוועק, איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך דורכצופיהרען, און דער קייזער האָט דאָס גאָר ניט געפאָדערט אויך: אָם ליעבסטען וואָלט פאַר איהם געווען ווען מען לאָזט איהם גאָר צו־רוה; אָבער אזוי איז געווען די טראַדיציע, און ער האָט זיך איהר געמוזט אונטערוואַרפען. דאָס ערגסטע איז געווען ווען ער איז אריין אין דעם געדיכטען געזעמעל פון דאַמען, וואָס זיינען געשטאַנען ארום דעם קרייז וואו די גרויספירסטען האָבען געטאַנצט, און האָט זיך לאַנגזאַם ארומגעדרעהט צווישען זיי. ס׳איז גאָר ניט געווען אזוי גרינג זיך דורכצושלאָגען א וועג אין דעם דאָזיגען לעבעדיגען גאָרטען, וועלכער האָט זיך געעפענט פאַר׳ן קייזער דורכצוגעהן, און באַלד אָבער זיך פערשלאָסען הינטער איהם. אָנשטאָט אליין צו טאַנצען, זיינען הונדערטער דאַמען און פריילײנס דאָרטען געשטאַנען, שטאַרק צוזאַמענגעדריקט, יעדע מיט דער האָפענונג אז איינער פון די גרויספירסטען וועט איהר אפשר בעמערקען און איהר איינלאַדען צו טאַנצען א

וואָלט אָדער א פּאָלקע. דער איינפלוס פון דעם הויף אויף דער פּעטער־בורגער געזעלשאַפט איז געווען אזעלכער, אז ווען איינער פון די גרויס־פירסטען האָט געוואָרפען אן אויג אויף א מיידעל, האָבען די עלטערען געטהאָן אַלץ וואָס איז געווען אין זייערע כחות, זי זאָל זיך שטארק פער־ליעבען אין דער הויכער פּערזענליכקייט, אפילו דאַן ווען זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט אז קיין חתונה קען דערפון ניט ארויסקומען — די רוסישע גרויספירסטען איז ניט ערלויבט צו הייראַטהען דעם צאַר'ס "אונטער־טהאַנען". די געשפּרעכען וואָס איך האָב אמאָל געהערט אין א „רעספּעק־טאַבעלער" פאמיליע, וואָס איז געווען פערבונדען מיט'ן הויף, נאָכדעם ווי דער קרוין־פּרינץ האָט געטאַנצט צוויי אָדער דריי מאָל מיט א זיעבצעצעהן־יאָהריגער מיידעל, און די האָפענונגען וואָס איהרע עלטערען האָבען אויף דעם געלעגט, — האָבען איבערשטייגט אַלץ וואָס איך האָב זיך ווען עס איז געקענט פאָרשטעלען.

יעדעס מאָל וואָס מיר זיינען געווען אין פּאַלאַץ האָבען מיר דאָרט צונעביסען אָדער געגעסען א מיטאָג, און די לאָקייען פלעגען אונז אין דער שטיל איבערגעבען שטיקלעך נייעס פון דער סקאַנדאַלען־כראָניק פון פּאַלאַץ, צי מיר האָבען זיך געקימערט וועגען דעם, צי ניט. זיי האָבען געוואוסט אַלצדינג וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די פערשיידענע פּאַלאַ־צען — דאָס איז געווען זייער געביעט. למען האמת מוז איך אָבער זאָגען, אז פאַר דעם יאָהר, פון וועלכען איך רעד דאָ, איז די כראָניק ניט געווען אזוי רייך אין פּאַסירונגען ווי עס איז געוואָרען אין די זיעבעציגער יאָהרען. דעם צאַר'ס ברידער האָבען נאָר־וואָס געהאַט געהייראַטה, און זיינע זיהן זיינען נאָך געווען גאַנץ יונג. אָבער די בעציהונגען פון דעם קייזער אליין צו דער פּרינצעסין „עקס", וועמען טורגעניעף האָט אזוי וואונדערליך געשילדערט אין „רויך" („דים") אונטער דעם נאָמען א י ר ע נ ע, האָבען געגעבען דער דיענערשאַפט גענוג וועגען וואָס צו רעדען, נאָך מעהר ווי דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט. איין טאָג אָבער, ווען מיר זיינען אריינ־געקומען אין צימער וואו מיר פלעגען זיך איבערטהאָן, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, „די „עקס" האָט היינט געקראָגען איהר ענטלאַסונג — טאַקע אויף־צו'ן־אמת'ן דאָס מאָל". א האַלבע שעה שפּעטער האָבען מיר די דאָזיגע דאַמע געזעהן אריינקומענדיג אין דער קירכע מיט געשוואָלענע אויגען פון וויינען, און שלינגענדיג די טרעהרען אין דער צייט פון די תפלות, בעת די איבעריגע דאַמען האָבען אויסגעמאַרקירט צו שטעהן אביסעל אָבגערוקט פון איהר, כדי מען זאָל זי בעסער קענען ארויסזעהן. די לאָקייען האָבען שוין געהאַט געוואוסט וועגען דעם, און האָבען דערויף געמאַכט פּירושים אויף זייער אייגענעם שטייגער. ס'איז ווירקליך געווען

עטוואָס עקעלהאַפטעס אין די געשפּרעכען פון די דאָזיגע מענשען, וועלכע וואָלטען מיט אַ טאָג פריהער געקראָכען אויף אַלע פיער פאַר דער אייגענער ראַמע.

דער סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, וואָס ווערט אויסגעאיבט אין פּאַלאַץ, איבערהויפּט אויף דעם קייזער גופא, איז כמעט אונגלויבליך פאַר די וואָס זיינען דערמיט ניט בעקאַנט. די פאָלגענדע פּאַסירונג וועט געבען אַ שטיקעל בעגריף דערפון. עטליכע יאָהר שפּעטער, האָט איינער פון די גרויספירסטען געקראָגען אַ שטרענגע לעקציע פון אַ פּעטערבורגער אדעל־מאַן. דער לעצטער האָט דעם גרויספירסט געהאַט פערבאָטען צו בעזוכען זיין הויז, אָבער, קומענדיג איינמאָל אהיים אונערוואַרטעט, האָט ער איהם געטראָפען ביי זיך אין סאַלאָן און האָט זיך אויף איהם אַ לאָז געטהאָן מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקען. דער יונגער־מאַן איז ארונטערגעלאָפען פון די טרעפּ, און ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים אריינשפּרינגען אין זיין קאַרעטע, האָט דער נאָכיאָגער איהם געפּאַקט און איהם ארונטערגעלאָזט אַ זעץ מיט'ן שטעקען. דער פּאָליציסט, וואָס איז געשטאַנען ביים טהיר, האָט צוגעזעהן די פּאַסירונג און איז גלייך אוועקגעלאָפען אָבגעבען אַ רעפּאָרט דעם שעף פון דער פּאָליציי, גענעראַל טרעפּאָף, וועלכער איז באַלד אריינגעשפּרונגען אין זיין קאַרעטע און איז געשווינד געפלויגען צום קייזער, כדי צו זיין דער ערשטער צו מעלדען וועגען דעם „טרויעריגען פאַל". אלעקסאַנדער דער צווייטער האָט גערופען צו זיך דעם גרויספירסט און געהאַט אַ געשפּרעך מיט איהם. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אַן אַלטער בעאַמטער פון דער „דריטער אָבטיילונג" פון קייזערליכען געריכט — דאָס הייסט, די שטאַאַטס־פּאָליציי — וועלכער איז אויך געוועזען אַן איינגעהער אין דעם הויז פון איינעם פון מיינע חברים, איבערגעגעבען דעם גאַנצען געשפּרעך. „דער קייזער", האָט ער אונז דערצעהלט, „איז געוועזען שטאַרק אין כעס, און צום סוף האָט ער געזאָגט צום גרויספירסט, „דו האָסט געדאַרפט וויסען בעסער ווי אָנצוגעהן מיט דיינע קליינע עסקים"." מען האָט איהם נאַטירליך געפרעגט ווי אַזוי ער קען עפּעס וויסען וועגען אַ גאַנץ פּריוואַטען געשפּרעך, אָבער דער ענטפער איז געווען זעהר כאַראַק־טעריסטיש: „די ווערטער און די מיינונגען פון זיין מאַיעסטעט מוזען זיין בעוואוסט צו אונזער דעפּאַרטאַמענט. ווי דען אַנדערס וואָלט אַזאַ איי־דעלע אינסטיטוציע ווי די שטאַאַטס־פּאָליציי געקענט געפיהרט ווערען? זייט זיכער, אַז דער קייזער ווערט נאָכגעשפּירט מעהר פון אַלעמען אין גאַנץ פּעטערבורג."

עס האָט ניט געשטעקט קיין בעריהמעריי אין די דאָזיגע ווערטער. יעדער מיניסטער, יעדער גענעראַל־גובערנאַטאָר, איידער ער איז אריין אין

קייזער׳ס קאַבינעט מיט זיינע בעריכטען, האָט פריהער געהאַט אַ געשפּרעך מיט׳ן קייזער׳ס לייב־דיענער, אויסצוגעפינען אין וואָס פאַר אַ שטימונג זיין הערר איז היינט; און לויט נאָך דער שטימונג נאָך פלעגט ער פאָרלעגען פאַר איהם עפּעס אַ פערוויקעלטען עסק, אָדער לאָזען עס ליעגען אויפ׳ן דעק פון דעם פּאָרטפּעל, האָפענדיג אויף אַ מזל׳דיגערען טאָג. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מזרח־סיביר, ווען ער איז געקומען אין פּעטערבורג, פלעגט ער יעדעס מאָל שיקען זיין לייב־אַדיוטאַנט מיט אַ שעהנער מתנה פאַר דעם קייזער׳ס לייב־דיענער. „עס גיבען טעג“, פלעגט ער זאָגען, „ווען דער קייזער קען אַריינקומען אין כעס און בעפעהלען אַן אויספאָרשענדע אונטערזוכונג אויף יעדען איינעם און אויך אויף מיר, ווען איך זאָל איהם אין אַזאַ טאָג פאָרלעגען געוויסע בעריכטען; בעת עס גיבען אַנדערע טעג, ווען אַלעס וועט אַרונטערגעהן גאַנץ גלאַט. אַ טהייערער מענש דער דאָזיגער לייב־דיענער.“ צו וויסען פון טאָג צו טאָג דעם קייזער׳ס געמיטהס־צושטאַנד איז געווען אַ וויכטיגער טייל פון דער קונסט אָנצוהאַלטען אַ הויכע שטעלע — אַ קונסט וועלכע גראַף שואוואַלאָף און גענעראַל טרעפּאָף האָבען שפּעטער־צו פערשטאַנען ביז צו פאָלקאָמענהייט. אויך גראַף איגנאַטיעף, אורטיילענדיג פון דעם וואָס איך האָב פון איהם געזעהן, האָט בעזעסען די דאָזיגע קונסט, אפילו אָהן דער הילף פון דעם לייב־דיענער.

אין אָנהויב פון מיין דיענסט האָב איך געפיהלט אַ גרויסע אַכטונג צו אַלעקסאַנדער דעם 2טען, דעם בעפרייער פון די לייבאייגענע. די פאַנטאַזיע טראָגט אָפטמאָל אַ יונגען מענשען אַוועק ווייט פון די ווירקליכקייטען פון דעם מאָמענט, און מיין געמיטהס־צושטאַנד איז דעמאָלט געווען אַזעלכער, אַז אין פאַל אימיצער וואָלט געמאַכט אַן אָנגריף אויפ׳ן קייזער אין מיין געגענוואַרט, וואָלט איך איהם בעשיצט מיט מיין קערפּער. איין טאָג, אָנהויב יאַנואַר 1862, האָב איך איהם געזעהן אַרויסטרעטענדיג פון דער פּראָצעסיע און אַוועקגעהענדיג געשווינד איינער אַליין צו די זאַאַלען, וואו טיילען פון אַלע רעגימענטען פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן זיינען געווען אויסגעשטעלט פאַר אַ פּאַראַד. געוועהנליך פלעגט דער פּאַראַד אָבגעהאַלטען ווערען אין דרויסען, דעם יאָהר אָבער, צוליעב דעם פראָסט, איז ער אָבגעהאַלטען געוואָרען אינווענדיג, און אַלעקסאַנדער דער 2טער, וועלכער פלעגט געוועהנליך אויף די רעוויזיעס רייטען אין פולען גאַלאָפּ פאַראויס פאַר די סאָלדאַטען, האָט איצטער געמוזט מאַרשירען אין פראָנט פון די רעגימענטען. איך האָב געוואוסט אַז מיינע הויף־פליכטען ענדיגען זיך אַזוי געשווינד ווי דער קייזער טרעט אַריין

אין דער ראָלע פון מיליטערישען קאָמאַנדיר פון די פּאָלקען, און אַז איך דאַרף איהם בעגלייטען ביז אהער, אָבער ניט ווייטער. ארומקוקענדיג זיך אָבער, האָב איך בעמערקט אַז ער איז גאַנץ אַליין. די צוויי אדיוטאַנ־טען זיינען פערשוואונדען געוואָרען, און קיינער פון זיין סוויטע איז ניט געווען מיט איהם. „איך וועל איהם ניט לאָזען אַליין!“ האָב איך געזאָגט צו זיך, און האָב איהם נאָכגעפאָלגט.

צי אַלעקסאַנדער דער 2טער איז געווען אין גרויס איילענים יענעם טאָג, צי ער האָט געהאַט אַנדערע אורזאַכען צו וועלען אַז דער מושטיר זאָל זיך ענדיגען אַזוי גיך ווי מעגליך, קען איך ניט זאָגען; ער האָט זיך אָבער געיאָגט אין פראָנט פון די פּאָלקען, און פערביימאַרשירט זייערע רייהען מיט אַזאַ געשווינדקייט, מאַכענדיג אַזעלכע גרויסע און שנעלע שפּרייזען — ער איז געווען זעהר הויך — אַז ס'איז מיר שווער אָנגעקו־מען איהם נאָכצוהאַלטען, מאַכענדיג די גיכסטע און די גרעסטע שפּרייזען, און ערטערווייז האָב איך פשוט געמוזט אונטערלויפען, כדי איך זאָל זיך קענען האַלטען ניט ווייט פון איהם. ער האָט זיך געיאָגט אַזוי ווי ער וואָלט ענטלאָפען פון אַ געפאַהר. זיין אויפרעגונג האָט זיך אריבערגעטראָגען צו מיר, און איך בין געווען גרייט אַ שפּרונג צו טהאָן איהם פאָראויס, ווען נויטיג, בעדויערענדיג נאָר וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך דעם אַרטי־לעריע שווערד און ניט מיין אייגענעם, וועלכער האָט געשניטען קופער און איז געווען אַ סך אַ בעסערע וואַפע. ערשט ווען ער איז פערביי דעם פראָנט פון דעם לעצטען באַטאַליאָן האָט ער אָנגעהויבען געהן לאַנגזאַ־מער, און אריינגעהענדיג אין אַן אַנדער זאַל האָט ער זיך ארומגעקוקט און בעגעגענט מיט מיינע אויגען, וועלכע האָבען געפלאַמט פון דער אויפ־רעגונג פון דעם דאָזיגען משוגע'נעם מאַרש. דער אינגערער אדיוטאַנט איז געלאָפען אין פולען גאַלאָפּ, מיט צוויי זאַלען הינטער אונז. איך האָב זיך געריכט צו קריגען אַ שטאַרקען פאָרוואורף, אָנשטאָט דעם האָט אַלעקסאַנדער דער 2טער צו מיר אַ זאָג געטהאָן, ארויסגעבענדיג פיללייכט דערמיט זיינע אינערליכע געדאַנקען: ”דו ביזט דאָ? בראַווער יונג!“ און אַוועקגעהענדיג לאַנגזאַם האָט ער געקוקט אין דער ווייטקייט מיט יענעם פראָבלעמאַטישען, צוטראָגענעם בליק, וועלכען איך האָב אָנגעהוי־בען אָפט צו בעמערקען ביי איהם.

אָט אין אַזאַ גייסטיגען צושטאַנד בין איך דעמאָלט געוועזען. אָבער — פערשיידענע קליינע צופאַלען, אַזוי גוט ווי די ענטשיידענע רעאַקציאָנערע פּאָליטיק וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אָנגענ־נומען, האָבען אריינגעבראַכט אַלץ מעהר און מעהר צווייפלען אין מיין האַרצען. יעדען יאָהר, דעם 6טען יאַנואַר, קומט פאָר אין רוסלאַנד אַ

האַלב־קריסטליכע און האַלב־היידנישע צערעמאָניע פון היילִיגען די וואַסערען. מען בויט אויף אַ פּאַוויליאָן אויף דעם טייך נעווא, קעגענאיבער דעם פּאַלאַץ, און די קייזערליכע פאַמיליע, געפיהרט פון די גייסטליכע, מאַרשירט פון פּאַלאַץ, איבער דעם הערליכען טייך־ברעג צום פּאַוויליאָן, וואו עס ווערט געזונגען אַ „טע־דעאום“ און דער צלם ווערט אַבגע'טובל'ט אין די וואַסער פון טייך. טויזענדער מענשען שטעהען ביים ברעג און אויפ'ן אייז פון דער נעווא, בייצואוואוינען די צערעמאָניע פון וויטען. אַלע מוזען שטעהן מיט בלויזע קעפּ אין דער צייט פון דעם גאָטעס־דיענסט. אַזוי ווי דאָס יאָהר איז גראָדע געווען אַ שאַרפליכער פראָסט, האָט אַן אַלטער גענעראַל געהאַט אָנגעטהאָן אַ פּאַרוק, און אַ שלעפּ טהאָענדיג די היטעל אין דער גיך, האָט זיך דער פּאַרוק לויז געמאַכט און דער גענעראַל האָט ניט בעמערקט, אַז ער איז איהם געבליבען ליעגען אויפ'ן קאָפּ אָן־אַ־זייט. דער גרויספירסט קאָנסטאַנטין האָט דאָס דער־זעהן, און די גאַנצע צייט וואָס מען האָט געזונגען דעם „טע־דעאום“ האָט ער, צוזאַמען מיט די אינגערע גרויספירסטען, געהאַלטען אין איין לאַכען קוקענדיג אין דער זייט וואו דער אָרעמער גענעראַל איז געשטאַנען און האָט נאַריש געשמייכעלט, ניט וויסענדיג מיט וואָס ער מאַכט זיי אַזוי צום לאַכען. צום סוף האָט קאָנסטאַנטין אין דער שטיל אָנגעוויזען דערויף דעם קייזער, וועלכער האָט אויך געקוקט אויפ'ן גענעראַל און געלאַכט.

עטליכע מינוטען שפּעטער, ווען די פּראָצעסיע איז ווידער אַמאָל דורכגעגאַנגען דעם ברעג, אויפ'ן וועג צוריק צום פּאַלאַץ, האָט זיך אַן אַלטער פּויער, אויך מיט אַ בלויזען קאָפּ, דורכגעשטופּט דורך דער דאָפּעלטער רייהע פון סאָלדאַטען, וואָס האָט אַרומגעצאַמט דעם וועג פון דער פּראָצעסיע, און איז געפאַלען אויף די קניע הארט נעבען דעם קייזער'ס פיס, האַלטענדיג אויסגעשטעלט אַ פּעטיציע, און אויסשרייענדיג מיט טרעהרען אין די אויגען, „פּאָטער'ל, פערטיידיג אונז!“ דורות פון אונטערדריקונג פון דעם רוסישען פּויערנטום איז געלעגען אין זיין אויס־געשריי; אָבער אַלעקסאַנדער דער 2טער, וועלכער האָט מיט עטליכע מינוט פריהער געלאַכט אין דער צייט פון קירכען־דיענסט פון אַ פּאַרוק וואָס איז געלעגען ניט ווי עס דאַרף צו זיין, איז איצט פערבייגעגאַנגען דעם פּויער זיך גאָר ניט אומקוקענדיג אויף איהם. איך בין געגאַנגען הארט הינטער'ן קייזער און האָב נאָר בעמערקט אין איהם אַ שוידער פון שרעק, ווען דער פּויער האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען, און ער איז זיך געגאַנגען ווייטער, ניט געפינענדיג פאַר ווירדיג אפילו צוצוואַרפען אַ בליק אויף דער מענשליכער פיגור וואָס איז געלעגען נעבען זיינע פיס. איך האָב מיך אַרומגעקוקט. דער אַדיוטאַנט איז ניט געווען; דער גרויספירסט קאָנ־

סטאַנטין, וועלכער איז געגאַנגען נאָכ'ן קייזער האָט זיך אויך ניט מעהר אומגעקוקט אויפ'ן פויער ווי זיין ברודער; ס'איז אפילו ניט געווען אימי־צער וואָס זאָל די פּעטיציע צונעהמען, דאַן האָב איך זי צוגענומען, כאָטש איך האָב געוואוסט אַז איך וועל קריגען אַ פאָרוואורף פאַר וואָס איך האָב עס געטהאָן. עס איז ניט געווען מיין עסק אויפצונעהמען פּעטיציעס, איך האָב אָבער געוואוסט ווי שווער עס האָט געמוזט אָנקומען דעם פויער איידער ער האָט זיך דערשלאָגען זיין וועג צו דער הויפּטשטאָדט, און דערנאָך דורך די רייהען פּאָליציסטען און סאָלדאַטען. אַזוי ווי אַלע פויערים וואָס דערלאַנגען פּעטיציעס דעם צאַר, האָט איהם ערוואַרטעט ארעסטירט צו ווערען ווער ווייס אויף ווי לאַנג.

אין דעם טאָג פון דער בעפרייאונג פון די לייבאייגענע איז אַלעק־סאַנדער דער 2טער פערגעטערט געוואָרען אין פּעטערבורג; עס איז אָבער העכסט מערקווירדיג, וואָס מיט דער אויסנאַהמע פון יענעם מאָמענט פון אַלגעמיינעם ענטהוזיאַזם, איז ער אין שטאָדט ניט געווען בעליעבט. זיין ברודער ניקאָליי — קיינער האָט ניט געקענט זאָגען פאַר וואָס — איז לכל הפּחות געווען פּאָפּולער צווישען די קליין־הענדלער און די דראָש־קארעס; אָבער ניט אַלעקסאַנדער דער 2טער, ניט זיין ברודער קאָנסטאַנ־טין, דער פיהרער פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי, ניט זיין דריטער ברודער, מיכאַיל, האָבען געוואונען די הערצער פון וועלכען עס איז קלאָס מענשען אין פּעטערבורג. ביי אַלעקסאַנדער דעם 2טען איז פערבליבען צו־פיעל פון זיין פּאָטער'ס דעספּאָטישען כאַראַקטער, וועלכער פלעגט זיך פון צייט צו צייט ארויסרייסען פון זיינע געוועהנליכע גוטהערציגע מאַנערען. ער פלעגט לייכט אויפגערעגט ווערען, און האָט אָפט בעהאַנדעלט זיינע הויפלייט אויף דעם פערעכטליכסטען אופן. ער איז ניט געווען, דאָס וואָס מען קען אָנרופען, אַ מענש אויף וועמען מען קען זיך פערלאָזען, סיי אין זיין פּאָליטיק און סיי אין זיינע פּערזענליכע סימפּאַטיען, און ער איז געווען אַ בעל נוקם. איך צווייפעל צי ער איז געווען ערנסט צוגעטהאָן צו וועמען עס איז. אייניגע מענשען וואָס זיינען געשטאַנען זעהר נאָהענט צו איהם האָבען געהערט צו דעם ערגסטען מין — גראַף אדעלבערג, צום ביישפּיעל, פאַר וועמען ער האָט עטליכע מאָל כסדר געדאַרפט בעצאָהלען זיינע אונגעהייערע חובות, און אַנדערע וועלכע זיינען בעריהמט געווען פאַר זייערע קאָלאָסאַלע גנבות. זינט דעם יאָהר 1862 האָט ער אָנגעהוי־בען בעווייזען אַז ער קען ווידער איינפיהרען די ערגסטע מעשים פון זיין פּאָטער'ס הערשאַפט. עס איז געווען בעוואוסט, אַז ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט דורכפיהרען אַ רייהע פון וויכטיגע רעפאָרמען אין דער געריכט־

ליכער אָרגאַניזאַציע און אין דער אַרמעע; אַז די שרעקליכע קערפּערליכע בעשטראָפונגען האָבען געהאַלטען ביים אָבגעשאַפט ווערען און אַז אַ מין לאָקאַלע זעלבסט־רעגיערונג, און אפשר אויך אַ וועלכע עס איז קאָנסטי־טוציע, וועט געגעבען ווערען. אָבער די קלענסטע אונאָרדנונג איז אונטער זיינע בעפעהלען אונטערדריקט געוואָרען מיט דער גרויזאַמסטער שטרענג־קייט; ער האָט יעדע בעוועגונג אָנגענומען אַלס אַ פּערזענליכע בעליידי־גונג, אַזוי אַז מען האָט פון איהם יעדע מינוט געמעגט ערווארטען די רעאַקציאָנערסטע מאַסרעגעלען.

די אונאָרדנונגען וואָס האָבען אויסגעבראָכען אין אָקטאָבער 1861 אין פּעטערבורג, מאָסקווע און קאַזאַן, זיינען אונטערדריקט געוואָרען וואָס אַמאָל מיט אַ גרעסערער שטרענגקייט. די פּעטערבורגער אוניווערזיטעטען זיינען פערמאַכט געוואָרען, און ווען די מייסטע פּראָפעסאָרען האָבען געעפענט פרייע קורסען אין ראַטהויז, זיינען זיי אויך באַלד געשלאָסען געוואָרען, און די בעסטע פּראָפעסאָרען האָבען פערלאָזען די אוניווערזי־טעט. גלייך נאָך דער אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט האָט זיך אָנגעהוי־בען אַ גרויסע בעוועגונג צו עפענען זונטאָגס־שולען; זיי זיינען געעפענט געוואָרען איבעראַל פון פּריוואַט־פּערזאָנען און געמיינדען — אַלע לעהרער זיינען געווען פרייוויליגע — און די פּויערים און ארבייטער, אַלטע און יונגע, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין די דאָזיגע שולען. אָפיצירען, סטו־דענטען, אפילו עטליכע פּאַזשען, זיינען געוואָרען לעהרער; און עס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אַזעלכע אויסגעצייכענטע מעטאָדען, אַז עס איז אונז געלונגען (אַזוי ווי רוסיש האָט אַ פאָנעטישע אויסלעגונג) אויסצו־לערנען אַ פּויער לייענען אין ניין אָדער צעהן לעקציעס. אָבער פּלוצלינג זיינען אַלע זונטאָג־עולען, אין וועלכע מאַסען פּויערים וואָלטען זיך אין עטליכע יאָהר צייט אויסגעלערענט לייענען אָהן וועלכע עס איז קאָסטען פאַר'ן שטאַאַט, געשלאָסען געוואָרען. אין פּוילען, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ רייהע פון פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס, האָט מען ארויסגעשיקט קאָזאַקען מיט זייערע נאַגאַיקעס פונאַנדערצוטרייבען די מאַסען, און צו אַרעסטירען מיט זייער געוועהנליכער ברוליטאַט הונדערטער מענשען אין די קירכען. מענשען זיינען געשאָסען געוואָרען אין די גאַסען פון וואַרשאַ אין ענדע פון 1861, און אויף צו אונטערדריקען די עטליכע פּויערים־אויפשטאַנדען וואָס האָבען אויסגעבראָכען, האָט מען זיך בענוצט מיט דעם שוידערליכען שמייסען, טרייבענדיג דורך צוויי רייהען סאָלדאַטען — די ליעבלינגס־שטראָף פון ניקאָלאַי דעם 1טען. נאָך אין 1862 האָט מען שוין געקענט אַרויסזעהן דעם דעספּאָט, וואָס אַלעקסאַנ־דער דער 2טער איז געוואָרען אין די יאָהרען 81—1870.

פון דער גאַנצער קייזערליכער פאַמיליע איז די קייזערין מאַריאַ אַלעקסאַנדראָווונאַ אָהן צווייפעל געווען די מייסט סימפּאַטישע. זי איז געווען אויפריכטיג, און ווען זי האָט געזאָגט עטוואָס אנגענעהמעס האָט זי עס געמיינט. דער אופן ווי זי האָט מיך אַמאָל בעדאַנקט פאַר אַ קליינער העפליכקייט (דאָס איז געווען נאָך איהר עמפּאַנגען דעם אַמבאַסאַדאָר פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, וועלכער איז נאָר־וואָס געווען געקומען אין פּעטערבורג) האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק: עס איז ניט געווען די אָרט און ווייזע פון אַ דאַמע וואָס איז פערדאָרבען געוואָרען דורך העפליכקייטען, ווי מען שטעלט זיך פאָר אַז אַ קייזערין איז. אין איהר פאַמיליען־לעבען איז זי זיכער ניט געווען גליקליך; זי איז אויך ניט געווען בעליעבט ביי די הויף־דאַמען, וועלכע האָבען איהר געהאַלטען פאַר צו־שטרענג, און האָבען ניט געקענט פערשטעהן וואָרום זי נעהמט זיך אַזוי צום האַרצען איהר מאַן׳ס חטאים. איצטער ווייס מען אַז זי האָט געשפּיעלט ניט קיין אונבעדייטענדע ראָלע אין דער דורכפיהרונג פון דער אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט. אָבער צו יענער צייט, ווייזט אויס, האָט מען ווייניג געוואוסט וועגען איהר איינפלוס אין דער דאָזיגער ריכטונג, ווייל דער גרויספירסט קאָנסטאַנטין און די גרויספירסטין העלענאַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־שטיצע פון ניקאָליי מיליוטין אין הויף, זיינען בעטראַכט געוואָרען אַלס די צוויי פיהרער פון דער רעפאָרם־פּאַרטיי אין די פּאַלאַץ־קרייזען. די קייזערינע איז געווען בעסער בעקאַנט פאַר דער ענטשלאָסענער שטעלונג וואָס זי האָט גענומען אין איינפיהרען די גימנאַזיעס פאַר מיידלעך, וועלכע האָבען גלייך ביים אָנהויב געקראָגען אַ מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע און אַן אמת דעמאָקראַטישען כאַראַקטער. איהרע פריינדליכע בעציהונגען מיט דעם גרויסען פּעדאַגאָג אושינסקי האָבען איהם געראַטעוועט פון צו טיילען דעם גורל פון אַלע בעריהמטע מענער פון יענער צייט — דאָס הייסט פון צו ווערען פערשיקט.

זייענדיג אַליין גוט געבילדעט, האָט מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געטהאָן דאָס בעסטע וואָס זי האָט געקענט צו געבען איהר עלטסטען זוהן אַ גוטע בילדונג. די בעסטע מענער אין אַלע צווייגען פון וויסענשאַפט זיינען אויסגעזוכט געוואָרען אַלס לעהרער, און זי האָט אפילו קאַוועלין׳ען איינגעלאַדען פאַר דעם דאָזיגען צוועק, כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגען זיינע פריינדליכע בעציהונגען מיט הערצען׳ען. ווען ער האָט איהר דערמאָנט אָן דער דאָזיגער פריינדשאַפט, האָט זי געענטפערט אַז זי האָט קיין שנאה ניט צו הערצען׳ען, אחוץ פאַר דער שטאַרקער שפּראַך וואָס ער געברויכט נעגען דער קייזערין־אַלמנה.

דער קרוין־פּרינץ איז געווען אויסנעהמליך שעהן — אפשר שוין אביסעל צו־ווייבליך שעהן. ער איז גאָר ניט געווען שטאָלץ, און אין דער צייט פון די „הויף־צערעמאָניעס“ פלעגט ער זיך אונטערהאַלטען מיט די הויף־פּאַזשען אויף דעם קאַמעראַדשאַפטליכסטען אופן. (איך געדענק אפילו, אז אויף אַן אויפנאהמע פון דער דיפּלאָמאַטישער געזעלשאַפט אין ניי־יאָהר׳ס־טאָג, האָב איך פּרובירט מאכען איהם אנערקענען די איינ־פאַכקייט פון דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר׳ס מונדיר, אין פערגלייך מיט די פּאָפּאָגייאיש־קאָלירטע מונדירען פון די איבעריגע אַמבאַסאַדאָרס.) אָבער — די וואָס האָבען איהם גוט געקענט, האָבען איהם בעצייכענט אַלס א גרויסען עגאָאיסט, א מענש וואָס איז אבסאָלוט אונפעהיג צו שליסען פריינדשאַפט מיט וועמען עס איז. דער דאָזיגער צוג איז געווען בולט אין איהם, נאָך מעהר אפילו ווי ביי זיין פאָטער. וואָס איז שייך זיין בילדונג, זיינען אַלע אָנשטרענגונגען פון זיין מוטער געווען ארויס־געוואָרפען. אין 1861 האָבען זיך זיינע עקזאַמענס, וועלכע ער האָט אָבגעגעבען אין זיין פאָטער׳ס אַנוועזענהייט, ארויסגעשטעלט אַלס א מיאוס׳ער דורכפאַל, און איך געדענק, ווי אויף א פּאַראַד פון וועלכען דער קרוין־פּרינץ איז געווען דער קאָמאַנדיר, און בעת וועלכען ער האָט געמאַכט עפּעס א טעות, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער אויסגעשריען אין דער הויף, אזוי אז יעדערער האָט עס געקענט הערען, „אפילו דאָס האָסטו זיך ניט געקענט אויסלערנען!“ ער איז געשטאָרבען, ווי עס איז בעקאַנט, אין עלטער פון צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, פון עפּעס א רוקען־ביין קראַנקהייט.

זיין ברודער, אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געוואָרען יורש־עצר אין 1865, און שפּעטער־צו אַלעקסאַנדער דער 3טער, איז געווען פּונקט דער געגענזאַץ פון ניקאָליי אַלעקסאַנדראָוויטש. ער האָט מיך אזוי שטאַרק דערמאָנט אָן פּאַוועל דעם ערשטען מיט זיין פּנים, מיט זיין פיגור, און מיט דעם איבערנעהמען זיך מיט זיין אייגענער גרויסקייט, אז איך פלעג זאָגען, „אויב ער וועט אמאָל רעגיערען, וועט ער זיין א צווייטער פּאַוועל דער 1טער אין גאַטשינא פּאַלאַץ, און וועט האָבען דעם אייגענעם סוף וואָס זיין זיידע האָט געהאַט פון די הענד פון זיינע אייגענע הויף־מענשען“. ער האָט זיך עקשנות׳דיג ענטזאַגט פון לערנען. מען האָט געמורמעלט אז אַלעקסאַנדער דער צווייטער, האָבענדיג געהאַט אזוי פיעל שוועריגקייטען מיט זיין ברודער קאָנסטאַנטין, וועלכער איז געווען בעסער געבילדעט ווי ער אַליין, האָט עס געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע אוועקצו־געבען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפ׳ן טראָהן־פאָלגער און האָט פערנאַכלעסיגט די ערציהונג פון זיינע איבעריגע זיהן. איך צווייפעל

אָבער צי דאָס איז געווען דער פּאַל: אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געמוזט זיין אונפעהיג פאר וועלכער עס איז בילדונג פון קינדווייז אָן. עס איז א פאקט, אז זיין אויסלעגען, וואָס איך האָב אמאָל געזעהן אין די טעלעגראַמען וואָס ער האָט געשיקט צו זיין כלה אין קאָפּענהאַגען, איז געווען אַזוי שלעכט, אַז איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלען עפּעס אַזוינס.

מען זאָגט אַז ער האָט זיך געבעסערט אין זיינע מאַנערען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען; אָבער אין 1870, און אויך א סך שפּעטער, איז ער געווען א ריכטיגער אָבשטאַמלינג פון פּאַוועל דעם 1טען. איך האָב געקאָנט אין פּעטערבורג אַן אָפיציר פון שוועדישער אָבשטאַמונג (פון פינלאַנד), וועלכען מען האָט געשיקט אין די פעראייניגטע שטאַאטען צו בעשטעלען ביקסען פאר דער רוסישער אַרמעע. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געדאַרפט אָבגעבען א בעריכט וועגען זיין מיסיאָן צו אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשען, וועלכער איז געווען ממונה אַכטונג צו געבען אויף דער בעוואַפנונג פון דער אַרמעע. אין פערלויף פון דער אונטעררעדונג, האָט דער צאַרעוויטש, לויז לאָזענדיג זיינע ווילדע געבליטען, אָנגעהויבען זידלען דעם אָפיציר, וועלכער האָט איהם וואהרשיינליך געענטפערט מיט ווירדע. דאַן איז דער פּרינץ אריינגעפאַלען אין אַן אמת׳ער רציחה און בעליידיגט דעם אָפיציר מיט גראָבע ווערטער. דער אָפיציר, וועלכער האָט געהערט צו יענעם טיפּ פון גאַנץ לאָיאַלע אָבער זעלבסט־רעספּעקטירענדע מענשען וועלכע מען בעגעגענט זעהר אָפט צווישען דעם שוועדישען אדעל אין רוסלאַנד, איז גלייך אַוועקגעגאַנגען און אָנגעשריבען א בריעף, אין וועלכען ער האָט פערלאַנגט פון דעם קרוין־פּרינץ זיך צו ענטשולדיגען אין צייט פון פיער־און־צוואַנציג שטונדען, צולעגענדיג אַז אויב די ענטשול־דיגונג וועט ניט קומען וועט ער זיך דערשיסען. דאָס איז געווען א מין יאַפּאַנישער דועל. אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קיין ענטשול־דיגונג ניט געשיקט, און דער אָפיציר האָט געהאַלטען זיין וואָרט. איך האָב איהם געזעהן אין דעם הויז פון א גוטען פריינד מיינעם, זיינער אַן אינ־טימער פריינד, בעת ער האָט יעדע מינוט זיך געריכט צו ערהאַלטען די ענטשולדיגונג. אויף׳ן צווייטען טאָג איז ער געווען טויט. דער צאַר איז געווען זעהר בייז אויף זיין זוהן, און האָט איהם בעפוילען ער זאָל נאָכ־געהן דעם טויטען־וואָגען פון דעם אָפיציר ביז צום קבר. אָבער אפילו די דאָזיגע שרעקליכע לעקציע האָט ניט אויסגעהיילט דעם יונגען מענשען פון זיין ראָמאַנישער עזות׳קייט און רציחה.

דריטער טייל

סיביר

I

אין מיטען מאַי 1867, עטליכע וואָכען פאַר אונזערע עקזאַמענס, האָט מיר דער קאַפּיטאַן איין טאָג געהייסען צוזאַמענשטעלען די לעצטע רשימה פון די רעגימענטען, אָן וועלכע יעדער איינער פון אונז האָט בדעה געהאַט זיך אָנצושליסען. מיר האָבען געהאַט די ברירה זיך אויסצוקלייבען וועלכען עס איז פּאָלק אין דער גוואַרדיע, וואו מיר האָבען געקענט אַריינטרעטען מיט דעם ערשטען ראַנג פון אָפיציר, און אין דער אַרמעע מיט דעם דריטען ראַנג פון לייטענאַנט. איך האָב גענומען אַ רייסטער פון אונזער קלאַס און בין אַרומגעגאַנגען פרעגען צווישען מיינע חברים. יעדער איינער האָט גוט געוואוסט וועלכען רעגימענט ער וועט זיך אָנשליסען, די מייסטע פון זיי האָבען שוין אין גאָרטען געטראָגען די אָפיצירסקע היטלען פון יענע רעגימענטען.

„איהר מאַיעסטעט'ס קוראַסירען", „די פּרעאָבראַזשענסקי לייב־גוואַרדיע", „די פערד־גוואַרדיע", זיינען געווען די ענטפערס וואָס איך האָב פערשריבען אין מיין רשימה.

„און דו, קראָפּאָטקין? די אַרטילעריע? די קאָזאַקען?" — האָט מען מיך געפרעגט פון אַלע זייטען. איך האָב די דאָזיגע פראַגען ניט געקענט פערטראָגען, און צום סוף, בעטענדיג אַ חבר ער זאָל פערענדיגען די רשימה, בין איך אַוועק אין מיין צימער נאָך אַמאָל איבערצודענקען מיין לעצטען בעשלוס.

איך האָב שוין לאַנג געהאַט בעשלאָסען ניט אַריינצוטרעטען אין אַ גוואַרדיע רעגימענט און אַוועקגעבען מיין לעבען אויף פּאַראַדען און הויפבעלער. מיין טרוים איז געווען אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט — צו שטודירען, צו פיהרען אַ לעבען פון אַ סטודענט. דאָס, פערשטעהט זיך, האָט געהייסען אין גאַנצען איינצורייסען מיט מיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס און פערלאָזען זיך אויף דעם וואָס איך וועל קענען פערדיענען דורך געבען לעקציעס, כדי צו מאַכען אַ לעבען. טויזענדער רוסישע סטודענטען לעבען אויף דעם שטיינער, און אַזאַ לעבען האָט מיך ניט אויף אַ האָר אָבגעשראָקען. אָבער — ווי אַזוי קומט מען אַריבער

די ערשטע שטיקעל צייט פון אזא לעבען? אין עטליכע וואָכען ארום וועל איך מוזען פערלאָזען די שולע, אָנטהאָן מיינע אייגענע בגדים, קריגען אַן אייגענע קווארטיר, און איך האָב ניט געזעהן קיין מעגליכקייט ווי זיך צו פערשאפען דאָס ביסעל געלד וואָס וועט נויטיג זיין אפילו פאַר דעם בעט־יידענסטען אָנהויב. ניט קענענדיג צוקומען צו דער אוניווערזיטעט, האָב איך די לעצטע צייט אָפט געטראַכט אז איך וואָלט געקענט אריינ־טרעטען אין דער ארטילעריע אקאדעמיע. דאָס וואָלט מיך אויף צוויי יאָהר בעפרייט פון דער לאַסט פון דעם מיליטער־דיענסט, און צוזאַמען מיט די מיליטערישע וויסענשאַפטען וואָלט איך געקענט שטודירען מאטעמאטיק און פיזיק. אָבער — עס האָט געבלאָזען א רעאקציאָנערער ווינד, און די אָפיצירען פון די אקאדעמיעס זיינען דעם פערגאַנגענעם ווינטער בעהאַנ־דעלט געוואָרען אזוי ווי זיי וואָלטען געווען שול־קינדער; אין צוויי אקאַ־דעמיעס האָבען זיי רעוואָלטירט, און פון איינער זיינען זיי ארויסגעטרע־טען אין א קערפּערשאַפט.

מיינע געדאַנקען האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר געווענדעט צו סיביר. דער אַמור געגענד איז ניט לאַנג צוריק איינגענומען געוואָרען פון רוס־לאַנד; איך האָב געהאַט געלייענט אַלעס וועגען דעם דאָזיגען טייך — די מיסיסיפּי פון מזרח, וועגען די בערג וואָס ער שניידט דורך, וועגען די טראָפּישע געוויקסען פון צו־פליסענדען אוזורי־טייך, און מיינע געדאַנקען זיינען געגאַנגען ווייטער — צו די טראָפּישע געגענדען וועלכע הומבאָלדט האָט בעשריבען, און צו די גרויסע גענעראַליזאַציעס פון ריטטער, וועלכע איך האָב ליעב געהאַט צו לייענען. אויסער דעם האָב איך מיר געטראַכט, אַז סיביר איז אַן אונגעהייער פעלד אָנצוואָווענדען די גרויסע רעפאָרמען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אָדער האַלטען אין קומען: טהוער מוזען דאָרטען זיין ווייניג, און איך וועל געפינען א פעלד פאַר טהעטיגקייט לויט מיין געשמאַק. דאָס ערגסטע איז וואָס איך וואָלט זיך געדאַרפט שיידען מיט מיין ברודער אַלעקסאַנדער; ער איז אָבער געווען געצוואונגען צו פערלאָזען די מאָסקווער אוניווערזיטעט נאָך די לעצטע אונרוהען, און אין א יאָהר אָדער צוויי, האָב איך מיך משער געווען (און מיין השערה איז געווען א ריכטיגע), וועלען מיר אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערען זיין צוזאַמען. ס'איז מיר נאָר געבליבען אויסצוקלייבען דעם רעגימענט אין דעם אַמור־געגענד. דער אוזורי האָט מיך אַם מייסטען צוגעצויגען; אָבער, ליידער, איז אויף דעם אוזורי געווען ניט מעהר ווי איין רעגימענט פון אינפאַנטעריע קאָזאַקען. א קאָזאַק אָהן א פערד — דאָס איז שוין געווען צו־פּראָסט פאַר א אינגעל ווי איך בין נאָך דעמאָלט געווען, און איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף „די רייט־קאָזאַקען פון דעם אַמור".

אזוי האָב איך טאָקע פערשריבען אויף דער רשימה, שטאַרק איבער־ראַשענדיג דערמיט אַלע מיינע חברים. „ס'איז אַזוי ווייט", האָבען זיי געזאָגט", בעת מיין פריינד דאוראָף האָט אַ כאַפּ געטהאָן דאָס אָפּיצירסקע האַנד־בוך און געלייענט פון דאָרט, אָנוואָרפענדיג אַ שרעק אויף אַלע אַנוועזענדע: „דער מונדיר שוואַרץ, מיט אַן איינפאַכען רויטען קאָלנער אָהן עפּאָלעטען; אַ פוטערנע היטעל פון הינטישע אָדער וועלכע עס איז אַנדערע פעל; די הויזען גרוי".

„בעטראַכט דעם מונדיר!" האָט ער אויסגערופען. — „מילא פון דער היטעל איז אָבגערעדט! וועסט קענען טראָגען אַ היטעל פון וואָלפען־אָדער בערען־פוטער; אָבער דענק נאָר פון די הויזען! גרויע, ווי פון אַ פּראָסטען סאָלדאַט!" נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט לייענען האָט דאָס שטוינען פון מיינע חברים דערגרייכט דעם העכסטען פונקט.

איך האָב געשפּאַסט אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט, און האָב אַוועק־גענומען די רשימה צום קאַפּיטאַן.

„קראָפּאָטקין מוז זיך שטענדיג מאַכען זיינע שפּאַסען!" האָט ער אויסגעשריען. האָב איך דיר ניט געזאָגט אַז די רשימה מוז נאָך היינט אַוועקגעשיקט ווערען צום גרויספירסט?"

ס'איז מיר אָנגעקומען שווער איהם צו מאַכען גלויבען, אַז דאָס וואָס ס'איז פערשריבען אין דער רשימה איז ווירקליך מיין אַבזיכט.

אויף מאָרגען אָבער, ווען איך האָב געזעהן ווי קלאַסאָווסקי האָט מיין בעשלוס בעגעגענט, האָב איך איהם שיער ניט אויפגעגעבען. ער האָט געהאָפּט מיך צו זעהן אין דער אוניווערזיטעט, און צוליעב דעם צוועק האָט ער מיר געגעבען לעקציעס אין לאַטיין און גריכיש; איך האָב אָבער קיין מוטה ניט געהאַט איהם צו דערצעהלען וואָס עס האָט מיך באמת צוריק־געהאַלטען פון אַריינטרעטען אין דער אוניווערזיטעט: איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך וואָלט איהם אויסגעזאָגט דעם אמת, וואָלט ער מיך אָנגעבאָ־טען צו טיילען זיך מיט איהם דאָס ביסעל וואָס ער האָט פערמאָגט.

דאַן האָט מיין פאָטער טעלעגראַפירט צום דירעקטאָר אַז ער פערבאָט מיר צו געהן נאָך סיביר, און די אַנגעלעגענהייט איז רעפּאָרטירט געוואָרען צום גרויספירסט, וועלכער איז געוועזען דער העכסטער בעאַמטער פון די מיליטערישע שולען. זיין געהילף האָט מיך געלאָזט רופען צו זיך, און איך האָב גערעדט וועגען די געוויקסען פון אַמור און דאָס גלייכען, ווייל איך האָב געהאַט שטאַרקע גרינדע צו גלויבען, אַז ווען איך וואָלט געזאָגט אַז איך וויל געהן אין דער אוניווערזיטעט און קען עס ניט בעהויפּטען, וואָלט אימיצער פון דער קייזערליכער פאַמיליע מיר אָנגעבאָטען אַ סטיפּענדיע — אַ זאַך וואָס איך האָב אונטער אַלע אומשטענדען געוואָלט אויסמיידען.

ס'איז אונמעגליך צו זאָגען ווי אזוי די גאַנצע געשיכטע וואָלט זיך געענדיגט, אָבער אַ פּאַסירונג פון גרויס וויכטיגקייט — די גרויסע שרפה אין פּעטערבורג — האָט אויף אַן אינדירעקטען אופן געהאָלפען לייזען מיינע שוועריגקייטען.

דעם מאָנטאג נאָך דעם „דריי־איינינגקייטס" יום־טוב („טראָיצא") — דער טאָג פון דעם הייליגען גייסט, וועלכער איז יענעם יאָהר אויסגעפאַלען דעם 26טען מאי (רוסישען סטיל) — האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער פייער אין דעם אַזוי גערופענעם „אַפּראַקסין דוואָר". דער אַפּראַקסין דוואָר איז געווען אַן אונגעהייערער פּלאַץ, כמעט אַ האַלבער סקווער מייל, וועלכער איז געווען אין גאַנצען בעדעקט מיט קליינע קראָמען — פּשוט'ע הילצערנע ביידלעך — וואו מען האָט פערקויפט אַלערליי אַלטווארג. אַלט מעבעל און בעטגעוואַנד, אָבגעטראָגענע קליידער און אָבגעניצטע ביכער, פון אַלע ווינקעלעך פון שטאָדט, האָט מען דאָרטען צונויפגעטראָגען, און זיי זיינען געווען אָנגעפּאַקט אין די קליינע ביידלעך, אין די דורכגאַנגען, צווישען די ביידלעך, און אַפּילו אויף די דעכער. הינטער דער דאָזיגער צונויפהויפונג פון ברען־מאַטעריאַל האָט זיך געפונען דער מיניסטעריום פון אינערען מיט זיינע אַרכיוועז, וואו אַלע דאָקומענטען וועגען דער בעפרייאונג פון די לייבאייגענע האָבען זיך געפונען; און פון פאָרענט, פערבויט מיט אַ רייהע שטיינערנע קראָמען, איז געווען די שטאַאַט־באַנק. אַ שמאָלע געסעל, אויך פערבויט מיט שטיינערנע קראָמען, האָט אָבגעטיילט דעם אַפּראַקסין דוואָר פון אַ פליגעל פון פּאַזשען קאָרפּוס, פון וועלכען דער אונטערסטער עטאַזש איז געווען פערנומען מיט שפּייזאון אויל־קראָמען און דער אויבערסטער עטאַזש מיט די וואוינונגען פון די אָפיצירען. כמעט אַנטקעגען דעם מיניסטעריום פון אינערען, אויף דער אַנדער זייט פון אַ קאַנאַל, האָבען זיך געפונען גרויסע האָלץ־סקלאַדען. דער לאַבירינט פון די קליינע ביידלעך און די האָלץ־סקלאַדען אַנטקעגען האָבען זיך אָנגעצונדען כמעט אין דער זעלבער מינוט, אום פיער אַ זייגער נאָכמיטאָג.

ווען עס וואָלט געווען אַ ווינד יענעם טאָג, וואָלט אַ האַלבע שטאָדט פערניכטעט געוואָרען אין די פלאַמען, מיט דער באַנק, מיט די פערשיידענע מיניסטעריומס, מיט דעם גאָסטינאַי דוואָר (אַ צווייטער גרויסער פיערעקיגער פּלאַץ פערבויט מיט קראָמען אויפ'ן נעווסקי פּראָספּעקט), מיט דעם פּאַזשען קאָרפּוס, און מיט דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק.

יענעם נאָכמיטאָג בין איך געווען אין קאָרפּוס, צו מיטאָג ביי איינעם פון אונזערע אָפיצירען, און מיר האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צו דעם פּלאַץ,

אזוי געשווינד ווי מיר האָבען בעמערקט דורך די פענסטער די ערשטע וואָלקענס רויך, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען האַרט נעבען אונזער נאָכ־באַרשאַפּט. דער אָנבליק איז געווען שוידערליך. אזוי ווי אַן אונגעהייערע שלאַנג, קנאַקענדיג און פייפענדיג, האָט זיך דער פייער געוואָרפען אויף אַלע זייטען, רעכטס און לינקס, האָט ארומגעוויקעלט די ביידלעך, און פּלוצלינג זיך אויפהויבענדיג אין אַ ריעזיגען זייל, האָט ער אַרויסגעשטעקט זיינע פייפענדיגע צונגען איינצושלינגען די אַנדערע ביידלעך מיט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין זיי. עס איז געוואָרען אַ ווירבעל־שטורעם פון פייער און רויך; און ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומטראָגען אין דער לופט גאַנצע שטראָמען ברענענדיגע פעדערען פון די בעטגעוואַנד קראָמען, איז עס געוואָרען אונמעגליך לענגער צו פערבלייבען אין דעם ברענענ־דיגען מאַרק. מען האָט איהם אין גאַנצען געמוזט אויפגעבען.

די בעאַמטע האָבען אין גאַנצען פערלאָרען די קעפּ. צו יענער צייט איז נאָך ניט געווען קיין איינציגע פייערלעשענדע דאַמפּף־מאַשין אין פּעטערבורג, און אַרבייטער האָבען פאָרגעשלאָגען מען זאָל ברענגען אַ מאַשין פון די אייזען־פאַבריקען אין קאָלפּינאָ, צוואַנציג מייל מיט'ן אייזענבאַהן ווייט פון דער הויפּטשטאָדט. ווען דער פייערלעשער איז אָנגעקומען אויף דער באַהן־סטאַנציאָן, האָט דאָס פאָלק איהם געבראַכט צו שלעפּען צום פּלאַץ פון דער שרפה. איינע פון די פּיער שפּריץ־קישקעס, האָט ווער עס איז געשעדיגט, און די איבעריגע דריי האָט מען אָנגעשטעלט אויף דעם מיניסטעריום פון אינערען.

די גרויספירסטען זיינען געקומען צום פּלאַץ און זיינען צוריק אוועק. שפּעט אין אָבענד, ווען די באַנק איז געווען אויסער געפאַהר, האָט זיך אויך דער קייזער בעוויזען און האָט געזאָגט, דאָס וואָס אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז איצט מוז מען זיך נעהמען צום פּאַזשען קאָרפּוס, און מיט אַלע מיטלען איהם זעהן צו ראַטעווען. עס איז געווען קלאָר אַז ווען דער קאָרפּוס זאָל זיך אָנצינדען, וועט די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק און אַ האַלבער נעווסקי פּראָספּעקט אַרונטער מיט'ן פייער.

עס איז געווען די מאַסע, דאָס פאָלק, וואָס האָט אַלעס געטהאָן כדי אָבצוהאַלטען דעם פייער ער זאָל זיך ניט פערשפּרייטען ווייטער און ווייטער. ס'איז געווען אַ מאָמענט ווען די באַנק איז געווען אין אַן ערנסטער געפאַהר. די סחורות וואָס מען האָט אויסגערייניגט פון די אַנטקעגענדיגע קראָמען האָט מען אַריינגעוואָרפען אין דער סאַדאָוואַיאַ גאַס, און זיי זיינען געווען אָנגעלעגט אין גרויסע קופּעס ביי די וואַנט פון דעם לינקען פליגעל פון דער באַנק. די חפצים וואָס זיינען געלעגען אויף דער גאַס גופא האָבען זיך אַלע ווילע אָנגעצונדען, נאָר דאָס פאָלק, בראָטענדיג זיך אין

דער כמעט אונערטרעגליכער היץ, האָט אָבגעהאַלטען די פלאַמען זיי זאָלען זיך ניט אַריבערטראָגען צו די קופּעס סחורות אויף דער אַנדערער זייט. ניט קריגענדיג אויפ'ן אָרט קיין פּאָמפּע מיט וואָס צו לעשען, האָבען זיי געשאָלטען און געזידעלט אַלע בעאַמטע. „וואָס טהוען זיי דאָרטען אַלע אין דעם מיניסטעריום פון אינערען, ווען די באַנק און דאָס פינדעל־הויז האַלטען זיך ביים אָנצינדען? זיי האָבען אַלע פערלאָרען די קעפּ! וואו איז דער שעף פון דער פּאָליציי, וואָס ער שיקט ניט קיין פייער־בריגאַדע צו דער באַנק?" האָבען זיי גע'טענה'ט. איך האָב געקאָנט דעם שעף, גענעראַל אַננענקאָף, פּערזענליך,ווייל איך האָב איהם איינמאָל אָדער צוויי מאָל געטראָפען ביי אונזער אונטער־אינספּעקטאָר אין הויז, וואו ער פלעגט קומען מיט זיין ברודער, דעם גוט־בעוואוסטען קריטיקער, און איך האָב זיך אונטערגענומען איהם אויסצוגעפינען. איך האָב איהם ווירקליך געפונען אַרומדרעהענדיג זיך אָהן אַ צוועק אין גאַס; און ווען איך האָב איהם איבערגעגעבען דעם צושטאַנד, האָט ער — ווי אונגלויבליך דאָס זאָל זיך ניט אויסווייזען — מיר, אַ אינגעל, געגעבען דעם בעפעהל אַריבערצו־ברענגען איינע פון די פייער־בריגאַדעס פון דעם מיניסטעריום צו דער באַנק. איך האָב איהם נאַטירליך געענטפערט, אַז קיינער וועט מיר אפילו ניט אויסהערען, און האָב פון איהם פערלאַנגט אַז ער זאָל מיר געבען אַ געשריבענעם בעפעהל; אָבער גענעראַל אַננענקאָף האָט ניט געהאַט — אָדער ער האָט זיך געמאַכט אַז ער האָט ניט — אַ שטיקעל פּאַפּיר, און איך האָב געמוזט בעטען איינעם פון אונזערע אָפיצירען, ל. ל. גאָסס, אַז ער זאָל געהן מיט מיר איבערגעבען דעם בעפעהל. ענדליך האָבען מיר גע'־פועל'ט ביי דעם קאַפּיטאַן פון איינע פון די פייער־בריגאַדען — וועלכער האָט געשאָלטען און געזידעלט די גאַנצע וועלט און זיינע עלטסטע — אַריבערצונעהמען זיינע מענשען מיט די מאַשינען צו דער באַנק.

דאָס מיניסטעריום גופא האָט ניט געברענט; די אַרכיווען האָבען געברענט, און אַ סך בחורים, איבערהויפּט קאַדעטען און פּאַזשען, צוזאַמען מיט אַ מאַסע קאַנצעלאַריע־שרייבערס, האָבען אַרויסגעטראָגען פּעקלעך פּאַפּירען פון דער ברענענדיגער געביידע, און זיי אויפגעלאָדען אויף דראָשקעס. אָפטמאָל פלעגט אַ פּעקעל אַרונטערפאַלען און זיך צושיטען. דער ווינד פלעגט אַ כאַפּ טהאָן די בלעטער און זיי פונאַנדערטראָגען איבער'ן פּרייען פּלאַץ. דורכ'ן רויך האָט מען געקענט זעהן אַ ווילדען פייער בושעווענדיג אין די האַליץ־געהעפטען אויף דער אַנדער זייט פון קאַנאַל.

דאָס שמאָלע געסעל וואָס האָט אָבגעטיילט דעם פּאַזשען קאָרפּוס פון אַפּראַקסין דוואָר איז געווען אין אַ קלעגליכען צושטאַנד. די קראָמען וואָס האָבען איהר אַרומגענומען זיינען געווען פול מיט שוועבעל, אויל, טערפּענ־

טין און דאָס גלייכען, און די אונגעהייערע פייער־צונגען פון פערשיידענע קאָלירען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון די עקספּלאָזיאָנען האָבען געלעקט דעם דאַך פון דעם קאָרפּוס־פליגעל, וואָס האָט פערצאַמט דאָס געסעל פון דער אַנדער זייט. די פענסטער און די געזימסען אונטער׳ן דאַך האָבען שוין געהאַט אָנגעהויבען צו סמאַלענען, בעת די פּאַזשען און אַ טייל קאַדעטען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגערייניגט די קוואַרטירען, האָבען געפּומפּעט מיט אַ קליינער לעש־מאַשין דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבען געקראָגען ניט אָפּט און צו ביסלעך פון די אַלטמאָדישע פעסלעך, וואָס מען האָט געמוזט אָנפילען מיט עמערס. אַ פּאָר פייערלייט, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ׳ן הייסען דאַך, האָבען געהאַלטען אין איין שרייען מיט הארצרייסענדע קולות: „וואַסער! וואַסער!“ איך האָב די דאָזיגע קולות ניט געקענט איבערטראָגען, און איך בין אַריבערגעלאָפען אין דער פּאַדאָוואָיאַ גאַס, וואו איך האָב איינפאַך געצוואונגען איינעם פון די טרייבערס פון די דאָזיגע פעסלעך, וואָס האָבען געהערט צו דער פייער־בריגאַדע פון דער פּאָליציי, אַז ער זאָל אַריינפאָהרען אין אונזער הויף און צושטעלען וואַסער פאַר אונזער פּומפּ־מאַשין. ווען איך האָב אָבער פּרובירט אַ צווייטען מאָל צו טהאָן דאָס אייגענע, האָט זיך דער טרייבער אַבסאָלוט ענטזאָגט מיר צו פאָלגען. „איך וועל געשטעלט ווערען אונטער אַ קריעגס־געריכט, ווען איך זאָל דיך געהאָרכען“, האָט ער גע׳טענה׳ט. פון אַלע זייטען האָבען מיך מיינע חברים געטריבען, „גייע געפין אימיצען — דעם שעף פון דער פּאָליציי, דעם גרויספירסט, ווע-מען־עס־איז — און זאָג זיי אַז אָהן וואַסער וועלען מיר מוזען איבערלאָזען דעם קאָרפּוס פאַר׳ן פייער“. „דאַרפען מיר עס ניט רעפּאָרטירען צו אונזער דירעקטאָר?“ האָט אימי־צער בעמערקט. „צום טייוועל מיט דער גאַנצער כאַלאַסטרע! דו וועסט זיי ניט געפינען אפילו מיט אַ לאַנטערנע. גייע און טהו עס אַליין“.

איך האָב נאָך אַמאָל זיך אַוועקגעלאָזט זוכען דעם גענעראַל אַננענ־קאָף, און ענדליך האָט מיר אימיצער געזאָגט אַז ער מוז זיין אויפ׳ן הויף פון דער באַנק. דאָרטען זיינען ווירקליך געשטאַנען עטליכע אָפיצירען אַרום אַ גענעראַל אין וועמען איך האָב דערקענט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּעטערבורג, פּרינץ סואוואָראָף. דער טהויער איז אָבער געווען פערשלאָסען, און אַ באַנק־בעאַמטער וואָס איז דאָרט געשטאַנען האָט זיך ענטזאָגט מיר אַריינצולאָזען. איך האָב אָבער ניט אָבגעטראָטען, איך האָב געסטראַשעט, און ענדליך האָט ער מיך אַריינגעלאָזט. איך בין דאַן גלייך צוגעגאַנגען צו פּרינץ סואוואָראָף, וועלכער האָט געהאַלטען אין שרייבען אַ צעטעלע אויף דער פּלייצע פון זיין אַדיוטאַנט. ווען איך האָב איהם איבערגעגעבען דעם צושטאַנד, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: „ווער האָט דיך געשיקט?“

„קיינער ניט — די חברים", איז געווען מיין ענטפער. „הייסט עס, זאָגסטו, אַז דער קאָרפּוס האַלט זיך ביין אָנצינדען?" „יאָ". ער האָט זיך גלייך געריהרט פון אָרט, און אַ כאַפּ טהאָענדיג אַ הוט־קעסטעל וואָס ער האָט געפונען אין גאַס, האָט ער דערמיט אַריבערגעדעקט דעם קאָפּ, זיך צו פערשטעלען פון דער ברענענדיגער היץ וואָס איז אַרויסגעקומען פון די ברענענדיגע קראָמען פון אַפּראַקסין דוואָר, און איז געלאָפען מיט אַלע כחות צו דעם געסעל. לעדיגע פעסלעך, שטרוי, הילצערנע קאַסטענס און דאָס גלייכען זיינען געווען אָנגעוואָרפען אין געסעל, צווישען די פלאַמען פון די אויל־קראָמען אויף איין זייט און צווישען דער קאָרפּוס געביידע, פון וועלכער די פענסטער־ראַהמען און געזימסען האָבען געסמאַליעט, אויף דער אַנדער זייט. פּרינץ סואוואָראָף האָט געהאַנדעלט ענטשלאָסען. „אין אייער גאָרטען געפינט זיך אַ ראָטע סאָלדאַטען", האָט ער געזאָגט צו מיר: „נעהם אַן אָבטיילונג פון זיי און זאָלען זיי גלייך אָברייניגען דאָס געסעל. מען וועט דאָ באַלד ברענגען אַ שפּריץ־קישקע פון דער דאַמפּף־מאַשין. האַלט איהר אין טהעטיגקייט. איך פערלאָז זיך אויף דיר פערזענליך."

ס'איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך אַרויסצוקריגען די סאָלדאַטען פון גאָרטען. זיי האָבען אויסגעליידיגט אַלץ וואָס זיי האָבען געפונען אין די פעסלעך און קעסטלעך, און מיט פולע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט קאָפּע און שטיקער הוט־צוקער, האָבען זיי זיך געלאָזט וואוילגעהן אין דער וואַרעמער נאַכט אונטער די בוימער, קנאַקענדיג ניס. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט, סיידען אַן אָפיציר האָט זיך אַריינגעמישט. דאָס געסעל איז אָבגערייניגט געוואָרען און די פּומפּ־מאַשין האָט געאַרבייט. די חברים זיינען געווען גליקליכע, און אַלע צוואַנציג מינוט האָט אימיצער פון אונז איבערגעביטען די מענשען וואָס האָבען געאַרבייט מיט די וואַסער־שפּריצער, שטעהענדיג לעבען זיי אין אַ כמעט אונערטרעגליכער היץ.

אַרום דריי אָדער פיער אַ זייגער אין דער פריה איז שוין געווען קלאָר אַז דער פייער איז אונטער קאָנטראָל; די געפאַהר אַז דער פייער זאָל פערכאַפּען דעם קאָרפּוס איז געווען אַריבער, און נאָכדעם ווי איך האָב אָבגעלאָשען מיין דורשט אין אַ קליינער „ווייסער קרעטשמע", וועלכע איז נאָך געווען אָפען, בין איך אַ האַלב־טויטער פון מיעדקייט אַניעדער־געפאַלען אויף דער ערשטער לעדיגער בעטעל וואָס איך האָב געטראָפען אין שפּיטאָל פון קאָרפּוס.

אויף מאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען פריה און בין אַוועק בעטראַכ־טען דעם פּלאַץ פון דער שרפה. ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט צוריק אין

קארפּוס, האָב איך בעגעגענט דעם גרויספירסט מיכאיל, ווען איך האָב בעגלייט, ווי ס'איז געווען מיין פליכט, אויף זיין בעזוך. די פּאַזשען, מיט זייערע שווארצע פערהויכערטע פּנים'ער, מיט די אָנגעשוואָלענע רויטע אויגען, אנדערע מיט צוגעברענטע האר, האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ פון די קישענס. ס'איז שווער געווען זיי צו דערקענען. זיי האָבען זיך אָבער געפּיהלט שטאָלץ דערמיט וואָס זיי זיינען ניט געווען מעהר ניט ווי „ווייסע הענטלעך", און האָבען געארבייט אזוי שווער ווי יעדער איינער.

דער דאָזיגער וויזיט פון דעם גרויספירסט האָט בעזייטיגט מיינע שווערינקייטען. ער האָט מיך געפרעגט ווי אזוי עס איז צו מיר געקומען דער געדאנק צו געהן נאָך אמור — צי איך האָב דאָרטען פריינד? צי דער גענעראל־גובערנאטאָר קען מיך? און, דערוויסענדיג זיך אז איך האָב דאָרטען ניט קיין קרובים און קען קיינעם ניט, האָט ער אויסגערופען: „אָבער ווי־זשע פאָהרסטו דען דאָרטען? זיי קענען דיר דאָך אוועקשיקען אין א פערוואָרפענעם קאָזאקען־דערפעל? וואָס ווילסטו דאָרטען טהאָן? איך וועל שוין בעסער שרייבען וועגען דיר דעם גענעראל־גובערנאטאָר און דיך פאָרשטעלען פאר איהם."

נאָך אזא מין אָנבאָט בין איך געווען זיכער, אז מיין פאָטער'ס אויס־זעצונג געגען מיין פאָהרען וועט זיין בעזייטיגט; און אזוי איז טאקע געווען. איך בין געווען פריי צו געהן נאָך סיביר.

די דאָזיגע גרויסע שרפה איז געוואָרען א ווענד־פּונקט ניט נאָר אין אלעקסאנדער דעם 2טענ'ס פּאָליטיק, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון רוסלאנד פאר יענעם טייל פון יאָהרהונדערט. עס איז געווען קלאָר אז דער פייער איז ניט געווען קיין איינפאכער צופאל. „טראָיצא" און דער טאָג פונ'ם „הייליגען גייסט" זיינען גרויסע רוסישע ימים־טובים, און אין דעם מארק איז קיינער ניט געווען, אויסער עטליכע וועכטער; אחוץ דעם, האָט זיך דער אפּראקסין מארק און די האָלץ־געהעפטען אָנגעצונדען אין דער זעלבער צייט, און נאָך דער שרפה אין פּעטערבורג האָבען געפאָלגט עהנ־ליכע אונגליקען אין מעהרערע פּראָווינציעלע שטעדט. דער פייער איז פון אימיצען געווען אונטערגעצונדען, אָבער פון וועמען? די דאָזיגע פראגע בלייבט ניט פערענטפערט ביז צום היינטיגען טאָג.

קאטקאָף, דער געוועזענער ליבעראל, וועלכער איז געווען דורכגע־דרונגען מיט א פּערזענליכען האס צו הערצען, און איבערהויפּט צו באקונין, מיט וועמען ער האָט זיך אמאָל געשלאָגען אויף א דועל, האָט גלייך אויף מאָרגען נאָכ'ן פייער בעשולדיגט די פּאָלאקען און די רוסישע רעוואָלוציאָנערען אז זיי זיינען געווען די אונטערצינדער; און די דאָזיגע מיינונג איז געווען אָנגענומען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווא.

פוילען האָט זיך דעמאָלט צוגעגרייט צו דער רעוואָלוציע וואָס האָט אויסגעבראָכען דעם קומענדען יאַנואַר. די געהיימע רעגירונג האָט געהאַט געשלאָסען אַ בונד מיט די לאָנדאָנ׳ער פליכטלינגע, און האָט געהאַט איהרע מענשען אין דעם סאַמע הארץ פון דער פּעטערבורגער אַדמיניסטראַציע. אַ גאַנץ קורצע צייט נאָכדעם ווי די שרפה האָט פּאַסירט, איז דער וויצע־קעניג פון פוילען, גראַף לידערס, דערשאָסען געוואָרען פון אַ רוסישען אָפיציר; און ווען דער גרויספירסט קאָנסטאַנטין איז ערנאַנט געוואָרען אויף זיין פּלאַץ (מיט דער אַבזיכט, אַזוי האָט מען גערעדט, צו מאַכען פון פוילען אַ בעזונדער קעניגרייך פאַר קאָנסטאַנטינ׳ען), האָט מען אויף איהם אויך גלייך געשאָסען, דעם 26טען יוני. עהנליכע אָנגריפען זיינען געמאַכט געוואָרען אין אויגוסט אויף דעם מאַרקיז וועלאָפּאָלסקי, דעם פוילישען פיהרער פון דער פּראָ־רוסישער פעראייניגונגס־פּאַרטיי. נאָפּאָלעאָן דער 3טער האָט אויפגעהאַלטען ביי די פּאָלאַקען די האָפנונג, אַז ער וועט זיי העלפען אויסקעמפען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. אונטער אַזעלכע אומשטענדען, אורטיילענדיג פון דעם געוועהנליכען ענגען מיליטערישען שטאַנדפּונקט, האָט די פערניכטונג פון דער רוסישער באַנק און די פערשיידענע מיניסטעריומס, און דאָס אָניאָגען אַ שרעק אויף דער הויפּטשטאָדט געקענט בעטראַכט ווערען פאַר אַ גוטען קריעגפיהרערישען פּלאַן; ס׳איז אָבער קיינמאָל ניט געבראַכט געוואָרען דער קלענסטער בעוויז, וואָס זאָל פעסטשטעלען די דאָזיגע בעהויפּטונג.

פון דער אַנדער זייט, וויעדער, האָבען די פּאַרטגעשריטענע פּאַרטייען אין רוסלאַנד איינגעזעהן, אַז מען קען מעהר קיין האָפנונג ניט לעגען אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טענ׳ס רעפּאָרמאַטאָרישע איניציאַטיווע: עס איז געוועזען קלאָר אַז ער האָט זיך אריבערגעקליבען אין רעאַקציאָנערען לאַגער. מענשען מיט אַ ווייטערען בליק האָבען איינגעזעהן, אַז די בע־פרייאונג פון די לייבאייגענע, אונטער די בעדינגונגען פון אויסקויף וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען, הייסט אַ זיכערער אונטערגאַנג פאַר זיי, און רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרען, אין מאַי, אין פּעטערבורג, וועלכע האָבען גערופען דאָס פּאָלק און די אַרמעע צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, בעת די געבילדעטע קלאַסען זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען צו בעשטעהן אויף דער נויטווענדיגקייט פון אַ נאַציאָנאַלער קאָנווענציע. אונטער אַזעלכע אומשטענדען, האָט די דעס־אָרגאַניזירונג פון דער רעגירונגס־מאַשין געקענט אריינגענומען ווערען אין די פּלענער פון איינינע רעוואָלוציאָנערען.

דער אונבעשטימטער כאַראַקטער פון דער בעפרייאונג האָט, ענדליך, אויך ביי די פּויערים, וועלכע שטעלען צוזאַמען אַ בעדייטענדען טייל פון דער

בעפעלקערונג אין אלע רוסישע שטעדט, ארויסגערופען א שטארקע געהרונג; און יעדעס מאל אין דער גאנצער רוסישער געשיכטע, ווען אזא געהרונג האט זיך אנגעהויבען, האט זי זיך אויסגעלאזט מיט אנאנימע בריעף וואס האבען פארגעזאגט פייערען, און שליסליך מיט אונטער־צינדונגען.

ס'איז מעגליך אז ביי איינציגע מענשען אין דעם רעוואלוציאנערען לאגער איז ארויפגעקומען דער געדאנק צו אונטערצינדען דעם אפראקסין מארק, אבער — סיי די שטרענגע אויספארשונגען, סיי די מאסען־ארעסטען וועלכע האבען זיך באלד נאכ'ן פייער אנגעהויבען איבער גאנץ רוסלאנד און פוילען, האבען ניט אויפגעדעקט דעם קלענסטען צייכען, וואס זאל בעווייזען אז דער פאל איז ווירקליך אזוי געווען. ווען עפעס אזעלכעס וואלט אויסגעפונען געווארען, וואלט שוין די רעאקציאנערע פארטיי דער־פון געשלאגען קאפיטאל. מאסען עראינערונג און גאנצע בענדער מיט קארעספאנדענצען פון יענער צייט זיינען זינט דעמאלט פערעפענטליכט געווארען, אבער זיי ענטהאלטען ניט אפילו וועלכען עס איז רמז וואס זאל בעשטעטיגען דעם דאזיגען חשד.

פערקעהרט, ווען עהנליכע שרפות האבען אויסגעבראכען אין מעהרערע שטעדט ביי דער וואלגא, און ספעציעל אין סאראטאף, און ווען דער צאר האט ארויסגעשיקט א מיטגליעד פון סענאט, זשדאנאף'ן, צו מאכען אן אונטערזוכונג, האט ער זיך אומגעקעהרט מיט דער פעסטער איבער־צייגונג אז די שרפה אין סאראטאף איז געווען די ארבייט פון דער רעאק־ציאנערער פארטיי. די דאזיגע פארטיי האט אין אלגעמיין געגלויבט אז עס וועט מעגליך זיין צו פועל'ן ביי אלעקסאנדער דעם 2טען ער זאל אבלעגען די ענדליכע אבשאפונג פון דער לייבאייגענשאפט, וואס האט געזאלט שטאטפינדען דעם 19טען נאוועמבער, 1863. זיי האבען געוואוסט די שוואכקייט פון זיין כאראקטער, און גלייך נאך דעם גרויסען פייער אין פעטערבורג האבען זיי אנגעהויבען א שטארקען קאמפף פאר דער אבלע־גונג און דער רעווידירונג פון דעם בעפרייאונגס־געזעץ אין זיין פראקטישע אנווענדונג. אין גוט־אינפארמירטע געזעלשאפטליכע קרייזען האט מען געמור־מעלט, אז דער סענאטאר זשדאנאף קומט צוריק מיט פאזיטיווע בעווייזען, אז די רעאקציאנערען פון סאראטאף זיינען שולדיג אין דעם פערברעכען; ער איז אבער אויף זיין צוריק־רייזע געשטארבען, זיין פארטפעל איז פער־שוואונדען, און מען האט איהם קיינמאל ניט געפונען.

זאל זיין ווי עס וויל זיך, דער אפראקסין פייער האט געהאט די טרויעריגסטע רעזולטאטען. נאך דעם פייער האט זיך אלעקסאנדער דער 2טער אונטערגעגעבען צו די רעאקציאנערען, און — וואס ס'איז געווען

נאָך ערגער — די עפענטליכע מיינונג אין יענעם טייל פון דער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, אין ספּעציעל אין מאָסקווע, מיט וועלכע די רעגירונג האָט זיך אם מייסטען גערעכענט, האָט פּלוצלינג ארונטערגעוואָרפען איהר ליבעראַלען מאַנטעל, און איז געוואָרען פיינדליך ניט נאָר צו דעם מעהר פּאָרטגעשריטענעם טייל פון דער רעפּאָרם־פּארטיי, נאָר אפילו צו דעם געמעסיגטען פליגעל. דעם נעקסטען זונטאָג נאָך דער שרפה בין איך געגאַנגען זעהן מיין שוועסטערקינד, דעם קייזער'ס אדיוטאַנט, ביי וועמען אין הויז איך האָב אָפט געהערט די אָפיצירען פון דער רייט־גוואַרדיע אויסדריקענדיג סימפּאַטיע מיט טשערנישעווסקי'ן. מיין שוועסטערקינד איז אליין געווען ביז יענער צייט א פלייסיגער לעזער פון דעם „סאָווערעמעניק" (דער אָרגאַן פון דער פּאָרטגעשריטענער רעפּאָרם־פּאַרטיי). איצטער האָט ער געבראַכט עטליכע נומערען פון דעם „סאָווערעמעניק" און, אַוועקלעגענדיג זיי אויפ'ן טיש נעבען וועלכען איך בין געזעסען, האָט ער צו מיר געזאָגט: „נון, גענוג; פון היינט אָן וויל איך מעהר ניט האָבען צו טהאָן מיט דעם דאָזיגען אויפרייצענדען שטאָף. שוין גענוג דערמיט" — און די דאָזיגע ווערטער האָבען אויסגעדריקט די מיינונג פון „גאַנץ פּעטערבורג". רעדען וועגען רעפּאָרמען איז געוואָרען אַן אונפּאַסיגע זאַך. די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען אָנגעלאָדען מיט א גייסט פון רעאַקציע. דער „סאָווערעמעניק" און אַנדערע עהנליכע צייטשריפטען זיינען אונטערדריקט געוואָרען; די זונטאָג־שולען, זיינען פערבאָטען געוואָרען, אונטער וועלכער עס איז פאָרם; עס האָבען זיך אָנגעהויבען מאַסען־ארעסטען. די הויפּטשטאָדט איז געשטעלט געוואָרען אונטער א בעלאַגערונגס־צושטאַנד.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער, דעם 13טען (25 נ. ס.) יוני, די צייט אויף וועלכער מיר פּאַזשען און קאַדעטען האָבען אזוי לאַנג ארויסגעקוקט, איז ענדליך געקומען. דער קייזער האָט אונז געגעבען א מין מיליטערישען עקזאַמען אין אלערליי בעוועגונגען — אין פערלויף פון וועלכען מיר האָבען קאָמאַנדירט די ראָטעס און איך האָב פּאַראַדירט רייטענדיג אויף א פערד אין פּאָראַויס פון באַטאַליאָן — און מיר זיינען דערהויבען געוואָרען אלס אָפיצירען.

ווען דער פּאַראַד איז געווען פאָראיבער, האָט אלעקסאַנדער דער צווייטער הויך אויסגערופען, „די נייע אָפיצירען צו מיר!" און מיר האָבען זיך פערזאַמעלט ארום איהם. ער איז געבליבען רייטענדיג אויפ'ן פערד.

דאָ האָב איך איהם געזעהן אין א גאַנץ נייעם ליכט. דער מאַן וועלכער איז מיט א יאָהר שפּעטער ערשיענען אין דער ראָלע פון א בלוט־דורשטיגען און ראַכעזיכטיגען אונטערדריקער פון די אויפשטאַנדען אין פּוילען איז

איצט אויסגעוואקסען אין זיין פולער גרויס, פאר מיינע אויגען, אין זיין רעדע וואס ער האט פאר אונז געהאלטען.

ער האט אנגעהויבען מיט א געלאסענעם טאן. „איך גראטוליר אייך: איהר זיינט אפיצירען.“ ער האט גערעדט וועגען מיליטער־פליכטען און לאיאליטעט, ווי מען רעדט געוועהנליך ביי אזעלכע געלעגענהייטען. „אבער אויב ווער־עס־איז פון אייך“, האט ער פארטגעזעצט, קלאר אויס־שרייענדיג יעדעס ווארט און זיין געזיכט האט זיך פלוצלינג צונויפגע־קארטשעט פון רציחה, „אויב אימיצער פון אייך — פון וואס גאט זאל אייך אויסהיטען — זאל זיך אונטער וועלכע עס איז אומשטענדען ארויס־ווייזען ניט־לאיאל צו דעם צאר, צו דעם טראהן און צו דעם פאטערלאנד — נעהמט אין אכט וואס איך זאג! — וועט ער בעהאנדעלט ווערען מיט דער גאנער גרוי־זאמ־קייט פון דעם געזעץ, אהן א ברעקעל ר־ח־מ־נ־ו־ת!“

זיין שטימע איז געווארען שוואך; זיין פנים איז געוועז בייז, פול מיט יענעם אויסדרוק פון בלינדען צארן, וועלכען איך האב אין מיין קינד־הייט געזעהן אויף די פנים'ער פון די פריצים ווען זיי האבען געסטראשעט זייערע קנעכט צו „קאטעווען זיי מיט ריטער“. ער האט ווילד א זעץ געטהאן זיין פערד מיט די שפארעס, און איז ארויסגעריטען פון אונזער קרייז. אויף מארגען, דעם 14טען יוני, זיינען אויף זיין בעפעהל דריי אפי־צירען דערשאסען געווארען אין מאדלין, אין פוילען, און איין סאלדאט, מיט'ן נאמען סטשור, איז פערשמיסען געווארען אויף טויט מיט ריטער.

„די רעאקציע איז אין פולען גאלאפ אויף צוריקוועגס“, האב איך געזאגט צו זיך, ווען מיר זיינען געגאנגען צוריק אין קארפוס.

נאך איין מאל האב איך געזעהן אלעקסאנדער דעם 2טען איידער איך האב פערלאזען פעטערבורג. עטליכע טעג נאך אונזערע עקזאמענס, זיינען אלע ניי־ערנאנטע אפיצירען געוועזן אין פאלאץ, פארגעשטעלט צו ווערען פאר'ן קייזער. מיין מעהר אלס בעשיידענער מונדיר, מיט די בעריהמטע גרויע הויזען, האט צוגעצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט, און יעדע מינוט האב איך געמוזט צופריעדענשטעלען די נייגעריגקייט פון אפיצירען פון אלע ראנגען, וועלכע זיינען צוגעקומען מיך פרעגען וואס פאר א מונדיר דאס איז וואס איך טראג. אזוי ווי די אמורער קאזאקען זיינען דעמאלט געוועזן דער איינגסטער רעגימענט פון דעם רוסישער ארמעע, בין איך געשטאנען ערגעץ־וואו פערדרוקט אין א ווינקעל צווישען די הונדערט אפיצירען וואס זיינען דארט געוועזן אנוועזענד. אלעקסאנדער דער צווייטער האט מיך אויסגעפונען און געפרעגט: „הייסט עס אז דו געהסט נאך סיביר? האט דיין פאטער איינגעשטימט דערצו, נאך

אַלעמען?" איך האָב איהם גענטפערט אַז יאָ. „האָסטו קיין מורא ניט צו געהן אַזוי ווייט?" איך האָב ווארעם גענטפערט: „ניין, איך וויל ארבייטען. עס מוז דאָרטען זיין גענוג וואָס צו טהאָן אין סיביר אָנצואַ־ווענדען די גרויסע רעפאָרמעס וואָס מען געהט מאַכען." ער האָט געקוקט אויף מיר; ער איז געוואָרען נאָכדענקליך; ענדליך האָט ער געזאָגט: „נון, געה; מען קען זיין ניצליך אומעטום"; און זיין פנים האָט אָנגענומען אַזאַ אויסדרוק פון מיעדיגקייט, אַזאַ כאַראַקטער פון פאָלקאָמענדיגען אונטערגעבען זיך, אַז איך האָב מיר באַלד געקלערט, „ער איז אַן אויס־געשפּיעלטער מענש; ער געהט אַלצדינג אויפגעבען".

פּעטערבורג האָט אָנגענומען אַ טרויעריגען אויסזעהן. סאָלדאַטען האָבען מאַרשירט אין די גאַסען. קאָזאַקען־פּאַטרולען זיינען ארומגעריטען ארום פּאַלאַץ, די פעסטונגען זיינען געווען אָנגעפילט מיט געפאַנגענע. וואו איך בין געגאַנגען האָב איך געזעהן די זעלבע זאַך — דעם טריאומף פון דער רעאַקציע. איך האָב פערלאָזען פּעטערבורג אָהן פערדרוס.

איך בין יעדען טאָג געגאַנגען צו דער קאָזאַקען אַדמיניסטראַציע בעטען, זיי זאָלען עס מאַכען וואָס גיכער און מיר צושטעלען מיינע פּאַפּירען, און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָב איך מיך געאיילט אָבצופאָהרען נאָך מאָסקווע זיך צו טרעפען מיט מיין ברודער אַלעקסאַנדער.

II

די פינף יאָהר וואָס איך האָב פערבראַכט אין סיביר זיינען פאַר מיר געווען אַן אמת'ע ערציהונג פון לעבען און מענשליכען כאַראַקטער. איך בין געקומען אין בעריהרונג מיט אַלערליי מענשען: די בעסטע און די ערגסטע; מיט די וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פון דער געזעל־שאַפט און מיט אַזוינע וואָס האָבען קוים עקזיסטירט אויף דעם סאַמע אָבגרונד — די בראָדיאַגאַס און די אַזוי־גערופענע אונפערבעסערליכע פערברעכער. איך האָב געהאַט גוטע געלעגענהייטען צו בעאָבאַכטען די גענג און די זיטען פון די פּויערים אין זייער טעגליכען לעבען, און נאָך מעהר געלעגענהייט אָבצושאַצען, ווי ווייניג די שטאַאַט־אַדמיניסטראַציע האָט זיי געקענט געבען, אפילו ווען זי וואָלט געווען דורכגעדרונגען מיט אַלער בעסטע אַבזיכטען. ענדליך, מיינע ווייטע און ברייטע רייזען, אין וועלכע איך האָב דורכגערייזט איבער פופציג טויזענד מייל אין פּוהרען, אויף דאַמפּף־שיפען, אויף לאָדקעס, דערהויפּט אָבער רייטענדיג אויף

פערד, האָבען געהאַט אַ וואונדערבאַרע קרעפטיגענדע ווירקונג אויף מיין געזונד. זיי האָבען מיר אויך געלערענט ווי קליין עס זיינען דעם מענשען׳ס ווירקליכע נויטען אַזוי גיך ווי ער קומט אַרויס פון דעם פער׳כשופ׳טען קרייז פון דער קאָנווענציאָנעלער ציוויליזאַציע. מיט עטליכע פונט ברויט און עטליכע אונצען טהעע און אַ לעדערנעם טאַש, אַ קעסעל און אַ העקעל הענגענדיג ביי דער זייט פון זאָטעל, און אונטער׳ן זאָטעל אַ דעקע אויף אויסצושפּרייטען ביי דעם פונאַנדערגעלעגטען פייער איבער אַ בעט פון פריש אָנגעשניטענע יעלאָווע צווייגלעך, פיהלט זיך אַ מענש וואונדערבאַר זעלבסטשטענדיג, אפילו צווישען די אונבעקאַנטע בערג וואָס זיינען בעוואַקסען מיט וועלדער אָדער בעדעקט מיט שנעע. מען וואָלט געקענט אָנשרייבען אַ בוך איבער דעם טייל פון מיין לעבען, איך מוז אָבער מאַכען בקיצור, ווייל מיר בלייבט נאָך אַזוי פיעל מעהר צו זאָגען וועגען די שפּעטערע פּעריאָדען.

סיביר איז ניט די פערפראָרענע לאַנד, וואָס איז בעגראָבען אין שנעע און בעפעלקערט דורכאויס מיט פערשיקטע, ווי אפילו אַ סך רוסען שטעלען זיך פאָר. אין איהרע דרום׳דיגע טיילען איז זי אַזוי רייך אין נאַטירליכע פּראָדוקטען ווי די דרום׳דיגע טיילען פון קאַנאַדאַ, צו וועלכער זי איז זעהר עהנליך אין איהר פיזישען אויסזעהן; און אחוץ אַ האַלבען מיליאָן איינגעבאָרענע, האָט זי אַ בעפעלקערונג פון מעהר ווי פיער מיליאָן רוסען. די דרום׳דיגע טיילען פון מערב׳דיגען סיביר זיינען אַזוי עכט־רוסיש, ווי די פּראָווינצען אין צפון־זייט פון מאָסקווע.

אין 1862 איז די העכערע אַדמיניסטראַציע פון סיביר געוועזן מעהר אויפגעקלערט און אין אַלגעמיין אַ סך בעסער ווי אין אירגענד וועלכער פּראָווינץ פון ריכטיגען רוסלאַנד. עטליכע יאָהר איז די שטעלע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פאַר מזרח־סיביר געוועזן פערנומען פון אַ מערק־ווירדיגער פּערזאָן, גראַף נ. נ. מוראַוויאָף, וועלכער האָט אַנעקטירט די אַמור־געגענד צו רוסלאַנד. ער איז געוועזן זעהר אינטעליגענט, זעהר טהעטיג, העכסט פריינדליך, און האָט געהאַט דעם בעגעהר צו אַרבייטען פאַר דער טובה פון דעם לאַנד. אַזוי ווי אַלע אַקטיווע מענשען וואָס גלויבען אין רעגיערונג, איז ער געוועזן אין גרונד הארצען אַ דעספּאָט; ער האָט אָבער געהאַט פאָרטגעשריטענע מיינונגען, און אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק וואָלט איהם נאָך ניט אין גאַנצען צופריעדענגעשטעלט. ביז צו אַ הויכען גראַד האָט זיך איהם איינגעגעבען פּטור צו ווערען פון דעם אַלטען שטאַב פון ציוויל־בעאַמטע, וועלכע האָבען בעטראַכט סיביר אַלס אַן אָרט אויף צו רויבען, און ער האָט צונויפגענומען אַרום זיך אַ צאָהל יונגע בעאַמטע, גאַנץ אָרענטליכע, און פיעלע וואָס זיינען געוועזן דורכגע־

דרונגען פון דיזעלבע אויסגעצייכענטע אַבזיכטען ווי ער אַליין. אין זיין אייגענעם קאַבינעט, האָבען די יונגע בעאַמטע, מיט דעם פּערשיקטען באַקונין צווישען זיי (ער איז ענטלאָפען פון סיביר אין הערבסט פון 1861), דיסקוטירט ווי צו בעשאַפען די „די פעראייניגטע שטאַאטען פון סיביר", וואָס זאָלען זיין פעדערירט, איבער דעם פּאַסיפישען אָקעאַן, מיט די "פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ".

ווען איך בין אָנגעקומען אין אירקוטסק, די הויפּטשטאָדט פון מזרח־סיביר, האָט די כוואַליע פון רעאַקציע, וואָס איך האָב געזעהן אויפהויבען זיך אין פּעטערבורג, נאָך ניט געהאַט דערגרייכט יענע ווייטע געגענדען. איך בין זעהר גוט אויפגענומען געוואָרען פון דעם יונגען גענעראַל־גובערנאַטאָר, קאָרסאַקאָף, וועלכער האָט נאָר־וואָס געהאַט איבערגענומען די שטעלע פון מוראַוויאָף, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גליקליך צו האָבען אַרום זיך מענשען מיט ליבעראַלע אידעען. וואָס אָנבעלאַנגט דעם קאָמאַנדיר פון גענעראַל־שטאַב, קוקעל — אַ יונגער גענעראַל, נאָך ניט קיין פינף־און־דרייסיג יאָהר אַלט, וועמעס פּערזענליכער אַדיוטאַנט איך בין געוואָרען — האָט ער מיך באַלד אַוועקגעפיהרט אין אַ צימער אין זיין הויז, וואו איך האָב געפונען, צוזאַמען מיט די בעסטע רוסישע צייט־שריפטען, אַ פאָלשטענדיגע קאָלעקציע פון הערצען'ס לאָנדאָנער רעוואָלו־ציאָנערע אויסגאַבען. מיר זיינען אין גיכען געוואָרען הייסע פריינד.

גענעראַל קוקעל האָט צו יענער צייט פּראָוויזאָריש פּערטראָטען די שטעלע פון גובערנאַטאָר פון טראַנסבאַיקאַליע, און אין עטליכע וואָכען שפּעטער זיינען מיר צוזאַמען אריבער די עהנע באַיקאַל אָזערע און זיינען געגאַנגען ווייטער אין מזרח, צו דער קליינער שטאָדט טשיטאַ, די הויפּט־שטאָדט פון דער פּראָווינץ. דאָרט האָב איך זיך געמוזט איבערגעבען, מיט לייב און זעעלע, ניט פערלירענדיג קיין צייט, צו די גרויסע רעפאָר־מען, וועגען וועלכע מען האָט גערעדט. די פּעטערבורגער מיניסטעריומס האָבען זיך געהאַט געווענדעט צו די אָרטיגע בעאַמטע, פערלאַנגענדיג פון זיי, זיי זאָלען אויסאַרבייטען פּלענער פאַר פאָלשטענדיגע רעפאָרמען אין דער אַדמיניסטראַציע פון די פּראָווינצען, אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פּאָליציי, די געריכטען, די געפענגניסען, די סיסטעמען פון פערשיקונג, די זעלבסט־רעגיערונג פון די שטעדט — אַלעס אויף דעם ברייטען ליבעראַלען באַזיס, וואָס איז אַוועקגעלעגט געוואָרען פון דעם קייזער אין זיין מאַניפעסט.

קוקעל, אונטערשטיצט פון אַן אינטעליגענטען און פּראַקטישען מענשען, פּאָלקאָווניק פּעדאַשענקאָ, און אַ פּאָר גוט־מיינענדע ציוויל־

בעאמטע, האָט געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, און אָפּטמאָל אַ היבשען טייל פון דער נאַכט. איך בין געוואָרען דער סעקרעטער פון צוויי קאָמיטעטען — פאַר דעם קאָמיטעט צו רעפאָרמירען די געפענגניסען און דעם גאַנצען פערשיקונגס סיסטעם, און פאַר דעם קאָמיטעט וואָס האָט געהאַט אויסצוארבייטען אַ פּלאַן פאַר מוניציפּאַלער זעלבסט־רעגיערונג — און האָב זיך אַ נעהם געטהאָן צו דער ארבייט מיט דעם גאַנצען ענטהוזיאַזם פון אַ ניינצעהן־יאָהריגען יונגען מאַן. אַזוי ווי די מיניסטעריומס פאַר אינערליכע אַנגעלעגענהייטען און פאַר יוסטיץ האָבען ארויסגעגעבען אויסגעצייכענטע ביכער און אַרטיקלען וואָס האָבען בעהאַנדעלט די דאָזיגע ענינים, האָב איך זעהר פיעל געהאַט געלעזען וועגען דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס אין רוסלאַנד און זייער געגענווערטיגען צושטאַנד אין אויסלאַנד; אָבער דאָס וואָס מיר האָבען געטהאָן אין טראַנסבאַיקאַליע איז דורכאויס ניט געוועזען נאָר טעאָרעטיש. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט פּראַקטישע מענשען, וואָס זיינען געוועזען גוט בעקאַנט מיט די ווירקליכע נויטען און די אָרטיגע מעגליכקייטען, צוערשט וועגען די אַלגעמיינע פּלענער און דערנאָך וועגען יעדען פּונקט בעזונדער; צוליעב דעם צוועק האָב איך מיך געזעהן מיט אַ גרויסער צאָהל מענשען, סיי אין שטאָדט און סיי אויף דער פּראָווינץ. די שליסע צו וועלכע מיר זיינען געקומען זיינען דערנאָך ווידער ארומגערעדט געוואָרען צוזאַמען מיט קוקעל׳ן און פּעדאַשענקאָ׳ן; און ווען איך האָב שוין געהאַט צונויפגעשטעלט די רעזולטאַטען אין אַ דערווייליגער פאָרם, איז יעדער פּונקט פון דאָס ניי גאַנץ גרינדליך דיסקוטירט געוואָרען אין די קאָמיטעטען. איינער פון די דאָזיגע קאָמיטעטען, פאַר דער צוגרייטונג פון דעם מוניציפּאַלען רעגיערונגס־פּלאַן, איז געוועזען צוזאַמענגעשטעלט פון טשיטאַ׳ער בירגער, וואָס זיינען געוועזען אויסגעוועהלט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אַזוי פריי, ווי זיי וואָלטען געקענט אויסגעוועהלט ווערען אין די פעראייניגטע שטאַאטען. אין קורצען, אונזער ארבייט איז געוועזען אַ זעהר ערנסטע; און אפילו איצט, צוריקבליקענדיג אויף דער דאָזיגער ארבייט נאָך אַ פערלויף פון אַזוי פיעל יאָהרען, קען איך מיט פולען פערטרויען זאָגען, אַז ווען מוניציפּאַלע זעלבסט־רעגיערונג וואָלט דעמאָלט בעוויליגט געוואָרען, אין דער בעשיידענער פאָרמע וואָס מיר האָבען אויסגעאַרבייט, וואָלטען די שטעדט אין סיביר געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים ווי זיי האָבען היינט. פון דעם אַלעמען איז אָבער גאָרנישט ארויסגעקומוען, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן.

קיין זייטיגע צופעליגע ארביימען האָבען אויך ניט געפעהלט. מען האָט געמוזט קריגען געלד אויפצוהאַלטען די וואוילטהעטיגע אַנשטאַלטען;

ס'איז נויטיג געווען צו בעזאָרגען אן עקאָנאָמישע בעשרייבונג פון די פראָ־
ווינצען צוליעב אן אָרטיגער לאַנדווירטשאַפטליכער אויסשטעלונג; אָדער
עפּעס אן אַנדער ערנסטע אויספאָרשונג האָט געדאַרפט געמאַכט ווערען.
„ס'איז א גרויסע עפּאָכע אין וועלכע מיר לעבען; אַרבייט, מיין טהייערער
פריינד; געדענקט אז איהר זיינט דער סעקרעטער פון אַלע עקזיסטירענדע
און צוקינפטיגע קאָמיטעטען", פלעגט קוקעל אָפטמאָל מיר זאָגען — און
איך האָב געאַרבייט מיט דאָפּעלטער ענערגיע.

א פּאָר ביישפּיעלען וועלען בעווייזען וואָסערע רעזולטאַטען אונזער
אַרבייט האָט געהאַט. אין אונזער פּראָווינץ איז געווען אן „אויעזדנער
נאַטשאַלניק" — דאָס הייסט, א פּאָליציי־בעאַמטער מיט ברייטע און אונ־
בעשרענקטע רעכטען — וועלכער איז געווען פּשוט א שאַנדע. ער האָט
בעראַבעוועט די פּויערים און זיי געשמיסען לינקס און רעכטס, — אפילו
פרויען פלעגט ער שמייסען, וואָס דאָס איז געווען געגען געזעץ; און ווען
א קרימינעלע אַנגעלעגענהייט איז אריינגעפאַלען אין זיינע הענד, האָט זי
דאָרט געקענט אָבליעגען מאָנאַטען לאַנג, און ער פלעגט האַלטען די מענשען
די גאַנצע צייט אין געפענגניס, ביז וואַנען זיי האָבען איהם ניט אונטער־
געקויפט. קוקעל וואָלט איהם שוין לאַנג געהאַט ארונטערגעזעצט, נאָר דער
גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיך געקווינקעלט, ווייל יענער האָט געהאַט
שטאַרקע פּראָטעקציע אין פּעטערבורג. נאָך א לאַנגען ישוב הדעת איז
ענדליך בעשלאָסען געוואָרען, אז איך זאָל אריבערפאָהרען מאַכען אן אונ־
טערזוכונג אויפ'ן אָרט און צוזאַמענגעהמען בעווייזע געגען איהם. דאָס
איז אָבער דורכאויס ניט געווען קיין לייכטע זאַך, וואָרים די פּויערים,
אָנגעשראָקענע און וויסענדיג גאַנץ גוט דעם אַלטען רוסישען שפּריכוואָרט:
„גאָט איז ווייט אוועק, בעת דיין עלטסטער איז דיינער א נאָהענטער שכן",
האָבען קיין מוטה ניט געהאַט ארויסצוטרעטען אַלס עדות. אפילו די פרוי
וואָס ער האָט געלאָזט שמייסען האָט צוערשט מורא געהאַט צו מאַכען א
געשריבענע ערקלערונג. ערשט נאָכדעם ווי איך בין אָבגעווען א פּאָר וואָכען
מיט די פּויערים און האָב געוואוינט זייער צוטרויען, האָט זיך מיר איינגע־
געבען צו קענען ארויסברענגען די שעהנע מעשים פון זייער עלטסטען אין
דער עפענטליכקייט. איך האָב צונויפגעקליבען פערניכטענדע בעווייזען,
און דער „אויעזדנער נאַטשאַלניק" איז ארונטערגעזעצט געוואָרען. מיר
האָבען זיך גראַטולירט וואָס מיר זיינען פּטור געוואָרען פון אזא פּעסט.
ווי ערשטוינט זיינען מיר אָבער געוואָרען, ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט
אין עטליכע חדשים ארום, אז דער זעלבער מענש איז אָנגעשטעלט געוואָ־
רען אויף א נאָך העכערע שטעלע אין קאַמטשאַטקאַ. דאָרטען האָט ער
געקענט בעראַבעווען די פּויערים פריי פון וועלכער עס איז קאָנטראָלע,

און אזוי האָט ער טאקע געטהאָן. עטליכע יאָהר שפּעטער האָט ער זיך אומ־געקעהרט אין פּעטערבורג א רייכער מאַן. די אַרטיקלען וואָס ער שרייבט איצט פון צייט צו צייט פאַר דער רעאַקציאָנערער פּרעסע זיינען, ווי מען קען עס ערוואַרטען, פול פון א הויכען „פּאַטריאָטישען“ גייסט.

די כוואַליע פון רעאַקציע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט נאָך דעמאָלט סיביר ניט געהאַט דערגרייכט, און די פּאָליטישע פערשיקטע זיינען נאָך אַלץ בעהאַנדעלט געוואָרען אזוי מילד ווי ס'איז מעגליך געוועזן, ווי אין מוראַוויאָף'ס צייטען. ווען דער פּאָעט מיכאַילאָף איז, אין 1861, פער'משפט געוואָרען צו קאַטאָרגע פאַר א רעוואָלוציאָנערער פּראָקלאַמאַ־ציע, וואָס ער האָט ארויסגעלאָזט, און ער איז פערשיקט געוואָרען אין סיביר, האָט דער גובערנאַטאָר פון טאָבאָלסק, די ערשטע סיבירישע שטאָדט אויף זיין וועג, געגעבען א מיטאָג לכבוד איהם, אויף וועלכען אַלע בעאַמטע האָבען אַנטייל גענומען. אין טראַנסבאַיקאַליע האָט מען איהם ניט געהאַלטען ביי שווערע ארבייט, נאָר מען האָט איהם אָפּיציעל ערלויבט צו זיין אין שפּיטאָל־געפענגנים פון א מינען־דערפעל. זייענדיג שוואַך אין געזונד — ער האָט געהאַלטען ביין שטאַרבען פון שווינדזוכט, און אין עטליכע חדשים ארום איז ער ווירקליך געשטאָרבען — האָט איהם גענעראַל קוקעל געגעבען די ערלויבניס צו פערבלייבען ביי זיין ברודער, א מינען־אינזשעניר, וועלכער האָט געהאַט אָבגעדונגען א גאָלד־מינע פון דער קרוין אויף זיין אייגענעם חשבון. ניט־אָפּיציעל האָט מען דערפון גוט געוואוסט אין מזרח־סיביר. איין טאָג אָבער האָבען מיר געקראָגען צו וויסען פון אירקוטסק, אז א זשענדאַרמסקער גענעראַל איז, צוליעב א געהיימע מסירה, אויפ'ן וועג נאָך טשיטאַ, צו מאַכען א שטרענגע אונטערזוכונג וועגען דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט. דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר'ס אַדיוטאַנט האָט אונז די נייעס געבראַכט. אין גרויס איילעניש האָט מען ארויסגעשיקט צו וואַרנען מיכאַילאָף'ן און איהם זאָגען, אַז ער מוז זיך גלייך אומקעהרען אין געפענגניס־שפּיטאָל, בעת דעם זשאַנדאַרמסקען גענעראַל האָט מען דערוויילט פערהאַלטען אין טשיטאַ. און אזוי ווי דער דאָזיגער הערר איז יעדע נאַכט ארויסגעקומען אַלס דער געווינער פון היבשלעכע סומען געלד ביי דעם גרינעם טישעל אין קוקעל'ס הויז, האָט ער גאָר גיך בעשלאָסען ניט צו פערבייטען אַזאַ אַנגענעהמען צייט־פערטרייב אויף א לאַנגער נסיעה צו די מינען אין אַזעלכענע פרעסט פון צוועלף גראַד אונטער זיראָ, ווי דעמאָלט איז געוועזן, און ער האָט זיך דערנאָך אומגעקעהרט נאָך אירקוטסק א גאַנץ צופריעדענער מיט די פערדיענסטלעך, וואָס זיין מיסיאָן האָט איהם אריינגעבראַכט.

דער רעאַקציאָנערער שטורעם איז אָבער געקומען אַלץ נעהנטער און

נעהנטער, און ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַלץ וואָס ער האָט אָנגעגע־גענט, באַלד נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד אין פּוילען האָט אויסגעבראָכען.

III

אין יאַנואר 1863 האָט זיך פּוילען אויפגעהויבען אַנטקעגען דער רוסישער הערשאַפט. עס האָבען זיך געבילדעט חברות בונטאָווששיקעס און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע אכט־צעהן מאָנאַטען. די פּליכטלינגע אין לאָנדאָן האָבען זיך געבעטען ביי די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטען, זיי זאָלען אָבלעגען די בעוועגונג. זיי האָבען פאָראויסגעזעהן, אַז דער אויפשטאַנד וועט אונטערדריקט ווערען און דאָס וועט אויך מאַכען אַ סוף פון דער רעפאָרם־פּעריאָדע אין רוסלאַנד. עס איז אָבער געווען פערפאַלען. די אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַליס־טישע מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָבען שטאַטגעפונען אין ווארשאַ אין 1861, און די גרויזאַמע, ניט פערדיענטע הינריכטונגען, וואָס זיינען געקו־מען דערנאָך, האָבען אויפגעבראַכט די פּאָלאַקען. דער גורל איז געווען געוואָרפען.

די בעפרייאונג פון פּוילען האָט קיינמאָל פריהער ניט געהאַט אַזוי פיעל סימפּאַטיזירער אין רוסלאַנד, ווי אין יענער צייט. איך רעד דאָ ניט פון די רעוואָלוציאָנערען; אפילו די מעהר געמעסיגטע עלעמענטען פון דער רוסיישער געזעלשאַפט האָבען געדענקט, און אויך אָפען ארויסגעזאָגט, אז פאַר רוסלאַנד וואָלט געווען בעסער צו האָבען פּוילען פאַר אַ פריינדליכע שכנה, איידער אַלס אַ פיינדליכען אונטערטהאַן. פּוילען וועט קיינמאָל ניט פערלירען איהר נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, ער איז צו־שטאַרק ענטוויי־קעלט; זי האָט, און זי וועט האָבען, איהר אייגענע ליטעראַטור, איהר אייגענע קונסט און אינדוסטריע. רוסלאַנד קען איהר האַלטען אונטער־טהעניג נור דורך היילער געוואַלד און אונטערדריקונג — אַ צושטאַנד, וואָס האָט ביז אַהער געבראַכט, און וועט נויטווענדיגער ווייזע ווייטער ברענגען, אונטערדריקונג אין רוסלאַנד גופא. אפילו די פריעדליכע סלאַוואָפילען זיינען געווען פון דער דאָזיגער מיינונג; און בעת איך בין נאָך געווען אין דער שולע האָט די פּעטערבורגער געזעלשאַפט בעגריסט מיט פולער צושטימונג דעם „חלום", וואָס דער סלאַוואָפיל איוואן אקסאַ־קאָוו האָט געהאַט די מוטה אָבצודרוקען אין זיין צייטונג „דער טאָג". זיין חלום איז געווען, אַז די רוסישע אַרמעען האָבען פערלאָזען פּוילען, און ער

האָט גערעדט מכח די אויסגעצייכענטע פּאָלגען וואָס וואָלטען דערפון ארויסגעקומען.

ווען די רעוואָלוציאָן פון 1863 האָט אויסגעבראָכען, האָבען מעהרערע רוסישע אָפיצירען זיך אָבגעזאָגט צו מארשירען געגען די פּאָלאקען, בעת אנדערע האָבען אָפען זיך אָנגענומען פאר זיי, און זיינען געשטאָרבען אויף דער תליה אָדער אויפ'ן שלאַכטפעלד. געלדער פאר'ן אויפשטאנד איז געזאַמעלט געוואָרען איבער גאנץ רוסלאנד — אין סיביר גאנץ עפענטליך — און אין די רוסישע אוניווערזיטעטען האָבען די סטודענטען אויסגע־ריכט מיט אַלעם נויטיגען זייערע חברים, וועלכע זיינען אוועק זיך אָנשלי־סען אָן די רעוואָלוציאָנערען.

אין מיטען פון דער דאָזיגער געהרונג האָט זיך פערשפּרייט די נייעס איבער רוסלאנד, אז אין דער נאכט פון דעם 10טען יאנואר זיינען באנדעס אינסורגענטען בעפאלען די רוסישע סאָלדאטען, וואָס זיינען איינגעשטאנען אין די דערפער, און האָבען זיי ערמאָרדעט אין די בעטען, כאָטש ערשט מיט א טאָג פריהער האָבען די פערהעלטעניסען צווישען די סאָלדאטען און די פּויערים נעשיינט צו זיין גאנץ פריינדליכע. דער בעריכט איז געווען אביסעל איבערטריבען, אָבער צום אונגליק איז עס טיילווייז געווען אמת, און דער איינדרוק פון דעם אין רוסלאנד איז געווען א העכסט שעדליכער. די אַלטע אנטיפּאטיעס צווישען די צוויי נאציאָנען, וועלכע זיינען אזוינע נאָהענטע קרובים לויט זייער אָבשטאמונג אָבער אזוי פערשיידען לויט זייערע נאציאָנאַלע כאראקטערע, זיינען ווידער אמאָל אויפגעוועקט געוואָרען.

ביסלעכווייז איז דער דאָזיגער שלעכטער געפיהל ביז צו א געוויסען גראד אָבגעשוואַכט געוואָרען. דער העלרישער קאַמפּף פון די שטענדיג־בראַווע זיהן פון פּוילען, און די אונבעזיעגבארע ענערגיע, מיט וועלכע זיי זיינען ווידערגעשטאנען א מורא'דיג שטארקע ארמעע, האָט געוואונען סימפּאטיע פאר דער העלדישער נאציאָן. עס איז אָבער בעקאנט געוואָ־רען, אז דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, האָט אריינגערעכענט אין זיין פאָדערונג איינצופיהרען צוריק די פּוילישע מלוכה מיט איהרע אַלטע גרענעצען, אויך די קליין־רוסישע אָדער אוקריינישע פּראָווינצען, פון וועלכע די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע בעפעלקערונג האָט פיינד געהאַט איהרע פּוילישע הערשער, און האָט זיי מעהר ווי איינמאָל אין דעם לויף פון די לעצטע דריי יאָהרהונדערטען אויסגעקוילעט מאסענווייז. דערצו נאָך, האָט נאפּאָליאָן דער 3טער אָנגעהויבען סטראשען רוסלאנד מיט א נייער מלחמה — א פּוסטער סטראשונאָק, וועלכער האָט פּוילען מעהר שאָדען געבראכט איידער אַלעס אנדערע צוזאמענגענומען. און ענדליך,

האָבן די רוסישע ראַדיקאַלע עלעמענטען איינגעזעהן מיט פּערדרוס, אַז ווי נאָר די ריין־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען פון פּוילען האָבן געקראָגען די אויבערהאַנד, האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג גאָר ניט געהאַט בדעה צו בעווילִיגען דאָס לאַנד פאַר די לייבאייגענע — אַ פעהלער, מיט וועלכען די רוסישע רעגיערונג האָט ניט פערפעהלט זיך בענוצען, כדי זיך ארויסצושטעלען אין דער פּאָזיציע פון אַ בעשיצערין פון די פּויערים אַנטקעגען זייערע פּוילישע פּריצים.

ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען אין פּוילען, האָבן אַלע אין רוסלאַנד געגלויבט, אַז זי וועט אָננעהמען אַ דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע ווענדונג; און אַז די בעפרייאונג פון די לייבאייגענע אויף אַ ברייטען דעמאָקראַטישען באַזיס וועט זיין די ערשטע זאַך, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג, קעמפּפענדיג פאַר דער אונאַבהענגיגקייט פון דעם לאַנד, וועט דורכפיהרען.

דאָס בעפרייאונגס־געזעץ, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרען אין פּעטערבורג אין 1861, האָט געגעבען אַ גוטע געלעגענהייט פאַר אַזאַ האַנדלונג. די פּערזענליכע פערפליכטונגען פון די לייבאייגענע צו זייערע בעליבתים האָבן זיך ערשט געענדיגט דעם 19טען פעברואַרי 1863. דאַן האָט מען געדאַרפט דורכגעהן אַ לאַנגזאַמע פּראָצעדורע ארויסצוקריגען אַ מין אָבמאַך צווישען די פּריצים און די לייבאייגענע מכח דער גרויס און דעם פּלאַץ פון די צוגעטיילטע שטיקלעך לאַנד, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען צו די בעפרייטע לייבאייגענע. די יעהרליכע אָבצאָהלונגען פאַר די דאָזיגע שטיקלעך לאַנד (ניט נאָכ׳ן ערך נאָך הויכע) זיינען בעשטימט געוואָרען פון געזעץ, אַ געוויסע סומע פער אַקער; אָבער די פּויערים האָבן נאָך אַחוץ דעם געהאַט צו צאָהלען אַן עקסטראַ סומע פאַר זייערע הייזלעך, און פאַר דער סומע האָט דער סטאַטוט פעסטגעשטעלט נאָר דעם מאַקסימום — אַזוי ווי מען האָט גערעכענט, אַז מען וועט קענען פּועל׳ן ביי די פּריצים זיי זאָלען אין גאַנצען ניט מאָהנען די עקסטראַ צאָהלונגען, אָדער אַז זיי וועלען זיך בענוגענען מיט אַ קליינעם טייל דערפון. וואָס איז שייך דעם אַזוי גערופענעם „אויסקויף“ פון לאַנד — אין וועלכען פאַל די רעגיערונג האָט זיך אונטערגענומען אויסצוצאָהלען דעם לאַנדאייגענטימער דעם פּולען ווערטה מיט שטאַאַטס־פּאַפּירען, און די פּויערים וואָס האָבן דאָס לאַנד בעקראָגען האָבן איהר דערפאַר געדאַרפט צאָהלען, פאַר ניין־און־ניינציג יאָהר, זעקס פּראָצענט אויף דער דאָזיגער סומע אַלס צינזען און יאָהרגעלד — זיינען די אָבצאָהלונגען ניט נאָר געווען משונה׳דיג הויך און רואינירענד פאַר די פּויערים, נור מען האָט אפילו קיין טערמין ניט בע־

שטימט פאַר דעם אויסקויף. דאָס איז איבערגעלאָזט געוואָרען צו דעם ווילען פון דעם אייגענטימער; און אין אַ גאַנצע מאַסע פעלען זיינען גאָר קיין אויסקויף־אָבמאַכען ניט פאָרגענומען געוואָרען אפילו צוואַנציג יאָהר נאָך דער בעפרייאונג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט אַ רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג געהאַט אַ ברייטע געלעגענהייט שטאַרק אויסצובעסערן דאָס רוסישע געזעץ. זי איז געווען פערפליכטעט צו פאָלענדיגען אַן אַקט פון גערעכטיג־קייט פאַר די פויערים — וועמעס לאַגע איז אין פוילען געווען פונקט אַזוי שלעכט, און אָפטמאָל נאָך ערגער, ווי אין רוסלאַנד גופא — געבענדיג זיי בעסערע און מעהר בעשטימטע בעפרייאונגס־בעדינגונגען. קיין זאַך פון דעם איז אָבער ניט געטהאָן געוואָרען. די ריין־נאַציאָנאַליסטישע און אַריסטאָקראַטישע פאַרטייען, קריגענדיג די אויבערהאַנד אין דער בעוועגונג, האָבען די דאָזיגע וויכטיגסטע פון אַלע פראַגען אַוועקגעלעגט אָן אַ־זייט. דאָס האָט געמאַכט לייכט פאַר דער רוסישער רעגיערונג צו געווינען די פויערים אויף איהר זייט.

דעם דאָזיגען פערזעהן האָט אַלעקסאַנדער דער 2טער ריכטיג אויס־גענוצט, ווען ער האָט אַרויסגעשיקט ניקאָליי מיליוטין'ען אין פוילען מיט דער מיסיאָן צו בעפרייען די דאָרטיגע פויערים אויף דעם אופן, ווי ער האָט עס בדעה געהאַט צו טהאָן אין רוסלאַנד — ניט קימערענדיג זיך צי די פרייצים וועלען דורכדעם רואינירט ווערען, צי נים. „געה אין פוילען; ווענד דאָרטען אָן דיין „רויטען" פראָגראַם געגען די פוילישע לאַנדאייגענ־טימער", האָט אַלעקסאַנדער דער 2טער צו איהם געזאָגט; און מיליוטין, צוזאַמען מיט פרינץ טשערקאַסקי און אַ סך אַנדערע, האָבען ווירקליך געטהאָן אַלץ וואָס זיי האָבען געקענט אַוועקצונעהמען דאָס לאַנד פון די פריצים און איינצוטיילען גרויסע שטיקער לאַנד פאַר די פויערים.

מיר איז איינמאָל אויסגעקומען זיך צו בעגעגענען מיט איינעם פון די רוסישע בעאַמטע, וועלכער איז געגאַנגען אין פוילען צוזאַמען מיט ניקאָליי מיליוטין און פרינץ טשערקאַסקי. „מיר האָבען געהאַט די פולע פרייהייט איבערצוגעבען דאָס לאַנד צו די פויערים", האָט ער מיר דער־צעהלט. „מיין געוועהנליכער פּלאַן איז געווען, אַריבערצוגעהן אין אַ דאָרף און צונויפרופען אַ פויערים־פערזאַמלונג. „ראשית זאָגט מיר", פלעג איך זיך ווענדען צו זיי, „וואָס פאַר אַ לאַנד האָלט איהר איצטער?" זיי פלעגען מיר דאָס אָנווייזען. „האָט איהר גאָר מעהר קיינמאָל קיין ערד ניט געהאַט?" האָב איך ווייטער געפרעגט. „אודאי האָבען מיר געהאַט", פלעגען זיי ענטפערען אַלע אין איין קול; „מיט יאָהרען צוריק זיינען יענע

לאַנקעס געוועזן אונזערע; אַט דער וואַלד איז אַמאָל געווען אין אונזער בעזיץ; און אַט יענע פעלדער האָבען געהערט צו אונז.“ איך פלעג זיי לאָזען זיך אויסרעדען, און דאַן פלעג איך פרעגען: „נון, ווער פון אייך קען פערזיכערען מיט אַ שבועה, אַז דאָס אָדער יענעס לאַנד איז ווען־עס־איז געווען אייערע?“ פערשטעהט זיך אַז עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל זיך אָברופען — דאָס איז אַלץ געווען מיט יאָהרען צוריק. ענדליך פלעגט זיך עפּעס אַן אַלטעטשקער דורכשפּאַרען דורכ'ן עולם, און די איבעריגע פלעגען זאָגען: „ער וויים וועגען אַלעס, ער קען שווערען דערויף.“ דער אַלטינקער פלעגט אָנהויבען אַ לאַנגע געשיכטע מכח אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט אין זיין יוגענד, אָדער האָט געהערט פון זיין פּאָטער, אָבער איך פלעג מאַכען די געשיכטע קורץ... „דערקלעהר אויף דיין שבועה וואָס דו וויימט וועגען דאָס לאַנד, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען פון דער „גמינע“ (די דאָרף־קאָמונע) — און דאָס לאַנד איז אייערס.“ און אַזוי גיך ווי ער האָט אָבגעשוואָרען — און מען האָט זיך אויף דער דאָזיגער שבועה געקענט פערלאָזען — האָב איך אויסגעמאַכט די פּאַפּירען און האָב ערקלערט דער פערזאַמלונג: „איצטער איז דאָס לאַנד אייערס. איהר שטעהט ניט מעהר אונטער אירגענד וועלכע פערפליכטונגען צו אייערע בעלי־בתים: איהר זיינט איינפאַך זייערע שכנים; אַלעס וואָס איהר וועט דאַרפען טהאָן איז, צאָהלען די אויסקויף־טאַקסע, אַזוי פיעל יעדען יאָהר, צו דער רעגיערונג. אייערע הייזלעך געהען צוזאַמען מיט'ן לאַנד: איהר קריגט זיי פריי.“

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזאַ מין טאַקטיק האָט געמאַכט אויף די פּויערים. אַ שוועסטערקינד מיינער, פּעטער ניקאָ־לייעוויטש, אַ ברודער פון דעם אַדיוטאַנט וואָס איך האָב דערמאָנט, איז געווען אין פּוילען אָדער אין ליטוי מיט זיין אולאַנער גוואַרדיע רעגימענט. די רעוואָלוציע איז געווען אַזוי ערנסט, אַז אפילו די גוואַרדיע רעגימענטען פון פּעטערבורג זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען געגען איהר; און איצטער וויים מען, אַז ווען מיכאַיל מוראַוויאָף האָט געקראָגען דעם בעפעהל צו געהן נאָך דער ליטוי און ער איז געקומען געזעגענען זיך מיט דער קייזערין מאַריא, האָט זי צו איהם געזאָגט: „ראַטעווע כאָטש ליטוי פאַר רוסלאַנד“. פּוילען איז בעטראַכט געוואָרען פאַר פערלאָרען.

„דאָס לאַנד איז געווען אין די הענד פון די בעוואַפענטע באַנדעס רעוואָלוציאָנערען“, האָט מיין שוועסטערקינד געזאָגט צו מיר, „און מיר זיינען געווען אָהנמעכטיג זיי צו בעזיעגען, אָדער אפילו זיי צו געפינען. קליינע באַנדעס האָבען כסדר אָנגעגריפען אונזערע קליינער אָבטיילונג, און אַזוי ווי זיי האָבען אויסגעצייכענט גוט געקעמפּפט, און זיי האָבען געקאָנט די געגענד און געקראָגען שטיצע פון דער בעפעלקערונג, האָבען זיי אָפּט

געזיעגט איבער אונז. מיר זיינען דעריבער געווען געצוואונגען צו מאַרשירען נאָר אין גרויסע קאָלאָנען. מיר פלעגען דורכגעהן אַ געגענד, מאַרשירענדיג דורך וועלדער, ניט געפינענדיג אפילו קיין שפּור פון די באַנדעס; אָבער ווען מיר האָבען מאַרשירט צוריק האָבען מיר זיך דער־וואוסט, אַז זיי האָבען זיך בעוויזען הינטער אונז, אַז זיי האָבען אַרויפגע־לעגט די פּאַטריאָטישע טאַקסע אויפ'ן לאַנד, און אויב אַ פּויער האָט זיך אויף וועלכען עס איז אופן ניצליך געמאַכט פאַר אונזערע טרופּען, האָבען מיר איהם געפונען אַן אויפגעהאַנגענעם אויף אַ בוים פון די רעוואָלוציאָ־נערע באַנדעס. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען חדשים לאַנג, ביז וואַנען מיליוטין און טשערקאַסקי זיינען געקומען און האָבען בעפרייט די פּויע־רים, אוועקגעבענדיג זיי דאָס לאַנד. דאַן — איז געוואָרען אַ סוף. די פּויערים האָבען זיך געשטעלט אויף אונזער זייט; זיי האָבען אונז געהאָל־פען כאַפּען די באַנדעס, און דער אויפשטאַנד האָט זיך געענדיגט."

איך האָב אָפט גערעדט מיט די פּויליש'ע פערשיקטע אין סיביר מכח דעם דאָזיגען ענין, און אייניגע פון זיי האָבען בעגריפען דעם פעהלער וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען. אַ רעוואָלוציע מוז גלייך פון אָנהויב אָן זיין אַן אַקט פון גערעכטיגקייט פאַר די „געטראָטענע און אונטערדריקטע" — ניט אַ צוזאָג פון שפּעטיגערע פערגיטיגונגען; זאָנסט איז זי אַ זיכערער דורכפאַל. צום אונגליק טרעפט עס אָפט, אַז די פיהרער זיינען אַזוי שטאַרק פערטהאָן מיט בלויז מיליטערישע טאַקטיק־פראַגען, אַז זיי פער־געסען דאָס וויכטיגסטע. פאַר רעוואָלוציאָנערען צו פערפעהלען איבער־צייגען די מאַסען, אַז אַ נייע צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר זיי, מיינט צו פערזיכערען דעם אונבעדינגטען דורכפאַל פון דער אונטערנעהמונג.

די אונגליקליכע פאָלגען פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע פאַר פּוילען זיינען בעוואוסט; זיי געהערען צו דעם געביעט פון היסטאָריע. וויפיעל טויזענדער מענשען זיינען פערניכטעט געוואָרען אין די שלאַכטען, וויפיעל הונדערטער זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען, און וויפיעל צעהנדליגער טויזענדער זיינען פערשיקט געוואָרען אין פערשיידענע פּראָווינצען פון רוסלאַנד און סיביר, איז נאָך ניט אין גאַנצען בעוואוסט. אָבער אפילו די אָפיציעלע ציפערען, וואָס זיינען נעדרוקט געוואָרען אין רוסלאַנד מיט עטליכע יאָהר צוריק בעווייזען, אַז אין די ליטווישע פּראָווינצען אליין — ניט רעדענדיג פון דער ריכטיגער פּוילען — האָט יענער שרעקליכער מענש מיכאיל מוראַוויאָף, פאַר וועמען די רוסישע רעגיערונג האָט נאָך־וואָס אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אין ווילנאָ, אויפגעהאַנגען אויף זיין אייגענער אויטאָריטעט 128 פּאָלאַקען, און פערשיקט אין רוסלאַנד און

סיביר 9,423 מענער און פרויען. אפיציעלע רשימות, אויף פערעפענטליכט אין רוסלאנד, גיבען אן 18,672 מענער און פרויען פערשיקט אין סיביר פון פוילען, פון וועלכע 10,407 זיינען פערשיקט געווארען אין מזרח־סיביר. איך געדענק אז דער גענעראל־גובערנאטאר פון מזרח־סיביר האט מיר אנגעגעבען דיזעלבע צאהל, אן ערך 11 טויזענד פערזאן, וואס זיינען ארויסגעשיקט געווארען אויף קאטארגע אדער פערשיקט אין די לענדער אונטער זיין רשות. איך האב זיי דארטען געטראפען, און האב צוגעזעהן זייערע ליידען. בסך־הכל, אן ערך פון 60 אדער 70 טויזענד מענשען, אויב ניט מעהר, זיינען אבגעריסען געווארען פון פוילען און פונאנדערגעשיקט געווארען אין די פערשיידענע רוסישע פראווינצען אין דעם אוראל, אויף דער קאווקאז און אין סיביר.

פאר רוסלאנד זיינען די פאלגען געוועזען פונקט אזוי שלעכט. מיט דעם אויפשטאנד אין פוילען האט זיך אין גאנצען געענדיגט די רעפארם־פעריאדע. אמת, דאס געזעץ פון פראווינציעלע זעלבסט־רעגיערונגען (זעמסטוואס) און די רעפארמירונג פון די געריכטען זיינען בעקאנט־געמאכט געווארען אין 1864 און 1868 ; אבערביידע זיינען שוין געוועזען פארטיג אין 1862 און, נאך מעהר, אין דעם לעצטען מאמענט האט אלעק־סאנדער דער 2טער בעסער אויסגעקליבען דעם פלאן פון זעלבסט־רעגיערונג, וואס איז אויסגעארבייט געווארען פון וואליועף׳ס רעאקציא־נערער פארטיי, אנשטאט דעם פלאן וואס איז צוגעגרייט געווארען פון ניקאליי מיליוטין ; און גלייך נאך דער בעקאנטמאכונג פון דיביידע רעפארמען איז זייער וויכטיגקייט פערקלענערט געווארען, און אין אייניגע פעלען אינגאנצען פערניכטעט, דורך די איינפיהרונג פון א גאנצער מאסע נעבען־געזעצען.

ערגער פון אלץ איז געוועזען, וואס די עפענטליכע מיינונג גופא האט געמאכט א וויטערען שריט אויף צוריק. דער העלד פון טאג איז געוועזען קאטקאף, דער פיהרער פון דער לייבאייגענטומס פארטיי, וועלכער האט זיך איצט ארויסגעשטעלט אלס רוסישער „פאטריאט" און האט מיטגע־שלעפט מיט זיך דעם גרעסטען טייל פון דער פעטערבורגער און מאסקווער געזעלשאפט. נאך דער דאזיגער צייט, זיינען אלע די וואס האבען געהאט דעם מוטה צו רעדען וועגען רעפארמען באלד געשטעמפעלט געווארען פון קאטקאף׳ן אלס די „פעררעטהער פון רוסלאנד".

די כוואליע פון רעאקציע האט אין גיכען דערגרייכט אונזער פער־ווארפענע פראווינץ. איין שעהנעם טאג איז מערץ האט א ספעציעלער שליח פון אירקוטסק געבראכט א פאפיר. אין פאפיר האט מען אנגעדייטעט דעם גענעראל קוקעל, ער זאל גלייך פערלאזען זיין שטעלע אלס

גובערנאטאָר פון טראנסבאיקאליע און אריבערקומען אין אירקוטסק, ווארטען אויף ווייטערע בעפעהלען, און אז ער דארף ניט צוריקנעהמען די שטעלע אלס קאָמאנדיר פון גענעראל־שטאַב.

פארוואָס? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? קיין ערקלערונג ניט. אפילו דער גענעראל־גובערנאטאָר, קוקעל׳ס א פערזענליכער פריינד, האָט ניט ריזיקירט צוצולעגען אן איינציגען וואָרט צו דעם געהיימניספאָלען בעפעהל. האָט דאָס געמיינט אז קוקעל וועט אָבגעפיהרט ווערען צווישען צוויי זשאנדארמען נאָך פעטערבורג, און וועט איינגעשפארט ווערען אין דעם גרויסען שטיינערנעם קבר, דער פעטראָפאוולאָווסקער פעסטונג? אלעס איז מעגליך געווען. שפעטער האָבען מיר ערפאהרען, אז דאָס איז טאקע געווען די אבזיכט; און עס וואָלט טאקע אזוי געווען אויך, ווען ניקאָליי מוראוויאָף, „דער בעזיעגער פון דעם אמור“, וואָלט זיך ניט ענער־גיש אריינגעמישט און פערזענליך געבעטען דעם צאר, ער זאָל האָבען איינזעהן מיט קוקעל׳ן.

אונזער שיידען זיך מיט קוקעל׳ן און זיין ליעבליכער פאמיליע איז געווען ווי א לויה. מיר איז געווען זעהר שווער אויפ׳ן הארצען. ניט נאָר האָב איך אין איהם פערלאָרען א טהייערען פערזענליכען פריינד, נור איך האָב געפיהלט, אז די דאָזיגע שיידונג איז געווען די קבורה פון א גאנצער עפאָכע, וואָס איז געווען פול מיט לאנג־געווינשטע האָפענונגען — „פול מיט אילוזיעס“, ווי די מאָדע איז געוואָרען צו זאָגען.

אזוי איז טאקע געווען. ס׳איז געקומען א נייער גובערנאטאָר — א גוטמוטהיגער, „לאָז־מיך־צורוה“־מענש. זעהענדיג אז מען קען מעהר קיין צייט ניט פערלירען, האָב איך מיט בעניייטער ענערגיע פערענדיגט אונזערע פלענער פאר דער רעפאָרם פון דעם פערשיקונגס־סיסטעם און דער מוני־ציפאלער זעלבסט־רעגיערונג. דער גובערנאטאָר האָט פון פאָרם וועגען דאָ און דאָרט געמאכט עטליכע אויסזעצונגען, אָבער ענדליך האָט ער די פלענער אונטערגעשריבען, און מען האָט זיי אוועקגעשיקט אין די העכערע מקומות. אָבער אין פעטערבורג האָט מען שוין מעהר קיין רעפאָרמען ניט געדארפט. אונזערע פראָיעקטען ליעגען עד היום דאָרטען בעגראָבען, צוזאמען מיט הונדערטער אנדערע פון אלע טיילען פון רוסלאנד. עטליכע „אויסגעבעסערטע“ טורמעס, וועלכע זיינען נאָך שרעקליכער ווי די אלטע ניט־פערבעסערטע, זיינען אויסגעבויט געוואָרען אין די הויפטשטעדט, אויף צו ווייזען, אין דער צייט פון געפענגניס־קאָנגרעסען פאר בעריהמטע אויסלענדער; אָבער די איבעריגע טורמעס און דער גאנצער פערשיקונגס־סיסטעם, האָט דזשאָרדזש קעננאן געפונען אין 1886 פונקט אין דעם זעלבען צושטאנד, אין וועלכען איך האָב זיי איבערגעלאָזט אין 1862.

ערשט איצט, מיט זעקס־און־דרייסיג יאָהר שפּעטער, פיהרען די בעאַמטע איין די רעפאָרמירטע געריכטען און א כלומרשט'ע זעלבסט־רעגיערונג אין סיביר, און קאָמיטעטען זיינען וויעדער ערנאַנט געוואָרען צו אונטער־זוכען דעם פערשיקונגס־סיסטעם.

ווען קעננאַן איז צוריקגעקומען אין לאָנדאָן פון זיין רייזע איבער סיביר, האָט ער באַלד, אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך זיין אָנקומען אין לאָנדאָן, אויפגעזוכט סטעפּניאַק'ען, טשייקאָווסקי'ן, מיך, און נאָך א רוסישען פליכטלינג. אין אָבענד האָבען מיר זיך אַלע צונויפגעטראָפען אין קעננאַן'ס צימער, אין א קליינעם האָטעל ניט ווייט פון טשארינג קראָס. מיר האָבען איהם געזעהן דאָס ערשטע מאָל, און ניט האָבענדיג קיין צופיעל צוטרויען צו די אונטערנעהמערישע ענגלענדער, וועלכע האָבען זיך פריהער אונטער־נומען אויסצוגעפינען אַלץ וועגען די סיבירישע געפענגניסען, ניט אויס־לערנענדיג זיך אפילו א וואָרט רוסיש, האָבען מיר קעננאַן'ען גענומען אויף א קרייץ־פערהער. צו אונזער ערשטוינען אָבער, האָט ער ניט נאָר געלערנט אַן אויסגעצייכענטען רוסיש, נור ער האָט אויך געוואוסט אַלץ, וואָס עס איז ווערטה צו וויסען וועגען סיביר. כמעט יעדערער פון אונז איז געוועזען בעקאַנט מיט דעם גרעסטען טייל פון אַלע פּאָליטישע פער־שיקטע אין סיביר, און מיר האָבען קעננאַן'ען פערוואָרפען מיט פראַגעס: „וואו געפינט זיך דער און דער? איז ער פערהייראַטה? איז ער גליקליך מיט זיין הייראַטה? איז ער נאָך אַלץ פריש און מונטער אין גייסט?" מיר האָבען זיך באַלד איבערצייגט, אַז קעננאַן וויים וועגען יעדען איינעם פון זיי.

ווען די פראַגען האָבען זיך געענדיגט, און מיר האָבען זיך געקליבען אוועקצוגעהן, האָב איך איהם געפרעגט, „ווייסט איהר ניט, הערר קעננאַן, צי זיי האָבען שוין אויסגעבויט דעם וואַך־טהורעם פאַר דער פייער־ברינגאַדע אין טשיטאַ?" סטעפּניאַק האָט א קוק געטהאָן אויף מיר, אַזוי ווי ער וואָלט מיר פאָרגעוואָרפען פאַר וואָס איך מיסברויך קעננאַן'ס פריינדליכקייט. אָבער קעננאַן האָט אָנגעהויבען לאַכען, און איך האָב מיטגעהאַלטען. און שטאַרק לאַכענדיג האָבען מיר זיך דורכגעוואָרפען מיט פראַגען און ענטפערס: „הייסט עס, איהר ווייסט אויך וועגען דעם?" „און איהר אויך?" „אויסגעבויט?" „יאָ, דאָפּעלטע חשבונות!" און אַזוי ווייטער, ביז סטעפּניאַק האָט זיך ענדליך אריינגעמישט, און אויף זיין שטרענגען גוטהערציגען שטייגער האָט ער אונז פאָרגעוואָרפען: „זאָגט אונז לכל הפחות וועגען וואָס איהר לאַכט." דערויף האָט קעננאַן דער־צעהלט די געשיכטע פון יענעם וואַך־טהורעם, וועלכע זיינע לעזער מוזען געוויס מערקען. אין 1859 האָבען די טשיטער איינוואוינער געוואָלט

בויען א וואך־טהורעם, און האָבען צונויפגעקליבען געלד פאר דעם צוועק; מען האָט אָבער פריהער געמוזט אוועקשיקען א חשבון אין מיניסטעריום פון אינערען וויפיעל דאָס וועט קאָסטען. מען האָט דעם חשבון אוועקגעשיקט; אָבער, אין צוויי יאָהר ארום, ווען עס איז אָנגעקומען א בעשטעטיגונג פון דעם חשבון, זיינען די מקחים פון געהילץ און ארבייט געשטיגען אין דער יונגער וואקסענדער שטאָדט. דאָס איז געוועזען אין 1862, ווען איך בין געוועזען אין טשיטא. מען האָט אויסגעמאַכט נייע חשבונות און אוועקגעשיקט אין פעטערבורג, און די געשיכטע האָט זיך אזוי איבערגע'חזר'ט גאַנצע פינף־און־צוואנציג יאָהר, ביז ענדליך האָבען די טשיטער איינוואוינער פערלאָרען די געדולד און האָבען אין זייערע חשבונות אריינגעשטעלט כמעט צוויי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל די ריכטיגע מקחים זיינען געוועזען. די דאָזיגע משונה'דיגע חשבונות האָט מען אין פעטערבורג ערנסט בעטראַכט, און זיי בעשטעטיגט. אָט ווי אזוי טשיטא האָט זיך דערשלאָגען צו איהר וואך־טהורעם.

מען האָט אָפט געזאָגט, אז אלעקסאנדער דער 2טער האָט בעגאנגען א גרויסען פעהלער און האָט געבראכט אויף זיך זיין אייגענע מפלה מיט דעם, וואָס ער האָט אויפגעוועקט אזוי פיעל האָפענונגען, וועלכע ער האָט שפּעטער ניט בעפריעדיגט. פון דעם וואָס איך האָב נאָר־וואָס דערצעהלט — און די געשיכטע פון דער קליינער טשיטא איז די געשיכטע פון גאַנץ רוסלאנד — קען מען זעהן, אז ער האָט נאָך ערגער געהאנדעלט. ער האָט ניט נאָר א ו י פ ג ע ו ו ע ק ט האָפענונגען. נאָכגעבענדיג פאר א ווייל דעם שטראָם פון דער עפענטליכער מיינונג ארום איהם, האָט ער בעוואוינען מענשען איבער גאַנץ רוסלאנד צו נעהמען זיך צו דער ארבייט, אריבערגעהן פון דעם קרייז פון סתם האָפענונגען און טרוימען, און קומען אין דירעקטער בעריהרונג מיט די נויטיגע רעפאָרמען. ער האָט זיי געמאכט איינזעהן, וואָס מען קען באַלד אויפטהאָן, און ווי גרינג דאָס איז אויפצוטהאָן. ער האָט זיי בעוואויגען אויפצוגעבען דעם טייל פון זייערע אידעאלען, וואָס עס לאָזט זיך ניט גלייך פערווירקליכען, און פאָדערען נור דאָס, וואָס איז פראקטיש גלייך מעגליך. און ווען זיי האָבען פאָרמולירט זייערע אידעען און געשטאַלטעט זיי אין געזעצען, פאר וועלכע עס איז בלויז נויטיג געוועזען זיין אונטערשריפט, כדי זיי זאָלען ווערען ווירקליכקייטען, האָט ער זיך דעמאָלט אָבגעזאָגט זיי אונטערצושרייבען. קיין רעאקציאָנער וואָלט ניט, און האָט ניט, אויפגעהויבען זיין שטימע צו בעהויפּטען, אז דאָס וואָס עס איז געבליבען — די ניט־רעפאָרמירטע געריכטען, די סיסטעם פון פערשיקונג, און די אבוועזענהייט פון מוניציפּאלער פערוואלטונג — איז געוועזען ווערטה אויפגעהאַלטען צו ווערען: קיינער האָט דאָס

ניט געוואגט צו טהאָן. און דאָך, צוליעב דער מורא עטוואָס צו טהאָן, איז אַלץ געבליבען ווי געווען. פאר פינף־און־דרייסיג יאָהר זיינען די, וואָס האָבען דעם מוטה געהאַט אויסצורעדען אַ וואָרט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון ענדערונגען, בעטראַכט געוואָרען אַלס „פערדעכטיגע"; און מען האָט ווייטער געלאָזט עקזיסטירען די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען איינשטימיג אַנערקענט געוואָרען פאר שלעכט, נאָר כדי עס זאָל מעהר ניט אויסקומען צו הערען דעם פערהאַסטען וואָרט "רעפאָרמען".

IV

איינזעהענדיג אַז מען קען מעהר גאָרנישט אויפטהאָן אין פּרט פון רעפאָרמען אין טשיטאַ, האָב איך מיט צופריעדענהייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו בעזוכען דעם אמור אין דעמזעלבען זומער פון 1863.

די אונגעהייערע גרויסע שטרעקע אויף דעם לינקען (צפון) ברעג פון דעם אמור, און דעם גאַנצען שטח אין דער לענג פון דעם פּאַסיפּישען ברעג, אַזוי ווייט דרום־צו ביז דער בוכט פון פּעטער דעם גרויסען (וולאַדיוואָסטאָק), האָט גראף מוראַוויאָף איינגענומען פאר רוסלאַנד, כמעט געגען דעם ווילען פון די פּעטערבורגער בעאַמטע און זיכער אָהן פיעל הילף פון זייער זייט. ווען איהם איז איינגעפאַלען דער דרייסטער פּלאַן צו פערנעהמען דעם גרויסען טייך, וועלכער האָט פאר די לעצטע 2 יאָהרהונדערטען שטענדיג צוגעצויגען צו זיך די סיבירער מיט זיין דרום־לאַגע און פרוכטבאַרע לענדער; און ווען ער האָט בעשלאָסען, קורץ פאר דעם ווי יאַפּאַן האָט זיך געעפענט פאר אייראָפּאַ, צו פערכאַפּען פאר רוסלאַנד אַ שטאַרקע פּאָזיציע אויף דעם פּאַסיפּישען ברעג און ווערען אַ נאָהענטער שכן פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, האָט ער כמעט אַלעמען אין פּעטערבורג געהאַט פאר געגנער: דעם קריעגס־מיניסטעריום, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין חיל איהם צו שיקען; דעם פינאַנס־מיניסטער, וועלכער האָט קיין געלד ניט געהאַט אויף איינגעהמען נייע לענדער; און איבערהויפּט דעם אויסערען מיניסטעריום, וואָס האָט שטענדיג איין בעשעפטיגונג, אויסצומיידען „דיפּלאָמאַטישע קאָמפּליקאַציעס". מוראַוויאָף האָט דעריבער געמוזט האַנדלען אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט און זיך פערלאָזען אויף די מאָגערע מיטלען, וואָס די שיטער־בעפעלקערטע מזרח־סיביר האָט געקענט צונויפשלאָגען פאר דער דאָזיגער גראַנדיאָזער אונטערנעהמונג. נאָך מעהר, אַלעס האָט געמוזט געטהאָן ווערען אין דער גיך, כדי מען זאָל קענען אַרויסשטעלען דעם „אָבגעטהאָנענעם פאַקט"

אנטקעגען די פּראָטעסטען פון די מערב־אייראָפּעאישע דיפּלאָמאטען, וועלכע וועלען זיכער אויפגעהויבען ווערען.

פון פערנעהמען דאָס לאַנד גלאַט אַזוי, נאָר אין נאָמען, וואָלט גאָרנישט ארויסגעקומען, און דער פּלאַן איז דעריבער געווען, צו האָבען איבער דער גאַנצער לענג פון דעם גרויסען טייך אַמור און פון דעם אוזורי, וואָס פאַלט אין איהם אריין אין דרום־זייט — אַ שטרעקע פון 2,500 מייל — אַ קייט פון קאָלאָניעס, וואָס זאָלען זיך אַליין אויסהאַלטען, און אויף אַזאַ אופן זאָל געשאַפען ווערען אַ רעגעלמעסיגע פערבינדונג צווישען סיביר און דעם פּאַסיפישען ברעג. דערצו איז נויטיג געווען מענשען, און אַזוי ווי די שיטערע מזרח־סיבירישע בעפעלקערונג האָט זיי ניט געקענט צושטעלען, איז מוראַוויאָף געווען געצוואונגען אָנצונעהמען אויסערגעוועהנליכע מיטלען. ער האָט בעפרייט די אויסגעדיענטע פער׳משפּט׳ע, וואָס זיינען געוואָרען לייבאייגענע אויף די קייזערליכע מינעס, און האָט זיי אָרגאַניזירט אַלס טראַנסבאַיקאַליער קאָזאַקען, אַ טייל פון וועלכע האָבען זיך בעזעצט ביי דעם אַמור און דעם טייך אוזורי און האָבען געבילדעט צוויי נייע קאָזאַקען־געמיינדעס. דאַן האָט מוראַוויאָף גע׳פּועל׳ט מען זאָל בעפרייען טויזענד קאַטאָרזשניקעס (דאָס רוב רויבער און מערדער), וועלכע האָבען געזאָלט זיך בעזעצען אַלס פרייע מענשען ביי דעם ניעדעריגען טייל פון אַמור. ער איז אַליין געקומען זי בעגלייטען, און האָט זיי פאַר׳ן אָבפאָהרען אַדרעסירט פון ברעג: „געהט, מיינע קינדער, זייט דאָרטען פריי, בעאַרבייט דאָס לאַנד, מאַכט דערפון רוסישען באָדען, הויבט אָן אַ נייע לעבען", און אַזוי ווייטער. די רוסישע פּויערטעס, ווען מען פערשיקט זייערע מענער אויף קאַטאָרגע, געהען מיט כמעט אַלע מאָל, פון זייער פרייען ווילען, מיט די מענער אין סיביר, און אַזוי האָבען אַ סך פון די, וואָס האָבען געזאָלט ווערען קאָלאָניסטען, געהאַט מיט זיך זייערע פאַמיליעס. די אָבער וואָס האָבען קיין פאַמיליעס ניט געהאַט, האָבען זיך אָנגענומען מיט מוטה און געזאָגט צו מוראַוויאָף׳ן: „וואָס איז לאַנדאַרבייט אָהן אַ פרוי? מיר האָבען געדאַרפט זיין פערהייראַטעט!" אויף דער דאָזיגער בעמערקונג האָט מוראַוויאָף געענטפערט מיט אַ בעפעהל פריי צו לאָזען אַלע פרויען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען אויף קאַטאָרגע — בערך אַ הונדערט — און זיי געלאָזען זיך אויסקלייבען וועמען זיי ווילען פון די מענער. קיין צייט צו פערלירען איז ניט געווען: דאָס הויך־וואַסער פון טייך איז געשווינד אָבגעפאַלען, די פּליטען האָבען געמוזט אָבגעהן, האָט מוראַוויאָף זיי געהייסען זיך אויסשטעלען ביין ברעג פּאָרוויז, האָט זיי געגעבען זיין ברכה און געזאָגט: „איך מאַך אייך

חתונה, קינדער. זייט גוט איינע צו די אנדערע; איהר, מענער, בעהאנדעלט ניט שלעכט אייערע ווייבער — און זייט גליקליך!"

איך האָב די דאָזיגע קאָלאָניסטען געזעהן וואָסערע זעקס יאָהר שפּעטער נאָך אָט דער סצענע. זייערע דערפער זיינען געווען אָרעם, ווייל דאָס לאַנד אויף וועלכע זיי האָבען זיך בעזעצט האָט געמוזט אָבגעריינינגט ווערען פון וועלדער, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט בעריהרט געוואָרען פון א האק; אָבער אין גאַנצען גענומען, זיינען זייערע קאָלאָניעס ניט געווען קיין דורכפאַל, און „מוראַוויאָף'ס זווגים" זיינען ניט געווען ווייניגער גליקליך ווי זווגים אין אַלגעמיין. בישאָף אינאָסענטוס פון אמור, אַן אויס־געצייכענטער, אינטעליגענטער מענש, האָט שפּעטער אָנערקענט די חתונות, ווי אויך די קינדער וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען, פאַר גאַנץ לעגאַל און האָט זיי געלאָזט פערשרייבען אין דעם קירכען־רעגיסטער.

ווייניגער מזל'דיג איז אָבער מוראַוויאָף געווען מיט אַן אנדער חברת מענשען, מיט וועלכער ער האָט פערגרעסערט די בעפעלקערונג פון מזרח־סיביר. זייענדיג בדוחק אין מענשען, האָט ער אָנגענומען א פּאָר טויזענד סאָלדאַטען פון די דיסציפּלינאַר־באַטאַליאָנען. זיי זיינען אריינגענומען געוואָרען אַלס „אדאָפּטירטע זיהן" אין די קאָזאַקען פאַמיליען, אָדער מען האָט זיי בעזעצט אין געמיינשאַפטליכע הייזער אין די סיביריש'ע דערפער. אָבער א לעבען אין קאַזאַרמע, צעהן אָדער צוואַנציג יאָהר, אונטער דער שוידערליכער דיסציפּלינע פון ניקאָליי דעם 1טען'ס צייטען, איז זיכער ניט געווען מסוגל אַלס א פּאָרבערייטונג פאַר אַן אגריקולטורעלען לעבען. די „זיהן" זיינען זיך צולאָפען פון זייערע אדאָפּטירטע פאָטערס און האָבען געבילדעט מיט זיך די ארומטרייבערישע בעפעלקערונג פון די שטעדט, לעבענדיג „פון האנד אין מויל" פון צופעליגער ארבייט, פער'שכור'ענדיג דעם גרעסטען טייל פון די פערדיענסטען, און דערנאָך געלעבט, ווי די פויגעל אונטער'ן הימעל, אויסקוקענדיג אויף א נייעם צופאַל עפּעס צו פערדיענען.

דער ערב־רב פון טראַנסבאַיקאַליער קאָזאַקען, פון געוועזענע פער־ברעכער און „זיהן", — וואָס האָבען זיך בעזעצט אין איילענים, אָפּט אָהן א סדר, ביי די ברעגעס פון אמור, — האָט זיכער ניט געקענט דער־גרייכען קיין הצלחה, איבערהויפּט ביי די ניעדעריגע טיילען פון טייך און ביי דעם אוזורי, וואו יעדער אייל ערד האָט געמוזט ארויסגעריסען ווערען פון א האלב־טראָפּישען ניט־בעריהרטען וואלד. די מבול'ען רעגען וואָס קומען מיט די מאָנסונס (רעגען־ווינטען), די אונגעהייערע איבערשווע־מונגען, די מיליאָנען וואַנדער־פויגעל א. ד. ג. האָבען כסדר פערניכטעט

די תבואות, און האָבען ענדליך געבראַכט די גאַנצע בעפעלקערונג אין איינ־פאַכער פערצווייפלונג און יאוש.

מען האָט דעריבער געמוזט יעדען יאָהר אַריבערשיקען היבשע זאַפּאַסען זאַלץ, מעהל, נערויכערטע פליישען א. אַז. וו., אויסצוהאַלטען די שטעהענדע סאָלדאַטען און די קאָלאָניסטען אויף דעם ניעדעריגען טייל אמור. פאַר דעם דאָזיגען צוועק פלעגט מען אויפבויען אין טשיטאַ לערך א הונדערט און פופציג באַרקעס א יאָהר, און זיי שיקען מיט די ערשטע פריהלינגס־שטראָמען איבער די טייכען אינגאָדאַ, שילקאַ און דעם אמור. די גאַנצע „פלאָטע" איז געווען איינגעטיילט אין אבטיילונגען פון צוואַנ־ציג ביז דרייסיג באַרקעס, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון קאָזאַקען־ און ציוויל־בעאַמטע. די מייסטע פון זיי האָבען גאַנץ ווייניג געוואוסט וועגען נאַוויגאַציע (שיף־פאָהרעריי), אָבער מען האָט זיך, לכל הפחות, געקענט פערלאָזען אויף זיי, אַז זיי וועלען ניט צו'גנב'ענען די פּראָוויאַנטען און דערנאָך אריינשיקען א ראַפּאָרט, אַז זיי זיינען פערלאָרען געגאַנגען. מיך האָט מען אָנגעשטעלט אלס געהילף צו דעם שעף פון דער גאַנצער פלאָטע — לאָמיך איהם אָנרופען — מאַיאָר מאַראָווסקי.

מיינע ערשטע ערפאַהרונגען אין מיין נייער ראָלע פון א נאַוויגאַטאָר, זיינען ניט געווען קיין געהויבענע. ס'האָט זיך געמאַכט אַז איך האָב געמוזט אָבפאָהרען מיט עטליכע באַרקעס אַזוי געשווינד ווי מעגליך, און זיי צושטעלען צו א געוויסען פּונקט אויפ'ן אמור. די מענשען, וואָס זיינען נויטיג געווען צו דער נסיעה, איז מיר אויסגעקומען צו דינגען פּונקט צווישען יענע „זיהן", וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט. ניט איינער פון זיי, און ניט איך אליין, האָבען געהאַט די קלענסטע ערפאַהרונג ווי צו פאָהרען אויף א טייך. אין דעם פריהמאָרגען וואָס מיר זיינען אָבגע־פאָהרען, האָב איך מיינע מענשען געמוזט צונויפקלייבען פון די דאָרטיגע שיינקען, און דאָס רוב פון זיי איז שוין באַלד אין דער פריה געווען אַזוי שכור, אַז ס'איז נויטיג געווען זיי אָבצו'טובל'ען אין טייך, כדי זיי צו ברענגען צום בעוואוסטזיין. ווען מיר זיינען אַרויס אויפ'ן וואַסער, האָב איך זיי געמוזט לערנען יעדע זאַך, וואָס זיי זאָלען טהאָן. פונדעסטוועגען, איז דעם גאַנצען טאָג אַלעס געגאַנגען כשורה; די באַרקעס, געטראָגען פון האַסטיגען שטראָם, זיינען געשוואומען טייך־אַרונטער און מיינע מענשען, ווי ניט־ערפאַהרען זיי זיינען געווען, האָבען זיי דאָך ניט געהאַט קיין אינטערעסע אַרויפצוטרייבען זייערע שיפען אויפ'ן ברעג: צו דעם וואָלט נויטיג געווען א בעזונדערע אָנשטרענגונג. ווען ס'האָט אָבער אָנגע־הויבען טונקעל ווערען, און אונזערע גרויסע שווער־אָנגעלאָדענע פופציג־

טוניגע באַרקעס האָבען געדאַרפט צוגעבראַכט ווערען צום ברעג און צוגעפּעסטיגט ווערען אויף איבער־נאַכט, האָט זיך איין באַרקע, וועלכע איז געווען ווייט פאָראויס פון דער, אויף וועלכער איך בין געווען, ערשט דעמאָלט אָבגעשטעלט, ווען זי איז געבליבען זיצען אויף אַ שטיין, צופּוסען פון אַן אונגעהויער הויכען פעלזען, צו וועלכען ס'איז געווען אונמעגליך צוצוקומען. די באַרקע איז געזעסען פעסט, בעת די וואַסער־הויך פון טייך, וואָס איז פאַר אַ געוויסע צייט געווען אָנגעשוואָלען פון די רעגענס, איז שנעל געפאַלען. ס'איז געווען קלאָר, אַז מיינע צעהן מענשען וועלען איהר ניט קענען אַרונטערקריגען. איך האָב זיך צוגעשיפט צו אַ דערבייאיגען דאָרף בעטען הילף ביי די קאָזאַקען, און פאַר איין גאַנג האָב איך אַוועק־געשיקט אַ שליח צו מיינעם אַ פריינד — אַ קאָזאַקען־אָפיציר, וואָס האָט זיך געפונען אַ צוואַנציג מייל ווייט פון דאָרטען, וועלכער האָט געהאַט ערפאַהרונג אין אַזעלכע זאַכען.

ס'איז געוואָרען טאָג; אַ הונדערט קאָזאַקען — מענער און פרויען — זיינען מיר געקומען צו־הילף, מיר האָבען אָבער קיין שום מיטעל ניט געהאַט, ווי אַזוי צוצוקומען פון ברעג צו דער באַרקע, אַז מיר זאָלען איהר קענען אויסלאָדען — אַזוי טיעף איז געווען דאָס וואַסער אונטער'ן פעלז. און אַזוי געשווינד ווי מיר האָבען פּרובירט איהר אַרונטערשטופּען פון שטיין, האָט זיך איינגעבראָכען דער דעק און עס האָט אָנגעהויבען אַריינקומען וואַסער גאַנץ פריי, אַוועקשווענקענדיג די מעהל און זאַלץ, מיט וואָס די באַרקע איז געווען אָנגעלאָדען. צו מיין גרויסען שרעק, האָב איך בעמערקט מאַסען קליינע פישלעך אַריינקומענדיג דורך דער לאָך און גאַנץ פריי אַרומשווימענדיג אין דער באַרקע — און איך בין געשטאַנען אַן אונבעהאָלפענער, ניט וויסענדיג וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן. ס'איז אַפילו דאָ אַ גאַנץ איינפאַכער און ווירקזאַמער מיטעל אין אַזעלכע נויט־פאַלען. מען שטופּט אריין אַ זאַק מעהל אין דער עפענונג, וועלכע ווערט באַלד פערשטאָפּט, בעת דער אויסענווענינסטער פערהאַרטעוועטער טייג וואָס פאָרמירט זיך אין זאַק לאָזט ניט דאָס וואַסער אַריינקומען דורך די מעהל; אָבער מיר האָבען קיינער ניט געוואוסט דערפון. צום גליק, האָט זיך אין עטליכע מינוטען אַרום בעוויזען אַ באַרקע אַרונטערקומענדיג מיט'ן טייך צו אונז. דער שוואַן וואָס האָט אויף זיך געטראָגען לאָהענגרין איז ניט בעגריסט געוואָרען מיט מעהר פרייד פון דער פערצווייפעלטער עלזאַ, ווי די דאָזיגע אונגעלוקפערטע באַרקע איז פון מיר בעגריסט געוואָרען. דער טומאַן וואָס איז געלעגען איבער דעם שעהנעם שילקאַ אין דעם פריהמאָרגען, האָט נאָך פערגרעסערט די פּאָעזיע פון דער ערשיינונג. דאָס איז געווען מיין פריינד, דער קאָזאַקען־אָפיציר, וועלכער

האָט פון מיין בעשרייבונג פערשטאַנען, אז ס'איז ניט פאַר מענשליכע כחות אָרונטערצוקריגען מיין באַרקע פון שטיין — אז זי איז פערלאָרען — און נעהמענדיג אַ לעדיגע באַרקע, וואָס ער האָט גראָד געפונען ביי דער האַנד, איז ער מיט איהר געקומען אָריבערנעהמען אויף איהר די לאָדונג פון דער זינקענדער שיפעל. די לאַך איז באַלד פערשטאָפּט געוואָרען, דאָס וואַסער האָט מען אויסגעפּומפּעט, און די פּראָוויאַנט האָט מען אָריבער־גענומען אויף דער נייער באַרקע, וועלכע מען האָט צוגעבונדען צו מיינער; און אויפ'ן צווייטען טאָג האָב איך געקענט פאָרטזעצען מיין רייזע. אָט די דאָזיגע ערפאַהרונג איז פאַר מיר געווען אַ גרויס געווינס, און אין גיכען בין איך אָנגעקומען צו דעם בעשטימטען פּלאַץ אויפ'ן אַמור, אָהן וועלכע־עס־איז ווייטערדיגע צופאַלען, וואָס זאָלען ווערטה זיין צו דער־מאָנען. יערע נאַכט פלעגען מיר אָבזוכען אַ גראַמען, ניט קיין צו־טיעפען פּלאַץ ביים ברעג, וואו מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט איבערנעכטיגען, און באַלד האָבען געפלאַקערט אונזערע פייערם איבער'ן ברעג פון דעם שטראָמיגען און קלאָרען טייך, אין מיטען פון די הערליכסטע באַרג־פּאַנאָראַמאַס. ס'איז שווער זיך פּאָרצושטעלען אַן אַנגענעהמערע רייזע, בייטאָג, אָהן אירגענד וועלכע גערוישען פון אַ דאַמפּפער, — פון צייט צו צייט גיט מען אַ פּאָר שטרייכען מיט'ן גרויסען שטייער־רודער, כדי צו האַלטען די באַרקע אין מיטען שטראָם. פאַר דעם וואָס האָט ליעב די נאַטור, גיט עס ניט קיין פּראַכטפאָלערע פּאָנאָראַמאַס אין דער וועלט, ווי אין דעם ניעדעריגען טייל פון שילקאַ און דעם העכערען טייל פון אַמור, וואו מען זעהט הערליכע, ברייטע און שטראָמיגע טייכען פליסענדיג צווי־שען בערג פון משופּע'דיגע מיט וועלדער בעדעקטע פעלזען, וואָס הויבען זיך אויף אַ פּאָר טויזענד פוס איבער'ן וואַסער. אָבער אָט די אייגענע פעלזען מאַכען דערפאַר די פערבינדונגען אויף דער יבשה, רייטענדיג אויף פערד איבער אַ שמאָלען שטעג, אויסערגעוועהנליך שווער. דאָס האָב איך אויסגעפונען נאָך אין דעם קומענדען הערבסט אויף מיין אייגענעם חשבון. אין מזרח־סיביר זיינען די זיעבען לעצטע באַהן־סטאַנציעס פּאַזשע דעם שילקאַ (אַן ערך 120 מייל) געוועזן בעקאַנט אַלס די „שבעה מדורי גיהנם“. די דאָזיגע שטרעקע פון דער טראַנסבאַיקאַליער אייזענבאַהן — אויב זי וועט ווען־עס־איז אויסגעבויט ווערען — וועט אָבקאָסטען אין־לשער'דיגע סומען געלד: אַ סך מעהר וויפיעל עס האָט געקאָסט די שטרעקע פון דער „קאַנאַדאַ־פּאַסיפישער ליניע“ אין די „ראָקי מאָונטיינס“, אין די „קאַניאָנס“ פון דעם פרייזער טייך.

נאָכדעם ווי איך האָב צוגעשטעלט מיינע באַרקעס, האָב איך געמאַכט א רייזע פון אונגעפעהר טויזענד מייל אַרונטער דעם אַמור אין איינע פון די פּאָסט־שיפלעך, וואָס ווערען בענוצט אויפ'ן טייך. דאָס הינטערסטע טייל פון שיפעל איז געווען איבערגעדעקט מיט א לייכטען דעכעל, און אויפ'ן פאָדערסטען שפּיץ איז געווען א קאַסטען אָנגעשאָטען מיט ע־ד, וואו מען האָט געהאַלטען א פייער צו קאָכען דאָס עסען. מיין מאַנשאַפט איז בעשטאַנען פון דריי מענשען. מיר האָבען זיך געמוזט אונטערהאַיילען, און דעריבער פלעגען מיר א גאַנצען טאָג רודערען, איבערבייטענדיג זיך נאָך דער רייהע־נאָך, בעת ביי דער נאַכט האָבען מיר דאָס שיפעל געלאָזט שווימען מיט'ן שטראָם, און איך פלעג פאַר א דריי־פיער שעה בלייבען אויף דער וואַך, אויפצופּאַסען אז דאָס שיפעל זאָל זיך האַלטען אין מיטען טייך און ניט פערטראָגען ווערען אין איינעם פון די זייטיגע פלוסען. אָט די וואַך־נעכט — מיט די פולע שיינענדיגע לבנה פון אויבען, און די טונקעלע בערג זיך אָבשפּיעגלענדיג אין טייך פון אונטען — זיינען געווען אַזוי שעהן, אז עס לאָזט זיך גאָר ניט בעשרייבען. מיינע רודערערס זיינען אויך געווען פון דיזעלבע „זיהן"; דאָס זיינען געווען דריי בראָדיאַגעס, וועלכע האָבען געהאַט א שם אַלס אונפערבעסערליכע גנבים און רויבער — און איך האָב מיט זיך געפיהרט א שווערען זאַק אָנגעפילט מיט באַנק־נאָטען, זילבער און קופּער. אין מערב־אייראָפּאַ וואָלט אַזאַ רייזע אויף אַן איינזאַמען טייך בעטראַכט געוואָרען גאַנץ ריזיקאַליש — ניט אַזוי אין מזרח־סיביר. איך האָב געמאַכט די רייזע ניט האָבענדיג ביי זיך אפילו אַן אַלטען פּיסטאָלעט, און בין מיט מיינע דריי בראָדיאַגעס גאַנץ געמיטה־ליך דורכגעקומען. נאָר ווען מיר זיינען געווען ניט ווייט פון בלאַגאָוועס־טשענסק זיינען זיי געוואָרען אונרוהיג. „כאַנשינאַ" (א כינעזישער בראַנ־פען) איז דאָרטען ביליג", האָבען זיי גע'טענה'עט, טיעף אָבזיפצענדיג. „מיר וועלען זיכער אריינפאַלען אין א צרה! ס'איז ביליג, און איינס־צוויי איז מען א פאַרטיגער ווען מען איז דערצו ניט געוועהנט!" איך האָב זיי פאַרגעלעגט איבערצולאָזען דאָס געלד, וואָס זיי האָט געקומט, ביי א פריינד, וועלכער וועט זיי בעהילפיג זיין אָבצופאָהרען מיט'ן ערשטען דאַמפּפער. „דאָס וועט אונז קנאַפּ וואָס העלפען", האָבען זיי פערטרויערט געענטפערט; "אימיצער וועט אָנבאָטען א גלעזעל... ס'איז ביליג... און מיט איין גלעזעל איז מען א פאַרטיגער!" האָבען זיי זיך געהאַלטען ביי דאָס זייעריגע. זיי האָבען זיך געפּיהלט גאַנץ דערשלאָגען, און ווען איך בין געפאָהרען צוריק דורך דער שטאָדט, א פּאָר חדשים שפּעטער, האָב איך ערפאַהרען, אז איינער פון „מיינע זיהן" — ווי מען האָט זיי אין שטאָדט גערופען — איז טאַקע אריינגעפאַלען אין א צרה. ווען ער האָט

שוין געהאַט פערקויפט זיין לעצטע פּאָר שטיוועל פאַר דער גיפטינגער משקה, האָט מען איהם ארעסטירט פאַר עפּעס א גנבה, וואָס ער איז בעגאַנגען. מיין פריינד האָט איהם ענדליך ארויסגעקראַגען פון תפיסה און אוועקגעשיקט.

נאָר די וואָס האָבען געזעהן דעם אמור, אָדער די וואָס קאָנען דעם מיסיסיפּי אָדער דעם יאַנג־טסע־קיאַנג, קענען האָבען א בעגריף ווי גרויס דער אמור ווערט, נאָכדעם ווי ער גיסט זיך צונויף מיט'ן סונגארי, און קענען זיך פאָרשטעלען ווי מורא'דיג עס זיינען די כוואַליעס אויף איהם, ווען דער וועטער איז שטורעמדיג. ווען עס פאַנגט זיך אָן דער רעגען־סעזאָן אין יולי, צוליעב די „מאָנסונס" (רעגען־ווינטען), ווערען דער סונגארי, דער אוזורי און דער אמור אָנגעשוואָלען מיט אין־לשער'דיגע מאַסען וואסער; טויזענדער פלאַכע אינזלען, וועלכע זיינען געוועהנליך בעדעקט מיט וויערבאָווע וועלדלעך, ווערען פערפלייצט אָדער אוועקגעטראָגען, און די ברייט פון טייך דערגרייכט אין אייניגע שטעלען צוויי, דריי און זאָגאר פינף מיילען. דאָס וואַסער גיסט זיך פונאנדער אין הונדערטע טייכען און אָזערעס און פערשפּרייט זיך איבער די פלאַכלענדער פון ביידע זייטען פון הויפּט־קאַנאַל. און ווען עס בלאָזט א פרישער ווינד פון מזרח־זייט אַנטקעגען שטראָם, הויבען זיך אויף אויפ'ן הויפּט־קאַנאַל און זיינע אָבצווייגונגען אַזעלכע מורא'דיגע כוואַליעס, וואָס זיינען א סך העכער פון די וואָס מען זעהט אמאָל ביי דעם ים־אריינגוס פון דעם סט. לאָרענס. נאָך ערגער איז עס, ווען עס קומט אָן אן אוראַגאַן פון כינעזיש'ען ים און צושפּרייט זיך איבער דער אמור־געגענד.

אזא אוראַגאַן האָבען מיר מיטגעמאַכט. איך בין דעמאָלט געווען אויף א גרויסע געדעקטע שיף, צוזאַמען מיט מאַיאָר מאַראָוועסקי, מיט וועמען איך בין מיטגעפאָהרען פון בלאַגאָוועסטשענסק. ער האָט אָנגעשטעלט די זעגלען אַזוי, אַז די שיף זאָל געהן געגנוי נאָכ'ן ווינד, און ווען דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען מיר בעוויזען אריבערצושיפען זיך אויף דער בעשיצטער זייט פון טייך און אויפזוכען א בעהעלטעניס אין א קליינעם זייטיגען טייכעל. מיר זיינען דאָרטען אָבגעשטאַנען צוויי טעג, אין דער צייט וואָס דער שטורעם האָט געבושעוועט מיט אזא ווילדקייט, אַז ווען איך האָב זיך איינגעשטעלט און אָבגעגאַנגען א פּאָר הונדערט איילען אין א דערבייאיגען וואלד, האָב איך זיך באַלד געמוזט אומקעהרען צוריק, צוליעב דער גרויסער צאָהל מעכטיגע בוימער, וואָס דער ווינד האָט אומ־געוואָרפען אויף אַלע זייטען. מיר האָבען אָנגעהויבען זיך פיהלען זעהר אונרוהיג וועגען אונזערע בארקעס. ס'איז גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז אויב זיי זיינען יענעם פריהמאָרגען געווען אויפ'ן אָפענעם וואסער, האָבען

זיי בשום אופן ניט געקענט צוקומען צו דער בעשיצטער זייט פון טייך, און האָבען געמוזט פערטראָגען ווערען צום אָפענעם ברעג, וואו דער ווינד האָט געבושעוועט מיט זיין גאַנצער ווילדקייט און זיינען צושמעטערט געוואָרען. ס'איז געווען כמעט זיכער, אַז אַן אונגליק האָט פּאַסירט.

מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען באַלד ווי דאָס בושעווען פון שטורעם האָט נאָכגעלאָזען. געוואוסט האָבען מיר, אַז מיר דאַרפען באַלד אָנגעגנען צוויי אָבטיילונגען פון באַרקעס; מיר זיינען אָבער אָבגעפאָהרען איין טאָג, צוויי טאָג, און ס'איז פון זיי אפילו קיין שפור ניט געווען צו זעהן. מיין פריינד מאַראָווסקי האָט פערלאָרען דעם שלאָף און דעם אַפּעטיט, און האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט נאַר־וואָס אויפגעשטאַנען פון אַן ערנסטער קראַנקהייט. אַ גאַנצען טאָג איז ער אָבגעזעסען אויפ'ן דעק אונבעוועגליך און געשעפּטשעט: „אַלעס איז פערלאָרען, אַלעס איז פערלאָרען!" אין אָט דעם געגענד פון אַמור זיינען דאָ ווענינ דערפער, און זיי זיינען זעהר ווייט צוּאוואָרפען, און מיר האָבען קיין שום ידיעה ניט געקענט קריגען. ס'איז אָנגעקומען אַ נייער שטורעם, און ווען מיר האָבען ענדליך דערגרייכט אַ דאָרף, האָבען מיר זיך דערקונדיגט, אַז קיין באַרקעס זיינען דאָרטען ניט פערבייגעפאָהרען, און אַז מיט אַ טאָג פריהער האָבען זיך דאָרטען געזעהן גאַנצע מאַסען ברוכשטיקער פון שיפען, שווימענדיג מיט'ן שטראָם. ס'איז געווען קלאָר, אַז צום ווענינגסטענס פערציג באַרקעס, אויף וועלכע עס האָט זיך געפונען צוויי טויזענד טאָן פראַכט, האָבען געמוזט אונטערגעהן. דאָס האָט געהייסען, אַז אויב עס וועט ניט אָנקומען אין צייט קיין פּראָוויאַנט, וועט דעם נעקסטען פריהלינג זיכער זיין אַ הונגער אין דעם ניעדעריגען טייל פון אַמור. דען עס איז שוין געווען שפּעט אין סעזאָן, מיט שיפען וועט מען באַלד ניט קענען פאָהרען, און קיי טעלעגראַפישע פערבינדונגען זיינען נאָך דעמאָלט אין יענעם געגענד ניט געווען.

מיר האָבען אָבגעהאַלטען אַ בעראַטהונג און בעשלאָסען, אַז מאַראָווסקי זאָל אַזוי געשווינד ווי מעגליך אָבפאָהרען צו דעם מויל פון אַמור, טאָמער וועט ער נאָך קענען איינקויפען אביסעל תבואה אין יאַפּאַן, איידער די נאַוויגאַציע וועט זיך שליסען. דערווייל זאָל איך פאָהרען אַרויף וואַסער ערקונדיגען זיך, ווי גרויס דער פערלוסט איז געווען, און זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען צו דעקען די צוויי טויזענד מייל אַרויף דעם אַמור און די שילקאַ — אין שיפלעך, רייטענדיג אויף פערד, אָדער מיט אַ דאַמפּפער, אויב איך וועל קריגען. וואָס גיכער איך וועל קענען געבען צו וויסען די בעאַמטע אין טשיטאַ וועגען דעם אונגליק, און אַרויסשיקען אַזוי פיעל פּראָוויאַנט וויפיעל מען וועט קריגען, אַלץ בעסער וועט זיין. אפשר וועט מען נאָך אַ טייל קענען צושטעלען דעם איינענעם הערבסט צו דעם אויבער־

רען טייל אַמור, פון וואַנען ס'וועט לייכטער זיין עס אריבערצושיקען פריה אין פריהלינג אין די פלאַכלענדער. אויב מען זאָל נאָר קענען געווינען א פּאָר וואָכען אָדער עטליכע טעג, וואָלט עס געמאַכט א גרויסען אונטערשייד אין פאַל פון א הונגער.

איך האָב אָנגעהויבען מיין צוויי טויזענד מייליגע רייזע אין א רודער־שיפעל, בייטענדיג די רודערער אַן ערך יעדע צוואַנציג מייל, אין יעדען דאָרף. אזא מין פאָהרען איז געווען צו לאַנגזאַם, אָבער וואַרטען אויף א דאַמפּפער, וואָס וועט אפשר אונטערקומען אין א פּאָר וואָכען ארום, האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב דערווייל געקענט אָנקומען צו די פּלעצער וואו די באַרקעס זיינען צושמעטערט געוואָרען און קריגען צו וויסען, אויב וויפיעל ניט איז פּראָוויאַנט איז גערעטעט געוואָרען. דערצו האָב איך גערעכענט, אז איך וועל אפשר טרעפען א דאַמפּפער ביי דעם מויל פון אוזורי, אין כאַבאַראָווסק. די שיפלעך וואָס איך האָב געקראָגען אין די דערפער זיינען געווען קלאָגעדינגע, און דער וועטער איז געווען זעהר שטורעמדיג. עס פערשטעהט זיך, אז מיר האָבען זיך געהאַלטען פּאַזשע ברעג, אָבער ס'איז אונז אויסגעקומען דורכצושניידען איינינע צווייגען פון דעם אַמור, וואָס זיינען געווען זעהר ברייט און די כוואַליעס, וואָס זיינען געטריבען געוואָרען פון ווינד, האָבען כסדר געסטראַשעט צו פערזינקען אונזער קליין שיפעל. איין טאָג איז אונז אויסגעקומען איבערצושניידען א צווייג פון אַמור, וואָס איז געווען כמעט א האַלב מייל די ברייט. שטורעמ־דיגע כוואַליעס האָבען זיך אויפגעהויבען אזוי ווי בערג, זיך יאָגענדיג אין יענעם צווייג אַריין. מיינע רודערער, צוויי פּויערים, זיינען געוואָרען פערציטערטע; זייערע פנים'ער זיינען געווען ווייס ווי פּאַפּיר; זייערע בלויע ליפּען האָבען זיך געטרייסעלט, זיי האָבען געשעפּטשעט תפלות. נאָר א פופצעהן־יאָהריגער בחור'ל, וועלכער האָט געהאַלטען דעם רודער, האָט געלאַסען אויפגעפּאַסט מיט א וואַכזאַמען אויג אויף די כוואַליעס. ווען זיי האָבען זיך ארונטערגעלאָזט נעבען אונז און עס האָט אויסגעזעהן ווי זיי פערזינקען פאַר א מאָמענט, האָט ער זיך געגליטשט צווישען זיי; אָבער ווען ער האָט געזעהן ווי זיי הויבען זיך אויף אין א שרעקליכער הויכקייט פון פאָרענט, האָט ער א לייכטען קירעווע געטהאָן די שיפעל און האָט איהר אַריבערגעפיהרט איבער די כוואַליעס. פון יעדער כוואַליע האָט זיך דאָס שיפעל אָנגעשעפּט מיט וואַסער, און איך האָב עס מיט אַן אַלטען שעפעל אויסגעשעפּט, בעמערקענדיג פון צייט צו צייט, אז דאָס וואַסער קלייבט זיך אָן גיכער ווי איך קען עס אויסשעפּען. איינמאָל, ווען דאָס שיפעל איז אַריבערגעשוואָומען איבער צוויי אזעלכע גרויסע כוואַליעס, האָב איך, אויף א וואונק וואָס איינער פון די צושראָקענע רודערערס האָט

מיר געגעבען, אָבגעבונדען דעם שווערען זעקעל מיט קופער און זילבער, וואָס איך האָב געטראָגען אויף מיינע פּלייצעס... פאַר עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָבען מיר געהאַט דורכצושניידען אַזעלכע פּלעצער. איך האָב זיי קיינמאָל דערצו ניט געצוואונגען, אָבער זיי אַליין, וויסענדיג צוליעב וואָס איך יאָג זיך אַזוי, פּלעגען אין דעם נויטיגען מאָמענט בעשליסען, אַז מען מוז פּרובירען. „זיעבען מאָל שטאַרבט מען דאָך ניט, און פון איינמאָל קען מען זיך ניט אַרויסדרעהען", פּלעגען זיי זאָגען, און, איבער'צלם'ענדיג זיך, האָבען זיי זיך גענומען פאַר די רודערס און אַריבערגעפאָהרען.

איך בין אין גיכען אָנגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו דער הויפּט־אונגליק מיט די באַרקעס איז פאָרגעקומען. פיער־און־פערציג באַרקעס זיינען פערניכטעט געוואָרען פון שטורעם. אויסלאָדען זיי איז געווען אונמעגליך, און זעהר ווייניג פראַכט איז געראַטעוועט געוואָרען. צוויי טויזענד טון מעהל איז פערלאָרען געגאַנגען אין די כוואַליעס. מיט דער דאָזיגער ידיעה האָב איך פאָרטגעזעצט מיין רייזע.

עטליכע טעג שפּעטער האָט מיך אָנגעיאָגט א דאַמפּפער, וועלכער איז געקראָכען פּאַמעלעך אַרויף דעם טייך. ווען איך בין אויף איהם אַרויפגעשטיגען, האָבען מיר די פּאַסאַזשירען דערצעהלט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אַזוי פיעל געטרונקען, ביז ער איז אַראָב פון זינען און אַרונטערגעשפּרונגען פון דעק. מען האָט איהם אפילו געראַטעוועט, נאָר ער ליעגט איצט א קראַנקער אין זיין קאַיוטע. זיי האָבען מיך געבעטען איך זאָל איבערנעהמען די קאָמאַנדאַ איבער'ן דאַמפּפער, און איך האָב עס געמוזט טהאָן. איך האָב אָבער באַלד אויסגעפונען, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, אַז אַלעס איז פון זיך אַליין געגאַנגען אין אַזא אויסגעצייכענטער איינגעשטעלטער אָרדנונג, אַז כאָטש איך האָב זיך א גאַנצען טאָג אַרומגעדרעהט אויפ'ן בריקעל, האָב איך אָבער גאָרנישט געהאַט וואָס צו טהאָן. אַחוץ עטליכע מינוטען פון ווירקליכער פעראַנטוואָרטליכקייט, ווען מען האָט דעם דאַמפּפער געדאַרפט צוברענגען צו א לאַנדונגס־פּלאַץ, וואו מיר האָבען אָנגענומען האָלץ אויף צו הייצען, און אַחוץ אויפצומונטערען פון צייט־צו־צייט מיט עטליכע ווערטער די הייצערס, זיי זאָלען זיך נעהמען צו דער אַרבייט גאַנץ בעגינען, אַזוי גיך ווי מען האָט געקענט אונטערשיידען דעם וואַסער פון דער יבשה, איז מיין אַריינמישען זיך גאַנץ ווייניג נויטיג געווען. א לאָצמאַן וואָס פערשטעהט א ים־קאַרטע וואָלט פונקט אַזוי גוט געווען.

פאָהרענדיג מיט'ן דאַמפּפער און א היבש ביסעל רייטענדיג אויף פערד, בין איך ענדליך אָנגעקומען אין טראַנסבאַיקאַליאַ. דער געדאַנק וועגען דער מעגליכקייט, אַז נעקסטען פריהלינג זאָל אויסברעכען א הונגער

אין דעם ניעדעריגען טייל אמור, האָט מיך די גאַנצע צייט געפייניגט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער קליינער דאַמפּפער אויף וועלכען איך האָב זיך געפונען איז ניט געפאָהרען גיך גענוג אויף דעם שטראָמיגען שילקאַ, און כדי צו געווינען אַ שעה צוואַנציג, אָדער וועניגער, האָב איך איהם איבערגעלאָזט און בין געריטען מיט אַ קאָזאַק אַ פּאָר הונדערט מייל ארויף דעם ארגון, איבער איינעם פון די ווילדסטע בערג־וועגלעך אין סיביר, זיך אָבשטעלענדיג פונאַנדערצולעגען אַ פייער נאָר דעמאָלט, ווען מיר האָבען זיך געפונען אין מיטען דער נאַכט אין אַ וואַלד. אפילו די צעהן אָדער צוואַנציג שעה, וואָס איך וואָלט געקענט געווינען דורך דער דאָזיגער אָנשטרענגונג, האָבען ניט געטאָרט פערבייגעלאָזט ווערען, וואָרים יעדער טאָג האָט אונז געבראַכט נעהנטער צו דער שליסונג פון דער נאַוויגאַציע: ביינאַכט האָט זיך שוין געלעגט אַ דינער אייז אויפ'ן טייך. ענדליך האָב איך בעגעגענט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון טראַנסבאַיקאַליע און מיין פריינד, פּאָלקאָווניק פּעדאַשענקאָ, אויפ'ן שילקאַ, ביי דער פּערברעכער־קאָלאָניע פון קאַראַ, און דער לעצטער האָט איבערגענומען אין זיינע הענד צו בעזאָרגען, מען זאָל גלייך ארויסשיקען אַזוי פיעל פּראָוויאַנט וויפיעל מען וועט נאָר קענען קריגען. וואָס מיך אָנבעלאַנגט, בין איך באַלד אָבגע־פאָהרען נאָך אירקוטסק, אָבצוגעבען אַ בעריכט וועגען דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט.

אין אירקוטסק האָבען זיך מענשען געוואונדערט, ווי גיך איך האָב געמאַכט די דאָזיגע רייזע, אָבער איך בין געוועזען אין גאַנצען אויסגע־מאַטערט. ווי די זאַך איז, ווען מען איז יונג קומט מען צו די כחות גאַנץ געשווינד, און איך האָב מיינע כחות צוריקגעקראָגען, שלאָפענדיג אַ וואָך צייט אַזויפיעל שעה יעדען טאָג, אַז איך שעהם זיך אויסצוזאָגען וויפיעל.

„האָט איהר זיך גענוג אויסגערוהט?“ האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיך געפרעגט אונגעפעהר אין אַ וואָך ארום נאָך מיין אָנקו־מען. „וואָלט איהר געקענט מאָרגען ארויספאָהרען, אַלס קוריער, נאָך פּעטערבורג, פּערזענליך אָבגעבען אַ בעריכט וועגען דעם פּערלוסט פון די באַרקעס?“

דאָס האָט געהייסען, אַז אין צייט פון צוואַנציג טעג — ניט איין טאָג מעהר — וועל איך דאַרפען דורכמאַכען אַ צווייטע רייזע פון דריי טויזענד און צוויי הונדערט מייל, פון אירקוטסק ביז ניזשני־נאָווגאָראָד, פון וואַנען איך וועל קענען נעהמען די באַהן נאָך פּעטערבורג. דאָס האָט געהייסען, יאָגען זיך דורך טאָג און דורך נאַכט מיט פּאָסט־וועגען, וועלכע האָבען געמוזט געביטען ווערען ביי יעדער סטאַנציע, וואָרים קיין וואָגען וואָלט ניט געקענט אויסהאַלטען אַזאַ רייזע אין פולען גאַלאָפּ איבער די

האַרטע גרודעס פון דעם איינגעפּראָרענעם וועג אין סוף הערבסט. אָבער, זעהן זיך מיט מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז פאַר מיר געווען אַ צו־גרויסע צוציהונג, אַז איך זאָל זיך אָבזאָגען פון דעם פּאָרשלאַג, און מיט אַ נאַכט שפּעטער בין איך אַרויסגעפאָהרען. ווען איך האָב דערגרייכט די פלאַכ־לענדער פון מערב־סיביר און די אוראַלען, איז די רייזע געוואָרען אַן אמת'ר פּיין. עס זיינען געווען טעג, ווען די רעדער פון די וועגען פלעגען פלאַצען פון קעלט, פאָהרענדיג איבער די פערפראָרענע גרודעס, ביי יעדער סטאַנציע. די טייכען זיינען געווען פערפראָרען, און איך האָב געמוזט אַריבערפאָהרען דעם אָב אין אַ שיפעל צווישען שווימענדיגע שטיקער אייז, וואָס האָבען יעדע מינוט געסטראַשעט צו צודריקען אונזער קליין שיפעל. ווען איך בין אָנגעקומען צום טייך טאָם, אויף וועלכען די קריעס זיינען צונויפגעפראָרען געוואָרען ערשט מיט אַ נאַכט פריהער, האָבען די פּויערים אַ היבשע צייט זיך ענטזאָגט מיך אַריבערצופיהרען, און האָבען פערלאַנגט אַז איך זאָל זיי געבען אַ „קוויטאַנציע".

„וואָס פאַר אַ „קוויטאַנציע" ווילט איהר?"

„נו, שרייבט אָן אויף אַ פּאַפּיר: „איך, דער אונטערגעשריבענער, בעשטעטיג היערמיט, אַז איך בין דערטרונקען געוואָרען דורך גאָט'ס רצון, און ניט דורך דער שולד פון די פּויערים", און גיט אונז דאָס דאָזיגע פּאַפּיר."

„מיט פערגעניגען, — אויפ'ן אַנדערען ברעג."

ענדליך האָבען זיי מיך אַריבערגעפיהרט. אַ יונגער מאַן — אַ דרייסטער, מוטהיגער בחור, וועמען איך האָב אויסגעקליבען פון דער מאַסע — האָט געמאַכט דעם אָנהויב אַריבערצוגעהן, אויספּרובירענדיג די שטאַרקייט פון אייז מיט אַ שטאַנג; איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איהם, טראָגענדיג מיין קוריערסקען רייזע־טאַש איבער די שולטערן, און מיר זיינען געווען אָנגעבונדען מיט שטריק, וואָס פינף פּויערים האָבען געהאַל־טען, און זיינען אונז נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטען — איינער פון זיי האָט געטראָגען אַ קולע שטרוי, אַרויפצוואַרפען אויפ'ן אייז, אויב ער וועט זיך אַרויסווייזען ניט שטאַרק גענוג.

ענדליך בין איך אָנגעקומען אין מאָסקווע, וואו מיין ברודער האָט מיך אָבגעוואַרט אויפ'ן וואָקזאַל, און מיר זיינען גלייך אָבגעפאָהרען אין פּעטערבורג.

די יוגענד איז אַ גרויסאַרטיגע זאַך. נאָך אַזאַ מין רייזע, וועלכע האָט געדויערט פיער־און־צוואַנציג מעת־לעת, אָנקומענדיג גאַנץ פריה אין פּעטערבורג, בין איך נאָך דעם אייגענעם טאָג אַוועק איבערגעבען מיין שליחות, און איך האָב אויך ניט פערפעהלט צו בעזוכען מיינע אַ מוהמע

— אָדער, ריכטיגער א קוזינע — וואָס האָט געוואוינט אין פּעטערבורג. זי איז געווען מלא שמחה. „מיר האָבען אַ טאַנץ־פּארטיע היינט אבענד. וועסטו קומען?" האָט זי געזאָגט. „געוויס וועל איך קומען!" און ניט נאָר בין איך געקומען, נאָר איך האָב אויך געטאַנצט ביז אין טאָג אריין.

ווען איך בין געקומען אין פּעטערבורג און האָב זיך געזעהן מיט די בעאַמטע, האָב איך פערשטאַנען ווארום מען האָט מיך געשיקט אָבצוגעבען דעם בעריכט. קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבען, אַז ס'איז מעגליך, אַז אזוי פיעל בארקעס זאָלען פערניכטעט ווערען. „זייט איהר געווען אויפ'ן פּלאַץ? האָט איהר געזעהן, ווי זיי זיינען צושמעטערט געוואָרען, מיט אייערע אייגענע אויגען? זיינט איהר פּאָלשטענדיג זיכער, אַז „זיי" האָבען פּשוט ניט גע'גנב'עט די פּראָוויאַנט און האָבען אייך געוויזען אַנדערע צובראָ־כענע בארקעס?" אָט דאָס זיינען געווען די פראגען, אויף וועלכע איך האָב געדאַרפט ענטפערען.

די נאַאיווע אונוויסענהייט פון די הויכע בעאַמטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פון די סיבירישע אנגעלעגענהייטען אין פּעטער־בורג, איז פּראָסט געווען צום בעוואונדערען. „אָבער — ווי אזוי איז דאָס מעגליך, מיין הערר", האָט איינער פון זיי צו מיר געזאָגט אין פראַנצויזיש — ער פלעגט שטענדיג רעדען פראַנצויז — ווי א י ז דאָס מעגליך אַז פּערציג בארקעס זאָלען צושטערט ווערען אויף דער נעוואַ און אימיצער זאָל גאָר ניט קומען העלפען זיי ראַטעווען?" „די נעוואַ!" האָב איך אויסגע־רופען; „לעגט צוזאַמען דריי, פיער נעוואַס איינע נעבען די אַנדערע, ערשט דעמאָלט וועט איהר האָבען דעם ניעדעריגען אמור!"

„איז דער אמור ווירקליך אזוי גרויס?" און מיט אַ פּאָר מינוטען שפּעטער האָט ער געפּלאַפּעלט, אין אַן אויסגעצייכענטען פראַנצויזיש, וועגען פערשיידענערליי זאַכען. „ווען האָט איהר דעם לעצטען מאָל געזעהן דעם מאַלער שווארץ? איז ניט זיין „יאָהאַן גראָזני" אַ וואונדערליך בילד? ווייסט איהר ווארום קוקעל האָט געזאָלט ארעסטירט ווערען? ווייסט איהר, אַז טשערנישעווסקי איז ארעסטירט? ער געפינט זיך איצט אין פעסטונג."

„פאַר וואָס? וואָס האָט ער געטהאָן?" האָב איך געפרעגט.

„גאָרנישט בעזאָנדערס; גאָרנישט! אָבער — מיין הערר, איהר ווייסט דאָך, שטאַאַטליכע אויסרעכענונגען! אַזאַ קלוגער מענש, זעהר אַ קלוגער! און ער האָט אַזאַ איינפלוס אויף דער יוגענד. איהר פערשטעהט דאָך, אַז אַ רעגיערונג קען אַזעלכעס ניט פערטראָגען: ס'איז אונמעגליך!"

גראַף איגנאַטיעף האָט אַזעלכע פראגעס ניט געפרעגט. ער האָט געקאָנט דעם אמור אויסגעצייכענט, און ער האָט אויך געקאָנט פּעטער־

בורג. אין מיטען פון אלערליי שפאסען און וויציגע בעמערקונגען מכח סיביר, וואס ער האט געמאכט מיט אן ערשטוינענדער לעבהאפטיגקייט, האט ער א זאג געטהאן צו מיר: „א שטיק גליק וואס איהר זייט דארטען געוועזן אויפ'ן פלאץ און געזעהן דעם חורבן. און „זיי" האבען שכל געהאט צו שיקען אייך מיט'ן רעפארט! גוט געטהאן! תחילת האט אייך קיינער ניט געוואלט גלויבען וועגען די בארקעס. עס איז א נייער שווינדעל האט מען געהעכענט. אבער איצטער רעדט מען, אז איהר זייט געוועזן גוט־בעקאנט אלס פאזש, און אז איהר האט איגנאנצען פערבראכט נור עטליכע מאנאטען אין סיביר, הייסט עס, אז איהר וואלט די דארטיגע מענשען ניט געשיצט, ווען ס'וואלט געוועזן א שווינדעל. מען טרויט אייך."

דמיטרי מיליוטין, דער קריעגס־מיניסטער, איז געוועזן דער איינציגער מאן אין דער הויכער פעטערבורגער אדמיניסטראציע, וועלכער האט די זאך גענומען ערנסט. ער האט מיר געשטעלט א סך פראגען: אלע צום פונקט. ער האט דעם ענין באלד גרינדליך בעגריפען, און אונזער גאנצער געשפרעך איז געפיהרט געווארען אין קורצע זאצען, אהן איילענים, אבער אויך אהן איבעריגע דבורים. „די ברעג־קאלאניעס דארף מען שיקען מיט'ן ים, מיינט איהר? און נור די איבעריגע פון טשיטא?" „גאנץ ריכטיג." „אויב אבער, נעקסטען יאהר זאל ווידער אויסברעכען א שטורעם, — וועט ווידער זיין אזא חורבן?" „ניין, אויב מיר זאלען דארטען האבען צוויי קליינע שלעפ־שיפען, וואס זאלען מיטפאהרען מיט די בארקעס." „וועט עס זיין גענוג?" „יא. ווען מיר וואלטען געהאט איין שלעפ־שיף, וואלט דער שאדען געוועזן קלענער אויף א העלפט." „גאנץ מעגליך. שרייבט צו מיר, איך בעט אייך; שרייבט אויס אלץ וואס איהר האט געזאגט, גאנץ איינפאך; אהן פארמאליטעטען."

V

איך בין אין פעטערבורג לאנג ניט געבליבען, און דעם זעלבען ווינ־טער האב איך זיך צוריקגעקעהרט נאך אירקוטסק. מיין ברודער האט אויך געזאלט קומען דארטען אין עטליכע חדשים ארום; ער איז אויפגענומען געווארען אלס אפיציר פון די אירקוטסקער קאזאקען.

א רייזע איבער סיביר אין ווינטער ווערט בעטראכט אלס א שרעק־ליכע ערפאהרונג; אבער נעהמענדיג אין בעטראכט אלץ מיט אנאנדער, איז עס בכלל בעקוועמער איידער אין יעדער אנדער צייט פון יאהר. די שנעע־בעדעקטע וועגען זיינען אויסגעצייכענט גוט, און כאטש די קעלט

איז זעהר גרויס, קען מען איהר דאָך גאַנץ לייכט אַריבערטראָגען. ליעגענדיג אויסגעצויגען אין שליטען — אַזוי ווי מען טהוט אין סיביר — איינגעוויקעלט אין פוטערנע דעקעס, מיט פוטער פון אינוועניג און פון דרויסען, ליידט מען ניט פיעל פון דער קעלט, אפילו ווען די טעמפּעראַטור איז פערציג אָדער זעכציג גראַד פאַרענהייט אונטער זירא. פאָהרענדיג אַלס קוריער — דאָס הייסט, בייטענדיג געשווינד די פערד ביי יעדער סטאַנציע און זיך אָבשטעלענדיג ניט מעהר ווי איין מאָל אין טאָג אויף אַ שטונדע אָבצועסען — בין איך אָנגעקומען אין אירקוטסק אין ניינצעהן טעג נאָך מיין פערלאָזען פּעטערבורג. די געוועהנליכע געשווינדקייט פון אַזעלכע נסיעות איז צוויי הונדערט מייל אַ טאָג, און איך געדענק, אַז איך בין איינגעפאָהרען די לעצטע 660 פאַר אירקוטסק אין זיעבעציג שעה. דער פראָסט איז ניט געווען גרויס, די וועגען זיינען געווען אין אַן אויסגעצייכענטען צושטאַנד, די קוטשערס זיינען געווען גוט אויפגעלעגט, ווייל זיי האָבען געקראָגען גענוג קליינגעלד, און די דריי קליינע, פלינקע פערדלעך פון געשפּאַן האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען הנאה געהאַט צו לויפען האַסטיג איבער בערג און טהאָל, איבער האַרט ווי שטאָל פערפרוירענע טייכען, און דורך וועלדער, וואָס האָבען געגלימצערט אין זייער זילבערנער דעקע אונטער די שטראַהלען פון דער זון.

איך בין דאָס מאָל בעשטימט געוואָרען אַלס אַטאַשע צום גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מזרח־סיביר פאַר די קאָזאַקען אַנגעלעגענהייטען, און האָב געמוזט בלייבען וואוינען אין אירקוטסק; אָבער וואָס אייגענטליך צו טהאָן איז ניט געווען. פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען אַ פעראָרדנונג, מען זאָל לאָזען אַלצדינג געהן לויט׳ן אַלטען שטייגער, אָהן אירגענד וועלכע אָנדייטונגען אויף רעפאָרמען. איך האָב דעריבער מיט צופריעדענהייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו אונטערנעהמען אַ געאָגראַפישע אויספאָרשונג אין מאַנטשוריע.

ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף אַ לאַנדקאַרט פון אַזיע זעהט מען, אַז דער רוסישער גרענעץ, וועלכער לויפט אין סיביר, בכלל גערעדט, איבער דעם פופציגסטען ברייט־גראַד, פערקרימט זיך פלוצלינג אין טראַנסבאַיקאַליאַ צו צפון־צו. פאַר דריי הונדערט מייל ציהט ער זיך מיט דעם טייך אַרגון; דאַן, דערגרייכענדיג דעם אַמור, פערקירעוועט ער זיך אין דרום־מזרח — די שטאָדט בלאַגאָוועסטשענסק, די געוועזענע הויפּשטאָדט פון אַמור־לאַנד, געפינט זיך ווידער אונגעפעהר אויף דעם זעלבען פופציגסטען ברייט־גראַד. צווישען דעם דרום־מזרח׳דיגען ווינקעל פון טראַנסבאַיקאַליאַ (ניי־טשורוכאַיטו) און בלאַגאָוועסטשענסק אויפ׳ן אַמור, איז דער שטח פון מערב צו מזרח אין גאַנצען פינף הונדערט מייל; אָבער

איבער דעם ארגון און דעם אמור איז די שטרעקע איבער טויזענד מייל, און דערצו נאָך זיינען די פערבינדונגען איבער דעם ארגון, אויף וועלכען מען קען מיט שיפען ניט פאָהרען, אויסערגעוועהנליך שווערע. אין זיינע ניעדעריגע טיילען איז קיין אנדער וועג ווי א שטארק ווילדע בארג־סטעזשקע ניטאָ.

טראנסבאיקאליע איז זעהר רייך אין בהמות, און די קאָזאקען, וועלכע פערנעהמען דעם דרום־מזרח׳דיגען ווינקעל, און זיינען רייכע פיה־ציכטער, האָבען געוואָלט איינפיהרען א דירעקטע פערבינדונג מיט׳ן מיטעל־אמור, וועלכער וואָלט געווען א גוטער מארק פאר זייערע בהמות. זיי פלעגען האנדלען מיט די מאָנגאָלען, און זיי האָבען פון זיי געהערט, אז עס וואָלט ניט שווער געווען צוצוקומען צו דעם אמור, רייזענדיג מזרח־צו איבער דעם גרויסען כינגאַן. געהענדיג גלייך צו מזרח־צו, האָט מען זיי געזאָגט, קען מען זיך צונויפקומען מיט אן אלטען כינעזישען טראקט, וואָס שניידט דורך דעם כינגאַן און פיהרט צו דער מאנטשורישער שטאָדט מערגהען (אויפ׳ן טייך נאָנני, וואָס פאלט אריין אין סונגארי), פון וואנען עס איז דאָ אן אויסגעצייכענטער וועג, וואָס פיהרט צו דעם מיטעל־אמור.

מען האָט מיר אָנגעבאָטען צו זיין דער פיהרער פון א האנדעלס־קאראוואַן, וואָס די קאָזאקען האָבען זיך פאָרגענומען צו אָרגאניזירען, בדי אויסצוגעפינען דעם דאָזיגען טראקט, און איך האָב עס אָנגענומען מיט בעגייסטערונג. קיין אייראָפּעער האָט נאָך קיינמאָל דעם דאָזיגען געגענד ניט געהאט בעזוכט, און א רוסישער טאָפּאָגראפער (אן אָרט־בעשרייבער), וועלכער האָט זיך מיט עטליכע יאָהר פריהער אוועקגעלאָזט אויף דעם דאָזיגען וועג, איז דער׳הרג׳עט געוואָרען. בלויז צוויי יאפּאָנעזער, אין דער צייט פון קייזער כאַן־סו, האָבען אויסגעפּאָרשט דעם דרום־געגענד אזוי ווייט ווי מערגהען, און האָבען פעסטגעשטעלט די ברייט־ליניע. דער גאנצער אונגעהייערער געגענד צו צפון־צו, פינף הונדערט מייל אין דער ברייט און זיעבען הונדערט מייל טיעף, איז געווען אבסאָלוט אונבעקאנט. איך האָב נאָכגעזוכט אַלע מעגליכע קוועלען וועגען דעם דאָזיגען געגענד. אָבער קיינער ניט, אפילו ניט די כינעזישע געאָגראפען, האָבען עפּעס געוואוסט וועגען איהם. אחוץ דעם אַלעמען, איז די פערבינ־דונג פון דעם מיטעל־אמור מיט טראנסבאיקאליע פאר־זיך אליין געווען א וויכטיגער פאקט; טשורוכאאיטו ווערט איצטער דער הויפּט־פונקט פון דער טראנס־מאנטשורישער אייזענבאהן. מיר זיינען אויף אזא אופן געווען די פּיאָנירען פון אָט דער גרויסער אונטערנעהמונג.

עס איז אָבער געווען איין שוועריגקייט. דער אָבמאך מיט כינא האָט גאראנטירט די רוסען א פרייען האנדעלס־פערקעהר מיט דער "אימפּעריע

פון כינאַ און מאָנגאָליע“. מאַנטשוריע איז דאָרט ניט דערמאָנט, און האָט אַזוי גוט געקענט אויסגעשלאָסען ווערען ווי איינגעשלאָסען ווערען אין אָבמאַך. די כינעזישע גרענעץ־בעאַמטע האָבען געלערענט איין פשט, און די רוסען אַן אַנדערען. נאָך מעהר, אין אָבמאַך רעדט זיך נאָר וועגען מסחר, און אַלס אָפיציר וואָלט מיר ניט געווען ערלויבט אַריינצוקומען אין מאַנטשוריע. איך האָב דעריבער געמוזט געהן אַלס אַ סוחר, און צוליעב דעם האָב איך טאַקע איינגעקויפט פערשיידענע סחורות, און בין געגאַנגען פערשטעלט אַלס קויפמאַן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט מיר ארויסגעגעבען אַ פּאַספּאָרט, „צו דעם אירקוטסקער צווייטע גילדע קופּיעץ פּעטער אַלעקסעיעף און זיינע קאָמפּאַניאָנען“, און ער האָט מיר געוואָרענט, אַז אין פאַל די כינעזישע בעאַמטע וועלען מיך אַרעסטירען און אַוועקפּיהרען נאָך פּעקינג, און פון דאָרטען איבער דעם גאָבי צום רוסישען גרענעץ — אין אַ שטייג אויפ’ן רוקען פון אַ קעמעל, אַזוי פלעגען זיי פיהרען געפאַנגענע איבער מאָנגאָליע — זאָל איך איהם ניט פערראַטהען, ארויסגעבענדיג מיין נאָמען. פערשטעהט זיך, איך האָב די אַלע בעדינגונגען אָנגענומען; דער נסיון צו זיין דער ערשטער צו בעזוכען אַ לאַנד, וואָס קיין אייראָפּעער האָט נאָך ניט אָנגעזעהן, איז געווען צו־גרויס פאַר אַ פאָרשער.

אין טראַנסבאַיקאַליאַ וואָלט מיר אָנגעקומען ניט לייכט צו פערשטעלען זיך, אַז מען זאָל מיך ניט דערקענען. די קאָזאַקען זיינען אויסערגעוועהנליך נייגעריגע מענשען — אמת’ע מאָנגאָלען — און אַזוי געשווינד ווי אימיצער קומט אין איינעם פון זייערע דערפער, איז בעת זיי בעהאַנדלען איהם מיט דער גרעסטער גאַסט־פריינדליכקייט, נעהמט איהם דער בעל־הבית פון הויז אויף אַ פאָרמאַלנעם פערהער.

„אַ שווערע רייזע, שטעל איך מיר פאָר“, הויבט ער אָן; „אַ לאַנגער מהלך פון טשיטאַ אהער, וואָס זאָגט איהר? און דאַן, אפשר נאָך ווייטער, אויב מען קומט פון ערגעץ־וואו אויף יענער זייט טשיטאַ? אפשר פון אירקוטסק? אַ סוחר, מן הסתם? אַ סך סוחרים קומען דאָ דעם וועג. איהר פאָהרט אויך קיין נערטשינסק, ווי ס’ווייזט אויס? — יאָ, לייט אין אייער עלטער זיינען שוין אָפט פערהייראַט; און איהר, שוין אויך פערהייראַט, איבערגעלאָזט אַ פאַמיליעצקע, איך שטעל מיר פאָר? אַ סך קינדערלעך?“ און אַזוי ווייטער אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד.

דער אָרטיגער קאָמאַנדיר פון די קאָזאַקען, קאַפּיטאַן ביקסהעוודען, האָט געקאָנט זיינע מענשען, און מיר האָבען דעריבער געמוזט זיין גאַנץ פאָרזיכטיג מיט זיי. אין טשיטאַ און אין אירקוטסק האָבען מיר געהאַט אָפטע טהעאַטער־פאָרשטעלונגען פון די דילעטאַנטען, וועלכע האָבען ליעב

געהאט צו שפּיעלען אָסטראָווסקי׳ס דראמאס, אין וועלכע די האנדלונגען קומען דאָס רוב פאָר צווישען די סוחרים־קלאסען. איך האָב עטליכע מאָל געשפּיעלט אין פערשיידענע דראמאס, און איך האָב געפונען אזא גרויסען פערגעניגען אין שפּיעלען, אז איך האָב זאָגאר איינמאָל, ביי א געוויסער געלעגענהייט, געשריבען מיין ברודער אַן ענטהוזיאסטישען בריעף, אין וועלכען איך האָב זיך פאר איהם מודה געווען, אז איך האָב א שטארקען וואונש אויפצוגעבען מיין מיליטערישע קאריערע און געהן אויף דער ביהנע. דאָס רוב האָב איך גענומען די ראָלען פון יונגע סוחרים, און האָב זעהר גוט אויפגעכאפּט זייערע רייד, זייער מימיק און זייער טרינקען טהעע פון א שאָל — דאָס האָב איך נאָך געקענט פון מיינע ערפאהרונגען אין ניקאָלסקאָע — און איצט האָב איך געהאט א גוטע געלעגענהייט ארויס־צואווייזען די אַלע זאכען אין דער ווירקליכקייט, פאר א ניצליכען צוועק.

„זעצט אייך, פעטער אַלעקסעיעוויטש", פלעגט קאפּיטאן ביקסהעוור־דען א זאָג טהאָן צו מיר, ווען מען האָט ארויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש דעם קאָכענדיגען סאמאָוואר, פון וועלכען עס האָט געזעצט א וואָלקען פון פּארע.

„א דאנק אייך, מיר קענען שטעהן", פלעג איך ענטפערען, זיך אוועקזעצענדיג אויף א ברעג שטוהל פון דער וויטענס, און אָנהויבען טרינקען מיין טהעע אויפ׳ן שטייגער פון א מאָסקווער סוחר. ביקסהעוורען פלעגט שיער ניט צושפּרונגען ווערען פון געלעכטער, בעת איך פלעג בלאָזען אויף מיין שאָל מיט אויסגעסטארטשטע אויגען, און האָב געביסען אויף א ספּעציעלען שטייגער פּיצענאָנינקע ברעקעלעך פון א שטיקעל צוקער, וואָס האָט געדארפט קלעקען אויף א האלב טוץ גלעזער טהעע.

מיר האָבען געוואוסט, אז די קאָזאקען וועלען גאנץ גיך אויסגעפינען דעם אמת וועגען מיר, אָבער עס איז געווען וויכטיג צו געווינען עטליכע טעג און אריבערגעהן דעם גרענעץ איידער זיי וועלען זיך דערוויסען ווער איך בין. איך האָב ווי עס ווייזט אויס געשפּיעלט מיין ראָלע אויסגעציי־כענט גוט, ווארים די קאָזאקען האָבען מיך ווירקליך בעהאנדעלט ווי א קליינעם סוחר. אין איין דאָרף האָט אַן אַלטעטשקע מיך אריינגערופען אין פאָרהויז און געפרעגט: „קומט עפּעס נאָך ווער הינטער אייך אויפ׳ן וועג, טהייערינקער?" „ניין, באָבינקע, מיר האָבען דערפון ניט געהערט."

„זיי זאָגען אז א פּרינץ, ראפּאָטסקי, קומט אָן. קומט ער טאקע?"

„אָה, איך פערשטעה. איהר זייט גערעכט, באָבינקע. זיין „וויסאָ־טשעסטוואָ" האָט טאקע אויך געזאָלט אָבפאָהרען פון אירקוטסק. אָבער ווי קענען „זיי"? אזא מין רייזע! ווי קומט עס פאר „זיי"? און „זיי" זיינען טאקע געבליבען אויף אַן אָרט."

„עס פערשטעהט זיך, ווי קען ער עס?"

אין קורצען, מיר זיינען אריבער דעם גרענעץ אָהן בעלעסטיגונגען. מיר זיינען געווען עלף קאָזאַקען, איין טונגוז, און איך, אַלע רייטענדיג אויף פערד. מיר האָבען מיט זיך געהאַט אַן ערך פערציג פערד צום פער־קויפען און צוויי וועגען, פון וועלכע איינער, אויף צוויי רעדער, האָט געהערט צו מיר, אויף וועלכען עס האָט זיך געפונען וואָלציג, פּראָסטער סאַמעט, טאַשמעס און אַזוי ווייטער, וואָס איך האָב מיטגענומען אין מיין ראָלע אַלס סוחר. איך האָב אויפגעפּאַסט אויפ'ן וואָגען און אויף מיינע פערד גאַנץ אַליין, און אַלס „עלטסטען" פון דעם קאַראַוואַן האָבען מיר אויסגעקליבען איינעם פון די קאָזאַקען. ער האָט געדאַרפט פיהרען אַלע דיפּלאָמאַטישע עסקים מיט די כינעזישע בעאַמטע. אַלע קאָזאַקען האָבען גערעדט מאָנגאָליש, און דער טונגוז האָט פערשטאַנען מאַנטשוריש. פער־שטעהט זיך, די קאָזאַקען פון דעם קאַראַוואַן האָבען געוואוסט ווער איך בין — איינער פון זיי האָט מיך געקאַנט נאָך פון אירקוטסק — אָבער זיי האָבען דאָס קיינמאָל ניט אַרויסגעגעבען, זיי האָבען פערשטאַנען אַז אָן דעם הענגט אָב דער ערפאָלג פון דער עקספּעדיציע. איך האָב געטראָגען אַ לאַנגען בלויען לייוועטענעם בגד, אַזוי ווי די איבעריגע, און די כינעזער האָבען מיר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, אַזוי אַז איך האָב געקענט אונבעמערקטערהייד מאַכען די קאָמפּאַס־אויסמעסטונגען פון דעם מאַרשרוט. דעם ערשטען טאָג, ווען אַלערליי כינעזיש'ע סאָלדאַטען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום אונז מיט דער האָפענונג צו קריגען אַ גלעזעל בראַנפען, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו כאַפּען ניט מעהר ווי אַ פער'־גנב'עטען בליק אויף מיין קאָמפּאַס און צו פערצייכענען דעם געגענד און די וויטקייט אין קעשענע, ניט אַרויסנעהמענדיג דאָס פּאַפּיר. מיר האָבען מיט זיך קיין שום וואָפען ניט געהאַט. אונזער טונגוז, וועלכער האָט זיך געקליבען חתונה האָבען, איז געווען דער איינציגער וואָס האָט מיטגע־נומען זיין פלינט־ביקס און ער איז מיט איהם געגאַנגען אויף געיעג נאָך דאַמהירשען. דאָס פלייש האָט ער געבראַכט פאַר אונז צו עסען, און די פוטער־פעל האָט ער געקליבען אויף צו בעצאָהלען פאַר זיין צוקינפטיגער וויב.

ווען מען האָט שוין מעהר קיין בראַנפען ביי אונז ניט געקענט קריגען, האָבען זיך די כינעזישע סאָלדאַטען פון אונז אָבגעטשעפּעט. מיר זיינען געגאַנגען גלייך צו מזרח־צו, זיך מאַכענדיג אַ וועג, אַזוי גוט ווי מיר האָבען געקענט, און אָבגעהענדיג אַ פיער אָדער פינף טעג זיינען מיר ווירקליך אַרויפגעקומען אויף דעם כינעזישען טראַקט, וואָס האָט אונז געזאָלט פיהרען איבער דעם כינגאַן צו מערגהען.

צו אונזער פערוואונדערונג האָבען מיר אויסגעפונען, אַז דער אריבער־

גאנג איבער דער גרויסער בערג־קייט, וועלכער קוקט אויס אזוי שווארץ און מורא׳דיג אויף די לאנדקארטען, איז זעהר לייכט. אויפ׳ן וועג האָבען מיר אָנגעטראָפען אן אלטען כינעזישען בעאַמטען אין א זעהר יאָמערליכען צושטאנד, וועלכער איז געפאָהרען אויף א צוויי־רעדערדיגען וואָגען אין דערזעלבער ריכטונג. די לעצטע צוויי טעג האָט זיך דער וועג געצויגען בארג־ארויף, און די געגענד האָט געטראָגען די סמנים פון איהר הויכקייט. דער באָדען איז געוואָרען זומפּיג און דער וועג איז געווען בלאָטיג; דער גראָז איז געוואקסען זעהר אָרעם, און די בוימער זיינען געוואקסען שיטער, ניט ענטוויקעלט, אָפט פערקריפּעלט און בעוואקסען מיט מאָך. נאקעטע בערג אָהן וועלדער האָבען זיך אויפגעהויבען רעכטס און לינקס, און מיר האָבען שוין אָנגעהויבען טראַכטען פון די שוועריגקייטען, וואָס מיר וועלען האָבען דורכצומאכען אריבערגעהענדיג די בארג־קייט, ווען מיר האָבען בעמערקט דעם אלטען כינעזישען בעאַמטען ארויסקריכענדיג פון זיין וואָגען אנטקעגען אן „אָבאָ" — דאָס הייסט, אנטקעגען א קופּה פון צונויפגעלעגטע שטיינער און צווייגען פון בוימער, צו וועלכער עס איז געווען צוגעטשעפּעט בינטלעך פערדישע האָר און קליינע לאַפּענס. ער האָט אויסגעריסען אביסעל האָר פון זיין פערד׳ס גריווע און צוגעבונדען צו די צווייגען.

„וואָס איז דאָס?" האָבען מיר געפרעגט.

„דער „אָבאָ"; די וואסערען וואָס מיר זעהען פליסען איצט צום אמור".

„איז דאָס דער גאנצער כינגאַן?"

„יאָ! דאָס איז אין גאנצען! קיין בערג אריבערצוגעהן ביז צו דעם אמור זיינען מעהר ניטאָ: קליינע בערגלעך נאָר."

א גאנצער גערודער איז געוואָרען אין אונזער קאראוואן. „די טייכען פליסען צום אמור, דער אמור!" האָבען די קאָזאקען געשריען איינער צום אנדערען. זייער גאנצען לעבען לאנג האָבען זיי געהערט די אלטע קאָזאקען רעדענדיג וועגען דעם גרויסען טייך, וואו די וויינשטאָקען וואקסען ווילד, וואו די פּרעריעס שפּרייטען זיך אויס אויף הונדערטער מיילען און זיי וואָלטען געקענט געבען עשירות פאר מיליאָנען מענשען; דאן, נאָכדעם ווי רוסלאנד האָט איינגענומען דעם אמור, האָבען זיי זיך אָנגעהערט וועגען דער ווייטער רייזע אהין, וועגען די שוועריגקייטען פון די ערשטע קאָלאָניסטען און וועגען דער הצלחה פון זייערע קרובים, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דעם אויבער־אמור; און אָט האָבען מיר אויסגעפונען דעם נאָהענטסטען וועג אהין! מיר האָבען פאר זיך געהאט א משופּע׳דיגען בארג־ארונטער, אויף וועלכען דער וועג איז געלאָפען ווי א

זיגזאג און האָט געפיהרט צו אַ קליינעם טייכעל, וואָס האָט זיך דורכגע־שניטען אַ וועג דורך אַ גערונצעלטען ים פון בערג, און האָט געפיהרט צום אמור. קיין ווייטערדיגע שטערונגען צווישען אונז און דעם גרויסען טייך זיינען מעהר ניט געווען. אַ רייזענדער וועט זיך קענען פאָרשטעלען מיין שמחה פון דער דאָזיגער געאָגראַפישער ענטדעקונג. וואָס איז שייך די קאָזאַקען, זיינען זיי אויף־גיך ארונטערגעשפרונגען פון די פערד און איינער נאָכ'ן אַנדערען האָבען זיי צוגעטשעפעט בינטלעך האָר פון זייערע פערד צו דעם אָבאָ. די סיבירער אין אַלגעמיין האָבען אַ געוויסען אָבשיי פאַר די געטער פון אַ געצענדיענער. זיי האַלטען ניט שטאַרק פון זיי, אָבער — די דאָזיגע געטער, זאָגען זיי, זיינען שלעכטע ברואים, וואָס ווילען נאָר טהאָן שלעכטס, און עס איז קיינמאָל ניט גוט זיך איינצורייסען מיט זיי. ס'איז אַ סך גלייכער זיי אונטערצוקויפען, אָבגעבענדיג זיי כבוד מיט קליינינקייטען.

„זעהט, אָט איז אַ מאָדנער בוים: דאָס מוז אודאי זיין אַ דעמב", האָבען זיי אויסגעשריען, ווען מיר זיינען ארונטערגעקומען פון דעם משופּע'דיגען בארג. קיין דעמבעס וואַקסען ניט אין סיביר, און ביז וואַנען מען דערגרייכט ניט דעם מזרח'דיגען ארונטערגאַנג פון דער פּלאַטאָ בעגע־גענט מען זיי ניט. „זעהט, נים־בוימער!" האָבען זיי ווידער אויסגע־שריען. „און וואָס פאַר אַ בוים איז דאָס?" האָבען זיי געפרעגט, דערזע־הענדיג אַ לינדענבוים, אָדער עפּעס אַן אַנדער בוים, וואָס וואַקסט אויך ניט אין רוסלאַנד, וועלכע זיינען מיר אָבער געווען בעקאַנט אַלס אַ טייל פון דער מאַנטשורישער פלאַנצען־וועלט. די צפון־איינוואוינער, וועלכע האָבען הונדערטער יאָהרען געטרוימט פון וואַרעמערע לענדער און איצט האָבען זיי זיי געזעהן, זיינען געווען מלא שמחה. ליעגענדיג אויף דער מיט רייכע גראָזען בעוואַקסענער ערד, האָבען זיי איהר געלאַשטשעט מיט זייערע אויגען — זיי וואָלטען איהר געקושט. זיי זיינען געווען דורכגע־דרונגען מיט דעם וואונש צוצוקומען צום אמור אַזוי געשווינד ווי מעגליך. ווען מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט, מיט אַ צוויי וואָכען שפּעטער, ביי אונזער לאַגער־פייער, אַ צוואַנציג מייל ווייט פון טייך, זיינען זיי געוואָרען אונגעדולדיג ווי קינדער. זיי האָבען אָנגעהויבען אָנזאָטלען זייערע פערד אין מיטען דער נאַכט, און נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבען טאָגען האָבען זיי מיך געטריבען אין וועג אריין; און ווען מיר האָבען ענדליך פון אַ הויכען אָרט דערזעהן דעם מעכטיגען שטראָם, האָבען די אויגען פון די גלייכגיל־טיגע סיבירער, וועלכע זיינען געוועהנליך ווייט פון פּאָעטישע געפיהלען, געגלאַנצט מיט אַ פּאָעטישען פייער, קוקענדיג אויף די בלויע וואַסערען פון דעם מאַיעסטעטישען אמור. עס איז געווען קלאָר, אַז פריהער אָדער

שפּעטער — מיט אָדער אָהן דער הילף, אָדער אפילו געגען דעם וואונש. פון דער רוסישער רעגיערונג — וועלעןביידע ברעגעס פון דעם דאָזיגען טייך, וואָס זיינען איצטער אַ וויסטעניש אָבער רייך אין מעגליכקייטען, ווי אויך די אונגעהייערע ניט־בעפעלקערטע שטרעקען פון צפון־מאַנטשוריע, פּערנומען ווערען פון רוסישע קאָלאָניסטען, פּונקט ווי די ברעגעס פון דעם מיסיסיפּי זיינען קאָלאָניזירט געוואָרען פון קאַנאַדישע ים־רייזענדע.

דערווייל האָט דער אַלטער האַלב־בלינדער כינעזישער בעאַמטער, מיט וועמען מיר זיינען אַריבער דעם כינגאַן, אַנטהאַלטענדיג זיין בלויע קאַפּאָטע און די אָפיציעלע היטעל מיט אַ בלויען קנאָפּ פון אויבען, אויפ׳ן צווייטען טאָג ערקלערט, אַז ער וועט אונז ניט לאָזען געהן ווייטער. אונזער „עלטסטער“ האָט איהם מיט זיין שרייבער אויפגענומען אין אונזער פּאַלאַטקע, און דער אַלטער, נאָכזאָגענדיג דאָס וואָס דער שרייבער האָט איהם אונטערגעשעפּטשעט, האָט אויפגעהויבען אַלערליי אויסזעצונגען געגען פּאָרטזעצען אונזער רייזע. ער האָט געוואָלט אַריבערשיקען אונזער פּאַספּאָרט אין פּעקינג, און מיר זאָלען דאָ בלייבען וואַרטען ביז וואַנען מען וועט איהם לאָזען וויסען, וואָס צו טהאָן. דערפון האָבען מיר זיך אַבסאָלוט ענטזאַגט. ער האָט זיך דאַן גענומען טשעפּענען צו אונזער פּאַספּאָרט.

„וואָס פאַר אַ מין פּאַספּאָרט איז דאָס?“ האָט ער געזאָגט, קוקענדיג מיט פעראַכטונג אין אונזער פּאַס, וועלכער איז געווען געשריבען אין עטליכע שורות אויף אַן איינפאַכען בויגען קאַנצעלאַריע־פּאַפּיר, אויף רוסיש און מאָנגאָליש, און האָט געהאַט אויף זיך אַ פּראָסטען טריפּ־וואַקסענעם זיעגעל. „איהר האָט דאָך דאָס אַליין געקענט אָנשרייבען און פערזיעגלען מיט אַ קופּער־מטבע“, האָט ער בעמערקט. „בעטראַכט מיין פּאַס: אָט דאָס איז עפּעס ווערטה“ — און ער האָט פאַר אונז פּואַנדער־געוויקעלט אַ פּאַפּיר, צוויי פוס די לענג, אָנגעפּיקעוועט מיט כינעזישע אותיות.

אין דער צייט פון דער דאָזיגער אונטעררעדונג בין איך געזעסען שטיל אָן־אַ־זייט, איבערפּאַקענדיג עפּעס אין מיין קעסטעל, און מיר איז גראָד אַריינגעפאַלען אין האַנד אַ בויגען פון דער „מאָסקאָווסקאָע גאַזעטאַ“. אַזוי ווי די גאַזעטאַ איז געווען דאָס אייגענטום פון דער מאָסקווער אוניווערזיטעט, איז אויפ׳ן קאָפּ געווען געדרוקט אַן אָדלער. „ווייז איהם דאָס“, האָב איך אַ זאָג געטהאָן צום „עלטסטען“. ער האָט פונאַנדערגענומען דעם גרויסען געדרוקטען בויגען און האָט איהם אָנגעצייגט אויפ׳ן אָדלער. „יענער פּאַספּאָרט איז געווען אייך צו ציינען“, האָט דער עלטסטער געזאָגט, „אָבער אָט דעם האָבען מיר פאַר זיך“.

„וואָס, אזוי פיעל אָנגעשריבען וועגען אייך?" האָט דער אלטער געפרעגט א צושראָקענער.

„אלץ וועגען אונז", האָט אונזער עלטסטער געענטפערט, אפילו ניט א פינטעל געבענדיג מיט אן אויג.

דער אלטער — אן אמת'ער בעאַמטער — איז געבליבען אזוי ווי פערשטומט, דערזעהענדיג פאר זיך אזוי פיעל אָנגעשריבענעס. ער האָט יעדען איינעם פון אונז גוט בעטראכט, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דער שרייבער אָבער האָט נאָך אלץ עפּעס געשעפּטשעט צו זיין עלטסטען, וועלכער האָט ענדליך ערקלערט, אז ער וועט אונז ניט לאָזען פאָרטזעצען אונזער רייזע.

„געגוג רעדען", האָב איך געזאָגט צו אונזער עלטסטען; „הייסט אָנזאָטלען די פערד". די קאָזאקען זיינען געווען מיט דערזעלביגער מיינונג, און אין א קורצער ווייל ארום האָט זיך אונזער קאראוואן געלאָזט אין וועג אריין, זיך געזעגענענדיג מיט דעם אלטען בעאַמטען און צוזאָגענדיג איהם צו בעריכטען, אז אחוץ בענוצען זיך מיט געוואלד — א זאך וואָס ער איז ניט געווען בכח צו טהאָן — האָט ער געטהאָן אלץ וואָס ער האָט געקענט אונז צו שטערען, און אויב מיר זיינען פונדעסטוועגען יאָ אריין, איז דאָס געווען אונזער שולד און ניט זיינע.

אין עטליכע טעג ארום זיינען מיר געווען אין מערגהען, וואו מיר האָבען אביסעל געהאנדעלט, און אין גיכען האָבען מיר דערגרייכט די כינעזישע שטאָדט איגון, אויפ'ן רעכטען ברעג פון אמור, און די רוסישע שטאָדט בלאגאָוועסטשענסק, אויפ'ן לינקען ברעג. מיר האָבען ענטדעקט דעם דירעקטען וועג און א סך אינטערעסאנטע זאכען אחוץ־דעם: די אייגענשאפט פון דעם בערגיגען ברעג פון גרויסען כינגאן, די גרינגקייט מיט וועלכער מען קען איהם אריבערגעהן, די טערציערע (די דריטע געאָלאָגישע פעריאָדע) וואָולקאנען פון דעם אויון־כאָלדאָנטשי געגענד, וועלכע זיינען אזוי לאנג געווען א רעטעניש פאר דער געאָגראפישער וויסענשאפט, און אזוי ווייטער. מיט מיינע פעהיגקייטען אלס קרעמער קען איך מיך ניט שטארק איבערנעהמען, ווארים אין מערגהען האָב איך (אויף א געבראָכענעם כינעזיש) פערלאנגט פאר א זייגער ניט אנדערש פינף־און־דרייסיג רובעל, בעת דער כינעזישער קונה האָט מיר שוין געבאָטען פינף־און־פערציג; אָבער די קאָזאקען האָבען געמאכט ניט קיין שלעכטע געשעפטען. זיי האָבען גענומען גוטע מקחים פאר אלע זייערע פערד, און נאָכדעם ווי זיי האָבען פערקויפט מיין פערד, מיינע סחורה און די איבעריגע זאכען, האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז די עקספּעדיציע האָט דער רעגיערונג געקאָסט די בעשיידענע סומע פון צוויי־און־צוואנציג רובעל.

VI

דעם גאַנצען זומער האָב איך אַרומגערייזט אויפ'ן אַמור. איך בין אַוועק אַזוי ווייט ווי צו זיין מויל, אָדער ריכטיגער זיין ים־אַריינגוס — אין ניקאָלאַיעווסק — צו טרעפען זיך מיט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועמען איך האָב בעגלייט אויף אַ דאַמפּפער אַרויף דעם אוזורי; און דערנאָך, אין הערבסט, האָב איך געמאַכט נאָך אַן אינטערעסאַנטערע רייזע אַרויף דעם סונגאַרי, ביז אין סאַמע הארצען פון מאַנטשוריע, אַזוי ווייט ווי גהירין (אָדער קירין, לויט דער דרום'דיגער אויסשפּראַך).

אַ סך טייכען אין אַזיע ענט'שטעהען דורך דעם צוזאַמענגיסען זיך פון צוויי גלייך וויכטיגע שטראָמען, אַזוי אַז עס איז שווער פאַר דעם געאָגראַף צו זאָגען, וועלכער פון זיי איז דער הויפּט־שטראָם און וועלכער איז אַ צופלוס. פון דער פעראייניגונג פון דער אינגאָדאַ און דעם אָנאָן ענט'ש'טעהט די שילקאַ; פון דעם צוזאַמענגיסען זיך פון דער שילקאַ און דעם אַרגון ווערט דער אַמור; און דער אַמור גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם סונגאַרי, פון וואָס עס ענטשטעהט דער מעכטיגער שטראָם, וואָס פליסט צו צפון־מערב און גיסט זיך אַריין אין פּאַסיפישען ים, אין די ניט־פריינדליכע ברייט־גראַדען פון דעם טאַרטאַרישען סטרייט (שמאָלער וואַסער־דורכגאַנג).

ביז צו דעם יאָהר 1864 איז דער גרויסער מאַנטשורישער טייך געבליבען זעהר וועניג בעקאַנט. אַלע ידיעות וועגען איהם האָבען זיך אָנגע־הויבען פון די צייטען פון די יעזואיטען, און די ידיעות זיינען ניט געווען גענוגענד. איצטער אַז די אויספאָרשונג פון מאָנגאָליע און מאַנטשוריע האָבען געזאָלט ווידער אויפגעלעבט ווערען, און עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז די מורא פאַר כינאַ איז געווען אַן איבערטריבענע, האָבען מיר אינגערע מענשען געזוכט צו בעווייזען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר די נויטווענדיגקייט אויסצופאָרשען דעם סונגאַרי. עס איז אונז געווען אַ פער־דרוס צו האָבען הארט נעבען אַמור אַן אונגעהייער גרויסען געגענד, וואָס איז כמעט אַזוי וועניג בעקאַנט ווי אַן אַפריקאַנער מדבר. גאַנץ אונגע־ריכטערהייט האָט גענעראַל קאָרסאַקאָף בעשלאָסען אַרויסצושיקען, נאָך אין דעם זעלבען הערבסט, אַ דאַמפּפער אַרויף דעם סונגאַרי, אונטער דעם אויסרעד, אַז ער פיהרט עפּעס אַ פריינדליכע שליחות פאַר דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דער גהירין פּראָווינץ. אַ רוסישער קאָנסול פון אורגאַ האָט געזאָלט זיין דער איבערברענגער פון דער שליחות. אַ דאָקטאָר, אַן

אסטראָנאָם, צוויי טאָפּאָגראַפען, און איך, אַלע אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאָלקאָווניק טשערנאיעף, האָבען געדאַרפט נעהמען אַנטייל אין דער עקספעדיציע אויף אַ קליינעם דאַמפּפער, „אוזורי", וועלכער האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט אַ באַרקע מיט קויהלען. פינף־און־צוואַנציג סאָלדאַטען, וועמעס ביקסען עס זיינען געווען פאַרזיכטיג בעהאַלטען אין די קויהלען, זיינען מיטגעפאָהרען מיט אונז אויף דער באַרקע.

אַלעס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין גרויס איילעניס, און עס איז ניט געווען אויפ'ן קליינעם דאַמפּפער קיין אָרט, וואו אויפצונעהמען אַזאַ גרויסע קאָמפּאַניע; אָבער מיר זיינען געווען פול מיט ענטהוזיאַזם, און מיר האָבען זיך ווי־עס־איז צונויפגעדריקט אין די קליינינקע קאַיוטעס. איינעם פון אונז איז אויסגעקומען צו שלאָפען אויף אַ טיש, און ווען מיר זיינען שוין געווען אָבגעפאָהרען האָבען מיר אויסגעפונען, אַז מיר האָבען אפילו ניט געהאַט גענוג גאָפּעל־מעסער פאַר אַלעמען — שוין גאָר ניט צו רעדען וועגען אַנדערע נויטווענדיגקייטען. איינער האָט זיך ביין עסען בענוצט מיט אַ פעדער־מעסערעל, און מיין כינעזישער מעסער מיט די צוויי עלפאַנט־ביינענע שטעקלעך איז געווען אַ גאַנץ אָנגעלעגטער צוגאָב צו אונזער אויסשטאַטונג.

ס'איז ניט געווען קיין לייכטע אַרבייט צו פאָהרען אַרויף דעם סונגאַרי. אין זיינע ניעדעריגע טיילען, וואו ער פליסט דורך דיזעלבע פלאַכלענדער וואָס דער אַמור, איז דער גרויסער טייך זעהר פלאַך, און כאָטש אונזער דאַמפּפער האָט אין גאַנצען געצויגען דריי פוס וואַסער, האָבען מיר גאַנץ אָפט ניט געקענט געפינען קיין גענוג טיעפען פּלאַץ דורכצופאָהרען. עס זיינען געווען טעג, וואָס מיר זיינען קוים איינגעפאָהרען וואָסערע פערציג מייל, און מעהרערע מאָל האָט זיך דער גרונט־באַלקען פון אונזער שיף געשאַרט איבער'ן זאַמדיגען גרונט פון טייך; מיר האָבען גאַנץ אָפט געמוזט אַרויסשיקען אַ רודער־שיפעל אויסצוגעפינען די נויטיגע טיעפקייט. אָבער אונזער יונגער קאַפּיטאַן האָט ביי זיך בעשלאָסען, מיר זאָלען נאָך אָנקומען אין גהירין אין דעם זעלבען הערבסט, און מיר ויינען יעדען טאָג געפאָהרען אַלץ ווייטער. וואָס העכער אַרויף מיר זיינען געפאָהרען, אַלץ שעהנער האָבען מיר געפונען דעם טייך און אַלץ גרינגער איז געוואָרען צו פאָהרען; און ווען מיר זיינען פערבייגעפאָהרען די זאַמדיגע סטעפּעס און דעם צוזאַמענגוס פון דעם סונגאַרי מיט זיין שוועסטער־טייך, דעם נאָנני, איז די רייזע געוואָרען גרינג און אַנגענעהם. אין עטליכע וואָכען צייט זיינען מיר אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָדט פון דער מאַנטשורישער פּראָווינץ. אונזערע טאָפּאָגראַפען האָבען אַראָבגענומען אַן אויסגעצייכענטע מאַפּע פון טייך. לײדער האָבען מיר ניט געהאַט קיין

פיעל צייט צו פערלירען, און מיר האָבען זיך דריבער זעהר זעלטען אָבגע־שטעלט אין אַ דאָרף אָדער שטאָדט. קיין פיעל דערפער זיינען ניטאָ ביי די ברעגעס פון טייך, און אין זיינע ניעדעריגע טיילען האָבען מיר געטראָ־פען ניט מעהר ווי פלאַכלענדער, וועלכע ווערען פערפלייצט יעדען יאָהר. העכער אַרויף זיינען מיר אַן ערך הונדערט מייל געפאָהרען אין אַ נעבעל פון זאמד. ערשט ווען מיר האָבען דערגרייכט דעם אויבער־סונגארי און האָבען אָנגעהויבען זיך דערנעהנטערען צו גהירין האָבען מיר געטראָפען אַ געדיכטע בעפעלקערונג.

ווען אונזער אויפגאַבע וואָלט געווען צו שאַפען פריינדליכע בעציהונ־גען מיט מאַנטשוריע און ניט פשוט צו בעקאָנען זיך מיט'ן סונגארי, וואָלט אונזער עקספעדיציע געמעגט בעטראַכט ווערען פאַר אַן אמת'ן דורכפאַל. ביי די מאַנטשורישע בעאַמטע איז נאָך געווען פריש אין זכרון, ווי מוראַוויאָף'ס „בעזוך", מיט אַכט יאָהר צוריק, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דער אַנעקטירונג פון דעם אַמור און דעם אוזורי, און זיי האָבען געמוזט קוקען מיט חשד אויף אָט די נייע ניט־געבעטענע געסט. די פינף־און־צוואַנציג ביקסען, וואָס זיינען געווען בעהאַלטען אין די קויהלען, וועגען וועלכע די כינעזישע בעאַמטע האָבען זיך דערוואוסט פאַר אונזער אָבפאָה־רען, האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט זייער פערדאַכט, און ווען מיר האָבען פעראַנקערט אונזער דאַמפּפער ביי דער בעפעלקערטער שטאָדט גהירין, האָבען מיר געטראָפען אַלע דאָרטיגע קרעמער בעוואָפענט מיט פערראָסטע שווערדען, וואָס זיינען אויסגעגראָבען געוואָרען פון עפּעס אַן אַלטען ארסענאַל. מען האָט אונז אפילו ניט געשטערט ארומצוגעהן איבער די גאַסען, אָבער אַלע געשעפטען זיינען געווען געשלאָסען אַזוי גיך ווי מיר האָבען געלאַנדעט, און מען האָט די קרעמער פערבאָטען אונז וואָס עס איז צו פערקויפען. מיר האָבען געקראָגען ארויפגעשיקט אביסעל פּראָוויאַנט אויפ'ן דאַמפּפער — אַלס אַ מתנה, מען האָט אָבער פון אונז דערפאַר קיין געלד ניט גענומען.

דער הערבסט איז שוין באַלד געווען אריבער, עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די פרעסט, און אַזוי ווי מיר האָבען אויפ'ן סונגארי ניט געקענט ווינטערען, האָבען מיר זיך געמוזט איילען צוריקצופאָהרען. אין קורצען, מיר האָבען געזעהן גהירין, אָבער מיר האָבען מיט קיינעם ניט גערעדט, אחוץ צו די פּאָר דאָלמעטשער, וואָס זיינען יעדען אין־דער־פריה ארויפגעקומען צו אונז אויף דער שיף. אָבער אונזער ציעל איז געווען דערגרייכט. מיר האָבען אויסגעפונען, אַז מען קען פאָהרען אויפ'ן טייך מיט שיפען, מיר האָבען געהאַט אַ פאָלשטענדיגע מאַפּע פון טייך, וועלכע האָט אונז געהאָלפען צו פאָהרען אויף אונזער צוריק־רייזע מיט פולען

דאמפף, אָהן וועלכע עס איז צופאלען. איינמאָל נאָר האָט זיך אונזער דאמפפער אָנגעשטויסען אָן גרונט. אָבער די גהירינ'ער בעאמטע, וועלכע האָבען שטארק ניט געוואָלט מיר זאָלען זיין געצוואונגען צו בלייבען ווינטערען אויפ'ן טייך, האָבען ארויסגעשיקט צוויי הונדערט כינעזער, צו העלפען אונז ארונטערשלעפען דעם דאמפפער פון זאמד. ווען איך בין ארייננעשפרונגען אין וואסער און האָב מיט א שטעקען אין האנד אָנגע־הויבען זינגען אונזער טייך־ליעד „דובינושקא“, כדי אלע זאָלען מיט אמאָל דערלאנגען א שטופ, האָט דאָס די כינעזער זעהר שטארק אמוזירט, און נאָך עטליכע אזעלכע שטופען איז דער דאמפפער ווידער געשוואומען אויפ'ן וואסער. פון אָט דעם קליינעם צופאל זיינען געשאפען געוואָרען די פריינדליכסטע בעציהונגען צווישען אונז און די כינעזער — פערשטעהט זיך, איך מיין דאָס פאָלק, וואָס האָט ווי עס ווייזט אויס זעהר שטארק פיינד געהאט זייערע שטאָלצע מאנטשורער בעאמטע.

מיר האָבען בעזוכט עטליכע כינעזישע דערפער, וועלכע זיינען געווען בעפעלקערט מיט פערשיקטע פון דער „הימלישער מלוכה“, און מיר זיינען אויפגענומען געוואָרען אויף דעם הערצליכסטען אופן. איבערהויפט האָט זיך איין אָבענד איינגעדריקט אין מיין זכרון. מיר זיינען אָנגעקומען אין א קליינעם ראָמאנטישען דערפעל, ווען עס האָט אָנגעהויבען צופאלען די נאכט. עטליכע פון אונז זיינען ארונטער פון שיף, און איך בין זיך דורכ־געגאנגען איינער אליין איבער'ן דאָרף. א געדיכטער געזעמעל פון א הונדערט כינעזער האָט זיך באלד ארומגעקליבען ארום מיר, און כאָטש איך האָב א וואָרט ניט פערשטאנען פון זייער לשון, און זיי האָבען ניט מעהר פערשטאנען פון מיינעם, האָבען מיר זיך פונדעסטוועגען דורכ־געשמועסט אויף דעם פריינדליכסטען אופן דורך מימיק, און מיר האָבען זיך איינע די אנדערע פערשטאנען. א גלעט טהאָן אימעצען איבער'ן פלייצע אלס צייכען פון פריינדשאפט, איז געווים אָן אויסדרוק פון אָן אינטערנאציאָנאלער שפראך. אָנבאָטען דעם אנדערען טאבאק און יענער זאָל אייך אָנבאָטען פייער — איז ווידער אָן אינטערנאציאָנאלער אויס־דרוק פון פריינדשאפט. איין זאך איז זיי געווען א חידוש — פאר וואָס איך, נאָך גאָר א יונגער מאן, טראָג א באָרד? זיי טראָגען ניט קיין בערד איידער זיי ווערען זעכציג יאָהר אלט. און ווען איך האָב זיי דורך צייכענס געזאָגט, אז ווען איך האָב ניט וואָס צו עסען, קען איך קייען די באָרד, איז דער שפאס איבערגעגאנגען פון איינעם צום אנדערען דורך דעם גאנ־צען עולם. זיי האָבען געקייכט פון געלעכטער, און האָבען מיר אָנגעהויבען גלעטען איבער'ן פלייצע מיט נאָך מעהר ליעבליכקייט. זיי האָבען מיך איבעראָל ארומגעפיהרט, זיי האָבען מיר געצייגט זייערע הייזער, יעדער

איינער האָט מיר אָנגעבאָטען זיין ליולקע, און דער גאַנצער עולם האָט מיך ווי אַ פריינד בעגלייט צום דאַמפּפער. איך מוז דאָ בעמערקען, אַז אין דעם דאָזיגען דאָרף איז קיין איינציגער „באָשקאָ“ (פּאָליציסט) ניט געוועזן. אין אַנדערע דערפער האָבען אונזערע סאָלדאַטען און די יונגע אָפיצירען שטענדיג געשלאָסען פריינדשאַפט מיט די כינעזער, אַזוי גיך אָבער ווי עס האָט זיך בעוויזען אַ „באָשקאָ“ איז אַלעס געוועזן איבערגעפיהרט. דערפאַר אָבער איז ווערטה געווען צו זעהן וואָס פאַר אַ „מינעס“ זיי פלעגען מאַכען הינטער דעם באָשקאָ׳ס רוקען! זיי האָבען אויסדריקליך געהאַסט די דאָזיגע פערטרעטער פון דער אויטאָריטעט.

אונזער עקספּעדיציע איז זייט דעמאָלט פערגעסען געוואָרען. דער אַסטראָנאָם, טה. אוסאָלצעף, און איך האָבען פערעפענטליכט בעריכטען וועגען איהר אין די „מעמוארען“ פון דער סיבירישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט; אָבער עטליכע יאָהר שפּעטער זיינען אַלע עקזעמפּלאַרען פון די „מעמוארען“, ווי אויך די אָריגינעלע מאַפּע פון סונגארי פערלאָרען געגאַנגען אין אַ גרויסער שרפה אין אירקוטסק, און ערשט לעצטען יאָהר, ווען מען האָט אָנגעהויבען בויען די טראַנס-מאַנטשורישע אייזענבאַהן, האָבען די רוסישע געאָגראַפען אויסגעגראָבען אונזערע בעריכטען און האָבען אויסגעפונען, אַז דער גרויסער טייך איז שוין געווען אויסגעפאָרשט מיט פינף-און-דרייסיג יאָהר צוריק דורך אונזער עקספּעדיציע.

VII

אזוי ווי ס׳איז מעהר גאָר ניט געווען וואָס צו טהאָן אין דער ריכטונג פון רעפאָרמען, האָב איך פּרובירט טהאָן, וואָס עס האָט זיך געלאָזען, אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען; אָבער איך האָב זיך באַלד איבערצייגט ווי אַבסאָלוט נוצלאָז מיינע אָנשטרענגונגען זיינען געווען. אין מיין נייע פּאָזיציע אַלס אַטאַשע צום גענעראַל-גובערנאַטאָר פאַר די קאָזאַקען-אַנגעלעגענהייטען, האָב איך, צום בייּשפּיעל, געמאַכט אַ גרינדליכע אונטערזוכונג פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען פון די אוזורי-קאָזאַקען, וועלכע פלעגען יעדען יאָהר פערלירען די תבואה אויפ׳ן פעלד און די רעגירונג האָט זיי געמוזט שפּייזען יעדען ווינטער, כדי זיי צו ראַטעווען פון הונגער. ווען איך בין צוריקגעקומען פון אוזורי מיט מיין בעריכט, האָב איך געקראָגען גראַטולאַציאָנען פון אַלע זייטען, בין דערהויבען געוואָרען צו אַ העכערען ראַנג, און האָב געקראָגען ספּעציעלע בעלוינונגען. אַלע מאַסרעגעלען, וואָס איך האָב רעקאָמענדירט, זיינען אָנגענומען געוואָרען,

און ספעציעלע סומען געלד זיינען בעוויליגט געוואָרען ארויסצוהעלפען א טייל זיי זאָלען קענען אויסוואנדערען, און צו בעזאָרגען אנדערע מיט בהמות, אזוי ווי איך האָב פאָרגעשלאָגען. אָבער די פראקטישע דורכפיהרונג פון די מאסרעגעלען איז אריינגעפאלען אין די הענד פון עפּעס אַן אלטען שכור, וועלכער פלעגט דאָס געלד פערשווענדען און אונ'ברחמנותדיג שמייסען די אונגליקליכע קאָזאקען, כדי זיי צו פערוואנדלען אין גוטע ערד־ארבייטער. און אזוי האָט זיך עס געפיהרט אומעטום, אָנהויבענדיג מיט פעטערבורג און ענדיגענדיג מיט אוזורי און קאמטשאטקא.

די העכערע אדמיניסטראציע אין סיביר איז געוועזען בעאיינפלוסט פון די בעסטע אבזיכטען, און מיר בלייבט נאָר צו ווידערהאָלען, אז אין אלגעמיין גענומען איז זי געוועזען פיעל בעסער, פיעל מעהר אויפגעקלערט, און פיעל מעהר פעראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון לאנד, איידער די אדמיניסטראציעס פון סיי וואָסער רוסישער פראָווינץ. זי איז אָבער געוועזען אַן אדמיניסטראציע — א צווייג פון א בוים, וועלכער האָט געהאט זיינע וואָרצלען אין פעטערבורג — און דאָס איז געוועזען גענוג צו פאראליזירען אלע איהרע בעסטע אבזי׳כטען און מאכען, אז זי זאָל שטערען און טויטען יעדען אָנפאנג פון נאטירליכען לאָקאלען לעבען און פראָגרעס. יעדער אָנפאנג, וואָס איז נאָר געמאכט געוואָרען פאר דער טובה פון לאנד פון לאָקאלע מענשען, איז בעטראכט געוואָרען מיט מיסטרויען, און איז גלייך פאראליזירט געוואָרען פון א גאנצער מאסע שוועריגקייטען, וועלכע זיינען געקומען ניט אזוי פיעל פון די שלעכטע אבזיכטען פון די אדמיניסטראטארס, ווי פשוט פון דעם פאקט, וואָס די דאָזיגע בעאמטע האָבען בעלאנגט צו א פיראמידאלער, צענטראליזירטער אדמיניסטראציע. שוין דער פאקט אליין, וואָס זיי האָבען געהערט צו א רעגיערונג, וועלכע האָט געהאט איהר מקור אין א ווייטער הויפּטשטאָדט, האָט געמאכט אז זיי זאָלען קוקען אויף אלעס פון דעם שטאנדפּונקט פון רעגיערונגס־בעאמטע, וואָס דענקען קודם כל וואָס זייערע העכערע וועלען זאָגען, און ווי אזוי דאָס וועט זיך אריינפּאסען אין דער אדמיניסטראטיווער מאשין, ניט וועגען די אינטערעסען פון דעם לאנד.

ביסלעכווייז האָב איך מיין ענערגיע אלץ מעהר און מעהר פערווענדט אויף וויסענשאפטליכע פאָרשונגען. אין 1865 האָב איך אויסגעפאָרשט דעם וועסטליכען סיאנס, וואו איך האָב בעקומען א נייעם בליק איבער די סטרוקטור פון די סיבירישע הויכלענדער און האָב זיך אָנגעשטויסען אויף א צווייטען וואולקאנישען געגענד ביי דער כינעזישער גרענעץ; און ענדליך, מיט א יאָהר שפּעטער, האָב איך אונטערנומען א לאנגע רייזע צו ענטדעקען א דירעקטע פערבינדונג צווישען די גאָלד־מינען פון דער

יאַקוטסקער פּראָווינץ (ביי דעם וויטים און דעם אָלאָקמאַ) און טראַנס־באַיקאַליאַ. פאַר איינינע יאָהרען (1860—64) האָבען די מיטגליעדער פון דער סיבירישער עקספּעדיציע פּרובירט אויסגעפינען אַזאַ דורכגאַנג, און האָבען זיך געמיהט אַריבערצוגעהן די רייהע פון זעהר ווילדע, שטיי־נערדיגע פּאַראַלעלע בערג־קייטען, וועלכע טיילען פונאַנדער די דאָזיגע גאָלד־מינען פון דער טראַנסבאַיקאַליער פלאַכלאַנד. אָבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער דאָזיגער שרעקליכער באַרג־געגענד, אָנקומענדיג פון דרום־זייט, און האָבען פאַר זיך דערזעהן די וויסטע בערג אויסשפּרייטענ־דיג זיך פאַר הונדערטער מיילען אין צפון־זייט, האָבען אָט די אַלע פּאָר־שער, מיט דער אויסנאַהמע פון איינעם, וועלכער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פון די דאָרטיגע איינוואוינער, זיך אומגעקעהרט צו דרום. ס׳איז געווען קלאָר, אַז כדי די עקספּעדיציע זאָל זיין ערפאָלגרייך, מוז זי געהן פון צפון צו דרום — פון די אונבעקאַנטע שרעקליכע ווילדערניסען צו די וואַרעמערע און בעפעלקערטע געגענדען. עס האָט זיך גראַדע געמאַכט, אַז אין דער צייט וואָס איך האָב מיך צוגעגרייט צו דער עקספּעדיציע, האָט מיר אימיצער געוויזען אַ מאַפּע, וואָס אַ טונגוז האָט געהאַט אויס־געצייכענט מיט זיין מעסער אויף אַ שטיק קאָרע. די דאָזיגע קליינע מאַפּע — אַן אויסגעצייכענטער בייששפּיעל, פערבייגעהענדיג בעמערקט, פון דער ניצליכקייט פון דעם געאָמעטרישען חוש אין די ניעדעריגע שטופען פון ציוויליזאַציע, און וועלכער וואָלט פאָלגליך אינטערעסירען אַ. ר. וואָללייס — האָט מיך אַזוי ערשטוינט מיט איהר וואהרשיינליכער טרייקייט צו דער נאַטור, אַז איך האָב זיך אין גאַנצען פערלאָזט אויף איהר, און האָב אָנגעהויבען מיין רייזע פון צפון־זייט, נאָכפאָלגענדיג די צייכענס פון דער מאַפּע.

צוזאַמען מיט אַ יונגען און פערשפּרעכענדען נאַטורפאָרשער, פּאָלאַקאָף, און מיט אַ טאָפּאָגראַפער, בין איך צוערשט געגאַנגען אַרונטער די לענאַ צו די צפונ׳דיגע גאָלד־מינעס. דאָרטען האָבען מיר אויסגעשטאַט די עקספּעדיציע, מיטנעהמענדיג פאַר דריי חדשים פּראָוויאַנט, און זיך גענומען צו דרום־צו. אַן אַלטער יעגער, אַ יאַקוט, וועלכער איז שוין מיט צוואַנציג יאָהר פריהער איינמאָל געגאַנגען מיט דעם וועג, וואָס איז געווען אָנגעוויזען אויף דעם טונגוזער׳ס מאַפּע, האָט זיך אונטערגענומען צו זיין אונזער וועגווייזער און אונז אַריבערפיהרען דעם באַרג־געגענד — 250 מייל די ברייט — געהענדיג מיט די טייך־טהאָלען און בערג־שפּאַלטען, וואָס זיינען געווען אָנגעצייכענט פון דעם טונגוז מיט זיין מעסער אויף דער מאַפּע פון בעריאָזענע קאָרע. ער האָט ווירקליך דורכגעפיהרט די דאָזיגע וואונדערבאַר־שווערע אַרבייט, אָבוואויל עס איז ניט געווען קיין

ברעקעל שפור נאָך וועלכען נאָכצוגעהן, און אַלע טהאָלען וואָס מען זעהט פון דעם שפּיץ פון אַ בארג־פּאַס, אַלע גלייך בעוואַקסען מיט וועלדער, זעהען אויס פאַר דעם ניט־געניטען אויג אבסאָלוט גלייך. דאָס מאָל האָבען מיר דעם וועג געפונען. דריי חדשים האָבען מיר געוואַנדערט אין די כמעט פאָלשטענדיג אונבעוואוינטע בערג־וויסטענישען און איבער דעם זומפּיגען פלאַך־לאַנד, ביז וואַנען מיר האָבען ענדליך דערגרייכט אונזער ציעל, טשיטאַ. איך הער, אַז דער וועג איז איצט וויכטיג אויף צו ברענגען בהמות פון דרום צו די גאָלד־מינען; וואָס מיך אַנבעלאַנגט, האָט די רייזע שפּעטער מיר געהאָלפען אויסצוגעפינען דעם שליסעל צו דער סטרוקטור פון די בערג און פלאַכלענדער פון סיביר — אָבער איך שרייב ניט קיין רייזע־בוך, און מוז זיך אָבשטעלען.

די יאָהרען, וואָס איך האָב פערבראַכט אין סיביר, האָבען מיך געלערענט פיעל זאַכען, וועלכע איך האָב קוים געקענט לערנען אַנדערסוואו. איך האָב זעהר גיך איינגעזעהן די אַבסאָלוטע אונמעגליכקייט דורכצופיהרען עטוואָס ווירקליך ניצליכעס פאַר די מאַסען פון פאָלק דורך דער הילף פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַשין. מיט דער דאָזיגער אילוזיע האָב איך מיך געשיידט אויף אייביג. איך האָב דאַן אָנגעהויבען פערשטעהן, ניט נאָר מענשען און דעם מענשליכען כאַראַקטער, נור אויך די אינערליכע פּרוזשינע פון דעם לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. די קאָנסטרוקטיווע אַרבייט פון די אונבעקאַנטע מאַסען, וועלכע ווערט אַזוי זעלטען דערמאָנט אין ביכער, און די וויכטיגקייט פון אָט דער אַרבייט אין דעם וואַקסען פון די פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, זיינען ערשיענען פאַר מיינע אויגען אין אַ קלאָרען ליכט. צו זעהן מיט די אייגענע אויגען, צום ביישפּיעל, אויף וואָס פאַר אופנים די דוכאָבאָרען־געמיינדעס (ברידער פון יענע, וואָס בעזעצען זיך איצט אין קאַנאַדאַ, און וועלכע ווערען אַזוי הערצליך געשטיצט אין ענגלאַנד און אין די פעראייניגטע שטאַאַטען) וואַנדערען נאָך דעם אַמור־געגענד; צו בעטראַכטען די גרויסע נוצען וואָס זיי האָבען פון זייערע האַלב־קאָמוניסטישע ברידערליכע אָרגאַניזאַציעס; און איינצוזעהן וואָס פאַר אַן ערפאָלג זייער קאָלאָניזאַציע איז געווען, אין מיטען פון די אַלע דורכפאַלען פון דער שטאַאַטליכער קאָלאָניזאַציע, האָט געהייסען לערנען עטוואָס, וואָס מען קען ניט לערנען פון ביכער. ווייטער, צו לעבען מיט נאַטור־קינדער, צו זעהן ווי עס ווערען געשאַפען די פערוויקעלטע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זיי האָבען אויסגעאַרבייט ווייט אַוועק פון דעם איינפלוס פון אירגענד וועלכער ציוויליזאַציע, האָט געהייסען אין דער אייגענער צייט אָנזאַמלען שטראָ־

מען ליכט, וועלכע האבען בעלויכטען דאס, וואס איך האב שפעטער געלע־
זען. די ראלע וואס די אונבעקאנטע מאסען שפיעלען אין דער דורכפיה־
רונג פון היסטארישע פאסירונגען, און אפילו אין מלחמות, איז פאר מיר
קלאר געווארען פון דירעקטע בעאבאכטונגען, און עס האבען זיך ביי מיר
ענטוויקעלט אידעען וועגען די פיהרער און די מאסען, וואס זיינען ענליך
צו די, וועלכע טאלסטאי דריקט אויס אין זיין מאנומענטאלען ווערק,
„קריעג און פריעדען“.

האבענדיג זיך אויפגעהאדעוועט אין א פאמיליע פון א לייבאייגענ־
טימער, בין איך אריינגעטראטען אין אקטיווען לעבען, ווי אלע יונגע לייט
פון מיין צייט, מיט א שטארקען פערטרויען אין דער נויטווענדיגקייט פון
קאמאנדירען, בעפעהלען, בייזערען זיך, בעשטראפען, און אזוי ווייטער.
אבער ווען מיר איז אויסגעקומען, גאנץ פריה אין לעבען, צו פערוואל־
טען ערנסטע אונטערנעהמונגען און צו האנדלען מיט מענשען, און וואו
יעדער טעות פלעגט גלייך מיטברענגען שווערע פאלגען, האב איך אנגע־
הויבען איינצוזעהן דעם אונטערשייד צווישען האנדלען לויט דעם פרינציפ
פון קאמאנדא און דיסציפלין, און האנדלען לויט דעם פרינציפ פון געמיינ־
שאפטליכער פערשטענדיגונג. דער ערשטער פרינציפ ארבייט אויסגעצייי־
כענט אין מיליטערישע פאראדען, ער איז אבער גארנישט ניט ווערטה
ווען עס איז נוגע דעם ווירקליכען לעבען, וואו דער ציעל קען דערגרייכט
ווערען נור דורך דער ערנסטער אנשטרענגונג פון פיעלע ווילענס, וואס
שטרעבען צו איין פונקט. אויב איך האב נאך דעמאלט ניט פארמולירט
מיינע בעאבאכטונגען אין אויסדריקע גענומען פון פארטיי־קעמפפע, מעג
איך אבער איצט זאגען, אז איך האב פערלארען אין סיביר יעדען ברעקעל
גלויבען אין שטאאט־דיסציפלין, פון וואס איך האב פריהער געהאלטען.
איך בין געוועזען גרייט צו ווערען אן אנארכיסט.

אין דעם עלטער פון ניינצעהן ביז פיער־און־צוואנציג יאהר האב איך
געהאט אויסצוארבייטען וויכטיגע פלענער פאר רעפארמען, האב געהאט
עסקים מיט הונדערטער מענשען אויפ'ן אמור, האב געדארפט צוגרייטען
און מאכען ריזיקאלישע עקספעדיציעס מיט לעכערליך קליינע מיטלען,
און אזוי ווייטער; און אויב די אלע זאכען האבען זיך אויסגעלאזט מעהר
אדער ווייניגער ערפאלגרייך, רעכען איך עס צו נור צו דעם פאקט, וואס
איך האב באלד פערשטאנען, אז אין ערנסטע ארבייטען זיינען דיסציפלין
און קאמאנדירען פון גאנץ קנאפען נוצען. מענשען מיט איניציאטיווע
זיינען נויטיג איבעראל; קוים אבער איז דער ערשטער שטויס געגעבען
געווארען, מוז די אונטערנעהמונג געפיהרט ווערען, איבערהויפט אין
רוסלאנד, ניט אויף א מיליטערישען שטייגער, נאר אויף א מין קאמונאלען

אופן, דורך אַ געמיינשאַפטליכער פערשטענדיגונג. הלואי וואָלטען אַלע די, וואָס מאַכען פּלענער פון שטאאטס־דיסציפּלין, געקענט דורכמאַכען די שולע פון ווירקליכען לעבען איידער זיי נעהמען זיך בויען זייערע שטאאט־אוטאָפּיעס: מיר וואָלטען דעמאָלט געהערט אַ סך ווייניגער ווי איצטער וועגען פּלענער פון אַ מיליטערישער און פּיראַמידאַלער אָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפט.

מיט דעם אַלעמען, איז דאָס לעבען אין סיביר פאַר מיר געוואָרען אַלץ ווייניגער און ווייניגער צוציהענד, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז אַריבערגעקומען צו מיר אין אירקוטסק אין 1864, וואו ער האָט קאָמאַנדירט אַ סקאַדראָן קאָזאַקען. מיר זיינען געווען גליקליך צו זיין צוזאַמען; מיר האָבען געלעזען זעהר פיעל און דיסקוטירט אַלע פילאָזאָפישע, וויסענשאַפטליכע און סאָציאָלאָגישע פראַגען פון טאָג; אָבער מיר האָבען ביידע געבענקט נאָך אַן אינטעלעקטועלען לעבען, און אין סיביר איז אַזוינס ניט געווען. דער צופעליגער דורכפאָהרען דורך איר־קוטסק פון ראַפאַעל פּומפּעללי אָדער פון אַדאָלף באַסטיאַן — די איינציגע צוויי וויסענשאַפטס־מענער, וואָס האָבען בעזוכט אונזער הויפּטשטאָדט פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָרט געווען — איז פאַר אונז ביידען געווען אַ גאַנץ גרויסע עראייגניס. דאָס וויסענשאַפטליכע און בעזאָנדערס דאָס פּאָליטישע לעבען פון מערב־אייראָפּאַ, פון וועלכע מיר האָבען געהערט דורך די צייטונגען, האָט אונז געצויגען, און דאָס צוריקקעהרען־זיך נאָך רוסלאַנד איז געווען די טעמא צו וועלכער מיר פלעגען שטענדיג צוריק־קומען אין אַלע אונזערע געשפּרעכען. דער אויפשטאַנד פון די פּוילישע פערשיקטע אין 1886, האָט ענדליך געעפענט אונזערע אויגען אויף דער פאַלשער פּאָזיציע, וואָס מיר ביידע האָבען פערנומען, אַלס אָפיצירען פון דער רוסישער אַרמעע.

VIII

איך בין געווען ווייט אַוועק, אין די וויטים בערג, ווען אַ טייל פון די פּוילישע פערשיקטע, וועלכע זיינען געווען בעשעפטיגט ביים דורכשניידען אַ נייעם וועג אין די פעלזען אַרום דער אָזערע באַיקאַל, האָבען געמאַכט אַ פערצווייפעלטען פערזוך צו צוברעכען זייערע קייטען און אַנטלויפען קיין כינאַ דורך מאָנגאָליע. מען האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטען אַנטקעגען זיי, און אין דעם קאַמפּף איז אַ רוסישער אָפיציר געטויט געוואָרען פון די אינסורגענטען. איך האָב זיך וועגען דעם דערוואוסט אויף מיין רייזע

צוריק נאָך אירקוטסק, וואו ארום פופציג פּאָלאַקען האָבען געזאָלט גע'משפּט ווערען פון א קריעגס־געריכט. אזוי ווי די זיצונגען פון קריעגס־געריכט זיינען אין רוסלאנד אָפען, האָב איך נאָכגעפאָלגט די פערהאנדלונ־גען און גענומען אויספיהרליכע נאָטיצען, וועלכע איך האָב געשיקט צו א פּעטערבורגער צייטונג, וואו זיי זיינען פערעפענטליכט געוואָרען, אָהן פערקירצונגען, צו דער גרויסער אונצופריעדענהייט פון דעם גענעראל־גובערנאטאָר.

עלף טויזענד פּאָלאַקען, מענער און פרויען, זיינען פערשיקט געוואָרען אין מזרח־סיביר אליין, אלס רעזולטאַט פון דעם אויפשטאנד פון 1863. זיי זיינען מעהרסטענטיילס געווען סטודענטען, ארטיסטען, געוועזענע אָפיצירען, אדעלליים און געלערנטע בעלי־מלאכות פון דער אינטעליגענטער און הויך־ענטוויקעלטער ארבייטער־בעפעלקערונג פון ווארשא און אנדערע שטעדט. א גרויסע צאָהל פון זיי האָט מען געהאַלטען אויף קאטאָרגע, בעת די איבעריגע האָט מען בעזעצט אין דערפער צואוואָרפען איבער'ן גאנצען לאנד, וואו זיי האָבען קיין שום ארבייט ניט געקענט קריגען און האָבען געלעבט אין א האלב־פערהונגערטען צושטאנד. יענע וואָס זיינען געווען אויף קאטאָרגע האָבען געארבייט אָדער אין טשיטאַ, בויענדיג בארקעס פאר דעם אמור — זיי זיינען געווען די גליקליכסטע — אָדער אין די קרוינישע אייזען־גיסערייען און אין די זאלץ־פאבריקען. א טייל פון די לעצטע האָב איך געזעהן, ביים לענא, שטעהענדיג האלב־נאקעטע אין א חורבה ארום אן אונגעהייערען קעסעל אָנגעפילט מיט זאלץ־ליאָק, און מיישענדיג דעם געדיכטען קאָכענדיגען ליאָק מיט לאנגע שופלען, אין א העלישער היץ, בעת די טויערען פון דער חורבה זיינען געווען ברייט פונ־אנדערגעעפענט אויף ארייצולאָזען א שטארקען שטראָם פון אייזיגער לופט. אָבארבייטענדיג צוויי יאָהר ביי אזא ארבייט, שטארבען אָט די מארטירער געוועהנליך פון שווינדזוכט.

אין דער לעצטער צייט זיינען א בעדייטענדע צאָהל פּוילישע פער־שיקטע געווען בעשעפטיגט אלס ערד־גראָבער ביי דעם וועג וואָס מען האָט געבויט איבער דעם דרום־ברעג פון דער באיקאל־אָזערע. די דאָזיגע אלפּען־אָזערע, ארומגערינגעלט פון פּראכטפאָלע בערג, וואָס הויבען זיך אויף דריי ביז פינף טויזענד פוס איבער דער פלעכע, שניידט־אָב טראנסבאיקאליע און דעם אמור פון אירקוטסק. ווינטער־צייט קען מען איהר אריבערפאָהרען אויפ'ן אייז און זומער־צייט געהען דאָרט דאמפּפערס; אָבער פאר א צייט פון זעקס וואָכען אין פריהלינג און נאָך זעקס וואָכען אין הערבסט, איז דער איינציגער וועג ווי צו גרייכען טשיטא און קיאָכטא (צו פּעקינג) פון אירקוטסק געווען, צו פאָהרען רייטענדיג אויף פערד איבער זעהר א

גערדעהטען וועג דורך בערג זיעבען און אכט טויזענד פוס הויך. איך בין איינמאָל געפאָהרען איבער אָט דעם וועג און האָב שטאַרק בעוואונדערט די לאַנדשאַפטען פון די בערג, וועלכע זיינען אין מאי געווען בעדעקט מיט שנעע, אָבער זאָגסט איז די רייזע ווירקליך געווען א שרעקליכע. ארויפ־קריכען אויפ'ן שפּיץ פון הויפּט־דורכגאַנג, דעם כאַמאַר־דאַבאַן, אין גאַנצען אכט מייל, האָט מיר גענומען א גאַנצען טאָג, פון דריי א זייגער אין דער פריה ביז אכט ביינאַכט. אונזערע פערד האָבען כסדר געהאַלטען אין איין פאַלען איבער דעם שמעלצענדען שנעע, אריינפאַלענדיג צוזאַמען מיט די רייטער עטליכע מאָל דורכ'ן טאָג אין דעם אייז־קאַלטען וואַסער, וואָס איז געפלאָסען אונטער דעם צודעק פון שנעע. מען האָט דעריבער בעשלאָסען צו בויען א דויערהאַפטען וועג פאַזשע דעם דרום־ברעג פון דער אָזערע, דורכרייסענדיג א דורכגאַנג אין די משופּע'דיגע, כמעט ווערטיקאַלע פעל־זען, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען איבער דער לענג פון ברעג, און פער־ציהען מיט בריקען א הונדערט ווילדע שטראָמען, וואָס פליסען מיט א מורא'דיגער געשווינדקייט ארונטער פון די בערג אין דער אָזערע אריין. ביי אָט דער קאַטאָרזשנער ארבייט האָט מען בעשעפטיגט די פּוילישע פערשיקטע.

אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט זיינען איינינע קאָמפּאַניעס פון רוסישע פּאָליטישע פערברעכער פערשיקט געוואָרען אין סיביר, אָבער זיי, מיט זייער אונטערוואַרפען זיך צום שיקזאַל, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פון די רוסען, האָבען קיינמאָל ניט רעוואָלטירט; זיי האָבען זיך געלאָזען טויטען ביסלעכווייז, קיינמאָל ניט פּרובירענדיג זיך צו בעפרייען. פער־קעהרט, די פּאָלאַקען — מען מוז עס זאָגען צו זייער עהרע — זיינען קיינמאָל ניט געווען אזוי אונטערוואָרפען, און דאָס מאָל זיינען זיי ארויס־געטראָטען אין אָן אָפענעם אויפשטאַנד. עס איז געווען קלאָר אז זיי האָבען ניט געהאַט קיינע אויסזיכטען אויף אָן ערפאָלג, און פונדעסטוועגען האָבען זיי דאָך רעוואָלטירט. פון פאָרענט האָבען זיי געהאַט פאַר זיך די גרויסע אָזערע, און הינטער זיך האָבען זיי געהאַט א גאַרטעל פון אבסאָלוט ניט־איבערשטייגליכע בערג, הינטער וועלכע עס הויבען זיך אָן די ווילדער־נישען פון צפון־מאָנגאָליע; פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך ארייננענומען א געדאַנק צו ענטוואַפענען די סאָלדאַטען וואָס האָבען זיי געהיט, אויס־שמיעדענדיג יענע שרעקליכע וואַפען פון די פּוילישע אויפשטאַנדען — קאָסעס ארויפגעשטעקט אזוי ווי פּיקעס אויף לאַנגע שטעקענס — און זיך דורכשלאָגענדיג א וועג איבער די בערג און איבער מאָנגאָליע אין כינאַ, וואו זיי וועלען טרעפען ענגלישע שיפען, וואָס זאָלען זיי ארויפנעהמען. איין טאָג איז אָנגעקומען די ניי'עס אין אירקוטסק, אז א טייל פון יענע

פּאָלאַקען, וואָס הָאבען געאַרבייט ביי דעם באַיקאַל וועג, הָאבען ענטוואַפענט אַ טוצען סאָלדאַטען און הָאבען געמאַכט אָן אויפשטאַנד. אַכציג סאָלדאַטען, — דָאס איז געווען אַלעס וואָס מען הָאט געקענט אַרויסשיקען קעגען זיי פון אירקוטסק,— אַריבערפאָהרענדיג די אָזערע מיט אַ דאַמפּפער, זיינען אַוועק בעגעגענען די אינסורגענטען אויף דער אַנדערער זייט.

דער ווינטער פון 1866 איז אין אירקוטסק געווען אַן אויסערגעוועהנליך לאַנגווייליגער. אין דער סיבירישער הויפּטשטאָדט איז ניטאָ דער אונטערשייד צווישען די פערשיידענע קלאַסען, ווי מען זעהט עס אין רוסישע פּראָווינציעלע שטעדט; און די אירקוטסקער „געזעלשאַפט“, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ גרויסע צאָהל אָפּיצירען און טשינאָווניקעס, צוזאַמען מיט די פרויען און טעכטער פון די לאָקאַלע סוחרים, און אפילו גייסטליכע, פלעגט זיך דורכ׳ן ווינטער צונויפקומען יעדען דאָנערסטאַג, אין די טאַנצזאַלען. דעם ווינטער אָבער האָבען זיך עפּעס די צוזאַמענקונפטען ניט איינגעגעבען. די דילעטאַנטען טהעאַטער־פאָרשטעלונגען זיינען אויך ניט געווען קיין ערפאָלג; און דער קאָרטען־שפּיעל, וועלכער פלעגט געוועהנליך אָנגעהן אין אירקוטסק אויפ׳ן גרויסען שטייגער, האָט זיך אויך וויעס־איז קוים געשלעפּט: אַ שטאַרקער געלד־מאַנגעל האָט זיך געלאָזט מערקען ביי די טשינאָווניקעס, און אפילו די עטליכע מינען־אָפּיצירען וואָס זיינען אָנגעקומען, האָבען זיך אויך ניט געוואָרפען מיט הויפענס אַסיגנאַציעס, מיט וועלכע די דאָזיגע פּריווילעגירטע הערען פלעגען געוועהנליך פרעהליך מאַכען די נעכט ביי די גרינע טישען. עס איז געווען אַ דורכאויס לאַנגווייליגער סעזאָן — פּונקט די פּאַסיגע צייט אויף צו מאַכען ספּיריטואַליסטישע עקספּערימענטען מיט רעדענדיגע טישלעך און רעדעוודיגע גייסטער. איינער, אַ הערר, וועלכער איז דעם פאָריגען ווינטער געווען דער ליעבלינג פון דער אירקוטסקער געזעלשאַפט צוליעב די מעשה׳לעך פון פּאָפּולערען לעבען, וואָס ער פלעגט דערצעהלען מיט גרויס טאַלאַנט, זעהענדיג אַז מען אינטערעסירט זיך וועניג מיט איהם און מיט זיינע מעשה׳לעך, האָט זיך גענומען צום ספּיריטואַליזם אַלס אַ נייעם צייטפערטרייב. ער איז געווען זעהר געשיקט אין דעם, און אין אַ וואָך צייט זיינען די אירקוטסקער דאַמען געווען פערקאָכט אין רעדען מיט גייסטער. אַ ניי לעבען איז אַריינגעבלאָזען געוואָרען אין די, וואָס הָאבען ניט געוואוסט ווי צו פּטר׳ן די צייט. שפּרעך־טישלעך הָאבען זיך בעוויזען אין יעדען סאַלאָן, און ליעבעס־ערקלעהרונגען זיינען געגאַנגען האַנד־אין־האַנד מיט גייסטער בלענדעניסען. אַן אָפּיציר, ווען איך וועל אָנרופען פּאָטאַלאָף, האָט דאָס אַלעס גענומען זעהר ערנסט — די שפּרעך־טישלעך און די ליעבעס־שפּיעלען. ס׳קען זיין ער האָט נעהאַט וועניגער מזל אין

ליזבע ווי צו די טישלעך; אלענפאלס, ווען עס איז אנגעקומען די ידיעה וועגען דעם פוילישען אויפשטאנד, האט ער פערלאנגט מען זאל איהם שיזען אהין מיט די אכציג סאלדאטען. ער האט געהאפט, אז ער וועט צוזקקומען געקרוינט מיט מיליטערישער עהרע. „איך געה קעגען די פאלאקען", האט ער געשריעבען אין זיין טאגעבוך; „עס וואלט געווען גאנץ אינטערעסאנט צו ווערען אביסעל פערוואונדעט!"

ער איז גע'הרג'עט געווארען. ער איז געריטען אויף א פערד נעבען דעם פאלקאווניק, וועלכער האט קאמאנדירט די סאלדאטען, בעת עס האט זיך אנגעפאנגען „די שלאכט מיט די אינסורגענטען" — פון וועלכער מען קען געפינען א גליהענדע בעשרייבונג אין די אנאלען פון דעם גענעראל־שטאב. די סאלדאטען זיינען לאנגזאם געגאנגען פארווערטס איבער דעם וועג, ווען זיי האבען בעגעגענט אן ערך פופציג פאלאקען, פון וועלכע פינף אדער זעקס זיינען געווען בעוואפענט מיט ביקסען און די איבעריגע מיט שטעקענס און קאסעס; זיי האבען פערנומען דעם וואלד, און פון צייט צו צייט האבען זיי געשאסען פון זייערע ביקסען. די סאלדאטען, וואס האבען זיי ארומגערינגעלט, האבען געטהאן דאס זעלבע. לייטענאנט פאטאלאף האט צוויי מאל געבעטען ערלויבנים פון פאלקאווניק ארונטערצושטייגען פון פערד און זיך א לאז טהאן אין וואלד. דער פאלקאווניק האט איהם זעהר בייז בעפוילען ער זאל בלייבען וואו ער איז. ניט אכטענדיג אויף דעם, איז דער לייטענאנט אין א מינוט ארום פערשוואונדען. מען האט געהערט עטליכע מאל אויסשיסען צווישען די בוימער, וועלכע זיינען בעגלייט געווארען פון ווילדע געשרייען; די סאלדאטען האבען זיך א ווארף געטהאן אין דער ריכטונג פון וואנען עס זיינען געקומען די קולות, און זיי האבען געפונען דעם לייטענאנט בלוטענדיג אויפ'ן גראז. די פאלא־קען האבען אויסגעשאסען זייערע לעצטע קוילען און האבען זיך אונטער־געגעבען; די שלאכט איז געווען פאראיבער, פאטאלאף איז געווען טויט. מיט'ן רעוואלווער אין האנד, האט ער זיך אריינגעווארפען אין געדיכטען וואלד, וואו ער האט געפונען עטליכע פאלאקען בעוואפענט מיט פיקעס. נאכדעם ווי ער האט אין איילעניס אויסגעשאסען אויף זיי אלע זיינע קוילען, פערוואונדענדיג איינעם פון זיי, האבען זיך יענע ארויפגעווארפען אויף איהם מיט זייערע קאסעס. אויפ'ן צווייטען ברעג פון וועג, פון דער אנדער זייט אזוי, האבען זיך צוויי רוסישע אפיצירען אויפגעפיהרט אויף דעם עקעלהאפטסטען אופן געגענאיבער די פאלאקען, וואס האבען געבויט דעם דאזיגען וועג און האבען גאר קיין אנטייל ניט גענומען אין דעם אויפ־שטאנד. איינער פון די צוויי אפיצירען איז אריינגעפאלען אין זייער

געצעלט, זידלענדיג און שיסענדיג מיט זיין רעוואָלווער אויף די פריעדלכע פעראורטיילטע, געפעהו־ליך פערוואונדענדיג צוויי פון זיי.

די לאָגיק פון די סיבירישע מיליטער־בעאַמטע איז געווען, אַז זזוי ווי עס איז גע׳הרג׳עט געוואָרען אַ רוסישער אָפיציר, מוז מען הרג׳ןנען עטליכע פּאָלאַקען. דער קריעגס־געריכט האָט פינף פון זיי פער׳משפּט צום טויט: סזאראַמאָוויץ, אַ פּיאַניסט, אַן ערעלער מענש פון אַ יאָהר דרייסיג, וועלכער איז געווען דער פיהרער פון דעם אויפשטאַנד; צעלינסק, אַ געוועזענער אָפּיציר פון דער רוסישער אַרמעע, אַ מאַן פון אַ יאָהר זעכציג, דערפאַר ווייל ער איז אַמאָל געווען אַן אָפּיציר; און אַנדערע דריי, וועמעס נעמען איך געדענק ניט.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דעפּעשירט אין פּעטערבורג און געבעטען ערלויבניס אָבצולעגען די בעשטראָפונג פון די פעראורטיילטע אינסורגענטען, אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען. ער האָט אונז צוגע־זאָגט זיי ניט צו הינריכטען, אָבער נאָכדעם ווי ער האָט אָבגעוואַרט עטליכע טעג, האָט ער בעפוילען, אַז דער אורטייל זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין געהיים, פריה פאַר טאָג. דער ענטפער פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען פיער וואָכען שפּעטער, דורך פּאָסט: דער גובערנאַטאָר מעג האַנדלען „ווי ער פערשטעהט אַמבעסטען“. דערוויילו זיינען פינף בראַווע מענער דערשאָסען געוואָרען.

מענשען האָבען געזאָגט, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען נאַריש. און דאָך האָט דאָס קליין הייפעל רעבעלען עטוואָס עררייכט. די נייעס וועגען דעם אויפשטאַנד איז אָנגעקומען אין אייראָפּאַ. די הינריכטונג, די ברו־טאַליטעטען פון די צוויי אָפיצירען, וועלכע זיינען בעקאַנט געוואָרען דורך די פערהאַנדלונגען אין געריכט, האָבען אָנגעמאַכט אַ גערודער אין עסטרייך, און עסטרייך האָט זיך אריינגעמישט צו גונסטען פון די גאַלי־ציאַנער, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין אויפשטאַנד פון 1863 און זיינען פערשיקט געוואָרען אין סיביר. באַלד נאָך דעם באַיקאַלער אויפ־שטאַנד האָט זיך דער שיקזאַל פון די פּוילישע פערשיקטע אין סיביר בעדייטענד פערבעסערט, און זיי האָבען עס געהאַט צו פערדאַנקען די רעבעלען — יענע פינף בראַווע מענער, וואָס זיינען דערשאָסען געוואָרען אין אירקוטסק, און די אַנדערע, וואָס האָבען געמאַכט דעם אויפשטאַנד מיט זיי.

פאַר מיר און מיין ברודער איז אָט דער אויפשטאַנד געווען אַ גרויסע לעהרע. מיר האָבען בעגריפען, וואָס עס מיינט צו געהערען אויף אירגענד וועלכען אופן צו דער אַרמעע. איך בין דאַן געווען ווייט אַוועק; אָבער מיין ברודער איז געווען אין אירקוטסק, און זיין סקאַדראָן איז ארויסגעשיקט

גװאָרען געגען די אינסורגענטען. גליקליכער װייזע האָט דער קאָמאַנדיר פֿון דעם רעגימענט, צו װעלכען מײן ברודער האָט געהערט, איהם גאַנץ גוט געקאָנט, און, אונטער אַ געװיסען אױסרעד, האָט ער די קאָמאַנדאַ איבער דער מאָביליזירונג פֿון דעם סקאַדראָן איבערגעגעבען צו אַן אַנדער אָפֿיציר. װען דאָס װאָלט ניט געװען דער פֿאַל, װאָלט זיך אַלעקסאַנדער, גאַנץ נאַטירליך, ענטזאַגט צו מאַרשירען. װען איך װאָלט געװען אין אירקוטסק, װאָלט איך אױך אַזױ געהאַנדעלט.

מיר האָבען דעריבער בעשלאָסען זיך צוריקצוציהען פֿון מיליטער־דיענסט און זיך אומקעהרען נאָך רוסלאַנד. דאָס איז גאָר ניט געװען אַזאַ לײכטע זאַך, איבערהױפּט צוליעב דעם װאָס אַלעקסאַנדער האָט אין סיביר געהײראַט; אָבער ענדליך איז אַלעס אײנגעאָרדענט געװאָרען, און פֿריה אין 1867 זײנען מיר געװען אין װעג פֿאָהרענדיג אין פּעטערבורג.

דריטער טייל.

פעטערבורג — ערשטע רייזע אין מערב־איראָפּאַ

I

אָנהויב הערבסט אין 1867 האָב איך זיך בעזעצט, מיט מיין ברודער און זיין פאַמיליע, אין פעטערבורג. איך בין אַריינגעטראָטען אין דער אוניווערזיטעט, און מיר איז אויסגעקומען צו זיצען אינאיינעם מיט יונגע בחורים׳לעך, וואָס זיינען געווען אַ סך אינגער פאַר מיר. וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק געוואונשען מיט פינף יאָהר צוריק איז ערפילט געוואָרען: איך האָב געקענט שטודירען. האַלטענדיג זיך ביי דער מיינונג, אַז אַ גרינדליכער אונטעררי כט אין מאַטעמאַטיק איז דער איינציגער סאָלידער באַזיס פאַר אַלע ווייטערדיגע וויסענשאַפטליכע אַרבייט, האָב איך זיך אָנגעשלאָסען אָן דער מאַטעמאַטישער סעקציע פון דעם פיזיקאַליש־מאַטעמאַטישען פאַקולטעט. מיין ברודער איז אַריינגעטראָטען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע פאַר יוריספרודענץ, בעת איך האָב אינגאַנצען אויפגעגעבען דעם מיליטער־דיענסט, צו דער גרויסער אונצופריעדענהייט פון מיין פאָטער, וועלכער האָט פשוט ניט געקענט פערטראָגען קיין ציוויל־קליידער. מיר ביידע האָבען איצט זיך געמוזט פערלאָזען אין גאַנצען אויף זיך אַליין.

די אוניווערזיטעט־שטודיען און וויסענשאַפטליכע אַרבייט האָבען אַוועקגענומען מיין גאַנצע צייט פאַר די נעקסטע פינף יאָהר. אַ סטודענט פון מאַטעמאַטישען פאַקולטעט האָט נאַטירליך זעהר פיעל צו טהאָן, אָבער מיינע פריהערדיגע שטודיען אין העכערער מאַטעמאַטיק האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט צו פערווענדען אַ טייל פון מיין צייט אויף געאָגראַפיע; און דערצו האָב איך אין סיביר ניט פערלאָרען די געוועהנהייט שווער צו אַרבייטען.

דער בעריכט פון מיין לעצטער עקספעדיציע איז געווען אין דרוק; אונטער דער צייט אָבער איז פאַר מיר ענטשטאַנען אַ ברייטער פראָבלעם. די רייזען וואָס איך האָב געמאַכט אין סיביר האָבען מיר איבערצייגט, אַז די בערג, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען געצייכענט אויף די לאַנדקאַרטען פון צפון־אַזיע, זיינען מייסטענס געווען פאַנטאַסטישע, און האָבען ניט געגעבען קיין שום בעגריף פון דער סטרוקטור פון לאַנד. די וואָס האָבען

געצייכענט די לאנדקארטען האבען גאר קיין אהנונג ניט געהאט פון די גרויסע לאנד־פלאכען, וועלכע זיינען אזא פראמינענטער צוג פון אזיע. אנשטאט זיי איז אין די טאפאגראפישע ביוראס אויסגעוואקסען א מאסע גרויסע בערג־קייטען, אזעלכע, ווי צום ביישפיעל, דער מזרח־טייל פון סטאנאוואי, וועלכע פלעגען געצייכענט ווערען אויף די לאנדקארטען ווי א שווארעצר ווארעם וואס קריכט צו מזרח, אין גענענזאץ צו די אנדרייטונגען און אפילו די צייכנונגען פון אזעלכע פארשער ווי ל. שווארטץ. די דאזיגע בערג־קייטען עקזיסטירען ניט אין דער ווירקליכקייט. די אנהויבען פון די טייכען, וועלכע פליסען צו דעם ארקטישען אקעאן אויף איין זייט, און צו דעם פאסיפישען אויף דער אנדערער, ליעגען דורכגעפלאכטען אויף דער אויבערפלעכע פון א ברייטער פלאטא (פלאכלאנד); זיי קומען ארויס פון דיזעלבע זומפען. אבער אין דער פאנטאזיע פון דעם אייראפעאישען טאפאגראף קומט אויס, אז די העכסטע בארג־קייטען מוזען לויפען פאזשע די הויפט וואסער־שטראמען, און די טאפאגראפען האבען דארטען אנגעצייכענט די העכסטע אלפען, פון וועלכע עס איז אין דער ווירקליכקייט קיין שפור ניטא. א סך אזעלכע פאנטאזיע־בערג זיינען געשאפען געווארען דורכצוקרייצען די לאנדקארטען פון צפון־אזיע אין אלע ריכטונגען.

ענטדעקען די ריכטיגע לייטענדע פרינציפען פון דער פונאנדערטיילונג פון די בערג אין אזיע — די הארמאניע פון בערג־פארמירונג — איז דאן פאר מיר געווארען א פראגע, וואס האט יאהרען לאנג פערנומען מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט. א היבשע צייט האבען מיר געשטערט אין מיינע פארשונגען די אלטע לאנדקארטען, און נאך מעהר די גענעראליזאציעס פון אלעקסאנדער פאן הומבאלדט, וועלכער, נאך א לאנגען שטודירען די כינעזישע קוועלען, האט בעדעקט אזיע מיט א נעץ־געוועב פון בערג, וואס לויפען איבער די מערידיאנען און פאראלעלען (ברייט־ און לענג־גראדען, אין וועלכע די ערד ווערט געאגראפיש איינגעטיילט. — איב.), ביז וואנען איך האב ענדליך איינגעזעהן, אז אפילו הומבאלדט'ס גענעראליזאציעס, ווי אנרעגענד זיי זיינען ניט געווען, שטימען ניט איין מיט די פאקטען.

אנהויבענדיג אלזא גאר פון אנהויב, אויף א ריינעם אינדוקטיווען וועג, האב איך צונויפגענומען אלע באראמעטרישע בעאבאכטונגען פון פריהערדיגע רייזענדער, און האב אויסגערעכענט נאך זיי הונדערטע ברייט־ליניען; איך האב אנגעצייכענט אויף א גרויסער מאפע אלע געאלאגישע און פיזישע בעאבאכטונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון פערשיידענע רייזענדער — די פאקטען, ניט די היפאטעזען — און האב פרובירט אויסגעפינען וואסערע סטרוקטור־ליניען וועלען אמבעסטען שטימען מיט

די בעאבאכטעטע ווירקליכקייטען. די דאָזיגע צוגרייטונגס־ארבייט האָט מיר גענומען מעהר ווי צוויי יאָהר; און דערנאָך האָבען געפאָלגט מאָנאַטען פון אָנגעשטרענגטען דענקען, כדי אויסצוגעפינען די בעדייטונג פון דעם פערפלאָנטערטען כאָאָס פון צואוואָרפענע בעאָבאכטונגען, ביז אין איין שעהנעם טאָג, גאַנץ פּלוצלינג, איז דאָס אלעס געוואָרען קלאָר און בעגרייפליך, אזוי ווי עס וואָלט בעלויכטען געוואָרען פון א שטראָם ליכט. די הויפּט סטרוקטור־ליניען פון אזיע זיינען נ י ט פון צפון צו דרום, אָדער פון מערב צו מזרח; זיי זיינען פון דרום־מערב צו צפון־מזרח — פונקט ווי אין די „פעלזען־בערג“ (ראָקי מאָונטיינס) און פלאכלענדער פון אמעריקא, זיינען די ליניען פון צפון־מערב צו דרום־מזרח; און נאָר סעקאָנדערע (וועניגער וויכטיגע) בערג־קייטען שיסען ארויס אין צפון־מערב. נאָכמעהר, די בערג אין אזיע זיינען ניט קיין קופּה'ס זעלבסט־שטענדיגע בערג־קייטען, ווי די אלפּען, נאָר זיי געהערען צו אַן אונגעהייער־רען פלאכלאנד — אַן אלטען קאָנטינענט (וועלט־טייל), וועלכער האָט זיך אמאָל געצויגען צום בעהרינג סטרייט. הויכע ברעגיגע בערג־קייטען האָבען זיך געטהורעמט ביי זיינע ראַנדען, און אין דעם לויף פון דער צייט האָבען זיך, פון די שפּעטערדיגע אָבזעצונגען, פאָרמירט ערד־וואַלען, וואָס האָבען ארויסגעשטארטשעט פון ים, און האָבען אויף אזא אופן פערגרע־סערט פון ביידע זייטען די ברייט פון דעם פּרימיטיווען רוקען־ביין פון אזיען.

וועניג פריידען אין דעם מענשליכען לעבען קענען זיך פערגלייכען צו דער פרייד, וואָס מען פיהלט בעת עס ווערט פּלוצלינג געבאָרען א גענעראַ־ליזאציע, וועלכע בעלייכט דעם גייסט נאָך א לאַנגער פעריאָדע פון געדולד־זאמען פאָרשען. וואָס עס האָט יאָהרען־לאַנג אויסגעזעהן אזוי כאָאָטיש, אזוי ווידערשפּרעכליך און אזוי פּראָבלעמאטיש, פערנעהמט גלייך זיין ריכטיגען פּלאַץ אין איין הארמאָנישעס גאַנצעס. פון דעם ווילדען פּלאָנטער פון פאקטען און הינטער דעם נעבעל פון השערות — וואָס ווערען בעשטרי־טען אזוי געשווינד ווי זיי ווערען געבאָרען — בעווייזט זיך א הערליך בילד, וואָס שפּרינגט ארויס ווי אַן אלפּען־קייט אין איהר פולער פּראַכט פון דעם טומאַן, וואָס האָט איהר א מינוט פריהער פערשטעלט, גלאַנצענ־דיג אונטער די שטראַהלען פון דער זון אין איהר גאַנצער איינפאכקייט און פערשיידענקייט, אין איהר גאַנצער מעכטיגקייט און שעהנקייט. און ווען די גענעראליזאציע ווערט געשטעלט צו פּראָבע, אָנווענדענדיג איהר אויף הונדערטער אָבגעזונדערטע פאקטען, וואָס האָבען מיט א מינוט פריהער אויסגעזעהן אזוי האָפנונגסלאָז ווידערשפּרעכליך, פערנעהמט יעדער איינער פון די פאקטען זיין ריכטיגע פּאָזיציע, פערגרעסערענדיג די איינדרוקספול־

קייט פון דעם בילד, בעטאָנענדיג מאַנכע כאַראַקטעריסטישע שטריכען, אָדער צוגעבענדיג אַ ניט־בעמערקטע איינצעלהייט, וואָס איז פול פון בעדייטונג. די גענעראַליזאַציע געווינט אין קראַפט און אין גרויסקייט; איהר פונדאַמענט ווערט ברייטער און פעסטער; בעת פון דער ווייטענס, דורך דעם ווייטען נעבעל אויפ'ן האָריזאָנט, ענטדעקט דאָס אויג די שטריכען פון נייע און נאָך ברייטערע גענעראַליזאַציעס.

דער וואָס האָט איינמאָל אין זיין לעבען פערזוכט דעם דאָזיגען גענוס פון וויסענשאַפטליכער שאַפונג, וועט עס קיינמאָל ניט פערגעסען; ער וועט גאַרען נאָכאַמאָל דאָס דורכצולעבען; און ער וועט זיך מוזען פיהלען געוועהטאָגט, וואָס דער דאָזיגער סאָרט גליק פאַלט אויס אויפ'ן גורל פון אַזוי ווייניג פון אונז, בעת אַזוי פיעל מענשען וואָלטען דאָס געקענט דורכלעבען — אויף אַ קלענערען אָדער גרעסערען מאַסשטאַב — ווען די וויסענשאַפטליכע מעטאָדען וואָלטען ניט געווען דער חלק פון בלויז אַ הייפעל מענשען.

אָט די אַרבייט בעטראַכט איך פאַר מיין הויפּט־בייטראַג צו דער וויסענשאַפט. מיין ערשטע אַבזיכט איז געווען צו שאַפען אַ גרויס ווערק, אין וועלכען די נייע אידעען מכח די בערג און פלאַכלענדער פון צפון־אַזיע זאָלען אונטערשטיצט ווערען דורך אַ גענויע אונטערזוכונג פון יעדען געגענד בעזונדער; אָבער אין 1873, ווען איך האָב געזעהן, אַז איך וועל אין גיכען ווערען אַרעסטירט, האָב איך נור פּערפערטיגט אַ מאַפּע, וועלכע האָט ענטהאַלטען מיינע אַנזיכטען און האָב אָנגעשריבען אַן ערקלערונגס־אַרטיקעל. ביידע זיינען פערעפענטליכט געוואָרען פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, אונטער דער אויפזיכט פון מיין ברודער, בעת איך בין שוין געזעסען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. פּעטערמאַן, וועלכער האָט דעמאָלט צוגעגרייט אַ מאַפּע פון אַזיע, און האָט געוואוסט פון מיין איינלייטונגס־ווערק, האָט אָנגענומען מיין פּלאַן פאַר זיין מאַפּע, און זייט דאַן איז זי אָנערקענט פון די מייסטע צוזאַמענשטעלער פון לאַנדקאַרטען. די לאַנדקאַרטע פון אַזיע, ווי עס ווערט איצט פערשטאַנען, ערקלערט, גלויב איך, די הויפּט פיזישע כאַראַקטער־שטריכען פון דעם גרויסען קאָנטינענט, ווי אויך די איינטיילונג פון זיינע קלימאַטען, זיין פאונאַ און פלאָראַ (טהיער־ און פלאַנצען־לעבען), און אפילו זיין געשיכטע. זי ענטפּלעקט אויך, ווי איך האָב עס געקענט זעהן אין דער צייט פון מיין לעצטער רייזע אין אַמעריקאַ, שטאַרקע עהנליכקייטען צווישען דער סטרוקטור און דעם געאָלאָגישען וואַקסען פון די צוויי קאָנטינענטען פון דעם צפונ'דיגען האַלב־רונד פון דער ערד. זעהר ווייניגע לאַנדקאַרטען־צייכנער וואָלטען איצט געקענט זאָגען פון וואַנען עס קומען אָט די אַלע ענדערונגען אויף דער מאַפּע

פון אזיע; אָבער עס איז גלייכער, אַז נייע אידעען זאָלען זיך דורכשלאָגען זייער וועג אין דער וויסענשאַפט, אונאַבהענגיג פון וועלכען עס איז נאָמען, וואָס איז מיט זיי פערבונדען. דאָס מאַכט לייכטער אויסצובעסערען די פעהלערען, וואָס זיינען אונפערמיידליך ביי אַן ערשטער גענעראַליזאַציע.

II

אין דער זעלבער צייט האָב איך זעהר פיעל געאַרבייט פאַר דער רוסי־שער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, אַלס סעקרעטער פאַר דער סעקציע פון פיזישער־געאָגראַפיע.

מען האָט זיך דעמאָלט זעהר אינטערעסירט אין דער אויספאָרשונג פון טורקעסטאַן און די פאַמירס. סיעווערטצאָף איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון זיין רייזע, וואָס האָט געדויערט עטליכע יאָהר. אַ גרויסער זאָאָלאָג, אַ בעגאַבטער געאָגראַף און איינער פון די העכסט אינטעליגענטע מענער, וואָס איך האָב ווען בעגעגענט, האָט ער, אַזוי ווי פיעלע אַנדערע רוסען, פיינט געהאַט דאָס שרייבען. ווען ער האָט איבערגעגעבען מינדליך זיינע ערפאַהרונגען, האָט מען ביי איהם ניט געקענט פועל'ן ער זאָל עטוואָס אָנשרייבען, אחוץ איבערקוקען די בעריכטען פון זיין רעדע. פון אַלעס, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אונטער זיין נאָמען קען מען אַלזאָ נאָך וויית ניט אורטיילען איבער דעם אמת'ן ווערטה פון די בעאָבאַכטונגען און גענע־ראַליזאַציעס, וואָס ער האָט געמאַכט. ליידער איז דער דאָזיגער ניט וועלען פערשרייבען אויף פאַפיר די רעזולטאַטען פון דענקען און בעאָבאַכטונגען, ניט קיין אויסערגעוועהנליכע זאַך אין רוסלאַנד. די בעמערקונגען וואָס איך האָב פון איהם געהערט איבער דער אָראָגראַפיע (בערג־בעשרייבונג) פון טורקעסטאַן, וועגען דער געאָגראַפישער איינטיילונג פון פלאַנצען און טהיערע, און איבערהויפּט וועגען דער ראָלע וואָס די היברידען (די געבאָ־רענע פון געמישטע פאָרען) האָבען געשפּיעלט אין דעם ארויסברענגען פון פערשיידענע מינים פויגלען און דער גלייכען, ווי אויך זיינע בעמערקונגען וועגען דער וויכטיגקייט פון געגענזייטיגער הילף פאַר דער פראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון די מינים, וואָס איך האָב געטראָפען בלויז אָנגעדייטעט אין אַ פאָר שורות פון אַ בעריכט אויף אַ פערזאַמלונג, האָבען געטראָגען דעם שטעמפּעל פון מעהר איידער געוועהנליכען טאַלאַנט און אָריגינאַלי־טעט; ער האָט אָבער ניט פערמאָגט די פלייסיגע קראַפט פון דאַרלעגונג אין אַ פאַסיגער שעהנער פאָרם, וועלכע וואָלט איהם געמאַכט פאַר איינעם פון די פראָמינענטסטע וויסענשאַפטס־מענער פון אונזער צייט.

מיקלוכא מאקליי, וועלכער איז וואויל בעקאנט אין אויסטראליע, וואו ער איז געווארען א תושב אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען, האט געהערט צו דעם זעלבען זארט מענשען — מענשען, וואס האבען געהאט אזוי פיעל מעהר צו זאגען איידער דאס וואס זיי האבען געלאזען נאך זיך געדרוקטעס. ער איז געווען א קליין־געוויקסיגער, נערוועזער מענש, האט שטענדיג געליטען פון מאלאריא־פיבער, און איז נאר־וואס געווען געקומען פון די ברעגעס פון רויטען ים, ווען איך האב זיך מיט איהם בעקאנט. זייענדיג א נאכפאלגער פון העקעל, האט ער זיך זעהר פיעל בעשעפטיגט מיט די ים־אינווערטעבראטען (ברואים וואס האבען ניט קיין חוט־השדרה) אין דער נאטירליכער סביבה וואו זיי לעבען. די געאגראפישע געזעלשאפט האט שפעטער אויסגעווירקט, ער זאל אויפגענומען ווערען אויף א רוסי־שער קריעגס־שיף, וואס איז געגאנגען אין אן אונבעקאנטען טייל פון די ברעגעס ניי־גווינעא, וואו ער האט געוואלט שטודירען די גאנץ פרימיטיווע ווילדע. אין דער געזעלשאפט פון איין־איינציגען מאטראז האט מען איהם דארטען איבערגעלאזט אויף דעם אונפריינדליכען ברעג, וואו די איינגע־בארענע זיינען געווען בעקאנט אלס שרעקליכע קאניבאלען (מענשען־פרעסער). מען האט אויסגעבויט א פעלד־הייזעל, ניט ווייט פון א דערפעל, פאר די צוויי „קרוזאס", און זיי האבען דארטען אבגעלעבט אכטצעהן מאנאטען אדער מעהר אין די פריינדליכסטע בעציהונגען מיט די איינגע־בארענע. אלעמאל זיין אויפריכטיג מיט די איינגעבארענע און זיי קיינ־מאל ניט אבנארען — אפילו ניט אין די אונוויכטיגסטע קלייניגקייטען, אפילו ניט צוליעב וויסענשאפטליכע צוועקען — איז ביי איהם געווען א פונקט, וואס ער האט אבגעהיט הייליג. ווען ער האט א צייט שפעטער ארומגערייזט אויף דעם מאלאישען ארכיפעלאגא, האט ער מיט זיך געהאט אן איינגעבארענעם, וועלכער איז אריינגעטראטען אין זיין דיענסט מיט דער אויסדריקליכער בעדינגונג, ער זאל איהם קיינמאל ניט פאטאגראפי־רען. ווי עס איז בעקאנט, דענקען די איינגעבארענע, אז מען נעהמט עפעס ארויס פון זיי ווען זייער בילד ווערט ארונטערגענומען אויף א פאטא־גראפיע. מאקליי, וועלכער האט געזאמעלט אנטראפאלאגישע מאטעריאלען, האט זיך מודה געווען, אז איין טאג, ווען דער ווילדער האט געשמאק געשלאפען, האט ער געהאט בייצושטעהן א שווערען נסיון; ער האט שטארק חשק געהאט איהם צו פאטאגראפירען, דערהויפט ווייל ער איז געווען אן עכטער טיפ פון זיין שטאם, און ער וואלט קיינמאל ניט געוואוסט אז מען האט איהם פאטאגראפירט. אבער מאקליי האט געדענקט דעם אבמאך און ער האט עס ניט געטהאן. ווען מאקליי האט פערלאזען ניי־גווינעא האט ער די איינגעבארענע געמוזט צוזאגען, אז ער וועט אמאל

צוריקקומען, און עטליכע יאָהר שפּעטער, אָבוואויל ער איז געווען שטארק קראנק, האָט ער געהאַלטען וואָרט און זיך צוריקגעקעהרט. דער דאָזיגער מערקווירדיגער מענש האָט אָבער פערעפענטליכט ניט מעהר ווי א גאנץ קליינינקען טייל פון דיווירקליך אונשעצבארע בעאָבאכטונגען וואָס ער האָט געמאכט.

פּעדטשענקאָ, וועלכער האָט געמאכט ווייטע רייזען און זאָאָלאָגישע בעאָבאכטונגען אין טורקעסטאַן — אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי, אָלגאַ פּעדטשענקאָ, אויך א נאטורפאָרשערין — איז געווען, ווי מיר פלעגען זאָגען, א „מערב־אייראָפּעער“. ער האָט שווער געהאָרעוועט ארויס־צוברענגען אין אַן אויסגעארבייטער פאָרם די רעזולטאַטען פון זיינע בעאָב־אכטונגען; צום בעדויערען אָבער איז ער גע׳הרג׳עט געוואָרען ארויפקלע־טערענדיג א בארג אין דער שווייץ. אין עכטען ברען פון יוגענדליכען פייער נאָך זיינע רייזען אין טורקעסטאַן, און מיט א פולען פערטרויען אין זיין אייגענער קראַפט, האָט ער זיך אונטערנומען ארויפצושטייגען דעם בארג אָהן א ריכטיגען פיהרער און איז אומגעקומען אין א שנעע־שטורעם. גליקליכערווייזע האָט זיין פרוי פערענדיגט די פערעפענטליכונג פון זיינע „רייזען“ נאָך זיין טויט, און איך גלויב אַז זי האָט איצט א זוהן, וועלכער זעצט פאָרט די ארבייט פון זיין פאָטער.

איך האָב אויך אָפט געזעהן פּשעוואַלסקי׳ן. ער איז געווען א ליידענ־שאַפטליכער יעגער, און דער ענטהוזיאזם מיט וועלכען ער האָט געמאכט זיינע אויספאָרשונגען פון צענטראַל־אזיע, איז געווען כמעט אזוי פיעל דער רעזולטאַט פון זיין חשק צו מאכען געיעג אויף אַלערליי ווילדע חיות — ווילדע בעק, ווילדע קעמלען, ווילדע פערד און אזוי ווייטער — ווי צו ענט־דעקען נייע לענדער, צו וועלכע עס איז שווער צוצוקומען. ווען מען האָט ביי איהם געפּועל׳ט ער זאָל רעדען פון זיינע ענטדעקונגען, פלעגט ער זעהר גיך איבערשלאָגען זיין בעשיידענע בעשרייבונג מיט אַן ענטהוזיאסטישען אויסרוף: „אָבער וואָס פאַר א ווילדע חיות דאָרט זיינען דאָ! וואָס פאַר א יאגד!....“ און ער פלעגט ליידענשאַפטליך דערצעהלען ווי ער איז געקראָכען אויף אַלע פיער א געוויסע שטרעקע, כדי צו קענען דערגרייכען מיט׳ן שאָס פון זיין ביקס א ווילדען פערד. אזוי געשווינד ווי ער פלעגט אָנקומען צוריק אין פּעטערבורג, האָט ער שוין געפּלאַנעוועט א נייע עקס־פּעדיציע, און קאַרגענדיג און שפּאָרענדיג זיין גאַנצעס געלד, האָט ער צו־ליעב דעם צוועק געזוכט צו פערגרעסערען זיין פערמעגען שפּיעלענדיג אויף דער בערזע. מיט זיין שטאַרקען קערפּער־געבוי און זיין קענען פערטראָגען דאָס רויהע לעבען פון א בארג־יעגער, איז ער געווען דער עכטער טיפּ פון א רייזענדער. ער האָט זעהר ליעב געהאַט אזא לעבען. אויף זיין ערשטער

רייזע האָט ער מיט זיך געהאַט ניט מעהר ווי דריי חברים, און ער האָט זיך שטענדיג גוט פערהאַלטען מיט די איינגעבאָרענע. אָבער, אזוי ווי זיינע וויטערדיגע עקספּעדיציעס האָבען אָנגענומען אַ מעהר מיליטערישען כאַראַקטער, האָט ער, צום בעדויערען, אָנגעהויבען זיך מעהר צו פערלאָזען אויף דער קראַפט פון זיינע בעוואַפענטע בעגלייטער, איידער אויף דעם פריע־ליכען פערקעהר מיט די איינגעבאָרענע, און איך האָב געהערט זאָגענדיג פון די, וואָס זיינען געוועזען גוט אינפאָרמירט, אז ווען ער וואָלט ניט געשטאָרבען באַלד אין אָנפאַנג פון זיין טיבעט־עקספּעדיציע — וועלכע איז אַזוי וואונדערליך און פריעדליך געפיהרט געוואָרען נאָך זיין טויט פון זיינע חברים, פּ־עווצאָף, ראָבאָראָווסקי און קאָזלאָף — וואָלט ער וואהרשיינליך קיין לעבעדיגער יעדענפאַלס צוריק ניט געקומען.

אין יענער צייט איז אין דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע טהעטיגקייט, און עס זיינען געוועזען אַ סך געאָגראַפישע פראַגען, אין וועלכע אונזער סעקציע, און פאָלגליך אויך איהר סעקרעטער, האָט גענומען אַ לעבהאַפטע אינטערעסע. די מייסטע פראַגען זיינען געוועזען פון אַזאַ טעכנישען כאַראַקטער, וואָס דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיי צו דערמאָנען, איך מוז אָבער אָנדייטען אויף דער ערוואַכונג פון אינטערעסע אין נאַוויגאַציע, פיש־פאַנג און האַנדעל אין דער רוסישען טייל פון ארקטישען אָקעאַן, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע יאָהרען. אַ סיבירישער סוחר און גאָלד־גרעבער, סידאָראָף, האָט געמאַכט די האַרטנעקיגסטע אָנשטרענגונגען ארויסצורופען די דאָזיגע אינטערעסע. ער האָט פאָראַויסגעזעהן, אַז מיט אַ קליין ביסעל הילף, אַ שטייגער עפענען מאַרין־שולען, אויספאָרשען דעם ווייסען מעער און דער גלייכען, וואָלט מען זעהר פיעל געקענט העלפען דער ענטוויקלונג פון דעם רוסייטען פיש־פאַנג און דער רוסישער נאַוויגאַציע. ליידער אָבער האָט אָט דאָס ביסעל געדאַרפט געטהאָן ווערען דורך פּעטערבורג, און די הערשענדע קרעפטען פון דער דאָזיגער הויפּליכער, ביוראָקראַטישער, ליטעראַרישער, אַרטיסטישער און קאָסמאָפּאָליטישער שטאָדט, האָבען זיך בשום אופן ניט געלאָזט פעראינטערעסירען אין עטוואָס „פראָווינציעלעס“. דער אָרעמער סידאָראָף איז איינפאַך אויסגעלאַכט געוואָרען פאַר זיינע אָנשטרענגונגען. די אינטערעסע אין אונזער ווייטען צפון האָט געמוזט אַרויפגעצוואונגען ווערען אויף דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט פון אויסלאַנד.

אין די יאָהרען 1869—71 האָבען די דרייסטע נאָרוועגישע ים־הינדפאַנגער גאַנץ אונערוואַרטעט געעפענט דעם קאַראַ ים פאַר נאַוויגאַציע. צו אונזער גרויסען ערשטוינען האָבען מיר איין שעהנעם טאָג ערפאַהרען אין אונזער געזעלשאַפט, אַז אַ צאָהל נאָרוועגישע שקונערס (קליינע צוויי־

מאַסטיגע שיפלעך) זיינען אריינגעפאָהרען אין דעם ים, וואָס ליעגט צווישען דעם אינזעל נאָוואַיאַ־זעמליאַ און דעם סיבירישען ברעג, וועלכען מיר פלעגען מיט זיכערהייט בעשרייבען אין אונזערע דאָקומענטען אלס „אַן אייז־קעלער, וואָס איז שטענדיג אָנגעפּאַקט מיט אייז". אפילו דער פּלאַץ, וואו דער בעריהמטער האָלענדער, באַרענץ, האָט איבערגעווינטערט, וועלכער, ווי מיר האָבען גערעכענט, איז אויף אייביג בעהאַלטען פון מענשליכע אויגען דורך די הונדערט־יאָהריגע אייז־פעלדער, איז אויך בעזוכט געוואָרען פון די דרייסטע נאָרוועגער.

„אויסערגעוועהנליכע סעזאָנען און אַן אויסערגעוועהנליך גינסטיגער צושטאַנד פון דעם אייז", — האָבען ערקלערט אונזערע עלטערע ים־פאָהרער. אָבער פאר א קליינער צאָהל פון אונז איז געווען קלאָר, אַז די נאָרוועגישע יעגער, וועלכע פיהלען זיך גאַנץ היימיש צווישען דעם אייז, האָבען מיט זייערע קליינע שיפלעך און א קליינער צאָהל מענשען געהאַט דעם מוטה דורכצושניידען דעם שווימענדען אייז, וועלכער פערשפּאַרט געוועהנליך דעם וועג צום קאַראַ ים, בעת די קאָמאַנדירען פון די רעגיערונגס־שיפען, געשטערט דורך די פעראַנטוואָרליכקייטען פון מאַרין־דיענסט, האָבען דאָס קיינמאָל ניט ריזיקירט.

אַן אַלגעמיינע אינטערעסע אין ארקטישע פאָרשונגען איז אויפגעוועקט געוואָרען דורך די דאָזיגע ענטדעקונגען. דאָס זיינען, טהאַטזעכליך, געווען די ים־הינד־פאַנגער, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען א נייע פעריאָדע פון ארקטישען ענטהוזיאַזם, וועלכער האָט זיך אויסגעלאָזט מיט נאָרדענס־קיאָלד'ס ארומזעגלען ארום אזיע, מיט דעם איינפיהרען א שטענדיגען צפון־מזרח דורכגאַנג צו סיביר, פּיערי'ס ענטדעקונג פון צפון־גרענלאַנד, און מיט נאַנסען'ס „פראַם"־עקספּעדיציע. אונזער רוסישע געאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט זיך אויך אָנגעהויבען בעוועגען, און א קאָמיטעט איז בעשטימט געוואָרען אויסצואַרבייטען דעם פּלאַן פאר א רוסישער ארקטישער עקספּעדיציע און אָנצוצייגען די וויסענשאַפטליכע ארבייטען, וועלכע וואָלטען דורך דעם געקענט אויפגעטהאָן ווערען. ספּעציאַליסטען האָבען זיך אונטערגענומען צו שרייבען די ספּעציעלע קאַפּיטלען פון דעם רעפּאָרט; אָבער, ווי עס פּאַסירט אָפט, זיינען נור אייניגע קאַפּיטלען — וועגען באָטאַניק, געאָלאָגיע און מעטעאָראָלאָגיע — געווען פאַרטיג אין צייט, און די איבעריגע האָט דער סעקרעטער פון קאָמיטעט — ד. ה. איך אַליין — געמוזט אָנשרייבען. מעהרערע ענינים, אזוי ווי ים־זאָאָלאָגיע, עבע און פלוט, פּערפּענדיקולערע בעאָבאַכטונגען און ערדליכער מאַגנעטיזם, זיינען געווען גאַנץ ניי פאר מיר; אָבער קיינער קען זיך ניט פאָרשטעלען, וואָס פאר א מאַסע ארבייט א געזונדער מענש קען אויפטהאָן אין א קור־

צער צייט, ווען ער שטרענגט נאָר אָן אַלע זיינע כחות און גערט גלייך צום עיקר פון ענין — און אַזוי איז מיין רעפּאָרט געווען פאַרטיג.

איך האָב געשלאָסען דעם רעפּאָרט מיט אַ פאָדערונג פאַר אַ גרויסער אַרקטישער עקספּעדיציע, וועלכע זאָל אויפוועקען אין רוסלאַנד אַ שטענדיגע אינטערעסע אין אַרקטישע פראַגען און אין אַן אַרקטישער נאַוויגאַציע, און דערוויילע זאָל מען שיקען אַ מרגלים־עקספּעדיציע אויף אַ שקונער, וואָס מען זאָל דינגען אין נאָרוועגען צוזאַמען מיט'ן קאַפּיטאַן, וועלכע זאָל געהן צו צפון אָדער צפון־מזרח פון נאָוואַיאַ־זעמליאַ. די דאָזיגע עקספּעדיציע, האָבען מיר פאָרגעשלאָגען, זאָל אויך פּרובירען דערגרייכען, אָדער ווייניגסטענס אָנמערקען, אַן אונבעקאַנט לאַנד, וואָס מוז זיך געפינען ניט גאַנץ ווייט פון נאָוואַיאַ־זעמליאַ. די וואַהרשיינליכע עקזיסטענץ פון אַזאַ לאַנד, איז אָנגעצייגט געוואָרען פון אַן אָפיציר פון דער רוסישער פלאָטע, באַראָן שילינג, אין אַן אויסגעצייכענטען אָבער ווייניג בעקאַנטען אַרטיקעל וועגען די שטראָמען אין אַרקטישען אָקעאַן. ווען איך האָב געלייענט דעם אַרטיקעל, ווי אויך ליטקע'ס „אַ רייזע נאָך נאָוואַיאַ־זעמליאַ", און האָב זיך בעקענט מיט די אַלגעמיינע אומשטענדען פון יענעם טייל פון אַרקטישען אָקעאַן, האָב איך באַלד איינגעזעהן, אַז די השערה מוז זיין אַ ריכטיגע. אין צפון־מערב פון נאָוואַיאַ זעמליאַ מוז זיך געפינען אַ לאַנד, און זי מוז גרייכען אַ העכערען ברייט־גראַד ווי שפּיצבערגען. די פעסטע פּאָזיציע פון דעם אייז אין מערב־זייט פון נאָוואַיאַ זעמליאַ, די בלאָטע און שטיינער וואָס האָבען זיך אויף איהם געפונען און אַנדערע קלענערע צייכענס, האָבען די השערה בעשטעטיגט. אחוץ דעם, אויב אַזאַ לאַנד זאָל זיך דאָרט ניט געפינען, דאַן וואָלט דער אייז־שטראָם, וואָס פליסט מערב־צו פון דעם מערידיאַן פון „בעהרינג סטרייט" צו גרענלאַנד (דער שטראָם וואָס האָט געטריבען נאַנסען'ס „פראַם"), ווי באַראָן שילינג האָט ריכטיג בעמערקט, דערגרייכט דעם „נאָרה־קייפּ" (לאַנד־שפּיץ) און בעדעקט די ברעגען פון לאַפּאָניאַ מיט מאַסען אייז, פּונקט ווי ער דעקט־צו דעם וויטסטען צפון־ברעג פון גרענלאַנד. דער וואַרעמער שטראָם אליין — אַ שוואַכע פאָרטזעצונג פון גאָלף־שטראָם — וואָלט ניט געקענט שטערען דער אָנזאַמלונג פון אייז אויף די ברעגעס פון צפון־אייראָפּאַ. דאָס דאָזיגע לאַנד, ווי בעקאַנט, איז שפּעטער ענטדעקט געוואָרען פון אַן עסטרייכישער עקספּעדיציע, און האָט געקראָגען דעם נאָמען „פראַנץ־יאָזעף־לאַנד".

דער אַרקטיש'ער בעריכט האָט פאַר מיר געהאַט אַ גאַנץ אונערוואַרטעטען רעזולטאַט. מען האָט מיר פאָרגעשלאָגען אָנצונעהמען די פיהרערשאַפט פון דער מרגלים־עקספּעדיציע אויף אַ נאָרוועגישען שקונער, וואָס

און דער קאָנטראַסט פון דעם קלימאַט! מיט צוויי טעג צוריק האָב איך איבערגעלאָזט פּעטערבורג בעדעקט מיט אַ געדיכטען שנעע, און איצט, אין מיטען דייטשלאַנד, בין איך אַרומגעגאַנגען אָהן אַ מאַנטעל איבער דער פּלאַטפאָרמע פון וואָקזאַל, אין וואַרעמען זון־שיין, בעוואונדע־רענדיג די בליהענדע בלומען. דאַן איז געקומען דער רהיין, און דערנאָך די שווייץ, זיך באָדענדיג אין די שטראַהלען פון אַ ליכטיגער זון, מיט איהרע קליינע זויבערע האָטעלען, וואו פריהשטיק ווערט סערווירט אין דרויסען, פאַר דעם אָנבליק פון די שנעע־בעדעקטע בערג. איך האָב קיינ־מאָל פריהער אַזוי שטאַרק ניט בעגריפען די בעדייטונג פון דער רוסישער צפון־לאַגע, און ווי אַזוי די געשיכטע פון דער רוסישער נאַציאָן איז בע־איינפלוסט געוואָרען פון דעם פאַקט, וואָס די הויפּט־צענטערס פון איהר לעבען האָבען זיך געמוזט ענטוויקלען אין הויכע ברייט־גראַדען, אַזוי ווייט אין צפון ווי די ברעגען פון דעם גאָלף פון פינלאַנד. ערשט דעמאָלט האָב איך ריכטיג פערשטאַנען די אונקאָנטראָלירבאַרע צוציהונג וואָס די דרום־לענדער האָבען אויסגעאיבט אויף די רוסען, די געוואַלדיגע אָנשטרענגונ־גען וואָס זיי האָבען געמאַכט צו דערגרייכען דעם שוואַרצען מעער, און דאָס שטענדיגע דרענגען זיך פון די סיבירישע קאָלאָניסטען דרום־צו, טיעפער אין מאַנטשוריע.

צו יענער צייט איז ציריך געווען פול מיט רוסישע סטודענטען, מענער און פרויען. די בעריהמטע אָבערשטראַס, ניט ווייט פון פּאָליטעכניקום, איז געווען אַ ווינקעל פון רוסלאַנד, וואו די רוסישע שפּראַך האָט געהערשט איבער אַלע אַנדערע שפּראַכען. די סטודענטען האָבען דאָרט געלעבט ווי די מייסטע רוסישע שטודענטען לעבען, ספּעציעל די פרויען — דאָס הייסט, מיט זעהר ווענינ. טהעע מיט ברויט, אַביסעל מילך, אַ דין שטיקעל פלייש געקאָכט אויף אַ ספּירט־לאָמפּ, אין מיטען פון לעבהאַפטע דיסקוּ־סיאָנען מכח די לעצטע נייעסען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אָדער וועגען אַ נאַר־וואָס דורכגעלייענטען בוך, — דאָס איז געווען זייער געוועהנליכער מאָהלצייט. די וואָס האָבען געהאַט מעהר געלד וויפיעל עס איז נויטיג געווען פאַר אַזאַ אַרט לעבען, האָבען עס אָבגעגעבען פאַר דער „אַלגעמיינער זאַך“ — פאַר דער ביבליאָטעק, דער רוסישער צייטשריפט וואָס מען האָט זיך געקליבען אַרויסגעבען, אויף שטיצען די שווייצאַרישע אַרבייטער־צייטונגען. וואָס אָנבעלאַנגט זייער קליידונג, האָט אויף דיעזען געביעט געהערשט די שפּאָרזאַמסטע עקאָנאָמיע. פּושקין האָט אין אַ וואוויל־בעקאַנטען פערז געשריבען, „וואָס פאַר אַ הוט וועט דען ניט פּאַסען אַ זעכצעהן־יעהריגער מיידעל?“ עס האָט אויסגעוויזען ווי אונזערע מייד־

לעך אין ציריך וואָלטען מוטהיג צוגעוואָרפען די דאָזיגע פראַגע דער בעפעלקערונג פון דער אַלטער צווינגליאַנישער*) שטאָדט: „קען עס דען געבען אַן איינפאַכקייט אין קליידונג, וואָס זאָל ניט פּאַסען אַ מיידעל, ווען זי איז יונג, אינטעליגענט און פול מיט ענערגיע?“

ביי אַלעם דעם האָט די קליינע ריהרעוודיגע געמיינדע געאַרבייט שווערער, איידער וועלכע עס איז שטודענטען האָבען ווען עס איז געאַרבייט זינט אוניווערזיטעטען עקזיסטירען, און די ציריכער פּראָפעסאָרען זיינען קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען וויזענדיג אַלס אַ ביישפּיעל פאַר די מענער־סטודענטען דעם פּראָגרעס, וואָס די פרויען האָבען דער־גרייכט אין דער אוניווערזיטעט.

יאָהרען לאַנג האָב איך געגאַרט צו בעקענען זיך מיט אַלעם מעגליכע וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע. די רוסישע צייטונגען האָבען איהר דערמאָנט גאַנץ אָפט אין זייערע שפּאַלטען, עס איז זיי אָבער ניט געווען ערלויבט צו רעדען פון איהרע פּרינציפּען אָדער פון איהר טהעטיגקייט. איך האָב געפיהלט אַז דאָס מוז זיין אַ גרויסע בעוועגונג, רייך אין פאָלגען, איך האָב אָבער ניט געקענט בעגרייפען איהרע ציעלען און טענדענצען. איצט אַז איך בין געווען אין דער שווייץ, האָב איך בעשלאָסען צופריעדענצושטעלען מיין בעגעהר.

די אַסאָציאַציע איז דעמאָלט געווען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר ענטוויקלונג. גרויסע האָפענונגען זיינען אין די יאָהרען 48—1840 אויפגעוועקט געוואָרען אין די הערצער פון די אייראָפּעאישע אַרבייטער. ערשט איצט הויבען מיר אָן בעגרייפען וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע מאַסע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור עס איז פערשפּרייט געוואָרען אין יענע יאָה־רען פון די סאָציאַליסטען פון אַלע שולען, קריסטליכע סאָציאַליסטען, שטאַאַט־סאָציאַליסטען, פוריעריסטען, סען־סימאָניסטען, אָוועניסטען, און אזוי ווייטער. ערשט איצטער הויבען מיר אָן צו פערשטעהן די טיעפקייט פון יענער בעוועגונג, אויסגעפינענדיג וויפיעל פון דעם, וואָס אונזער היינטיגער דור בעטראַכט אַלס אַ פּראָדוקט פון היינטיגען דענקען, איז שוין געווען ענטוויקעלט און געזאָגט געוואָרען — אָפטמאָל מיט גרויס שאַרפ־זין — אין יענע יאָהרען. די רעפּובליקאַנער האָבען דעמאָלט אונטער דעם נאָמען „רעפּובליק“ פערשטאַנען אַ גאַנץ אַנדער זאַך ווי אַ דעמאָ־קראַטישע אָרגאַניזירונג פון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, וואָס גילט

---

*) אולריך צווינגלי, איז דער נאָמען פון אַ שווייצאַרישען רעפאָרמער, געבאָרען אין 1484. — איב.

היינט אונטער דעם נאָמען. ווען זיי האָבען גערעדט פון אַ „פעראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ“, האָבען זיי דערביי פערשטאַנען די ברודערשאַפט פון די אַרבייטער, די מלחמה כלי־זין פערוואַנדעלט אין געצייג, און די דאָזיגע געצייג בענוצט פון אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען — „דאָס אייזען צוריקגעקעהרט צו די אַרבייטער“, ווי פּיער דופּאָן האָט געזאָגט אין איינע פון זיינע ליעדער. זיי האָבען געמיינט גלייכהייט ניט נאָר בנוגע קרימינאַל־געזעצען און פּאָליטישע רעכטען, נאָר הויפּטזעכליך עקאָנאָמישע גלייכהייט. אפילו די נאַציאָנאַליסטען האָבען געזעהן אין זייערע טרוימען יונג־איטאַליען, יונג־גערמאַניען און יונג אונגאַרען, וואָס געהען בראָש פון אַ בעוועגונג פאַר ווייטגרייכענדע אַגראַרישע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען.

די מפלה פון דעם יוני אויפשטאַנד אין פּאַריז, פון די אונגאַרען דורך די אַרמעען פון ניקאָליי דעם ערשטען, און פון איטאַליען דורך די פראַנצויזען און עסטרייכער, און די מורא׳דיגע פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע רעאַקציע, וועלכע האָט געפאָלגט איבעראַל אין אייראָפּאַ, האָט אין גאַנצען פערניכטעט די דאָזיגע בעוועגונג. איהר ליטעראַטור, איהרע אויפטהואונגען, אפילו איהרע פּרינציפּען פון עקאָנאָמישער רעוואָלוציע און אוניווערזעלער ברידערליכקייט זיינען איינפאַך פערגעסען געוואָרען, פערלאָרען געגאַנגען אין די נעקסטע צוואַנציג יאָהר.

איין אידעע אָבער איז געבליבען לעבען — די אידעע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען ברודער־בונד פון אַלע אַרבייטער, וועלכע עטליכע פראַנצויזישע עמיגראַנטען האָבען פאָרטגעזעצט צו פּרעדיגען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען און די אַנהענגער פון ראָבערט אָווען האָבען געפּרעדיגט אין ענגלאַנד. די פערשטענדיגונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען אייניגע ענגלישע אַרבייטער און עטליכע פראַנצויזישע אַרבייטער־דעלעגאַטען צו דער לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין 1862, איז געוואָרען דער אָנפאַנגס־פּונקט פאַר אַ מעכטיגער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך גיך פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ און האָט אין זיך איינגעשלאָסען עטליכע מיליאָן אַרבייטער. די האָפנונגען, וועלכע האָבען צוואַנציג יאָהר געשלאָפען, האָבען ווידער אַמאָל אויפגעוואַכט, ווען די אַרבייטער זיינען גערופען געוואָרען צו פעראייניגען זיך, „אָהן אונטערשייד פון גלויבען, געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, ראַסע אָדער קאָליר“, צו פּראָקלאַמירען אַז „די בעפרייאונג פון די אַרבייטער מוז זיין זייער אייגענע אַרבייט“, און העלפען מיט דער געוויכט פון אַ שטאַרקער, פעראייניגטער, אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט — ניט אין דעם נאָמען פון ליעבע און וואוילטהעטיגקייט,

נאָר אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט, פון דער מאַכט וואָס געהערט צו אַ קערפּערשאַפּט פון מענשען, וועלכע בעוועגט זיך מיט אַ דורכגעדענקטען בעוואוסטזיין פון זייערע אייגענע ציעלען און שטרעבונגען.

צוויי סטרייקס אין פּאַריז, אין 1868 און אין 1869, מעהר אָדער וועניגער געשטיצט פון קליינע בייטרעגע, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון אויסלאַנד, דערהויפּט פון ענגלאַנד, ווי אונבעדייטענד די סטרייקס זיינען ניט געוועזען אַן־און־פאַר־זיך, — און די פערפאָלגונגען, וואָס די אימ־פּעריאַליסטישע רעגיערונג האָט אָנגעפיהרט געגען דער אינטערנאַציאָ־נאַלע, זיינען געוואָרען דער אורשפּרונג פון אַן אונגעהייערער בעוועגונג, אין וועלכער די סאָלידאַריטעט פון די אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, טראָץ די פיינדליכקייטען פון די שטאַאטען. די אידעע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פעראייניגונג פון אַלע פאַכען, און פון אַ קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל מיט דער הילף פון אינטערנאַציאָנאַלער שטיצע, האָט מיט זיך היגגעריסען די גלייכגילטיגסטע אונטער די אַרבייטער. די בעוועגונג האָט זיך פערשפּרייט ווי אַ ווילד־פייער אין פראַנקרייך, בעלגיען, איטאַליען און שפּאַניען, אַרויסברענגענדיג אין פאָדערגרונד אַ גרויסע צאָהל אינטעליגענטע, אַקטיווע און אונאַבהענגיגע אַרבייטער, און צוציהענדיג צו זיך מאַנכע ענטשלאָסענע בעסערע מענער און פרויען פון די פערמעגליכערע געבילדעטע קלאַסען. אַ קראַפט, פון וועלכער מען האָט פריהער קיין אַהנונג ניט געהאַט, איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אין אייראָפּאַ; און ווען די בעוועגונג וואָלט ניט אָבגעהאַלטען געוואָרען אין איהר וואַקסען דורך דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה, וואָלטען וואַהר־שיינליך פאָרגעקומען גרויסע פּאַסירונגען אין אייראָפּאַ, וועלכע וואָלטען גאַנץ גרינדליך אומגעענדערט דעם אויסזעהן פון אונזער ציוויליזאַציע, און וואָלטען בלי ספק פערשנעלערט דעם מענשליכען פּראָגרעס. אונגליק־ליכער־ווייזע האָט דער פערניכטענדער זיעג פון די דייטשען געשאַפען אוננאָרמאַלע צושטענדען אין אייראָפּאַ; פאַר אַ גאַנצען פערטעל יאָהר־הונדערט האָט ער אָבגעשטעלט די נאָרמאַלע ענטוויקלונג פון פראַנקרייך און האָט אַריינגעוואָרפען אייראָפּאַ אין אַ פעריאָדע פון מיליטאַריזם, אין וועלכער מיר לעבען נאָך היינטיגען טאָג.

אַלערליי האַלבע ענטפערען אויף דער גרויסער סאָציאַלער פראַגע האָבען אין יענער צייט צירקולירט אונטער די אַרבייטער — קאָאָפּעראַ־ציאָן, פּראָדוקטיווע אַסאָציאַציעס אונטערשטיצט פון שטאַאט, פאָלקס־באַנקען, פרייע קרעדיטען, און אַזוי ווייטער. יעדער פון די דאָזיגע ענט־פערען איז פאָרגעבראַכט געוואָרען אין די „סעקציעס“ פון דער אַסאָציאַ־

ציע, און דערנאָך פאַר די לאָקאַלע, ראַיאָנע, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, און זיינען אייפעריג דיסקוטירט געוואָרען. יעדער יעהרליכער קאָנגרעס פון דער אַסאָציאַציע האָט אָנגעצייכענט אַ נייעם שריט אין דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון אידעען בנוגע צו דעם גרויסען סאָציאַלען פּראָבלעם, וועלכער שטעהט פאַר אונזער דור און פאָדערט מען זאָל איהם פערענטפערען. די גרויסע צאָהל פערנינפטיגע זאַכען, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אויף די דאָזיגע קאָנגרעסען, און די טיעף איבערגעדענקטע, קאָרעקט וויסענשאַפטליכע אידעען, וועלכע האָבען צירקולירט — די רעזולטאַטען פון דעם „קאָלעקטיווען" דענקען פון די אַרבייטער — זיינען נאָך ביז אַהער קיינמאָל ניט גענוג אָבגעשעצט געוואָרען. עס וועט אָבער ניט זיין איבערטריבען ווען מיר וועלען זאָגען, אַז אַלע פּלענער פון סאָציאַלען איבערבוי, וועלכע געהען איצט אונטער דעם נאָמען פון „וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם" אָדער „אַנאַרכיזם" האָבען געהאַט זייער אורשפּרונג אין די דיסקוסיאָנען און בעריכטען פון די פערשיידענע קאָנגרעסען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע. די עטליכע געבילדעטע מענער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער בעוועגונג, האָבען ניט מעהר ווי צונויפגעשטעלט אין אַ טעאָרעטישער פאָרם די קריטיקען און בעשטרעבונגען, וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין די סעקציעס און שפּעטער אויף די קאָנגרעסען פון די אַרבייטער גופא.

די מלחמה פון 1870—71 האָט געשטערט די ענטוויקלונג פון דער אַסאָציאַציע, זי האָט איהר אָבער ניט אָבגעשטעלט. אין אַלע אינדוסטריעלע צענטרען פון דער שווייץ האָבען עקזיסטירט צאָהלרייכע און לעבהאַפטע סעקציעס פון'ם אינטערנאַציאָנאַל, און טויזענדע אַרבייטער פלעגען זיך צוזאַמענקומען אויף זייערע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע עס איז ערקלערט געוואָרען קריעג געגען דעם סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום אין לאַנד און פאַבריקען, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער נאָהענטער סוף פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. לאָקאַלע קאָנגרעסען זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד, און אויף יעדען פון די דאָזיגע צוזאַמענקונפטען זיינען די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען פון דער געגענוואַרטיגער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע דיסקוטירט געוואָרען מיט אַזאַ זאַכליכער פערשטענדניס און אַזאַ טיעפער אויפפאַסונג, אַז זיי האָבען פיעל מעהר בעאונרוהיגט די מיטעלקלאַסען איידער די גרויסע צאָהלען אָנהענגער, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די סעקציעס אָדער גרופּען פון אינטערנאַציאָנאַל. די קנאה און דער פאָראורטייל וואָס האָבען ביז אַהער עקזיסטירט צווישען די פּריווילעגירטע

פאכען (די זייגערמאכער און יואוועלירער) און די פּראָסטערע פאכען (וועבעריי, בויעריי, א. אז. וו.), און וועלכע האָבען פערהינדערט א געמיינשאפטליכע אקציאָן אין ארבייטס־שטרייטיגקייטען, האָבען געהאלטען אין פערשווינדען. די ארבייטער האָבען וואָס ווייטער אלץ מעהר בעטאָנט די בעהויפּטונג, אז די וויכטיגסטע פון אלע טיילונגען, וואָס עקזיסטירען אין דער מאָדערנער געזעלשאפט, איז די צוטיילונג צווישען די בעזיצער פון קאפּיטאל און די בעזיצלאָזע, וואָס קומען אויף דער וועלט אָהן א גראָשען געלד און זיינען פעראורטיילט צו פערבלייבען די פּראָדוצירער פון רייכטום פאר די עטליכע פּריווילעגירטע.

איטאליען, ספּעציעל מיטעל־ און צפון־איטאליען, איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט גרופּען און סעקציעס פון אינטערנאציאָנאל, און דאָרטען איז די איינהייט פון איטאליען, פאר וועלכער מען האָט אזוי לאנג געקעמפּפט ערקלערט געוואָרען אלס אילוזיע. די ארבייטער זיינען גערופען געוואָרען צו מאכען זייער אייגענער רעוואָלוציע — צו נעהמען דאָס לאנד פאר די פויערים און די פאבריקען פאר די ארבייטער אליין, און אָבשאפען די אונטערדריקענדע צענטראליזירטע אָרגאניזאציע פונ׳ם שטאאט, וועמעס היסטאָרישע מיסיאָן עס איז שטענדיג געוועזען צו בעשיצען און אויפצוהאלטען די עקספּלואטאציע פון מענשען דורך מענשען.

אין שפאניען האָבען עהנליכע אָרגאניזאציעס בעדעקט קאטאלאָניען, וואלענציא און אנדאלוזיא; זיי זיינען געוועזען געשטיצט און פעראייניגט מיט די מעכטיגע ארבייטער־יוניאָנס פון בארצעלאָנא, וועלכע האָבען שוין דאן געהאט איינגעפיהרט דעם אכט־שטונדען טאָג אין די בוי־פאכען. דער אינטערנאציאָנאל האָט אין שפאניען געהאט ניט וועניגער ווי אכציג טויזענד גוטאָרגאניזירטע מיטגליעדער; זי האָט אויך אריינגענומען אלע אקטיווע און דענקענדע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג; און דורך איהר ענטשיידענעם אָבזאָג צו האָבען וואָס צו טהאָן מיט די פּאָליטישע אינטריגען פון די יאָהרען 1871—72 האָט זי צו זיך שטארק צוגעצויגען די סימפּאטיע פון די מאסען. די פערהאנדלונגען אויף די פּראָווינציעלע און נאציאָנאלע קאָנגרעסען און די מאניפעסטען וואָס זיי האָבען ארויסגעגעבען, זיינען געוועזען מאָדעלען פון א שטרענג לאָגישער קריטיק אויף די עקזיסטירענדע צושטענדען און וואונדערבאר־קלאָרע דארלעגונגען פון די ארבייטערס׳ס אידעאלען.

אין בעלגיען, האָלאנד, און אפילו אין פּאָרטוגאל, האָט זיך דיזעלבע בעוועגונג געהאלטען אין פערשפּרייטען און זי האָט שוין געהאט אריינגעבראכט אין דער אַסאָציאציע די גרויסע מאסע און די בעסטע עלעמענטען פון די בעלגישע קויהלען־גרעבער און די וועבער. אין ענגלאנד האָבען זיך

די שטענדיג קאָנסערוואַטיווע טרייד־יוניאָנס אויף אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג, וועניגסטענס אין פּרינציפּ, און ניט איבערגעהענדיג צום סאָציאַליזם, זיינען זיי געווען גרייט צו שטיצען זייערע ברידער אויפ׳ן קאָנטינענט אין זייערע דירעקטע קעמפּפע געגען קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין צייט פון סטרייקס. אין דייטשלאַנד האָבען די סאָציאַליסטען געהאַט בעשלאָסען זיך צו פעראייניגען מיט דער גרויסער צאָהל נאָכפאָלגער פון לאַסאַל, און עס איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער גרונד־שטיין פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. עסטרייך און אונגאַרן זיינען אַוועק אויך אויף דעם זעלבען וועג; און אָבוואויל קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז צו יענער צייט אין פראַנקרייך, נאָכדעם ווי די קאָמונע איז בעזיעגט געוואָרען, ניט געווען מעגליך, צוליעב די רעאַקציע, וואָס האָט געפאָלגט (דראַקאָנישע געזעצען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען געגען די אָנהענגער פון דער אַסאָציאַציע), איז יעדער איינער פון דעסטוועגען געווען איבערצייגט, אַז די רעאַקציאָנערע פּעריאָדע וועט לאַנג ניט אָנהאַל־טען און די פראַנצויזען וועלען זיך אין גיכען וויעדער אָנשליסען אָן דער אינטערנאַציאָנאַלע און ווערען איהרע טאָן־געבער.

ווען איך בין געקומען אין ציריך האָב איך זיך אָנגעשלאָסען אָן איינער פון די לאָקאַלע סעקציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָציאַציע. איך האָב זיך אויך נאָכגעפרעגט ביי מיינע רוסישע פריינד וואו איך וואָלט געקענט מעהר לערנען וועגען דער גרויסער בעוועגונג, וואָס קומט פאָר אין די איבעריגע לענדער. „לייען“, איז געווען זייער ענטפער; און מיין שוועגערין, וועלכע האָט דעמאָלט שטודירט אין ציריך, האָט מיר געבראַכט אַ גרויסע צאָהל ביכער און צייטונגס־קאָלעקציעס פאַר די לעצטע צוויי יאָהר. טעג און נעכט האָב איך פערבראַכט אין לעזען, און דער איינ־דרוק וואָס דאָס האָט אויף מיר געמאַכט, וועט קיינמאָל ניט אָבגעמעקט ווערען. דער שטראָם פון ניי־אויפגעוועקטע געדאַנקען איז פערבונדען אין מיין זכרון מיט אַ קליין ציכטיג צימערעל אין דער אָבערשטראַסע, פון וואַנען מען האָט דורך אַ פענסטער געקענט בעטראַכטען די בלויע אָזערע, מיט די בערג הינטער איהר, וואו די שווייצער האָבען געקעמפּפט פאַר זייער אונאַבהענגיגקייט, און די הויכע טהורעם־שפּיצען פון דער אַלטער שטאָדט — דער שוי־פּלאַץ פון אַזוי פיעל רעליגיעזע קעמפּפע.

די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז קיינמאָל ניט געווען רייך אין ביכער. זי ווערט געשריבען פאַר ארבייטער, ביי וועמען אַ גראָשען איז געלד, און איהר הויפּט־קראַפט ליעגט אין איהרע קליינע פּאַמפּלעטען און אין איהרע צייטונגען. נאָכמעהר, דער וואָס זוכט זיך צו בעקענען מיט׳ן סאָציאַליזם, געפינט אין ביכער וועניג דערפון, וואָס איז פאַר איהם אַם

מייסטען נויטיג. זיי ענטהאלטען די טעאָריעס אָדער די וויסענשאַפטליכע ארגומענטען צו גונסטען פון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען, זיי גיבען אָבער ניט קיין בעגריף ווי אזוי די ארבייטער נעהמען אויף די סאָציאַליסטישע אידעאַלען, און ווי אזוי זיי וואָלטען זיי געקענט אָנווענדען אין דער פּראַקטיק. עס איז אַלזאָ ניטאָ קיין אנדער ברירה ווי צו נעהמען צייטונגס־זאמלונגען און זיי אינגאנצען דורכלייענען — די נייעס אזוי גוט ווי די לייט־ארטיקלען — די ערשטע אפשר נאָך מעהר ווי די לעצטע. א גאַנץ נייע וועלט פון סאָציאַלע פערהעלטניסען און מעטאָדען פון דענקען און האנדלען ווערט אויפגעדעקט דורך דעם דאָזיגען לייענען, וועלכער גיט אַן איינבליק אין דאָס, וואָס מען קען אנדערשוואו ניט געפינען — די טיעפקייט און די מאָראַלע קראפט פון דער בעוועגונג, די מאָס וויפיעל די מענשען זיינען דורכגעדרונגען מיט די נייע טעאָריעס, זייער גרייטקייט זיי דורכצופיהרען אין זייער טעגליכען לעבען און צו לייּדען פאר זיי. אלע דיסקוסיאָנען מכח דער אונדורכפיהרבארקייט פון סאָציאַליזם און די נויטיגע לאנגזאמקייט פון עוואָלוציע האָבען א קנאפּען ווערטה, וואָרים מען מוז זיך אפּריהער בעקענען מיט די מענשליכע וועזענס, פון וועמענס עוואָלוציע מען רעדט, איידער מען קען אורטיילען וועגען דער שנעלקייט פון איהר גאנג. ווי קען מען טרעפען די סומע, ווען מען וויים ניט איהרע בעשטאנד־טיילען?

וואָס מעהר איך האָב געלייענט, אלץ מעהר האָב איך געזעהן, אז איך האָב פאר זיך א נייע וועלט, וואָס איז אונבעקאנט פאר און אין גאנצען אונבעקאנט פאר די געלעהרטע שאפער פון סאָציאַלאָגישע טעאָריעס — א וועלט, מיט וועלכער איך האָב זיך געקענט בעקאָנען נור לעבענדיג אין דער ארבייטער אסאָציאַציע און בעגעגענענדיג זיך מיט די ארבייטער אין זייער אלטעגליכען לעבען. איך האָב דעריבער בעשלאָסען צו פערברענגען א פּאָר מאָנאַט אין אזא לעבען. מיינע רוסישע פריינד האָבען מיר צוגערעדט, און אָבזייענדיג עטליכע טעג אין ציריך, בין איך אָבגעפאָהרען אין זשענעווא, וועלכע איז דעמאָלט געוועזן א גרויסער צענטער פון דער אינטערנאציאָנאלער בעוועגונג.

דער פּלאַץ, וואו די זשענעווער סעקציע פלעגט זיך פערזאמלען, איז געוועזן דער גרוימיגער מאסאָניק טעמפּעל „יוניק“. מעהר ווי צוויי טויזענד מענשען האָבען זיך געקענט צונויפקומען אין דעם גרויסען זאל צו די גענעראל פערזאמלונגען, וועהרענד יעדען אָבענד האָבען שטאטגעפונען קאָמיטעטען־ און סעקציאָן־פערזאמלונגען אין די זייטיגע צימערען, אָדער עס זיינען אָבגעהאלטען געוואָרען קלאסען אין היסטאָריע, פיזיק, אינזשע־

נירעריי, און אַזוי ווייטער. פרייער אונטעררעכט איז דאָרט די ארבייטער געגעבען געוואָרען פון די עטליכע, זעהר וועניגע, מיטעלקלאַס־מענשען, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען דער בעוועגונג, מייסטענס פראַנצויזישע פּליכט־לינגע פון דער פּאַריזער קאָמונע. דאָס איז געווען צו גלייכער צייט אי אַ פּאָלקס־אוניווערזיטעט, אי אַ פּאָלקס־פאָרום.

איינער פון די הויפּטפיהרער פון דער בעוועגונג אין דעם טעמפּעל „יוניק" איז געווען אַ רוס, ניקאָליי אוטין, אַ קלוגער, פעהיגער און אַקטיווער מענש; און די אמת'ע נשמה פון דער בעוועגונג איז געווען אַ העכסט סימפּאַטישע רוסישע דאַמע, וועלכע איז געווען בעקאַנט ווייט און ברייט אונטער די ארבייטער אַלס מאַדאַם אָלגאַ. זי איז געווען די ארבייטענדע קראַפט אין אַלע קאָמיטעטען. אוטין און מאַדאַם אָלגאַ האָבען מיך הערצליך אויפגענומען, האָבען מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע בעדייטענדע מענשען אין די סעקציעס פון די פערשיידענע פאַכען, און האָבען מיך איינגעלאַדען צו קומען צו די קאָמיטעטען־פערזאַמלונגען. איך בין דאָרטען געגאַנגען, איך האָב אָבער פאָרגעצויגען צו זיין מיט די ארביי־טער גופא. נעהמענדיג אַ גלאָז זויערען ווין ביי איינעם פון די טישלעך אין זאַל, פלעג איך דאָרטען אוועקזיצען יעדען אָבענד צווישען די ארבייטער, און בין אין גיכען בעפריינדעט געוואָרען מיט מעהרערע פון זיי, ספּעציעל מיט אַ שטיין־מויערער פון עלזאַס, וועלכער האָט פערלאָזען פראַנקרייך נאָך דעם אויפשטאַנד פון דער קאָמונע. ער האָט געהאַט קינדער פון אונ־געפעהר אין דעם זעלבען עלטער ווי די צוויי קינדער, וואָס מיין ברודער האָט מיט עטליכע מאָנאַט פריהער אַזוי פּלוצלינג פערלאָרען, און דורך די קינדער בין איך אין גיכען זעהר גוט בעפריינדעט געוואָרען מיט דער פאַמיליע און זייערע פריינד. איך האָב אויף אַזאַ אופן געקענט נאָכפאָלגען די בעוועגונג פון אינווייניג, און זיך בעקענען מיט די ארבייטערס' אַנזיכ־טען וועגען איהר.

די ארבייטער האָבען געבויט אַלע זייערע האָפענונגען אויף דער אינ־טערנאַציאָנאַלער בעוועגונג. יונג און אַלט פלעגט זיך צונויפקומען נאָך אַ לאַנגען טאָג ארבייט אין דעם טעמפּעל „יוניק", צו געניסען דאָס ביסעל בילדונג וואָס זיי האָבען דאָרט געקענט קריגען, אָדער זיך צוהערען צו די רעדנער, וואָס האָבען זיי פערשפּראָכען אַ גרויסאַרטיגע צוקונפט, געבויט אויף דעם געמיינשאַפטליכען בעזיץ פון אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר דעם פּראָדוצירען רייכטום, און אויף דער ברידערליכקייט פון די מענשען, אָהן אונטערשייד פון קלאַסע, ראַסע, אָדער נאַציאָנאַליטעט. אַלע האָבען געהאָפט, אַז אַ גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע, פריעדליך אָדער ניט, וועט אין גיכען קומען און וועט אין גאַנצען אומענדערען די עקאָנאָמישע

בעדינגונגען. קיינער האָט ניט געוואונשען קיין קלאַסען־קריעג, אָבער אַלע האָבען ערקלערט, אַז אויב די הערשענדע קלאַסען וועלען עס מאַכען אונפערמיידליך, דורך זייער בלינדער עקשנות, וועט די מלחמה אַזוי לאַנג געפאָכטען ווערען, ביז וואַנען עס וועט אויסגעקעמפּפט ווערען גליק און פרייהייט פאַר די אונטערדריקטע מאַסען.

מען האָט געמוזט לעבען אונטער די אַרבייטער אין יענער צייט, כדי זיך צו קענען מאַכען אַ בעגריף, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געהאַט אויף זייערע מוחות דער פּלוצלינגער וואַקסען פון דער אַסאָציאַציע — דעם פערטרויען וואָס זיי האָבען איהר געשאָנקען, די ליעבע, מיט וועלכער זיי האָבען געהערט פון איהר, די קרבנות וואָס זיי האָבען פאַר איהר געבראַכט. יעדען טאָג, וואָך־איין וואָך־אויס, יאָהר־איין יאָהר־אויס, האָבען טויזענדער אַרבייטער אַוועקגעגעבען זייער צייט און זייערע מטבעות, וואָס זיי האָבען אָבגעשפּאָרט פון זייער עסען, כדי אויפצוהאַלטען דאָס לעבען פון יעדער גרופּע, צו פערזיכערען די ערשיינונג פון די צייטונגען, צו דעקען די אויסגאַבען פון די קאָנגרעסען, צו שטיצען די חברים, וועלכע האָבען געהאַט צו ליידען פאַר דער אַסאָציאַציע. נאָך אַ זאַך וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיעפען איינדרוק איז געוועזען דער הויבענדער איינפלוס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויסגעאיבט. די מייסטע פון די פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען זיך כמעט אין גאַנצען צוריקגעהאַלטען פון טרינקען, און אַלע האָבען אויפגעגעבען רויכערען. „וואָרום זאָל איך אין זיך האָדעווען די דאָזיגע שוואַכקייט?" האָבען זיי געזאָגט. דאָס געמיינע, דאָס קליינליכע איז פערשוואונדען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר די גרויסאַרטיגע, דערהויבענדע בעגייסטערונגען.

די זייטיגע מענשען האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט וואָסערע אָפּפער די אַרבייטער ברענגען, כדי אויפצוהאַלטען ביים לעבען זייער אַרבייטער בעוועגונג. עס האָט זיך געפאָדערט אַ היבש ביסעל מאָראַלער קוראַזש זיך אָנצושליסען עפענטליך אָן אַ סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, און צו בעגעגענען די אונצופריעדענהייט פון דעם בעל־הבית און די מעגליכקייט אָבגעזאָגט צו ווערען פון דער אַרבייט ביי דער ערשטער געלעגענהייט, מיט דער אויסזיכט זיך אַרומצודרעהען מאָנאַטען־לאַנג אַרבייטס־לאָז, ווי ס'איז געוועהנליך געוועזען דער פאַל. אָבער אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען פאָדערט דאָס געהערען צו אַ טרייד־יוניאָן, אָדער צו אַ וועלכער עס איז פאָרטגעשריטענער פּאַרטיי, אַ גאַנצע רייהע אונאויפהערליכע אָפּפער. אפילו די עטליכע פּענים, וואָס דער איינאָפּפּעאישער אַרבייטער גיט אַוועק פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַסט אויף זיין מאָגערער הכנסה, און אַ סך

אזעלכע פּעגים מוזען יעדע וואָך אוועקגעגעבען ווערען. דאָס אָפטע בעזו־כען די פערזאַמלונגען מיינט אויך אַן אָפּפער. פאר אונז מעג זיך זיין א פערגעניגען צו פערברענגען א פּאָר שעה אויף א פערזאַמלונג, אָבער פאר א מענשען, וועמעס ארבייטס־טאָג פאַנגט זיך אָן פינף אָדער זעקס א זייגער אין־דער־פריה, מוזען די דאָזיגע פּאָר שעה אָבגעריסען ווערען פון דער נויטיגער רוה.

איך האָב געפיהלט די דאָזיגע איבערגעבענהייט ווי א שטענדיגען פאָרוואורף. איך האָב געזעהן ווי געשפּאַנט די ארבייטער זיינען געווען זיך צו לערנען, און ווי טרויעריג ווייניג עס זיינען געווען יענע, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָגען זיי צו העלפען. איך האָב געזעהן ווי שטאַרק די ארביי־טענדע מאסען האָבען זיך גענויטיגט אין דער הילף פון מענשען, וואָס בעזיצען בילדונג און פרייע צייט, אין זייער שטרעבען אויסצוברייטען און צו ענטוויקלען די אָרגאַניזאַציע; אָבער ווייניג זיינען געווען די, וואָס זיינען זיי געקומען צו הילף, אָהן דער אבזיכט צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון אָט דער אייגענער הילפלאָזיגקייט פון דעם פּאָלק! אלץ מעהר און מעהר האָב איך אָנגעהויבען פיהלען, אז עס איז מיין פליכט צו וואַרפען מיין גורל מיט זיי. סטעפּניאַק זאָגט, אין זיין „קאַריערע פון א ניהיליסט“, אז יעדער רעוואָלוציאָנער האָט געהאַט א מאָמענט אין זיין לעבען, ווען א געוויסער אומשטאַנד, וואָס האָט געקענט זיין גאַנץ אונוויכטיג פאר זיך אליין, האָט איהם מיטגעבראַכט צו שווערען זיין שבועה אָבצוגעבען זיך פאר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. איך קאָן דעם דאָזיגען מאָמענט; איך האָב איהם דורכגעלעבט נאָך איינער פון די פערזאַמלונגען אין דעם טעמפּעל „יוניק“, ווען איך האָב שטאַרקער ווי ווען־עס־איז פריהער דער־פיהלט ווי פייג עס זיינען די געבילדעטע מענשען, וואָס קענען זיך ניט ענטשליסען צו שטעלען זייער בילדונג, זייער וויסענשאַפט, זייער ענערגיע אין דיענסט פון יענע, וועלכע נויטיגען זיך אזוי שטאַרק אין זייער בילדונג און ענערגיע. „אָט זיינען מענשען“, האָב איך צו זיך געזאָגט, „וועלכע זיינען בעוואוסטזיניג וועגען זייער קנעכטשאַפט, וועלכע ארבייטען צו בעפרייען זיך פון איהר; אָבער וואו זיינען די העלפערס? וואו זיינען די, וואָס וועלען קומען דיענען די מאַסען — ניט אויסצוניצען זיי פאר זייערע אייגענע אמביציעס?“

בּיסלעכווייז אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען אריינ׳גנב׳ענען ביי מיר אין מוח געוויסע צווייפלען מכח דער ריכטיגקייט פון דער אגיטאַציע, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין דעם טעמפּעל „יוניק“. איין נאַכט איז א געוויסער גוט־בעקאַנטער זשענעווער אדוואָקאַט, הערר א—, געקומען

צו א פערזאמלונג און האָט ערקלערט, אז אויב ער איז ביז אהער ניט צו־געשטאנען צו דער אסאָציאציע איז עס געווען דערפאר, וואָס ער האָט צוערשט געמוזט איינאָרדנען זיינע אייגענע געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען; און אזוי ווי דאָס האָט זיך איהם איצט איינגעגעבען, איז ער געקומען זיך אָנשליסען אָן דער ארבייטער בעוועגונג. איך האָב זיך געפיהלט בעליידיגט פון דער דאָזיגער ציניזשער ערקלערונג, און ווען איך האָב איבערגעגעבען מיינע געדאנקען צו מיין פריינד דעם שטיין־מויערער, האָט ער מיר ערקלערט, אז דער דאָזיגער העהר, וועלכער איז דורכגעפאלען ביי די פריהערדיגע וואהלען, ווען ער האָט געזוכט די שטיצע פון דער ראדי־קאלער פארטיי, האָפט איצט ערוועהלט צו ווערען דורך דער הילפע פון די ארבייטער שטימען. „דערווייל נעהמען מיר אָן זייערע דיענסטע", האָט מיין פריינד געענדיגט, „אָבער ווען די רעוואָלוציע וועט קומען, וועט אונזער ערשטער שריט זיין זיי אָלעמען צו בעזייטיגען."

דערנאָך איז געקומען א גרויסע פערזאמלונג, צוזאמענגערופען אין איילענים, צו פראָטעסטירען, ווי עס האָט געהייסען, געגען די פערלוימ־דונגען פון דעם „זשורנאל דע זשענעוו". דער דאָזיגער אָרגאן פון די בעזי־צענדע קלאסען אין זשענעוו האָט געוואגט צו בעהויפּטען, אז אין דעם טעמפעל „יוניק" קומט פאָר עפּעס בייזעס, און אז די בוי־פאכען געהען נאָכאמאָל מאכען אָן אלגעמיינעם סטרייק, אזעלכען ווי זיי האָבען געמאכט אין 1869. די פיהרער פון טעמפעל יוניק האָבען פעררופען די פערזאמ־לונג. טויזענדער ארבייטער האָבען אָנגעפילט דעם זאל, און אוטין האָט פון זיי פערלאנגט זיי זאָלען פאסען א רעזאָלוציע, פון וועלכע די ווערטער זיינען מיר פאָרגעקומען זעהר מאָדנע: זי האָט אויסגעדריקט א שארפען פראָטעסט קעגען דער אונשעדליכער בעהויפּטונג, אז די ארבייטער קלייבען זיך צו סטרייקען. „פאר וואָס זאָל די דאָזיגע בעהויפּטונג בעצייכענט ווערען אָלס א פערלוימדונג?" האָב איך זיך געפרעגט. „איז עס דען א פערברעכען צו סטרייקען?" אוטין האָט דערווייל אין איילענים געענדיגט א קורצע רעדע, וועלכע האָט אונטערשטיצט זיין רעזאָלוציאָן מיט די ווערטער, „אויב איהר בירגער זיינט מיט מיר איינשטימיג, וועל איך איהר גלייך אוועקשיקען אין דער פרעסע". ער האָט שוין געוואָלט פערלאָזען די פּלאַטפאָרמע, בעת אימיצער אין זאל האָט פאָרגעשלאָגען, אז עס וואָלט ניט געווען אוים'ן וועג מען זאָל די זאך דיסקוטירען. דאן זיינען אויפגעשטאנען די פערטרעטער פון אלע צווייגען פון דעם בוי־פאך, און איינער נאָכ'ן אנדערען האָבען זיי ערקלערט, אז דער לוין איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען אזוי קליין, אז עס איז קוים גענוג אויף צו מאכען א לעבען; אז מיט דעם אָנקומען פון פריהלינג זיינען דאָ אויסזיכטען אויף

גענוג אַרבייט, מיט וואָס זיי האָבען בדעה זיך צו בענוצען, כּדי צו פֿער־גרעסערען זייערע שכירות; און אז אויב מען וועט זיך ענטזאָגען צו העכע־רען דעם לוין, האָבען זיי בדעה אָנצופאַנגען אַן אַלגעמיינעם סטרייק.

איך בין געווען אַן אויפגעקאָכטער, און אויף מאָרגען האָב איך שאַרף אויסגערעדט אוטין׳ען פאַר זיין האַלטונג. „אַלס אַ פיהרער“, האָב איך איהם געזאָגט, „איז עס געווען דיין פליכט צו וויסען, אַז מען האָט ווירק־ליך גערעדט וועגען אַ סטרייק“. זייענדיג גאַנץ נאַאיוו האָב איך זיך גאָר ניט אָנגעשטויסען אויף די אמת׳ע מאָטיווען פון די פיהרער, און עס איז געווען אוטין אַליין, וועלכער האָט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז אַ סטרייק אין יענער צייט וואָלט געווען זעהר ערעדליך פאַר דער ערוועהלונג פון דעם אַדוואָקאַט הערר אַ—.

איך האָב באַין אופן ניט געקענט צוזאַמענפּאָרען דעם דאָזיגען ציהען־די־דראָטען פון די פיהרער מיט די פייערדיגע רעדעס, וואָס איך האָב פון זיי געהערט פון דער פּלאַטפאָרמע. איך האָב זיך געפיהלט ענטמוטהיגט, און איך האָב גערעדט מיט אוטין׳ען וועגען מיין אַבזיכט זיך צו בעקענען מיט דער צווייטער סעקציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע אין זשענעוואַ, וועלכע איז געווען בעקאַנט אַלס די באַקוניסטישע. דער נאָמען „אַנאַרכיסט“ איז דאַן ניט פיעל געברויכט געוואָרען. אוטין האָט מיר באַלד געגעבען אַ רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף צו אַ צווייטען רוס, ניקאָליי זשו־קאָווסקי, וועלכער האָט געהערט צו יענער סעקציע, און, קוקענדיג מיר גלייך אין געזיכט, האָט ער מיט אַ זיפץ צוגעגעבען, „נון, דו וועסט זיך שוין צו אונז מעהר ניט אומקעהרען; דו וועסט שוין פערבלייבען מיט זיי“. ער האָט ריכטיג געטראָפען.

IX

איך בין צוערשט אַוועק אין נייַשאַטעל, און דאַן האָב איך פער־בראַכט אונגעפעהר אַ וואָך צווישען די זייגער־מאַכער אין די יוראַ־בערג. איך האָב אויף אַזאַ אופן געמאַכט מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דער בעריהמטער יוראַ־פעדעראַציע, וועלכע האָט פאַר די נעקסטע עטליכע יאָהר געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַ־ליזם, אַריינברענגענדיג אין איהם די קיין־הערשאַפטדיגע, אָדער אַנאַר־כיסטיע טענדענץ.

אין 1872 האָט די יוראַ־פעדעראַציע אָנגעהויבען ווערען ווידערשפּע־ניג קעגען דער אויטאָריטעט פון דעם גענעראַל־ראַטה פון דער אינטערנאַ־

ציאָנאַלער ארבייטער אסאָציאַציע. די אסאָציאַציע אין איהר תוך איז געווען אַן ארבייטער אָרגאַניזאַציע, די אַרבייטער האָבען איהר אויפגע־פאַסט אַלס אַן אַרבייטער בעוועגונג און ניט אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אין מזרח־בעלגיען, צום ביישפּיעל, האָבען זיי אַריינגעבראַכט אין די סטאַטוטען אַ זאַץ, לויט וועלכען קיינער האָט ניט געקענט זיין קיין מיט־גליעד פון אַ סעקציע, סיידען ער איז געווען בעשעפטיגט אין אַ געוויסער האַנד־אַרבייט פאַך; זאָגאַר ווערק־מייסטערס זיינען געווען אויסגעשלאָסען.

די אַרבייטער זיינען נאָך דערצו געווען פעדעראַליסטען אין פּרינציפּ. יעדע נאַציאָן, יעדער בעזונדערער ראַיאָן, און אפילו יעדער לאָקאַלע סעק־ציע האָט געמוזט איבערגעלאָזט ווערען פריי זיך צו ענטוויקלען אויף איהר אייגענעם וועג. אָבער די מיטעלקלאַס רעוואָלוציאָנערען פון דער אַלטער שולע, וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, זייענדיג דורכדרונגען מיט די בעגריפען פון צענטראַליזירטע, פּיראַמי־דאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציעס פון די פריהערדיגע צייטען, האָבען דיזעלבע בעגריפען אַריינגעטראָגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אסאָציאַציע. אויסער די פעדעראַלע און נאַציאָנאַלע ראַטהען, האָט מען בעשטימט אַ גענעראַל־ראַטה אין לאָנדאָן, וועלכער זאָל פיגורירען אַלס אַ מין פערמיט־לער צווישען די פערשיידענע נאַציאָנאַל־ראַטהען. מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען זיינע לייטענדע גייסטער. עס האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעצייגט, אַז נור דער פאַקט אַליין, וואָס מען האָט געהאַט אַזאַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, איז געוואָרען אַ קוואַל פון גרויסע אונבעקוועמ־ליכקייטען. דער גענעראַל־ראַטה איז ניט געווען צופריעדען מיט שפּיעלען די ראָלע פון אַ קאָרעספּאָנדענץ־ביוראָ; ער האָט געשטרעבט צו בעהערשען די בעוועגונג, גוטהייסען אָדער טאַדלען די האַנדלונגען פון די לאָקאַלע פעדעראַציעס און סעקציעס, און אפילו פון די איינצעלנע מיטגליעדער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קאָמונע־אויפשטאַנד אין פּאַריז — און „די פיהרער האָבען נאָר געהאַט נאָכצופאָלגען", ניט זייענדיג ביכולת צו זאָגען וואו זיי וועלען זיך געפינען אין די נעקסטע פיער־און־צוואַנציג שטונדען — האָט דער גענעראַל־ראַטה געוואָלט ניט אַנדערס, אַז ער זאָל לייטען דעם אויפשטאַנד פון לאָנדאָן. ער האָט געפאָדערט טעגליכע בעריכ־טען פון די פּאַסירונגען, ער האָט געגעבען בעפעהלען, אַיין זאַך איז איהם געפעלען, אַן אַנדער זאַך האָט ער געשטערט, און האָט אויף אַזאַ אופן בעוויזען די שעדליכקייט פון אַ הערשענדער קערפּערשאַפט אפילו אין דער אסאָציאַציע. די שעדליכקייט פון דעם האָט זיך נאָך מעהר אַרויסגעצייגט, ווען אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין 1871, האָט דער גענעראַל־ראַטה, אונטערשטיצט פון עטליכע דעלעגאַטען,

בעשלָאסען צו פערוועגדען די קרעפטען פון דער אסאָציאציע אויף דער וואהל־אגיטאציע. דאָס האָט געמאכט מענשען נאָכצודענקען וועגען די איבלען פון יעדער רעגיערונג, ווי דעמאָקראטיש עס זאָל ניט זיין איהר אורשפרונג. דאָס איז געוועזן דער ערשטער אנארכיסטישער פונק. די יורא־פעדעראציע איז געוואָרען דער צענטער פון אָפּאָזיציע געגען דעם גענעראל־ראטה.

די אָבזונדערונג צווישען די ארבייטער און פיהרער, וואָס איך האָב בעמערקט אין זשענעוואַ אין דעם טעמפּעל יוניק, האָט אין די יורא בערג ניט עקזיסטירט. עס זיינען דאָרט געווען א צאָהל מענשען אינטעליגענ־טערע און איבערהויפּט טהעטיגערע איידער די אנדערע; דאָס איז געוועזן דער גאנצער חילוק צווישען זיי. דזשיימס גיליאָם, איינער פון די העכסט אינטעליגענטע און ברייט־געבילדעטע מענשען, וואָס איך האָב ווען בעגע־גענט, איז געווען א קאָרעקטאָר און פערוואלטער פון א קליינער דרוקעריי. זיינע פערדיענסטען פון דער דאָזיגער שטעלע זיינען אָבער געווען אזוי קליין, אז ער האָט געמוזט פערברענגען זיינע נעכט אויף איבערזעצען נאָוועלען פון דייטש אין פראנצויזיש, פאר וואָס מען האָט איהם געצאָהלט אכט פראנק פאר זעכצעהן זייטען!

ווען איך בין אָנגעקומען אין נייעשאטעל, האָט ער מיר געזאָגט אז צו זיין בעדויערען איז ער אזוי פערנומען, אז ער קען אפילו ניט אָבשפּאָרען א שטונדע זיך פריינדליך דורכצורעדען. יענעם נאָכמיטאָג האָט מען גראָד אין דער דרוקעריי ארויסגעגעבען דעם ערשטען נומער פון א לאָקאלער ציימונג, און אויסער זיינע געוועהנליכע פליכטען אלס קאָרעקטאָר און מיט־רעדאקטאָר, האָט ער נאָך געהאט אָנצושרייבען א טויזענד אדרעסען, וואו די ערשטע דריי נומערען פון דער צייטונג האָבען געזאָלט געשיקט ווערען, און אליין איינוויקלען די צייטונגען.

איך האָב זיך אָנגעשלאָגען איהם העלפען שרייבען די אדרעסען, אָבער דאָס איז ניט מעגליך געווען, ווייל ער האָט די אדרעסען געהאט אָדער אויפ'ן קאָפּ אָדער פערשריבען אויף שטיקלעך פּאפּיר מיט א כתב, וואָס איז אונמעגליך געווען צו לעזען.... „אויב אזוי", האָב איך געזאָגט, „וועל איך ארייננקומען נאָכמיטאָג אין דער דרוקעריי פערוויקלען די צייטונגען, און איהר וועט מיר שענקען די צייט, וואָס איהר וועט זיך דורך דעם איינשפּאָרען".

מיר האָבען זיך איינער דעם אנדערען פערשטאנען. גיליאָם האָט ווארעם געדריקט מיין האנד, און דאָס איז געוועזן דער אָנהויב פון אונזער פריינדשאפט. מיר האָבען פערבראכט דעם גאנצען נאָכמיטאָג אין דער

דרוקעריי, ער שרייבענדיג די אדרעסען, איך פערקלעפּענדיג די באַנדראָלען און אַ פראַנצויזישער קאָמונאַר, וועלכער איז געווען אַ זעצער, האָט די גאַנצע צייט מיט אונז געשמועסט, זעצענדיג האַסטיג אַ נאָוועלע און דורכ־וואַרפענדיג אין זיין געשפּרעך די זעצע פון דער נאָוועלע, וועלכע ער האָט זעצענדיג געלייענט אין דער הויך.

„דער קאַמפּף אין די גאַסען", האָט ער דערצעהלט, „איז געוואָרען זעהר שטאַרק"... „מיין טהייערע מארי, איך ליעב דיך"... „די אַרבייטער זיינען געווען וויטהענד און האָבען געקעמפּפט ווי די לייבען אויפ'ן מאָנטמאַרטר".... „און ער איז געפאַלען פאַר איהר אויף די קניע"... „און דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען גאַנצע פיער טעג. מיר האָבען געוואוסט אַז גאַליפע דערשיסט אַלע געפאַנגענע — אַלץ שרעקליכער איז געווען דער קאַמפּף", און ער האָט וויטער אַזוי דערצעהלט, געשווינד כאַפּענדיג די בוכשטאַבען פון קאַסטען.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָבענד, ווען גיליאַם האָט אויסגעטהאָן זיין אַרבייטס־בלוזע און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פאַר אַ פּאָר שטונדען זיך פריינדליך דורכצושמועסען; דערנאָך האָט ער זיך ווידער געמוזט נעהמען פאַר זיין אַרבייט אַלס רעדאַקטאָר פון'ם „בולעטין" פון דער יורא פעדעראַציע.

אין ניישאַטעל האָב איך זיך אויך בעקאַנט מיט מאַלאָן. ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַ דערפעל, און אין זיין קינדהייט איז ער געווען אַ פּאַסטוך. שפּעטער איז ער געקומען אין פּאַריז, האָט זיך אויסגעלערענט אַ מלאכה — קערב־פלעכטעריי — און, פּונקט ווי דער בוכבינדער וואַרלען און דער טישלער פינדי, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געהערט צו דעם אינטערנאַציאָנאַל, איז ער געוואָרען גוט־בעקאַנט אַלס איינער פון די לייטענדע גייסטער פון דער אַסאָסיאַציע, בעת זי איז פערפאָלגט געוואָרען אין 1869 פון נאַפּאָליאָן דעם 3טען. אַלע דריי האָבען זיי פאָלשטענדיג געוואונען די הערצער פון די פּאַריזער אַרבייטער, און ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קאָמונע־אויפשטאַנד, זיינען זיי ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעדער פון דעם קאָמונע־ראַטה, אַלע דריי קריגענדיג אַ געוואַל־דיגע צאָהל שטימען. מאַלאָן איז אויך געווען מאַיאָר פון איינעם פון די פּאַריזער „אַראָנדיסמענטען". איצט, אין דער שווייץ, האָט ער פערדיענט זיין חיונה אַלס אַ קאָרב־מאַכער. פאַר אַ קליינער סומע אַ מאָנאַט האָט ער זיך געדונגען אַ קליינע אָפענע ביידעל אויסער דער שטאָדט, אויף דער זייט פון אַ באַרג, פון וועלכען ער האָט אין דער צייט פון זיין אַרבייט געקענט געניסען דעם ברייטען אָנזיכט פון דער אָזערע פון ניישאַטעל. ביי נאַכט האָט ער געשריבען בריעף, אַ בוך וועגען דער קאָמונע, קורצע אַר־

טיקלען פאר די ארבייטער ציימונגען — און אזוי איז ער געוואָרען אַ שריפטשטעלער. יעדען טאָג בין איך געגאַנגען איהם זעהן און הערען וואָס דער דאָזיגער ברייט־פּנים׳דיגער, הארעפּאַסנער, אביסעל פּאָעטישער, רוהיגער און העכסט גוטהערציגער קאָמונאר האָט מיר געהאט צו דער־צעהלען וועגען דעם אויפשטאַנד אין וועלכען ער האָט גענומען אַ בעדייי־טענדען אנטייל, און וועלכען ער האָט נאָר־וואָס געשילדערט אין אַ בוך, „די דריטע ניעדערלאגע פון דעם פראַנצויזישען פּראָלעטאריאַט“.

איין אין־דער־פּריה, ווען איך האָב ארויפגעקלעטערט דעם בארג און בין צוגעקומען צו זייןביידעל, האָט ער מיך בעגעגענט שטראַהלענדיג פון פרייד מיט די ווערטער: „איהר ווייסט, פינדי לעבט! אָט איז אַ בריעף פון איהם; ער איז אין דער שווייץ“. מען האָט גאָר ניט געהאט געהערט פון פינדי׳ן זייט מען האָט איהם דאָס לעצטע מאָל געזעהן דעם 25טען אָדער דעם 26טען מאי אין די טולעריען, און מען האָט איהם געהאלטען פאר טויט, בעת אין דער ווירקליכקייט איז ער ערגעץ געווען בעהאַלטען אין פּאריז. און אין דער צייט וואָס מאַלאָן׳ס פינגער האָבען זיך געהאלטען אין שפּיעלען מיט די וויצקעס, אויספּלעכטענדיג פון זיי אַן עלעגאַנטען קאָרב, האָט ער מיר דערצעהלט מיט זיין רוהיגער שטימע, וועלכע פלעגט נאָר צייטענווייז אַ ציטער טהאָן, וויפיעל מענשען עס זיינען דערשאָסען געוואָרען פון די ווערסאַילער סאָלדאַטען אויף דעם פערדאַכט אַז זיי זיינען געווען פינדי, וואַרלען, ער אליין (מאַלאָן), אָדער עפּעס אַן אנדער פיהרער. ער האָט מיר דערצעהלט וואָס ער האָט געוואוסט וועגען דעם טויט פון וואַרלען, דעם בוכבינדער, וועמען די פּאריזער ארבייטער האָבען פערגעטערט, אָדער פון דעם אלטען דעלעקלוז, וועלכער האָט ניט געוואָלט איבערלעבען די ניעדערלאגע, און פון פיעלע אַנדערע. ער האָט געשילדערט די שוידערליכקייטען וואָס ער האָט צוגעזעהן אין דער צייט פון יענעם בלוטיגען קארנאוואל, מיט וועלכען די רייכע קלאַסען פון פּאריז האָבען געפייערט זייער אומקעהרען זיך אין דער הויפּטשטאָדט, און ווי דער גייסט פון נקמה האָט דורכגענומען די מאַסען, געפיהרט פון פּאָול רוגאָל, וועלכע האָבען היגגעריכטעט די פּערזאָנען, וואָס די קאָמונע האָט געהאלטען אלס משכון.

זיינע ליפּען האָבען געצוקט בעת ער האָט גערעדט פון די העלדיש־קייטען פון די קינדער; און ער איז אין גאַנצען צוזאַמענגעבראָכען, בעת ער האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון יענעם אינגעל וועמען די ווער־סאַילער האָבען געהאלטען ביים דערשיסען, און וועלכער האָט געבעטען דעם אָפיציר׳ס ערלויבניס פריהער אָבצוגעבען אַ זילבערנעם זייגער, וואָס ער האָט ביי זיך געהאט, צו זיין מוטער, וועלכע האָט געוואוינט ניט ווייט

פון דאָרט. דער אָפיציר, אונטערגעבענדיג זיך פאר א מאָמענט דעם געפיהל פון רחמנות, האָט דעם אינגעל געלאָזט געהן, האָפענדיג ווי עס ווייזט אוים, אז ער וועט מעהר ניט צוריקקומען. אָבער אין א פערטעל שעה ארום איז דער אינגעל געוועזן צוריק און, פערנעהמענדיג זיין פּלאַץ צווישען די געפאלענע ביי דער וואנד, האָט ער אויסגערופען: „איך בין גרייט!“ צוועלף קוילען האָבען געמאכט א סוף צו זיין יונגען לעבען.

איך דענק אז איך האָב קיינמאל אזוי פיעל ניט געליטען ווי בעת איך האָב געלייענט יענעם שרעקליכען בוך, „לע ליוור רוזש דע לא זשיס־טים ריראל“ („דאָס רויטע בוך פון דער לאנד־גערעכטיגקייט“), וועלכער האָט ענטהאַלטען ניט מעהר ווי אויסציגע פון די בריעף פון די קאָרעס־פּאָנדענטען פון „סטאנדארד“, „דעילי טעלעגראף“ און „טיימז“, וואָס זיינען געוועזן געשריבען אין פאריז אין די לעצטע טעג פון מאי 1871, שילדע־רענדיג די שוידערהאפטע טהאטען, וואָס זיינען בעגאנגען געוואָרען פון דער ווערסאילער ארמעע אונטער גאליפע'ען, און וואו עס זיינען אויך איבערגעגעבען געוואָרען אייניגע שטעלען פון דער פאריזער „פיגאראָ“, וואָס זיינען געוועזן אָנגעזאָפּט מיט א בלוטדורשטיגען גייסט נעגען די אינ־סורגענטען. לייענענדיג די דאָזיגע בלעטער האָב איך אין גאנצען פערלאָ־רען די האָפענונג אויף דער מענשהייט, און איך וואָלט געבליבען אזוי פער־צווייפעלט, ווען איך וואָלט שפּעטער ניט געפונען אין יענע מענשען פון דער בעזיעגטער פארטיי, וועלכע האָבען אליין דורכגעלעבט די אלע שרע־קענס, יענע אבוועזענהייט פון האס, יענעם פערטרויען אין דעם ענדליכען טריאומף פון זייערע אידעען, יענעם רוהיגען, אָבוואויל טרויעריגען בליק געריכטעט צו דער צוקונפט, יענע גרייטקייט צו פערגעסען דעם קאָשמאר פון דער פערגאנגענהייט, וואָס איך האָב בעמערקט ביי מאלאָן'ען און במעט טהאטזעכליך ביי אלע פליכטלינגע פון דער קאָמונע, וועלכע איך האָב געטראָפען אין זשענעווא, — און וואָס איך געפין נאָך ביי לואיזע מישעל, לעפראנס, עליזע רעקלו, און אנדערע פריינד.

פון ניישאטעל בין איך אריבער אין סאָנוויליער. אין א קליינעם טהאָל אין די יורא בערג איז פאראן א גאנצע רייהע פון שטעדטלעך און דערפלעך, פון וועלכע די פראנצויזיש־רעדענדע בעפעלקערונג איז אין יענער צייט איננאנצען געוועזן בעשעפטיגט אין די פערשיידענע צווייגען פון זייגער־מאכעריי. גאנצע פאמיליען פלעגען ארבייטען אין קליינע ווערקשטאטען. אין איינער פון זיי האָב איך געטראָפען אן אנדער פיהרער, אדהעמאר שוויטצגעבעל, מיט וועמען איך בין שפּעטער אויך געוואָרען נאָהענט בעפריינדעט. ער איז געזעסען צוזאמען מיט א דוצענד יונגע לייט, וועלכע האָבען גראווירט דעקלעך פון גאָלדענע און זילבערנע זייי־

גערס. מען האָט מיך איינגעלאַדען זיך זעצען אויף א בענקעל אָדער אויף א טיש, און אין גיכען זיינען מיר אַלע געווען פערטהאָן אין א געשפּרעך וועגען סאָציאַליזם, רעגיערונג אָדער ניט־רעגיערונג, און די קומענדע קאָנגרעסען.

אין אָבענד האָט געבושעוועט א שנעע־שטורעם; מיר זיינען שיער אָהן אויגען געבליבען, און דאָס בלוט איז אונז אין די אָדערען פערפראָרען געוואָרען, דערשלאָגענדיג זיך צו דעם נעקסטען דאָרף. אָבער ניט קוקענדיג אויפ'ן שנעע־שטורעם זיינען זיך צונויפגעקומען פון די ארומיגע דערפער אַן ערך פופציג זייגער־מאַכער, מייסטענס עלטערע מענשען — מאַנכע האָבען געהאַט צו געהן א מהלך פון וואָסערע זיעבען מייל — אנטיילצונעהמען אין א קליינער ניט־אָפיציעלער פערזאַמלונג, וואָס איז געווען איינגערופען פאַר יענעם אבענד.

די אָרגאַניזאַציע גופא פון דעם זייגער־פאַך, וואָס מאַכט מעגליך אַז מענשען זאָלען זיך איינער דעם אַנדערען געגנוי קענען און זאָלען ארבייטען אין זייערע הייזער, וואו זיי קענען פריי רעדען, ערקלערט שוין ווארום דער גראַד פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון יענער בעפעלקערונג איז א העכערער ווי פון די ארבייטער, וועלכע פערברענגען דעם גאַנצען לעבען פון זייער פריהער קינדהייט אָן אין די פאַבריקען. ביי די ארבייטער פון די קליינע פאַכען איז פאַראַן מעהר זעלבסטשטענדיגקייט און מעהר אָריגינאַליטעט. אָבער דאָס וואָס עס איז קיין אָבזונדערונג ניט געווען צווישען די פיהרער און די מאַסען אין דער יורא פעדעראַציע, איז אויך געווען דער גרונד, פאַר וואָס עס איז ניט געווען קיין פראַגע, וועגען וועלכער יעדער מיטגליעד פון דער פעדעראַציע זאָל ניט האָבען געשטרעבט צו פאָרמירען זיין אייגענע מיינונג. דאָ האָב איך געזעהן, אַז די ארבייטער זיינען ניט געווען א מאַסע, וואָס ווערט געפיהרט און ווערט געשטעלט אין דיענסט פאַר די פּאָליטישע ציעלען פון עטליכע מענשען; זייערע פיהרער זיינען איינפאַך געווען זייערע טהעטיגערע חברים — זיי זיינען גיכער געווען איניציאַטאָרס איידער פיהרער. די קלאָרקייט פון בעטראַכטען א זאַך, די ריכטיגקייט פון אורטיילען וועגען עפּעס, די פעהיגקייט פונאַנדערצופלאָנטערען קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פראַגען, וואָס איך האָב בעמערקט ביי די דאָזיגע ארבייטער, דערהויפּט ביי די וואָס זיינען געווען אין די מיטעלע יאָהרען, האָבען אויף מיר געמאַכט א טיעפען איינדרוק; און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אויב די יורא פעדעראַציע האָט געשפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם, איז עס ניט נאָר צוליעב דער וויכטיגקייט פון די הערשאַפטלאָזע און פעדעראַליסטישע אידעען, פון וועלכע זי איז געווען די פאָרקעמפּפערין, נאָר

איך צוליעב דעם אויסדרוק, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו די דאָזיגע אידעען פון דעם געזונדען פערשטאַנד פון די זייגער־מאַכער פון דער יורא. אָהן זייער הילף וואָלטען די דאָזיגע בעגריפען פיללייכט געבליבען פאַר א לאַנגער צייט ניט מעהר ווי אבסטראַקציעס.

די טהעאָרעטישע אַנזיכטען פון אנאַרכיזם, ווי זיי האָבען דאַן אָנגעהויבען אויסגעדריקט צו ווערען אין דער יורא פעדעראַציע, ספּעציעל פון באַקונינ׳ען; די קריטיק אויפ׳ן שטאַאַט־סאָציאַליזם — די מורא פאַר אן עקאָנאָמישען דעספּאָטיזם, וואָס איז פיעל מעהר געפעהרליכער ווי דער ריינער פּאָליטישער דעספּאָטיזם — וואָס איך האָב דאָרט געהערט פאָרמולירענדיג; און דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער אגיטאַציע, האָבען שטאַרק אַפּעלירט צו מיין שכל. אָבער די גלייכהייטליכע בעציהונגען, וואָס איך האָב געטראָפען אין די יורא־בערג, די זעלבסטשטענדיגקייט פון דענקען און אויסדרוק, וואָס איך האָב געזעהן ענטוויקלען זיך ביי די ארבייטער, און זייער אונבעגרענעצטע איבערגעבענהייט צו דער זאַך, האָבען נאָך שטאַרקער אַפּעלירט צו מיינע געפיהלען. און ווען איך בין אוועק פון די בערג, האָבענדיג פערבראַכט א וואָך מיט די זייגער־מאַכער, זיינען מיינע אַנזיכטען איבער׳ן סאָציאַליזם געווען בעשטימטע. איך בין געווען אַן אנאַרכיסט.

א רייזע וואָס איך האָב דערנאָך געמאַכט אין בעלגיען, וואו איך האָב נאָכאַמאָל געהאַט די מעגליכקייט צו פערגלייכען די צענטראַליזירטע פּאָליטישע אַגיטאַציע אין ברוסעל מיט דער עקאָנאָמישער און אונאַבהענגיגער אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישען די טוך־ארבייטער אין ווערוויער, האָט נאָר פערשטאַרקט מיינע אַנזיכטען. די דאָזיגע טוך־ארבייטער זיינען געווען איינע פון די העכסט סימפּאַטישע בעפעלקערונגען, וואָס איך האָב ווען עס איז בעגעגענט אין מערב־איירָאָפּאַ.

X

באַקונין איז צו יענער צייט געווען אין לאָקאַרנאָ. איך האָב איהם ניט געזעהן, און איצט טהוט עס מיר זעהר שטאַרק לייד, וואָרים ווען איך בין מיט פיער יאָהר שפּעטער צוריקגעקומען אין דער שווייץ, איז ער שוין געווען טויט. ער איז עס געווען, וועלכער האָט געהאָלפען די פריינד פון דער יורא קלאָר מאַכען זייערע אידעען און פאָרמולירען זייערע שטרעבונגען; ער איז עס געווען, וואָס האָט זיי בעגייסטערט מיט זיין מעכטיגען, פלאַמענדען, אונווידערשטעהליכען ענטהוזיאַזם. אזוי גיך ווי ער

האָט בעמערקט, אַז אַ קליינע צייטונג, וועלכע גיליאָם האָט אָנגעהויבען רעדאַקטירען אין די יורא בערג (אין לאָקל), האָט געגעבען אַ נייעם טאָן פון זעלבסטשטענדיגע געדאַנקען אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, איז ער אַריבערגעקומען אין לאָקל. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט ער גערעדט צו זיינע נייע פריינד וועגען דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט פון אַ נייעם צוג אין דער אַנאַרכיסטישער ריכטונג; ער האָט פאַר יענער צייטונג געשריבען אַ רייהע פון גרינדליכע און אויסגעצייכענטע אַרטיק־לען וועגען דעם היסטאָרישען פּראָגרעס פון דער מענשהייט צו פרייהייט; ער האָט אַריינגעבלאָזען ענטהוזיאַזם אין זיינע נייע פריינד, און ער האָט געשאַפען יענעם צענטער פון פּראָפּאַגאַנדאַ, פון וואַנען דער אַנאַרכיזם האָט זיך שפּעטער פערשפּרייט אין די איבעריגע טיילען פון אייראָפּאַ.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַריבערגעקליבען אין לאָקאַרנאָ — פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבען אַן ענהליכע בעוועגונג אין איטאַליען און, דורך זיין סימפּאַטישען און בעגאַבטען מיטהעלפער, פאַנעלי, אויך אין שפּאַניען — איז די אַרבייט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעפאַנגען אין די יורא בערג, פאָרטגעזעצט געוואָרען זעלבסטשטענדיג פון די יורא־מענשען גופא. דער נאָמען „מיכעל“ איז זעהר אָפט דערמאָנט געוואָרען אין זייערע געשפּרעכען — אָבער ניט ווי פון אַן אָבוועזענדען עלטסטען, וועמעס מיינונגען עס ווערען בעטראַכט ווי געזעצען, נאָר ווי פון אַ פערזענליכען פריינד, פון וועמען יעדער איינער האָט גערעדט מיט ליעבע, אין אַ חבר'־שאַפטליכען זין. וואָס מיר איז אַם מייסטען אויפגעפאַלענד געווען איז דאָס, וואָס באַקונין'ס איינפלוס האָט זיך געלאָזט פיהלען פיעל ווייניגער אַלס דער איינפלוס פון אַן אינטעלעקטועלער אויטאָריטעט, איידער פון אַ מאָראַלער פערזענליכקייט. אין געשפּרעכען וועגען אַנאַרכיזם, אָדער וועגען דער שטעלונג פון דער פעדעראַציע, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט זאָגען, „באַקונין האָט אַזוי געזאָגט“, אָדער „באַקונין דענקט אַזוי“, גלייך ווי דאָס וואָלט אָבגעהאַקט די דיסקוסיאָן. וואָס ער האָט געשריבען אָדער געזאָגט איז ניט געווען קיין טעקסט, וואָס מען האָט געמוזט געהאָרכען, ווי ס'איז ליידער אָפט דער פאַל אין פּאָליטישע פּאַרטייען. אין אַלע אַזעלכע אָנגעלעגענהייטען, אין וועלכע דער שכל איז דער העכסטער ריכטער, האָט יעדער איינער אין דער דיסקוסיאָן געברויכט זיינע אייגענע אַרגומענטען. דער אַלגעמיינער געדאַנקענגאַנג און דער תמצית איז פיליייכט געאויסערט געוואָרען פון באַקונין'ען, אָדער באַקונין האָט עס אפשר געבאָרגט פון זיינע פריינד פון דער יורא — אין יעדען פאַל, האָבען ביי יעדען יחיד די אַרגומענטען בעהאַלטען זייער אייגענעם אינדיווידועלען כאַראַקטער. איין מאָל נאָר האָב איך געהערט אָנרופען באַקונין'ס נאָמען ווי פון אַן אויטאָ־

ריטעט אין זיך גופא, און דאָס איז מיר געווען אזוי שטאַרק אויפפאַלענד, אַז איצט נאָך געדענק איך דעם אָרט, וואו דער געשפּרעך איז פאָרגעקומען, און די גאַנצע אומגעבונג. עטליכע יונגע לייט האָבען איינמאָל פערפיהרט אַ בחור'שען געשפּרעך, אין דער אַנוועזענהייט פון פּרויען, וואָס איז געווען ניט זעהר שמייכעלהאַפט פאר דעם שעהנעם געשלעכט, ווען פּלוצ־לינג האָט איינע פון די אָנוועזענדע פרויען געמאַכט אַ סוף צו איהם, אויסרופענדיג: „אַ שאָד וואָס מיכעל איז דאָ ניטאָ: ער וואָלט אייך שוין געוויזען אייער ריכטיגען אָרט!" די קאָלאָסאַלע פיגור פון דעם רעוואָלו־ציאָנער, וועלכער האָט אַלצדינג אויפגעגעבען צוליעב דער רעוואָלוציאָן, און האָט געלעבט נור פאר איהר, שעפּענדיג פון זיין בעגריף פון דער רעוואָלוציאָן די העכסטע און ריינסטע בעגריפען פון לעבען, האָט פאָרט־געזעצט זיי צו בעגייסטערען.

איך האָב זיך אומגעקעהרט פון דער דאָזיגער רייזע מיט קלאָרע סאָציאָלאָגישע אַנזיכטען, וועלכע איך האַלט ביז היינטיגען טאָג, און טהו אַלץ וואָס איך קען זיי צו ענטוויקלען אין אַלץ מעהר בעשטימטע, קאָנ־קרעטע פאָרמען.

איין פונקט איז אָבער געווען, וועלכען איך האָב ניט געקענט אָננעה־מען, ביז וואַנען איך האָב איהם ניט שטאַרק איבערגעטראַכט און פער־בראַכט אויף איהם פיעלע שטונדען פון מיינע נעכט. איך האָב קלאָר געזעהן, אַז פאר דער געוואַלדיגער ענדערונג, וואָס וועט איבערגעבען אַלעס נויטיגע פאר דעם לעבען און דער פּראָדוקציאָן אין די הענד פון דער געזעלשאַפט — צי דאָס וועט זיין דער פאָלקס־שטאַאט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען, אָדער די פעראיינען פון פרייהייטליך פערבונדענע גרופּען, ווי די אַנאַרכיסטען נעהמען־אָן — וועט נויטיג זיין אַ פיעל גרינד־ליכערע רעוואָלוציע, איידער וועלכע עס איז פון די רעוואָלוציעס וואָס זיינען פערשריבען אין היסטאָריע. נאָכמעהר, אין אַזאַ רעוואָלוציע וועלען די אַרבייטער האָבען געגען זיך ניט דעם צופּוילטען דור פון אַריסטאָקראַ־טען, קעגען וועמען די פראַנצויזישע פּויערים און רעפּובליקאַנער האָבען געהאַט צו קעמפּפען אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט — און אפילו יענער קאַמפּף איז געווען אַ פערצווייפעלטער — נאָר די גייסטיג און פיזיש פיעל מעכטיגערע מיטעלקלאַסען, וועלכען האָבען אין זייער דיענסט דעם גאַנצען אַרבייטענדען מעכאַניזם פון דעם מאָדערנעם שטאַאט. איך האָב אָבער באַלד איינגעזעהן, אַז קיין רעוואָלוציע, סיי אַ פריעדליכע, סיי אַ געוואַלדיגע, איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען איידער די נייע אידעאַלען זיינען טיעף איינגעדרונגען אין דעם אייגענעם קלאַס גופא, וועמעס

עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס עס האָבען געמוזט אָנגעגריפען ווערען. איך האָב צוגעזעהן די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט אין רוס־לאַנד, און איך האָב געוואוסט, אַז ווען די איבערצייגונג אין דער אונגע־רעכטיגקייט פון זייערע פּריווילעגיען וואָלט ניט געווען ווייט פערשפּרייט אין דעם לייבאייגענטימער קלאַס גופא (אַלס אַ פאָלגע פון דער פריהער־דיגער עוואָלוציאָן און די רעוואָלוציאָנען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מערב־אייראָפּאַ), וואָלט די בעפרייאונג פון די לייבאייגענע קיינמאָל ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אַזוי לייכט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין 1861. און איך האָב געזעהן, אַז די אידעע פון דער בעפרייאונג פון די אַרבייטער פון דעם היינטיגען לוין־סיסטעם האָט געמאַכט פאָרטשריט צווישען די מיטעלקלאַסען גופא. די הייסעסטע פערטיידיגער פון די איצ־טיגע עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען שוין אויפגעגעבען די טענה פון ר ע כ ט, פּערטיידיגענדיג זייערע היינטיגע פּריווילעגיען — אָנשטאָט דעם איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע „וואָס וועט ארויסקומען“ פון אַזאַ אָרדנונג. זיי האָבען ניט אָבגעלייקענט די ראַטהזאַמקייט פון אַזאַ מין ענדערונג, זיי האָבען נאָר געפרעגט, צי די נייע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וואָס ווערט פערטיידיגט פון די סאָציאַליסטען וועט ווירקליך זיין בעסער איידער די היינטיגע; צי אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די אַרבייטער וועלען האָבען אַ הערשענדע דעה, וועט זיין ביכולת צו פערוואַלטען די פּראָדוק־ציאָן בעסער איידער די קאַפּיטאַליסטען, וואָס ווערען אָנגעטריבען פון אייגענע אינטערעסען־אויסרעכענונגען, פערוואַלטען עס היינטיגען טאָג.

אחוץ דעם האָב איך אָנגעהויבען ביסלעכווייז פערשטעהן, אַז רעוואָ־לוציאָנען, דאָס הייסט, פּעריאָדען פון געשווינדער עוואָלוציע און געשווינדע ענדערונגען, זיינען פּונקט אַזוי פיעל נאַטירליך פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט, ווי די לאַנגזאַמע עוואָלוציע וואָס געהט איצט אונאויפהערליך אָן צווישען די ציוויליזירטע ראַסען פון דער מענשהייט. און יעדעס מאָל, וואָס אַזאַ פּעריאָדע פון אונטערגעטריבענער עוואָלוציע און גרינדליכער איבערבויאונג הויבט זיך אָן, מוז אויסברעכען אַ בירגער־קריעג אויף אַ קלענערען אָדער גרעסערען מאַס־שטאַב. די פראַגע איז דאָן ניט, ווי אַזוי מען קען אויסמיידען רעוואָלוציעס, נאָר ווי אַזוי מען קען ארויסקריגען די גרעסטע רעזולטאַטען מיט דער קלענסטער מעגליכער מאָס פון בירגער־קריעג, מיט דער קלענסטער צאָהל קרבנות, און מיט וואָס ווייניגער געגענזייטיגע ערביטערונג. פאַר דעם צוועק איז דאָ נור איין מיטעל און דאָס איז, אַז דער אונטערדריקטער טייל פון דער געזעלשאַפט זאָל קריגען דעם מעגליכסט קלאָרסטען בעגריף פון דעם, וואָס ער האָט בדעה צו דערגרייכען, און ווי אַזוי ער וועט עס דערגרייכען, און זיי זאָלען זיין

דורכגעדרונגען מיט דעם ענטהוזיאַזם, וועלכער איז נויטיג פאַר דעם דאָזיגען אויפטהו. דעמאָלט וועלען זיי זיכער צוציהען צו זייער זאַך די בעסטע און די פרישעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטען פון דעם פריווילעגירטען קלאַס.

אַ שרעקליכער ביישפיעל פון אַן אויפשטאַנד, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין בעשטימטע אידעאַלען, איז געווען די פאַריזער קאָמונע. ווען די אַרבייטער זיינען געוואָרען, אין מערץ 1871, די בעלי־בתים פון דער גרויסער שטאָדט, האָבען זיי ניט אָנגעגריפען די איינגעוואָרצעלטע אייגענטומס־רעכטען פון די מיטעלקלאַסען. פערקעהרט, זיי האָבען די דאָזיגע רעכטען גענומען אונטער זייער שוץ. די פיהרערס פון דער קאָמונע האָבען בעשיצט מיט זייערע קערפּערס די נאַציאָנאַל־באַנק, און ניט אַכטענדיג אויף דעם קריזיס, וועלכער האָט פאַראַליזירט די אינדוסטריע און אַ מאַסע אַרבייטער זיינען דורך דעם געבליבען אָהן חיונה, האָבען זיי מיט זייערע דעקרעטען בעשיצט די רעכטען פון די אייגענטימער פון די פאַבריקען, די געשעפטס־הייזער און די וואוינונגס־הייזער. פון דעסטוועגען, ווען די בעוועגונג איז געווען דערשטיקט, האָבען זיך די מיטעלקלאַסען גאָר ניט גערעכענט מיט דער בעשיידענהייט פון די קאָמונאַלע פאָדערונגען פון די אינסורגענטען. אָבלעבענדיג צוויי חדשים אין שרעק, אַז די אַרבייטער וועלען אָנגרייפען זייערע אייגענטומס־רעכטען, האָבען די רייכע לייט פון פראַנקרייך גענומען ראַכע פון די אַרבייטער, פונקט ווי זיי וואָלטען יאָ געהאַט אָנגעגריפען זייערע רעכטען. גענויע דרייסיג טויזענד אַרבייטער זיינען געטויטעט געוואָרען, ווי בעוואוסט, ניט אין קאַמפף, נור נאָכדעם ווי זיי האָבען די שלאַכט געהאַט פערלאָרען. ווען די אַרבייטער וואָלטען טאַקע געהאַט אָנגענומען מיטלען צו פערגעזעלשאַפטליכען דאָס אייגענטום, וואָלט די נקמה ניט געקענט זיין קיין שרעקליכערע.

אויב אַזוי — איז געווען דער שלום, צו וועלכען איך בין געקומען — אויב עס גיבען פאָריאָדען אין דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווען אַ קאַמפף איז אונפערמיידליך, און עס ברעכט אויס אַ בירגער־קריעג גאַנץ אונאַבהענגיג פון דעם ווילען פון געוויסע איינצעלנע, — דאַן זאָלען די דאָזיגע קעמפפע פאָרקומען, לכל הפּחות, ניט צוליעב אונבעשטימטע שטרעבונגען, נאָר פאַר ב ע ש ט י מ ט ע פאָדערונגען; ניט צוליעב זייטיגע פונקטען, וועמעס אונוויכטיגקייט פערקלענערט פון דעסטוועגען ניט די געוואַלדזאַמקייט פונ'ם קאַמפף, נאָר פאַר ברייטע אידעען, וועלכע בעגייסטערען די מענשען מיט דער הערליכקייט פון דעם האָריזאָנט וואָס זיי דעקען אויף. אין דעם לעצטען פאַל וועט דער קאַמפף גופא פיעל ווייניגער אָבהענגען פון דער ווירקזאַמקייט פון די ביקסען און קאַנאָנען, איידער פון דער קראַפט

פון דעם שאָפּענדען זשעניע, וואָס וועט געבראַכט ווערען אין טהעטיגקייט אין דער איבערבויאונגס־ארבייט פון דער געזעלשאַפט. דער קאַמפּף וועט הויפּטזעכליך אָבהענגען פון די קאָנסטרוקטיווע כחות פון דער געזעלשאַפט, וועלכע נעהמען אָן בעת מעשה אַ פּרייען גאַנג; פון די בעגייסטערונגען, וואָס זיינען פון אַ הויכער פּראָבע און געווינען דאדורך סימפּאַטיע אפילו פון די, וועלכע זיינען אַלס אַ קלאַס געגען דער ענדערונג. דער קאַמפּף וואָס ווערט אויף דעם אופן אָנגעפיהרט פאַר העכערע פאָדערונגען, וועט אָבער רייניגען די סאָציאַלע אַטמאָספערע גופא און די צאָהל קרבנות אויף ביידע זייטען וועט זיכער זיין אַ סך קלענער, איידער ווען דער קאַמפּף ווערט אָנגעפיהרט פאַר וועניגער וויכטיגע זאַכען, אין וועלכען די ניעדע־ריגע אינסטינקטען פון די מענשען שפּיעלען זיך פריי פונאַנדער.

מיט אָט די אידעען האָב איך זיך אומגעקערט נאָך רוסלאַנד.

XI

אין דער צייט פון מיין רייזע האָב איך אָנגעקויפט אַ סך ביכער און זאַמלונגען פון סאָציאַליסטישע צייטונגען. אין רוסלאַנד זיינען אַזעלכע ביכער געווען „אַבסאָלוט פערבאָטען" פון דער צענזור; און אַ טייל פון די צייטונגס־זאַמלונגען און בעריכטען פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען האָט מען פאַר קיין געלד ניט געקענט קריגען צו קויפען אפילו אין בעלגיען. „זאָל איך זיך מיט זיי שיידען, בעת מיין ברודער און מיינע פריינד וואָל־טען געווען אַזוי גליקליך זיי צו האָבען אין פּעטערבורג?" האָב איך זיך געפרעגט; און איך האָב בעשלאָסען, אַז איך מוז זיי אריינקריגען אין רוסלאַנד אונטער אַלע אומשטענדען.

איך בין געפאָהרען צוריק אין פּעטערבורג איבער וויען און וואַרשאַ. ביי דעם פּוילישען גרענעץ מאַכען טויזענדער אידען אַ לעבען פון שמוג־לעריי און איך האָב געקלערט, אַז ווען איך וואָלט געקענט אויסגעפינען איינעם פון זיי, וואָלטען מיינע ביכער אריבערגעבראַכט געוואָרען דעם גרענעץ בשלום. ארונטערצוטייגען אָבער אויף אַ קליינער באַהן־סטאַנציע ניט ווייט פון גרענעץ, בעת אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירען פאָהרען ווייטער, און דאָרטען זיך נעהמען זוכען אַ שמוגלער, וואָלט ניט געווען זעהר פער־נינפטיג; איך האָב זיך דעריבער פערנומען אָן אַ זייט און בין פערפאָהרען מיט דער באַהן אין קראַקוי. „די הויפּשטאָדט פון אַלט־פּוילען איז ניט ווייט פון גרענעץ", האָב איך געקלערט, „און איך וועל דאָרט זיכער טרעפען אַ אידען, וואָס וועט מיר אָנווייזען די מענשען וועלכע איך זוך."

איך בין אָנגעקומען אין דער אמאָליגער בעריהמטער און גלענצענדער שטאָדט אין אָבענד, און גלייך אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך זיך ארויסגעלאָזט פון מיין האָטעל זוכען א אידען. צו מיין ערשטוינען האָב איך אָבער דערזעהן א אידען אויף יעדען גאס־ווינקעל און וואו נאָר איך האָב געוואָרפען אַן אויג אין דעם זאָנסט לעדיגען מארק־פּלאַץ. יעדער פון זיי האָט געטראָגען די טראַדיציאָנעלע לאַנגע קאַפּאָטע און פּאות ווי זייערע אור־עלטערען, און יעדער האָט אויסגעקוקט אויף עפּעס א פּוילישען נאָבעל־מאַן אָדער א סוחר, וואָס וועט אפשר איהם שיקען אויף א שליחות און בעצאָהלען עטליכע קאָפּיקעס פאר זיין טרחה. געוואָלט האָב איך געפינען א י י ן אידען און דאָ האָב איך פאר זיך געהאט אזוי פיעל! צו וועמען זאָל איך צוגעהן? איך בין אויסגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט, און דאַן, א פערצווייפעלטער, האָב איך בעשלאָסען א רעד טהאָן מיט דעם אידען, וועלכער איז געשטאַנען ביים איינגאַנגס־טויער פון מיין האָטעל — א גרויסער אַלטער פּאַלאַץ, פון וועלכען יעדער זאָל איז אין די אמאָליגע יאָהרען געווען אָנגעפילט מיט אַן עלעגאַנטען עולם פון רייך געקליידטע און לוסטיגע טענצער, וועלכער האָט אָבער איצט ערפילט דעם מעהר פּראָזאאישען צוועק, צו געבען שפּייז און נאַכטלעגער פאר עטליכע צופעלינגע רייזענדע.

„א גאַנץ לייכטע זאַך, מיין העדר", האָט ער געענטפערט. אָט וועל איך אייך אריבערבענגען דעם פערטרעטער פון דער אוניווערזאלער געזעל־שאַפט פאר דעם „אינטערנאציאָנאַלען עקסטשיינדזש פון (לאָמיך זאָגען) קאָדער און ביינער". זיי פיהרען אָן דעם גרעסטען שמוגעל־געשעפט אין דער וועלט, און ער וועט אייך זיכער טהאָן די טובה". א האַלבע שעה שפּע־טער איז ער ווירקליך צוריקגעקומען מיט דעם פערטרעטער פון דער געזעל־שאפט — א העכסט עלעגאַנטער יונגער מאַן, וועלכער האָט געדערט פּער־פעקט רוסיש, דייטש און פּויליש.

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן פּעקעל, האָט איהם אָבגעוואויגען מיט די הענד, און האָט געפרעגט וואָס פאר א זאָרט ביכער דאָס זיינען.

„אַלע שטרענג פערבאָטען פון דער רוסישער צענזור; און דעריבער מוזען זיי דאָס אריינגעשמוגעלט ווערען."

„ביכער", האָט ער געזאָגט, „זיינען אפילו ניט די סחורה מיט וואָס מיר האַנדלען; אונזער געשעפט איז מיט טהייערע זיידענס. ווען איך זאָל דארפען בעצאָהלען אונזערע מענשען לויט דעם זיידענס טאריף, וועט מיר אויסקומען צו פערלאַנגען פון אייך א גאַנץ היבשע סומע. און, זאָגענדיג אייך דעם אמת, האָבען מיר ניט קיין שטאַרקען חשק אומצוגעהן מיט ביכער. ווען עס זאָל זיך מאַכען דער קלענסטער דורכפאַל, וואָלטען „זיי"

דערפון געמאַכט אַ פּאָליטישע אַפערע, און דאָס וואָלט אָבגעקאָסט דער „אוניווערזאַל קאָדער און ביינער קאָמפּאַניע" אַ שלל מיט געלד זיך אַרויס־צודרעהען דערפון."

איך האָב וואַהרשיינליך אויסגעזעהן זעהר טרויעריג, וואָרים דער עלע־גאַנטער יונגער מאַן, וואָס האָט פּערטראָטען דער „אוניווערזאַל קאָדער און ביינער קאָמפּאַניע" האָט גלייך צוגעגעבען: „זאָרגט זיך ניט אַזוי שטאַרק. ער (דער האָטעל קאָמיסיאָנער) וועט עס שוין ווי־עס־איז בעזאָרגען פאַר אייך."

„אָה, יאַ. ס'איז פאַראַן צעהנדליגער אַנדערע וועגען ווי צו בעזאָרגען אַזאַ קלייניגקייט, אַ טובה צו טהאָן דעם הערדען", האָט לעבעדיג בעמערקט דער קאָמיסיאָנער, ווען דער יונגער מאַן איז אַוועק.

אין אַ שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אַנדער יונגען מאַן. דער האָט אַ נעהם געטהאָן דאָס פּעקעל, האָט איהם אַנידערגעלעגט אָן אַ זייט ביים טהיר, און האָט געזאָגט: „ס'וועט שוין רעכט זיין. אויב איהר פאָהרט אָב מאָרגען, וועט איהר קריגען אייערע ביכער אויף דער־און־דער סטאַנציע אין רוסלאַנד", און ער האָט מיר דערקלערט ווי דאָס וועט צוגעהן.

„וויפיעל וועט עס קאָסטען?" האָב איך געפּרעגט.

„וויפיעל וואָלט איהר געוואָלט זיך לאָזען קאָסטען?" איז געווען דער ענטפער.

איך האָב אויסגעלעדיגט מיין טייסטער אויפ'ן טיש, און געזאָגט: „אַזוי פיעל דאַרף איך אויף דער רייזע. דאָס איבעריגע איז אייערס. איך וועל פאָהרען דריטע קלאַס."

„וואַי! וואַי! וואַי!" האָבען ביידע אויף אַמאָל אויסגעשריען. „וואָס זאָגט איהר, הערר? אַזאַ אַדעלמאַן זאָל פאָהרען דריטע קלאַס! קיינמאָל ניט! ניין, ניין, ניין, דאָס וועט ניט געהן... אַכט רובעל וועט זיין גענוג, און דערצו אַן ערך אַ רובעל פאַר'ן קאָמיסיאָנער, אויב איהר האָט נישט דאַגעגען — אַזוי פיעל וויפיעל איהר ווילט. מיר זיינען ניט קיין וואַלד־רויבער, מיר זיינען ניט מעהר ווי עהרליכע סוחרים." און זיי האָבען זיך פּלוצים ענטזאָגט צו נעהמען מעהר געלד.

איך האָב אָפט געהערט פון דער עהרליכקייט פון די אידישע שמוג־לערס ביים גרענעץ; איך האָב זיך אָבער קיינמאָל ניט געריכט צו האָבען אַזאַ בעווייז דערויף. שפּעטער־צו, ווען אונזער „קרושאַק" האָט אַריבער־געבראַכט מאַסען ביכער פון אויסלאַנד, אָדער נאָך שפּעטער, ווען אַזוי פיעל רעוואָלוציאָנערען און פּאָליטישע פליגען אַריבער דעם גרענעץ, אַריינקומענדיג אָדער פערלאָזענדיג רוסלאַנד, איז ניט געווען קיין איינצי־

גער פאַל, ווען די שמוגלערס זאָלען האָבען אימעצען פעררּאַטהען, אָדער זאָלען זיך געווען בענוצען מיט די אומשטענדען אַרויסצוקריגען צו־גרויסע פּרייזען פאַר זייער אַרבייט.

אויף מאָרגען בין איך אָבגעפאָהרען פון קראַקוי; און אויף דער בעשטימטער רוסישער סטאַנציע איז צוגעקומען אַ שווייצער צו מיין וואַגאָן און, רעדענדיג גאַנץ הויך, אַזוי אַז דער זשאַנדאַרם וואָס איז ארומגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרמע זאָל עס הערען, האָט ער צו מיר געזאָגט, „אָט דאָ איז דאָס פּעקעל וואָס אייער הויכקייט האָט דאָ יענעם טאָג איבערגעלאָזט", און האָט מיר דערלאַנגט מיין טהייערען פּעקעל.

איך בין אַזוי צופריעדען געווען וואָס איך האָב עס געהאַט, אַז איך האָב זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט אין וואַרשאָ, און האָב פּאָרטגעזעצט מיין רייזע נאָך פּעטערבורג, צו ווייזען מיין ברודער מיינע טהייערע אוצרות.

XII

אַ מעכטיגע בעוועגונג האָט דערווייל זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען צווישען דער געבילדעטער יוגענד פון רוסלאַנד. לייבאייגענטום איז געווען אָבגעשאַפט. אָבער פאַר די צוויי הונדערט און פופציג יאָהר וואָס דאָס לייבאייגענטום האָט עקזיסטירט, האָט זיך געהאַט ענטוויקעלט אַ גאַנצער נעץ־געוועב פון זיטען און מנהגים פון הויזליכער שקלאַפעריי, פון פאָל־שטענדיגער פעראַכטונג פון דער מענשליכער אינדיווידואַליטעט, פון דעספּאָטיזם אויף דער זייט פון די פאָטערס, און פון היפּאָקריטישער אונ־טערטעניגקייט אויף דער זייט פון די פרויען, זיהן און טעכטער. אומעטום אין אייראָפּאַ, אין אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט, האָט עקזיסטירט אַ היבש ביסעל הויזליכער דעספּאָטיזם — די שריפטען פון טהאַקעריי און דיקענס ענטהאַלטען גענוג בעווייזען דערפון — אָבער אין ערגעץ האָט זיך די טיראַנייע ניט אַזוי ברייט פונאַנדערגעוואַקסען ווי אין רוסלאַנד. דאָס גאַנצע רוסישע לעבען, — אין דער פאַמיליע, אין די פערהעלטעניסען צווישען קאָמאַנדיר און אונטערגעאָרדענטען, מיליטערישען עלטסטען און סאָלדאַט, בעל־הבית און אַרבייטער — האָט אויף זיך געטראָגען איהר שטעמפּעל. עס איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע וועלט פון מנהגים און דענקונגס־אַרטען, פון פאָראורטהיילען און מאָראַלער פייגהייט, פון זיטען וואָס שטאַמען פון אַ לעבען פון פוילקייט. און אפילו די בעסטע מענער פון

דער צייט האָבען גענצאָהלט א שווערען צינז צו די דאָזיגע פּרוכטען פון דער לייבאייגענטומס־פּעריאָדע.

דאָס געזעץ האָט אויף די אַלע זאַכען קיין ווירקונג ניט געקענט האָבען. נאָר א קרעפטיגע געזעלשאַפטליכע בעוועגונג, וועלכע זאָל אָנגרייפען די סאַמע וואָרצלען פון דעם איבעל, וואָלט געקענט רעפאָרמירען די זיטען און מנהגים פון אַלטענליכען לעבען. און אין רוסלאַנד האָט די דאָזיגע בעוועגונג — אָט דער רעוואָלט פון דעם אינדיווידואום — אָנגענומען א פיעל מעכטיגערען כאַראַקטער, און איז געוואָרען פיעל ראַדיקאַלער אין איהר קריטיק, איידער ערגעץ אַנדערסוואו אין מערב־אייראָפּאַ אָדער אַמעריקאַ. „ניהיליזם" איז געווען דער נאָמען, וואָס טורגעניעף האָט געגעבען דער בעוועגונג אין זיין עפּאָכע־מאַכענדער נאָוועלע, „פאָטערס און זיהן".

די בעוועגונג ווערט אָפט מיספערשטאַנען אין מערב־אייראָפּאַ. אין דער פּרעסע, צום ביישפּיעל, ווערט ניהיליזם שטענדיג צונויפגעמישט מיט טעראָריזם. דער רעוואָלוציאָנערער אויפרוהר, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין רוסלאַנד צום סוף פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען'ס הערשאַפט און האָט זיך געענדיגט מיט דעם טראַגישען טויט פון דעם צאַר, ווערט שטענדיג בעצייכענט אַלס ניהיליזם. צו פערמישען ניהיליזם מיט טעראָריזם איז פּונקט אזוי פאַלש ווי צונויפמישען א פילאָזאָפישע בעוועגונג ווי סטאָיציזם אָדער פּאָזיטיוויזם מיט א פּאָליטישער בעוועגונג, ווי צום ביישפּיעל, רעפּובליקאַניזם. דער טעראָריזם איז ארויסגערופען געוואָרען אין לעבען דורך געוויסע ספּעציעלע בעדינגונגען פון דעם פּאָליטישען קאַמפף אין א בעשטימטען היסטאָרישען מאָמענט. ער האָט געלעבט, און איז געשטאָרבען. ער קען ווידער אויפלעבען און ווידער אָבשטאַרבען. אָבער דער ניהיליזם האָט אָבגעדריקט זיין שטעמפּעל אויף דעם גאַנצען לעבען פון די געבילדעטע קלאַסען אין רוסלאַנד, און דער דאָזיגער שטעמפּעל וועט נאָך פערבלייבען אויף יאָהרען און יאָהרען שפּעטער. עס איז דער ניהיליזם — אָהן איינינע פון זיינע רויהערע אויסערליכקייטען, וועלכע זיינען געווען אונפערמיידליך אין א יונגער בעוועגונג פון אזא זאָרט — וואָס גיט איצט צו דעם לעבען פון א גרויסען טייל פון די געבילדעטע קלאַסען אין רוסלאַנד א געוויסען אייגענטימליכען כאַראַקטער, וועלכען מיר רוסען געפינען ליידער ניט אין דעם לעבען פון מערב־אייראָפּאַ. עס איז ווידער דער ניהיליזם, אין זיינע פערשיידענע מאַניפעסטאַציעס, וואָס גיט צו פיעלע פון אונזערע שריפטשטעלער יענעם מערקווירדיגען ערנסט, יענע געוועהנהייט צו „דענקען אין דער הויך", וואָס ערשטוינט דעם אייראָפּעאישען לעזער.

פריהער פאַר אַלץ האָט דער ניהיליסט ערקלערט קריעג אַנטקעגען דאָס, וואָס קען בעצייכענט ווערען אַלס „די קאָנווענציאָנעלע ליגענס פון דער ציוויליזירטער מענשהייט". אַבסאָלוטע ערנסטקייט איז געווען זיין הויפּט־שטריך, און אין דעם נאָמען פון דער דאָזיגער ערנסטקייט האָט ער אויפגעגעבען, און האָט געפאָדערט אַז אַנדערע זאָלען אויפגעבען, יענע אַבערגלויבענס, פאָראורטיילען, געוועהנהייטען און מנהגים, וועלכע זייער אייגענער שכל האָט ניט געקענט בערעכטיגען. ער האָט זיך ניט געלאָזען בויגען פאַר אירגענד וועלכער אויטאָריטעט, אחוץ די אויטאָריטעט פון'ם שכל, און אין דער צוגליעדערונג פון יעדער געזעלשאַפטליכער אינסטי־טוציע אָדער מנהג האָט ער רעוואָלטירט געגען יעדען זאָרט מעהר אָדער ווענינער פערמאַסקירטען סאָפיזם.

ער האָט, פערשטעהט זיך, אָבגעבראָכען מיט די אַבערגלויבענס פון זיינע פאָטערס, און אין זיינע פילאָזאָפישע בעגריפען איז ער געווען אַ פּאָזיטיוויסט, אַן אַגנאָסטיקער, אַ ספּענסערישער עוואָלוציאָניסט, אָדער אַ וויסענשאַפטליכער מאַטעריאַליסט. און בעת ער האָט קיינמאָל ניט אַנגעגריפען דעם איינפאַכען, ערנסטען רעליגיעזען גלויבען, וועלכער איז אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיגקייט פון די געפיהלען, האָט ער ביטערליך געקעמפּפט קעגען דער צבוע'אַטסטוואָ, וואָס ברענגט מענשען אָנצוטהאָן אַן אויסערליכע מאַסקע פון רעליגיאָן, וועלכע זיי וואַרפען אַראָב ווי אַ נוצלאָזען באַלאַסט ביי יעדער געלעגענהייט.

דאָס לעבען פון די ציוויליזירטע מענשען איז פול מיט קליינע קאָנ־ווענציאָנעלע ליגענס. פערזאָנען וואָס האָבען זיך איינער דעם אַנדערען ניט ליעב, ווען זיי בעגעגענען זיך אויף דער גאַס, שטעלען אָן אַ פרעהלי־כען פּנים מיט אַ גליקליכען שמייכעל; דער ניהיליסט איז געבליבען גלייכגילטיג און האָט געשמייכעלט נאָר צו די, וואָס ער איז ווירקליך צופריעדען געווען צו בעגעגענען. אַלע פאָרמען פון אויסערליכער העפליכ־קייט, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי היפּאָקריטסטוואָ, זיינען איהם פּונקט אַזוי געווען דערווידער, און ער האָט אויך זיך אָנגעצויגען אַ געוויסע אויסערליכע רויהקייט, אַלס פּראָטעסט קעגען דער זאַנפטער ליעבענס־ווירדיגקייט פון זיינע פאָטערס. ער האָט זיי געזעהן רעדענדיג ווי אידעאַליסטישע סענטימענטאַליסטען, און אין דער אייגענער צייט האַנד־לענדיג ווי אמת'ע באַרבאַרען קעגען זייערע פרויען, זייערע קינדער און זייערע לייבאייגענע; און ער האָט רעוואָלטירט קעגען אָט דעם מין סענטימענטאַליזם, וועלכער, נאָך אַלעמען, האָט זיך אַזוי אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט צו די אומשטענדען פון רוסישען לעבען, וואָס זיינען געווען אַלץ וואָס איהר ווילט, נאָר ניט אידעאַליסטיש. די קונסט איז אויך

אריינגענומען געוואָרען אין דער זעלבער ראַדיקאַלער פערניינונג. דאָס שטענדיגע רעדען וועגען שעהנקייט, אידעאַלען, די קונסט לשם קונסט, עסטעטיק, און דער גלייכען, מיט וואָס מען האָט זיך אָבגעגעבען אַזוי גערען — בעת יעדער קונסט־אַרטיקעל איז געוואָרען געקויפט מיט דעם געלד, וואָס מען האָט אַרויסגעפּרעסט פון פערהונגערטע פּויערים אָדער פון די ניט־דערצאָהלטע אַרבייטער, און די אַזוי גערופענע „פּערגע־טערונג פון דאָס שעהנע“ איז ניט מעהר געווען ווי אַ מאַסקע צוצודעקען די געמיינסטע אויסגעלאַסענהייטען — האָט איהם דורכגענומען מיט עקעל; און די קריטיק איבער קונסט, וועלכע איינער פון די גרעסטע קינסטלער פון יאָהרהונדערט, טאָלסטאָי, האָט אַזוי מעכטיג פאָרמולירט, האָט דער ניהיליסט אויסגעדריקט אין זיין ראַדיקאַלער בעהויפּטונג: „אַ פּאָר שטיוועל איז פיעל וויכטיגער איידער אַלע אייערע מאַדאָנאַס און אייערע שעהנע רעד וועגען שעקספּיער“.

אַזוי אויך האָבען זיי ניט אַנערקענט די הייראַט אָהן ליעבע און די פאַמיליאַריטעט אָהן פריינדשאַפט. די ניהיליסטקע, וועמען די עלטערען האָבען געצוואונגען צו זיין אַ ליאַלקע אין אַ ליאַלקע־הויז און הייראַטען צוליעב אַ תכלית, האָט פאָרגעצויגען בעסער צו פערלאָזען איהר הויז און איהר זיידען קלייד. זי האָט זיך אָנגעטהאָן אַ שוואַרץ וואָלען קלייד פון דעם איינפאַכסטען שניט, האָט זיך אָבגעשאָרען די האָר און איז אריינ־געטראָטען אין אַ גימנאַזיום, כדי זיך דאָרט צו ערווערבען איהר פּערזענ־ליכע אונאַבהענגיגקייט. די פרוי, וואָס האָט איינגעזעהן, אַז איהר הייראַט איז מעהר קיין הייראַט ניט — אַז עס איז מעהר ניטאָ, ניט קיין ליעבע און ניט קיין פריינדשאַפט צווישען זיי, וואָס זיינען געזעצליך בעטראַכט אַלס מאַן און ווייב — האָט גיכער פאָרגעצויגען צו צורייסען דעם באַנד אין וועלכען עס איז שוין מעהר ניט געבליבען קיינע פון זיינע וויכטיגע אייגענשאַפטען. זי איז דאַרום אָפּט אַוועק מיט איהרע קינדער צו לעבען בעסער אין איינזאַמקייט און עלענד, איידער צו לעבען אונטער קאָנווענ־ציאָנעלע בעדינגונגען, וואָס וואָלטען איהר געצוואונגען שטענדיג צו זיין פאַלש צו זיך אַליין.

דער ניהיליסט האָט אריינגעטראָגען זיין ליעבע צו אויפריכטיגקייט אפילו אין די קלענסטע פרטים פון אַלטעגליכען לעבען. ער האָט פערוואָר־פען די קאָנווענציאָנעלע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען געשפּרעך און האָט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען אויף אַ פּלומפּען און טרוקענעם אופן, זאָגאַר מיט עטוואָס אַ געמאַכטע אויסערליכע גראָבקייט.

אין אירקוטסק פלעגען מיר איינמאָל אין דער וואָך זיך צונויפקומען

אין אַ קלוב און פערברענגגען אביסעל אין טאנצען. אַ צייט לאַנג בין איך געווען אַ רעגעלמעסיגער בעזוכער אויף די דאָזיגע אבענדען, נור שפּעטער, ווען איך בין געווען פערנומען מיט ארבייט, האָב איך עס אויפגעגעבען. איין אבענד, נאָכדעם ווי איך בין שוין דאָרט עטליכע וואָכען כסדר ניט געקומען, האָט איינע פון די יונגע דאַמען געפרעגט ביי מיינעם אַ יונגען פריינד, פאַר וואָס איך קום ניט מעהר צו זייערע פערזאַמלונגען. „ער פאָהרט זיך דורך, ווען ער וויל אביסעל בעוועגונג", האָט איהר מיין פריינד עטוואָס גראָבלעך געענטפערט. „ער מעג דאָך אָבער קומען פערברענגגען מיט אונז אַ פּאָר שטונדען אזוי, ניט טאנצען", האָט איינע פון די דאַמען געוואָגט צו זאָגען. „וואָס וועט ער דאָ טהאָן?" האָט געענטפערט מיין ניהיליסטישער פריינד, „רעדען מיט אייך וועגען מאָדעס און טורניורען? ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט די דאָזיגע נארישקייטען". „אָבער מיט פריילין אזוי־און־אזוי זעהט ער זיך יאָ פון צייט צו צייט", האָט איינע פון די אַנוועזענדע יונגע דאַמען ניט זיכער בעמערקט. „יאָ, זי איז אָבער אַ פלייסיגע מיידעל", האָט פּלומפּ געענטפערט מיין פריינד, „ער העלפט איהר זיך לערנען דייטש". איך מוז בעמערקען, אז דער דאָזיגער גאַנץ זיכער גראָבלעכער פּאָרוואורף האָט געהאַט אַ ווירקונג, דען דאָס רוב אירקוטסקער מיידלעך האָבען דערנאָך אָנגעהויבען פערוואַרפען מיט פראַגען מיין ברודער, מיין פריינד, און מיך אַליין, וואָס מיר וואָלטען זיי געראַטהען צו לעזען אָדער שטודירען.

מיט דער אייגענער אָפענהערציגקייט האָט דער ניהיליסט גערעדט צו זיינע בעקאַנטע, זאָגענדיג זיי, אז אַלע זייערע שעהנע רעד וועגען „דאָס אָרעמע פאָלק" איז ניט מעהר ווי היפּאָקריטסטוואָ, אזוי לאַנג ווי זיי אַליין לעבען אויף דער ניט־דערצאָהלטער ארבייט פון די זעלביגע מענשען, מיט וועמען זיי האָבען מיטלייד, זיצענדיג ברייטלעך און שמועסענדיג צוזאַמען אין רייך־פערפּוצטע צימערען. מיט דער אייגענער אָפענהערציגקייט פלעגט דער ניהיליסט דערקלערען אַ הויכען בעאַמטען, אז ער (דער בעאַמטער) קימערט זיך ניט וואָס אַ האָר איז ווערטה פאַר דעם וואוילזיין פון די, איבער וועמען ער הערשט, און אז ער איז איינפאַך אַ גנב, א. ד. ג.

די פרוי וואָס האָט זיך אָבגעגעבען מיט פלאַפּלעריי, און האָט זיך איבערגענומען מיט איהרע „ווייבליכע" מאַנערען און קונציגען טואַלעט, פלעגט דער ניהיליסט אויס׳מוסר׳ן מיט אַ געוויסער הארבקייט. ער פלעגט שאַרף אַ זאָג טהאָן צו אַ שעהנער יונגער פּערזאָן: „ווי שעהמט איהר זיך עס ניט צו רעדען אזוינע נארישקייטען און טראָגען אָט דעם שיניאָן פון פאַלשע האָר?" ער האָט געוואָלט געפינען אין דער פרוי אַ חבר, אַ מענש־

און דער קאָנטראַסט פון דעם קלימאַט! מיט צוויי טעג צוריק האָב איך איבערגעלאָזט פּעטערבורג בעדעקט מיט אַ געדיכטען שנעע, און איצט, אין מיטען דייטשלאַנד, בין איך אַרומגעגאַנגען אָהן אַ מאַנטעל איבער דער פּלאַטפאָרמע פון וואָקזאַל, אין וואַרעמען זון־שיין, בעוואונדע־רענדיג די בליהענדע בלומען. דאַן איז געקומען דער רהיין, און דערנאָך די שווייץ, זיך באָדענדיג אין די שטראַהלען פון אַ ליכטיגער זון, מיט איהרע קליינע זויבערע האָטעלען, וואו פריהשטיק ווערט סערווירט אין דרויסען, פאַר דעם אָנבליק פון די שנעע־בעדעקטע בערג. איך האָב קיינ־מאָל פריהער אַזוי שטאַרק ניט בעגריפען די בעדייטונג פון דער רוסישער צפון־לאַגע, און ווי אַזוי די געשיכטע פון דער רוסישער נאַציאָן איז בע־איינפלוסט געוואָרען פון דעם פאַקט, וואָס די הויפּט־צענטערס פון איהר לעבען האָבען זיך געמוזט ענטוויקלען אין הויכע ברייט־גראַדען, אַזוי ווייט אין צפון ווי די ברעגען פון דעם גאָלף פון פינלאַנד. ערשט דעמאָלט האָב איך ריכטיג פערשטאַנען די אונקאָנטראָלירבאַרע צוציהונג וואָס די דרום־לענדער האָבען אויסגעאיבט אויף די רוסען, די געוואַלדיגע אָנשטרענגונ־גען וואָס זיי האָבען געמאַכט צו דערגרייכען דעם שוואַרצען מעער, און דאָס שטענדיגע דרענגען זיך פון די סיבירישע קאָלאָניסטען דרום־צו, טיעפער אין מאַנטשוריע.

צו יענער צייט איז ציריך געווען פול מיט רוסישע סטודענטען, מענער און פרויען. די בעריהמטע אָבערשטראַס, ניט ווייט פון פּאָליטעכניקום, איז געווען אַ ווינקעל פון רוסלאַנד, וואו די רוסישע שפּראַך האָט געהערשט איבער אַלע אַנדערע שפּראַכען. די סטודענטען האָבען דאָרט געלעבט ווי די מייסטע רוסישע שטודענטען לעבען, ספּעציעל די פרויען — דאָס הייסט, מיט זעהר ווייניג. טהעע מיט ברויט, אַביסעל מילך, אַ דין שטיקעל פלייש געקאָכט אויף אַ ספּיריט־לאָמפּ, אין מיטען פון לעבהאַפטע דיסקו־סיאָנען מכח די לעצטע נייעסען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט, אָדער וועגען אַ נאָר־וואָס דורכגעלייענטען בוך, — דאָס איז געווען זייער געוועהנליכער מאָהלצייט. די וואָס האָבען געהאַט מעהר געלד וויפיעל עס איז נויטיג געווען פאַר אַזאַ אַרט לעבען, האָבען עס אָבגעגעבען פאַר דער „אַלגעמיינער זאַך“ — פאַר דער ביבליאָטעק, דער רוסישער צייטשריפט וואָס מען האָט זיך געקליבען אַרויסגעבען, אויף שטיצען די שווייצאַרישע אַרבייטער־צייטונגען. וואָס אָנבעלאַנגט זייער קליידונג, האָט אויף דיעזען געביעט געהערשט די שפּאָרזאַמסטע עקאָנאָמיע. פּושקין האָט אין אַ וואויל־בעקאַנטען פערז געשריבען, „וואָס פאַר אַ הוט וועט דען ניט פּאַסען אַ זעכצעהן־יעהריגער מיידעל?“ עס האָט אויסגעוויזען ווי אונזערע מייד־

לעך אין ציריך וואָלטען מוטהיג צוגעוואָרפען די דאָזיגע פראַגע דער בעפעלקערונג פון דער אַלטער צווינגליאַנישער*) שטאָדט: „קען עס דען געבען אַן איינפאַכקייט אין קליידונג, וואָס זאָל ניט פּאַסען אַ מיידעל, ווען זי איז יונג, אינטעליגענט און פול מיט ענערגיע?"

ביי אַלעם דעם האָט די קליינע ריהרעוודיגע געמיינדע געארבייט שווערער, איידער וועלכע עס איז שטודענטען האָבען ווען עס איז געאַרבייט זינט אוניווערזיטעטען עקזיסטירען, און די ציריכער פּראָפּע־סאָרען זיינען קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען ווייזענדיג אַלס אַ ביישפּיעל פאַר די מענער־סטודענטען דעם פּראָגרעס, וואָס די פרויען האָבען דער־גרייכט אין דער אוניווערזיטעט.

יאָהרען לאַנג האָב איך געגאַרט צו בעקענען זיך מיט אַלעם מעגליכע וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע. די רוסישע צייטונגען האָבען איהר דערמאָנט גאַנץ אָפט אין זייערע שפּאַלטען, עס איז זיי אָבער ניט געווען ערלויבט צו רעדען פון איהרע פּרינציפּען אָדער פון איהר טהעטיגקייט. איך האָב געפיהלט אַז דאָס מוז זיין אַ גרויסע בעוועגונג, רייך אין פאָלגען, איך האָב אָבער ניט געקענט בעגרייפען איהרע ציעלען און טענדענצען. איצט אַז איך בין געווען אין דער שווייץ, האָב איך בעשלאָסען צופריעדענצושטעלען מיין בעגעהר.

די אַסאָציאַציע איז דעמאָלט געווען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר ענטוויקלונג. גרויסע האָפנונגען זיינען אין די יאָהרען 1840—48 אויפגעוועקט געוואָרען אין די הערצער פון די אייראָפּעאישע אַרבייטער. ערשט איצט הויבען מיר אָן בעגרייפען וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע מאַסע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור עס איז פערשפּרייט געוואָרען אין יענע יאָה־רען פון די סאָציאַליסטען פון אַלע שולען, קריסטליכע סאָציאַליסטען, שטאַאט־סאָציאַליסטען, פוריערסיטען, סען־סימאָניסטען, אָוועניסטען, און אַזוי ווייטער. ערשט איצטער הויבען מיר אָן צו פערשטעהן די טיעפקייט פון יענער בעוועגונג, אויסגעפינענדיג וויפיעל פון דעם, וואָס אונזער היינטיגער דור בעטראַכט אַלס אַ פּראָדוקט פון היינטיגען דענקען, איז שוין געווען ענטוויקעלט און געזאָגט געוואָרען — אָפטמאָל מיט גרויס שאַרפ־זין — אין יענע יאָהרען. די רעפּובליקאַנער האָבען דעמאָלט אונטער דעם נאָמען „רעפּובליק" פערשטאַנען אַ גאַנץ אַנדער זאַך ווי אַ דעמאָ־קראַטישע אָרגאַניזירונג פון קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, וואָס גילט

*) אולריך צווינגלי, איז דער נאָמען פון אַ שווייצאַרישען רעפאָרמער, געבאָרען אין 1484. — איב.

היינט אונטער דעם נאָמען. ווען זיי האָבען גערעדט פון א „פעראייניגטע שטאַאטען פון אייראָפּאַ“, האָבען זיי דערביי פערשטאַנען די ברודערשאַפט פון די ארבייטער, די מלחמה כלי־זין פערוואַנדעלט אין געצייג, און די דאָזיגע געצייג בענוצט פון אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען — „דאָס אייזען צוריקגעקעהרט צו די ארבייטער“, ווי פּיער דופּאָן האָט געזאָגט אין איינע פון זיינע ליעדער. זיי האָבען געמיינט גלייכהייט ניט נאָר בנוגע קרימינאַל־געזעצען און פּאָליטישע רעכטען, נאָר הויפּטזעכליך עקאָנאָמישע גלייכהייט. אפילו די נאַציאָנאַליסטען האָבען געזעהן אין זייערע טרוימען יונג־איטאַליען, יונג־גערמאַניען און יונג אונגארען, וואָס געהען בראש פון א בעוועגונג פאַר ווייט־גרייכענדע אגראַרישע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען.

די מפּלה פון דעם יוני אויפשטאַנד אין פּאַריז, פון די אונגארען דורך די ארמעען פון ניקאָליי דעם ערשטען, און פון איטאַליען דורך די פראַנצויזען און עסטרייכער, און די מורא׳דיגע פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע רעאַקציע, וועלכע האָט געפאָלגט איבעראַל אין אייראָפּאַ, האָט אין גאַנצען פערניכטעט די דאָזיגע בעוועגונג. איהר ליטעראַטור, איהרע אויפטהואונגען, אפילו איהרע פּרינציפּען פון עקאָנאָמישער רעוואָלוציע און אוניווערזעלער ברידערליכקייט זיינען איינפאַך פערגעסען געוואָרען, פערלאָרען געגאַנגען אין די נעקסטע צוואַנציג יאָהר.

איין אידעע אָבער איז געבליבען לעבען — די אידעע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען ברודער־בונד פון אַלע ארבייטער, וועלכע עטליכע פראַנצויזישע עמיגראַנטען האָבען פּאָרטגעזעצט צו פּרעדיגען אין די פעראייניגטע שטאַאטען און די אַנהענגער פון ראָבערט אָווען האָבען געפּרעדיגט אין ענגלאַנד. די פערשטענדיגונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען איינינע ענגלישע ארבייטער און עטליכע פראַנצויזישע ארבייטער־דעלעגאַטען צו דער לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין 1862, איז געוואָרען דער אָנפאַנגס־פּונקט פאַר א מעכטיגער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך גיך פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ און האָט אין זיך איינגעשלאָסען עטליכע מיליאָן ארבייטער. די האָפּענונגען, וועלכע האָבען צוואַנציג יאָהר געשלאָפען, האָבען ווידער אַמאָל אויפגעוואַכט, ווען די ארבייטער זיינען גערופען צו פעראייניגען זיך, „אָהן אונטערשייד פון גלויבען, געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, ראַסע אָדער קאָליר“, צו פּראָקלאַמירען אַז „די בעפרייאונג פון די ארבייטער מוז זיין זייער אייגענע ארבייט“, און העלפען מיט דער געוויכט פון א שטאַרקער, פעראייניגטער, אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט — ניט אין דעם נאָמען פון ליעבע און וואוילטהעטיגקייט,

נאָר אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט, פון דער מאכט וואָס געהערט צו א קערפּערשאַפט פון מענשען, וועלכע בעווענט זיך מיט א דורכגעדענקטען בעוואוסטזיין פון זייערע אייגענע ציעלען און שטרעבונגען.

צוויי סטרייקס אין פּאריז, אין 1868 און אין 1869, מעהר אָדער ווענינער געשטיצט פון קליינע בייטרעגע, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון אויסלאנד, דערהויפּט פון ענגלאנד, ווי אונבעדייטענד די סטרייקס זיינען ניט געווען אַן־און־פאַר־זיך, — און די פערפאָלגונגען, וואָס די אימ־פּעריאליסטישע רעגיערונג האָט אָנגעפיהרט געגען דער אינטערנאציאָ־נאלע, זיינען געוואָרען דער אורשפּרונג פון אַן אונגעהייערער בעוועגונג, אין וועלכער די סאָלידאריטעט פון די ארבייטער פון אַלע נאציאָנען איז פּראָקלאמירט געוואָרען, טראָץ די פיינדליכקייטען פון די שטאאטען. די אידעע פון אַן אינטערנאציאָנאלער פעראייניגונג פון אַלע פאכען, און פון א קאמפף געגען קאפּיטאל מיט דער הילף פון אינטערנאציאָנאלער שטיצע, האָט מיט זיך היגגעריסען די גלייכגילטיגסטע אונטער די ארבייטער. די בעוועגונג האָט זיך פערשפּרייט ווי א ווילד־פייער אין פראנקרייך, בעלגיען, איטאליען און שפּאניען, ארויסברענגענדיג אין פאָדערגרונד א גרויסע צאָהל אינטעליגענטע, אקטיווע און אונאבהענגיגע ארבייטער, און צוציהענדיג צו זיך מאנכע ענטשלאָסענע בעסערע מענער און פרויען פון די פערמעגליכערע געבילדעטע קלאסען. א קראפט, פון וועלכער מען האָט פריהער קיין אהנונג ניט געהאט, איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג אין אייראָפּא; און ווען די בעוועגונג וואָלט ניט אָבגעהאלטען געוואָרען אין איהר וואקסען דורך דער דייטש־פראנצויזישער מלחמה, וואָלטען וואהר־שיינליך פאָרגעקומען גרויסע פּאסירונגען אין אייראָפּא, וועלכע וואָלטען גאנץ גרינדליך אומגעענדערט דעם אויסזעהן פון אונזער ציוויליזאציע, און וואָלטען בלי ספק פערשנעלערט דעם מענשליכען פּראָגרעס. אונגליק־ליכער־ווייזע האָט דער פערניכטענדער זיעג פון די דייטשען געשאפען אוננאָרמאלע צושטענדען אין אייראָפּא; פאר א גאנצען פערטעל יאָהר־הונדערט האָט ער אָבגעשטעלט די נאָרמאלע ענטוויקלונג פון פראנקרייך און האָט אריינגעוואָרפען אייראָפּא אין א פּעריאָדע פון מיליטאריזם, אין וועלכער מיר לעבען נאָך היינטיגען טאָג.

אלערליי האלבע ענטפערען אויף דער גרויסער סאָציאלער פראגע האָבען אין יענער צייט צירקולירט אונטער די ארבייטער — קאָאָפּעראַ־ציאָן, פּראָדוקטיווע אסאָציאציעס אונטערשטיצט פון שטאאט, פאָלקס־באנקען, פרייע קרעדיטען, און אזוי ווייטער. יעדער פון די דאָזיגע ענט־פערען איז פאָרגעבראכט געוואָרען אין די „סעקציעס“ פון דער אסאָציאַ־

ציע, און דערנאָך פאַר די לאָקאַלע, ראַיאָנע, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַ־
ציאָנאַלע קאָנגרעסען, און זיינען אייפעריג דיסקוטירט געוואָרען. יעדער
יעהרליכער קאָנגרעס פון דער אסאָציאַציע האָט אָנגעצייכענט אַ נייעם
שריט אין דעם ווייטערדיגען גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון אידעען בנוגע
צו דעם גרויסען סאָציאַלען פּראָבלעם, וועלכער שטעהט פאַר אונזער
דור און פאָדערט מען זאָל איהם פּערענטפערען. די גרויסע צאָהל פער־
נינפטיגע זאַכען, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אויף די דאָזיגע קאָנגרע־
סען, און די טיעף איבערגעדענקטע, קאָרעקט וויסענשאַפטליכע אידעען,
וועלכע האָבען צירקולירט — די רעזולטאַטען פון דעם „קאָלעקטיווען"
דענקען פון די אַרבייטער — זיינען נאָך ביז אהער קיינמאָל ניט גענוג
אָבגעשעצט געוואָרען. עס וועט אָבער ניט זיין איבערטריבען ווען מיר
וועלען זאָגען, אַז אַלע פּלענער פון סאָציאַלען איבערבוי, וועלכע געהען
איצט אונטער דעם נאָמען פון „וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם" אָדער
„אַנאַרכיזם" האָבען געהאַט זייער אורשפּרונג אין די דיסקוסיאָנען און
בעריכטען פון די פערשיידענע קאָנגרעסען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער
אסאָציאַציע. די עטליכע געבילדעטע מענער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו
דער בעוועגונג, האָבען ניט מעהר ווי צונויפגעשטעלט אין אַ טעאָרעטישער
פאָרם די קריטיקען און בעשטרעבונגען, וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָ־
רען אין די סעקציעס און שפּעטער אויף די קאָנגרעסען פון די אַרבייטער
גופא.

די מלחמה פון 1870—71 האָט געשטערט די ענטוויקלונג פון דער
אסאָציאַציע, זי האָט איהר אָבער ניט אָבגעשטעלט. אין אַלע אינדוסט־
ריעלע צענטרען פון דער שווייץ האָבען עקזיסטירט צאָהלרייכע און לעב־
האַפטע סעקציעס פון'ם אינטערנאַציאָנאַל, און טויזענדע אַרבייטער
פלעגען זיך צוזאַמענקומען אויף זייערע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע עס
איז ערקלערט געוואָרען קריעג געגען דעם סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום
אין לאַנד און פאַבריקען, און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער נאָהענ־
טער סוף פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם. לאָקאַלע קאָנגרעסען זיינען
אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פערשיידענע טיילען פון לאַנד, און אויף
יעדען פון די דאָזיגע צוזאַמענקונפטען זיינען די שווערסטע און קאָמפּלי־
צירטסטע פּראָבלעמען פון דער געגענווערטיגער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע
דיסקוטירט געוואָרען מיט אַזאַ זאַכליכער פערשטענדנים און אַזאַ טיעפער
אויפפאַסונג, אַז זיי האָבען פיעל מעהר בעאונרוהיגט די מיטעלקלאַסען
איידער די גרויסע צאָהלען אָנהענגער, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן
די סעקציעס אָדער גרופּען פון אינטערנאַציאָנאַל. די קנאה און דער פאָר־
אורטייל וואָס האָבען ביז אהער עקזיסטירט צווישען די פּריווילעגירטע

פאבען (די זייגערמאכער און יואוועלירער) און די פּראָסטערע פאבען (וועבעריי, בויעריי, א. אז. וו.), און וועלכע האָבען פערהינדערט א געמיינ־שאפטליכע אַקציאָן אין ארבייטס־שטרייטיגקייטען, האָבען געהאלטען אין פערשווינדען. די ארבייטער האָבען וואָס ווייטער אלץ מעהר בעטאָנט די בעהויפּטונג, אז די וויכטיגסטע פון אלע טיילונגען, וואָס עקזיסטירען אין דער מאָדערנער געזעלשאפט, איז די צוטיילונג צווישען די בעזיצער פון קאפּיטאל און די בעזיצלאָזע, וואָס קומען אויף דער וועלט אָהן א גראָשען געלד און זיינען פעראורטיילט צו פערבלייבען די פּראָדוצירער פון רייכ־טום פאר די עטליכע פּריווילעגירטע.

איטאליען, ספּעציעל מיטעל־ און צפון־איטאליען, איז געווען דורכ־געדרונגען מיט גרופּען און סעקציעס פון אינטערנאציאָנאל, און דאָרטען איז די איינהייט פון איטאליען, פאר וועלכער מען האָט אזוי לאנג געקעמפּפט ערקלערט געוואָרען אלס אילוזיע. די ארבייטער זיינען גערופען געוואָרען צו מאכען זייער אייגענער רעוואָלוציע — צו נעהמען דאָס לאנד פאר די פּויערים און די פאבריקען פאר די ארבייטער אליין, און אָבשאפען די אונטערדריקענדע צענטראליזירטע אָרגאניזאציע פונ׳ם שטאאט, וועמעס היסטאָרישע מיסיאָן עס איז שטענדיג געווען צו בעשיצען און אויפצוהאל־טען די עקספּלואטאציע פון מענשען דורך מענשען.

אין שפּאניען האָבען עהנליכע אָרגאניזאציעס בעדעקט קאטאלאָניען, וואלענציא און אנדאלוזיא; זיי זיינען געווען געשטיצט און פעראייניגט מיט די מעכטיגע ארבייטער־יוניאָנס פון בארצעלאָנא, וועלכע האָבען שוין דאַן געהאט איינגעפיהרט דעם אכט־שטונדען טאָג אין די בוי־פאבען. דער אינטערנאציאָנאל האָט אין שפּאניען געהאט ניט ווייניגער ווי אכציג טויזענד גוטשטעהענדע מיטגליעדער; זי האָט אויך ארייננענומען אלע אַקטיווע און דענקענדע עלעמענטען פון דער בעפעלקערונג; און דורך איהר ענטשיידענעם אָבזאָג צו האָבען וואָס צו טהאָן מיט די פּאָליטישע אינטריגען פון די יאָהרען 1871—72 האָט זי צו זיך שטארק צוגעצויגען די סימפּאטיע פון די מאסען. די פערהאנדלונגען אויף די פּראָווינציעלע און נאציאָנאלע קאָנגרעסען און די מאניפעסטען וואָס זיי האָבען ארויס־געגעבען, זיינען געווען מאָדעלען פון א שטרענג לאָגישער קריטיק אויף די עקזיסטירענדע צושטענדען און וואונדערבאר־קלאָרע דארלעגונגען פון די ארבייטערס׳ס אידעאלען.

אין בעלגיען, האָלאנד, און אפילו אין פּאָרטוגאל, האָט זיך דיזעלבע בעוועגונג געהאלטען אין פערשפּרייטען און זי האָט שוין געהאט ארייננגע־בראכט אין דער אסאָציאציע די גרויסע מאסע און די בעסטע עלעמענטען פון די בעלגישע קויהלען־גרעבער און די וועבער. אין ענגלאנד האבען זיך

די שטענדיג קאָנסערוואטיווע טרייד־יוניאָנס אויך אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג, וועניגסטענס אין פּרינציפּ, און ניט איבערגעהענדיג צום סאָציאַליזם, זיינען זיי געווען גרייט צו שטיצען זייערע ברידער אויפ'ן קאָנטינענט אין זייערע דירעקטע קעמפּפע געגען קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין צייט פון סטרייקס. אין דייטשלאַנד האָבען די סאָציאַליסטען געהאַט בעשלאָסען זיך צו פעראייניגען מיט דער גרויסער צאָהל נאָכפאָלגער פון לאַסאַל, און עס איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער גרונד־שטיין פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. עסטרייך און אונגאַרן זיינען אוועק אויך אויף דעם זעלבען וועג; און אָבוואויל קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע איז צו יענער צייט אין פראַנקרייך, נאָכדעם ווי די קאָמונע איז בעזיעגט געוואָרען, ניט געווען מעגליך, צוליעב די רעאַקציע, וואָס האָט געפּאָלגט (דראַקאָנישע געזעצען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען געגען די אָנהענגער פון דער אַסאָציאַציע), איז יעדער איינער פון רעספּעקטען געווען איבערצייגט, אַז די רעאַקציאָנערע פּעריאָדע וועט לאַנג ניט אָנהאַלטען און די פראַנצויזען וועלען זיך אין גיכען ווידער אָנשליסען אָן דער אינטערנאַציאָנאַלע און ווערען איהרע טאָן־געבער.

ווען איך בין געקומען אין ציריך האָב איך זיך אָנגעשלאָסען אָן איינער פון די לאָקאַלע סעקציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע. איך האָב זיך אויך נאָכגעפרעגט ביי מיינע רוסישע פריינד וואו איך וואָלט געקענט מעהר לערנען וועגען דער גרויסער בעוועגונג, וואָס קומט פאַר אין די איבעריגע לענדער. „לייען", איז געווען זייער ענטפער; און מיין שוועגערין, וועלכע האָט דעמאָלט שטודירט אין ציריך, האָט מיר געבראַכט אַ גרויסע צאָהל ביכער און צייטונגס־קאָלעקציעס פאַר די לעצטע צוויי יאָהר. טעג און נעכט האָב איך פערבראַכט אין לעזען, און דער איינדרוק וואָס דאָס האָט אויף מיר געמאַכט, וועט קיינמאָל ניט אָבגעמעקט ווערען. דער שטראָם פון ניי־אויפגעוועקטע געדאַנקען איז פערבונדען אין מיין זכרון מיט אַ קליין ציכטיג צימערעל אין דער אָבערשטראַסע, פון וואַנען מען האָט דורך אַ פענסטער געקענט בעטראַכטען די בלויע אָזערע, מיט די בערג הינטער איהר, וואו די שווייצער האָבען געקעמפּפט פאַר זייער אונאָבהענגיגקייט, און די הויכע טהורעם־שפּיצען פון דער אַלטער שטאָדט — דער שוי־פּלאַץ פון אַזוי פיעל רעליגיעזע קעמפּפע.

די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז קיינמאָל ניט געווען רייך אין ביכער. זי ווערט געשריבען פאַר אַרבייטער, ביי וועמען אַ גראָשען איז געלד, און איהר הויפּט־קראַפט ליעגט אין איהרע קליינע פּאַמפּלעטען און אין איהרע צייטונגען. נאָכמעהר, דער וואָס זוכט זיך צו בעקענען מיט'ן סאָציאַליזם, געפינט אין ביכער וועניג דערפון, וואָס איז פאַר איהם אַם

מייסטען נויטיג. זיי ענטהאַלטען די טעאָריעס אָדער די וויסענשאַפטליכע ארגומענטען צו גונסטען פון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען, זיי גיבען אָבער ניט קיין בעגריף ווי אַזוי די ארבייטער נעהמען אויף די סאָציאַליסטישע אידעאַלען, און ווי אַזוי זיי וואָלטען זיי געקענט אָנווענדען אין דער פראַקטיק. עס איז אַלזאָ ניטאָ קיין אַנדער ברירה ווי צו נעהמען צייטונגס־זאַמלונגען און זיי איינגאַנצען דורכלייענען — די נייעס אַזוי גוט ווי די לייט־ארטיקלען — די ערשטע אפשר נאָך מעהר ווי די לעצטע. א גאַנץ נייע וועלט פון סאָציאַלע פערהעלטניסען און מעטאָדען פון דענקען און האַנדלען ווערט אויפגעדעקט דורך דעם דאָזיגען לייענען, וועלכער גיט אַן איינבליק אין דאָס, וואָס מען קען אַנדערשוואו ניט געפינען — די טיעפקייט און די מאָראַלע קראַפט פון דער בעוועגונג, די מאַס וויפיעל די מענשען זיינען דורכגעדרונגען מיט די נייע טעאָריעס, זייער גרייטקייט זיי דורכצופיהרען אין זייער טעגליכען לעבען און צו ליידען פאַר זיי. אַלע דיסקוסיאָנען מכח דער אונדורכפיהרבארקייט פון סאָציאַליזם און די נויטיגע לאַנגזאַמקייט פון עוואָלוציע האָבען א קנאַפּען ווערטה, וואָרים מען מוז זיך אפריהער בעקענען מיט די מענשליכע וועזענס, פון וועמענס עוואָלוציע מען רעדט, איידער מען קען אורטיילען וועגען דער שנעלקייט פון איהר גאַנג. ווי קען מען טרעפען די סומע, ווען מען וויים ניט איהרע בעשטאַנד־טיילען?

וואָס מעהר איך האָב געלייענט, אַלץ מעהר האָב איך געזעהן, אַז איך האָב פאַר זיך א נייע וועלט, וואָס איז אונבעקאַנט פאַר מיר און אין גאַנצען אונבעקאַנט פאַר די געלעהרטע שאַפער פון סאָציאָלאָגישע טעאָריעס — א וועלט, מיט וועלכער איך האָב זיך געקענט בעקאָנען נור לעבענדיג אין דער ארבייטער אַסאָציאַציע און בעגעגענענדיג זיך מיט די ארבייטער אין זייער אַלטעגליכען לעבען. איך האָב דעריבער בעשלאָסען צו פערברענגען א פּאָר מאָנאַט אין אַזאַ לעבען. מיינע רוסישע פריינד האָבען מיר צוגערעדט, און אָבזייענדיג עטליכע טעג אין ציריך, בין איך אָבגעפּאָהרען אין זשענעוואַ, וועלכע איז דעמאָלט געווען א גרויסער צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג.

דער פּלאַץ, וואו די זשענעווער סעקציע פלעגט זיך פערזאַמלען, איז געווען דער גרוימיגער מאַסאָניק טעמפּעל „יוניק". מעהר ווי צוויי טויזענד מענשען האָבען זיך געקענט צונויפקומען אין דעם גרויסען זאַל צו די גענעראַל פערזאַמלונגען, וועהרענד יעדען אָבענד האָבען שטאַטגעפונען קאָמיטעטען־ און סעקציאָן־פערזאַמלונגען אין די זייטיגע צימערען, אָדער עס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען קלאַסען אין היסטאָריע, פּיזיק, אינזשע־

נירעריי, און אזוי ווייטער. פרייער אונטעררירכט איז דאָרט די ארבייטער געגעבען געוואָרען פון די עטליכע, זעהר ווענינע, מיטעלקלאס-מענשען, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען דער בעוועגונג, מייסטענס פראַנצויזישע פליכט־לינגע פון דער פּאריזער קאָמונע. דאָס איז געווען צו גלייכער צייט אי א פאָלקס־אוניווערזיטעט, אי א פאָלקס־פאָרום.

איינער פון די הויפּט־פיהרער פון דער בעוועגונג אין דעם טעמפּעל „יוניק" איז געווען א רוס, ניקאָליי אוטין, א קלוגער, פעהיגער און אַקטיווער מענש; און די אמת'ע נשמה פון דער בעוועגונג איז געווען א העכסט סימפּאַטישע רוסישע דאַמע, וועלכע איז געווען בעקאַנט ווייט און ברייט אונטער די ארבייטער אלס מאדאם אָלגא. זי איז געווען די ארבייטענדע קראַפט אין אלע קאָמיטעטען. אוטין און מאדאם אָלגא האָבען מיך הערצליך אויפגענומען, האָבען מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אלע בעדייטענדע מענשען אין די סעקציעס פון די פערשיידענע פאַכען, און האָבען מיך איינגעלאַדען צו קומען צו די קאָמיטעטען־פערזאַמלונגען. איך בין דאָרטען געגאַנגען, איך האָב אָבער פאָרגעצויגען צו זיין מיט די ארביי־טער גופא. נעהמענדיג א גלאָז זויערען ווײַן ביי איינעם פון די טישלעך אין זאַל, פלעג איך דאָרטען אוועקזיצען יעדען אָבענד צווישען די ארבייטער, און בין אין גיכען בעפריינדעט געוואָרען מיט מעהרערע פון זיי, ספּעציעל מיט א שטיין־מויערער פון עלזאַס, וועלכער האָט פערלאָזען פראַנקרייך נאָך דעם אויפשטאַנד פון דער קאָמונע. ער האָט געהאַט קינדער פון אונ־געפעהר דעם זעלבען עלטער ווי די צוויי קינדער, וואָס מיין ברודער האָט מיט עטליכע מאָנאַט פריהער אזוי פּלוצלינג פערלאָרען, און דורך די קינדער בין איך אין גיכען זעהר גוט בעפריינדעט געוואָרען מיט דער פאַמיליע און זייערע פריינד. איך האָב אויף אזא אופן געקענט נאָכפאָלגען די בעוועגונג פון אינווענינ, און זיך בעקענען מיט די ארבייטערס' אנזיכ־טען וועגען איהר.

די ארבייטער האָבען געבויט אלע זייערע האָפענונגען אויף דער אינ־טערנאַציאָנאַלער בעוועגונג. יונג און אלט פלעגט זיך צונויפקומען נאָך א לאַנגען טאָג ארבייט אין דעם טעמפּעל „יוניק", צו געניסען דאָס ביסעל בילדונג וואָס זיי האָבען דאָרט געקענט קריגען, אָדער זיך צוהערען צו די רעדנער, וואָס האָבען זיי פערשפּראָכען א גרויסאַרטיגע צוקונפט, געבויט אויף דעם געמיינשאַפטליכען בעזיץ פון אלץ, וואָס איז נויטיג פאַר דעם פּראָדוצירען רייכטום, און אויף דער ברידערליכקייט פון די מענשען, אָהן אונטערשייד פון קלאַסע, ראַסע, אָדער נאַציאָנאַליטעט. אלע האָבען געהאָפט, אז א גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע, פריעדליך אָדער ניט, וועט אין גיכען קומען און וועט אין גאַנצען אומענדערען די עקאָנאָמישע

בעדינגונגען. קיינער האָט ניט געוואונשען קיין קלאסען־קריעג, אָבער אַלע האָבען ערקלערט, אַז אויב די הערשענדע קלאסען וועלען עס מאַכען אונ־פערמיידליך, דורך זייער בלינדער עקשנות, וועט די מלחמה אַזוי לאַנג געפאָכטען ווערען, ביז וואַנען עס וועט אויסגעקעמפּפט ווערען גליק און פרייהייט פאַר די אונטערדריקטע מאַסען.

מען האָט געמוזט לעבען אונטער די אַרבייטער אין יענער צייט, כדי זיך צו קענען מאַכען אַ בעגריף, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געהאַט אויף זייערע מוחות דער פּלוצלינגער וואַקסען פון דער אַסאָציאַציע — דעם פערטרויען וואָס זיי האָבען איהר געשאָנקען, די ליעבע, מיט וועלכער זיי האָבען גערעדט פון איהר, די קרבנות וואָס זיי האָבען פאַר איהר געבראַכט. יעדען טאָג, וואָך־איין וואָך־אויס, יאָהר־איין יאָהר־אויס, האָבען טויזענ־דער אַרבייטער אַוועקגעגעבען זייער צייט און זייערע מטבעות, וואָס זיי האָבען אָבגעשפּאָרט פון זייער עסען, כדי אויפצוהאַלטען דאָס לעבען פון יעדער גרופּע, צו פערזיכערען די ערשיינונג פון די צייטונגען, צו דעקען די אויסגאַבען פון די קאָנגרעסען, צו שטיצען די חברים, וועלכע האָבען געהאַט צו ליידען פאַר דער אַסאָציאַציע. נאָך אַ זאַך וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיעפען איינדרוק איז געווען דער הויבענדער איינפלוס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויסגעאיבט. די מייסטע פון די פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען זיך כמעט אין גאַנצען צוריקגעהאַלטען פון טרינקען, און אַלע האָבען אויפגעגעבען רויכערען. „וואָרום זאָל איך אין זיך האָדעווען די דאָזיגע שוואַכקייט?" האָבען זיי געזאָגט. דאָס געמיינע, דאָס קליינליכע איז פערשוואונדען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר די גרויס־אַרטיגע, דערהויבענדע בעגייסטערונגען.

די זייטיגע מענשען האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט וואָסערע אָפּפער די אַרבייטער ברענגען, כדי אויפצוהאַלטען ביים לעבען זייער אַרבייטער בעוועגונג. עס האָט זיך געפאָדערט אַ היבש ביסעל מאָראַלער קוראַזש זיך אָנצושליסען עפענטליך אָן אַ סעקציע פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַסאָציאַציע, און צו בעגעגענען די אונצופריעדענהייט פון דעם בעל־הבית און די מעגליכקייט אָבגעזאָגט צו ווערען פון דער אַרבייט ביי דער ערשטער געלעגענהייט, מיט דער אויסזיכט זיך אַרומצודרעהען מאָנאַטען־לאַנג אַרבייטס־לאָז, ווי ס'איז געווענליך געווען דער פאַל. אָבער אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדען פאָדערט דאָס געהערען צו אַ טרייד־יוניאָן, אָדער צו אַ וועלכער עס איז פאָרטגעשריטענער פּאַרטיי, אַ גאַנצע רייהע אונאויפהערליכע אָפּפער. אפילו די עטליכע פענים, וואָס דער אייראָפּעאישער אַרבייטער גיט אַוועק פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַסט אויף זיין מאָגערער הכנסה, און אַ סך

אזעלכע פּענים מוזען יעדע וואָך אוועקגעגעבען ווערען. דאָס אָפּטע בעזור־כען די פערזאַמלונגען מיינט אויך אָן אָפּפער. פאַר אונז מעג זיך זיין אַ פערגעניגען צו פערברענגען אַ פּאָר שעה אויף אַ פערזאַמלונג, אָבער פאַר אַ מענשען, וועמעס ארבייטס־טאָג פאַנגט זיך אָן פינף אָדער זעקס אַ זייגער אין־דער־פריה, מוזען די דאָזיגע פּאָר שעה אָבגעריסען ווערען פון דער נויטיגער רוה.

איך האָב געפיהלט די דאָזיגע איבערגעבענהייט ווי אַ שטענדיגען פאָרוואורף. איך האָב געזעהן ווי געשפּאַנט די ארבייטער זיינען געווען זיך צו לערנען, און ווי טרויעריג ווענינ עס זיינען געווען יענע, וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָגען זיי צו העלפען. איך האָב געזעהן ווי שטאַרק די ארביי־טענדע מאַסען האָבען זיך גענויטיגט אין דער הילף פון מענשען, וואָס בעזיצען בילדונג און פרייע צייט, אין זייער שטרעבען אויסצובריייטען און צו ענטוויקלען די אָרגאַניזאַציע; אָבער ווענינ זיינען געווען די, וואָס זיינען זיי געקומען צו הילף, אָהן דער אַבזיכט צו שלאָגען קאַפּיטאַל פון אָט דער אייגענער הילפלאָזיגקייט פון דעם פאָלק! אַלץ מעהר און מעהר האָב איך אָנגעהויבען פיהלען, אַז עס איז מיין פליכט צו וואַרפען מיין גורל מיט זיי. סטעפּניאַק זאָגט, אין זיין „קאַריערע פון אַ ניהיליסט“, אַז יעדער רעוואָלוציאָנער האָט געהאַט אַ מאָמענט אין זיין לעבען, ווען אַ געוויסער אומשטאַנד, וואָס האָט געקענט זיין גאַנץ אונוויכטיג פאַר זיך אַליין, האָט איהם מיטגעבראַכט צו שווערען זיין שבועה אָבצוגעבען זיך פאַר דער זאַך פון דער רעוואָלוציע. איך קאָן דעם דאָזיגען מאָמענט; איך האָב איהם דורכגעלעבט נאָך אייגער פון די פערזאַמלונגען אין דעם טעמפּעל „יוניק“, ווען איך האָב שטאַרקער ווי ווען־עס־איז פריהער דער־פיהלט ווי פייג עס זיינען די געבילדעטע מענשען, וואָס קענען זיך ניט ענטשליסען צו שטעלען זייער בילדונג, זייער וויסענשאַפט, זייער ענערגיע אין דיענסט פון יענע, וועלכע נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק אין זייער בילדונג און ענערגיע. „אָט זיינען מענשען“, האָב איך צו זיך געזאָגט, „וועלכע זיינען בעוואוסטזיניג וועגען זייער קנעכטשאַפט, וועלכע ארבייטען צו בעפרייען זיך פון איהר; אָבער וואו זיינען די העלפערס? וואו זיינען די, וואָס וועלען קומען דיענען די מאַסען — ניט אויסצוניצען זיי פאַר זייערע אייגענע אַמביציעם?“

ביסלעכווייז אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען אריינ'גנב'ענען ביי מיר אין מוח געוויסע צווייפלען מכח דער ריכטיגקייט פון דער אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין דעם טעמפּעל „יוניק“. איין נאַכט איז אַ געוויסער גוט־בעקאַנטער זשענעווער אדוואָקאַט, הערר א—, געקומען

צו א פערזאמלונג און האָט ערקלערט, אז אויב ער איז ביז אהער ניט צו־געשטאַנען צו דער אסאָציאַציע איז עס געווען דערפאר, וואָס ער האָט צוערשט געמוזט איינאָרדנען זיינע אייגענע געשעפטליכע אנגעלעגענהיי־טען; און אזוי ווי דאָס האָט זיך איהם איצט איינגעגעבען, איז ער געקו־מען זיך אָנשליסען אָן דער ארבייטער בעוועגונג. איך האָב זיך געפיהלט בעליידיגט פון דער דאָזיגער צינישער ערקלערונג, און ווען איך האָב איבערגעגעבען מיינע געדאַנקען צו מיין פריינד דעם שטיין־מויערער, האָט ער מיר ערקלערט, אז דער דאָזיגער הערר, וועלכער איז דורכגעפאַלען ביי די פריהערדיגע וואהלען, ווען ער האָט גענוצט די שטיצע פון דער ראדי־קאַלער פארטיי, האָפט איצט ערוועהלט צו ווערען דורך דער הילפע פון די ארבייטער שטימען. „דערווייל נעהמען מיר אָן זייערע דיענסטע", האָט מיין פריינד געענדיגט, „אָבער ווען די רעוואָלוציע וועט קומען, וועט אונזער ערשטער שריט זיין זיי אָלעמען צו בעזייטיגען."

דערנאָך איז געקומען א גרויסע פערזאמלונג, צוזאמענגערופען אין איילענים, צו פּראָטעסטירען, ווי עס האָט געהייסען, געגען די פערלוימ־דונגען פון דעם „זשורנאַל דע זשענעוו". דער דאָזיגער אָרגאַן פון די בעזי־צענדע קלאַסען אין זשענעווא האָט געוואגט צו בעהויפּטען, אז אין דעם טעמפּעל „יוניק" קומט פאָר עפּעס בייזעס, און אז די בוי־פאַכען געהען נאָכאמאָל מאכען אָן אלגעמיינעם סטרייק, אזעלכען ווי זיי האָבען געמאכט אין 1869. די פיהרער פון טעמפּעל יוניק האָבען פּעררופען די פערזאמ־לונג. טויזענדער ארבייטער האָבען אָנגעפילט דעם זאַל, און אוטין האָט פון זיי פערלאַנגט זיי זאָלען פאסען א רעזאָלוציע, פון וועלכע די ווערטער זיינען מיר פאָרגעקומען זעהר מאָדנע: זי האָט אויסגעדריקט א שאַרפען פּראָטעסט קעגען דער אונשעדליכער בעהויפּטונג, אז די ארבייטער קליי־בען זיך צו סטרייקען. „פאַר וואָס זאָל די דאָזיגע בעהויפּטונג בעצייכענט ווערען אַלס א פערלוימדונג?" האָב איך זיך געפרעגט. „איז עס דען א פערברעכען צו סטרייקען?" אוטין האָט דערווייל אין איילענים געענדיגט א קורצע רעדע, וועלכע האָט אונטערשטיצט זיין רעזאָלוציאָן מיט די ווערטער, „אויב איהר בירגער זיינט מיט מיר איינשטימיג, וועל איך איהר גלייך אוועקשיקען אין דער פּרעסע". ער האָט שוין געוואָלט פערלאָ־זען די פּלאַטפאָרמע, בעת אימיצער אין זאַל האָט פאָרגעשלאָגען, אז עס וואָלט ניט געווען אויס'ן וועג מען זאָל די זאַך דיסקוטירען. דאַן זיינען אויפגעשטאַנען די פערטרעטער פון אלע צווייגען פון דעם בוי־פאַך, און איינער נאָכ'ן אַנדערען האָבען זיי ערקלערט, אז דער לוין איז אין דער לעצטער צייט געוואָרען אזוי קליין, אז עס איז קוים גענוג אויף צו מאכען א לעבען; אז מיט דעם אָנקומען פון פריהלינג זיינען דאָ אויסזיכטען אויף

גענוג ארבייט, מיט וואס זיי האבען בדעה זיך צו בענוצען, כדי צו פערגרעסערען זייערע שכירות; און אז אויב מען וועט זיך ענטזאגען צו הערערען דעם לוין, האבען זיי בדעה אנצופאנגען אן אלגעמיינעם סטרייק.

איך בין געוועזען אן אויפגעקאכטער, און אויף מארגען האב איך שארף אויסגערעדט אוטין׳ען פאר זיין האלטונג. „אלס א פיהרער", האב איך איהם געזאגט, „איז עס געוועזען דיין פליכט צו וויסען, אז מען האט ווירקליך גערעדט וועגען א סטרייק". זייענדיג גאנץ נאאיוו האב איך זיך גאר ניט אנגעשטויסען אויף די אמת׳ע מאטיווען פון די פיהרער, און עס איז געוועזען אוטין אליין, וועלכער האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז א סטרייק אין יענער צייט וואלט געוועזען זעהר ערדליך פאר דער ערוועהלונג פון דעם אדוואקאט הערר א—.

איך האב באין אופן ניט געקענט צוזאמענפארען דעם דאזיגען ציהען־די־דראטען פון די פיהרער מיט די פייערדיגע רעדעס, וואס איך האב פון זיי געהערט פון דער פלאטפארמע. איך האב זיך געפיהלט ענטמוטהיגט, און איך האב גערעדט מיט אוטין׳ען וועגען מיין אבזיכט זיך צו בעקענען מיט דער צווייטער סעקציע פון דער אינטערנאציאנאלער אסאציאציע אין זשענעווא, וועלכע איז געוועזען בעקאנט אלס די באקוניסטישע. דער נאמען „אנארכיסט" איז דאן ניט פיעל געברויכט געווארען. אוטין האט מיר באלד געגעבען א רעקאמענדאציאנס־בריעף צו א צווייטען רוס, ניקאליי זשוקאווסקי, וועלכער האט געהערט צו יענער סעקציע, און, קוקענדיג מיר גלייך אין געזיכט, האט ער מיט א זיפץ צוגעגעבען, „נון, דו וועסט זיך שוין צו אונז מעהר ניט אומקעהרען; דו וועסט שוין פערבלייבען מיט זיי". ער האט ריכטיג געטראפען.

IX

איך בין צוערשט אוועק אין ניישאטעל, און דאן האב איך פערבראכט אונגעפעהר א וואך צווישען די זייגער־מאכער אין די יורא־בערג. איך האב אויף אזא אופן געמאכט מיין ערשטע בעקאנטשאפט מיט דער בעריהמטער יורא־פעדעראציע, וועלכע האט פאר די נעקסטע עטליכע יאהר געשפיעלט א וויכטיגע ראלע אין דער ענטוויקלונג פון דעם סאציאליזם, אריינברענגענדיג אין איהם די קיין־הערשאפטדיגע, אדער אנארכיסטישע טענדענץ.

אין 1872 האט די יורא־פעדעראציע אנגעהויבען ווערען ווידערשפעניג קעגען דער אויטאריטעט פון דעם גענעראל־ראטה פון דער אינטערנא־

ציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָציאַציע. די אַסאָציאַציע אין איהר תוך איז געווען אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, די אַרבייטער האָבען איהר אויפגעפאַסט אַלס אַן אַרבייטער בעוועגונג און ניט אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. אין מזרח־בעלגיען, צום ביישפּיעל, האָבען זיי אַריינגעבראַכט אין די סטאַטוטען אַ זאַץ, לויט וועלכען קיינער האָט ניט געקענט זיין קיין מיטגליעד פון אַ סעקציע, סיידען ער איז געווען בעשעפטיגט אין אַ געוויסער האַנד־אַרבייט פאַך; זאָגאַר ווערק־מייסטערס זיינען געווען אויסגעשלאָסען.

די אַרבייטער זיינען נאָך דערצו געווען פעדעראַליסטען אין פּרינציפּ. יעדע נאַציאָן, יעדער בעזונדערער ראַיאָן, און אפילו יעדער לאָקאַלע סעקציע האָט געמוזט איבערגעלאָזט ווערען פריי זיך צו ענטוויקלען אויף איהר אייגענעם וועג. אָבער די מיטעלקלאַס רעוואָלוציאָנערען פון דער אַלטער שולע, וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, זייענדיג דורכדרונגען מיט די בעגריפען פון צענטראַליזירטע, פּיראַמידאַלע געהיימע אָרגאַניזאַציעס פון די פריהערדיגע צייטען, האָבען דיזעלבע בעגריפען אַריינגעטראָגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע. אויסער די פעדעראַלע און נאַציאָנאַלע ראַטהען, האָט מען בעשטימט אַ גענעראַל־ראַטה אין לאָנדאָן, וועלכער זאָל פיגורירען אַלס אַ מין פערמיטלער צווישען די פערשיידענע נאַציאָנאַל־ראַטהען. מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען זיינע לייטענדע גייסטער. עס האָט זיך אָבער גאָר גיך אַרויסגעצייגט, אַז נור דער פאַקט אַליין, וואָס מען האָט געהאַט אַזאַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, איז געוואָרען אַ קוואַל פון גרויסע אונבעקוועמליכקייטען. דער גענעראַל־ראַטה איז ניט געווען צופריעדען מיט שפּיעלען די ראָלע פון אַ קאָרעספּאָנדענץ־ביוראָ; ער האָט געשטרעבט צו בעהערשען די בעוועגונג, גוטהייסען אָדער טאַדלען די האַנדלונגען פון די לאָקאַלע פעדעראַציעס און סעקציעס, און אפילו פון די איינצעלנע מיטגליעדער. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער קאָמונע־אויפשטאַנד אין פּאַריז — און „די פיהרער האָבען נאָר געהאַט נאָכצופאָלגען", ניט זייענדיג ביכולת צו זאָגען וואו זיי וועלען זיך געפינען אין די נעקסטע פיער־און־צוואַנציג שטונדען — האָט דער גענעראַל־ראַטה געוואָלט ניט אַנדערש, אַז ער זאָל לייטען דעם אויפשטאַנד פון לאָנדאָן. ער האָט געפאָדערט טעגליכע בעריכטען פון די פּאַסירונגען, ער האָט געגעבען בעפעהלען, איין זאַך איז איהם געפעלען, אַן אַנדער זאַך האָט ער געשטערט, און האָט אויף אַזאַ אופן בעוויזען די שעדליכקייט פון אַ הערשענדער קערפּערשאַפט אפילו אין דער אַסאָציאַציע. די שעדליכקייט פון דעם האָט זיך נאָך מעהר אַרויסגעצייגט, ווען אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין 1871, האָט דער גענעראַל־ראַטה, אונטערשטיצט פון עטליכע דעלעגאַטען,

בעשלאָסען צו פערווענדען די קרעפטען פון דער אַסאָציאַציע אויף דער וואהל־אַגיטאַציע. דאָס האָט געמאַכט מענשען נאָכצודענקען וועגען די איבלען פון יעדער רעגיערונג, ווי דעמאָקראַטיש עס זאָל ניט זיין איהר אורשפּרונג. דאָס איז געווען דער ערשטער אַנאַרכיסטישער פונק. די יוראַ־פעדעראַציע איז געוואָרען דער צענטער פון אָפּאָזיציע געגען דעם גענעראַל־ראַטה.

די אָבזונדערונג צווישען די אַרבייטער און פיהרער, וואָס איך האָב בעמערקט אין זשענעוואַ אין דעם טעמפּעל יוניק, האָט אין די יוראַ בערג ניט עקזיסטירט. עס זיינען דאָרט געווען אַ צאָהל מענשען אינטעליגענ־טערע און איבערהויפּט טהעטיגערע איידער די אַנדערע; דאָס איז געווען דער גאַנצער חילוק צווישען זיי. דזשיימס גיליאָם, איינער פון די העכסט אינטעליגענטע און בריית־געבילדעטע מענשען, וואָס איך האָב ווען בעגעג־נענט, איז געווען אַ קאָרעקטאָר און פערוואַלטער פון אַ קליינער דרוקעריי. זיינע פערדיענסטען פון דער דאָזיגער שטעלע זיינען אָבער געווען אַזוי קליין, אַז ער האָט געמוזט פערברענגען זיינע נעכט אויף איבערזעצען נאָוועלען פון דייטש אין פראַנצויזיש, פאַר וואָס מען האָט איהם געצאָהלט אַכט פראַנק פאַר זעכצעהן זייטען!

ווען איך בין אָנגעקומען אין ניישאַטעל, האָט ער מיר געזאָגט אַז צו זיין בעדויערען איז ער אַזוי פערנומען, אַז ער קען אפילו ניט אָבשפּאָרען אַ שטונדע זיך פריינדליך דורכצורעדען. יענעם נאָכמיטאָג האָט מען גראָד אין דער דרוקעריי אַרויסגעגעבען דעם ערשטען נומער פון אַ לאָקאַלער צייטונג, און אויסער זיינע געוועהנליכע פליכטען אַלס קאָרעקטאָר און מיט־רעדאַקטאָר, האָט ער נאָך געהאַט אָנצושרייבען אַ טויזענד אַדרעסען, וואו די ערשטע דריי נומערען פון דער צייטונג האָבען געזאָלט געשיקט ווערען, און אַליין איינוויקלען די צייטונגען.

איך האָב זיך אָנגעשלאָגען איהם העלפען שרייבען די אַדרעסען, אָבער דאָס איז ניט מעגליך געווען, וואָרים ער האָט די אַדרעסען געהאַט אָדער אויפ׳ן קאָפּ אָדער פערשריבען אויף שטיקלעך פּאַפּיר מיט אַ כתב, וואָס איז אונמעגליך געווען צו לעזען.... „אויב אַזוי", האָב איך געזאָגט, „וועל איך אַריינקומען נאָכמיטאָג אין דער דרוקעריי פערוויקלען די צייטונגען, און איהר וועט מיר שענקען די צייט, וואָס איהר וועט זיך דורך דעם איינשפּאָרען".

מיר האָבען זיך איינער דעם אַנדערען פערשטאַנען. גיליאָם האָט וואַרעם געדריקט מיין האַנד, און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אונזער פריינדשאַפט. מיר האָבען פערבראַכט דעם גאַנצען נאָכמיטאָג אין דער

דרוקעריי, ער שרייבענדיג די אדרעסען, איך פערקלעפענדיג די באנדראָלען און א פראנצויזישער קאָמונאר, וועלכער איז געווען א זעצער, האָט די גאנצע צייט מיט אונז געשמועסט, זעצענדיג האסטיג א נאָוועלע און דורכ־וואָרפענדיג אין זיין געשפּרעך די זעצע פון דער נאָוועלע, וועלכע ער האָט זעצענדיג געלייענט אין דער הויך.

„דער קאמפּף אין די גאסען", האָט ער דערצעהלט, „איז געוואָרען זעהר שטארק"... „מיין טהייערע מארי, איך ליעב דיך"... „די ארבייטער זיינען געווען וויטהענד און האָבען געקעמפּפט ווי די לייבען אויפ'ן מאָנטמארטר".... „און ער איז געפאלען פאר איהר אויף די קניע"... „און דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטען גאנצע פיער טעג. מיר האָבען געוואוסט אז גאליפע דערשיסט אלע געפאנגענע — אלץ שרעקליכער איז געווען דער קאמפּף", און ער האָט ווייטער אזוי דערצעהלט, געשווינד כאפּענדיג די בוכשטאבען פון קאסטען.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָבענד, ווען גיליאָם האָט אויסגעטהאָן זיין ארבייטס־בלוזע און מיר זיינען ארויסגעגאנגען פאר א פּאָר שטונדען זיך פריינדליך דורכצושמועסען; דערנאָך האָט ער זיך ווידער געמוזט נעהמען פאר זיין ארבייט אלס רעדאקטאָר פונ'ם „בולעטין" פון דער יורא פעדעראציע.

אין ניישאטעל האָב איך זיך אויך בעקאָנט מיט מאלאָן. ער איז געבאָרען געוואָרען אין א דערפעל, און אין זיין קינדהייט איז ער געווען א פאסטוך. שפּעטער איז ער געקומען אין פּאריז, האָט זיך אויסגעלערענט א מלאכה — קערב־פלעכטעריי — און, פּונקט ווי דער בוכבינדער וואַרלען און דער טישלער פינדי, מיט וועמען ער האָט צוזאמען געהערט צו דעם אינטערנאציאָנאל, איז ער געוואָרען גוט־בעקאנט אלס איינער פון די לייטענדע גייסטער פון דער אסאָסיאציע, בעת זי איז פערפאָלגט געוואָרען אין 1869 פון נאפּאָליאָן דעם 3טען. אלע דריי האָבען זיי פּאָלשטענדיג געוואונען די הערעצער פון די פּאריזער ארבייטער, און ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער קאָמונע־אויפשטאנד, זיינען זיי ערוועהלט געוואָרען אלס מיטגליעדער פון דעם קאָמונע־ראטה, אלע דריי קריגענדיג א געוואלדיגע צאָהל שטימען. מאלאָן איז אויך געווען מאיאָר פון איינעם פון די פּאריזער „אראָנדיסמענטען". איצט, אין דער שווייץ, האָט ער פערדיענט זיין חיונה אלס א קאָרב־מאכער. פאר א קליינער סומע א מאָנאט האָט ער זיך געדונגען א קליינע אָפענע ביידעל אויסער דער שטאָדט, אויף דער זייט פון א בארג, פון וועלכען ער האָט אין דער צייט פון זיין ארבייט געקענט געניסען דעם ברייטען אָנזיכט פון דער אָזערע פון ניישאטעל. ביי נאכט האָט ער געשריבען בריעף, א בוך וועגען דער קאָמונע, קורצע אר־

טקלען פאַר די אַרבייטער צייטונגען — און אַזוי איז ער געוואָרען אַ שרפטשטעלער. יעדען טאָג בין איך געגאַנגען איהם זעהן און הערען וואָס דער דאָזיגער ברייט־פּנים'דיגער, האָרעפּאַסנער, אַביסעל פּאָעטישער, רוהיגער און העכסט גוטהערציגער קאָמונאַר האָט מיר געהאַט צו דער־צעהלען וועגען דעם אויפשטאַנד אין וועלכען ער האָט גענומען אַ בעדייד־טענדען אַנטייל, און וועלכען ער האָט נאָר־וואָס געשילדערט אין אַ בוך, „די דריטע ניעדערלאַגע פון דעם פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט“.

איין, אין־דער־פריה, ווען איך האָב אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג און בין צוגעקומען צו זיין ביידעל, האָט ער מיך בעגעגענט שטראַהלענדיג פון פרייד מיט די ווערטער: „איהר ווייסט, פינדי לעבט! אַט איז אַ בריעף פון איהם; ער איז אין דער שווייץ“. מען האָט גאָר ניט געהאַט געהערט פון פינדי'ן זייט מען האָט איהם דאָס לעצטע מאָל געזעהן דעם 25טען אָדער דעם 26טען מאַי אין די טולעריען, און מען האָט איהם געהאַלטען פאַר טויט, בעת אין דער ווירקליכקייט איז ער ערגעץ געווען בעהאַלטען אין פּאַריז. און אין דער צייט וואָס מאַלאָן'ס פינגער האָבען זיך געהאַלטען אין שפּיעלען מיט די וויצקעס, אויספלעכטענדיג פון זיי אַן עלעגאַנטען קאָרב, האָט ער מיר דערצעהלט מיט זיין רוהיגער שטימע, וועלכע פלעגט נאָר צייטענווייז אַ ציטער טהאָן, וויפיעל מענשען עס זיינען דערשאָסען געוואָרען פון די ווערסאַילער סאָלדאַטען אויף דעם פערדאַכט אַז זיי זיינען געווען פינדי, וואַרלען, ער אַליין (מאַלאָן), אָדער עפּעס אַן אַנדער פיהרער. ער האָט מיר דערצעהלט וואָס ער האָט געוואוסט וועגען דעם טויט פון וואַרלען, דעם בוכבינדער, וועמען די פּאַריזער אַרבייטער האָבען פערגעטערט, אָדער פון דעם אַלטען דעלעקלוז, וועלכער האָט ניט געוואָלט איבערלעבען די ניעדערלאַגע, און פון פיעלע אַנדערע. ער האָט געשילדערט די שוידערליכקייטען וואָס ער האָט צוגעזעהן אין דער צייט פון יענעם בלוטיגען קאַרנאַוואַל, מיט וועלכען די רייכע קלאַסען פון פּאַריז האָבען געפייערט זייער אומקעהרען זיך אין דער הויפּטשטאָדט, און ווי דער גייסט פון נקמה האָט דורכגענומען די מאַסען, געפיהרט פון פּאָול רוגאָל, וועלכע האָבען היינגעריכטעט די פערזאָנען, וואָס די קאָמונע האָט געהאַלטען אַלם משכון.

זיינע ליפּען האָבען געצוקט בעת ער האָט גערעדט פון די העלדיש־קייטען פון די קינדער; און ער איז אין גאַנצען צוזאַמענגעבראָכען, בעת ער האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון יענעם אינגעל וועמען די ווער־סאַילער האָבען געהאַלטען ביים דערשיסען, און וועלכער האָט געבעטען דעם אָפיציר'ס ערלויבניס פריהער אָבצוגעבען אַ זילבערנעם זייגער, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט, צו זיין מוטער, וועלכע האָט געוואוינט ניט וויים

פון דאָרט. דער אָפיציר, אונטערגעבענדיג זיך פאַר אַ מאָמענט דעם געפיהל פון רחמנות, האָט דעם אינגעל געלאָזט געהן, האָפענדיג ווי עס ווייזט אויס, אַז ער וועט מעהר ניט צוריקקומען. אָבער אין אַ פערטעל שעה־אַרום איז דער אינגעל געוועזן צוריק און, פערנעהמענדיג זיין פּלאַץ צווישען די געפאַלענע ביי דער וואַנד, האָט ער אויסגערופען: „איך בין גרייט!“ צוועלף קוילען האָבען געמאַכט אַ סוף צו זיין יונגען לעבען.

איך דענק אַז איך האָב קיינמאָל אַזוי פיעל ניט געליטען ווי בעת איך האָב געלייענט יענעם שרעקליכען בוך, „לע ליווער רוזש דע לאַ זשיס־טיס ריראַל“ („דאָס רויטע בוך פון דער לאַנד־גערעכטיגקייט“), וועלכער האָט ענטהאַלטען ניט מעהר ווי אויסציגע פון די בריעף פון די קאָרעס־פּאָנדענטען פון „סטאַנדאַרד“, „דעילי טעלעגראַף“ און „טיימז“, וואָס זיינען געווען געשריבען אין פּאַריז אין די לעצטע טעג פון מאַי 1871, שילדע־רענדיג די שוידערהאַפטע טהאַטען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען פון דער ווערסאַילער אַרמעע אונטער גאַליפע'ען, און וואו עס זיינען אויך איבערגעגעבען געוואָרען אייניגע שטעלען פון דער פּאַרייער „פיגאַראָ“, וואָס זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ בלוטדורשטיגען גייסט געגען די אינ־סורגענטען. לייענענדיג די דאָזיגע בלעטער האָב איך אין גאַנצען פערלאָ־רען די האָפנונג אויף דער מענשהייט, און איך וואָלט געבליבען אַזוי פער־צווייפעלט, ווען איך וואָלט שפּעטער ניט געפונען אין יענע מענשען פון דער בעזיעגטער פּאַרטיי, וועלכע האָבען אַליין דורכגעלעבט די אַלע שרע־קענס, יענע אַבוועזענהייט פון האַס, יענעם פערטרויען אין דעם ענדליכען טריאומף פון זייערע אידעען, יענעם רוהיגען, אָבוואָהל טרויעריגען בליק געריכטעט צו דער צוקונפט, יענע גרייטקייט צו פערגעסען דעם קאָשמאַר פון דער פערגאַנגענהייט, וואָס איך האָב בעמערקט ביי מאַלאָן'ען און במעט טהאַטזעכליך ביי אַלע פליכטלינגע פון דער קאָמונע, וועלכע איך האָב געטראָפען אין זשענעוואַ, — און וואָס איך געפין נאָך ביי לואיזע מישעל, לעפראַנס, עליזע רעקלו, און אַנדערע פריינד.

פון נײַשאַטעל בין איך אַריבער אין סאָנוויליער. אין אַ קליינעם טהאָל אין די יוראַ בערג איז פאַראַן אַ גאַנצע רייהע פון שטעדטלעך און דערפלעך, פון וועלכע די פראַנצויזיש־רעדענדע בעפעלקערונג איז אין יענער צייט אינגאַנצען געווען בעשעפטיגט אין די פערשיידענע צווייגען פון זייגער־מאַכעריי. גאַנצע פאַמיליען פלעגען אַרבייטען אין קליינע ווערקשטאַטען. אין איינער פון זיי האָב איך געטראָפען אַן אַנדער פיהרער, אַדהעמאַר שוויטצגעבעל, מיט וועמען איך בין שפּעטער אויך געוואָרען נאָהענט בעפריינדעט. ער איז געזעסען צוזאַמען מיט אַ דוצענד יונגע לייט, וועלכע האָבען גראַווירט דעקלעך פון גאָלדענע און זילבערנע זייי־

נערס. מען האָט מיך איינגעלאַדען זיך זעצען אויף אַ בענקעל אָדער אויף אַ טיש, און אין גיכען זיינען מיר אַלע געווען פערטהאָן אין אַ געשפּרעך וועגען סאָציאַליזם, רעגיערונג אָדער ניט־רעגיערונג, און די קומענדע קאָנגרעסען.

אין אָבענד האָט געבושעוועט אַ שנעע־שטורעם; מיר זיינען שיער אָהן אויגען געבליבען, און דאָס בלוט איז אונז אין די אָדערען פערפראָ־רען געוואָרען, דערשלאָגענדיג זיך צו דעם נעקסטען דאָרף. אָבער ניט קוקענדיג אויף'ן שנעע־שטורעם זיינען זיך צונויפגעקומען פון די ארומיגע דערפער אַן ערך פופציג זייגער־מאַכער, מייסטענס עלטערע מענשען — מאַנכע האָבען געהאַט צו געהן אַ מהלך פון וואָסערע זיעבען מייל — אנטיילצונעהמען אין אַ קליינער ניט־אָפיציעלער פערזאַמלונג, וואָס איז געווען איינגערופען פאַר יענעם אבענד.

די אָרגאַניזאַציע גופא פון דעם זייגער־פאַך, וואָס מאַכט מעגליך אַז מענשען זאָלען זיך איינער דעם אַנדערען געבען קענען און זאָלען ארביי־טען אין זייערע הייזער, וואו זיי קענען פריי רעדען, ערקלערט שוין ווארום דער גראַד פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון יענער בעפעלקע־רונג איז אַ העכערער ווי פון די ארבייטער, וועלכע פערברענגען דעם גאַנצען לעבען פון זייער פריהער קינדהייט אָן אין די פאַבריקען. ביי די ארבייטער פון די קליינע פאַכען איז פאַראַן מעהר זעלבסטשטענדיגקייט און מעהר אָריגינאַליטעט. אָבער דאָס וואָס עס איז קיין אָבזונדערונג ניט געווען צווישען די פיהרער און די מאַסען אין דער יורא פעדעראַציע, איז אויך געווען דער גרונד, פאַר וואָס עס איז ניט געווען קיין פראַגע, וועגען וועלכער יעדער מיטגליעד פון דער פעדעראַציע זאָל ניט האָבען געשטרעבט צו פאָרמירען זיין אייגענע מיינונג. דאָ האָב איך געזעהן, אַז די ארבייטער זיינען ניט געווען אַ מאַסע, וואָס ווערט געפיהרט און ווערט געשטעלט אין דיענסט פאַר די פּאָליטישע ציעלען פון עטליכע מענשען; זייערע פיהרער זיינען איינפאַך געווען זייערע טהעטיגערע חברים — זיי זיינען ניכער געווען איניציאַטאָרס איידער פיהרער. די קלאָרקייט פון בעטראַכ־טען אַ זאַך, די ריכטיגקייט פון אורטיילען וועגען עפּעס, די פעהיגקייט פונאַנדערצופלאָנטערען קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פראַגען, וואָס איך האָב בעמערקט ביי די דאָזיגע ארבייטער, דערהויפּט ביי די וואָס זיינען געווען אין די מיטעלע יאָהרען, האָבען אויף מיר געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק; און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז אויב די יורא פעדעראַציע האָט געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם, איז עס ניט נאָר צוליעב דער וויכטיגקייט פון די הערשאַפטלאָזע און פעדע־ראַליסטישע אידעען, פון וועלכע זי איז געווען די פאָרקעמפּפערין, נאָר

אויף צוליעב דעם אויסדרוק, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו די דאָזיגע אידעען פון דעם געזונדען פערשטאַנד פון די זייגער־מאַכער פון דער יורא. אָהן זייער הילף וואָלטען די דאָזיגע בעגריפען פיללייכט געבליבען פאַר א לאַנגער צייט ניט מעהר ווי אבסטראַקציעס.

די טהעאָרעטישע אַנזיכטען פון אַנאַרכיזם, ווי זיי האָבען דאָן אָנגע־הויבען אויסגעדריקט צו ווערען אין דער יורא פעדעראַציע, ספּעציעל פון באַקונינ׳ען; די קריטיק אויפ׳ן שטאַאַט־סאָציאַליזם — די מורא פאַר אַן עקאָנאָמישען דעספּאָטיזם, וואָס איז פיעל מעהר געפעהרליכער ווי דער ריינער פּאָליטישער דעספּאָטיזם — וואָס איך האָב דאָרט געהערט פאָרמו־לירענדיג; און דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון דער אַגיטאַציע, האָבען שטאַרק אַפּעלירט צו מיין שכל. אָבער די גלייכהייטליכע בעציי־הונגען, וואָס איך האָב געטראָפען אין די יורא־בערג, די זעלבסטשטענ־דיגקייט פון דענקען און אויסדרוק, וואָס איך האָב געזעהן ענטוויקלען זיך ביי די אַרבייטער, און זייער אונבעגרענעצטע איבערגעבענהייט צו דער זאַך, האָבען נאָך שטאַרקער אַפּעלירט צו מיינע געפיהלען. און ווען איך בין אַוועק פון די בערג, האָבענדיג פערבראַכט א וואָך מיט די זייגער־מאַכער, זיינען מיינע אַנזיכטען איבער׳ן סאָציאַליזם געוועזען בעשטימטע. איך בין געוועזען אַן אַנאַרכיסט.

א רייזע וואָס איך האָב דערנאָך געמאַכט אין בעלגיען, וואו איך האָב נאָכאַמאָל געהאַט די מעגליכקייט צו פערגלייכען די צענטראַליזירטע פּאָליטישע אַגיטאַציע אין ברוסעל מיט דער עקאָנאָמישער און אונאָב־הענגיגער אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישען די טוך־אַרבייטער אין ווערוויער, האָט נאָר פערשטאַרקט מיינע אַנזיכטען. די דאָזיגע טוך־אַרבייטער זיינען געוועזען איינע פון די העכסט סימפּאַטישע בעפעלקערונ־גען, וואָס איך האָב ווען עס איז בעגעגענט אין מערב־אייראָפּא.

X

באַקונין איז צו יענער צייט געוועזען אין לאָקאַרנאָ. איך האָב איהם ניט געזעהן, און איצט טהוט עס מיר זעהר שטאַרק לייד, וואָרים ווען איך בין מיט פיער יאָהר שפּעטער צוריקגעקומען אין דער שווייץ, איז ער שוין געוועזען טויט. ער איז עס געוועזען, וועלכער האָט געהאָלפען די פריינד פון דער יורא קלאָר מאַכען זייערע אידעען און פאָרמולירען זייערע שטרע־בונגען; ער איז עס געוועזען, וואָס האָט זיי בעגייסטערט מיט זיין מעכ־טיגען, פלאַמענדען, אונווידערשטעהליכען ענטהוזיאַזם. אַזוי גיך ווי ער

האָט בעמערקט, אַז אַ קליינע ציימונג, וועלכע גיליאַם האָט אָנגעהויבען רעדאַקטירען אין די יורא בערג (אין לאָקל), האָט געגעבען אַ נייעם טאָן פון זעלבסטשטענדיגע געדאַנקען אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, איז ער אריבערגעקומען אין לאָקל. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט ער גערעדט צו זיינע נייע פריינד וועגען דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט פון אַ נייעם צוג אין דער אַנאַרכיסטישער ריכטונג; ער האָט פאַר יענער ציימונג געשריבען אַ רייהע פון גרינדליכע און אויסגעצייכענטע אַרטיקלען וועגען דעם היסטאָרישען פּראָגרעס פון דער מענשהייט צו פרייהייט; ער האָט אריינגעבלאָזען ענטהוזיאַזם אין זיינע נייע פריינד, און ער האָט געשאַפען יענעם צענטער פון פּראָפּאַגאַנדאַ, פון וואַנען דער אַנאַרכיזם האָט זיך שפּעטער פערשפּרייט אין די איבעריגע טיילען פון אייראָפּאַ.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אריבערגעקליבען אין לאָקארנאָ — פון וואַנען ער האָט אָנגעהויבען אַן ענליכע בעוועגונג אין איטאַליען און, דורך זיין סימפּאַטישען און בעגאַבטען מיטהעלפער, פאַנעלי, אויך אין שפּאַניען — איז די אַרבייט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעפאַנגען אין די יורא בערג, פאָרטגעזעצט געוואָרען זעלבסטשטענדיג פון די יורא־מענשען גופא. דער נאָמען „מיכעל" איז זעהר אָפט דערמאָנט געוואָרען אין זייערע געשפּרעכען — אָבער ניט ווי פון אַן אָבוועזענדען עלטסטען, וועמעס מיינונגען עס וועלען בעטראַכט ווי געזעצען, נאָר ווי פון אַ פּערזענליכען פריינד, פון וועמען יעדער איינער האָט גערעדט מיט ליעבע, אין אַ חבר׳־שאַפטליכען זין. וואָס מיר איז אַם מייסטען אויפגעפאַלענד געוועזען איז דאָס, וואָס באַקונין׳ס איינפלוס האָט זיך געלאָזט פיהלען פיעל ווייניגער אַלס דער איינפלוס פון אַן אינטעלעקטועלער אויטאָריטעט, איידער פון אַ מאָראַלער פּערזענליכקייט. אין געשפּרעכען וועגען אַנאַרכיזם, אָדער וועגען דער שטעלונג פון דער פעדעראַציע, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט זאָגען, „באַקונין האָט אַזוי געזאָגט", אָדער „באַקונין דענקט אַזוי", גלייך ווי דאָס וואָלט אָבגעהאַקט די דיסקוסיאָן. וואָס ער האָט געשריבען אָדער געזאָגט איז ניט געוועזען קיין טעקסט, וואָס מען האָט געמוזט געהאָרכען, ווי ס׳איז ליידער אָפט דער פאַל אין פּאָליטישע פּאַרטייען. אין אַלע אַזעלכע אָנגעלעגענהייטען, אין וועלכע דער שכל איז דער העכסטער ריכטער, האָט יעדער איינער אין דער דיסקוסיאָן געברויכט זיינע אייגענע אַרגומענטען. דער אַלגעמיינער געדאַנקענגאַנג און דער תמצית איז פיללייכט געאויסערט געוואָרען פון באַקונין׳ען, אָדער באַקונין האָט עס אפשר געבאָרגט פון זיינע פריינד פון דער יורא — אין יעדען פאַל, האָבען ביי יעדען יחיד די אַרגומענטען בעהאַלטען זייער אייגענעם אינדיווידועלען כאַראַקטער. איין מאָל נאָר האָב איך געהערט אָנרופען באַקונין׳ס נאָמען ווי פון אַן אויטאָ־

ריטעט אין זיך גופא, און דאס איז מיר געווען אזוי שטארק אויפפאלענד, אז איצט נאך געדענק איך דעם ארט, וואו דער געשפרעך איז פארגעקומען, און די גאנצע אומגעבונג. עטליכע יונגע לייט האבען איינמאל פערפיהרט א בחור'שען געשפרעך, אין דער אנוועזענהייט פון פרויען, וואס איז געווען ניט זעהר שמייכעלהאפט פאר דעם שעהנעם געשלעכט, ווען פלוצ־לינג האט איינע פון די אנוועזענדע פרויען געמאכט א סוף צו איהם, אויסרופענדיג: „א שאד וואס מיכעל איז דא ניטא: ער וואלט אייך שוין געוויזען אייער ריכטיגען ארט!" די קאלאסאלע פיגור פון דעם רעוואלו־ציאנער, וועלכער האט אלצדינג אויפגעגעבען צוליעב דער רעוואלוציאן, און האט געלעבט נור פאר איהר, שעפענדיג פון זיין בעגריף פון דער רעוואלוציאן די העכסטע און ריינסטע בעגריפען פון לעבען, האט פארט־געזעצט זיי צו בעגייסטערען.

איך האב זיך אומגעקעהרט פון דער דאזיגער רייזע מיט קלארע סאציאלאגישע אנזיכטען, וועלכע איך האלט ביז היינטיגען טאג, און טהו אלץ וואס איך קען זיי צו ענטוויקלען אין אלץ מעהר בעשטימטע, קאנ־קרעטע פארמען.

איין פונקט איז אבער געווען, וועלכען איך האב ניט געקענט אננעה־מען, ביז וואנען איך האב איהם ניט שטארק איבערגעטראכט און פער־בראכט אויף איהם פיעלע שטונדען פון מיינע נעכט. איך האב קלאר געזעהן, אז פאר דער געוואלדיגער ענדערונג, וואס וועט איבערגעבען אלעס נויטיגע פאר דעם לעבען און דער פראדוקציאן אין די הענד פון דער געזעלשאפט — צי דאס וועט זיין דער פאלקס־שטאאט פון די סאציאלדעמאקראטען, אדער די פעראיינען פון פרייהייטליך פערבונדענע גרופען, ווי די אנארכיסטען נעהמען־אן — וועט נויטיג זיין א פיעל גרינד־ליכערע רעוואלוציע, איידער וועלכע עס איז פון די רעוואלוציעס וואס זיינען פערשריבען אין היסטאריע. נאכמעהר, אין אזא רעוואלוציע וועלען די ארבייטער האבען געגען זיך ניט דעם צופוילטען דור פון אריסטאקרא־טען, קעגען וועמען די פראנצויזישע פויערים און רעפובליקאנער האבען געהאט צו קעמפפען אין דעם לעצטען יאהרהונדערט — און אפילו יענער קאמפף איז געווען א פערצווייפעלטער — נאר די גייסטיג און פיזיש פיעל מעכטיגערע מיטעלקלאססען, וועלכען האבען אין זייער דיענסט דעם גאנצען ארבייטענדען מעכאניזם פון דעם מאדערנעם שטאאט. איך האב אבער באלד איינגעזעהן, אז קיין רעוואלוציע, סיי א פריעדליכע, סיי א געוואלדיגע, איז קיינמאל ניט פארגעקומען איידער די נייע אידעאלען זיינען טיעף איינגעדרונגען אין דעם אייגענעם קלאס גופא, וועמעס

עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּריווילעגיעס עס האָבען געמוזט אָנגעגריפען ווערען. איך האָב צוגעזעהן די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט אין רוס־לאַנד, און איך האָב געוואוסט, אַז ווען די איבערצייגונג אין דער אונגע־רעכטיגקייט פון זייערע פּריווילעגיען וואָלט ניט געווען ווייט פערשפּרייט אין דעם לייבאייגענטימער קלאַס גופא (אַלס אַ פאָלגע פון דער פריהער־דיגער עוואָלוציאָן און די רעוואָלוציאָנען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מערב־אייראָפּאַ), וואָלט די בעפרייאונג פון די לייבאייגענע קיינמאָל ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אַזוי לייכט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין 1861. און איך האָב געזעהן, אַז די אידעע פון דער בעפרייאונג פון די אַרבייטער פון דעם היינטיגען לוין־סיסטעם האָט געמאַכט פאָרטשריט צווישען די מיטעלקלאַסען גופא. די הייסעסטע פערטיידיגער פון די איצ־טיגע עקאָנאָמישע בעדינגונגען האָבען שוין אויפגעגעבען די טענה פון ר ע כ ט, פערטיידיגענדיג זייערע היינטיגע פּריווילעגיען — אָנשטאָט דעם איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע „וואָס וועט ארויסקומען“ פון אַזאַ אָרדנונג. זיי האָבען ניט אָבגעלייקענט די ראַטהזאַמקייט פון אַזאַ מין ענדערונג, זיי האָבען נאָר געפרעגט, צי די נייע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וואָס ווערט פערטיידיגט פון די סאָציאַליסטען וועט ווירקליך זיין בעסער איידער די היינטיגע; צי אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די אַרבייטער וועלען האָבען אַ הערשענדע דעה, וועט זיין ביכולת צו פערוואַלטען די פּראָדוק־ציאָן בעסער איידער די קאַפּיטאַליסטען, וואָס ווערען אָנגעטריבען פון אייגענע אינטערעסען־אויסרעכענונגען, פערוואַלטען עס היינטיגען טאָג.

אחוץ דעם האָב איך אָנגעהויבען ביסלעכווייז פערשטעהן, אַז רעוואָ־לוציאָנען, דאָס הייסט, פּעריאָדען פון געשווינדער עוואָלוציע און געשווינדע ענדערונגען, זיינען פּונקט אַזוי פיעל נאַטירליך פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט, ווי די לאַנגזאַמע עוואָלוציע וואָס געהט איצט אונאויפהערליך אָן צווישען די ציוויליזירטע ראַסען פון דער מענשהייט. און יעדעס מאָל, וואָס אַזאַ פּעריאָדע פון אונטערגעטריבענער עוואָלוציע און גרינדליכער איבערבויאונג הויבט זיך אָן, מוז אויסברעכען אַ בירגער־קריעג אויף אַ קלענערען אָדער גרעסערען מאָס־שטאַב. די פראַגע איז דאַן ניט, ווי אַזוי מען קען אויסמיידען רעוואָלוציעס, נאָר ווי אַזוי מען קען ארויסקריגען די גרעסטע רעזולטאַטען מיט דער קלענסטער מעגליכער מאָס פון בירגער־קריעג, מיט דער קלענסטער צאָהל קרבנות, און מיט וואָס ווייניגער געגענזייטיגע ערביטערונג. פאַר דעם צוועק איז דאָ נור איין מיטעל און דאָס איז, אַז דער אונטערדריקטער טייל פון דער געזעלשאַפט זאָל קריגען דעם מעגליכסט קלאָרסטען בעגריף פון דעם, וואָס ער האָט בדעה צו דערגרייכען, און ווי אַזוי ער וועט עס דערגרייכען, און זיי זאָלען זיין

דורכגעדרונגען מיט דעם ענטהוזיאזם, וועלכער איז נויטיג פאר דעם דאָזיגען אויפטהו. דעמאָלט וועלען זיי זיכער צוציהען צו זייער זאך די בעסטע און די פרישעסטע אינטעלעקטועלע קרעפטען פון דעם פריווילע־גירטען קלאַס.

א שרעקליכער ביישפיעל פון אן אויפשטאַנד, וואָס האָט נאך ניט געהאט קיין בעשטימטע אידעאַלען, איז געווען די פאריזער קאָמונע. ווען די ארבייטער זיינען געוואָרען, אין מערץ 1871, די בעלי־בתים פון דער גרויסער שטאָדט, האָבען זיי ניט אָנגעגריפען די איינגעוואָרצעלטע אייגענ־טומס־רעכטען פון די מיטעלקלאַסען. פערקעהרט, זיי האָבען די דאָזיגע רעכטען גענומען אונטער זייער שוץ. די פיהרערס פון דער קאָמונע האָבען בעשיצט מיט זייערע קערפּערס די נאַציאָנאַל־באַנק, און ניט אכטענדיג אויף דעם קריזיס, וועלכער האָט פאַראַליזירט די אינדוסטריע און א מאַסע ארבייטער זיינען דורך דעם געבליבען אָהן חיונה, האָבען זיי מיט זייערע דעקרעטען בעשיצט די רעכטען פון די אייגענטימער פון די פאַב־ריקען, די געשעפטס־הייזער און די וואוינונגס־הייזער. פון דעסטוועגען, ווען די בעוועגונג איז געווען דערשטיקט, האָבען זיך די מיטעלקלאַסען גאָר ניט גערעכענט מיט דער בעשיידענהייט פון די קאָמונאַלע פאָדע־רונגען פון די אינסורגענטען. אָבלעבענדיג צוויי חדשים אין שרעק, אז די ארבייטער וועלען אָנגרייפען זייערע אייגענטומס־רעכטען, האָבען די רייכע לייט פון פראַנקרייך גענומען ראַכע פון די ארבייטער, פּונקט ווי זיי וואָלטען יאָ געהאט אָנגעגריפען זייערע רעכטען. געגויע דרייסיג טויזענד ארבייטער זיינען געטויטעט געוואָרען, ווי בעוואוסט, ניט אין קאַמפּף, נור נאָכדעם ווי זיי האָבען די שלאַכט געהאט פערלאָרען. ווען די ארבייטער וואָלטען טאַקע געהאט אָנגענומען מיטלען צו פערגעזעלשאַפט־ליכען דאָס אייגענטום, וואָלט די נקמה ניט געקענט זיין קיין שרעקליכערע.

אויב אזוי — איז געווען דער שלוס, צו וועלכען איך בין געקומען — אויב עס גיבען פעריאָדען אין דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווען א קאַמפּף איז אונפערמיידליך, און עס ברעכט אויס א בירגער־קריעג גאַנץ אונאָב־הענגיג פון דעם ווילען פון געוויסע איינצעלנע, — דאַן זאָלען די דאָזיגע קעמפּפע פאָרקומען, לכל הפּחות, ניט צוליעב אונבעשטימטע שטרעבונגען, נאָר פאַר ב ע ש ט י מ ט ע פאָדערונגען; ניט צוליעב זייטיגע פּונקטען, ועמעס אונוויכטיגקייט פערקלענערט פון דעסטוועגען ניט די געוואַלדזאַמ־קייט פון׳ם קאַמפּף, נאָר פאַר ברייטע אידעען, וועלכע בעגייסטערען די מענשען מיט דער הערליכקייט פון דעם האָריזאָנט וואָס זיי דעקען אויף. אין דעם לעצטען פאַל וועט דער קאַמפּף גופא פיעל ווייניגער אָבהענגען פון דער ווירקזאַמקייט פון די ביקסען און קאַנאָנען, איידער פון דער קראַפט

פון דעם שפּאַנדרען זשעניע, וואָס וועט געבראַכט ווערען אין טהעטיגקייט אין דער איבערבויאונגס־ארבייט פון דער געזעלשאַפט. דער קאַמפּף וועט הויפּטזעכליך אָבהענגען פון די קאָנסטרוקטיווע כחות פון דער געזעלשאַפט, וועלכע נעהמען אָן בעת מעשה אַ פרייען גאַנג; פון די בעגייסטערונגען, וואָס זיינען פון אַ הויכער פּראָבע און געווינען דאַדורך סימפּאַטיע אפילו פון די, וועלכע זיינען אַלס אַ קלאַס געגען דער ענדערונג. דער קאַמפּף וואָס ווערט אויף דעם אופן אָנגעפיהרט פאַר העכערע פאָדערונגען, וועט אָבער רייניגען די סאָציאַלע אַטמאָספערע גופא און די צאָהל קרבנות אויף ביידע זייטען וועט זיכער זיין אַ סך קלענער, איידער ווען דער קאַמפּף ווערט אָנגעפיהרט פאַר וועניגער וויכטיגע זאַכען, און וועלכען די ניעדעריגע אינסטינקטען פון די מענשען שפּיעלען זיך פריי פונאַנדער.

מיט אָט די אידעען האָב איך זיך אומגעקערט נאָך רוסלאַנד.

XI

אין דער צייט פון מיין רייזע האָב איך אָנגעקויפט אַ סך ביכער און זאַמלונגען פון סאָציאַליסטישע צייטונגען. אין רוסלאַנד זיינען אַזעלכע ביכער געווען „אבסאָלוט פערבאָטען“ פון דער צענזור; און אַ טייל פון די צייטונגס־זאַמלונגען און בעריכטען פון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען האָט מען פאַר קיין געלד ניט געקענט קריגען צו קויפען אפילו אין בעלגיען. „זאָל איך זיך מיט זיי שיידען, בעת מיין ברודער און מיינע פריינד וואָלטען געווען אַזוי גליקליך זיי צו האָבען אין פּעטערבורג?“ האָב איך זיך געפרעגט; און איך האָב בעשלאָסען, אַז איך מוז זיי אַריינקריגען אין רוסלאַנד אונטער אַלע אומשטענדען.

איך בין געפאָהרען צוריק אין פּעטערבורג איבער וויען און וואַרשאַ. ביי דעם פּוילישען גרענעץ מאַכען טויזענדער אידען אַ לעבען פון שמוגלעריי און איך האָב געקלערט, אַז ווען איך וואָלט געקענט אויסגעפינען איינעם פון זיי, וואָלטען מיינע ביכער אַריבערגעבראַכט געוואָרען דעם גרענעץ בשלום. אַרונטערצוטייגען אָבער אויף אַ קליינער באַהן־סטאַנציע ניט ווייט פון גרענעץ, בעת אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירען פאָהרען ווייטער, און דאָרטען זיך נעהמען זוכען אַ שמוגלער, וואָלט ניט געווען זעהר פערנינפטיג; איך האָב זיך דעריבער פערנומען אָן אַ זייט און בין פערפאָהרען מיט דער באַהן אין קראָקוי. „די הויפּטשטאָדט פון אַלט־פּוילען איז ניט ווייט פון גרענעץ“, האָב איך געקלערט, „און איך וועל דאָרט זיכער טרעפען אַ אידען, וואָס וועט מיר אָנווייזען די מענשען וועלכע איך זוך.“

איך בין אָנגעקומען אין דער אַמאָליגער בעריהמטער און גלענצענדער שטאָדט אין אָבענד, און גלייך אויף מאָרגען אין דער פריה האָב איך זיך ארויסגעלאָזט פון מיין האָטעל זוכען א אידען. צו מיין ערשטוינען האָב איך אָבער דערזעהן א אידען אויף יעדען גאס־ווינקעל און וואו נאָר איך האָב געוואָרפען אַן אויג אין דעם זאַנסט לעדיגען מארק־פּלאַץ. יעדער פון זיי האָט געטראָגען די טראַדיציאָנעלע לאַנגע קאַפּאָטע און פּאות ווי זייערע אור־עלטערען, און יעדער האָט אויסגעקוקט אויף עפּעס א פּוילישען נאָבעל־מאַן אָדער א סוחר, וואָס וועט אפשר איהם שיקען אויף א שליחות און בעצאָהלען עטליכע קאָפּיקעס פאר זיין טרחה. געוואָלט האָב איך געפינען א י י ן אידען און דאָ האָב איך פאר זיך געהאט אזוי פיעל! צו וועמען זאָל איך צוגעהן? איך בין אויסגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט, און דאַן, א פערצווייפעלטער, האָב איך בעשלאָסען א רעד טהאָן מיט דעם אידען, וועלכער איז געשטאַנען ביים איינגאַנגס־טויער פון מיין האָטעל — א גרויסער אַלטער פּאַלאַץ, פון וועלכען יעדער זאָל איז אין די אַמאָליגע יאָהרען געווען אָנגעפּילט מיט אַן עלעגאַנטען עולם פון רייך געקליידטע און לוסטיגע טענצער, וועלכער האָט אָבער איצט ערפילט דעם מעהר פּראָ־זאאישען צוועק, צו געבען שפּייז און נאַכטלעגער פאר עטליכע צופעליגע רייזענדע.

„א גאַנץ לייכטע זאַך, מיין הערר", האָט ער געענטפערט. אָט וועל איך אייך אריבערברענגען דעם פערטרעטער פון דער אוניווערזאַלער געזעל־שאַפט פאר דעם „אינטערנאַציאָנאַלען עקסטשיינדזש פון (לאָמיך זאָגען) קאָדער און ביינער". זיי פיהרען אָן דעם גרעסטען שמוגעל־געשעפט אין דער וועלט, און ער וועט אייך זיכער טהאָן די טובה". א האַלבע שעה שפּע־טער איז ער ווירקליך צוריקגעקומען מיט דעם פערטרעטער פון דער געזעל־שאַפט — א העכסט עלעגאַנטער יונגער מאַן, וועלכער האָט גערעדט פער־פעקט רוסיש, דייטש און פּויליש.

ער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן פּעקעל, האָט איהם אָבגעוואויגען מיט די הענד, און האָט געפרעגט וואָס פאר א זאָרט ביכער דאָס זיינען.

„אַלע שטרענג פערבאָטענע פון דער רוסישער צענזור; און דעריבער מוזען זיי דאָס אריינגעשמוגעלט ווערען."

„ביכער", האָט ער געזאָגט, „זיינען אפילו ניט די סחורה מיט וואָס מיר האַנדלען; אונזער געשעפט איז מיט טהייערע זיידענס. ווען איך זאָל דארפען בעצאָהלען אונזערע מענשען לויט דעם זיידענס טאַריף, וועט מיר אויסקומען צו פערלאַנגען פון אייך א גאַנץ היבשע סומע. און, זאָגענדיג אייך דעם אמת, האָבען מיר ניט קיין שטאַרקען חשק אומצוגעהן מיט ביכער. ווען עס זאָל זיך מאַכען דער קלענסטער דורכפאַל, וואָלטען „זיי"

דערפון געמאכט א פּאָליטישע אפערע, און דאָס וואָלט אָבגעקאָסט דער „אוניווערזאַל קאָדער און ביינער קאָמפּאַניע“ א שלל מיט געלד זיך ארויס־צודרעהען דערפון.“

איך האָב וואהרשיינליך אויסגעזעהן זעהר טרויעריג, וואָרים דער עלע־גאַנטער יונגער מאַן, וואָס האָט פּערטראָטען דער „אוניווערזאַל קאָדער און ביינער קאָמפּאַניע“ האָט גלייך צוגעגעבען: „זאָרגט זיך ניט אזוי שטארק. ער (דער האָטעל קאָמיסיאָנער) וועט עס שוין ווי־עס־איז בעזאָרגען פאר איך.“

„אָה, יא. ס'איז פאראן צעהנדליגער אנדערע וועגען ווי צו בעזאָרגען אזא קלייניגקייט, א טובה צו טהאָן דעם הערר'ן“, האָט לעבעדיג בעמערקט דער קאָמיסיאָנער, ווען דער יונגער מאַן איז אוועק.

אין א שעה ארום איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אנדער יונגען מאַן. דער האָט א נעהם געטהאָן דאָס פּעקעל, האָט איהם אנידערגעלעגט אָן א זייט ביים טהיר, און האָט געזאָגט: „ס'וועט שוין רעכט זיין. אויב איהר פאָהרט אָב מאָרגען, וועט איהר קריגען אייערע ביכער אויף דער־און־דער סטאַנציע אין רוסלאַנד“, און ער האָט מיר דערקלערט ווי דאָס וועט צוגעהן.

„וויפיעל וועט עס קאָסטען?“ האָב איך געפרעגט.

„וויפיעל וואָלט איהר געוואָלט זיך לאָזען קאָסטען?“ איז געווען דער ענטפער.

איך האָב אויסגעלעדיגט מיין טייסטער אויפ'ן טיש, און געזאָגט: „אזוי פיעל דארף איך אויף דער רייזע. דאָס איבעריגע איז אייערס. איך וועל פאָהרען דריטע קלאַס.“

„וואַי! וואַי! וואַי!“ האָבעןביידע אויף אמאָל אויסגעשריען. „וואָס זאָגט איהר, הערר? אזא אדעלמאַן זאָל פאָהרען דריטע קלאַס! קיינמאָל ניט! ניין, ניין, דאָס וועט ניט געהן... אכט רובעל וועט זיין גענוג, און דערצו אַן ערך א רובעל פאר'ן קאָמיסיאָנער, אויב איהר האָט נישט דאַגעגען — אזוי פיעל וויפיעל איהר ווילט. מיר זיינען ניט קיין וואָלד־רויבער, מיר זיינען ניט מעהר ווי עהרליכע סוחרים.“ און זיי האָבען זיך פּלוטפּ ענטזאָגט צו נעהמען מעהר געלד.

איך האָב אָפט געהערט פון דער עהרליכקייט פון די אידישע שמוג־לערס ביים גרענעץ; איך האָב זיך אָבער קיינמאָל ניט געריכט צו האָבען אזא בעווייז דערויף. שפּעטער־צו, ווען אונזער „קרוזשאָק“ האָט אריבער־געבראכט מאסען ביכער פון אויסלאַנד, אָדער נאָך שפּעטער, ווען אזוי פיעל רעוואָלוציאָנערען און פּליכטלינגע פלעגען אריבער דעם גרענעץ, אריינקומענדיג אָדער פערלאָזענדיג רוסלאַנד, איז ניט געווען קיין איינצי־

גער פאל, ווען די שמוגלערס זאָלען האָבען אימעצען פעררעטהען, אָדער זאָלען זיך געווען בענוצען מיט די אומשטענדען ארויסצוקריגען צו־גרויסע פרייזען פאר זייער ארבייט.

אויף מאָרגען בין איך אָבגעפאָהרען פון קראקוי; און אויף דער בעשטימטער רוסישער סטאנציע איז צוגעקומען א שווייצער צו מיין וואגאָן און, רעדענדיג גאנץ הויך, אזוי אז דער זשאנדארם וואָס איז ארומגעגאנגען איבער דער פלאטפארמע זאָל עס הערען, האָט ער צו מיר געזאָגט, „אָט דאָ איז דאָס פעקעל וואָס אייער הויכקייט האָט דאָ יענעם טאָג איבערגעלאָזט", און האָט מיר דערלאנגט מיין טהייערען פעקעל.

איך בין אזוי צופריעדען געווען וואָס איך האָב עס געהאט, אז איך האָב זיך אפילו ניט אָבגעשטעלט אין ווארשא, און האָב פאָרטגעזעצט מיין רייזע נאָך פעטערבורג, צו ווייזען מיין ברודער מיינע טהייערע אוצרות.

XII

א מעכטיגע בעוועגונג האָט דערווייל זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען צווישען דער געבילדעטער יוגענד פון רוסלאנד. לייבאייגענטום איז געווען אָבגעשאפט. אָבער פאר די צוויי הונדערט און פופציג יאָהר וואָס דאָס לייבאייגענטום האָט עקזיסטירט, האָט זיך געהאט ענטוויקעלט א גאנצער נעץ־געוועב פון זיטען און מנהגים פון הויזליכער שקלאפעריי, פון פאל־שטענדיגער פעראכטונג פון דער מענשליכער אינדיווידואליטעט, פון דעספאָטיזם אויף דער זייט פון די פאָטערס, און פון היפאָקריטישער אונ־טערטעניגקייט אויף דער זייט פון די פרויען, זיהן און טעכטער. אומעטום אין אייראפא, אין אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט, האָט עקזיסטירט א היבש ביסעל הויזליכער דעספאָטיזם — די שריפטען פון טהאקעריי און דיקענס ענטהאלטען גענוג בעווייזען דערפון — אָבער אין ערגעץ האָט זיך די טיראַניי ניט אזוי ברייט פונאנדערגעוואקסען ווי אין רוסלאנד. דאָס גאנצע רוסישע לעבען, — אין דער פאמיליע, אין די פערהעלטעניסען צווישען קאָמאנדיר און אונטערגעאָרדענטען, מיליטערישען עלטסטען און סאָלדאט, בעל־הבית און ארבייטער — האָט אויף זיך געטראָגען איהר שטעמפעל. עס איז ארויסגעוואקסען א גאנצע וועלט פון מנהגים און דענקונגס־ארטען, פון פאָראורטיילען און מאָראלער פיינהייט, פון זיטען וואָס שטאמען פון א לעבען פון פוילקייט. און אפילו די בעסטע מענער פון

דער צייט האָבען גענצאָהלט אַ שווערען צינז צו די דאָזינע פּרוכטען פון דער לייבאייגענטומס־פּעריאָדע.

דאָס געזעץ האָט אויף די אַלע זאַכען קיין ווירקונג ניט געקענט האָבען. נאָר אַ קרעפטיגע געזעלשאַפטליכע בעוועגונג, וועלכע זאָל אָנגריי־פען די סאַמע וואָרצלען פון דעם איבעל, וואָלט געקענט רעפאָרמירען די זיטען און מנהגים פון אַלטעגליכען לעבען. און אין רוסלאַנד האָט די דאָזיגע בעוועגונג — אָט דער רעוואָלט פון דעם אינדיווידואום — אָנגע־נומען אַ פיעל מעכטיגערען כאַראַקטער, און איז געוואָרען פיעל ראַדי־קאַלער אין איהר קריטיק, איידער ערגעץ אַנדערסוואו אין מערב־אייראָפּאַ אָדער אַמעריקאַ. „ניהיליזם" איז געווען דער נאָמען, וואָס טורגעניעף האָט געגעבען דער בעוועגונג אין זיין עפּאָכע־מאַכענדער נאָוועלע, „פאָטערס און זיהן".

די בעוועגונג ווערט אָפט מיספערשטאַנען אין מערב־אייראָפּאַ. אין דער פּרעסע, צום ביישפּיעל, ווערט ניהיליזם שטענדיג צונויפגעמישט מיט טעראָריזם. דער רעוואָלוציאָנערער אויפרוהר, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין רוסלאַנד צום סוף פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען'ס הערשאַפט און האָט זיך געענדיגט מיט דעם טראַגישען טויט פון דעם צאַר, ווערט שטענדיג בעצייכענט אַלס ניהיליזם. צו פערמישען ניהיליזם מיט טעראָריזם איז פּונקט אַזוי פאַלש ווי צונויפמישען אַ פילאָזאָפישע בעוועגונג ווי סטאָיציזם אָדער פּאָזיטיוויזם מיט אַ פּאָליטישער בעוועגונג, ווי צום ביישפּיעל, רעפּובליקאַניזם. דער טעראָריזם איז אַרויסגערופען געוואָרען אין לעבען דורך געוויסע ספּעציעלע בעדינגונגען פון דעם פּאָליטישען קאַמפּף אין אַ בעשטימטען היסטאָרישען מאָמענט. ער האָט געלעבט, און איז געשטאָר־בען. ער קען ווידער אויפלעבען און ווידער אָבשטאַרבען. אָבער דער ניהיליזם האָט אָבגעדריקט זיין שטעמפּעל אויף דעם גאַנצען לעבען פון די געבילדעטע קלאַסען אין רוסלאַנד, און דער דאָזיגער שטעמפּעל וועט נאָך פערבלייבען אויף יאָהרען און יאָהרען שפּעטער. עס איז דער ניהיליזם — אָהן איינינע פון זיינע רויהערע אויסערליכקייטען, וועלכע זיינען געווען אונפערמיידליך אין אַ יונגער בעוועגונג פון אַזאַ זאָרט — וואָס גיט איצט צו דעם לעבען פון אַ גרויסען טייל פון די געבילדעטע קלאַסען אין רוסלאַנד אַ געוויסען אייגענטימליכען כאַראַקטער, וועלכען מיר רוסען געפינען ליידער ניט אין דעם לעבען פון מערב־אייראָפּאַ. עס איז ווידער דער ניהיליזם, אין זיינע פערשיידענע מאַניפעסטאַציעס, וואָס גיט צו פיעלע פון אונזערע שריפטשטעלער יענעם מערקווירדיגען ערנסט, יענע געוועהנ־הייט צו „דענקען אין דער הויך", וואָס ערשטוינט דעם אייראָפּעאישען לעזער.

פריהער פאַר אַלץ האָט דער ניהיליסט ערקלערט קריעג אַנטקעגען דאָס, וואָס קען בעצייכענט ווערען אַלס „די קאָנווענציאָנעלע ליגענס פון דער ציוויליזירטער מענשהייט“. אבסאָלוטע ערנסטקייט איז געוועזן זיין הויפּט־שטריך, און אין דעם נאָמען פון דער דאָזיגער ערנסטקייט האָט ער אויפגעגעבען, און האָט געפאָדערט אַז אַנדערע זאָלען אויפגעבען, יענע אַבערגלויבענס, פאָראורטיילען, געוועהנהייטען און מנהגים, וועלכע זייער אייגענער שכל האָט ניט געקענט בערעכטיגען. ער האָט זיך ניט געלאָזען בויגען פאַר אירגענד וועלכער אויטאָריטעט, אחוץ די אויטאָריטעט פונ׳ם שכל, און אין דער צוגליעדערונג פון יעדער געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע אָדער מנהג האָט ער רעוואָלטירט געגען יעדען זאָרט מעהר אָדער וועניגער פערמאַסקירטען סאָפיזם.

ער האָט, פערשטעהט זיך, אָבגעבראָכען מיט די אַבערגלויבענס פון זיינע פאָטערס, און אין זיינע פילאָזאָפישע בעגריפען איז ער געווען אַ פּאָזיטיוויסט, אַן אַגנאָסטיקער, אַ ספּענסערישער עוואָלוציאָניסט, אָדער אַ וויסענשאַפטליכער מאַטעריאַליסט. און בעת ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעגריפען דעם איינפאַכען, ערנסטען רעליגיעזען גלויבען, וועלכער איז אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיגקייט פון די געפיהלען, האָט ער ביטערליך געקעמפּפט קעגען דער צבוע׳אַטסטוואָ, וואָס ברענגט מענשען אָנצוטהאָן אַן אויסערליכע מאַסקע פון רעליגיאָן, וועלכע זיי וואַרפען אַראָב ווי אַ נוצלאָזען באַלאַסט ביי יעדער געלעגענהייט.

דאָס לעבען פון די ציוויליזירטע מענשען איז פול מיט קליינע קאָנווענציאָנעלע ליגענס. פערזאָנען וואָס האָבען זיך איינער דעם אַנדערען ניט ליעב, ווען זיי בעגעגענען זיך אויף דער גאַס, שטעלען אָן אַ פרעהליכען פּנים מיט אַ גליקליכען שמייכעל; דער ניהיליסט איז געבליבען גלייכגילטיג און האָט געשמייכעלט נאָר צו די, וואָס ער איז ווירקליך צופריעדען געווען צו בעגעגענען. אַלע פאָרמען פון אויסערליכער העפליכקייט, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי היפּאָקריטסטוואָ, זיינען איהם פּונקט אַזוי געווען דערווידער, און ער האָט אויף זיך אָנגעצויגען אַ געוויסע אויסערליכע רויהקייט, אַלס פּראָטעסט קעגען דער זאַנפטער ליעבענס־ווירדיגקייט פון זיינע פאָטערס. ער האָט זיי געזעהן רעדענדיג ווי אידעאַליסטישע סענטימענטאַליסטען, און אין דער אייגענער צייט האַנדלענדיג ווי אמת׳ע באַרבאַרען קעגען זייערע פרויען, זייערע קינדער און זייערע לייבאייגענע; און ער האָט רעוואָלטירט קעגען אָט דעם מין סענטימענטאַליזם, וועלכער, נאָך אַלעמען, האָט זיך אַזוי אויסגעצייכענט צוגעפּאַסט צו די אומשטענדען פון רוסישען לעבען,וואָס זיינען געווען אַלץ וואָס איהר ווילט, נאָר ניט אידעאַליסטיש. די קונסט איז אויך

אריינגענומען געוואָרען אין דער זעלבער ראַדיקאַלער פערניינונג. דאָס שטענדיגע רעדען וועגען שעהנקייט, אידעאַלען, די קונסט לשם קונסט, עסטעטיק, און דער גלייכען, מיט וואָס מען האָט זיך אָבגעגעבען אזוי גערען — בעת יעדער קונסט־אַרטיקעל איז געוואָרען געקויפט מיט דעם געלד, וואָס מען האָט ארויסגעפּרעסט פון פערהונגערטע פּויערים אָדער פון די ניט־דערצאָהלטע ארבייטער, און די אזוי גערופענע „פערגע־טערונג פון דאָס שעהנע" איז ניט מעהר געווען ווי א מאַסקע צוצודעקען די געמיינסטע אויסגעלאַסענהייטען — האָט איהם דורכגענומען מיט עקעל; און די קריטיק איבער קונסט, וועלכע איינער פון די גרעסטע קינסטלער פון יאָהרהונדערט, טאָלסטאָי, האָט אזוי מעכטיג פאָרמולירט, האָט דער ניהיליסט אויסגעדריקט אין זיין ראַדיקאַלער בעהויפּטונג: „א פּאָר שטיוועל איז פיעל וויכטיגער איידער אַלע אייערע מאַדאָנאַס און אייערע שעהנע רעד וועגען שעקספּיער".

אזוי אויך האָבען זיי ניט אנערקענט די הייראַט אָהן ליעבע און די פאַמיליאַריטעט אָהן פריינדשאַפט. די ניהיליסטקע, וועמען די עלטערען האָבען געצוואונגען צו זיין א ליאַלקע אין א ליאַלקע־הויז און הייראַטען צוליעב א תכלית, האָט פאָרגעצויגען בעסער צו פערלאָזען איהר הויז און איהר זיידען קלייד. זי האָט זיך אָנגעטהאָן א שווארץ וואָלען קלייד פון דעם איינפאַכסטען שניט, האָט זיך אָבגעשאָרען די האָר און איז אריינ־געטראָטען אין א גימנאַזיום, כדי זיך דאָרט צו ערווערבען איהר פּערזענ־ליכע אונאבהענגיגקייט. די פרוי, וואָס האָט איינגעזעהן, אז איהר הייראַט איז מעהר קיין הייראַט ניט — אז עס איז מעהר ניטאָ, ניט קיין ליעבע און ניט קיין פריינדשאַפט צווישען זיי, וואָס זיינען גענעצליך בעטראַכט אַלס מאַן און ווייב — האָט גיכער פאָרגעצויגען צו צורייסען דעם באַנד אין וועלכען עס איז שוין מעהר ניט געבליבען קיינע פון זיינע וויכטיגע אייגענשאַפטען. זי איז דארום אָפּט אוועק מיט איהרע קינדער צו לעבען בעסער אין איינזאַמקייט און עלענד, איידער צו לעבען אונטער קאָנווענ־ציאָנעלע בעדינגונגען, וואָס וואָלטען איהר געצוואונגען שטענדיג צו זיין פאַלש צו זיך אליין.

דער ניהיליסט האָט אריינגעטראָגען זיין ליעבע צו אויפריכטיגקייט אפילו אין די קלענסטע פּרטים פון אלטעגליכען לעבען. ער האָט פערוואָר־פען די קאָנווענציאָנעלע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען געשפּרעך און האָט אויסגעדריקט זיינע מיינונגען אויף א פלומפּען און טרוקענעם אופן, זאָגאַר מיט עטוואָס א געמאַכטע אויסערליכע גראָבקייט.

אין אירקוטסק פלעגען מיר איינמאָל אין דער וואָך זיך צונויפקומען

אין א קלוב און פערברענגען אביסעל אין טאַנצען. א צייט לאַנג בין איך געווען א רעגעלמעסיגער בעזוכער אויף די דאָזיגע אבענדען, נור שפּעטער, ווען איך בין געווען פערנומען מיט ארבייט, האָב איך עס אויפגעגעבען. איין אבענד, נאָכדעם ווי איך בין שוין דאָרט עטליכע וואָכען כסדר ניט געקומען, האָט איינע פון די יונגע דאַמען געפרעגט ביי מיינעם א יונגען פריינד, פאַר וואָס איך קום ניט מעהר צו זייערע פערזאַמלונגען. „ער פאָהרט זיך דורך, ווען ער וויל אביסעל בעוועגונג", האָט איהר מיין פריינד עטוואָס גראָבלעך געענטפערט. „ער מעג דאָך אָבער קומען פערברענגען מיט אונז א פּאָר שטונדען אזוי, ניט טאַנצען", האָט איינע פון די דאַמען געוואַגט צו זאָגען. „וואָס וועט ער דאָ טהאָן?" האָט געענטפערט מיין ניהיליסטישער פריינד, „רעדען מיט אייך וועגען מאָדעס און טורניורען? ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעהערט די דאָזיגע נאַרישקייטען". „אָבער מיט פריילין אזוי־און־אזוי זעהט ער זיך יאָ פון צייט צו צייט", האָט איינע פון די אַנוועזענדע יונגע דאַמען ניט זיכער בעמערקט. „יא, זי איז אָבער א פלייסיגע מיידעל", האָט פּלומפּ געענטפערט מיין פריינד, „ער העלפט איהר זיך לערנען דייטש". איך מוז בעמערקען, אז דער דאָזיגער גאַנץ זיכער גראָבלעכער פאָרוואורף האָט געהאַט א ווירקונג, דען דאָס רוב אירקוטסקער מיידלעך האָבען דערנאָך אָנגעהויבען פערוואַרפען מיט פראַגען מיין ברודער, מיין פריינד, און מיך אליין, וואָס מיר וואָלטען זיי געראַטהען צו לעזען אָדער שטודירען.

מיט דער אייגענער אָפענהערציגקייט האָט דער ניהיליסט געערדט צו זיינע בעקאַנטע, זאָגענדיג זיי, אז אלע זייערע שעהנע רעד וועגען „דאָס אָרעמע פאָלק" איז ניט מעהר ווי היפּאָקריטסטוואָ, אזוי לאַנג ווי זיי אליין לעבען אויף דער ניט־דערצאָהלטער ארבייט פון די זעלביגע מענשען, מיט וועמען זיי האָבען מיטלייד, זיצענדיג ברייטלעך און שמועסענדיג צוזאַמען אין רייך־פערפּוצטע צימערען. מיט דער אייגענער אָפענהערציגקייט פלעגט דער ניהיליסט דערקלערען א הויכען בעאַמטען, אז ער (דער בעאַמטער) קימערט זיך ניט וואָס א האָר איז ווערטה פאַר דעם וואוילזיין פון די, איבער וועמען ער הערשט, און אז ער איז איינפאַך א גנב, א. ד. ג.

די פרוי וואָס האָט זיך אָבגעגעבען מיט פּלאַפּלעריי, און האָט זיך איבערגענומען מיט איהרע „ווייבליכע" מאַנערען און קונציגען טואַלעט, פלעגט דער ניהיליסט אויס'מוסר'ן מיט א געוויסער האַרבקייט. ער פלעגט שאַרף א זאָג טהאָן צו א שעהנער יונגער פּערזאָן: „ווי שעהמט איהר זיך עס ניט צו רעדען אזוינע נאַרישקייטען און טראָגען אָט דעם שיניאָן פון פאַלשע האָר?" ער האָט געוואָלט געפינען אין דער פרוי א חבר, א מענש־

ליכע פערזענליכקייט — ניט א ליאלקע אדער א „טולענע פריילין“ — און ער האט זיך אבסאלוט ענטזאגט צו בעטייליגען זיך אין יענע שעהנע צייכענס פון העפליכקייטען, מיט וועלכע מענער רינגלען ארום די, וועמען זיי האבען אזוי ליעב צו בעטראכטען אלס „דאס שוואכע געשלעכט“. ווען א דאמע איז אריינגעקומען אין א צימער, איז דער ניהיליסט ניט אויפגע־שפרונגען און אנגעבאטען איהר זיין פלאץ צו זיצען — סיידען ער האט געזעהן אז זי קוקט אויס מיעד און עס איז קיין אנדער פלאץ אין צימער ניט געווען. ער האט זיך פערהאלטען צו איהר פונקט ווי ער וואלט זיך פערהאלטען צו א חבר פון זיין אייגענעם געשלעכט; ווען אבער א דאמע — וועלכע האט איהם געמעגט זיין אין גאנצען פרעמד — האט ארויס־געצייגט א וואונש צו לערנען עטוואס, וואס ער האט געוואוסט און זי ניט, פלעגט ער געהן יעדע נאכט אויף דעם אנדער עק פון א גרויסער שטאדט איהר העלפען זיך לערנען. דער יונגער מאן, וועלכער וואלט ניט א ריהר געטהאן מיט א האנד צו דערלאנגען א דאמע א גלאז טהעע, פלעגט אוועקגעבען דער מיידעל, וואס איז געקומען אין מאסקווע אדער פעטער־בורג שטודירען, די לעצטע שטונדע זיינע וואס ער האט געהאט, פון וואס ער האט פערדיענט זיין טעגליכען ברויט, זאגענדיג גאנץ איינפאך צו איהר: „פאר א מאן איז לייכטער צו געפינען ארבייט איידער א פרוי. איך מיין זיך ניט צו מאכען פאר א ריטער מיט דעם וואס איך באט אייך אן, עס איז איינפאך א פראגע פון גלייכהייט“.

צוויי גרויסע נאוועליסטען, טורגעניעף און גאנטשאראף, האבען פרובירט פארשטעלען דעם דאזיגען נייעם טיפ אין זייערע נאוועלען, גאנטשאראף אין זיין „דער תהום“, נעהמענדיג א ווירקליכע פערזאן אבער ניט קיין עכטען פארשטעהער פון דעם קלאס, האט געמאכט א קאריקא־טורע פון דעם ניהיליזם. טורגעניעף איז געווען א צו־גוטער קינסטלער, און האט אליין צו־שטארק בעוואונדערט דעם נייעם טיפ, ער זאל זיך אריינ־לאזען אין קאריקאטור־מאלעריי; אבער אפילו זיין ניהיליסט, באזאראף, האט אונז ניט צופריעדענגעשטעלט. מיר האבען איהם געפונען צו גראב, דערהויפט אין זיינע בעציהונגען צו זיינע אלטע עלטערען, און מעהר ווי אלץ האבען מיר איהם פארגעווארפען זיין פערנאכלעסיגען זיינע פליכטען אלס בירגער. די רוסישע יוגענד האט ניט געקענט בלייבען צופריעדען מיט דער בלויז פערניינענדער שטעלונג פון טורגעניעף'ס העלד. דער ניהיליזם, מיט זיין אנערקענען די רעכטען פון דעם אינדיווידואום און דעם אבליי־קענען אלערליי היפאקריטסטוואס, איז געווען ניט מעהר ווי דער ערשטער שריט צו א העכערען טיפ פון מענער און פרויען, וואס זיינען אויך פריי, אבער זיי לעבען פאר א גרויסער זאך. אין טשערנישעווסקי'ס ניהיליסטען,

ווי זיי זיינען געשילדערט אין זיין פיעל וועניגער קינסטלערישער נאָוועלע, „וואָס איז צו טהאָן?“ האָבען זיי געזעהן בעסערע בילדער פון זיך.

„ביטער איז דאָס ברויט, וואָס איז געשאַפען פון שקלאַפען“, האָט אונזער פּאָעט נעקראַסאָף געשריבען. דער יונגער דור האָט זיך בוכשטעבליך ענטזאָגט צו עסען דאָס דאָזיגע ברויט און צו געניסען די רייכטימער, וואָס זיינען אָנגעזאַמעלט געוואָרען אין די הייזער פון זייערע פאָטערס דורך דער שקלאַפען־אַרבייט — צי די אַרבייטער זיינען געווען ווירקליכע לייבאייגענע, אָדער שקלאַפען פון דעם היינטיגען אינדוסטריעלען סיסטעם.

גאַנץ רוסלאַנד האָט געלעזען מיט שטוינען, אין דער אָנקלאַגע וואָס איז פאָרגעבראַכט געוואָרען אין געריכט געגען קאַראַקאָזאָף'ן און זיינע פריינד, אַז די דאָזיגע מענשען, אייגענטימער פון בעדייטענדע פערמע־גענס, פלעגען לעבען זאַלבע־דריט אָדער זאַלבע־פיערט אין איין צימער, קיינמאָל ניט אויסגעבענדיג מעהר ווי צעהן רובעל אַ חודש אויף אַ פערזאָן פאַר אַלע זייערע בעדערפעניסען, אוועקגעבענדיג אין דער איינענער צייט זייער עשירות פאַר קאָאָפּעראַטיווע פעראיינען, קאָאָפּע־ראַטיווע ווערקשטאַטען (וואו זיי אַליין האָבען געאַרבייט), און דער גלייכען. פינף יאָהר שפּעטער האָבען טויזענדע און טויזענדע פון דער רוסישער יוגענד — דער בעסטער טייל פון איהר — דאָס זעלבע געטהאָן. „וו' נאַראָד!“ (צום פאָלק; זיי מיט'ן פאָלק) איז געווען זייער פּאַראָלע. אין די יאָהרען 1860—65 איז כמעט אין יעדער רייכער פאַמיליע פאָרגע־קומען אַ ביטערער קאַמפּף צווישען די פאָטערס, וועלכע האָבען געוואָלט אויפהאַלטען די אַלטע טראַדיציעס, און די זיהן און טעכטער, וועלכע האָבען פערטיידיגט זייער רעכט איינצואָרדנען זייער לעבען לויט זייערע אייגענע אידעאַלען. יונגע לייט האָבען פערלאָזען דעם מיליטער־דיענסט, דעם טאָמבאַנק, די פאַבריק און זיינען זיך צונויפגעלאָפען אין די אוני־ווערזיטעט־שטעדט. מיידלעך, ערצויגען אין די העכסטע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען, זיינען געלאָפען אָהן אַ גראָשען געלד אין פּעטערבורג, מאָסקווע און קיעף, גאַרענדיג זיך אויסצולערנען אַ פּראָפעסיאָן, וועלכע זאָל זיי בעפרייען פון דעם הויזליכען יאָך, און אין אַ געוויסען טאָג אפשר אויך פון דעם מעגליכען יאָך פון אַ מאַן. נאָך שווערע און ביטערע קעמפּפע, האָבען זיך פיעלע פון זיי ערוואָרבען די דאָזיגע פּערזענליכע פרייהייט. איצטער האָבען זיי עס געוואָלט אויסנוצען, ניט פאַר זייער אייגענעם פּערזענליכען גענוס, נור צו ברענגען דעם פאָלק די קענטעניסען, וועלכע האָבען זיי בעפרייט.

אין יעדער רוסישער שטאָדט, אין יעדען פּעטערבורגער קוואַרטאַל,

האָבען זיך פאָרמירט קליינע גרופּען פאַר זעלבסט־פערבעסערונג און זעלבסט־בילדונג. די ווערק פון די פילאָזאָפען, די שריפטען פון די עקאָ־נאָמיסטען, די פאָרשונגען פון דער יונג־רוסישער היסטאָרישער שולע זיינען אויפמערקזאַם געלעזען געוואָרען אין די דאָזיגע גרופּען, און נאָך דעם לעזען האָבען געפאָלגט אונענדליכע דיסקוסיאָנען. דער צוועק פון דעם דאָזיגען לעזען און דיסקוטירען איז געווען צו פערענטפערען די פראַגע, וואָס האָט זיך פאַר זיי אויפגעהויבען: אויף וועלכען אופן קענען זיי זיין ניצליך פאַר די מאַסען? ביסלעכווייז זיינען זיי געקומען צו דער אידעע, אז דער איינציגער וועג דערצו איז, זיך צו בעזעצען אונטער'ן פאָלק און לעבען א פאָלקס'־לעבען. יונגע מענער זיינען אַוועק אין די דערפער אלס דאָקטוירים, פעלדשערים, לעהרערס, דאָרף־שרייבערס, אפילו אלס לאַנד־ארבייטער, שמיעדען, האָלץ־זעגער, א. אז. וו., און האָבען דאָרט פרובירט לעבען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די פויערים. מיידלעך האָבען אָבגעגעבען עקזאַמענס אלס לעהרערקעס, אַקושאָרקעס אָדער קראַנקען־וועכטערינס, און אין די הונדערטער זיינען זיי אַוועק אין די דערפער, זיך אָבגעבענדיג דעם אָרעמסטען טייל פון דער בעפעלקערונג.

זיי זיינען געגאַנגען אָהן וועלכע עס איז אידעאַלען פון געזעלשאַפט־ליכען איבערבוי, אָהן וועלכען עס איז געדאַנק פון רעוואָלוציע; זיי האָבען גאַנץ איינפאַך געוואָלט די מאַסען פויערים לערנען לעזען, זיי בילדען, זיי געבען מעדיצינישע הילף, אָדער ווי־עס־איז זיי העלפען אויפהויבען זיך פון זייער פינסטערנים און עלענד, און צו גלייכער צייט לערנען פון זיי, וואָס עס זיינען ז י י ע ר ע אידעאַלען פון א בעסערען געזעלשאַפטלי־כען לעבען.

ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט פון דער שווייץ, **האָב איך געטראָפען** די דאָזיגע בעוועגונג אין פולען שוואונג.

XIII

איך האָב מיך געאיילט צו טיילען מיט מיינע פריינד די איינדריקע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטערס' אַסאָציאַציע און מיינע ביכער. אין אוניווערזיטעט האָב איך, ריכטיג גערעדט, קיין פריינד ניט געהאַט; איך בין געווען עלטער ווי די מייסטע פון מיינע חברים, און צווישען יונגע מענשען איז אַן אונטערשייד אין עטליכע יאָהרען שטענדיג א שטער־רונג פאַר פאָלשטענדיגער חבר'שאַפט. מען מוז אויך בעמערקען, אז זינט די נייע געזעצען וועגען צולאָזען שילער אין די אוניווערזיטעטען זיינען

איינגעפיהרט געוואָרען אין 1861, זיינען די בעסטע יונגע לייט, די ענט־וויקעלטסטע און די זעלבסטשטענדיגסטע אין דענקען, ארויסגעשטופּט געוואָרען פון די גימנאזיעס, און זיי האָבען קיין צוטריט צו די אוניווער־זיטעטען ניט געקראָגען. די מאיאָריטעט פון מיינע חברים זיינען דעריבער געוועזן גוטע קינדער, פלייסיגע, זיי האָבען זיך אָבער מיט קיין זאך, אויסער די עקזאמענס, ניט אינטערעסירט.

איך בין געווען בעפריינדעט נור מיט איינעם פון זיי: לאָמיך איהם רופען דמיטרי קעלניטץ. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דרום־רוסלאנד און, אָבוואויל זיין נאָמען איז געווען א דייטשער, האָט ער קוים געקענט רעדען דייטש, און זיין אויסזעהן איז געווען מעהר דרום־רוסיש איידער טויטאָניש. ער איז געווען זעהר אינטעליגענט, היבש בעלעזען, און האָט ערנסט נאָכגעדענקט איבער דעם וואָס ער האָט געלעזען. ער האָט ליעב געהאט און שטארק געאכטעט די וויסענשאפט, אָבער ווי פיעלע אונזערע, איז ער גיך געקומען צום שלוס, אז פערפאָלגען די קאריערע פון א וויסענ־שאפטס־מאן מיינט צושטעהן צום לאגער פון די פיליסטער, און אז עס איז פאראן גענוג אנדערע און מעהר דרינגענדע ארבייט, וואָס ער וואָלט געקענט טהאָן. נאָכדעם ווי ער האָט בעזוכט די לעקציעס אין אוניווערזי־טעט פאר צוויי יאָהר, האָט ער זיי אויפגעגעבען און האָט זיך אינגאנצען איבערגעגעבען צו געזעלשאפטליכע ארבייט. ער האָט געלעבט אבי־ווי; איך בין אפילו אין ספק צי ער האָט געהאט א שטענדיגע קווארטיר. מאנכעסמאָל פלעגט ער אריינקומען צו מיר און פרעגען, „האָט איהר אפשר פּאפּיר?“ און, קריגענדיג דאָס וואָס ער האָט געדארפט, פלעגט ער זיך אוועקזעצען פאר א שטונדע אָדער צוויי ביי א ווינקעל פון א טיש, ארבייטענדיג פלייסיג אויף אן איבערזעצונג. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט אויף אזא אופן פערדיענט, איז געווען מעהר ווי גענוג צו בעפריעדיגען זיינע בעשרענקטע בעדערפניסען. דאן פלעגט ער אריבערלויפען אין א ווייטען טייל פון פון שטאָדט זעהן א חבר אָדער העלפען א פריינד וואָס איז געווען אין נויט; אָדער ער פלעגט געהן דורך פּעטערבורג צופוס, אין א פערוואָרפענער פאָרשטעדטעל, כדי צו קריגען א פרייען צוטריט אין א גימנאזיע פאר עפּעס א אינגעל, אין וועמען די חברים זיינען געווען פעראינטערעסירט. ער איז אָהן צווייפעל געווען א בעגאבטער מענש. אין מערב־אייראָפּא וואָלט זיך א פיעל וועניגער בעגאבטער מענש דערשלאָגען צו א שטעלע פון פּאָליטישער אָדער געזעלשאפטליכער פיהרערשאפט. אָבער אזעלכע געדאנקען זיינען קעלניטץ'ען קיינמאָל אין קאָפּ ניט אריין. צו זיין א פיהרער איז אויף קיין פאל ניט געווען זיין אמביציע, און עס איז ניט געווען אן ארבייט, ווי אונבעדייטענד דאָס זאָל ניט זיין, וואָס ער

זאָל עס ניט וועלען טהאָן. אָבער אָט דער שטריך איז ניט געווען אייגענ־טימליך פאַר איהם אליין; אַלע וואָס האָבען געלעבט עטליכע יאָהר אין די סטודענטישע קרייזען פון יענע צייטען, האָבען אָט אַזוי זעהר שטאַרק געפיהלט.

באלד נאָך מיין צוריקקומען האָט מיך קעלניטץ איינגעלאַדען זיך אָנצושליסען אָן א קרוזשאָק, וואָס איז בעקאַנט געווען אונטער דער יוגענד אַלס דער „טשייקאָווסקי קרוזשאָק“. אונטער דעם דאָזיגען נאָמען האָט ער געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַלער בעוועגונג אין רוסלאַנד, און אונטער דעם אייגענעם נאָמען וועט ער איבער־געהן אין דער היסטאָריע. „זיינע מיטגליעדער“, האָט קעלניטץ מיר געזאָגט, „זיינען ביז אהער מייסטענס געווען קאָנסטיטוציאָנאַליסטען; זיי זיינען אָבער אויסגעצייכענטע מענשען און גרייט אָנצונעהמען איר־גענד וועלכע עהרליכע אידעע; זיי האָבען גענוג פריינד איבער גאַנץ רוסלאַנד, און איהר וועט זעהן שפּעטער, וואָס איהר קענט טהאָן“. טשייקאָווסקי׳ן און עטליכע אַנדערע מיטגליעדער פון דעם קרוזשאָק האָב איך שוין געקענט פון פריהער. טשייקאָווסקי האָט געוואונען מיין הארץ ביי אונזער ערשטער בעגעגעניש, און אונזער פריינדשאַפט האָט ניט אויפגעהערט די לעצטע זיעבען־און־צוואַנציג יאָהר.

אָנגעהויבען האָט זיך דער „קרוזשאָק“ מיט א גאַנץ קליינער גרופּע פון יונגע מענער און פרויען — איינע פון וועלכע איז געווען סאָפיא פּעראָווסקאַיא — וואָס האָבען זיך פעראייניגט פאַר דעם צוועק פון זעלבסט־בילדונג און זעלבסט־אויסבעסערונג. טשייקאָווסקי איז געווען איינער פון זיי. אין 1869 האָט נעטשאַיעף פּרובירט גרינדען א געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אונטער דער יוגענד, וועלכע איז געווען דורכדרונגען מיט דעם אויבענדערמאָנטען וואונש צו ארבייטען צווישען פאָלק, און כדי צו דערגרייכען זיין ציעל, האָט ער זיך בענוצט מיט די מיטלען פון די אַלטע קאָנספּיראַטאָרס, ניט אָבשטעלענדיג זיך אפילו פאַר בעטרוג, בעת ער האָט געוואָלט צווינגען זיינע חברים נאָכצוגעהן נאָך איהם. אַזעלכע מעטאָדען האָבען אין רוסלאַנד ניט געקענט האָבען קיין ערפאָלג, און גאָר גיך איז זיין געזעלשאַפט צופאַלען געוואָרען. אַלע מיטגליעדער זיינען ארעסטירט געוואָרען, און א טייל פון די בעסטע און ריינסטע פון דער רוסישער יוגענד איז אַוועק אין סיביר נאָך איידער זיי האָבען עטוואָס געטהאָן. דער זעלבסט־בילדונגס־קרוזשאָק, פון וועלכען איך רעד דאָ, איז געווען געגרינדעט אין אָפּאָזיציע צו נעטשאַיעף׳ס מעטאָדען. די עטליכע פריינד האָבען געאורטיילט גאַנץ ריכטיג, אז דער יסוד פון יעדער אָרגאַ־ניזאַציע מוז זיין א מאָראַליש ענטוויקעלטע אינדיווידואַליטעט,—וואָס פאַר

אַ פּאָליטישען כאַראַקטער די אָרגאַניזאַציע זאָל שפּעטער ניט אָננעהמען, און וואָס פאַר אַ טהעטיגקייטס־פּראָגראַם זי זאָל ניט אַנערקענען אין דעם לויף פון די שפּעטערע פּאַסירונגען. דאָס איז די ערקלערונג פאַר וואָס דער טשייקאָווסקי קרוזשאָק, ביסלעכווייז אויסברייטענדיג זיין פּראָגראַם, האָט זיך אַזוי שטאַרק פערשפּרייט אין רוסלאַנד, האָט דערגרייכט אַזעלכע וויכטיגע רעזולטאַטען, און שפּעטער, ווען די גרויזאַמע פערפאָלגונגען פון דער רעגיערונג האָבען געשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, האָט ער אַרויסגעגעבען יענע מערקווירדיגע רייהע פון מענער און פויען, וועלכע זיינען געפאַלען אין דעם קאַמפּף אַנטקעגען דער אויטאָקראַטיע.

אין יענער צייט אָבער — דאָס הייסט, אין 1872 — האָט דער קרוזשאָק קיין רעוואָלוציאָנערע טהעטיגקייט נאָך ניט געהאַט. ווען ער וואָלט געבליבען נור אַ זעלבסט־בילדונגס קרוזשאָק, וואָלט ער גאָר גיך פערשטיינערט געוואָרען, ווי אַ מאָנאַסטיר. אָבער די מיטגליעדער האָבען געפונען אַ פּאַסענדע אַרבייט. זיי האָבען אָנגעהויבען פערשפּרייטען גוטע ביכער. זיי האָבען געקויפט די ווערק פון לאַסאַל, בערווי (וועגען דער לאַגע פון די אַרבייטענדע קלאַסען אין רוסלאַנד), מאַרקס, רוסישע היסטאָרישע ווערק, א. אז. וו. — גאַנצע אויפלאַגען — און האָבען זיי פערטיילט צווישען די סטודענטען אין די פּראָווינצען. אין עטליכע יאָהר צייט איז ניט געווען איין וויכטיגע שטאָדט אין די „אַכט־און־דרייסיג גובערניעס פון דער רוסישער אימפּעריע“, בענוצענדיג זיך מיט דער אָפיציעלער שפּראַך, וואו דער דאָזיגער קרוזשאָק האָט ניט געהאַט אַ גרופּע פון חברים, וועלכע זיינען געווען פערנומען מיט דער פערשפּרייטונג פון דעם דאָזיגען מין ליטעראַטור. ביסלעכווייז, מיטגעהענדיג מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון דער צייט, און אָנגערעגט דורך די נייעס וואָס איז געקומען פון מערב־אייראָפּאַ וועגען דעם שנעלען וואַקסען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג, איז דער קרוזשאָק געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אַ צענטער פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער דער יוגענד, און אַ נאַטירליכער פערמיטלער צווישען די פיעלע פּראָווינציעלע גרופּען. און דאַן, אין איין שעהנעם טאָג, איז דער אייז צווישען די סטודענטען און די אַרבייטער צובראָכען געוואָרען, און דירעקטע פערבינדונגען מיט די אַרבייטער זיינען געשאַפען געוואָרען אין פּעטערבורג און אין איינינע פּראָווינצען. אין אַט דער צייט האָב איך זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם קרוזשאָק, אין פריהלינג פון 1872.

אַלע געהיימע געזעלשאַפטען ווערען גרויזאַם פערפאָלגט אין רוסלאַנד, און דער מערב־אייראָפּעאישער לעזער וועט פיליכט ערוואַרטען פון מיר איך זאָל בעשרייבען, ווי אַזוי איך בין איינגעפיהרט געוואָרען און וואָס פאַר אַ טריהייטס־שבועה איך האָב געדאַרפט שווערען. איך וועל איהם

מוזען ענטוישען, וואָרים קיין זאַך פון דעם זאָרט איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין. מיר וואָלטען געווען די ערשטע זיך אויסצולאַכען פון אַזעלכע צערעמאָניעס, און קעלניטץ וואָלט ניט פערבייגעלאָזט די געלעגענהייט אריינצואוואַרפען איינע פון זיינע סאַרקאַסטישע בעמערקונגען, וועלכע וואָלט אַוועקגע׳הרג׳עט וועלכע עס איז צערעמאָניע. עס זיינען אפילו קיין סטאַטוטען ניט געווען. דער קרוזשאָק האָט אויפגענומען אַלס מיט־גליעדער נאָר אַזוינע פערזאָנען, וועלכע מען האָט גוט געקענט און זיינען אויספּרובירט געוואָרען אין פערשיידענע אומשטענדען, און וועגען וועלכע מען האָט געפיהלט, אַז מען קען זיך אויף זיי אבסאָלוט פערטרויען. איידער אַ נייער מיטגליעד איז אויפגענומען געוואָרען, האָט מען דיסקוטירט וועגען זיין כאַראַקטער מיט דער אָפענהערציגקייט און ערנסטקייט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ניהיליסט. דער קלענסטער שפּור פון ניט־אויפריכטיגקייט אָדער איינגעבילדעטקייט אין זיין כאַראַקטער וואָלט אָבגעהאַקט זיין אריינטריט אין פעראיין. דער קרוזשאָק האָט זיך ניט געיאָגט נאָך אַ גרויסע צאָהל מיטגליעדער, און האָט ניט געהאַט די טענדענץ צו קאָנצענטרירען אין זיינע הענד די גאַנצע טהעטיגקייט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אונטער דער יוגענד, אָדער אריינצונעהמען אין איין אָרגאַניזאַציע די צעהנדליגער פערשיידענע גרופּען, וועלכע האָבען עקזיס־טירט אין די הויפּטשטעדט און אין די פּראָווינצען. מיט די מייסטע פון זיי זיינען מיר געווען אין פריינדליכע בעציהונגען; מיר האָבען זיי געהאָלפען, און זיי האָבען אונז געהאָלפען, ווען עס איז געווען נויטיג, אָבער עס איז קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרען קיין אַנגריף אויף זייער אויטאָנאָמיע.

דער קרוזשאָק האָט פאָרגעצויגען צו בלייבען אַ נאָהענט פעראייניגטע גרופּע פון פריינד; און אין ערגעץ האָב איך קיינמאָל ניט בעגעגענט אַזאַ אויסוואָהל פון מאָראַליש־הויכע מענער און פרויען, ווי די פאַר צעהנדליג פערזאָנען, מיט וועלכע איך האָב זיך בעקאַנט אויף דער ערשטער פערזאַמ־לונג פון דעם טשייקאָווסקי קרוזשאָק. נאָך איצט פיהל איך זיך שטאָלץ דערמיט, וואָס איך בין אויפגענומען געוואָרען אין דער דאָזיגער פאַמיליע.

XIV

ווען איך בין אריינגעטראָטען אין דעם טשייקאָווסקי קרוזשאָק, האָב איך געטראָפען די מיטגליעדער היציג דיסקוטירענדיג, וואָס פאַר אַ ריכ־טונג זיי זאָלען געבען צו זייער טהעטיגקייט. אַ טייל איז געווען דאפיר,

מען זאָל ווייטער פאַרטזעצען די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע פּראָפּאַ־גאַנדאַ אונטער דער געבילדעטער יוגענד; אַנדערע האָבען געדענקט, אַז דער איינציגער ציעל פון דער אַרבייט דאַרף זיין צוצוגרייטען מענשען, וואָס זאָלען זיין בכח אויפצואוועקען די גרויסע פערשלאָפענע אַרבייטער מאַסען, און דעריבער דאַרף זייער הויפּט־טהעטיגקייט זיין צווישען די פּויערים און די אַרבייטער אין די שטעדט. דיזעלבע דיסקוסיאָנען זיינען פאָרגעקומען אין אַלע פעראיינען און גרופּען, וועלכע האָבען זיך פאָרמירט אין יענער צייט הונדערטערווייז אין פּעטערבורג און אויף דער פּראָווינץ, און אומעטום האָט די צווייטע פּראָגראַם גענומען די אויבערהאַנד איבער די ערשטע.

ווען אונזער יוגענד וואָלט אָנגענומען דעם סאָציאַליזם נאָר אין אַבסטראַקט, וואָלט זי זיך געקענט פּיהלען צופריעדען מיט אַן ערקלערונג פון סאָציאַליסטישע פּרינציפּען, אַריינגנעהמענדיג אַלס אַ ווייטען ציעל „דעם קאָמוניסטישען בעזיץ פון די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען", און דערווייל וואָלט זי אָנגעפיהרט אַ געוויסע פּאָליטישע אַגיטאַציע. פיעלע מיטעלקלאַס סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער אין מערב־אייראָפּאַ און אַמעריקאַ געהען ווירקליך אויף דעם דאָזיגען וועג. אָבער אונזער יוגענד איז צוגעצויגען געוואָרען צום סאָציאַליזם אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. זיי זיינען ניט געווען קיין טעאָרעטיקער וועגען סאָציאַליזם, נאָר זיי זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען דורך דעם, וואָס זיי האָבען געלעבט ניט בעסער ווי די אַרבייטער לעבען, וואָס זיי האָבען ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען „מיין און דיין" אין זייערע קרייזען, און וואָס זיי האָבען זיך ענטזאָגט צו בענוצען פאַר זייער אייגענער צופריעדענשטעלונג די רייכ־טימער, וואָס זיי האָבען גע'ירשנ'ט פון זייערע פאָטערס. זיי האָבען געטהאָן מיט'ן קאַפּיטאַליזם דאָס, וואָס טאָלסטאָי ראַטה איצט מען זאָל טהאָן מיט'ן קריעג — דאָס הייסט, אָנשטאָט צו קריטיקירען דעם קריעג און ווייטער טראָגען דעם מיליטערישען מונדיר, זאָלען די מענשען זיך אָבזאָגען, יעדערער פאַר זיך, צו זיין סאָלדאַטען און צו געברויכען כלי־זין. אָט אַזוי האָט טאַקע אונזער רוסישע יוגענד געהאַנדעלט; יעדער פאַר־זיך, די מענער ווי די פרויען, האָט זיך ענטזאָגט צו מאַכען פּערזענליכען געברויך פון די הכנסות פון זייערע פאָטערס. אַזאַ יוגענד האָט געמוזט געהן צום פּאָלק — און זיי זיינען געגאַנגען. טויזענדער און טויזענדער יונגע מענער און פרויען האָבען שוין געהאַט פערלאָזען זייערע היימען און האָבען איצט פּרובירט לעבען אין די דערפער און אין די אינדוסטריעלע שטעדט ביי אַלערליי מעגליכע מלאכות. דאָס איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע בעווע־גונג: עס איז געווען איינע פון יענע מאַסען־בעוועגונגען, וועלכע קומען

פאַר אין געוויסע פעריאָדען ווען עס וואַכט פּלוצלינג אויף דאָס מענשליכע געוויסען. איצט, אַז קליינע אָרגאַניזירטע גרופּען האָבען זיך פאַרמירט, גרייט צו מאַכען אַ סיסטעמאַטישע אָנשטרענגונג צו פערשפּרייטען די אידעען פון פרייהייט און רעוואָלט אין רוסלאַנד, זיינען זיי איבערגעוואָלד געטריבען געוואָרען אָנצופיהרען די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די מאַסען פון די פּויערים און די אַרבייטער אין די שטעדט. פערשיידענע שרייבער האָבען פּרובירט ערקלערען אָט די בעוועגונג „צום פאָלק" דורך דעם איינפלוס פון אויסלאַנד — „פרעמדע אַגיטאַטאָרס זיינען אומעטום פאַראַן" — איז געווען זייער בעליעבטע ערקלערונג. ס'איז זיכער אמת, אַז אונזער יוגענד האָט זיך צוגעהערט צו באַקונין'ס מעכטיגע שטימע, און אַז די אַגיטאַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטערס' אַסאָציאַציע האָט געהאַט אַ בעצויבערענדע ווירקונג אויף אונז. אָבער די בעוועגונג „וו' נאַראָד!" — צום פאָלק — האָט געהאַט אַ פיעל טיעפערען אורשפּרונג: זי האָט זיך אָנגעהויבען איידער די „פרעמדע אַגיטאַטאָרס" האָבען גערעדט צו דער רוסישער יוגענד, און אפילו נאָך איידער די „אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע" איז געווען געגרינדעט. זי האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין קאַראַקאָזאָף'ס גרופּען אין 1866; טורגעניעף האָט זי געזעהן קומען, און שוין אין 1859 האָט ער אויף איהר שוואַך אָנגעצייגט. איך האָב געטהאָן מיין בעסטעס אויפצובויען די דאָזיגע בעוועגונג אין דעם טשייקאָווסקי קרוזשאָק; אָבער איך האָב נאָר געאַרבייט מיט'ן שטראָם, וועלכער איז געווען ניט־דער־ערך פיעל מעכטיגער איידער וועלכע עס איז אינדיווידועלע אָנשטרענגונג.

מיר האָבען זעלבסטפערשטענדליך אָפט גערעדט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון אַ פּאָליטישער אַגיטאַציע געגען אונזער אַבסאָלוטער רעגיערונג. מיר האָבען שוין געזעהן ווי די מאַסע פּויערים ווערען געטריבען צו אַן אונפערמיידליכען אונטערגאַנג, דורך די אונזיניגע שטייערען און דורך דעם נאָך נארישערען אויספערקויפען זייערע בהמות צו דעקען די הינטערשטעליגע חובות פון די שטייערען. מיר, „טרוימער", האָבען געזעהן אָנקומען יענע פאָלשטענדיגע רואינירונג פון אַ גאַנצער בעפעלקערונג, וועלכע איז איצטער, ליידער, דורכגעפיהרט געוואָרען אין אַ שרעקליכען ערך אין צענטראַל־רוסלאַנד, און די רעגיערונג גופא איז זיך מודה אין דעם. מיר האָבען געוואוסט, ווי רוסלאַנד ווערט פון אַלע זייטען בעראַבעוועט אויף אַ העכסט סקאַנדאַלעזען אופן. מיר האָבען געוואוסט, און יעדען טאָג האָבען מיר זיך נאָך מעהר דערוואוסט, פון די אונגעזעצליכקייטען פון די בעאַמטע, און די כמעט אונגלויבליכע בעסטיאַליטעטען פון פיעלע פון זיי. מיר האָבען כסדר געהערט וועגען פריינד, וועמעס הייזער

זיינען אין מיטען דער נאַכט איבערפאַלען געוואָרען פון דער פּאָליציי, וועלכע זיינען פערפאַלען געוואָרען אין די טורמעס, און וועלכע — ווי מיר האָבען שפּעטער ערפאַהרען — זיינען פערשיקט געוואָרען אָהן אַ משפּט אין קליינע דערפלעך ערגעץ אין אַ פערוואָרפענער רוסישער פּראָווינץ. מיר האָבען דעריבער געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון אַ פּאָליטישען קאַמפּף אַנקעגען דער דאָזיגער שרעקליכער מאַכט, וועלכע האָט פערניכטעט די בעסטע אינטעליגענטע כחות פון דער נאַציאָן.

אונזערע עלטערע ברידער האָבען ניט געוואָלט אונזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלען, אָבער מיר האָבען זיך מיט די אידעאַלען ניט געקענט שיידען. יאָ, ווען אפילו איינזיגע פון אונז וואָלטען עס געטהאָן, וואָלט עס אויך געווען אַרויסגעוואָרפען. דער יונגער דור, אַלס אַ גאַנצער, איז בעהאַנדעלט געוואָרען ווי „פערדעכטיגע“, און דער עלטערער דור האָט מורא געהאַט צו האָבען עטוואָס צו טהאָן מיט זיי. יעדער יונגער מאַן מיט דעמאָקראַטישע געשמאַקען, יעדע יונגע פרוי, וואָס האָט בעזוכט אַ קורס פון העכערער בילדונג, איז געווען פערדעכטיג אין די אויגען פון דער פּאָליציי, און איז דענונצירט געוואָרען פון קאַטקאָף׳ן אַלס אַ פיינד פון׳ם שטאַאַט. די קורץ-געשוירענע האָר און בלויע ברילען וואָס אַ מיידעל האָט געטראָגען, דער שאָטלענדישער פּלעד וואָס אַ סטודענט פלעגט ווינטער טראָגען אָנשטאָט אַ מאַנטעל, וועלכע זיינען געווען בעווייזען פון ניהיליסטישער איינפאַכקייט און דעמאָקראַטיע, זיינען פער׳מסר׳ט געווען אַלס צייכענס פון „פּאָליטישער אונצופערלעסיגקייט“. אויב אַ סטודענט׳ס קוואַרטיר פלעגט אָפט בעזוכט ווערען פון אַנדערע סטודענטען, פלעגט די שטאַאַט-פּאָליציי פּעריאָדיש זי איבערפאַלען און דורכזוכען. די ביינאַכטיגע איבערפאַלען אויף געוויסע סטודענטישע קוואַרטירען זיינען געוואָרען אַזוי געוועהנליך, אַז קעלניטץ האָט איינמאָל, אויף זיין מילד הומאָריסטישען שטייגער, געזאָגט צו דעם פּאָליציי-בעאַמטען וואָס האָט אונטערזוכט די צימערען: „פאַר וואָס זאָלט איהר אייגענטליך יעדעס מאָל, ווען איהר קומט מאַכען אַן אונטערזוכונג, דורכקוקען אַלע אונזערע ביכער? איהר קענט דאָך אויסמאַכען אַ ליסטע פון זיי און קומען איינמאָל אין מאָנאַט נאָכזעהן צי זיי זיינען אַלע דאָ אויף די פּאָליצעס; און פון צייט צו צייט צושטעלען די נעמען פון די צוגעקומענע“. דער קלענסטער פערדאַכט פון פּאָליטישער אונצופערלעסיגקייט איז געווען גענוג גרונד, מען זאָל אוועקנעהמען אַ יונגען מאַן פון דער הויכ-שולע, איהם פערשפּאַרען אויף עטליכע מאָנאַט אין געפענגניס, און ענדליך איהם אוועקשיקען אין ערגעץ אַ פערוואָרפענער פּראָווינץ אין די אוראַלען — „אויף אַן אונבעשטימטער צייט“, ווי זיי פלעגען עס רופען אויף זייער

ביוראָקראַטישען לשון. אפילו אין דער צייט ווען דער טשייקאָווסקי קרו־זשאָק האָט קיין אנדער זאַך ניט געטהאָן ווי נאָר פערטיילט ביכער, וועלכע זיינען געווען געדרוקט מיט דער ערלויבנים פון דער צענזור, איז טשיי־קאָווסקי צוויי מאָל ארעסטירט געוועז און איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אונגעפעהר פיער אָדער זעקס חדשים אין געפענגנים — דאָס צווייטע מאָל אקוראַט אין א קריטישען מאָמענט פון זיין קאַריערע אַלס כעמיקער. זיינע פאָרשונגען זיינען נאָר־וואָס פערעפענטליכט געוואָרען אינ'ם „בולעטין פון דער אקאַדעמיע דער וויסענשאַפטען", און ער האָט געהאַלטען ביים אָבגעבען זיינע לעצטע אוניווערזיטעט־עקזאַמענס. ענדליך איז ער בעפרייט געוואָרען, ווארים די פּאָליציי האָט ניט געקענט אויסגעפינען גענוג בעוויזען אנטקעגען איהם, וואָס זאָלען בערעכטיגען איהם צו פער־שיקען אין די אוראַלען! „אויב מיר וועלען דיך אָבער נאָך אַמאָל ארעס־טירען", האָט מען איהם געזאָגט, „וועלען מיר דיך פערשיקען אין סיביר". ס'איז א פאַקט, אז אַלעקסאַנדער דעם 2טען'ס ליעבלינגס־חלום איז געווען צו האָבען ערגעץ־וואו אין די אוראַלען א ספּעציעלע שטאָדט, וואָס זאָל טאָג און נאַכט בעוואַכט ווערען פון קאָזאַקען, וואו אַלע פערדעכטיגע יונגע מענשען זאָלען קענען פערשיקט ווערען, אזוי אז עס זאָל פון זיי ווערען א שטאָדט פון א צעהן אָדער צוואַנציג טויזענד איינוואוינער. נאָר די געפאַהר פאַר דער רעגיערונג, וואָס אזא שטאָדט וואָלט געקענט אַמאָל ווערען, האָט איהם צוריקגעהאַלטען פון זיין אמת־אַזיאַטישען פּלאַן.

איינער פון אונזערע מיטגליעדער, אַן אָפיציר, האָט געהערט צו א גרופּע יונגע לייט, וועמעס אמביציע ס'איז געווען צו דיענען אין די פּראָ־ווינציעלע זעמסטוואָס. די ארבייט אין דער דאָזיגער ריכטונג האָבען זיי בעטראַכט אַלס א הויכע מיסיאָן, און זיי האָבען זיך צו דעם צוגעגרייט דורך אַן ערנסטען שטודיום פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען פון צענטראַל־רוסלאַנד. פיעלע יונגע לייט האָבען זיך א געוויסע צייט אַרומגעטראָגען מיט דיזעלבע האָפענונגען; אָבער די אַלע האָפענונגען זיינען צורונען געוואָרען ביי דער ערשטער בעגעגענים מיט דער ווירקליכער רעגיערונגס־מאַשין.

האָבענדיג בעוויליגט פאַר געוויסע רוסישע פּראָווינצען א זעהר בעשרענקטע פאָרם פון זעלבסט־רעגיערונג, האָט די רעגיערונג, תיכף נאָכ'ן אָננעהמען דאָס דאָזיגע געזעץ, אָנגעווענדעט אַלע איהרע כחות צו מאַכען די רעפאָרם צו גאָרנישט און אָבשוואַכען איהר גאַנצע בעדייטונג און לעבענס־קראַפט. די פּראָווינציעלע זעלבסט־רעגיערונג האָט זיך געמוזט צופריעדענשטעלען מיט דער איינציגער ראָלע פון שטאַאַט־בעאַמטע וואָס

וועלען צונויפזאמלען די צוגעקומענע אַבצאָהלונגען און זיי דערנאָך אויס־געבען אויף די אָרטיגע בעדערפעניסען פון שטאאט. יעדער פערזוך פון די בעצירקס־ראטהען צו נעהמען די איניציאטיווע אין א וועלכער עס איז פערבעסערונג — שולען, לעהרער־סעמינאריומס, סאניטארע מאסרעגעלען, אַגריקולטור־פערבעסערונגען א. אז. וו. — איז בעגעגענט געוואָרען פון דער צענטראַלער רעגיערונג מיט חשד, מיט פיינדשאפט — און איז פער'מסר'ט געוואָרען פון דער „מאָסקאָווסקאיא גאזעטא" אלס „סעפּאראַ־טיזם", אלס א בעשאפונג פון „א שטאאט אינ'ם שטאאט", אלס א בונט אנטקעגען דער אויטאָקראטיע.

ווען אימיצער זאָל, צום ביישפּיעל, דערצעהלען די ריכטיגע געשיכטע פון דעם טווערער לעהרער־סעמינאריום, אָדער פון וועלכער עס איז אנדערע עהנליכע אונטערנעהמונג פון א זעמסטוואָ אין יענע יאָהרען, מיט די אַלע קליינליכע פערפאָלגונגען, די פערבאָטען, די אונטערברעכונגען, און וואָס ניט, מיט וועלכע מען האָט פערביטערט דאָס לעבען פון יענעם אנשטאלט, וואָלט עס קיין אייראָפּעער, און איבערהויפּט קיין אמעריקאנער לעזער ניט געגלויבט. ער וואָלט דאָס בוך אוועקגעוואָרפען אָן א זייט, זאָגענדיג, „ס'קען ניט זיין אמת; ס'איז צו־נאריש עס זאָל אמת זיין". און דאָך איז עס אזוי געווען. גאנצע גרופּען פון די ערוועהלטע פערטרעטער פון פער־שיידענע זעמסטוואָס זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע עמטער, מען האָט זיי בעפוילען צו פערלאָזען זייערע פּראָווינצען און זייערע אימעניעס, אָדער מען האָט זיי פּשוט פערשיקט, דערפאר וואָס זיי האָבען געוואגט זיך צו ווענדען צום קייזער, אויף א העכסט לאָיאלען שטייגער, מכח אזעלכע רעכטען, וואָס האָט די זעמסטוואָס געקומט לויט דעם געזעץ. „די ערוועהלטע מיטגליעדער פון פּראָווינציאל־ראטהען מוזען זיין איינפאכע מיניסטעריום־בעאמטע, און מוזען געהאָרכען דעם מיניסטער פון אינערען": דאָס איז געווען די טעאָריע פון דער פעטערבורגער רעגיערונג. וואָס איז שייך די ווניגער פּראָמינענטע מענשען — לעהרער, דאָקטוירים, און דער גלייכען, אין דיענסט פון די אָרטיגע געמיינדע־ראטהען — זיינען זיי ארונטערגעזעצט אָדער פערשיקט געוואָרען דורך דער שטאאט־פּאָליציי אין פיער־און־צוואנציג שטונדען, אָהן וועלכע עס איז ווייטערדיגע צערע־מאָניעס, אויף א בעפעהל פון דער אַלערהעכסטער „דריטער אָבטיילונג" פון דער קייזערליכער קאנצעלאריע. ניט לענגער ווי מיט איין יאָהר צוריק האָט א דאמע, וועמעס מאן איז א רייכער לאנדאייגענטימער און פער־נעהמט א הויכע שטעלע אין איינער פון די זעמסטוואָס, און וועלכע איז אַליין פעראינטערעסירט אין בילדונג, איינגעלאדען אכט שול־לעהרער צו איהר געבורטסטאָג־פּארטיע. „אָרעמע מענשען", האָט זי זיך געקלערט,

„זיי האָבען קיינמאָל ניט די געלעגענהייט צו זעהן אימיצען אויסער פויערים". אויף מאָרגען נאָך דער פּאַרטיע איז געקומען אין הויף דער דאָרף־פּאָליציסט און האָט פערלאַנגט מען זאָל איהם געבען די נעמען פון די אַכט לעהרער, כדי אָבצוגעבען וועגען זיי אַ רעפּאָרט צו די פּאָליציי־בעאַמטע. די דאַמע האָט זיך ענטזאַגט איהם צו געבען די נעמען. „זעהר שעהן", האָט ער געענטפערט, „איך וועל זיי שוין אויסגעפינען אָהן אייך, און מאַכען מיין רעפּאָרט. לעהרער ט אָ ר ע ן נ י ט זיך צוזאַמענ־קומען, און אויב זיי קומען זיך יאָ צוזאַמען, איז עס מיין פליכט צו געבען אַ רעפּאָרט." אין דעם פאַל האָט די הויכע שטעלונג פון דער דאַמע בעשיצט די לעהרער; ווען זיי וואָלטען זיך אָבער געהאַט צונויפגעקומען אויף דער קוואַרטיר פון איינעם פון זיי, וואָלטען זיי געקראָגען אַ בעזוך פון דער שטאַאַט־פּאָליציי, און אַ העלפט פון זיי וואָלט דער בילדונגס־מיניסטער אָבגעזאָגט פון זייערע שטעלען; און וואָלט חס ושלום ביי אימיצען זיך ארויסגעכאַפּט אַ בייז וואָרט אין דער צייט פון דעם איבערפאַל פון דער פּאָליציי, וואָלט ער אָדער זי פערשיקט געוואָרען ערגעץ־וואו אין די אוראַלען. דאָס איז וואָס פּאַסירט היינט צו טאָג, דריי־און־דרייסיג יאָהר נאָכדעם ווי די פּראָווינץ־ און בעצירק־ראַטהען זיינען געעפענט געוואָרען; ס'איז אָבער געווען פיעל ערגער אין די זיבעציגער יאָהרען. וואָס פאַר אַ מין באַזיס פאַר אַ פּאָליטישען קאַמפּף האָבען געקענט געבען אַזעלכע אינסטיטוציעס?

ווען איך האָב געקראָגען בירושה פון מיין פאָטער זיין טאַמבאָווער אימעניע, האָב איך אַ געוויסע צייט גאַנץ ערנסט געדענקט זיך צו בעזעצען אויף דער אימעניע, און אָבגעבען מיין ענערגיע פאַר דער אַרבייט אין דער אָרטיגער זעמסטוואָ. מאַנכע פויערים און די אָרעמערע גלחים פון דער נאָכבאַרשאַפט האָבען מיך געבעטען איך זאָל עס טהאָן. וואָס מיך אַנבע־לאַנגט, וואָלט איך צופריעדען געווען מיט וויפיעל עס איז וואָס איך וואָלט געקענט טהאָן, ווי קליין דאָס זאָל ניט זיין, ווען עס זאָל נאָר זיין אַ הילף אויפצוהויבען די אינטעלעקטועלע שטופע און דעם וואוילזיין פון די פויערים. איין טאָג אָבער, ווען מעהרערע פון מיינע ראַטהגעבער זיינען געווען צוזאַמען, האָב איך זיי געפרעגט: „ווי אַ שטייגער ווען איך זאָל פּרובירען עפענען אַ שולע, אַן עקספּערימענט־פערמע, אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג, און איך וואָלט אויף זיך גענומען די פערטיידיגונג פון יענעם פויער אין אונזער דאָרף, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק געקריוודעט געוואָרען — וואָלטען די בעאַמטע מיר דאָס געלאָזט טהאָן?" „קיינמאָל ניט!" איז געווען דער איינשטימיגער ענטפער.

אַן אַלטער גרייז־גרויער גלח, אַ מענש וואָס איז געווען שטאַרק

געאַכטעט אין אונזער נאָכבאַרשאַפט, איז עטליכע טעג שפּעטער געקומען צו מיר מיט צוויי איינפלוסרייכע פיהרער פון די נאַנקאָנפאָרמיסטען, און האָט געזאָגט: „רעדט זיך דורך מיט די צוויי מענשען. אויב איהר קענט עס דורכפיהרען, געהט מיט זיי און, מיט דער ביבעל אין האַנד, פּרעדיגט צו די פּויערים... נו, איהר ווייסט וואָס צו פּרעדיגען... קיין פּאָליציי אין דער וועלט וועט אייך ניט אויסגעפינען, אויב זיי וועלען אייך בעהאַלטען... אויסער דעם לאָזט זיך גאָרנישט ניט טהאָן; דאָס איז, וואָס איך, אַן אַלטער מאַן, ראַטה אייך.“

איך האָב זיי אָפענהערציג ערקלערט פאַר וואָס איך קען ניט אָננעה־מען די ראָלע פון א ווייקליף (א קירכען רעפאָרמער אין 14טען יאָהר־הונדערט אין ענגלאַנד — איב.). אָבער דער אַלטער מאַן איז געווען גערעכט. א בעוועגונג, עהנליך צו די פון די לאָלאַרדס (די נאָכפאָלגערס פון דזשאָהן ווייקליף, וועלכע האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט אויף אין אַן עקאָנאָמישע בעוועגונג — איב.) וואַקסט איצט געשווינד אונטער די רוסישע פּויערים. אַזעלכע ענוים ווי מען האָט אָנגעטהאָן די פריעדענס־ליעבענדע דוכאָבאָרען, און אַזעלכע איבערפאַלען ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרען אין 1897 אויף די נאָנקאָנפאָרמיסטישע פּויערים אין דרום־רוסלאַנד, ווען מען האָט ביי זיי אָוועקגע'גנב'עט די קינדער, כדי זיי צו ערציהען אין אָרטאָדאָקסישע מאָנאַסטירען, וועלען נאָר געבען יענער בעוועגונג א קראַפט, וואָס זי וואָלט ניט געקענט דערגרייכען מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק.

אזוי ווי די פראַגע פון אגיטירען פאַר א קאָנסטיטוציע פלעגט שטענ־דיג אויפגעהויבען ווערען אין אונזערע דיסקוסיאָנען, האָב איך איינמאָל פאָרגעשלאָגען אונזער קרוזשאָק, מיר זאָלען די פראַגע אויפנעהמען ערנסט און זיך אויסקלייבען א פּאַסענדען פּלאַן פון טהעטיגקייט. איך בין אַלע מאָל געווען פון דער מיינונג, אז ווען דער קרוזשאָק בעשליסט עטוואָס איינשטימיג, דאַרף יעדער מיטגליעד פערבויגען זיינע פּערזענליכע געפיהֿ־לען און אָבגעבען אַלע זיינע כחות פאַר דער אויפגאַבע. „אויב איהר וועט בעשליסען צו אַגיטירען פאַר א קאָנסטיטוציע“, האָב איך געזאָגט, „איז מיין פּלאַן אזוי: איך וועל זיך לפּנים אָבזונדערען פון אייך און וועל שטעהן אין פערבינדונגען נור מיט איין מיטגליעד פון קרוזשאָק — לאָמיר זאָגען מיט טשייקאָווסקי — דורך וועמען איך וועל קריגען צו וויסען ווי איהר געהט אָן מיט אייער אַרבייט, און וועל אייך קענען איבערגעבען אין אַלגע־מיין וואָס איך טהו. מיין אַרבייט וועט זיין צווישען די הויפּ־לייט און די העכערע בעאַמטע. איך האָב צווישען זיי א סך בעקאַנטע, און איך קען

פיעלע וואָס זיינען אונצופריעדען מיט די היינטיגע צושטענדען. איך וועל זיי צוזאַמענברענגען און אויב מעגליך פעראייניגען אין אַ מין אָרגאַני־זאַציע; און דאַן, ווען־עס־איז, וועט זיך זיכער מאַכען אַ געלעגענהייט אָנצוואווענדען אַט די אַלע כחות אויף צו צווינגען אַלעקסאַנדער דעם 2טען ער זאָל געבען רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציע. עס וועט זיכער קומען אַ צייט ווען אַט די אַלע מענשען, פיהלענדיג אַז זיי זיינען קאָמפּראָמיטירט, וועלען אין זייערע אייגענע אינטערעסען מאַכען אַן ענטשיידענדען שריט. אויב ס'איז נויטיג קענען אייניגע פון אונז, וועלכע זיינען געוועזען אָפיצירען, בעהילפיג זיין אין פערשפּרייטען די פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער די אָפיצירען אין דער אַרמעע; אָבער די דאָזיגע טהעטיגקייט מוז אין גאַנצען זיין אָבגע־זונדערט פון אייערער, אָבוואויל זיי פיהרען ביידע צו איין ציעל. איך האָב ערנסט נאָכגעדענקט וועגען דעם. איך ווייס וואָסערע פערבינדונגען איך האָב און אויף וועמען מען קען זיך פערלאָזען, און איך גלויב, אַז אייניגע פון די אונצופריעדענע קוקען שוין אויף מיר ווי אויף אַ מעגליכען מיטעל־פונקט פאַר אַזאַ מין טהעטיגקייט. דעם דאָזיגען וועג וועל איך מיר אַליין ניט נעהמען; אָבער אויב איהר דענקט אַז אַזוי איז אַמבעסטען, וועל איך זיך צו דעם איבערגעבען מיט לייב און לעבען."

דער קרוזשאָק האָט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג ניט אָנגענומען. קענענדיג זיך איינער דעם אַנדערען אַזוי גוט, האָבען מיינע חברים וואהרשיינליך געדענקט, אַז ווען איך וואָלט אַוועק אין דער דאָזיגער ריכטונג, וואָלט איך אויפגעהערט זיין טריי זיך אַליין. וואָס עס געהערט מיין אייגענעם פּער־זענליכען גליק, מיין אייגענעם פּערזענליכען לעבען, קען איך איצט ניט פיהלען גענוג דאַנקבאַר, וואָס מיין פאָרשלאַג איז ניט אָנגענומען געוואָרען. איך וואָלט אַוועק אין אַ ריכטונג, וואָס איז ניט געווען דיקטירט פון מיין אייגענער נאַטור, און איך וואָלט דאָרטען ניט געפונען דעם פּערזענליכען גליק, וואָס איך האָב געפונען אויף אַנדערע וועגען. אָבער בעת די טעראָ־ריסטען, זעקס אָדער זיעבען יאָהר שפּעטער, זיינען אַריינגעטראָטען אין זייער ביטערען קאַמפּף אַנטקעגען אַלעקסאַנדער דעם 2טען, האָב איך בעדויערט וואָס עס האָט זיך ניט געפונען אימיצער, וואָס זאָל טהאָן די אַרבייט וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגען, אין די העכערע קרייזען אין פּעטער־בורג. ווען עס וואָלט געווען אַזאַ פערשטענדיגונג אין יענע קרייזען פון פריהער, און פון דאָרטען וואָלט עס וואהרשיינליך זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער אימפּעריע, וואָלטען די צאָהלרייכע קרבנות וואָס זיינען געפאַלען, ניט געווען אומזיסט. יעדענפאַלס האָט די אונטעראירדישע אַרבייט פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט געדאַרפט אונטער אַלע בעדינ־

גונגען אונטערשטיצט ווערען פון אַ גלייכצייטיגער אַגיטאַציע אין ווינטער־פּאַלאַץ.

אַט אַזוי האָט מען אין אונזער קליינער גרופּע כסדר דיסקוטירט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון פּאָליטישע אָנשטרענגונגען אָהן וועלכע עס איז רעזולטאַטען. די אָבגעלאָזטקייט און גלייכגילטיגקייט פון די רייכערע קלאַסען איז געווען האָפנונגסלאָז, און די ערביטערונג צווישען דער פערפאָלגטער יוגענד האָט נאָך ניט געגרייכט יענע הויכע מדרגה, וועלכע האָט זיך מיט 6 יאָהר שפּעטער געענדיגט אין דעם קאַמפּף פון די טעראָריסטען אונטער דער לייטונג פון'ם עקזעקוטיווען קאָמיטעט. נאָכ־מעהר — און דאָס איז איינע פון די העכסט טראַגישע איראָניען פון דער געשיכטע — די אייגענע יוגענד, וועמען אַלעקסאַנדער דער 2טער, אין זיין בלינדער מורא און רציחה, האָט געלאָזט פערשיקען אין די הונדערטער אויף קאַטאָרגע און פעראורטיילט צו אַ לאַנגזאַמען טויט אין פערשיקונג, אָט די זעלבע יוגענד האָט איהם בעשיצט אין 78—1871. די לעהרען גופא פון די סאָציאַליסטישע גרופּען זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען ניט צוגעלאָזט עס זאָל זיך ווידערהאָלען אַ צווייטער קאַראַקאָזאָף־אָנגריף אויף דעם לעבען פון'ם צאַר. „גרייט־צו אין רוסלאַנד אַ גרויסע סאָציאַליסטישע מאַסען־בעוועגונג אונטער די ארבייטער און די פּויערים", איז געווען די פּאַראָלע אין יענע צייטען. „קימערט זיך ניט וועגען דעם צאַר און זיינע ראַטהגעבער. ווען אַזאַ בעוועגונג וועט זיך אָנהויבען, ווען די פּויערים וועלען צושטעהן צו דער מאַסען־בעוועגונג, פאָדערענדיג דאָס לאַנד און די אָבשאַפונג פון די לייבאייגענטום'ס אויסקויף־צינזען, וועט די קייזער־ליכע מאַכט זיין די ערשטע צו זוכען הילף ביי די קאַפּיטאַליסטען און לאַנדאייגענטימער און צונויפרופען אַ פּאַרלאַמענט — פּונקט ווי די פּויערים־אויפשטאַנדען אין פראַנקרייך, אין 1789, האָבען געצוואונגען די קעניגליכע מאַכט צונויפצורופען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, אַזוי וועט עס אויך זיין אין רוסלאַנד."

אָבער דאָס איז ניט געווען אַלעס. איינצעלנע מענשען און גרופּען, זעהענדיג אַז די ערשאַפט פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען איז פעראורטיילט צו זינקען אַלץ טיעפער און טיעפער אין רעאַקציע, און לעגענדיג צו דער זעלבער צייט געוויסע האָפענונגען אויף דעם כלומרשט'דיגען „ליבעראַ־ליזם" פון דעם טראָהן־פאָלגער — אויף אַלע יונגע טראָהן־פאָלגער זאָגט מען אַז זיי זיינען ליבעראַלען — זיינען זיי אַלץ צוריקגעקומען צו דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף יאָ נאָכפאָלגען קאַראַקאָזאָף'ס ביישפּיעל. די אָרגאַ־ניזירטע גרופּען אָבער זיינען געווען שטאַרק דאַגעגען אַזאַ געדאַנק, און

האָבען געֿטענה'ט מיט זייערע חברים זיך ניט צו נעהמען פאַר אַזאַ טהעֿ־מיגקייט. איך מעג שוין איצט דערצעהלען דעם פאָלגענדען פאַקט, וועלכער איז ביז היינט געבליבען ניט בעקאַנט. אַ יונגער מאַן פון איינער פון די דרום־פּראָווינצען איז געקומען אין פעטערבורג מיט דעם פעסטען בעשלוס צו טויטען אַלעקסאַנדער דעם 2טען, און ווען איינינגע מיטגליעדער פון דעם טשייקאָווסקי קרוזשאָק האָבען זיך דערוואוסט פון זיין פּלאַן, האָבען זיי ניט נאָר אָנגעווענדעט אַלע זייערע שטאַרקסטע ארגומענטען איהם אָבצוּ־רעדען דערפון, נאָר, ווען ער האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדען, האָבען זיי איהם געלאָזט וויסען, אַז זיי וועלען האַלטען וואַך איבער איהם און מיט געוואַלד איהם שטערען פון מאַכען אַזאַ אָנגריף. וויסענדיג גוט ווי שוואַך דער ווינטער־פּאַלאַץ איז צו יענער צייט געווען בעוואַכט, קען איך מיט זיכערהייט זאָגען, אַז זיי האָבען אַלעקסאַנדער דעם 2טען געראַטעוועט דאָס לעבען. אַזוי פעסט איז די יוגענד צו יענער צייט געווען אַנטקעגען דער מלחמה, אין וועלכער זיי האָבען זיך שפּעטער בעטייליגט, ווען דער כוס פון זייערע ליידען איז שוין געווען איבער־פול.

XV

די צוויי יאָהר, וואָס איך האָב געאַרבייט מיט דעם טשייקאָווסקי קרוזשאָק, איידער איך בין אַרעסטירט געוואָרען, האָבען איבערגעלאָזט אַ טיעפען איינדרוק אויף מיין גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען און דענקען. דאָס זיינען געווען צוויי יאָהר פון לעבען אונטער אַ שטאַרקען דראַנג — עס איז געווען אַזאַ איבער־פולקייט פון לעבען, בעת מען פיהלט יעדע מינוט דעם שטאַרקען קלאַפּען פון אַלע פיברען פון'ם אינערליכען איך, בעת דאָס לעבען איז ווירקליך ווערטה צו לעבען. איך האָב זיך געפונען אין אַ פאַמיליע פון מענער און פרויען, וואָס זיינען געווען אַזוי ענג צוזעֿ־בונדען איינער צום אַנדערען דורך זייער אַלגעמיינעם ציעל, און אַזוי פריי און צערטליך־מילד אין זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען, אַז איך קען זיך איצט ניט דערמאָנען קיין איינציגען מאָמענט, ווען אַ וועלכע עס איז ניט־איינשטימונג זאָל אפילו אויף אַ ווײלע האָבען פערשטערט דאָס לעבען פון אונזער קרוזשאָק. די וואָס האָבען געהאַט וועלכע עס איז ערפאַהרונג אין פּאָליטישע בעוועגונגען, וועלען קענען אָבשאַצען דעם ווערטה פון דאָס, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט.

איידער איך האָב בעשלאָסען איינגאַנצען אויפצוגעבען מיין וויסענ־שאַפטליכע קאַריערע, האָב איך זיך געהאַלטען פערפליכטעט צו פערענ־

דיגען דעם בעריכט פון מיין רייזע אין פינלאַנד פאַר דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, ווי אויך די אַנדערע אַרבייטען וואָס איך האָב געהאַט אָנגע־הויבען פאַר דער אייגענער געזעלשאַפט; און מיינע פריינד זיינען געוועזן די ערשטע צו פערשטאַרקערען אין מיר דעם דאָזיגען בעשלוס. ס'וואָלט געווען אַן עולה, האָבען זיי געזאָגט, צו האַנדלען אַנדערש. איך האָב דעריבער געאַרבייט שווער צו פערענדיגען מיינע געאָלאָגישע און געאָ־גראַפישע ביכער.

די פערזאַמלונגען פון אונזער קרוזשאָק זיינען געווען אָפטע, און איך האָב זיי קיינמאָל ניט פערפעהלט. מיר פלעגען זיך צוזאַמענקומען דעמאָלט אין אַ פאָרשטעדטעל פון פעטערבורג, אין אַ קליין שטיבעל, וואו סאָפיא פעראָווסקאַיאַ האָט געוואוינט אונטער אַ פרעמדען נאָמען און אַ פאַלשען פאַס פון אַן אַרבייטער'ס פרוי. זי האָט געשטאַמט פון אַ זעהר אַריסטאָ־קראַטישער פאַמיליע, און איהר פאָטער איז אַ געוויסע צייט געווען דער מיליטערישער גובערנאַטאָר פון פעטערבורג; אָבער, מיט דער צושטימונג פון איהר מוטער, וועלכע האָט איהר שטאַרק ליעב געהאַט, איז זי אַוועק פון דערהיים אַריינצוטרעטען אין אַ גימנאַזיע, און מיט די דריי שוועסטער קאָרנילאָף — טעכטער פון אַ רייכען פאַבריקאַנט — האָט זי געגרינדעט יענע קליינע זעלבסט־בילדונגס גרופע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען אונזער קרוזשאָק. איצט אין דער ראָלע פון אַן אַרבייטער'ס פרוי, אין איהר קאַרטונענער קלייד און מענערשע שטיוועל, דער קאָפּ בעדעקט מיט אַ קאַרטונענער פאַטשיילקע, טראָגענדיג אויף איהרע שולטער איהרע צוויי עמערס וואַסער פון דער נעווא, וואָלט קיינער אין איהר ניט דערקענט יענע מיידעל, וועלכע האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געשיינט אין איינעם פון די העכסט מאָדישע סאַלאָנען פון דער הויפּטשטאָדט. זי איז געווען אַלעמענס ליעבלינג, און יעדער איינער פון אונז, אַריינקומענדיג אין הויז, האָט געהאַט אַ ספּעציעלען שמייכעל פאַר איהר — אפילו בעת זי פלעגט זיך קריגען מיט אונז פאַר דער בלאָטע וואָס מיר, אָנגעטהאָנענע אין פויערשע לאַנגע שטיוועל און שאָפּען־פּעלצען, פלעגען אָנטראָגען פון די בלאָטיגע גאַסען פון די פאָרשטעדט, וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען. ביי איהר איז דאָס געווען אַן עהרען־זאַך צו האַלטען דאָס הויז אַזוי ריין ווי מעגליך, און זי פלעגט דאַן וועלען אַרויפציהען אויף איהר מיידעלש־נאַאיווען און זעהר אינטעליגענטען קליינעם פּנים דעם שטרענגסטען אויסדרוק, וואָס זי האָט נאָר געקענט. אין איהרע מאָראַל־בעגריפען איז זי געווען אַ „ריגאָריסטקע" (שטרענג מאָראַליש), אָבער דורכאויס ניט פון דעם מוסר־זאָגערישען טיפּ. ווען זי איז געווען אונצופריעדען מיט אימע־צען'ס בענעהמונג, פלעגט זי אויף איהם וואַרפען אַ שטרענגען בליק פון

אונטער איהרע ברעמען; אָבער אין דעם דאָזיגען בליק האָט מען געקענט ארויסזעהן איהר פרייע, גוטהערציגע נאַטור, וועלכע האָט פערשטאַנען אַלעס וואָס איז מענשליך. איין זאַך נאָר האָט זי ניט געקענט מוחל זיין. „ער איז אַ ווייבערניק“, האָט זי איינמאָל געזאָגט, רעדענדיג וועגען אימע־צען, און דער אויסדרוק, ווי אויך דער אופן ווי זי האָט דאָס געזאָגט, ניט אונטערברעכענדיג איהר אַרבייט, איז אויף אייביג איינגעקריצט אין מיין זכרון.

פּעראָווסקאַיאַ איז געווען אַ „פאָלקס־מענש“ ביז דער סאַמע טיעפע־ניס פון איהר הארצען, און צו דערזעלבער צייט אַ רעוואָלוציאָנערקע פון דעם ריינסטען שטאַהל. זי האָט ניט נויטיג געהאַט צו בעפּוצען די אַרביי־טער און די פּויערים מיט איינגערעדטע טוגענדען, כדי זי זאָל זיי ליעב האָבען און אַרבייטען פאַר זיי. זי האָט זיי גענומען ווי זיי געהען, און איינ־מאָל האָט זי צו מיר געזאָגט: „מיר האָבען זיך אונטערגענומען אַ גרויסע זאַך. צוויי דורות וועלען פיליי׳כט אונטערגעהן אין אָט דער אַרבייט, און דאָך מוזען מיר עס טהאָן“. קיין איינע פון די פרויען אין אונזער קרוזשאָק וואָלט זיך ניט אָבגעשראָקען פאַר אַ זיכערען טויט אויף דער תליה. יעדע וואָלט געקוקט דעם טויט גלייך אין פּנים אריין. אָבער קיינע פון זיי האָט צו יענער צייט ניט געטראַכט פון אַזאַ שיקזאַל. פּעראָווסקאַיאַ׳ס גוט־בעקאַנטער בילד איז אַן אויסגעצייכענט ריכטיגער; ער גיט אַזוי גוט איבער איהר ערנסטען מוטה, איהר קלאָרען גייסט, און איהר ליעבענדע נאַטור. דער בריעף, וואָס זי האָט געשריעבען צו איהר מוטער עטליכע שטונדען איידער זי איז געגאַנגען צו דער תליה, איז איינער פון די בעסטע אויסדרוקען פון אַ ליעבענדער נשמה, וואָס אַ פרויען־הארץ האָט ווען עס איז דיקטירט.

דער פאָלגענדער פאַל וועט צייגען וואָס פאַר פרויען די אַנדערע פון אונזער קרוזשאָק זיינען געווען. איין נאַכט בין איך מיט קופּריאַנאָף׳ן געגאַנגען צו וואַרוואַראַ ב., וועמען מיר האָבען געדאַרפט איבערגעבען זעהר אַ נויטיגע זאַך. ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, נאָר זעהענדיג אַז אין איהר פענסטער איז נאָך ליכטיג, זיינען מיר ארויפגעגאַנגען אויבען. זי איז געזעסען ביי אַ טישעל אין איהר קליין צימערעל און האָט קאָפּירט אַ פּראָגראַם פון אונזער קרוזשאָק. מיר האָבען געוואוסט ווי ענט־שלאָסען זי איז, און אונז איז איינגעפאַלען צו מאַכען מיט איהר איינעם פון יענע נארישע שפּאַסען, וואָס מענער דענקען אָפטמאָל אַז עס איז אַ חכמה. „ב.“, האָב איך געזאָגט, „מיר זיינען געקומען נאָך דיר: מיר געהען מאַכען אַ האַלב־וואַהנזיניגען פערזוך צו בעפרייען אונזערע פריינד פון דער פעסטונג“. זי האָט קיין שאלה ניט געפרעגט. זי האָט רוהיג אַוועקגעלעגט

די פעדער, איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, און האָט נאָר געזאָגט, „לאָמיר געהן“. זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ איינפאַכקייט, מיט אַזאַ נאַטירליכ־קייט, אַז איך האָב גלייך דערפיהלט ווי נאַריש איך האָב געהאַנדעלט, און איך האָב איהר דערצעהלט דעם אמת. זי איז צוריקגעפאַלען אין איהר שטוהל, און האָט געפרעגט, מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט אַ פער־צווייפעלטען קול: „איז דאָס געווען ניט מעהר ווי אַ שפּאַס? פאַר וואָס מאַכט איהר אַ זעלכע שפּאַסען?“ איך האָב דאַן בעגריפען די גאַנצע גרויזאַמקייט פון דאָס וואָס איך האָב געטהאָן.

אַ צווייטער אַלגעמיינער ליעבלינג אין אונזער קרוזשאָק איז געווען סערגעי קראַווטשינסקי, וועלכער איז געוואָרען אַזוי וואויל־בעקאַנט, אי אין ענגלאַנד, אי אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, אונטער דעם נאָמען סטעפּניאַק. ער האָט זיך אַזוי ווייניג געקימערט וועגען זיין אייגענער זיכערקייט, אַז מיר פלעגען איהם רופען „דאָס קינד“. אָבער די אונפאָר־זיכטיגקייט זיינע וועגען זיך איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ פאָלשטענ־דיגער אבוועזענהייט פון שרעק, וואָס איז נאָך אַלעמען אָפטמאָל די בעסטע טאַקטיק פאַר דעם, נאָך וועמען די פּאָליציי יאָגט זיך נאָך. ער איז זעהר גיך געוואָרען גוט־בעקאַנט פאַר זיין פּראָפּאַגאַנדאַ אין די אַרבייטער־קרייזען אונטער זיין ריכטיגען פאָרנאָמען סערגעי, און די פּאָליציי האָט איהם דעריבער שטאַרק געזוכט. אונגעאַכטעט דערויף, האָט ער גאָרנישט געטהאָן זיך אויסצוהיטען פון דער פּאָליציי, און איך געדענק אַז איין טאָג האָט מען איהם שטאַרק פאָרגעוואָרפען אויף אונזערע אַ פערזאַמלונג פאַר אַזאַ אַקט פון פּשוט'ער ניט־בעדאַכטקייט. איינמאָל ווען ער האָט פערשפּעטיגט צו דער פערזאַמלונג, וואָס עס פלעגט ביי איהם טרעפען זעהר אָפט, און האָבענדיג דורכצומאַכען אַ לאַנגען מהלך ביז צו אונזער הויז, האָט ער זיך געלאָזט לויפען אין פולען גאַלאָפּ, פערקליידט אַלס אַ פּויער אין אַ שעפּסען־פּעלץ, אין מיטען פון איינער פון די הויפּט־גאַסען פון שטאָדט. „ווי אַזוי האָט איהר עס געטהאָן?“ האָט מען איהם מיט פאָרוואורף געפרעגט. „איהר האָט דאָך געקענט ווערען פערדעכטיג, און ערעסטירט ווערען אַלס איינפאַכער גנב“. אָבער הלואי וואָלט יעדער איינער געווען אַזוי פאָרזיכטיג ווי ער, אין אַנגעלעגענהייטען וואו אַנדערע האָבען געקענט קאָמפּראָמיטירט ווערען.

אונזער ערשטע אינטימע בעקאַנטשאַפט האָבען מיר געשלאָסען איבער סטאַנלעי'ס בוך, „ווי אַזוי איך האָב אויסגעפונען ליווינגסטאָן'ען“. איין נאַכט האָט אונזער פערזאַמלונג אָנגעהאַלטען ביז אַ זייגער צוועלף, און ווען מיר האָבען געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, איז איינע פון די קאָרני־

לאָפּס אַריינגעקומען מיט אַ בוך אין האַנד און האָט געפרעגט, ווער פון אונז עס וואָלט זיך געקענט אונטערנעהמען איבערזעצען, ביז מאָרגען אַכט אַ זייגער אין דער פריה, זעכצעהן געדרוקטע זייטלעך פון סטאַנלעי'ס בוך. איך האָב בעטראַכט די גרויס פון די זייטלעך און געזאָגט, אַז אויב אימיצער זאָל מיר צוהעלפען, וואָלט די אַרבייט פאַרטיג געוואָרען דורך דער נאַכט. סערגעי האָט זיך אָנגעשלאָגען, און אַרום פיער אַ זייגער זיינען די זעכצעהן זייטלעך געווען פאַרטיג. מיר האָבען פאַרגעלעזען אונזערע איבערזעצונגען איינער פאַר'ן אַנדערען, איינער האָט געלעזען און דער אַנדערער האָט נאָכגעפאָלגט דעם ענגלישען טעקסט; מיר האָבען דערנאָך אויסגעלעדיגט אַטעפּעל רוסישע קאַשע, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט פאַר אונז אויפ'ן טיש, און מיר זיינען צוזאַמען אַוועק אַהיים. פון יענער נאַכט אָן זיינען מיר געוואָרען נאָהענטע פריינד.

איך האָב אַלע מאָל ליעב געהאַט מענשען וואָס קענען אַרבייטען, און טהוען זייער אַרבייט ריכטיג. סערגעי'ס איבערזעצען און זיין פעהיגקייט צו אַרבייטען געשווינד איז דעריבער שוין אַליין געווען גענוג, ער זאָל מיר געפעלען. ווען איך בין אָבער מיט איהם נעהנטער בעקאַנט געוואָרען, האָב איך איהם באמת ליעב געקראָגען פאַר זיין עהרליכען, אָפענהערציגען כאַראַקטער, פאַר זיין יוגענדליכער ענערגיע און געזונדען פערשטאַנד. פאַר זיין הויכער אינטעליגענץ, איינפאַכקייט און טרייקייט, און פאַר זיין מוטה און אויסגעהאַלטענקייט. ער האָט זעהר פיעל געלעזען און נאָכגעדענקט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז מיר האָבען ביידע געהאַט דיזעלבע אַנשויאונגען בנוגע דעם רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער פון דעם קאַמפּף, וואָס מיר האָבען אונטערגענומען. ער איז געווען מיט צעהן יאָהר אינגער פאַר מיר, און האָט נאָך פיליייכט ניט אין גאַנצען בעגריפען, וואָס פאַר אַ שווערער קאַמפּף די קומענדע רעוואָלוציע וועט זיין. שפּעטער האָט ער אונז דערצעהלט, מיט אַרעכט ביסעל הומאָר, ווי ער האָט אַמאָל געאַרבייט אונטער די פּויערים אויפ'ן לאַנד. „איין טאָג", האָט ער געזאָגט, „בין איך געגאַנגען מיט מיינעם אַ חבר אויפ'ן וועג, ווען עס האָט אונז אָנגעיאָגט אַ פּויער אין אַ שליטען. איך האָב אָנגעהויבען דערצעהלען דעם פּויער, אַז ער דאַרף ניט צאָהלען קיין שטייערען, אַז די בעאַמטע בערויבען דעם פאָלק, און איך האָב געזוכט איהם צו איבערצייגען מיט פּסוקים פון דער ביבעל, אַז די פּויערים מוזען רעוואָלטירען. דער פּויער האָט אונטערגעשמיסען דעם פערד, נאָר מיר האָבען איהם נאָכגעהאַלטען; ער האָט איהם גענומען טרייבען האַסטיגער, און מיר האָבען אָנגעהויבען איהם נאָכלויפען; די גאַנצע צייט האָב איך געהאַלטען אין איין רעדען צו איהם וועגען שטייערען און אויפשטאַנד. ענדליך האָט ער גענומען יאָגען דעם פערד גאַנץ האַסטיג;

אָבער דער סוף איז ניט געווען קיין שטארק פויגעלדיגער — א ניט־דערקאָרמעטער פויערשער פערדעל — אַזוי אַז איך מיט מיין חבר זיינען ניט געבליבען הינטערשטעליג, און מיר האָבען געהאַלטען אין איין פּראָ־פּאַגאַנדירען צו איהם, ביז מיר זיינען געבליבען אין גאַנצען אָהן אָטהעם.״

סטעפּניאַק האָט פּערוויילט אַ שטיקעל צייט אין קאַזאַן, און איך האָב געדאַרפט זיך דורכשרייבען מיט איהם. ער האָט אַלע מאָל פיינר געהאַט צו שרייבען שיפרירטע בריעף, האָב איך איהם פאָרגעשלאָגען אַ מיטעל פאר אונזער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכער איז שוין פריהער אָפט געברויכט געוואָרען אין קאָנספּיראַציעס. מען שרייבט אַ געוועהנליכען בריעף וועגען פערשיידענע זאַכען, אָבער נאָר געוויסע ווערטער פון דעם בריעף — לאָמיר זאָגען יעדער פינפטער וואָרט — האָבען אַ בעדייטונג. איהר שרייבט, צום ביישפּיעל: „ענטשולדיג מיין קורצען בריעף. קום צו מיר היינט אָבענד. מאָרגען פריה פאָהר איך אוועק צו מיין שוועסטער. מיין ברודער ניקאָליי פיהלט ערגער; ס׳איז געווען שפּעט צו מאַכען אַן אָפּעַ־ראַציע.״ ווען איהר לייענט יעדען פינפטען וואָרט, לייענט זיך עס: „קום מאָרגען צו ניקאָליי, שפּעט״. אום איבערצוגעבען איין זייטעל נויטיגע ידיעות, איז אונז אויסגעקומען צו שרייבען בריעף פון זעקס אָדער זיעבען זייטלעך, און מיר האָבען געמוזט שאַרפען אונזערע פאַנטאַזיעס, ווי אַנצו־פילען די בריעף מיט אַלערליי זאַכען אַזוי, אַז מיר זאָלען קענען אַריינ־ברענגען די נויטיגע ווערטער. סערגעי, פון וועמען ס׳איז געווען אונמעגליך ארויסצוקריגען אַ שיפרירטען בריעף, האָט זיך גענומען צו דער דאָזיגער מין קאָרעספּאָנדענץ מיט חשק, און ער פלעגט מיר שיקען בריעף, וועלכע האָבען אין זיך ענטהאַלטען ערצעהלונגען מיט אויפשוידערענדע פּאַסי־רונגען און דראַמאַטישע אויסלאָזען. שפּעטער האָט ער מיר געזאָגט, אַז די דאָזיגע קאָרעספּאָנדענץ האָט בייגעטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישען טאַלאַנט. אַז מען האָט טאַלאַנט, ווערט שוין יעדע זאַך אַ בייטראַג צו זיין ענטוויקלונג.

אין יאַנואַר אָדער פעברואַר 1874 בין איך געווען אין מאָסקווע, אין איינע פון די הייזער, אין וועלכע איך האָב פערבראַכט מיין קינדהייט. באַלד אין דער פריה האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אַז אַ פּויער וויל מיך זעהן. איך בין אַרויסגעגאַנגען זעהן ווער דאָס איז און האָב באַלד אויסגעפונען אַז דאָס איז סערגעי, וועלכער איז נאָר־וואָס ענטלאָפען פון טווער. ער איז געווען שטאַרק געבויט, און ער, צוזאַמען מיט נאָך אַ געוועזענעם אָפיציר, ראָגאַטשאָף, וועלכער איז אויך געווען אַזוי קרעפטיג ווי ער, האָבען אַרומ־געררייזט אויפ׳ן לאַנד אַלס האָלץ־זעגער. די אַרבייט איז געווען אַ גאַנץ שווערע, איבערהויפּט פאַר ניט־געניטע הענד, אָבער ביידע האָבען די

אַרבייט ליעב געהאַט; און קיינעם וואָלט גאָר ניט איינגעפאַלען צו זוכען פערקליידטע אָפיצירען אין אָט די צוויי קרעפטיגע האָליץ־זעגערס. אין דער דאָזיגער ראָלע זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אַן ערך צוויי וואָכען ניט אַרויס־רופענדיג קיין פערדראַכט, און האָבען געמאַכט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדאַ רעכטס און לינקס און זיינען געגאַנגען ווייטער אָהן מורא. אָפטמאָל פלעגט סערגעי, וועלכער האָט געקענט דעם טעסטאַמענט כמעט אויף אויסוועניג, רעדען צו די פּויערים אַלס רעליגיעזער פּרעדיגער, בעווייזענדיג זיי מיט אויסציגע פון דער ביבעל, אַז זיי דאַרפען אָנהויבען אַ רעוואָלוציע. מאַנכעסמאָל פלעגט ער צונויפשטעלען זיינע אַרגומענטען מיט אויסציגע פון די עקאָנאָמיסטען. די פּויערים האָבען זיך צוגעהערט צו די צוויי מענ־שען ווי צו אמת'ע אַפּאָסטעלס, זיי האָבען זיי געפיהרט פון איין הויז אין דעם אַנדערען, און האָבען זיך ענטזאַגט צו נעהמען פון זיי געצאָהלט פאַר'ן עסען. אין צוויי וואָכען צייט האָבען זיי אַרויסגערופען אַ גאַנצע בעוועגונג אין אַ מאַסע דערפער. זייער נאָמען האָט זיך פונאַנדערגעטראָ־גען ווייט און ברייט. די פּויערים, יונג און אַלט, האָבען זיך אָנגעהויבען סוד'ענען אין די שפּייכלער מכח די „דעלעגאַטען"; זיי האָבען אָנגעהויבען רעדען העכער ווי געוועהנליך, אַז דאָס לאַנד וועט אין גיכען אוועקגענומען ווערען פון די לאַנדאייגענטימער, וועלכע וועלען קריגען אַ פּענסיע פון צאַר. די אינגערע מענשען זיינען געוואָרען העזה'דיגער קעגענאיבער די פּאָליציי־בעאַמטע, זאָגענדיג צו זיי: „וואַרט נאָר אַביסעלע, אונזער צייט וועט באַלד קומען: איהר הורדס'עס וועט שוין לאַנג מעהר ניט הערשע־ווען". אָבער דער שם פון די האָלץ־זעגער האָט דערגרייכט די אויערען פון איינעם פון די פּאָליציי־בעאַמטע, און מען האָט זיי אַרעסטירט. דער בעפעהל איז געוועזן זיי אַוועקצופיהרען צו דעם נעקסטען פּאָליציי־בעאַמטען, צעהן מייל ווייטער.

מען האָט זיי געפיהרט אונטער דער וואַך פון עטליכע פּויערים, און אויף זייער וועג איז זיי אויסגעקומען דורכצוגעהן אַ דאָרף, וועלכער האָט געפּראַוועט זיינעם אַ יום־טוב. „אַרעסטאַנטען? גאַנץ גוט! קומט אַהער, פעטערעל", האָבען געזאָגט די פּויערים, וועלכע האָבען געטרונקען לכבוד דער שמחה. מען האָט זיי אָבגעהאַלטען אין דאָרף כמעט אַ גאַנצען טאָג, די פּויערים האָבען זיי געפיהרט פון איין הויז אין דעם אַנדערען, און אומעטום האָט מען זיי מכבד געווען מיט אייגענע געמאַכטע ביער. די וועכטער האָבען זיך ניט געלאָזט שטאַרק בעטען. זיי האָבען געטרונקען, און זיי זיינען צוגעשטאַנען צו זייערע געפאַנגענע זיי זאָלען אויך טרינקען. „צום גליק", האָט דערצעהלט סערגעי, „האָבען זיי אונז געגעבען דאָס ביער אין גרויסע הילצערנע שעפּערס, וועלכע איינער פלעגט איבערגעבען

דעם אנדערען, אזוי אז איך האָב געקענט צולעגען די ליפּען צום ראנד פון שעפּער, גלייך ווי איך וואָלט געטרונקען, אָבער קיינער האָט ניט געקענט זעהן וויפיעל איך האָב געטרונקען". אָבענד־צייט זיינען די וועכטער אַלע געווען שכור, און ניט וועלענדיג קומען אין אזא צושטאנד פאר'ן פּאָליציי־בעאמטען, האָבען זיי בעשלאָסען צו בלייבען אין דאָרף ביז אין דער פריה. סערגעי האָט געהאַלטען אין איין רעדען צו זיי, און אַלע האָבען זיך צוגע־הערט צו איהם, בעדויערענדיג וואָס אזא גוטער מענש איז אריינגעפאַלען. ווען זיי זיינען געגאנגען שלאָפען, האָט א יונגער פויער איינגערוימט סערגעי'ען אויפ'ן אויער: „ווען איך וועל געהן צומאכען דעם טהויער, וועל איך איהם לאָזען ניט פערריגעלט". סערגעי און זיין חבר האָבען דעם וואונק פערשטאנען, און אזוי געשווינד ווי אַלע זיינען איינגעשלאָפען, זיינען זיי ארוים אין גאַס. זיי האָבען זיך גענומען געהן גאַנץ האסטיג, און ארום פינף א זייגער אין דער פריה זיינען זיי געווען צוואנציג מייל אוועק פון דאָרף, נעבען א קליינער באהן־סטאנציע, וואו זיי האָבען גענומען די ערשטע באהן און זיינען אָנגעקומען אין מאָסקווע. סערגעי איז דאָרט פערבליבען, און שפּעטער, ווען מיר אַלע פון פּעטערבורג זיינען ארעסטירט געוואָרען, איז דער מאָסקווער קרוזשאָק, אונטער דער בעגייסטערונג פון איהם און וואָינעראַלסקי, געוואָרען דער הויפּט־צענטער פון דער אגיטאציע.

דאָ און דאָרט האָבען זיך קליינע גרופּעס פּראָפּאגאנדיסטען בעזעצט אין שטעדט און דערפער ביי פערשיידענע בעשעפטיגונגען. זיי האָבען געעפענט קוזנעס און געגרינדעט קליינע פאַכטען, און יונגע לייט פון די רייכערע קלאסען האָבען געארבייט אין די שמיעדערייען אָדער אויף די פאַכטען, כדי צו זיין אין שטענדיגער בעריהרונג מיט די ארבייטענדע מאסען. אין מאָסקווע זיינען א מאסע יונגע מיידלעך פון רייכע פאמיליען, וועלכע האָבען שטודירט אין דער ציריכער אוניווערזיטעט און האָבען געגרינדעט אַן אייגענע אָרגאניזאציע, אוועק אזוי ווייט, אז זיי זיינען אריינגעטרעטען אין די באוועל־פאבריקען, וואו זיי האָבען געארבייט פון פערצעהן ביז זעכצעהן שעה א טאָג, און האָבען געלעבט אין די פאבריק־קאזארמעס דעם עלענדען לעבען פון די רוסישע פאבריק־מיידלעך. דאָס איז געווען א גראנדיאָזע בעוועגונג, אין וועלכער עס האָבען גענומען א טהעטיגען אנטייל, ווי ווייניג מען זאָל ניט שאצען, פון צוויי ביז דריי טויזענד פּערזאָן, וועהרענד צוויי־ און דריי־מאָל אזוי פיעל סימפּאטיזירער און שטיצער האָבען געהאָלפען דעם טהעטיגען אוואנגארד אויף פערשיי־דענע אופנים. מיט אַגוטער העלפט פון דער דאָזיגער ארמעע איז אונזער

פעטערבורגער קרושאַק געשטאַנען אין אַ רעגעלמעסיגער קאָרעספּאָנדענץ — וואָס איז אַלע מאָל געפיהרט געוואָרען, ווי עס פערשטעהט זיך, אין אַ שיפער־שפּראַך.

די ליטעראַטור וואָס מען האָט געקענט פּערעפּענטליכען אין רוסלאַנד אונטער אַ שטרענגער צענזור — דער קלענסטער אָנצוהערעניס פון סאָציאַליזם איז געווען פערבאָטען — האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט אַלס ניט־געניגענד, און מיר האָבען נעגרינדעט אַן אייגענע דרוקעריי אין אויסלאַנד. פּאַמפלעטען פאַר די ארבייטער און די פּויערים האָבען געמוזט געשריבען ווערען, און אונזער קליינער „ליטעראַרישער קאָמיטעט“, פון וועלכען איך בין געווען אַ מיטגליעד, איז געווען פערוואָרפען מיט ארבייט. סערגעי האָט אָנגעשריבען אַ פּאָר אַזעלכע בראָשורען — איינע אין דעם סטיל פון לאַמניע*), און אַ צווייטע האָט ענטהאַלטען אַן ערקלערונג פון סאָציאַליזם אין אַ צויבער־געשיכטע — און ביידע האָבען געהאַט אַ שטאַרקען אָבגאַנג. די ביכער און בראָשורען וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין אויסלאַנד און אַריינגעשמוגעלט געוואָרען אין רוסלאַנד אין די טויזענדער, זיינען אָבגעלעגט געוואָרען אין געוויסע פּלעצער, און פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צו די אָרטיגע גרופּען, וועלכע האָבען זיי פונאַנדערגעטיילט צווישען די פּויערים און די ארבייטער. צו דעם אַלעמען איז נויטיג געווען אַ געהיימערע אָרגאַניזאַציע, ווי אויך זעהר פיעל ארומפאָהרעניסען, און אַ קאָלאָסאַלע קאָרעספּאָנדענץ, איבערהויפּט צו בעשיצען אונזערע מיטהעלפער און די ביכער־לאַגערען פון דער פּאָליציי. מיר האָבען געהאַט ספּעציעלע שיפערס פאַר פערשיידענע פּראָווינציעלע גרופּען, און אָפטמאָל, נאָכדעם ווי עס איז פערבראַכט געוואָרען זעקס אָדער זיעבען שעה דיסקוטירענדיג אַלע איינצעלהייטען, פלעגען די פרויען, וועלכע האָבען ניט געטרויט אונזער פּינקטליכקייט אין די שיפער־קאָרעספּאָנדענצען, אָבזיצען גאַנצע נעכט און פערשרייבען בויגענס פּאַפּיר מיט קבלה־פיגורען און דראָבען.

די הערצליכסטע פריינדשאַפט האָט אַלע מאָל געהערשט אויף אונזערע פערזאַמלונגען. פּאָרזיצענדע און אַלע אַנדערע פּאָרמאַליטעטען זיינען אַזוי פּאָלשטענדיג אָבשטויסענד פאַר דעם רוסישען גייסט, אַז מיר האָבען עס ניט געהאַט; און כאָטש אונזערע וכוחים זיינען מאַנכעסמאָל געווען גאַנץ היציג, איבערהויפּט ווען „פּראָגראַם־פראַגען“ זיינען דיסקו־

*) אַ פראַנצויזישער טהעאָלאָג, פילאָזאָף און פּאָליטישער שריפטשטעלער, געלעבט 1782—1854. בעקאַנט דעם אידישען לעזער דורך זיין ווערק „ווערטער פון אַ גלויביגען“, געדרוקט אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד“ — איב.

טירט געוואָרען, זיינען מיר שטענדיג גאַנץ גוט אויסגעקומען, ניט בענו־צענדיג זיך מיט די מערב־אייראָפּעאישע פאָרמאַליטעטען. אַן אבסאָלוטע ערנסטקייט, אַן אַלגעמיינער וואונש צו ערלעדיגען די שווערינקייטען ווי אַם בעסטען, און אַן אָפּענהערציג אויסגעדריקטע פעראַכטונג פאַר אַלעם וואָס האָט געשמעקט מיט טהעאַטראַלישען עפעקט — איז גאַנץ גענוג געווען. אויב אימיצען פון אונז וואָלט איינגעפאַלען זיך צו בענוצען מיט אָראַטאָרישע עפעקטען אין רעדען, וואָלטען איהם פריינדליכע שפּאַסען באַלד געוויזען, אַז רעדעס־האַלטען זיינען ניט אין פּלאַץ. אָפטמאָל איז אונז אויסגעקומען צו האָבען אונזערע מאָהלצייטען אין דער צייט פון די פערזאַמלונגען, און זיי זיינען שטענדיג בעשטאַנען פון קאָרן־ברויט, מיט אוגערקעס, אַ שטיקעל קעז, און אַ סך שוואַכע טהעע צו לעשען דעם דורשט. ניט דערפאַר ווייל עס האָט געפעהלט געלד; מיר האָבען שטענדיג געהאַט גענוג, און דאָך איז עס קיינמאָל ניט געווען צופיעל צו דעקען די כסדר וואַקסענדע אויסגאַבען פאַר דרוקען, טראַנספּאָרטירען ביכער, בעהאַלטען פריינד, וואָס די פּאָליציי האָט געזוכט, און אָנפאַנגען נייע אונטערנעהמונגען.

אין פעטערבורג האָט עס אונז ניט לאַנג גענומען צו בעקומען אַ ברייטע בעקאַנטשאַפט אונטער די אַרבייטער. סערדוקאָף, אַ יונגער מאַן מיט אַ גלענצענדער בילדונג, האָט געקראָגען אַ היבשע צאָהל פריינד צווי־שען די אינזשענירען, די מייסטע פון זיי האָבען געאַרבייט אין אַ רעגיע־רונגס־פאַבריק פון דעם אַרטילעריע־דעפּאַרטמענט, וועלכע פלעגען זיך צונויפקומען פאַר פאָרלעזונגען און דיסקוסיאָנען. די אינזשענירען אין פעטערבורג קריגען פערהעלטניסמעסיג גוט בעצאָהלט, און די וואָס זיינען געווען ניט־פערהייראַט, זיינען געווען אין גאַנץ גוטע פערהעלטניסע. אין גיכען זיינען זיי געוואָרען גאַנץ גוט בעקאַנט מיט דער אַלגעמיינער ראַדי־קאַלער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור — באָקעל, לאַסאַל, מילל, דרע־פער, שפּיעלהאַגען, זיינען פאַר זיי געווען גוט־בעקאַנטע נעמען; און אין זייער אויסזעהן האָבען זיך די דאָזיגע אינזשענירען זעהר וועניג אונטער־שיידט פון סטודענטען. ווען קעלניטץ, סערגעי און איך האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אָן דעם קרוזשאָק, האָבען מיר אָפט בעזוכט זייער גרופּע און האָבען פאַר זיי געהאַלטען ניט־פאָרמעלע לעקציעס איבער פערשיידענע זאַכען. אָבער אונזערע האָפנונגען, אַז די דאָזיגע יונגע מענשען וועלען ווערען אייפערינע פּראָפּאַגאַנדיסטען אונטער די וועניגער פריווילעגירטע קלאַסען פון די ארבייטער, זיינען ניט אין גאַנצען פערווירקליכט געוואָרען. אין אַ פרייעס לאַנד וואָלטען זיי געווען די געוועהנליכע רעדנער אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען; אָבער, פּונקט ווי די פריווילעגירטע אַרביי־

טער פון דעם זייגער־פאַך אין זשענעוואַ, האָבען זיי בעהאַנדעלט די מאַסע פון די פאַבריק־הענד מיט אַגעוויסער פעראַכטונג, און זיי האָבען זיך ניט געאײַלט צו ווערען מאַרטירער פאַר דער סאָציאַליסטישער זאַך. ערשט נאָכדעם ווי זיי זײַנען אַרעסטירט געוואָרען און מען האָט זיי אָבגעהאַלטען דריי אָדער פיער יאָהר אין געפענגניס, דערפאַר וואָס זיי האָבען געוואַגט צו ד ע נ ק ע ן סאָציאַליסטיש, און האָבען אויסגעמאָסטען די גאַנצע טיעפקייט פון דעם רוסישען אַבסאָלוטיזם, — ערשט דעמאָלט זײַנען מעהרערע פון זיי געוואָרען אײַפעריגע פּראָפּאַגאַנדיסטען, הויפּטזעכליך פון אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע.

בעזאָנדערס סימפּאַטיזירט האָב איך מיט די וועבער און די אַרבײַטער אין די באַוועל־פאַבריקען. פיעלע טויזענדער זייערע זײַנען פאַראַן אין פעטערבורג, וואָס אַרבײַטען דאָרטען דורכ'ן ווינטער, און פאַר די דריי זומער־מאָנאַטען קעהרען זיי זיך אום אין זייערע היימישע דערפער צו בעאַרבײַטען דאָס לאַנד. האַלב־פּויערים און האַלב שטאָדט־אַרבײַטער, האָבען זיי בײַ זיך אויפגעהאַלטען דעם געזעלשאַפטליכען גייסט פון דעם רוסישען דאָרפס־מענש. די בעוועגונג האָט זיך אונטער זיי פערשפּרייט ווי אַ ווילד־פייער. מיר האָבען געמוזט אײַנהאַלטען דעם ענטהוזיאַזם פון אונזערע נײַע פרײַנד; זאָנסט וואָלטען זיי צונויפגעבראַכט אויף אונזערע קוואַרטירען הונדערטער אויף אַמאָל, יונג און אַלט. די מייסטע פון זיי האָבען געלעבט אין קליינע חברותות אָדער „אַרטעלען", וואו צעהן אָדער צוועלף פערזאָן האָבען געדונגען אַ געמיינשאַפטליכע דירה און געגעסען צוזאַמען, פאַר וואָס יעדער האָט יעדען חודש בעצאָהלט זײַן חלק פון די געמיינשאַפטליכע הוצאות. אויף די דאָזיגע קוואַרטירען פלעגען מיר דאָס געהן, און די וועבערס האָבען אונז באַלד געבראַכט אין בעריהרונג מיט אַנדערע „אַרטעלען" פון שטיין־האַקער, טשעסלערס, און דער גלייכען. אין מאַנכע פון די דאָזיגע אַרטעלען זײַנען סערגעי, קעלניטץ, און נאָך אַ פּאָר פון אונזערע פרײַנד, געווען ווי בײַ זיך אין דערהיים און האָבען פערבראַכט גאַנצע נעכט אין רעדען וועגען סאָציאַליזם. דערצו האָבען מיר נאָך געהאַט אין פערשיידענע טיילען פון פעטערבורג ספּעציעלע דירות, וואָס מאַנכע פון אונזערע פרײַנד האָבען אָנגעהאַלטען, וואו צעהן אָדער צוועלף אַרבײַטער פלעגען זיך צונויפקומען יעדע נאַכט לערנען זיך שרייבען און לייענען, און דערנאָך זיך אַביסעל דורכרעדען. פון צייט צו צייט פלעגט אימיצער פון אונז אַריבערגעהן אין די געבורטס־דערפער פון אונזערע שטאָדטיגע פרײַנד און דאָרט פערברענגען אַ פּאָר וואָכען אין כמעט אָן עפענטליכער פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די פּויערים.

פערשטעהט זיך, יעדער איינער פון אונז, וואָס האָט געהאַט עסקים מיט דעם דאָזיגען קלאַס ארבייטער, האָט געמוזט געהן געקליידט ווי די ארבייטער אליין — דאָס הייסט, ווי פּויערים. די שייד־וואַנד צווישען די פּויערים און די געבילדעטע מענשען אין רוסלאַנד איז אַזוי גרויס, און די בעריהרונג צווישען זיי אַזוי זעלטען, אז דאָס בעווייזען זיך פון א שטאָדטיש־געקליידטען מענשען רופט ארויס אַן אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר אין דאָרף, נאָר אפילו אין שטאָדט. ווען מען זעהט אימיצען וועמעס רעד און קליידונג צייגען אז ער איז ניט קיין ארבייטער, זיך ארומדרעהענדיג צווישען ארבייטער, רופט עס גלייך ארויס דעם פערדאַכט פון דער פּאָליציי. „וואָס פיהרט ער זיך עפּעס ארום מיט'ן „פּראָסטען פּאָלק", אויב ער האָט ניט קיין בייזע אַבזיכטען?" גאַנץ אָפט, נאָך א מיטאָג אין א רייכער הויז, אָדער אין ווינטער־פּאַלאַץ אפילו, וואו איך פלעג אָפט געהן זיך זעהן מיט א פריינד, פלעג איך נעהמען א דראָשקע, זיך געשווינד אריבערכאַפּען אויף דער קוואַרטיר פון אַן אָרעמען סטודענט, איבערבייטען מיינע שעהנע קליידער אויף א באוועלנער העמד, פּויערשע לאַנגע שטיוועל און א שעפּסען־פּעלץ, און שפּאַסענדיג מיט די פּויערים אויפ'ן וועג, אוועקגעהן זיך צונויפטרעפען מיט מיינע ארבייטער פריינד אין ערגעץ א שמוציגער הינטער־געסעל. איך האָב זיי דערצעהלט וואָס איך האָב געזעהן פון דער ארבייטער בעוועגונג אין אויסלאַנד. זיי האָבען זיך צוגעהערט מיט א געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט; ניט א וואָרט האָבען זיי פערלאָרען פון דעם וואָס איך האָב געזאָגט; און דאַן זיינען געקומען די פראַגען: „וואָס קענען מיר טהאָן אין רוסלאַנד?" „אַגיטירען, אָרגאַניזירען", איז געוועזן אונזער ענטפער; „קיין קעניגליכער וועג איז ניטאָ"; און מיר האָבען פאַר זיי געלייענט א פּאָלקסטימליכע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַן אַדאַפּטירונג פון עקערמאַן־שאַטוריאַן'ס פּאָרטרעפליכע „געשיכטע פון א פּויער". יעדער איינער האָט בעוואונדערט מ. שאָוועל, וועלכער איז ארומגעגאַנגען אלס א פּראָפּאַגאַנדיסט איבער די דערפער פערטיילענדיג פערבאָטענע ביכער, און זיי האָבען געברענט מיט חשק נאָכצוגעהן אין זיינע טריט. „רעדט צו אַנדערע", האָבען מיר געזאָגט; „ברענגט צונויף מענשען; און ווען מיר וועלען זיין מעהר אין צאָהל, וועלען מיר זעהן וואָס מיר קענען אויפטהאָן." זיי האָבען פּאָלשטענדיג בעגריפען, און מיר האָבען נאָר געדאַרפט מילדערען זייער ענטהוזיאַזם.

צווישען זיי האָב איך פערבראַכט מיינע גליקליכסטע שטונדען. דער ניי־יאָהר־טאָג פון 1874, דער לעצטער וואָס איך האָב פערבראַכט אין רוסלאַנד אויף דער פרייהייט, איז מיר בעזאָנדערס געבליבען אלס א טהייערער אָנדענקען. דעם אָבענד פריהער בין איך געוועזן אין א געקליבענער

געזעלשאפט. בעגייסטערענדע, נאָבעלע ווערטער זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען יענע נאכט מכח די בירגערליכע פליכטען, דעם וואוילזיין פונ׳ם לאנד, און דער גליכען. אָבער אונטער אַלע ריהרענדע רעדען, האָט איין טאָן ארויסגעקלונגען: ווי אזוי קען זיך יעדער איינער פון די רעדנער בעוואָרענען מיט זיין אייגענעם וואוילזיין? דאָך האָט קיינער ניט געהאט דעם מוטה צו זאָגען, פריי און אָפען, אז ער איז בערייט צו טהאָן נאָר דאָס, וואָס וועט ניט שטעלען אין סכנה זיין אייגענעם טויבען־הייזעל. סאָפּיזמען — סאָפּיזמען אָהן א ברעג — וועגען דער לאנגזאמקייט פון עוואָלוציע, די פוילקייט פון די ניעדעריגע קלאסען, די נוצלאָזיגקייט פון קרבנות, זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען צו בערעכטיגען די ניט־דעררעדטע ווערטער, און אַלעס איז געווען דורכגעמישט מיט דער פערזיכערונג פון יעדען איינעם׳ס גרייטקייט צו ברענגען קרבנות. פּלוצלינג האָט זיך אויף מיר אָנגערוקט א טיעפער אומעט אין מיטען פון די דאָזיגע רעדערייען, און איך בין אוועק אהיים.

דעם נעקסטען פריהמאָרגען בין איך אוועק צו איינער פון די פער־זאמלונגען פון אונזערע וועבער. די פערזאמלונג האָט שטאטגעפונען אין אן אונטעראירדישען פינסטערען צימער. איך בין געווען אָנגעטהאָן ווי א פויער, און האָב זיך פערלאָרען אין דער מאסע פון די איבעריגע שעפּסען־פעלצען. מיין חבר, וועלכער איז געווען בעקאנט מיט די ארבייטער, האָט מיך פאָרגעשטעלט איינפאך: „באָראָדין, א פריינד“. „דערצעהל אונז, באָראָדין“, האָט ער געזאָגט, „וואָס דו האָסט געזעהן אין אויסלאנד“. און איך האָב גערעדט וועגען דער ארבייטער בעוועגונג אין מערב־אייראָפּא, וועגען איהרע קעמפּפע, איהרע שוועריגקייטען און איהרע האָפענונגען.

דער עולם איז בעשטאנען מייסטענס פון מיטעל־יעהריגע מענשען. זיי זיינען געווען שטארק פעראינטערעסירט. זיי האָבען מיר געשטעלט פראגען, אַלע צום פונקט, וועגען די קלענסטע איינצעלהייטען פון די ארבייטער־פעראיינען, וועגען די ציעלען פון דער אינטערנאציאָנאַלער ארבייטערס׳ אסאָציאציע און איהרע אויסזיכטען אויף ערפאָלג, און דאן זיינען געקומען פראגען וועגען דעם, וואָס מען קען טהאָן אין רוסלאנד, און די אויסזיכטען פון אונזער פּראָפּאגאנדא. איך האָב קיינמאָל ניט פער־קלענערט די געפאהרען פון אונזער אגיטאציע, און האָב אָפענהערציג געזאָגט וואָס איך האָב גערענקט. „א ו נ ז וועט מען וואהרשיינליך פערשיקען אין סיביר, אין איינעם פון די דאָזיגע טעג; און אייך — א טייל פון אייך — וועט מען אָבהאַלטען חדשים לאנג אין טורמע פאר׳ן צוהערען זיך צו אונז.“ די דאָזיגע טרויעריגע אויסזיכט האָט זיי ניט אָבגע־שראָקען. „נאָך אַלעמען זיינען אין סיביר אויך דאָ מענשען — ניט נאָר

בערען". „וואו מענשען לעבען, קענען אנדערע אויך לעבען". „דער טייוועל איז ניט אזוי שווארץ ווי מען מאָהלט איהם". „אויב איהר האָט מורא פאר וועלף, געהט קיינמאָל ניט אין וואלד", האָבען זיי געזאָגט, ווען מיר האָבען זיך געזעגענט מיט זיי. און שפּעטער, ווען מעהרערע פון זיי זיינען געוואָרען ארעסטירט, האָבען זיי זיך כמעט אלע פערהאלטען בראוו, שיצענדיג אונז און ניט פעררּאטהענדיג קיינעם.

XVI

אין די צוויי יאָהר, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ, זיינען געמאכט געוואָרען פיעלע ארעסטען, אי אין פּעטערבורג, אי אויף דער פּראָווינץ. עס איז ניט אריבער איין מאָנאט, וואָס מיר זאָלען אימיצען ניט פערלירען, אָדער וואָס מיר זאָלען ניט הערען, אז עס זיינען פערשוואונדען געוואָרען מיטגליעדער פון דער אָדער יענער פּראָווינציעלער גרופּע. ביי דער ענדע פון 1873 זיינען די ארעסטען געוואָרען אלץ אָפטער און אָפטער. אין נאָוועמבער איז איינע פון אונזערע הויפּט־קאָלאָניעס אין א פּעטערבורגער פאָרשטאָדט איבערפאלען געוואָרען פון דער פּעטערבורגער פּאָליציי. מיר האָבען פערלאָרען פּעראָווסקאיאַ'ן און דריי אנדערע פריינד, און אלע אונזערע פערבינדונגען מיט די ארבייטער פון דער דאָזיגער פאָרשטאָדט האָבען געמוזט אויפהערען. מיר האָבען געגרינדעט א נייע קאָלאָניע, ווייטער אוועק פון שטאָדט, אָבער מיר האָבען איהר אין גיכען געמוזט אויפגעבען. די פּאָליציי איז געוואָרען זעהר וואכזאם, און קוים האָט זיך א סטודענט בעוויזען אין די ארבייטער קווארטאלען איז ער גלייך בעמערקט געוואָרען. שפּיאָנען האָבען זיך ארומגעדרעהט צווישען די ארבייטער, וועלכע זיינען שטארק בעוואכט געוואָרען. דמיטרי קעלניטץ, סערגעי און איך, אין אונזערע שעפּסען־פּעלצען און מיט אונזער פּויערשען אויסזעהן, זיינען אריבער ניט בעמערקט, און מיר האָבען ווייטער בעזוכט די פערפאָלגטע פּלעצער. אָבער דמיטרי און סערגעי, וועמעס נעמען עס האָבען זיך געהאט ערוואָרבען א ברייטע בעקאנטשאפט אין די ארבייטער־קווארטאלען, זיינען שטארק געזוכט געוואָרען פון דער פּאָליציי; און ווען מען וואָלט זיי צופעליג געפונען אין דער צייט פון די ביינאכטיגע איבערפאלען ביי א פריינד אויף א קווארטיר, וואָלט מען זיי גלייך ארעסטירט. עס זיינען געוועזען צייטען, ווען דמיטרי האָט יעדען טאָג געמוזט זוכען א פּלאץ וואו ער זאָל קענען איבערנעכטיגען ווי עס איז אין זיכערהייט. „קען איך בלייבען ביי אייך די נאכט?" פלעגט ער פרעגען. אריינקומענדיג א

זייגער צעהן ביי א חבר אין צימער. „אונמעגליך! מיין קוואַרטיר ווערט לעצטענס שטרענג בעוואַכט. געהט בעסער אריבער צו נ—.“ „איך קום ערשט פון איהם, ער זאָגט אז אין זיין נאַכבאַרשאַפט קישעט מיט שפּיאָנען“. „דאַן געהט אריבער צו מ—; ער איז מיינער א גוטער פריינד, און אויסער פערדאַכט. ס'איז אָבער ווייט פון דאַנען, און איהר וועט מוזען נעהמען א דראָשקע. אָט איז געלד“. אָבער דמיטרי האָט פּרינציפּיעל ניט גענומען קיין דראָשקע, ער פלעגט געהן צופוס אין צווייטען עק שטאָדט געפינען א מקום מקלט, אָדער ענדליך פלעגט ער אוועקגעהן צו א פריינד, וואו מען האָט זיך געמעגט ריכטען אויף אַן איבערפאַל יעדע מינוט.

אין אָנהויב יאַנואַר 1874 האָבען מיר פערלאָרען א צווייטע קאָלאָניע, וועלכע איז געוועזען אונזער הויפּט־פּעסטונג פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער די וועבער. איינינע פון אונזערע בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען זיינען פערשוואונדען געוואָרען הינטער די טהויערען פון דער געהיימניספולער „דריטער אָבטיילונג“. אונזער קרוזשאָק איז געוואָרען איינגעשרומפּען, אַלגעמיינע פערזאַמלונגען זיינען געוואָרען אַלץ שווערער, און מיר האָבען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו פאָרמירען נייע גרופּען פון יונגע מענשען, וועלכע זאָלען קענען פאָרטזעצען אונזער ארבייט ווען מען זאָל אונז אַלעמען ארעסטירען. טשייקאָווסקי איז געוועזען אין דרום־רוסלאַנד, און מיר האָבען געצוואונגען דמיטרי'ן און סערגעי'ען זיי זאָלען אוועק פון פּעטערבורג — פּשוט זיי געצוואונגען מיט געוואַלד, בעפוילען זיי זאָלען אוועקגעהן. ניט מעהר ווי פינף אָדער זעקס אונזערע זיינען געבליבען צו בעזאָרגען די אַלע עסקים פון אונזער קרוזשאָק. איך האָב געהאַט בדעה, אזוי געשווינד ווי איך וועל האָבען צוגעשטעלט מיין בעריכט צו דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, אָבצופאָהרען נאָך דרום־מערב־רוסלאַנד און דאָרטען גרינדען א מין לאַנד־ליגע, עהנליך צו דער ליגע, וועלכע איז געוואָרען אזוי מעכטיג אין אירלאַנד ביים סוף פון די זיעבעציגער יאָהרען.

נאָך צוויי פערהעלטניסמעסיג רוהיגע מאָנאַטען, האָבען מיר זיך אין מיטען מערץ דערוואוסט, אז כמעט דער גאַנצער קרוזשאָק פון די אינזשענירען איז ארעסטירט געוואָרען, און צוזאַמען מיט זיי א יונגער מאַן מיט'ן נאָמען ניזאָווקין, א געוועזענער סטודענט, וועלכער האָט צום אונגליק געוואונען זייער צוטרויען, און, מיר זיינען געוועזען זיכער, אז ער וועט באַלד זוכען זיך ריינצוואַשען דערמיט, וואָס ער וועט דערצעהלען אַלעס וואָס ער וועיס וועגען אונז. אחוץ דמיטרי'ן און סערגעי'ען האָט ער אויך געקענט סערדוקאָוו'ען, דעם גרינדער פון דעם קרוזשאָק און מיך, און ער וואָלט זיכער ארויסגעגעבען אונזערע נעמען אזוי גיך ווי מען וועט איהם צודריקען מיט פראַגען. עטליכע טעג שפּעטער זיינען ארעסטירט געוואָרען צוויי

וועבער — העכסט אונצופערלעסיגע מענשען, וואָס האָבען זאָגאר ארויסגעשווינדעלט אַביסעל געלד פון זייערע חברים — וועלכע האָבען מיך געקאָנט אונטער דעם נאָמען באָראָדין. די דאָזיגע צוויי מענשען וועלען זיכער אָנווייזען די פּאָליציי אויפ׳ן שפור פון באָראָדין, דער מאַן וואָס איז געוועזען פערקליידט אַלס אַ פויער, וועלכער האָט גערעדט אויף די פערזאַמלונגען פון די וועבער. אין צייט פון צוויי וואָכען זיינען אַלע מיטגליעדער פון אונזער קרוזשאָק, אַחוץ סערדוקאָף און איך, געוועזען אַרעסטירט.

עס איז פאַר אונז קיין אַנדער זאַך ניט געבליבען ווי נאָר ענטלויפען פון פעטערבורג: אַקוראַט דאָס וואָס מיר האָבען ניט געוואָלט טהאָן. אונזער גאַנצע אונגעהייערע אָרגאַניזאַציע פון דרוקען פאַמפלעטען אין אויסלאַנד און אַריינשמוגלען זיי אין רוסלאַנד; די גאַנצע נעץ־ווערק פון גרופּען, פערמען און לאַנד־קאָלאָניעס, מיט וועלכע מיר האָבען קאָרעספּאָנדירט אין אַלע פערציג (פון די פופציג) פּראָווינצען פונ׳ם אייראָפּעאישען רוסלאַנד, און וועלכע זיינען לאַנגזאַם אויפגעבויט געוואָרען פאַר די לעצטע צוויי יאָהר; ענדליך, אונזערע אַרבייטער גרופּען אין פעטערבורג און אונזערע 4 פערשיידענע צענטערס פאַר פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער די אַרבייטער פון דער הויפּטשטאָדט — ווי האָבען מיר דאָס אַלעס געקענט אַוועקוואַרפען, ניט געפינענדיג קיין מענשען, וואָס זאָלען אָנהאַלטען די בעציהונגען און די קאָרעספּאָנדענץ? סערדוקאָף און איך האָבען בעשלאָסען אַריינצונעהמען אין אונזער גרופּע צוויי נייע מיטגליעדער און איבערגעבען די עסקים צו זיי. מיר פלעגען זיך צונויפקומען יעדען אָבענד אין פערשיידענע טיילען פון שטאָדט, און אַזוי ווי מיר האָבען קיינמאָל ניט געהאַלטען קיין נעמען און אַדרעסען פערשריבען — בלויז די שמוגלינג אַדרעסען זיינען געוועזען פערשריבען אין אַ שיפער און בעהאַלטען אין אַ זיכערען פּלאַץ — האָבען מיר געהאַט אויסצולערנען אונזערע נייע מיטגליעדער הונדערטער נעמען און אַדרעסען און אַ דוצענד שיפערס, איינ׳חזר׳נדיג מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז אונזערע נייע פריינד האָבען זיי געדענקט אויף אויסווענינג. יעדען אבענד זיינען מיר אויף אַזאַ אופן איבערגעגאַנגען די גאַנצע רוסישע מאַפּע, אָבשטעלענדיג זיך איבערהויפּט אויף איהרע מערב־גרענעצען, וועלכע זיינען געוועזען בעזעצט מיט מענער און פרויען, וואָס זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט דעם צונעהמען ביכער פון די שמוגלערס; און אויף די מזרח־פּראָווינצען, וואו מיר האָבען געהאַט אונזערע הויפּט־קאָלאָניעס. דערנאָך, אַלץ זייענדיג פערקליידט, האָבען מיר געמוזט אונזערע נייע מיטגליעדער אַריבערפיהרען צו אונזערע סימפּאַטיזירער אין שטאָדט און זיי פּאָרשטעלען פאַר די, וואָס זיינען נאָך ניט געוועזען אַרעסטירט.

וואס מען האט אין אזא פאל געדארפט טהאן, איז געווען, פערשווינ־דען פון דער פריהערדיגער דירה און זיך בעזעצען ערגעץ אנדערסוואו אונטער אן אנדער נאמען. סערדוקאף האט אויפגעגעבען זיין קווארטיר, אבער אזוי ווי ער האט קיין פאספארט ניט געהאט, האט ער זיך אויסבע־האלטען אין די הייזער פון פריינד. איך האב אויך געדארפט טהאן דאס אייגענע, נאר א זייטיגער אומשטאנד האט מיר דערין געשטערט. איך האב גראד געהאט געענדיגט מיין בעריכט איבער די אייז־פארמירונגען אין פינלאנד און אין רוסלאנד, און דער דאזיגער בעריכט האט געזאלט פאר־געלעזען ווערען אויף א פערזאמלונג פון דער געאגראפישער געזעלשאפט. די איינלאדונגען זיינען שוין געווען ארויסגעשיקט, אבער עס האט זיך גראד געמאכט, אז אין דעם בעשטימטען טאג האבען ביידע פעטערבורגער געאלאגישע געזעלשאפטען געהאט א געמיינשאפטליכע פערזאמלונג, און זיי האבען געבעטען די געאגראפישע געזעלשאפט אבצולעגען די פארלע־זונג פון מיין בעריכט אויף א וואך שפעטער. עס איז געווען בעוואוסט, אז איך גזה פארברענגען געוויסע אידעען וועגען דער אויסברייטונג פון דעם אייז־קאפ אזוי ווייט ווי מיטעל־רוסלאנד, און אונזערע געאלאגען, מיט דער אויסנאהמע פון מיין פריינד און לעהרער, פריעדריך שמידט, האבען עס בעטראכט פאר א ספעקולאציע פון א צו־ווייט גרייכענדען כאראקטער, און זיי האבען איהר געוואלט גרינדליך דורכדיסקוטירען. איך האב דעריבער געמוזט בלייבען נאך א וואך, איידער איך האב געקענט אבפאהרען.

פרעמדע מענשען זיינען ארומגעקראכען ארום מיין הויז און האבען זיך געווענדעט צו מיר אונטער אלערליי פאנטאסטישע אויסרעדען: איינער פון זיי האט געוואלט קויפען א וואלד אויף מיין טאמבאווער אימעניע, וועלכע האט זיך געפונען אין די פרעריעס, וואו קיין בוימער זיינען אבסאלוט ניט געוואקסען. איך האב בעמערקט אין מיין גאס — די פראנטישע מארסקאיא — איינעם פון די צוויי ארעסטירטע וועבער, וואס איך האב דערמאנט, און איך האב מיר אויף דעם אופן דערוואוסט, אז מיין הויז ווערט בעוואכט. און דאך האב איך געמוזט זיך פערהאלטען אזוי ווי גארנישט וואלט פאסירט, ווארים איך האב געדארפט ערשיינען צו דער פערזאמלונג פון דער געאגראפישער געזעלשאפט דעם קומענדען פרייטאג אבענד.

די פערזאמלונג האט שטאטגעפונען. די דיסקוסיאנען זיינען געווען זעהר לעבהאפטע, און איין פונקט ווענינסטענס איז געוואונען געווארען. עס איז אנערקענט געווארען, אז אלע אלטע טעאריעס, וואס זיינען נוגע די מבול־פעריאדע אין רוסלאנד, זיינען געווען אין גאנצען אונבעגרינדעט, און אז מען מוז אנהויבען גאר פון דאס ניי אונטערזוכען די גאנצע פראגע.

איך האָב געהאַט די צופריעדענהייט צו הערען, ווי אונזער ערשטער געאָלאָג, באַרבאָ־דע־מאָרני, האָט געזאָגט, „יאָ אייז־קאָפּ אָדער ניט, מיר מוזען צוגעבען, מיינע העררען, אז אַלעס וואָס מיר האָבען ביז אהער אָנגע־נומען מכח די ווירקונג פון שווימענדען אייז, האָט קיין שום בעגרינדונג ניט געהאַט אין דער ווירקליכער פאָרשונג". און אויף דער אייגענער פער־זאַמלונג איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען, אז איך זאָל ערנאַנט ווערען אַלס פּרעזידענט פון דער פיזיקאַליש־געאָגראַפּישער סעקציע, בעת איך האָב זיך געפּרעגט, צי וועל איך נאָך די אייגענע נאַכט ניט פערברענגען אינ'ם געפענגניס פון דער „דריטער אָבטיילונג".

דאָס בעסטע וואָלט געווען, ניט צו געהן צוריק אין מיין וואוינונג; איך בין אָבער געווען צובראָכען פון מיעדקייט נאָך די אָנשטרענגונגען פון די לעצטע עטליכע טעג, און איך בין אוועק אהיים. יענע נאַכט איז קיין איבערפאַל פון דער פּאָליציי ניט געווען. איך האָב דורכגעקוקט די בערג פּאַפּירען מיינע, האָב פערניכטעט אַלעס וואָס האָט אימיצען געקענט קאָמ־פּראָמיטירען, האָב פערפּאַקט אַלע מיינע זאַכען, און האָב זיך צוגעגרייט אוועקצופאָהרען. איך האָב געוואוסט אז מיין וואוינונג ווערט בעוואַכט, איך האָב אָבער געהאָפט אז די פּאָליציי וועט מיר ניט אָבשטאָטען קיין בעזוך ביז שפּעט אין אָבענד, און אז ווען עס וועט דונקעל ווערען וועל איך זיך קענען אַרויסגליטשען פון הויז אונבעמערקט. עס איז געוואָרען פינס־טער און, ווען איך האָב געהאַלטען ביים אַרויסגעהן, האָט איינע פון די דיענסטמיידלעך צו מיר געזאָגט, „ס'וועט זיין גלייכער איהר זאָלט געהן דורך דער הינטער־טהיר". איך האָב פערשטאַנען וואָס זי מיינט, איך בין געשווינד אַרונטער די טרעפּ און אַרויס פון הויז. אַן איינציגע דראָשקע איז געשטאַנען פאַר'ן טהויער; איך בין אין איהר אַריינגעשפּרונגען. דער טרייבער איז מיט מיר אַוועק אויפ'ן נעווסקי פּראָספּעקט. תחילת האָט אונז קיינער ניט נאָכגעפאָלגט, און איך האָב זיך שוין געפיהלט זיכער; באַלד האָב איך אָבער בעמערקט נאָך אַ דראָשקע יאָגענדיג זיך נאָך אונז אין פולען גאַלאָפּ; אונזער פערד איז צוליעב עטוואָס פערהאַלטען געוואָ־רען און די צווייטע דראָשקע האָט איבערגעיאָגט אונזערע.

צו מיין ערשטוינען האָב איך אין איהר בעמערקט איינעם פון די צוויי אַרעסטירטע וועבערס, בעגלייט פון נאָך אימיצען. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, אזוי ווי ער וואָלט געהאַט מיר עפּעס צו זאָגען. איך האָב געהייסען מיין איזוואָסטשיק זיך אָבשטעלען. „פּיליַיכט", האָב איך געקלערט, „האָט מען איהם אַרויסגעלאָזט פריי, און ער האָט עטוואָס וויכטיגעס מיר איבערצוגעבען". אזוי געשווינד אָבער ווי איך האָב זיך אָבגעשטעלט, האָט דער מאַן, וואָס איז געווען מיט דעם וועבער — דאָס

איז געווען א געהיים־פּאָליציסט — הויך אויסגעשריען, „הערר באָראָדין, איך אַרעסטיר אייך!" ער האָט געגעבען א סיגנאַל צו די פּאָליציסטען, פון וועלכע עס זיינען דאָ גאַנצע מחנות איבער דער לענג פון דעם הויפּט פּעטערבורגער דורכפאָהר, און צוגלייכער צייט איז ער אריינגעשפּרונגען אין מיין דראָשקע און האָט מיר געוויזען א פּאַפּיר, וואָס האָט געטראָגען דעם זיעגעל פון דער פּעטערבורגער פּאָליציי. „איך האָב א בעפעהל אייך צו ברענגען פאר דעם גענעראַל גובערנאַטאָר פאר אן ערקלערונג", האָט ער געזאָגט. ווידערשטאַנד איז געווען אונמעגליך — א פּאָר פּאָליציסטען זיינען שוין געווען גאַנץ נאָהענט פון אונז — און איך האָב געהייסען מיין איזוואָסטשיק זיך אומקעהרען און פאָהרען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר'ס הויז. דער וועבער איז געבליבען אין זיין דראָשקע און איז אונז נאָכגעפאָהרען.

עס איז איצט געווען קלאָר, אז די פּאָליציי האָט זיך גאַנצע צעהן טעג ניט געקענט ענטשליסען מיך צו אַרעסטירען, ווארים זי איז ניט געווען זיכער, אז באָראָדין און איך זיינען איין־און־דיזעלבע פּערזאָן. מיין אַברופען זיך אויף דעם וועבער'ס מאַך מיט דער האַנד האָט זייערע צווייפלען בעזייטיגט.

עס האָט זיך גראַדע געמאַכט, אז ווען איך האָב געהאַלטען ביים פערלאָזען דאָס הויז, איז געקומען א יונגער מאַן פון מאָסקווע און געבראַכט צוויי בריעף, איינעם צו מיר פון א פריינד, וואָינעראַלסקי, און א צווייטען פאר דמיטרי, וועלכער איז געווען אַדרעסירט צו אונזער פריינד פּאָלאַקאָף. דער ערשטער האָט מיר מודיע געווען, אז אין מאָסקווע איז געגרינדעט געוואָרען א געהיימע דרוקעריי און איז געווען פול מיט פרעהליכע נייעס וועגען דער טהעטיגקייט אין יענער שטאָדט. איך האָב איהם דורכגעלייענט און פערניכטעט. דעם צווייטען בריעף, אזוי ווי אין איהם האָט זיך גאָרנישט געפונען אויסער אן אונשולדיגער פריינדליכער געשפּרעך, האָב איך מיטגענומען מיט זיך. איצטער, אז איך בין געווען אַרעסטירט, האָב איך געקלערט, אז עס וואָלט גלייכער געווען איהם צו פערניכטען, און בעטענדיג דעם געהיים־פּאָליציסט ער זאָל מיר נאָכאַמאָל ווייזען זיין פּאַפּיר, האָב איך אויסגענוצט די צייט, וואָס ער האָט זיך געפּאָרעט אין דער קעשענע, ארויסצוואַרפען דעם בריעף אויפ'ן טראָטואַר, אז ער זאָל ניט בעמערקען. ווען מיר זיינען אָבער צוגעקומען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר'ס הויז, האָט דער וועבער דעם בריעף דערלאַנגט דעם געהיים־פּאָליציסט, זאָגענדיג, „איך האָב געזעהן ווי דער הערר האָט דעם בריעף ארויסגעוואָרפען אויפ'ן טראָטואַר, האָב איך איהם אויפגעהויבען".

איצט זיינען געקומען שווערע שעה'ען פון וואַרטען אויף דעם פער־

טרעטער פון דער גערי‌כטליכער אויטאָריטעט, דעם פּראָקוראָר אָדער דעם שטאַאטס־אַנוואַלט. דער דאָזיגער בעאַמטער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א שטרויענעם מענש, מיט וועמען די שטאַאטס־פּאָליציי מאַכט א פּאַראַד אין דער צייט פון די אונטערזוכונגען: ער מאַכט דאָס אז זייערע פּראָטאָקאָלען זאָלען האָבען א פּנים פון געזעצליכקייט. שטונדען האָט עס גענומען, איידער מען האָט דעם דאָזיגען הערר‌ען אויסגעפונען און איהם געבראַכט, אָבצוטהאָן זיין ארבייט אַלס דער כלומרשט׳דיגער פערטרעטער פון גערעכטיגקייט. מען האָט מיך צוריקגעפיהרט צו מיין הויז, און א גרינדליכע אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרען פון אַלע מיינע פּאַפּירען: דאָס האָט געדויערט ביז דריי א זייגער אין דער פריה, אָבער קיין פּיצעל פּאַפּיר איז ניט אויסגעפונען געוואָרען, וואָס זאָל רעדען געגען מיר אָדער אימיצען אַנדערס.

פון מיין הויז האָט מען מיך צוריקגעפיהרט אין דער דריטער אָבטיילונג, אין יענער אַלמעכטיגער אינסטיטוציע, וועלכע האָט געהערשט איבער רוסלאַנד זינט דעם אָנהויב פון ניקאָליי דעם ערשטענ׳ס הערשאַפט ביז צום היינטיגען טאָג — אַן אמת׳ער „שטאַאט אינ׳ם שטאַאט“. אָנגעפאַנגען האָט זי זיך אונטער פּעטער דעם ערשטען אין דעם געהיימען דעפּאַרטאַמענט, וואו די געגנער פון דעם גרינדער פון דער רוסישער מיליטערישער אימפּעריע זיינען געמאַטערט געוואָרען מיט די שוידערליכסטע ענוים, אונטער וועלכע זיי האָבען אויסגעהויכט זייערע נשמות. זי איז פּאָרטגעזעצט געוואָרען אין די געהיימע קאַנצעלאַריעס אין דער צייט וואָס די קייזערינעס האָבען געהערשט, בעת דער מאַרטער־קאַמער פון דעם מעכטיגען מיניטש האָט אָנגעיאָגט א פּחד אויף גאַנץ רוסלאַנד; און זי האָט געקראָגען איהר איצטיגע אָרגאַניזאַציע פון דעם אייזערנעם דעספּאָט, ניקאָליי דעם ערשטען, וועלכער האָט צו איהר צוגעגעבען דעם קאָרפּוס פון זשאַנדאַרמען — און דער שעף פון די זשאַנדאַרמען איז געוואָרען א פּערזאָן, פאַר וועמען מען האָט אין דער רוסישער מלוכה מעהר מורא געהאַט ווי פאַר דעם קייזער אַליין.

אין יעדער רוסישער פּראָווינץ, אין יעדער בעפּעלקערטער שטאָדט, נאָכמעהר, אויף יעדער באַהן־סטאַנציע, געפינען זיך זשאַנדאַרמען, וועלכע גיבען בעריכטען גלייך צו זייערע אייגענע גענעראַלען אָדער פּאָלקאָווניקעס, וועלכע גיבען עס דערנאָך איבער דעם שעף פון די זשאַנדאַרמען; און ער, וועלכער זעהט דעם קייזער יעדען טאָג, בעריכטעט איהם דאָס וואָס ער געפינט פאַר נויטיג. אַלע בעאַמטע פון דער מלוכה שטעהען אונטער דער אויפזיכט פון די זשאַנדאַרמען; עס איז די פליכט פון די גענעראַלען און פּאָלקאָווניקעס צו האַלטען זייערע אויגען אָפען אויף דעם

עפענטליכען־ און פריוואט־לעבען פון יעדען אונטערטהאן פון צאר — אפילו אויף די גובערנאטאָרען פון די פּראָווינצען, אויף די מיניסטאָרען און אויף די גרויספירסטען. דער קייזער אליין איז אונטער זייער שטרענגער וואך, און אזוי ווי זיי זיינען גוט־בעקאנט מיט אלע קליינינגקייטען וואָס עס קומען פאָר אין פּאלאַץ, און זיי וויסען יעדען טריט וואָס דער קייזער מאכט אויסער׳ן פּאלאַץ, ווערט דער שעף פון די זשאנדארמען, אזוי צו זאָגען, א פערטרויטער פון די העכסט אינטימסטע אנגעלעגענהייטען פון דעם הערשער פון רוסלאנד.

אין יענער פּעריאָדע פון אלעקסאנדער דעם צווייטען׳ס הערשאפט, איז די דריטע אָבטיילונג געווען אבסאָלוט אלמעכטיג. די זשאנדארמסקע פּאָלקאָווניקעס האָבען געמאכט הויז־זוכונגען אין די טויזענדער, אבסאָלוט ניט קימערענדיג זיך צי עס עקזיסטירען געזעצען און געריכטען אין רוסלאנד. זיי האָבען ארעסטירט וועמען זיי האָבען געוואָלט, זיי האָבען געהאלטען מענשען איינגעשפּארט אזוי לאנג ווי עס האָט זיך זיי געגלוסט, און זיי האָבען פערשיקט הונדערטער אין צפון מזרח פון רוסלאנד אָדער אין סיביר, לויט דעם קאפּריז פון א גענעראל אָדער פּאָלקאָווניק. די אונטערשריפט פון דעם מיניסטער פון אינערען איז געווען ניט מעהר ווי א פאָרמאליטעט, וואָרים ער האָט איבער זיי קיין קאָנטראָלע ניט געהאט און ער האָט ניט געוואוסט וואָס זיי טהוען.

עס איז געווען פיער א זייגער אין דער פריה ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען מיין פערהער. „איהר ווערט בעשולדיגט", האָט מען מיך ערקלערט, „אין געהערען צו א געהיימער געזעלשאפט, וועלכע האָט אלס איהר צוועק אומצושטירצען די עקזיסטירענדע פאָרם פון דער רעגירונג און אין קאָנספּירירען געגען דער הייליגער פּערזאָן פון זיין קייזערליכער מאיעסטעט. זייט איהר שולדיג אין די דאָזיגע פערברעכען?"

„אזוי לאנג ווי איך וועל ניט געבראכט ווערען פאר א געריכט, וואו איך וועל קענען רעדען עפענטליך, וועל איך קיינע ענטפערען ניט געבען."

„שרייבט", האָט דער פּראָקוראָר דיקטירט צו א שרייבער: „אנערקענט זיך ניט שולדיג". „דאָך", האָט ער פאָרטגעזעצט, „איך מוז אייך שטעלען געוויסע פראגען. קענט איהר א פּערזאָן מיט דעם נאָמען ניקאָלייטשייקאָווסקי?"

„אויב איהר האלט זיך ניט אנדערס ביי אייערע פראגען, דאן שרייבט „ניין" אויף יעדער פראגע, וואָס איהר ווילט מיר נאָר פרעגען."

„אָבער ווען מען זאָל אייך, צום ביישפּיעל, פרעגען צי איהר קענט דעם הערערען פּאָלאקאָף, פון וועמען איהר האָט נאָר־וואָס גערעדט?"

„אין דעם מאָמענט וואָס א י ה ר פרעגט מיר אזא פראגע, שטעלט

זיך גאָר ניט אָב: שרייבט „ניין". און אויב איהר פרעגט מיר, צי קען איך מיין ברודער, אָדער מיין שוועסטער, אָדער מיין שטיפמוטער, שרייבט „ניין". קיין אנדער ענטפער וועט איהר פון מיר ניט קריגען: וואָרים אויב איך זאָל אייך ענטפערען „יאָ" בנוגע וועלכער עס איז פּערזאָן, וועט איהר שוין גלייך אויספּלאַנעווען עטוואָס שלעכטס קעגען איהם, מאַכען אַן איבערפאל אָדער עטוואָס ערגערס, און דערנאָך וועט איהר זאָגען, אַז איך האָב איהם ארויסגעגעבען."

א לאנגע ליסטע פון פראגען איז מיר פאָרגעלייענט געוואָרען, אויף וועלכע איך האָב יעדעס מאָל געדולדיג געענטפערט, שרייבט נ י י ן". דאָס האָט אָנגעהאַלטען פאר אשטונדע, אין וועלכער איך האָב ערפאהרען, אז אַלע וואָס זיינען ארעסטירט געוואָרען, מיט דער אויסנאהמע פון די צוויי וועבער, האָבען זיך פערהאַלטען אויסגעצייכענט. די וועבער האָבען נאָר געוואוסט, אַז איך בין צוויי מאָל זיך צונויפגעקומען מיט א דוצענד ארבייטער, און די זשאַנדארמען האָבען גאָרנישט געוואוסט וועגען אונזער קרוזשאָק.

„וואָס טהוט איהר, פּרינץ?" האָט א זשאַנדאַרמסקער אָפיציר געזאָגט, אוועקפיהרענדיג מיך אין מיין צעלע. „אייער ענטזאגען זיך צו ענטפערען אויף פראגען וועט דיענען אלס א שרעקליכע וואפע קעגען אייך".

„דאָס איז מיין רעכט, איז עס ניט?"

„יאָ, אָבער — איהר ווייסט דאָך... איך האָף איהר וועט זיך פיהלען בעקוועם אין דעם דאָזיגען צימער. מיר האָבען איהם געהאַלטען וואַרעם זינט איהר זייט ארעסטירט געוואָרען."

איך האָב דעם צימער געפונען גאַנץ בעקוועם, איך בין פעסט אַנט־שלאָפען געוואָרען. אין דער פריה בין איך אויפגעוועקט געוואָרען פון א זשאַנדאַרם, וועלכער האָט מיר אריינגעבראַכט טהעע. באַלד נאָך איהם איז נאָך אימיצער אריינגעקומען, וועלכער האָט צו מיר א שעפּטשע געטהאָן, אַזוי ווי דאָס וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען, „אָט האָט איהר א שטיקעל פּאפּיער און א בלייפעדער, שרייבט אייער בריעף". דאָס איז געווען א סימפּאַטיזירער, וועמען איך האָב געקאָנט ביים נאָמען; ער פלעגט דאָס פיהרען אונזער קאָרעספּאָנדענץ מיט די געפאַנגענע פון דער דריטער אָבטיילונג.

פון אַלע זייטען האָב איך געהערט קלעפּ אויף די וואַנד, וועלכע זיינען געשווינד געקומען איינע נאָך די אַנדערע. דאָס האָבען די געפאַנגענע נערעדט צווישען זיך דורך לייכטע קלעפּ אין די וואַנד; נאָר אַזוי ווי איך בין געווען א פרישער, האָב איך גאָרנישט געקענט ארויסקריגען פון דעם

גערויש, וועלכער האָט אויסגעוויזען צו קומען פון אַלע טיילען פון דער געביידע מיט אמאָל.

איין זאַך האָט מיר ניט געלאָזט רוהען. אין דער צייט פון די אונ־טערזוכונגען אין מיין הויז, האָב איך געקראָגען צו הערען, ווי דער פּראָקו־ראָר האָט אין דער שטיל גערעדט צום זשאַנדאַרמסקען אָפיציר וועגען מאַכען אַן אונטערזוכונג אין מיין פריינד פּאָלאַקאָף'ס וואוינונג, צו וועמען דער בריעף פון דמיטרי איז געווען אַדרעסירט. פּאָלאַקאָף איז געווען אַ יונגער סטודענט, אַ זעהר בעגאַבטער זאָאָלאָג און באָטאַניקער, מיט וועמען איך האָב געהאַט געמאַכט מיין וויטים עקספּעדיציע אין סיביר. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער קאָזאַקען־פאַמיליע ביי דעם גרענעץ פון מאָנ־גאָליע, און נאָכדעם ווי ער איז בייגעקומען אַלערליי שוועריגקייטען, איז ער געקומען אין פּעטערבורג, אריינגעטראָטען אין דער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט זיך פעראַשפּט דעם נאָמען אַלס העכסט־פערשפּרעכענדער זאָאָלאָג, און ער האָט דאַן געהאַלטען ביים דורכמאַכען זיינע לעצטע עקזאַמענס. מיר זיינען געווען שטאַרק בעפריינדעט זינט אונזער לאַנגער רייזע, און מיר האָבען אפילו געוואוינט צוזאַמען אין פּעטערבורג, ער האָט אָבער קיין אינטערעסע ניט גענומען אין מיין פּאָליטישער טהעטיגקייט.

איך האָב וועגען איהם גערעדט מיט דעם פּראָקוראָר. „איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט", האָב איך געזאָגט, „אַז פּאָלאַקאָף האָט קיינמאָל קיין אַנטייל ניט גענומען אין וועלכער עס איז פּאָליטישער אָנגעלעגענהייט. מאָרגען דאַרף ער דורכמאַכען אַן עקזאַמען, און איהר וועט אויף אייביג פערניכטען די וויסענשאַפטליכע קאַריערע פון אַ יונגען מענשען, וועלכער האָט דורכגעמאַכט גרויסע שוועריגקייטען און האָט יאָהרען געקעמפפט, זיך צו דערשלאָגען צו זיין איצטיגער לאַגע. איך ווייס אַז אייך געהט דאָס גאַנץ ווייניג אָן, אָבער אין דער אוניווערזיטעט ווערט ער בעטראַכט אַלס איינער פון די צוקינפטיגע בעריהמטהייטען פון דער רוסישער וויסענשאַפט".

די אונטערזוכונג האָט מען פונדעסטוועגען געמאַכט, מען זאָט נאָר אָבגעלעגט דעם פערהער אויף דריי טעג. אביסעל שפּעטער האָט מען מיך גערופען צום פּראָקוראָר, וועלכער האָט מיט טריאומף מיר געצייגט אַ קאָנווערט אַדרעסירט מיט מיין האַנדשריפט, און אינוועניג איז געווען אַ צעטעלע, אויך מיט מיין האַנדשריפט, וועלכער האָט זיך געלייענט, „זייט אזוי גוט, נעהמט אוועק דעם דאָזיגען פּאַקעט צו וו. ע. און זאָגט, אַז מען זאָל איהם האַלטען ביז וואַנען מען וועט איהם פאָדערען אין דער געהעריגער פאָרם". די פערזאָן צו וועמען דאָס צעטעלע איז געווען געשרי־

בען, איז דאָרט ניט געווען דערמאָנט. „אַט דעם בריעף", האָט דער פּראָ־קוראָר געזאָגט, „האָט מען געפונען ביי הערר פּאָלאקאָף; און איצט, פּרינץ, איז זיין שיקזאל ביי אייך אין די הענד. אויב איהר וועט מיר זאָגען ווער וו. ע. איז, וועט הערר פּאָלאקאָף פריי געלאָזט ווערען; אויב אָבער איהר ענטזאגט זיך דערפון, וועט מען איהם האלטען אזוי לאנג, ווי ער וועט ביי זיך ניט בעשליסען צו געבען דעם נאָמען פון דער פּערזאָן."

א קוק טהאָנדיג אויפ'ן קאָנווערט, וועלכער איז געווען אדרעסירט מיט שווארצען קרייד און אויפ'ן בריעף, וועלכער איז געווען געשריבען מיט א געוועהנליכען בליישטיפט, האָב איך זיך גלייך דערמאָנט די אומ־שטענדען, אונטער וועלכע זיי זיינעןביידע געשריבען געוואָרען. „איך בין זיכער", האָב איך באלד אויסגערופען, „אז דאָס צעטעלע און דעם קאָנ־ווערט האָט מען ניט געפונען צוזאמען! א י ה ר האָט דאָס דעם בריעף אריינגעלעגט אין דעם קאָנווערט".

דער פּראָקוראָר איז בלייך געוואָרען. „ווילט איהר אז איך זאָל אייך גלויבען", האָב איך פּאָרטגעזעצט, „אז איהר, א פּראַקטישער מענש, האָט ניט בעמערקט, אז זיי זיינען ביידע געשריבען מיט פערשיידענע בליי־פעדערס? און איצט פּרובירט איהר איינרעדען מענשען, אז זיי געהערען ביידע צוזאמען! נון, מיין הערר, דאן זאָג איך אייך, אז דער בריעף איז ניט געווען פאר פּאָלאקאָף'ן".

פאר א ווײַלע איז ער געבליבען אין פערלעגענהייט, ער האָט אָבער דערנאָך צוריקגעקראָגען זיין חוצפּה און געזאָגט, „פּאָלאקאָף האָט צוגע־געבען אז אַט דער בריעף אייערער איז געווען געשריבען צו איהם".

איצט האָב איך געוואוסט אז ער לייגט. פּאָלאקאָף וואָלט אלעס מודה געווען וועגען זיך; ער וואָלט אָבער גיכער זיך געלאָזט פערשיקען אין סיביר, איידער פערוויקלען א צווייטע פּערזאָן. קוקענדיג דעם פּראָקוראָר גלייך אין פּנים אריין, האָב איך דעריבער געענטפערט, „ניין, מיין הערר, ער האָט עס ק י י נ מ אָ ל ניט געזאָגט, און איהר ווייסט גאנץ גוט, אז אייערע ווערטער זיינען ניט אמת".

ער איז געוואָרען ווילד פון כעס, אָדער ער האָט נור געמאכט אָן אָנשטעל אז ער איז אין כעס. „נון, גוט", האָט ער געזאָגט, „אויב איהר וואַרט דאָ א ווײַלע, וועל איך אייך אריינברענגען פּאָלאקאָף'ס געשריבענע ערקלערונג וועגען דעם. ער איז אין צווייטען צימער אונטער פּערהער".

„איך בין גרייט צו וואַרטען אזוי לאנג ווי איהר ווילט אליין."

איך בין געזעסען אויף א זאָפע, רויכערענדיג פּאַפּיראָסען אָהן א צאָהל. די ערקלערונג איז ניט געקומען.

פערשטעהט זיך, אזא ערקלערונג איז קיינמאָל ניט געמאכט געוואָרען.

איך האָב זיך געטראָפען מיט פאלאקאָף׳ן אין 1878 אין זשענעווא, פון וואנען מיר האָבען געמאכט אן אנגענעהמע עקסקורסיע צו דעם אלעטשגלעטשער. עס איז פאר מיר ניט נויטיג צו דערצעהלען, אז זיינע ענטפערען זיינען געווען אקוראט אזוי ווי איך האָב ערווארטעט: ער האָט געלייקענט אז ער ווייס עפעס וועגען דעם בריעף, אָדער וועגען דער פערזאָן פאר וועמען די בוכשטאבען וו. ע. זיינען געווען געמיינט. צעהנדליגער ביכער זיינען איבערגעטראָגען געוואָרען פון מיר צו איהם, און צוריק צו מיר, און דעם בריעף האָבען זיי געפונען אין א בוך, וועהרענד דעם קאָנווערט האָט מען געפונען אין דער קעשענע פון אן אלטען ראָק. עטליכע וואָכען האָט מען איהם געהאלטען אונטער ארעסט, און דאן האָט מען איהם פריי־געלאָזט, צוליעב דעם אריינמישען זיך פון זיינע וויסענשאפטליכע פריינד. וו. ע. האָט מען ניט בעלעסטיגט, און ער האָט מיינע פאפירען איבערגעגעבען אין דער ריכטיגער צייט.

יערעס מאָל וואָס איך האָב דערנאָך געזעהן דעם פראָקוראָר, פלעג איך איהם קוועלען מיט דער פראגע: „און וואָס הערט זיך מכח פאלאקאָף׳ס ערקלערונג?“

מען האָט מיך מעהר אין מיין צעלע צוריק ניט געפיהרט, אבער א שטונדע שפעטער איז געקומען דער פראָקוראָר, אין דער בעגלייטונג פון א זשאנדארמסקען אָפיציר. „אונזער פערהער“, האָט ער מיר געלאָזט וויסען, „איז איצט געענדיגט; מען וועט אייך אריבערפיהרען אין אן אנדער פלאץ.

א פיער־רעדערדיגע קארעטע איז געשטאנען פאר׳ן טהויער. מען האָט מיך געהייסען איינשטייגען אין איהר, און א דיקער זשאנדארמסקער אָפיציר, וואָס האָט געשטאמט פון קאווקאז, האָט זיך אנידערגעזעצט ביי מיין זייט. איך האָב צו איהם גערעדט, אבער ער האָט נאָר געכראָפעט. די קארעטע איז אריבערגעפאָהרען דעם קייטען־בריק, דאן איז זי דורכגעפאָהרען דעם פאראד־פלאץ און איז געלאָפען פאזשע די קאנאלען, אזוי ווי זי וואָלט אויסגעמידען די מעהר בעזוכטע גאסען. „פאָהרען מיר צו דער ליטאָווסקער טורמע?“ האָב איך דעם אָפיציר געפרעגט, וויסענדיג אז פיעלע פון מיינע חברים זיינען שוין דאָרטען. ער האָט ניט געענטפערט. די סיסטעמע פון אבסאָלוטען שווייגען, וועלכע איז אָנגעווענדעט געוואָרען אויף מיר פאר די נעקסטע צוויי יאָהר, האָט זיך אָנגעהויבען אין דער דאָזיגער פיער־רעדערדיגער קארעטע; אבער ווען מיר האָבען אָנגעהויבען פאָהרען איבער דעם פלאץ־בריק, האָב איך פערשטאנען, אז מען פיהרט מיר אין דער פעטראָפאוולאָווסקער פעסטונג.

איך האָב בעוואונדערט דעם שעהנעם טייך, וויסענדיג אַז איך וועל איהם שוין אַזוי געשווינד ניט זעהן. די זון האָט געהאַלטען ביים אונטער־געהן. געדיכטע גרויע וואָלקענס זיינען געהאַנגען אין מערב־זייט איבער דעם פינלאַנדישען ים־אויסגוס, וועהרענד לייכטע וואָלקענס האָבען געשוועבט איבער מיין קאָפּ, אַרויסווייזענדיג דאָ און דאָרט פלעקען פון בלויען הימעל. דאַן האָט זיך די קאַרעטע פערקירעוועט צו לינקס און איז אַריינגעפאָהרען אין אַ דונקעלען געוועלבטען דורכגאַנג, דעם טהויער פון דער פעסטונג.

„איצט וועל איך שוין דאָ דאַרפען בלייבען אַ פּאָר יאָהר“, האָב איך בעמערקט צום אָפיציר.

„ניין, וואָרום אַזוי לאַנג?“ האָט געענטפערט דער טשערקעס, וועלכער זייענדיג שוין אין פעסטונג האָט צוריקגעקראָגען דעם כח הדיבור. „אייער אַנגעלעגענהייט איז כמעט געענדיגט, און זי קען אין אַ פּאָר וואָכען אַרום פאַרגעבראַכט ווערען אין געריכט“.

„מיין אַנגעלעגענהייט“, האָב איך געענטפערט, „איז זעהר איינפאַך; אָבער איידער איהר וועט מיך ברענגען אין געריכט, וועט איהר זוכען צו אַרעסטירען אַלע סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד, און זיי זיינען פיעל, זעהר פיעל; אין צוויי יאָהר וועט איהר דערמיט ניט פאַרטיג ווערען.“ איך האָב דאַן ניט בעגריפען ווי פּראָפּעטיש מיין בעמערקונג איז געוועזן.

די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר דער טהיר פון דעם מילי־טערישען קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג, און מיר זיינען אַריין אין דעם עמפּפאַנגס־זאַל. גענעראַל קאָרסאַקאָף, אַ דאַרער אַלטער מאַן, איז אַריינגע־קומען, מיט אַבייזען אויסדרוק אויף זיין געזיכט. דער אָפיציר האָט צו איהם גערעדט מיט אַן איינגעהאַלטענעם קול, און דער אַלטער מאַן האָט געענטפערט „שוין רעכט“, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ מין פעראַכטונג, און דאַן האָט ער געווענדעט זיינע אויגען אויף מיר. עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז ניט געווען אַזוי שטאַרק צופריעדען אויפצונעהמען אַ נייעם גאַסט, און אַז ער האָט זיך אַביסעל געשעהמט מיט זיין ראָלע; עס האָט אָבער אויסגעוויזען ווי ער וואָלט זאָגען, „איך בין אַ סאָלדאַט, און איך טהו נאָר מיין פליכט“. מיר זיינען באַלד ווידער אַריין אין דער קאַרעטע, אָבער מיר האָבען זיך געשווינד אָבגעשטעלט פאַר אַ צווייטען טהויער, וואו מען האָט אונז געלאָזט וואַרטען אַ היבשע צייט, ביז אַן אָבטיילונג סאָלדאַטען האָט איהם געעפענט פון אינוועניג. געהענדיג צופוס דורך די שמאָלע קאָרידאָרען, זיינען מיר געקומען צו אַ דריטען אייזערנעם טהויער, וועלכער האָט זיך געעפענט אין אַ פינסטערען געוועלבטען קאָרידאָר, פון

וועלכען מיר זיינען אריינגעגאנגען אין א קליינעם צימער, וואו עס האָט נעהערשט חושך און פייכטקייט.

עטליכע אונטעראָפיצירען פון די פעסטונג'ס סאָלדאטען זיינען ארומ־געגאנגען נערווישלאָז אין זייערע ווייכע פילצענע שטיוועל, ניט ארויס־רעדענדיג א וואָרט, אין דער צייט וואָס דער אויפזעהער האָט אונטער־געשריבען דעם טשערקעס' בוך, בעשטעטיגענדיג אז ער האָט אויפגע־נומען א נייעם געפאנגענעם. מען האָט מיך געהייסען אויסטהאָן אלע מיינע בגדים און אָנטהאָן די געפענגנים־קליידער — א גרינער פלאנעלענער כאלאט, גרויסע וואָלענע זאָקען, וואָס זיינען געווען אונגלויבליך גראָב, און געלע שטעק־שיך, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שיפלעך, אזוינע גרויסע, אז איך האָב זיי קוים געקענט האַלטען אויף די פיס, ווען איך האָב פּרובירט געהן. איך האָב שטענדיג פיינד געהאט כאלאטען און שטעק־שיך, און די גראָבע זאָקען האָבען אויף מיר ארויפגעוואָרפען אן עקעל. איך האָב אפילו געמוזט אויסטהאָן מיינע זיידענע אונטערוועש, וועלכע וואָלטען מיר אין דער פייכטער פעסטונג בעזאָנדערס זעהר גוט צוניץ געקומען, אָבער מען האָט דאָס ניט געקענט ערלויבען. איך האָב נאטירליך אָנגעהויבען פּראָטעסטירען און מאכען א טומעל דעריבער, און אין ערך א שעה ארום האָט מען עס מיר צוריקגעבראכט אויף דעם בעפעהל פון גענעראל קאָרסאקאָף.

דאן האָט מען מיך געפיהרט דורך א פינסטערען קאָרידאָר, וואו איך האָב געזעהן בעוואפענטע וואך־סאָלדאטען ארומגעהענדיג, און מען האָט מיך אריינגעלאָזט אין א צעלע. א שווערע דעמבאָווע טהיר האָט זיך הינטער מיר פערמאכט, א שליסעל האָט זיך איבערגעדרעהט אין שלאָס, און איך בין געבליבען אַליין אין דעם האלב־פינסטערען צימער.

פינפטער טייל.

די פעסטונג — דאָס ענטלויפען

I

דאָס איז אַלזאָ געווען די שרעקליכע פעסטונג, וואו אזוי פיעל פון רוסלאַנד'ס ווירקליכער קראַפט איז פערניכטעט געוואָרען אין דער צייט פון די לעצטע צוויי יאָהרהונדערטען, און וואָס איהר נאָמען אליין ווערט אין פעטערבורג ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטער שטימע.

דאָ האָט פעטער דער 1טער געמאַטערט זיין זוהן אַלעקסעי און איהם געטויטעט מיט זיינע אייגענע הענד; דאָ איז די פרינצעסין טאַראַקאַנאָוואַ געווען פערשפּאַרט אין א צעלע, וועלכע איז אין דער צייט פון א פערפלייצונג אָנגעפילט געוואָרען מיט וואַסער — און די ראַצען זיינען געקראָכען אויף איהר, כדי ניט דערטרונקען צו ווערען; דאָ האָט דער שרעקליכער מיניטש געפייניגט זיינע פיינד, און קאַטהערינאַ די 2טע האָט בעגראָבען לעבעדיגערהייד די וואָס האָבען גערעדט אַנטקעגען איהר, פאַר וואָס זי האָט ערמאָרדעט איהר מאַן. און פון די צייטען פון פעטער דעם 1טען, א משך פון הונדערט און זיעבעציג יאָהר, זיינען די אַננאַלען פון דער דאָזיגער שטיינערנער מאַסע, וועלכע הויבט זיך אויף פון דער נעווא אין פראָנט פון דעם ווינטער־פּאַלאַץ, געווען די אַננאַלען פון ערמאָרדונגען און פייניגונגען, פון מענשען לעבעדיג בעגראָבענע, פעראורטיילט צו א לאַנגזאַמען טויט, אָדער געטריבען צו משוגעת אין דער איינזאַמקייט פון די פינסטערע און פייכטע קערקערס.

דאָ האָבען די דעקאַבריסטען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אין רוסלאַנד פונאַנדערצואוויקלען די פאָהן פון רעפּובליק־הערשאַפט און די אָבשאַפונג פון לייבאייגענשאַפט, דורכגעמאַכט זייער ערשטע ערפאַהרונג פון מאַרטירערטום, און נאָך היינט קען מען געפינען שפּורען פון זיי אין דער רוסישער באַסטיל. דאָ זיינע געזעסען פערשפּאַרט די פּאָעטען רילעיעף און שעווטשענקאָ, דאָסטאָיעווסקי, באַקונין, טשערנישעווסקי, פּיסאַרעף, און אַזוי פיעל אַנדערע פון די בעסטע שריפטשטעלער פון אונזער צייט. דאָ האָט מען קאַראַקאָזאָף'ן געמאַטערט און געהאַנגען.

דאָ, ערגעץ אין דעם אַלעקסעי־ראַוועלין, האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטען נעטשאַיעף'ן, וועלכען די שווייץ האָט איבערגעגעבען צו רוסלאַנד אלס א געוועהנליכען פערברעכער, ווענען אָבער רוסלאַנד בעהאַנדעלט אלס א געפעהרליכען פּאָליטישען ארעסטאַנט, און וועט שוין קיינמאָל מעהר די

ליכטיגע זון ניט אָנזעהן. אין דעם אייגענעם ראַוועלין האָבען זיך אויף געפונען צוויי אָדער דריי מענער, וועגען וועמען מען האָט גערעדט, אַז אַלעקסאַנדער דער 2טער האָט בעפוילען צו פערשפאַרען אויף זייער גאַנצען לעבען, דערפאַר ווייל זיי האָבען געוואוסט, וואָס אַנדערע האָבען ניט געטאָרט וויסען, וועגען אַ געוויסער פּאַלאַץ־געהיימנים. איינעם פון זיי, בעציערט מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, האָט לעצטענס אַ בעקאַנטער מיינער געזעהן אין דער געהיימניספּולער פעסטונג.

אָט די אַלע שאָטענס זיינען אויפגעשטיגען אין מיין דמיון. אָבער מיינע געדאַנקען האָבען זיך בעזאָנדערס אָבגעשטעלט אויף באַקונין׳ען, וועלכער איז אָבגעזעסען אין אָט דער פעסטונג גאַנצע זעקס יאָהר, נאָכ־דעם ווי ער איז איבערגעליפערט געוואָרען צו ניקאָליי דעם 1טען פון עסטרייך, וואו ער איז צוויי יאָהר (נאָך 1848) געזעסען אין אַ געפענגניס צוגעשמידט מיט קייטען צום וואַנד, און איז פונדעסטוועגען אַרויסגעקומען נאָך אַן אַכט־יאָהריגער געפענגניס פיעל פרישער און פולער מיט לעבען איידער זיינע חברים, וועלכע זיינען געוועזן געבליבען אויף דער פרייהייט. „ער האָט דאָס אַלעס איבערגעטראָגען“, האָב איך צו זיך געזאָגט, „און איך מוז עס אויך אויסהאַלטען; איך וועל דאָ נ י ט אונטערגעהן!“

מיין ערשטע בעוועגונג איז געווען צוצוגעהן צום פענסטער, וועלכער איז געווען אַזוי הויך, אַז איך האָב איהם קוים געקענט דערגרייכען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד. דאָס איז געווען אַ לאַנגע און שמאָלע עפענונג, אויסגעשניטען אין אַ פינף פוס דיקער וואַנד, און בעשיצט מיט אייזערנע גראַטעס און אַ דאָפּעלטע אייזערנע פענסטער־ראַהם. שטעהענדיג אָבגע־רוקט אַ צוועלף איילען פון דעם דאָזיגען פענסטער האָב איך געזעהן די אויסערע וואַנד פון פעסטונג, אַן אונגעהייער דיקע, אויף וועלכער איך האָב געקענט דערקענען אַ גרויע וואַך־שטיבעל. נאָר דאַן ווען איך האָב געקוקט אין־דער־הויך האָב איך געקענט בעמערקען אַ פּיצעל הימעל.

איך האָב געמאַכט אַ גענויע אויספאָרשונג פון דעם צימער, וואו איך האָב געדאַרפט פערברענגען ווער ווייסט וויפיעל יאָהרען. נאָך דער לאַגע פון דעם הויכען קוימען פון דער מינץ־גיסעריי האָב איך מיך משער געווען, אַז איך געפין זיך אין דעם דרום־מערב׳דיגען ווינקעל פון דער פעסטונג, אין אַ באַסטיאָן (אַ שוץ־וואַנד) וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דער נעוואַ. די געביידע, אין וועלכער איך בין געווען איינגעקערקערט, איז אָבער ניט געווען דער באַסטיאָן גופא, נאָר דאָס וואָס מען רופט אין דער פעסטונגס־בויעריי אַ ר ע ד י ו א י ט; דאָס הייסט, אַן אינערליכע צוויי־עטאַזשיגע פינף־עקיגע שטיין־ווערק, וואָס העבט זיך אויף אַביסעל העכער ווי די וואַנד פון דער באַסטיאָן, און איז בעשטימט פאַר צוויי באַטערייען

קאַנאַנען. מיין צימער איז געווען אַ קאַזעמאַט, וואו עס האָט געזאָלט שטעהן אַ גרויסע קאַנאָנע, און דער פענסטער איז דאָס געווען די שיס־לאָך. די שטראַהלען פון דער זון האָבען דורך איהר קיינמאָל ניט געקענט דורכדרינגען; אפילו זומער האָבען זיי זיך פערלאָרען אין דער דיקקייט פון וואַנד. אין צימער האָט זיך געפונען אַן אייזערנע בעט, אַ קליינער דעמבאָווער טיש און אַ דעמבאָווער בענקעל. די פּאָדלאָגע איז געווען בעדעקט מיט געפּאַרכטען פילץ און די וואַנד מיט געלען פּאַפּיר. אָבער, כדי אַבצוטויטען יעדען קלאַנג, האָט מען דאָס פּאַפּיר ניט אַרויפגעטהאָן אויף דער וואַנד גופא; עס איז געווען אַרויפגעקלעפּט אויף אַ גראָבען לייווענט, און אונטערען לייווענט האָב איך אויסגעפונען אַ דראָטענע גראַטע, וועלכע איז ווידער געווען אונטערגעבעט מיט פילץ; ערשט הינטער דעם פילץ האָב איך געקענט צוקומען צו דער שטיינערנער וואַנד. ביי דער אינווע־ניגסטער וואַנד פון צימער איז געווען אַ וואַש־טישעל, און אַ דיקע דעמ־באָווע טהיר, אין וועלכער איך האָב בעמערקט אַ פערשלאָסענע עפענונג, אויף צו דערלאַנגען עסענוואַרג, און אַן אויסשניט, וואָס איז געווען פער־שטעלט מיט אַ גלאָז און אַ לאָדענדעל פון אינוועניג: דאָס איז געווען דער „יודאס“ (יהודה איש קריות, וועלכער האָט פערראַטהען קריסטוס׳ען — א.) דורך וועלכען מען האָט געקענט נאָכשפּיאָנירען דעם געפאַנגענעם צו יעדער מינוט. דער וואַך־סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען אין קאָרידאָר, פלעגט פון צייט צו צייט אויפהויבען דעם לאָדענדעל און אַריינקוקען אינוועניג — סקריפּענדיג מיט די שטיוועל בעת ער פלעגט צוקריכען צום טהיר. איך האָב פּרובירט רעדען צו איהם; דאַן האָט זיין אויג, וואָס איך האָב געקענט זעהן דורכ׳ן שייבעל, אָנגענומען אַן אויסדרוק פון שרעק און דאָס לאָדענ־דעל האָט זיך גלייך אַרונטערגעלאָזט, נאָר כדי אין אַ פּאָר מינוטען ווידער געעפענט צו ווערען בגנבה; אָבער קיין איינציגען וואָרט אַלס ענטפער האָב איך פון וואַך־סאָלדאַט ניט געקענט אַרויסקריגען.

אבסאָלוטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום. איך האָב צוגעשלעפּט מיין בענקעל צום פענסטער און האָב אַרויפגעקוקט צו דעם פּיצעל הימעל, וואָס איך האָב געקענט זעהן. איך האָב זיך געמאַטערט צו כאַפּען עפּעס אַ קלאַנג פון דער נעוואַ, אָדער פון דער שטאָדט אויפ׳ן צוויי־טען זייט פון טייך, אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען. די טויטע שטילקייט האָט מיך אָנגעהויבען צו דריקען, און איך האָב פּרובירט זינגען, צוערשט לאַנגזאַם, און דערנאָך אַלץ העכער און העכער.

„מוז איך דען אויף איביג מיט דער ליעבע זיך געזעגענען“ — האָב איך זיך געכאַפּט זינגענדיג פון מיין בעליעבטער אָפּערא, פון גלינקא׳ס „רוסלאַן און לודמילא“.

„מיין הערר, זינגט ניט, איך בעט אייך", האָט אַ באַסאָווע שטימע אָבגעקלונגען דורך דעם שפּייז־פענסטער אין מיין טהיר.

„איך וויל זינגען."

„איהר טאָרט ניט."

„איך וועל דאָך זינגען."

דאַן איז געקומען דער פּערוואַלטער און געזוכט מיך צו איבערצייגען, אַז איך טאָר ניט זינגען, ווייל מען וועט דאָס מוזען מעלדען דעם קאָמאַנ־דיר פון פעסטונג, און אַזוי ווייטער.

„אָבער מיין האַלז וועט דאָך פערוואַקסען ווערען און מיינע לונגען וועלען פערשטאָפּט ווערען, אויב איך וועל ניט רעדען און ניט טאָרען זינגען", האָב איך פּרובירט ארגומענטירען.

„איז פּרובירט בעסער זינגען אין אַ ניעדעריגערען טאָן, מעהר אָדער וועניגער פאַר זיך", האָט זיך דער אַלטער אויפזעהער ביי מיר אַזוי ווי געבעטען.

אָבער דאָס אַלעס איז געוועזן איבעריג. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָב איך פערלאָרען דעם גאַנצען חשק צום זינגען. איך האָב עס נאָך פּרובירט טהאָן אויס פּרינציפּ, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפען.

„די הויפּטזאַך", האָב איך צו זיך געזאָגט, „איז אויפהאַלטען מיין פּיזישע קראַפט. איך טאָר ניט קראַנק ווערען. לאָמיך זיך פאָרשטע־לען אַז איך בין געצוואונגען צו פערברענגען אַ פּאָר יאָהר אין אַ ביידעל אין ווייטען צפון, אין דער צייט פון אַן אַרקטישער עקספּעדיציע. איך וועל נעהמען געהניג איבונגען, מאַכען גימנאַסטיק, און וועל זיך ניט לאָזען ברעכען דורך מיין אומגעבונג. צעהן טריט פון איין ווינקעל צום צווייטען איז שוין עטוואָס. ווען איך זאָל זיי ווידערהאָלען הונדערט־און־פופציג מאָל, וועל איך האָבען אָבגעגאַנגען אַ וויאָרסט" (צוויי דריטעל פון אַ מייל). איך האָב בעשלאָסען צו געהן יעדען טאָג זיעבען וויאָרסט — אַן ערך פינף מייל: צוויי וויאָרסט אין דער פריה, צוויי פאַר'ן מיטאָג, צוויי נאָכ'ן מיטאָג, און איינעם פאַר'ן געהן שלאָפען. „אַז איך זאָל אַוועקלעגען אויפ'ן טיש צעהן פּאַפּיראָסען, און יעדעס מאָל וואָס איך וועל פערבייגעהן דעם טיש איינעם אָברוקען, וועל איך לייכט קענען אָבצעהלען די דריי הונדערט מאָל, וואָס איך מוז געהן הין און צוריק. געהן מוז איך געשווינד, אָבער אומדרעהען זיך אין ווינקעל מוז איך לאַנגזאַם, כדי עס זאָל מיר ניט אָנהויבען שווינדלען דער קאָפּ, און יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער זייט. דערצו וועל איך צוויי מאָל אַ טאָג מאַכען גימנאַסטיק מיט מיין שווערען בענקעל". איך האָב איהם אויפגעהעבען פאַר איין פיסעל, האַלטענדיג די האַנד אויסגעשטרעקט. איך האָב איהם געדרעהט ווי אַ ראָד, און האָב זיך

גיך איינגעוועהנט איהם ווארפען פון איין האנד אין דער אנדערער, איבער'ן קאָפּ, הינטער'ן רוקען און דורך די פיס.

עטליכע שעה נאָכדעם ווי מען האָט מיך געבראַכט אין געפענגניס איז דער אויפזעהער געקומען אָנבאָטען מיר אייניגע ביכער, און צווישען זיי האָט זיך געפונען אַן אַלטער בעקאַנטער און פריינד מיינער, דער ערשטער באַנד פון דזשאָרדזש לואיס'עס „פיזיאָלאָגיע“, אין אַ רוסישער איבערזעצונג; אָבער דער צווייטער באַנד, וועלכען איך האָב ספּעציעל געוואָלט נאָך אמאָל איבערלייענען, האָט געפעהלט. איך האָב, פערשטעהט זיך, פערלאַנגט מען זאָל מיר געבען פּאַפּיר, טינט און פעדער, אָבער דאָס האָט מען מיר אבסאָלוט ענטזאַגט. טינט און פעדער זיינען קיינמאָל ניט ערלויבט אין פעסטונג, סיידען מען קריגט דערפאַר אַ ספּעציעלע ערלויבניס פון'ם צאַר אַליין. איך האָב זעהר שטאַרק געליטען פון דער דאָזיגער געצוואונגענער אונטהעטיגקייט, און האָב אָנגעהויבען פערפאַסען אין מיינע געדאַנקען אַ סעריע פון נאָוועלען צו לייענען פאַר'ן פאָלק, גענומען פון דער רוסישער געשיכטע — עטוואָס עהנליכעס צו אייזשען סו'ס „געהיימניסען פון פאָלק“. איך האָב אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן, די שילדערונגען, די געשפּרעכען, און האָב דאָס אַלעס פּרובירט איינ'חזר'ן אויף אויסווענדיג פון אָנהויב ביז'ן סוף. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי ערמידענד אַזאַ אַרבייט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט דאָס געדאַרפט אָנהאַלטען מעהר ווי צוויי אָדער דריי חדשים.

אָבער מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט פאַר מיר געקראָגען טינט און פעדער. איין שעהנעם טאָג האָט מען מיך געהייסען אריינשטייגען אין אַ פּיער־רעדערדיגער קאַרעטע, אין דער בעגלייטונג פון דעם זעלבען ניט־רעדענדיגען קאַווקאַזישען זשאַנדאַרמסקען אָפיציר, פון וועלכען איך האָב שוין פריהער גערעדט. מען האָט מיך אַוועקגעפיהרט אין דער „דריטער אָבטיילונג“, וואו עס איז מיר ערלויבט געוואָרען אַן אינטערוויו מיט מיין ברודער, אין דער אַנוועזענהייט פון צוויי זשאַנדאַרמסקע אָפיצירען.

אַלעקסאַנדער איז געווען אין ציריך בעת מען האָט מיך אַרעסטירט. פון זיין פריהער יוגענד אָן האָט ער געגאַרט פאָהרען נאָך אויסלאַנד, וואו מענשען דענקען ווי זיי ווילען, לייענען וואָס זיי ווילען, און גיבען זייערע געדאַנקען אַ פרייען אויסדרוק. דאָס רוסישע לעבען איז איהם געווען פערהאַסט. וואַהרהאַפטיגקייט — אבסאָלוטע וואַהרהאַפטיגקייט — און די אויפריכטיגסטע אָפענהערציגקייט, זיינען געווען די הויפּט־צוגען פון זיין כאַראַקטער; נאַרעריי, אָדער אפילו זעלבסט־נאַרעריי, אין סיי־וועלכער פאָרם, האָט ער ניט געקענט פערטראָגען. די אַבוועזענהייט פון רעדע־פרייהייט אין רוסלאַנד, די רוסישע גרייטקייט צו פערליידען אונטער־

דריקונג, די פערשטעלטע ווערטער, מיט וועלכע אונזערע שריפטשטעלער האָבען זיך בענוצט, זיינען געוועזן העכסט אַבשטויסענד פאַר זיין פריי־און־אָפענער נאַטור. אַ קורצע צייט נאָך מיין צוריקקומען פון מערב־אייראָפּאַ האָט ער זיך אריבערגעקליבען אין דער שווייץ, און האָט בעשלאָסען דאָרט זיך צו בעזעצען. נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָרען זיינע צוויי קינדער — איינס פון כאָלערא אין צייט פון עטליכע שטונדען, און דאָס צווייטע פון אויסצעהרונג — איז פּעטערבורג איהם געוואָרען נאָך אמאָל אזוי פיעל אַבשטויסענד.

מיין ברודער האָט קיין אנטייל ניט גענומען אין אונזער אגיטאציאָנס ארבייט. ער האָט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון א פאָלקס־אויפשטאנד, און א רעוואָלוציע האָט ער זיך ניט אנדערש פאָרגעשטעלט, ווי די האנדלונג פון א רעפּרעזענטאטיווע קערפּערשאַפט, פּונקט ווי די פראנצויזישע נאַציאָנאַל־פערזאמלונג אין 1789. וואָס איז שייך דער סאָציאַליסטישער אגיטאציע, האָט ער זי פערשטאנען ווי זי ווערט אָנגע־פיהרט דורך עפענטליכע פערזאמלונגען, ניט אַלס געהיימע, מינאטור־ארבייט פון פערזענליכער פּראָפּאגאנדא, וואָס מיר האָבען אָנגעפיהרט. אין ענגלאנד וואָלט ער געהאַלטען מיט דזשאָהן ברייט אָדער מיט די טשארטיסטען. וואָלט ער געוועזן אין פּאריז אין דער צייט פון דעם יוני־אויפשטאנד אין 1848, וואָלט ער זיכער געקעמפּפט מיט דעם לעצטען הייפעל ארבייטער הינטער דער לעצטער באריקאדע; אָבער אין דער צוגרייטונגס־פּעריאָדע וואָלט ער געוועזן א נאָכפאָלגער פון לואי בלאַן אָדער לעדרו ראָלען.

אין דער שווייץ האָט ער זיך בעזעצט אין ציריך, און זיינע סימפּאַ־טיען זיינען געגאַנגען מיט דעם געמעסיגטען פליגעל פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלע. זייענדיג א פּרינציפּיעלער סאָציאַליסט, האָט ער דורכגעפיהרט זיינע פּרינציפּען אין זיין העכסט שפּאָרזאַמען און פלייסיגען אַרט לעבען, ארבייטענדיג ליידענשאַפטליך ביי זיין גרויסען וויסענשאַפטליכען ווערק — דער הויפּט־צוועק פון זיין לעבען — א ווערק, וועלכעס האָט געזאָלט זיין א ניינצעהנטע יאהרהונדערט פאָרטזעצונג צו דאָס בעריהמטע „בילד פון דער נאַטור“ פון די ענציקלאָפּעדיסטען. ער איז אין גיכען געוואָרען א נאָהענטער פערזענליכער פריינד פון דעם אַלטען פליכטלינג, פאָלקאָווניק פּ. ל. לאַווראָף, מיט וועמען ער האָט געהאַט זעהר פיעל געמיינשאַפטליכעס אין זיינע קאַנטיש־פילאָזאָפישע אנזיכטען.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון מיין ארעסט, האָט אַלעקסאנדער גלייך איבערגעלאָזט אַלעס — דאָס ווערק פון זיין לעבען, דאָס לעבען און פרייהייט גופא, וואָס איז פאַר איהם געוועזן אזוי נויטיג ווי פרייע לופט

פאר א פויגעל — און האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פעטערבורג, די שטאָדט וואָס ער האָט געהאַט, נור כדי מיך צו העלפען אין מיין געפאַנגענשאַפט.

מיר זיינעןביידע געווען זעהר שטארק גערירט ביי דער דאָזיגער בעגעגעניש. מיין ברודער איז געווען אויסערגעוועהנליך אויפגערעגט. ער האָט געהאַסט דעם סאַמע אָנבליק פון די בלויע מונדירען פון די זשאַנדארמען — יענע הינריכטער פון יעדען זעלבסטשטענדיגען געדאַנק אין רוסלאַנד — און ער האָט זיינע געפיהלען אָפען אויסגעדריקט אין זייער געגענוואַרט. וואָס מיך אָנבעלאַנגט, האָט מיך דאָס זעהן איהם אין פעטערבורג זעהר שטארק בעאונרוהיגט. איך בין געווען גליקליך צו זעהן זיין עהרליכען פנים, זיינע ליעבעפולע אויגען און צו הערען, אַז איך וועל זיי זעהן איינמאָל אין מאָנאַט; און פון דעסטוועגען האָב איך געוואונשען ער זאָל זיין הונדערט מיילען ווייט פון דעם אָרט, וואוהין ער איז יענעם טאָג געקומען א פרייער, אָבער פון וואַנען ער וועט זיך שוין ניט ארויסדרעהען, מען זאָל איהם איין שעהנע נאַכט ניט ברענגען אונטער דער בעגלייטונג פון זשאַנדארמען. „צו וואָס ביזטו געקומען אין דעם לייבען־גרוב? געה גלייך צוריק!" האָט מיין גאַנצער אינערליכער זעלבסט געשריען; און דאָך האָב איך געוואוסט, אַז ער וועט ניט אַוועק, אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין אין געפענגנים.

ער האָט בעסער פאַר אַלעמען פערשטאַנען, אַז די אונטהעטיגקייט וועט מיך אַוועק׳הרג׳ענען, און ער האָט שוין געהאַט אָנגעגעבען א ביטע אויסצואווירקען פאַר מיר אַן ערלויבנים זיך צו נעהמען צוריק צו דער ארבייט. די געאָגראַפישע געזעלשאַפט האָט געוואָלט איך זאָל ענדיגען מיין בוך איבער דער אייז־פעריאָדע, און מיין ברודער האָט איבערגעקעהרט דאָס גאַנצע וויסענשאַפטליכע פעטערבורג מיט׳ן קאָפּ אראָב, כדי איהר צו בעוועגען, זי זאָל אונטערשטיצען זיין ביטע. די אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפטען האָט זיך פעראינטערעסירט אין דער אָנגעלעגענהייט; און ענדליך, אין צוויי אָדער דריי מאָנאַטען נאָך מיין איינשפּאַרונג, איז דער אויפזעהער אריינגעקומען אין מיין צעלע און האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דער קייזער האָט מיר ערלויבט צו פערענדיגען מיין בעריכט פאַר דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, און אַז ער וועט מיר פאַר דעם צוועק ערלויבען טינט און פעדער. „נאָר ביז זון־אונטערגאַנג", האָט ער צוגעלעגט. אין פעטערבורג געהט די זון אונטער ווינטער־צייט א זייגער דריי נאָכמיטאָג; אָבער דאָס האָט מען ניט געקענט העלפען. „ביז זון־אונטערגאַנג", זיינען געווען די ווערטער, וואָס אַלעקסאַנדער דער 2טער האָט געברויכט בעת ער האָט די ערלויבניש בעוויליגט.

II

איך האָב אלזאָ געקענט ארבייטען!

איך וואָלט איצט קוים געקענט איבערגעבען די שטארקע ערלייכטע־רונג, וואָס איך האָב דעמאָלט געפיהלט, ווען איך האָב געקראָגען די מעג־ליכקייט זיך צו נעהמען צוריק צום שרייבען. איך וואָלט אייגעוויליגט צו לעבען אויף הוילען ברויט מיט וואסער, אין דעם פייכטסטען קעלער, אבי מען זאָל מיר ערלויבען ארבייטען.

איך בין אָבער געווען דער איינציגער געפאנגענער, וועמען שרייב־געצייג איז געווען ערלויבט. פיעלע חברים מיינע האָבען פערבראכט דריי יאָהר און מעהר אין תפיסה, איידער עס האָט שטאטגעפונען דער בעריהמ־טער פראָצעס פון די „הונדערט־דריי־און־ניינציג“, און מעהר ווי א טאָוועל האָט מען זיי ניט ערלויבט. פערשטעהט זיך, אפילו דער טאָוועל איז זיי ליעב געווען אין יענער אומעטיגער איינזאמקייט, און זיי האָבען איהם בענוצט אויף שרייבען איבונגען אין די שפראכען וואָס זיי האָבען געלע־רענט, אָדער אויסצוארבייטען מאטעמאטישע פּראָבלעמען; אָבער דאָס וואָס איז פערצייכענט געוואָרען אויפ'ן טאָוועל האָט מעהר ווי א פּאָר שטונדען ניט געקענט בלייבען.

מיין געפענגנים־לעבען האָט איצט אָנגענומען א מעהר רעגעלמעסי־גען כאראקטער. איך האָב איצט געהאט פאר וואָס צו לעבען. ניין א זייגער אין דער פריה בין איך שוין געווען פארטיג מיט די ערשטע דריי הונדערט טריט איבער מיין צעלע, און איך האָב געווארט אז מען זאָל מיר אריינ־ברענגען מיינע בליישטיפטען און פעדערס. די ארבייט, וואָס איך האָב צו־געגרייט פאר דער געאָגראפישער געזעלשאפט, האָט ענטהאלטען, אחוץ א בעריכט פון מיינע אויספאָרשונגען אין פינלאנד, א צוגליעדערונג פון ז'עם באזיס, אויף וועלכען די אייז־היפּאָטעזע האָט געדארפט זיין בעגרינ־דעט. איצטער, וויסענדיג אז איך האָב פאר זיך גענוג צייט, האָב איך בעשלאָסען איבערצושרייבען און פערגרעסערען דעם דאָזיגען טייל פון מיין ווערק. די אקאדעמיע דער וויסענשאפטען האָט מיר געשטעלט אין דיענסט איהר וואונדערבארע ביבליאָטעק, און א ווינקעל פון מיין צעלע איז באלד פול געווען מיט ביכער און לאנדקארטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אלע אויסגאבען פון דער גלענצענדער שוועדישער געאָ־

לאַגישער פאַרשונג, א כמעט פאָלשטענדיגע זאמלונג פון בעריכטען פון אַרקטישע רייזען, און גאנצע יאָהר־גענג פון דעם „פערטעל־יעהרליכען זשורנאל פון דער לאַנדאָנער געאָלאָגישער געזעלשאפט“. מיין בוך איז אין פעסטונג אויסגעוואקסען צו דער גרויס פון צוויי גרויסע בענדער. דער ערשטער פון זיי איז געדרוקט געוואָרען פון מיין ברודער און פּאָלאקאָף (אין דער געאָגראפישער געזעלשאפט׳ס „מעמוארען“); ווערהענד דער צווייטער, נאָך ניט אין גאנצען געענדיגט, איז געבליבען אין די הענד פון דער דריטער אָבטיילונג“, בעת איך בין ענטלאָפען. דעם מאַנוסקריפּט האָט מען יעצט אויסגעפונען אין 1895, און מען האָט איהם איבערגעגעבען צו דער רוסישער געזעלשאפט, וועלכע האָט איהם אריבערגעשיקט צו מיר אין לאָנדאָן.

פינף א זייגער נאָכמיטאָג — ווינטער א זייגער דריי — אזוי גיך ווי מען האָט מיר אריינגעבראַכט דעם קליינעם לעמפּעל, האָט מען פון מיר צוגענומען מיין שרייבגעצייג, און איך האָב געמוזט אויפהערען ארבייטען. איך פלעג דערנאָך לייענען, מייסטענס היסטאָרישע ביכער. א גאנצע ביבליאָטעק האָט זיך צונויפגעקליבען אין פעסטונג פון די דורות פּאָלי־טישע אַרעסטירטע, וואָס מען האָט דאָרטען געהאַלטען פערשפּאַרט. מיר האָט מען ערלויבט די ביבליאָטעק צו פערגרעסערען מיט א מאַסע גרינד־ליכע ווערק ווענען רוסישער געשיכטע, און צוזאמען מיט די ביכער וואָס מיינע קרובים האָבען מיר געבראַכט, האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו לייענען אַלע ווערק און זאמלונגען פון אקטען און דאָקומענטען, וואָס האָבען געהאַט א שייכות צו דער מאָסקווע־פּעריאָדע פון דער רוסישער געשיכטע. איך האָב ליעב געהאַט צו לייענען ניט נאָר די רוסישע אננאַלען, בעזאָנדערס די אויסגעצייכענטע אננאַלען פון דער דעמאָקראַטישער מיטעלאַלטערליכער רעפּובליק פון פּסקאָוו — פיליכט די בעסטע אין אייראָפּא פאר דער היסטאָריע פון די דאָזיגע כאַראַקטעריסטישע שטעדט אין מיטעלאַלטער — נאָר איך האָב אויך הנאה געהאַט פון לייענען אַלערליי טרוקענע דאָקומענטען, און אפילו די לעבענס פון די הייליגע, וואו מען געפינט אָפטמאָל פאַקטען פון דעם ווירקליכען לעבען פון די מאַסען, וועלכע מען קען אנדערסוואו ניט געפינען. איך האָב אויך אין יענער צייט געלעזען א גרויסע צאָהל נאָוועלען, און האָב זאָגאר געמאַכט פאר זיך אַן אונטערהאַלטונג פאר ווייהנאַכטס־אבענד. מיינע קרובים האָבען דאַן אויסגעפיהרט מיר צוצושיקען דיקענס׳עס „ווייהנאַכטס־געשיכטען“, און איך האָב פערבראַכט דעם יום־טוב לאַכענדיג און וויינענ־דיג איבער יענע פּראַכטפאָלע שאַפונגען פון דעם גרויסען נאָוועליסט.

III

דאָס ערגסטע איז געווען די שטילקייט, ווי אויף א בית־עלמין, וואָס האָט ארום מיר געהערשט. אומזיסט האָב איך געקלאַפּט אין די ווענד און געהאקט מיט'ן פוס אין די דיעלען, איינהערענדיג זיך צו דעם מינדסטען קלאַנג אלס ענטפער. מען האָט גאָרנישט געהערט. עס איז אריבער איין מאָנאַט, צוויי, דריי, פופצעהן מאָנאַטען, אָבער קיינער האָט זיך אויף מיין קלאַפּען ניט אָבגערופען. בלויז זעקס אונזערע זיינען מיר געווען, צוואָוואָר־פען איבער זעקס־און־דרייסיג קאזעמאַטען — די איבעריגע ארעסטירטע חברים מיינע האָט מען געהאלטען אין דעם „ליטאָווסקי זאמאָק“־געפענגנים. ווען דער אונטעראָפיציר איז אריינגעקומען אין מיין צעלע מיך ארויסנעהמען אויף א שפּאציר, און איך האָב איהם געפרעגט, „וואָס פאר א וועטער האָבען מיר? רעגענט עס?“ האָט ער געוואָרפען אויף מיר א פער'גנב'עטען בליק פון דער זייט, און ניט ארויסרעדענדיג א וואָרט האָט ער זיך גלייך צוריקגעצויגען הינטער דער טהיר, וואו א וואך־סאָלדאט און א צווייטער אונטעראָפיציר האָבען געוואכט איבער איהם. דאָס איינ־ציגע לעבעדיגע וועזען, פון וועמען איך האָב נאָך געקענט הערען עטליכע ווערטער, איז געווען דער אויפזעהער, וועלכער פלעגט אריינקומען אין מיין צעלע יעדען אין־דער־פריה מיר זאָגען „גוט־מאָרגען“ און פרעגען, צי דארף איך קויפען טאבאק אָדער פּאַפּיר. איך האָב פּרובירט פערציהען א געשפרעך מיט איהם; אָבער אויך ער פלעגט ווארפען פער'גנב'עטע בליקען אויף די אונטעראָפיצירען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דער האלב־אָפענער טהיר, אזוי ווי ער וואָלט זאָגען, „איהר זעהט דאָך, מען היט מיך אויך“. בלויז די טויבען האָבען קיין מורא ניט געהאַט צו פער־ברענגען מיט מיר. יעדען אין־דער־פריה און יעדען נאָכמיטאָג זיינען זיי געקומען צו מיין פענסטער קריגען זייער שפּייז דורך די גראַטעס.

אויסער דאָס סקריפּען פון דעם וועכטער'ס שטיוועל, דעם קוים בעמערקבארען געוויש פונ'ם לאָדענדעל פון דעם „יודאס“, און דעם קלינגען פון די גלעקער אין דער פעסטונגס־קירכע, איז קיין שום קלאַנג ניט געווען צו הערען. יעדע פערטעל שעה פלעגען זיי אויסקלינגען א „גאָט ערלעז מיך“ („האָספּאָדי פּאָמיליואי“) — איינס, צוויי, דריי, פיער מאָל. דאַן פלעגט דער גרויסער גלאָק לאַנגזאַם אויסשלאָגען יעדע שעה, מיט

לאנגע פויזען פון איין קלונג ביז דעם אנדערען. דערנאָך האָט געפאָלגט א טרויעריגער ניגון, אויסגעקלונגען פון די גלעקער, וועלכע פלעגען ארויס פון טאָן ביי יעדער פלעצליכער ענדערונג אין וועטער, אָנמאַכענדיג אין אזעלכע צייטען אזא שרעקליכע גרילצעניש; וואָס האָט געקלונגען ווי דער גלאָקען־קלאַנג ביי א לויה. אין דער טרויעריגער מיט־נאַכט שטונדע פלעגט נאָך דערצו דער ניגון בעגלייט ווערען פון די ניט־האַרמאָנישע טענער פון א „באָזשע צאַריאַ כראַני" („גאָט, שיץ דעם צאַר"). דאָס קלינגען פלעגט אָנהאַלטען א פולע פערטעל שעה; און קוים האָט זיך עס געענדיגט, האָט דאַן א נייער „האָספּאָדי פּאָמיליואי" אָנגעזאָגט דעם שלאָפלאָזען געפאַנגענעם, אז א פערטעל שעה פון זיין נוצלאָז פערבראַכטען לעבען איז שוין דערוויילע אוועק, און אז א סך פערטעל שעה'ן, גאַנצע שעה'ן, און טעג, און חדשים פון דעם אייגענעם זינלאָזען לעבען וועלען אריבער, איידער די וועכטער, אָדער פיליייכט דער טויט, וועלען איהם בעפרייען.

יעדען אין־דער־פריה האָט מען מיך ארויסגעפיהרט פאַר א האַלבע שעה אויף א שפּאַציר אין דעם געפענגניס־הויף. דער דאָזיגער הויף איז געוועזען א קליינער פינף־עקיגער פּלאַץ מיט א שמאָלען טראָטואַר ארום, און א קליינע געביידע — די באָד — אין מיטען. איך האָב אָבער ליעב געהאַט די דאָזיגע שפּאַצירען.

די נויטווענדיגקייט פאַר נייע איינדריקע איז אין געפענגניס אזוי גרויס, אז ווען איך האָב שפּאַצירט אין אונזער שמאָלען הויף, האָב אַלע מאָל געהאַלטען מיינע אויגען אָנגעשטעלט אויף דעם הויכען בעגילטען שפּיץ פון דער פעסטונגס־קירכע. דאָס איז געוועזען די איינציגע זאַך אין מיין אומגעבונג, וואָס האָט געענדערט איהר אויסזעהן, און איך האָב ליעב געהאַט איהם צו זעהן גלאַנצענדיג ווי ריינער גאָלד בעת די זון האָט געשיינט פון א קלאָרען בלויען הימעל, אָדער אָננעהמענדיג דאָס געשטאַלט פון א פּעע, ווען א לייכט־בלויער נעבעל איז געהאַנגען איבער דער שטאָדט, אָדער ווערענדיג שטאָהל־גרוי בעת פינסטערע וואָלקענס האָבען פערשטעלט דעם הימעל.

אין דער צייט פון די דאָזיגע שפּאַצירען האָב איך אָפּטמאָל געזעהן דעם אויפזעהער'ס טאָכטער, א מיידעל פון א יאָהר אכטצעהן אָדער נייני־צעהן, ווען זי פלעגט ארויסקומען פון איהר פאָטער'ס וואוינונג און האָט געדאַרפט אריבערגעהן עטליכע טריט אין אונזער הויף, כדי צוצוקומען צו דעם אריינגאַנגס־טהויער, דער איינציגער ארויסגאַנג פון דער געביידע. זי פלעגט אַלע מאָל פערביילויפען, מיט אראָבגעלאָזטע אויגען, אזוי ווי זי יואָלט זיך געשעהמט דערמיט, וואָס זי איז די טאָכטער פון א געפענגניס־

וועכטער. איהר אינגערער ברודער, וויעדער, אַ קאדעט, וועמען איך האָב אויך איינמאָל אָדער צוויי מאָל געזעהן אויפ'ן הויף, האָט שטענדיג געקוקט מיר גלייך אין פנים אריין מיט אזא אָפענעם אויסדרוק פון סימפּאטיע, אַז עס האָט מיך שטארק געריהרט, און איך האָב זאָגאר איבערגערעדט וועגען דעם צו אימיצען נאָכדעם ווי איך בין געווען בעפרייט. פיער אָדער פינף יאָהר שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַן אָפיציר, האָט מען איהם פערשיקט אין סיביר. ער איז צוגעשטאנען צו דער רעוואָלוציאָנערער פּארטיי, און ווי עס ווייזט מיר אויס, האָט ער געמוזט העלפען פיהרען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די געפאנגענע אין פעסטונג.

פאר די וואָס קענען ניט זיין אין די העל־בעלויכטענע גאסען, איז ווינטער אין פעטערבורג גאנץ חושכ'דיג. ס'פערשטעהט זיך, אַז אין אַ קאזעמאט איז געווען נאָך חושכ'דיגער. אָבער די פייכטקייט איז געווען נאָך ערגער ווי די פינסטערנים. די קאזעמאטען זיינען אזוי פייכט, אַז אום צו פערטרייבען די נאסקייט האָט מען זיי געמוזט שטארק הייצען, און איך בין שיער ניט דערשטיקט געוואָרען; ווען איך האָב אָבער גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל האלטען די טעמפּעראטור ניעדעריגער ווי פריהער, איז פון דער אויסערליכער וואנד געראנען מיט נעץ, און דאָס פּאפּיער האָט אויס־געזעהן אזוי ווי מען וואָלט עס אָבגעגאָסען מיט אַן עמער וואסער יעדען טאָג, — דער רעזולטאט איז געווען, אַז איך האָב שטארק געליטען פון רהומאטיזם.

טראָץ אַלעם דעם בין איך געווען מונטער; איך האָב ווייטער געשרי־בען און געצייכענט לאנדקארטען אין דער פינסטער, פערשארפענדיג מיינע בלייפעדערס מיט אַ צובראָכען שטיקעל גלאָז, וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבען אויפצוהעבען אויפ'ן הויף. איך האָב טריי אָבגעהיט צו געהן מיינע פינף מייל יעדען טאָג אין מיין צעלע און צו מאכען מיינע גימנאסטישע קונצען מיט דעם דעמבאָווען בענקעל. די צייט איז זיך געגאנגען. דאַן האָט זיך אָבער אין מיין צעלע אריינגע'גנב'עט דער קומער און האָט מיך שיער ניט צובראָכען. מיין ברודער אַלעקסאנדער איז ארעס־טירט געוואָרען.

ארום דער ענדע פון דעצעמבער, 1874, האָט מען מיך ערלויבט זיך צו זעהן מיט איהם און מיט אונזער שוועסטער העלענאַ אין פעסטונג, אין דער אַנוועזענהייט פון אַ זשאנדארמסקען אָפיציר. דאָס זעהן זיך, וואָס ווערט ערלויבט זעלטען, בו־ענגט אַלעמען אריין, סיי דעם געפאנגענעם און סיי זיינע קרובים, אין אַ צושטאנד פון אויפגערעגטקייט. מען זעהט געליעבטע פנים'ער און מען הערט געליעבטע שטימען, וויסענדיג אַז דער

טרוים וועט אָנהאַלטען ניט מעהר ווי עטליכע מינוטען; מען פיהלט זיך אַזוי נאָהענט איינע צו די אַנדערע, און דאָך אַזוי ווייט אַוועק, ווייל מען קען זיך אינטים ניט דורכרעדען אין דער אַנוועזענהייט פון אַ פרעמדען, אַ שונא און אַ שפּיאָן. אויסער דעם זיינען מיין ברודער און מיין שוועסטער געוועזען שטאַרק בעזאָרגט וועגען מיין געזונד, אויף וועלכען די פינסטערע, מעלאַנכאָלישע ווינטער־טעג און די פייכטקייט האָבען שוין געהאַט אָבגע־שטעמפּעלט זייער ערשטע ווירקונג. מיר זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט טרויעריגע הערצער.

א וואָך נאָך דעם דאָזיגען זעהן־זיך האָב איך, אָנשטאָט דעם בריעף וואָס איך האָב ערוואַרטעט פון מיין ברודער וועגען דעם דרוקען פון מיין בוך, ערהאַלטען אַ קורצען צעטעלע פון פּאָלאַקאָף׳ן. ער האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער לייענען די קאָרעקטורען, און אַז אַלעס וואָס האָט אַ שייכות מיט דער דרוק־אַרבייט וועל איך דאַרפען אַדרעסירען צו איהם. שוין פון דעם טאָן פון זיין שרייבען האָב איך גלייך פערשטאַנען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט מיין ברודער. ווען עס זאָל ניט מעהר זיין ווי אַ קראַנקהייט, וואָלט פּאָלאַקאָף געשריבען וועגען דעם. עס זיינען אויף מיר געקומען טעג פון שרעקליכען אַנגסט. אַלעקסאַנדער איז זיכער אַרעסטירט געוואָרען, און איך מוז זיין די אורזאַך דערפון! דאָס לעבען האָט פּלוצלינג אויפגעהערט צו האָבען פאַר מיר וועלכע עס איז בעדייטונג. מיינע גענג, מיינע גימנאַסטיקס, מיין אַרבייט, האָבען פערלאָ־רען זייער אינטערעסע. אַ גאַנצען טאָג בין איך געגאַנגען הין און צוריק אָהן אַן אָבשטעל אין מיין צעלע, ניט טראַכטענדיג פון קיין אַנדער זאַך ווי אַלעקסאַנדער׳ס אַרעסט. פאַר מיר, אַן אונפערהייראַטען מענשען, איז די געפאַנגענשאַפט געוועזען נאָר אַ פּערזענליכע אונבעקוועמליכקייט; ער איז אָבער געוועזען פערהייראַט, ער האָט ליידענשאַפטליך געליעבט זיין פרוי, און זיי האָבען איצט געהאַט אַ אינגעלע, אויף וועמען זיי האָבען קאָנצענטרירט זייער גאַנצע ליעבע, וואָס זיי האָבען געפיהלט צו זייערע ערשטע צוויי קינדער.

ערגער ווי אַלץ איז געוועזען די אונבעשטימטקייט. וואָס האָט ער אַזעל־כעס געקענט טהאָן? אויף וואָס פאַר אַ גרונד האָבען זיי איהם פערהאַפּ־טעט? וואָס וועלען זיי טהאָן מיט איהם? וואָכען זיינען אַריבער; מיין אונרוהיגקייט איז געוואָרען טיעפער און טיעפער; קיין נייעס איז אָבער אַלץ ניט געקומען, ביז ענדליך האָב איך פערביייגעהענדיג זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אַרעסטירט צוליעב אַ בריעף, וואָס ער האָט געשריבען צו פּ. ל. לאַווראָף.

די איינצעלהייטען האָב איך זיך דערוואוסט אַ סך שפּעטער. נאָך זיין

לעצטען זעהן־זיך מיט מיר, האָט ער געשריבען צו זיין אַלטען פריינד, וועלכער האָט צו יענער צייט רעדאַקטירט אַ סאָציאַליסטישע צייטשריפט, דעם „פאָרווערטס“, אין לאָנדאָן. אין דעם בריעף האָט ער געשריבען, אַז ער האָט מורא פאַר מיין געזונד; ער האָט גערעדט וועגען די פיעלע פער־האַפטונגען וואָס זיינען דעמאָלט געמאַכט געוואָרען אין רוסלאַנד; און ער האָט גאַנץ פריי אויסגעדריקט זיין האַס קעגען דער דעספּאָטישער הער־שאַפט. דער בריעף איז איבערגענומען געוואָרען אויף דער ‍פּאָסט פון דער „דריטער אָבטיילונג“, און וויהנאַכטס־אַבענד זיינען זיי געקומען מאַכען אַן אונטערזוכונג אין זיין וואוינונג. די אונטערזוכונג איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט נאָך מעהר ברוטאַליטעט ווי געוועהנליך. נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך אַ האַלבער טוץ מענשען אריינגעריסען אין זיין דירה און האָבען אַלעס איבערגעקעהרט מיט׳ן קאָפּ אראָב. אפילו אין די ווענד האָבען זיי געזוכט; דאָס קראַנקע קינד האָבען זיי פון בעטעלע ארויסגע־נומען, כדי דורכצונישטערען די בעטגעוואַנד און די מאַטראַצען. זיי האָבען קיין זאַך ניט געפונען, — עס איז ניט געווען וואָס צו געפינען.

מיין ברודער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגען דער דאָזיגער אונ־טערזוכונג. מיט זיין געוועהנליכער אָפענקייט האָט ער געזאָגט צו דעם זשאַנדאַרמסקען אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפיהרט די אונטערזוכונג: „אויף אייך, קאַפּיטאַן, האָב איך קיין פּעראיבעל ניט. איהר האָט געקראָ־גען וועניג בילדונג, און איהר פערשטעהט קוים וואָס איהר טהוט. אָבער איהר, מיין העדר“, האָט ער פאָרטגעזעצט, אומקעהרענדיג זיך צום פּראָ־קוראָר, „איהר ווייסט וואָס פאַר אַ ראָלע איהר שפּיעלט אין די דאָזיגע פערהאַנדלונגען. איהר האָט געקראָגען אַן אוניווערזיטעט־בילדונג. איהר קאָנט דאָס געזעץ, און איהר ווייסט אַז איהר טראַמפּעלט אויף אַלע געזעצ־צען, וועלכע זיי זאָלען ניט זיין, אונטער אייערע פיס, און איהר דעקט צו די אונגעזעצליכקייטען פון די דאָזיגע מענשען מיט אייער אַנוועזענהייט; איהר זייט איינפאַך — אַ שופט!“

זיי האָבען געשוואָרען האַס קעגען איהם. זיי האָבען איהם געהאַלטען פערשפּאַרט אין דער דריטער אבטיילונג ביז מאַי. מיין ברודער׳ס קינד — אַ רייצענדער אינגעלע, וועמען די קראַנקהייט האָט געמאַכט נאָך ליעב־ליכער און אינטעליגענטער — האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען פון שווינד־זוכט. די דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז עס איהם נאָר געבליבען נאָך עטליכע טעג צו לעבען. אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט קיינמאָל קיין טובה ניט פערלאַנגט פון זיינע שונאים, האָט זיי דאָס מאָל געבעטען, זיי זאָלען איהם ערלויבען צו זעהן זיין קינד פאַר איין שטונדע, אויף זיין עהרענ־וואָרט, אַז ער וועט צוריקקומען, אָדער זיי זאָלען איהם דאָרט פיהרען

אונטער זייער בעגלייטונג. זיי האָבען עס איהם ענטזאגט. זיי האָבען זיך ניט געקענט אָבזאָגען פון דער דאָזיגער נקמה.

דאָס קינד איז געשטאָרבען, און זיין מוטער איז א צווייטען מאָל אריינגעפאלען אין א צושטאַנד, וואָס איז געווען ניט ווייט פון וואהנזין, בעת מען האָט מיין ברודער אָנגעזאָגט, אז מען וועט איהם פערשיקען אין מזרח־סיביר, אין א קליין שטעדטעל, אין מינוסינסק. מען האָט איהם געזאָגט אז ער וועט געפיהרט ווערען אין א וואָגען צווישען צוויי זשאַנדארמען, און זיין פרוי וועט מעגען אונטערקומען שפּעטער, אָבער צוזאמען מיט איהם קען זי ניט פאָהרען.

„זאָגט מיר, אָם וועניגסטען, וואָס מיין פערברעכען איז“, האָט ער געפאָדערט; ס׳איז אָבער קיין שום בעשולדיגונג ניט געווען קעגען איהם, אחוץ דעם בריעף. דער דאָזיגער פערשיקען איז געווען אזוי ווילקירליך, אזוי קלאָר אן אקט פון פּשוט׳ער נקמה פון דער דריטער אבטיילונג, אז קיינער פון אונזערע קרובים האָט ניט געקענט גלויבען אז זיין פערשיקונג זאָל געדויערען מעהר ווי עטליכע חדשים. מיין ברודער האָט דערלאַנגט א קלאַגע צום מיניסטער דער אינערען. דער ענטפער איז געווען, אז דער מיניסטער קען ניט הינדערען דעם ווילען פון דעם שעף פון די זשאַנדארמען. א צווייטע קלאַגע איז דערלאנגט געוואָרען צום סענאַט. עס האָט גאָרנישט געהאָלפען.

א פּאָר יאָהר שפּעטער האָט אונזער שוועסטער העלענא, אויף איהר אייגענער איניציאַטיווע, אָנגעשריבען א פעטיציע צום צאַר. אונזער שוועסטערקינד, דמיטרי, גענעראַל־גובערנאַטאָר פון כארקאָוו, אדיוטאַנט פון קייזער און א ליעבלינג אין הויף, וועלכער איז אויך געווען שטאַרק ערביטערט קעגען דער דאָזיגער בעהאַנדלונג פון דער דריטער אבטיילונג, האָט די פעטיציע פערזענליך איבערגעגעבען דעם צאַר, און פאַר איין גאַנג צוגעלעגט עטליכע ווערטער און איהר אונטערשטיצט. אָבער די ראַכעזיכטיגקייט פון די ראָמאַנאָווס איז געווען א פאַמיליען־שטריך, וואָס איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט אין אַלעקסאַנדער דעם 2טען. ער האָט אָנגעשריבען אויף דער פעטיציע „פּוסט פּאָסידיט“ (זאָל ער דאָרט זיצען נאָך אביסעל). מיין ברודער איז דאָרט פערבליבען צוועלף יאָהר, און איז קיינמאָל אין רוסלאַנד צוריק ניט געקומען.

IV

די אונצעהלבארע פערהאפטונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען אין דעם זומער פון 1874, און די שטרענגקייט, מיט וועלכער די פּאָליציי האָט זיך גענומען פערפאָלגען אונזער קרוזשאָק, האָט ארויסגערופען א טיעפע ענדערונג אין די מיינונגען פון דער רוסישער יוגענד. ביז צו יענער צייט איז די הויפּט־אויפגאבע געווען צו שאפען פון צווישען די ארבייטער, און מיט דער צייט אויך פון די פויערים, א צאָהל מענשען, וועלכע זאָלען זיין גרייט צו ווערען סאָציאליסטישע אגיטאטאָרען. איצט אָבער זיינען די פאבריקען געווען פערפלייצט מיט שפּיאָנען און עס איז געוואָרען קלאָר, אז וואָס מען זאָל ניט טהאָן, וועלען די פּראָפּאגאנדיסטען און די ארבייטער באלד ארעסטירט ווערען און מען וועט זיי פערשיקען אין סיביר אויף אייביג. דאן האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסע בעוועגונג „אין פאָלק“ אין א נייער פאָרם. עטליכע הונדערט יונגע מענער און פרויען, פערוואַרפענדיג אלע ביז־איצטיגע פּאָרזיכטיגקייטען, האָבען זיך אוועקגעלאָזט איבער'ן לאנד און, וואנדערענדיג דורך די שטעדט און דערפער, האָבען זיי אויפ־געבונטעוועט די מאסען, פערטיילענדיג כמעט עפענטליך בראָשורען, ליעדער און פּראָקלאמאציעס. אין אונזער קרוזשאָק האָט דער דאָזיגער זומער געקראָגען דעם נאָמען „דער וואהנזיניגער זומער“.

די זשאנדארמען האָבען פערלאָרען זייערע קעפּ. זיי האָבען ניט געהאט גענוג הענד צו מאכען די ארעסטען און ניט גענוג אויגען, נאָכצו־שפּירען יעדען פּראָפּאגאנדיסט. און דאָך זיינען פופצעהן־הונדערט פּער־זאָנען ארעסטירט געוואָרען אין דעם דאָזיגען געיעג, און א העלפט פון זיי האָט מען אָבגעהאלטען יאָהרען אין געפענגנים.

איין טאָג, אין דעם זומער פון 1875, האָב איך גאנץ דייטליך געהערט, אין דעם נעקסטען צימער צו מיינעם, לייכטע טריט פון שיך מיט קנאפּעל און אין עטליכע מינוטען ארום האָב איך אויפגעכאפּט שטיק־לעך פון א געשפּרעך. א פרויען־שטימע האָט גערעדט פון דער צעלע און א טיעפע באס־שטימע — דעם וועכטער'ס וואהרשיינליך — האָט איהר ברומענדיג געענטפערט. דאן האָב איך דערקענט דעם קלאנג פון דעם פּאָלקאָווניק'ס שפּאָרען, זיינע האסטיגע טריט, זיין שימפּפען דעם וואך־סאָלדאט און דעם גערויש פון שליסעל אינ'ם שלאָס. ער האָט עטוואָס

געזאָגט און די פרויען־שטימע האָט הויך געענטפערט: „מיר האָבען ניט גערעדט. איך האָב איהם בלויז געבעטען ער זאָל רופען דעם אונטער־אָפיציר“. די טהיר האָט זיך פערשלאָסען, און איך האָב געהערט דעם פּאָלקאָווניק שימפּפענדיג אין דער שטיל דעם וואַך־סאָלדאַט.

איך בין שוין אַלזאָ ניט געווען אַליין. איך האָב געהאַט אַ שכנ׳טע, וועלכע האָט גלייך געבראָכען די שטרענגע דיסציפּלין, וואָס האָט ביז אהער געהערשט צווישען די סאָלדאַטען. פון יענעם טאָג אָן האָבען די ווענד פון פעסטונג, וועלכע זיינען געווען שטום פאַר די לעצטע פופצעהן מאָנאַטען, אָנגעהויבען לעבעדיג ווערען. פון אַלע זייטען האָב איך געהערט קלעפּ מיט׳ן פוס אין די דיעלען: איינס, צוויי, דריי, פיער... עלף קלעפּ, פיער־און־צוואַנציג קלעפּ, פופצעהן קלעפּ; דאַן אָן אָבּשטעל, נאָך וועלכען עס האָבען געפאָלגט דריי קלעפּ און כסדר דריי־און־דרייסיג קלעפּ. די דאָזיגע קלעפּ האָבען זיך ווידערהאָלט עטליכע מאָל אין דעם זעלבען סדר, ביז וואַנען דער שכן האָט זיך ענדליך אָנגעשטויסען אַז דאָס מיינט „קטאָ ווי?“ (ווער זיינט איהר?) אזוי ווי דער בוכסטאַב „ווע“ איז דער דריטער בוכשטאַב אין אונזער אַלפאַבעט. דערויף איז באַלד איינגעפיהרט געוואָרען אַ שפּראַך, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען אין דעם פערקירצטען אַלפאַבעט; דאָס הייסט, דער אַלפאַבעט ווערט איינגעטיילט אין זעקס שורות צו פינף בוכשטאַבען, יעדער בוכשטאַב ווערט בעצייכענט לויט זיין שורה און לויט זיין פּלאַץ אין דער שורה.

מיט גרויס צופריעדענהייט האָב איך אויסגעפונען, אַז לינקס צו מיר האָב איך געהאַט מיין פריינד סערדוקאָף, מיט וועמען איך האָב אין קורצען געקענט רעדען וועגען אַלעס, איבערהויפּט, ווען מיר האָבען געברויכט אונזער שיפער. אָבער דער פערקעהר מיט מענשען האָט אויך מיטגעבראַכט זיינע ליידען פּונקט ווי זיינע פריידען. אונטער מיר איז געווען איינגעשפּאַרט אַ פּויער, וועמען סערדוקאָף האָט געקאָנט. ער פלעגט צו איהם רעדען דורך די קלעפּ; און גאָר ניט ווילענדיג, אָפטמאָל גאַנץ אונבעוואוסט, בעת איך האָב געאַרבייט, פלעג איך נאָכפאָלגען זייערע געשפּרעכען. איך האָב אויך גערעדט צו איהם. אָבער אויב זיין פערשפּאַרט אַליין, אָהן וועלכער עס איז אַרבייט, איז שווער פאַר אַ געבילדעטען מענשען, איז עס נאָך אונענדליך שווערער פאַר אַ פּויער, וועלכער איז צוגע־וועהנט צו פיזישע אַרבייט און גאָר ניט געוועהנט צו פערברענגען זיינע יאָהרען אין לעזען. אונזער פּויער־פריינד האָט זיך געפיהלט גאַנץ אונ־גליקליך, און אַזוי ווי מען האָט איהם שוין געהאַט אָבגעהאַלטען נעבויע צוויי יאָהר אין אַן אַנדער געפענגניס, איידער מען האָט איהם געבראַכט אין פעסטונג — זיין פערברעכען איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט

זיך צוגעהערט צו סאציאליסטען — איז ער שוין געווען א צובראכענער. אין גיכען האב איך צו מיין גרויסען שרעק אנגעהויבען בעמערקען, אז פון צייט צו צייט פערלירט ער דעם זינען. שטופענווייז זיינען זיינע געדאנקען געווארען אלץ מעהר און מעהר צומישט, און מיר ביידע האבען טריט ביי טריט, טאג ביי טאג, בעמערקט סמנים אז ער פערלירט דעם פערשטאנד, ביז וואנען ער האט אנגעהויבען אינגאנצען רעדען ווי א משוגע'נער. דער־נאך האבען אנגעהויבען קומען פון אונטערסטען עטאזש שרעקליכע געשרוי־שען און בענומענע געשרייען; אונזער נאכבאר איז געווען וואהנזיניג, אבער מען האט איהם נאך געהאלטען עטליכע חדשים אין דעם קאזעמאט איידער מען האט איהם אריבערגעפיהרט אין אן אנשטאלט, פון וועלכען ער איז שוין קיינמאל ניט ארויס. איך בין זיכער אז דאס האט בייגעטראָ־גען צו פערשטארקען די נערוועו־ערשיטערונג פון מיין גוטען און טרייען פריינד סערדוקאף. ווען ער איז נאך א פיער־יאהריגער געפאנגענשאפט פרייגעשפראכען געווארען פון געריכט און בעפרייט געווארען, האט ער זיך דערשאסען.

איין שעהנעם טאג האב איך געקראגען א גאנץ אונערווארטעטען בעזוך. דער גרויספירסט ניקאליי, דער ברודער פון אלעקסאנדער דעם 2טען, וועלכער האט געמאכט אן אינספעקציע אין פעסטונג, איז אריינ־געקומען אין מיין צעלע, אין דער איינציגער בעגלייטונג פון זיין אדיוטאנט. די טהיר האט זיך פערשלאסען הינטער איהם. ער איז האסטיג צוגעקומען צו מיר, זאגענדיג, „גוטען־טאג, קראפאטקין". ער האט מיך געקאנט פער־זענליך און האט צו מיר גערעדט אין א פאמיליארנעם, גוטמוטיגען טאן, זוי צו אן אלטען בעקאנטען. „ווי איז דאס מעגליך, קראפאטקין, אז איהר, א פאזש דע שאמבר, א וואך־מייסטער פון פאזשען־קארפוס, זאל זיין פער־מישט אין אט די עסקים, און זאל זיך איצט געפינען אין אט דעם שוידער־ליכען קאזעמאט?

„יעדער האט זיך זיינע אייגענע מיינונגען", איז געווען מיין ענטפער.

„מיינונגען! הייסט עס, אייערע מיינונגען זיינען געווען, אז איהר מוזט אויפרודערען א רעוואלוציע?"

וואס האב איך איהם געזאלט ענטפערען? יא? דאן וואלט מיין ענטפער אויסגעטייטשט געווארען, אז איך, וועלכער האט זיך ענטזאגט צו געבען וועלכען עס איז ענטפער צו די זשאנדארמען, האב „אלעס מודה געווען" פאר דעם צאר'ס ברודער. זיין טאן איז געווען ווי פון א קאמאנדיר פון א מיליטערישער שולע, בעת ער וויל ארויסקריגען א „געשטענדניס" פו א קאדעט. דאך האב איך ניט געקענט ענטפערען „ניין": דאס וואלט

געווען א ליגען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, און איך בין געבלי־בען שטעהן גאָר ניט ענטפערענדיג.

„זעהט איהר! איהר שעהמט זיך איצט דערמיט —“

די בעמערקונג האָט מיך אויפגערעגט און איך האָב באַלד דערויף שארף א זאָג געטהאָן, „איך האָב מיינע ענטפערען געגעבען דעם אונטער־זוכונגס ריכטער, און איך האָב גאָרנישט וואָס צוצולעגען“.

„אָבער פערשטעהט, קראָפּאָטקין, איך בעט אייך“, האָט ער דערנאָך געזאָגט אין דעם פריינדליכסטען טאָן, „אז איך רעד ניט צו אייך אַלס אָן אונטערזוכונגס־ריכטער. איך רעד ווי א גאַנץ פּריוואַטע פּערזאָן — ווי א גאַנץ פּריוואטער מענש“, האָט ער ווידערהאָלט, ארונטערלאָזענדיג זיין שטימע.

געדאַנקען האָבען זיך גענומען טראָגען אין מיין קאָפּ. זאָל איך שפּיע־לען די ראָלע פון מארקיז פּאָזא? זאָל איך דערצעהלען דעם קייזער דורך דעם גרויספירסט וועגען דער פערוויסטונג פון רוסלאַנד, וועגען דעם חורבן פון דעם פויערנטום, וועגען דעם ווילקיר פון די בעאַמטע, וועגען דעם אָנקומענדען שרעקליכען הונגער? זאָל איך זאָגען, אז מיר האָבען געוואָלט ארויסהעלפען די פויערים פון זייער פערצווייפעלטער לאַגע, מאַכען אז זיי זאָלען אויפהעבען זייערע קעפּ און מיט דעם זוכען צו בעאיינפלוסען אלעקסאנדער דעם 2טען? אָט די דאָזיגע געדאַנקען האָבען האסטיג נאָכ־געפאָלגט איינער נאָך דעם אנדערען, ביז ענדליך האָב איך צו זיך געזאָגט: „קיינמאָל ניט! נארישקייטען! זיי ווייסען דאָס אַלעס. זיי זיינען פיינד פון פאָלק, און אַזעלכע רעד וועלען זיי ניט איבערמאַכען.“

איך האָב איהם געענטפערט, אז ער בלייבט אַלץ אָן אָפיציעלע פּערזענליכקייט און אז איך קען איהם ניט בעטראַכטען אַלס א פּריוואט־מענש.

ער האָט מיר דאַן אָנגעהויבען פרעגען זייטיגע פראַגען. „איז דאָס געווען אין סיביר, בעקאָנענדיג זיך מיט די דעקאַבריסטען, וואו איהר האָט אָנגעהויבען אָבגעבען זיך מיט אַזעלכע אידעען?“

„ניין; אין גאַנצען האָב איך געקאָנט איין דעקאַבריסט, און מיט איהם האָב איך קיין געשפּרעכען ניט געהאַט פון אירגענד וועלכער בעדייטונג.“

„הייסט עס אַלזאָ, אז איהר זייט מיט זיי אין פּעטערבורג בעקאַנט געוואָרען?“

„איך בין אַלעמאָל געווען דערזעלבער.“

„וואָס הייסט! זייט איהר שוין געווען אַזעלכער אין פּאַזשען־קאָרפּוס?“ האָט ער מיט שרעק געפרעגט.

„אין קאָרפּוס בין איך געווען אַ אינגעל, און דאָס וואָס עס איז אונ־קלאָר ווען מען איז נאָך אַ אינגעל, ווערט קלאָר ווען מען ווערט אַ מאַן.“

ער האָט מיך געפרעגט נאָך עטליכע אַנדערע עהנליכע פראגען, און פון זיין רעדען האָב איך אַרויסגעזעהן דייטליך צו וואָס ער ציעלט. ער האָט געזוכט אַרויסצוקריגען פון מיר אַ געשטענדניס, און מיין פאַנטאַזיע האָט מיר שוין איהם לעבעדיג פאָרגעשטעלט, ווי ער זאָגט צו זיין ברודער: „אָט די אַלע אונטערזוכונגס־ריכטער זיינען קאַליקעס. זיי האָט ער גאָרנישט געענטפערט, איך האָב אָבער צו איהם גערעדט צעהן מינוטען און ער האָט מיר אַלעס דערצעהלט“. די געשיכטע האָט מיר אָנגעהויבען ווערען איבער־דריסיג; און ווען ער האָט צו מיר אַ זאָג געטהאָן אונגעפעהר, „ווי האָט איהר גאָר געקענט האָבען צו טהאָן מיט אַזעלכע מענשען — פּויערים און סתם נאָמענלאָזע מענשען?“ — האָב איך איהם שאַרף אָבגעהאַקט און געזאָגט, „איך האָב אייך דאָך שוין ערקלערט, אַז איך האָב מיינע ענט־פערען געגעבען דעם אונטערזוכונגס־ריכטער“. נאָך דעם דאָזיגען ענטפער האָט ער האַסטיג פערלאָזען די צעלע.

שפּעטער האָבען די וואַך־סאָלדאַטען געמאַכט אַ גאַנצע לעגענדע פון דעם דאָזיגען בעזוך. די פּערזאָן, וואָס איז געקומען אין דער קאַרעטע מיך אוועקפיהרען בעת מיין ענטלויפען, האָט געטראָגען אַ מיליטערישע היטעל, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ רויטליכע באָרד, איז ער געווען עטוואָס עהנליך צו דעם גרויספירסט ניקאָליי. אויף אַזאַ אופן איז ביי די סאָלדאַ־טען פון דעם פּעטערבורגער גאַרניזאָן אויסגעוואַקסען די לעגענדע, אַז דאָס איז געווען דער גרויספירסט אליין, וועלכער איז מיך געקומען רעטען און האָט מיך אַרויסגע׳גנב׳עט. אַזוי ווערען דאָס בעשאַפען לעגענ־דען אפילו אין צייטען פון צייטונגען און ביאָגראַפישע ווערטערביכער.

V

צוויי יאָהר זיינען אריבער. אַ סך פון מיינע חברים זיינען געשטאָר־בען, פיעלע זיינען משוגע געוואָרען, אָבער מען האָט נאָך אַלץ גאָרנישט געהערט וועגען פאָרברעכענגען אונזער פּראָצעס פאַר אַ געריכט.

איידער עס האָט זיך געענדיגט דער צווייטער יאָהר בין איך געוואָ־רען גאַנץ שוואַך אין געזונד. דער דעמבאָוער בענקעל האָט זיך מיר אויס־געוויזען צו שווער אין האנד, און די פינף מייל זיינען פאַר מיר געוואָרען אַן אונענדליכער מהלך. אַזוי ווי אין פעסטונג האָבען זיך געפונען אַן ערך זעכציג אונזערע, און די ווינטער־טעג זיינען געווען קורץ, האָט מען אונז

ארויסגענומען אויף א שפּאציר ניט מעהר ווי אויף צוואנציג מינוטען יעדען טאָג. איך האָב געטהאָן אַלעס וואָס איך האָב געקענט איפּצוהאַלטען מיין ענערגיע, אָבער די „ארקטישע ווינטערס“, אָהן א צווישענדיגען זומער, האָבען מיך גובר געווען. פון מיינע סיבירישע רייזעס האָב איך מיטגעבראַכט לייכטע סימפּטאָמען פון סקאָרבוט; איצטער, אין דער פינסטערניס און פייכטקייט פון דעם קאַזעמאַט, האָט זיך עס ענטוויקעלט פיעל שטאַרקער; די דאָזיגע געפענגניס־פּלאָג האָט מיך געפּאַקט.

אין מערץ אָדער אַפּריל 1876 האָט מען אונז ענדליך אָנגעזאָגט, אז די דריטע אבטיילונג איז פארטיג געוואָרען מיט די פּאָרלויפיגע געריכט־ליכע אונטערזוכונגען. דער פּראָצעס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די געריכטליכע אויטאָריטעטען, און מען האָט אונז דעריבער אריבערגע־פיהרט אין דעם געפענגניס, וואָס האָט זיך געפונען נעבען יוסטיץ־געריכט — אין דעם פערהאַפטונגס־הויז.

דאָס איז געווען א זעהר גרויסע שוי־געפענגניס, וואָס איז קירצליך אויסגעבויט געוואָרען לויט דעם מאָדעל פון די פראנצויזישע און בעלגישע געפענגניסען, וועלכע איז בעשטאַנען פון פיער עטאַזשען קליינע צעלען, פון וועלכע יעדע איינע האָט געהאַט א פענסטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין דעם אינוועניגסטען הויף און א טהיר, וואָס האָט זיך געעפענט אויף אַן אייזערנעם באַלקאָן; די באַלקאָנען פון די עטליכע עטאַזשען זיינען געווען פערבונדען מיט אייזערנע טרעפּען.

פאַר די מעהרסטע פון מיינע חברים איז דער איבערגאַנג אין דעם דאָזיגען געפענגניס געווען א גרויסע ערלייכטערונג. דאָ איז שוין געווען א סך מעהר לעבעדיגער ווי אין פעסטונג; מעהר געלעגענהייט צו קאָרעס־פּאָנדירען, זיך צו זעהן מיט קרובים און געגענזייטיג צו פערקעהרען. דאָס קלאַפּען אין די ווענד האָט אָנגעהאַלטען דעם גאַנצען טאָג אָהן אַן איבער־שלאָג, און איך בין געווען ביכולת אויף דעם דאָזיגען אופן איבערצוגעבען א יונגען שכן די געשיכטע פון דער פּאַריזער קאָמונע פון אָנהויב ביז'ן סוף. דאָס האָט מיר אָבער גענומען א גאַנצע וואָך אויסצוקלאַפּען.

וואָס אָנבעלאַנגט מיין געזונד, איז עס געוואָרען נאָך א סך ערגער ווי די לעצטע צייט אין פעסטונג. איך האָב ניט געקענט פערטראָגען די פערשטיקטע לופט פון דעם קליינינקען צימערעל, וועלכער האָט אין גאַנצען געהאַלטען פיער טריט פון איין ווינקעל ביז דעם אַנדערען, און וואו די טעמפּעראַטור, ווי נאָר די היץ־רעהרען האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען, האָט זיך געביטען פון אַן אייזיגער קעלט אויף אַן אונערטרעג־ליכער היץ. מוזענדיג זיך אומדרעהען אזוי אָפט, פלעגט מיר אָנהויבען שווינדלען דער קאָפּ נאָך עטליכע מינוט געהן, און די צעהן מינוטען

בעוועגונג אין דרויסען, אין דעם ווינקעל פון א געהעפט, וועלכער איז געוועזען ארומגעצאמט מיט הויכע ציגעל־ווענד, האָט מיך קנאָפּוואָס ערפרישט. וואָס אָנבעלאַנגט דעם געפענגנים־דאָקטאָר, וועלכער האָט ניט געוואָלט הערען דערמאָנט דאָס וואָרט „סקאָרבוט“ אין „זיין געפענגניס“, איז וואָס וועניגער גערעדט וועגען איהם, אַלץ בעסער.

עס איז מיר געוועזען ערלויבט צו קריגען שפּייז פון דער היים, און עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז איינע פון מיינע קרובות, פערהייראַט צו אַן אדוואָקאַט, האָט געוואוינט עטליכע טהירען פון געריכטס־הויז. אָבער מיין פערדייאונג איז געוואָרען אַזוי שלעכט, אַז איך האָב אין גיכען גאָר־נישט געקענט עסען, אויסער אַ שטיקעל ברויט און איינס אָדער צוויי אייער אַ טאָג. מיינע קרעפטען האָבען אָנגעהויבען שנעל צו פערשווינדען, און די אַלגעמיינע מיינונג איז געוועזען, אַז מעהר ווי נאָך עטליכע חדשים וועל איך ניט לעבען. ארויפקלעטערענדיג די טרעפּען, וואָס האָבען געפיהרט צו מיין צעלע אויפ׳ן צווייטען עטאַזש, האָב איך זיך געמוזט אָבשטעלען אַ צוויי־דריי מאָל אָבצורוהען, און איך געדענק ווי אַן עלטע־רער סאָלדאַט פון דער וואך האָט מיר איינמאָל בעדויערט און געזאָגט, „אָרעמער מענש, איהר וועט שוין דעם סוף זומער ניט דערלעבען“.

מיינע קרובים זיינען איצט געוואָרען שטאַרק בעזאָרגט. מיין שוועס־טער העלענא האָט פּרובירט ארויסקריגען מיר אויף ערבות, אָבער דער פּראָקוראָר, שובין, האָט איהר מיט אַ סארקאַסטישען שמייכעל געענטפערט, „אויב איהר וועט מיר ברענגען אַ צייגניס פון אַ דאָקטאָר, אַז ער וועט אין צעהן טעג ארום שטאַרבען, דאַן וועל איך איהם ארויסלאָזען“. ער האָט געהאַט דאָס פערגעניגען צו זעהן מיין שוועסטער אריינפאַלענדיג אין אַ שטוהל און זיך הויך פונאַנדערוויינענדיג, אין זיין געגענוואַרט. עס איז איהר אָבער פּאָרט געלונגען דורכצופיהרען איהר פערלאַנג, אַז איך זאָל אונטערזוכט ווערען פון אַ גוטען דאָקטאָר, — דעם הויפּט־דאָקטאָר פון דעם מיליטערישען שפּיטאָל פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן. ער איז געוועזען אַ קלוגער, אינטעליגענטער, עלטערער גענעראַל, וועלכער האָט מיך אונטער־זוכט אויף אַ העכסט פּאָרזיכטיגען אופן און איז געקומען צום שלוס, אַז איך האָב ניט קיין אָרגאַנישע קראַנקהייט, נור איך לייד פּשוט פון מאַנגעל אין זויערשטאָף אינ׳ם בלוט. „לופט איז אַלץ וואָס איהר האָט נויטיג“, האָט ער געזאָגט. ער איז געבליבען שטעהן אַ ווייליע פערטראַכט און האָט צוגעגעבען ענטשלאָסען : „וואָס העלפט דאָס רעדען, דאָ קענט איהר ניט בלייבען ; מען מוז אייך אוועקנעהמען פון דאַנען“.

אַן ערך צעהן טעג שפּעטער האָט מען מיך אריבערגעפיהרט אין מיליטערישען שפּיטאָל, וועלכער געפינט זיך אין אַ פּעטערבורגער פּאָר־

שטאדט און האָט א ספּעציעלען קליינעם געפענגניס פאר די אָפיצירען און סאָלדאטען, וואָס ווערען קראנק אין דער צייט וואָס זיי שטעהען אונ־טער א משפט. צוויי פון מיינע חברים האָט מען שוין געהאט אריבער־געפיהרט אין דעם דאָזיגען שפּיטאָל, ווען עס איז זיכער געווען, אז זיי וועלען אין גיכען שטארבען פון שווינדזוכט.

אין שפּיטאָל האָב איך זיך גלייך אָנגעהויבען ערהוילען. מען האָט מיר אָבגעגעבען א גערוימיגען צימער אין ערשטען עטאזש, נאָהענט פון דעם צימער פון דער מיליטערישער וואך. דער צימער האָט געהאט א גרויסען פענסטער, פערצויגען מיט גראטעס, וועלכער האָט זיך געעפענט אין א קליינעם בולוואר מיט צוויי רייהען ביימער; און הינטער דעם בולוואר איז געווען א ברייטער פּלאץ, וואו צוויי הונדערט שטאָלער זיינען געווען בעשעפטיגט בויענדיג הילצערנעביידלעך פאר טיפוס־פּאציענטען. יעדען אבענד פלעגען זיי אָבגעבען אן ערך א שטונדע צו זינגען אין כאָר,— אזא כאָר, וואָס ווערט צונויפגעשטעלט נאָר אין די גרויסע שטאָלער־ארטעלען. א וואך־סאָלדאט האָט מארשירט הין און צוריק איבער'ן בולוואר, די בודקע זיינע איז געשטאנען פונקט אנטקעגען מיין צימער.

מיין פענסטער איז געווען אָפען א גאנצען טאָג, און איך האָב געקוואָ־לען פון די זון־שטראהלען, וועלכע האָבען מיר אזא לאנגע צייט געפעהלט. איך האָב איינגעאָטהעמט די באלזאמיגע מאי־לופט מיט א פולער ברוסט און מיין געזונד האָט זיך געבעסערט געשווינד, — צו געשווינד, האָב איך אָנגעהויבען צו דענקען. אין גיכען האָב איך שוין געקענט פערדייען לייכטע שפּייזען, מיר איז צוגעקומען כחות, און איך האָב זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט מיט פרישער ענערגיע. ניט זעהענדיג קיין וועג ווי אזוי איך וועל קענען ענדיגען דעם צווייטען באנד פון מיין ווערק, האָב איך אָנגע־שריבען א רעזומע דערפון, וועלכע איז געווען געדרוקט אין דעם ערשטען באנד.

אין פעסטונג האָב איך געהערט פון א קאמעראד, וועלכער איז געזע־סען אין שפּיטאָל־געפענגניס, אז עס וואָלט פאר מיר געווען ניט שווער צו ענטלויפען פון דאָרטען, און איך האָב וועגען דעם געלאָזט וויסען מיינע פריינד. עס האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז דאָס ענטלויפען איז פיעל שווערער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פון דעם, וואָס מען האָט מיר דערצעהלט. מען האָט אָנגעשטעלט איבער מיר א שטרענגע וואך, פון וועלכער מען האָט ביז אהער קיינמאָל ניט געוואוסט. דעם וואך־סאָלדאט אין קאָרידאָר האָט מען אוועקגעשטעלט נעבען מיין טהיר, און מען האָט מיך קיינמאָל ניט ארויסגעלאָזט פון מיין צימער. די שפּיטאָל־סאָלדאטען

און די אָפיצירען פון דער וואך, וועלכע פלעגען ביי געלעגענהייט אריינ־קומען צו מיר אין צימער, האָבען ווי עס האָט אויסגעזעהן מורא געהאט דאָרט צו בלייבען מעהר ווי א מינוט אָדער צוויי.

פערשיידענע פלענער זיינען געמאכט געוואָרען פון מיינע פריינד מיך צו בעפרייען, — מאנכע פון זיי גאנץ אמוזאנטע. איך האָב צוםביישפיעל, געזאָלט דורכפיילען די אייזערנע גראטעס פון מיין פענסטער. דאן, אין א רעגענדיגער נאכט, ווען דער וואך־סאָלדאט אויפ'ן בולוואר וועט כאפען א דרעמעל אין זיין בודקע, זאָלען צוויי פריינד זיך אונטער'־גנב'ענען פון הינטען און איבערקעהרען די בודקע, אזוי אז זי זאָל ארויפ־פאלען אויפ'ן סאָלדאט און איהם כאפען אזוי ווי א מויז אין א פאסטקע, ניט שעדיגענדיג איהם. דערווייליע האָב איך געזאָלט ארויסשפרינגען פון פענסטער. אָבער אויף א גאנץ אונערוואַרטעטען אופן האָט זיך בעוויזען א בעסערער פלאן.

„בעט מען זאָל אייך ארויסלאָזען אויף א שפאציר", האָט איינער פון די סאָלדאטען איין שעהנעם טאָג מיר איינגערוימט. איך האָב אזוי געטהאָן. דער דאָקטאָר האָט מיין ביטע אונטערשטיצט, און יעדען נאָכ־מיטאָג, ארום פיער א זייגער, האָט מען מיר ערלויבט צו שפאצירען א שטונדע אין געפענגנים־הויף. איך האָב געמוזט טראָגען דעם גרינעם פלאנעלענעם כאלאט, וואָס די שפיטאָל־פאציענטען טראָגען, אָבער יעדען טאָג פלעגט מען מיר אריינברענגען מיינע שיך, מיין וועסט און מיינע הויזען.

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען מיין ערשטען שפאציר. ווען מען האָט מיך ארויסגעפיהרט, האָב איך פאר זיך דערזעהן א הויף פולע דריי הונדערט טריט לאנג און מעהר ווי צוויי הונדערט טריט ברייט, אין גאנצען בעדעקט מיט גראָז. דער טהויער איז געווען אָפען, און דורך איהם האָב איך געקענט זעהן די גאס, דעם גרויסען שפיטאָל אנטקעגען, און די מענשען וואָס זיינען פערבייגעגאנגען. פאר א מאָמענט בין איך געבליבען שטעהן ביי די טהיר־טרעפ פון געפענגנים, ניט קענענדיג זיך ריהרען פון אָרט, ווען איך האָב דערזעהן אָט דעם הויף און דעם דאָזיגען טהויער.

אין איין עק פון הויף איז געשטאנען די געפענגנים, — א שמאָלע געביידע, אן ערך הונדערט און פופציג פוס לאנג, — וואו עס זיינען געשטאנען וואך־בודקעס פון ביידע זייטען. די צוויי וואך־סאָלדאטען זיינען געגאנגען הין־און־צוריק פון פאָרענט פון דער געביידע, און האָבען אויסגעטראָטען א סטעזשקע אין גרינעם גראז. אויף דער דאָזיגער סטעזשקע האָט מען מיך געהייסען שפאצירען, און די צוויי וואך־סאָלדאטען האָבען געהאלטען אין איין מארשירען הין־און־צוריק — אזוי אז איך בין

קיינמאָל ניט געווען מעהר ווי צעהן אָדער פופצעהן טריט ווייט פון איינעם אָדער דעם אנדערען. דריי שפּיטאָל־סאָלדאטען זיינען זיך געזעסען אויף די טהיר־טרעפּ.

אויף דעם אנטקעגענדיגען ברעג פון דעם דאָזיגען גרויסען הויף האָט מען אויסגעלאָדען פון א דוצענד וועגען האָלץ אויף צום הייצען, און א צוועלף פויערים האָבען עס צונויפגעלעגט פּאזשע וואנד. דער גאנצער הויף איז געווען ארומגענומען מיט א הויכען פּארקען פון דיקע ברעטער. דער טהויער איז געשטאנען אָפען, אריינצולאָזען און ארויסצולאָזען די וועגען.

דער אָפענער טהויער האָט מיך בעצויבערט. „איך טאָר אויף איהם ניט קוקען“, האָב איך צו זיך געזאָגט; און דאָך האָב איך פון איהם די גאנצע צייט ניט געקענט די אויגען אָברייסען. אזוי געשווינד ווי מען האָט מיך צוריקגעבראכט אין מיין צעלע, האָב איך געשריבען צו מיינע פריינד און זיי מיטגעטיילט די פרעהליכע נייעס. „איך פיהל זיך אזוי ווי אונפעהיג צו בענוצען דעם שיפער“, האָב איך געשריבען מיט א ציטערנדיגער האנד, מאכענדיג כמעט אונלעזבארע צייכענס אָנשטאָט ציפערען. „די נאָהענטקייט פון דער פרייהייט מאכט מיך ציטערען, ווי איך וואָלט געווען אין א פיבער. זיי האָבען מיך היינט ארויסגענומען אין הויף; דער טהויער איז געווען אָפען, און קיין וואך איז נעבען איהם ניט געווען. דורך דעם דאָזיגען אונבעוואכטען טהויער וועל איך ארויסלויפען, מיינע וועכטער וועלען מיך ניט כאפּען“, — און איך האָב זיי געגעבען דעם פּלאן פון מיין ענטלויפען. „א דאמע זאָל קומען אין אן אָפענער קארעטע צום שפּיטאָל. זי זאָל ארויסשטייגען, און די קארעטע זאָל ווארטען אויף איהר אין גאס, אן ערך פופציג טריט ווייט פון טהויער. ווען מען וועט מיך ארויספיהרען, א זייגער פיער, וועל איך א ווייל‏ע אומגעהן מיט׳ן היטעל אין האנד און אימיצער, וואָס וועט פערבייגעהן דעם טהויער, זאָל עס נעהמען פאר א סימן, אז אינוועניג אין געפענגנים איז אלעס אין אָרדנונג. דאן מוזט איהר מיר ענטפערען מיט א סיגנאל: „די גאס איז פריי“. אָהן דעם וועל איך זיך ניט ריהרען; איינמאָל ארויס פון טהוער, טאָר איך צוריק ניט געכאפּט ווערען. אלס סיגנאל קען בענוצט ווערען נור ליכט אָדער קלאנג. דער קוטשער קען ווארפען א בליאסק ליכט, — די שטראהלען פון דער זון אָבגעשפּיעגעלט פון זיין לאקירטען היטעל אויף דער הויפּט שפּיטאָל־געביידע; אָדער נאָך בעסער, דער קלאנג פון א ליעד, וואָס זאָל אָנהאלטען אזוי לאנג ווי די גאס איז פריי; סיידען איהר וועט קענען אָבדינגען דאָס זומער־הייזעל, וואָס איך זעה פון הויף, און מיר געבען סיגנאלען דורכ׳ן פענסטער. דער וועכטער וועט מיר נאָכלויפען ווי א הונד נאָך א האָז,

מאכענדיג א האלבען קרייז, בעת איך וועל לויפען אין א גלייכער ליניע, און איך וועל זיין פינף אדער צעהן טריט ווייט פון איהם. זייענדיג אויף דער גאס, וועל איך אריינשפרינגען אין דער קארעטע און מיר וועלען אוועקגאלאפירען. אויב דער וועכטער וועט שיסען — נון, דאן קען מען זיך ניט העלפען; דאס קענען מיר שוין ניט בעווארענען. אבער, איידער א זיכערען טויט אין געפענגניס, לוינט זיך עס גאנץ גוט צו ריזיקירען."

נעגען־פארשלעגע זיינען געמאכט געווארען, אבער דער דאזיגער פלאן איז ענדליך אנגענומען געווארען. אונזער קרוזשאק האט איבערגענומען די אננעלעגענהייט אין זיינע הענד; מענשען וואס האבען מיך קיינמאל ניט געקאנט, האבען זיך אין דעם בעטייליגט, אזוי ווי עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען דער בעפרייאונג פון זייער טהייערסטען ברודער. די אונטערנעהמונג איז אבער געווען ארומגערינגעלט מיט שוועריגקייטען, און די צייט איז זיך געלאפען מיט א שרעקליכער געשווינדקייט. איך האב געארבייט שווער, שרייבענדיג ביז שפעט אין דער נאכט; אבער מיין געזונד האט זיך פונדעסטוועגען געבעסערט מיט אזא געשווינדקייט, וואס האט מיך אויפגעשווידערט. ווען מען האט מיך דאס ערשטע מאל ארויסגעלאזט אין הויף, האב איך קוים געקענט קריכען ווי א טשערעפאכע איבער דער סטעזשקע; איצטער האב איך זיך געפיהלט גענוג שטארק צו לויפען. אמת, איך בין נאך אלץ געגאנגען אזוי פאמעלעך, כדי מען זאל פון מיר די שפאציר־גענג ניט אוועקנעהמען; אבער מיין נאטירליכע לעבהאפטיגקייט האט מיך צו יעדער צייט געקענט פערראטהען. און מיינע חברים זיינען אין דער זעלבער צייט געווען פערנומען מיט דעם צונויפברענגען מעהר ווי א פאר צעהנדליג מענשען פאר דער אונטערנעהמונג, מיט דעם קריגען א פערד, אויף וועלכען מען זאל זיך קענען פערלאזען, און ערפאהרענעם קוטשער, און מיט דעם בעזארגען א הונדערט אנדערע ניט פאראויסגעזעהענע קלייניגקייטען, וועלכע שפרינגען תמיד ארוים ביי אזעלכע קאנספיראציעס. די צוגרייטונגען האבען אוועקגענומען אונגעפעהר א מאנאט, און יעדען טאג האט מען מיך געקענט צוריקפיהרען אין פערהאפטונגס־געפענגניס.

ענדליך איז דער טאג פאר דעם ענטלויפען בעשטימט געווארען. דער 29טער יוני, אלטען סטיל, איז דער טאג פון די הייליגע פעטער און פאוועל. מיינע פריינד, וועלענדיג אריינווארפען א פונק פון סענטימענטאליטעט אין זייער אונטערנעהמונג, האבען מיך געוואלט בעפרייען אין דעם דאזיגען טאג. זיי האבען מיר געלאזט וויסען, אז אלס ענטפער אויף מיין סיגנאל „אלעס איז אין ארדנונג איננווענינ", וועלען זיי מיר סיגנא־

לירען „אַלעס איז אין אָרדנונג אויסוועניג“ ארויפלאָזענדיג א רויטען שפּיעל־באַלאָן. דאַן וועט אָנפאָהרען די קארעטע, און מען וועט זינגען א ליעד, מיר צו לאָזען וויסען ווען די גאַס איז אָפען.

איך בין ארויסגעגאַנגען דעם 29טען, האָב ארונטערגענומען מיין היטעל, און געווארט אויפ׳ן באַלאָן. ער האָט זיך אָבער ניט בעוויזען. עס איז אריבער א האַלבע שטונדע. איך האָב געהערט דעם אָנפאָהרען פון א קארעטע אין גאַס; איך האָב געהערט א מענער־שטימע זינגענדיג א ליעד, וואָס איז מיר געווען אונבעקאנט; אָבער קיין באַלאָן האָט זיך ניט בעוויזען.

די שטונדע איז געווען אריבער, און מיט א געבראָכענעם הארצען האָב איך זיך אומגעקעהרט אין מיין צימער. „עפּעס האָט זיך געמוזט ניט איינגעגעבען“, האָב איך צו זיך געזאָגט.

דאָס אונמעגליכע האָט יענעם טאָג פּאסירט. הונדערטער קינדער־באַלאָנען זיינען אַלעמאָל דאָ צום פערקויפען אין פּעטערבורג, נעבען גאָסטינאָי דוואָר. דעם דאָזיגען פריהמאָרגען איז קיין איינער ניט געווען; ניט איין איינציגען קינדער־באַלאָן האָט מען געקענט קריגען. מען האָט יאָ געפונען איינעם, א קינד האָט איהם פערמאָגט, ער איז אָבער געווען אַן אַלטער און ער איז ניט געפלויגען. מיינע פריינד זיינען דאַן ארייגעלאָפען אין א געשעפט פון וויסענשאפטליכע אפּאראטען, האָבען געקויפט אַן אפּאראט צו מאכען וואסער־שטאָף־גאַז, און האָבען דעם באַלאָן אָנגעפילט דערמיט; ער איז אָבער אַלץ ניט געפלויגען: דער גאַז איז ניט געווען גענוג ריין. די צייט איז געוואָרען קורץ. א דאַמע האָט דאַן צוגעטשעפּעט דעם באַלאָן צו איהר שירם, און האַלטענדיג דעם שירם הויך איבער׳ן קאָפּ, איז זי ארומגעגאַנגען הין־און־צוריק פאזשע דער וואנד פון אונזער הויף; איך האָב אָבער קיין זאַך ניט געזעהן, — די וואנד איז געווען צו־הויך און די דאַמע צו־ניעדעריג.

ווי עס האָט זיך נאָכהער ארויסגעוויזען, האָט קיין בעסערע זאַך ווי דער צופאַל מיט דעם באַלאָן ניט געקענט געבען. ווען די שטונדע פון מיין שפּאציר איז געווען אריבער, איז די קארעטע געפאָהרען איבער די גאַסען, וועלכע מיר האָבען געזאָלט דורכפאָהרען נאָך דעם ענטלויפען; און דאָר־טען, אין א שמאָלער געסעל, איז זי פערהאַלטען געוואָרען פון א דוצענד אָדער מעהר וועגען, וועלכע האָבען געפיהרט האָלץ פאר׳ן שפּיטאָל. די וועגען זיינען ניט געגאַנגען אין אָרדנונג, — איינינע זיינען געגאַנגען אין דער רעכטער זייט פון גאַס און אנדערע אין דער לינקער, — און די קארעטע האָט געמוזט דורכפאָהרען גאַנץ לאַנגזאַם צווישען זיי; ביי א

ווינקעל פון גאס איז דער וועג אין גאנצען געווען פערשפּאַרט. ווען איך וואָלט דאָרט געווען, וואָלט מען אונז זיכער געכאַפּט.

איצטער האָט מען איינגעפיהרט א גאנצען סיסטעם פון סיגנאַלען איבער אַלע גאַסען, דורך וועלכע מיר האָבען געזאָלט דורכפאָהרען בעת מיר ווע‌לען ענטלויפען, כדי צו געבען צו וויסען אויב די גאַסען זיינען ניט פריי. אויף א פּאָר מייל פון'ם שפּיטאָל האָבען מיינע חברים זיך פונאנ־דערגעשטעלט אויף דער וואך. איינער האָט געדאַרפט ארומגעהן הין־און־צוריק, האַלטענדיג א טיכעל אין האנד, וועלכע ער האָט געזאָלט אריינ־לעגען אין קעשענע בעת וועגען וועלען אָנקומען; א צווייטער האָט געזאָלט זיצען אויף א שטיין און עסען קארשען, און ווען וועגען וועלען אָנקומען זאָל ער אויפהערען; און אזוי ווייטער. אָט די אַלע סיגנאַלען האָבען געזאָלט איבערגעגעבען ווערען פון איין גאס צו דער אנדערער, ביז זיי וועלען אָנקומען צו דער קאַרעטע. מיינע חברים האָבען אויך אָבגעדונגען דאָס גרויע זומער־הייזעל, וואָס איך האָב געזעהן פון הויף, און ביי אָן אָפענעם פענסטער פון דעם קליין הייזעל איז געשטאַנען א פיעדעל־שפּיעלער מיט זיין פיעדעל, גרייט אָנצופאַנגען שפּיעלען, ווען דער סיגנאַל „די גאַס איז פריי" וועט אָנקומען צו איהם.

דער פערזוך איז געווען בעשטימט פאַר דעם נעקסטען טאָג. אָבלעגען ווייטער וואָלט געווען געפעהרליך. עס איז א פאַקט, אז די קאַרעטע איז בעמערקט געוואָרען פון די שפּיטאָל־מענשען און עטוואָס פערדעכטיגעס האָט שוין געמוזט האָבען דערגרייכט די אויערען פון די בעאַמטע, וואָרים די נאַכט פאַר מיין ענטלויפען האָב איך געהערט ווי דער פּאַטרול־אָפיציר האָט געפרעגט דעם וואך־סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען אנטקעגען מיין פענסטער, „וואו האָסטו דיינע קוגעל־פּאַטראָנען?" דער סאָלדאַט האָט זיי אָנגעהויבען אויף אָן אונגעלומפּערטען אופן ארויסנעהמען פון זיין קוילען־בייטעלע, וואָס עס האָט איהם געדויערט א פּאָר מינוטען. דער פּאַטרול־אָפיציר האָט איהם אויסגעזידעלט. „האָט מען דיר ניט געזאָגט היינט אבענד, אז דו זאָלסט האַלטען פיער קוגעל־פּאַטראָנען אין שינעל־קעשענע?" און ער איז געשטאַנען איבער'ן וואך סאָלדאַט ביז ער האָט אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע פיער קוילען. „פּאַס אויף!" האָט ער אוועקגעהענדיג געזאָגט צום סאָלדאַט.

דעם נייעם פּלאַן מכח די סיגנאַלען האָט מען מיר געמוזט גלייך איבערגעבען; און אויף מאָרגען, א זייגער צוויי, איז אריינגעקומען אין געפענגניס א דאַמע — א טהייערע קרובה מיינע — און האָט געבעטען מען זאָל מיר איבערגעבען א טאַשען־זייגער. אַלעס האָט געמוזט דורכגעהן דורך די הענד פון פּראָקוראָר; נאָר אזוי ווי דאָס איז געווען ניט מעהר ווי

א זייגער, אָהן אַ קעסטעל, האָט מען מיר דאָס איבערגעגעבען. אינוועניג איז געווען אַ קליין שיפּרירטער צעטעלע, וועלכער האָט ענטהאַלטען דעם גאַנצען פּלאַן. ווען איך האָב עס איבערגעלייענט, בין איך געווען אַ פּער־ציטערטער, אַזאַ געוואַגטער שריט איז דאָס געווען. די דאַמע, וועלכע איז אַליין געווען פערפאָלגט פון דער פּאָליציי צוליעב פּאָליטישע אורזאַכען, האָט געקענט גלייך אַרעסטירט ווערען, ווען אימיצען זאָל איינפאַלען צו עפענען דעם דעקעל פון זייגער. איך האָב איהר אָבער געזעהן געמיטהליך אַרויסקומענדיג פון געפענגניס און אַוועקגעהענדיג לאַנגזאַם אויפ'ן בולוואַר.

א זייגער פיער, ווי געוועהנליך, בין איך אַרויס און האָב געגעבען מיין סיגנאַל. באַלד דערויף האָב איך דערהערט דעם אָנפאָהרען פון דער קאַרעטע, און מיט אַ פּאָר מינוטען שפּעטער האָבען די טענער פון דער פּיעדעל אין דעם גרויען הייזעל געקלונגען איבער'ן הויף. איך בין אָבער דאַן געווען ביי דעם צווייטען עק פון דער געביידע. ווען איך בין צוריקגעקומען צום ברעג פון דער סטעזשקע, וואָס איז געווען נאָהענט צום טהויער, — אָן ערך אַ הונדערט טריט, — איז דער וואַך־סאָלדאַט געווען הארט נעבען מיר. „נאָך איין מאָל אַרומגעהן“, האָב איך געקלערט — אָבער איידער איך האָב דערגרייכט דעם ווייטסטען ברעג, האָט די פּיעדעל פּלוצלינג אויפגעהערט צו שפּיעלען.

מעהר ווי אַ פערטעל שטונדע פול מיט אַנגסט איז אַריבער, איידער איך האָב פערשטאַנען די אורזאַך דערפון. אַ צוועלף שווער אָנגעלאָדענע וועגען האָבען זיך בעוויזען אין טהויער און זיינען געפאָהרען צום צווייטען עק פון הויף.

באַלד דערנאָך האָט דער פּיעדעל־שפּיעלער — אַ גוטער שפּיעלער מוז איך זאָגען — אָנגעהויבען אַ ווילד־אויפרעגענדע מאַזורקאַ פון קאָנטסקי, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען, „איצט לויף גלייך, — איצט איז דיין צייט!“ איך בין געגאַנגען פּאַמעלעך צום נעהנטסטען ברעג פון דער סטעזשקע, שווידערנדיג ביי דעם געדאַנק, אַז די מאַזורקע קען נאָך אויפהערען איידער איך וועל דאָרטען צוקומען.

ווען איך בין שוין דאָרט געווען האָב איך זיך אומגעקעהרט. דער סאָלדאַט האָט זיך אָבגעשטעלט אַ פינף אָדער ·זעקס טריט הינטער מיר, ער האָט געקוקט אין דער צווייטער זייט. „איצט אָדער קיינמאָל ניט!“ איך געדענק ווי דער דאָזיגער געדאַנק האָט דורכגעצוקט אין מיין קאָפּ. איך האָב אַרונטערגעוואָרפען מיין גרינעם כאַלאַט און אָנגעהויבען לויפען.

פיעל טעג כסדר האָב איך פּראַקטיצירט ווי אַזוי זיך צו בעפרייען פון דעם דאָזיגען אונענדליך לאַנגען און אונבעקוועמען בגד. ער איז

געווען אזוי לאַנג, אז איך האָב געמוזט טראָגען די פּאַלעס אויף מיין לינקען אָרעם, אַזוי ווי די דאַמען טראָגען די שלעפּעס פון זייערע רייט־קליידער. וואָס איך האָב ניט צוטהאָן, האָב איך איהם אַלץ אין איין מאָמענט ניט געקענט אויסטהאָן. איך האָב פונאַנדערגעשניטען די נעט אונטער די אָרעם־לעכער, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. איך האָב דאַן בעשלאָסען זיך אויסלערנען איהם אַרונטערצוואַרפען אין צוויי בעוועגונגען: איינער אַרונטערוואַרפענדיג די פּאָלעס פון מיין אָרעם, די צווייטע אַרונטערלאָזען דעם כאַלאַט אויף דר'ערד. געדולדיג האָב איך עס פּראַקטיצירט אין מיין צימער, ביז וואַנען איך האָב עס געקענט מאַכען אַזוי געשיקט, ווי די סאָלדאַטען בענעהען זיך מיט זייערע ביקסען. „איינס, צוויי", און ער איז געלעגען אויף דר'ערד.

צופיעל האָב איך זיך אויף מיינע כחות ניט פערלאָזט, און איך האָב אָנגעהויבען לויפען צוערשט לאַנגזאַם, איינצושפּאָרען די קרעפטען. אַזוי געשווינד אָבער ווי איך בין אָבגעלאָפען עטליכע טריט, האָבען די פּויערים, וועלכע האָבען צוגויפגעלעגט דאָס האָלץ אויפ'ן צווייטען עק פון הויף, אָנגעהויבען שרייען, „ער ענטלויפט! כאַפּט איהם! האַלט איהם!" און זיי האָבען זיך געיאָגט מיר צו כאַפּען ביים טהויער. דאַן בין איך געלאָפען אויף טויט און אויף לעבען. איך האָב פון קיין אנדער זאַך ווי לויפען ניט געדענקט, — אפילו גיט פון דער טיעפער גרוב, וואָס די וועגען האָבען געהאַט אויסגעגראָבען ביים טהויער. לויף! לויף! פולען גאַלאָפּ!

דער וואַך־סאָלדאַט, ווי עס האָבען מיר שפּעטער דערצעהלט מיינע פריינד, וועלכע האָבען צוגעזעהן די סצענע פון דעם גרויען הייזעל, איז געלאָפען הינטער מיר, און נאָך איהם דריי סאָלדאַטען, וואָס זיינען געזעסען אויף די טהיר־טרעפּ. דער וואַך־סאָלדאַט איז געווען אַזוי נאָהענט פון מיר, אז ער איז געווען זיכער ער וועט מיך פּאַקען. עטליכע מאָל האָט ער אַ וואָרף געטהאָן זיין ביקס פאָראויס, וועלענדיג מיר דערלאַנגעי אַ זעץ אין נאַקען מיט'ן באַיאָנעט. איין מאָמענט האָבען מיינע חברים געדענקט, אז ער האָט מיך שוין. ער איז געווען אַזוי זיכער אז ער וועט מיך אַזוי אויף כאַפּען, אז ער האָט נאָר ניט פּרובירט צו שיסען. איך האָב זיך אָבער געהאַלטען פאָראויס, און ער איז געבליבען שטעהן ביים טהויער.

אַרויסקומענדיג בשלום פון טהויער, האָב איך צו מיין שרעק בעמערקט, אז אין דער קאַרעטע איז געזעסען אַ ציוויל־מענש, וועלכער האָט געטראָגען אַ מיליטערישע היטעל. ער איז געזעסען ניט אומקעהרענדיג דעם קאָפּ צו מיר. „פּערקויפט!" איז געווען מיין ערשטער געדאַנק. די חברים האָבען אין זייער לעצטען בריעף געשריבען, „איינמאָל ביזטו אין גאַס, גיב זיך ניט אונטער: ער וועלען זיין פריינד דיך צו פערטיידיגען,

אויב עס וועט זיין נויטיג", און איך האָב ניט געוואָלט אריינשפרינגען אין דער קארעטע, בעת זי איז געווען פערנומען פון א שונא. ווען איך בין אָבער צוגעקומען נעהנטער צו דער קארעטע, האָב איך בעמערקט, אז דער מאַן וואָס איז דאָרט געזעסען, האָט געהאט רויטליכע באַקען־בארדען, וועלכע ווי עס האָט מיר אויסגעזעהן האָבען געהערט צו א הייסען פריינד מיינעם. ער האָט ניט געהערט צו אונזער קרוזשאָק, מיר זיינען אָבער געווען פערזענליכע פריינד, און איך האָב מעהר ווי איינמאָל געהאט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט זיין וואונדערליכען, וואַגענדען מוטה, און ווי ער פלעגט פלוצלינג ווערען שטארק ווי א הערקולעס. ווען עס האָט נעהאַלטען ביי א געפאהר. „ווי קומט ער אהער? איז דאָס מעגליך?" האָב איך געקלערט און האָב געוואָלט אויסשרייען זיין נאָמען, איך האָב זיך אָבער פערכאַפּט אין צייט, און נאָך אַלץ לויפענדיג האָב איך א קלאַפּ געטהאָן מיט די הענד, צוצוציהען זיין אויפמערקזאמקייט. ער האָט אומ־געדרעהט זיין פּנים צו מיר — און איך האָב דערקענט ווער דאָס איז.

„שפרינג אריין, געשווינד, געשווינד!" האָט ער געשריען מיט א שרעקליכען קול, רופענדיג מיך און דעם קוטשער מיט אַלערליי נעמען, מיט א רעוואָלווער אין האנד גרייט צו שיסען. „גאַלאָפּ! גאַלאָפּ! איך וועל דיך טויטען!" האָט ער געשריען צום קוטשער. דאָס פערד, א פּראכט־פולער וועט־לויפער, וואָס מען האָט פאר דעם צוועק געהאט געקויפט — האָט זיך אוועקגעלאָזט אין פולען גאַלאָפּ. צעהנדליגער שטימען וואָס האָבען געשריען, „האַלט זיי! כאַפּט זיי!" האָבען אָבגעקלונגען הינטער אונז, אין דער צייט וואָס מיין פריינד האָט מיר געהאָלפען אָנטהאָן אן עלעגאַנטען מאַנטעל און אן אָפּערא־הוט. אָבער די אמת'ע געפאהר איז ניט געווען אזוי פיעל אין די נאָכיאָגערס, ווי אין דעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם טהויער פון שפּיטאָל, אונגעפעהר פונקט אנקעגען דעם אָרט וואו די קארעטע האָט געדאַרפט ווארטען. ער האָט מיך געקענט שטע־רען אריינצושפרינגען אין דער קארעטע, אָדער פערהאַלטען דעם פערד, איינפאַך געבענדיג א לויף עטליכע טריט פאָרווערטס. מען האָט דעריבער בעאויפטראגט א פריינד, אז ער זאָל פעראינטערעסירען דעם סאָלדאַט אין א געשפּרעך. ער האָט עס דורכגעפיהרט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג. אזוי ווי דער סאָלדאַט איז אמאָל געווען בעשעפטיגט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון שפּיטאָל, האָט מיין פריינד מיט איהם פערפיהרט א וויסענשאַפטליכען שמועס, רעדענדיג וועגען דעם מיקראָסקאָפּ און די וואונדערליכע זאַכען וואָס מען זעהט דורך איהם. אָנדייטענדיג אויף א געוויסען פּאַראַזיט אין דעם מענשליכען קערפּער, האָט ער געפרעגט, „האָט איהר ווען עס איז געזעהן וואָס פאר א שרעקליכען עק ער האָט?" „וואָס, מענש, אן עק?"

„יא, ער האָט; אונטער'ן מיקראָסקאָפּ איז ער אָט אַזוי גרויס". „דער־צעהלט מיר נאָר ניט אַזעלכע געשיכטען!" האָט דער סאָלדאַט געענט־פערט. „איך ווייס בעסער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע זאַך, וואָס איך האָב געזעהן אונטער'ן מיקראָסקאָפּ". אָט די לעבעדיגע דיסקוסיאָן איז פאָרגעקומען פּונקט דאַן, ווען איך בין זיי פערבייגעלאָפען און אַריינגע־שפּרונגען אין דער קאַרעטע. עס קלינגט ווי אַ פאַבעל, אָבער דאָס איז אַ טהאַטזאַך.

די קאַרעטע האָט זיך האַסטיג פערקירעוועט אין אַ שמאָלען געסעל, איז פערבייגעפאָהרען דיזעלבע וואַנד פון הויף, וואו די פויערים האָבען צונויפגעלעגט דאָס האָלץ, פון וואַנען זיי זיינען זיך אַלע צולאָפען יאָגענ־דיג זיך נאָך מיר. דאָס פערקירעווען זיך איז געווען אַזאַ האַסטיגער, אַז די קאַרעטע האָט זיך שיער ניט איבערגעקעהרט, ווען איך וואָלט זיך ניט אַ וואָרף געטהאָן אויף צוריק, מיטשלעפענדיג מיין פריינד מיט זיך; די ראָזיגע פּלוצלינגע בעוועגונג האָט אויסגעגלייכט די קאַרעטע.

מיר זיינען דורכגעפלויגען דאָס שמאָלע געסעל און זיך פערקירעוועט אויף לינקס. צוויי זשאַנדאַרמען זיינען דאָרט געשטאַנען ביים טהיר פון אַ שענק און זיי האָבען אָבגעגעבען „טשעסט" דעם מיליטערישען הימעל פון מיין פריינד. „ששאַ! בערוהיג זיך!" האָב איך צו איהם געזאָגט, זעהענדיג אַז ער איז נאָך אַלץ שרעקליך אויפגערעגט. „אַלעס געהט כשורה; די זשאַנדאַרמען בעגריסען אונז!" דער קוטשער האָט דאַן אויסגעדרעהט זיין פּנים צו מיר, און איך האָב אין איהם דערקענט אַ צווייטען פריינד, וועלכער האָט גליקליך געשמייכעלט.

אומעטום האָבען מיר געזעהן פריינד, וועלכע האָבען אונז צוגע־וואונקען אָדער געוואונשען גליק, בעת מיר האָבען זיך פערבייגעיאָגט פערביי זיי מיט דעם פולען גאַלאָפּ פון אונזער פּראַכטפאָלען פערד. מיר זיינען דאַן אַרויף אויף דעם גרויסען נעווסקי פּראָספּעקט, האָבען זיך פער־קירעוועט אין אַ זייטיגער גאַס און אַרויסגעשטייגט ביי אַ טהיר, אָוועק־שיקענדיג דעם קוטשער. איך בין אַרויפגעלאָפען די טרעפּ, און אַרויפ־קומענדיג אויבען, בין איך אַריינגעפאַלען אין די אָרעמס פון מיין שוועגע־רין, וועלכע האָט אויף מיר געוואַרט אין אַ שמערצליכען אַנגסט. זי האָט געלאַכט און געוויינט צו גלייכער צייט, מיך אונטעריאָגענדיג, איך זאָל וואָס גיכער איבערטהאָן אַנדערע קליידער און אונטערשניידען מיין צו־קענטיגע באָרד. צעהן מינוטען שפּעטער האָב איך מיט מיין פריינד פער־לאָזט דאָס הויז און גענומען אַ דראָשקע.

*דער אָפיציר פון דער געפענגניס־וואַך און די שפּיטאָל־סאָלדאַטען זיינען דערווייל אַרויסגעלאָפען אין גאַס, ניט וויסענדיג וואָס אָנצוהויבען

צו טהאָן. א מייל ארום האָט מען קיין דראָשקע ניט געקענט קריגען, מיינע פריינד האָבען אלע דראָשקעס אָבגעדונגען. אן אלטע פויערטע פון געזעמעל איז געווען קליגער ווי זיי אלע. „אָרעמע מענשען", האָט זי אזוי ווי צו זיך גערעדט, „זיי ווילען זיכער ארויסקומען אויפ'ן נעווסקי פראָספּעקט, און דאָרטען וועט מען זיי פּאקען, אויב אימיצער וועט לויפען מיט אָט דער גאס, וועלכע פיהרט גלייך צום פּראָספּעקט". זי איז געווען גאנץ גערעכט, און דער אָפיציר איז צוגעלאָפען צום טראַמוויי־וואָגען, וואָס איז דערביי געשטאַנען, און האָט געבעטען ביי די מענשען זיי זאָלען איהם געבען זייערע פערד, אוועקצושיקען אימיצען רייטענדיג אונז איבערצונעהמען. אָבער די מענשען האָבען הארטנעקיג זיך ענטזאגט צו געבען די פערד, און דער אָפיציר האָט ניט געברויכט קיין געוואלד.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם פיעדעל־שפּיעלער און די דאַמע, וועלכע האָבען נעהאט אָבגעדונגען דאָס גרויע הייזעל, זיינען זיי אויך ארויסגעלאָפען און צוגעשטאַנען צום געזעמעל מיט דער אלטעטשקער, וועמען זיי האָבען געהערט געבענדיג די עצה, און ווען דער געזעמעל איז זיך פונאנדערגע־גאַנגען זיינען זיי אויך אוועקגעגאַנגען.

עס איז געווען א שעהנער נאָכמיטאָג. מיר זיינען אוועקגעפאָהרען צום אינזעל, וואוהין די גאנצע פּעטערבורגער אריסטאָקראַטיע פערקלייבט זיך אין העלע פריהלינגס־טעג צו זעהן דעם זון־אונטערגאַנג. אויפ'ן וועג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אין אן אָבגעלעגענער גאס ביי א פריזירער, אָבצוגאָלען די באָרד, פון וואָס מיין ארויסזעהן האָט זיך נאַטירליך געענ־דערט, אָבער ניט זעהר פיעל. מיר זיינען ארומגעפאָהרען איבער'ן אינזעל הין און צוריק אָהן א ציעל, נאָר אזוי ווי מען האָט אונז אָנגעזאָגט ניט צו קומען אויף אונזער נאכט־קוואַרטיר ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָבען מיר ניט געוואוסט וואו צו געהן. „וואָס זאָלען מיר דערווייל טהאָן?" האָב איך מיין פריינד געפרעגט. ער האָט אויך נאָכגעטראַכט איבער דער דאָזי־גער פראַגע. „צו דאָנאָן!" האָט ער פּלוצלינג א רוף געטהאָן צום דראָשקאָר. דאָנאָנ'ס איז געווען איינער פון די בעסטע פּעטערבורגער רעסטאָראַנען. „ס'וועט קיינעם ניט איינפאַלען דיך צו זוכען ביי דאָנאָן", האָ טער געלאַ־סען בעמערקט. „זיי ווילען דיך זוכען איבעראל, אָבער ניט דאָרטען; און מיר ווילען דערווייל אָבעסען מיטאָג, און עפּעס טרינקען אויך, לכבוד דעם ערפאָלג פון דיין ענטלויפען."

וואָס האָב איך געקענט אויסזעצען געגען אזא פערנינפטיגען פאָר־שלאַג? און מיר זיינען טאַקע אוועק צו דאָנאָן. מיר זיינען דורכגעגאַנגען די זאַלען, וואָס זיינען געווען פערפלייצט מיט ליכט און געפּאַקט מיט געסט צו דער מיטאָג־שטונדע, און האָבען גענומען א בעזונדערען צימער,

וואו מיר האָבען פערבראַכט דעם אבענד, ביז עס איז געקומען די צייט וואָס מען האָט אונז ערוואַרט. דאָס הויז, וואו מיר זיינען צוערשט פערפאָהרען, האָט די פּאָליציי דורכגעזוכט אין וועניגער ווי צוויי שטונדען נאָכדעם ווי מיר זיינען פון דאָרטען אוועק, און אַזוי האָבען זיי אויך דורכגעזוכט די וואוינונגען פון כמעט אַלע אונזערע פריינד. קיינעם איז אָבער ניט איינגעפאַלען אונז צו זוכען ביי דאָנאָן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך זיך געזאָלט אריבערקלייבען אין אַ דירה, וועלכע מען האָט פאר מיר אנגאזשירט, וואו איך האָב געקענט וואוינען אויף אַ פאַלשען פּאַספּאָרט. אָבער די דאמע, וועלכע האָט מיך דאָרט געזאָלט בעגלייטען אין אַ קאַרעטע, איז געוועזען פאָרזיכטיג גענוג צו בעזוכען פריהער דאָס הויז אַליין, און זי האָט איהר געפונען בעלעגערט מיט שפּיאָנען. אַזוי פיעל פריינד זיינען דאָרט געקומען נאָכפרעגען זיך, צי איך בין דאָרט אויסער געפאַהר, אַז זיי האָבען ארויסגערופען דעם פערדאַכט פון דער פּאָליציי. דערצו נאָך האָט די דריטע אָבטיילונג אָבגעדרוקט מיין בילד, און הונדערטער קאָפּיעס זיינען פערטיילט געוואָרען צווישען די פּאָליציסטען און נאַכט־וועכטער. אַלע שפּיאָנען, וואָס האָבען מיך געקאָנט ביים אָנבליק, האָבען מיך אַרומגעזוכט אין די גאַסען; בעת די וואָס האָבען מיך ניט געקאָנט, זיינען געוועזען בעגלייט פון סאָלדאַטען און וועכטער, וועלכע האָבען מיך געזעהן דורך דער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט. דער צאַר איז געוועזען ווילד, וואָס אַזאַ מין ענטלויפען זאָל האָבען פאָרגעקומען אין זיין הויפּטשטאָדט, אין מיטען העלען טאָג, און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל, „מען מוז איהם אויסגעפינען!“

עס איז געוועזען אונמעגליך צו בלייבען אין פּעטערבורג, און איך האָב זיך אויסבעהאַלטען אין די אַרומיגע דאַטשעס. אין דער בעגלייטונג פון עטליכע פריינד האָב איך פערבראַכט אין אַ דערפעל, וואָס פלעגט אין יענער צייט פון יאָהר בעזוכט ווערען פון פּעטערבורגער מענשען, וועלכע ווילען אַביסעל ארויספאָהרען אויפ'ן לאַנד. דאַן איז בעשלאָסען געוואָרען, איך זאָל אָבפאָהרען נאָך אויסלאַנד. אָבער פון די אויסלענדישע צייטונגען האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז אַלע גרענעץ־סטאַנציעס און באַהן־וואָקזאַלען אין די באַלטישע פּראָווינצען און פינלאַנד ווערען שטרענג בעוואַכט פון שפּיאָנען, וועלכע קענען מיך אויפ'ן אויג. איך האָב דעריבער בעשלאָסען צו פאָהרען אויף אַזאַ וועג, וואו מען וועט זיך אַמוועניגסטענס ריכטען אויף מיר. בעוואָפענט מיט אַ פריינד'ס פּאַספּאָרט, און בעגלייט פון אַן אַנדער פריינד, בין איך אַריבער פינלאַנד און בין געפאָהרען אין צפון־צו צו אַ פערוואָרפענעם פּאָרט אויפ'ן באָטהנישען גאָלף, פון וואַנען איך בין אַריבער נאָך שוועדען.

נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען ארויף אויפ'ן דעק פון דאמפפער, און ער האָט שוין געהאלטען ביים אָבגעהן, האָט מיר דער פריינד, וועלכער האָט מיך געזאָלט בעגלייטען צום גרענעץ, אויסגעזאָגט די פעטערבורגער נייעס, וואָס ער האָט פערשפּראָכען זיינע פריינד פריהער מיר ניט אויס־צוזאָגען. מיין שוועסטער העלענאָ איז געווען ארעסטירט, ווי אויך מיין ברודער'ס פרוי'ס שוועסטער, וועלכע פלעגט מיך בעזוכען אין געפענגניס איינמאָל א מאָנאט, נאָכדעם ווי מיין ברודער און זיין פרוי זיינען אוועק נאָך סיביר.

מיין שוועסטער האָט אבסאָלוט גאָרנישט געוואוסט וועגען די צוגרייטונגען פאר מיין ענטלויפען. ערשט נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען ענטלאָפען, איז א פריינד אריבערגעלאָפען צו איהר, אָנזאָגען איהר די פרעהליכע נייעס. איהרע פּראָטעסטען, אז זי האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט האָבען גאָרנישט געהאָלפען: מען האָט איהר אוועקגענומען פון איהרע קינדער, און מען האָט איהר צוויי וואָכען געהאלטען פערשפּארט אין געפענגניס. וואָס אָנבעלאַנגט מיין ברודער'ס פרוי'ס שוועסטער, האָט זי געהאַט א שטיקעל ידיעה אז מען פּלאָנעוועט עפּעס, זי האָט אָבער קיין אנטייל ניט גענומען אין די פּאָרבערייטונגען. דער פּראָסטער שכל האָט דאכט זיך געקענט געבען צו פערשטעהן די בעאַמטע, אז א פּערזאָן, וועלכע האָט מיך אָפיציעל בעזוכט אין געפענגניס, וועט זיך ניט מישען אין אזא אנגעלעגענהייט. פונדעסטוועגען האָט מען איהר אָבגעהאלטען העכער צוויי חדשים. איהר מאַן, א גוט־בעוואוסטער אדוואָקאַט, האָט אומזיסט זיך געמאַטערט צו פועל'ן מען זאָל זי פריי־לאָזען. „איצט ווייסען מיר שוין", האָבען די זשאַנדאַרמסקע אָפיצירען איהם געזאָגט, „אז זי האָט גאָר־נישט געהאַט צו טהאָן מיט זיין ענטלויפען. אָבער, פערשטעהט איהר, אין דעם טאָג וואָס זי איז ארעסטירט געוואָרען, האָבען מיר געמעלדעט דעם קייזער, אז די פּערזאָן וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס ענטלויפען איז ענט־דעקט און ארעסטירט. עס וועט אַלזאָ איצטער נעהמען א שטיקעל צייט צוצוגרייטען דעם קייזער, ער זאָל איינזעהן, אז זי איז ניט די ריכטיגע פערברעכערין".

איך בין דורכגעפאָהרען שוועדען ניט אָבשטעלענדיג זיך אין ערגעץ, און בין אוועק נאָך כריסטיאַניא, וואו איך האָב געוואַרט עטליכע טעג אויף א דאמפפער אָבצופאָהרען נאָך הול, זאמלענדיג דערוויילע אויס־קינפטע וועגען דער פויערים־פּאַרטיי פון דעם נאָרוועגישען סטאָרטינג (פּאַרלאַמענט). געהענדיג צום דאמפפער האָב איך זיך מיט אנגסט געפרעגט, „אונטער וואָס פאר א פאָהן זעגעלט ער, — א נאָרוועגישען, דייטשען, אָדער ענגלישען?" דאַן האָב איך דערזעהן פלאַטערענדיג אויפ'ן

שפּיץ פון דער שיף דעם „יוניאָן דזשעק" — די פאָהן אונטער וועלכע אזוי פיעל פליכטלינגע, רוסישע, איטאליענישע, פראנצויזישע, אונגאַ־רישע, און פון אלע נאציאָנאליטעטען האָבען געפונען אַ עיר מקלט. איך האָב זי בעגריסט פון מיין טיעפסטען הארצען.

ז ע ק ס ט ע ר ט י י ל.

מערב־איראָפּא

I

א שטורעם האָט געבושעוועט אויף דעם נאָרד־זעע, ווען מיר האָבען זיך דערנעהנטערט צו די ברעגעס פון ענגלאַנד. איך האָב אָבער דעם שטורעם בעגעגענט מיט פרייד. דער קאַמפּף פון אונזער דאַמפּפער מיט די ווילדע רוישענדע כוואַליעס האָט מיר פערשאַפט פערגעניגען, און שעה'ען לאַנג בין איך געזעסען אויפ'ן פאָדערטייל פון שיף, וואו דער שוים פון די כוואַליעס האָט מיר געשפּריצט אין געזיכט. נאָך די צוויי יאָהר, וואָס איך האָב פערבראַכט אין דעם פינסטערען קאַזעמאַט, האָב איך דערפיהלט ווי יעדער פיבר פון מיין נשמה קלאַפּט און דורשט צו געניסען די פולע שטאַר־קייט פון לעבען.

איך האָב ברעה געהאַט צו פערבלייבען אין אויסלאַנד ניט מעהר ווי עטליכע וואָכען אָדער מאָנאַטען : נישט מעהר וויפיעל עס וועט נויטיג זיין, דער טומעל וועגען מיין ענטלויפען זאָל איינגעשטילט ווערען און איך זאָל קומען אביסעל צו די כחות. איך האָב געלאַנדעט אונטער דעם נאָמען לעוואַשאָף, אויף וועלכען נאָמען איך האָב פערלאָזען רוסלאַנד ; און אויס־מיידענדיג לאָנדאָן, וואו די שפּיאָנען פון דער רוסישער געזאַנדטשאַפט וואָלטען זיך באַלד נאָכגעשלעפּט נאָך מיר, בין איך צוערשט אוועק אין עדינבורג.

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אז איך האָב זיך שוין קיינמאָל אין רוסלאַנד ניט צוריקגעקעהרט. איך בין גאָר אין גיכען אויפגעכאַפּט געוואָרען פון דער כוואַליע פון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך פּונקט דעמאָלט אויפגעהויבען אין מערב־אייראָפּאַ ; און איך האָב געפיהלט, אז איך וועל מעהר ניצליך זיין העלפענדיג דער דאָזיגער בעוועגונג צו געפינען איהר ריכטיגען אויסדרוק, איידער אויף וועלכען עס איז אופן אין רוסלאַנד. אין מיין פאָטערלאַנד בין איך געווען צו־גוט בעקאַנט, איך זאָל קענען אָנפיהרען אַן עפענטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ, דערהויפּט צווי־שען די אַרבייטער און פויערים ; און שפּעטער, ווען די רוסישע בעוועגונג איז געוואָרען אַ קאָנספּיראַציע און אַ בעוואַפּענטער קאַמפּף נעגען דעם רעפּרעזענטאַנט פון דער אויטאָקראַטיע, האָט יעדער געדאַנק וועגען אַ פאָלקס־בעוועגונג נויטווענדיגער ווייזע געמוזט אויפגעגעבען ווערען, בעת מיינע אייגענע נייגונגען האָבען מיך אַלץ שטאַרקער געצויגען צו טיילען

מיין שיקזאל מיט די ארבייטענדע און שאפענדע מאסען. ברענגען זיי אזעלכע אנזיכטען, וואָס זאָלען זיי העלפען אָנווענדען זייערע כחות צו דעם בעסטען נוצען פון אלע ארבייטער; פערטיעפען און אויסברייטען די אידעאלען און פרינציפען, וועלכע וועלען זיין דער גרונד פון דער קומענ־דער סאָציאלער רעוואָלוציע; ענטוויקלען די דאָזיגע אידעען און פרינ־ציפען פאר די ארבייטער, ניט אלס א בעפעהל וואָס קומט פון זייערע פיהרער, נאָר אלס א רעזולטאט פון זייער אייגענעם שכל; און אויף אזא אופן דערוועקען זייער אייגענע איניציאטיווע, איצט בעת זיי ווערען גערופען צו ערשיינען אויף דער היסטאָרישער ארענא אלס די בויער פון א נייער, גערעכטיגער פאָרם פון געזעלשאפטליכער אָרגאניזירונג, — דאָס האָט מיר געשיינט צו זיין פונקט אזוי נויטיג פאר דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, ווי אלץ וואָס איך וואָלט געקענט צו יענער צייט אויפ־טהאָן אין רוסלאנד. איך האָב זיך דעריבער אָנגעשלאָסען אָן די עטליכע מענשען, וועלכע האָבען געארבייט אין דער ריכטונג אין מערב־אייראָפא, פערנעהמענדיג דעם פלאץ פון די , וואָס זיינען געווען צובראָכען פון דעם לאנג־יאָהריגען שווערען קאמפף.

ווען איך בין ארונטער פון שיף אין הול און בין אָבגעפאָהרען נאָך עדינבורג, האָב איך נור איינינע פריינד אין רוסלאנד און אין דער יורא פעדעראציע געלאָזט וויסען וועגען מיין אָנקומען בשלום אין ענגלאנד. א סאָציאליסט מוז זיך אלע מאָל פערלאָזען אויף זיין אייגענער ארבייט צו מאכען א לעבען, און איך האָב דעריבער גלייך גענומען זוכען עפעס א בעשעפטיגונג, אזוי שנעל ווי איך האָב זיך בעזעצט אין עדינבורג, אין א קליין צימער הינטער'ן שטאָדט.

צווישען די פאסאזשירען אויפ'ן דאמפפער איז געווען א נאָרוועגישער פאָרשער, מיט וועמען איך האָב גערעדט, פרובירענדיג זיך דערמאָנען דאָס ביסעל פון דער שוועדישער שפראך, וואָס איך האָב אמאָל געוואוסט. ער האָט גערעדט דייטש. „אָבער אזוי ווי איהר רעדט אביסעל נאָר־וועגיש", האָט ער צו מיר געזאָגט, „און איהר ווילט זיך צולערנען, לאָמיר ביידע רעדען נאָרוועגיש."

„איהר מיינט שוועדיש?" האָב איך איהם איבערגעפרעגט. „איך רעד שוועדיש, דאכט זיך, ניט אזוי?"

„ליידער, איך וואָלט עס גיכער גערופען נאָרוועגיש; שוועדיש אודאי ניט", איז געווען זיין ענטפער.

אזוי האָט מיט מיר פאסירט, וואָס עס האָט פאסירט מיט איינעם פון זשול ווערן'ס העלדען, וועלכער האָט זיך על פי טעות אויסגעלערענט

פּאָרטוגעזיש אָנשטאָט שפּאַניש. ווי די מעשה איז, איך האָב אַ היבש ביסעל געדעדט מיט דעם פּראָפעסאָר, — זאָל עס זיין אין נאָרוועגיש — און ער האָט מיר געגעבען אַ כריסטיאַניער צייטונג, וועלכע האָט ענט־האַלטען די בעריכטען פון דער נאָרוועגישער נאָרד־אַנטלאַנטישער ים־טיעפקייט עקספּעדיציע, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקעהרט אַהיים.

גלייך ווי איך בין געקומען אין עדינבורג האָב איך אָנגעשריבען אַ נאָטיץ אין ענגליש וועגען די דאָזיגע אויספאָרשונגען, און האָב עס אוועק־געשיקט צו דעם זשורנאַל „נייטשור“ („נאַטור“), וועלכען איך מיט מיין ברודער פּלעגען לעזען רעגעלמעסיג אין פּעטערבורג פון זיין ערשטען נומער אָן. דער געהילפס־רעדאַקטאָר האָט געענטפערט אויף דעם נאָטיץ מיט אַ דאַנק, בעמערקענדיג מיט אַן אויסערגעוועהנליכער מילדקייט, וועלכע איך האָב זייט דאַן אָפט בעגעגענט אין ענגלאַנד, אַז מיין ענגליש איז „אָל־רייט“, נאָר מען דאַרף עס מאַכען „אַביסעל מעהר אידיאָמאַטיש“. איך מעג זאָגען, אַז ענגליש האָב איך געלערענט אין רוסלאַנד און צוזאַמען מיט מיין ברודער האָב איך איבערזעצט פּיידזש'עס „פילאָזאָפיע פון געאָלאָגיע“ און הערבערט ספּענסער'ס „פּרינציפּען פון ביאָלאָגיע“. איך האָב עס אָבער געלערענט פון ביכער, און האָב עס אַזוי שלעכט אַרויסגע־רעדט, אַז איך האָב געהאַט די גרעסטע שוועריגקייטען צו מאַכען זיך פערשטענדליך צו מיין שאָטלענדישער בעל־הבית'טע. איהר טאָכטער און איך פלעגען אויפשרייבען אויף שטיקלעך פּאַפּיער, וואָס מיר האָבען איינער דעם אַנדערען געהאַט צו זאָגען, און אַזוי ווי איך האָב קיין בעגריף ניט געהאַט פון דער ענגלישער אומגאַנגס־שפּראַך, האָב איך מסתמא געמאַכט די העכסטע אַמוזאַנטע פעהלערען. איך געדענק, אַז איינמאָל האָב איך גע'טענה'ט צו איהר, אָנשרייבענדיג עס, אַז איך ערוואַרט צו טהעע־צייט ניט „איין גלאָז טהעע“, נאָר „עטליכע גלעזער“. איך האָב מורא אַז מיין בעל־הבית'טע האָט מיך געמוזט האַלטען פאַר אַ זולל וסובא, איך קען זיך נאָר פערענטפערען, וואָס סיי אין די געאָלאָגישע ביכער וועלכע איך האָב געלעזען אין ענגליש, סיי אין ספּענסער'ס ביאָלאָגיע, האָט זיך ניט געפונען קיין אָנדייטונג וועגען אַזאַ וויכטיגען ענין ווי טהעע־טרינקען.

פון רוסלאַנד האָב איך געקראָגען דעם „זשורנאַל פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, און באַלד האָב איך פון צייט צו צייט אָנגע־הויבען בעזאָרגען אויך דער „טיימז“ מיט פּאַראַגראַפען וועגען רוסישע געאָגראַפישע פאָרשונגען. פּרזשעוואַלסקי איז אין יענער צייט געווען אין צענטראַל־אַזיע, און זיין פאָרטשריט איז אין ענגלאַנד נאָכגעפאָלגט געוואָ־רען מיט אינטערעסע.

אָבער דאָס געלד, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט, האָט זיך גענומען גיך אויסלאָזען, און אַזוי ווי אַלע מיינע בריעף נאָך רוסלאַנד זיינען איבערגענומען געוואָרען פון דער פּאָליציי, איז מיר ניט געלונגען צו לאָזען וויסען מיינע קרובים מיין אַדרעסע. איך האָב זיך דעריבער איז עטליכע וואָכען אַרום אַריבערגעקליבען אין לאָנדאָן, רעכנענדיג אַז דאָרטען וועל איך קענען קריגען מעהר רעגעלמעסיגע אַרבייט. דער אַלטער פליכט־לינג פּ. ל. לאַווראָף האָט נאָך אַלץ רעדאַקטירט זיין „וופּעריאָד" („פאָר־ווערטס") אין לאָנדאָן; אָבער אַזוי ווי איך האָב געהאָפּט אין גיכען זיך אומצוקעהרען אין רוסלאַנד, און אַזוי ווי די רעדאַקציע פון דער רוסישער צייטונג האָט געמוזט שטרענג בעוואַכט ווערען פון שפּיאָנען, בין איך דאָרט ניט געגאַנגען.

איך האָב גאַנץ נאַטירליך אָבגעשטאַט אַ וויזיט אין קאָנטאָר פון „נייטשור", וואו איך בין זעהר פריינ־ליך אויפגענומען געוואָרען פון דעם געהילפס־רעדאַקטאָר, מר. דזש. סקאָט קעלטיע. דער רעדאַקטאָר האָט געוואָלט פערגרעסערען דעם נאָטיצען־קאָלומן, און ער האָט אויסגעפונען אַז מיינע נאָטיצען זיינען געווען געשריבען אַקוראַט ווי מען האָט נעדאַרפט. מען האָט מיך באַלד אָנגעוויזען אויף אַ טיש אין דער רעדאַק־ציע, אויף וועלכען מען האָט פאַר מיר אָנגעלעגט אַ גאַנצען באַרג וויסענ־שאַפטליכע צייטשריפטען אין אַלערליי מעגליכע שפּראַכען. „קומט אַריין יעדען מאָנטאַג, הערר לעוואַשאָף", האָט מען מיר געזאָגט, „קוקט איבער די דאָזיגע צייטשריפטען און אויב איהר געפינט דאָרטען וועלכען עס איז אַרטיקעל, וואָס איהר דענקט אַז ער פערדיענט אויפמערקזאַמקייט, שרייבט אַ נאָטיץ, אָדער צייכענט־אָן דעם אַרטיקעל, וועלען מיר איהם שיקען צו אַ ספּעציאַליסט". הערר קעלטיע האָט, פערשטעהט זיך, ניט געוואוסט, אַז איך פלעג יעדען נאָטיץ איבערשרייבען דריי אָדער פיער מאָל, איידער איך האָב דעם מוטה געהאַט איבערצוגעבען איהם אין מיין ענגליש; אָבער מיטנעהמענדיג די וויסענשאַפטליכע זשורנאַלען אַהיים, האָט זיך מיר אין גיכען איינגעגעבען צו מאַכען אַ נישקשה'דיגען לעבען פון מיינע נאָטיצען אין „נייטשור" און פון די פּאַראַגראַפען אין דער „טיימז". איך האָב אויסגעפונען, אַז די וועכענטליכע צאָהלונגען, אַלע דאָנערסטאַג, צו די פּאַראַגראַפען־מיטאַרבייטער אין דער „טיימז" איז געווען אַן אויסגעצייכענטער איינפיהר. פערשטעהט זיך, עס זיינען געווען וואָכען, וואָס קיין אינטערעסאַנטע נייעס פון פּרזשעוואַלסקי'ן איז ניט געווען, און נייעס פון אַנדערע טיילען פון רוסלאַנד האָט מען געפונען פאַר ניט אינטערעסאַנט; אין אַזעלכע פעלען זיינען מיינע מאָהלצייטען בעשטאַנען פון ברויט מיט טהעע.

איין מאָל אָבער האָט הערר קעלטיע ארונטערגענומען פון די פּאָלי־
צעס עטליכע רוסישע ביכער, בעטענדיג מיך איך זאָל אָנשרייבען אַ קרי־
טיק אויף זיי פאַר „נייטשור“. איך האָב אַ בליק געטהאָן אויף די ביכער
און בין געבליבען שטעהן אין פערלעגענהייט דערזעהענדיג, אַז דאָס זיינען
געווען מיינע אייגענע ווערק איבער דער „אייז־פּעריאָדע“ און די „אָראָ־
גראַפּיע פון אזיע“. מיין ברודער האָט זיי ניט פערפעהלט צו שיקען צו
אונזער בעליעבטען „נייטשור“. איך האָב ניט גענואוסט וואָס צו טהאָן,
אָבער איך האָב זיי מיטגענומען אין דערהיים, נאָכצודענקען וועגען דער
זאַך. „וואָס זאָל איך טהאָן מיט זיי?“ האָב איך זיך געפרעגט. „לויבען
קען איך זיי ניט, וואָרים זיי זיינען דאָך מיינע; און זיין צו־שטרענג מיט'ן
פּערפאַסער קען איך אויך ניט, ווייל איך האַלט זיך ביי די אַנזיכטען וואָס
זיינען דאָרטען אויסגעדריקט“. איך האָב בעשלאָסען אויף מאָרגען זיי
אָבצוטראָגען צוריק און ערקלעהרען דעם הערר קעלטיע, אַז אָבוואויל איך
האָב זיך פאָרגעשטעלט אונטער דעם נאָמען לעוואַשאָף, בין איך אָבער דער
פּערפאַסער פון די דאָזיגע ביכער און קען זיי ניט קריטיקירען.

הערר קעלטיע האָט גענואוסט פון די צייטונגען וועגען קראָפּאָטקין'ס
ענטלויפען, און ער איז געווען זעהר צופריעדען אויסגעפינענדיג, אַז דער
ענטלאָפענער איז אויסער געפאַהר אין ענגלאַנד. וואָס איז שייך מיין פער־
לעגענהייט, האָט ער גאַנץ קלוג בעמערקט, אַז עס ניט נויטיג איך זאָל
טאַדלען דעם פּערפאַסער אָדער איהם לויבען, איך קען פּשוט איבערגעבען
די לעזער דעם אינהאַלט פון די ווערק. זינט דעמאָלט איז צווישען אונז
אויסגעוואַקסען אַ פריינדשאַפט, וועלכע האַלט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג.

אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער 1876, זעהענדיג אינ'ם בריעף־
קאַסטען פון פּ. לאַווראָף'ס צייטונג אַן איינלאַדונג פאַר „ק.“ צו קומען אין
דער רעדאַקציע אָבנעהמען אַ בריעף פון רוסלאַנד, און דענקענדיג אַז די
איינלאַדונג איז געווען פאַר מיר, בין איך דאָרטען אַריבערגעגאַנגען, און
בין באַלד בעפריינדעט געוואָרען מיט דעם רעדאַקטאָר און די אינגערע
מענשען, וועלכע האָבען די צייטונג געדרוקט.

ווען איך בין דעם ערשטען מאָל געקומען אין דער רעדאַקציע — מיט
אַן אָבגעגאָלטער באָרד און אַ „צילינדער“ — און האָב געפרעגט דער
דאַמע, וואָס האָט מיר געעפענט די טהיר, אין מיין בעסטען ענגליש, „איז
הערר לאַווראָף דאַ?“, האָב איך געמיינט אַז קיינער וועט ניט דערקענען
ווער איך בין. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די דאַמע, וועלכע
האָט מיך גאָר ניט געקאָנט, נאָר איז בעקאָנט געווען מיט מיין ברודער בעת
ער איז געווען אין ציריך, האָט מיך גלייך דערקענט און איז אַרויפגעלאָפען

אנזאגען ווער דער גאסט איז. „איך האב גלייך געוואוסט ווער איהר זייט“, האט זי דערנאך געזאגט, „נאך איידערע אויגען נאך, וועלכע זיינען שטארק עהנליך צו אייער ברודער׳ס“.

דאס מאל בין איך אין ענגלאנד לאנג ניט פערבליבען. איך האב געפיהרט א לעבהאפטע קארעספאנדענץ מיט מיין פריינד זשיימס גיליאם, פון דער יורא פעדעראציע, און אזוי געשווינד ווי איך האב געפונען עטוואס דויערהאפטע געאגראפישע ארבייט, האב איך זיך אריבערגעקליבען אין דער שווייץ. די בריעף וואס איך האב ענדליך ערהאלטען פון דערהיים האבען מיר דערצעהלט, אז איך קען גאנץ רוהיג בלייבען אין אויסלאנד, ווייל עס איז ניטא גארנישט בעזאנדערעס וואס צו טהאן אין רוסלאנד. א כוואליע פון ענטהוזיאזם האט זיך צו יענער צייט געטראגען איבער׳ן לאנד צו גונסטען פון די סלאוואניער, וועלכע האבען רעוואלטירט קעגען דער יאהרען-לאנגער טירקישער אונטערדריקונג, און מיינע פריינד, סערגעי (סטעפניאק), קעלניטץ און פיעלע אנדערע, זיינען אוועק אויף דער באלקאנישער האלב-אינזעל זיך אנצושליסען אן די אינסורגענטען. „מיר לייענען“, האבען מיינע פריינד געשריבען, „די קארעספאנדענצען אין די טעגליכע צייטונגען וועגען די שוידערליכקייטען אין בולגאריען; מיר וויינען לעזענדיג און געהען באלד זיך אנשליסען אדער אלס פרייוויליגע אין די אינסורגענטען-באנדעס, אדער אלס קראנקען-וועכטערס“.

איך בין אוועק נאך דער שווייץ, האב זיך אנגעשלאסען אן דער יורא פעדעראציע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטערס׳ אסאציאציע, און פאלגענדיג דעם ראטה פון מיינע שווייצארישע פריינד, האב איך זיך בעזעצט אין „לא שא-דע-פאנד“.

II

די יורא פעדעראציע האט געשפיעלט א וויכטיגע ראלע אין דער מאדערנער ענטוויקלונג פונ׳ם סאציאליזם.

עס פאסירט שטענדיג, אז נאכדעם ווי א פאליטישע פארטיי שטעלט פאר זיך א צוועק און פראקלאמירט, אז קיין אנדער זאך ווי די פאלשטענדיגע דערגרייכונג פון דעם דאזיגען ציעל וועט איהר ניט צופריעדען שטעלען, טיילט זי זיך פונאנדער אין צוויי פראקציעס. איינע פון זיי בלייבט דאס וואס זי איז געוועזן, בעת די צווייטע, אבוואויל זי ערקלערט עפענטליך, אז זי האט קיין ווארט ניט געענדערט פון איהרע פריהערדיגע אויפגאבען, נעהמט-אן א געוויסען מין קאמפראמיס, און ביסלעכווייז, פון

איין קאָמפּראָמיס צו דעם אַנדערען, ווערט זי געטריבען אַלץ ווייטער פון איהר אורשפּרינגליכען פּראָגראַם, און זי ווערט אַ פּאַרטיי פון בעשיידענע צייטווייליגע רעפאָרמען.

אַזאַ מין פונאַנדערטיילונג איז פאָרגעקומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער'ס אַסאָציאַציע. די פאָלשטענדיגע עקספּראָפּריאַציאָן פון די היינטיגע אייגענטימער פון לאַנד און קאַפּיטאַל, און די איבערגעבונג פון אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר דער שאַפונג פון רייכטימער צו די פּראָדוצירער אַליין, איז געווען דער ציעל, וואָס די אַסאָציאַציע האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט אין איהר אָנפאַנג. די אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען זיינען גערופען געוואָרען צו פאָרמירען זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס פאַר אַ דירעקטען קאַמפּף אַנטקעגען דעם קאַפּיטאַליזם; אויסצואַרבייטען די מעטאָדען פון סאָציאַליזירען די פּראָדוקציאָן און קאָנסומפּציאָן פון רייכטום; און ווען זיי וועלען זיין גרייט דערצו, זאָלען זיי נעהמען אין בעזיץ אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר דער פּראָדוקציאָן און זאָלען זי קאָנטראָלירען אָהן וועלכער עס איז ריקזיכט אויף דער היינטיגער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע מוז פאָלשטענדיג איבערגעאַנדערשט ווערען. די אַסאָציאַציע האָט אויף אַזאַ אופן געזאָלט ווערען דער מיטעל פאַר דער צוגרייטונג פון אַ געוואַלדיגער רעוואָלוציע אין די מוחות פון די מענשען, און דערנאָך אין די לעבענס־פאָרמען גופא — אַ רעוואָלוציע, וועלכע וואָלט אויפגעעפענט פאַר דער מענשהייט אַ נייע עפּאָכע פון פּראָגרעס, בעגרינדעט אויף דער אַלגעמיינער סאָלידאַריטעט. דאָס איז געווען דער אידעאַל, וואָס האָט אויפגעוועקט מיליאָנען אייראָפּעאישע אַרבייטער פון זייער דרעמעל, און האָט צוגעצויגען צו דער אַסאָציאַציע איהרע בעסטע אינטעלעקטועלע כחות.

עס האָבען זיך אָבער באַלד ענטוויקעלט צוויי פראַקציעס. נאָכדעם ווי די מלחמה פון 1870 האָט זיך געענדיגט מיט דער פאָלשטענדיגער ניעדערלאַגע פון פראַנקרייך און דער אויפשטאַנד פון דער פּאַריזער קאָמונע איז געווען אונטערדריקט, און די דראַקאָנישע געזעצען, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אַנטקעגען דער אַסאָציאַציע, האָבען אויסגעשלאָסען די פראַנצויזישע אַרבייטער פון נעהמען אַנטייל אין איהר; און נאָכדעם ווי פון דער אַנדער זייט איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגיערונג אין דעם „פעראייניגטען דייטשלאַנד" — דער ציעל־פּונקט פון די ראַדיקאַלען זינט 1848 — האָבען די דייטשען געמאַכט אַ פּערזוך אומצואַנדערשען די ציעלען און די מעטאָדען פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. די „עראָבערונג פון מאַכט איינערהאַלב די עקזיסטירענדע שטאַאַטען" איז געוואָרען די פּאַראָלע

פון יענער סעקציע, וועלכע האָט זיך א נאָמען געגעבן „סאָציאַלדעמאָקראַטיע". די ערשטע ערפאָלגען פון דער דאָזיגער פּאַרטיי אין די וואהלען צום דייטשען רייכסטאג האָבען ארויסגערופען גרויסע האָפענונגען. אזוי ווי די צאָהל פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע דעפּוטאַטען איז געוואקסען פון צוויי אויף זיעבען, און דערנאָך אויף נייען, האָבען זאָנסט גאנץ שכל־דיגע מענשען מיט זיכערהייט אויסגערעכענט, אז איידער דער יאָהר־הונדערט וועט זיך ענדיגען וועלען די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען א מאַיאָריטעט אין דעם דייטשען פּאַרלאַמענט, און זיי וועלען דעמאָלט איינ־פיהרען דעם סאָציאַליסטישען „פּאָלקס־שטאַאט" דורך די ריכטיגע געזעצ־געבונג. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל פון דער דאָזיגער פּאַרטיי האָט שטופּענווייז פערלאָרען דעם כאַראַקטער פון עטוואָס אזוינס, וואָס האָט געזאָלט אויסגעארבייט ווערען פון די אָרגאַניזאַציעס גופא, און האָט זיך פערוואַנדעלט אין א שטאַאטליכער פערוואַלטונג פון די אינדוסטריען, — אין דער ווירקליכקייט, אין א שטאַאט־סאָציאַליזם, — דאָס הייסט, שטאַאט־קאַפּיטאַליזם. היינטיגען טאָג, אין דער שווייץ, ווענדען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אָן זייערע כחות אין דער פּאָליטיק צו העלפען די צענטראַליזאַציע אָנשטאָט דעם פעדעראַליזם, און אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד — איינצופיהרען די שטאַאט־פערוואַלטונג פון די באַהנען, דעם שטאַאט מאָנאָפּאָל אויף די באַנקען און אויף דעם פערקויף פון שנאַפּס. זייער נעקסטער שריט אין דער מעהר אָדער ווייניגער ווייטער צוקונפט וועט זיין, די שטאַאַט־פערוואַלטונג איבע'רן לאַנד און די הויפּט אינדוס־טריען, און אפילו איבער דער קאָנסומירונג פון די רייכטימער.

שטופּענווייז איז דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי געוואָרען אונטערגעאָרדענט צו וואהל־אויסרעכענונגען. די טרייד־יוניאָנס זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען מיט פעראַכטונג, און סטרייקס זיינען בעגעגענט געוואָרען מיט אונצופריעדענ־הייט, וואָריםביידע ציהען אָב די אויפמערקזאַמקייט פון די ארבייטער פון דעם וואהל־קאַמפּף. יעדער פּאָלקס־אויפשטאַנד, יעדע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע אין סיי־וועלכען לאַנד אין אייראָפּאַ, איז אין יענע יאָהרען אויפגענומען געוואָרען פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פיהרער מיט נאָך מעהר פיינדליכקייט, איידער פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע.

אין די לאַטיינישע לענדער אָבער האָט דער דאָזיגער נייער צוריק־טריט געפונען גאַנץ ווייניג נאָכפאָלגער. די סעקציעס און פעדעראַציעס פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל זיינען געבליבען טריי די פּרינציפּען, וועלכע האָבען געהערשט בעת דער גרינדונג פון דער אסאָציאַציע. זייענדיג פעדע־ראַליסטען לויט זייער געשיכטע, פיינדליך צו דער אידעע פון א צענטראַ־

ליזירטען שטאַאַט, און דורכדרונגנען פון רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, האָבען די לאַטייניש ארבייטער ניט געקענט נאָכפאָלגען די עוואָלוציע פון די דייטשען.

די שפּאַלטונג צווישען די צוויי צווייגען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען ארויסווייזען באַלד נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג. די אסאָציאַציע, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט זיך בעשאַפען א הערשענדע קערפּערשאַפט אין דער פאָרם פון א גענעראַל־ראַטה, וועלכער איז געזעסען אין לאָנדאָן; און אזוי ווי די פיהרענדע גייסטער פון דעם דאָזיגען ראַטה זיינען געווען צוויי דייטשען, ענגעלס און מארקס, איז דער ראַטה געוואָרען די פעסטונג פון דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ריכטונג. די בעגייסטערער און די אינטעלעקטועלע פיהרער פון די לאַטיינישע פעדעראַציעס זיינען געווען באַקונין און זיינע פריינד.

דער קאַמפף צווישען די מארקסיסטען און די באַקוניסטען איז ניט געווען קיין פּערזענליכע אנגעלעגענהייט. עס איז געווען דער אונפערמייד־ליכער קאַמפף צווישען די פּרינציפּען פון פעדעראַליזם און צענטראַלי־זאַציע, צווישען די פרייע קאָמונע און די פּאַטערליכע שטאַאַט־הערשאַפט, צווישען די פרייע אַקציאָן פון די פאָלקס־מאַסען און די אויסבעסערונג פון די עקזיסטירענדע קאַפּיטאַליסטישע צושטענדען דורך געזעצגעבונג,— א קאַמפף צווישען דעם לאַטיינישען פייער און דעם דייטשען „גייסט“, וועלכער, נאָך דער מפּלה פון פראַנקרייך אויפ׳ן שלאַכטפעלד, האָט פאַר זיך געפאָדערט די איבערמאַכט אין דער וויסענשאַפט, פּאָליטיק, פילאָ־זאָפיע, און אויך אין סאָציאַליזם, פאָרשטעלענדיג זיין אייגענע אויפ־פאַסונג פון סאָציאַליזם אלס „וויסענשאַפטליך“, בעת אלע אנדערע אויס־טייטשונגען האָט ער בעצייכענט אלס „אוטאָפּיסטיש“.

אויף דעם האַאַגער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אסאָציאַ־ציע, וועלכער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין 1872, האָט דער לאָנדאָנער גענעראַל־ראַטה, דורך א געמאַכטע מאַיאָריטעט, אויסגעשלאָסען באַקו־נין׳ען, זיין פריינד גיליאָם, און אפילו די יורא פעדעראַציע, פון דעם אינ־טערנאַציאָנאַל. אזוי ווי עס איז אָבער געווען זיכער, אז דער גרעסטער טייל פון דעם וואָס איז נאָך געבליבען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל — דאָס הייסט, די שפּאַנישע, די איטאַליענישע און בעלגישע פעדעראַציעס — וועלען זיך שטעלען אויף דער זייט פון די יורא־מענשען, האָט דער קאָנ־גרעס געזוכט אויפצולעזען די אסאָציאַציע. א נייער גענעראַל־ראַטה, צונויפגעשטעלט פון עטליכע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, איז נאָמינירט געוואָ־רען אין ניו יאָרק, וואו עס זיינען ניט געווען קיין ארבייטער אָרגאַניזאַ־

ציעס, וואס האבען געהערט צו דער אסאציאציע, וועלכע זאלען איהם קאנטראלירען, און פון וואנען מען האט פון איהם זינט דעמאלט גארנישט געהערט. די שפאנישע, די איטאליענישע, די בעלגישע און די יורא פעדעראציעס פון דעם אינטערנאציאנאל, האבען אונטער דער צייט אנגע־האלטען זייער עקזיסטענץ, און זיי פלעגען זיך צונויפקומען אויף זייערע יעהרליכע קאנגרעסען, ווי געווערהנליך, פאר די נעקסטע פינף אדער זעקס יאהר.

אין דער צייט וואס איך בין אנגעקומען אין דער שווייץ איז די יורא פעדעראציע געווען דער צענטער און די טאן־געבערין פון די אינטערנא־ציאנאלע פעדעראציעס. באקונין איז נאר־וואס געווען געשטארבען (דעם 1טען יולי 1876), אבער די פעדעראציע האט אנגעהאלטען די שטעלונג, וואס זי האט אנגענומען אונטער זיין אנרעגונג.

די לאגע אין פראנקרייך, שפאניען און איטאליען איז געווען אזעלכע, אז נור די אויפהאלטונג פון דעם רעוואלוציאנערען גייסט, וועלכער האט זיך געהאט ענטוויקעלט צווישען די אינטערנאציאנאלע ארבייטער פאר דער דייטש־פראנצויזישער קריעג, האט צוריקגעהאלטען די רעגיערונגען פון צו נעהמען ענטשיידענע שריטע צו פערניכטען די גאנצע ארבייטער בעוועגונג און איינפיהרען די הערשאפט פון דעם ווייסען טעראר. עס איז וואויל־בעקאנט, אז די צוריק־איינפיהרונג פון דער בורבאנישער מאנאר־כיע אין פראנקרייך האט ניט ווייט געהאלטען פון צו ווערען אווירקליכער פאקט. מארשאל מאקמאהאן איז אויפגעהאלטען געווארען אלס פרעזי־דענט פון דער רעפובליק, נאר כדי זיך צוצוגרייטען פאר א וויעדער־איינפיהרונג פון דער מאנארכיע; אפילו דער טאג פון דעם פייערליכען אריינקומען פון הענרי דעם 5טען אין פאריז איז געווען בעשטימט, און אפילו דער פערד־געשפאן, בעציערט מיט דער קרוין פון דעם פרעטענדענט, איז שוין געווען פארטיג. און עס איז אויך בעוואוסט, אז נאר א דאנק דעם פאקט, וואס גאמבעטא און קלעמאנסא — דער אפארטוניסט און דער ראדיקאל — האבען געהאט בעדעקט גרויסע טיילען פון פראנקרייך מיט קאמיטעטען, בעוואפענט און גרייט צום אויפשטאנד, אזוי געשווינד ווי דער שטאאט־שטרייך וועט געמאכט ווערען, איז געשטערט געווארען די געפלאנטע צוריק־איינפיהרונג פון דער מאנארכיע. אבער די ווירקליכע קראפט פון יענע קאמיטעטען איז געלעגען אין די ארבייטער, פון וועלכע פיעלע האבען פריהער געהערט צו דער אינטערנאציאנאלע און זיינען געבליבען טריי דעם אלטען גייסט. רעדענדיג פון פערזענליכע ידיעות, מעג איך וואגען צו בעהויפטען, אז די ראדיקאלע מיטעלקלאס־פיהרער וואלטען

אין אזא נויט־פאַל ניט ארויסגעטרעטן ענטשלאָסען, בעת די ארבייטער וואָלטען זיך בענוצט מיט דער ערשטער געלעגענהייט צו מאכען אַן אויפ־שטאַנד, וועלכער, אָנהויבענדיג זיך מיט דער פערטיידיגונג פון דער רעפּובליק, וואָלט פּליייכט אַוועק ווייטער אין אַ סאָציאַליסטישער ריכטונג.

דאָס זעלבע איז אויך געווען דער פאַל אין שפּאַניען. אַזוי גיך ווי די קלעריקאַלע און אריסטאָקראַטישע מקורבים פון דעם קעניג האָבען איהם געטריבען אַ דרעה צו טהאָן דעם שרויף פון דער רעאַקציע, האָבען די רעפּובליקאַנער איהם געסטראַשעט מיט אַ בעוועגונג, אין וועלכער די ארבייטער, ווי זיי האָבען עס גוט געוואוסט, וועלען זיין דער ווירקליך קעמפּפענדער עלעמענט. אין קאַטאַלאָניע אַליין זיינען געווען איבער אַ הונדערט טויזענד מענשען אָרגאַניזירט אין שטאַרקע טרייד־יוניאָנס, און מעהר ווי אכציג טויזענד שפּאַניער האָבען געהערט צום אינטערנאַציאָנאַל, אָבהאַלטענדיג רעגעלמעסיגע קאָנגרעסען און פּינקטליך צאָהלענדיג זייערע בייטרעגע צו דער אַסאָציאַציע, מיט אמת שפּאַנישען פליכטס־געפיהל. איך קען רעדען פון די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס פון פּערזענליכער ערפאַהרונג, וואָס איך האָב ערוואָרבען אויפ׳ן אָרט, און איך ווייס אַז זיי זיינען געווען גרייט צו פּראָקלאַמירען די „פעראייניגטע שטאַאַטען פון שפּאַניען“, אויפ־געבען די הערשאַפט איבער די קאָלאָניען, און אין אייניגע פון די פּאָרט־געשריטענסטע געגענדען מאכען ערנסטע פּראָבען אין דער ריכטונג פון קאָלעקטיוויזם. אָט די שטענדיגע געפאַהר האָט צוריקגעהאַלטען די שפּאַ־נישע מאָנאַרכיע פון אונטערדריקען די אַלע ארבייטער־ און פויערים־אָרגאַניזאַציעס, און פון איינפיהרען אַן אָפענע קלעריקאַלע רעאַקציע.

עהנליכע צושטענדען האָבען אויך געהערשט אין איטאַליען. די טרייד־יוניאָנס אין צפון־איטאַליען האָבען נאָך ניט געהאַט דערגרייכט צו דער מאַכט וואָס זיי האָבען איצט; אָבער טיילען פון איטאַליען זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אינטערנאַציאָנאַלע סעקציעס און רעפּובליקאַ־נישע גרופּען. די מאָנאַרכיע איז געהאַלטען געוואָרען אין אַ שטענדיגער מורא אָבגעשאַפט צו ווערען, אין פאַל די מיטעלקלאַס־רעפּובליקאַנער זאָלען אַפּעלירען צו די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען צווישען די ארבייטער.

אין קורצע ווערטער, צוריק־בליקענדיג אויף יענע יאָהרען, פון וועלכע עס טיילט אונז אָב אַ פערטעל יאָהרהונדערט, בין איך פעסט איבערצייגט, אַז אויב אייראָפּאַ האָט נאָך 1871 ניט דורכגעמאַכט אַ פּעריאָדע פון גרויזאַמער רעאַקציע, איז דאָס הויפּטזעכליך צו פערדאַנקען דעם גייסט, וועלכער איז אויפגעוועקט געוואָרען אין מערב־אייראָפּאַ פאַר דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג און איז זייט דעמאָלט אויפגעהאַלטען געוואָרען פון

די אנארכיסטישע אינטערנאציאָנאַליסטען, די בלאַנקיסטען, די מאדזשי־ניסטען און די שפּאַנישע „קאָנטאָנאַליסטישע“ רעפּובליקאַנער.

זייענדיג פערנומען מיט זייערע לאָקאַלע וואהל־קעמפּפע, האָבען די מארקסיסטען, פערשטעהט זיך, ווייניג וואָס געוואוסט וועגען די דאָזיגע צושטענדען. שטארק בעזאָרגט ניט ארונטערצוברענגגען ביסמארק'ס דו־נערען אויף זייערע קעפּ, און דערהויפּט מורא האָבענדיג, אז דער רעוואָ־לוציאָנערער גייסט זאָל זיך ניט פערקלייבען אין דייטשלאנד און פיה־רען צו אונטערדריקונגען, פאר וועלכע זיי זיינען ניט געווען צוגעגרייט, האָבען זיי ניט נאָר אָבגעזאָגט זיך פון יעדער סימפּאטיע מיט די מערב־אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערען, צוליעב פּראקטישע גרינדע, נאָר זיי זיינען אויך ביסלעכווייז דורכגענומען געוואָרען מיט א שנאה צום רעוואָ־לוציאָנערען גייסט, און זיי האָבען איהם בּיטערליך פערדאמט וואו נאָר ער האָט זיך בעוויזען, אפילו ווען זיי האָבען בעמערקט זיינע ערשטע צייכענס אין רוסלאנד.

קיין רעוואָלוציאָנערע צייטונגען האָבען צו יענער צייט, אונטער מארשאל מאקמאהאָן, אין פראנקרייך ניט געקענט ערשיינען. אפילו זינגען די „מארסעליעזע“ איז בעטראכט געוואָרען פאר א פערברעכען; און איינמאָל בין איך געווען שטארק איבערראשט פון דעם שרעק, וואָס איז בעפאלען עטליכע פון מיינע מיטרייזענדע אויף א באהן, בעת זיי האָבען דערהערט א פּאָר רעקרוטען זינגענדיג דאָס רעוואָלוציאָנערע ליעד (אין מאי 1878). „לאָזט מען שוין ווידער זינגען די „מארסעליעזע“?“ האָבען זיי מיט אנגסט געפרעגט איינער דעם אנדערען. די פראנצויזישע פּרעסע האָט דעריבער קיין סאָציאליסטישע צייטונגען ניט געהאט. די שפּאנישע צייטונגען זיינען געווען אויסגעצייכענט גוט רעדאגירט, און א טייל פון די מאניפעסטען פון זייערע קאָנגרעסען זיינען געווען אויס־געצייכענטע דארלעגונגען פונ'ם אנארכיסטישען סאָציאליזם; אָבער ווער וויים דען עפּעס פון די שפּאנישע אידעען אויסערהאלב שפּאניען? וואָס אָנבעלאנגט די איטאליענישע צייטונגען, זיינען זיי אלע געווען אויף קורצע־יאָהרען: זיי זיינען ערשיענען, האָבען אויפגעהערט ערשיינען, און האָבען זיך ווידער בעוויזען ערגעץ אנדערשוואו אונטער פערשיידענע נעמען; און ווי אויסגעצייכענט מאנכע פון זיי זיינען ניט געווען, האָבען זיי זיך אויסער איטאליען ניט פערשפּרייט. די יורא פעדעראציע, מיט איהרע צייטונגען געדרוקט אין פראנצויזיש, איז דעריבער געוואָרען אין די לאטייניש לענדער דער צענטער פאר דער אויפהאלטונג און דעם אויס־דרוק פון דעם גייסט, וועלכער — איך ווידערהאָל עס — האָט געראטעוועט אייראָפּא פון א זעהר פינסטערער פּעריאָדע פון רעאקציע. און די יורא

פעדעראַציע איז אויך געווען דער באַדען, אויף וועלכען די טהעאָרעטישע בעגריפען פון׳ם אַנארכיזם זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פון באַקונין׳ען און זיינע נאָכפאָלגער אין אַ שפּראַך, וואָס איז געווען פערשטענדליך אויף דעם גאַנצען אייראָפּעאישען קאָנטינענט.

III

אַ היבשע צאָהל אויסגעצייכענטע מענשען פון פערשיידענע נאַציאָנאַליטעטען, כמעט אַלע פון וועלכע זיינען געווען פּערזענליכע פריינד פון באַקונין, האָבען אין יענער צייט געהערט צו דער יורא פעדעראַציע. דער רעדאַקטאָר פון אונזער הויפּט־צייטונג, דער „בולעטין״ פון דער פעדעראַציע, איז געווען דזשיימס גיליאָם, אַ לעהרער ביי פּראָפעסיאָן, וועלכער האָט געשטאַמט פון איינער פון די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען אין ניישאַטעל. קליין, מאָגער, מיט אַ שטייפען אַרויסטריט און פעסטער ענטשלאָסענהייט פון אַ ראָבעספּיער, און מיט אַן אמת גאָלדען האַרץ וואָס האָט זיך געעפענט נאָר אין דער אינטימקייט פון פריינדשאַפט, איז ער געווען אַ געבאָרענער פיהרער דורך זיינע אויסערגעוועהנליכע אַרבייטס־קרעפטען און ערנסטער טהעטיגקייט. גאַנצע אַכט יאָהר האָט ער געקעמפט אַנטקעגען אַלערליי שטערונגען אויפצוהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער צייטונג, נעהמענדיג דעם טהעטיגסטען אַנטייל אין אַלע פּרטים פון דער פעדעראַציע, ביז וואַנען ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאָזען די שווייץ, וואו ער האָט מעהר קיין שום אַרבייט ניט געקענט קריגען, און האָט זיך בעזעצט אין פראַנקרייך, וואו זיין נאָמען וועט ווען־עס־איז דערמאָנט ווערען מיט דעם העכסטען רעספּעקט אין דער געשיכטע פון בילדונג.

אדהעמאַר שוויטצגעבעל, אויך אַ שווייצער, איז געווען דער טיפּ פון די מונטערע, לעבהאַפטע, קלאָר־אויגיגע פראַנצויזיש־שפּרעכענדע זייגערמאַכער פון די בערנער יורא־בערג. ער האָט קיינמאָל ניט פּרובירט אויפגעגעבען זיין שטעלע פון אַ האַנד־אַרבייטער ביי זיין פאַך אַלס זייגער־גראַווירער. שטענדיג פרעהליך און טהעטיג, האָט ער אויסגעהאַלטען זיין גרויסע פאַמיליע דורך די ערגסטע צייטען פון וועניג אַרבייט און געשניטענע פערדיענסטען. זיין פעהיגקייט צו נעהמען אַ שווערע עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע פראַגע, און נאָכדעם ווי ער האָט איהר דורכגעדענקט, בעטראַכטען איהר פון אַן אַרבייטער־שטאַנדפּונקט, ניט אָבשוואַכענדיג איהר טיעפסטען זין, איז געווען צו בעוואונדערען. ער איז

געווען ווייט און ברייט בעקאַנט אין די „בערג“, און איז געווען אַלגעמיין בעליעבט ביי די ארבייטער פון אַלע לענדער.

דער דירעקטער געגענזאַץ פון איהם איז געווען אַן אנדער שווייצער, אויך א זייגער־מאַכער, שפּיכיגער. ער איז געווען א פילאָזאָף; לאנגזאַם אין בעוועגונג און אין דענקען, אַן ענגלענדער לויט זיין פיזישען אויסזעהן; שטענדיג זוכענדיג צו דערגרייכען די פולע בעדייטונג פון יעדען פאַקט, און איבערראַשענדיג אונז אַלעמען מיט דער ריכטיגקייט פון די שליסע צו וועלכע ער פלעגט קומען, נאָכדענקענדיג וועגען אַלערליי ענינים, אין דער צייט וואָס ער האָט געאַרבייט אויסהייהלענדיג דעקלעך פאַר זייגערס.

ארום אָט די דריי האָבען זיך ארומגעקליבען א מאַסע סאָלידע, מיושב'ע, מיטעל־יעהריגע אָדער עלטערע ארבייטער, ליידענשאַפטליכע ליעבהאָבער פון פרייהייט, וועלכע זיינען געווען גליקליך צו בעטייליגען זיך אין אַזאַ פערשפּרעכענדער בעוועגונג, און אַן ערך א הונדערט גלענצענדע יונגע לייט, אויך מייסטענס זייגער־מאַכער — אַלע זעהר אונאָבהענגיג און איבערגעבען, זעהר גייסטרייך און גרייט צו געהן ביז זעלבסט־אויפאָפּפערונג.

איינינע פליכטלינגע פון דער פּאַריזער קאָמונע זיינען צוגעשטאַנען צו דער פעדעראַציע. עליזע רעקלו, דער גרויסער געאָגראַף, איז געווען איינער פון זיי, — דאָס איז געווען א טיפּ פון אַן אמת'ען פּיוריטאַנער אין זיין ארט לעבען און פון א פראַנצויזישען ענציקלאָפּעדיסטישען פילאָזאָף פונ'ם לעצטען יאָהרהונדערט אין זיין דענקען. ער איז געווען דער מענש, וועלכער האָט אנדערע בעגייסטערט, אָבער קיינמאָל קיינעם ניט בעהערשט, און וועט עס קיינמאָל ניט טהאָן; דער אנאַרכיסט, ביי וועמען דער אנאַרכיזם איז א פועל־יוצא פון זיין ברייטער, אינטימער קענטעניס פון די לעבענס־פאָרמען פון דער מענשהייט אונטער אַלע קלימאַטען און אויף אַלע שטופען פון ציוויליזאַציע; וועמעס ביכער עס פערנעהמען אַן אָרט צווישען די סאַמע בעסטע פון יאָהרהונדערט; וועמעס אויסערגעוועהנליך שעהנער סטיל בעוועגט דעם געדאַנק און דעם געוויסען; און וועלכער, אריינקומענדיג אין דער רעדאַקציע פון אַן אנאַרכיסטישער צייטונג, זאָגט צום רעדאַקטאָר — מעג ער זיין א אינגעל אין פערגלייך מיט איהם — „זאָגט מיר וואָס איך זאָל טהאָן“, און וועט זיך אָוועקזעצען ווי אַן איינפאַכער מיטאַרבייטער אין א צייטונג, אויספילען א לעדיגען פּלאַץ פון אַזויפיעל און אַזויפיעל ציילען אין דעם לויפענדען נומער פון דער צייטונג. אין דער פּאַריזער קאָמונע האָט ער איינפאַך גענומען א ביקס און זיך געשטעלט אין די רייהען; און ווען ער לאַדעט איין א מיטאַרבייטער צו ארבייטען מיט איהם אויף א באַנד פון זיין וועלט־

בעריהמטער „געאָגראַפיע“, און יענער פרעגט איהם אַ שרעקעדיגער, „וואָס האָב איך צו טהאָן?“ ענטפערט איהם: „אָט דאָ האָט איהר ביכער, דאָ איז אַ טיש, טהוט וואָס אייך געפעלט“.

צוזאַמען מיט איהם איז געוועזן לעפראַנס, אַן עלטערער מענש, אַ לעהרער, וועלכער האָט דריי מאָל אין זיין לעבען געמוזט פערלאָזען זיין לאַנד: נאָך יוני 1848, נאָך נאַפּאָליאָן דעם 3טענ׳ס „קו ד׳עטאַ“, און נאָך 1870. אַ געוועזענער מיטגליעד פון דער קאָמונע, און דעריבער אויך איינער פון די, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען אַוועק פון פּאַריז מיט מיליאָנען אין די קעשענעס, האָט ער געאַרבייט אויף דער באַהן אין לאָזאַן אַלס פראַכט־טרעגער, און איז שיער ניט געה׳הרג׳עט געוואָרען ביי אָט דער אַרבייט, צו וועלכער עס איז נויטיג געווען אינגערע פּלייצעס ווי זיינע. זיין בוך וועגען דער פּאַריזער קאָמונע איז דער איינציגער, אין וועלכען די ווירקליכע בעדייטונג פון דער דאָזיגער בעוועגונג איז געשטעלט געוואָרען אין איהר ריכטיגען ליכט. „אַ קאָמונאַליסט, ניט אַן אַנאַרכיסט, איך בעט אייך“, פּלעגט ער זאָגען. „איך קען ניט אַרבייטען מיט אַזעלכע נאַרען ווי איהר זייט“; און דאָך האָט ער מיט קיין אַנדערע ווי מיט אונז ניט געאַרבייט, „ווייל, איהר נאַרען“, ווי ער האָט געזאָגט, „זייט דאָך די מענשען וועמען איך ליעב אַמבעסטען. מיט אייך קען מען נאָך אַרבייטען און בלייבען דאָס וואָס מען איז“.

אַ צווייטער געוועזענער מיטגליעד פון דער קאָמונע, וועלכער איז געווען מיט אונז, איז געווען פּינדי, אַ סטאָליער פון צפון־פראַנקרייך, און אַן אַדאָפּטירטעס קינד פון פּאַריז. ער איז געוואָרען ווייט־בעקאַנט, אין דער צייט פון אַ סטרייק, וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרען פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, פאַר זיין ענערגיע און הייטערער אינטעליגענץ, און ער איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון דער קאָמונע, וועלכע האָט איהם בעשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון דעם טולעריען פּאַלאַץ. בעת די ווערסאַילער חיל זיינען אריין אין פּאַריז, דערשיסענדיג זייערע געפאַנגענע אין די הונדערטער, זיינען, וועניגסטענס, דריי מענשען דערשאָסען געוואָרען אין פערשיידענע טיילען פון שטאָדט, מיינענדיג אויף יעדען פון זיי, אַז ער איז פּינדי. נאָך דעם קאַמפּף אָבער האָט איהם בעהאַלטען אַ מוטהיגע מיידעל, אַ נעהטאָרין, וועלכע האָט איהם געראַטעוועט דורך איהר געלאַסענקייט, בעת איהר הויז איז דורכגעזוכט געוואָרען פון די סאָלדאַטען, און איז שפּעטער געוואָרען זיין פרוי. ערשט מיט צוועלף חדשים שפּעטער האָט זיך זיי איינגעגעבען צו פערלאָזען פּאַריז אונבעמערקט, און זיי זיינען געקומען אין דער שווייץ. דאָ האָט פּינדי געלערענט מינץ־פּרובירונג און איז געוואָרען דערביי אַ ספּעציאַליסט. ער האָט

פערבראַכט זיינע טעג נעבען דעם רויט־הייסען אויווען, און האָט ביינאַכט זיך אָבגעגעבען מיט פּראָפּאַגאַנדאַ ארבייט, אין וועלכער ער האָט אויס־געצייכענט פעראייניגט די ליידענשאַפט פון אַ רעוואָלוציאָנער מיט דעם געזונדען פערשטאַנד און דער אָרגאַניזאַציאָנס־קראַפט, וועלכע זיינען אייגענטימליך דעם פּאַריזער ארבייטער.

פּאול ברוס איז דעמאָלט געווען אַ יונגער דאָקטאָר, פול מיט גייס־טיגער אַקטיוויטעט, שטורמדיג, שאַרפזיניג, לעבהאַפט, גרייט צו ענטוויקלען אירגענד וועלכע אידעע מיט אַ געאָמעטרישער לאָגיק ביז צו איהרע אויסערסטע קאָנזעקווענצען; מעכטיג אין זיין קריטיק אויף דעם שטאַאַט און דער שטאַאַטליכער אָרגאַניזאַציע; געפינענדיג גענוג צייט צו רעדאַקטירען צוויי צייטונגען, אין פראַנצויזיש און אין דייטש, צו שרייבען צעהנדליגער לאַנגע בריעף, און צו זיין די נשמה פון אַן ארבייטער־אונטערהאַלטונג; שטענדיג פערטהאָן אין אָרגאַניזירען מעגשען, מיט דעם פיינעם פערשטאַנד פון אַן אמת׳ען דרום־איינוואָהנער.

צווישען די איטאַליענער, וועלכע האָבען מיטגעאַרבייט מיט אינז אין דער שווייץ, האָבען זיך געפונען צוויי מענער, וועמעס נעמען עס זיינען שטענדיג געווען צוזאַמען פערבונדען, און וועלען בלייבען אין זכרון פון מעהר ווי איין דור אין איטאַליען, — צוויי נאָהענטע פּערזענליכע פריינד פון באַקונין — קאַפּיעראָ און מאַלאַטעסטאַ. קאַפּיעראָ איז געווען אַן אידעאַליסט פון דעם העכסטען און ריינסטען טיפּ, וועלכער האָט אָבגעג־געבען זיין בעדייטענדען פערמעגען פאַר דער זאַך, און האָט זיך קיינמאָל ניט געפרעגט פון וואָס ער וועט לעבען אין דער צוקונפט; אַ דענקער, פערטיעפט אין פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס; אַ מענש, וועלכער וועט קיינמאָל קיינעם ניט וועה געטהאָן, און דאָך האָט ער גענומען אַ ביקס און מאַרשריט אין די בערג פון בענעווענטאַ, ווען ער און זיינע פריינד האָבען געדענקט, אַז עס וועט מעגליך זיין אַרויסצורופען אַן אויפשטאַנד פון אַ סאָציאַליסטישען כאַראַקטער, אָדער ווענינסטענס צו ווייזען דעם פאָלק, אַז זיינע אויפשטאַנדען דאַרפען טראָגען אַ טיעפערע בעדייטונג איידער פון אַן איינפאַכען רעוואָלט אַנטקעגען די שטייערען־מאָהנער. מאַלאַטעסטאַ איז געווען אַ סטודענט פוּן מעדיצין, וועלכער האָט אויפ־געגעבען די מעדיצינישע פּראָפעסיאָן צוזאַמען מיט זיין פערמעגען צוליעב דער רעוואָלוציע. העכסט אינטעלי־גענט און פול מיט פייער, אַ ריינער אידעאַליסט, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען — און ער איז שוין איצט קרוב פופציג יאָהר — זיך קיינמאָל ניט געפרעגט, צי ער וועט האָבען אַ שטיקעל ברויט אָבצועסען און אַ בעט וואו איבערצושלאָפען. ניט האָבענדיג צומאָל אַ צימער, וואָס ער זאָל קענען אָנרופען זיין אייגענס, האָט ער

פּערקויפט סאָרבעט (אַ מין געטראַנק) אין די גאַסען פון לאָנדאָן, כדי צו פערדיענען אויף זיין חיונה; און ביינאַכט פלעגט ער שרייבען בריליאַנטענע אַרטיקלען פאַר די איטאַליענישע צייטונגען. פערשפּאַרט אין געפענגנים אין פראַנקרייך, פריי־געלאָזט, אַרויסגעשיקט פון לאַנד, ווידער פער־אורטיילט אין איטאַליען, פערשיקט אויף אַן אינזעל, ענטלאָפען, און צוריקגעקומען בעהאַלטענערהייט אין איטאַליען; שטענדיג אין רעכטען ברען פון קאַמפּף, צי אין איטאַליען, צי ערגעץ אַנדערסוואו, — האָט ער אויסגעהאַלטען אַזאַ לעבען דרייסיג יאָהר נאָכאַנאַנד. און ווען מיר בעגעגענען איהם ווידער, בעפרייט פון אַ געפענגנים אָדער ענטלאָפען פון אַן אינזעל, טרעפען מיר איהם ווידער דעמזעלבען, ווי ווען מיר האָבען איהם דאָס לעצטע מאָל געזעהן; שטענדיג אויפנעהמענדיג דעם קאַמפּף פון דאָס ניי, מיט דער אייגענער ליעבע צו מענשען, אָהן שום שנאה צו זיינע שונאים און זיינע געפענגנים־וועכטער, מיט דעם אייגענעם הערצ־ליכען שמייכעל פאַר אַ פריינד, מיט דער אייגענער לאַסקע פאַר אַ קינד.

רוסען זיינען געווען וועניג צווישען אונז, די מייסטע פון זיי זיינען געווען נאָכפאָלגער פון די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטען. מיר האָבען אָבער געהאַט זשוקאָווסקי'ן, אַ פריינד פון הערצען, וועלכער האָט פער־לאָזען רוסלאַנד אין 1863, אַ גלענצענדער, עלעגאַנטער, העכסט אינטע־ליגענטער אַדעלמאַן, אַ ליעבלינג ביי די אַרבייטער, — וועלכער האָט בעסער ווי מיר אַלע געצויגען, וואָס די פראַנצויזען רופען, „דעם אַרבייטער'ס אויער“, ווייל ער האָט פערשטאַנען ווי זיי אויפצואוואַרעמען, אָנצייגענדיג זיי אויף דער גרויסער ראָלע, וואָס זיי האָבען צו שפּיעלען אין איבערבויען די געזעלשאַפט; ווייל ער האָט געוואוסט ווי זיי אויפ־צוהויבען, האַלטענדיג פאַר זיי הויכע היסטאָרישע אָנזיכטען; ווי צו וואַרפען אַ ליכט־שטראַהל אויף די העכסט פערוויקעלטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און ווי זיי צו עלעקטריזירען מיט זיין ערנסטקייט און אויפ־ריכטיגקייט. סאָקאָלאָף, אַ געוועזענער אָפיציר פון'ם רוסישען גענעראַל־שטאַב, אַ פערעהרער פון פּאול לואיס קוריער פאַר זיין דרייסטקייט, און פון פּרודהאָן פאַר זיינע פילאָזאָפישע אידעען, וועלכער האָט געמאַכט אַ סך סאָציאַליסטען אין רוסלאַנד דורך זיינע קריטישע אַרטיקלען, איז אויך אַ געוויסע צייט געווען מיט אונז.

איך דערמאָן נאָר יענע, וועלכע זיינען געוואָרען ווייט בעקאַנט ענטוועדער אַלס שריפטשטעלער, אָדער אַלס דעלעגאַטען צו קאָנגרעסען, אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדערען אופן. און דאָך פרעג איך זיך, צי האָב איך בעסער ניט געדאַרפט רעדען פון די, וואָס האָבען קיינמאָל ניט איבערגעגעבען זייערע נעמען צום דרוק, וועלכע זיינען אָבער געווען פונקט

אזוי וויכטיג אין דעם לעבען פון דער פעדעראציע, ווי ווער עס איז פון די שרייבער; וועלכע האָבען געקעמפפט אין די רייהען, און זיינען געווען גרייט צוצושטהען צו וועלכער עס איז אונטערנעהמונג, קיינמאָל ניט פרעגענדיג, צי די ארבייט וועט זיין גרויס אָדער קליין, בעריהמט אָדער בעשיידען, — צי עס וועט זיך אויסלאָזען מיט גרויסע רעזולטאטען, אָדער וועט זיך פשוט ענדיגען מיט אונענדליכע פלאָגענישען פאר זיך אליין און זייערע פאמיליען.

איך האָב אויך געדארפט דערמאָנען די דייטשען ווערנער און רינקע, דעם שפאניער אלבאראצען און פיעלע אנדערע; איך האָב אָבער מורא אז די בלאסע סקיצען מיינע וועלען ניט איבערגעבען דעם לעזער די אייגענע געפיהלען פון ליעבע און אכטונג, מיט וועלכע יעדער איינער פון דער דאָזיגער קליינער פאמיליע האָט בעגייסטערט די וואָס האָבען זיי געקענט פערזענליך.

IV

פון אלע שטעדט, וואָס זיינען מיר בעקאנט אין דער שווייץ, איז לא שאָ־דע־פאָנד פיליייכט אם וועניגסטען אָנציהענד. זי ליעגט אויף א הויכען פלאכלאנד, אין גאנצען נאקעט, אָהן אירגענד וועלכע געוויקסען, אָפען פאר די ביטערע קאלטע ווינדען אין ווינטער, בעת דער שנעע ליעגט דאָרט אָנגעלעגט אזוי טיעף ווי אין מאָסקווע, און צוגעהט און פאלט וויעדער אזוי אָפט ווי אין פעטערבורג. עס איז אָבער וויכטיג געווען צו פערשפרייטען אונזערע אידעען אין דעם דאָזיגען צענטער און אריינצוגעבען מעהר לעבען אין דער אָרטיגער פראָפאגאנדא. פינדי, שפיביגער, אלבאראצען, די בלאנקיסטען פעררע און זשאלאָט זיינען געווען דאָרטען, און פון צייט־צו־צייט האָב איך געקענט אָבשטאטען א בעזוך ביי גיליאָם׳ען אין נוישאטעל, און ביי שוויטצגעבעל׳ן אינ׳ם טהאָל פון סיינט אימיער.

א לעבען, פול מיט ארבייט, וואָס איך האָב ליעב געהאט, האָט זיך אָנגעפאנגען פאר מיר. מיר האָבען אָבגעהאלטען א סך פערזאמלונגען, אליין פערטיילענדיג אונזערע בעקאנטמאכונגען אין די קאפע־הייזער און אין די ארבייטס־פלעצער. איין מאָל אין וואָך האָבען מיר אָבגעהאלטען א פערזאמלונג פון אונזער סעקציע, אויף וועלכער עס זיינען פאָרגעקומען די לעבעדיגסטע דיסקוסיאָנען, און מיר זיינען אויך געגאנגען פרעדיגען דעם אנארכיזם אויף די פערזאמלונגען, וואָס זיינען איינבערופען געוואָרען

פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. איך האָב אַ היבש ביסעל אַרומגערייזט, בעזוכענדיג אַנדערע סעקציעס און העלפענדיג זיי.

אין פערלויף פון דעם ווינטער האָבען מיר צוגעקראָגען אַ סך סימפּאַטיזירער, אָבער אונזער רעגעלמעסיגע ארבייט איז זעהר פיעל געשטערט געוואָרען דורך אַ קריזיס אין דעם זייגער־מאַכער פאַך. אַ העלפט פון די ארבייטער זיינען געווען אינגאַנצען ארבייטסלאָז, אָדער זיי האָבען בלויז טיילווייז געארבייט, אַזוי אַז די שטאָדט־פערוואַלטונג האָט געמוזט עפענען גאַרקיכען צו בעזאָרגען ביליגע מאָהלצייטען אויף קאָסט־פּרייז. דעם קאָאָפּעראַטיוו ווערקשטאַט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון די אַנאַרכיסטען אין אין לאַ שאָ־דע־פאָנד, אין וועלכען אַלע מיטגליעדער האָבען געקראָגען אַ גלייכען חלק פון די פערדיענסטען, איז אָנגעקומען זעהר שווער צו קריגען ארבייט, אונגעאַכטעט אויף זיין רעפּוטאַציע, און שפּיכיגער האָט עטליכע מאָל געמוזט ארבייטען אַלס וואָל־קעמער פאַר אַ טאַפּעצירער, כדי צו פערדיענען אויף זיין חיונה.

מיר האָבען אַלע יענעם יאָהר אַנטייל גענומען אין אַ מאַניפעסטאַציע מיט דער רויטער פאָהן אין בערן. די כוואַליע פון רעאַקציע האָט זיך פערשפּרייט ביז אין דער שווייץ, און אין בערן האָט די פּאָליציי פערבאָטען צו טראָגען די ארבייטער־פאָהן, טראָץ דער קאָנסטיטוציע. עס איז דעריבער געווען נויטיג צו ווייזען, אַז וועניגסטענס ניט אומעטום לאָזען די ארבייטער טרעטען אויף זייערע רעכטען מיט די פיס, און אַז זיי צייגען ארויס אַ ווידערשטאַנד. מיר זיינען אַלע אַוועק נאָך בערן צו דער פייערונג פון דער פּאַריזער קאָמונע, טראָגען די רויטע פאָהן איבער די גאַסען, ניט אַכטענדיג וואָס עס איז פערבאָטען. פערשטעהט זיך, עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, אין וועלכען צוויי חברים האָבען בעקומען שווערד־שניטען און צוויי פּאָליציסטען זיינען שווערליך פערוואונדעט געוואָרען. אָבער די רויטע פאָהן איז אַוועק־געטראָגען געוואָרען גאַנץ אין זאַל, וואו אַ העכסט לעבעדיגע פערזאַמלונג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען. ס'איז מיר קוים נויטיג צו דערצעהלען, אַז די אַזוי גערופענע פיהרער האָבען זיך געפונען אין די רייהען, און האָבען געקעמפּפט מיט אַלעמען צוגלייך. אין דעם פּראָצעס זיינען געווען פער־וויקעלט גענויע דרייסיג שווייצאַרישע בירגער, וועלכע האָבען אַליין געפאָדערט מען זאָל זיי משפּט'ן, און די וואָס האָבען פערוואונדעט די פּאָליציסטען, זיינען פרייוויליג ארויסגעטראָטען און האָבען ערקלעהרט, אַז זיי האָבען עס געטהאָן. אַ היבש ביסעל סימפּאַטיע איז געוואונען געוואָרען פאַר דער זאַך אין פערלויף פון דעם משפּט; מען האָט פער־שטאַנען, אַז אַלע פרייהייטען מוזען אייפעריג פערטיידיגט ווערען, כדי

זיי זאָלען ניט פערלאָרען געהן. דער אורטייל איז דעריבער געווען אַ זעהר ליכטער, וועלכער איז ניט געגאַנגען העכער ווי דריי חדשים געפענגניס.

פונדעסטוועגען האָט די רעגיערונג פון בערן פערבאָטען צו טראָגען די רויטע פאָהן איבעראַל אין דעם גאַנצען קאַנטאָן; און די יורא־פעדעראַציע האָט באַלד דערנאָך בעשלאָסען, אַז מען זאָל זי יאָ טראָגען, ניט אַכטענדיג אויף דעם פערבאָט, אין סט. אימיער, וואו מיר האָבען יענעם יאָהר אָבגעהאַלטען אונזער קאָנגרעס. דאָס מאָל זיינען די מייסטע פון אונז געווען בעוואָפענט, און מיר זיינען געווען גרייט צו פערטיידיגען אונזער פאָהן ביז צום לעצט. אַ מחנה פּאָליציי איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ גרויסען פרייען פּלאַץ, אָבצושטעלען אונזער קאָלאָנע; און אָבטיילונג פון דער מיליץ האָט מען געהאַלטען גרייט אויף אַ דערביי־איגען פעלד, אונטער דעם אויסרעד, אַז זיי מאַכען דאָרט איבונגען צו שיסען אין ציעל, — מיר האָבען דייטליך געהערט זייער שיסען בעת מיר האָבען מאַרשירט איבער'ן שטאָדט. ווען אונזער קאָלאָנע איז אָבער אָנגעקומען צו דעם פרייען פּלאַץ, און פון איהר אויסזעהן האָט מען געקענט אורטיילען, אַז אַן אַנגריף וועט זיך אויסלאָזען מיט אַן ערנסטער בלוט־פערגיסונג, האָט דער בירגערמייסטער אונז געלאָזט אונגעשטערט פאָרטזעצען אונזער מאַרש ביז צום זאַל, וואו די פערזאַמלונג האָט געזאָלט אָבגעהאַלטען ווערען. קיינער פון אונז האָט ניט געוואונשען עס זאָל קומען צו אַ קאַמפּף; אָבער די געשפּאַנטקייט פון דעם מאַרש, אין אַ קעמפּפענדער אָרדנונג, אונטער דעם קלאַנג פון דער מיליטערישער קאַפּעליע, איז געווען אַזעלכע, אַז איך ווייס ניט וועלכער געפיהל עס איז געווען שטאַרקער ביי די מייסטע פון אונז אין די ערשטע מאָמענטען נאָכדעם ווי מיר זיינען צוגעקומען צום זאַל, — צי דער געפיהל פון ערלייכטערונג, וואָס מיר זיינען אויסגעקומען אָהן דעם ניט־געווינשטען קאַמפּף, אָדער דער געפיהל פון בעדויערען, וואָס דער קאַמפּף איז ניט פאָרגעקומען. דער מענש איז אַ זעהר קאָמפּליצירטעס וועזען.

אונזער הויפּט־אַרבייט אָבער איז בעשטאַנען אין אויסאַרבייטען די פּראַקטישע און טעאָרעטישע אַנזיכטען פונ'ם אַנאַרכיסטישען סאָציאַליזם, און אין דער דאָזיגער ריכטונג האָט די פעדעראַציע אָהן צווייפעל אויפ־געטהאָן עטוואָס דויערהאַפטיגעס.

מיר האָבען געזעהן, אַז אַ נייע געזעלשאַפטליכע פאָרם שפּראָצט אַרויס ביי די מייסטע ציוויליזירטע נאַציאָנען, און זי מוז פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער: אַ געזעלשאַפט פון גלייכע מענשען, וועלכע וועלען ניט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זייערע הענד און זייערע מוחות

צו די, וועמען זיי וועלען צופעליג געפעלען ווערען, נאָר זיי וועלען זיין
ביכולת צו פערווענדען זייערע קענטעניסען און פעהיגקייטען צום שאַפען,
אין אַן אָרגאַניזם, וועלכער איז אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז ער זאָל פער־
אייניגען אַלע כחות צו בעזאָרגען דעם העכסט מעגליכען וואוילשטאַנד
פאַר אַלעמען, אין דער צייט וואָס אַ פולער און פרייער רוים וועט איבער־
געלאָזט ווערען פאַר יעדער אינדיווידועלער איניציאַטיווע. די דאָזיגע
געזעלשאַפט וועט בעשטעהן פון אַ גרויסער צאָהל אַסאָציאַציעס, פעדערירט
פאַר דיאַלע צוועקען, וועלכע פאָדערען זיך צו זיין פעדערירט: פאַך־פעדע־
ראַציעס פאַר אַלערליי זאָרטען פּראָדוקציאָן, — אַגריקולטורעלע, אינדו־
סטריעלע, אינטעלעקטועלע און אַרטיסטישע; קאָמונען פאַר דעם צוועק
פון קאָנסום, וואָס בעזאָרגען געביידען, גאַז־ווערק, שפּייז־מאַגאַזינען,
סאַניטאַרע איינריכטונג אַ. אַז. וו.; פעדעראַציעס פון קאָמונען צווישען
זיך, און פעדעראַציעס פון קאָמונען מיט פאַך־אָרגאַניזאַציעס; און
ענדליך, ברייטערע גרופּען, וואָס בעדעקען דאָס גאַנצע לאַנד, אָדער
מעהרערע לענדער, וואָס בעשטעהען פון מענשען וואָס אַרבייטען צוזאַמען
פאַר דער צופריעדענשטעלונג פון אַזעלכע עקאָנאָמישע, אינטעלעקטועלע,
אַרטיסטישע און מאָראַלע נויטווענדיגקייטען, וואָס זיינען ניט בעשרענקט
אויף אַ געוויסער טעריטאָריע. אָט די אַלע וועלען זיך פעראייניגען
דירעקט, דורך אַ פרייען אָבמאַך צווישען זיך, פונקט ווי די באַהן־געזעל־
שאַפטען אָדער פּאָסט־דעפּאַרטאַמענטען פון פערשיידענע לענדער
פעראייניגען זיך איצט, ניט האָבענדיג קיין צענטראַל־באַהן אָדער פּאָסט־
רעגיערונג, אָבוואָהל די ערשטע (די באַהן־פעראייניגונגען) ווערען צו־
שטאַנד־געבראַכט דורך ריינע עגאָאיסטישע צוועקען, און די לעצטע
(פּאָסט־פעראייניגונגען) געהערן צו פערשיידענע און אָפטמאָל פיינדליכע
שטאַאַטען; אָדער אַזוי ווי די מעטעאָראָלאָגיסטען, די אַלפּען־קלובען, די
לעבענס־רעטונגס סטאַציאָנען אין גרויס־בריטאַניען, די וועלאָסיפּעדיסטען,
די לעהרער און דער גלייכען, פעראייניגען זיך פאַר אַלערליי געמיינ־
שאַפטליכע אַרבייטען, פאַר אינטעלעקטועלע צוועקען, אָדער איינפאַך
צוליעב פערגעניגען. עס וועט דאָרט זיין פולע פרייהייט פאַר דער
ענטוויקלונג פון נייע פאָרמען פון פּראָדוקציאָן, ערפינדונג און אָרגאַ־
ניזאַציאָן; אינדיווידועלע איניציאַטיווע וועט ווערען ערמונטערט, און די
טינגט. נאָכמעהר, די געזעלשאַפט וועט זיך ניט קריסטאַליזירען אין
טענדענץ צו איינפאָרמיגקייט און צענטראַליזאַציע וועט ווערען ענטמו־
נעוויסע אונפערענדערליכע פאָרמען, נאָר זי וועט כסדר אומענדערען
איהר אויסזעהן, ווייל זי וועט זיין אַ לעבעדיגער, זיך־ענטוויקלענדער
אָרגאַניזם. ס'וועט זיך ניט פיהלען קיין נויטווענדיגקייט פאַר אַ

רעגיערונג, וואָרים דער פרייער אָבמאַך און די פעדעראַציע וועט פער־נעהמען אין פּלאַץ אין אַלע יענע פונקציאָנען, וועלכע די רעגיערונגען בעטראַכטען היינטיגען טאָג אַלס זייערע; און וויייל די אורזאַכען פאַר ארומרייסעניסען וועלען פערקלענערט ווערען אין צאָהל, וועלען די צוויס־טיגקייטען, וועלכע וועלען פון דעסטוועגען דאָך ארויסקומען, קענען איבערגעגעבען ווערען צו אַ בוררים־געריכט.

קיינער פון אונז האָט ניט פערקלענערט די וויכטיגקייט און די גרויסקייט פון דער ענדערונג, וואָס מיר האָבען ערוואַרטעט. מיר האָבען פערשטאַנען, אַז די אָנגענומענע מיינונגען וועגען פּריוואַט־אייגענטום אין לאַנד, פאַבריקען, מינען, וואוינונגען, און דערגלייכען, אַלס אַ מיטעל צו פערזיכערען אינדוסטריעלען פּראָגרעס, און וועגען דעם לוין־סיסטעם אַלס מיטעל צו צווינגען מענשען זיי זאָלען ארבייטען, וועלען אַזוי גיך ניט אָבטרעטען זייער פּלאַץ צו די העכערע בעגריפען פון סאָציאַליזירטעם אייגענטום און פּראָדוקציאָן. מיר האָבען געוואוסט, אַז עס וועט נויטיג זיין דורכצומאַכען אַ לאַנגזאַמע פּראָפּאַגאַנדא און אַ לאַנגע רייהע פון קעמפּפע פון אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע רעוואָלטען אַנטקעגען די היינטיגע הערשענדע פאָרמען פון אייגענטום־בעזיץ; אַז עס וועט נויטיג זיין אינדיווידועלע זעלבסט־אָפּפערונג, צו מאַכען שטיקלעך פּראָבען פון איבערבויאונג און קליינע רעוואָלוציעס, איידער די איצטיגע אָנגענומענע אידעען וועגען פּריוואַט־אייגענטום וועלען אומגעענדערט ווערען. און מיר האָבען אויך פערשטאַנען, אַז די הערשענדע אידעען אין בעצוג צו דער נויטווענדיגקייט פון אויטאָריטעט — אין וועלכע מיר אַלע זיינען ערצויגען געוואָרען—וועלען ניט און קענען ניט אַלע מיט אַמאָל אויפגעגעבען ווערען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט. לאַנגע יאָהרען פון פּראָפּאַ־גאַנדאַ און אַ לאַנגע רייהע פון איינצעלנע רעוואָלוציאָנערע טהאַטען אַנטקעגען דער אויטאָריטעט, ווי אויך אַ פאָלשטענדיגע רעווידירונג פון די לעהרען, וואָס ווערען איצט גענומען פון היסטאָריע, וועלען זיך פאָדערען איידער מענשען וועלען בעגרייפען, אַז זיי זיינען געווען אין טעות צושרייבענדיג צו זייערע הערשער און זייערע געזעצען דאָס, וואָס איז אין דער ווירקליכקייט געקומען פון זייערע אייגענע געזעלשאַפטליכע געפיהלען און מנהגים. מיר האָבען דאָס אַלעס געוואוסט. מיר האָבען אָבער אויך געוואוסט, אַז פערדיגענדיג ענדערונגען אין אָט דיביידע ריכטונגען, וועלען מיר אַקוראַט ארבייטען מיט דעם שטראָם פון דעם מענשליכען פּראָגרעס.

ווען איך בין נעהנטער בעקאַנט געוואָרען מיט דער ארבייטער־בעפעלקערונג און מיט זייערע סימפּאַטיזירער פון די מעהר געבילדעטע

קלאַסען, האָב איך באַלד איינגעזעהן, אַז זיי שעצען פיעל מעהר זייער פּערזענליכע פריייהייט איידער זייער פּערזענליכען וואוילזיין. מיט פופציג יאָהר צוריק זיינען די אַרבייטער געווען גרייט צו פערקויפען זייער פּערזענליכע פריייהייט צו אַלערליי הערשער, און אפילו צו אַ צעזאַר, פאַר אַ צוזאָג אויף מאַטעריעלען וואוילזיין; איצט אָבער איז שוין דאָס ניט געווען דער פאַל. איך האָב געזעהן אַז דער בלינדער גלויבען אין די אויסדערוועהלטע הערשער, ווען זיי זיינען אפילו גענומען געוואָרען פון די בעסטע פיהרער פון דער אַרבייטער בעוועגונג, האַלט ביים אָבשטאַרבען ביי די לאַטייניטשע אַרבייטער. „מיר מוזען צוערשט וויסען וואָס מיר ווילען, און דאַן וועלען מיר עס אַמבעסטען אַליין קענען טהאָן", איז געווען אַ געדאַנק, וועלכען איך האָב געפונען שטאַרק פערשפּרייט ביי זיי, — פיעל שטאַרקער ווי מען גלויבט עס געוועהנליך. דער זאַץ, וועלכער איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין די סטאַטוטען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטערס' אַסאָציאַציע, „די בעפרייאונג פון די אַרבייטער מוז דורכגעפיהרט ווערען פון די אַרבייטער אַליין", איז בעגעגענט געוואָרען מיט אַן אַלגעמיינער סימפּאַטיע, און האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין די מוחות. די טרויעריגע ערפאַהרונג פון דער פּאַריזער קאָמונע האָט דאָס נאָר בעשטעטיגט.

ווען דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען, זיינען אַ בעדייטענדע צאָהל מענשען, אַליין געהערענדיג צו די מיטעלקלאַסען, געווען גרייט צו מאַכען, אָדער וועניגסטענס אָנצונעהמען אַ נייעם אָנהויב אין דער סאָציאַ־לער ריכטונג. „ווען איך מיט מיין ברודער, אַרויסקומענדיג פון אונזער קליין צימערעל, זיינען אַרויס אין גאַס", האָט מיר איינמאָל עליזע רעקלו דערצעהלט, „האָבען אונז מענשען, וועלכע האָבען געהערט צו די רייכערע קלאַסען, פון אַלע זייטען געפרעגט: „זאָגט אונז וואָס מען זאָל טהאָן? מיר זיינען גרייט צו פּראָבירען עטוואָס נייעס", מ י ר זיינען אָבער נאָך ניט געווען צוגעגרייט צו מאַכען נייע פּלענער".

קיינמאָל פריהער איז נאָך אַ רעגיערונג אַזוי אָרענטליך ניט געווען פערטראָטען פון אַלע פּאָרטגעשריטענע פּאַרטייען, ווי עס איז געווען דער קאָמונע־ראַטה, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען דעם 25טען מערץ 1871. אַלע שאַטירונגען פון רעוואָלוציאָנערע אַנזיכטען — בלאַנקיסטען, יאַקאָביניסטען, אינטערנאַציאָנאַליסטען — זיינען דאָרט ריכטיג פּראָ־פּאָרציאָנעל געווען פערטראָטען. און דאָך, צוליעב דעם, וואָס די אַר־בייטער אַליין האָבען ניט געהאַט קיין קלאָרע אידעען וועגען סאָציאַלע רעפאָרמען אַרויפצופיהרען אויף זייערע פערטרעטער, האָט די קאָמונע־רעגיערונג גאָרנישט געטהאָן אין דער דאָזיגער ריכטונג. שוין דער פאַקט

אליין, וואָס זיי זיינען געוועזן אָבגעזונדערט פון די מאַסען און אָבגע־שלאָסען אין „האָטעל דע וויל“ (שטאָדט־ראטה), האָט זיי פּאַראַליזירט. פאַר דעם ערפאָלג פון׳ם סאָציאַליזם, מוזען די אידעען פון הערשאַפטס־לאָזינגקייט, פון זעלבסט־פערטרויען, פון דער פרייער איניציאַטיווע פון דעם יחיד — מיט איין וואָרט, פון אַנאַרכיזם — געפּערעדיגט ווערען צוזאַמען מיט די אידעען פון פערגעזעלשאַפטליכטען אייגענטום און פּראָדוקציאָן.

מיר האָבען אודאי פאָראויסגעזעהן, אַז ווען יעדער וועט קריגען די פולע פרייהייט אויסצודריקען זיינע אידעען און זיינע האַנדלונגען, וועלען מיר זיך מוזען רעכענען מיט אַ געוויסער מאָס פון נאַרישער איבער־טרייבונג פון אונזערע פּרינציפּען. איך האָב עס געזעהן אין דער ניהיליסטישער בעוועגונג אין רוסלאַנד. אָבער מיר האָבען זיך פערלאָזט — און די ערפאַהרונג האָט בעוויזען, אַז מיר זיינען געווען גערעכט — אַז דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען גופא, מיט דער הילף פון אַן אָפענהער־ציגער, פרייער קריטיק איבער מיינונגען און האַנדלונגען, וועט זיין דער ווירקזאַמסטער מיטעל צו פונאַנדערקלייבען די מיינונגען און צו בעזיי־טיגען פון זיי די אונפערמיידליכע איבערטרייבונגען. מיר האָבען טהאַט־זעכליך געהאַנדעלט אין איינקלאַנג מיט דעם אַלטען שפּריכוואָרט, אַז פרייהייט בלייבט אַלץ די קלוגסטע רפואה פאַר פרייהייט׳ס דערווייליגע אונבעקוועמליכקייטען. אין דער מענשהייט איז פאַראַן אַ קערענדעל פון געזעלשאַפטליכע אייגענשאַפטען — אַ ירושה פון דעם עבר, וואָס איז נאָך ניט ריכטיג אָבגעשאַצט געוואָרען — וועלכע ווערט נ י ט אויפ־געהאַלטען דורך צוואַנג, נאָר שטעהט העכער פון צוואַנג. אויף דעם איז געבויט דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער מענשהייט, און אַזוי לאַנג ווי די מענשהייט הויבט נאָך ניט אָן אָבצושטאַרבען פיזיש און גייסטיג, וועט ער ניט פערניכטעט ווערען, וויפיעל מען זאָל איהם ניט קריטיקירען און ווי מען זאָל געגען איהם ניט רעבעלירען. דאָס זיינען געווען די מיינונגען, אין וועלכע איך בין געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר איבער־צייגט, וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרען מיינע ערפאַהרונגען וועגען מענשען און זאַכען.

מיר האָבען צו גלייכער צייט פערשטאַנען, אַז אַזאַ ענדערונג קען ניט אַרויסגערופען ווערען דורך די השערות פון אַן איינציגען זשעניע, אַז דאָס וועט ניט זיין אַן ענטדעקונג פון אַן איינציגען מענשען, נאָר עס וועט מוזען זיין דער פּועל יוצא פון דער קאָנסטרוקטיווער אַרבייט פון די מאַסען, פּונקט ווי די פאָרמען פון גריכטליכע פּערהאַנדלונגען, וועלכע זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין דער ערשטער פּעריאָדע פון׳ם מיטעל־

אַלטער אין דער דאָרף־קאָמונע, די גילדע, די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט, און פּונקט ווי די יסודות פון דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ איז אויס געארבייט געוואָרען פון פאָלק.

פּיעלע פון אונזערע פאָרגעהער האָבען זיך אונטערגענומען אויס־צומאָהלען אידעאַלע געזעלשאַפטען, בעגרינדיגענדיג זיי מאַנכעס מאָל אויף אַן אויטאָריטערען פּרינציפּ, און אין זעלטענע פעלע — אויף דעם פּרינציפּ פון פ ר י י ה י י ט. ראָבערט אָווען און פוריער האָבען געגעבען דער וועלט זייערע אידעאַלען פון אַ פרייער, אָרגאַניש זיך ענטוויקלענדיגער געזעלשאַפט להיפך צו די פּיראַמידאַלע אידעאַלען, וועלכע זיינען קאָפּירט געוואָרען פון דער רוימישער מלוכה אָדער דער רוימישער קירכע. פּרודהאָן האָט פאָרט־געזעצט זייער ארבייט, און באַקונין, אָנוועגדענדיג זיין ברייטען און קלאָרען פערשטעהן פון דער היסטאָרישער פילאָזאָפיע אויף דער קריטיק פון די געגענווערטיגע אינסטיטוציעס, „האָט געבויט אין דער צייט וואָס ער האָט צושטערט“. אָבער דאָס אַלעס איז ניט מעהר געווען ווי צוגרייטונגס־ארבייט.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטערס׳ אַסאָציאַציע האָט אריינגעבראַכט אַ נייע מעטאָדע ווי צו לעזען די פּראָבלעמען פון פּראַקטישער סאָציאָלאָגיע, ווענדענדיג זיך צו די אַרבייטער אַליין. די געבילדעטע מענשען, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַסאָציאַציע, האָבען זיך נאָר אונטער־נומען אויפצוקלערען די אַרבייטער וועגען דעם וואָס עס קומט פאָר אין די פערשיידענע לענדער פון דער וועלט, פונאַנדערצוגליעדערען די דער־גרייכטע רעזולטאַטען, און דערנאָך זיי צו העלפען פאָרמולירען זייערע שליסע. מיר האָבען זיך ניט פערמאָסטען צו ענטוויקלען אָן אידעאַלע געזעלשאַפט פון אַזעלכע טעאָרעטישע אַנזיכטען מכח דעם וואָס אַ געזעל־שאַפט האָט ג ע ד א ר פ ט ז י י ן; מיר האָבען אָבער איינגעלאַדען די אַרבייטער זיי זאָלען אונטערזוכען די אורזאַכען פון די היינטיגע איבלען, און אין זייערע דיסקוסיאָנען און אויף זייערע קאָנגרעסען זאָלען זיי בעטראַכטען די פּראַקטישע אַנזיכטען פון אַ בעסערער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע ווי די, אין וועלכער מיר לעבען. אַ פראַגע וואָס איז אויפ־געהויבען געוואָרען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, איז רעקאָ־מענדירט געוואָרען אַלס אַ געגענשטאַנד צום שטודירען פאַר אַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. אינ׳ם לויף פונ׳ם יאָהר איז זי דיסקוטירט געוואָרען איבער גאַנץ איירָאפּאַ, אויף די קליינע פערזאַמלונגען פון די סעקציעס, מיט אַ פולער בעקאַנטשאַפט פון די אָרטיגע נויטען פון יעדען פאַך און יעדער לאָקאַליטעט; דאַן איז די אַרבייט פון די סעקציעס

פאָרגעבראכט געוואָרען פאר די נעקסטע קאָנגרעסען פון יעדער פעדע־ראציע, און ענדליך איז עס פאָרגעלעגט געוואָרען אין א מעהר אויסגע־ארבייטער פאָרם פאר דעם נעקסטען אינטערנאציאָנאַלען קאָנגרעס. דער געבוי פון דער געזעלשאפט, צו וועלכער מיר האָבען אַלע געשטרעבט, איז אויף אַזא אופן אויסגעארבייט געווען אין דער טעאָריע און פּראַקטיק. פון אונטען נאָך אויבען, און די יורא פעדעראציע האָט גענומען א גרויסען אנטייל אין דער אויסארבייטונג פון דעם אנארכיסטישען אידעאַל.

וואָס מיך אָנבעלאַנגט, געפינענדיג זיך אין אַזעלכע גינסטיגע בעדינגונגען, האָב איך ביסלעכווייז אָנגעהויבען איינזעהן, אַז דער אנארכיזם שטעלט מיט זיך פאָר מעהר ווי אַן איינפאַכע פאָרם פון טהעטיגקייט און אַן איינפאַכען בעגריף פון א פרייער געזעלשאַפט; אַז ער איז א טייל פון א פילאָזאָפיע, א נאַטירליכע און סאָציאַלע, וועלכע מוז ענטוויקעלט ווערען אויף א גאַנץ אַנדער אופן פון די מעטאַפיזישע און דיאַלעקטישע מעטאָדען, וועלכע זיינען געברויכט געוואָרען אין דער וויסענשאַפטליכער בעהאַנדלונג פון'ם מענשען. איך האָב איינגעזעהן, אַז ער מוז בעהאַנדעלט ווערען מיט די זעלבע מעטאָדען ווי די נאַטור־וויסענשאַפטען; אָבער ניט אויף דעם גליטשיגען באָדען פון איינפאַכע אַנאַלאָגיען (פערגלייכונגען) ווי הערבערט ספּענסער טהוט עס, נאָר אויף דעם פעסטען יסוד פון אינדוקציאָן, וואָס ווערט אָנגעווענדעט אויף די מענשליכע אינסטיטוציעס. און איך האָב געטאָן אַלעס וואָס איך האָב געקאָנט אין דער דאָזיגער ריכטונג.

V.

צוויי קאָנגרעסען זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין'ם הערבסט פון 1877 אין בעלגיען: איינער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטערס אַסאָציאַציע אין ווערוויער, און דער צווייטער — אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטען־קאָנגרעס אין גהענט. דער צווייטער קאָנגרעס איז געווען בעזאָנדערס וויכטיג, ווייל ס'איז געווען בעוואוסט, אַז די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטען וועלען מאַכען א פערזוך אריינצונעהמען די גאַנצע ארבייטער בעוועגונג אין איירּאָפּא אין איין אָרגאַניזאַציע, זי שטעלען אונטער דער אויפזיכט פון א צענטראַל קאָמיטעט, וועלכער וועט זיין דער געגעראַל־ראַטה אונטער א נייעם נאָמען. עס איז דעריבער געווען נויטיג אויפצוהאַלטען די אויטאָנאָמיע פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין די לאַטייניש לענדער, און מיר האָבען געטהאָן אַלץ וואָס מיר האָבען

געקענט, כדי צו זיין גוט פערטראָטען אויף דעם דאָזיגען קאָנגרעס. איך בין געגאַנגען אונטער דעם נאָמען לעוואשאָף; צוויי דייטשען, דער שריפטזעצער ווערנער און דער אינזשענער רינקע, זיינען כמעט דעם גאַנצען מהלך פון באזעל ביז בעלגיען געגאַנגען צופוס; און אָבוואויל מיר זיינען אין גאַנצען געווען ניט מעהר ווי נייען אַנאַרכיסטען אין גהענט, איז אונז געלונגען אָבצושטעלען דעם צענטראַליזאַציאָנס־פּלאַן.

צוויי־און־צוואַנציג יאָהר זיינען אריבער זינט דעמאָלט; פיעלע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטען־קאָנגרעסען זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען, און יעדעס מאָל האָט זיך דער אייגענער קאַמפּף איבערגע׳חזר׳ט פון דאָס ניי, — די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען פּרובירט אריינ־נעהמען די גאַנצע איירָאפּעאישע ארבייטער בעוועגונג אונטער זייער פאָהן און איהר ברענגען אונטער זייער קאָנטראָל, און די אַנאַרכיסטען האָבען זיך געשטעלט דאַגעגען און זיי אין דעם געהינדערט. וויפיעל כחות געהען אין ניזוען, וויפיעל בייסענדע ווערטער זאָגט מען זיך איינער דעם אַנדערן און וויפיעל ענערגיע ווערט עס צושפּאָלטען, פּשוט דערפאַר, וואָס די, וועלכע האָבען אָנגענומען די פאָרמולע פון „ערָאבערען די מאַכט אינערהאַלב די עקזיסטירענדע שטאַאטען“, פערשטעהען ניט, אז א טהעטיגקייט אין דער ריכטונג קען אין זיך ניט פערקערפּערען די גאַנצע סאָציאַליסטישע בעוועגונג! פון אָנהויב האָט זיך דער סאָציאַליזם גענומען ענטוויקלען אין דריי זעלבסטשטענדיגע ריכטונגען, וועלכע האָבען געפונען זייער אויסדרוק אין סען־סימאָן, פוריער און ראָבערט אָווען. דער סען־סימאָניזם האָט זיך ענטוויקעלט אינ׳ם סאָציאַלדעמאָ־קראַטיזם, און דער פוריעריזם אינ׳ם אַנאַרכיזם; בעת דער אָווניזם ענטוויקעלט זיך אין ענגלאַנד און אין אמעריקא אין טרייד־יוניאָניזם, אין קאָאָפּעראַציע און דעם אזוי־גערופענעם מוניציפּאַל־סאָציאַליזם, און ער בלייבט פיינדליך צום סאָציאַלדעמאָקראַטישען שטאַאטס־סאָציאַליזם, אין דער צייט וואָס ער האָט פיעל בעריהרונגס־פּונקטען מיט׳ן אַנאַרכיזם. אָבער דערפאַר וואָס מען וויל ניט אַנערקענען, אז אַלע דריי געהען צו איין אלגעמיינעם ציעל אויף דריי פערשיעדענע וועגען, און אז די לעצטע צוויי טראָגען־צו זייער אייגענעם ווערטהפולען בייטראָג צו דעם מענשליכען פּראָגרעס, האָט מען פערבראַכט א פערטעל יאָהרהונדערט אויף אָנשטרענ־גונגען צו פערווירקליכען די אונדורכפיהרבאַרע אוטאָפּיע פון אן איינהייט־ליכער ארבייטער־בעוועגונג נאָך דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישען שניט.

דער קאָנגרעס אין גהענט האָט זיך פאַר מיר געענדיגט אויף אַן אונערוואַרטעטען אופן. דריי אָדער פיער טעג נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס

האָט זיך אָנגעהויבען, האָט זיך די בעלגישע פּאָליציי דערוואוסט ווער לעוואַשאָף איז, און זי האָט געקראָגען אַ בעפעהל מיך צו אַרעסטירען פאַר וואָס איך האָב עובר געווען אויף אַ פּאָליציי־רעגעל, אָנגעבענדיג אין האָטעל אַ פאַלשען נאָמען. מיינע בעלגישע פריינד האָבען מיך געוואָרענט. זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז דער קלעריקאַלער מיניסטעריום, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין קראַפט, איז פעהיג מיך איבערצוגעבען צו רוסלאַנד, און זיי זיינען צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל באַלד פערלאָזען דעם קאָנגרעס. זיי האָבען מיך אַפילו ניט געלאָזט צוריקגעהן אין האָטעל. גיליאָם האָט מיר פערשטעלט דעם וועג, זאָגענדיג צו מיר, אַז איך וועל מוזען געברויכען געוואַלד קעגען איהם, אויב איך וועל זיך איינשפּאַרען צו געהן אין האָטעל. איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט און האָב געמוזט געהן מיט איינינע גהענטער חברים, און אַזוי געשווינד ווי איך בין צוגעשטאַנען צו זיי, האָבען זיך פון אַלע זייטען, פון אַ פינסטערען פיערעקיגען פּלאַץ, איבער וועלכען עס זיינען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפען אַרבייטער־גרופּען, געלאָזט הערען פערשטיקטע פייפעררייען. דאָס אַלעס האָט אויסגעזעהן גאַנץ געהיימניספול. ענדליך, נאָך פיעל שעפּטשעניסען און פערשטיקטע פייפעררייען, האָט מיך אַ גרופּע חברים אונטער זייער בעגלייטונג אַוועקגעפיהרט צו אַן אַרבייטער, אַ סאָציאַלדעמאָקראַט, ביי וועמען איך האָב געזאָלט איבערנעכטיגען, וועלכער האָט מיך אויפגענומען, אָבוואויל איך בין געווען אַן אַנאַרכיסט, אויף אַ העכסט ריהרענדען אופן אַזוי ווי אַ ברודער. אויף מאָרגען בין איך ווידער אַמאָל אָבגעפאָהרען אויף אַ דאַמפּפער נאָך ענגלאַנד, אַרויסרופענדיג עטליכע גוטמוטהיגע שמייכלען פון די בריטישע טאַמאָזשנע־בעאַמטע, וועלכע האָבען פערלאַנגט איך זאָל זיי ווייזען מיין באַגאַזש, בעת איך האָב זיי גאָרנישט געהאַט וואָס צו צייגען אויסער אַ קליין רייזע־טאַש.

לאַנג בין איך אין לאָנדאָן ניט געבליבען. אין די אויסגעצייכענטע זאַמלונגען פון דעם בריטישען מוזעאום האָב איך שטודירט די אָנפאַנגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, — ווי אַזוי עס קומט אַז רעוואָלוציעס זאָלען אויסברעכען, — איך האָב אָבער געזוכט מעהר טהעטיגקייט, און איך בין באַלד אַוועק נאָך פּאַריז. נאָך דער שטרענגער אונטערדריקונג פון דער קאָמונע, האָט דאָרטען די אַרבייטער־בעוועגונג פון דאָס ניי אָנגעהויבען אויפלעבען. מיט דעם איטאַליענער קאָסטאַ און די עטליכע אַנאַרכיסטישע פריינד, וואָס מיר האָבען געהאַט צווישען די פּאַריזער אַרבייטער, און מיט זשול געד און זיינע קאָלעגען, וועלכע זיינען נאָך צו יענער צייט קיין שטרענגע סאָציאַלדעמאָקראַטען ניט געווען, האָבען מיר געגרינדעט די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּען.

אונזער אָנהויב איז געווען לעכערליך קליין. אַ זעקס אונזערע פלעגען זיך צונויפקומען אין די קאַפעען, און ווען מיר האָבען געהאַט אויף אַ פערזאַמלונג אַן עולם פון הונדערט מענשען, האָבען מיר זיך געפיהלט גליקליך. קיינער וואָלט זיך גאָר דערמאָלט ניט פאָרגעשטעלט, אַז מיט צוויי יאָהר שפּעטער וועט די בעוועגונג זיין אין פולען שוואונג, אָבער פראַנקרייך האָט זיך איהרע אייגענע וועגען פון ענטוויקלונג. ווען אַ רעאַקציע געווינט די אויבערהאַנד, פערשווינדט יעדער מערקבאַרער שפּור פון אַ בעוועגונג. די וואָס קעמפּפען געגען שטראָם זיינען ווענינ אין צאָהל. אָבער אויף עפּעס אַ געהיימניספאָלען אופן, דורך אַ מין אונבעמערקבאַרען איינדרינגען פון אידעען, ווערט די רעאַקציע אונטער־נעגראָבען; אַ נייער שטראָם טרעט אריין, און דאַן שטעלט זיך גאָר פּלוצלונג אַרויס, אַז די אידעע וואָס מען האָט געהאַלטען פאַר טויט, האָט נאָר די גאַנצע צייט געלעבט, איז געוואַקסען און האָט זיך פערשפּרייט; און אַזוי געשווינד ווי עס ווערט מעגליך צו אַגיטירען עפענטליך, טרעטען אַרויס אין פאָדערגרונד טויזענדער אַנהענגער, פון וועמעס עקזיסטענץ קיינער האָט אַפילו ניט געטרוימט. „אין פּאַריז זיינען דאָ", פּלעגט דער אַלטער בלאַנקי זאָגען, „פופציג טויזענד מענשען, וועלכע קומען קיינמאָל ניט צו אַ פערזאַמלונג אָדער אַ דעמאָנסטראַציע; אין דעם מאָמענט אָבער וואָס זיי פיהלען, אַז דאָס פאָלק קען אַרויס אין די גאַסען מאַניפעסטירען זיינע מיינונגען, זיינען זיי דאָ אויפ'ן פּלאַץ צו שטורמען די פּאָזיציע": אַזוי איז עס דעמאָלט געווען. מיר האָבען ניט געהאַט קיין צוואַנציג אונזערע אָנצופיהרען די בעוועגונג, קיין צוויי הונדערט וואָס זאָלען איהר עפענטליך אונטערשטיצען. אויף דעם ערשטען אָנדענקונגס־פייער פון דער קאָמונע אין מערץ 1878, זיינען מיר זיכער ניט געווען קיין צוויי הונדערט. אָבער צוויי יאָהר שפּעטער, ווען עס איז געשטימט געוואָרען פאַר דער אַמנעסטיע פון דער קאָמונע, איז די אַרבייטער בעפעלקערונג פון פּאַריז געווען אין די גאַסען צו בעגריסען די צוריק־קומענדע קאָמו־נאַרען; אין די טויזענדער זיינען זיי זיך צונויפגעקומען זיי אַפּלאָדירען אויף די פערזאַמלונגען, און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט זיך פּלוצלונג אַזוי שטאַרק אויסגעברייטערט, אַז זי האָט מיטגעריסען מיט זיך די ראַדיקאַלען.

די צייט אָבער פאַר דעם דאָזיגען אויפלעבען איז נאָך ניט געווען געקומען, און איין נאַכט, אין אַפּריל 1878, איז קאָסטאַ און אַ פראַנ־צויזישער חבר אַרעסטירט געוואָרען. אַ פּאָליציי־געריכט האָט זיי פער־אורטיילט צו אַכטצעהן חדשים געפענגניס אַלס אינטערנאַציאָנאַליסטען. איך האָב מיך אויסגעדרעהט פון אַרעסטירט ווערען בלויז דורך אַ טעות.

די פאליציי האט געזוכט לעוואשאף'ן, און זי איז אוועק ארעסטירען א רוסישען סטודענט, וועמ'ס נאמען עס האט געקלונגען זעהר ענליך צו דעם. איך האב אנגעגעבען מיין ריכטיגען נאמען און איך בין ווייטער פערבליבען אין פאריז אונטער דעם נאמען פאר נאך א מאנאט. מען האט מיך דאן גערופען נאך דער שווייץ.

VI

אונטער דער צייט, וואס איך בין געווען אין פאריז, האב איך גע־שלאסען מיין ערשטע בעקאנטשאפט מיט טורגעניעף'ן. ער האט אויס־געדריקט זיין וואונש מיך צו זעהן, פאר אונזער ביידענס פריינד פ. ל. לאווראף, און אזוי ווי אן אמת'ער רוס, פייערען מיין ענטלויפען מיט א קליינעם פריינדליכען מיטאג. מיט א געפיהל פון כמעט פערגעטערונג האב איך אריבערגעטראטען דעם שוועל פון זיין צימער. אויב מיט זיין „זאפיסקי אכאטניקא" („נאטיצען פון א יעגער") האט ער געלייסטעט פאר רוסלאנד דעם גרויסען דיענסט פון ווארפען פעראכטונג אויף דער לייבאייגענשאפט (איך האב נאך דעמאלט ניט געוואוסט, אז ער האט גענומען א בעדייטענדען אנטייל אין הערצען'ס „קאלאקאל"), האט ער ניט וועניגער געלייסטעט דורך זיינע שפעטערדיגע נאוועלען. ער האט געצייגט וואס די רוסישע פרוי איז, וואס פאר אוצרות פון גייסט און הארץ זי פערמאגט, וואס זי וואלט געקענט זיין אלס א בעגייסטערין פון די מענער; און ער האט אונז געלערענט ווי אזוי מענער, וועלכע האבען א ווירקליכע פרעטענזיע צו שטעהן העכער, קוקען אויף פרויען, ווי אזוי זיי ליעבען. אויף מיר און אויף טויזענדער פון מיינע צייט־גענאסען האט דער דאזיגער טייל פון זיין לעהרע געמאכט אן איינדרוק וואס קען ניט אבגעמעקט ווערען, א פיעל מעכטיגערען ווי די בעסטע ארטיקלען איבער די פרויען־רעכטע.

זיין אויסזעהן איז וואויל־בעקאנט. הויך, פעסט געבויט, דער קאפ בעדעקט מיט ווייכע און געדיכטע גרויע האר, איז ער זיכער געווען שעהן; זיינע אויגען האבען געגלאנצט מיט אינטעליגענץ, אין וועלכע עס האט ניט געפעהלט א שטריך פון הומאר, און זיין גאנצער בענעהמען איז געווען א בעשטעטיגונג פון יענער איינפאכקייט און ניט־געקינצעלטקייט, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר די בעסטע רוסישע שריפטשטעלער. זיין שעהנער קאפ האט ענטפלעקט א געוואלדיגע ענטוויקלונג פון געהירען־קראפט, און ווען ער איז געשטארבען און פאול בערט צוזאמען מיט פאול

רעקלו (דער כירורג) האָבען געוואויגען זיין מארך, האָט עס אזוי פיעל איבערשטיגען דעם שווערסטען מארך פון וועלכען מען האָט דאן געוואוסט — פון קוואוויער — גרייכענדיג עטוואָס מעהר ווי צוויי טויזענד גראַם. אז זיי האָבען זיך ניט געוואָלט פערלאָזען אויף זייערע וואָגשאָלען און האָבען געקראָגען אנדערע, נייע וואָגשאָלען, כדי נאָכאמאָל איבערצו־וועגען.

בעזאָנדערס מערקווירדיג איז געווען זיין רעדען. ער האָט גערעדט אזוי ווי ער האָט געשריבען, אין בילדער. ווען ער האָט געוואָלט ענטוויקלען אן אידעע, האָט ער זיך ניט בענוצט מיט ארגומענטען, אָבוואויל ער איז געווען א מייסטער אין פילאָזאָפישע דיסקוסיאָנען; ער האָט זיין אידעע אילוסטרירט דורך א סצענע, וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אין אזא פּראכטפאָלער פאָרם, אזוי ווי זי וואָלט ארויסגענומען געוואָרען פון איינער פון זיינע נאָוועלען.

„איהר האָט געמוזט האָבען א היבש ביסעל ערפאהרונג אין אייער לעבען צווישען פראנצויזען, דייטשען און מענשען פון אנדערע פעלקער". האָט ער איינמאָל צו מיר געזאָגט. „האָט איהר ניט בעמערקט, אז עס איז פאראן א טיעפער תהום, ניט צו דערגרונטעווען, צווישען זייערע און די רוסישע בעגריפען און אנזיכטען וועגען איינע און דיזעלבע אנגע־לעגענהייטען, — אז עס גיבען פּונקטען, אויף וועלכע מיר קענען זיך איינמאָל ניט איינינגען?"

איך האָב געענטפערט, אז איך האָב אזעלכע פּונקטען ניט בעמערקט.

„יאָ, עס זיינען פאראן אזעלכע. אָט האָט איהר איינעם. איין אָבענד זיינען מיר געווען אויף דער ערשטער פאָרשטעלונג פון א נייער טהעאטער־שטיק. איך בין געווען אין א לאָזשע צוזאמען מיט פלאָבערט, דאָדע און זאָלא. (איך בין ניט גאַנץ זיכער צי ער האָט דערמאָנט ביידען, זאָלא'ן און דאָדע'ן, איינעם פון זיי האָט ער זיכער דערמאָנט.) אלע זיינען געווען מענשען מיט פאָרטגעשריטענע אידעען. דער סוזשעט פון דער דראמא איז געווען אזא: א פרוי האָט זיך געשיידט פון איהר מאַן. זי האָט זיך ווידער פערליעבט, און איצט האָט זי געלעבט מיט אן אנדער מאַן. דער דאָזיגער מאַן איז פאָרגעשטעלט געוואָרען אין דער שטיק אלס אן אויסגעצייכענטע פּערזאָן. יאָהרענלאַנג זיינען זיי געווען גאַנץ גליקליך. איהרע צוויי קינדער — א מיידעל און א אינגעל — זיינען נאָך געווען עופּה'לעך אין דער צייט פון דער שיידונג; איצט זיינען זיי געווען אויסגעוואקסען און זיינען די גאַנצע צייט געווען זיכער אז דער מאַן איז זייער ריכטיגער פאָטער. די מיידעל איז געווען ארום אכצעהן יאָהר און דער אינגעל ארום זיעבעצעהן. דער מאַן האָט זיי בעהאנדעלט

פונקט ווי א פאָטער, זיי האָבען איהם געליעבט און ער האָט זיי געליעבט. די סצענע האָט פאָרגעשטעלט ווי די פאמיליע בעגעגענט זיך ביים פריה־שטיק. די מיידעל קומט אריין און געהט צו צו איהר אָנגענומענעם פאָטער, און ער וויל זי א קוש טהאָן, בעת דער אינגעל, וועלכער האָט זיך ווי עס איז דערוואוסט דעם אמת וועגען דער אנגעלעגענהייט, לויפט צו און שרייט אויס, „דערוועגט זיך ניט!“

„דער דאָזיגער אויסגעשריי האָט אויפגעשטורעמט דעם טהעאטער. עס האָט אויסגעבראָכען א ווילדער אפּלאָז. פלאָבערט און דאָדע האָבען זיי מיטגעהאלטען. מיך האָט עס אָבגעעקעלט.

„סטייטיש“, האָב איך גע׳טענה׳ט, „די דאָזיגע פאמיליע איז געווען גליקליך; דער מאַן איז געווען א בעסערער פאָטער צו די דאָזיגע קינדער איידער זייער אייגענער פאָטער... זייער מוטער האָט איהם געליעבט און איז געווען גליקליך מיט איהם... אָט דעם צולאָזענעם, פערדאָרבענעם אינ־געל האָט מען פשוט געדאַרפט אָבשמייסען פאַר דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט“... ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפען. שטונדען לאַנג האָב איך דערנאָך מיט זיי דיסקוטירט; זיי האָבען מיך קיינער ניט געקענט פערשטעהן!“

פערשטעהט זיך, איך בין געווען פאַלשטענדיג איינפערשטאַנען מיט טורגעניעף׳ס שטאַנדפּונקט. איך האָב אָבער בעמערקט, אז זיינע בעקאַנט־שאַפטען זיינען מייסטענס געווען צווישען די מיטעלקלאַסען. דאָרטען איז דער אונטערשייד צווישען די נאציאָנאַליטעטען ווירקליך אונגעהייער גרויס. מיינע בעקאַנטשאַפטען אָבער זיינען געווען אויסשליסליך צווישען די ארבייטער, און צווישען די ארבייטער, דערהויפּט די פּויערים, פון אַלע נאַציאָנען, איז דוקא פאַראַן א גרויסע עהנליכקייט.

דאָס וואָס איך האָב געזאָגט איז אָבער געווען אין גאַנצען פאַלש. נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט די געלעגענהייט זיך נעהנטער צו בעקענען מיט די פראַנצויזישע ארבייטער, האָב איך אָפט געטראַכט וועגען דער וואהרהייט פון טורגעניעף׳ס בעמערקונג. עס איז ווירקליך פאַראַן אַן אמת׳ער תהום צווישען די רוסישע בעגריפען וועגען די הייראַטס־פערהעל־טעניסען און די וואָס הערשען אין פראַנקרייך, אונטער די ארבייטער אזוי גוט ווי ביי די מיטעלקלאַסען; און אין פיעלע אַנדערע זאַכען איז פאַראַן אַן עהנליכער אונטערשייד צווישען דעם שטאַנדפּונקט פון די רוסען און די אַנדערע נאַציאָנען.

נאָך טורגעניעף׳ס טויט האָב איך ערגעץ געהערט זאָגען, אז ער האָט בדעה געהאַט אָנצושרייבען א נאָוועלע איבער דעם דאָזיגען ענין. אויב ער האָט עס אָנגעהויבען, מוז זיך די אויבענדערמאָנטע סצענע געפינען אין זיין מאַנוסקריפּט. וואָס פאַר א שאָד, וואָס ער האָט עס ניט אָנגעשריבען!

ע׳, אַן עכטער מערב־אייראָפּעער אין זיין דענקונגס־וויַיזע, האָט געקענט זאָג׳ן זעהר טיעפע זאַכען וועגען אַן ענין, וועלכער האָט איהם פערזענליך געמוזט אַזוי טיעף אָנריהרען זיין גאַנצען לעבען.

פון אַלע נאָוועלען־שרייבער פון אונזער יאָהרהונדערט, האָט טורגעניעף זיכער דערגרייכט די גרעסטע פאָלקאָמענהייט אַלס קינסטלער, און זיין פּראָזאַ קלינגט פאַר דעם רוסישען אויער אַזוי ווי מוזיק — מוזיק, וואָס איז אַזוי טיעף ווי בעטהאָווען׳ס. זיינע הויפּט נאָוועלען — די סעריע פון „דמיטרי רודין“, „אַ נעסט פון אַדעליגע“, „אם פּאָראַבענד“, „פאָטערס און זיהן“, „רויך“ און „אונבעריהרט לאַנד“ — שטעלען פאָר די בעדייטענדע „עפּאָכע־מאַכענדע“ טיפּען פון די געבילדעטע קלאַסען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך האַסטיג ענטוויקעלט איינע נאָך די אַנדערע נאָך 1848. אַלע זיינען געצייכענט מיט דער פולקייט פון פילאָזאָפישער אויפפאַסונג, מיט הומאַניטערער פערשטענדניס און אַ שעהנקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין אירגענד וועלכער אַנדער ליטעראַטור. און דאָך איז זיין „פאָטערס און זיהן“ — אַ נאָוועלע, וועלכע ער האָט מיט רעכט בעטראַכט אַלס זיין טיעפּסטעס ווערק — אויפגענומען געוואָרען פון דער רוסישער יוגענד מיט שטאַרקען פּראָטעסט. אונזער יוגענד האָט ערקלערט, אַז דער ניהיליסט באַזאַראָף איז בשום אופן ניט געווען קיין ריכטיגער פערטרעטער פון זיין קלאַס; פיעלע האָבען איהם זאָגאַר בעצייכענט אַלס אַ קאַריקאַטור פון ניהיליזם. טורגעניעף איז געווען שטאַרק געטראָפען פון דער דאָזיגער מיספערשטענדניס, און כאָטש שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבען זיין „אונבעריהרט לאַנד“, האָט זיך די יוגענד אין פּעטערבורג מיט איהם איבערגעבעטען, איז די וואונד פון די אָנגעגריפען, וואָס זיינען אויף איהם געמאַכט געוואָרען, קיינמאָל ניט פערהיילט געוואָרען.

פון לאַווראָף׳ען האָט ער געוואוסט, אַז איך בין אַן ענטהוזיאַסטישער פערעהרער פון זיינע שריפטען; און איין טאָג, צוריקפאָהרענדיג אין אַ קאַרעטע פון אַ בעזוך אין אַנטאָקאָלסקי׳ס סטודיאָ, האָט ער מיך געפרעגט וואָס איך דענק וועגען באַזאַראָף. איך האָב גאַנץ אָפענהערציג געענטפערט, „באַזאַראָף איז אַן אויסגעצייכענטער פּאָרטרעט פון אַ ניהיליסט, אָבער איהר האָט איהם ניט געליעבט אַזוי פיעל ווי אייערע אַנדערע העלדען“.

„אין געגענטייל, איך האָב איהם געליעבט, שטאַרק געליעבט“, האָט טורגעניעף געענטפערט, מיט אַן אונערוואַרטעטער פרישקייט. „ווען מיר וועלען קומען אַהיים, וועל איך אייך ווייזען מיין טאַגעבוך, אין וועלכען איך האָב פערצייכענט ווי איך האָב געוויינט, בעת איך האָב געענדיגט די נאָוועלע מיט באַזאַראָף׳ס טויט.“

טורגעניעף האָט זיכער ליעב געהאט באזאראָף'ס אינטעלעקטועלע זייט. ער האָט זיך אזוי צונויפגעגאָסען מיט דער ניהיליסטישער פילאָזאָפיע פון זיין העלד, אז ער האָט זאָגאר געפיהרט אַ טאגעבוך אין זיין נאָמען, אָבשעצענדיג די טעגליכע פאסירונגען פון באזאראָף'ס שטאנדפונקט. איך דענק אָבער, אז ער האָט איהם בעוואונדערט מעהר איידער ער האָט איהם געליעבט. אין אַ גלענצענדער לעקציע איבער האמלעט און דאָן קיכאָט האָט ער פונאנדערגעטיילט די וואָס שאפען די געשיכטע פון דער מענשהייט אין צוויי קלאסען, וועלכע ווערען פאָרגעשטעלט דורך איינעם אָדער דעם אנדערען פון די דאָזיגע כאראקטערע. „ערשטענס אַ נ אַ ל י ז (צוגליעדערונג), דאַן עגאָאיזם, און פאָלגליך קיין גלויבען,— אַן עגאָאיסט קען אפילו אין זיך אליין ניט גלויבען": אזוי כאראקטעריזירט ער האמלעט'ן. „דעריבער איז ער אַ סקעפּטיקער, און וועט קיינמאָל גאָרנישט ניט דערגרייכען; בעת דאָן קיכאָט, וועלכער קעמפפט אנטקעגען ווינד-מיהלען און נעהמט-אָן אַ פריזירער'ס טעלער פאר מאמברינאָ'ס מאגישען קיווער (ווער פון אונז האָט ניט געמאכט דעם אייגענעם טעות?), איז אַ פיהרער פון די מאסען, ווייל די מאסען פאָלגען תמיד נאָך יענע, וועלכע קימערען זיך ניט וועגען דעם סארקאזם פון דער מאיאָריטעט, אָדער אפילו פאר פערפאָלגונגען, און מארשירען פאָרווערטס, האלטענדיג זייערע אויגען געריכטעט צו דעם ציעל, וועלכען פיליכט קיינער זעהט ניט אויסער זיי אליין. זיי זוכען, זיי פאלען, זיי שטעהען אָבער ווידער אויף, און זיי געפינען עס, — און עס איז גאנץ רעכט אזוי. דאָך, אָבוואויל האמלעט איז אַ צווייפלער און גלויבט ניט אין דאָס גוטע, פונדעסטוועגען הערט ער ניט אויף גלויבען אין דאָס בעזע. ער האסט עס; שלעכטסקייט און פאלשקייט זיינען זיינע פיינד; און זיין סקעפּטיציזם איז ניט קיין גלייכגילטיגקייט, ער איז ניט מעהר ווי די פייניגונג און דער צווייפעל, וועלכע פערצעהרען ענדליך זיין ווילען".

די דאָזיגע געדאנקען טורגעניעף'ס, דענק איך, גיבען דעם ריכטיגען שליסעל צו פערשטעהן זיין שייכות צו זיינע העלדען. ער אליין, און מעהרערע פון די בעסטע פריינד זיינע, האָבען מעהר אָדער וועניגער געהערט צו די האמלעטס. האמלעט'ן האָט ער ליעב געהאט, דאָן קיכאָט'ן האָט ער בעוואונדערט. אזוי האָט ער אויך באזאראָף'ן בעוואונדערט. ער האָט פאָרגעשטעלט זיינע העכערע מעלות אויסגעצייכענט גוט. ער האָט פערשטאנען דעם טראגישען כאראקטער פון זיין איינזאמער לאגע, ער האָט איהם אָבער ניט געקענט ארומרינגלען מיט יענער צארטער, פאָטערישער ליעבע, מיט וועלכער ער האָט בעשאָנקען אזוי ווי אַ קראנקען פריינד יענע העלדען

זיינע, וואָס זיינען נאָהענט געווען צו דעם האמלעט טיפּ. אזא ליעבע וואָלט ניט געווען אם פּלאַץ.

„האָט איהר געקאָנט מישקין'ען?" האָט ער מיך איינמאָל געפרעגט אין 1878. אויפ'ן פּראָצעס פון אונזער קרוזשאָק האָט זיך מישקין ארויס־געוויזען אלס די מעכטיגסטע פּערזענליכקייט. „איך וואָלט געוואָלט וויסען אלעס וועגען איהם", האָט ער פאָרטגעזעצט. „דאָס איז א מאַן; ניטאָ אין איהם קיין ברעקעל שפּור פון האמלעטיזם". און זאָגענדיג עס האָט ער ווי עס ווייזט אוים זיך פערטראַכט איבער דעם דאָזיגען נייעם טיפּ אין דער רוסישער בעוועגונג, וועלכער האָט נאָך ניט עקזיסטירט אויף דער שטופע, וואָס טורגעניעף האָט געהאַט בעשריבען אין זיין „אונבעריהרט לאַנד", — אָבוואויל דאָס בוך איז ערשט ערשיענען מיט צוויי יאָהר שפּעטער.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהן אינ'ם הערבסט פון 1881. ער איז געווען זעהר קראַנק און געפּלאָגט פון דעם געדאַנק, אז עס ליעגט אויף איהם א פליכט צו שרייבען אלעקסאנדער דעם 3טען — וועלכער איז נאָר־וואָס ארויף אויפ'ן טראָהן און איז נאָך ניט געווען ענטשלאָסען איבער דער פּאָליטיק וואָס ער זאָל פערפאָלגען — און איהם בעטען ער זאָל געבען רוסלאַנד א קאָנסטיטוציע, בעווייזענדיג איהם מיט פעסטע ארגו־מענטען די נויטווענדיגקייט פון אזא שריט. מיט א דייטליכען שמערץ האָט ער צו מיר געזאָגט: „איך פיהל, אז איך מוז עס טהאָן, איך פיהל אָבער, אז איך וועל עס ניט קענען טהאָן". אין דער ווירקליכקייט האָט ער שוין דעמאָלט געליטען שרעקליכע יסורים, וואָס זיינען איהם פעראורזאכט געוואָרען פון א קרעבס אין רוקען־מארך, און עס איז איהם אָנגעקומען מיט גרויס שווערקייט צו זיצען א ווײַלע און רעדען מיט א פריינד. ער האָט דעמאָלט ניט געשריבען, און אין עטליכע וואָכען ארום וואָלט עס געווען ארויסגעוואָרפען. אלעקסאנדער דער 3טער האָט בעקאנט געמאכט אין א מאניפעסט זיין אבזיכט צו בלייבען דער אבסאָלוטער הערשער פון רוסלאַנד.

VII

די געשעהעניסען אין רוסלאַנד האָבען דערווייל גענומען א גאַנץ נייע ווענדונג. די מלחמה, וואָס רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען אנטקעגען דער טירקיי אין 1877, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אן אלגעמיינער ענטוישונג. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט אין לאַנד געהערשט א שטאַר־קער ענטהוזיאזם צו גונסטען די סלאַווען. פיעלע האָבען אויך געגלויבט, אז א בעפרייאונגס־קריעג אין די באלקאַנען וועט זיך אויסלאָזען מיט א בעווע־

גונג אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס אין רוסלאַנד גופא. אָבער די בעפריי־אונג פון די סלאַווען איז נאָר טיילווייז דורכגעפיהרט געוואָרען. די אונגעהייערע קרבנות, וואָס די רוסען האָבען געבראַכט, זיינען געבליבען אָהן ווירקונג צוליעב די פעהלערען פון די העכערע מיליטערישע בעאמטע. הונדערטער טויזענדער מענשען זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אין די מלחמות, וואָס זיינען נאָר געווען האַלב זיעגרייך, און די קאָנצעסיעס וואָס מען האָט אַרויסגעריסען פון דער טירקיי, זיינען געוואָרען צו גאָר־נישט אויף דעם בערלינער קאָנגרעס. עס איז אויך געווען גוט בעוואוסט, אַז גנבות פון שטאַאַט־געלדער זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער דאָזיגער מלחמה, כמעט אויף אַזאַ גרויסען מאַסשטאַב ווי בעת דער קרימער קריעג.

אין מיטען פון דער אַלגעמיינער אונצופריעדענהייט, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד ביי דעם סוף פון 1877, איז פאָרגעקומען פאַר אַ הויכען געריכט דער פּראָצעס פון הונדערט און דריי־און־נייניצג פערזאָנען, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען זינט דעם יאָהר 1873 אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער אַגיטאַציע. די אָנגעקלאָגטע, פערטיידיגט פון אַ היבשער צאָהל טאַלאַנטפולע אדוואָקאַטען, האָבען באַלד געוואונען די סימפּאַטיע פון דעם גרויסען עולם. זיי האָבען געמאַכט אַ זעהר גינסטיגען איינדרוק אויף דער פּעטערבורגער געזעלשאַפט; און ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז די מייסטע פון זיי האָבען פערבראַכט דריי אָדער פיער יאָהר אין געפענגנים, וואַרטענדיג אויף דעם דאָזיגען פּראָצעס, און אַז נים ווענינער ווי איין־און־צוואַנציג פון זיי האָבען אָדער געמאַכט אַ סוף פון זייערע לעבענס דורך זעלבסט־מאָרד, אָדער זיינען משוגע געוואָרען, איז דער געפיהל פון סימפּאַ־טיע צו זיי געוואָרען נאָך שטאַרקער אפילו צווישען די ריכטער גופא. דאָס געריכט האָט אַרויסגעגעבען זעהר שווערע אורטיילען אויף אייניגע, און פערהעלטניסמעסיג לייכטע אויף די איבעריגע, ערקלערענדיג, אַז די צייט וואָס זיי זיינען אָבגעזעסען פאַר׳ן פּראָצעס, איז געווען גענוג לאַנג, אַוון שוין אַליין אַ גענוג שווערע שטראָף, אַז עס איז נים רעכט צו בעשטראָפען זיי נאָך מעהר. מען האָט ערוואַרטעט, אַז דער קייזער וועט זיכער נאָך מעהר פערגרינגערען דעם אורטייל. צו אַלעמענס ערשטוינען האָט אָבער פּאַסירט, אַז ער האָט די אורטיילען געענדערט, אָבער כדי זיי שווערער צו מאַכען. די, וועמען דאָס געריכט האָט בעפרייט, זיינען פערשיקט געוואָרען אין ווייטע געגענדען פון רוסלאַנד און סיביר, און פון פינף ביז צוועלף יאָהר קאַטאָרגע איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף די, וועמען דאָס געריכט האָט פּעראורטיילט צו קורצע געפענגנים טערמינען. דאָס איז געווען די אַרבייט פון דעם שעף פון דער דריטער אבטיילונג, גענעראַל מעזענצאָף.

אין דער איינגענער צייט האָט פּאַסירט, אַז דער שעף פון דער פּעטער־בורגער פּאָליציי, גענעראַל טרעפּאָף, בעמערקענדיג אין פערהאַפּטונגס־הויז, אַז איינער פון די פּאָליטישע געפאַנגענע, באָגאָליובאָף, האָט ניט ארונטערגענומען דעם הוט צו בעגריסען דעם אַלמעכטיגען סאַטראַפּ, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם, האָט איהם געשלאָגען, און ווען דער געפאַנגענער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען, האָט ער געגעבען אַ בעפעהל מען זאָל איהם שמייסען. די איבעריגע געפאַנגענע, דערוויסענדיג זיך אין זייערע צעלען וועגען דעם פאַקט, האָבען גאַנץ הויך אויסגעדריקט זייער עמפּעהרונג, און דערפאַר זיינען זיי שרעקליך געשלאָגען געוואָרען פון די אויפזעהער און די פּאָליציי. די רוסישע פּאָליטישע געפאַנגענע האָבען אריבערגעטראָגען, ניט בעקלאָגענדיג זיך, אַלע ליידען וואָס מען האָט זיי אויסגעטיילט אין סיביר אָדער אויף קאַטאָרגע, זיי זיינען אָבער געווען פעסט ענטשלאָסען ניט צו דולדען קיין קערפּערליכע בעשטראָפונג. אַ יונגע מיידעל, וויעראַ זאַסוליטש, וועלכע האָט אפילו פּערזענליך ניט געקאָנט באָגאָליובאָף'ן, האָט גענומען אַ רעוואָלווער, איז אַוועק צום שעף פון דער פּאָליציי, און האָט אויף איהם געשאָסען. טרעפּאָף איז מעהר ניט ווי פערוואונדעט געוואָרען. אַלעקסאַנדער דער 2טער איז געקומען אָנקוקען די העלדישע מיידעל, וועלכע האָט געמוזט מאַכען אויף איהם אַן איינדרוק מיט איהר אויסערגעוועהנליך ליעבליכען פּנים און בעשיידענהייט. טרע־פּאָף האָט געהאַט אַזוי פיעל שונאים אין פּעטערבורג, אַז עס האָט זיך זיי איינגעגעבען פּאָרצובערענגען דעם פּראָצעס פאַר אַ געוועהנליכען געריכט פון געשוואָרענע, און וויעראַ זאַסוליטש האָט אין געריכט ערקלערט, אַז זי האָט זיך נור דאַן גענומען צו דער וואַפע, ווען אַלע מיטלען ווי אַזוי פּאָרצובערענגען די אַנגעלעגענהייט פאַר דער עפענטליכקייט און געפינען וויפיעל עס איז גערעכטיגקייט, זיינען שוין געווען אויסגעשעפּט. אפילו דעם פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טיימז" האָט מען געבעטען ער זאָל דעם פאַל דערמאָנען אין זיין צייטונג; ער האָט עס אָבער ניט געטהאָן, אפשר דערפאַר ווייל ער האָט עס געהאַלטען פאַר אונגלויב־ליך. דאַן, קיינעם ניט דערצעהלענדיג וועגען איהר בעשלוס, איז זי אַוועק שיסען טרעפּאָף'ן. איצט אַז די זאַך איז אַרויסגעקומען אין דער עפענט־ליכקייט, איז זי גאַנץ צופריעדען צו הערען, אַז ער איז ניט מעהר ווי לייכט פערוואונדעט. די געשוואָרענע האָבען איהר איינשטימיג פריינעשפּראָכען; און ווען די פּאָליציי האָט פּרובירט איהר אַ צווייטען מאָל ארעסטירען, בעת זי האָט פערלאָזען דאָס געריכטס־הויז, האָבען די פּעטערבורגער יונגע לייט, וועלכע זיינען געשטאַנען מאַסענווייז פאַר די טהויערען, איהר

ארויסגעראטעוועט פון זייערע לאפעס. זי איז אוועק אין אויסלאנד, און איז אין גיכען געווען צווישען אונז אין דער שווייץ.

די דאָזיגע אפערע האָט אָנגעמאכט א גאנצע סענזאציע אין אייראָפּא. איך בין געווען אין פאריז, ווען די נייעס פון איהר פריישפּרעכונג איז אָנגעקומען, און יענעם טאָג איז מיר גראָד אויסגעקומען צו בעזוכען איינינע צייטונגס־קאָנטאָרען צוליעב געשעפטס־אנגעלעגענהייטען. איך האָב די רעדאקטערע געטראָפען אויפגעוואָרעמט מיט ענטהוזיאזם, און שרייבענדיג שטארקע ארטיקלען צו פערהערליכען די מיידעל. אפילו די ערנסטע „רעווי דע דעומאָנד“ האָט געשריבען אין איהר איבערבליק איבער׳ן יאָהר, אז די צוויי פּערזאָנען, וועלכע האָבען געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק אויף דער עפענטליכער מיינונג אין אייראָפּא אין 1878, זיינען געווען פּרינץ גאָרטשאקאָף, אויף דעם בערלינער קאָנגרעס, און וויערא זאסוליטש. אין איינינע קאלענדארען האָט מען געגעבען זייערע בילדער איינעם נעבען דעם אנדערען. אויף די ארבייטער פון אייראָפּא האָט וויערא זאסוליטש׳עס איבערגעבענהייט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק.

עטליכע חדשים שפּעטער, אָהן וועלכער עס איז צונויפגערעדטער פערשווערונג, זיינען געמאכט געוואָרען פיער אָנגריפע אויף געקרוינטע קעפּ, איינער נאָכ׳ן אנדערען. דער ארבייטער היידעל און דר. נאָבלינג האָבען געשאָסען אויפ׳ן דייטשען קייזער; עטליכע וואָכען שפּעטער האָט א שפּאנישער ארבייטער, אָליוואַ מאָנקאסי, געמאכט א פערזוך צו שיסען דעם שפּאנישען קעניג, און דער קוכער פּאססאנאנטע האָט זיך א וואָרף געטהאָן מיט זיין מעסער אויף דעם קעניג פון איטאליען. די אייראָפּעאישע רעגיערונגען האָבען ניט געקענט גלויבען, אז אזעלכע אטענטאטען אויף די לעבענס פון די דריי קעניגע זאָלען האָבען פּאָרגעקומען אָהן א וועלכער עס איז אינטערנאציאָנאלער קאָנספּיראציע הינטער זיך, און זיי האָבען זיך אָנגעכאפּט אָן דעם שלוס, אז די יורא פעדעראציע און די אינטערנאציאָנאלע ארבייטערס׳ אסאָציאציע זיינען פעראַנטוואָרטליך דערפאר.

מעהר ווי צוואנציג יאָהר זיינען שוין אריבער זינט דעמאָלט, און איך קען זאָגען מיט דער גרעסטער זיכערהייט, אז עס איז אבסאָלוט קיין שום גרונד ניט געווען פאר אזא השערה. פונדעסטוועגען האָבען זיך אלע אייראָפּעאישע רעגיערונגען ארויפגעוואָרפען אויף די שווייץ, פאָרוואָרפענדיג איהר, אז זי איז א מקום מקלט פאר רעוואָלוציאָנערען, וועלכע אָרגאניזירען אזעלכע פערשווערונגען. פּאול ברוס, דער רעדאקטאָר פון דער יורא צייטונג, דער „אוואנגארד“, איז ארעסטירט און אָנגעקלאָגט געוואָרען. די שווייצארישע ריכטער, זעהענדיג אז עס איז קיין שום גרונד ניטאָ

אויף וועלכען מען זאָל קענען פערבינדען ברוס'ען אָדער די יורא פעדע־ראַציע מיט די לעצטע אטענטאַטען, האָבען ברוס'ען בלויז פער'משפּט צו א פּאָר מאָנאַטען געפענגניס פאר זיינע ארטיקלען; אָבער די צייטונג האָט מען אונטערדריקט, און אַלע דרוקערייען אין דער שווייץ זיינען אויפגע־פאָדערט געוואָרען פון דער פעדעראַלער רעגיערונג ניט צו דרוקען די דאָזיגע צייטונג, אָדער וועלכע עס איז אנדערע עהנליכע צייטונג. די יורא פעדעראַציע איז אויף אזא אופן געבליבען אָהן אַן אָרגאַן.

אחוץ דעם האָבען נאָך די שווייצארישע פּאָליטיקער, וועלכע האָבען געקוקט קרום אויף דער אַנאַרכיסטישער אגיטאַציע אין זייער לאַנד, פּריוואט געהאנדעלט אזוי, ווי זיי וואָלטען געוואָלט צווינגען די וויכטיגסטע שווייצארישע מיטגליעדער פון דער יורא פעדעראַציע זיך צוריקצוציהען פון עפענטליכען לעבען, אָדער צו פערהונגערען. ברוס איז אויסגעוויזען געוואָרען פון דער שווייץ. זשיימס גיליאָם, וועלכער האָט גאַנצע אַכט יאָהר אַנגעהאַלטען דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער פעדעראַציע, טראָץ אַלע שטערונגען, און האָט געמאַכט א לעבען הויפּטזעכליך פון לעהרעריי, האָט מעהר קיין בעשעפטיגונג ניט געקענט קריגען, און ער איז געווען געצוואונ־גען צו פערלאָזען די שווייץ און אריבערפאָהרען אין פראַנקרייך. אדהעמאַר שוויטצגעבעל האָט ניט געפונען קיין ארבייט אין דעם זייגער־פאַך, און אזוי ווי ער איז געווען בעפאַלען מיט א גרויסער פאַמיליע, האָט ער זיך געמוזט צוריקציהען פון דער בעוועגונג. שפּיכיגער איז געווען אין דער זעלבער לאַגע, און ער האָט אויסגעוואַנדערט. עס איז אויף אזא אופן אויס־געקומען, אז איך, אַן אויסלענדער, האָב געמוזט איבערנעהמען די רעדאַ־גירונג פון דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער פעדעראַציע. איך האָב נאַטיר־ליך דערצו קיין גרוים חשק ניט געהאַט, עס איז אָבער קיין ברירה ניט געווען, און צוזאַמען מיט צוויי פריינד, דומאַרטהעריי און הערציג, האָב איך געגרינדעט א נייע צוויי־וועכענטליכע צייטונג אין זשענעוואַ, אין פעברואַר 1879, אונטער דעם נאָמען „לע רעוואָלטע". דעם גרעסטען טייל פון דער צייטונג האָב איך געמוזט אליין אָנשרייבען. אָנצופאַנגען די צייטונג האָבען מיר געהאַט ניט מעהר ווי דריי־און־צוואַנציג פראַנק (אַן ערך פיער דאָלאַר), אָבער מיר האָבען זיך אַלע גענומען פאַר דער ארבייט צו קריגען אבאָנעמענטען, און עס איז געלונגען ארויסצוגעבען אונזער ערשטען נומער. זי איז געווען געמעסיגט אין טאָן, אָבער רעוואָלוציאָנער אין איהר עצם, און איך האָב זיך גענומען די גרעסטע מיה צו שרייבען אין אזא סטיל, אז קאָמפּליצירטע היסטאָרישע און עקאָנאָמישע פראַגען זאָלען זיין צוגענגליך פאַר יעדען אינטעליגענטען ארבייטער. זעקס הונדערט קאָפּיעס איז געווען די העכסטע צאָהל, וואָס די פריהערדיגע אויפלאַגען

פון אונזערע צייטונגען האָבען ווען עס איז דערגרייכט. פון „לע רעוואָלטע" האָבען מיר געדרוקט צוויי טויזענד קאָפּיעס, און אין עטליכע טעג אַרום איז קיין איינע ניט געבליבען. די צייטונג איז געווען אַן ערפאָלג און זי ווערט נאָך איצט פאָרטגעזעצט אין פּאַריז, אונטער דעם נאָמען „טאַן נואוואָ" („נייע צייט").

סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבען אָפט אַ טענדענץ צו ווערען איינ־פאַכע קלאָג־שריפטען איבער די עקזיסטירענדע אומשטענדען. עס ווערט דאָרטען דערצעהלט פון דער אונטערדריקונג פון די אַרבייטער אין די מינען, אין די פאַבריקען און אויפ'ן פעלד; דער עלענד און די ליידען פון די אַרבייטער אין די צייטען פון סטרייקס ווערען געשילדערט מיט לעבעדיגע פאַרבען; זייער הילפלאָזיגקייט אין דעם קאַמפּף אַנטקעגען זייערע אַרבייט־געבער ווערט שטאַרק בעטאָנט: און דאָס דאָזיגע שטענ־דיגע דערצעהלען פון די האָפנונגסלאָזע אָנשטרענגונגען, איבט אויס אַ העכסט פערצווייפלענדען איינפלוס אויפ'ן לעזער. כדי אָבצושוואַכען די דאָזיגע ווירקונג, מוז זיך דער רעדאַקטאָר הויפּטזעכליך פערלאָזען אויף פלאַמענדע ווערטער, דורך וועלכע ער זוכט צו בעגייסטערען זיינע לעזער מיט ענערגיע און בטחון. איך האָב געדענקט פונקט פערקעהרט, אַז אַ רעוואָלוציאָנערע צייטונג מוז מעהר ווי אַלץ זיין אַ פערצייכענונג פון יענע סימפּטאָמען, וועלכע זאָגען אומעטום אָן דאָס אָנקומען פון אַ נייער עפּאָכע, דאָס אויפשפּראָצען פון נייע פאָרמען פון סאָציאַלען לעבען, דעם וואַקסענדען רעוואָלט אַנטקעגען די פערעלטערטע אינסטיטוציעס. מען מוז אויפפּאַסען אויף אַט די סימפּטאָמען, מען דאַרף זיי צונויפברענגען אין זייער נאָהענטער שייכות און אַזוי גרופּירען, אַז זיי זאָלען צייגען די אונ־ענטשלאָסענע מוחות פון דער מאַיאָריטעט די אונזיכטבאַרע און אָפטמאָל אונבעוואוסטע שטיצע, וואָס די פאָרטגעשריטענע אידעען געפינען איבעראַל, בעת עס קומט פאָר אין דער געזעלשאַפט אַן אויפבליהען פון געדאַנקען. מאַכען מען זאָל פיהלען סימפּאַטיע מיט דעם קלאַפּען פון דער מענשליכער האַרץ איבער דער גאַנצער וועלט, מיט איהר אויפשטאַנד אַנטקעגען דער דורות־לאַנגער אונטערטעניגקייט, מיט איהר פערזוך זיך אויסצואַרבייטען נייע פאָרמען פון לעבען — דאָס דאַרף זיין די הויפּט־פליכט פון אַ רעוואָלוציאָנערער צייטונג. האָפענונג, ניט פערצווייפלונג, מאַכט ערפאָלגרייכע רעוואָלוציעס.

היסטאָריקער דערצעהלען אונז אָפט, ווי דער אָדער יענער סיסטעם פון פילאָזאָפיע האָט דורכגעפיהרט אַ געוויסע ענדערונג אין די מענשליכע געדאַנקען, און דערנאָך אין די אינסטיטוציעס. אָבער דאָס איז ניט קיין היסטאָריע. די גרויסע סאָציאַלע פילאָזאָפען האָבען ניט מעהר ווי אויפ־

געכאַפּט די צייכענס פון די קומענדע ענדערונגען, זיי האָבען פערשטאַנען זייער אינערליכע שייכות, און מיט דער הילף פון אינדוקציאָן און אינער־ליכער דערקענטניס, האָבען זיי פאָראויסגעזאָגט, וואָס עס וועט פּאַסירען. עס מעג זיך אויך זיין לייכט צו צייכענען אַ פּלאַן פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, אויסגעהענדיג פון אייניגע פּרינציפּען און ענטוויקלענדיג זיי ביז צו זייערע נויטווענדיגע קאָנזעקווענצען, אַזוי ווי אַ געאָמעטרישען שלוס פון אייניגע אַקסיאָמען; אָבער דאָס איז ניט קיין סאָציאָלאָגיע. אַ ריכטיגע געזעלשאַפטליכע פאָראויסזאָגונג קען אַנדערש ניט געמאַכט ווערען, סיידען מען האַלט די אויגען אָפען אויף די טויזענדער צייכענס פון דעם נייעם לעבען, אָבזונדערענדיג די צופעליגע פאַקטען פון די וואָס זיינען אָרגאַניש וויכטיג, און בויענדיג די גענעראַליזאַציעס אויף דעם דאָזיגען באַזיס.

דאָס איז געווען די מעטאָדע פון דענקען, מיט וועלכער איך האָב זיך בעמיהט בעקאַנט־צו־מאַכען מיינע לעזער, געברויכענדיג אייניפאַכע, פער־שטענדליכע ווערטער, כדי אַז דער בעשיידענסטער פון זיי זאָל זיך צוגע־וועהנען צו אורטיילען פאַר־זיך, וואוהין די ענטוויקלונג פון דער געזעל־שאַפט געהט, און זאָל קענען פעררייכטען דעם דענקער, אויב יענער קומט צו פאַלשע שליסע. וואָס אָנבעלאַנגט דער קריטיק אויף דאָס עקזיסטי־רענדע, האָב איך זיך מיט דעם אָבגעגעבען נאָר כדי צו פונאַנדערפּלאָנ־טערען די וואָרצלען פון די איבלען און צו צייגען, אַז אַ טיעף־איינגע־וואָרצעלטער און פאָרזיכטיג־ערצויגענער געצענדיענסט בנוגע צו די אַלטע איבערבלייבעכצען פון די פערגאַנגענע שטופען פון מענשליכער ענטוויק־לונג, און אַ ווייט־פערברייטעטע פייגהייט פון געדאַנק און פון ווילען, זיינען די הויפּט־קוועלען פון אַלע איבלען.

דומאַרטהעריי און הערציג האָבען מיך פאָלשטענדיג אונטערשטיצט אין דער דאָזיגער ריכטונג. דומאַרטהעריי איז געבאָרען געוואָרען אין איינער פון די אָרעמסטע פּויערים־פאַמיליען אין סאַוואָי. זיין שול־אונטער־ריכט איז ניט אַוועק ווייטער ווי די ערשטע רעגעלען פון אַן עלעמענטאַר־שולע. און דאָך איז ער געווען איינער פון די העכסט אינטעליגענטע מענ־שען, וואָס איך האָב ווען בעגעגענט. זיינע אָבשעצונגען פון מענשען און טעגליכע פּאַסירונגען זיינען געווען אַזוי מערקווירדיג פול פון אַן אויסער־געוועהנליכען גלייכען־פערשטאַנד, אַז זיי זיינען אָפטמאָל געווען פּראָפע־טיש. ער איז אויך געווען איינער פון די פיינסטע קריטיקער פון דער דעמאָלטדיגער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, און האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פערפיהרען פון שעהנע פראַזען, אָדער כלומרשט'דיגער וויסענ־שאַפטליכקייט. הערציג איז געווען אַ יונגער געשעפטס־דיענער, געבאָרען

אין זשענעווא; א צוריקגעהאלטענער מענש, א שעמעוודיגער, וואָס פלעגט רויט ווערען ווי א מיידעל בעת ער האָט ארויסגעזאָגט אָן אָריגי־נעלען געדאנק. נאָכדעם ווי איך בין ארעסטירט געוואָרען און ער איז געוואָרען די פעראנטוואָרטליכע פערזאָן פאר דער וויטערדיגער ערשיי־נונג פון דעם זשורנאל, האָט ער זיך אויסגעלערענט איינפאך דורך זיין ווילענסקראפט גאנץ גוט שרייבען. באַיקאָטירט פון אלע זשענעווער ארבייטס־געבער, און לעבענדיג מיט זיין פאמיליע אין אָרעמקייט און עלענד, האָט ער פונדעסטוועגען אויסגעהאלטען די צייטונג, ביז עס איז מעגליך געוואָרען איהר אריבערצופיהרען אין פאריז.

אויף דעם אורטייל פון אָט די צוויי פריינד מיינע האָב איך זיך פאָלשטענדיג געקענט פערלאָזען. ווען הערציג האָט פערקאָרטשעט דעם שטערען, מורמלענדיג, „יאָ — נישקשה — ס׳קען געהן“, האָב איך געוואוסט אז עס וועט ניט טויגען. און בעת דומארטהעריי, וועלכער האָט זיך שטענדיג בעקלאָגט אויף זיינע ברילען, ווען עס איז איהם אויסגעקו־מען צו לייענען א ניט־קלאָרען מאנוסקריפּט, און האָט דעריבער געוועהנ־ליך געלייענט נור די קאָרעקטורען, פלעגט אונטערברעכען זיין לעזען מיט אַן אויסרוף, „ניין, עס וועט ניט טויגען!“ האָב איך באלד דערפיהלט, אז עס איז ניט די ריכטיגע זאך, און האָב פּרובירט טרעפען וואָס פאר א געדאנק אָדער אויסדרוק האָט ארויסגערופען זיין אונצופריעדענקייט. איך האָב געוואוסט אז עס איז ארויסגעוואָרפען איהם צו פרעגען, „פאר וואָס וועט עס ניט טויגען?“ ער וואָלט געענטפערט: „אָה, דאָס איז ניט מיין עסק; דאָס איז אייערער. ס׳וועט ניט טויגען; דאָס איז אלץ וואָס איך קען זאָגען“. איך האָב אָבער געפיהלט אז ער איז גערעכט, און איך האָב זיך פשוט אוועקגעזעצט איבערשרייבען דעם זאץ אָדער האָב גענומען א ווינקעל־האקען און אויפגעזעצט א נייעם זאץ אָנשטאָט דעם פריהערדיגען.

איך מוז אויך מודה זיין, אז מיר האָבען געהאט שווערע צייטען מיט דער צייטונג אונזערער. מיר האָבען קוים צייט געהאט ארויסצוגעבען פיער אָדער פינף נומערען, האָט אונז דער דרוקער אָנגעקינדיגט, מיר זאָלען זיך אויסזוכען אַן אנדער דרוקעריי. פאר די ארבייטער און זייערע אויסגאבען האָט די אין דער קאָנסטיטוציע פערשריבענע פרעסע־פרייהייט געהאט א סך בעגרענצונגען, אחוץ די פאראגראפען פונ׳ם געזעץ. דער דרוקער האָט גאָרנישט געהאט וואָס אויסצוזעצען קעגען אונזער צייטונג; אָבער אין דער שווייץ זיינען אלע דרוקערייען אָבהענגיג פון דער רעגיערונג, וועלכע בעשעפטיגט זיי מעהר אָדער ווייניגער מיט סטאטיסטישע בעריכטען און

דער גלייכען; און מען האָט אונזער דרוקער פּשוט ערקלערט, אַז אויב ער וועט ווייטער דרוקען אונזער צייטונג, דאַרף ער זיך מעהר אויף קיין בעשטעלונגען פון דער זשענעווער רעגיערונג ניט ריכטען. איך האָב געמאַכט אַ רייזע איבער דעם גאַנצען פראַנצויזיש־שפּרעכענדען טייל פון דער שווייץ, האָב זיך געזעהן מיט די בעלי־בתים פון די דרוקערייען, אומעטום אָבער, אפילו פון די וואָס זיינען ניט געווען קעגען דער טענדענץ פון אונזער צייטונג, האָב איך געקראָגען דעם אייגענעם ענטפער: „מיר וואָלטען ניט געקענט עקזיסטירען אָהן דער ארבייט פון דער רעגיערונג, און ווען מיר זאָלען אָננעהמען צו דרוקען „לע רעוואָלטע" וועלען מיר מעהר קיין אַרבייט ניט קריגען".

איך האָב זיך אומגעקעהרט אין זשענעוואַ זעהר דערשלאָגען; דומאַרטהעריי אָבער איז געוואָרען אַלץ ענטשלאָסענער און האָפנונגס־פולער. „ס'הייסט גאָר פּראָסט", האָט ער געזאָגט, „מיר קויפען אונזער אייגענע דרוקעריי אויף אַ דריי־מאָנאַטליכען קרעדיט, און אין דריי מאָנאַ־טען אַרום וועלען מיר האָבען בעצאָהלט דערפאַר". „אָבער מיר האָבען דאָך קיין געלד ניט, מיר האָבען אין גאַנצען אַ פּאָר הונדערט פראַנק", בין איך געווען געגען דעם פּלאַן. „געלד איז גאָרנישט! מיר וועלען שוין האָבען! לאָמיר נאָר באַלד בעשטעלען די שריפט און גלייך אַרויס־געבען דעם נעקסטען נומער — און געלד וועט שוין קומען!" און ווידער־אַמאָל איז זיין אורטייל געווען אַ גאַנץ ריכטיגער. ווען אונזער נעקסטער נומער איז אַרויסגעקומען פון אונזער אייגענער „יוראַ דרוקעריי", און מיר האָבען דאָרטען דערקלערט אונזערע שוועריגקייטען און דערצו נאָך אַרויס־געגעבען אַ פּאָר קליינע בראָשורען — יעדער איינער פון אונז העלפענדיג אין דער דרוק־אַרבייט — איז די געלד אַריינגעקומען; מייסטענס אין קופּער און קליינע זילבער מטבעות, עס איז אָבער געקומען. מעהרערע מאָל אין מיין לעבען האָב איך געהערט בעקלאָגענדיג זיך אין פּאַרטנגע־שריטענע פּאַרטייען וועגען מאַנגעל אין געלד; אָבער וואָס מעהר איך לעב, אַלץ מעהר ווער איך איבערצייגט, אַז אונזער הויפּט שוועריגקייט בעשטעהט ניט אַזוי פיעל אין דעם מאַנגעל אין געלד, ווי אין דעם מאַנגעל אין מ ע נ ש ע ן, וואָס זאָלען מאַרשירען פעסט און ענטשלאָסען צו אַ געוויסען ציעל אין דער ריכטיגער ריכטונג, און זאָלען בעגייסטערען אַנדערע. עס איז שוין איצט איין־און־צוואַנציג יאָהר ווי אונזער צייטונג לעבט כסדר פון האַנד צום מויל, — אויפרופען פאַר פּאַנדען ערשיינען אויף דער ערשטער זייט כמעט אין יעדען נומער; אַזוי לאַנג אָבער ווי עס איז דאָ אַ מענש, וואָס האַלט זיך ביי דער צייטונג און פערוועגדט זיין גאַנצע ענערגיע אויף איהר, אַזוי ווי הערציג און דומאַרטהעריי אין זשע־

נעווא, און אזוי ווי גראוו האָט עס געטהאָן די לעצטע זעכצעהן יאָהר אין פאריז, קומט דאָס געלד אריין, און א יעהרליכע הכנסה פון אַן ערך אַכט הונדערט פונט ווערט געשאַפען — הויפּטזעכליך פון די קופּער־ און קליינע זילבער־מטבעות פון די אַרבייטער — צו דעקען די יעהרליכע הוצאה פאַר'ן דרוקען די צייטונג און די בראָשורען. פאַר א צייטונג, אזוי ווי פאַר אַלעס אנדערעס, זיינען מענשען פון ניט־דער־ערך גרעסערען ווערטה איידער געלד.

מיר האָבען אָנגעפאַנגען אונזער דרוקעריי אין א קליין צימער, און אונזער זעצער איז געווען א „מאַלאַ־ראָס", וועלכער האָט זיך אונטערגענו־מען אויפצוזעצען אונזער צייטונג פאַר דער בעשיידענער סומע פון זעכציג פראַנק א מאָנאַט. אויב ער האָט נאָר געקענט האָבען זיין בעשיידענעם מיטאָג יעדען טאָג און די מעגליכקייט צו בעזוכען פון צייט צו צייט אַן אָפּערא, האָט ער מעהר גאָרנישט פערלאַנגט. „איהר געהט אין א טערקישע באָד, יאָהאָן?" האָב איך איהם געפרעגט, בעגעגענענדיג איהם אין זשע־נעווא אויף דער גאַס, מיט א פּעקעל פון ברוינעם פּאַפּיר אונטער'ן אָרעם. „ניין, איך ציה זיך אריבער אויף א נייער קוואַרטיר", האָט ער געענט־פערט, מיט זיין געוועהנליכער מעלאַדישער שטימע און זיין שטענדיגען שמייכעל אויפ'ן פּנים.

צום שלי־מזל האָט ער ניט געקענט קיין פראַנצויזיש. איך פלעג שרייבען מיין מאַנוסקריפּט אין מיין בעסטער האַנדשריפט — קלערענדיג אָפט מיט בעדויערען וועגען דער צייט וואָס איך האָט פערשווענדט אין די קלאַסען פון אונזער גוטען עבערט אין דער שולע — אָבער יאָהאָן האָט נאָר געקענט לייענען פראַנצויזיש מיטעלמעסיג, און אָנשטאָט „איממע־דיאַטמענט" פלעגט ער לייענען „איממידיאָטאָרמענט", אָדער „איממי־דיאַטמונט" און פלעגט אויפזעצען נאָך אַזעלכע וואונדערליכע ווערטער; אָבער אזוי ווי ער פלעגט „איבערלאָזען פּלאַץ" און מען האָט ניט געדאַרפט איבערברעכען די צייל̇ען מאַכענדיג די קאָרעקטורען, פלעגט מען נאָר דאַרפען איבערבייטען א פיער אָדער פינף בוכשטאַבען אויסצובעסערען אַזעלכע מאָדנע לאַנגע ווערטער ווי די אויבענדערמאָנטע, און איינעם אָדער צוויי בוכשטאַבען אין יעדען קירצערען וואָרט; און מיר זיינען אויף אַזאַ אופן ווי עס איז דורכגעקראָכען. מיר האָבען זיך זעהר גוט פערטראָגען מיט איהם, און איך האָב זיך אין גיכען אויסגעלערענט אביסעל זעצען אונטער זיין השגחה. דער זאַץ פלעגט שטענדיג זיין פאַרטיג אין צייט, אַז מען זאָל קענען אַוועקטראָגען די קאָרעקטורען צו א שווייצאַרישען חבר, וועלכער איז געווען דער פעראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר, און וועמען מיר פלעגען זיי צושטעלען איידער מיר זיינען געגאַנגען צום דרוק, און דערנאָך

פלעגט איינער פון אונז אַוועקפיהרען די פאָרמס צו אַ דרוקער. אונזער „יוראַ דרוקעריי“ איז אין גיכען געוואָרען ווייט און ברייט בעקאַנט פאַר איהרע אויסגאַבען, בעזאָנדערס פאַר איהרע בראָשורען, וואָס דומאַר־טהעריי האָט קיינמאָל ניט צוגעלאָזט מען זאָל זיי פערקויפען טהייערער ווי איין פעני. אַ גאַנץ נייער סטיל האָט געמוזט אויסגעאַרבייט ווערען פאַר אַזעלכע פאַמפלעטען. איך מוז מודה זיין, אַז אָפטמאָל בין איך געווען זינדיג געגנוג מקנא צו זיין יענע שרייבער, וועלכע האָבען זיך געקענט פער־נעהמען וויפיעל זייטען זיי האָבען געוואָלט צו ענטוויקלען זייערע אידעען, און עס איז זיי נאָך געווען ערלויבט צו מאַכען טאַלעראַנד'ס וואויל־בעקאַנטע ענטשולדיגונג: „איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו זיין קורץ“. ווען מיר איז אויסגעקומען אַריינצופּרעסען דעם רעזולטאַט פון עטליכע חדשים אַרבייט — לאָמיך זאָגען, וועגען דעם אורשפּרונג פון געזעץ — אין אַ פעני־פאַמפלעט, האָב איך זיך שוין געמוזט נעהמען די צייט צו זיין קורץ. מיר האָבען אָבער געשריבען פאַר אַרבייטער, און פינף־און־צוואַנציג סאַנטים פאַר אַ בראָשורע איז אָפטמאָל צו־פיעל פאַר דעם דורכשניטליכען אַרבייטער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אונזערע פעני'דיגע און האַלב־פעני'דיגע פאַמפלעטען האָבען זיך פערקויפט אין די צעהנדלינגער טויזענ־דער, און זיינען איבערגעדרוקט געוואָרען אין פיעלע לענדער און שפּראַ־כען. מיינע לייט־אַרטיקלען פון יענער פעריאָדע זיינען שפּעטער פער־עפענטליכט געוואָרען פון עליזע רעקלו, בעת איך בין געזעסען אין געפענגנים, אונטער דעם נאָמען „פּאַראָל ד'אַן רעוואָלטע“ („ווערטער פון אַ רעוואָלוציאָנער“).

פראַנקרייך איז שטענדיג געווען דער הויפּט־צוועק פון אונזערע שטרעבונגען; אָבער „לע רעוואָלטע“ איז געווען שטרענג פערבאָטען אין פראַנקרייך, און די שמוגלערס האָבען געהאַט אַזוי פיעל גוטע זאַכען אַריינצוברענגען אין פראַנקרייך פון דער שווייץ, אַז זיי האָבען זיך ניט געוואָלט פערנעהמען מיט אונזער צייטונג. איינמאָל בין איך מיט זיי צוזאַמען אַריבער דעם פראַנצויזישען גרענעץ, און האָב אויסגעפונען, אַז זיי זיינען זעהר אָרענטליכע און צופערלעסיגע מענשען, איך האָב זיי אָבער ניט געקענט בעוועגען זיי זאָלען זיך אונטערנעהמען אַריינצושמוגלען אונזער צייטונג. אַלעס וואָס מיר האָבען געקענט טהאָן איז דעריבער געווען, שיקען די צייטונג אין פערזיגעלטע קאָנווערטען צו אַן ערך אַ הונ־דערט פּערזאָנען אין פראַנקרייך. פאַר דער פּאָרטאָ האָבען מיר גאָרנישט גערעכענט, פערלאָזענדיג זיך אַז די פרייוויליגע בייטרעגע פון אונזערע אַבאָנענטען וועלען דעקען אונזערע אויסגאַבען, — און זיי האָבען שטענדיג געדעקט, — מיר האָבען אָבער אָפט געטראַכט אַז די פראַנצויזישע

פּאָליציי לאָזט דורך אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו רואינירען אונזער צייטונג, ווען זי וואָלט זיך אבאָנירט אויף א הונדערט עקזעמפּ־ליארען, און ניט צושיקען קיין פּריוויליגע בייטרעגע.

דעם ערשטען יאָהר האָבען מיר זיך אינגאנצען געמוזט פערלאָזען אויף זיך אליין; אָבער ביסלעכווייז האָט עליזע רעקלו אָנגעהויבען נעהמען א שטאַרקערע אינטערעסע אין דער ארבייט, און ענדליך, נאָך מיין ארעסט, האָט ער אריינגעגעבען מעהר לעבען אין דער צייטונג ווי ווען עס איז. רעקלו האָט מיך געהאט איינגעלאדען איהם צו העלפען אין דער צוגרייטונג פון דעם באנד פון זיין מאָנומענטאלער געאָגראפיע, וועלכער האָט צו טהאָן מיט דער רוסישער מלוכה אין אזיע. ער האָט זיך אויסגע־לערנט רוסיש, ער האָט אָבער געדענקט, אז אזוי ווי איך בין גוט־בעקאנט מיט סיביר, וועל איך איהם קענען בעהילפיג זיין; און אזוי ווי מיין פרוי'ס געזונד איז געווען שוואך און דער דאָקטאָר האָט איהר פעראָרדענט זי זאָל גלייך פערלאָזען זשענעווא מיט איהרע קאלטע ווינדען, האָבען מיר פריה אין פריהלינג פון 1880 זיך אריבערגעקליבען אין קלארענס, וואו עליזע רעקלו האָט צו יענער צייט געוואוינט. מיר האָבען זיך בעזעצט ניט ווייט פון קלארענס אין א קליינעם דאָרף־הייזעל, וואָס האָט ארויסגעקוקט איבער די בלויע וואסערען פון דער אָזערע זשענעווא, מיט דעם קלאָרען שנעע פון דעם „דענט די מידו“ אין הינטערגרונד. א טייכעל, וועלכער האָט געראַושט ווי א מעכטיגער שטראָם נאָך א רעגען, מיטטראָגענדיג מיט זיך אונגעהייערע פעלזען און אויסגראָבענדיג פאר זיך א נייע בעט, איז געלאָפען פערביי אונזער פענסטער, און אויף דער זייט פון בארג אנט־קעגען האָט זיך אויפגעהויבען דער אַלטער שלאָס פון „שאטעלאר“, וועמעס אייגענטימער עס האָבען געלעבט, ביז צו דער רעוואָלוציע פון די „בורלא פאפּעי“ (די פאפּירען־ברענער) אין 1799, פון די לייבאייגענטומס־שטייערען, וואָס זיי האָבען ארויפגעלעגט אויף די אָרימע פויערים ביי די געלעגענהייטען פון געבורטען, חתונות און לויות. מיט דער הילף פון מיין פרוי, מיט וועמען איך פלעג דיסקוטירען יעדע טאגעס־פראגע און יעדען געפּלאנטען ארטיקעל, און וועלכע איז געווען א שטרענגע ליטערארישע קריטיקערין פון מיינע שריפטען, האָב איך דאָרטען געשאפען די בעסטע זאכען, וואָס איך האָב אָנגעשריבען פאר „לע רעוואָלטע“, צווישען זיי דעם אויפרוף „צו דער יוגענד“, וועלכעס איז פערשפּרייט געוואָרען אין הונ־דערטער טויזענדער עקזעמפּליארען אין אלע שפּראכען. דאָרטען האָב איך, בוכשטעבליך, אויסגעארבייט דעם יסוד פון כמעט אלץ וואָס איך האָב שפּעטער געשריבען. דער פערקעהר מיט געבילדעטע מענשען, מיט עהנליכע אידעען ווי אונזערע איז דאָס, וואָס אונז אנארכיסטישע שריפטשטעלער,

צוטריבען און צוזאָגט איבער דער גאַנצער וועלט, פּעהלט פּיליכט מעהר ווי עטוואָס אַנדערעס. אין קלאַרענס האָב איך דעם דאָזיגען פּערקעהר געהאַט מיט עליזע רעקלו און לעפראַנס, אחוץ די שטענדיגע בעריהרונג מיט די אַרבייטער, וואָס איך האָב ווייטער אָנגעהאַלטען; און אָבוואויל איך האָב אַ סך געאַרבייט פאַר דער „געאָגראַפיע“, האָב איך פונדעסט־וועגען דאָרט געקענט שאַפען מעהר ווי געוועהנליך פאַר דער אַנאַרכיסטי־שער פּראָפּאַגאַנדאַ.

VIII

אין רוסלאַנד האָט דער קאַמפּף פאַר פרייהייט אָנגענומען אַלץ מעהר און מעהר אַ שאַרפען כאַראַקטער. מעהרערע פּאָליטישע פּראָצעסען זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר די העכערע געריכטען, — דער פּראָצעס פון די „הונדערט און דריי־און־צוואַנציג“, פון „די פופציג“, פון דעם „דאָלגור־שין קרוזשאָק“, און אַזוי ווייטער, — און אין אַלע האָט זיך אַרויסגעוויזען די איינענע זאַך. די יוגענד איז געגאַנגען צו די פּויערים און די פאַבריק־אַרבייטער, פּרעדיגענדיג צו זיי סאָציאַליזם; סאָציאַליסטישע בראָשורען, געדרוקט אין אויסלאַנד, זיינען פערטיילט געוואָרען; עס זיינען געמאַכט געוואָרען אויפרופען — אויף אַ געוויסען אונקלאָרען, אונבעשטימטען אופן — אַרויסצוטרעטען אַנטקעגען די דריקענדע עקאָנאָמישע בעדינגונ־גען. קורץ, עס איז מעהר גאָרנישט ניט געטהאָן געוואָרען איידער דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אין אַלע אַנדערע לענדער. מען האָט ניט געקענט געפינען קיין שפּור פון קאָנספּיראַציע קעגען דעם צאַר, אָדער אפילו פון צוגרייטונגען צו רעוואָלוציאָנערע טהעט־טיגקייטען; דער פאַקט איז, אַז אַזעלכעס איז טאַקע גאָר ניט געווען. די גרויסע מאַיאָריטעט פון אונזער יוגענד איז צו יענער צייט געווען געגען אַזאַ טהעטיגקייט. נאָכמעהר, בעטראַכטענדיג איצט די בעוועגונג פון די יאָהרען 1870—78, קען איך מיט פולער זיכערהייט זאָגען, אַז די מייסטע פון זיי וואָלטען זיך געפיהלט צופריעדען, ווען מען וואָלט זיי פּשוט ערלויבט צו לעבען צוזאַמען מיט די פּויערים און די אַרבייטער, זיי צו לערנען, מיטצואַרבייטען מיט זיי אויף אירגענד וועלכען פון די טויזענד אופנים — פּריוואַט אָדער אַלס אַ טייל פון דער אָרטיגער זעלבסט־רעגיערונג — אין וועלכע געבילדעטע און ערנסטע מענער אָדער פרויען קענען ניצליך זיין פאַר די מאַסען פון פאָלק. איך האָב די מענשען געקאָנט, און איך זאָג וואָס איך וויים וועגען זיי.

דאָך זיינען די אורטיילען געווען גרויזאַם — נאַריש גרויזאַם, וואָרים

די בעוועגונג, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסען פון די פריהערדיגע צושטענדען אין רוסלאַנד, איז געווען צו־טיעף איינגעוואָרצעלט, אַז מען זאָל זי קענען אויסרייסען מיט פשוט׳ער ברוטאַליטעט. קאַטאָרגע אויף זעקס, צעהן, צוועלף יאָהר אין די מינען, און דערנאָך פערשיקט ווערען אין סיביר אויפ׳ן גאַנצען לעבען, איז געווען אַ געוועהנליכער אורטייל. עס זיינען געווען אַזעלכע פעלע, ווי צום ביישפיעל, אַז אַ מיידעל האָט געקראָגען נייען יאָהר קאַטאָרגע און לעבענסלענגליכע פערשיקונג אין סיביר, פאַר וואָס זי האָט געגעבען אַן אַרבייטער איין איינציגע סאָציאַליסטישע בראָשורע; דאָס איז געווען איהר גאַנצער פערברעכען. אַ צווייטע פערצעהן־יאָהריגע מיידעל, פריילין גוקאָווסקאַיאַ, איז פערשיקט געוואָרען אויפ׳ן גאַנצען לעבען אין אַ פערוואָרפענעם סיבירישען דערפעל, דערפאַר וואָס זי האָט פּרובירט, ווי געטהע׳ס קלערכען, אויפצורייצען אַ גלייכגילטיגען עולם, צו בעפרייען קאָוואַלסקי׳ן און זיינע פריינד, בעת מען האָט זיי געפיהרט צו דער תליה — אַ טהאַט וואָס איז נאָך מעהר נאַטירליך פאַר רוסלאַנד. אפילו פון דעם „טשינאָווניק׳ס“ שטאַנדפּונקט, דערפאַר וואָס אין אונזער לאַנד איז ניטאָ קיין טויט־שטראָף פאַר געוועהנליכע קרימינעלע פערברע־כען, און די אָנווענדונג פון דער טויט־שטראָף אויף „פּאָליטישע“ איז דאָן געווען אַ נייעס, אַן אומקעהרען זיך צו כמעט פערגעסענע טראַדיציעס. פערוואָרפען אין דער ווילדערניס, האָט די דאָזיגע יונגע מיידעל זיך אין גיכען דערטרונקען אין טייך יעניסעי. אפילו די וואָס זיינען פרייגעשפּראָ־כען געוואָרען פון די געריכטען, זיינען פערשיקט געוואָרען פון די זשאַנ־דאַרמען אין קליינע סיבירישע דערפלעך און אין צפון־מזרח פון רוסלאַנד, וואו עס איז זיי אויסגעקומען צו הונגערען אויף דער רעגיערונג׳ס שטיצע פון דריי רובעל (1 דאָלאַר מיט 50 סענט) אַ מאָנאַט. אין אַזעלכע דערפלעך זיינען ניטאָ קיין אינדוסטריען און די פערשיקטע זיינען געווען שטרענג פערבאָטען צו בעשעפטיגען זיך מיט לעהרעריי.

כדי צו מאַכען די יוגענד נאָך מעהר אויפגעבראַכט, האָט מען זייערע פערעאורטיילטע פריינד ניט געשיקט גלייך אין סיביר. מען האָט זיי פריהער געהאַלטען יאָהרען־לאַנג פערשפּאַרט אין די צענטראַל־טורמעס, וואו זייער לעבען איז געווען אַזוי טרויעריג, אַז זיי האָבען מקנא געווען דאָס לעבען פון די פערברעכער אין סיביר. די דאָזיגע געפענגניסען זיינען ווירקליך געווען שוידערליך. אין איינעם פון זיי — „אַ נעסט פון טיפוס־פיבער“, ווי אַ גלח פון דער דאָזיגער תפיסה האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ דרשה — האָט די שטערבליכקייט דערגרייכט ביז צוואַנציג פּראָצענט פון די געפאַנ־גענע אין צוועלף חדשים. אין די צענטראַל־געפענגניסען, אין די קאַטאָרזשנע טורמעס פון סיביר, אין די פעסטונגען, האָבען זיך די געפאַנ־

גענע געמוזט בענוצען מיט דעם טויט־סטרייק, דעם הונגער־סטרייק, זיך צו שיצען אנטקעגען די ברוטאַליטעט פון די אויפזעהער, אָדער ארויסצו־קריגען בעדינגונגען — וועלכע עס איז ארבייט, אָדער דאָס רעכט צו לעזען, אין זייערע צעלען — וואָס זאָל זיי ראַטעווען פון געטריבען ווערען צו משוגעת אין עטליכע חדשים. די שוידערליכקייט פון אזעלכע סטרייקס. אין דער צייט פון וועלכע מענער און פרויען האָבען זיך ענטזאַגט צו געהמען וועלכע עס איז שפּייז זיעבען אָדער אכט טעג כסדר, און זיינען דערנאָך געלעגען אונבעוועגליך, מיט פערווירטע געדאַנקען, האָבען ווי עס ווייזט אוים קיין שום ווירקונג ניט געהאַט אויף די זשאַנדאַרמען. אין כאַרקאָף האָט מען די פערשמאַכטע געפאַנגענע געבונדען מיט שטריק און זיי געקאָרמעט קינסטליך, איבערגעוואַלד.

ידיעות פון די דאָזיגע שוידערליכקייטען האָבען זיך דורכגעריסען פון די געפענגנים, זיינען אריבער די אונענדליכע שטרעקען פון סיביר, און האָבען זיך פונאַנדערגעטראָגען ווייט און ברייט אונטער דער יוגענד. עס איז געווען אַ צייט, ווען עס איז ניט אריבער אַ וואָך, וואָס עס זאָל ניט אויפגעדעקט ווערען עפּעס אַ נייע עהנליכע שאַנד־טהאַט, אָדער נאָך ערגערס.

אַ פּלעצליכע ערביטערונג האָט ארומגעכאַפּט אונזער יונגוואַרג. „אין אנדערע לענדער“, האָבען זיי אָנגעהויבען זאָגען, „ האָבען מענשען דעם מוטה זיך צו שטעלען אנטקעגען. אין ענגלענדער, אַ פראַנצויז, וואָלטען אַזעלכע געוואַלד־טהאַטען ניט גערולדעט. ווי קענען מיר עס דולדען? לאָמיר ארויסטרעטען, מיט וואַפען אין די הענד, קעגען די ביינאַכטיגע איבערפאַלען פון די זשאַנדאַרמען; זאָלען זיי לכל הפּחות וויסען, אז ווי־באַלד ארעסטירט ווערען מיינט אַ לאַנגזאַמער און אַ שענדליכער טויט דורך זייערע הענד, וועלען זיי אונז מוזען נעהמען אין אַ קאַמפּף אויף לעבען און טויט“. אין אָדעסאַ האָבען קאָוואַלסקי און זיינע פריינד בעגעגנט מיט רעוואָלווער־שיסערייען די זשאַנדאַרמען, וועלכע זיינען איין נאַכט געקומען זיי ארעסטירען.

אַלעקסאַנדער דעם 2טען׳ס ענטפער אויף דעם דאָזיגען נייעם שריט איז געווען, די ערקלערונג פון בעלאַגערונגס־צושטאַנד. רוסלאַנד איז איינ־געטיילט געוואָרען אין אַ צאָהל בעצירקען, יעדערער אונטער אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געקראָגען אַ בעפעהל, צו הענגען די פערברע־כער אָהן רחמנות. קאָוואַלסקי און זיינע פריינד — וועלכע, פערבייגעהענ־דיג בעמערקט, האָבען קיינעם ניט געטויט מיט זייער שיסען — זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרען. הענגען איז געוואָרען די טאַגעס־אָרדנונג. דריי־און־צוואַנציג מענשען זיינען פערניכטעט געוואָרען אין צייט פון צוויי

יאָהר, אונטער זיי א ניינצעהן־יאָהריגער אינגעל, ווענען מען האָט געכאפּט אויפקלעפּענדיג א רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאמאציע אויף א וואָקזאַל; די דאָזיגע טהאַט — איך זאָג עס אויסדריקליך — איז געווען די איינציגע בעשולדיגונג קעגען איהם. ער איז געווען א אינגעל, ער איז אָבער געשטאָרבען ווי א מאַן.

דאַן איז די פּאַראָלע פון די רעוואָלוציאָנערען געוואָרען „זעלבסט־פערטיידיגונג": זעלבסט־פערטיידיגונג אנטקעגען די שפּיאָנען, וועלכע האָבען זיך אריינגע'גנב'עט אין די גרופּען אונטער דער מאַסקע פון פריינד־שאַפט און האָבען פערראַטהען די מיטגליעדער רעכטס און לינקס, איינ־פאַך ווייל מען וואָלט זיי ניט געצאָהלט, ווען זיי זאָלען ניט ארויסגעבען א גרויסע צאָהל פערזאָנען; זעלבסט־פערטיידיגונג קעגען יענע, וואָס האָבען מיסהאַנדעלט די געפאַנגענע; זעלבסט־פערטיידיגונג קעגען די שעפען פון דער שטאַאַטס־פּאָליציי.

דריי בעדייטענדע בעאַמטע און א צוויי אָדער דריי קלענערע שפּיאָ־נען זיינען געפאַלען אין דער דאָזיגער נייער פאַזע פון קאַמפף. גענעראַל מעזענצאָף, וועלכער האָט צוגערעדט דעם צאַר, ער זאָל פערצווייפאַכען דעם אורטייל פון די הונדערט־דריי־און־ניינציג, איז גע'הרג'עט געוואָרען אין מיטען העלען טאָג אין פּעטערבורג; א זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך פערשולדיגט אין עטוואָס ערגערס ווי דאָס, האָט געהאַט דעם זעלבען שיקזאַל אין קיעף; און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון כאַרקאָף — מיין שוועסטערקינד, דמיטרי קראָפּאָטקין — איז דערשאָסען געוואָרען, בעת ער איז צוריקגעפאָהרען אהיים פון טהעאַטער. די צענטראַל־געפענגנים, אין וועלכער דער ערשטער הונגער־סטרייק און די קינסטליכע ערנעהרונג איז פאָרגעקומען, איז געשטאַנען אונטער זיין בעפעהל. בטבע איז ער ניט געווען קיין שלעכטער מענש, — איך וויים, אז זיינע געפיהלען זיינען געווען אביסעל גינסטיג צו די פּאָליטישע געפאַנגענע; ער איז אָבער געווען א שוואַכער מענש און אַן אנהעננגער פון הויף, און ער האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען אריינצומישען. איין וואָרט זיינער וואָלט געמאַכט א סוף צו די מיסהאַנדלונגען פון די געפאַנגענע. אלעקסאַנדער דער 2טער האָט איהם אזוי ליעב געהאַט, און זיין פּאָזיציע אין הויף איז געווען אזוי פעסט, אז מען וואָלט גאַנץ וואַהרשיינליך צוגעשטימט צו זיין אריינמישען זיך. „איך דאַנק אייך; איהר האָט געהאַנדעלט אין איינקלאַנג מיט מיין אייגענעם וואונש", האָט דער צאַר צו איהם געזאָגט א פּאָר יאָהר פריהער, ווען ער איז געקומען אין פּעטערבורג בעריכטען, אז ער האָט גענומען א פריעדליכע שטעלונג אין אַן אויפשטאַנד פון דער אָרעמער בעפעלקערונג אין כאַרקאָף, און האָט בעהאַנדעלט די בונטאָוושציקעס

זעהר מילד. דאָס מאָל אָבער האָט ער נעגעבען זיין צושטימונג צו די געפּענגנים־וועכטער, און די כאַרקאָווער יונגע לייט זיינען געווען אַזוי ערביטערט פאַר דער בעהאַנדלונג פון זייערע פריינד, אַז איינער פון זיי האָט איהם דערשאָסען.

פונדעסטוועגען האָט מען דעם קייזער׳ס פּערזענליכקייט אויסגעלאָזט פון׳ם קאַמפּף, און ביז צום יאָהר 1879 איז קיין אַנגריף אויף זיין לעבען ניט געמאַכט געוואָרען. די פּערזאָן פון דעם „בעפרייער" פון די לייב־אייגענע איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ שטראַהלען־קרוין, וועלכע האָט איהם פיעל, פיעל מעהר געשיצט איידער די מחנות פון פּאָליציי־בעאַמטע ווען אַלעקסאַנדער דער 2טער וואָלט אין יענעם קריטישען מאָמענט אַרויס־געצייגט דעם קלענסטען וואונש צו פערבעסערען די אומשטענדען אין רוס־לאַנד; ווען ער וואָלט נאָר אַ רוף געטהאָן איינעם אָדער צוויי פון יענע מענשען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבייט אין דער צייט פון דער רעפאָרם־פּעריאָדע, און וואָלט זיי געגעבען דעם בעפעהל צו אונטערזוכען די צושטענדען פון׳ם לאַנד, אָדער בלויז פון דעם פּויערנטום; ווען ער וואָלט אַרויסגעוויזען וואָסער עס איז אַבזיכט צו בעשרענקען די מאַכט פון דער געהיים־פּאָליציי, — וואָלטען זיינע טריט בעגריסט געוואָרען מיט ענטהוזיאַזם. איין וואָרט זיינער וואָלט איהם ווידער געמאַכט צום „בעפרייער", און ווידער אַמאָל וואָלט די יוגענד ווידערהאָלט הערצען׳ס ווערטער: „דו האָסט געזיעגט, גאַלילעער". אָבער פּונקט אַזוי ווי אין דער צייט פון דעם פּוילישען אויפשטאַנד האָט אין איהם דערוואַכט דער דעס־פּאָט, און בעאיינפלוסט פון קאַטקאָף׳ן, האָט ער זיך בענוצט מיט דער תליה, אַזוי האָט ער איצט ווידער, פאָלגענדיג די עצה פון זיין טייוועלשען זשעניע, קאַטקאָף, קיין אַנדער זאַך ניט געפונען וואָס צו טהאָן, ווי צו ערנענען ספּעציעלע מיליטערישע גובערנאַטאָרען — צו הענגען.

דאַן, און נור דאַן, האָט אַ הייפּעלע רעוואָלוציאָנערען, — דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט, — געשטיצט, מוז איך זאָגען, פון דער וואַקסענדער אונצופריעדענהייט אין די געבילדעטע קלאַסען, און אפילו אין דעם קייזער׳ס סביבה גופא, ערקלערט יענע מלחמה אנטקעגען דעם אַבסאָלו־טיזם, וועלכע האָט זיך, נאָך עטליכע פּערזוכען, געענדיגט אין 1881 מיט דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען.

ווי איך האָב שוין בעמערקט, האָבען אין אַלעקסאַנדער דעם 2טען געלעבט צוויי מענשען, און איצט האָט דער קאַמפּף צווישען זיי ביידען, וועלכער איז געוואַקסען די גאַנצע צייט פון זיין לעבען, אָנגענומען אַ טראַגישען כאַראַקטער. בעת ער האָט זיך בעגעגענט מיט סאָלאָוויאָף׳ן,

וועלכער האָט אויף איהם געשאָסען, און די ערשטע קויל האָט איהם ניט געטראָפען, האָט ער זיך ניט פערלאָרען און איז געלאָפען צו דער נעהנט־סטער טהיר ניט אין א גלייכער ליניע, נאָר אין א זיגזאג, בעת סאָלאָוויאָף האָט געהאַלטען אין איין שיסען; ער איז אויף דעם אופן אָבגעקומען מיט נאָר א לייכטען ריס אין זיין מאַנטעל. אין דעם טאָג פון זיין טויט האָט ער אויך בעוויזען א ביישפיעל פון אונצווייפעלהאַפטען מוטה. פנים אל פנים מיט אווירקליכער געפאהר, איז ער געווען מוטהיג; ער האָט אָבער געהאַלטען אין איין ציטערען פאַר די שאָטענס פון זיין איינענער פאַנ־טאַזיע. איינמאָל האָט ער געשאָסען אויף אַן אדיוטאַנט, בעת יענער האָט געמאַכט אַן אונערוואַרטעטע בעוועגונג, און אלעקסאַנדער האָט גערענקט. אז ער וויל מאַכען אַן אָנגריף אויף זיין לעבען. בלויז צו ראַטעווען זיך דאָס לעבען, האָט ער פאַלשטענדיג איבערגעגעבען זיין גאַנצע קייזערליכע מאַכט אין די הענד פון יענע, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען איהם, נאָר וועגען זייערע איינטרעגליכע שטעלען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז ביי איהם איז געבליבען א פריינדלי־כער געפיהל פאַר דער מוטער פון זיינע קינדער, אָבוואויל ער האָט שוין דעמאָלט געלעבט מיט דער פרינצעסין יוריעווסקי־דאָלגאָרוקי, מיט וועמען ער האָט התונה געהאַט באַלד נאָך דער קייזערין'ס טויט. „רעדט ניט צו מיר וועגען דער קייזערין; עס מאַכט מיך צופיעל ליידען", האָט ער מעהר ווי איינמאָל געזאָגט צו לאָריס מעליקאָף'ן. און דאָך האָט ער אינגאַנצען פערלאָזען די קייזערין מאַריא, וועלכע איז געשטאַנען טריי ביי זיין זייט אין דער צייט וואָס ער איז געווען דער „בעפרייער"; ער האָט איהר געלאָזט שטאַרבען א פערנאַכלעסיגטע אין פּאַלאַץ. א גוט־בעוואוסטער רוסישער דאָקטאָר, ער איז שוין איצט טויט, האָט דערצעהלט זיינע פריינד. אז ער, א פרעמדער, האָט זיך געפיהלט שאָקירט פון דער נאַכלעסיגקייט. מיט וועלכער די קייזערין איז בעהאַנדעלט געוואָרען אין דער צייט פון איהר לעצטער קראַנקהייט. די הויפדאַמען האָבען זי, זעלבסט־פערשטענד־ליך, פערלאָזען און זי האָט נעבען זיך אין גאַנצען געהאַט צוויי דאַמען, וועלכע זיינען געווען שטאַרק איבערגעבען צו איהר. יעדען טאָג האָט זי געקראָגען ניט מעהר ווי א קורצען אָפיציעלען בעזוך פון איהר מאַן, וועל־כער האָט פאַר דער צייט זיך אויפגעהאַלטען אין אַן אנדער פּאַלאַץ.

ווען דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט האָט געמאַכט דעם געוואַגטען פערזוך אויפצורייסען דעם ווינטער־פּאַלאַץ גופא, האָט אלעקסאַנדער דער צווייטער געמאַכט א שריט, וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט. ער האָט געשאַפען א מין דיקטאַטור, איבערגעבענדיג לאָריס מעליקאָף'ן

אונבעשרענקטע מאכט. דער דאָזיגער גענעראַל איז געווען אַן אַרמעניער. און אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט איהם שוין פריהער אַמאָל געהאַט געגעבען אַן עהנליכע דיקטאַטאָרישע מאַכט, בעת די בובאָנישע פּעסט האָט אויסגעבראָכען אין דעם ניעדעריגען טייל פון דער וואָלגאַ און דייטש־לאַנד האָט געסטראַשעט צו מאָביליזירען איהרע טרופּען און שטעלען רוס־לאַנד אונטער קאַראַנטין, אויב די פּעסט וועט ניט אָבגעשטעלט ווערען. איצטער, אַז אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געזעהן אַז ער קען ניט האָבען קיין צוטרויען אפילו צו דער וואַכזאַמקייט פון דער פּאָלאיץ־פּאָליציי, האָט ער געגעבען לאָריס מעליקאָף'ן דיקטאַטאָרישע מאַכט, און אַזוי ווי מעליקאָף האָט געהאַט אַ שם אַלס ליבעראַל, איז דער דאָזיגער נייער שריט אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס אַן אָנצוהערעניש, אַז די צונויפרופונג פון אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג וועט באַלד נאָכפאָלגען. אַזוי ווי אָבער קיין נייע אַטענטאַטען אויף זיין לעבען באַלד נאָך דער דאָזיגער אויפרייסונג זיינען ניט געמאַכט געוואָרען, איז דער צאַר ווידער געוואָרען שטייפער ביי זיך, און מיט עטליכע חדשים שפּעטער, איידער מעליקאָף האָט צייט געהאַט עטוואָס צו טהאָן, איז ער שוין מעהר קיין דיקטאַטאָר ניט געווען, נאָר אַן איינפאַכער מיניסטער דער אינערען. די פּלוצליכע אָנפאַלען פון טרויעריגקייט, וועגען וועלכע איך האָב שוין גערעדט, אין דער צייט פון וועלכע אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך געמאַכט פּאָר־ווירפע פאַר דעם רעאַקציאָנערען כאַראַקטער, וואָס זיין הערשאַפט האָט אָנגענומען, האָבען זיך איצט אַרויסגעוויזען אין דער פאָרם פון העפטיגע טרערען־שפּאַזמען. ער פלעגט אָבזיצען שטונדען־לאַנג וויינענדיג, אַריינ־ברענגענדיג מעליקאָף'ן אין פערצווייפלונג. דאַן פלעגט ער פרעגען זיין מיניסטער, „ווען וועט אייער קאָנסטיטוציאָנס־פּלאַן פאַרטיג ווערען?“ מיט צוויי טעג שפּעטער, ווען מעליקאָף האָט איהם געזאָגט, אַז איצט איז ער שוין פאַרטיג, האָט עס אויסגעוויזען ווי דער קייזער וואָלט געהאַט גאַר אין גאַנצען פערגעסען וועגען דעם. „האָב איך דען דערמאָנט וועגען דעם?“ פלעגט ער פרעגען. „צו וואָס? לאָמיר עס בעסער איבערלאָזען פאַר מיין נאָכפאָלגער. זאָל עס זיין **זיין** מתנה פאַר רוסלאַנד“.

ווען עס פלעגען צו איהם אָנקומען קלאַנגען וועגען אַ נייער פער־שווערונג, איז ער געווען גרייט צו אונטערנעהמען עטוואָס; אָבער ווען אַלעס האָט אויסגעוויזען צו זיין שטיל ביי די רעוואָלוציאָנערען, האָט ער ווידער זיך צוגעהערט צו זיינע רעאַקציאָנערע ראַטהגעבער, און האָט אַלעס געלאָזט געהן ווי געווען. מעליקאָף האָט יעדע מינוט זיך געריכט ענטלאַסען צו ווערען.

אין פעברואַר 1881 האָט מעליקאָף געמעלדעט, אַז דער עקזעקוטיווער

קאָמיטעט האָט אויסגעארבייט א נייע פערשווערונג, אָבער וויפיעל מען האָט ניט געזוכט, האָט מען דעם פּלאַן בשום אופן ניט געקענט ענטדעקען. גלייך דערויף האָט אַלעקסאנדער דער 2טער בעשלאָסען איינצורופען א בעראַטהונגס־פערזאַמלונג פון דעלעגאטען פון די פּראָווינצען. שטענדיג אַרומטראָגענדיג זיך מיט דעם געדאנק, אז ער וועט טיילען דעם שיקזאַל פון לואי דעם 16טען, האָט ער די דאָזיגע פערזאַמלונג בעצייכענט אַלס א „נאָטאַבעלען־פערזאַמלונג" ווי די, וועלכע לואי דער 16טער האָט איינגע־רופען פריהער איידער די נאציאָנאַל־פערזאַמלונג פון 1789. דער פּלאַן האָט געזאָלט פאָרגעלעגט ווערען פאַר דעם שטאַאטס־ראַטה, אָבער ער האָט זיך דערנאָך ווידער איבערלעגט. און ערשט דעם 1טען (13טען) מערץ, אין דער פריה, נאָך מעליקאָף'ס לעצטער ווארנונג, האָט ער געגעבען דעם בעפעהל, אַז דער פּלאַן זאָל פאָרגעלעגט ווערען פאַר'ן ראטה דעם קומענ־דען דאָנערסטאָג. דאָס איז געווען זונטאָג, און מעליקאָף האָט איהם געבע־טען, אַז ער זאָל דעם טאָג ניט געהן צום פּאראד, ווייל עס איז דאָ א געפאהר פון אַן אַטענטאט אויף זיין לעבען. פונדעסטוועגען איז ער געגאנגען. ער האָט געוואָלט זעהן די גרויספירסטין קאטהערינא (זיין מוהמע העלענא פּאוולאָוונא'ס טאָכטער, וועלכע איז געווען איינע פון די פיהרערינס פון דער בעפרייאונגס־פּארטיי אין 1861) און איהר איבער־געבען די אנגענעהמע נייעס, פיליכט אַלס תשובה־אָפּפער צו דעם אַנדענ־קען פון דער קייזערין מאריא. מען דערצעהלט, אז ער האָט צו איהר געזאָגט: „איך האָב דאָך בעשלאָסען איינצורופען א „נאָטאַבעלען־פער־זאַמלונג"." אָבער די דאָזיגע פערשפּעטיגטע און מיט א האַלבען־הארצען געגעבענע קאָנצעסיע איז ניט בעקאנט־געמאכט געוואָרען. אויף זיין וועג צוריק צום ווינטער־פּאַלאַץ איז ער געטויטעט געוואָרען.

ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט איז בעוואוסט. א באָמבע איז געוואָרפען געוואָרען אונטער דער אייזען־געדעקטער קארעטע, איהר אָבצושטעלען. עטליכע טשערקעסען פון דער סוויטע זיינען פערוואונדעט געוואָרען. ריסאקאָף, וועלכער האָט די באָמבע געוואָרפען, איז אויפ'ן שטעל ארעס־טירט געוואָרען. דערנאָך, אָבוואויל דער קוטשער האָט שטארק געראַטהען דעם צאַר ער זאָל ניט ארויסגעהן, ערקלערענדיג אז ער קען נאָך פּאָהרען אין דער לייכט בעשעדיגטער קארעטע, האָט ער זיך דוקא איינגעשפּארט ארויסצושטייגען. ער האָט געפיהלט אז זיין מיליטערישע ווירדע פאָדערט פון איהם, ער זאָל זעהן די פערוואונדעטע טשערקעסען, ער זאָל מיטפיהלען מיט זיי, פּונקט ווי ער האָט עס געטהאָן צו די פערוואונדעטע אין דער צייט פון דער טירקישער מלחמה, בעת דער ווילדער שטורעם אויף פּלעווונא, וועלכער האָט זיך געמוזט אויסלאָזען מיט א שרעקליכער קאטאַ־

טסראָפּע, איז געמאַכט געוואָרען אין דעם טאָג פון זיין יום־טוב. ער איז צוגעגאַנגען צו ריסאַקאָוו׳ען און האָט איהם עטוואָס געפרעגט; און ווי ער איז פערבייגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט פון אַ צווייטען יונגען מאַן, גרינע־וויצקי, האָט יענער געוואָרפען אַ באָמבע צווישען זיך און אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, אַזוי אַז ביידע זאָלען גע׳הרג׳עט ווערען. ביידע האָבען זיי געלעבט ניט מעהר ווי עטליכע שטונדען.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געבליבען ליעגען אויפ׳ן שנעע, אָבלויפענדיג מיט בלוט, פערלאָזען פון יעדען איינציגען פון זיינע נאָכ־פאָלגער! אַלע זיינען זיי פערשוואונדען. עס זיינען געווען די קאַדעטען, צוריקגעהענדיג פונ׳ם פּאַראַד, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דעם גוסס׳ען צאַר פונ׳ם שנעע און האָבען איהם אַרויפגעלעגט אויף אַ שליטען, איבער־דעקענדיג זיין ציטערענדען קערפּער מיט אַ קאַדעטסקען מאַנטעל און זיין נאַקעטען קאָפּ מיט אַ קאַדעטסקע היטעל. און עס איז געווען איינער פון די טעראָריסטען, עמעליאַנאָף, מיט אַ באָמבע איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּיר אונטער׳ן אָרעם, ריזיקירענדיג צו ווערען אַרעסטירט אויפ׳ן אָרט און אויפגעהאַנגען, וועלכער איז מיט די קאַדעטען געלאָפען העלפען דעם פער־וואונדעטען מענשען. די מענשליכע נאַטור איז פול מיט אַזעלכע קאָנטראַסטען.

אַזוי האָט זיך געענדיגט די טראַגעדיע פון אַלעקסאַנדער דעם 2טענ׳ס לעבען. מענשען האָבען ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי עס איז מעגליך געוועזן אַז דער צאַר, וועלכער האָט אַזוי פיעל געטהאָן פאַר רוסלאַנד זאָל בעגעגענען זיין טויט דורך די הענד פון רעוואָלוציאָנערען. פאַר מיר, וועל־כער האָט געהאַט די געלעגענהייט בייצואוואוינען די ערשטע רעאַקציאָ־נערע שריט פון אַלעקסאַנדער דעם 2טען, און ווי אַזוי ער איז שטופענווייז אַרונטערגעזונקען, וועלכער האָט אַריינגעבליקט אין זיין קאָמפּליצירטער פּערזענליכקייט, — פון אַ געבאָרענעם אויטאָקראַט, וועמעס גרויזאַמ־קייט איז נאָר טיילווייז געמילדערט געוואָרען דורך בילדונג, פון אַ מענשען וואָס איז געווען דורכדרונגען פון מיליטערישער גאַלאַנטקייט, אָבער אָהן דעם מוטה פון אַ שטאַאַטס־מאַן, פון אַ מענשען מיט שטאַרקע ליידענ־שאַפטען און אַ שוואַכען ווילען, — פאַר מיר האָט עס אויסגעזעהן, אַז די טראַגעדיע האָט זיך ענטוויקעלט מיט אַן אונפערמיידליכער פאַטאַליטעט פון שעקספּיער׳ס אַ דראַמאַ. דער לעצטער אַקט איהרער איז שוין פאַר מיר געווען אָנגעשריבען אין דעם טאָג, וואָס איך האָב געהערט זיין רעדע פאַר אונז, די ערנאַנטע אָפיצירען, דעם 13טען יוני 1862, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט בעפוילען די ערשטע הינריכטונגען אין פוילען.

IX

א ווילדע פאניק האָט ארומגעכאפּט די הויף־קרייזען אין פעטער־בורג. אַלעקסאנדער דער דריטער, ניט קוקענדיג אויף זיין ריעזיגער פיגור, איז ניט געווען קיין זעהר מוטהיגער מענש; ער האָט זיך ענטזאגט אריינ־צוציהען אין ווינטער־פאלאץ, און האָט זיך צוריקגעצויגען אין דעם פאלאץ פון זיין זיידען, פּאוועל דער ערשטער, אין גאטשינא. איך קאָן די דאָזיגע אַלטע געביידע, וואָס איז געבויט נאָך דעם פּלאַן פון אַ וואָבישער פעפ־טונג, ארומגערינגעלט מיט גראָבענס און בעשיצט מיט וואך־טהורעמס, וואָס פון זייערע שפּיצען פיהרען געהיימע טרעפּ צו דעם קייזער'ס קאבי־נעט. איך האָב געזעהן די פאל־טהירען אין דעם קאבינעט, דורך וועלכע מען האָט געקענט פּלוצלינג ארונטערוואַרפען אַ שונא אויף די שפּיציגע שטיינער אין דעם וואסער פון אונטען, און די געהיימע טרעפּ וואָס האָבען געפיהרט צו אַן אונטעראירדישען געפענגניס און צו אַן אונטעראירדישען טונעל, וועלכער האָט זיך געעפענט אויף אַן אָזערע. אַלע פּאַלאַצען פון פּאוועל דעם 1טען זיינען געבויט געוואָרען לויט אַן עהנליכען פּלאַן. אין צווישען צייט האָט מען געגראָבען ארום דעם אַניטשקאָף פאלאץ, אין וועלכען אַלעקסאנדער דער צווייטער האָט געוואוינט בעת ער איז נאָך געווען יורש עצר, אַן אונטעראירדישע גאַלערעע, בעזאָרגט מיט אויטאָ־מאַטישע עלעקטרישע איינריכטונגען, וואָס זאָלען בעשיצען דעם פאלאץ פון רעוואָלוציאָנערע מינען.

עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ געהיימע ליגע צו בעשיצען דעם צאַר. אָפיצירען פון אַלערליי ראַנגען זיינען צוגעצויגען געוואָרען, דורך פערדרייפאכטע געהאַלטען, זיך אָנצושליסען אָן איהר, און זיך פרייוויליג צו אונטערנעהמען נאָכצושפּיאָנירען אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. דערפון איז, פערשטעהט זיך, ארויסגעקומען קאָמישע סצענעס. צוויי אָפי־צירען, ניט וויסענדיג אַז זיי געהערען ביידע צו דער ליגע, פּהאָרענדיג אויף אַ באַהן, פּלעגען זוכען איינער דעם אַנדערען אריינצוציהען אין אַ ניט־לאָיאַלען געשפּרעך, און דערנאָך פּלעגען זיי וועלען איינער דעם אַנדע־רען ארעסטירען, אויסגעפינענדיג אין דער לעצטער מינוט, אַז זייער טרחה איז געווען אומזיסט. די דאָזיגע ליגע עקזיסטירט נאָך היינט אין אַ מעהר אָפיציעלער פאָרמע אונטער דעם נאָמען „אָכראַנאַ“ (בעשיצונג), און פון

צייט צו צייט שרעקט זי דעם איצטיגען קייזער מיט אַלערליי אויפגעבלאָ־זענע „געפאַהרען“, כדי אויפצוהאַלטען איהר עקזיסטענץ.

א נאָך מעהר געהיימע אָרגאַניזאַציע, די „הייליגע ליגע“, איז אין דער אייגענער צייט פאָרמירט געוואָרען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם צאַר׳ס ברודער, וולאַדימיר, מיט דעם צוועק צו בעקעמפּפען די רעוואָ־לוציאָנערען אויף פערשיידענע וועגען, איין וועג פון וועלכע עס איז געווען, צו טויטען יענע פליכטלינגע, אויף וועלכע מען האָט געהאַט א חשד, אז זיי זיינען געווען די פיהרער פון די לעצטע קאָנספּיראַציעס. איך בין געווען איינער פון די וואָס האָבען געזאָלט געטויט ווערען. דער גרויספירסט האָט שטאַרק פאָרגעוואָרפען די אָפיצירען פון דער ליגע פאַר זייער פייגהייט, בעדויערנדיג וואָס עס געפינט זיך ניט קיין איינציגער צווישען זיי, וועל־כער זאָל זיך אונטערנעהמען צו טויטען אזעלכע פליכטלינגע; און אן אָפּי־ציר, וועלכער איז געווען א פאַזש דע שאַמבער אין דער אייגענער צייט. וואָס איך בין געווען אין פאַזשען־קאָרפּוס, איז פון דער ליגע בעשטימט געוואָרען אויסצופיהרען די דאָזיגע ספּעציעלע ארבייט.

די טהאַטזאַך איז, אז די פליכטלינגע אין אויסלאַנד האָבען זיך ניט געמישט אין דער ארבייט פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט אין פּעטער־בורג. זיך אונטערנעהמען צו פיהרען קאָנספּיראַציעס פון דער שווייץ, אין דער צייט וואָס די, וועלכע זיינען געווען אין פּעטערבורג, האָבען געהאַני־דעלט אונטער דער שטענדיגער געפאַהר פון טויט, וואָלט געווען א פּשוט׳ער אונזין; און ווי סטעפּניאַק און איך האָבען מעהרערע מאָל געשריבען, וואָלט קיינער פון אונז ניט אָנגענומען די צווייפעלהאַפטע אויפגאַבע, אויסצואַרבייטען פּלענער פון טהעטיגקייט, ניט זייענדיג אויפ׳ן אָרט. עס פערשטעהט זיך אָבער, אז פאַר די פּלענער פון דער פּאָליציי האָט בעסער געפּאַסט צו בעהויפּטען, אז זיי זיינען ניט בכח צו בעשיצען דעם צאַר, ווייל אַלע פּלענער ווערען אויסגעאַרבייט אין אויסלאַנד, און זייערע שפּיאָנען — איך ווייס עס גאַנץ גוט — האָבען זיי פאַלשטענדיג בעזאָרגט מיט די געווינשטע בעריכטען.

סקאָבעלעף, דער העלד פון דער טערקישער מלחמה, איז אויך איינ־געלאַדען געוואָרען צוצושטעהן צו דער ליגע, ער האָט זיך אָבער אבסאָלוט ענטזאַגט. עס שטעלט זיך אָבער ארויס פון לאָריס מעליקאָף׳ס נאָכגעבלי־בענע דאָקומענטען, א טייל פון וועלכע עס זיינען פערעפענטליכט געוואָ־רען פון זיינעם א פריינד אין לאָנדאָן, אז בעת אַלעקסאַנדער דער 3טער איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן און האָט זיך אָבגעהאַלטען פון איינצורופען די „נאָטאַבעלען־פערזאַמלונג“, האָט סקאָבעלעף פאָרגעלעגט פאַר לאָריס

מעליקאָף'ן און גראַף איגנאַטיעף („דער ליגנערישער פּאַשאַ", ווי די קאָנ־סטאַנטינאָפּאָלער דיפּלאָמאַטען פלעגען איהם רופען, אַלס צונאָמען), צו אַרעסטירען אַלעקסאַנדער דעם דריטען און איהם צווינגען אונטערצושרייבען אַ קאָנסטיטוציאָנעלען מאַניפעסט. מען זאָגט אָבער, אַז איגנאַטיעף זאָל האָבען פעררעטהען דעם פּלאַן פאַר'ן צאַר, און אויף דעם אופן זיך דער־שלאָגען צו דער שטעלע פון ערשטער מיניסטער, אין וועלכען אמט ער האָט זיך גענומען צו פערשיידענע דורכגעטריבענע פּלענער, לויט דער עצה פון מ. אַנדרעע, דעם געוועזענעם פּאָליציי־פּרעפעקט פון פּאַריז, כדי צו פּאַראַ־ליזירען די רעוואָלוציאָנערען.

ווען די רוסישע ליבעראַלען וואָלטען צו יענער צייט אַרויסגעצייגט וויפיעל ניט איז בעשיידענעם מוטה און עטוואָס קראַפט פון אָרגאַניזיר־טער טהעטיגקייט, וואָלט אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איינבערופען געוואָ־רען. פון די אייגענע נאָכגעבליבענע כתבים פון לאָרים מעליקאָף שטעלט זיך אַרויס, אַז אַלעקסאַנדער דער 3טער איז אַ צייט לאַנג געווען בערייט אַזאַ פערזאַמלונג איינצורופען. ער האָט געהאַט בעשלאָסען דאָס צו טהאָן, און ער האָט עס געלאָזט וויסען זיין ברודער. דער אַלטער ווילהעלם דער 1טער האָט איהם אונטערשטיצט אין זיין בעשלוס. ערשט דאַן ווען ער האָט איינגעזעהן אַז די ליבעראַלען האָבען גאָרנישט אונטערנומען, בעת די קאַטקאָף פּאַרטיי איז געווען טהעטיג אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכ־טונג, — מ. אַנדרעע האָט איהם געראַטהען צו פערניכטען די ניהיליסטען, און האָט אָנגעוויזען ווי אַזוי דאָס דאַרף געטהאָן ווערען (זיין בריעף וועגען דעם ענין געפינט זיך אין דער בראָשורע, וועגען וועלכער איך רעד דאָ), — ערשט דעמאָלט האָט אַלעקסאַנדער דער 3טער ענדליך בעשלאָסען צו ערקלערען, אַז ער בלייבט דער אַבסאָלוטער הערשער פון דער מלוכה.

עטליכע חדשים נאָך אַלעקסאַנדער דעם 2טענ'ס טויט, האָט מען מיך אויסגעוויזען פון דער שווייץ, אויף אַ בעפעהל פון דעם פעדעראַל־ראַטה. איך האָב אויף זיי קיין פעראיבעל ניט געהאַט דערפאַר. אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעגריפען געוואָרען פון די מאָנאַרכיסטישע מעכטע פאַר דעם מקום מקלט, וואָס די שווייץ האָט אָנגעבאָטען די פליכטלינגע, און אַזוי ווי די רוסישע אָפּיציעלע פּרעסע האָט געסטראַשעט אַרויסצוטרייבען פון רוס־לאַנד אַלע שווייצאַרישע גואווערנאַנטינס און קאַמער־פרויען, וועלכע געפינען זיך מאַסענהאַפט אין רוסלאַנד, האָבען די שווייצאַרישע רעגיערער אַביסעל צוליעב געטהאָן די רוסישע פּאָליציי מיט דעם, וואָס זיי האָבען מיך אויסגעוויזען. מיר האָט אָבער לייד געטהאָן פאַר דער שווייץ נופא. וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ שריט. דאָס איז געווען אַ בעשטעטיגונג פון

דער טעאָריע פון „קאָנספּיראַציעס געפּלאָנעוועט אין דער שווייץ", און עס איז געווען אַן אַנערקענונג פון שוואַכקייט, מיט וואָס איטאַליען און פראַנקרייך האָבן זיך גלייך בענוצט. ווען זשול פעררי האָט מיט צוויי יאָהר שפּעטער פאָרגעשלאָגען איטאַליען און דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלען זיך צוטיילען מיט דער שווייץ, האָט ער געוויס געמוזט אָנגעבען דעם אַרגו־מענט, אַז די שווייצאַרישע רעגיערונג אַליין האָט צוגעגעבען, אַז די שווייץ איז „אַ נעסט פאַר אינטערנאַציאָנאַלע קאָנספּיראַציעס". די דאָזיגע ערשטע הנחה האָט געפיהרט צו מעהר חוצפה'דיגע פאָדערונגען, און האָט זיכער אַוועקגעשטעלט די שווייץ אין אַ פיעל ווענינער אָנגענעהמערע פּאָזיציע, ווי זי וואָלט זאָנסט געווען פערנומען.

דעם אויסווייזונגס דעקרעט האָט מען מיר איבערגעגעבען באַלד ווי איך בין צוריקגעקומען פון לאָנדאָן, וואו איך בין געווען אָנוועזענד אויף אַן אַנאַרכיסטישען קאָנגרעס אין יולי, 1881. נאָכ'ן קאָנגרעס בין איך פערבליבען עטליכע וואָכען אין ענגלאַנד, שרייבענדיג די ערשטע אַרטיק־לען איבער רוסישע אָנגעלעגענהייטען פון אונזער שטאַנדפּונקט פאַר דער „ניוקאַסטעל קראָניקל". די ענגלישע פּרעסע צו יענער צייט איז געווען אַ ווידערקול פון מאַדאַם נאָוויקאָף'ס מיינונגען, — דאָס הייסט, פון קאַטקאָף און דער רוסישער שטאַאַטס־פּאָליציי, — און איך בין געווען העכסט גליקליך, ווען דזשאָזעף קאָווען איז מרוצה געוואָרען מיר צו געבען די גאַסט־פריינדליכקייט פון זיין צייטונג, כדי צו ערקלערען אונזער שטאַנדפּונקט.

איך האָב זיך נאָר־וואָס געהאַט בעגעגענט מיט מיין פרוי אין די הויכע בערג, וואו זי האָט זיך אויפגעהאַלטען, ניט ווייט פון עליזע רעקלו'ס וואוינונג, ווען איך בין אויפגעפאָדערט געוואָרען צו פערלאָזען די שווייץ. מיר האָבען אַוועקגעשיקט דאָס ביסעל באַגאַזש, וואָס מיר האָבען געהאַט, צו דער נעקסטער באַהן־סטאַנציע און מיר זיינען אַוועק צופוס נאָך איגעל, געניסענדיג צום לעצטען מאָל דעם אָנבליק פון די בערג, וועלכע מיר האָבען אַזוי ליעב געהאַט. וועלענדיג אָבקירצען דעם וועג, זיינען מיר געגאַנגען גלייך איבער די בערג, און מיר האָבען געלאַכט בעת מיר האָבען אויסגעפונען, אַז די קורצע וועגען האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט לאַנגע אַרומדרעהעניסען; און ווען מיר זיינען אַרונטערגעקומען אין טהאָל האָבען מיר געוואַנדערט איבער'ן שטויביגען וועג. דאָס קאָמישע וואָס פּאַסירט שטענדיג אין אַזעלכע פעלע, איז דעם מאָל געקומען דורך אַן ענג־לישער דאַמע. אַ רייך־געקליידטע דאַמע, וועלכע איז געזעסען אָנגעלעהנט אין אַ געדונגענער קאַרעטע נעבען אַ דזשענטלמאַן, האָט אַרויסגעוואָרפען עטליכע בראָשורקעס פאַר די צוויי אָרעם־געקליידטע וואַנדערער, ווען מיר

זיינען זיי פערבייגעגאַנגען. איך האָב די בראָשורקעס אויפגעהויבען פונ'ם שטויב. זי איז וואהרשיינליך געווען איינע פון יענע דאַמען, וואָס גלויבען אַז זיי זיינען קריסטען, און זיי האַלטען עס פאַר זייער פליכט צו פערשפּרייטען רעליגיעזע ספרים צווישען די „אויסגעלאַסענע אויסלענדער". דענקענדיג אַז מיר וועלען זיכער אָניאָגען די דאַמע ביי דער באַהן־סטאַנציע, האָב איך אָנגעשריבען אויף איינער פון די בראָשורקעס דעם וואויל־בעקאַנטען פּערז מכה די רייכע אינ'ם געטליכען קעניגרייך, און עהנליכע פּאַסענדע אויסצוגען וועגען די פּאַריזעער, וועלכע זיינען די ערגסטע פיינד פונ'ם קריסטענטום. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין איגעל, האָבען מיר די דאַמע געטראָפען צובייסענדיג אין איהר קאַרעטע. עס איז איהר בעסער געפעלען געווען פּאָרטצוזעצען איהר רייזע אין דער קאַרעטע איבער דעם פּראַכטפאָלען טהאָל, איידער צו זיצען פערשפּאַרט אין אַ שטיקענדען באַהן־וואַגאָן. איך האָב איהר העפליך אומגעקעהרט די בראָשורען, זאָגענדיג, אַז איך האָב אין זיי צוגעגעבען עטוואָס, וואָס זי וועט פיליכט געפינען ניצליך פאַר איהר אייגענער אונטערריכטונג. די דאַמע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, צי זי זאָל מיר אָבזידלען, אָדער זי זאָל אָננעהמען די לעהרע מיט קריסטליכער געדולד. איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקטביידע געפיהלען מיט אַמאָל.

מיין פרוי האָט געהאַלטען ביים דורכמאַכען איהרע עקזאַמענס פאַר דעם טיטעל באַקעלאַר דער וויסענשאַפט אין דער זשענעווער אוניווערזיטעט, און מיר האָבען זיך דעריבער בעזעצט אין אַ קליינער פראַנצויזישער שטעדטעל, טהאָנאָן, וועלכע ליעגט ביי דעם סאַוואָישען ברעג פון דער אַזערע זשענעווא, וואו מיר האָבען פערבראַכט אַ פּאָר חדשים.

וואָס אָנבעלאַנגט מיין טויט־אורטייל פון דער „היילינגער ליגע", האָב איך וועגען דעם געקראָגען אַ וואַרנונג פון איינעם פון די העכסטע מקומות אין רוסלאַנד. איך האָב אפילו געקראָגען צו וויסען דעם נאָמען פון דער דאַמע, וועמען מען האָט אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג נאָך זשענעווא, זי זאָל זיין דער הויפּט־צענטער פון דער קאָנספּיראַציע. איך האָב דעריבער גאָר פּראָסט איבערגעגעבען דעם פאַקט און די נעמען דעם זשענעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „טיימז", בעטענדיג ער זאָל עס פערעפענטליכען אין פאַל עטוואָס וועט פּאַסירען, און איך האָב אַריינגעשטעלט אַ נאָטיץ וועגען דעם אין „לע רעוואָלטע". דערנאָך האָב איך זיך וועגען דעם מעהר ניט געקימערט. מיין פרוי האָט עס ניט גענומען אַזוי גרינג, און די גוטע פויערטע, מאַדאַם סאַנסאָ, ביי וועמען מיר זיינען געווען אויף קעסט און לאָזשי אין טהאָנאָן, און וועלכע האָט זיך דערוואוסט פון דער פערשווערונג פון אַן אַנדער קוועלע (דורך איהר שוועסטער, וועלכע איז

געוועזן אַן אַם אין דער פאַמיליע פון אַ רוסישען אגענט), האָט מיר אָבגע־היט אויף אַ העכסט צערטליכען אופן. איהר ה״יזועל איז געוועזן ארויס פון שטאָדט, און ווען איך בין נאָר געגאַנגען אין שטאָדט ביינאַכט, — מאַנ־כעס מאָל אָבוואַרטען מיין פרוי אויפ׳ן וואָקזאַל — האָט זי אַלע מאָל געפונען אַ תירוץ, איהר מאַן זאָל מיך בעגלייטען מיט אַ לאַנטערנע. „וואַרט נאָר אויף אַ ווײַלעצקע, הערר קראָפּאָטקין", פלעגט זי זאָגען, „מיין מאַן געהט דעם זעלבען וועג עפּעס איינקויפען, און איהר ווייסט דאָך, אַז ער נעהמט שטענדיג מיט אַ לאַנטערנע!" אַז ניט פלעגט זי אונטערשיקען איהר ברודער, ער זאָל מיך נאָכגעהן פון ווייטען, איך זאָל עס ניט בעמערקען.

X

אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער, 1881, באַלד ווי מיין פרוי איז דורכגעגאַנגען איהר עקזאַמען, זיינען מיר אַריבערגעפאָהרען פון טהאָנאָן נאָך לאָנדאָן, וואו מיר זיינען אָבגעוועזן געגוויע צוועלף חדשים. וועניגע יאָהרען טיילען אונז אָב פון יענער צייט, און דאָך קען איך זאָגען, אַז דאָס אינטעלעקטועלע לעבען פון לאָנדאָן און פון גאַנץ ענגלאַנד איז געוועזן אַ גאַנץ אַנדערער, ווי ער איז געוואָרען אביסעל שפּעטער. אַלע ווייסען אַז אין די פערציגער יאָהרען איז ענגלאַנד געשטאַנען כמעט אָן דער שפּיץ פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אייראָפּאַ, אָבער אין פערלויף פון די יאָהרען פון רעאַקציע, וואָס זיינען דערנאָך געקומען, איז די גרויסע בעוועגונג, וועלכע האָט שטאַרק בעאיינפלוסט די אַרבייטער קלאַסען, און אין וועלכער אַלעס וואָס עס ווערט איצט אַרויסגעשטעלט אַלס וויסענשאַפט־ליכער אָדער אַנאַרכיסטישער סאָציאַליזם איז שוין געזאָגט געוואָרען, געקומען צו אַ שטילשטאַנד. זי איז פערגעסען געוואָרען, אין ענגלאַנד אַזוי גוט ווי אויף דעם קאָנטינענט, און דאָס וואָס די פראַנצויזישע שריפט־שטעלער בעצייכענען אַלס „דאָס דריטע אויפוואַכען פון די פּראָלעטאַ־ריער", האָט זיך נאָך אין בריטאַניען ניט געהאַט אָנגעפאַנגען. די אַרבייטען פון דער אגריקולטורעלער קאָמיסיע פון 1871, די פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די לאַנד־אַרבייטער און די פריהערדיגע אָנשטרענגונגען פון די קריסטליכע סאָציאַליסטען האָבען זיכער עטוואָס בייגעטראָגען אָבצורייניגען דעם וועג; אָבער דער אויסברוך פון סאָציאַליסטישע געפיהלען אין ענגלאַנד, וועלכער האָט נעפאָלגט נאָך דער פערעפענטליכונג פון הענרי דזשאָר־דזש׳עס „פּראָגרעס ענד פּאָווערטי" („פּראָגרעס און אָרעמקייט") האָט נאָך ניט געהאַט שטאַטגעפונען.

דער יאָהר, וואָס איך האָב דאָן פערבראכט אין לאָנדאָן, איז געווען א יאָהר פון ווירקליכען גלות. פאר דעם וואָס האָט געהאט פאָרטגעשריטענע סאָציאַליסטישע מיינונגען, איז ניט געווען קיין אטמאָספערע וואו צו אָטהעמען. עס איז קיין סימן ניט געווען פון יענער לעבהאפטער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, וועלכע איך האָב געפונען אזוי שטארק ענטוויקעלט, ווען איך בין צוריקגעקומען אין 1886. פון בערנס, טשעמפיאָן, הארדי און די אנדערע ארבייטער־פיהרער האָט מען נאָך ניט געהערט; די פאביאַנער האָבען נאָך ניט עקזיסטירט; מאָריס האָט זיך נאָך ניט געהאט ערקלערט אַלס סאָציאַליסט; און די טרייד־יוניאָנס, וועלכע זיינען געווען בשערענקט אין לאָנדאָן אויף בלויז עטליכע פריווילעגירטע פאכען, זיינען געווען פיינדליך צום סאָציאַליזם. די איינציגע טהעטיגע און אויסגעשפּראָכענע פערטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג זיינען געווען הערר און מאַדאַם היינדמאַן, מיט א קליין הייפעלע ארבייטער, וועלכע האָבען זיך גרופּירט ארום זיי. אין הערבסט פון 1881 האָבען זיי אָבגעהאַלטען א קליינעם קאָנגרעס, און מיר פלעגען זאָגען אין שפּאס — עס איז אָבער געווען גאָר ניט ווייט פון אמת — אז מאַדאַם היינדמאַן האָט אויפגענומען דעם גאַנצען קאָנגרעס ביי זיך אין הויז. נאָכמעהר, די מעהר אָדער ווענינער סאָציאַליסטיש־ראַדיקאַלע בעוועגונג, וועלכע איז אָהן צווייפעל פאָרגעגאַנגען אין די מוחות פון די מענשען, איז נאָך ניט געווען ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט. יענע בעדייטענדע צאָהל פון געבילדעטע מענער און פרויען, וועלכע האָבען זיך בעוויזען אין עפענטליכען לעבען מיט פיער יאָהר שפּעטער, און ניט בינדענדיג זיך צום סאָציאַליזם, האָבען זיי אַנטייל גענומען אין פערשיידענע בעוועגונגען, וואָס האָבען געהאט א שייכות מיט דעם וואויל־זיין אָדער בילדונג פון די מאסען, און וועלכע האָבען איצטער געשאַפען אין כמעט יעדער שטאָדט פון ענגלאַנד און שאָטלאַנד א גאַנץ נייע אַטמאָספערע פון רעפאָרמען און א נייע געזעלשאַפט פון רעפאָרמער, האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט געלאָזט פיהלען. עס פערשטעהט זיך, געווען זיינען זיי שוין דאָרטען; זיי האָבען געדענקט און גערעדט; אַלע עלעמענטען פאר א ווייט־פערשפּרייטער בעוועגונג האָבען שוין עקזיסטירט; אָבער, ניט געפינענדיג קיינע פון די צוציהונגס־פונקטען, וועלכע די סאָציאַליסטישע גרופּען זיינען דערנאָך געוואָרען, האָבען זיי זיך פערלאָרען צווישען דער מאסע; זיי האָבען איינער פון דעם אַנדערען ניט געוואוסט, אָדער זיי זיינען געבליבען אונבעוואוסט ווענען זיך גופא.

טשייקאָווסקי איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן, און אזוי ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, האָבען מיר אָנגעפאַנגען א סאָציאַליסטישע פּראָפּאַ־

גאַנדאַ צווישען די אַרבייטער. מיט דער הילף פון עטליכע ענגלישע אַרביי־טער, מיט וועלכע מיר האָבען זיך בעקאַנט אויף דעם קאָנגרעס פון 1881, אָדער וועמען די פערפאָלגונגען אַנטקעגען יאָהאַן מאָסט האָט צוגעצויגען צו די סאָציאַליסטען, זיינען מיר געגאַנגען צו די ראַדיקאַלע קלובען, רעדענדיג וועגען רוסישע אַנגעלעגענהייטען, וועגען דער בעוועגונג פון אונזער יוגענד „צום פאָלק" און וועגען סאָציאַליזם אין אַלגעמיין. די צאָהל פון אונזערע צוהערער איז געווען לעכערליך קליין, זעלטען ווען האָבען מיר געהאַט מעהר ווי צוועלף. ווען־ניט־איז פלעגט זיך אויפהויבען פון צווישען עולם א גרוי־באָרדיגער טשאַרטיסט און אונז דערצעהלען, אַז אַלעס וואָס מיר רעדען איז שוין געזאָגט געוואָרען מיט פערציג יאָהר צוריק, און איז דאַן בעגריסט געוואָרען מיט ענטהוזיאַזם פון מאַסען אַר־בייטער, אָבער איצט איז אַלעס טויט און עס איז גאָר ניטאָ קיין האָפענונג עס זאָל ווידער אויפלעבען.

הערר הײנדמאַן האָט נאָר־וואָס געהאַט פערעפענטליכט זיין אויסגע־צייכענטע דאַרלעגונג פון מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם אונטער'ן טיטעל „ענגלאַנד פאַר אַלעמען"; און איך געדענק, אַז איין טאָג אין זומער פון 1882 האָב איך איהם שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל גרינדען א סאָציאַליס־טישע צייטונג. איך האָב איהם דערצעהלט מיט וואָס פאַר קאַרגע מיטלען מיר האָבען געגרינדעט „לע רעוואָלטע", און האָב איהם פאָראויסגעזאָגט א זיכערען ערפאָלג אויב ער וועט זיך נעהמען דערפאַר. אָבער די אַלגע־מיינע אויסזיכטען זיינען געווען אַזעלכע שוואַכע, אַז אפילו ער האָט געדענקט אַז די אונטערנעהמונג וועט זיין אַבסאָלוט האָפנונגסלאָז, סיידען ער וועט האָבען די מיטלען צו דעקען אַלע איהרע אויסגאַבען. אפשר איז ער גערעכט געווען; אָבער ווען ער האָט געגרינדעט די „דזשאַסטיס" מיט גענויע דריי יאָהר שפּעטער, האָט זי געפונען א הערצליכע שטיצע צווישען די אַרבייטער, און אין אָנפאַנג פריהלינג פון 1886 זיינען שוין געווען דריי סאָציאַליסטישע צייטונגען, און די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פעדעראַציע איז געוואָרען אַן איינפלוסרייכע קערפּערשאַפט.

אין דעם זומער פון 1882 האָב איך גערעדט, אין א געבראָכענעם ענגליש, פאַר די דורהאַמער מינען־אַרבייטער אויף זייער יעהרליכער צוזאַמענקונפט; איך האָב געהאַלטען פּאָרטרעגע אין ניוקאַסטעל, גלאַזגוי און עדינבורג וועגען דער רוסישער בעוועגונג, און איך בין אויפגענומען געוואָרען מיט ענטהוזיאַזם, אַן אַרבייטער־עולם האָט הערצליך אַפּלאָדירט די ניהיליסטען, נאָך דער פערזאַמלונג, אויפ'ן גאַס. מיין פרוי און איך האָבען זיך אָבער געפיהלט אַזוי אומעטיג אין לאָנדאָן, און אונזערע אָנ־שטרענגונגען אויפצוואַוועקען א סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין לאָנדאָן

האָט אויסגעזעהן אזוי האָפנונגסלאָז, אז אין הערבסט 1882 האָבען מיר בעשלאָסען זיך אריבערצוקלייבען ווידער אין פראנקרייך. מיר זיינען געווען זיכער, אז אין פראנקרייך וועל איך באלד ארעסטירט ווערען; אָבער מיר האָבען אָפט געזאָגט איינער צום אנדערען, „בעסער א פראנצוי־זישע טורמע איידער אָט דער קבר“.

די וואָס האָבען א טבע צו רעדען פון דער לאנגזאמקייט פון עוואָלו־ציע, האָבען געמעגט שטודירען די ענטוויקלונג פונ'ם סאָציאליזם אין ענגלאנד. עוואָלוציע איז לאנגזאם; אָבער איהר גאנג איז ניט קיין צוגע־מאָסטענער. זי האָט איהרע צייטען, ווען זי געהט שלעפעריג און איהרע פעריאָדען, וואָס זי פּראָגרעסירט שנעל.

XI

מיר האָבען זיך ווידער אמאָל בעזעצט אין טהאָנאָן, דינגענדיג א קווארטיר ביי אונזער געוועזענער בעל־הבית'טע, מאדאם סאנסאָ. מיין פרוי'ס א ברודער, וועלכער האָט געהאלטען ביים שטארבען פון שווינד־זוכט און איז געקומען אין דער שווייץ, איז איינגעשטאנען ביי אונז.

איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אזוי פיעל רוסישע שפּיאָנען, ווי אין די צוויי חדשים, וואָס איך בין פערבליבען אין טהאָנאָן. ראשית, אזוי געשווינד ווי מיר האָבען אנגאזשירט די קווארטיר, האָט א פערדעכטיגע פערזאָן, וואָס האָט זיך אויסגעגעבען פאר אן ענגלענדער, אָבגעדונגען די צווייטע טייל פונ'ם הויז. מחנות, בוכשטעבליך מחנות רוסישע שפּיאָנען האָבען בעלאגערט דאָס הויז, זוכענדיג אריינצוקומען אונטער אלערליי מעגליכע תירוצים, אָדער האָבען זיך איינפאך ארומגעשלעפּט זאלבע־צווייט, זאלבע־דריט און זאלבע־פיערט פאר'ן הויז. איך קען מיך שוין פאָרשטעלען וואָסערע וואונדערליכע בעריכטען זיי האָבען געשריבען. א שפּיאָן מוז בעריכטען. ווען ער זאָל מעהר נישט דערצעהלען, אז ער איז אָבגעשטאנען א וואָך אויפ'ן גאס, ניט בעמערקענדיג עטוואָס געהיימניס־פולעס, וועט מען איהם באלד אוועקשטעלען אויף דער ליסט פון האלבע שכירות, אָדער אָבזאָגען פון שטעל.

עס איז דעמאָלט געווען די גאָלדענע צייט פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי. איגנאטיעף'ס טאקטיק האָט געבראַכט פרוכט. עס זיינען געווען צוויי אָדער דריי פּאָליציי־קערפערשאפטען, וועלכע האָבען קאָנקו־רירט איינע מיט דער אנדערער, אלע האָבען געקראָגען אזוי פיעל געלד וויפיעל זיי האָבען נור געוואָלט, און זיי האָבען אָנגעפיהרט די חוצפה'־

ריגסטע אינטריגעס. פּאָלקאָווניק סודייקין, צום ביישפּיעל, דער שעף פון איינער פון די אָבטיילונגען, — אינטריגירענדיג מיט אַ געוויסען דעגאַיעף, וועלכער האָט איהם סוף־כל־סוף געטויטעט — האָט ארויסגעגעבען איג־נאַטיעף׳ס אַגענטען פאר די זשענעווער רעוואָלוציאָנערען, און האָט אָנגע־באָטען די טעראָריסטען אין רוסלאַנד אַלע געלעגענהייטען צו טויטען דעם מיניסטער דעם אינערען, גראַף טאָלסטאָי, און דעם גרויספירסט וולאַדימיר, צוגעבענדיג דערצו, אַז ער אַליין וועט דעמאָלט בעשטימט ווערען אַלס מיניסטער דעם אינערען מיט דיקטאַטארישער מאַכט, און דער צאַר וועט זיין אינגאַנצען אין זיינע הענד. די דאָזיגע טהעטיגקייט פון דער רוסישער פּאָליציי האָט שפּעטער געגרייכט איהר הויך־פּונקט דערמיט וואָס זיי האָבען אַרויסגעגנב׳עט דעם פּרינץ פאָן באַטענבערג פון בולגאַריען.

אויך די פראַנצויזישע פּאָליציי איז געווען אויף דער וואך. די פראַגע, „וואָס טהוט ער דאָרטען אין טהאָנאָן?“ האָט זיי ניט געלאָזט רוהען. איך האָב וויטער רעדאַקטירט „לע רעוואָלטע“, און האָב געשריבען ארטיקלען פאר דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ“ און דער „ניוקאַסטל קראָניקל“. אָבער וואָסערע בעריכטען האָבען זיי דערפון געקענט מאַכען? איין טאָג האָט דער אָרטיגער זשאַנדאַרם אָבגעשטאַט אַ וויזיט ביי מיין בעל־הבית׳טע. ער האָט געהערט אין גאַס דאָס רוישען פון עפּעס אַ מאַשין, און עס האָט זיך איהם געוואָלט בעריכטען, אַז איך האָב ביי זיך אין הויז אַ געהיימע דרוקעריי. ער איז אַלזאָ געקומען, ווען איך בין ניט געווען דערהיים, און האָט געבעטען, די פרוי זאָל איהם וויזען די דרוק־מאַשין. זי האָט איהם געענטפערט אַז קיין דרוק־מאַשין איז אין הויז ניטאָ, און זי האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער האָט אודאי געמוזט הערען דעם גערויש פון איהר נעה־מאַשין. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט אָב׳פּטר׳ן מיט אַזאַ פּראָזאאישער ערקלערונג, און ער האָט איהר פּשוט געצוואונגען זי זאָל נעהען אויף דער מאַשין, בעת ער האָט זיך איינגעהערט אין הויז פון אינווענינג און פון דרויסען, כדי זיך צו איבערציינגען, אַז דאָס איז דער אייגענער גערויש וואָס ער האָט געהערט.

„וואָס טהוט ער פאָרט גאַנצענע טעג?“ האָט ער געפרעגט.

„ער שרייבט.“

„ער קען דאָך ניט זיצען און שרייבען אַ גאַנצען טאָג.“

„ער זעגט האָלץ אין גאָרטען ארום מיטאָג־צייט, און צווישען פיער און פינף נעהמט ער אַ שפּאַציר יעדען נאָכמיטאָג“. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער.

„אָה, דאָס איז עס טאַקע! ווען עס הויבט זָן ווערען פינסטער־

לעך?" און ער האָט פערשריבען אין זיין נאָטיץ־ביכעל, „ער געהט קיינמאָל ניט ארויס, אויסער ווען עס ווערט טונקעל".

איך האָב זיך צו יענער צייט ריכטיג ניט געקענט ערקלערען די דאָזיגע ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט פון די רוסישע שפּיאָנען; עס האָט אָבער געמוזט האָבען עפּעס א שייכות מיט דאָס פאָלגענדע. ווען איגנאַטיעף איז בעשטימט געוואָרען אלס ערשטער מיניסטער, איז ער, דורך דער עצה פון דעם געוועזענעם פּאריזער פּרעפעקט אנדרעע, געפאַלען אויף א נייעם פּלאַן. ער האָט ארויסגעשיקט א מחנה פון זיינע אגענטען אין דער שווייץ, און איינער פון זיי האָט זיך אונטערגענומען ארויסצוגעבען א צייטונג, וועלכע האָט אויבערפלעכליך אגיטירט פאר דער אויסברייטונג פון פּראָווינציעלער זעלבסט־רעגיערונג אין רוסלאנד, ווע‏מעס הויפּט־אויפגאבע איז אָבער געווען צו בעקעמפּפען די רעוואָלוציאָנערען און צונויפנעהמען ארום איהר פּאָהן יענע פליכט־לינגע, וואָס האָבען ניט סימפּאַטיזירט מיט'ן טעראָריזם. דאָס איז זיכער געווען א מיטעל ארויסצוברענגען א שפּאַלטונג. דערנאָך, ווען כמעט אלע מיטגליעדער פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט אין רוסלאנד זיינען ארעסטירט געוואָרען, און א פּאָר פון זיי זיינען ענטלאָפפען אין פּאריז, האָט איגנאַטיעף ארויסגעשיקט אַן אגענט נאָך פּאריז, וועלכער זאָל זיי פּאָרלעגען א וואַפען־שטילשטאנד. ער האָט צוגעזאָגט, אז עס וועלען מעהר ניט זיין קיין הינריכטונגען צוליעב די פערשווערונגען אין דער צייט פון אלעקסאנדער דעם 2טען'ס הערשאַפט, אפילו אויב די וואָס האָבען זיך ארויסגעדרעהט פון ארעסט, וועלען אריינפאלען אין די הענד פון דער רעגיערונג; אז טשערנישעווסקי וועט בעפרייט ווערען פון סיביר; און אז א קאָמיסיע וועט בעשטימט ווערען צו רעווידירען די פּראָצעסען פון די אַלע, וואָס זיינען פערשיקט געוואָרען אין סיביר אָהן א משפּט. פון דער צווייטער זייט האָט ער געפּאָדערט, אז דער עקזעקו־טיווער קאָמיטעט זאָל צוזאָגען, ניט צו מאַכען קיין אָנגריפע אויף דעם לעבען פון'ם צאַר ביז נאָך דער קרוינונג. אפשר האָט ער אויך דערמאָנט די רעפאָרמען צו גונסטען די פּויערים, וועלכע אלעקסאנדער דער 3טער האָט געהאַט בדעה צו מאַכען. דער אָבמאַך איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאריז, און ביידע צדדים האָבען איהם אָבגעהיט. די טעראָריסטען האָבען אויפגעגעבען דעם קאַמפּף. קיינער איז ניט הינגעריכטעט געוואָרען פאר אנטיילנעהמען אין די פריהערדיגע קאָנספּיראַציעס; די וואָס זיינען שפּעטער ארעסטירט געוואָרען אונטער דער דאָזיגער בעשולדיגונג זיינען פערשפּאַרט געוואָרען אין דער רוסישער באַסטיל אין שליסעלבורג, פון וואַנען מען האָט פון זיי גאָרנישט געהערט פאר די לעצטע פופצעהן

יאָהר, און וואו די מייסטע פון זיי געפינען זיך נאָך איצט. טשערני־שעווסקי׳ן האָט מען צוריקגעבראַכט פון סיביר און מען האָט איהם בעפוילען צו בלייבען אין אסטראַכאַן, וואו ער איז געווען אָבגעשניטען פון יעדער פערבינדונג מיט דער אינטעלעקטועלער וועלט אין רוסלאַנד, און ער איז אין גיכען געשטאָרבען. א קאָמיסיע איז דורכגעפאָהרען דורך סיביר, וועלכע האָט מאַנכע פון די פערשיקטע בעפרייט, און בעשטימט טערמינען פאַר די איבעריגע. מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט פון דער דאָזיגער קאָמיסיע געקראָגען א צוגאָב פון נאָך פינף יאָהר.

בעת איך בין געווען אין לאָנדאָן, אין 1882, האָט מען מיר איין טאָג דערצעהלט, אַז א מאַן, וועלכער בעהויפּטעט צו זיין „א ריכטיגער" אגענט פון דער רוסישער רעגיערונג, און וועלכער קען עס בעווייזען, האָט געוואָלט אריינטרעטען אין פערהאַנדלונגען מיט מיר. „זאָגט איהם, אַז אויב ער וועט אריינקומען צו מיר אין הויז, וועל איך איהם ארונטער־ווארפען פון אַלע טרעפּ", איז געווען מיין ענטפער. וואהרשיינליך איז דאָס געקומען דערפון, וואָס וועהרענד איגנאַטיעף האָט גערעכענט, אַז דער צאַר איז זיכער פון אַן אָנגריף פון דעם עקזעקוטיוון קאָמיטעט, האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַז די אַנאַרכיסטען וועלען מאַכען וועלכען עס איז פערזוך, און ער האָט געוואָלט אַז איך זאָל איהם ניט זיין אין וועג.

XII

אין די יאָהרען 1881 און 1882 האָט די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג אין פראַנקרייך דורכגעמאַכט א בעדייטענדע ענטוויקלונג. מען האָט בכלל געגלויבט, אַז דער פראַנצויזישער גייסט איז געווען פיינדליך צום קאָמוניזם, און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטערס׳ אסאָציאַציע האָט מען אָנשטאָט דעם געפּרעדיגט „קאָלעקטיוויזם". דאָס האָט דעמאָלט געהייסען, אַז די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען זאָלען געהער־רען צום כלל, און יעדער בעזונדער גרופּע פאַר־זיך זאָל קענען בעשליסען צי דער געברויך פון די פּראָדוקטען זאָל פאָרקומען אויף אַן אינדיווידוא־ליסטישען אָדער קאָמוניסטישען שטייגער. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז דער פראַנצויזישער גייסט געווען פיינדליך נאָר צו דעם מאָנאַסטיר־קאָמוניזם, צו די „פאַלאַנסטעריען" פון די אַלטע שולען. ווען די יורא פעדעראַציע, אויף איהר קאָנגרעס אין 1880, האָט זיך דרייסט ערקלערט אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטיש — דאָס הייסט, צו גונסטען פון דעם פרייען קאָמוניזם — האָט דער אַנאַרכיזם געוואונען א שטאַרקע סימפּאַטיע אין

פראנקרייך. אונזער צייטונג האָט זיך אָנגעהויבען פערשפרייטען אין דער דאָזיגער מדינה, אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ איז אָנגעפיהרט געוואָרען מיט די פראַנצויזישע ארבייטער, און אַ בעדייטענדע אַנאַרכיסטישע בעוועגונג האָט זיך שנעל ענטוויקעלט אין פּאַריז און אין אַ טייל פון די פּראָווינצען, דערהויפּט אין דעם ליאָן־געגענד. ווען איך בין דורכגעפאָהרען פראַנקרייך אין 1881, אויף מיין רייזע פון טהאָנאָן נאָך לאָנדאָן, האָב איך בעזוכט ליאָן, סענט עטיען און וויען, האַלטענדיג דאָרטען פּאָרטרעגע, און איך האָב געטראָפען אין די דאָזיגע שטעדט מאַסען ארבייטער, וואָס זיינען געווען גרייט אָנצונעהמען אונזערע אידעען.

ביים סוף פון 1882 האָט אין דעם ליאָן־געגענד געהערשט אַ שרעקליכער קריזיס. די זיידענס־אינדוסטריע איז געווען פּאַראַליזירט, און דער עלענד אונטער די וועבער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מאַסען קינדער פלעגען יעדען אין דער פריה שטעהן ביי די טהויערען פון די קאַזאַרמעס, וואו די סאָלדאַטען האָבען פערטיילט דאָס וואָס זיי האָבען געקענט אָבשפּאָרען פון זייער ברויט און זופּ. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון בולאַנזשע׳ס פּאָפּולאַריטעט, וועלכער האָט ערלויבט די דאָזיגע פערטיילונג פון שפּייז. די מינען־ארבייטער זיינען אויך געווען אין אַ זעהר אונזיכערער לאַגע.

איך האָב געוואוסט אַז דאָרט קומט פאָר אַ שטאַרקע געהרונג, אָבער דורך דער צייט פון די עלף חדשים, וואָס איך האָב פערבראַכט אין לאָנדאָן, האָב איך פערלאָרען די נאָהענטע בעריהרונג מיט דער פראַנצויזישער בעוועגונג. עטליכע וואָכען נאָך מיין צוריקקעהרען זיך אין טהאָנאָן, האָב איך זיך דערוואוסט פון די צייטונגען, אַז די מינען־ארבייטער פון מאָנסאָ־לע־מין, זייענדיג ערביטערט פון די צרות, וואָס זיי זיינען זיך אויסגעשטאַנען פון די שטרענג־קאַטוילישע מינען־אייגענטימער, האָבען אָנגעהויבען אַ שטיקעל בעוועגונג; זיי האָבען אָבגעהאַלטען געהיימע פערזאַמלונגען, זיי האָבען גערעדט פון אַן אַלגעמיינעם סטרייק; די שטיינערנע צלמים, וועלכע זיינען געווען אויפגעשטעלט אויף אַלע וועגען ארום די מינען, זיינען ארונטערגעריסען געוואָרען, אָדער אויפגעבלאָזען געוואָרען דורך דינאַמיט־פּאַטראָנען, וועלכע ווערען זעהר פיעל געברויכט פון די מינען־ארבייטער אין דער אונטעראירדישער ארבייט, און אָפטמאָל בלייבען זיי ביי זיי. די אַגיטאַציע אין ליאָן האָט אויך אָנגענומען אַ געוואַלדיגען כאַראַקטער. די אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען געווען אין אַ היבשער צאָהל אין דער שטאָדט, האָבען ניט פערבייגעלאָזט קיין פערזאַמלונג פון די אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיקער, וואו זיי זאָלען זיך ניט לאָזען הערען, — שטורמענדיג די פּלאַטפאָרמע אלס אַ לעצטען

מיטעל. זיי האָבען פאָרגעלעגט רעזאָלוציעס אין דעם זין, אַז די מינען און אַלע נויטווענדיגקייטען פאַר דער פּראָדוקציאָן, ווי אויך די וואוינונגען, דארפען ווערען דאָס אייגענטום פון דער נאַציאָן; און די דאָזיגע רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרען מיט בעגייסטערונג, צום שרעק פון די מיטעלקלאַסען.

די געפיהלען פון די ארבייטער אנטקעגען די אָפּאָרטוניסטישע שטאָדט־בעאַמטע און די פּאָליטישע פיהרער, ווי אויך קעגען דער פּרעסע, וועלכע האָט געמאַכט צו גאָרנישט דעם גאַנץ שטארקען קריזיס, בעת קיין זאַך איז ניט אונטערגענומען געוואָרען צו פערלייכטערען דעם וויט־פערשפּרייטען עלענד, זיינען געוואַקסען מיט יעדען טאָג. ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל אין אַזעלכע צייטען, איז דער כעס פון דעם אָרעמערען פאָלק געווען גערִיכטעט איבערהויפּט קעגען די פלעצער פון פערגעניגען און אויסגעלאַסענהייט, וועלכע זעהען זיך אָן נאָך דייטליכער אין די צייטען פון עלענד און נויט, ווייל זיי פערקערפּערען פאַר די ארבייטער דעם עגאָאיזם און די אויסגעלאַסענהייט פון די רייכערע קלאַסען. אַ פּלאַץ, וועלכער איז בעזאָנדערס געווען פערהאַסט ביי די ארבייטער, איז געווען די אונטערערדישע קאַפעע ביי דעם טהעאַטער בעללעקור, וועלכער פלעגט זיין אָפען די גאַנצע נאַכט, און וואו מען האָט נאָך האַלבער נאַכט געקענט זעהן די צייטונגס־מענשען און פּאָליטיקער פּרעסענדיג און טרינקענדיג אין דער געזעלשאַפט פון אויסגעלאַסענע פרויען. קיין פערזאַמלונג איז ניט אָבגעהאַלטען געוואָרען, אויף וועלכער עס זאָל ניט געמאַכט ווערען וועלכע עס איז דראָהענדע אָנצוהערענים וועגען דער דאָזיגער קאַפעע, און איין נאַכט האָט דאָרטען עקספּלאָדירט אַ דינאַמיט־פּאַטראָנע, וואָס איז געוואָרפען געוואָרען פון אַן אונבעקאַנטער האַנד. אַן ארבייטער, אַ סאָציאַליסט, וועלכער איז דאָרט צופעליג געווען, האָט אַ שפּרונג געטהאָן אויסלעשען דעם אָנגעצונדענעם קנויט פון דער פּאַטראָנע, און ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען, ווערענד עטליכע פּאָליטיקער, וואָס האָבען דאָרט געלעבט אַ גוטען טאָג, זיינען לייכט פערוואונדעט געוואָרען. דעם צווייטען טאָג האָט עקספּלאָדירט נאָך אַ דינאַמיט־פּאַטראָנע ביי די טהירען פון אַ רעקרוטען־ביוראָ, און מען האָט גערעדט, אַז די אַנארכיסטען האָבען בדעה אויפצורייסען די גרויסע סטאַטוע פון דער „יונגפרוי", וועלכע שטעהט אויף איינעם פון די ליאָנער בערג. ווער עס האָט ניט געלעבט אין ליאָן, אָדער אין איהר אומגעגענד, קען גאָר ניט בעגרייפען אויף וואָס פאַר אַ גראַד די בעפעלקערונג און די שולען זיינען נאָך אין די הענד פון די קאַטוילישע גייסט־

ליבע, און קען ניט פערשטעהן די שנאה, וואָס דער מענליכער טייל פֿון דער בעפעלקערונג טראָגט אויף די גלחים.

א טויט־שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די רייכערע קלאַסען פֿון ליאָן. וואָסערע זעכציג אַנאַרכיסטען, — אַלע אַרבייטער, און בלויז איינער אַ מיטעלקלאַס־מענש, עמיל גאָטהיער, וועלכער איז אַרומגעפֿאָהרען האַלטענדיג פֿאָרטרעגע אין יענעם געגענד, — זיינען אַרעסטירט געוואָרען. די ליאָנער צייטונגען האָבען זיך דערווייל גענומען אויפהעצען דער רעגיערונג זי זאָל מיך אַרעסטירען, פֿאָרשטעלענדיג מיך אַלס דעם פֿיהרער פֿון דער אַגיטאַציע, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פֿון ענגלאַנד צו לייטען די בעוועגונג. רוסישע שפּיאָנען האָבען זיך ווידער מאַסענהאַפּט אָנגעהויבען אַרומדרעהען אין אונזער קליין שטעדטעל. כמעט יעדען טאָג איז מיר אָנגעקומען בריעף, פֿון וועלכע עס איז געווען קלאָר אַז זיי זיינען געשריבען געוואָרען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי, אין וועלכע עס האָט זיך גערעדט וועגען עפּעס אַ דינאַמיט פערשווערונג, אָדער מען האָט מיר געהייכניספֿאָל געלאָזט וויסען, אַז מען האָט מיר אַרויסגעשיקט פּעקלעך דינאַמיט. איך האָב צונויפגעקליבען אַ גאַנצע קאָלעקציע פֿון די דאָזיגע בריעף, אָנשרייבענדיג אויף יעדען „אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי“, און די פֿראַנצויזישע פּאָליציי האָט זיי מיטגענומען מיט זיך בעת זי האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין מיין הויז. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט דעם מוטה פֿאָרצוברענגען די דאָזיגע בריעף אין געריכט, און זיי האָבען מיר זיי אויך קיינמאָל ניט צוריקגעגעבען.

ניט נאָר אין הויז האָבען זיי געזוכט, נאָר אפילו מיין פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען ביים אָבפֿאָהרען נאָך זשענעווע, איז אַרעסטירט געוואָרען אויפ'ן וואָקזאַל, און מען האָט איהר אַרומגעזוכט. עס פערשטעהט זיך אָבער, אַז זיי האָבען אַבסאָלוט גאָרנישט געפֿונען, וואָס זאָל קאָמפּראָמיטירען מיך אָדער אימיצען אַנדערש.

צעהן טעג זיינען אַריבער, אין וועלכע איך בין געווען גאַנץ פריי אַוועקצופֿאָהרען, ווען איך זאָל עס נאָר געווען וועלען. איך האָב ערהאַלטען עטליכע בריעף, אין וועלכע מען האָט מיך געראַטהען איך זאָל זיך אָבטראָגען — איינער איז געווען פֿון אַן אונבעקאַנטען רוסישען פריינד, וואַהרשיינליך אַ מיטגליעד פֿון דעם דיפּלאָמאַטישען שטאַב, וועלכער האָט מיך הפנים געקאָנט, און ער האָט מיר געשריבען אַז איך זאָל גלייך אָבפֿאָהרען, וואָרים אַז ניט וועל איך זיין דער ערשטער קרבן פֿון דעם אויסליפֿערונגס־אָבמאַך, וועלכער האָט געהאַלטען ביים געשלאָסען ווערען צווישען פראַנקרייך און רוסלאַנד. איך בין געבליבען אויף מיין אָרט; און ווען די „טיימז“ האָט געדרוקט אַ טעלעגראַמע, אַז איך בין פער־

שוואונדרען פון טהאָנאָן, האָב איך געשריבען אַ בריעף צו דער צייטונג און האָב אָנגעגעבען מיין אַדרעס. אַזוי לאַנג ווי אַזוי פיעל פון מיינע פריינד זיינען געוועזען אַרעסטירט, האָב איך גאָר ניט געהאַט בדעה אַוועקצופאָהרען.

אין דער נאַכט פון דעם 21טען דעצעמבער איז מיין שוואָגער געשטאָרבען אויף מיינע אָרעמס. מיר האָבען געוואוסט אַז זיין קראַנקהייט איז אונהיילבאַר, עס איז אָבער שרעקליך צוצוזעהן ווי אַ יונג לעבען לעשט זיך אויס אין אייער געגענוואַרט נאָך אַ מוטהיגען קאַמפּף אַנטקעגען טויט. איך מיט מיין פרוי זיינעןביידע געוועזען צובראָכען. דריי אָדער פיער שעה שפּעטער, בעת דער כמורנער ווינטער־מאָרגען האָט אָנגעהויבען טאָגען, זיינען זשאַנדאַרמען אַריינגעקומען אין מיין הויז מיך אַרעסטירען. זעהענדיג אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד מיין פרוי געפינט זיך, האָב איך געבעטען זיי זאָלען מיר ערלויבען צו פערבלייבען מיט איהר ביז די לויה וועט זיין אַריבער, צוזאָגענדיג אויף מיין עהרענוואָרט, אַז איך וועל זיין ביי דער טהיר פון געפענגנים צו אַ בעשטימטער שטונדע; דאָס האָט מען מיר אָבער ענטזאַגט, און נאָך די אייגענע נאַכט האָט מען מיך אַוועקגעפיהרט אין ליאָן. עליזע רעקלו, קריגענדיג צו וויסען דערפון דורך אַ טעלעגראַם, איז באַלד געקומען, אַרויסווייזענדיג צו מיין פרוי די גאַנצע ערעלקייט פון זיין גאָלדענער הארץ. עס זיינען געקומען פריינד פון זשענעוואַ; און אָבוואויל די לויה איז צוגעגאַנגען אַבסאָלוט אָהן וועלכע עס איז צערעמאָניעס, וואָס עס איז געוועזען אַ נייעס אין דער דאָזיגער קליין שטעדטעל, איז אַ האַלבע שטעדטעל געוועזען ביי דער לויה, צו צייגען מיין פרוי, אַז די הערצער פון די אָרעמע קלאַסען און די פּראָסטע סאַוואָיער פּויערים זיינען געוועזען מיט אונז און ניט מיט זייערע הערשער. ווען עס איז אָנגעגאַנגען מיין פּראָצעס, פלעגען די פּויערים אַרונטערקומען פון די בערג־דערפער אין שטאָדט אריין, כדי צו קריגען די צייטונגען און זעהן ווי עס האַלט מיט מיין פּראָצעס פאַר׳ן געריכט.

אַ צווייטער פאַל, וועלכער האָט מיך טיעף געריהרט, איז געוועזען דער אָנקומען פון אַן ענגלישען פריינד אין ליאָן. ער איז געוועזען געשיקט פון אַ דזשענטעלמאַן, וועלכער איז גוט־בעקאַנט און געאַכטעט אין דער ענגלישער דיפּלאָמאַטישער וועלט, אין וועמעס פאַמיליע איך האָב אין לאָנדאָן פערבראַכט פיעלע גליקליכע שטונדען, אין 1882. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ בעדייטענדע סומע געלד, כדי מיך אַרויסצוקריגען אויף ערבות, און ער האָט מיר צו גלייכער צייט איבערגעגעבען די שליחות פון מיין לאָנדאָנער פריינד, אַז איך זאָל זיך גאָר ניט קימערען וועגען די

ערבות, נאָר איך מוז גלייך פערלאָזען פראַנקרייך. אויף א געוויסען געהיימניספולען אופן איז עס איהם געלונגען זיך צו זעהן מיט מיר פריי — ניט אין דער שטייג מיט דאָפּעלטע גראַטעס, אין וועלכער עס איז מיר געווען ערלויבט זיך צו זעהן מיט מיין פרוי — און ער איז געווען פונקט אזוי פיעל געריהרט פון מיין ענטזאָגען זיך אָנצונעהמען דעם אָנבאָט, ווי איך בין געווען געריהרט פון דעם געפיהלפאָלען צייכען פון פריינדשאַפט פון א מענשען, וועמען איך האָב שוין אזוי אויך געשעצט, צוזאַמען מיט זיין פרוי, זעהר הויך.

די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט געוואָלט האָבען איינעם פון יענע גרויסע פּראָצעסען, וואָס מאַכען אן איינדרוק אויף דער בעפעלקערונג; עס איז אָבער קיין מעגליכקייט ניט געווען צו פּראָצעסירען די אַרעס־טירטע אַנארכיסטען פאַר די עקספּלאָזיאָנען. עס וואָלט זיך געפאָדערט אונז צו ברענגען פאַר א געריכט פון געשוואָרענע, וועלכע וואָלטען אונז לויט אַלע וואהרשיינליכקייטען פרייגעשפּראָכען. די רעגיערונג האָט דעריבער אָנגענומען דעם מאַקיאַוועלישען גאַנג, אונז אָנצוקלאָגען פאַר'ן געהערען צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטערס' אַסאָציאַציע. אין פראַנקרייך איז געווען א געזעץ, וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען באַלד נאָך דעם פאַל פון דער קאָמונע, לויט וועלכען מענשען האָבען געקענט פאָרגעבראַכט ווערען פאַר אן איינפאַכען פּאָליציי־געריכט, פאַר דעם געהערען צו יענער אָרגאַניזאַציע. די העכסטע שטראָף איז געווען פינף יאָהר געפענגניס; און אויף א פּאָליציי־געריכט קען מען זיך שטענ־דיג פערלאָזען, אז ער וועט אַרויסגעבען אַזאַ אורטייל, ווי די רעגיערונג וועט פערלאַנגען.

דער פּראָצעס אין ליאָן האָט זיך אָנגעהויבען אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר, 1883, און האָט אָנגעהאַלטען אַן ערך צוויי וואָכען. די בעשולדיגונג איז געווען א לעכערליכע, וואָרים יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז קיינער פון די ליאָנער אַרבייטער האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעשלאָסען אָן דער אינטערנאַציאָנאַלע, און די בעשולדיגונג איז אינ־גאַנצען דורכגעפאַלען, ווי מען קען עס זעהן פון דעם פאָלגענדען עפּיזאָד. דער איינציגער עדות פאַר דער אָנקלאַגע איז געווען דער שעף פון דער געהיים־פּאָליציי אין ליאָן, אַן עלטערער מענש, וועלכער איז אין געריכט בעהאַנדעלט געוואָרען מיט דעם העכסטען רעספּעקט. זיין בעריכט, מוז איך צוגעבען, איז געווען גאַנץ קאָרעקט בנוגע צו די פאַקטען. די אַנאַר־כיסטען, האָט ער געזאָגט, האָבען געקראָגען אַן איינפלוס אויף דער בעפעלקערונג; זיי האָבען געמאַכט אונמעגליך פאַר די אָפּאָרטוניסטען אָבצוהאַלטען פערזאַמלונגען, פּרעדיגענדיג קאָמוניזם און אַנאַרכיזם, און

דער עולם איז געווען אויף זייער זייט. זעהענדיג אז ער פערהאַלט זיך אַזוי אַנשטענדיג אין זיינע אויסזאָגונגען, איז מיר איינגעפאַלען איהם צו שטעלען אַ פראַגע: „האָט איהר ווען עס איז געהערט רעדענדיג וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער׳ס אַסאָציאַציע אין ליאָן?"

„קיינמאָל ניט", האָט ער געענטפערט בייזלעך.

„ווען איך בין צוריקגעקומען פון דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס אין 1881 און איך האָב געטהאָן אַלעס וואָס איך האָב געקענט אויפצובויען פון דאָס ניי די אינטערנאַציאָנאַלע אין פראַנקרייך, האָט זיך עס מיר איינגעגעבען?"

„ניין. זיי האָבען איהר געהאַלטען פאַר ניט גענוג רעוואָלוציאָנער."

„איך דאַנק אייך", האָב איך צו איהם געזאָגט, און ווענדענדיג זיך צום פּראָקוראָר האָב איך צוגעגעבען, „אָט האָט איהר אייער גאַנצע אָנקלאַגע געמאַכט צו גאָרנישט פון אייער אייגענעם עדות."

פונדעסטוועגען זיינען מיר אַלע פערורטיילט געוואָרען פאַר׳ן געהערען צו דער אינטערנאַציאָנאַלע. פיער פון אונז האָבען געקראָגען די העכסטע שטראָף, פינף יאָהר געפענגנים און פיער הונדערט דאָלאַר געלד־שטראָף; די איבעריגע האָבען געקראָגען פון פיער ביז איין יאָהר געפענגנים. די טהאַטזאַך איז, אז זיי האָבען גאָר ניט פּרובירט בעווייזען עטוואָס וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלע. מען האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען וועגען איהר. מען האָט אונז איינפאַך געהייסען רעדען וועגען אַנאַרכיזם, און אַזוי האָבען מיר געטהאָן. ניט אַ וואָרט איז דערמאָנט געוואָרען וועגען די עקספּלאָזיאָנען; און ווען איינער אָדער צוויי פון די ליאָנער חברים האָבען געוואָלט קלאָר מאַכען דעם דאָזיגען פּונקט, דאָט מען זיי פּראָסט ערקלערט, אז דערפאַר קלאָגט מען זיי ניט, נאָר פאַר׳ן געהערען צו דער אינטערנאַציאָנאַלע, — צו וועלכער איך איינער האָב געהערט.

ביי אַזעלכע פּראָצעסען קומט שטענדיג פאָר עטוואָס קאָמישעס, און דאָס מאָל איז עס געקומען דורך מיינעם אַ בריעף. עס איז קיין זאַך ניט געווען אויף וואָס צו בעגרינדען די אָנקלאַגע. צעהנדליגער הויז־זוכונגען זיינען געמאַכט געוואָרען ביי פראַנצויזישע אַנאַרכיסטען, אָבער אַלעס וואָס זיי האָבען געפונען, איז געווען צוויי בריעף מיינע. די אָנקלאַגע האָט געזוכט אַרויסצוקריגען פון זיי אַלעס וואָס זי האָט געקענט. איינער פון זיי איז געווען געשריבען צו אַ פראַנצויזישען אַרבייטער, אין אַ צייט וואָס ער איז געווען ענטמוטהיגט. איך האָב צו איהם גערעדט וועגען די הערליכע צייטען אין וועלכע מיר לעבען, וועגען די גרויסע ענדערונגען וועלכע האַלטען אין קומען, וועגען דער געבורט און פער־

שפרייטונג פון נייע אידעען, און דער גלייכען. דער בריעף איז געווען א קורצער, און דער פּראָקוראָר האָט פון איהם געשלאָגען ווייניג קאפּיטאל. וואָס אָנבעלאַנגט דעם צווייטען בריעף, האָט ער ענטהאַלטען צוועלף זייטלעך. איך האָב איהם געהאַט געשריבען צו אַן אנדער פראנצויזישען פריינד, א יונגען שוסטער. אויף זיין היונה האָט ער פּערדיענט פון מאכען שיך אין זיין אייגענעם צימער. אין דער לינקער זייט פלעגט ביי איהם שטעהן א קליינער אייזערנער אויוועלע, אויף וועלכען ער פלעגט זיך אליין קאָכען זיינע טעגליכע מאָהלצייטען, און ביי דער רעכטער זייט א קליינער בענקעל, אויף וועלכען ער האָט געשריבען לאַנגע בריעף צו די חברים, ניט אָבטרעטענדיג פון זיין ניעדריגען שוסטער־בענקעל. נאָכ־דעם ווי ער איז פארט׳ג געוואָרען מיט אזוי פיעל פּאָר שיך, וויפיעל עס איז נויטיג געווען צו דעקען די הוצאה פון זיין העכסט בעשיידענעם לעבען, און אויף אוועקשיקען עטליכע פראנק זיין אלטער מוטער אויפ׳ן דאָרף, פלעגט ער פערברענגען לאַנגע שטונדען אין שרייבען בריעף, אין וועלכע ער האָט ענטוויקעלט די טעאָרעטישע פּרינציפּען פונ׳ם אנארכיזם מיט אַן אויסגעצייכענטען געזונדען פערשטאַנד און אינטעליגענץ. ער איז איצט א גוט־בעוואוסטער שריפטשטעלער אין פראנקרייך און ווערט אלגעמיין געאכטעט פאר דער אויסגעהאלטענקייט פון זיין כאראקטער. צום בעדויערען, פלעגט ער צו יענער צייט אָנשרייבען אכט אָדער צוועלף זייטלעך שרייב־פּאפּיר אָהן אַן איינציגען פונקט אָדער קאָמאַ אפילו. איינמאָל האָב איך זיך אוועקגעזעצט און האָב אָנגעשריבען א לאַנגען בריעף, אין וועלכען איך האָב איהם ערקלערט ווי אזוי אונזערע געשרי־בענע געדאַנקען טיילען זיך איין אין זעצע, אין האלבע זעצע און פראזען, פון וועלכע יעדע איינע דאַרף זיך ענדיגען מיט איהר אייגענטימליכען פונקט, שטריך־פּונקט, אָדער קאָמאַ, און דער גלייכען, — אין קורצען, איך האָב איהם געגעבען א קורצען אונטעררריכט אין די ערשטע כללים פון פּונקטאציאָן. איך האָב איהם ערקלערט מיט וויפיעל זיין שרייבען וואָלט זיך פערבעסערט, ווען ער זאָל אָננעהמען דעם דאָזיגען איינפאכען פּלאַן.

דער דאָזיגער בריעף איז פאָרגעלייענט געוואָרען פון דעם פּראָקו־ראָר פאר׳ן געריכט, און ער האָט אויף איהם געמאכט העכסט פּאטעטישע פּרושים. „איהר האָט געהערט, מיינע הערען, דעם דאָזיגען בריעף" — האָט ער פאָרטגעזעצט, אדרעסירענדיג דעם געריכט. „איהר האָט זיך גוט איינגעהאָרכט. אויפ׳ן ערשטען בליק איז אין איהם גאָרנישט ניטאָ בעזונדערעס. ער גיט דאָרטען אַן ארבייטער א לעקציע אין גראמא־טיק.... אָבער" — און דאָ האָט זיין שטימע געציטערט פון טיעפער אויפ־

רעגונג — „דאָס איז ניט געטהאָן געוואָרען כדי צו העלפען אַן אָרעמען אַרבייטער קריגען די בילדונג, וועלכע ער האָט, וואהרשיינליך צוליעב פּוילקייט, אין דער שולע ניט געקראָגען. ניט כדי איהם צו העלפען פער־דיענען אָרענטליך זיין ברויט. ניין! מיינע העררען, דער בריעף איז געשריבען געוואָרען כדי איהם צו בעגייסטערען מיט האס צו אונזערע שעהנע און ערהאבענע אינסטיטוציעס, כדי צו קענען בעסער אריינגיסען אין איהם די גיפט פון אנארכיזם, כדי איהם צו מאַכען פאַר נאָך אַ שרעק־ליכערען פיינד פון דער געזעלשאפט. פערשאָלטען זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכען קראָפּאָטקין האָט ארויפגעשטעלט זיין פוס אויף דעם באָדען פון פראַנקרייך!“

מיר האָבען זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון לאַכען ווי קינדער די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געהאַלטען די דאָזיגע רעדע; די ריכטער האָבען איהם אָנגעקוקט, אזוי ווי זיי וואָלטען איהם געוואָלט זאָגען, אַז ער איבערטרייבט זיין ראָלע; ער האָט אָבער הפּנים גאָרנישט בעמערקט, און הינגעריסען פון זיין שעהן־רעדעריי, האָט ער ווייטער פאָרטגעזעצט זיין רעדע מיט אַלץ מעהר טהעאַטראַלישע בעוועגונגען און אויסרופונ־גען. ער האָט ווירקליך געאַרבייט מיט אַלע כחות צו פערדיענען זיין בעלוינונג פון דער רוסישער רעגיערונג.

אַ קורצע צייט נאָך אונזער פעראורטיילונג איז דער פּאָרזיץ־ריכטער ערנאַנט געוואָרען צו אַ מאַגיסטראַטור פון אַ שוואור־געריכט; וואָס איז שייך דעם פּראָקוראָר און אַ צווייטען ריכטער, — מען קען עס קוים גלויבען, — האָט זיי די רוסישע רעגיערונג אָנגעבאָטען דעם „רוסי־שען קרייץ פון דער הייליגער אננא“, און די רעפּובליק האָט זיי ערלויבט עס אָנצונעהמען! די בעריהמטע רוסישע אַליאַנץ האָט אויף אזא אופן געהאַט איהר אורשפּרונג אין דעם ליאָנער פּראָצעס.

דער דאָזיגער פּראָצעס — אין דער צייט פון וועלכען העכסט גלענ־צענדע אנאַרכיסטישע רעדען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען אין אַלע צייטונגען, זיינען געהאַלטען געוואָרען פון אַזעלכע ערשטע־קלאַסע רעד־נער ווי דער אַרבייטער בערנאַר און עמיל גאָטהיער, און אין וועלכען אַלע אָנגעקלאָגטע האָבען געגומען אַ זעהר ענטשלאָסענע שטעלונג, גאַנצע צוויי וואָכען פערדיגענדיג אונזערע לעהרען — האָט געהאַט אַ מעכטיגע ווירקונג פאַר דער בעזייטיגונג פון די פאַלשע בעגריפען וועגען אַנאַרכיזם אין פראַנקרייך, און האָט בלי ספק אויף אַ געוויסען גראַד בייגעטראָגען, צו דעם אויפלעבען פונ׳ם סאָציאַליזם אין אַנדערע לענדער. וואָס איז שייך דעם אורטייל, איז ער אזוי וועניג געווען בערעכטיגט דורך די פער־האַנדלונגען, אַז די פראַנצויזישע פּרעסע — מיט דער אויסנאַמע

פון די איבערגעגעבענע רעגיערונגס־ציימונגען — האָט אָפען געשימפּפט די ריכטער. אפילו דער געמעסיגטער „זשורנאַל דעם עקאָנאָמיסטס“ איז ניט צופריעדען געוועזען מיט דעם אורטייל, אויף וועלכען „קיינער האָט זיך ניט געקענט ריכטען, פון דאָס וואָס איז פאָרגעבראַכט געוואָרען פאַר׳ן געריכט“. דעם שטרייט צווישען אונז און די אָנקלעגער, האָבען מיר געוואונען, לויט דער עפענטליכער מיינונג. אַ פאָרשלאַג אונז צו אמנעסטירען איז באַלד אריינגעבראַכט געוואָרען אין דעפּוטירטען־קאמער, און ער איז אונטערשטיצט געוואָרען פון אַן ערך אַ הונדערט שטימען. דער דאָזיגער פאָרשלאַג איז פאָרגעבראַכט געוואָרען רעגעל־מעסיג יעדען יאָהר, יעדעס מאָל צוקריגענדיג מעהר און מעהר שטימען, ביז וואַנען מיר זיינען בעפרייט געוואָרען.

XIII

דער פּראָצעס איז געווען אריבער, איך בין נאָך אָבער געבליבען אַ פּאָר חדשים אין ליאָנער געפענגנים. די מייסטע פון מיינע גענאָסען האָבען אפּעלירט קעגען די ענטשיידונג פון פּאָליציי־געריכט, און מיר האָבען געמוזט וואַרטען אויף דעם רעזולטאַט. איך און אַנדערע פיער חברים האָבען זיך ענטזאַגט צו נעהמען אירגענד וועלכען אַנטייל אין דעם אַפּיעל צו אַ העכערען געריכט, און איך האָב פאָרטגעזעצט מיין ארבייט אין מיין צעלע. אַ שטאַרקער פריינד מיינער — מאַרטין, אַ קליידער־מאַכער פון וויען — איז געזעסען אין אַנדער צעלע, וועלכע איז געווען נעבען מיינער, און אַזוי ווי מיר זיינען שוין געווען פעראורטיילט, האָט מען אונז ערלויבט צו געהן צוזאַמען אויף אונזער טעגליכען שפּאַציר; און ווען מיר האָבען זיך געהאַט וואָס צו זאָגען איינער דעם אַנדערען אין דער צווישען־צייט, פלעגען מיר זיך דורכרעדען דורך קלאַפּען אין וואַנד, אַזוי ווי אין די רוסישע טורמעס.

אין דער צייט וואָס איך בין געזעסען אין ליאָן, האָב איך אָנגעפאַנגען בעגרייפען דעם שרעקליך דעמאָראַליזירענדען איינפלוס פון די געפענג־ניסען אויף די געפאַנגענע, און דאָס האָט מיר שפּעטער מיטגעבראַכט צו פערדאַמען די גאַנצע אינסטיטוציע, אָהן אויסנאַהמען.

דאָס געפענגנים אין ליאָן איז אַ „מאָדערנע“ געביידע, געבויט אין דער פאָרם פון אַ שטערן, לויט דעם סיסטעם פון צעלען. אין די לעדיגע פלעצער צווישען די שטראַהלען פון דעם שטערן, זיינען דאָ קליינע געהעפ־טען, אויסגעפלאַסטערט מיט אַספאַלט, און ווען דער וועטער ערלויבט,

לאָזט מען דאָרטען אַרויס די געפאַנגענע אַרבייטען אין דרויסען. די הויפּט־בעשעפטיגונג איז אויסצוקלאַפּען די זייד־קאָקונס, בדי אַרויסצו־קריגען די פלאָק־זייד. אין געוויסע שטונדען ווערען אין די דאָזיגע געהעפּ־טען אויך אַריינגענומען מחנות קינדער. איך האָב זיי אָפט בעטראַכט פון מיין פענסטער, אָט די שוואַכע, ניט־דערקאָרמעטע, שאָטענס פון קינדער. בלוט־אָרעמקייט איז דייטליך געווען אָנגעשריבען אויף די דאָזיגע קליינע פּנים׳לעך און האָט זיך בעוויזען אין זייערע דינע, ציטערנדיגע קערפּערס; און דעם גאַנצען טאָג לאַנג — ניט נאָר אין זייערע שלאָפּצימערען, נאָר אפילו אין די געהעפּטען, אין מיטען העלען טאָג — האָבען זיי פאָרט־געזעצט זייער אָבשוואַכענדע אַרבייט. וואָס וועט ווערען פון זיי, ווען זיי וועלען דורכגעהן אָט די לעהרע און וועלען אַרויסקומען רואינירט אין געזונד, זייערע ווילענס פערניכטעט, זייער ענערגיע געמינערט? די בלוט־אָרעמקייט מיט איהר פערקלענערטער ענערגיע, איהר אונוויליגקייט צו אַרבייטען, מיט איהר אָבגעשוואַכטען ווילען, שוואַכען פערשטאַנד, און פערדאָרבענער פאָרשטעלונגס־קראַפט, איז אין אַ פיעל גרעסערער מאָס פעראַנטוואָרטליך פאַר פערברעכען איידער פול־בלוטיגקייט, און זאָגט דער פיינד פון דער מענשליכער ראַסע ווערט ערצויגען אין געפענגניס. היינט די לעהרען, וועלכע די דאָזיגע קינדער בעקומען אונטער אָט די אומשטענ־דען! אָבזונדערונג אַליין, אפילו ווען עס וואָלט שטרענג דורכגעפיהרט געוואָרען — און דאָס קען ניט זיין — וואָלט ווייניג נוצען געבראַכט; די גאַנצע אַטמאָספערע פון יעדען געפענגניס איז אַן אַטמאָספערע פון פער־הערליכען יענעם זאָרט שפּיעלען אין „קלוגע איינפעלע״, וואָס איז אייגענטליך דער עצם פון גנבה, שווינדעל, און אַלערליי עהנליכע אַנטי־סאָציאַלע האַנדלונגען. גאַנצע דורות פון שפּעטערדיגע פערברעכער ווערען ערצויגען אין די קינדער־ערציהונגס אַנשטאַלטען, וועלכע דער שטאַאַט אונטערשטיצט און די געזעלשאַפט דולדעט איינפאַך דערפאַר, ווייל זי וויל ניט הערען וועגען איהרע אייגענע קראַנקהייטען און וויל ניט מען זאָל זיי אַנאַליזירען. „איינגעקערקערט אין דער קינדהייט, מיינט אַ טורמעניק אויפ׳ן גאַנצען לעבען״, דאָס האָב איך שפּעטער געהערט פון אַלע די, וואָס האָבען זיך אינטערעסירט אין קרימינאַל־זאַכען. און ווען איך האָב געזעהן די קינדער און האָב בעגריפען, וואָס זיי האָבען צו ערוואַרטען אין דער צוקונפט, האָב איך שטענדיג זיך אַליין געמוזט פרעגען: „ווער פון זיי איז דער גרעסערער פערברעכער — דאָס קינד אָדער דער ריכטער, וועל־כער פעראורטיילט יעדען יאָהר הונדערטער קינדער צו אָט דעם שיקזאַל?״ איך גיב געוועהן צו, אַז דעם ריכטער׳ס פערברעכען איז ניט בעוואוסטזיניג. אָבער זיינען דען אַלע פערברעכענס, פאַר וועלכע מענשען ווערען אַריינגע־

זעצט אין געפענגנים, אזוי בעוואוסטזיניג געטהאָן, ווי מען נעהמט עס געוועהנליך אָן?

נאָך א פונקט האָב איך דייטליך בעגריפען גלייך אין די ערשטע וואָכען פון מיין געפאַנגענשאַפט, וועלכער האָט אָבער אויף אַן אונבעגרייפ־ליכען אופן ניט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט, ניט פון די ריכטער און ניט פון די שרייבער וועגען קרימינאַל־געזעצען; און דאָס איז, אַז די געפאַנגענשאַפט איז אין אַן אונגעהייער גרויסער צאָהל פעלע א בעשטראָפונג, וואָס ווירקט פיעל שטארקער אויף גאַנץ אונשולדיגע מענ־שען איידער אויף דעם פעראורטיילטען אליין.

כמעט יעדער איינער פון מיינע חברים, וועלכער האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט דעם דורכשניט פון דער ארבייטער בעפעלקערונג, האָט געהאַט ענטוועדער א פרוי און קינדער צו ערנעהרען, אָדער א שוועסטער, אָדער אַן אַלטע מוטער, וועלכע איז אָבהענגיג געוועזען פון זיינע פערדיענסטען. איצט, בלייבענדיג אָהן אַן ערנעהרער, האָבען אָט די אלע פרויען געטהאָן אַלעס וואָס זיי האָבען געקענט צו קריגען ארבייט, און אייניגע פון זיי האָבען עס בעקומען; אָבער קיינער פון זיי איז ניט געלונגען צו פערדיע־נען רעגעלמעסיג אפילו צו דרייסיג סענט (1 פראַנק און 50 סאַנטים) א טאָג. ניין פראַנק (ווענייגער ווי 2 דאָלאַר) און אָפט ניט מעהר ווי א דאָלאַר און א האַלב א וואָך, אויפצוהאַלטען זיך מיט די קינדער — דאָס זיינען געוועזען זייערע פערדיענסטען. און דאָס האָט, זעלבסט־פערשטענדליך, געמיינט, ניט דערעסען, מאַנגעל אין פערשיידענע זאכען, א פערדאַרבונג פון געזונד, אָבגעשוואַכטער פערשטאַנד, א פערקלענערונג פון ענערגיע און ווילענס־קראַפט. אויף דעם אופן האָב איך בעגריפען, אז דאָס וואָס קומט פאָר אין אונזערע געריכטען, איז אין די מייסטע פעלע אין דער ווירקליכקייט א פעראורטיילונג פון גאַנץ אונשולדיגע מענשען צו אַלערליי שוועריגקייטען, וואָס איז פיעל שווערער איידער די, וואָס דער פעראור־טיילטער אַליין קריגט. מען בילדעט זיך איין, אז דאָס געזעץ בעשטראָפט א מענשען, ארויפלעגענדיג אויף איהם ערניעדריגענדע פיזישע און גייס־טיגע שטראָפען. אָבער דער מענש איז אזוי געשאַפען, אז ער ווערט ביס־לעכווייז צוגעוועהנט צו אַלע שוועריגקייטען, וואָס מען זאָל אויף איהם ניט ארויפלעגען. אויב ער קען זיי ניט ענדערען, נעהמט ער זיי אָן, און נאָך א געוויסער צייט דולדעט ער זיי, פונקט ווי ער דולדעט א כראָנישע קראַנקהייט, און הערט זיי אויף צו פיהלען. אָבער אין משך פון זיין געפאַנ־גענשאַפט, וואָס ווערט פון זיין פרוי און קינדער, אָדער פון די אַנדערע אונשולדיגע מענשען, וועלכע זיינען אָבהענגיג פון זיין שטיצע? זיי זיינען בעשטראָפט נאָך גרויזאַמער ווי ער אליין. אָבער מחמת אונזער אַלטעגלי־

כער רגילות, דענקט גאָר קיינער קיינמאָל ניט פון דער אונגעהייערער אונ־גערעכטיגקייט, וואָס ווערט אויף דעם אופן בעגאַנגען. איך האָב עס נאָך בעגריפען פון טהאטזעכליכער ערפאהרונג.

אין מיטען מערץ, פון 1883, זיינען צוויי־און־צוואַנציג אונזערע, וועלכע זיינען פעראורטיילט געוואָרען צו מעהר ווי איין יאָהר געפאַנגענ־שאַפט, גאַנץ געהיים אריבערגעפיהרט געוואָרען אין דער צענטראַל־געפענגנים פון קלערוואָ. אמאָל איז דאָס געפענגנים געווען אַ מאָנאַסטיר פון סענט בערנארד, פון וועלכען די גרויסע רעוואָלוציע האָט געמאכט אַ הויז פאר אָרעמעליים. שפּעטער איז עס געוואָרען אַ פערבעסערונגס־אנשטאַלט, וועלכער איז געגאַנגען אונטער די געפאַנגענע און די בעאַמטע גופא אונטער דעם מיט־רעכט־פערדיענטען צונאָמען — „קאָרופּציאָנס־אנשטאַלט“.

אזוי לאַנג ווי מען האָט אונז געהאַלטען אין ליאָן, זיינען מיר בעהאַנ־דעלט געוואָרען ווי געפאַנגענע אונטער פּאָרלויפיגען־ארעסט ווערען בעהאנדעלט אין פראַנקרייך; דאָס הייסט, מיר האָבען געטראָגען אונזערע אייגענע קליידער, מיר האָבע געקענט קריגען אונזער אייגענע שפּייז פון אַ רעסטאָראַן, און פאר אייניגע פראַנק אַ מאָנאַט האָט מען געקענט דינגען אַ גרעסערע צעלע. איך האָב זיך דערמיט בענוצט, כדי צו קענען ארבייטען אויף מיינע ארטיקלען פאר דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ“ און דער „ניינטינטה סענטשורי“. די בעהאנדלונג אָבער, וואָס מיר וועלען קריגען אין קלערוואָ, איז פאר אונז געוועזן אַן אָפענע פראַגע. אלענפאַלס, אין פראַנקרייך ווערט אלגעמיין פערשטאַנען, אַז פאר פּאָליטישע געפאַנגענע איז דער פערלוסט פון פרייהייט און די געצוואונגענע אונטהעטיגקייט שוין אליין אַזוי שווער, אַז עס איז ניט נויטיג ארויפצולעגען נאָך אַנדערע שוועריגקייטען. מען האָט אונז דעריבער געלאָזט וויסען, אַז מיר וועלען בלייבען אונטער די זעלבע רעגעלען, וואָס מיר האָבען געהאַט אין ליאָן. מיר וועלען האָבען בעזונדערע קווארטירען, טראָגען אונזערע אייגענע קליידער, זיין פריי פון געצוואונגענער ארבייט, און האָבען די ערלויבנים צו רויכערען. „די יעניגע צווישען אייך“, האָט דער פערוואַלטער געזאָגט, „וועלכע ווילען עפּעס פערדיענען דורך ארבייט, וועלען האָבען די מעגליכקייט צו נעהען קאָרסעטען אָדער גראַווירען אין פּערל־מוטער. די ארבייט בעצאָהלט זיך שלעכט; איהר קענט אָבער ניט בעשעפטיגט ווערען אין די ווערק־שטאַטען פון געפענגנים, וואו עס ווערען פאַבריצירט אייזערנע בעטען, בילדער־ראַהמען, און דער גלייכען, ווייל דאָס וואָלט פאָדערען איהר זאָלט לאָזשירען מיט די געוועהנליכע ארעסטאַנטען“. מען האָט אונז ערלויבט,

גלייך מיט די אַנדערע אַרעסטאַנטען, צו קויפען פון דער געפענגניס־פערוואַלטונג שפּייז און אַ שטאָף קלאַרעט יעדען טאָג, וואָס זיי פלעגען צושטעלען צו זעהר ביליגע פּרייזען און פון אַ גוטען זאָרט.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס קלערוואָ האָט אויף מיר געמאַכט, איז געוועזען אַ העכסט גינסטיגער. מען האָט אונז איינגעשלאָסען און מיר זיינען געפאָהרען דעם גאַנצען טאָג, פון צוויי אָדער דריי אין דער פריה, אין די קליינע קעסטלעך, אין וועלכע די באַהן־וואַגאָנען, וואָס ווערען בענוצט אריבערצופיהרען געפאַנגענע, זיינען געוועהנליך איינגעטיילט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער צענטראַל־געפענגניס, האָט מען אונז פאָרלויפיג גענומען אין די שטראָף־קוואַרטירען, און מען האָט אונז אַריינגעפיהרט אין זעהר ריינע צעלען. מען האָט אונז דערלאַנגט הייסע שפּייז, איינפאַכע אָבער זעהר גוטע, אָבוואוֹיל עס איז געוועזען שפּעט אין דער נאַכט, און מען האָט יעדערען פון אונז געגעבען די מעגליכקייט צו קויפען אַ האַלבען שטאָף פון דעם זעהר גוטען וויין, וואָס איז פערקויפט געוואָרען אין געפענגניס־געוועלב, צו דעם זעהר בעשיידענעם פּרייז פון פיער־און־צוואַנציג סאַנטים (וועניגער ווי פינף סענט) אַ קוואָרט. דער פערוואַלטער און אַלע אויפזעהער זיינען צו אונז געוועזען זעהר העפליך.

אויף מאָרגען האָט דער פערוואַלטער פון טורמע מיך געפיהרט אָנקוקען די צימערען, וועלכע ער האָט גערעכענט אונז צו געבען, און ווען איך האָב בעמערקט, אַז זיי זיינען גוט נור אַביסעל צו־קליין פאַר אונזער צאָהל, — מיר זיינען געוועזען צוויי־און־צוואַנציג, — און אַז ענגשאַפט קען אַרויס־רופען קראַנקהייטען, האָט ער אונז געגעבען אַן אַנדער רייה צימערען, וועלכע האָבען אין אַמאָליגע צייטען געהערט צו דעם הויז פון דעם אויפ־זעהער פון מאָנאַסטיר, און וועלכע מען האָט איצט בענוצט אַלס שפּיטאָל. אונזערע פענסטער האָבען אַרויסגעקוקט אויף אַ קליינעם גאָרטען, און מען האָט דורך זיי געקענט זעהן פּראַכטפאָלע אָנזיכטען פון דאָס אַרומיגע לאַנד. אין אַן אַנדער צימער אויפ'ן זעלבען באַלקאָן, איז געזעסען דער אַלטער בלאַנקי די לעצטע דריי אָדער פיער יאָהר פאַר זיין בעפרייאונג. פריהער איז ער געוועזען איינגעשפּאַרט אין איינעם פון די צעלען אין דער שטערנ־אַרטיגער געביידע.

מיר האָבען אַלזאָ געקראָגען דריי גרויסע צימערען, און איינעם אַ קלענערען בעזונדער פאַר גאָטהיער'ן און מיר, כדי מיר זאָלען קענען פאָרט־זעצען אונזער ליטעראַרישע אַרבייט. פאַר אָט דער טובה האָבען מיר וואהרשיינליך געהאַט צו פערדאַנקען דעם אַריינמישען זיך פון אַ בעדייטענדער צאָהל ענגלישע וויסענשאַפטס־מענער, וועלכע האָבען, אַזוי שנעל ווי איך בין פעראורטיילט געוואָרען, אונטערגעשריבען אַ פּעטיציע און

געבעטען מען זאָל מיך בעפרייען. צווישען די אונטערגעצייכענטע אויף דער פּעטיציע זיינען געווען פיעלע מיטארבייטער פון דער „ענציקלאָפּע־דיא בריטאַניקא“, ווי אויך הערבערט ספּענסער און סווינבאָרן; וויקטאָר הוגאָ האָט צו זיין אונטערשריפט נאָך צוגעגעבען אַ פּאָר וואַרעמע ווער־טער. די עפענטליכע מיינונג אין פראנקרייך האָט געקוקט אויף אונזער פּעראורטיילונג גאַנץ קרום; און ווען מיין פרוי האָט געלאָזט וויסען אין פּאַריז, אַז איך נויטיג זיך אין ביכער, האָט די אקאדעמיע דער וויסענ־שאַפט אָנגעבאָטען איהר ביבליאָטעק, און ערנסט רענאַן האָט, אין אַ זעהר ליעבליכען בריעף, איהר אָנגעבאָטען זיך צו בענוצען מיט זיין פּריוואַט ביבליאָטעק.

מיר האָבען געהאַט אַ קליינעם גאָרטען, וואו מיר האָבען געקענט שפּיעלען קעגעל, און אין אַ קורצע צייט האָבען מיר בעארבייט אַ שמאָלען בייט, נעבען וואַנט פון דער געביידע, און פון אַ שטח פון אַן ערך אכציג קוואַדראַט איילען האָבען מיר אַרויסגעקראָגען אַן אונגלויבליכע צאָהל סאַלאַט און רעטעך, ווי אויך איינינע בלומען. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז מיר האָבען גלייך אָרגאַניזירט קלאַסען, און אין פערלויף פון די דריי יאָהר, וואָס מיר זיינען פערבליבען אין קלערוואָ, האָב איך געגעבען מיינע חברים לעקציעס אין קאָסמאָגראַפיע, געאָמעטריע, אָדער פיזיק, און האָב זיי אויך געהאָלפען אין דעם שטודיום פון שפּראַכען. כמעט יעדער איינער האָט געלערענט וועניגסטענס איין שפּראַך, — ענגליש, דייטש, איטאַליע־ניש אָדער שפּאַניש, — בעת איינינע האָבען געלערענט צוויי שפּראַכען. מיר האָבען אויך אביסעל געארבייט בוכבינדעריי, וואָס מיר האָבען זיך אויסגעלערענט פון איינער פון די אויסגעצייכענטע ענציקלאָפּעדיע־ראָרע בראָשורען.

צום סוף אָבער פון ערשטען יאָהר איז מיין געזונד ווידער שוואַך געוואָרען. קלערוואָ איז געבויט אויף אַ זומפּיגען באָדען, וועלכער איז די היים פון קדחת־פיבער, און איך האָב געקראָגען דעם פיבער צוזאַמען מיט דער סקאָרבוט־קראַנקהייט. מיין פרוי, וועלכע האָט דאַן שטודירט אין פּאַריז, ארבייטענדיג איןווירטץ'ס לאַבאַראַטאָריע, פּאָרבערייטענדיג זיך צום עקזאַמען אויף דעם טיטעל דאָקטאָר דער וויסענשאַפט, האָט אַלעס אויפגעגעבען און האָט זיך אַריבערגעקליבען אין דעם קליינעם דערפעל פון קלערוואָ, וועלכער בעשטעהט פון וועניגער ווי אַ דוצענד הייזער, גרופּירט אונטער דער אונגעהייער הויכער וואַנד, וואָס רינגעלט אַרום דאָס געפענג־ניס. דאָס לעבען אין דעם דערפעל, מיט דער געפענגניס־וואַנד קעגענאיבער, איז געוויס ניט געווען זעהר הייטער; דאָך איז זי דאָרטען פערבליבען ביז איך בין בעפרייט געוואָרען. אין פערלויף פון דעם ערשטען יאָהר האָט מען

איהר ערלויבט מיך צו זעהן נור איין מאָל אין צוויי חדשים, און אַלע געשפּרעכען אונזערע זיינען פאָרגעקומען אין דער אַנוועזענהייט פון אַ וועכטער, וועלכער איז געזעסען צווישען אונז. אָבער ווען זי האָט זיך בעזעצט אין קלערוואָ, ערקלערענדיג איהר פעסטען בעשלוס דאָרט צו בלייבען, האָט מען איהר באַלד ערלויבט מיך צו זעהן יעדען טאָג אין איינעם פון די קליינע הייזער אין די מויערען פון געפענגניס, וואו די געפענגניס־בעדיענטע האָבען זיך אויפגעהאַלטען, און מען פלעגט מיר ברענגען שפּייז פון דעם גאַסט־הויז וואו זי איז איינגעשטאַנען. שפּעטער האָט מען אונז זאָגאַר ערלויבט צו שפּאַצירען אין דעם פּערוואַלטער'ס גאָרטען, שטאַרק בעוואַכט די גאַנצע צייט, און געוועהנליך פלעגט איינער פון מיינע חברים מיטשפּאַצירען מיט אונז.

איך בין געוועזען גאַנץ ערשטוינט ווען איך האָב ענטדעקט, אַז די צענטראַל־געפענגניס פון קלערוואָ האָט אין אַלע פּרטים אויסגעזעהן ווי אַ קליינע פאַבריק־שטאָדט, אַרומגערינגעלט פון סעדער און קאָרען־פעלדער, איינגעצוימט מיט אַן אויסערליכער וואַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז אויב אין אַ פראַנצויזישער צענטראַל־געפענגניס זיינען די געפאַנגענע פיליכט מעהר אָבהענגיג פון די קאַפּריזען פון דעם פּערוואַלטער און די וועכטער ווי עס זעהט אויס אַז זיי זיינען אין ענגלישע געפענגניסען, איז אָבער די בעהאַנדלונג פון די געפאַנגענע פיעל מענשליכער איידער אין די זעלביגע אינסטיטוציעס אויף דער אַנדער זייט פון קאַנאַל. דער פּאַרצייטיגער ראַכעזיכטיגער סיסטעם, וועלכער הערשט נאָך אין די ענגלישע געפענגניסען, איז אין פראַנקרייך שוין לאַנג אָבגעשאַפט געוואָרען. דער געפאַנגענער איז ניט געצוואונגען צו שלאָפען אויף ברעטער, אָדער צו האָבען אַ מאַטראַץ נור אין געוויסע טעג; דעם טאָג וואָס ער קומט אין טורמע, בעקומט ער אַן אַנשטענדיגע בעט, און ער בענוצט זי די גאַנצע צייט. ער ווערט אויך ניט געצוואונגען צו טהאָן ערניעדריגענדע אַרבייט, ווי צו טרעטען דעם ראָד, אָדער פונאַנדערצוזופּען אַלטע שטריק; ער איז אין גענעגטייל בעשעפטיגט מיט ניצליכע אַרבייט, און דערפאַר האָט דאָס געפענגניס אין קלערוואָ דעם אויסזעהן פון אַ פאַבריק־שטאָדט. אייזערנע מעבעל, בילדער־ראַהמען, שפּיעגלען, מעטרישע מאָסען, סאַמעט, לייוועגט, דאַמען־קאָרסעטען, קליינע זאַכען פון פּערלמוטער, הילצערנע שיך, א. ד. ג. ווערען געמאַכט פון די קרוב זעכצעהן הונדערט מענער, וועלכע ווערען דאָרט געהאַלטען.

אויסערדעם, אויב די בעשטראָפונג פאַר אונגעהאָרכזאַמקייט איז זעהר גרויזאַם, איז דאָרטען צום ווייניגסטען ניטאָ די שטראָף פון שמייסען, וואָס קומט נאָך איצט פאַר אין ענגלישע טורמעס. אַזאַ בעשטראָפונג וואָלט געווען אַן אונמעגליכע זאַך אין פראַנקרייך. אין אַלגעמיין קען דאָס

צענטראַל־געפענגנים פון קלערוואָ בעצייכענט ווערען אַלס איינע פון די בעסטע שטראָף־אַנשטאַלטען אין אייראָפּאַ. און נאָך דעם אַלעמען זיינען די רעזולטאַטען, וועלכע ווערען עררייכט אין קלערוואָ, אַזוי שלעכט ווי אין סיי־וועלכען געפענגנים פון דעם אַלטען שטייגער. „די היינטיגע מיי־נונג איז, אַז די פערברעכער ווערען רעפאָרמירט אין אונזערע געפענגני־סען", האָט איינער פון די מיטגליעדער פון דער געפענגנים־פערוואַלטונג איינמאָל צו מיר געזאָגט, „דאָס איז אַן אונזין, און איך וועל קיינמאָל ניט צושטימען צו זאָגען אַזאַ ליגען."

דער אַפּטייק פון קלערוואָ איז געווען אונטער די צימערען, וועלכע מיר האָבען בעוואוינט, און מיר האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו קומען אין בעריהרונג מיט די געפאַנגענע, וועלכע זיינען דאָרט געווען בעשעפ־טיגט. איינער פון זיי איז געווען אַ גרויער מאַן אין די פופציגער, וועלכער האָט געענדיגט זיין טערמין אין דער צייט וואָס מיר זיינען דאָרט געווען. עס איז געווען ריהרענד צו זעהן, ווי ער האָט זיך געזעגענט מיט דער טורמע. ער האָט געוואוסט, אַז אין עטליכע חדשים אָדער וואָכען וועט ער קומען צוריק אין טורמע און ער האָט געבעטען דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל האַלטען פאַר איהם דעם פּלאַץ אין אַפּטייק. עס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געווען אין קלערוואָ און ער האָט געוואוסט, אַז עס וועט ניט זיין דאָס לעצטע מאָל. ווען מען האָט איהם אַרויסגעלאָזען פריי, האָט ער ניט געהאַט קיינעם צו וועמען צו קענען געהן פערברענגען זיינע אַלטע יאָהרען. „ווער וועט מיך וועלען בעשעפטיגען?" האָט ער געזאָגט. „און וואָס פאַר אַ פּראָפעסיאָן האָב איך? קיינע! ווען איך קום אַרויס, מוז איך געהן צו מיינע אַלטע חברים; זיי, וועניגסטענס, וועלען מיך זיכער אויפ־נעהמען ווי אַן אַלטען פריינד". דאַן וועט קומען אַן איבעריגע גלעזעל אין זייער געזעלשאַפט, אַן אויפרעגענדער געשפּרעך וועגען עפּעס אַן אויסגע־צייכענטען שפּאַס, — אַ געוויסען „נייעם שטריך" צו מאַכען ביי אַ גנבה, — און טיילווייז פון שוואַכען ווילען, טיילווייז צו טהאָן אַ געפעליגקייט זיינע איינציגע פריינד, וועט ער זיך דעריין בעטייליגען, און וועט ווידער אַמאָל איינגעשפּאַרט ווערען. אַזוי איז פאָרגעקומען איינינע מאָל פריהער אין זיין לעבען. עס זיינען אָבער אַריבער צוויי חדשים נאָך זיין בעפרייאונג און ער האָט זיך נאָך ניט געהאַט צוריקגעקעהרט אין קלערוואָ. די געפאַנ־גענע, ווי אויך די וועכטער, האָבען דאַן אָנגעהויבען צו ווערען אונרוהיג וועגען איהם. „זאָל ער האָבען אַריבערגעצויגען אין אַן אַנדער געריכטס־בעצירק, וואָס ער איז נאָך ניטאָ צוריק?" „הלואי זאָל ער נאָר ניט זיין פערמישט אין אַ וועלכען עס איז שלעכטען עסק", פלעגען זיי זאָגען, מיינענדיג עטוואָס ערגערעס ווי גנבה. „דאָס וואָלט געווען צום בעדויערען:

ער איז געווען אזא פיינער, שטילער מענש". עס האָט זיך אָבער באלד ארויסגעשטעלט, אז די ערשטע השערה איז געווען די ריכטיגע. עס איז אָנגעקומען א ידיעה פון אן אנדער געפענגניס, אז דער אלטער זיצט דאָר־טען און ער מיהט זיך אויסצואווירקען מען זאָל איהם אריבערפיהרען אין קלערוואָ.

עס איז געווען העכסט טרויעריג אָנצוקוקען די אלטע מענער. פיעלע פון זיי האָבען אָנגעפאנגען זייער געפענגניס ערפאהרונג אין קינדהייט, אָדער פריה אין דער יוגענד; אנדערע אין א שפּעטערען עלטער. אָבער „איינמאָל אין געפענגניס — אלע מאָל אין געפענגניס", איז א שפּרוך, וואָס שטאמט פון ערפאהרונג. און ווען זיי גרייכען דעם עלטער פון זעכציג יאהר אָדער מעהר, ווייסען זיי, אז זיי מוזען ענדיגען זייער לעבען אין געפענגניס. כדי צו פערקירצען זייער לעבען פלעגען די געפענגניס־פער־וואלטער זיי שיקען אין די ווערקשטאטען, וואו עס ווערען אויסגעארבייט פילץ־זאכען פון אלערליי זאָרטען אָבפאל פון וואָל. פון דעם שטויב אין ווערקשטאט האָבען זיי באלד געקראָגען די אויסצעהרונג, וועלכע האָט זיי ענדליך בעפרייט. פיער מיטגעפאנגענע פלעגען דאן טראָגען דעם אלטען צום געמיינשאפטליכען קבר; דער בית־עלמין־וועכטער און זיין שווארצער הונד זיינען די איינציגע צוויי בעשעפעניסען, וועלכע געהען נאָך זיין לויה, בעת דער געפענגניס־גלח געהט פאָראויס, זינגענדיג מעכאניש זיין תפלה און ארומקוקענדיג זיך אויף די קאשטאנען בוימער אָדער סאָסנע בוימער, וואָס וואקסען ביים וועג. די פיער חברים, וועלכע טראָגען דעם ארון, זיינען צופריעדען מיט דער מאָמענטאנער פרייהייט, און דער שווארצער הונד איז די איינציגע בעשעפענים, וואָס איז געריהרט פון דער פייערליכקייט פון דער צערעמאָניע.

ווען אין פראנקרייך זיינען איינגעפיהרט געוואָרען די רעפאָרמירטע צענטראל־טורמעס, האָט מען געגלויבט, אז מען וועט קענען אויפהאלטען אין זיי דעם פּרינציפּ פון פאָלשטענדיגער שטילקייט. עס איז אָבער אזוי פיעל קעגען דער מענשליכער נאטור, אז די שטרענגע דורכפיהרונג דערפון האָט געמוזט אויפגעגעבען ווערען.

פאר דעם פרעמדען בעאָבאכטער איז די געפענגניס דאכט זיך גאנץ שטום; אָבער אין דער ווירקליכקייט געהט דאָרטען אָן דאָס לעבען אזוי מונטער ווי אין א קליין שטעדטעל. אין אונטערדריקטע שטימען, שטילער־הייד, עטליכע ווערטער ארויסגעזאָגט פערבייגעהענדיג, אויף שטיקלעך צעטעלעך, ווערען אלע נייעסען אויגענבליקליך פערשפּרייט איבער דער גאנצער געפענגניס. עס איז ניטאָ א זאך וואָס פאסירט צווישען די געפאנ־גענע, אָדער אין דעם „עהרען־הויף", וואו עס געפינען זיך די וואוינונגען

פון דער פערוואַלטונג, אָדער אין דאָרף פון קלערוואָ, אָדער אין דער בריי־טער וועלט פון פּאַריזער פּאָליטיק, וואָס עס זאָל ניט גלייך מיטגעטיילט ווערען אין אַלע שלאָפצימערען, ווערקשטאַטען און צעלען. די פראַנצויזען זיינען צו רעדעוודיג, זיי זאָלען דערלאָזען אַז זייער „אונטעראירדישער טעלעגראַף“ זאָל ווען עס איז אָבגעשטעלט ווערען.

מיר האָבען ניט געהאַט קיין פערקעהר מיט די אַלגעמיינע געפאַנגענע, און דאָך האָבען מיר געוואוסט אַלע נייעס פון טאָג. „זשאַן, דער גערטנער, איז דאָ צוריק אויף צוויי יאָהר“. „די פרוי פון דעם און דעם אינספּעקטאָר האָט זיך שרעקליך צוקריעגט מיט יענער און יענער פרוי“. „זשיימס׳ען, אין די צעלען, האָט מען געכאַפּט איבערגעבענדיג אַ פריינדליכען צעטעל צו זשאַן׳ען פון דעם ראַהמען־ווערקשטאַט“. „די אַלטע בעסטיע דער און דער איז שוין ניט מעהר מיניסטער פון גערעכטיגקייט; דאָס מיניסטעריום איז געפאַלען“; און אַזוי ווייטער; און ווען די נאַכריכט קומט, אַז „זשאַק האָט געקראָגען צוויי צעהן־סענטיגע פּעקלעך טאַבאַק און ער בייט זיי אויף צוויי פלאַנעלענע וועסטען“, מאַכט עס די רייזע דורכ׳ן געפענגנים זעהר שנעל. איינמאָל האָט עפּעס אַן אַדוואָקאַטעל, וועלכער איז געזעסען אין אונזער געפענגנים, געוואָלט מיר איבערגעבען אַ צעטעלע, איך זאָל בעטען מיין פרוי, וועלכע האָט געוואוינט אין דאָרף, אַז זי זאָל זיך זעהן מיט זיין פרוי, וועלכע האָט אויך דאָרט געוואוינט, — און אַ היבשע צאָהל מענשען האָבען גענומען די לעבהאַפּטסטע אינטערעסע אין איבערגעבען די שליחות, וועלכע האָט געמוזט דורכגעהן איך ווייס ניט דורך וויפיעל הענד, איידער עס איז אָנגעקומען צו מיר. ווען עס איז עפּעס געווען אין אַ צייטונג, וואָס האָט אונז ספּעציעל געקענט אינטערעסירען, פלעגט די צייטונג אויף אַ זאָנדערבאַרען אופן קומען צו אונז, אַרומגעוויקעלט אַרום אַ שטיינדעל און אַריבערגעוואָרפען איבער דער הויכער וואַנד.

די אָבגעשלאָסענקייט איז ניט קיין שטערונג אין דעם פערקעהר. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין קלערוואָ און מען האָט אונז איינגעקוואַרטירט אין דעם צעלען־פערטעל, איז אין די צעלען געווען זעהר קאַלט; עס איז געווען אַזוי קאַלט, אַז איך האָב טהאַטזעכליך ניט געקענט שרייבען, און ווען מיין פרוי, וועלכע איז דאַן געווען אין פּאַריז, האָט בעקומען מיין בריעף, האָט זי ניט דערקענט מיין האַנדשריפט. עס איז געקומען אַ בעפעהל צו הייצען די צעלען אַזוי פיעל ווי מעגליך; אָבער וואָס זיי האָבען ניט געטהאָן, האָט ניט געהאָלפען, די צעלען זיינען געבליבען קאַלט ווי פריהער. עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעצייגט, אַז אַלע רעהרען פון די הייסע לופט זיינען געווען פערשטאָפּט מיט שטיקלעך פּאַפּיער, שטיקלעך צעטע־

לעך, מעסערלעך און פערשיידענע קליינע זאכען, וועלכע איניגע דורות געפאנגענע האָבען בעהאלטען אין די רעהרען.

מארטין, דער זעלבער פריינד מיינער, וועמען איך האָב שוין דערמאָנט, האָט געקראָגען די ערלויבניס צו זיצען אַ טייל פון זיין צייט אין אַן איינצעל־צעל. ער האָט פאָרגעצויגען צו זיין אליין פאר־זיך, איידער צו לעבען צוזאמען אין צימער מיט נאָך אַ דוצענד אנדערע, און ער האָט זיך אריבערגעקליבען אין אַ צעלע. ער האָט אָבער אויסגעפונען, צו זיין גרויסער איבערראשונג, אַז ער איז גאָר ניט געווען אליין. די ווענד און די שליסעל־לעכער האָבען גערעדט. אין אַ קורצער צייט האָבען אלע איינוואוינער פון די צעלען געוואוסט ווער ער איז, און ער האָט געהאַט בעקאנטשאפטען אין דער גאנצער געביידע. ווי אין אַ ביהנשטאָק געהט אָן דאָס לעבען צווישען די צעלען, וואָס זעהען אויס צו זיין אָבגעזונדערט; ואָס לעבען נעהמט אָבער אָפט אָן אזא כאראקטער, וואָס עס שעטלט איהם איינגאנצען אריין אין דעם געביעט פון פסיכאָפאטיע. קראפט־עבינג אליין האָט קיין אידעע ניט געהאט פון די פאָרמען וואָס עס נעהמט אָן ביי געוויסע געפאנגענע אין איינצעל־האפט.

איך וועל דאָ ניט ווידערהאָלען וואָס איך האָב געזאָגט אין אַ בוך, „אין רוסישע און פראנצויזישע געפענגניסע“, וועלכען איך האָב פערעפענטליכט אין ענגלאנד אין 1886, גלייך נאָך מיין בעפרייאונג פון קלערוואָ, וועגען דעם מאָראלישען איינפלוס פון געפענגניסע אויף די געפאנגענע. אָבער איין זאך מוז דאָ געזאָגט ווערען. די געפענגניס־בעפעלקערונג בעשטעהט פון פערשיידענארטיגע עלעמענטען; אָבער, נעהמענדיג נאָר די, וועלכע ווערען געוועהנליך בעצייכענט אלס „די איינגעבאָרענע פערברעכער“, און וועגען וועלכע מיר האָבען לעצטענס געהערט אזוי פיעל פון לאָמבראָזאָ'ן און זיינע נאָכפאָלגער, — איז מיר געוואָרען העכסט אויפפאלענד, אַז די געפענגניסע, וועלכע ווערען בעטראכט אלס פערהיטונגס־מיטלען פון אנטי־סאָציאלע טהאטען, זיינען פונקט די אינסטיטוציאָנען, וואָס רופען ארויס אזעלכע טהאטען. יעדער איינער וויים, אַז דער מאנגעל אין בילדונג, די אָבנייגונג פון רעגולערער ארבייט, די פיזישע אונפעהיגקייט צו מאכען לענגערע אָנשטרענגונגען, די פאלש־געלייטעטע ליעבע פאר ריזיקאלישע אונטערנעהמונגען, די נייגונגען צום שפיעלען, די אַבוועזענהייט פון ענערגיע, אַן אונערצויגענער ווילען, דאָס ניט אהרען פאר אנדערע, זיינען די אורזאכען, וועלכע ברענגען אָט דעם קלאָס מענשען פאר'ן געריכט. איצט, זיצענדיג אין געפענגניס, האָט דער פאקט געמאַכט אויף מיר אַ שטארקען איינדרוק, אַז גראָד אָט די פעהלערען פון דער מענשליכער נאטור — יעדען איינעם פון זיי — ערציהט די

געפענגנים אין איהרע איינוואוינער; און אַלס געפענגנים מוז זי זיי ערציהען און וועט זיי ערציהען, אַזוי לאַנג ווי זי עקזיסטירט. די איינ־קערקערונג אין געפענגנים מוז נויטווענדיגער ווייזע אינגאַנצען פערניכטען די ענערגיע און דעם ווילען פון אַ מענשען. אין געפענגניס־לעבען איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די אויסאיבונג פון דעם ווילען; צו האָבען אַן אייגענעם ווילען אין געפענגנים מיינט זיכערע צרות. דער ווילען פון דעם געפאַנגענעם מוז פערניכטעט ווערען, און ער ווערט פערניכטעט. נאָך ווייניגער פּלאַץ איז דאָרט דאָ פאַר דער אויסאיבונג פון אַ מענשען'ס נאַטירליכע סימפּאַטיען: עס ווערט אַלץ געטהאָן כדי צו פערהינדערען אַ פרייע בעריהרונג מיט אַלע מענשען, אינוועניג און דרויסען פון טורמע, צו וועמען דער געפאַנגענער וואָלט געקענט האָבען סימפּאַטישע געפיהלען. מען מאַכט איהם פיזיש און גייסטיג אַלץ ווענינער און ווייניגער פעהיג צו מאַכען לענגערע אָנשטרענגונגען, און אויב ער האָט שוין פריהער געהאַט אַן אָבנייגונג צו רעגעלמעסיגער אַרבייט, ווערט אָט די אָבנייגונג נאָך מעהר פערגרעסערט אין פערלויף פון די יאָהרען, וואָס ער זיצט אין געפענגנים. אויב פריהער, איידער ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין געפענגנים, איז ער גיך מיעד געוואָרען פון מאָנאָטאָנע אַרבייט, וועלכע ער האָט ניט געקענט מאַכען ריכטיג, אָדער ער האָט געפיהלט אַן אַנטי־פּאַטיע פאַר צו־ווענינ בעצאָהלטע אַרבייט, ווערט עס איצטער ביי איהם אַן אויסגעשפּראָכענער האַס. אויב ער האָט פריהער געצווייפעלט אין דער סאָציאַלער ניצליכקייט פון די אַלגעמיינע מאָראַל־רעגעלען, איז איצטער אַז ער האָט געוואָרפען אַ קריטישען בליק אויף די אָפיציעלע פערטיידיגער פון די דאָזיגע רעגעלען, און האָט געהערט די מיינונגען פון זיינע חברים וועגען זיי, וואַרפט ער עפענטליך אַוועק די דאָזיגע רעגעלען. און אויב ער איז אַריינגעפאַלען צוליעב די פאָלגען פון אַן אונגעזונטער ענטוויקלונג פון דער ליידענשאַפטליכער זייט פון זיין נאַטור, איז איצט, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראַכט איינינע יאָהרען אין געפענגנים, זיין קרענקליכער כאַראַק־טער נאָך מעהר ענטוויקעלט, אין אַ סך פעלען, ביז זעהר אַ שרעקליכען גראַד. אין אָט דער לעצטער ריכטונג — די געפעהרליכסטע פון אַלע — איז די געפענגנים־ערציהונג העכסט ווירקזאַם.

אין סיביר האָב איך געזעהן, וואָס פאַר רינשטאָקען פון שמוץ און וואָס פאַר בריהונגס־פּלעצער פון פיזישער און מאָראַלישער פערדאָרבענ־קייט די שמוציגע, „אונרעפּאָרמירטע" רוסישע געפענגניסע זיינען; דאַן ווען איך בין אַלט געוועזן ניינצעהן יאָהר האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווען די צימערען זאָלען זיין ווענינער איבערפילט און עס וואָלט געוועזן אַ געוויסע קלאַסיפיצירונג פון די געפאַנגענע, און ווען מען וואָלט זיי

בעזאָרגט מיט א געזונדער בעשעפטיגונג, וואָלטען די געפענגניס־אינסטי־טוציעס געקענט שטארק פערבעסערט ווערען. איצט האָב איך געמוזט אויפגעבען די דאָזיגע אילוזיעס. איך האָב זיך געקענט איבערצייגען, אז בנוגע זייער ווירקונג אויף די געפאנגענע און זייערע רעזולטאטען פאר דער געזעלשאפט אין אלגעמיין, זיינען די בעסטע „רעפאָרמירטע“ — מיט בעזונדערע צעלען אָדער ניט — אזוי שלעכט, אָדער אפשר נאָך ערגער, ווי די שמוציגע געפענגניסען פון די אלטע צייטען. זיי רעפאָרמירען ניט די געפאנגענע. אין געגענטייל, אין דער גרעסטער מעהרצאָהל פון פעלען, איבען זיי אוים אויף זיי א העכסט פערדארבענדע ווירקונג. דער גנב, דער שווינדלער, דער בויאן, וועלכער האָט פערבראכט איינינע יאָהר אין געפענגניס, קומט ארויס נאָך מעהר גרייט ווידער אויפצונעהמען זיין פריהערדיגע קאריערע; ער איז בעסער פאָרבערייטעט דערצו; ער האָט זיך אויסגעלערענט דאָס צו טהאָן בעסער; ער איז מעהר ערביטערט אויף דער געזעלשאפט, און ער געפינט א פעסטערע גערעכטפערטיגונג צו רעוואָלטירען אנטקעגען איהרע געזעצען און מנהגים. נויטווענדיגער־ווייזע, אונפערמיידליך, מוז ער זינקען טיעפער און טיעפער אין די אנטי־סאָציאלע טהאטען, וועלכע האָבען איהם צוערשט געבראכט פאר'ן געריכט. די פערברעכענס, וואָס ער וועט בעגעהן נאָך זיין בעפרייאונג, וועלען אונ־פערמיידליך זיין ערנסטער איידער די, וועלכע האָבען איהם דאָס ערשטע מאָל געבראכט אין געפענגניס; און ער וועט שוין בעשטימט ענדיגען זיין לעבען אין געפענגניס אָדער אויף קאטאָרגע. אין דעם אויבענדערמאָנטען בוך האָב איך געזאָגט, אז געפענגניסע זיינען „אוניווערזיטעטען פון פער־ברעכען, וועלכע ווערען אויסגעהאלטען פון דעם שטאאט“. און איצט, דענקענדיג וועגען דעם מיט פופצעהן יאָהר שפעטער אין דעם ליכט פון מיינע שפעטערע ערפאהרונגען, קען איך דאָס נאָר בעשטעטיגען.

פערזענליך האָב איך קיין אורזאך ניט זיך צו בעקלאָגען אויף די יאָהרען, וועלכע איך האָב פערבראכט אין א פראנצויזישען געפענגניס. פאר א טהעטיגען און אונאָבהענגיגען מענשען איז געוויס די בעשרענקונג פון פרייהייט און טהעטיגקייט אליין אזא גרויסער מאנגעל, אז אלעס איבעריגע — די קליינע צרות פון געפענגניס־לעבען — זיינען ניט ווערטה מען זאָל רעדען וועגען זיי. געוויס, ווען מיר האָבען געהערט וועגען דעם אקטיווען פאָליטישען לעבען, וואָס איז אָנגעגאנגען אין פראנקרייך, זיינען מיר געוועזען שטארק געערגערט פון אונזער געצוואונגענער אונטהעטיגקייט. דער סוף פון דעם ערשטען יאָהר, דערהויפט אין פערלויף פון אן אומע־דיגען ווינטער, איז אלעמאָל שווער פאר דעם געפאנגענעם. און ווען דער פריהלינג קומט, פיהלט מען נאָך שטארקער ווי אימער דעם פערלאנג נאָך

פרייהייט. ווען איך האָב דורך אונזער פענסטער געזעהן ווי די לאַנקעס טהוען אָן זייערע גרינגע קליידער און די בערג ווערען בעדעקט מיט אַ פריהלינגס־נעבעל; אָדער ווען איך האָב געזעהן אַ באַהן לויפענדיג אין טהאָל צווישען די בערג, האָב איך געוויס געפיהלט אַ שטאַרקען פערלאַנג איהם נאָכצולויפען און אַריינצואָטהעמען די לופט פון די וועלדער, אָדער מיטגעשלעפּט צו ווערען מיט דעם שטראָם פון מענשליכען לעבען אין אַ קאָכיגער שטאָדט. אָבער אַ מענש, וואָס קלייבט זיך אויס דעם גורל צו ארבייטען מיט אַ פאָדטגעשריטענער פּאַרטיי, מוז זיין פּאָרבערייט צו פער־ברענגען געוויסע יאָהרען אין געפענגנים, און ער דאַרף עס ניט בעקלאָגען. ער פיהלט, אַז אפילו אין געפאַנגענשאַפט בלייבט ער אויך ניט אינגאַנצען אָן אונטהעטיגער טייל פון דער בעוועגונג, וועלכע פערשפּרייט און שטאַרקט די אידעען וואָס זיינען איהם טהייער.

אין ליאָן האָבען מיינע חברים, מיין פרוי און איך אליין, גאַנץ געוויס אויסגעפונען, אַז די געפענגנים־וועכטער זיינען געווען אַ זעהר פּראָסטער זאָרט מענשען. אָבער נאָך עטליכע צונויפשטויסונגען איז אַלץ רעכט געוואָרען. די געפענגנים־אַדמיניסטראַציע האָט יעדענפאַלס געוואוסט, אַז מיר האָבען געהאַט די פראַנצויזישע פּרעסע אויף אונזער זייט, און זיי האָבען ניט געוואָלט ארויפציהען אויף זיך די דונערען פון ראָשפאָר, אָדער די בייסענדע קריטיק פון קלעמאַנסאָ. אין קלערוואָ איז אַזאַ איינצאַמונג גאָר ניט נויטיג געווען. די גאַנצע אדמיניסטראַציע איז אומגעביטען געוואָרען מיט עטליכע מאָנאַט איידער מיר זיינען אַהין אָנגעקומען. די וועכטער האָבען דאָרט פריהער דער'הרג'עט אַ געפאַנגענעם אין זיין צעלע און האָבען אויפגעהאַנגען זיין טויטען קערפּער, כדי מען זאָל מיינען אַז ער איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. אָבער דאָס מאָל איז די אַנגעלעגענהייט בעקאַנט געוואָרען דורכ'ן דאָקטאָר; דער פערוואַלטער איז ענטלאַסען געוואָרען, און אַ גאַנץ אַנדער טאָן האָט אָנגעהויבען צו הערשען זינט דעמאָלט אין געפענגנים. איך האָב מיטגענומען פון קלערוואָ די בעסטע עראינערונגען פון דעם פערוואַלטער, און איך האָב מעהר ווי איינמאָל געטראַכט פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָרט געווען, אַז נאָך אַלעמען זיינען די מענשען אָפטמאָל בעסער איידער די אינסטיטוציעס, צו וועלכע זיי געהערען. אָבער, ניט האָבענדיג איבער וואָס זיך צו בעקלאָגען פּערזענ־ליך, קען איך אַלץ מעהר פריי און אָהן בעדינגונגען פערדאַמען די אינסטי־טוציע אליין אלס אָן איבערבלייבעכץ פון דער פינסטערער פערגאַנגענ־הייט, אונגערעכט אין איהרע פּרינציפּען און אַ קוואַל פון אונבעשרייבליכע איבלען פאַר דער געזעלשאַפט.

נאָך איין זאַך מוז איך דערמאָנען, אַזוי ווי עס האָט אויף מיר

געמאכט אפשר נאָך א שטארקערען איינדרוק איידער די רעמאָראליזי־רענדע ווירקונגען פון די געפענגניסע אויף די געפאנגענע. וואָס פאר א קוואל פון אָנשטעקונג עס איז יעדע געפענגניס — און אפילו יעדער געריכטס־הויז — פאר איהר נאכבארשאפט, פאר די מענשען וועלכע וואוינען נעבען זיי! לאָמבראָזאָ האָט געמאכט א גאנצען ווערען פון דעם „קרימינאַל־טיפ“, וואָס ער דענקט אז ער האָט ענטדעקט צווישען די געפאנגענע. ווען ער וואָלט געמאכט דיזעלבע אונטערזוכונגען צו בעאָבאכטען די מענשען, וועלכע בעלאגערען די געריכטס־הייזער, — שפּיאָנען, קליינליכע אדוואָקאטען, מוסרים, מענשען וואָס לעבען אויף די דומקעפּ, און עהנליכע צו זיי, — וואָלט ער פּילייכט געקומען צום שלוס, אז זיין פערברעכער־טיפּ האָט א גרעסערע געאָגראפישע אויסברייטונג איידער די וואנד פון געפענגנים. איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אזא זאמלונג פון געזיכטער פון דעם ניעדעריגסטען מענשליכען טיפּ, ווי איך האָב געזעהן אין דעם פּאַלעי־דע־זשיסטים אין ליאָן און ארום איהם, — געוויס ניט אין דער געפענגנים פון קלערוואָ. דיקענס און קרוקשענק האָבען אונשטערבליך געמאכט איינינע פון די טיפּען; אָבער זיי רעפּרעזענטירען א גאנצע וועלט, וועלכע בעוועגט זיך ארום די געריכטס־הייזער און זיי פּליסען איין זייער אָנשטעקונג ווייט און ברייט ארום זיי. און דאָס איז אויך אמת וועגען יעדע צענטראַל־געפענגנים, ווי קלערוואָ. עס איז אַן אטמאָספערע פון קליינע גנבות, קליינע שווינדלערייען, שפּיאָנעריי און קאָרופּציאָן פון יעדען זאָרט, וועלכע פערשפּרייט זיך ווי אַן אויל־פלעק ארום דער געפענגנים.

איך האָב דאָס אַלעס געזעהן; און אויב איך האָב שוין פאר מיין פערהאַפטונג געוואוסט, אז די געזעלשאפט איז אונגערעכט אין דעם היינטיגען סיסטעם פון בעשטראָפונג, האָב איך נאָך מיין פערלאָזען קלערוואָ געוואוסט, אז זי איז ניט נאָר אונגערעכט, נאָר אויך איינפאָך נאריש, ווען זי האַלט אוים אויף איהר רעכענונג, טיילווייז אונבעוואוסט־זיניג און טיילווייז אבזיכטליך, ניט קענענדיג די ווירקליכקייט אָט די קאָרופּציאָנס־אוניווערזיטעטען, אין דער אילוזיע אז זיי זיינען נויטיג אלס א צוים פאר דעם מענשען׳ס פערברעכערישע אינסטינקטען.

XIV

יעדער רעוואָלוציאָנער בעגעגענט פיעל שפּיאָנען און „אגענטען פּראָ־וואָקאַטאָרען“ אויף זיין וועג, און איך האָב אויך געהאַט מיין חלק. אַלע רעגיערונגען גיבען אויס בעדייטענדע סומען געלד אויפצוהאַלטען אָט דעם זאָרט שלאַנגען. אָבער זיי זיינען געפעהרליך נאָר פאַר יונגע מענשען. איינער וואָס האָט געהאַט אביסעל ערפאַהרונג פון לעבען און מענשען, ענטדעקט גלייך עפּעס אַזוינס אָרום אָט די ברואים, וואָס מאַכט איהם ער זאָל זיין אויף דער וואַך. זיי ווערען אויסגעקליבען פון דעם אָבפאַל פון דער געזעלשאַפט, צווישען מענשען פון דעם ניעדעריגסטען מאָראַלען צושטאַנד, און אויב מען איז אויפמערקזאַם אויף דעם מאָראַלען כאַראַק־טער פון די מענשען מיט וועמען מען טרעפט זיך, בעמערקט מען גלייך עפּעס אין דער אויפפיהרונג פון אָט די „זיילען פון דער געזעלשאַפט“, וואָס עס מאַכט אונז שוידערען, און דאַן שטעלט מען זיך די פראַגע: „וואָס האָט אָט דעם מענשען געבראַכט צו מיר? וואָס קען ער האָבען געמיינשאַפטליכעס מיט אונז?“ אין די מייסטע פעלען איז אָט די איינ־פאַכע פראַגע גענוג צו מאַכען, אַז מיר זאָלען זיין פאָרזיכטיג.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין זשענעוואַ, איז דער אַגענט פון דער רוסישער רעגיערונג, וועלכער איז בעאויפטראַגט געווען צו שפּיאָנירען די פליכטלינגע, אונז אַלעמען געווען גוט בעקאַנט. ער האָט געוואוינט אונטער'ן טיטעל גראַף; אַזוי ווי ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין לאָקיי און קיין קאַרעטע, אויף וועלכער ער זאָל קענען אויסמאָלען זיין הערב און וואַפּען, האָט ער זיי געהאַט אויסגענעהט אויף אַזאַ מאַנטעל, וואָס האָט צוגעדעקט זיין קליינעם הינטעל. מיר האָבען איהם אָפט געזעהן אין די קאַפעען, ניט רעדענדיג צו איהם; ער איז טהאַטזעכליך געווען אַן „אונשעדליכער“, וועלכער האָט אָנגעקויפט אין די צייטונגס־ביידלעך אַלע אויסגאַבען פון די פערשיקטע, וועלכע ער האָט גערעכענט וועלען צופריע־דענשטעלען זיינע בעלי־בתים.

אַזוי ווי זשענעוואַ האָט אָנגעהויבען פול ווערען מיט פליכטלינגע פון דער יונגער גענעראַציאָן, האָבען פערשיידענע מענשען אָנגעהויבען אריינ־שטראָמען; און דאָך זיינען זיי אויך, אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערען, אונז בעקאַנט געוואָרען.

ווען אַ פרעמדער איז ערשיענען אויף אונזער האָריזאָנט, פלעגט מען איהם פרעגען מיט דער געוועהנליכער ניהיליסטישער אָפענקייט וועגען זיין פערגאַנגענהייט, וועגען זיינע איצטיגע אויסזיכטען, און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעצייגט וואָס פאַר אַ זאָרט פערזאָן ער איז געווען. אָפענהערציגקייט אין געגענזייטיגען פערקעהר איז אַלעמאָל דער בעסטער מיטעל צו שאַפען ריכטיגע פערהעלטעניסען צווישען מענשען. אין דעם פאַל איז עס גאָר אונשעצבאַר. פיעלע פערזאָנען, וועמען קיינער פון אונז האָט ניט געקענט, אָדער פון זיי ניט געהערט אין רוסלאַנד — גאַנץ פרעמדע פאַר אונזערע קרייזען — זיינען געקומען אין זשענעוואַ, און פיעלע פון זיי זיינען אין איניגע טעג, אָדער זאָגאַר אין איניגע שטונדען נאָך זייער אָנקומען, שוין געשטאַנען אין די העכסט פריינדליכע בעציהונגען מיט דער קאָלאָניע פון פליכטלינגע; ווי עס איז אָבער, איז קיינמאָל ניט געלונגען די שפּיאָנען איבערצוטרעטען דעם שוועל פון פערטרויליכקייט. אַ שפּיאָן האָט געקענט אָנרופען נעמען פון אַלגעמיינע בעקאַנטע, געבען די בעסטע בעריכטען, פיעל מאָל ריכטיגע, פון זיין פערגאַנגענהייט אין רוסלאַנד; ער האָט געמעגט פאָלקאָם בעזיצען די ניהיליסטישע שפּראַך און מאַנערען, ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געקענט נאָכמאַכען דעם זאָרט זיטען, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען ביי דער רוסישער יוגענד; און דאָס אַליין האָט איהם געהאַלטען פון דער ווייטענס פון אונזער קאָלאָניע. שפּיאָנען קענען נאָכמאַכען אַלץ, אויסער עהרליכע זיטען.

ווען איך האָב געאַרבייט מיט רעקלו, איז אין קלאַרען געווען אַזאַ פערזאָן, פון וועמען מיר אַלע האָבען זיך געהאַלטען פון דער ווייטענס. מיר האָבען קיין שלעכטעס ניט געוואוסט וועגען איהם, נאָר מיר האָבען געפיהלט אַז ער איז ניט „אונזערער", און אַזוי ווי ער האָט געזוכט אַלץ מעהר אַריינצודרינגען אין אונזער געזעלשאַפט, זיינען מיר געוואָרען פערדעכטיג וועגען איהם. איך האָב קיינמאָל צו איהם אַ וואָרט ניט גערעדט, און פאָלגליך האָט ער ספּעציעל געזוכט מיין בעקאַנטשאַפט. זעהענדיג אַז ער קען צו מיר ניט צוקומען דורך די געוועהנליכע וועגען, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען בריעף צו מיר, אָנגעבענדיג געהיימניס־פולע פלעצער, וואו זיך צו טרעפען מיט איהם, וועגען געהיימניספאַלע צוועקען. אַלס שפּאַס האָב איך איינמאָל אָנגענומען זיין איינלאַדונג און בין געגאַנגען צום בעשטימטען פּלאַץ מיט אַ גוטען פריינד, וועלכער איז מיר נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטענס; אָבער דער מאַן, וועלכער האָט וואהרשיינליך געהאַט אַ מיטפערטרויטען האָט געמוזט בעמערקען, אַז איך בין ניט געווען אַליין, און ער איז ניט ערשיענען. אַזוי איז מיר ניט בעשערט געווען דאָס פערגעניגען צו זאָגען איהם ווען עס איז איין איינצי־

נעם ווָארט. אויסער דעם, האָב איך אין יענער צייט אזוי שווער געארבייט, אז יעדע מינוט פון מיין צייט איז געווען פערנומען ענטוועדער מיט דער געאָגראַפיע אָדער מיט „לע רעוואָלטע“, און איך בין ניט אריין אין קיינע קאָנספּיראַציעס. מיר האָבען אלענפאלס נאָכדעם ערפאהרען, אז דער מאַן פלעגט שיקען צו דער „דריטער אָבטיילונג“ אויספיהרליכע בעריכטען וועגען די כלומרשט'ע געשפרעכען וואָס ער האָט געהאלטען מיט מיר, וועגען דעם וואָס ער האָט געוואונען מיין פערטרויאונג, און וועגען די שרעקליכע פערשווערונגען וועלכע איך האָב צוגעגרייט אין פעטערבורג אויף דעם קייזער'ס לעבען! דאָס אלעס איז אָנגענומען געוואָרען פאר באַארעס געלד אין פעטערבורג, און אויך אין איטאליען. ווען קאפיעראָ איז איין טאָג פערהאפטעט געוואָרען אין דער שווייץ, האָט מען איהם געצייגט שרעקליכע בעריכטען פון איטאליענישע שפּיאָנען, וועלכע האָבען געוואָרענט זייער רעגיערונג, אז קאפיעראָ און איך, אָנגעלאָדען מיט באָמבעס, פאָהרען קיין איטאליען. דער פאקט איז, אז איך בין קיינמאָל ניט געווען אין איטאליען און האָב קיינמאָל ניט געהאט די אבזיכט צו בעזוכען דאָס לאנד.

די טהאטזאכע איז אָבער, אז די שפּיאָנען שרייבען זייערע בעריכטען ניט אלע מאָל גלאט אין דער וועלט אריין. זיי בעריכטען אָפטמאָל זאכען וואָס זיינען אמת, עס ווענדעט זיך אָבער ווי אזוי א געשיכטע ווערט דערצעהלט. מיר האָבען פערבראכט אייניגע העכסט לוסטיגע מאָמענטען וועגען א בעריכט וואָס א פראנצויזישער שפּיאָן, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט מיין פרוי און מיך, בעת מיר זיינען געפאָרען אין 1881 פון פאריז נאָך לאָנדאָן, האָט געשיקט צו דער פראנצויזישער רעגיערונג. דער שפּיאָן, וואהרשיינליך שפּיעלענדיג א דאָפּעלטע ראָלע, ווי זיי טהוען עס אָפט, האָט דעם בעריכט פערקויפט צו ראָשפאָר'ן, וועלכער האָט עס פערעפענטליכט אין זיין צייטונג. אלעס וואָס דער שפּיאָן האָט בעריכטעט איז געווען גאנץ ריכטיג, — אָבער ווי אזוי ער האָט עס דערצעהלט! ער האָט געשריבען, צום ביישפּיעל: „איך האָב גענומען דעם נעקסטען צימער צו דעם, וואָס קראָפּאָטקין האָט גענומען מיט זיין פרוי“. גאנץ ריכטיג; ער איז דאָרט געווען. מיר האָבען איהם בעמערקט, ווייל ער האָט גלייך געצויגען אויף זיך אונזער אויפמערקזאמקייט דורך זיין בייזען, אונאנגענעהמען פּנים. „זיי האָבען די גאנצע צייט גערעדט רוסיש, כדי די פּאסאזשירען זאָלען זיי ניט פערשטעהן“. וויעדער גאנץ ריכטיג; מיר האָבען גערעדט רוסיש, ווי מיר טהוען עס אלעמאָל. „ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין קאלע, האָבען זיי ביידע בעשטעלט א בוליאָן“. וויעדער גאנץ ריכטיג: מיר האָבען בעשטעלט

א בוליאָן. אָבער דאָ פֿאנגט זיך אָן דער געהיימניספֿאָלער טייל פֿון דער רייזע. „נאָכדעם זיינען זייביידע פֿלוצלינג פֿערשוואונדען, און איך האָב זיי אומזיסט אַרומגעזוכט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און אומעטום; ווען זיי זיינען ווידער ערשיענען, איז ער געווען פֿערקליידט אין אַ רוסישער גייסטליכער איז איהם נאָכגעגאַנגען, וועלכער האָט איהם ניט פֿערלאָזען ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן, וואו איך האָב דעם גייסטליכען פֿער־לאָרען אויסן אויג". דאָס אַלעס איז ווידער געווען ריכטיג. מיין פֿרוי האָט געהאט אַ לייכטען צאָהן־ווערהטאָג, און איך האָב געבעטען די ערלויבניס פֿון דעם רעסטאָראַטאָר אריינצוגעהן אין זיין פּריוואט צימער, וואו מיין פֿרוי האָט עפּעס געטהאָן צו איהר צאָהן. אַזוי זיינען מיר ווירקליך „פֿער־שוואונדען"; און אַזוי ווי מיר האָבען נעדאַרפֿט אריבערפֿאָהרען דעם קאנאל, האָב איך מיין ווייכע פֿילץ־הוט אריינגעלעגט אין קעשענע און האָב אָנגעטהאָן מיין פּוטערנע היטעל; איך בין געווען „פֿערקליידט". וואָס אָנבעטרעפֿט דעם געהיימניספֿאָלען גייסטליכען, איז ער דאָרט אויך געווען. ער איז ניט געווען קיין רוסישער, אָבער דאָס האָט ניט קיין שייכות מיט דער זאַך: ער האָט געטראָגען די קליידער פֿון אַ גריכישען גייסטלי־כען. איך האָב איהם געזעהן שטעהענדיג ביים בופֿעט בעטענדיג עטוואָס, וואָס קיינער האָט ניט פֿערשטאַנען. „אַגואַ, אַגואַ", האָט ער ווידערהאָלט אין אַ טרויעריגען טאָן. „גיט דעם העררען אַ גלאָז וואסער", האָב איך געזאָגט צום קעלנער. דער גייסטליכער, פֿערוואונדערט פֿון מיין זעלטענע שפּראַכען־קענטעניס, האָט מיר אָנגעפֿאַנגען צו דאַנקען פֿאַר דער טובה אויף אַן אמת מזרח־לענדישען שטייגער. מיין פֿרוי האָט אויף איהם געהאט רחמנות און גערעדט צו איהם אין פֿערשיידענע שפּראַכען, ער האָט אָבער קיינע פֿון זיי ניט פֿערשטאַנען. עס האָט זיך נאָכהער ארויסגעצייגט, אַז ער האָט געקענט איינינע ווערטער פֿון איינער פֿון די דרום־סלאַווישע שפּראַכען, און מיר האָבען געכאַפּט דעם זין: „איך בין אַ גריך; טערקי־שער קאָנסולאַט, לאָנדאָן". מיר האָבען איהם געזאָגט, מייסטענס דורך צייכענס, אַז מיר פֿאָהרען אויך קיין לאָנדאָן און אַז ער קען פֿאָהרען מיט אונז.

דער אַמוזאַנטסטער טייל פֿון דער געשיכטע איז, וואָס איך האָב פֿאַר איהם ווירקליך אויסגעפֿונען דעם אַדרעס פֿון דעם טערקישען קאָנסולאַט נאָך איידער מיר זיינען אָנגעקומען אין טשארינג קראָס. דער צוג איז געבליבען שטעהן אויף אַ געוויסער סטאַציאָן אויפ'ן וועג, און צוויי עלעגאַנטע דאַמען זיינען אַריינגעגאַנגען אין אונזער דריטע־קלאַס אָבטיי־לונג, וועלכע איז שוין געווען פֿול. ביידע האָבען געהאט צייטונגען אין זייערע הענד. איינע איז געווען אַן ענגלענדערין, און די אַנדערע, אַ שעהנע

פרוי, וועלכע האָט גערעדט אַ גוטען פראַנצויזיש — האָט פּרעטענדירט צו זיין אַן ענגלענדערין. גלייך נאָך די ערשטע פּאָר ווערטער, האָט די לעצטע מיך ראַפּטאַם אַ פרעג געטהאָן: „וואָס דענקט איהר וועגען גראַף איגנאַ־טיעף?“ און גלייך נאָכדעם: „וועט איהר באַלד הרג'ענען דעם נייעם צאַר?“ פון די צוויי פראַגען איז מיר גלייך קלאָר געוואָרען וואָס איהר פּראָפעסיאָן איז, אָבער טראַכטענדיג וועגען דעם גייסטליכען, האָב איך צו איהר געזאָגט: „ווייסט איהר פיליכט דעם אדרעס פון דעם טירקישען קאָנסולאַט?“ „די־און־די גאַס, דער־און־דער נומער, האָט זי געענטפערט אָהן אַן אָבהאַלט, ווי אַן אונשולדיג מיידעל אין קלאַס. „איך שטעל זיך אויף פּאָר, אַז איהר קענט אָנגעבען דעם אדרעס פון דעם רוסישען קאָנסולאַט?“ האָב איך איהר געפרעגט, און ווען זי האָט מיר געגעבען דעם אדרעס מיט דער זעלבער בערייטקייט, האָב איך זיי ביידען איבער־געגעבען דעם גייסטליכען. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין טשארינג קראָס, איז די דאַמע געוועזען זעהר וויליג צו בעזאָרגען מיין באַגאַזש, און זאָגאַר צו טראָגען אַליין אַ שווערען פּעקעל מיט איהרע האַנדשוה אויף די הענד, ביז איך האָב איהר ענדליך געזאָגט, צו איהר איבערראַשונג: „גענוג, גענוג: דאַמען טראָגען ניט דעם באַגאַזש פון הערען, געהט אוועק!“

לאָמיר זיך אָבער אומקעהרען צו מיין פערטרויענסווערטהען פראַנ־צויזישען שפּיאָן. „ער איז אַרונטערגעשטיגען אין טשארינג קראָס“, האָט ער געשריבען אין זיין בעריכט, „אָבער ער האָט ניט פערלאָזען דעם וואָק־זאַל, פּאַר מעהר אַלס אַ האַלבע שטונדע נאָכ'ן אָנקומען פון צוג, ביז ער איז געוועזען זיכער, אַז אַלע זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען. איך האָב זיך געהאַלטען פון וויטען, זיך בעהאַלטענדיג הינטער אַ זייל. ווען זיי האָבען אייסגעפּו־נען אַז אַלע פּאַסאַזשירען האָבען שוין פערלאָזען די פּלאַטפאָרמע, זיינען זיי ביידע פּלוצלונג אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָזשקע. איך האָב פון דער וויטענס זיי נאָכגעפאָלגט און איך האָב געהערט דעם אדרעס, וואָס דער פוהרמאַן האָט געגעבען דעם פּאָליציסט ביים טהויער, — נומער 12, די־און־די גאַס, — און איך בין נאָכגעלאָפען די דראָשקע. עס זיינען ניט געווען קיין דראָשקעס אין דער נאַכבאַרשאַפט, בין איך געלאָפען צום „טראַפאַלגאַר סקווער“, וואו איך האָב געקראָגען אַ דראָשקע און בין זיי נאָכגעפאָהרען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם דערמאָנטען אדרעס.“

יעדער פּונקט פון דער בעשרייבונג איז וויעדער אמת, — דער אדרעס אַ־ין אַלי;! אָבער ווי געהיימניספול דאָס אַלעס לעזט זיך! איך האָב אָנגע־זאָגט מיינעם אַ רוסישען פריינד וועגען מיין אָנקומען, עס איז אָבער געווען אַ גערדיכטער נעבעל יענעם פריהמאָרגען און ער האָט פערשלאָפען. מיר

האָבען אויף איהם געווארט אַ האַלבע שטונדע, און דאַן, איבערלאָזענדיג אונזער באַגאַזש אויף דער סטאַנציע, זיינען מיר געפאָהרען צו זיין הויז.

„זיי זיינען דאָרט געזעסען ביז אַ זייגער צוויי מיט אָרונטערגעלאָזענע פּאָרהאַנגען, און ערשט דאַן איז אַ הויכער מאַן אַרויסגעקומען פון הויז און איז צוריקגעקומען אַ שטונדע שפּעטער מיט זייער באַגאַזש“. אפילו די בעמערקונג וועגען די פּאָרהאַנגען איז געווען ריכטיג; צוליעב דעם נעבעל האָבען מיר געמוזט אָנצינדען די גאַז, און מיר האָבען אַרונטערגע־צויגען די פּאָרהאַנגען, כדי צו פערשטעלען דעם העסליכען אָנבליק פון דער קליינער איזלינגטאָנער גאַס, וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ געדיכטען נעבעל.

ווען איך האָב געאַרבייט מיט עליזע רעקלו אין קלאַרען, פלעג איך געהן אַלע צוויי וואָכען אין זשענעוואַ צו בעזאָרגען די אַרויסגאַבע פון „לע רעוואָלטע“. איינמאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען אין אונזער דרוקעריי, האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַ רוסישער העדר האָט מיך געוואָלט זעהן. ער האָט שוין געהאַט געזעהן מיינע פריינד און ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז געקומען מיך בעוועגען אַרויסצוגעבען אַ ציימונג, ווי „לע רעוואָלטע“ אין רוסיש. ער האָט פאַר דעם צוועק אָנגעבאָטען דאָס גאַנצע געלד, וואָס עס וועט זיך פּאָדערען דערויף. איך בין געגאַנגען איהם טרעפען אין אַ קאַפּעע, וואו ער האָט מיר אָנגעגעבען אַ דייטשען נאָמען, — טאָהנלעהם, לאָמיר זאָגען, — און האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ געבירטיגער פון די באַלטישע פּראָווינצען. ער האָט זיך בעריהמט, אַז ער בעזיצט אַ גרויסען פערמעגען און געוויסע גיטער און פאַבריקען, און ער איז זעהר אויפגע־בראַכט אויף דער רוסישער רעגיערונג פאַר איהרע רוסיפיצירונגס־פּלענער. אין אַלגעמיין האָט ער געמאַכט אַן אונבעשטימטען איינדרוק, אַזוי אַז מיינע פריינד זיינע פעסט בעשטאַנען, איך זאָל אָננעהמען זיין אָנבאָט; איך האָב אָבער דעם מאַן ניט פיעל ליעב געהאַט פון ערשטען בליק אָן.

פון דער קאַפּעע האָט ער מיך גענומען אין זיינע צימערען אין אַ האָטעל, און דאָ האָט ער אָנגעפאַנגען אַרויסצואווייזען ווייניגער צוריקגע־האַלטענקייט, מעהר וואָס ער איז און נאָך מעהר אונאַנגענעהם. „צוויי־פעלט ניט אין מיין רייכטום“, האָט ער מיר געזאָגט, „איך האָב אויך אַ גרויסאַרטיגע ערפינדונג. עס שטעקט אין דעם זעהר פיעל געלד. איך וועל עס פּאַטענטירען, און וועל דערפון קריגען אַ בעדייטענדע סומע, — אַלץ פאַר דער רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד“. און צו מיין ערשטוינונג האָט ער מיר געצייגט, עפּעס אַ צרה'דיגען לייכטער, וואָס איז נאָר געווען אָריגינעל מיאוס און האָט געהאַט דריי שטיקלעך דראָט, אין וואָס אַריינצושטעקען

דאָס ליכט. די אָרעמסטע הויז־פרוי וואָלט עס אין האַנד ניט גענומען, און ווען מען וואָלט עס שוין געקענט פּאַטענטירען, וואָלט קיין פאַבריקאַנט ניט געגעבען מעהר ווי צעהן דאָלאַר פאַר דעם פּאַטענט. „אַ רייכער מאַן לעגט זיינע האָפענונגען אויף אַזאַ לייכטער! דער מאַן", האָב איך זיך געטראַכט, „האָט קיינמאָל ניט געקענט זעהן קיין בעסערע", און מיין מיי־נונג וועגען איהם איז געוועזען אָבגעמאַכט. ער איז גאָר ניט געוועזען קיין רייכער מאַן און דאָס געלד, וואָס ער האָט אָנגעבאָטען, איז ניט געוועזען זיינע. האָב איך איהם פּראָסט געזאָגט: „זעהר גוט, אויב איהר האָט אַזאַ שטאַרקען פערלאַנג צו האָבען אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערע צייטונג, און האָט אַזאַ גוטע מיינונג וועגען מיר, ווי איהר האָט זיך אויסגעדריקט, וועט איהר איינלעגען אייער געלד אין אַ באַנק אויף מיין נאָמען, איך זאָל קענען טהאָן דערמיט וואָס איך וויל. איך וואָרען אייך אָבער, אַז איהר וועט גאָרנישט האָבען וואָס צו טהאָן מיט דער צייטונג". „געוויס, געוויס", האָט ער געזאָגט, „אָבער נור אַכטונג געבען אויף דעם, אַמאָל אייך געבען אַ ראַטה, און העלפען אַריינברענגען זי אין רוסלאַנד". „ניין, קיין זאַך ניט! איהר דאַרפט מיך אפילו גאָר ניט זעהן". מיינע פריינד האָבען געדענקט, אַז איך בין געוועזען צו שטרענג מיט איהם, אָבער אַ געוויסע צייט שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריעף פון פּעטערבורג, וועלכער האָט אונז געוואָרענט, אַז מיר וועלען קריגען אַ בעזוך פון אַ שפּיאָן פון דער דריטער אָבטיילונג, מיט'ן נאָמען טאָהנלעהם. דער לייכטער האָט אונז אַלזאָ געטהאָן אַ גרויסע טובה.

צי דורך לייכטער, צי דורך עפּעס אַנדערס, אָט די מענשען פּער־ראַטהען זיך אַלעמאָל אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערען. ווען מיר זיינען געוועזען אין לאָנדאָן אין 1881, האָבען מיר אין אַ נעבעלדיגען פריה־מאָרגען געקראָגען אַ בעזוך פון צוויי רוסען. איינעם פון זיי האָב איך געקענט ביים נאָמען; דער צווייטער, אַ יונגער מאַן, וועמען ער האָט רעקאָמענדירט אַלס זיינעם אַ פריינד, איז געוועזען אַ פרעמדער. דער לעצ־טער האָט זיך פריידוויליג אונטערגענומען צו בעגלייטען זיין פריינד אויף אַ קורצען בעזוך נאָך לאָנדאָן. אַזוי ווי ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פון אַ פריינד, האָב איך קיין פערדאַכט אויף איהם ניט געהאַט; איך בין אָבער דעם טאָג געוועזען זעהר בעשעפטיגט און האָב געבעטען אַן אַנדער פריינד, וועלכער האָט געוואוינט דערביי, ער זאָל פאַר זיי געפינען אַ צימער און ער זאָל זיי אַרויסנעהמען אָנצוקוקען לאָנדאָן. מיין פרוי האָט נאָך אויך ניט געהאַט געזעהן ענגלאַנד, און זי איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. נאָכמיטאָג איז זי צוריקגעקומען, מיר זאָגענדיג: „דו ווייסט, איך האָב

זעהר ניט ליעב אַט דעם מענשען. היט זיך פאַר איהם". „אָבער פאַר וואָס? וואָס איז די אורזאַכע?" האָב איך געפרעגט. „גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָר־נישט, ער איז אָבער זיכער ניט „אונזערער". פון דעם אופן ווי ער האָט בעהאַנדעלט דעם קעלנער אין אַ קאַפּעע האָב איך גלייך געזעהן, אַז ער איז ניט „אונזערער"; און וויבאַלד ער איז עס ניט, צו וואָס זאָל ער קומען צו אונז?" זי איז געווען אַזוי זיכער אין דער ריכטיגקייט פון איהר פערדאַכט, אַז בעת זי האָט ערפילט איהרע פליכטען פון גאַסט־פריינדליכ־קייט, האָט זי פונדעסטוועגען געזעהן ניט צו לאָזען דעם יונגען מאַן אליין מיט מיר אין מיין שטודיר־צימער, זאָגאַר פאַר אַ מינוט. מיר זיינען געזעסען און גערעדט, און דער גאַסט האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר ארויסגעשטעלט אין אַזאַ ניעדעריגען מאָראַלישען ליכט, אַז אפילו זיין פריינד איז רויט געוואָרען פון שאַנדע; און ווען איך האָב פערלאַנגט מעהר איינצעלהייטען וועגען איהם, זיינען די ערקלעהרונגען וואָס זיי האָבען געגע־בען געווען נאָך ווייניגער צופריעדענשטעלענד. מיר זיינען ביידע געווען אויף דער וואַך. אין קורצען, זיי האָבען פערלאָזען לאָנדאָן אין אַ פּאָר טעג, און אין צוויי וואָכען שפּעטער האָב איך געקראָגען אַ בריעף פון מיין רוסישען פריינד, אין וועלכען ער האָט זיך פיעל מאָל ענטשולדיגט פאַר וואָס ער האָט מיר פאָרגעשטעלט דעם יונגען מאַן, וועלכער, ווי זיי האָבען אויסגע־פונען אין פּאַריז, איז געווען אַ שפּיאָן אין דיענסט פון דעם רוסישען קאָנסולאַט. איך האָב דאַן נאָכגעקוקט אַ ליסטע פון רוסישע געהיים־פּאָליציי־אַגענטען אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ, וועלכע מיר פליכט־לינגע האָבען ניט לאַנג צוריק ערהאַלטען פון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט, — זיי האָבען געהאַט איבעראַל זייערע מענשען אין פּעטערבורג, — און איך האָב געפונען דעם נאָמען פון דעם יונגען מאַן אויף דער ליסט, נור מיט איין בוכשטאַב געענדערט.

ארויסצוגעבען אַ צייטונג, אונטערשטיצט פון דער פּאָליציי, מיט אַ פּאָליציי־אַגענט אָן דער שפּיצע, איז אַן אַלטער פּלאַן, און דער פּרעפּעקט פון דער פּאַריזער פּאָליציי, אַנדרעע, האָט זיך בענוצט דערמיט אין 1881. איך האָב זיך אויפגעהאַלטען ביי עליזע רעקלו אין די בערג, ווען מיר האָבען ערהאַלטען אַ בריעף פון אַ פראַנצויז, אָדער ריכטיגער אַ בעלגיער, וועלכער האָט אונז בעקאַנט געמאַכט, אַז ער וויל ארויסגעבען אַן אַנאַר־כיסטישע צייטונג אין פּאַריז, און בעט אונזער מיטווירקונג. דער בריעף, פול מיט חניפות, האָט אויף אונז געמאַכט אַן אונגינסטיגען איינדרוק, און רעקלו האָט אויסער דעם געהאַט עפּעס אַן ערָאינערונג, אַז ער האָט געהערט דעם נאָמען פון אַט דעם שרייבער אין אַ ניט גינסטיגער פער־

בינדונג. מיר האָבען בעשלאָסען צו ענטזאַגען אונזער מיטווירקונג, און איך האָב געשריבען צו אַ פריינד אין פּאַריז, אַז צוערשט מוזען מיר אויסגעפי־נען פון וואַנען דאָס געלד איז געקומען, מיט וועלכען די צייטונג וועט אַרויסגעגעבען ווערען. עס קען קומען פון די אָרלעאַניסטען, — אַן אַלטער שפּיצעל פון דער פאַמיליע, — און מיר מוזען וויסען די קוועלע. מיין פּאַריזער פריינד, ווי אַן אַרבייטער, אָהן צערעמאָניעס, האָט דעם בריעף פאָרגעלעזען אויף אַ פערזאַמלונג, וואו דער דאָזיגער קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען אַנוועזענד. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט זיך בעליידיגט, און איך האָב געהאַט צו ענטפערען איינינגע בריעף וועגען דער אַנגעלעגענהייט; איך בין אָבער געבליבען ביי דאָס מיינינגע: „אויב דער מאַן איז אין ערנסט, מוז ער אונז ווייזען די קוועלע פון דעם געלד“.

ענדליך האָט ער נאָכגעגעבען. געצוואונגען דורך אונזערע פראַגען, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס געלד קומט פון זיינער אַ מוהמע, אַ רייכע דאַמע מיט פערעלטערטע מיינונגען, וועלכע האָט פונדעסטוועגען נאָכגעגעבען זיין פערלאַנג צו האָבען אַ צייטונג, און גיט דערויף איהר געלד. די דאַמע איז ניט געווען אין פראַנקרייך; זי האָט געוואוינט אין לאָנדאָן. מיר האָבען געפּאָדערט איהר נאָמען און אַדרעס, און אונזער פריינד מאַלאַ־טעסטאַ האָט זיך פרייוויליג אונטערגענומען זי צו זעהן. ער איז געגאַנגען מיט אַן איטאַליענער פריינד, וועלכער האָט געהאַט אַ געשעפט פון געניצטע מעבעל. זיי האָבען געפונען, אַז די דאַמע פערנעהמט אַ קליינע וואוינונג, און בעת מאַלאַטעסטאַ האָט מיט איהר גערעדט און אַלץ מעהר זיך איבערצייגט, אַז זי האָט איינפאַך געשפּיעלט די ראָלע פון אַ מוהמע אין דער קאָמעדיע, האָט דער פריינד דער מעבעל־הענדלער, בעטראַכטענ־דיג די שטוהלען און די טישען, ענטדעקט אַז זיי זיינען אַלע גענומען געוואָ־רען מיט עטליכע טעג פריהער — וואהרשיינליך אויף פּראָקאַט — פון אַ הענדלער פון געניצטע מעבעל, זיינער אַ שכן. דעם הענדלער׳ס עטיקע־טען זיינען נאָך געהאַנגען אויף די שטוהלען און טישען. דאָס איז ניט געווען קיין גרויסער בעווייז, אָבער עס האָט נאַטירליך פערשטאַרקט אונזער פערדאַכט. איך האָב זיך פּאָלשטענדיג ענטזאַגט צו האָבען עטוואָס צו טהאָן מיט דער צייטונג.

אונערהערטע געוואַלד־מיטלען איז פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען אין דער צייטונג; עס איז קיין אַנדער זאַך ניט געווען אין איהר ווי בראַנד, מאָרד און דינאַמיט־באָמבען. איך האָב דעם מאַן, דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, געטראָפען בעת איך בין געווען אויפ׳ן לאָנדאָנער קאָנגרעס, און אין דעם אויגענבליק, וואָס איך האָב געזעהן זיין בייזע געזיכט, געהערט אַ

פאַר ווערטער פון זיין רעדען און געכאַפּט אַ בליק אויף די פרויען, מיט וועלכע ער פלעגט שטענדיג ארומגעהן, איז מיין מיינונג וועגען איהם געוועזען בעשטימט. אויפ'ן קאָנגרעס, אין פערלויף פון וועלכען ער האָט פאַרגעשלאָגען פערשיידענע שרעקליכע רעזאָלוציאָנען, האָבען אלע אָנוועזענדע זיך געהאַלטען פון ווייטען פון איהם; און ווען ער האָט געפאָדערט די אדרעסען פון אַלע אַנאַרכיסטען פון דער גאַנצער וועלט, איז דער אָבזאָג וואָס ער האָט געקראָגען גאָר ניט געוועזען שמייכעלהאַפט פאַר איהם.

צו מאַכען די געשיכטע קורץ, אין אַ פּאָר מאָנאַט שפּעטער איז זיין מאַסקע אַרונטערגעריסען געוואָרען, און דעם נעקסטען טאָג איז זיין צייטונג אונטערגעגאַנגען אויף אייביג. עטליכע יאָהר שפּעטער האָט דער פּאָליציי־פּרעפעקט, אַנדרעע, אַרויסגעגעבען זיינע מעמוארען, און אין דעם בוך האָט ער אַלעס דערצעהלט וועגען דער צייטונג, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען, און וועגען די עקספּלאָזיאָנען, וועלכע זיינע אַגענטען האָבען אָרגאַניזירט אין פּאַריז, אונטערלעגענדיג סאַרדינען־קעסטלעך אָנגעפילט מיט עפּעס אונטער טהיער'ס סטאַטוע.

מען קען זיך פאָרשטעלען די געלד־סומען, וואָס די אַלע זאַכען האָבען אָבגעקאָסט די פראַנצויזען און די אַנדערע נאַציאָנען.

איך וואָלט געקענט אָנשרייבען איינִיגע קאַפּיטלען וועגען דעם געגענשטאַנד, איך וועל אָבער דערמאָנען נור נאָך איין געשיכטע, וועגען צוויי אַזעלכע „פויגלען" אין קלערוואָ.

מיין פרוי איז איינגעשטאַנען אין דער איינציגער אכסניה פון דעם קליינעם דערפעל, וואָס איז אויסגעוואקסען אונטער דעם שאָטען פון געפענגנים־וואַנד. איין מאָל איז די בעל־הבית'טע אריין צו איהר אין צימער מיט אַ שליחות פון צוויי הערען, וועלכע זיינען געקומען אין האָטעל און האָבען געוואָלט זעהן מיין פרוי. די בעל־הבית'טע האָט אָנגעווענדעט איהר גאַנצע רעדע־קונסט צו גונסטען פון זיי. „אָה, איך קען די וועלט", האָט זי געזאָגט, „און איך פערזיכער אייך, מאַדאַם, אַז זיי זיינען העכסט־אַנשטענדיגע הערען. זייער האַלטען זיך קען ניט זיין מעהר „קאָם־איל־פאָ" (ווי עס דאַרף צו זיין). איינער פון זיי האָט אָנגעגעבען זיין נאָמען פון אַ דייטשען אָפּיציר. ער איז געוויס אַ באַראָן, אָדער אַ לאָרד. און דער צווייטער איז זיין דאָלמעטשער. זיי קענען אייך זעהר גוט. דער באַראָן פאָהרט איצט אוועק נאָך אַפריקאַ, פיליייכט קיינמאָל ניט צוריקצוקומען, און ער וויל אייך זעהן פאַר זיין אָברייזען".

מיין פרוי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער וויזיט־קאַרט, וועלכע איז געוועזען אַדרעסירט „אַ מאַדאַם לאַ פּרינציפּעס קראָפּאָטקין. קוואַנד אַ

וואוּאַר?" און זי האָט שוין קיין פּירושים ניט געדאַרפט וועגן דעם זאָרט „קאָם־איל־פאָ" פון די צוויי הערּרען. וואָס אָנבעטרעפט דעם אינהאַלט פון דער מיטטיילונג, איז עס געווען נאָך ערגער איידער דער אדרעס. געגען אַלע רעגעלען פון גראַמאַטיק און פּשוט׳ען מענשען־פערשטאַנד האָט דער „באַראָן" געשריבען וועגען אַ געהיימער מיטטיילונג, וואָס ער האָט געהאַט צו מאַכען. זי האָט זיך איינפאַך ענטזאַגט אויפצונעהמען דעם שרייבער און זיין דאָלמעטשער. דער „באַראָן" האָט דאַן געשריבען צו מיין פרוי איין בריעף נאָך דעם צווייטען, וועלכע זי האָט גלייך צוריקגעשיקט ניט געעפענט. דער גאַנצער דאָרף האָט זיך באַלד צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען, — איין פּאַרטיי האָט געהאַלטען מיט׳ן באַראָן און איז געווען אָנגעפיהרט פון דער ווירטהין, די צווייטע איז געווען געגען איהם און אָנגעפיהרט טהאַטזעכליך פון דער ווירטהין׳ס מאַן. עס האָט זיך פערשפּרייט אַ גאַנצער ראָמאַן. דער באַראָן האָט געקענט מיין פרוי פאַר איהר חתונה. ער האָט מיט איהר פיעל געטאַנצט אין רוסישען קאָנסולאַט אין וויען. ער האָט איהר נאָך אַלץ געליעבט, אָבער זי, די גרויזאַמע, האָט זיך ענטזאָגט איהם צו ערלויבען אפילו אַ קוק צו טהאָן אויף איהר, איידער ער פאָהרט אוועק אויף זיין געפעהרליכער עקספּעדיציע.

דאַן איז אָנגעקומען די געהיימניספולע געשיכטע פון אַ אינגעל, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז מיר האָבען בעהאַלטען. „וואו איז זייער אינגעל?" האָט דער באַראָן געוואָלט וויסען. „זיי האָבען אַ זוהן, וועלכער דאַרף איצט זיין זעקס יאָהר אַלט, — וואו איז ער?" „זי וואָלט זיך קיינמאָל ניט געשיידט מיט דעם אינגעל, ווען זי וואָלט איהם געהאַט", האָט איין פּאַרטיי געזאָגט. „יאַ, זיי האָבען אַן אינגעל, אָבער זיי בעהאַלטען איהם", האָט די צווייטע בעהויפּטעט.

פאַר אונז ביידען האָט דער שטרייט ענטהאַלטען אַ זעהר אינטערעסאַנטע ענטדעקונג. עס האָט אונז איבערצייגט, אַז מיינע בריעף ווערען געלעזען ניט נאָר פון די געפענגניס־בעאַמטע, נאָר זייער אינהאַלט ווערט אויך איבערגעגעבען צום רוסישען קאָנסולאַט. ווען איך בין געווען אין ליאָן, און מיין פרוי איז געפאָהרען זעהן עליזע רעקלו אין דער שווייץ, האָט זי מיר אמאָל געשריעבען אַז „אונזער אינגעל" פיהלט זיך זעהר גוט; זיין געזונד איז פאָרטרעפליך, און זיי האָבען אַלע פערבראַכט אַן אַנגענעהמען אבענד אויף דעם יאָהרעס־פעסט פון זיין פינפטען געבורטסטאָג. איך האָב געוואוסט, אַז זי האָט געמיינט „לע רעוואָלטע", וועלכען מיר פלעגען אין אונזערע געשפּרעכען אָנרופען „אונזער גאַמין", — אונזער שלעכטער אינגעל. איצט, אַז אָט די הערּרען האָבען זיך נאָכגעפרעגט וועגען „אונזער גאַמין", און האָבען זאָגאַר אַזוי ריכטיג בעצייכענט זיין עלטער, איז עס

געוועזן קלאָר, אַז דער בריעף איז דורכגעגאַנגען אַנדערע הענד איידער דעם פערוואַלטער׳ס. דאָס איז געוועזן גוט צו וויסען.

פון דאָרפּס־לייט אויפ׳ן לאַנד בלייבט קיין זאַך ניט לאַנג פערבאָרגען, און דער באַראָן האָט באַלד דערוועקט אַ פערדאַכט. ער האָט געשריבען אַ נייעם בריעף צו מיין פרוי, נאָך רייכער אין ווערטער איידער די פריהער־דיגע בריעף. ער האָט איהר איצט געבעטען אום ענטשולדיגונג פאַר וואָס ער האָט פּראָבירט זיך פאָרשטעלען אַלס אַ בעקאַנטער. ער האָט צוגעגעבען, אַז זי האָט איהם ניט געקאָנט; ער האָט אָבער געמיינט גוט. ער האָט אַ זעהר וויכטיגע מיטטיילונג איהר צו מאַכען. מיין לעבען איז אין געפאַהר, און ער האָט איהר געוואָלט וואָרענען. דער באַראָן און זיין סעקרעטער האָבען געמאַכט אַ שפּאַציר אין פעלד צו לעזען דעם בריעף צוזאַמען און זיך בעראַטהען וועגען זיין אינהאַלט, — דער וואַלד־וועכטער איז זיי נאָכ־געגאַנגען פון וויטען; זיי האָבען זיך אָבער געקריעגט וועגען דעם, און האָבען צוריסען דעם בריעף אויף שטיקלעך און אַוועקגעוואָרפען. דער וואַלד־וועכטער האָט געוואַרט ביז זיי זיינען געוועזן אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיי מעהר ניט געקענט זעהן, האָט צונויפגעקליבען די שטיקלעך פּאַפּיר, האָט זיי צונויפגעשטעלט, און האָט געלעזען דעם בריעף. אין צייט פון אַ שטונדע האָט דער דאָרף געוואוסט, אַז דער באַראָן האָט אין דער ווירקליכקייט קיינמאָל ניט געקענט מיין פרוי; דער ראָמאַן, וועלכער איז אַזוי סענטימענטאַל וויעדערהאָלט געוואָרען פון דעם באַראָן׳ס פּאַרטיי, איז צוברעקעלט געוואָרען אויף פּיצלעך. „אָה, דאַן זיינען זיי ניט דאָס, וואָס זיי פּרעטענדירען צו זיין“, האָט דער בריגאַדיער־זשאַנדאַרם געצויגען דעם שלום פון זיין זייט; „דאַן מוזען זיי זיין דייטשע שפּיאָנען“; און ער האָט זיי אַרעסטירט.

מען מוז זאָגען צו גונסטען פון דעם זשאַנדאַרם, אַז אַ דייטשער שפּיאָן איז ווירקליך מיט אַ קורצער צייט צוריק געוועזן אין קלערוואָ. אין צייט פון קריעג קענען די גרויסע געביידען פון געפענגנים בענוצט ווערען אַלס מאַגאַזינען פאַר פּראָוויאַנט אָדער אַלס קאַזאַרמעס פאַר דער אַרמעע, און דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איז זיכער געוועזן פעראינטערעסירט צו וויסען די אינוועניגסטע מאָס פון די געפענגנים־געביידען. אַ לוסטיגער רייזענדער פּאָטאָגראַפיסט איז געקומען אין אונזער דאָרף, איז בעפריינ־דעט געוואָרען מיט יעדען איינעם דורך דעם וואָס ער האָט זיי אַלעמען פּאָטאָגראַפירט אומזיסט, און מען האָט איהם אַריינגעלאָזען פּאָטאָגראַ־פירען ניט נור אינוועניג אין געפענגנים־הויף, נאָר אויך די שלאָפצימערען. ווען ער איז דערמיט פאַרטיג געוואָרען, איז ער אַוועקגעפאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט ביים מזרח־גרענעץ, און ער איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרען

אַלס אַ מענש, ביי וועמען מען האָט געפונען קאָמפּראָמעטירענדע מיליטערישע דאָקומענטען. דער בריגאַדיער־זשאַנדאַרם, ביי וועמען דער איינדרוק פון דעם בעזוך איז נאָך געווען פריש, איז געקומען צום שלוס, אַז דער באַראָן און זיין סעקרעטער זיינען אויך דייטשע שפּיאָנען, האָט זיי אַרעסטירט און געבראַכט אין קליינעם שטעדטעל באַר־סור־אוב. דאָרטען זיינען זיי דעם נעקסטען טאָג בעפרייט געוואָרען און די לאָקאַלע צייטונג האָט געמעלדעט, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין דייטשע שפּיאָנען, נאָר „פּערזאָנען געשיקט פון אַן אַנדער פריינדליכער רעגיערונג“.

איצט האָט זיך די גאַנצע עפענטליכע מיינונג אינגאַנצען אומגעקעהרט אַנטקעגען דעם באַראָן און זיין סעקרעטער, וועמען עס איז געווען בעשערט דורכצולעבען נאָך מעהר צופעלע. נאָך זייער בעפרייאונג זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינער דאָרפס־קאַפעע, און האָבען דאָרטען ביי אַ פלאַש וויין אויסגעלופטערט זייער ערגערנים אין דייטש. „דו ביזט געווען נאַריש, ביזט געווען אַ פּייגלינג“, האָט דער זעלבסט גענאַנטער דאָלמעטשער געזאָגט צום זעלבסט־גענאַנטען באַראָן. „ווען איך וואָלט געווען אויף דיין פּלאַץ, וואָלט איך דעם אונטערזוכונגס־ריכטער דערשאָסען מיט'ן רעוואָלווער. זאָל ער נאָר ווידערהאָלען מיט מ י ר, — ער וועט האָבען די קוילען אין זיין קאָפּ!“ און אַזוי ווייטער.

אַ געשעפטס־רייזענדער, וועלכער איז געזעסען שטיל אין אַ ווינקעל פון צימער, איז גלייך אַוועקגעלאָפען צום בריגאַדיער־זשאַנדאַרם און איהם איבערגעגעבען דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהערט. דער בריגאַדיער־זשאַנדאַרם האָט גלייך געמאַכט אַן אָפיציעלען רעפּאָרט און האָט ווידער אַרעסטירט דעם סעקרעטער — אַן אַפּטייקער פון שטראַסבורג. ער איז געבראַכט געוואָרען אין פּאָליציי־געריכט אין דעם זעלבען שטעדטעל באַר־סור־אוב, און ער האָט געקראָגען אַ מאָנאַט געפענגניס פאַר „אויסגעשפּראָכענע דראָהונגען געגען אַ ריכטער אין אַן עפענטליכען פּלאַץ“. דער באַראָן האָט דערנאָך געהאַט נאָך מעהר צופעלע, און דער דאָרף האָט זיך ניט בערוהיגט ביז די צוויי פרעמדע זיינען אָבגעפאָהרען.

איך האָב דאָ דערצעהלט נור עטליכע פון די שפּיאָנען־געשיכטען, וואָס איך האָב געקענט דערצעהלען. אָבער ווען מען דענקט פון די טויזענדער פערדאָרבענע מענשען, וועלכע געהען אַרום אויף דער וועלט, אויסגעהאַלטען פון אַלע רעגיערונגען, — און זעהר אָפט גוט בעצאָהלט פאַר זייערע געמיינהייטען, — פון די נעצען, וועלכע זיי שפּרייטען אויס פאַר אַלערהאַנד מענשען אָהן אויבער־חכמות, פון די אונגעהייערע געלד־סומען, וואָס ווערען אַרויסגעוואָרפען אויפצוהאַלטען אַזאַ אַרמעע, וועלכע ווערט

אויסגעקליבען פון די ניעדעריגסטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט און פון דער געפענגנים־בעפעלקערונג; פון דער קאָרופּציאָן וואָס זיי ברענגען אריין אין דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין, און אפילו אין די פאַמיליען, מוז מען ערשטוינט ווערען איבער דעם אונגעהייערען איבעל, וואָס ווערט אויף דעם אופן געבראַכט.

XV

פאָרערונגען פאַר אונזער בעפרייאונג זיינען כסדר אויפגעהויבען געוואָרען סיי אין דער פרעסע, סיי אין דעפּוטירטען־קאַמער, — דער־הויפּט, ווייל אונגעפעהר אין דער אייגענער צייט איז אויך לואיזע מישעל פעראורטיילט געוואָרען, פאַר רויבעריי! לואיזע מישעל — וואָס פלעגט בוכשטעבליך אַלעמאָל אוועקגעגעבען איהר לעצטען שאַל אָדער מאַנטעל דער פרוי, וועלכע נויטיגט זיך אין דעם; זי, ביי וועמען מען האָט קיינ־מאָל ניט געקענט פועל'ן, אין דער צייט פון איהר געפאַנגענשאַפט, זי זאָל נעהמען פאַר זיך בעסערע שפּייז איידער איהרע מיטגעפאַנגענע, וואָרים זי האָט זיי שטענדיג אוועקגעגעבען וואָס מען האָט געשיקט פאַר איהר — זי איז פעראורטיילט געוואָרען, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, פּוזשע, צו נייען יאָהר געפענגנים פאַר גאַסען־רויבעריי! דאָס האָט שוין געקלונגען צו־שלעכט אפילו פאַר די מיטעלקלאַס־אָפּאָרטוניסטען. איין טאָג האָט זי מאַרשירט אין פאָראויס פון אַ פּראָצעסיע פון ארבייטסלאָזע, און פערביי־געהענדיג אַ בעקעריי האָט זי פון דאָרטען גענומען עטליכע לעבלעך ברויט און זיי פערטיילט צו די הונגעריגע דעמאָנסטראַנטען: אין דעם איז בעשטאַנען איהר רויבעריי. די בעפרייאונג פון די אַנאַרכיסטען איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען דער קריעגס־רוף אַנטקעגען דער רעגיערונג, און אין הערבסט פון 1887 זיינען אַלע מיינע חברים, מיט דער אויסנאַהמע פון דריי, בעפרייט געוואָרען דורך אַ דעקרעט פון פּרעזידענט גרעווי. דאַן איז דער אויסגעשריי צו גונסטען פון לואיזע מישעל און מיך געוואָרען נאָך שטאַרקער. אַלעקסאַנדער דער 3טער איז אָבער געווען געגען דעם; און איין טאָג האָט דער ערשטער מיניסטער, מ. פרייסינע, ענטפערענדיג אויף אַן אינטערפּעלאַציע אין דעפּוטירטען־קאַמער, ערקלערט, אַז „דיפּלאָמאַ־טישע שוועריגקייטען שטעהען אין וועג פון קראָפּאָטקין'ס בעפרייאונג". מאָדנע ווערטער אין מויל פון דעם ערשטען מיניסטער פון אַן אונאַב־העננגיג לאַנד; אָבער נאָך מאָדנערע ווערטער זיינען זינט דעמאָלט געהערט

געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט יענער פערשאָלטענער אַליאַנץ פון פראַנק־רייך מיט רוסלאַנד.

אין מיטען יאַנואַר, 1886, זיינען ביידע, לואיזע מישעל און פּוזשע, ווי אויך די פיער אונזערע, וואָס זיינען נאָך געזעסען אין קלערוואָ, בעפרייט געוואָרען.

מיין בעפרייאונג האָט אויך געמיינט די בעפרייאונג פון מיין פרוי פון איהר פרייוויליגער געפאַנגענשאַפט, אין דעם קליינעם דערפעל נעבען די געפענגניס־טהויערען, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבען ווירקען אויף איהר געזונד, און מיר זיינען אַוועק אין פּאַריז צו פערברענגען עטליכע וואָכען מיט אונזער פריינד, עלי רעקלו — אַ זעהר בעדייטענדער שריפטשטעלער אין אַנטראָפּאָלאָגיע, וועלכער ווערט אָפט אויסער פראַנקרייך פערביטען אויף זיין אינגערען ברודער דעם געאָגראַף, עליזע. אַ וואַרעמע פריינד־שאַפט האָט פעראייניגט די צוויי ברידער פון זייער פריהעסטער יוגענד אָן. ווען די צייט איז געקומען, וואָס זיי האָבען געדאַרפט אַריינטרעטען אין אַן אוניווערזיטעט, זיינען זיי צוזאַמען אַוועק פון אַ קליין דערפעל אין דעם זשיראָנד־טהאָל נאָך שטראַסבורג, מאַכענדיג די רייזע צופוס, — בעגלייט, ווי ריכטיגע וואַנדער סטודענטען, פון זייער הונד; און ווען זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ערגעץ אין אַ דאָרף, האָט דער הונד געקראָגען דעם טעלער זופּ, בעת דער מאָהלצייט פון די צוויי ברידער איז אָפטמאָל אינ־גאַנצען בעשטאַנען פון ברויט מיט עטליכע עפּעל. פון שטראַסבורג איז דער אינגערער ברודער אַוועק נאָך בערלין, וואוהין ער איז צוגעצויגען געוואָרען דורך די לעקציעס פון דעם גרויסען ריטטער. שפּעטער־צו, אין די פערציגער יאָהרען, זיינען זיי ביידע געווען אין פּאַריז. עלי רעקלו איז געוואָרען אַן איבערצייגטער פוריעריסט, און זיי האָבען ביידע געזעהן אין דער רעפּובליק פון 1848 דאָס אָנקומען פון אַ נייער עפּאָכע פון סאָציאַלער עוואָלוציע. דערפאַר האָבען זיי ביידע, נאָך נאַפּאָליאָן דעם 3טענ'ס שטאַאַט־שטרייך, געמוזט פערלאָזען פראַנקרייך, און האָבען אויסגעוואַנ־דערט נאָך ענגלאַנד. ווען די אַמנעסטיע איז אָבגעשטימט געוואָרען, און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט נאָך פּאַריז, האָט עלי דאָרטען רעדאַקטירט אַ פוריעריסטיש קאָאָפּעראַטיווע צייטונג, וועלכע איז שטאַרק פערשפּרייט געוואָרען צווישען די אַרבייטער. עס איז ניט אַלגעמיין בעקאַנט, אָבער קען זיין אינטערעסאַנט צו פערצייכענען, אַז נאַפּאָליאָן דער 3טער, וועל־כער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ צעזאַר, — און האָט זיך אינטע־רעסירט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ צעזאַר, מיט דער לאַגע פון די אַרבייטער־קלאַסען, — פלעגט שיקען איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטען אין דער דרוקעריי פון דער צייטונג, יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך געדרוקט, איהם

צו ברענגען אין די טוליערען דעם ערשטען בויגען, וואס איז ארויס פון דער פרעס. שפעטער־הין איז ער אפילו געווען גרייט צו פארטאניזירען די אינטערנאציאנאלע ארבייטער׳ס אסאציאציע, מיט דער בעדינגונג, אז זי זאל ארייננשטעלען אין איינעם פון איהרע בעריכטען עטליכע צוטרוי־אונגס ווערטער צו די גרויסע סאציאליסטישע פלענער פון דעם צעזאר; און בעת די אינטערנאציאנאליסטען האבען זיך ענטשידען ענטזאגט צו טהאן עפעס דער גלייכען, האט ער אבגעגעבען א בעפעל צו אונטערדריקען דעם אינטערנאציאנאל.

ווען די קאמונע איז פראקלאמירט געווארען, האבען זיך ביידע ברידער מיט׳ן גאנצען הארצען אנגעשלאסען אן איהר, און עלי האט אנגענומען דעם פאסטען פון אויפזעהער אין דער נאציאנאל־ביבליאטעק און אין דעם לואווער מוזעאום אונטער וואיאן. מיר האבען צו פערדאנקען אין א גרויסער מאס זיין אויסגערעכענטקייט און שווערער ארבייט, וואס די אונשעצבארע אוצרות פון מענשליכען וויסען און קונסט, וועלכע האבען זיך אנגעזאמעלט אין יענע צוויי אינסטיטוציעס, זיינען גאנץ געבליבען אין דער צייט, וואס פאריז איז באמבארדירט געווארען פון טהיער׳ס ארמעען און אין דער גרויסער שרפה, וואס האט דערנאך געפאלגט. א ליידענשאפטליכער ליעבהאבער פון דער גריכישער קונסט, און גרינדליך בעקאנט מיט איהר, האט ער די טהייערסטע סטאטוען און וואזען פונ׳ם לואווער געלאזט פערפאקען און זיי אוועקגעשטעלט אין די קעלער־געוועלבען, בעת די גרעסטע פארזיכטיגקייטס מאסרעגעלען זיינען גענומען געווארען אוועקצולעגען אין א זיכערען פלאץ די ווערטהפולסטע ביכער פון דער נאציאנאל־ביבליאטעק, און צו בעשיצען די געביידע פון דעם פייער, וואס האט געבושעוועט ארום איהר. זיין ווייב, א מוטהיגע פרוי, א ווירדיגע חבר׳טע פון דעם פילאזאף, בעגלייט פון איהרע צוויי קליינע אינגלעך אין גאס, האט אין דער אייגענער צייט ארגאניזירט אין איהר קווארטאל פון שטאדט א סיסטעם ווי צו שפייזען דעם פאלק, וואס האט איינפאך געהונגערט אין דער צייט פון דער צווייטער בעלאגערונג. אין די לעצטע עטליכע וואכען פון איהר עקזיסטענץ האט די קאמונע ענדליך בעגריפען, אז די בעזארגונג פון שפייז פאר׳ן פאלק, וואס איז געבליבען אהן מיטלען זיך אליין צו פערזארגען, האט געדארפט זיין די ערשטע אויפגאבע פון דער קאמונע, און פרייוויליגע האבען ארגאניזירט די הילף. עס איז געווען אן איינפאכער צופאל, וואס עלי רעקלו, וועלכער איז פערבליבען אויף זיין פאסטען ביז דער לעצטער מינוט, האט זיך ארויסגעדרעהט פון צו ווערען דערשאסען פון די ווערסאילער סאלדאטען; און אזוי ווי ער איז פעראורטיילט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען פון

לאנד, — דערפאר וואָס ער האָט געוואגט אָנצונעהמען אזא ניצליכען דיענסט אונטער דער קאָמונע, — איז ער אוועק מיט זיין פאמיליע אין גלות. איצט, אומקעהרענדיג זיך צוריק אין פאריז, האָט ער ווידער אויפגענומען זיין לעבענס־ווערק, די עטהנאָלאָגיע. וואָס דאָס דאָזיגע ווערק איז אזוינס, קען מען אורטיילען פון עטליכע, זעהר ווייניגע קאפּיטלען פון דעם, וועלכע זיינען פערעפענטליכט געוואָרען אין בוך־פאָרם אונטער די טיטלען „פּרימיטיווע פעלקער“ און „די אויסטראליער“, ווי אויך פון דער געשיכטע פון דעם אורשפּרונג פון רעליגיאָנען, וועלכע שטעלען צוזאמען דעם תמצית פון זיינע לעקציעס אין דער „עקאָל דעס העוטס עטיודס“ (הויך־שולע) אין ברוסעל, — אַן אינסטיטוציע וואָס זיין ברודער האָט געגרינדעט. אויף דעם גאנצען געביעט פון דער עטהנאָלאָגישער ליטעראטור גיט עס ניט פיעל ווערק, וואָס זאָלען אויף אזוי פיעל זיין דורכדרונגען מיט אזא גרינדליכער און סימפּאטישער פערשטענדניס פון דער ווירקליכער נאטור פון דעם פּרימיטיווען מענשען. וואָס איז שייך זיין געשיכטע פון רעליגיאָנען (א טייל פון וועלכער עס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער צייטשריפט „סאָסיעטע נאָוועל“ („נייע געזעלשאפט“), און וועלכע ווערט איצט פאָרגעזעצט אין „הומאניטע נאָוועל“ („נייע מענשהייט“), וועלכע פערנעהמט דעם פּלאַץ פון דער ערשטער), וואג איך צו בעהויפּטען, אז עס איז דאָס בעסטע ווערק איבער דעם געגענשטאנד, וואָס איז ביז אהער ערשיענען; בלי ספק העכער פאר הערבערט ספּענסער׳ס פערזוך אין דער אייגענער ריכטונג, ווייל הערבערט ספּענסער, מיט זיין גאנצען אונגעהייערען אינטעלעקט, בעזיצט ניט יענע פערשטענדניס פאר דער ניט־געקינסטעלטער און איינפאכער נאטור פון דעם פּרימיטיווען מענשען, וועלכע עלי רעקלו פערמאָגט ביז צו א זעלטענער פאָלקאָמענהייט, און צו וועלכער ער האָט צוגעטראָגען אַן אויסערגעוועהנליך ברייטעס וויסען פון א שטארק פערנאכלעסיגטען צווייג פון פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, — די ענטוויקלונג און אומגעשטאלטונג פון אמונות. עס איז איבעריג צו רעדען פון עלי רעקלו׳ס אונענדליך גוטען כאראקטער און בעשיידענהייט, אָדער פון זיין הויכער אינטעליגענץ און אונגעהייערער קענטניס פון אלע ענינים וואָס זיינען נוגע דער מענשהייט; דאָס אלעס איז איינגעשלאָסען אין זיין סטיל, וועלכער איז זיינער און קיין אנדערענס. מיט זיין בעשיידענהייט, מיט זיין געלאסענער בענעהמונג און זיין טיעף פילאָזאָפישען איינבליק, איז ער דער טיפּ פון דעם גריכישען פילאָזאָף פון אלטערטום. אין א געזעלשאפט, וועלכע איז ווייניגער פערקאָכט אין פאטענטירטער בילדונג און ספּעציאליזירטען אונטעררעכט, און לעגט מעהר געוויכט אויף דער ענט־

וויקלונג פון ברייט הומאַניטערע בעגריפען, וואָלט ער געווען אַרומגע־רינגעלט פון מחנות תלמידים, ווי איינער פון זיינע גריכישע פּראָטאָ־טיפּען.

אַ זעהר לעבהאַפטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע בעוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין דער צייט וואָס מיר האָבען דאָרט פערבראַכט. לואיזע מישעל האָט יעדען אבענד געהאַלטען פּאָרטרעגע און האָט אַרויסגערופען אַן ענטהוזיאַזם ביי איהרע צוהערער, סיי זיי זיינען בעשטאַנען פון אַרבייטער, סיי זיי זיינען געווען צונויפגעשטעלט פון מיטעלקלאַס־מענשען. איהר אַזוי־אויך גרויסע פּאָפּולאַריטעט איז געוואָרען נאָך גרע־סער, און האָט זיך פערשפּרייט אפילו צווישען די אוניווערזיטעט־סטודענטען, וועלכע האָבען אפשר געהאַסט פּאָרטגעשריטענע אידעען, אָבער האָבען אין איהר פערגעטערט די אידעעלע פרוי. בעת איך בין געווען אין פּאַריז, איז אין אַ קאַפעע פּאָרגעקומען אַ גאַנצער אויפרוהר, צוליעב דעם וואָס אימיצער האָט אין געגענוואַרט פון סטודענטען גערעדט מיט אום־כבוד וועגען לואיזע מישעל. די יונגע לייט האָבען זיך פאַר איהר אָנגענומען און געמאַכט אַ גרויסען טומעל, צוברעכענדיג אַלע טישען און גלעזער, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער קאַפעע. איך האָב אויך איין מאָל געהאַלטען אַ פּאָרטראַג איבער אַנאַרכיזם פאַר אַן עולם פון עטליכע טויזענד מענשען, און באַלד נאָכ'ן פּאָרטראַג האָב איך פער־לאָזען פּאַריז, איידער די רעגיערונג איז געווען אים שטאַנד צו געהאָרכען די אויפפאָדערונגען פון דער רעאַקציאָנערער און פראַ־רוסישער פּרעסע, וועלכע האָבען ניט אַנדערש פערלאַנגט, איך זאָל אויסגעוויזען ווערען פון פראַנקרייך.

פון פּאַריז זיינען מיר אַוועק נאָך לאָנדאָן, וואו איך האָב ווידער־אַמאָל געפונען מיינע צוויי אַלטע פריינד סטעפּניאַק און טשייקאָווסקי. דאָס לעבען אין לאָנדאָן איז שוין מעהר פאַר מיר ניט געווען אַזוי טרויעריג, שלעפעריג, ווי מיט פיער יאָהר צוריק. מיר האָבען זיך בעזעצט אין אַ קליין הייזעל אין האַרראָו. מיר האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען די מעבעל פון דעם הייזעל; אַ היבשען טייל פון די מעבעל האָב איך אַליין געמאַכט, מיט דער הילף פון טשאַיקאָווסקי'ן, — ער איז געווען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען און האָט זיך דאָרטען אויסגעלערענט אַביסעל סטאָלעריי, — מיר האָבען זיך אָבער שטאַרק געפרעהט מיט דעם קליינעם פּלאַץ פון שווע־רען מידלעסעקס'ער ליים, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער גאָרטען. מיין פרוי און איך האָבען זיך מיט גרויס חשק גענומען צו גערטנעריי, אַזוי ווי איך האָב שוין פריהער איינגעזעהן די וואונדערבאַרע רעזולטאַטען וואָס מען קען אַרויסקריגען פון דעם. בעקאַנענדיג זיך מיט די שריפטען

פון טאָובעו און אייניגע פּאַריזער מאַרק־גערטנירער, און פון אונזער אייגענעם עקספּערימענט אין דעם געפענגנים־גאָרטען פון קלערוואָ. וואָס אַנבעלאַנגט מיין פרוי, וועלכע איז קראַנק געוואָרען אויף טיפוס־פיבער באַלד ווי מיר האָבען זיך בעזעצט אין האררואָ, האָט די אַרבייט אין גאָר־טען, אין דער צייט פון איהר גענזונד ווערען, געהאַט אויף איהר געזונד אַ פּיעל מעהר ערהאָלענדע ווירקונג, ווי ווען זי וואָלט פערבראַכט אין דעם בעסטען סאַנאַטאָריום.

איידער דער זומער האָט זיך געענדיגט האָט מיך געטראָפען אַ שווע־רער קלאַפּ. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז שוין ניט געוועזען מעהר צווישען די לעבעדיגע.

אין פערלויף פון די יאָהרען, וואָס איך בין געוועזען אין אויסלאַנד, איידער מיין פערהאַפטונג אין פראַנקרייך, האָבען מיר זיך ניט איבערגעג־שריבען איינער מיט דעם אַנדערען. ליעב האָבען אַ ברודער, וועלכער ווערט פערפאָלגט פאַר זיינע פּאָליטישע מיינונגען, איז אין די אויגען פון דער רוסישער רעגיערונג פערערעכענט פאַר אַ חטא. צו שטעהן מיט איהם אין פערבינדונג נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען אַ פליכטלינג, איז שוין אַ פער־ברעכען. דעם צאַר'ס אַן אונטערטאַן מוז האַסען אַלע רעבעלען אַנטקעגען דעם אַלערהעכסטען הערשער'ס אויטאָריטעט, — און אַלעקסאַנדער איז געוועזען אין די לאַפּעס פון דער רוסישער פּאָליציי. איך האָב זיך דעריבער ענטשידען ענטזאַגט פון שרייבען צו איהם אָדער צו וועמען עס איז פון מיינע קרובים. נאָכדעם ווי דער צאַר האָט אויפגעשריבען אויף אונזער שוועסטער העלענאַ'ס פּעטיציע „פּוסט פּאָסידיט", איז שוין מעהר קיין האָפענונג ניט געוועזען אויף מיין ברודער'ס באַלדיגער בעפרייאונג. צוויי יאָהר נאָך דעם איז ערנאַנט געוואָרען אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל בעשטימען טערמינען פאַר די, וועלכע זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אין סיביר אָהן אַ משפּט, פאַר אַן אונבעשטימטער צייט, און מיין ברודער האָט געקראָגען פינף יאָהר. צוזאַמען מיט די צוויי יאָהר וואָס ער איז שוין דאָרט אָבגע־זעסען, איז דאָס געוואָרען זיעבען. דאַן איז אַ נייער קאָמיטעט בעשטימט געוואָרען פון לאָרים מעליקאָף'ן, און דער האָט איהם צוגעלעגט נאָך פינף יאָהר. מיין ברודער האָט אויף אַזאַ אופן געזאָלט בעפרייט ווערען אין אָקטאָבער 1886. אַלעס צוזאַמען איז ער געוועזען צוועלף יאָהר פערשיקט, צוערשט אין אַ קליין שטעדטעל אין מזרח־סיביר, און דערנאָך אין טאָמסק, — דאָס הייסט, אין די פלאַכלענדער פון מערב־סיביר, וואו ער האָט זאָגאָר ניט געהאַט דעם טרוקענעם און געזונדען קלימאַט פון די הויכע פּרעריען ווייטער אין מזרח.

ווען איך בין געזעסען אין געפענגנים פון קלערוואַ האָט ער צו מיר געשריבען, און מיר האָבען זיך איבערגעביטען מיט עטליכע בריעף. ער האָט געשריבען, אַז אָבוואויל אונזערע בריעף וועלען געלעזען ווערען פון דער רוסישער פּאָליציי אין סיביר און פון די פראנצויזישע געפענגנים־בעאַמטע אין פראנקרייך, איז דאָך כדאי זיך דורכצושרייבען, אפילו אונ־טער אַזאַ צווייפאַכער אויפזיכט. ער האָט גערעדט פון זיין פאַמיליען־לעבען, פון זיינע דריי קינדער, וועמען ער האָט זעהר אינטערעסאַנט בעשריבען, און פון זיין ארבייט. ער האָט מיר ערנסט געראַטהען, איך זאָל האַלטען אָפען די אויגען אויף דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט אין איטאַליען, וואו עס ווערען אָנגעפיהרט אויסגעצייכענטע און אָריגינעלע פּאָרשונגען, וועלכע בלייבען אָבער אונבעקאַנט אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט, ביז וואַנען זיי ווערען עקספּלואַטירט אין דייטשלאַנד; און ער האָט מיר געגעבען זיינע מיינונגען וועגען דעם וואהרשיינליכען פּראָגרעס פון פּאָליטישען לעבען אין רוסלאַנד. ער האָט ניט געגלויבט, ווי מיר, אין דער מעגליכקייט אַז רוסלאַנד זאָל אין דער נאָהענטער צוקונפט האָבען אַ קאָנ־סטיטוציאָנעלע הערשאַפט, אויף דעם שטייגער פון די וועסט־אייראָפּע־אישע פּאַרלאַמענטען; ער האָט אָבער געהאָפט — און געהאַלטען אַז פאַר דערוויילע איז עס גאַנץ גענוג — אויף דער צונויפרופונג פון אַ מין בעשטימענדע נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג (אַ „זעמסקי סאָבאָר" אָדער „גענע־ראַל־שטאַאַטען"). זי וועט ניט שאַפען קיינע געזעצען, זי וועט נאָר בלויז אויסארבייטען די פּלענער פאַר געזעצען, צו וועלכע די קייזערליכע מאַכט און דער שטאַאַטס־ראַטה וועלען געבען אַ בעשטימטע פּאָרם און זייער ענדליכער צושטימונג.

מעהר פון אַלץ האָט ער מיר געשריבען וועגען זיין וויסענשאַפטליכער ארבייט. ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע נייגונג צו אַסט־ראָנאָמיע, און בעת מיר זיינען געוועזען אין פּעטערבורג האָט ער ארויסגע־געבען אין דער רוסישער שפּראַך אַן אויסגעצייכענטע רעזומע פון אַלעס וואָס מיר ווייסען מכח די פּאַלענדע שטערן. מיט זיין פיינעם קריטישען שכל האָט ער באַלד איינגעזעהן די שטאַרקע און די שוואַכע פּונקטען פון די פערשיידענע היפּאָטעזען; און איהם איז געלונגען, אָהן אַ גענינגענדער קענטנים פון מאַטעמאַטיק, נאָר דורך זיין מיטגעבאָרענער גרויסער פאָר־שטעלונגס־קראַפט, אויפצופאַסען די רעזולטאַטען פון די העכסט קאָמפּלי־צירטע מאַטעמאַטישע פּאָרשונגען. לעבענדיג מיט זיין פּאָרשטעלונגס־קראַפט צווישען די בעוועגליכע הימעל־קערפּער, האָט ער אָפטמאָל בעסער בעגריפען זייערע קאָמפּליצירטע בעוועגונגען איידער מאַנכע מאַטעמאַטי־קער, — דערהויפּט די ריינע אַלגעבראַאיסטען, — וועלכע זיינען עלול צו

פערזעהן די ווירקליכקייטען פון דער פיזישער וועלט און זעהען מעהר נאָרנישט אויסער זייערע אייגענע פאָרמולען. אונזערע פאָטערבורגער אסטראָנאָמען האָבען צו מיר גערעדט מיט גרויס אכטונג וועגען דעם דאָזי־גען ווערק פון מיין ברודער. איצט האָט ער זיך אונטערנומען צו שטודירען די סטרוקטור פונ'ם אוניווערזום; צו אנאַליזירען די פאקטען און היפּאָ־טעזען מכח די זונען־וועלטען, שטערן־סיסטעמען און נעבעלען אין דעם אונענדליכען רוים, און אויסצואַרבייטען די פּראָבלעמען פון זייער גרופּי־רונג, זייער לעבען, און די נעזעצען פון זייער ענטוויקלונג און אונטערגאַנג. דער אסטראָנאָם פון פולקאָווע, גולדען, האָט זעהר שטארק געהאַלטען פון דעם דאָזיגען ווערק אַלעקסאַנדער'ס, און ער האָט איהם בריעפליך פאָר־געשטעלט פאר מר. האָלדען אין די פעראייניגטע שטאאטען, פון וועמען, זייענדיג אונלענגסט אין וואשינגטאָן, איך האָב געהאט דאָס פערגעניגען צו הערען אַ הויכע אָבשעצונג פון דעם ווערטה פון די דאָזיגע פאָרשונגען. די וויסענשאַפט נויטיגט זיך פון צייט צו צייט זעהר שטארק אין אזעלכע וויסענשאפטליכע ספּעקולאַציעס פון אַ העכערער מדרגה, וואָס ווערען געמאכט פון אַ פלייסיג פאָרשענדען, קריטישען און אין דער אייגענער צייט ערפינדערישען גייסט.

אָבער אין דער קליינער סיבירישער שטעדטעל, ווייט אוועק פון די אַלע ביבליאָטעקען, ניט זייענדיג ביכולת נאָכצופאָלגען דעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאפט, איז עס איהם נאָר געלונגען צו פערקערפּערען אין זיין ווערק די פאָרשונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען ביז צו דער צייט וואָס ער איז פערשיקט געוואָרען. אַ סך בעדייטענדע ווערק זיינען זינט יענער צייט נעשאפען געוואָרען. ער האָט עס געוואוסט, ווי אזוי אָבער האָט ער געקענט צוקומען צו די נויטיגע ביכער, אזוי לאַנג ווי ער איז געבליבען אין סיביר? דאָס דערנעהנטערען זיך פון דער צייט פון זיין בעפרייאונג, האָט איהם אויך ניט אריינגעגעבען קיין שטארקע האָפענונגען. ער האָט געוואוסט, אז מען וועט איהם ניט ערלויבען צו וואוינען אין וועלכער עס איז פון די אוניווערזיטעט־שטעדט אין רוסלאַנד, אָדער אין מערב־אייראָפּאַ. נאָר זיין פערשיקונג אין סיביר וועט בעגלייט ווערען פון אַ צווייטען גלות, פיליכט נאָך אַן ערגערער ווי דער ערשטער, אין ערגעץ אַ פערוואָרפען דערפעל אין מזרח־רוסלאַנד.

„צייטענווייז פאלט אויף מיר אָן אַ פערצווייפלונג, וואָס איז עהנליך צו פאוסט'ס", האָט ער מיר געשריבען. ווען די צייט פון זיין בעפרייאונג איז שוין געווען גאָר נאָהענט, האָט ער זיך בענוצט מיט איינעם פון די לעצטע דאמפפערס, איידער די נאַוויגאַציע האָט זיך געשלאָסען, און האָט אוועקגעשיקט זיין פרוי און קינדער נאָך רוסלאַנד. און אין איינער פון די

מעלאַנכאָלישע נעכט האָט די דאָזיגע פערצווייפלונג געמאַכט א סוף צו זיין לעבען.

א פינסטערער וואָלקען איז געהאַנגען איבער אונזער הויז פאַר פיעלע מאָנאַטען, — ביז וואַנען א שטראַהל ליכט האָט אין איהר אריינגעדרונגען, בעת עס איז געקומען אויף דער וועלט, דעם נעקסטען פריהלינג, א קליין ווענזעדעל, א מיידעלע וואָס טראָגט מיין ברודער'ס נאָמען, און מיט איהר הילפלאָזען געוויין האָט זי געמאַכט ציטערען נייע סטרונעס אין מיין ברוסט.

XVI

אין 1886 איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין ענגלאַנד געוועזען אין פולען שוואונג. גרויסע ארבייטער־קערפערשאַפטען האָבען זיך אָן איהר אָנגעשלאָסען אין אַלע הויפט־שטעדט, ווי אויך א צאָהל מיטעל־קלאַס־מענשען, דערהויפט יונגע, וועלכע האָבען דער בעוועגונג געהאָלפען אויף פערשיידענע אופנים. א ביטערער קריזיס האָט יענעם יאָהר געהערשט אין די מייסטע פאַכען, און יעדען אין דער פריה, און אָפטמאָל דעם גאַנצען טאָג, האָב איך געהערט גרופען ארבייטער ארומגעהענדיג אין די גאַסען זינגענדיג „מיר האָבען קיין ארבייט ניט", אָדער עפּעס א הימנע, און האָבען געבעטעלט ברויט. מענשען פלעגען זיך צונויפקומען ביינאַכט מחנות־ווייז אין „טראַפאַלגער סקוועער", דאָרטען צו שלאָפען אונטער'ן פרייען הימעל, אין רעגען און ווינד, אונטערבעטענדיג זיך און צודעקענדיג זיך מיט צייטונגען; און איין טאָג אין פעברואַר האָט אַן עולם מענשען, נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעהערט די רעדען פון בערנס, היינדמאַן און טשעמפּיאָן, זיך א לאָז געטהאָן אין „פּיקאַדילי" און האָבען אויסגעשלאָגען עטליכע פענסטער אין די גרויסע געשעפטען. פיעל וויכטיגער אָבער, איידער דער דאָזיגער אויסברוך פון אונצופריעדענהייט, איז געוועזען דער גייסט, וואָס האָט געהערשט אונטער דעם אָרעמערען טייל פון דער ארבייטער בעפעל־קערונג אין די פאָרשטעדט פון לאָנדאָן. דער גייסט איז געוועזען אַזעלכער, אַז ווען די פיהרער פון דער בעוועגונג, וועלכע זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר די אונאָרדנונגען, וואָלטען געקראָגען שווערע שטראָפען, וואָלט ער זיך ענטוויקעלט אין אַזאַ געפיהל פון האַס און ראַכע, וואָס איז ביז אַהער ניט בעקאַנט געוועזען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער בעוועגונג אין ענג־לאַנד; די סימפּאַטאָמען אָבער פון אַזאַ געפיהל זיינען געוועזען גוט קענטיג

אין 1886, און ער וואָלט אָבגעדרוקט זיין שטעמפּעל אויף דער ווייטער־דיגער בעוועגונג אויף יאָהרען און יאָהרען שפּעטער. די מיטעלקלאַסען אָבער האָבען ווי עס ווייזט אויס בעגריפען די געפאַהר. בעדייטענדע געלד־סומען זיינען געזאַמעלט געוואָרען אין דעם מערב־טייל כדי צו פערגרינ־גערען דעם עלענד אין דעם מזרח־טייל, — דאָס איז פערשטעהט זיך ניט געווען גענוג אָבצושוואַכען די ווייט־פערשפּרייטע אָרעמקייט, עס איז אָבער געווען גענוג צו ווייזען, ווענינסטענס, אַז עס איז דאָ דער גוטער ווילען עפּעס צו טהאָן. וואָס אָנבעלאַנגט די אורטיילען, וואָס זיינען אַרויס־געגעבען געוואָרען אויף די אָנגעקלאָגטע פיהרער, זיינען זיי געווען בעשרענקט אויף צוויי אָדער דריי חדשים געפענגניס.

די אינטערעסע אין סאָציאַליזם און אין אַלערליי רעפאָרם־פּלענער און איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט איז געווען זעהר גרויס צווישען אַלע קלאַסען מענשען. מיט דעם אָנהויב פון הערבסט און דורכ'ן גאַנצען ווינטער, האָט מען מיך איינגעלאַדען צו האַלטען פאָרטרעגע איבער'ן גאַנצען לאַנד, טיילווייז וועגען די געפענגניסען, דערהויפּט אָבער וועגען אַנאַרכיסטישען סאָציאַליזם, און איך האָב אויף דעם אופן בעזוכט כמעט יעדע גרויסע שטאָדט אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד. אַלס אַ רעגעל פלעג איך אָננעהמען די ערשטע איינלאַדונג וואָס איך האָב געקראָגען אויף אַן אונ־טערהאַלטונג אין דעם אָבענד פון דעם פאָרטראַג, און עס איז דעריבער אויסגעקומען, אַז איין אָבענד האָב איך פערבראַכט אין דעם פּאַלאַץ פון אַ רייכען מאַן, און דעם צווייטען אין דער ענגער דירה פון אַן אַרבייטער־פאַמיליע. יעדען אָבענד האָב איך זיך געזעהן מיט אַ בעדייטענדער צאָהל מענשען פון אַלע קלאַסען; און סיי אין דעם קליינעם גאַסט־צימער פון דעם אַרבייטער, סיי אין דעם עמפּאַנגס־צימער פון דעם רייכען, זיינען פאָרגעקומען די לעבהאַפטסטע דיסקוסיאָנען איבער סאָציאַליזם און אַנאַר־כיזם ביז שפּעט אין דער נאַכט, — מיט האָפענונג אין דעם הויז פון דעם אַרבייטער, מיט שרעק אין דעם פּאַלאַץ, אָבער אומעטום מיט דער אייגע־נער ערנסטקייט.

אין דעם הויז פון'ם רייכען זיינען די הויפּט־פראַגען געווען, „וואָס ווילען די סאָציאַליסטען? וואָס האָבען זיי בדעה צו טהאָן?" און דערנאָך, „וואָס זיינען די קאָנצעסיעס, וועלכע מוזען אַבסאָלוט געמאַכט ווערען אין אַ געוויסען מאָמענט, כדי אויסצומיידען ערנסטע צוזאַמענשטויסונגען?" אין אונזערע געשפּרעכען האָב איך זעלטען געהערט, אַז די גערעכטיגקייט פון די סאָציאַליסטישע טענות זאָלען איינפאַך ווערען אָבגעלייקענט, אָדער בעצייכענט ווערען אַלס פּשוט'ער אונזין. איך האָב אָבער געטראָפען אַ פעסטע איבערצייגונג, אַז אַ רעוואָלוציע איז אין ענגלאַנד אונמעגליך;

אז די פאָדערונגען פון די ארבייטער מאסען האָבען נאָך ניט דערגרייכט ניט די קלאָרקייט, ניט די ברייטקייט פון די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, און אז די ארבייטער וועלען זיך צופריעדענשטעלען מיט א סך ווענינער; אזוי אז די זייטינע קאָנצעסיעס, וועלכע געהען אזוי ווייט ווי די אויס־זיכטען אויף א קליינער פערגרעסערונג פונ'ם וואוילזיין, אָדער אביסעל מעהר פרייע צייט, וועלען אָנגענומען ווערען פון די ארבייטער קלאסען אין ענגלאנד אויף דערווייליגע, אלס א הבטחה אויף נאָך מעהר אין דער צוקונפט. „מיר זיינען א לאנד פון לינקען־צענטער; מיר לעבען אויף פשרות“, האָט מיר איינמאָל געזאָגט אן עלטערער מיטגליעד פון פארלא־מענט, וועלכער האָט געהאַט א ברייטע ערפאהרונג פון דעם לעבען אין זיין פאָטערלאנד.

אין די ארבייטער־וואוינונגען האָב איך אויך בעמערקט אן אונטער־שייד אין די פראגען, וואָס זיינען מיר געשטעלט געוואָרען אין ענגלאנד, פון די וואָס מען האָט מיך געפרעגט אויפ'ן קאָנטינענט. די ארבייטער פון די לאטיינישע לענדער האָבען זיך שטארק אינטערעסירט מיט אלגעמיינע פרינציפען, די טיילווייזע אָנווענדונג פון וועלכע וועלען בעשטימט ווערען פון די פרינציפען גופא. אויב א געוויסער מוניציפאל־ראטה בעשטימט א פאָנד צו שטיצען א סטרייק, אָדער צו בעזאָרגען די שול־קינדער מיט מאָהלצייטען, לעגען זיי אויף דעם ניט קיין פיעל געוויכט. דאָס ווערט ביי זיי בעטראכט פאר א גאנץ נאטירליכע זאך. „פערשטעהט זיך, א קינד וואָס איז הונגעריג קען ניט לערנען“, וואָלט געזאָגט א פראנצויזישער ארבייטער, „מען מוז איהם געבען צו עסען“. „נו, אודאי איז דער ארבייט־געבער געווען אונגערעכט, וואָס ער האָט געצוואונגען די ארבייטער צו סטרייקען“. דאָס איז אלץ וואָס מען זאָגט, און מען ווערט ניט נתפעל פון אזעלכע קליינע קאָנצעסיעס צו די קאָמוניסטישע פרינציפען פון דער היינטיגער אינדיווידואליסטישער געזעלשאפט. די געדאנקען פון דעם ארבייטער געהען אוועק ווייטער ווי די פעריאָדע פון אזעלכע קאָנצעסיעס, און ער פרעגט, צי דארף די קאָמונע, אָדער די ארבייטער־יוניאָנס, אָדער דער שטאאט זיך אונטערנעהמען די אָרגאניזירונג פון דער פראָדוקציאָן; צי דער פרייער אָבמאַך אליין וועט זיין גענוג אויפצוהאלטען די געזעל־שאפט אין דער נויטיגער אָרדנונג? וואָס פאר א מאָראלער גדר וואָלט קענען זיין, אויב די געזעלשאפט וועט זיך אָבזאָגען פון איהרע היינטיגע צוואנגס־פאקטאָרען? ער פרעגט, צי אן ערוועהלטע דעמאָקראטישע רעגיערונג וועט זיין ביכולת דורכצופיהרען ערנסטע ענדערונגען אין א סאָציאליסטישער ריכטונג, און צי מוזען ניט די דורכגעפיהרטע פאקטען קומען פריהער איידער די געזעצגעבונג, און דער גלייכען. אין ענגלאַנ־

אָבער איז די הויפּט־נעוויכט געלעגט געוואָרען אויף אַ רייהע פּאָליאַטיווע קאָנצעסיעס, וועלכע זיינען שטופּענווייז געוואַקסען אין זייער וויכטיג־קייט. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט עס אויסגעוויזען, אַז די פראַגע מכח דער אונמעגליכקייט פון דער שטאַאַטליכער פערוואַלטונג פון די אינדוס־טריען איז שוין לאַנג צוריק בעשלאָסען געוואָרען אין די מוחות פון די אַרבייטער, ווערהרענד דאָס וואָס זיי האָט אַם מייסטען אינטערעסירט איז געווען די פראַגע פון דער קאָנסטרוקטיווער דורכפיהרונג, ווי אויף די פראַגע, ווי אַזוי מען קען קומען צו דער לאַגע, וואָס זאָל מאַכען מעגליך דאָס צו פערווירקליכען. „גוט, קראָפּאָטקין, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מאָרגען נעהמען מיר איבער אין אונזערע הענד די ווערפטען (דאָקען) פון אונזער שטאָדט. ווי רעכענט איהר מיר זאָלען עס פערוואַלטען?“ פלעגט מען מיר, צום ביישפּיעל, פרעגען אַזוי געשווינד ווי מיר האָבען זיך אַוועק־געזעצט אין דעם גאַסט־צימער פון אַן אַרבייטער. אָדער, „אונז געפעלט ניט די אידעע, אַז דער שטאַאַט זאָל פערוואַלטען די באַהנען, און די היינטיגע פערוואַלטונג דורך די פּריוואַט קאָמפּאַניען איז אָרגאַניזירטער רויב. לאָמיר אָבער אָננעהמען אַז די אַלע באַהנען געהערען צו די אַרבייטער. ווי אַזוי וואָלט מען עס געקענט אַראַנזשירען, אַז זיי זאָלען ריכטיג אַרבייטען?“ דער מאַנגעל פון אַלגעמיינע אידעען איז אַלזאָ אויסגעפילט געוואָרען דורך אַ וואונש זיך אַריינצולאָזען טיעפער אין די איינצעלהייטען פון די ווירקליכקייטען.

אַ צווייטער שטריך פון דער בעוועגונג אין ענגלאַנד איז געווען, די בעדייטענדע צאָהל מיטעלקלאַס־מענשען, וועלכע האָבען איהר געשטיצט אויף פערשיידענערליי אופנים, — מאַנכע פון זיי זיינען עפענטליך צוגע־שטאַנען צו איהר, בעת די אַנדערע האָבען איהר געהאָלפען פון אויסען־וועניג. אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ זיינען די צוויי פּאַרטייען — די אַרבייטער און די מיטעלקלאַסען — געשטאַנען פיינדליך איינע אַנט־קעגען די אַנדערע, און שטאַרק אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. אַזוי איז עס וועניגסטענס געווען אין די יאָהרען 1876—85. בעת איך בין געווען אין דער שווייץ האָב איך געקענט זאָגען, אַז פּאָר די דריי אָדער פיער יאָהר וואָס איך האָב פערבראַכט אינ'ם לאַנד, בין איך מיט קיינעם ניט געווען בעקאַנט אויסער די אַרבייטער. איך האָב קוים געקאָנט מעהר ווי אַ פּאָר מיטעלקלאַס־מענשען. אין ענגלאַנד וואָלט עס געווען אונמעגליך. מיר האָבען געפונען אַ גאַנץ היבשע צאָהל מענער און פרויען פון די מיטעל־קלאַסען, וועלכע האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען פון ערשיינען עפענטליך, סיי אין לאָנדאָן, סיי אויף דער פּראָווינץ, אַלס מיטהעלפער אין דער אָרגאַניזירונג פון סאָציאַליסטישע פערזאַמלונגען, אָדער ארומגעהענדיג,

אין דער צייט פון סטרייקס, מיט קעסטלעך צו קלייבען קליינגעלד אין די פּארקס. אויסער דעם, האָבען מיר געזעהן אַ בעוועגונג, וואָס איז געווען ענהליך צו דעם, וואָס מיר האָבען געהאַט אין רוסלאַנד אין אָנפאַנג פון די זיעבעציגער יאָהרען, בעת אונזער יוגענד האָט זיך אַ לאָז געטהאָן „אין פאָלק", אָבוואויל זי איז באין אופן ניט געווען אזוי שטארק, אזוי פול מיט זעלבסט־אויפאָפּפערונג, אין אזוי פאָלשטענדיג פריי פון דעם געדאַנק פון „וואוילטהעטיגקייט". אויך דאָ אין ענגלאַנד זיינען אַ בעדייטענדע צאָהל מענשען אוועק אין פערשיידענערליי פאכען לעבען נאָהענט צו די ארביי־טער, אין די שמוציגע הינטער־געסלעך, אין די „פאָלקס־פּאלאצען", אין „טאָונבי האָל", און דער גלייכען. מען מוז צוגעבען, אז אין יענער צייט איז דער ענטהוזיאזם געווען זעהר גרויס. פיעלע האָבען וואהרשיינליך געדענקט, אז די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעפאנגען. ווי עס פאסירט אָבער אַלעמאָל מיט אזעלכע ענטהוזיאסטען, בעת זיי האָבען דערזעהן אז אין ענגלאַנד, פונקט ווי אומעטום, איז נאָך דאָ אַ לאַנגער, שווערער, בארג־ארויף גאַנג פון צוגרייטונגס־ארבייט, האָבען זיך פיעלע פון זיי צוריקגעצויגען פון טהעטיגער ארבייט, און איצטער שטעהען זיי פון דרויסען אַלס איינפאַכע סימפּאַטישע צושויער.

XVII

איך האָב גענומען אַ לעבהאַפטען אַנטייל אין דער דאָזיגער בעוועגונג, און צוזאַמען מיט עטליכע ענגלישע חברים האָב איך געגרינדעט נאָך אַ צייטונג, צו די דריי סאָציאַליסטישע צייטונגען וואָס האָבען שוין עקזיס־טירט, אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע מאָנאַט־שריפט, די „פרידאָם" („פרייהייט"), וועלכע זעצט פאָרט איהר עקזיסטענץ ביז צום היינטיגען טאָג. אין דער אייגענער צייט האָב איך ווידער־אויפגענומען מיין ווערק איבער'ן אַנאַרכיזם, וועלכען איך האָב געמוזט אונטערברעכען אין דער צייט פון מיין פערהאַפטונג. דער קריטישער טייל דערפון איז פערעפענט־ליכט געוואָרען פון עליזע רעקלו, אין דער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט אין קלערוואָ, אונטער דעם טיטעל „פּאראָל דו'ן רעוואָלטע". איצט האָב איך אויך אָנגעהויבען אויסצואַרבייטען דעם קאָנסטרוקטיווען טייל פון אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, — אזוי ווייט ווי מען האָט עס געקענט פאָראויסזאָגען, — אין אַ סעריע ארטיקלען, פערעפענטליכט אין פּאריז אין „לאַ רעוואָלט". אונזער „אינגעל" („לע רעוואָלטע"), פערפאָלגט פאַר זיין אַנטי־מיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, איז געווען געצוואונגען

צו ענדערען זיין נאָמען, און ער איז ערשינען אונטער א „מיידעלשען" נאָמען („לא רעוואָלט"). שפּעטער זיינען די דאָזיגע ארטיקלען פערעפענט־ליכט געוואָרען אין א מעהר אויסגעארבייטער פאָרם אין א בוך, „לא קאָנקעט די פּען" — „די עראָבערונג פון ברויט" (ערשיענען אין אידיש אונטער דעם נאָמען „ברויט און פרייהייט" — איב.).

די דאָזיגע פאָרשונגען האָבען מיך געבראכט צו שטודירען פיעל גרינדליכער געוויסע פונקטען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די ציווי־ליזירטע נאציאָנען פון היינטיגער צייט. די מייסטע סאָציאַליסטען ביז אהער האָבען בעהויפּטעט, אז אין אונזערע געגענווערטיגע ציוויליזירטע געזעלשאפטען פּראָדוצירען מיר ווירקליך פיעל מעהר איידער עס איז נוי־טיג צו פערזיכערען דעם פולען וואוילזיין פון אלעמען; אז עס איז בלויז די פונאנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען, וואָס איז ניט קיין ריכטיגע; און אז אויב א סאָציאלע רעוואָלוציע וועט שטאטפינדען, איז אלעס וואָס וועט זיך פאָדערען, וועט זיין, יעדער זאָל זיך אומקעהרען צוריק אין זיין פאב־ריק אָדער ווערקשטאט, — די געזעלשאפט וועט צונעהמען פאר זיך דעם „מעהר ווערטה", אָדער די פּראָפיטען, וועלכע נעהען איצט פאר׳ן קאפּי־טאליסט. איך האָב געדענקט אקוראט פערקעהרט, אז אונטער די היינטיגע צושטענדען פון פריוואט־אייגענטום האט די פּראָדוקציע גופא גענומען א פאלשע ווענדונג, און זי איז ווייט ניט געניגענד צופריעדענצושטעלען אפילו די סאמע נויטווענדיגקייטען פון לעבען. קיין איינציגע פון די דאָזיגע נויטווענדיגקייטען ווערען ניט פּראָדוצירט אין א גרעסערער קוואנטיטעט איידער די וואָס וואָס וואָלט נויטיג געווען צו פערזיכערען דעם אלגע־מיינעם וואוילזיין; און אז די איבער־פּראָדוקציאָן, פון וועלכער מען רעדט אזוי אָפט, מיינט גאָר פּשוט, אז די מאסען זיינען צו־אָרעם, צו בעזאָרגען זיך אפילו מיט דעם, וואָס עס ווערט איצט בעטראכט אלס נויט־ווענדיג פאר אן אנשטענדיגער עקזיסטענץ. די פּראָדוקציאָן אין אלע ציווי־ליזירטע לענדער, סיי אין דער אגריקולטור, סיי אין דער אינדוסטריע, האָט גאָר געדארפט, און האָט אויך גאנץ לייכט געקענט, שטארק פערגרע־סערט ווערען, אזוי אז עס זאָל ווירקליך זיין גענוג פאר אלעמען. דאָס האָט מיך געבראכט צו אונטערזוכען די מעגליכקייטען פון דער מאָדערנער אגריקולטור, ווי אויך פון אזא ערציהונג, וועלכע וואָלט געבען יעדען איינעם די מעגליכקייט, זיך אָבצוגעבען מיט ביידערליי, אי מיט די אנגענעהמע האנד־ארבייט, אי מיט קאָפּ־ארבייט. די דאָזיגע אידעען האָב איך ענטוויקעלט אין א סעריע ארטיקלען אין דער „ניינטינטה סענטשורי", וועלכע זיינען לעצטענס פערעפענטליכט געוואָרען אין א בוך אונטער דעם נאָמען „פעלדער, פאבריקען און ווערקשטאטען".

און אנדער גרויסע פראגע האָט אויך צוגעצויגען מיין אויפמערק־זאמקייט. עס איז בעוואוסט צו וואָסערע שליסע דארווין׳ס פאָרמולע „דער קאמפף פאר עקזיסטענץ“ איז ענטוויקעלט געוואָרען פון זיינע נאָכפאָלגער בכלל, אפילו פון די אינטעליגענטסטע פון זיי, ווי האָקסלי צום ביישפיעל. עס גיט ניט קיין געמיינהייט אין דער ציוויליזירטער געזעלשאפט, אָדער אין די בעציהונגען פון די ווייסע צו די אזוי גערופענע ניעדעריגערע ראסען, אָדער פון די שטארקע קעגענאיבער די שוואכע, וואָס זאָל פאר זיך ניט געפינען אן ענטשולדיגונג אין דער דאָזיגער פאָרמולע.

נאָך אין דער צייט וואָס איך האָב פערבראכט אין קלערוואָ האָב איך איינגעזעהן די נויטווענדיגקייט, פאָלשטענדיג צו רעווידירען די פאָרמולע גופא און איהר אָנווענדונג בנוגע צו מענשליכע אנגעלעגענהייטען. די פּראָבען, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען פון אייניגע סאָציאליסטען אין דער דאָזיגער ריכטונג, האָבען מיך ניט צופריעדענגעשטעלט, איך האָב אָבער געפונען א ריכטיגע אויסטייטשונג פון דעם געזעץ פון׳ם קאמפף פאר׳ן לעבען אין א לעקציע פון א רוסישען זאָאָלאָג, פּראָפעסאָר קעססלער. „געגענזייטיגע הילף“, האָט ער אין יענער לעקציע געזאָגט, „איז פּונקט אזאָ נאטור־געזעץ ווי געגענזייטיגער קאמפף; אָבער פאר דער פּ ר אָ־ג ר ע ס י ו ו ע ר ענטוויקלונג פון די מינים איז דער ערשטער פיעל מעהר וויכטיג ווי דער לעצטער“. אָט די עטליכע ווערטער — צום בעדויערען בעשטעטיגט ניט מעהר ווי פון א פּאָר אילוסטראציעס (צו וועלכע סיע־ווערטשאָף, דער זאָאָלאָג פון וועמען איך האָב גערעדט אין א פריהערדיגען קאפּיטעל, האָט צוגעגעבען נאָך איינעם אָדער צוויי) — האָבען פאר מיר ענטהאלטען דעם שליסעל צו דעם גאנצען פּראָבלעם. ווען האָקסלי האָט אין 1888 פערעפענטליכט זיין אבשייליכען ארטיקעל, „דער קאמפף פאר עקזיסטענץ; א פּראָגראם“, האָב איך בעשלאָסען אויפצושרייבען מיינע אויסזעצונגען קעגען דעם אופן ווי אזוי ער פערשטעהט די מלחמה פאר׳ן לעבען, צווישען חיות אזוי גוט ווי צווישען מענשען, פאר וועלכע איך האָב שוין געזאמעלט מאטעריאל די לעצטע צוויי יאָהר. איך האָב וועגען דעם איבערגערעדט מיט מיינע פריינד. איך האָב אָבער אויסגעפונען, אז די אויסטייטשונג פון „קאמפף פאר׳ן לעבען“ אין דעם זין פון א קריעגס־רוף פון „וועה צו דעם שוואכען“, וואָס איז דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון א נאטור־געבאָט, ענטפּלעקט פון דער וויסענשאפט, איז אזוי טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דעם דאָזיגען לאנד, אז עס איז כמעט געוואָרען א רעליגיאָנס־זאך. צוויי פּערזאָנען בלויז האָבען מיך אונטער־שטיצט אין מיין ארויסטריט אנטקעגען דער דאָזיגער פאַלשער אויס־

טייטשונג פון די פאַקטען פון דער נאַטור. דער רעדאַקטאָר פון דער „ניינטינטה סענטשורי“, מר. דזשיימס נאָעלס, מיט זיין וואונדערבארען שאַרפ־זין האָט באַלד געכאַפּט דעם עיקר פון דעם ענין, און מיט אַן אמת יונגנדליכער ענערגיע האָט ער מיך ערמוטהיגט איך זאָל זיך נעהמען דערצו. דער צווייטער אונטערשטיצער איז געווען דער פערשטאָרבענער ה. וו. בייטס, וועמען דאַרווין האָט אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע“ בעצייכענט אַלס איינעם פון די העכסט אינטעליגענטע מענשען, וואָס ער האָט ווען בעגעגענט. ער איז געווען דער סעקרעטער פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און איך האָב איהם געקאָנט; איך האָב דעריבער מיט איהם גערעדט וועגען מיין אבזיכט. ער איז געווען ענטציקט דערפון. „יאָ, גאַנץ געוויס, שרייבט וועגען דעם“, האָט ער געזאָגט. „אָט דאָס איז דער אמת'ר דאַרוויניזם. עס איז אַ חרפּה צו דענקען, וואָס זיי האָבען געמאַכט פון דאַרווין'ס אידעען. שרייבט עס אויף, און ווען איהר וועט עס האָבען פערעפענטליכט, וועל איך שרייבען צו אייך אַ רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף, וועלכען איהר וועט קענען פערעפענטליכען“. קיין בעסערע ערמוטהיגונגען האָב איך ניט געקענט האָבען, און איך האָב אָנגעפאַנגען די אַרבייט, וועלכע איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער „ניינטינטה סענטשורי“ אונטער די טיטלען „געגענזייטיגע הילף ביי חיות“, „ביי ווילדע“, „ביי באַרבאַרען“, „אין דער מיטעלאַלטער־שטאָדט“ און „ביי אונז גופא“. ליידער האָב איך פערנאַכלעסיגט צוצושיקען צו בייטס די ערשטע צוויי אַרטיקלען פון דער סעריע, וועגען דער געגענזייטיגער הילף ביי חיות, וועלכע זיינען פערעפענטליכט געוואָרען בעת ער האָט נאָך געלעבט; איך האָב געהאָפט אין גיכען צו זיין פאַרטיג מיט דעם צווייטען טייל פון ווערק, „געגענזייטיגע הילף ביי מענשען“; עס האָט מיר אָבער גענומען עטליכע יאָהר צו פערענדיגען די אַרבייט, און דערווייל איז בייטס געשטאָרבען.

די אונטערזוכונגען, וועלכע איך האָב געדאַרפט מאַכען אין דער צייט פון אָט די פאָרשונגען, כדי זיך צו בעקענען מיט די אינסטיטוציעס פון דער באַרבאַרישער פעריאָדע און פון די מיטעלאַלטערליכע פרייע שטעדט, האָבען מיך געפיהרט צו אַן אַנדער פאָרשונג: די ראָלע וואָס דער שטאַאַט האָט געשפּיעלט אין דער געשיכטע אין פערלויף פון זיינע לעצטע אויפטהואונגען אין אייראָפּאַ, אין די לעצטע דריי יאָהרהונדערטען. פון דער אַנדער זייט ווידער, דאָס שטודיום פון די געגענזייטיגע אונטערשטיצונגס־אינסטיטוציעס אויף די פערשיידענע שטופען פון ציוויליזאַציע, האָט מיך געפיהרט צו אונטערזוכען די ענטוויקלונגס־גרונטען פון די געפיהלען פון גערעכטיגקייט און מאָראַליטעט ביי מענשען.

אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט דער וואוקס פון סאָציאַליזם אין ענגלאַנד אָנגענומען אַ נייעם אויסזעהן. די וואָס אורטיילען נאָר פון דער צאָהל סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פערזאַמלונגען, וועלכע ווערען אָבגעהאַלטען אין לאַנד און די צוהערערס וואָס ווערען צוגעצויגען צו די פערזאַמלונגען, זיינען גענייגט צו שליסען דערפון, אַז די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ ווערט אַלץ פערקלענערט. און די, וועלכע אורטיילען וועגען דעם פּראָגרעס פון דער בעוועגונג לויט דער צאָהל שטימען, וואָס ווערען אָבגעגעבען פאַר די וואָס פערטרעטען דעם סאָציאַליזם אין פּאַרלאַמענט, קומען צום שלוס, אַז איצטיגע צייטען ווערט כמעט גאָר קיין סאָציאַליסטישע אַרבייט ניט געטהאָן אין ענגלאַנד. אָבער די טיעפקייט און דורכדרינגליכקייט פון די סאָציאַליסטישע אידעען קען אין ערגעץ ניט געאורטיילט ווערען פון דער צאָהל שטימען, וואָס ווערען אָבגעגעבען צו גונסטען פון די, וועלכע נעהמען אריין מעהר אָדער וועניגער סאָציאַליזם אין זייערע וואַהל־פּראָגראַמען, הויפּטזעכליך איז דאָס דער פאַל אין ענגלאַנד. דער פאַקט איז, אַז פון די דריי סיסטעמען פון׳ם סאָציאַליזם, וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרען דורך פוריער, סען־סימאָן און ראָבערט אָווען, עקזיסטירט אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד נור דער לעצטער. פאָלגליך מוז מען ניט אורטיילען די שטאַרקייט פון דער בעוועגונג לויט דער צאָהל פון פערזאַמלונגען אָדער סאָציאַליסטישע שטימען, נאָר לויט דעם איינדרינגען פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט אין די טרייד־יוניאָנס, די קאָאָפּעראַטיווען און אין די אַזוי גערופענע מוניציפּאַלע סאָציאַליסטישע בעוועגונגען, ווי אויך די אַלגעמיינע פערשפּרייטונג פון סאָציאַליסטישע אידעען איבער׳ן גאַנצען לאַנד. פון דעם שטאַנדפּונקט איז דער גראַד אויף וויפיעל די סאָציאַליסטישע מיינונגען זיינען איינגעדרונגען, אונגעהייער, אין פערגלייך מיט וואָס עס איז געווען אין 1886 ; און איך שטעל זיך ניט אָב צו זאָגען, אַז ער איז איינפאַך קאָלאָסאַל, אין פערגלייך מיט וואָס ער איז געווען אין די יאָהרען 82—1876. איך קען אויך צוגעבען, אַז די שטענדיגע בעמיהונגען פון די קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּען האָבען בייגעטראָגען, ביז אַ געוויסען גראַד, וואָס מאַכט אונז פיהלען אַז מיר האָבען ניט פערשוועגדט אונזער צייט צו פערשפּרייטען די אידעען פון קיין־רעגיערונג, פון די רעכטען פון דעם איינצעלנעם, פון לאָקאַלע טהעטיגקייט און פרייען אָבמאַך, אין געגענזאַץ צו די אידעען פון שטאַאַט־אויבערמאַכט, צענטראַליזאַציע און דיסציפּלין, וועלכע האָבען געהערשט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק.

גאַנץ אייראָפּאַ מאַכט איצט דורך אַ זעהר שלעכטע פאַזע פון ענטוויקלונג פון דעם מיליטערישען גייסט. דאָס איז אַן אונפערמיידליכער

רעזולטאַט פון דעם זיעג, וואָס די דייטשע מיליטערישע אימפּעריע, מיט איהר אַלגעמיינעם מיליטער־דיענסט סיסטעם, האָט געוואונען איבער פראַנקרייך אין 1871, ווי עס איז פּאַראויסגעזעהן און פּאַראויסגעזאָגט געוואָרען פון פיעלע, און בעזונדערס איינדרוקספול פון באַקונין'ען. אָבער דער גענען־שטראָם פאַנגט זיך שוין אָן צו מאַכען פיהלבאַר אין מאָדערנעם לעבען.

קאָמוניסטישע אידעען, אָהן זייער מאָנאַסטיר־פּאָרם, האָבען דורכ־געדרונגען אין איירָאפּאַ און אַמעריקאַ ביז אַן אונגעהייערען גראַד אין פערלויף פון די זיעבען־און־צוואַנציג יאָהר, אין וועלכע איך האָב גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און האָב געקענט בעאָבאַכטען זייער וואַקסען. ווען איך דענק פון די אונקלאָרע, צוטומעלטע, ניט־זיכערע אידעען, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען פון די אַרביי־טער אויף די ערשטע קאָנגרעסען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטערס' אַסאָציאַציע, אָדער וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין פּאַריז אין דער צייט פון דעם קאָמונע־אויפשטאַנד, אַפּילו צווישען די בעזאָנענסטע פון די פיהרער, און איך פערגלייך זיי מיט די אידעען, צו וועלכע אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער זיינען שוין געקומען היינט, מוז איך זאָגען, אַז זיי זעהען מיר אויס ווי זיי וואָלטען געהערען צו צוויי גאַנץ פערשיידענע וועלטען.

עס איז ניטאָ קיין פּעריאָדע אין דער געשיכטע — מיט דער אויס־נאַהמע פיללייכט פון דער פּעריאָדע פון די אויפשטענדע פון דעם צוועלפטען און דרייצעהנטען יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען געפיהרט צו דער געבורט פון די מיטעלאַלטערליכע קאָמונען — אין פערלויף פון וועלכע אַן עהנליכע טיעפע ענדערונג האָט שטאַטגעפונען אין די אַלגעמיינע בעגריפען פון דער געזעלשאַפט. און איצט, אין מיין זיעבען־און־פופציגסטען יאָהר, בין איך נאָך מעהר איבערצייגט ווי איך בין געווען מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז אַ צופעליגע קאָמבינאַציע פון צופעליגע אומשטענדען קען אַרויסרופען אין איירָאפּאַ אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין אַזוי פערשפּרייט ווי די רעוואָלוציע פון 1848, און אַ פיעל וויכטיגערע. ניט אין דעם זין פון בלויזע קעמפּפע צווישען די פערשיידענע פּאַרטייען, נאָר אין דעם זין פון אַ גרינדליכע און שנעלע סאָציאַלע איבערבויאונג. און איך בין איבערצייגט, אַז וואָס פאַר אַ כאַראַקטער אַזאַ בעוועגונג זאָל ניט אָננעהמען אין פער־שיידענע לענדער, וועט זיך איבעראַל אַרויסווייזען אַ פיעל טיעפערער בעגריף פון די נויטיגע ענדערונגען, איידער עס האָט זיך ווען עס איז אַרויס־געוויזען אין די לעצטע זעקס הונדערט יאָהר; בעת דער ווידערשטאַנד, וועלכען די בעוועגונג וועט טרעפען אין די פּריווילעגירטע קלאַסען, וועט

זיכער ניט טראָגען דעם כאראקטער פון נארישע עקשנות, וואָס האָט געמאכט די רעוואָלוציעס פון די פערגאנגענע צייטען אזוי געוואלדזאם.

כדי צו דערגרייכען אָט די גרויסע רעזולטאטען איז זיכער ווערטה די אָנשטרענגונג, וועלכע אזוי פיעל טויזענדער מענער און פרויען פון אלע נאציאָנען און אלע קלאסען האָבען געמאכט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר.

ע נ ד ע.

LIBRARY
UNIVERSITY OF TORONTO
OCT 23

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the library of
the late
Samuel Lazar Kagan

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 01779743 2